ב״ה

די אידישע היים

אלול, תשכ״ה

באנד ז נומער 2 (25)

קאונסיל נשי ובנות חב״ד
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

כדי לערבב את השטן . . .

אויף דעם וואָס די גמרא (ראש השנה טז, ב) זאָגט, אַז נאָכדעם ווי מען האָט שוין איינמאָל געבלאָזן דעם סדר התקיעות אין ראש השנה, דאַרף מען בלאָזן נאָכאַמאָל דעם סדר התקיעות (כשהן עומדין) „כדי לערבב את השטן" — בכדי צו צעמישן, צעטומלען דעם שטן — זאָגט רש"י דערויף: ווייבאַלד ער (דער שטן) וועט הערן ווי אַזוי אידן זיינען מחבב די מצוות (זיי טוען די מצוות מיט אַזאַ ליבשאַפט, ביז זיי זיינען מקיים די מצות שופר נאָכאַמאָל און ווידעראַ־מאָל), ווערן ביי אים (ביים שטן) פאַרשטאָפּט זיינע טענות קעגן אידן. פרעגט אויף דעם ר' עקיבא איגר ז"ל: צוליב דעם וואָס אידן האָבן ליב מצוות, דאַרף דעריבער דער שטן צעמישט ווערן און מורא האָבן אַרויסצוברענגען זייערע עבירות?

האָט ר' עקיבא איגר דאָס פאַרענטפערט דערמיט וואָס די חז"ל זאָגן: ווען אַ איד טוט „תשובה מיראה" (ווייל ער האָט מורא פאַר דעם אויבערשטן), ווערן דאַן זיינע „זדונות" (האַרבע, בייזוויליקע עבירות) פאַרוואַנדלט אין „שגגות" (אין נים־ווילנדיק־געטוענע עבירות); אָבער ווען ער טוט „תשובה מאהבה" (פון ליב־שאַפט צום אויבערשטן), ווערן דאַן אַט־די האַרבע עבירות פאַרוואַנדלט אין „זכיות", אין מצוות.

און דאָס מיינט רש"י: דורך דעם וואָס דער שטן דערזעט אַז די אידן טוען די מצוות מיט א ה ב ה צום אויבערשטן (און טאַקע באַזונדערס די ליבשאַפט צום אויבערשטן ביי דער מצוה פון שופר, וואָס זיין מאַדייט איז ת ש ו ב ה), וועט אויך דער שטן מורא האָבן דערמאָנען עבירות אויף אידן, מחמת דעם, וואָס יעדע עבירה קען דאָך איצט, צוליב דער „תשובה מאהבה", פאַררעכנט ווערן פאַר אַ מצוה — וועט דאָך מיט זיין יעדער דערמאָנטער עבירה צוקומען נאָך אַ מצוה ביי אידן — און דערפאַר וועט ער, דער שטן, שוין בעסער באַשליסן צו שווייגן...

(לויט ספר טעמי המנהגים)

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גורארי — רעדאַקטאָר

אלול ה'תשכ"ה באַנד 7 נומ. 2 (25)

א י נ ה אַ ל ט

הרבנית חנה זצ"ל — הרב ש. י. זעווין .... א
תשובה (שיר) — צ. מ. שטיינמעץ .... ד
ביאָגראַפיע פון כ"ק אדמו"ר שליט"א
— נ. בן־יוחנן .... ה
ייגה של תורה — י. דובראַווסקי .... ח
פאַרשפרייטונג פון תורת חב"ד — ח. ליבערמאַן יב
מיין באָבע (סקיצע) — דוד זאַריצקי .... יד
חשבון הנפש פאַר חנוך — ד"ר ה. זיידמאַן יז
אבותינו ספרו לנו — הרב ז. ש. דווארקין יט
אַ נייע היטל (ספור) ד. ראַווסקי .... כא
הילע צייכענונג — „הקפות" .... ז. קליימאַן

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב"ד.

הרבנית חנה זצ"ל

● הרב ש. י. זעווין

אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן יאָרצייט פון הרבנית הצדקנית מרת חנה שניאורסאָן ז"ל (ו' תשרי, תשכ"ו) גיבן מיר דאָ אַן איבערזעצונג פון דעם וואָס הרה"ג והרה"ח וכו' מוהר"ר שלמה יוסף זעווין שליט"א, האָט גערעדט צו די שלושים פון נאָך דער פטירה פון דער רבנית זצ"ל.

...וואָס איז דער צוועק פון אויפברענגען דעם זכרון און זיך מתייחד זיין מיטן אָנדענק פון גרויסע מענטשן, מענער אָדער פרויען? — דער ציל און דער תכלית דערפון איז: זיך צו באַמיען צו גיין אין זייערע וועגן. אמת, ס'איז טאַקע ניט שייך צו פאָדערן פון יעדער מאַן אָדער פרוי, אַז זיי זאָלן זיך פולשטענדיק דערהויבן צו דער מעלה פון יענע גרויסע פערזענלעכקייטן, וועמענס אָנדענק מ'טוט ערן און אָכפּערן, עס דאַרף אָבער זיין די שטרעבונג און דער דראַנג צו אַזאַ דערהויבונג — און דאַן וועט מען מער־וויניקער, לויט וויפל די כוחות וועלן דערלויבן, זיך קענען איינשאַפן לכל־הפחות אַ „מעין", עפּעס ענלעכס פון די דאָזיקע הויך־ליכטיקע דרכים.

זאָגן אונזערע חכמים: „לעולם יאמר אדם מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי" — שטענדיק זאָל אַ מענטש זאָגן: ווען וועלן שוין מיינע מעשים דערגרייכן די (גרויסקייט פון די) מעשים פון מיינע אבות, אברהם, יצחק ויעקב. צי דען קען אָבער עמעצער זיך פאַר־גלייכן מיט די אבות? נאָר דער מיין איז דאָ: „לעולם יאמר אדם" — דער אָדם דאַרף אַזוי שטענדיק „זאָגן", זיין לעולם'דיקער שטרעבן און אויפפאָדערן זיך דאַרף זיין אין אָט־דער ריכטונג. דעמאָלט וועט ער אַמווייניקסטן צוקומען צו דעם, וואָס ער האָט בכוח צוצוקומען. וועט ער ניט זוכן און שטרעבן צו גרויסקייט — וועט ער דאַן ניט באַוויזן צו שטעלן זיך אויך אויף דער הויך, וואָס ער, לויט זיין מדריגה, קען עס יאָ באַווייזן. אַזוי זאָגן מיר אויך בנוגע דער צדקנית הרבנית מרת חנה שניאורסאָן, וועמעס אָנדענק מיר ערן איצט.

געווען איז די רבנית אַן אשה גדולה. און ניט בלויז דעם וואָס זי איז געווען אַ בת גדולים, וויל איר אָפּשטאַם איז געווען פון אַ גזע פון גאונים, חסידים און צדיקים; טאַקע צוליב דעם אויך, אָבער ניט בלויז דערפאַר אַליין. אויך איז דאָס ניט צוליב דעם וואָס געווען איז זי די פרוי פונעם גאון און צדיק, חסיד וקדוש ר' לוי יצחק שניאורסאָן זצ"ל (דער רב פון יעקאַטערינאָסלאַוו); און ווידער דאָס זעלבע: אַוודאי האָט אויך דאָס זיך אויסגעווירקט, אָבער ניט נאָר דאָס אַליין. און אויך ניט מצד דעם וואָס זי איז געווען די אם המלך, די מוטער פון אונזער גרויסן מנהיג מרן כ"ק אדמו"ר שליט"א. געוויס האָט דאָס אויך וואָס צו זאָגן, אָבער ניט בלויז מצד דעם. זי אַליין איז בעצם געווען אַ גרויסער מענטש. אַ צדקנית אין איר עצם מהות. פאַרמאָגט אייגן־עצמיות'דיקע ריזיק־גרויסע זכותים.

און מיר לייענען אויף איר דעם פסוק: ויבוא אברהם לספוד לשרה ולבכותה — און אברהם אָבינו איז געקומען צו באַקלאָגן שרה און איר צו באַוויינען. דער פסוק זאָגט ניט

„לספדה" אַזוי ווי „לבכותה" — ניט דערמאָנענדיק דעם נאָמען שרה. וואָרעם דער פסוק רעדט דאָך וועגן שרה'ן: באַלד פריער שטייט „ותמת שרה וגו'", איז שוין דאָך גענוג קלאָר אַז דער הספד פון אברהם איז געמיינט פאַר אונזער מוטער שרה און במילא וואָלט גענוג געווען צו זאָגן: ויבא אברהם לספדה! צוליב וואָס דאָס בפירושע דערמאָנען איר נאָמען — לספוד לשרה?

נאָר אברהם איז איבער אַלעם געווען דער „נשיא אלקים". ווען ער, אברהם אבינו אַליין, איז נפטר געוואָרן, האָבן זיך אַלע גדולי הדור געשטעלט אין אַ שורה און געזאָגט „ווי איז צו דער שיף וואָס האָט פאַרלוירן איר פירער, איר קאַפּיטאַן". דעריבער, ווען די פרוי פונעם נשיא הדור איז נפטר געוואָרן, זיינען געקומען אַלע גרעסטע פונעם דור זיך צו באַטייליקן אין דעם צער פון אברהם אבינו און צוליב זיין כבוד וועגן האָבן זיי אָנטייל גענומען אין דער לוויי' פון שרה אמנו. שטרייכט אָבער אונטער דאָ דער פסוק, אַז אברהם אבינו איז אָבער געקומען „לספוד לשרה" — טאַקע נאָר צוליב שרה אַליין. אברהם אבינו האָט גוט געוואוסט איר גרויסע צדקות און לויטערע מעלות, איז ער געקומען באַקלאָגן טאַקע נאָר אָט־די הימל־דערהויבענע פערזענלעכקייט פון שרה זעלבסט — און ניט צוליבן כבוד פון עמעצן אַנדערש.

אַזוי קען אויך געזאָגט ווערן בנוגע דער רבנית־צדקנית מרת חנה ז"ל: געוויס זיינען פיל מענטשן געקומען צוליבן כבוד פון איר גרויסן זון אדמו"ר שליט"א, וועלנדיק האָבן אַ השתתפות אין זיין גרויסן צער; אָבער בעיקר און באַזונדערס איז זייער קומען געווען „לספוד לחנה" — איר אַליין, צוליב איר אייגענעם גרויסן זכות און דערהויבענע מעלות וואָס זיינען געווען אַזוי באַוואוסט.

די גמרא זאָגט: בשעת אַ צדיק ווערט נפטר פון דער וועלט, גייען אַרויס אים אַנטקעגן דריי כיתות פון מלאכי השרת; איין כיתה זאָגט: „בא בשלום", און איינע זאָגט: „הולך נכחו", און איינע זאָגט: „יבוא שלום ינוחו על משכבותם". אַז מיר וועלן מדקדק זיין אין די ווערטער פון דעם מאמר חז"ל, וועלן מיר זען, אַז די ערשטע כיתה פון מלאכים רעדט מיט אַ לשון עבר (אויף דער פאַרגאַנגענהייט): „בא בשלום" — געקומען בשלום; די צווייטע כיתה זאָגט אירע רייד מיט אַ לשון פון דער קעגנוואַרט: „הולך נכחו" — ער גייט אַנטקעגן אים (— אין אַ „דרך ישרה"); און די דריטע כיתה דריקט זיך אויס אין אַ צוקונפט־שפּראַך: „יבוא שלום". מיינט עס: די ערשטע רעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פונעם צדיק, וואָס דאָס זיינען די דורות וואָס פאַר אים — וועגן זיין הערלעכן אָפּשטאַם, וועגן זיינע עלטערן וואָס זיינען געווען צדיקים; די צווייטע ברענגט אַרויס זיין קעגנוואַרט — אים אַליין, אַז ער גופא איז אַ „הולך נכחו"; די דריטע ווענדעט אירע רייד צו זיין צוקונפט, וואָס קומט נאָך אים — זיינע קינדער: „יבוא שלום".

אַז די רבנית־צדקנית איז נפטר געוואָרן זיינען איר אַנטקעגן געקומען מקבל־פנים זיין אָט־די אַלע דריי כיתות מלאכי השרת. איין כיתה האָט אַרויסגעבראַכט דעם גרויסן עבר פון דער נפטרת — אירע אָבות, די געהויבענע רבנים און גרויסע חסידים; אַ צווייטע כיתה האָט גערעדט וועגן איר אַליין — זי איז איר גאַנץ לעבן געווען אַ „הולכת נכחו" אין די וועגן פון תורה און צדקות; די דריטע האָט אַרויסגעהויבן איר עתיד: זעט די „גידולים" וואָס זי האָט מגדל געווען, וואָס זי האָט דערצויגן — איר גרויסן זון, דעם מנהיג ישראל שליט"א.

אין וואָס איז באַשטאַנען איר הויפּט־גדלות? — לאָמיר ווידער ווענדן אונזער באַטראַכטונג צו שרה אונזער מוטער. אויף דעם פסוק „ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים" זאָגט דער מדרש: „יודע ה' ימי תמימים" כשם ווי זיי אַליין זיינען תמימים,

אזוי זיינען אויך „שנותיהם (זייערע יאָרן) תמימות"... אָבער ווי אַזוי קען דאָס פּאַר־שטאַנען ווערן דער באַגריף פון „גאַנצע יאָרן" און „ניט־גאַנצע יאָרן"? רש"י אויף דעם זעלבן פּסוק זאָגט: „שני חיי שרה — כולם שוים לטובה" (אירע אַלע יאָרן זיינען געווען גלייך צום גוטן). אָבער צי דען זיינען די אַלע יאָרן פון שרה געווען „לטובה"? האָט זי דען וויניק צרות אַדורכגעמאַכט אין איר לעבן? וואו זיינען די יאָרן פון הונגער און וואַגלעניש, די ביטערע איבערלעבונגען ביים צוגענומען ווערן אין בית פּרעה און אבימלך, די טראַגישקייט פון זיין אַן עקרה אַזויפיל יאָרן, און דערנאָך די עקידה פון איר בן־יחיד יצחק אבינו — טאָ ווי אַזוי־זשע זיינען עס אַלע אירע יאָרן געווען גלייך צום גוטן?

קען דער מיין פון די רייד געטייטשט ווערן אַזוי: אויף דעם קיסר נבוכדנצר זאָגט די גמרא, אַז ער האָט געזוכט צו זאָגן שירה (פאַר דעם אויבערשטן), איז געקומען אַ מלאך און האָט אים געגעבן אַ פּאַטש (סטירה) אויף זיין פּנים. האָט איינער אַ צדיק געזאָגט דערויף: דאָ ווערט ניט געמיינט, אַז דער מלאך האָט ניט געוואָלט אַז נבוכדנצר זאָל ניט זאָגן שירה; וואָרעם וואָס וואָלט אים געאַרט אויב נבוכדנצר זאָגט יאָ שירה אָדער ניט! נאָר דער מלאך האָט אים אַזוי געמיינט צו זאָגן: דו ווילסט זאָגן שירה אין דעם מאָמענט ווען די קרוין פון מלוכה באַקליידט דיין קאָפּ און דו אַליין זיצסט אין העכסטן רום בכבודו של עולם? נאָ דיר אַ „סטירה" — און פּרואוו איצט לאָזן הערן דיין לויב־געזאַנג! דאָס האָט שוין דער מלך נבוכדנצר ניט געקענט; אַזוינס איז בכוח צו באַווייזן בלויז דער וואָס האָט אַ אידישע נשמה. נאָר די אידן פאַרמאָגן די גייסטיקע מעכטיקייט צו בענטשן דעם אויבערשטן „על הרעה כשם שמברכים על הטובה". דוד המלך איז עס דער וואָס האָט געזאָגט: „חסד ומשפט אָשירה" — איך וועל זינגען סיי אויף „חסד" און סיי אויף „משפט" (וואָס באַדייט שטרענגקייט און אַנטהאַלט שטראָף) — אָבער ניט אַ נבוכדנצר קען אַזוי באַהויפּטן.

אונזער מוטער שרה — זיינען אַלע אירע יאָרן געווען „תמימות"; זיי זיינען אַלע געווען „שווין לטובה". פון אירע גאַנצע הונדערט זיבן און צוואַנציק יאָר איז קיין איין מאָמענט ניט געמינערט געוואָרן דורך אירע פּערזענלעכע יסורים און זיינען אַלע געווען גלייך און פולקאָם צום גוטן — סיי אין די צייטן ווען זי איז געווען אַנערקענט און געערט ווי די פּרוי פון דעם נשיא אלקים און סיי אין די מאָמענטן ווען זי האָט אַדורכגעלעבט אַ סך צרות און יסורים, האָט זי שטענדיק געזאָגט שירה צום אויבערשטן.

און אַזאַ איז אויך געווען די צדקנית מרת חנה שניאורסאָן ז"ל. געווען צייטן ווען זי האָט געזאָגט שירה אין אַ צושטאַנד פון רוב טובה — „חסד אשירה". זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט כבוד און רום, ווען איר גרויסער מאַן איז געווען דער רב און מנהיג פון אַן עיר ואם בישראל און זיין הויז איז געווען דער גייסטיק־געאַכטעטער זאַמל־צענטער פאַר אַלע; און דאָך האָט עס ניט פאַרשאַטנט אירע אידעלע מידות טובות, נאָר מיט באַשיידנקייט און ענוות געטאָן גוטס און חסד צו אַלעמען. און געווען ביי איר אויך אַנדערע זמנים, צייטן פון פּיין און באַדריקונג, ווען איר מאַן, דער גאון וחסיד, איז אַרעסטירט געוואָרן און אַ היפּשע צייט האָט זי אַפילו ניט געוואוסט וואו ער איז און וואָס איז זיין מצב. און נאָכדעם, ווען ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן דערפל, אין די וויטע און קאַלטע סיבירער וויסטענישן, וואו זיין וואוינונג איז באַשטאַנען פון אַן ענג־פינסטערן און ברודיקן חדר אין דער דירה פון אַ פאַרגרעבטן פּויער; און וואו „לחם צר ומים לחץ" איז דאַן געווען אַ זעלטענע מציאות — האָט זי, די רבנית־צדקנית, דעמאָלט מיט גרעסטער אַנשטרענגונג און לעבנס־ריזיקע זיך געלאָזט פאָרן צו יענעם פאַרשטויסענעם ווינקל, בכדי אים צו הילף זיין אין וואָס נאָר מעגלעך. יאָ, אַ גרויסע „סטירה" האָט זי דאַן געקראָגן, אַ מורא'דיקן קלאַפּ! — און דאָך האָט זי אויך דעמאָלט געזאָגט שירה צום אויבערשטן.

אין אירע שריפטלעכע זכרונות, וואָס זי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט, שילדערט זי מיט גרויס טאַלאַנט און מיט פּינקטלעכער גענויקייט די אַלע איינצלהייטן פון די איבער־געלעבטע צרות. צווישן אַנדערן דערציילט זי וועגן איינער אַ שמחת־תורה נאַכט אין יענעם

דאָרף. קיין מנין איז נאַטירלעך דאָרט ניט געווען; קיין ספר־תורה האָבן זיי דאָרט ניט געהאַט; און גרויס איז געווען דער דוחק פאַר אַ פּשוט שטיקל ברויט מיט וואַסער. איז אין יענער נאַכט איר מאַן, דער גאון, געשטאַנען אינעם פינסטערן צימערל און הויך אויפן קול, אַט פּונקט ווי ער איז עס געווען געוואוינט אין זיינע גדלות־טעג, געזאָגט מיט הייליקן שטאָלץ: „אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים, אין עוד מלבדו!" און מיט גרויס שׂמחה האָט ער געפּראַוועט די „הקפות" און געטאַנצט. און זי, די רבנית־צדקנית, איז געשטאַנען אַנטקעגן אים און זיך משׂמח געווען מיט דער פרייד פון שׂמחת תורה... אַזאַ שירה איז, דוכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן. אַזאַ שירה שפּאַלט די הימלען און מאַכט ציטערן די שמי שמים. אַט־דאָס איז געווען איר „משפט אשירה". און זוכה געווען האָט די רבנית אין אירע לעצטע יאָרן צו טעג פון נחת און טוב: זעענדיק איר זון ווי דער מנהיג ישׂראל, ווי זיין נאָמען ווערט אַזוי געשעצט און ווי זיינס אַ וואָרט ברענגט האָפענונג און פרייד. אָבער אויך דאַן איז איר האַלטונג ריין פון יעדן שפּור פון גרויסהאַלטעריי, נאָר זי איז „הולכת נכחו" מיט ענוות און גאַנץ־האַרציקייט אין אירע מעשׂים טובים. אירע אַלע יאָרן זיינען געווען „תמימים" — „כולן שוין לטובה".

קוהלת האָט געזאָגט: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה" (און איך בין משבח די געשטאָרבענע וואָס זיינען שוין געשטאָרבן פון די לעבעדיקע וואָס זיי לעבן נאָך אַלץ). אויסער דעם געוויינטלעכן באַנעם איז אין אַט־דעם פּסוק פאַראַן אויך אַן אַנדער געדאַנק: אויב איר ווילט טאַקע האָבן אַ באַגריף אין דעם שבח, אין דעם וועזן פון די „מתים שכבר מתו", אַט גייט אַרויס און זעט און קוקט זיך צו צו די „חיים", די לעבעדיקע וואָס זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט. משבח זיין די „מתים" קען מען נאָר „מן החיים" — פון און דורך אַט־די לעבעדיקע „אשר המה חיים עודנה". אויך מיר זעען דאָך וואָס פאַראַ חיים די רבנית־צדקנית האָט געלאָזט נאָך זיך — איר גרויסן זון, דעם רבן של ישׂראל, כ"ק אדמו"ר שליט"א, פון אים, וואָס אין זיין ליכטיקייט מיר טוען זיך שיצן, פאַרשטייען מיר גוט ווער ס'איז געווען אַט־די דאָזיקע גרויסע פרוי!

זאָל איר אָנדענק זיין געהיט ביי אונז אויף אייביק ותהא נשמתה צרורה בצרור החיים.

אידיש: י. ד.

תשובה

• צ. מ. שטיינמעץ

ווי אַ מענטש, וואָס
אויסגעגליטשט ער פאַלט
פון שווינדלדיקע הויכקייטן,
פאַרצווייפלט זוכנדיק אַ האַלט —
צערונען און צעריבן
זיינען שטרעבונגען און צילן,
איין רעטונג נאָר איז פאַרבליבן:
דער לעצטער לעבנסווילן —

אַזוי דער, וואָס מיטן שטראָם
איז ער פון דיר אַוועק.
ווען זיין באַגערן־ים
איינגעשטילט האָט די צייט,
איין־איינציקע כוואַליע בלויז
שטורעמט דיין ברעג:
צו דיר צוריק, צו דיר אַליין
זיין האַרץ שרייט...

דער רבי
מנחם מענדל שליט״א
— דער זיבעטער נשיא פון חב״ד

(די לעבנס־געשיכטע, יחוס און פערזענלעכקייט פון כ״ק אדמו״ר שליט״א)

(עלפטער פון סעריע)

נ. בן־יוחנן

(נאָכדרוק פאַרבאָטן אָן דער דערלויבעניש פון מחבר)

(פאָרזעצונג פון פריערדיקן נומער)

(דער פריערדיקער קאַפּיטל וועגן דער חתונה פון רבי׳ן שליט״א, דינסטיק י״ד כסלו פאַרנאַכט, תרפ״ט, האָט זיך געענדיקט ווי נאָך דער חופה זיינען אַלע מחותנים געפאָרן צום גרויסן זאַל אין וואַרשע צו דער חתונה־סעודה. די חופה איז געפראַוועט געוואָרן אויפן הויף פון דער ישיבה „תומכי תמימים״, סאַפּעזשינסקאַ נומער 17)

ביסלעכווייז האָבן זיך אַלע געלאַדענע געסט אָנגעפאַנגען צונויפצוקלייבן אין באַשטימטן זאַל, און אין עטוואָס מער ווי אַ שעה איז דער רבי שליט״א [1]) געקומען מיט אַלע מחותנים און מקורבים. אין זאַל זיינען די טישן געווען געגרייט מיט אַלדאָס גוטס, מעדני מלך [2])، און אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט מיט אָרדענונג און זיך משמח געווען אויף דער שמחה של מצוה.

דערנאָך איז דער רבי שליט״א אַליין [3]) געגאַנגען אַרום די טישן און געטיילט יעדן משקה און אויך געבענטשט יעדערן לויט זיין פאַרלאַנג.

ווען ער איז צוגעקומען צום אָרט וואו ס׳זיינען געשטאַנען די תלמידים פון דער ישיבה, האָט ער געזאָגט צום משגיח הרב ר׳ אלתר סימחאָוויץ נ״י [4]) [ז״ל] צו געבן יעדן איינעם פון די תלמידים משקה.

און צו די תלמידים האָט זיך דער רבי געווענדעט מיט די פאָלגנדיקע רייד:

„תמימים! אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, קיום התורה קומט דורך יגיעה, האָרעוואַניע; דער וואָס האָרעוועט דערלאַנגט צום עומק הדבר. הגם דער וואָס האָט אַ גוטן שכל, אַ דינעם שכל, נעמט אויפן ערשטן קוק אַן ענין גוט, פונדעסטוועגן דער וואָס מאַטערט זיך צו פאַרשטיין דעם דבר שכל, פאַרשטייט ער עס טיפער, ווייל די חכמה איז אַ חכמה אלקית. אויך דער נגלה׳דיקער שכל פון תורה איז אלקות און צוליב דעם איז געקומען דער ענין פון גלות, ביי אידן בכלל און ביי לומדי תורה בפרט (ער האָט געזאָגט אַז ס׳איז וועגן דעם פאַראַן אַ סך צו ריידן, נאָר ניט דאָ איז דער אָרט פון דעם און ניט איצט איז דער זמן דערפון), און דער עיקר קיום התורה איז נאָר ביי דעם

---

1) אומעטום וואו עס ווערט אין דער דאָזיקער באַשרייבונג דערמאָנט „דער רבי שליט״א״ אָדער „דער רבי״ סתם, איז די כוונה אויפן רבי׳ן ריי״צ, דער פאָטער פון דער כלה.

2) הרב החסיד ר׳ יותנן גאָרדאָן שי׳ דערציילט, אַז צווישן חסידים אויף דער חתונה איז דערציילט געוואָרן אַז דער רבי ר׳ יוסף יצחק האָט פאַר דער חתונה אַריינגערופן צו זיך דעם בעקער וואָס האָט געדאַרפט אָנגרייטן די מזונות און טאָרטן און אים געבעטן צו זיין שטאַרק נזהר וועגן בלוטס־טראָפּנס אין די אייער. בדרך כלל — האָט אים דער רבי געזאָגט — דאַרף מען זיך מיט קיין רבי׳ן ניט אָנפאַנגען אַפילו אויף דער וועלט... בפרט נאָך אויף יענער וועלט איז גאָר אַ סכנה.

3) הרב החסיד הנ״ל וועלכער איז געווען אויף דער חתונה גיט איבער אַז דער רבי איז געגאַנגען פון טיש צו טיש מיט אַ האַנטוך אויפן אַקסל, ווי אַ סאַרווער.

4) הרב החסיד ר׳ אלתר סימחאָוויץ וועלכער איז אין ליובאַוויטש געווען באַקאַנט אַלס אלתר

וואָס איז ממית עצמו עליה. איר זאָלט וויסן, תמימים, אַז איר דאַרפט זיך אײנגאַנצן מבטל זײַן און אויף דעם גייט איר... לערנט תורה מיט יגיעה, און דאָס אויך אין תורה הנגלית. און חסידות זאָלט איר אויך לערנען אַזוי, אַז ס'זאָל ניט איבערבלײַבן נאָר די השכלה אַליין, נאָר עס זאָל קומען צו פּועל, דאָס הייסט אין מדות טובות. און דאַן בענטש איך אײַך איר זאָלט געהאָלפן ווערן אין אַלע ענינים וואָס איר דאַרפט און זאָלט מאריך ימים ושנים זײַן" וכו'.

נאָך די רייד איז דער רבי שליט"א געגאַנגען אַ ריקוד מיט די מנהלים און משגיחים פון דער ישיבה און נאָך אַ קורצער הפסקה האָט ער זיך געזעצט אויף זײַן אָרט און געזאָגט דעם מאמר „אשר ברא ששון ושמחה". דער מאמר האָט זיך פאַרצויגן ביז האַלבע נאַכט, און ערשט דאַן האָבן זיך אַלע געלאַדענע געוואַשן צו דער סעודה.

אינמיטן דער סעודה האָט דער רבי שליט"א געבעטן אײנעם פון די תמימים פאַנאַנדער־צוטיילן אין זײַן נאָמען צו יעדן אײנעם פון די מסובים אַ געשאַנק, אַ פאָטאָסטאַט פון אַ בריוו געשריבן אין כתב יד פון אַלטן רבי'ן, צוזאַמען מיט אַ בייגעלייגטן בריוו פון רבי'ן שליט"א אַז ער גיט דעם בריוו אַלס מתנה לכבוד דער חתונה פון זײַן טאָכטער און דאָס זאָל זײַן אַ סגולה פאַר אַלע אידן. אויך האָט דער רבי שליט"א אין זײַן בריוו געגעבן אַן אָפּטייטש און אויפקלערונג פון אַלטן רבי'נס בריוו.

אנ"ש האָבן אַ סך געזונגען, באַגלייט פון כלי זמרים און די סעודה האָט זיך פאַרצויגן אין גרויס פרייד ביז 7 אַזייגער אינדערפרי.

אויף מאָרגן מיטוואָך, 6 אָוונט, איז אין זעלבן זאַל פאָרגעקומען שבע ברכות מיטן אָנטייל פון יחידי סגולה און מקורבים, אָבער טראָץ דער באַגרענעצונג זײַנען אָנוועזנדיק געווען עטלעכע הונדערט געסט. צו דער דאָזיקער סעודה זײַנען געקומען אַ סך באַוואוסטע רבנים און רביים פון פּוילן אָנטיילצונעמען אין דער שמחה פון רבי'ן שליט"א. די רביים און רבנים זײַנען געזעסן אין זייער גאַנצער פּאַטריאַרכאַלישקייט ביי אַ באַזונדער טיש לכבודם און אינמיטן איז געזעסן דער רבי שליט"א און זײַן ליכטיק פּנים האָט געשטראַלט מיט אַ הייליק ליכט ווי ביי אַ מלאך.

ווי שיין און הערלעך דאָס הייליקע בילד איז געווען, צו זען אַזויפיל ראשי אלפי ישראל מיטן רבי'ן שליט"א אין דער שפּיץ, ווי זיי זיצן ביי איין מסיבה אויף אַ שמחה של מצוה. וואויל און גליקלעך זײַנען די וואָס האָבן זוכה געווען צו זען עס.

אינמיטן דער סעודה האָט דער רבי גערופן די מנגנים און זיי געבעטן זינגען געלאַסן דעם אַלטן רבי'נס ניגון (ווי באַוואוסט זײַנען רבותינו הקדושים שטאַרק אָפּגעהיט ניט צו זינגען דעם דאָזיקן ניגון, אויסער י"ט כסלו, שמחת תורה, פּורים און אויף אַ חתונה ביי קינדער). די מנגנים האָבן געזונגען דעם ניגון פאַר אַלע רבנים און אדמורי"ם און דער רבי אַליין האָט אויך געזונגען דעם ניגון מיט גרויס דביקות, כדרכו בקודש. נאָכן בענטשן איז דער רבי געגאַנגען אַ ריקוד מיט אַלע רבנים און אדמורי"ם און דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען אַרום און געזונגען.

שפּעטער איז דער רבי צוריקגעגאַנגען צו זײַן פּלאַץ און אָנגעהויבן זיך גרייטן צו זאָגן חסידות. אַלע אנ"ש און תמימים האָבן זיך גלייך אַרומגעקליבן אַרום אים און ער האָט אָנגעפאַנגען זאָגן דעם מאמר „כל הנהנה מסעודת חתן ומשמחו" וכו'. די רייד זײַנען געווען פלאַם־פייער (אַלע דרושים פון דער חתונה און פון י"ט כסלו פון דעם יאָר וועלן אײַנגיכן אַרויס פון דרוק אין אַ באַזונדער קונטרס), און נאָכן מאמר זײַנען ווידער געהערט געוואָרן שירות ותשבחות און ריקודים ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

פּאַטשעפּער, אויפן נאָמען פון דער שטעטל פּאַטשעפּ, וואו ער האָט פריער געלערנט ביים רב, איז געווען צווישן דער גרופּע תלמידים וועמען דער רבי רש"ב נ"ע האָט אין תרע"ב געשיקט פון ליובאַוויטש אַלס יסוד פאַר דער ישיבה „תורת אמת" אין חברון, בראש מיט הרב החסיד ר' שניאור זלמן האַוולין, וועמענס איידעם ער איז שפּעטער געוואָרן. שפּעטער איז ר' אלתר געשיקט געוואָרן פון רבי'ן ריי"צ נ"ע קיין וואַרשע אַלס משפּיע אין דער ערשטער ישיבה תומכי תמימים אין פּוילן. עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה פון תרפ"ט איז ר' אלתר צוריקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און איז געווען משפּיע פון דער ישיבה „תורת אמת" וועלכע האָט זיך שוין דאַן געפונען אין ירושלים. ער איז פּריצייטיק נפטר געוואָרן אין ארץ ישראל.

אויף מאָרגן 10 פרי איז דער רבי מיט די בני בית אָפּגעפאָרן צוריק אין ריגע, ווייל ער האָט געוואָלט פראַווען י"ט כסלו ביי זיך אין דער היים.

דער באַן־וואָקזאַל איז געווען איבערפולט מיט אנ"ש און תמימים וואָס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיטן רבי'ן שליט"א.

דער רבי האָט אַלעמען געגעבן זיין ברכה אין אַ זייער אויפגעליגטער שטימונג, און צו די ברכות פון אַלע פאַרזאַמלטע איז די באַן מיטן רבי'ן אָפּגעפאָרן.

דאָס אַלץ איז נאָר אַ טראָפּן פון אַלץ וואָס אונזערע אויגן האָבן געזען און אונזערע אויערן האָבן געהערט אין די דריי טעג פון דער גרויסער חתונה פון רבי'נס טאָכטער אין וואַרשע. אייגנטלעך איז עס גאָר אוממעגלעך צו שילדערן אויף פּאַפּיר, און מיר ווילן נאָר זאָגן אַז דער וואָס האָט ניט געזען די דאָזיקע שמחה האָט קיינמאָל קיין שמחה ניט געזען.

דער אויבערשטער זאָל דערפרייען די הערצער פון אַלע אידן, און אנ"ש צווישן זיי, און מיר זאָלן זוכה זיין צו געפינען זיך אין שאָטן פון רבי'ן שליט"א עד בוא משיח צדקנו במהרה בימינו אכי"ר.

אחד התמימים [5]

תלמיד ישיבת תומכי תמימים דליובאַוויטש בוואַרשע

5) לויט ווי עס גיבן איבער געוועזענע תלמידים פון וואַרשע איז דער „אחד התמימים" — הרב החסיד ר' שמואל זאַלמאַנאָוו שי'.

נוסח פון חתונה־איינלאַדונג

וואָס דער רבי ריי"צ נ"ע האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו חסידים אין די לענדער פונוואַנען ס'איז ניט געווען מעגלעך אָדער ס'איז געווען צו ווייט צו קומען קיין וואַרשע. דער נוסח איז גענומען פון דער מימיאָגראַפירטער חתונה־באַשרייבונג פון „אחד התמימים"

בעזהשי"ת

אל ידידינו אנ"ש די בכל אתר ואתר ה' עליהם יחיו
ויתענגו על רוב טוב בגו"ר

אודה להוי' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זכני בנשואי בתי הכלה המהוללה מרת חיי מושקא תחיי עם ב"ג החתן ש"ב הרב מי מנחם מענדל בן הרב החסיד הרב הגאון המפורסם מוהר"ר לוי יצחק שליט"א שניאורסאהן. החופה תהיי בעזהשי"ת למז"ט ביום השלישי ארבעה עשר יום לחודש כסלו, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה, לטובה ולברכה בחצר של הישיבה תומכי תמימים דליובאַוויטש יצ"ו, אשר בעי"ת וואהשא יע"א. בהיות אשר מפאת סיבות הבלתי תלויות בנו אי אפשר להם ולנו למלאות משאלות לבבנו ולבבם הטוב לשמוח יחד בקירוב מקום כאשר הי' מאז ומקדם, יואילו נא ידידינו אנ"ש אשר במחנם הטוב, די עליהם יחיו, לקבוע מקום מוגבל ומיוחד לברכה באחד הבתי כנסיות או הבתי מדרשים אשר יבחרו להתאסף שמה כל אנ"ש ומחבבי תורה, במושב אוהבים ורעים, באהבה ובאחוה, בחדוה ושמחה. ניב ברכת אוהבים וידידים גם הרחוקים במקום אבל קרובים ומקושרים בנפש רוח ונשמה, ינעם במאוד לאוהבם וידידם הנצחי, החי אתם עמם בכל מקום שהם, יברכם השם, ואתענג במאוד לקרוא את ברכותיהם בכתב.

ואני תפילה כי יקובלו ברכותיהם וכל המברך יברך האלקים אותו, ביתו, זרעו וזרע זרעו יחיו בשפעת חיים וברכה מרובה עד בלי די בגו"ר, ויקיים ה' בקרוב את דבר הברכות אשר נתראה פנים בפנים בשמחה וטוב לבב, בזכות עבדי הוי' הוד כ"ק אבותינו רבותינו הק' זצוקללה"ה נבג"ם, זכותם יאהיל עלינו, על בנינו ועל בני בנינו לעד.

והנני ידידם עוז הדו"ש טובם והצלחתם והמברכם בכל מילי דמיטב בגו"ר

(חי"ק)

אנטפלעקונגען פון „ייגה של תורה"

י. דובראווסקי

(אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס אדמו״ר שליט״א פאַרברענגט
דאָס יאָר לערנענדיק פאַרן ציבור פסוקים פון רש״י אויף חומש)

(צווייטער פון סעריע)

אין פאָריקן אַרטיקל האָבן מיר געשריבן, אַז דעם רבי׳נס שליט״א אָפּטייטשונגען פון אַ פסוק חומש מיט רש״י עפענען פאַר אונז אַ פענסטערל אַריינצובליקן אין די פאַרהוילנקייטן פונעם היכל הפירוש, ביז צו דער התגלות פון ייגה של תורה. דער אמת איז, אַז מיר האָבן אין די דאָזיקע פי׳ רש״י־שיחות אַ וואונדערלעכע התגלות אויך וואָס שייך דעם באַנעם און אינהאַלט פון פשט גופא, פון רש״י׳ס „פשוטו של מקרא". עפּעס באַקומט דער פשוט׳ער פשט גאָר אַן אַנדערן, אומגעהויער־געדיכטערן באַגריף, פאַרנעם און אַרומנעמענדיקייט. די דאָזיקע שיחות צייכענען טאַקע אָן גאַנץ בולט די גרענעצן פון חלק הפשט, אָבער גלייכ־צייטיק ווערט אָט־דער תורה־טייל צעשפּרייט איבער אַזויפיל געביטן און פאַרטיפט צו אַזאַ גרונטיקייט, אַז פון איין זייט דערשפירן מיר אויך אינעם פשט־חלק דעם „רחבה מני ים" — און פון דער צווייטער זייט מאַכט עס אונז לייכטער צו באַגרייפן, ווי אַזוי אין אַזעלכע טיפקייטן און הויכקייטן קענען זיך שוין פאַראייניקן אַלע חלקי התורה.

די פסוק חומש ורש״י שיחות פאַרמאָגן אויך באַזונדערס, אַזוי צו זאָגן, אַ לערעריש־דערציעריש באַדייט: מיר קריגן פון זיי אַ קלאָרע אָנווייזונג ווי אַזוי עס דאַרף זיין דער צוגאַנג צום לערנען בכלל און צו אַ וואָרט פון רש״י בפרט; און מיט וואָס פאַראַ יראת־הכבוד־צוגעטראָגנקייט און דרך ארצ׳דיקער פּאַרזיכטיקייט מ׳דאַרף זיך באַציען צו יעדן אות פון חכמינו ז״ל. און ווער עס האָט אַ מוח בקדקדו קען פון אָט־די שיחות זען: וויפל גאונות עס איז פאַרפלאָכטן אין יעדן פשט־וואָרט פון רש״י! וויפל עמקות ס׳איז באַהאַלטן אין זיינס אַן אות! וואָס פאַראַ פיל־זאָגנדיקע דיוקים עס שווימען אַרויס פון רש״י׳ס אַ לשון־ענדערונג! און איבער אַלעם: די ממש־שטוינענדיקע אַנטפּלעקונג פון אַזעלכע שכל־רחבות׳ן און שפע׳דיקן אינהאַלטס־אַרומנעם אין אַזעלכע קליינצאָליקע ווערטער כלים! אַזאַ וואונדערלעכע התגלות פון מועט המחזיק את המרובה — אָט ווי אַ פראַכטפול, פיל־קאָליריק און פיל־פּרטימ׳דיק בילד, וואָס מ׳דערזעט דורך אַ קליין מיקראָסקאָפּיש גלעזל.

איז ווען עס וואָלטן געווען שנים כתיקונן; ווען די מעלה פון חכמה און שכל וואָלט ביי אונז געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך — איז קיין ספק נישט, אַז דעם רבי׳נס שליט״א „פסוק חומש מיט רש״י" וואָלט היפש אויפגעשטורעמט די אידישע קאָפּ־וועלט. אַן אויפריכטיקער צוגאַנג פון אַ לומד תורה וואָלט אינעם רבי׳נס שליט״א „שיחות" בכלל, און אין די אויסטייטשונגען פון רש״י בפרט, דערשפירט זיין אייגנאַרטיקע גאונות־הפלאה, זיין איינציק־אַרטיקן טיף־הגיונ׳דיקן פונאַנדערקלייבן אַן ענין ביז צום אייגעפעסטיקסטן יסוד, און זיין וואונדערלעכע בקיאות אין אַלע שטחי התורה. אילו זכינו, און די אידיש־פרומע וועלט וואָלט ניט געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין אויפזוכן און פאַרשאַרפן, אויף דעם שטייגער ווי אין פּאָליטיק, די אונטערשיידן פון די לעבנס־שיטות פון דעם פרומען קרייז

אָדער אַ צווייטן; וואָלט ביי אונז ניט געהערשט אַט־די פּאָליטיק־שפּילערייען — וואָס גיבן ניט די פּראַקטישע תועלת׳ן פון דער וועלטלעכער איינטיילונג אין פּאַרטייען און סעקטאָרן (אויב אַפילו דאָרט איז פאַראַן עפּעס פּראַקטיש־פּאָזיטיווע נוצן) און ניט די רוחניות׳דיקע ווערטיקייט פון „מחלוקת לשם שמים״ — וואָלט דאַן אונזער תורה־וועלט געהאַט מער צייט און געלעגנהייט, מוט און אינטערעס צו באַמערקן אַ דערשיינונג פון אַן אמת׳דיקן תורה־אור; און טאַקע יאָ באַגייסטערט ווערן מיט יענער עכטער אידישער התפעלות און אויפריכטיקן קוויקן זיך, וואָס אויך די מוח־אידן האָבן תמיד אַרויסגעוויזן ביים אויפנעמען אַ נייעם אמת־לומדישן חיבור אָדער געשמאַקן דרוש־ספר — טראָץ דעם שוין־פאַראַנענעם ריזיקן ים פון ספרים ראשונים ואחרונים און אַן דעם „פּאַרטייאיש״־פּאַטריאָטישן צוגעהעריקייט־מאָטיוו. צום באַדויערן איז שווער זיך פאַרצושטעלן, וועלכער פאַרצייטישער גאון׳ישער היבור עס וואָלט היינט באמת אַרויסגערופן דעם פאַרדינטן שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער אַל־אידישער תורה־וועלט (ניט רײדנדיק פון יענעם מין אויסגעדראָשענע רעצענזיעס אין אַ תורה־זשורנאַל אָדער סתם אָרטאָדאָקסישן צייטשריפט).

און אילו זכינו — וואָלט דער גרויסער עולם, וואָס הערט יאָ די דאָזיקע שיחות, זיי אויפגענומען מיט אַ העכערער מאָס צוגעטראָגנקייט און פאַרטיפונג — און ערשט דאַן איז שייך צו דערפילן דעם עונג רוחני און דעם טיפן געשמאַק פון ג־טלעכן שכל; וואָלט מען געוווּען מער וואַכזאַם צו דער גאונישער שפע אין די שיחות קודש.

און די צוגעטראָגנקייט דאַרף זיין אַ צווייפאַכיקע, סיי מצד דעם אינהאַלט פון די שיחות און סיי מצד זייער לבוש. אין „דברי הרב״ ווייסן חסידים אָפּצושאַצן יעדעס וואָרט ווי אַן אוצר סגולה פון יראת שמים און אויסאיידלונג פאַר דער נשמה פון די צוהערער — אומאָפּהענגיק פון דער מאָס פון זייער פאַרשטיין די „דברי הרב״. דאָך קען מען זיך אפשר דערלויבן צו זאָגן, אַז דער גלוי׳דיקער פאַרשטיין אַ שיחה פון אדמו״ר שליט״א און די עפנטלעכע ווירקונג און התפעלות פון זיין גאונישן פאַרנעם — דאָ האָט צו זאָגן די אויסנאַמיקע אייגנאַרטיקייט פון דעם אופן ווי אַזוי די דאָזיקע שיחות קודש קומען צום אויסדרוק מפי קדשו. און דאָ (אויף וויפל אונזער שכל מעג און קען באַנעמען אפס קצהו פון אַ רבי־געשטאַלט) זעען מיר אין די שיחות, אין ענלעכקייט צו פי׳ רש״י, דעם בולטן שטריך פון פשטות־פשיטות:

דער סאַמע גאונישער חידוש ווערט אַרויסגעבראַכט אין אַן עכט פשטות׳דיקן לבוש — עס פעלן די יעניקע קינסטלעכע ווערטער־צוגאָבן אונטערצושטרייכן אַז אַט־דאָ קומט דער שניידיקער שכל־בליץ, אַט־די שפּראַך־באַגלייטונגען צו באַפּוצן און בולט מאַכן דעם הויכפּונקט, דעם קלימאַקס פון געזאָגטן; און עס איז אַפילו ניט פאַראַן די שטימלעכע באַטאָנונג און הדגשה — אַט־די אַלע „זייטיקע״ מיטלען, וואָס יעדער איינער, אַ קלענערער און אַ גרעסערער, וויל דערמיט צוגעבן וואָג און עפעקט צו זיינע רייד. די שיחות פון אדמו״ר שליט״א זיינען אין המשכ׳דיק־עכטע תורה און חסידות־קייט — און וואו האָבן מיר אין דער תורה ווערטער־אונטערשטרייכונגען? און וואו זעען מיר דען, אַז תורה זאָל לייגן מער געוויכט אויף די ווערטער און ענינים (וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט אומגעהויערער פאַרצווייגונג פון פלפולים און דינים) און וויניקער געוויכט ביי אַנדערע ענינים (וואָס זיינען לכאורה גאַנץ פשוט׳ע)? ווייל דאָס איז די אייגנשאַפט פון עצמיות׳דיקער פשטות: ניטאָ קיין ווענעניש און מעסטעניש פון קליין און גרויס. די ווערטער „אנכי ה׳ אלקיך״ און דער פסוק „ותמנע היתה פלגש״ האָבן די זעלבע תורה־קדושה (פיה״מ לפ׳ חלק יסוד ח).

מיר זעען דאָס אין דער משנה: די שווערסטע משנה האָט דעם זעלבן לבוש און די זעלבע ווערטער־פאָרעם ווי די וואָס איז לכאורה גאַנץ לייכט. אַ סך מאָל פאַרנעמט זיך די גמרא אויספירלעך־אריכות׳דיק מיט אַן ענין, וואָס אַ מענטשלעך־באַגרענעצטער שכל וואונדערט זיך דערויף — אין דער צייט ווען אַן אומגעהויער־קאָמפּליצירטע סוגיא קומט אין קיצור׳דיקן אופן; און דאָס זעלבע אין תוספות. און בכלל, דוכט זיך, איז דאָס זייער

אַנזעבאַר ביי די ראשונים: זייער קורץ־גלאַטער פשטות׳דיקער צוגאַנג צו אַלע שווערע און לייכטע ענינים איז פון אַזאַ אופן, וואָס באַווייזט, ווי ווייט זייער שכל התורה האָט נים פאַרמאָגט די ענגע ראַמען, דעם צמצום פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד, וואָס ווערט געטיילט אין העכער־נידעריקער, טיף און אויבנאויפיק אא״וו. זיי האָבן גענומען תורה מיט דער ליכטיקער זעעוודיקייט, און דערפאַר — אַזוי גלאַט, אַזוי פשוט און געוויס.

וואָרעם דאָס אַלץ איז: „תורה היא וללמוד אני צריך״; די גלאַטקייט און פשטות׳־דיקער אופן גיט אַ מעגלעכקייט אויך מיטן אויבערפלעכלעכן שכל עפּעס צו געניסן. אָבער פאַרן געניסן דעם געשמאַק און דעם טוב שכל: פאַדערט זיך דער „טעמו״ — גוט צוטראָגן זיך און גוט צעקייען און נאָכדעם וועט זיין דער „וראו כי טוב״.

די שיחות קודש פון אדמו״ר שליט״א ציען צו טאַקע אויך די יעניקע וואָס זיינען נאָך „איינגלעך״ אין השגה; אויך זיי הערן און „נעמען״ פון די שיחות — אַט פונקט ווי אויך קליינע קינדער לערנען אַ רש״י — און דאָס, ווי געזאָגט, אַ דאַנק דעם פשטות־אויסדרוק פון די דאָזיקע שיחות, און פשטות האָט די אייגנשאַפט פון געהערן צו אַלעמען. אָבער גלייכצייטיק איז עס „תורה היא וללמוד אני צריך״ — בכדי צו באַנעמען און באַגרייפן די עמקות, בקיאות און חריפות מוז זיין די אַריינטיפונג און צוגעטראַגנקייט פון די הערער־לערנער.

פירט עס אונז צו צו נאָך אַ התדמות פון רש״י, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אדמו״ר שליט״א׳ס אויסטייטש פון פסוק חומש און רש״י בפרט — די ריין פשיטות׳דיקייט, אויס־געטאָנענקייט פון יעדער אַריינמיש פון עפּעס וואָס איז ניט כולו תורה. אויסער דער אויבנ־דערמאָנטער ריינקייט פון יעדן שפּראַך־עפעקט, פון באַפּוצונגס־אינטאָנאַציעס און באַפּאַר־בונגען פון אויסערלעכן מין צו מאַכן דאָס געזאָגטע שאַרפער און קלאָריקער — אויסער דעם, שפּיגלט זיך אָפּ אין די רייד די תוכ׳יקע לויטערע טהרה און פשיטות פון תורה; די פּאָלקאָמסטע, אוממיטלבאַרע אידענטיפיקאַציע פון תורה, וואו יעדער אַנדער לבוש, ווי הויך ער זאָל ניט זיין, פאַרשטעלט איר ניט. על דרך דער אויסגעטאָנענקייט וואָס ווערט געשילדערט ביי די נביאים בעת זיי זיינען געווען „כלים״ פאַר דער ג־טלעכער נבואה און האָבן פון זיך געדאַרפט אַראָפּוואַרפן יעדע פיזישע און גייסטיקע געפיל שטערונגען. און דערפאַר זעען מיר, ווי אין די שיחות ק׳ איז ניטאָ קיין שום צומיש־צייכנס (אַזוי ווי אין פירוש רש״י) וואָס זאָל אַנטפּלעקן אַ געוויסן שפּור צום אויפכאַפּן עפּעס פון דעם רבי׳נס שליט״א איבערלעבונגען פון הווה און עבר (אַפילו ניט פון יענעם סוג וואָס קומען אין התלבשות פון „הנגלות לנו״), און דאָס איז דאָך אַזוי געוויינטלעך און נאַטירלעך אין די רייד פון מענטשן, אַפילו פון גדולים אין דער לעצטער צייט: עס איז לא ימלט, אַז מען זאָל זיך אַליין ניט „אַרויסזאָגן״ אין ריידן, בפרט אין שיחות פון צענדליקער און הונדערטער שעות.

און וויבאַלד אַזוי, איז שוין אויך ניטאָ קיין שום שטער, אַז נאָכן „דורכוואַרפן״ ע״ס און פוסקים זאָלן די שיחות אַזוי האַרמאָניש זיך אַריינוועבן אין טיפן דרוש און זיך סוף כל סוף פאַראייניקן מיט רמז און סוד — אַ פול־גאַנצער קרייז פון פרד״ס התורה. וואָרעם אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן ריינער מציאות פון תורה, איז דאָרט קיין אָרט ניטאָ פאַר פירוד, פאַר אויפשטעלן גרענעצן צווישן איין חלק אין תורה און דעם צווייטן.

דאָס איז אפשר געבונדן מיט דעם וואָס אין דעם רבי׳נס שליט״א שיחות פילט זיך אַ מאָדנער צוזאַמענגוס פון העכסטער רוממות און אָפּגעטראָגנקייט צוזאַמען מיט אַראָפּ־געלאָזנקייט און התפשטות. וואָרום צו דעם אַלעם וואָלט דאָ ניט זיין אויסערן וועג צו דערמאָנען, אַז אַזאַ כוח פאַרמאָגט אין זיך די בחינה (ספירה) פון מלכות (אגב, איז אדמו״ר שליט״א דער זיבעטער נשיא פון חב״ד — און לויט ווי ס׳איז ידוע, איז דער אַלטער רבי די בחינה פון חסד אא״וו און אדמו״ר שליט״א — בחי׳ מלכות). ספירת המלכות ווירקט

אין עולמות דורך רוממות, דערהויבנקייט און אפגעטראגנקייט; און צוזאמען דערמיט (אין תוך — דערפאר) דערגייט איר השפעה און פעולה ביז דעם סאמע לעצט-נידעריקן נברא (אט אזוי ווי א מלך, וואס זיין מלוכה שפרייט זיך אויס, נעמט ארום ביזן לעצטן מענטש פון זיין מדינה).

און אט דער כוח — פון איין זייט: זיין מלכות׳דיק-העלמ׳דיק און פון דער אנדערער זייט: אל-ארומנעמענדיק און דורכנעמענדיק, ביז „רגלי׳ יורדות מות" — איז פאראן בלויז אין מלכות און ניט אין די פריערדיקע בחינות און ספירות. און די סיבה איז: ווייל „מלכות" גופא אנטהאלט אט-די פאראייניקונג פון הפכים (און דאס געהערט צו עצמות הפשוט) — מלכות איז די לעצטע און נידעריקסטע ספירה און גלייכצייטיק בפנימיות און אין ווארצל — די סאמע העכסט-העכסטע; אין מלכות גייען זיך צונויף העלם און גילוי, וואו צמצום פון מלכות ברענגט צו השפעה, ביז צום ברעכן סוף כל סוף דעם צמצום גופא דורך דער אומענדלעכער היוכקייט פון מלכות.

איז טאקע אין דעם רבי׳נס רייד אזוי וואונדערבאר קלאר אט-דער בונד און פאראייניקונג פון מעלה און מטה, ריכטיקער: אט-דער נעוץ תחילתן בסופן וסופן בתחילתן, וואס זאגט זיך אויס אין ספירת המלכות: נאך א לאנגער שיחה קדושה, וואס ווארצלט אין די העכסטע קעמערלעך פון חכמה בינה און דעת, און וואס אנטהאלט די ליכטיקסטע דורכדרינגלעכקייט פון די מידות אהבה ויראה אא״וו — נאך דעם אלעם קומט פון און דורך אט-די דאזיקע רייד גופא א סומירונג, א בכן: זייער הוראה אין עבודה בפועל ממש. און דאס איז ביי יעדער ענין: „תחלתן", פון דער העכסטער מחשבה, קומט צו און לאזט זיך אויס אין „סופן", אין מעשה — און אזוי ארום שליסט מלכות דעם גאנצן געבוי פון צען ספירות און זייער קייטלונג פון העכערע און נידעריקע מדריגות, און בינדט זיי אין דער תכלית׳דיקער צוזאמענקייט.

(און אט-די דאזיקע „מלכות"-אייגנשאפט — פון דערהויבענער אפגעטראגנקייט און גלייכצייטיקער אראפגעלאזנקייט און אל-ארומנעמענדיקע התפשטות — מערקן מיר, ניט בלויז אין די שיחות ומאמרי קודש פון אדמו״ר שליט״א. אויך אין דער טאג-טעגלעכער הנהגה פון די טויזנטער וואס קלאפן אין זיין טיר פאר אן עצה וברכה אין גשמיות און רוחניות. דער רבי שליט״א לאזט זיך אראפ ביז צום פארנעמען זיך אויף צו העלפן פיזיש אדער גייסטיק א קליין קינד, און דערביי זעט מען ניט קיין שום שפארונג פון צייט און אכטונג. אבער צו דער זעלבער צייט ווערט אויך דער גרויסער למדן און שטארקער חסיד, וואס קען אפזיצן אין רבי׳נס היכל ק׳ גאנצע שטונדן, שארף ארויסשפירן די העלמ׳דיקע רוממות וואס טורעמט אהינטער די רייד, עצות און ברכות. און דאס געהערט אויך צום פשיטות-פשוט-עצמות׳דיקער סגולה פון „השוה ומשוה קטן וגדול").

און דערפאר זעען מיר ביי די פארברענגענישן אזא ריזיקע השפעה און התפשטות פון תורה וחסידות (און טאקע ביז די שיחות קודש פאר פרויען און קינדער) פון איין זייט; און אזא פראכטפול-מלכות׳דיקע התרוממות אטמאספער — פון דער צווייטער זייט.

און אומקערנדיק זיך צו די שיחות ק׳ אויף רש״י, וועט קלערער ווערן פארוואס אט-דער מופלא׳דיקער „מלכות"-כוח קען מגלה זיין — ווארעם מלכות רופט זיך דאך „פה", גילוי צו א זולת — די דברים מופלאים אין פי׳ רש״י, דעם יינה של תורה, די סתרי תורה וואס פי׳ רש״י אנטהאלט.

אין קומענדיקן נומער וועלן מיר אי״ה מאכן א פארזוך אראפצוברענגען אויסצוגן פון די דאזיקע שיחות.

די פאַרשפּרייטונג פון תורת חב״ד דורך „פאַרשרייבער״ און „קאָפּיסטן״

• ח. ליבערמאַן

אַן אויסצוג פון אַ לענגערן מאמר וועגן די חסידישע דרוקערייען, וואָס גיט אַן אינטערעסאַנט־היסטאָרישן בליק אויף דעם אופן, ווי אַזוי די תורות און מאמרים וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן דורך נשיאי חב״ד, זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די צאָלרייכע חסידים אין שריפטלעכע קונטרסים און „ביכלעך״.

... חב״ד האָט אין יענע פריערדיקע צייטן מערסטנס געשריבן. אַנשטאָט דרוקן האָט חב״ד געהאַט אָרגאַניזירט אַ סיסטעם קאָפּיסטן אָדער „שרייבערס״, ווי מען האָט זיי גערופן. צו ערשט אין ליאָזנע, וואו חב״ד איז געגרינדעט געוואָרן, שפּעטער אין ליאַדי, וואוהין דער „אַלטער רבי״, דער גרינדער פון חב״ד, האָט אַריבערגעפירט זיין רעזידענץ[1]), דערנאָך אין ליובאַוויטש, וואוהין דעם אַלטן רבי׳נס זון, דער „מיטעלער רבי״ ר׳ דובער, האָט אַריבערגעפירט די רעזידענץ פון חב״ד[2]), זיינען געזעסן שרייבערס און איבערגעשריבן דעם רבי׳נס תורות. דער סדר דערביי איז געווען אַזאַ: דער רבי פלעגט פריער זאָגן די תורה פאַר די חסידים, שפּעטער האָט ער אַליין זי פאַרשריבן[3]) און איבערגעגעבן דעם הויפּט־שרייבער וועלכער האָט דאָס איבערגעשריבן; אַלע איבעריקע שרייבערס האָבן געמאַכט דערפון קאָפּיעס, וויפל יעדערער האָט באַוויזן, און האָבן דאָס פאַרקויפט צו חסידים. האָט אַ חסיד ניט געהאַט קליין קליינגעלט אויף צו קויפן, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און אַליין איבערגעשריבן די תורה. פאַרנדיק אַהיים האָט דער חסיד מיטגענומען איינע אָדער עטלעכע אַזעלכע געשריבענע תורות. אין זיין וואוינאָרט האָבן אים שוין אָפּגעוואַרט די שטעטלדיקע חסידים, און ער האָט שוין געמוזט יעדערן געבן צו מאַכן אַ קאָפּיע פאַר זיך. שפּעטער איז געפאָרן אַ צווייטער חסיד פון דעם זעלבן שטעטל און האָט מיטגעבראַכט אַן אַנדער תורה, און ווייטער האָבן זיך אַלע חסידים זיך געלאָזט מאַכן קאָפּיעס. ווען עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ גרעסערע צאָל תורות האָט מען דאָס געלאָזט איינבינדן אין אַ ביכל[4]),

1) אין יאָר תקס״א.

2) אין יאָר תקע״ד. ליובאַוויטש איז פאַרבליבן דער צענטער פון חב״ד ביז נאָך סוכות תרע״ו, ווען דער רבי, ר׳ שלום דובער שניאורסאָן, איז צוליב די מלחמה־געשעענישן אַריבער קיין ראָסטאָוו־דאָן.

3) חוץ דעם אַלטן רבי׳ן אַליין, וועלכער האָט זיינע תורות — מיטן אויסנאַם פון דעם תניא און נאָך עטלעכע פראַגמענטן — אַליין ניט געשריבן. זיינע תורות פלעגן פאַרשרייבן די ערשטע יאָרן זיין ברודער, הרב ר׳ יהודה לייב יאַנאָוויטשער, שפּעטער זיינע זין, און ער פלעגט זיי קאָרעגירן. זיין זון און ממלא־מקום, דער מיטעלער רבי, ר׳ דובער, און זיין אייניקל, דער צמח צדק, פלעגן אַליין שרייבן זייערע תורות.

4) צום אונטערשייד פון אַ געדרוקטן ספר האָבן איינגעבונדענע געשריבענע תורות געהייסן ביכלעך. אין די שפּעטערע יאָרן, ווען עס איז אויפגעקומען די נייע העברעאישע און אידישע ליטעראַטור־ווערק וועלכע האָבן אויך געהייסן ביכלעך, פלעגט מען מוזן צולייגן צום וואָרט ביכל דאָס וואָרט חסידות אָדער כתבים, און מען פלעגט זאָגן אַ ביכל חסידות אָדער אַ ביכל כתבים.

און אַזוי אַרום האָט זיך יעדער חסיד אין משך פון טלעכע יאָר צונויפגעשטעלט אַ ביבליאָטעק פון חסידישע תורות.

די דאָזיקע סיסטעם האָט אָבער געהאַט איר חסרון: דאָס פיל מאָל איבערשרייבן איינס פון צווייטן האָט געמוזט ברענגען צו אַ פאַרגרייזונג פון פיל תורות, און דאָס האָט טאַקע גורם געווען, אַז דער אַלטער רבי זאָל איבערגעבן צום דרוק דעם תניא, וואָס פריער איז ער אַ לאַנגע צייט געווען פאַרשפּרייט אין אַ גרויסער צאָל געשריבענע קאָפּיעס [5]. וואָס שייך די איבעריקע זיינע תורות האָט דער אַלטער רבי אָנגעזעצט אַ צאָל מגיהים אונטער דער השגחה פון זיין ברודער, הרב ר' יהודה לייב [6]; אויך האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער חסיד וואָס וועט קומען צופאָרן צו אים זאָל מיטנעמען מיט זיך אַלע געשריבענע כתבים וואָס ער האָט און איבערגעבן די מגיהים. זיי וועלן דאָס מגיה זיין און אומקערן די כתבים שוין אויספאַרריכטע. דערביי האָט מען געמוזט אָפּגעבן אַ שבועה, אַז מען האָט אַלץ מיטגעבראַכט און אין דער היים איז גאָרנישט געבליבן; אויך האָט מען געמוזט דערציילן, ווער אין שטעטל עס האָט געשריבענע תורות און איז ניט געקומען צופאָרן. ווער עס האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפן אַט דער פאַראָרדענונג, דעם האָט מען ניט אַריינגעלאָזט צום רבי'ן. אַזוי אַרום האָט דער אַלטער רבי דערגרייכט, אַז זיינע ברייט פאַרשפּרייטע תורות זיינען קאָרעגירט געוואָרן [7].

לויט אַט דער סיסטעם האָט זיך חב"ד ווייניק גענויטיקט אין אַ דרוקעריי. פאַרקערט, פון אַ געדרוקטן ספר איז מען גאָרניט געווען צופרידן, און ווען עס פלעגט פון צייט צו צייט אַרויס פון דרוק אַ חב"ד'ישער ספר פלעגט מען אים ניט אַזוי גערן קויפן. עס האָט געפעלט דער רייץ און די אויפלעבונג וואָס מען האָט געהאַט ביים קומען פון רבי'ן און מיטברענגען אַ נייע תורה; ווען חסידים, נייגעריקע, זיינען געקומען פרעגן, וואָס פאַר אַ תורה מען האָט געבראַכט און יעדערער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער אויף איבערשרייבן. מיט יעדער חסיד וואָס איז געקומען פון רבי'ן האָט זיך די זאַך איבערגע'חזר'ט: אַ נייער רייץ און אַ נייע אויפלעבונג. אַ געדרוקט ספר אָבער האָט יעדערער דאַך געקענט קריגן ביים מוכר־ספרים ווען ער האָט געוואָלט, און אַ לענגערע צייט, איידער עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ צווייטער ספר, האָט מען ניט געהאַט קיין נייעס. קלאָגט זיך טאַקע דער „מיטעלער רבי" ר' דובער, דעם אַלטן רבי'נס זון און ממלא מקום, אויף זיינע חסידים, אַז אַ געשריבענע תורה קויפן זיי גערן און צאָלן די העכסטע פּרייזן און אַ געדרוקטן ספר ווילן זיי נישט קויפן אַפילו אויף די ביליקסטע פּרייזן [8].

---

5) זען די הקדמה צום תניא.

6) אַן אינגערער ברודער פון דעם אַלטן רבי'ן. ער איז געווען אַ לענגערע צייט זיין סעקרעטאַר, שפּעטער געוואָרן רב אין יאַנאָוויטש, וויטעבסקער קרייז; ער איז דער מחבר פון שארית יהודה, ווילנע, תר"א. ניו־יאָרק, תשי"ז (מיט הוספות).

7) זען „תקנות דליאזנא" געדרוקט אין גנזי נסתרות, ירושלים, תרפ"ד, 3טער טייל, זייטן טו—טז.

8) „... ידעתי טבע אנ"ש שבדברים שבכתב גם שמלאים טעות לא יחוסו כל הוצאה רבה להשיגם וכאשר יבואו אותן הדברים בעצמן בדפוס לא יחושו . . . לקנות גם במקח היותר זול וגם אותו שקונה כורכו יפה ומניחו למשמרת כשיפנה ישנה ולא ימצא פנאי לעולם . . ." דרך חיים, קאָפּוסט, תקע"ט צום סוף פון דער הקדמה.



מײַן באָבע
(סקיצע)

דוד זאריצקי

א.

— אַ צושטעל אַלע באָבעס צו אונזער באָבע!

אַלע באָבעס זיינען סתם אַלטע אידענעס, אַמאָל קליגער אַמאָל דוקא ניט, אונזער באָבע איז קליגער פון אונז אַלעמען, זי איז קליגער ניט נאָר ביים ריידן, נאָר, און אפשר מער, ביים שווייגן, אַזוי ווי זי בלינצלט מיט די קליינע, רונצלדיקע אויגעלעך, וואָס זיינען געבליבן קלאָר, ליכט־בלוי און לאַכנדיק אַפילו איצט, צו דריי און ניינציק יאָר.

הערט און ציילט: דריי און ניינציק גאַנצע יאָר, און ניט סתם יאָרן, נאָר ירושלים׳ער יאָרן.

ירושלים׳ער יאָרן זיינען שווערער ווי אַנדערע, אָנגעשטאָפּט מיט קליינע דאגה׳לעך, ווי קנייטשלעך אויף אַן אַלטן געזיכט, צעפּרעסן פון שרעק, אייגענע און פרעמדע, איינגעקאָרטשעט פון גראַשנדיקע אויסגערעכנטקייט: זאָל מען שמירן דאָס ברויט מיט „שירעס״ אָדער צולייגן אַ שטיקל טאָמאַטע אויך? זאָל מען דאָס פּעקל קליידער וואָס מען האָט באַקומען פון אַמעריקע האַלטן אינגאַנצן פאַר זיך, אָדער פאַרקויפן און קויפן געניצטערע?

אין איין קנייטש אַזאַ, ליגן טויזנטער דאגות.

און אונזער באָבע האָט אַ סך קנייטשן.

אָבער זעט די קנייטשן זעען זיך ניט. ווען איר קומט אַריין צו איר, שפּיגלט זיך אָפּ אַ לאַנגער, צופרידענער, אָנגעשטאָפּטער לעבן מיט כל־ערליי גוטס און קלוגשאַפט. די קנייטשן קלאָגן ניט און קרעכצן ניט, נאָר דערציילן שטילע ראָמאַנען, גאַנצע לעבנס עפּאָפּייען דערציילן זיי, גוטמוטיק, ניט ניינציק נאָר צוואַנציק־יעריק.

אַלע באָבעס האַלטן ביים שטאַרבן און אונזער באָבע, אַ האַ! שטאַרבן? אוודאי וועט מען שטאַרבן, אָבער סאַראַ שטאַרבעניש איז דאָס, אַז מען זיצט אַזוי מיטן הויבל אויפן גרויסן שטול, קינדער און אייניקלעך און אור־ און אור־אור־אייניקלעך שטייען אַרום, און זי זיצט אַזוי שמייכלענדיק און דער שמייכל שלייכט אַרונטער פון פּנים, גלייכט אויס די קנייטשן, צעהעלט נאָך מער די אויגן, גיסט אויס ריטשקעלעך גוטס אַרום זיך...

און פּלוצלונג זעען די העכער הונדערט פאַמיליע־מיטגלידער אַז די באָבע איז ניטאָ!

— אָט אַ דאָס הייסט ביי אייך שטאַרבן?

שטענדיק פלעגט זי לאַכן, די באָבע, ווען מען פלעגט זיך שרעקן אין איר קעגנוואָרט צו ריידן וועגן טויט.

— איך? איר וועט מיר מקנא זיין, משה האָט אויך מקנא געווען אהרנ׳ס טויט, אַ טויט איז דען דאָס? אַ דרימלעניש אַזאַ, אַזוי לייגט מען זיך שלאָפן ביינאַכט, און אַזוי וועל איך זיך לייגן שלאָפן אויף אַ לאַנגער נאַכט, הי... הי...

ב.

— אַ צושטעל אַלע באָבעס צו אונזער באָבע!

אַלע באָבעס האָבן ליב צו לערנען אַלעמען, דו טוסט ניט גוט, און דו דאַרפסט מאַכן אַנדערש, די שנור איז ניט אַזוי, און דער אייניקל וואָלט ניט געטאָט בעסער...

אונזער באָבע האָט אָך אַלץ ליב צו לערנען פון אַנדערע.

— זע נאָר פייגעשי, סאַראַ שיינע קלייד דו האָסט געמאַכט, כ׳וואָלט אויך געמאַכט אַזאַ פאַר ס׳פּיצעלע.

ס׳פּיצעלע פרעגט איר? דאָס איז איר

עלצטער אייניקל, אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער. און זי מאַכט, קליידלעך מאַכט זי פאַר מיידלעך וואָס הויבן אָן זאָגן מודה־אַני, הויכע, ווייסע יאַרמעלקעס, מיט שפּיצן וואָס קייקלען זיך אַרונטער, אַזוינע ספּעציפישע ירושלים׳ער יאַרמעלקעס מאַכט זי. אַלע אירע מער ווי הונדערט קינדער און אייניקלעך און אוראייניקלעך טראָגן די יאַרמעלקעס, און זעקעלעך שטריקט זי, און טלית־קטנ׳ס מאַכט זי און עצות גיט זי, ניט מען זאָל עס אָננעמען נאָר:

— איך וואָלט אויסגעקליבן העל־בלוי, דאָס פּאַסט מער צו אַזאַ פאַרדרייטן פּנים ווי דו האָסט, זאָגט זי צו איר בילדשיינעם אייניקל.

ביי איר איז שטענדיק פול, און זי איז קיינמאָל ניט מיד, זי געדענקט גענוי ווער עס איז שוין געווען ביי איר די וואָך און ווער ניט, זי געדענקט ווען יעדער איז געבאָרן געוואָרן און וואָס פאַראַ קרענקען האָט יעדער געהאַט, זי געדענקט וואו יעדער האָט אַ נאָרב אויפן לייב, ווען עמעצער האָט צעבראָכן אַ האַנט אָדער אַ פוס ל״ע, זי ווייס וועלכע צוקערלעך אירע קינדער, וואָס האָבן שוין היינט אייניקלעך צום חתונה מאַכן — האָבן ליב געהאַט ווען זיי זיינען אַלט געווען פינף יאָר.

זי זיצט אויף איר שטול, אָבער זי איז נאָך רירעוודיק, לאָזט זיך ניט באַדינען און באַדינט אַלעמען, איבערהויפּט קינדער.

איר האָט נאָך אַזאַ ליבע צו קינדער ניט געזען.

די קליינוואַרג קענען שוין אירע באַהאַלטנסטע קעשענעס, זיי קריכן אַרום איר, רייסן איר די קליידער, צופּן אירע דאַרעדאַרע, שטעקלדיקע הענט, קראַצן מיט די הענטלעך איר פאַרמעט־האַרטע הויט. זי קוקט אויף זיי, דוכט זיך, פון אויבן אַרונטער, גיט אַ שלעפּ אַ מיידעלע פאַרן צעפּל און כיכיקעט.

— האָסט גאָרניט קיין בושה! איך, אין דיינע יאָרן האָב שוין געבאַקן „פּיטעס״, און זיך אַליין געוואַשן אין לויג. וואָס קוקסטו אויף מיר? קוק קוק, וועסט נאָך געדענקען מיר יאָרן לאַנג און איך דיר אויך, מיינסט אַז פון דאָרטן זעט מען ניט? אוי זעט מען, איך זע אַלעמאָל מיין מאַמע, אַפילו איצט, ביינאַכט ווען איך שלאָף ניט, זע איך איר, זי שטייט דאָ ביים טיש און קלייבט אַרבעס און זאָגט תהלים, אויף אויסנווייניק האָט זי געקענט, ניט ווי דו...

ג.

— אַ צושטעל אַלע באָבעס צו אונזער באָבע!

אַלע באָבעס זיינען אַמאָל קראַנק, אַמאָל מיד, אַמאָל שלאָפט זי און אַמאָל פילט זי זיך „ניט מיט אַלעמען״. אונזער באָבע איז קיינמאָל ניט קראַנק, זי ליגט אין בעט, צוגעדעקט מיט קאָלדרעס אין זומער, אירע דינע, בלויע ליפּן צאַפּלען אין קעלט, אָבער דער קאָפּ שטעקט אַרויס פון אונטער דער קאָלדרע, און די באָבע איז דאָך נאָר קאָפּ, דער קאָפּ איז געזונט, שמייכלט, די אויגן צאַפּלען פון אומגעדולד עפּעס צו זען נאָך וואָס זי האָט ניט געזען פאַר אירע דריי און ניינציק יאָר, אפשר נאָך אַ פינטל מיטן אויג, אפשר נאָך אַ צוויטשער פון אַ פויגל:

— קוק ווי די קעץ שלאָגן זיך, כ׳האָב נאָך אַזוינס ניט געזען, ווי די פליג וואַשט איר פּנים, האַ? ממש פלאי פלאים, לוינט אַזויפיל צו לעבן כדי צו זען אַ וואונדער פון בורא עולם, ניין?

מיר האָבן נאָך איר קיינמאָל ניט געטראָפן שלאָפנדיק און זעלטן ניט אָנגעטאָן מיטן גאַנצן אָנטועכץ, דעם זעלבן זינט אונזער געדענקען. די קליידער, זאָגט זי, זיינען מכבד דעם מענטשן, איך בין זיך אַליין מכבד, דאַרף איך די קליידער אויף כפּרות. צו זעכציק יאָר בין איך געווען קליגער ווי היינט, לאַכט זי, איז פאַר מיר טאַקע בעסער טראָגן קליידער פון פאַר דריי און דרייסיק יאָרן, האַ?

מיר האָבן שוין געוואוסט ווען אירע אויגן זיינען מיד, דאַן פאַרציט זיך אַ שלייער אויף זייער בליק. דוכט זיך אַז זיי ווילן אַ גיס טאָן אַ טרער, כאָטש מיר האָבן געוואוסט אַז חוץ ביים דאַווענען און ליכט צינדן, האָבן מיר נאָך דער באָבע קיינמאָל ניט געזען וויינענדיק. מיר פלעגן זיך דאַן אַרויסרוקן, און שטייענדיק הינטערן טיר, צוגעשפּיצט די אויערן, הערנדיק:

— אויב שטאַרבן, מיין ליכטיקער ג־ט אין הימל, איז איצט, ווען קיינער איז ניטאָ, פאַרוואָס זאָלן זיי אַלע האָבן שרעק אומזיסט, אחת שתיים — און שוין, אין צוויי שעה אַרום בין איך שוין דאָרטן.

ד.

שבת פלעגט מען שטיין אין דער ריי זאָגן „גוט שבת״, דער עסן איז ניט געקראָכן אָן דעם „גוט שבת״ און אָן איר „אַ גוטינקן יאָר אויף דיר און אויף דיין ליבער נשמה׳לע״. אָבער ערב יום כפור זיינען גאָר אַלע געווען, אַלטע און יונגע, קראַנקע און שוואַכע. מ׳פלעגט קומען צופאָרן פון גאַנצן לאַנד נאָר כדי זאָגן איר אַ גוט יאָר און נעמען ביי איר ברכה.

זי איז געווען שטענדיק אָנגעטאָן ווייס, געגעסן די סעודה המפסקת כמעט גלייך נאָך האַלבן טאָג, פלעגט זי זיצן אַזוי אין שטול און ניט פאַרגעסן יעדן איינעמס

דאגה'ס, קינדער חתונה מאַכן און אויסשטייער נייען, ברית'ן און תנאימ'ס, מסחרים און אַרבעט. אַלץ האָט זי געוואוסט, אַלעמען געדענקט, געוואוסט אַפילו אַז פאַראַיאָרן איז די אָדער יענע געקומען צו שפּעט.

דאָס מאָל איז געקומען די עלטסטע טאָכטער אירע אַליין, געמאַכט זיך אַ לייַדיקע האַלבע שעה, איז מען אַרונטערגעשפּרונגען צו דער מאַמע בעטן אַ גוט יאָר. דאָס איז געווען דאָס באַליבטסטע קינד דער באָבעס, ווייל איר מאַמע איז געשטאָרבן יונגערהייט און די טאָכטער אירע איז אַ נאָמען נאָך איר מאַמע.

זי איז געזעסן, ווי שטענדיק אויף איר שטול, אָנגעטאָן מיט אַ ווייס־ווייסער הויבל, איר שוואַרצע קרעגנאָלינע איז געלעגן בכבוד'יק אויסגעשפּרייט אַרום איר, אירע קליינע, קינדער הענטלעך האָבן זיך, ווי שטענדיק, געשפּילט מיטן שפּיץ פון טישטוך, זי האָט געקוקט מיט אירע ליכטיקע, קליינע, לעבעדיקע אויגן אויף איר טאָכטער, שוין אויך אַ געדונצלטע פּרוי, קרוב צו זיבעציק וואָס האָט שוין אוראייניקלעך, אירע אויגן האָבן רואיק געשמייכלט און די טאָכטער האָט ניט געוואַגט צו פרעגן פאַרוואָס שמייכלט די מאַמע.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן צום פענסטער, די זון איז שוין צעפאַלן געוואָרן שטיקלעכווייז, ווערנדיק צונויפגעדריקט צווישן די דאַרע ירושלימ'ער געסלעך, עס איז געווען שטיל, ווי נאָר עס קען זיין שטיל ערב־יום־כפּור פאַרנאַכט ווען אַלץ טראָגט די אויגן צום הימל אין ציטערנדיק געבעט. און נאָכדעם האָט זי ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר טאָכטער און זיך צעשמייכלט ברייט, אויף וויפל איר קליינער, צעקנייטשטער מויל האָט איר דערלויבט.

— עך, האָט זי געריעדט שטיל, ניט אויפהערנדיק צו שמייכלען מיט די אויגן, עך, מיין קינדעלע, דער יצר־הרע, דער יצר־הרע, ווי מען דאַרף זיך היטן פון אים.

די טאָכטער האָט אויפגעריסן די אויגן, אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמע, נאָר די מאַמע איז געזעסן אויסגעגליכט, שמייכלענדיק, פול מיט לויטערקייט, די אויגן זיינען געווען קליין, בלוי, קלוג און אַלץזאָגנדיק:

— מאַמע, יצר־הרע, ווי קומסטו, איצט, ערב יום־כפּור צו ריידן וועגן דעם, ד־ו? א־יי־צ־ט?

איצט האָבן די ליפּן זיך נאָך מער צעעפנט, און דער שמייכל האָט זיך צערונען ווי האָניק איבערן פּנים, די קנייטשן האָבן זיך נאָך מער צונויפגעקנייטשט און געטריפט ליבע אויף דער טאָכטער:

— טאָכטערשי, ווילסט אַ קוק טאָן?

— יאָ, מאַמע, אויף וואָס?

די באָבע האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אַוועקגעלייגט זי אויפן דערבייאיקן טישל, דאָס איז געווען אַ שטעקל־האַנט, קיין פלייש איז אויף איר ניט געווען, נאָר אַ ביין אַרומגעוויקלט מיט הויט. הויט? ניין, אַ שטיק אויסגעטריקנט פּאַרמעט, די קנייטשן זיינען געווען בולטע, ווי אויסגעטריקנטע, פאַרדאַרטע ערד אין טרוקענעם זומער:

— זעסט! ווען אַפילו דו וואָלסט ניט געוואוסט מיינע יאָרן, קענסטו זיי דערקענען אויף מיין הויט, קיין טראָפּן לחלוחית איז שוין ניטאָ. ווען איך צי צוזאַמען די הויט, גייט עס ניט אָפּ צוריק נאָר בלייבט אַזוי צוזאַמענגעקנייטשט. אַלט, מיין קינד, זייער אַלט, און פונדעסטוועגן, מיינסטו איך האָב שוין קיין יצר הרע ניט? אוי, וויי, האָב איך, נאָך אַ מין האָבן ———

— דו, מאַמע, דו?! איצט?

דוקא איך און דוקא איצט. אַ שטייגער, מיין קינד, וועגן וואָס, מיינסטו, טראַכט אַזאַ אידענע ווי איך, אין מיין עלטער און אין דער גרויסער שעה? האַ? אַ שטייגער, וועגן וואָס?

— נו, וועגן יום־כפּור, וועגן ———

— זעסטו? ניין, אין מיין עלטער און אין דער גרויסער שעה טראַכט איך: אָ, ביילע איז נאָך ניט געווען, און חיה־פראַדל איז נאָך ניט געקומען מיר זאָגן אַ גוט יאָר, פאַרשטייסט מיר?

— נו, איז דאָס ניט יצר הרע? אין מיין עלטער, אין אַזאַ גרויסער שעה, ערב יום־כפּור פאַרנאַכט — דאָס איז יצר־הרע, מיין קינד, אַ יצר הרע פון אַ דריי און ניינציקיאָריקער, ווי איז מיר, נעבעך ———

אַ צושטעל אַלע באָבעס צו מיין באָבע!

חשבון הנפש פאַר חנוך

ד״ר הלל זיידמאַן

אין מיטלפונקט פון ראש השנה שטייט די אידישע מאַמע מיטן אידישן קינד: מיר לייענען אין דער קריאה וה׳ פקד את שרה, וועגן יצחק׳ס געבוירן ווערן — דאָס ערשטע אידישע קינד צום ערשטן אידישן פאָטער. אין דער הפטרה די תפילה פון חנה׳ן, איינע פון די רירנדיקסטע תפי־לות אין תנ״ך. ס׳ווערט געבוירן שמואל הנביא, דער קעניג־זאַלבער, דער נביא — דער מלכות־גרינדער. אין די תפילות ווי־דער ראש השנה הערן מיר דאָס געוויין פון דער מאַמע רחל, דאָס געוויין פון דער מוטער אויף אירע קינדער, רחל מבכה על בניה. און ווי האַרץ־וואַרעמדיק די ליבשאַפט צום „טייערן זון מיר אפרים״, הבן יקיר לי אפרים.

ראש השנה — „דער קאָפּ פון יאָר״

אָט אַזוי פראַלט זיך אויף דער טויער פונעם נייעם יאָר, — וואָס ווער ווייסט? אפשר פון אַ נייער תקופה, — מיט גע־שעענישן, תפילות, בענקשאַפטן, ליבשאַפטן, אַרום דער אידישער מאַמע און אידישן קינד.

אַזוי שיינט אויף פאַר אונזערע אויגן ראש השנה, דער קאָפּ פון יאָר. די מחשבה פונעם יאָר. און די מחשבה איז ממילא דער אָנהויב; סוף מעשה במחשבה תחילה.

וואָס איז די מחשבה ביים אָנהויב? וואָס איז דער בראשית־געדאַנק פונעם אי־דישן יאָר? וואָס דאַרף צום סאַמע ערשטן אויפוועקן דעם רעיון אין יום הזכרון?

יסודות־אַוועקשטעלונגען

אַוועקשטעלן יסודות. יסודות נישט בלויז פאַרן נייעם יאָר, נאָר אויך פאַר דער נייער וועלט, וואָס דאַרף אויפ־גיין אין דער „נייער וועלט״, אַמעריקע. און דער יסוד איז חינוך.

חינוך איז אָנהויב. וואָס ראש השנה איז אין צייט איז „ראש האָדם״ — אָנהויב פון פאָרמירן אידישן מהות — אין מענטשן. דעריבער שטייט אין צענטער פון ראש השנה די אידישע מוטער און דאָס אידי־שע קינד — אין אָנהויב פון דעם לאַנגן, שווערן, אָבער ליכטיקן וועג פון איד־זיין. דעריבער איז ראש השנה, וואָס איז אויך „ראש האָדם״, ווי געזאָגט, זה היום תחילת מעשיך, דער אָנהויב פון ג־טלעכ־קייט־מעשים.

דער שטענדיקער אָנהויב פון באַנייאונג

נאָר דער אָנהויב איז אַ שטענדיקער. פון דעם וואָס השי״ת האָט באַשאַפן די וועלט יש מאין דרינגט אַרויס, אַז די באַשאַפונג איז אַ שטענדיקע, אין יעדער מינוט, זאָגט כ״ק האדמו״ר מליובאַוויטש, שליט״א. די געוואַלדיקע נייע געשעעניש פון ששת ימי בראשית, וואָס דעמאָלט איז פון אַבסאָלוטן נישט־זיין באַשאַפן געוואָרן אַ מציאות, חזר׳ט זיך איבער אין יעדן מאָמענט. שטענדיק ווערט אַ ניי ווערן. דאָס איז די התחדשות פון דער בריאה.

ווען מיר ריידן אין זעלבן זין וועגן חינוך, באַהאַנדלען מיר די שטענדיקע התחדשות פון דער יצירה פונעם מענטש.

די דאָזיקע התחדשות קען ניט זיין אין סתירה צו תורה. וואָרום, — לאָמיר ווײ־טער ברענגען די ווערטער פונעם רבי׳ן שליט״א, — פון דער הנחה אַז תורה איז דער יסוד פון בריאת העולם, אַז תורה איז, ווי די חז״ל זאָגן, דער פלאַן, דער „בלו פרינט״ פון דער וועלט, דרינגט דאָך אַרויס, אַז די מציאות פון דער וועלט קען ניט זיין אין ווידערשפרוך צו תורה. ס׳קען ניט זיין קיין סתירה צווישן ווירק־לעכקייט און מצוות, ווייל די מציאות פון דער וועלט איז, ווי געזאָגט, תורה.

די מציאות פון תורה און מציאות פון וועלט

דערפון דרינגט אַרויס די מסקנה, אַז תורה׳דיקער חינוך איז ניט אין ווידערשפּרוך צו דער רעאַליטעט פונעם לעבן. אידישער חינוך איז נישט קיין סתירה צו די נאַטור־געזעצן פון דער וועלט. פאַרקערט, דורך יהדות־דערציאונג ווערט פאַרווירקלעכט תורה אין עולם העשיה, וואָס באַקומט דורך דעם איר תיקון.

דאָס איז די אויפגאַבע פונעם מענטשן אויפן געביט פון חינוך. ווי ס׳האָט געהאַט געזאָגט אַ צדיק: וירא אלקים את אשר ע ש ה והנה טוב מאוד, השי״ת האָט געזען, אַז אויך דער „עשה״, דער עולם העשיה, איז טוב מאוד, — אויב דער מענטש פירט דורך זיין שליחות („מאד״ איז, אגב, די אותיות „אָדם״) אַלס שותף צו מעשה בראשית.

מאוד מיינט „זייער״. „בכל מאודך״ מיינט אויך „מיט דיין גאַנצן זייער״, דאָס הייסט, מיטן אויפברענגען דעם מאַקסימום פון דיין פּערזענלעכקייט, דאָס העכסטע פון דיין ווילן און טאָן.

און פונקט ווי מעשה בראשית פון וועלט־באַשאַף איז אַ שטענדיקער פּראָצעס, אַזוי איז אויך מעשה בראשית פון מענטש־באַשאַף. דאָס געשטאַלטן אַ מענטש אין ג־טלעכן געשטאַלט איז ניט קיין איינמאָליקער פאַרענדיקטער אַקט פון נעשה אָדם בצלמנו. דאָס איז אַ פּערמאַנענטער פּראָצעס, צו וועלכן דער מענטש איז צוגעצויגן אין שותפות, אַלס שותף למעשה בראשית וואָס דאָס מיינט דאָך אויך אַ שותף צו מעשה בראשית פון מענטש־אויסשטאַלטונג. ווי אַזוי? דורך חינוך.

בריאה און יצירה

ב ר י א ה איז אַ פונדאַמענטאַלע טאַט. י צ י ר ה — אַ שטענדיקע מיטבאַטייליקונג פון דעם מענטשן. בריאה איז יש מאין, יצירה איז אויספאָרמען וואָס איז שוין דאָ.

וואָס מיינט עס אין קאַטעגאָריעס פון יצירה פון דעם מענטשן? אויסבילדן כאַראַקטער. מאַכן שלימות׳דיק, דורך יצירה, די דורך־בריאה־איינגעבוירענע מתנת־אלקים טאַלאַנטן און פעאיקייטן, אין דער ריכטונג פון קיום התורה, מיט אין וואָרט, אַנטוויקלען פּאָטענציעלע כוחות הנפש — דורך חינוך.

דאָס אחריות פון אַ נשמה־סקולפּטאָר

דאָס איז אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. דאָס איז אַ פעולה, וואָס פאַרלאַנגט פיר זאַכן: כשרון, ליבשאַפט, טרייקייט און מסירת נפש. נישט יעדער גיט זיך אָפּ רעכענונג דערפון. יעדער פאַרשטייט דאָס אחריות פון אַ דאָקטאָר וואָס באַהאַנדלט דעם פיזישן חלק פון מענטשן, אָבער נישט יעדער פאַרשטייט די אחריות, און די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס, וויסן און פעאיקייט, בנוגע דעם רוחניות׳דיקן טייל.

אָבער ווען אַ סקולפּטאָר וויל אויסשניצן אַ מענטשלעכע פיגור, דאַרף ער קודם־כל באַזיצן וויסן אין אַנאַטאָמיע, אין געבוי פון מענטשלעכן קערפּער, און דאַרף ער זיין אַ קינסטלער געבענטשט מיט טאַלאַנט, אָפּט מיט זשעני. און וואָס קומט אַרויס? אַ טויטע פיגור, אַ נאָכמאַכן אַ מענטשלעכע געשטאַלט. היינט — אַ מחנך, וואָס דאַרף אויספאָרמען אַ לעבעדיקן מענטש, וואָס דאַרף אויסגעשטאַלטן אַ אידיש וועזן, וואָס דאַרף אויסשפּילן די ג־טלעכע סימפאָניע פון תורה אויף די אידלסטע סטרונעס פון אַ קינדישער נשמה — וויפל אַחריות, וויסן, קענען און טאַלאַנט דאַרף ע ר באַזיצן?!

אָבער איינער וואָס וויל זיין אַ פּאָליטישער פירער ביי אידן, אַן אויספאָרמער פונ׳ם כלל, פון זיין וועזן און גורל, — וויפל כשרון, וויסן און מדות, וויפל אחריות און טרייקייט דאַרף ע ר פאַרמאָגן? פונדעסטוועגן זעט מען אָפּט ווי פאַרטאַטשעס, קליינע מענטשעלעך מיט גרויסע אַמביציעס, טוען זיך אָן דעם מאַנטל פון מנהיג און זיינען פוסעים על ראשי עם קדוש... (זיי שפּאַנען איבער די קעפּ פון הייליקן פאָלק) און אַ מנהיג דאַרף דאָך זיין קודם כל און בעיקר אַ מ ח נ ך!

(סוף אויף זייט כד)

אבותינו ספרו לנו...

סיפורים און ענינים וועגן נשיאי און חסידי חב״ד פאַרצייכנט לויט אויטענטישע מקורות

דורך הרב ר׳ זלמן שמעון דוואָרקין

א.

איינער אַ איד, אַ בעל־הבית, איז אַמאָל געווען ביי דעם „מעזריטשער מגיד״ און ווען ער איז אַריין צום „מגיד״ נעמען פון אים „ברכת הפרידה״ (געזעגענונגס־ברכה), האָט ער געבעטן ביים „מעזריטשער מגיד״, ער זאָל אים געבן אַ סדר־עבודה פאַר אַ בעל־הבית. (דאָס מיינט, פאַר אַ אידן וועלכער איז ניט אַריינגעטאָן שטענדיק אין לערנען, נאָר איז פאַרנומען מיט וועלטלעכע טעגלעכע באַשעפטיקונגען). דער מעזריטשער מגיד האָט אים געענטפערט: אַז ווען ער וועט איצט פאָרן אַהיים, זאָל ער זיין נסיעה איינאָרדענען אַזוי, אַז ער זאָל דורכפאָרן דורך דער שטאָט זשיטאָמיר — און דאָרט, אין זשיטאָמיר, וואוינט זיין תלמיד הרה״ק ר׳ זאב וואָלף — זאָל ער, דער איד, פאַרפאָרן צו ר׳ זאב זשיטאָמירער און זאָגן אים אין נאָמען פון דעם מגיד, אַז ער, ר׳ זאב וואָלף, זאָל דעם אידן לערנען אַ סדר־העבודה פאַר אַ בעל־הבית.

ווען דער איד איז געקומען אין זשיטאָמיר און האָט דערגרייכט די וואוינונג פון ר׳ זאב וואָלף, איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט; אין גאַס האָט מען שוין קיין מענטש ניט געזען, ס׳איז געווען חושך ואפילה און אַ שטאַרקער רעגן האָט געגאָסן. דער איד האָט געקלאַפּט אין דער טיר פון ר׳ וואָלפ׳ס הויז אָבער קיינער האָט אים די טיר ניט געעפנט. דורכן פענסטער האָט ער געזען אַ לויכטנדיקן צימער, וואו הרה״ק ר׳ זאב האָט זיך געפונען אַ וואַכעדיקער. האָט דער איד נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געקלאַפּט אין טיר, אין פענסטער — אָבער אָן דערפאָלג. מ׳האָט אים די טיר ניט געעפנט. בלית־ברירה, איז ער געבליבן שטיין לעבן דער הויז פון ר׳ זאב וואָלף און זיך געגעצט אונטערן רעגן, ווייל אין אַזאַ שפּעטיקער שעה אין נאַכט האָט ער ניט געהאַט קיין אויסוועג צו גיין זוכן אַן אַנדער פאַרפאָר־פלאַץ.

ס׳איז אַדורך אַ שטיק צייט האָט זיך פלוצים געעפנט די טיר און הרה״ק ר׳ זאב וואָלף האָט אים אַריינגענומען אין הויז. ער האָט דעם אידן געגעבן שלום, אים באַזאָרגט מיט טרוקענע בגדים און האָט ביי אים געפרעגט פון וואַנען און וואוהין ער פאָרט. האָט דער איד אים דערציילט די גאַנצע מעשה: אַז לויטן אָנזאָג פון מעזריטשער מגיד איז ער געקומען זיך אָפּלערנען פון ר׳ זאב זשיטאָמירער אַ סדר־עבודה פאַר אַ בעל־הבית. ר׳ זאב וואָלף האָט אים דערויף גאָרנישט געענטפערט. איז דער איד געבליבן אין הויז פון ר׳ זאב וואָלף, און האָט זיך דאָרט אָפּגעזאַמט אַ גאַנצע וואָך. אָבער די גאַנצע צייט האָט ר׳ זאב וואָלף אים נאָר געגעבן עסן און טרינקען, אָבער ער האָט מיט אים גאָרניט גערעדט וועגן דעם ציל פון זיין קומען און דער איד האָט אויך ניט געזען עפּעס באַזונדערס, וואָס זאָל אים אָנצייגן דעם געוואונטשן סדר־העבודה פאַר אַ איד אַ בעל־הבית.

ענדלעך האָט זיך דער איד ניט איינגעהאַלטן און געפרעגט ביי הרה״ק ר׳ זאב וואָלף, פאַרוואָס איז ער ניט מקיים דעם אָנזאָג פון מעזריטשער מגיד, אויף צו ווייזן אים דעם סדר העבודה? האָט אים ר׳ זאב וואָלף געענטפערט: וואָס הייסט כ׳האָב ניט מקיים געווען די פקודה פון מיין רבי׳ן! גלייך אין דער ערשטער שעה פון דיין קומען צו מיר האָב איך דיר דאָך באַלד געוויזן ווי אַ איד אַ בעל־הבית דאַרף זיך פירן. אַז דער בעל־הבית וויל, עפנט ער די טיר און לאָזט אַריין צו זיך פון דרויסן; און אַז ער וויל ניט, פאַרשליסט ער די טיר און לאָזט פון דרויסן צו זיך ניט אַריין...

(דער וואָרט האָט זיין טיפן אַנדייט, אַז אַ איד אַ בעל־הבית מוז זיין אַ פולער געוועלטיקער — אַ בעל הבית אויף זיך אַליין...).

עס איז דאָ אַ צווייטער נוסח אין דעם ענטפער פון ר' וואָלף זשיטאָמירער צום אידן: דער סדר פון אַ בעל־הבית איז, אַז אינדערפרי הייצט ער אָן אַלע „אויוונס" פון הויז, בכדי אַז אַ גאַנצן טאָג זאָל זיין וואַרעם אין „הויז"; און אין אָוונט פאַרמאַכט ער די „פּאַדוואָראָטניצע" (אַזאַ מין ברעט וואָס האָט געדינט צו פאַרמאַכן די עפענונג צווישן טויער און דער ערד) פון טויער, אַז די „דברים אחרים" זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן אין זיין „רשות"...

(אויך דער טיף באַדייטנדיקער זאָג איז אַ קלאָרער אָנווייז אין עבודה).

(ביידע נוסחאות געהערט
פון רש"ג אסטרמאַן נ"ע)

ב.

אין איינעם אַ ישוב, אין געגנט פון ליובאַוויטש, האָט געוואוינט איינער פון דעם „צמח צדק'ס" חסידים. ער איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער, און האָט פאַר זיין טאָכטער גענומען אַן עילוי'שן חתן, וועמען ער האָט באַזאָרגט מיט אַלע הצטרכות'ן בכדי דער איידעם זיינער זאָל קענען זיצן און לערנען תורה אומגעשטערט. אין אָנהויב איז דער איידעם טאַקע געזעסן און געלערנט, אָבער אין לויף פון דער צייט האָט ער זיך גענומען חבר'ן מיט ניט קיין פרומע יונגעלייט, האָט אויפגעהערט לערנען און איז אַראָפּ פון אידישן וועג.

פאַרשטייט זיך, אַז זיין שווער, דער חסיד, האָט זיך דערפון שטאַרק גענומען צום האַרצן און געהאַט גרויס צער. איז ער געפאָרן צום „צמח צדק" און האָט אויסגעגאָסן דאָס האַרץ. האָט אים דער צמח צדק געזאָגט, אַז ער זאָל זיין איידעם מיטברענגען אין ליובאַוויטש צו אים, צום צמח צדק. דער חסיד איז מיט גרויס פרייד געפאָרן אַהיים. אָבער ווען ער האָט עס פאַרגעלייגט זיין איידעם האָט ער ניט געוואָלט הערן דערפון (ווי דאָס איז אָפט דער שטייגער ביי געראָטענע עילוי'שע יונגעלייט וואָס ווערן ר"ל „געכאַפּט" און טרעטן אָפּ פון דרך התורה והאמונה: וואָס הייסט ער וועט עפּעס פאָרן צו אַ רבי פון חסידים!). נאָך פיל געבעט און תחנונים האָט אָבער דער חסיד גע'פועל'ט ביים איידעם, ער זאָל צוזאַמען מיט אים צופאָרן אויף איין ווילע אין ליובאַוויטש.

(אַן אַנדער נוסח גיט צו: דער שווער האָט עס קוים גע'פועל'ט ביים איידעם נאָר אויף דעם אופן אַז ווען ער, דער איידעם, פאָרט זיך דורך אויף זיין אַפּטן שפּאַציר, רייטנדיק אויף זיין פלינקן פערד, זאָל ער אַזוי פאַרבייפאָרן דעם ליובאַווי־טשער הויף, לשם נייגעריקייט, און אָן אַ צוזאָג אַפילו אַריינצוגיין צום צמח צדק. אָבער קומענדיק אין הויף, און באַגעגנדיק דעם בליק פון צמח צדק האָט ער שוין באַלד פאַרלוירן זיין לייכטזיניק־חוצפה'דיקן שטעל... [פון רמ"מ דובראָווסקי ז"ל, וואָס האָט געהערט פון ר' יואל פּאָדאָבראַנקער]).

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין הויף פון צמח צדק'ס וואוינונג, האָט דער צמח צדק זיי תיכף באַמערקט פון פענסטער, און האָט אַ רוף געטאָן דעם יונגערמאַן צו זיך. דער איידעם האָט גלייך געפאָלגט. ווען ער איז צוגעקומען, פרעגט אים דער רבי דער צמח צדק: קענסט מיר זאָגן וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ יונגן, געזונטן פערד און צווישן אַן אַלטן שוואַכן פערד? ענטפערט דער יונגערמאַן: דער חילוק באַשטייט אין דעם, וואָס אין דער צייט וואָס אַ שוואַך פערדל קען אַדורכגיין פינף מייל, למשל, קען אַ „גוט"־געזונטער פערד אַדורכלויפן צוואַנציק מייל. רופט זיך אָפּ דער צמח צדק: ריכטיק, ריכטיק, אָבער ווי איז דער פאַל ווען דער „גוטער" פערד גייט אַראָפּ פון אויסגעטראָטענעם וועג און פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד — פאַרקריכט ער אין בלאָנדזשעניש פיר מאָל ווייטער פון אַ שוואַכן פערד! ענטפערט דער יונגערמאַן: אַוודאי איז עס אַזוי — דאַן ווערט די מעלה זיינע פאַרוואַנדלט אין אַ חסרון. זאָגט צו אים ווידער דער רבי: פונדעסטוועגן, איז אָבער דאַן, ווען דער „גוטער" פערד דערפילט אַז ער בלאָנדזשעט און גייט צוריק צום ריכטיקן וועג — איז דאָך אויך זיין צוריקקער צום אמת'ן דרך (און זיין ווייטערדיקער גאַנג אויפן דרך הישר) אויך פירפאַכיק שנעלער!...

נו, די רייד פון רבי'ן צמח צדק האָבן שוין אויפגעטאָן דאָס וואָס זיי האָבן געדאַרפט: דער צוריקקער פון דעם „גוטן" און געראָטענעם עילוי'שן איידעם איז געווען אַ גאַנץ שנעלער — ער איז קומענדיק אַהיים געוואָרן אַן אמת'ער בעל־תשובה און האָבנדיק אַזעלכע טייערע כשרונות און חושים, האָט ער הויך געשטיגן.

(געהערט פון רש"ג אסטרמאַן נ"ע)

תיקון טעות: אין „אידישע היים" פון אד"ב (נומ. 4), זייט ח', ביים אָנהויב פון צווייטן פּאַראַגראַף איז געשריבן: „ר' הלל פּאַריטשער... פאָרן פון וויטעבסק קיין ליובאַוויטש" — דאַרף זיין פון באַברויסק...

אַ נייער היטל

ד. דאוווסקי

ס׳איז געווען אַ ניי היטל. פון אַ געשטרייפטער, טונקל־גרויער סחורה מיט אַ האַרטן „קאָזיראָק״. פונקט אַזאַ ווי איך האָב שטענדיק געוואָלט. דער עיקר — אַ נייער „קאַרטוז״!

ער האָט אָנגענעם געשטייפט מיין קאָפּ. כ׳האָב געפילט אַ נייקייט, אַ פרישקייט אַרום מיין שאַרבן. געוויס האָט דאָס היטל ניט געשטימט מיט מיין גאַנצער הלבשה. דער רעקל צעלעכערט אין באַהאַלטענע און אָפענע ערטער. די הויזן אונטערגעקירצט און היפש אַרומגעלאַטעט. האָב איך דאָך פאַרקנעפּלט די צוויי קנעפּלעך פון רעקל און אויסגעגלייכט די לאַצן. כ׳האָב מיט אַ קאָמבינירטן דריי פון אַרבל פאַרדעקט אַ פּאָר דורכגעריבענע לעכלעך און אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען אין דער הויך. מיין אינטואיציע האָט מיר געזיכערט, אַז כ׳זע איצט אויס בעסער.

דאָס אַלטע היטל האָב איך געהאַלטן אין האַנט. מ׳האָט עס אַפילו געקענט אַריינשטעקן אין דער קעשענע. דער „קאָזיראָק״ איז סיידוי געווען ווייך ווי קאַשע. האָב איך לעצטנס טאַקע געמוזט טראָגן מיטן „קאָזיראָק״ אויף אַ זייט. אַנישט, איז עס געפאַלן אויף מיינע אויגן. כ׳האָב אָבער מיין גרויסע הויזן־קעשענע ניט געטרויט. אין דער דאָזיקער קעשענע האָט געשטעקט אַ מין כישוף: דער ריס איז דאָרט געווען אין אַ זייט; און דערצו איז עס געווען ניט קיין גרויסע עפענונג. אָבער וואָס כ׳זאָל ניט געווען אַריינלייגן אין דער קעשענע — האָב איך עס שפּעטער שוין קיינמאָל דאָרט ניט געפונען. ניט געקוקט וואָס כ׳האָב תמיד אויסגערעכנט די דאָזיקע מעגלעכקייט און געלייגט אַהין מיט נויטיקער באַוואָרעניש.

האָב איך דערפאַר געהאַלטן דאָס היטל אין האַנט. ס׳קען נאָך צוניץ־קומען. און דער מזל האָט מיר יענעם טאָג געשיינט. דער טאַשקענטער טראַמוויי איז באַלד געקומען. איינגאַנצן געוואַרט אַ פערטל שעה. זיין טראַסקעניש האָט מיך אויפגעוועקט. כ׳בין מיטן טראַמוויי געפאָרן צוויי מאָל אַ טאָג, אָבער כסדר דערוועקט עס אין מיר אַ שטיקל פיבער. אַ מין נערוועזיטעט. אַן איבערבלייבעניש פון מיינע ערשטע קינדישע פאָרעגישן אין דער גרויסער הויפּטשטאָט. די זעלבע וואַרטעניש און די זעלבע ענגשאַפט.

אָבער טרעפט אַמאָל, אַז ס׳גייט ווי געשמירט. דער אָנקומענדיקער טראַמוויי איז געווען היפש ליידיקלעך. כ׳מיין קיינער איז ניט געהאָנגען אויף די טרעפּ. אַפילו אינעווייניק האָט מען געקענט פריי באַוועגן מיט די הענט. האָב איך מיך גיך אַריינגעגליטשט. כ׳האָב נאַטירלעך אַזוי מאַנעווורירט מיט די עלנבויגנס, אַז מ׳זאָל ניט „שעדיקן״ מיין נייע היטל.

כ׳האָב תמיד אין זינען געהאַט די „קאָנסטיטוציע״ פון די טראַמוויי־פאָרער. דער ערשטער פונקט איז געווען: האַלטן וואַך די אויגן און יעדן חוש. די הענט אויך. ניין, ניט אויף צוריקשלאָגן. נאָר פשוט: פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אַנדערע הענט. יענעם מאָל זיינען אָבער מיינע קעשענעס געווען הויל. מיין גאַנצער אוצר איז מיר געלעגן אויפן קאָפּ. און אויף דעם נייעם היטל האָב איך דאַן קיין סעקונדע ניט פאַרגעסן. כ׳האָב אָבער קיינמאָל ניט געהערט, אַז מען זאָל לקח׳נען היטלען פון די קעפּ אין די טראַמווייען.

לעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגער שייגעצל. אַ יאָר 13־14. געוויס אַ שייגעץ: זאַמדיקע האָר, גרויע אויגן און צעבראָכענע ציינער. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ

שאַרפֿן וואונק און אַ זייטיקן שמייכל. נו, דאָס איז ניט געווען קיין חידוש. אַ סך מאָל האָבן מענטשן זיך פֿאַרזיכטיק אָפּגערוקט פֿון מיר. אין מאַרק, אין טראַמוויי — אויב ס׳איז געווען מעגלעך. ס׳האָט ניט שטאַרק פֿאַרדראָסן: קענען מענטשן אַריינקוקן גלייך אין האַרץ? מ׳באַמערקט צום ערשט דעם הילוך. מיין הלבשה איז געווען די סאַמע דורכשניטלעכע. די פּיאות זיינען געווען לרוב פֿאַרוואַקסן; די ציצית אַלעמאָל גוט פֿאַרבאַהאַלטן. — טאָ האָסטו אין מיר כמעט אַ גענויעם אויסזען פֿון אַזאַ, וואָס מ׳דאַרף זיך היטן.

אין טראַמוויי זיינען מענטשן אַריין און אַרויס. כ׳האָב זיך באַוועגט צוזאַמען מיט דער מאַסע. אָט אין איין ברעג, אָט אין צווייטן. געדרוקט און געדרייט זיך ווי דער שטייגער אין אַ טראַמוויי. דער עולם האָט גערודערט, דער טראַמוויי האָט געטראַסקעט און געסקריפּעט — אָט צעפֿליען זיך די רעדער און דער גאַנצער וואַגאָן וועט זיך באַלד אַריינוואַליען אין אַ ליימענער הייזקע. אַזוי האָט זיך געדוכט. אָבער מאַדנע: אין אַלע טראַמוויי־גלגולים איז תמיד דער שייגעץ אויסגעוואַקסן האַרט לעבן מיר. אַראָפּשפּרינגען? כ׳האָב אָבער נאָך געדאַרפֿט פֿאָרן אַ שטיק וועג.

ער זשמוערט אונטער אַן אויגל. אַ גנבֿ׳יש פֿריינטלעך שמייכל. אָבער וואָס וויל ער פֿון מיר? כ׳האָב צוריקגעשמייכלט. שפּעטער אים איגנאָרירט און אַפֿילו אָפּגעקערט דעם קאָפּ. אמת, כ׳האָב באַמערקט אין אַ סעקונדע ווי זיינע בליקעלעך לאָזן אויף מיין נייעם היטל. איז וואָס? ס׳איז ניט אין דרך פֿון גניבה. דאָך האָב איך נאָכמער פֿאַרשטייפֿט דעם היטל אויפֿן שטערן כמעט ביז די אויגן. פֿאָרן מיר ווייטער און ווייטער.

דער טראַמוויי איז צוגעקומען צו דער סאָוועטסקע גאַס. אַ גרויסע סטאַנציע. דאָ איז אַן אַריינגאַנג אין מאַרק. אַ היפּשע מחנה האָט באַלאַגערט די טיר פֿון טראַמוויי. אין דעם נידעריקן חלל פֿון טראַמוויי, איבער די קעפּ, האָבן גערודערט קאַשיקעס, בייכיקע זעקלעך און געוויינטלעכע זידלקללות. אַ מעכטיקער שטויס האָט אונדז פֿאַרטראָגן צו דער צווייטער טיר. דער שייגעץ האַרט לעבן מיר. אין אַזעלכע מאָמענטן זיינען די פּאַסאַזשירן שטאַרק פֿאַרנומען מיט זיך אַליין. מ׳דאַרף אויפֿהאַלטן דעם גלייכגעוויכט. געפֿינען עפּעס אַ שטיקל צוויי־פֿיסיקע פּאָזיציע. האָב איך מיינע ביידע הענט פֿאַררייסן אין דער הויך, געזוכט צו אָנטשעפּען אין עפּעס. און פּונקט דאַן, ווען מיין האַנט מיט דעם אַלטן היטל האָט געשוועבט אין לופֿטן, האָב איך דערפֿילט אַ לופֿטיקייט איבער מיין קאָפּ. ניטאָ מיין ניי היטל! צוזאַמען מיט דער אַלטער יאַרמלקע. אינסטינקטיוו האָב איך באַלד אָנגעטאָן דעם אַלטן היטל אויפֿן קאָפּ.

אַביסל זיך געשראָקן פֿאַר אַזאַ „בראָך”. ס׳איז אָבער דאָך געווען איבערראַשנדיק: לעבן מיר איז געשטאַנען דער שייגעץ און מיין ניי היטל אויף זיינע זאַמדיקע האָר. אַביסל אויף אַ זייט, שקאַציש. זיין פּנים שוין פֿול מיט רוגזה, אַרויסרופֿעריש.

כ׳האָב פֿאַרגעסן מיין פּחדנות. ערשט געקויפֿט אַ ניי היטל — און שוין! אויס! עמעצער האָט מסתמא באַמערקט זיין שטיקל אַרבעט — האָב איך אַ געשריי געטאָן: גיב אָפּ מיין היטל! כ׳האָב נאַרוואָס געקויפֿט... גיב אָפּ!

כ׳האָב אויף מיין לעבן ניט געהערט אַזאַ גלאַט צינגל ביי אַזאַ יונגן שייגעצל: „גוטע מענטשן! חדשים געזאַמלט, געטרוימט צו קויפֿן אַ היטל — בלוט־האַרציקע געלט באַצאָלט, און איצט וויל ער צונעמען!...”

כ׳האָב זיך שיער צעוויינט: „ס׳איז מיין היטל? זאָגט, גוטע לייט”.

אין דער גרויסער קוועטשעניש האָבן מענטשן גענומען בייז וואָרטשען. געוואָרפֿן צאָרן־בליקן אויף אונדז. ווער ס׳האָט מיט כוחות זיך אָפּגערוקט פֿון אונדז; אַנדערע — זיך צוגעשטופּט: „וואָס קומט דאָ פֿאָר?”; „אַך ווי זיי „פֿלאַדיען” און מערן זיך די גנבים!”; „מ׳רייסט שוין די היטלען פֿון קאָפּ!” „די הענט זיי אָפּשניידן!” „די האָר פֿון קאָפּ רייסט מען!”

דער געפֿילדער איז געוואַקסן. כ׳האָב שוין געוואָלט פּטור ווערן. באַשערט אַ שאָדן! צו אַלדי רוחות דער שייגעץ מיט דעם היטל צוזאַמען. אָבער דער שייגעץ האָט שוין ניט אָפּגעלאָזט.

„אַזאַ אוזשאַס! אין מיטן העלן טאָג — זאָלן די גוטע ערלעכע מענטשן זאָגן דעם אמת: איאָ כ׳האָב פֿריער געטראָגן דעם היטל? זאָגט, גוטע לייט”.

און די גוטע לייט האָבן געשריען: „זיכער! ער, דער אומגליקלעכער, איז אַריין אין טראַמוויי אינעם היטל! אָט־דער בלאָנדינקער אינגעלע!”

צווישן די געשרייען האָבן אַ פּאָר קולות זיך אָנגענומען פֿאַר מיר: זיי האָבן פֿריער מיך געזען אין נייעם היטל...

אָבער דער שייגעצל האָט געשריען: „קוקט! גוטע לייט! ער טראָגט דאָך אַן אַנדערן היטל!”

האָבן אין טומל זיך גענומען הערן: „מ׳דאַרף מיליציע! זאָלן זיי ביידע גיין אין טורמע!” כ׳האָב שוין בלויז עפּעס געמורמלט, זיך געהאַלטן ביי מיינס. גע־

מוזט אַזוי טענה׳ן. אַנישט — איז מי יודע וואָס מ׳וואָלט מיר דערפאַר געטאָן.

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָט מען אויסגענוצט די געלעגנהייט. די טומלדיקע פּאַסאַזשירן האָבן אונז ביידע אַרויסגעשטופּט פון טראַמוויי. עטלעכע גוים און להבדיל אַ אידישע פרוי (וואָס האָט מיך פאַרטיידיקט) זיינען אויך אַראָפּגע־שפּרונגען. זיי האָבן אונז אַרומגערינגלט. גע׳פּסק׳נט: מ׳מוז גיין אין מיליציע.

איבער דער גאַס האָט זיך רואיק שפּאַ־צירט אַן אוזבעקישער מיליציאָנער. איך האָב שטיל תפילה געטאָן. „מיליציע" איז דאָס סאַמע גרעסטע שרעק־וואָרט...

„נו, נעם דעם היטל" — האָב איך געזאָגט צום שייגעץ — „איך שענק עס דיר"...

„ניין, מיין טייערינקער — די מילי־ציע וועט שוין פּסק׳ענען!"

די אידישע פרוי האָט מיר שטרענג געזאָגט אין אידיש: „האַלט זיך ביי דיינס, אינגל! דו הערסט? האָב ניט קיין מורא... איך וועל שוין עפּעס זען דערצו... האָב ניט קיין מורא!"

דער מיליציאָנער איז צוגעקומען. אונז אָפּגעמאָסטן מיט אַ העכסט נאָכלעסיקן ביטול. ווי מ׳קוקט אויף בלאָטע. ער האָט קוים זיך באַמיט צו עפענען ס׳מויל: „היי, קאַראַבטוק, קאַראַבטוק". ער האָט ניט גע־וואָלט הערן קיין שום טענות פון אונזערע „באַגלייטער". ער האָט אַ פעסטן קראַץ געטאָן זיין פּאַטיליצע און אַ ברום געטאָן: „קומט!" און כדי מיר זאָלן ניט אַנט־לויפן, האָט ער צוזאַמענגענומען מיין רעקל־פּאָלע אינאיינעם מיטן ברעג העמדל פונעם שייגעץ. ער האָט שטייף צוזאַמענגעדרייט, ווי מען דרייט אויס אַ בגד ביים וואַשן. אָט אַזוי האָט ער אונז צוגעפירט צום „אוטשאַסטאָק" (לאָקאַלע מיליציע־אָפּטיי־לונג).

דער מיליציאָנער ביים טיר האָט אונז שטום אַריינגעלאָזט. דער אוזבעקישער מי־ליציאָנער האָט אונז פון הינטן געשענקט אַ לעצטן שטורך — און די שווערע טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אונז. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ הויך־אַרומגע־צאַמטן הויף. אַ צאָל ציווילע מענטשן האָבן זיך דאָרט „געדרייט", אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ פון דער מיליציע־געביידע. מי־ליציאָנערן אַ היפּשל ביסל. מ׳האָט „גע־פירט", געשלעפּט אייניקע געכאַפּטע ספּע־קולאַנטן, יונגע גנבים און גלאַט אומ־פאַרשטענדלעכע סכסוכים צווישן פאַרשוי־נען. אָפּגעהאַקטע, גראָבע קולות, שטילע תחנונים און קוויטשיקע האַרציקע טענות.

דער עיקר לעבן די צוויי אָפענע פענסטער. טישן, פּאַפּירן און פעקלעך.

מאָדנע מ׳האָט תחילת אויף אונז ניט אומגעקוקט. סיווי ניט שייך צו אַנטלויפן פון דאַנען. איך שטיי און קוק אויף אַלע זייטן — און „מיין" שייגעצל איז מיר נעלם געוואָרן. געפּלעפּט האָב איך זיך אַרומ־געקוקט. געזוכט מיין גרויע היטל.

אין לינקן זייט האָט זיך דער הויף פאַר־קרומט צו אַ נידעריקן סאַראַי. דער סאַראַי איז געווען פאַרצאַמט מיט אייזערנע גראַ־טעס. אינעווייניק איז געווען היפּש טונקל. דאָך האָב איך באַמערקט דאָרט אַ גאַנ־צע חברותא. אפשר ביי אַ צען יונגע שק־צים. 15-16־יאָריקע. און פּלוצלונג: אָט דאָרט איז „מיין" שייגעץ! מיט קעצישער פלינקייט האָט ער זיך צוגערוקט צו די גראַטעס. נאָר אַ דאַנק מיין נאַטירלעכן חוש צו באַמערקן האָב איך עס אויפגע־כאַפּט: ממש מיט בליציקער שנעלקייט איז פון מיין שייגעצ׳ס האַנט איבערגעגאַנגען עפּעס אַ זאַך, דורך די גראַטעס, גלייך אין אַ צווייטער פלינקער האַנט אויף דער צווייטער זייט גראַטעס. דאָס האָט זיך אָפּ־געטאָן פונקט דאַן, ווען אַ מיליציאָנער האָט אַ געשריי געטאָן: „העי, וואָס רוקסטו זיך אַהין, דו..."

אָט דער מיליציאָנער האָט אונז צוגע־פירט צו איינעם פון די פענסטער. אַ דיקער רוסישער מיליציאָנער האָט אונז גענומען אויספרעגן:

„ווער ט׳איך געבראַכט אַהער? ווער ט׳איך געפּאַקט ביי דער אַרבעט?"

פאַרשטייט זיך, אַז „מיין" שייגעץ האָט דער ערשטער גענומען ריידן — מיט מאָד־נער עלאַסטישער ווייכקייט אויפן פּנים. איך בין געווען איבערראַשט: אַזאַ שאַרפע ענדערונג פון זיין געזיכט־אויסדרוק. אַ זויבערע אידלקייט ווי פון אַן אדל־קינד. און מיט זיין האַנט אויפן האַרצן:

„אַ, חבר נאַטשאַלניק, טייערינקער! קיי־נער האָט אונז אַהער ניט געבראַכט. מיר זיינען אַליין געקומען. מיר זיינען די בעס־טע פריינט. מיר לערנען צוזאַמען אין איין שקאָלע". ער האָט זיך גענומען שווערן מיט „טשעסטנאַ לענינסקע", „טשעסטנאַ קאָמסאָמאָלסקאַיע", אַז מיר זיינען די בעס־טע תלמידים אין קלאַס, אַז מיר העלפן דער פּאַרטיי, אַז זיין באַבושקע איז געווען ביי סטאַלינען אַליין מיט 20 יאָר צוריק.

דער מיליציאָנער האָט מיט מאָדנער אומגלויביקייט באַטראַכט דעם גלאַטן רייד־שטראָם. „שווייג שוין!" — האָט ער אַ הילך געטאָן. ער האָט אַ רוף געטאָן עט־לעכע מיליציאָנערן. געערדעט און געוויזן

אויף אונז. זיי האָבן געקניטשט מיט די פלייצעס.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו אונז: „איז וואָס ווילט איר! אָבער פלוידער ניט צופיל".

דער שייגעץ האָט אַראָפּגענומען דעם היטל פון קאָפּ: „מיר האָבן ביידע גע־קויפט צוויי היטלען. געטרייע חברים. פונקט די זעלבע היטלען. אָבער אין טראַמ־וויי האָט עמעצער איין היטל אַוועקגע־שלעפּט. נו, איינער מסתמא פון יענער חברא", ער האָט אַ וויז געטאָן מיטן פּנים צו די גראַטעס: איז מיר זיינען טאַקע גוטע פריינט, אָבער איך זאָג אַז ס׳איז מיין היטל...

דאָ האָט דער מיליציאָנער זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט. זיין פּנים פול מיט רויטן כעס: „וואָס דרייסטו מיין קאָפּ מיט אַ ‚פאַרד׳... היטל! דו ניעהאָדיאַי! פּאַשאָל וואָן! כ׳וועל איך אַליין באַלד פאַרשפּאַרן הינטער גראַטעס! העי, וואַסיל, שלעפּ זיי אַרויס אין דרויסן! אַניט וועל איך זיי די מאָרדעס אויסדרייען!..."

מיט טיפער הכנעה האָט „מיין" שייגעץ אַרויסגעזאָגט: „מיר אַנטשולדיקן זיך זיי־ער", וואַסיל האָט אונז מעכאַניש אַרויס־באַגלייט דורך דער טיר, און דורך דער אָפענער טיר „אַרויסגעסווישטשעט" אַ דריי־מעטערדיקן שפּיי אין גאַס אַריין.

מיר זיינען פאַמעלעכדיק אָפּגעגאַנגען אַ קוואַרטאַל. איך בין געגאַנגען אַ שווייגנדי־קער און אַ צעטומלטער. נאָכן פאַרקערן זיך האָט דער שייגעץ מיך אָפּגעשטעלט. מיך גענומען פאַר דער האַנט: „איך בין דיר זייער און זייער דאַנקבאַר. האַרציק דאַנקבאַר. פאַרשטייסט? געדאַרפט עפּעס דערליידיקן דאָרט אין דער פאַרשאָלטענער ‚נאָרע׳..."

ער האָט מיר דערלאַנגט דעם נייעם היטל. בעת מעשה האָט ער אַ זיפּ געטאָן מיט די אויגן איבער דעם אונטערשלאַק פון היטל. בלאָזנדיק האָט ער אַ שמייכל געטאָן: „ריין. מיינע בלוט־זויגערס האָבן ניט ליב קיין נייע היטל".

איך האָב גענומען מיין היטל. ער האָט ווידער מיך „געשענקט" זיין טיפן וואונק: „ספּאַסיבאַ באַלשאָיע" און האָט זיך אָפּ־געטראָגן.

אַ ווייל בין איך געשטאַנען און אים נאָכגעקוקט מיט אַ מאָדנעם געפיל. ווען זיין פריילעכער „סווישטשען" איז געוואָרן דינער און שטילער — האָב איך זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און בין אַוועק אין בוכאַרער שולכל. ס׳איז געווען שפּעט. ווייט אין דעם מנחה־זמן.

* * *

אַנטקעגן דעם וואָס אונזערע חכמים זאָגן: אַ וויכטיקע זאַך קען מען לערנען פון דער חברה גנבים — אחדות.

פאַרצייכנט לויט י. ד—ן

חשבון הנפש פאַר חינוך (סוף פון זייט יח)

ראש השנה איז טאָג פון אָנהויבן, פון יסודות, דאַרף מען מאַכן אַ חשבון הנפש, און „נפש־אויסרעכענונג" איז חינוך.

היות גרויס איז די ראָלע פון דער אידישער פרוי אין דערציאונג, בפרט אין אונזערע היינטיקע באַדינגונגען, שטייען אין צענטער פון ראש השנה — די אידישע מאַמע מיטן אידישן קינד.

ב"ה

די אידישע היים

זיגמונד פארסט

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

דער „מעט" וואָס איז אַזוי „פיל"!

...הנרות הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהן אלא לראותן בלבד...
וואָס זעען מיר אין די דאָזיקע ליכטעלעך? וואָס ווייזן זיי אונז?

טאָ לאָמיר טאָן אַ בליק צו יענעם ווייטן אַמאָל: די מעכטיקע גריכישע אימפעריע האָט דאַן פיזיש באַהערשט דאָס אידישע פאָלק, און האָט געזוכט, און היפש באַוויזן, צו צעברעכן די גייסטיקע מויערן פון תורה ומצוות; די העלעניסטישע מגיפה האָט צעפרעסן גרויסע טיילן פון עם ישראל. זייערע אָנשטעקנדיקע פילאָזאָפיעס האָבן, מיט זייער „לאָגישער שיינקייט", פאַרגיפטעט אויך צאָלרייכע אידישע מוחות.

און דאָ איז מען געוואָרן באַהערשט פון אַ טרויעריק־פעסימיסטישן געפיל: ווי קען מען האָפן אויפן נצחון פון יהדות? ווי קען, על־פי לאָגיק, דער „מעט" זיך שטאַרקן אויפן רבים? נאָך ערגער: ווי קען דער פאַרבליבענער אידישער „מעט", ד"ה דאָס קליין ביסל פאַרהוילענע קדושה־ליכט, דאָס פינטעלע יהדות — „כי אתם המעט" — עפּעס אויפטאָן ווען דער „רבים" איז פאַר'סמ'ט; ווען די סאַמע רייכקייט און גרויסקייט פונעם מין האנושי, ד"ה זיין שכל איז פאַרפעסטעט מיט דער העלעניסטישער כפירה?

האָבן דאָס אָבער יאָ באַוויזן די נרות חנוכה און ווייזן עד היום, און אין זיי שפיגלט זיך אָפּ אָט־די פּרעכטיק־וואונדערבאַרע נס־דערשיינונג אינעם נצחון פון הייליקן פאָלק.

ווייל דאָס איז טאַקע די אייגנשאַפט פון קדושה און ליכט: מעט אור דוחה הרבה חושך; ווייל ליכט האָט אָט־די וואונדערבאַרע קראַפט, מיט זיין „מעט" צו פאַרשטויסן „הרבה" פינסטערניש; ווייל אָט־דער קליינינקער אמונה־פייערל פאַרמאָגט די סגולה צו צעפלאַקערן זיך אין אַ ריזיקן ג־טלעכן פלאַם און פאַרברענען די גאַנצע „רייכקייט" און „גרויסקייט" פון שכל'דיקע שיטות און אידעאָלאָגיעס; ווייל די נרות חנוכה דריקן אויס די ליכט פון שטענדיקער אידישער באַנייאונג, פון אידישער נצחיות.

און דערפאַר איז „אין לנו רשות להשתמש בהן" — מ'טאָר זייער ליכט ניט אַריינפּאַסן אין וועלטלעכן באַנוץ; זייער קדושה־נוצלעכקייט קען ניט געמאָסטן ווערן לויט דער אָנגענומענער מענטשלעכער השתמשות־מאָס, ווייל דער מענטשלעך־שכל'דיקער צוגאַנג איז ניט מסוגל צו דערשפירן דעם אומבאַגרענעצטן כוח פון אָט־די „קליינינקע" נשמה־ליכטעלעך.

איז פאַרשטייען מיר עס טאַקע ניט מיטן מענטשלעכן שכל וואָס איז אין תוך וואַקלדיק; מיר קענען עס אָבער יאָ אויפנעמען מיט דער געוויסקייט פון כוח הראי' און טאַקע בלויז מיטן כוח פון זען — „אלא לראותן בלבד"! און אָט־דעם וואונדער פון אָט־די ליכטעלעך און זייער וועלט־ברעכערישן כח קענען מיר און מוזן דערבליקן. און פאַקטיש האָבן מיר עס דאָך געזען מיטן פשוטן היסטאָרישן בליק פון זינט די חשמונאים, דורך דער לענג פון אידישן גלות און דער ברייט פון זיין צעשפּרייטונג.

וואָרום וויבאַלד ביי אידן איז גאַנץ און ריין אַפילו איין ביסל פון דעם ליכט־שטאָף — און דאָס דאָזיקע „ריינע קריגעלע" בלייבט און מוז בלייבן גאַנץ אַפילו ווען די טומאה דערקריכט אַזש ביזן סאַמע בית־המקדש — האָט עס בכוח צו דורכברענען באין ערוך מער ווי די וועלט־מאָס „דערלויבט" עס; עס באַלויכט איין נאַכט, אַ צווייטע און אַן אַכטע; עס ברענט דורך און לויכט דורך די פינסטערסטע נעכט פון אידישן גלות — און ס'וועט לייכטן ביז דער צייט ווען נאַכט אַליין וועט שיינען ווי טאָג — והלכו גוים לאורך.

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראריי — רעדאַקטאָר

כסלו, ה'תשכ"ו — באַנד 7 נומ. 3 (26)

אינהאַלט

אַ שטראַל פון טריעסט — צ. מאירי ...... א
דער „צמח צדק" אין פעטערבורג — נ. בן־יוחנן ב
דער אַלטער רבי (ליד) — צ. מ. שטיינמעץ ה
יינה של תורה — י. דובראַווסקי .... ו
אַ מאָדנער אַזאַ (סקיצע) — ד. זאַריצקי .. י
אידן אין מאַדאַגאַסקאַר — הרב י. וויינבערג יג
אבותינו ספרו לנו — הרב ז. ש. דוואָרקין טז
וועלט ווערט אויפגערודערט צוליב אַ אידיש קינד — דר. ה. זיידמאַן .. יז
אַ חסידישער פאַרברענגען — ה. פריידין .. יט
דער צייכן פון הימל — י. ליפּמאַנאָוויטש .. כב
הילע צייכענונג — א. ז. פארסט
אילוסטראַציעס — ז. קליינמאַן

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקן אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב"ד.

א שטראַל פון טרייסט

● צ. מאירי

אונזערע חכמים זאָגן: דאָס ג־טלעכע ליכט, דער פלאַם פון דער שכינה, קען זיך ניט באַהעפטן צום קנויטל פון מענטשלעכן קערפּער, נאָר דורך דעם שמן פון תורה און מצוות. אָט דאָס איז סימבאָליזירט אין דער מנורה אין בית המקדש: אהרן הכהן, דער שליח פון כנסת ישראל, נעמט פון אידן ריינעם שמן זית (תורה און מצוות) און באַהעפט דורך אים דעם פלאַם (פון דער שכינה) מיט די קנויטלעך (די אידישע אומה).

אָבער ווען די חשמונאים זיינען נאָך פילע יאָרן פון גזירות און רדיפות, פון פאַר־שוועכונג פון מזבח און „בטול העבודה", געקומען אין בית המקדש און געוואָלט באַנייען דעם פאַרבונד פון „דעם פלאַם מיט די קנויטלעך", פון הקב"ה מיט ישראל — האָבן זיי דערזען, אַז ס'איז נישטאָ גענוג ריינער שמן... דאָס אידישע פאָלק איז געשטאַנען אָרעם און נאַקעט פון מצוות, נאָך אַזויפיל שמדות פון דער מלכות יון הרשעה, וואָס האָט זיך — ווי די מלכות הרשעה פון אונזער דור — פאַרמאָסטן „להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך". די אידישע נשמה איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט... די יונים האָבן מטמא געווען אַלע שמנים — די גייסטיקע כחות פון ישראל — נוצנדיק זיי פאַר די פרעמדע פייערלעך פון זייערע עבודות זרות. ס'איז נישט פאַרבליבן נאָר איין־איינציק קריגל ריינער שמן, אָפּגעהיט און פ אַ ר ז י ג ל ט: סימבאָליזירנדיק די מסירת־נפש'דיקע געטרייהייט פון דעם קליינעם הייפל חשמונאים אין אַ תקופה פון אַרויפגעצוואונגענעם מאַסן־פאַרראַט... ווי עס שטייט געשריבן: „אַ פאַרשלאָסענער גאָרטן, אַ פ אַ ר ז י ג ל ט ע ר קוואַל" איז כנסת ישראל... וועט דאָס ביסעלע שמן בכוח זיין צו נערן דעם פלאַם? צו פאַרבינדן פונדאָסניי דעם אור פון דער שכינה מיט דער אידישער אומה?

דאָן איז געשען דער וואונדער פון וואונדער: דאָס קליינע קריגל לויטערער שמן האָט געלויכטן און באַלויכטן, האָט געשפּייזט דעם פלאַם אויף אַ וואונדערלעכן וועג, פּראָקלאַ־מירנדיק פאַר דער וועלט אַז די מסירת־נפש פון די געציילטע חשמונאים האָט צוריקגעבראַכט דאָס הימלישע פייער צו דעם אויסגעקילטן מזבח...

ווייל קדוש השם ווערט נישט געמאָסטן אין כמות, ס'האָט נישט קיין מאָס און קיין גרענעץ. מסירת־נפש איז די שטאַרקסטע „קייט פון ליבשאַפט" וואָס פאַרקניפּט דעם בורא עולם מיט אידן. ווי עס שטייט געשריבן: זאַמלט צו מיר מיינע חסידים, וואָס פאַרשניידן מיט מיר אַ ב ו נ ד, ברענגענדיק זיך פאַר אַ קרבן...

דאָס איז די „צידה לדרך" פון נס חנוכה פאַר דעם לאַנגן יסורים־וועג פון דער אידישער נשמה אין אַלע תקופות, און דער טרייסט און שטאַרקונג וואָס שטראַלן אַרויס פון נר חנוכה צו די אנוסים פון אַלע דורות...



דער
צמח צדק
אין פעטערבורג

נ. בן־יוחנן

צו דער שנת המאה פון דער הסתלקות
פון רבי׳ן ר׳ מנחם מענדל מליובאַוויטש,
דער בעל ה„צמח צדק״, תרכ״ו — תשכ״ו.

דער רבי דער „צמח צדק״, ר׳ מנחם מענדל, איז בעיקר אַריין אין דער געשיכטע פון חב״ד אַלס דער גרויסער גאון און צדיק וואָס האָט במשך זיין נשיאות באַרייכערט די תורת הנגלה און תורת החסידות מיט ספרים פון וועלכע אידן שעפּן נאָך הייַנט תורה און חכמה און אַ דרך אין עבודת ה׳.

חסידים נעמען זיך איבער באַזונדערס מיט דעם וואָס דער „צמח צדק״ איז אויך אָנערקענט געוואָרן פון ניט־חסידים אַלס גאון און פוסק, ווי איינער פון די גדולי ומאורי ישראל, וועמענס פסקים להלכה למעשה פאַרנעמען אַן אויבנאָן אין דער גאַנצער לומדישער וועלט.

אָבער ווייניק, גאָר ווייניק איז צווישן חסידים באַקאַנט און נאָך ווייניקער ווערט גערעדט און באַטאָנט דעם צמח צדק׳ס שטיין בראש פון דער הצלת התורה, בוכשטעבלעכע הצלת התורה, אין דעם צוויטן יאָרצענדליק פון זיין נשיאות, צווישן 1838 און 1848, ווען ער איז איינער אַליין געשטאַנען אייזן־פעסט אויפן שלאַכטפעלד קעגן דער אָפענסיווע פון די משכילים פון יענער צייט.

מיר פּראַווען אַ גרויסן יום טוב אין טאָג פון י״ט כסלו לכבוד דער באַפרייאונג פון אַלטן רבי׳ן דעם ערשטן מאָל, און אויך דעם צווייטן מאָל צו דער 5־טער חנוכה־ליכטל. עס ווערט אויך ניט פאַרזען דער טאָג פון י׳ כסלו ווען דער מיטעלער רבי איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון טורמע אין וויטעבסק. אָבער עס ווערט פאַרקוקט דער גרויסער נצחון פון דעם רבי׳ן דער „צמח צדק״ אויף דער היסטאָרישער אסיפת הרבנים אין יאָר תר״ג (1843) אין פעטערבורג, די הייַנטיקע לענינגראַד, דורך וועלכער די משכילים האָבן זיך געריכט אויס־צורייסן — חס ושלום — תורה און אמונה מיטן וואָרצל ביים גאַנצן רוסישן אידנטום, וואָס דאַן האָט עס געמיינט ביים רוב מנין ורוב בנין פון אייראָפּעאישן אידנטום.

אין „בית רבי״ (חלק ג׳) ווערט וועגן דעם געוויידמעט אַ גאַנצער פּרק, אָבער מער באריכות און מיט מער פּרטים ווערט די געשיכטע פון יענער אסיפה געשילדערט אין די כתבים פון רבי׳ן ריי״צ, באַזונדערס אין דעם קונטרס „אדמו״ר הצמח צדק ותנועת ההשכלה״, וואו עס ווערן אַפילו אָנגעגעבן די נומערן פון די דאָקומענטן אין די רוסישע אַרכיוון וואָס באַשטעטיקן דעם לויף פון דער גאַנצער געשעעניש.

בעת דער אַלטער רבי און דער מיטעלער רבי האָבן געשטעלט זייערע לעבנס אין סכנה פאַר תורת החסידות, איז דער „צמח צדק״ געגאַנגען אין סאַמע פייער אַריין פאַר דער

הצלה פון תורה בכלל און איז דורך דער צייט פון יענער אסיפה אין פעטערבורג געווען 22 מאָל אַרעסטירט צוליב זיינע אָפענע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם פאַרלאַנג פון דער רעגירונג — אויף דער העצע פון די משכילים — צו מאָדערניזירן און משכיל׳יזירן דאָס אידישע לעבן.

ווען מען לייענט היינט די געשיכטע פון יענעם יאָרצענדליק וואָס האָט זיך אייגנטלעך אָנגעפאַנגען מיטן אָנקומען פון דייטשלאַנד קיין ריגע פון דר. מאַקס ליליענטאַל, אין 1838, מאַכט עס ממש אויפצושוידערן ווי אַזוי מענטשן מיט בילדונג און קולטור מ׳שטיינס געזאָגט, מענטשן וואָס האָבן גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אַריינצוברענגען אין אידישן לעבן דאָס וואָס זיי האָבן גערופן מיט אַזעלכע שיינע נעמען ווי ציוויליזאַציע און אויפקלערונג, ווי אַזוי אַזעלכע מענטשן מיט דאָקטאָראַטן און דיפּלאָמען זיינען געזונקען צו דער נידער־טרעכטיקער ראָליע פון מוסרים פון ערגסטן סאָרט.

דער רבי ריי״צ מיט זיין גאָלדענער פען לאָזט ניט אויס קיין שטריך פון יענער אסיפה אין פעטערבורג אין וועלכער עס האָבן אויך אָנטיילגענומען ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער אין נאָמען פון די מנגדים, דער גביר ר׳ ישראל האַלפּערן פון באַרדיטשעוו, און דער מלומד און משכיל בצלאל שטערן פון אָדעס. בראש פון דער אסיפה איז געזעסן דער מיניסטער אוּוואַראָוו מיט אַ צאָל אַדיוטאַנטן וועלכע האָבן לכתחילה פאַררופן די אסיפה כדי נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון די משכילים, צווישן זיי — אויסער ליליענטאַלן וועלכער איז געקומען פון מינכען — אויך אַזעלכע באַקאַנטע משכיל׳ישע נעמען ווי מאַפּו, גאָטלאָבער און גינזבורג.

די מסירות פון די משכילים זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט אַז די צאַרישע רעגירונג האָט אַוועקגעזעצט אין ליובאַוויטש אַ שטאַב מיט געהיים־אַגענטן צו האַלטן אַן אויג אויף דעם „צמח צדק" מיט זיינע „רעוואָלוציאָנערע" פירונגען. די משכילים אַליין האָבן געהאַלטן אין איין שיקן שפּיאָנען קיין ליובאַוויטש וואו זיי האָבן זיך אַפילו פאַרשטעלט אַלס חסידים, און איינער פון די דאָזיקע נידערטרעכטיקע פאַרשוינ׳ען האָט זאָגאַר אָנגעשפּאַרט צו ווערן אַ שותף אין אַ ליכט־מסחר מיטן עלטסטן זון פון צמח צדק, ר׳ ברוך שלום זי״ע. דורך אַ צופאַל איז ער אויפגעדעקט געוואָרן און געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט.

די משכילים האָבן געוואָלט אָפּשאַפן די חדרים און ישיבות און איינפירן „שקאָלעס" וואו מען זאָל לערנען אַלע מאָדערנע קעגנשטאַנדן. זיי האָבן געוואָלט פאַרבאָטן — און האָבן אויף אַ געוויסער צייט אויך אויסגעפירט אַזאַ פאַרבאָט — צו דרוקן ספרי קודש, באַזונדערס ספרי חסידות וקבלה. זיי האָבן געוואָלט איינפירן איין נוסח פון דאַווענען און אָפּדרוקן אַ סידור אויף דייטש. דערצו נאָך האָבן זיי געוואָלט „צושניידן" דעם חומש און דעם תנ"ך און אַרויסוואַרפן — רחמנא לצלן — דאָס וואָס איז זיי ניט געפעלן געווען.

מאַקס ליליענטאַל איז געקומען פון מינכען קיין ריגע מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון דעם קעניג פון בייערן צו זיין ברודער דעם פירשט פון ריגע וועלכער איז געווען אַן אידעם ביים דעמאָלטיקן צאַר, ניקאָלאַי דער ערשטער. אַ דאַנק דער דאָזיקער רעקאָמענדאַציע האָט ליליענטאַל אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די העכסטע באַאַמטע פון בילדונגס־מיניס־טעריום אין פעטערבורג און איז געוואָרן אַ גאַנצע „שישקע" אין די הויכע פענסטער. ער האָט כלומר׳שט אין נאָמען פון דער רעגירונג געמאַכט אַ רייזע איבער גאַנץ וואָלין, ווייס־רוסלאַנד און רייסן און פון אומעטום האָט ער צוריקגעבראַכט זעק מיט מסירות אויפ׳ן רבי׳ן ר׳ מנחם מענדל שניאורסאָן פון ליובאַוויטש אַז ער באַהאַלט אויס אידישע קינדער פון דער אַרמיי, אַז ער אַגיטירט צו קעגנשטעלן זיך דער רעגירונג און נאָך אַזעלכע מסירות וועלכע בלייבן אַן אייביקער שאַנד־פלעק אויף יענער משכילים־עפּאָכע און אירע יורשים פון היינט.

דער „צמח צדק" איז געפאָרן אויף יענער אסיפה אין פעטערבורג מיט ניט ווייניק האַרץ־קלאַפּעניש, אָבער מיט נאָכמער בטחון אַז דער זכות פון זיינע גרויסע הייליקע אָבות וועט אים ביישטיין אין דער שעה פון גרויס געפאַר. פאַרן אָפּפאָרן אין וועג אַריין האָט ער געשיקט אַ פדיון קיין ליאָזניע אויפן קבר פון זיין מאַמע, הרבנית דבורה לאה, וועלכע האָט — ווי באַקאַנט — מיט איר נעמען אויף זיך פריצייטיק דעם טויט אַרונטערגענומען דעם קיטרוג פון הימל אויף איר טאַטן, דער אַלטער רבי.

גלייך אויף דער ערשטער זיצונג פון דער אסיפה אין פעטערבורג האָט דער „צמח

צדק" געלאָזט הערן זיין מוטיקע שטעלונג אַז די פּסקים פון דער תורה דאַרפן ניט קיינעמס הסכמות און אַז דאָס האָט לגמרי ניט צו טאָן מיט „דינא דמלכותא דינא", אַ מאמר מיט וועלכן די משכילים האָבן זיך באַנוצט אין זייער וועלן אַרויפצווינגען אויפן פאָלק נייע געזעצן פון דער רעגירונג קעגן דער תורה און קעגן אַלטן אידישן וועג פון חינוך.

לילויענטאַל האָט זיך באַקלאָגט אַז דער צמח צדק פירט אָן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע קעגן אים און אַז וואו נאָר ער קומט אָן אין אַ שטעטל ווערט ער פאַרשריען אַלס דער „משומד פון ריגע" אָדער דער „דייטשער משומד".

אויך די חסידים פון זייער זייט זיינען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און אַ ספּעציעלער ועד האָט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט פריינטלעכע גראַפן און רעגירונגס־באַאַמטע וועלכע האָבן זיך אָנגענומען פאַרן צמח צדק.

די ערשטע זיצונג פון דער פּעטערבורגער אסיפה איז פאָרגעקומען זעקס טעג אין מאַי, 1843, און פון פּעטערבורג איז דער צמח צדק אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים קיין ליובאַוויטש, 23 טעג אין אב.

זייענדיק אין פּעטערבורג איז דער צמח צדק פאַרבעטן געוואָרן פון די אידישע מאַטראָזן אין צאַרישן פאָרט פון קראָנשטאַט צו ריידן פאַר זיי. נאָכאַמאָל האָט ער גערעדט פאַר זיי אַ טאָג פאַרן אָפּפאָרן, אויף דעם אָפענעם פּלאַץ לעבן דער פּעטראָפּאַווּלסקער פעסטונג. ביידע מאמרים, אין אידיש („מחיתי כעב פשעיך" און „שמע ישראל") זיינען געדרוקט אַלס הוספות צום קונטרס „אדמו"ר הצמח צדק ותנועת ההשכלה".

דער קאַמף פון די משכילים האָט זיך אָבער ניט איינגעשטילט. יעדן טאָג זיינען געקומען נייע שפּיאָנען און נייע מסירות, ביז ס'איז געקומען צו אַ באַשלוס פון דער רעגירונג צו פאַררופן נאָך אַן אסיפה אין 1848, מיטן צוועק צו פאַרנעמען זיך ווידער מיט דער אידישער אמונה. צום גליק האָט זיך אויך פון דאָזיקן באַשלוס גאָרניט אויסגעלאָזט און די פאַרבינדונגען פון חסידישן ועד האָבן געבראַכט דערצו אַז די משכילים האָבן געליטן אַ גרויסע מפּלה, און דער צמח צדק האָט נאָך דערצו אויסגעפּועל'ט ביי דער רעגירונג גרויסע טובות פאַר אידן, באַזונדערס אַז אידן זאָלן זיך מעגן באַזעצן אין דערפער און אָנפירן מיט אַרענדעס און ערד־אַרבעט, ווי ס'איז געווען פאַרן גירוש פון די דערפער אין 1824.

און וואָס איז געשען מיטן הויפּט־אָנפירער פון משכיל'ישן קאַמף קעגן דעם „צמח צדק", מאַקס לילויענטאַל?

אין „אדמו"ר הצמח צדק ותנועת ההשכלה" ווערט דערמאָנט אַז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן נאָכדעם ווי ער איז געכאַפּט געוואָרן ביי אומרעגלמעסיקייטן מיט רעגירונגס־געלטער (מעל בכספי הממשלה ועקבותיו לא נודעו).

לילויענטאַל'ס טריט האָבן זיך אָבער אָפּגעזוכט אין אַמעריקע וואו ער איז געקומען אין יאָר 1844 און געוואָרן דאָ איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון רעפאָרם. אין 1855 איז ער געוואָרן אַ ראַביי אין סינסינעטי און אַ פּראָפעסאָר אין דאָרטיקן סעמינאַר פאַר ראַביים. ער איז געשטאָרבן אין סינסינעטי אין 1882.

אין דער ענציקלאָפּעדישער ביאָגראַפיע וועגן לילויענטאַלן אין „אוצר ישראל" ווערט געזאָגט אַז זעענדיק ווי ער קען גאָרניט אויפטאָן פאַר דער השכלה אין רוסלאַנד האָט ער פלוצלונג באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איז אַוועק קיין אַמעריקע. וואָס דער „פלוצלונג" איז געווען ווערט אויפגעקלערט אין „אדמו"ר הצמח צדק ותנועת ההשכלה".

אָבער אויב לילויענטאַל איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע פאַרצוזעצן זיין שיטה פון רעפאָרם און השכלה, האָט דער צמח צדק אויך דאָ אים נאָכגעיאָגט.

דער רבי ר' מנחם מענדל מליובאַוויטש פון היינט, דער זעקסטער דור פון ערשטן ר' מנחם מענדל, ברענגט אים זיינע טריט און קעמפט אויך אַרבעט, ווי זיין עלטער־זיידע אַמאָל אין פּעטערבורג, צו פאַרטרייבן די לילויענטאַלס און זייער גייסט פון אידישן לעבן און אויף זייער אָרט פאַרזייט ער אמת'ע אידישקייט, תורת הנגלה און תורת החסידות, מיטן מסירת נפש וואָס ער האָט גע'ירש'נט פון זיינע גרויסע אבות און וואָס ער האָט אַליין באַפעסטיקט אין די פאַרגאַנגענע 16 יאָר, זינט י' שבט תש"י.



דער אלטער רבי

צ.מ.שטײנמעץ

פון דור צו דור
שפּרודלט זיין קוואַל,
וואָלקנס פון חשכות
דורכבויערט זיין שטראַל.

ווייל אין דער לאַנגער
שטורמישער נאַכט,
פון הימלישע שטראַלן
זיין קרוין איז באַוואַכט.

תהומות פון יאוש
זיין נגון דורכשאַלט,
גראַניט־פעלזיקן באָדן זיין
זאָמען־קערנדל שפּאַלט.

אור־אַלטער בוים פון
פרישע קוואַלן פאַראינגט
יעדן פרימאָרגן נייע
שירה ער זינגט.

וואונדערלעכער חב"ד־בוים
וואָס ער האָט פאַרזייט,
די וואָרצלען — טיף,
די צווייגן — ברייט.

נייע וואָרצלען ער שלאָגט,
נייע בליטן ער שיקט,
היילזאַם זיין בלאַט,
זיין פרוכט דערקוויקט.

זיינען ווינטן געקומען
מיט פינסטערער מאַכט,
זיינען בלעטער געפאַלן,
האָבן צווייגן געקראַכט...

אין שפּעטע דורות
אויף אינזלען ווייטע,
הויבן זיך צווייגן
ווי הענט אויסגעשפּרייטע;

האָבן שטורעמס געוואָיעט,
האָבן געטרייסלט דעם שטאַם —
שטייט ער — אַ פעלז
אין צעכוואַליעטן ים...

אָרעמס אויסגעשטרעקטע
אַרומצוהאַלזן די וועלט —
בכדי זי צו פאַרוואַנדלען
אין אַ ג־טלעך געצעלט.

אנטפלעקונגען פון „יגיעה של תורה“

י. דובראווסקי

(אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרברענגענס פון אדמו״ר שליט״א, לערנענדיק פאַרן ציבור פסוקים פון רש״י אויף חומש)

(דריטער פון סעריע)

אין פריערדיקן אַרטיקל איז אונטערשטראָכן געוואָרן, אַז דעם רבי׳נס שליט״א שיחות ק׳ שטעלן מיט זיך פאָר אַ ר י י נ ע ר צוזאַמענגוס פון אַלע חלקי התורה — און וויבאַלד אַז ס׳איז תורה, פאָדערט זיך לימוד; מ׳מוז זיי לערנען מיט געהעריקער צוגעטראָגנקייט. וואָרום אויב „שיחות ח ו ל י ן“ פון תלמידי חכמים „צריכים לימוד“ — איז דאָך אַוודאי אַז ס׳איז נויטיק אַ גרונטיקער לימוד דאָרט וואו ס׳האַנדלט זיך וועגן „שיחות ק ו ד ש“; און באַזונדערס די ענינים וואָס קומען אַרויס מפה כ״ק אדמו״ר שליט״א.

איז דעריבער היפש פּראָבלעמאַטיש און אחריות׳דיק אַראָפּצוטראָגן די דאָזיקע שיחות אין אָט־דעם זשורנאַל און זיי צופּאַסן צו די ראַמען פון אַ צייטשריפט, וואָס, אויפן בעסטן אופן, ווערט פאָר אים רעזערווירט אַ לייכטערע לייענערישע קאָנצענטראַציע. און דאָס איז ריכטיק אַפילו בנוגע די גרינגערע ענינים פון די דאָזיקע פירוש־רש״י־שיחות, פון איין זייט, און די מער־אַריינטראַכטערישע לייענער אָדער לייענערינס, פון דער אַנדער זייט.

דאָך איז עס מער ווי געוואונטשן — און עס וואָלט אויך געווען אַן אומפאַריכטבאַרער שאָדן, ווען דער דאָזיקער זשורנאַל זאָל ניט ווערן לכל־הפּחות עטוואָס באַשיינט פון אַזעלכע ריזיקע תורה־אויסשטראַלונגען. לאָמיר זאָגן, אַמווייניקסטנס, פון די טיילן און אויסצוגן וועלכע זיינען מער צוגענגלעך פאַר אונזערע „פאַרנאַכלעסיקטע“ מוחות און אונזער צעטומלטער צייט.

וועלן מיר דאָ איבערגעבן אַן אויסצוג פון אַ פירוש־רש״י־שיחה אויף איינער פון די קומענדיקע פרשות, פ׳ וארא *. און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס איז אויך אין איינקלאַנג מיטן כלל: אַנצוהויבן „מן הקל“ — פון דעם לייכטערן ווינקל אין די דאָזיקע אומגעהויער־פאַרצווייגטע און שווער־וואָגיקע תורה־לאַבירינטן.

* * *

כידוע, האָט כ״ק אדמו״ר שליט״א ביי די פּי׳ רש״י־שיחות אַרומגערעדט דעם ערשטן און לעצטן פסוק רש״י פון יעדער פרשה.

סוף פרשה „וארא“ שטעלט זיך רש״י אויפן פסוק „ויצא משה... ומטר לא נתך ארצה“. טייטשט רש״י: „לא נתך — לא הגיע“, אַז „נתך“ איז פון לשון „הגיע“ — דער־גרייכן. דאָס הייסט, אַז דער רעגן האָט שוין מער ניט דערגרייכט צו דער ערד. (דאָ רעדט דער פסוק וועגן דעם אָפּשטעל פון מכת „ברד“ נאָך דעם ווי אָט־די מכה האָט געבראַכט דערצו אַז פרעה זאָל אויסרופן „חטאתי הפעם“, און נאָך דעם ווי משה רבינו האָט תפילה געטאָן דערויף צום אויבערשטן). נאָך אַ טייטש ברענגט רש״י אויפן וואָרט „נתך“ (פון מנחם בן סרוק): פון לשון „התכה“ — צ ע ג י ס ן. מיינט דאַן: ומטר לא נתך ארצה, אַז דער רעגן האָט ניט געגאָסן אויף דער ערד.

---

*) און ס׳איז סימבאָליש: ביי יענעם פאַרברענגען פון פ׳ וארא האָט אדמו״ר שליט״א גערעדט וועגן ענין און באַדייט פון יום־הולדת — און דאָס איז, ווי ס׳ווייזט אויס, אין שייכות מיטן יום־הולדת פון דעם רבי׳נס שליט״א מוטער זצ״ל, וואָס איז אויסגעפאַלן אין יענער פ׳ וארא (כ״ח טבת), און וואָס לעילוי נשמתה זיינען אָט־די שיחות געקומען צו אַנטפּלעקונג.

איז עס דאָך לויט אונזער שכל־באַנעם אַ „גלאַטער" און ניט־פאַרמ׳־...
האָט צו טאָן מיט לשון־באַדייט פון וואָרט „נתך": דאָס מיינט דערגרייכן אָדער ג׳׳,

(און דאָ אַ קליינע הערה: מיר גיבן דאָ ווייטער די רייד פון אדמו״ר שליט״א ווייט ניט לויט זייער אָריגינעלן ברייטן פאַרנעם פון צאָלרייכע פרטים און געוויס ניט מיט די ווערטער און סדר פון לשונו הקדושה, נאָר בקיצור און לויט דעם מצומצמ׳דיקן אויפנעם פון אונזער באַשיידענעם פאַרשטאַנד).

דער רבי שליט״א באַוואָרנט תמיד: ווען רש״י ברענגט צוויי (אָדער מער) פירושים, איז עס ניט לשם אויפווייזן, אַז דאָ זיינען בנמצא צוויי פירושים. רש״י איז אויסן צו באַטאָנען אַז דאָ זיינען נויטיק אָט־די צוויי פירושים. איז דאָך במילא שווער צו זאָגן, אַז די צוויי פירושים פון וואָרט „נתך" זיינען באַגרענעצט בלויז צום אונטערשייד פונעם ווערטערלעכן אַפּטייטש, און אַז נאָר דאָס איז דער צוועק צוליב וועלכן רש״י ברענגט זיי ביידע אַראָפּ. אויב אַזוי, וואָס איז מיר ניט גענוג אין ערשטן טייטש, וואָס רש״י געפינט פאַר נויטיק צו ברענגען אַ צווייטן? און אַזוי פאַרקערט. איז דאָך רש״י׳ס אַ זאַך, אַ וואָרט און אַפילו אַן אות, ניט אָן אַ דיוק און באַדייט.

די צוויי טייטשן פון וואָרט „נתך" גייען דעריבער באמת פיל ווייטער פון בלויזן אַפּטייטש; אויך דער אינהאַלט ענדערט זיך. לויטן טייטש „לא נתך — לא הגיע" קומט אויס, — ווי רש״י זעצט פאַר גלייך אויפן אָרט: „ואף אותן שהיו באויר לא הגיעו לארץ", אַז דער רעגן איז געבליבן שטיין אין דער לופטן אין זייך מיטן גאַנג. וואָרום נאָר דאָס מוז מען זאָגן ווערט באַוואָרנט מיט אַזאַ ספּעציעלן אויסדרוק־לשון: דער רעגן האָט ניט דערגרייכט צו דער ערד. ס׳איז שוין דאָ אַ גייענדיקער רעגן, נאָר ער האָט ניט באַוויזן צוצוקומען צו דער ערד, און איז פאַרהאַלטן געוואָרן ערגעץ צווישן הימל און ערד.

איז דער פירוש אין איינקלאַנג מיט דעם וואָס שטייט אין מדרש רבה: „שתלאן ברפיון", אַז ער האָט דעם „ברד" אויפגעהאַנגען אין אויר; און ווען איז ער אַראָפּ? זאָגט דער מדרש — „בימי יהושע", אין די צייטן פון יהושע איז די אָפּגעהאַלטענע מכת ברד געפאַלן אויף די אמוריים, און די איבערגעבליבענע וועט אַראָפּקומען אין מלחמת גוג ומגוג.

אַנדערש איז אָבער דער צווייטער טייטש: „נתך" פונעם טייטש גיסן. לויט דעם פירוש ווערט דאָ געמיינט גאָר פּשוט: דער רעגן האָט ניט מער געגאָסן אויף דער ערד; דער „מטר" גופא איז געוואָרן אַזאַ, וואָס איז ניט בגדר ער זאָל זיך צעגיסן. אין קלאָרערע ווערטער: ס׳איז געוואָרן אויס רעגן און אָן שום אַנדייט אין לשון הפסוק אַז ער זאָל זיך ערגעץ פאַרהאַלטן. משה רבינו׳ס תפילה איז דאָך אַנגענומען געוואָרן אין רעכטן מיטן גאַנג פון רעגן. איז אויב אַז פון יענעם מאָמענט און ווייטער האָבן די שוין־גייענדיקע רעגן־טראָפּנס זיך ניט פאַרהאַלטן אין דער לופט (און זיכער לייגט זיך ניט צו זאָגן, אַז „ומטר לא נתך" מיינט דעם רעגן וואָס דאַרף ערשט ווערן „מטר"; און דער רעגן וואָס האָט אָנגעהויבן פאַלן — איז אים שוין „דערלויבט" געוואָרן צו פאַלן ביזן סוף), מוז מען דאָך קומען צום אויספיר, אַז דער גייענדיקער „מטר" איז געוואָרן אויס מציאות; מ׳האָט אים „צוריקגענומען".

און דערמיט וועט שוין פאַרשטאַנדיק ווערן די נויטיקייט פון ביידע פירושים. לויט ביידע פירושים פון „נתך" איז דער אָפּשטעל פון מכת ברד געווען בדרך נס: סיי דאָס לאָזן אים „שטעקן" איבערנאַטירלעך אין דער לופטן און אויך דאָס מאַכן אויס מציאות פון „מטר". ס׳איז אָבער פאַראַן אַן אונטערשייד: אינעם פאַרוואַנדלען דעם מטר אין אַן הענגענדיקער זאַך פאַר אַ לאַנגער צייט — טראָץ זיין איינגנטלעכער נאַטור צו פאַלן אַרונטער — קומט דאָ מער צום אויסדרוק דער פאַרנעם פון נס (אין מקום און אין זמן), ווי דאָרט וואו דער אויבערשטער נעמט דעם מטר אַוועק פון דער וועלט מיט איינמאָל.

אַזוי אַרום האָבן מיר אַ שוועריקייט אין ערשטן טייטש („נתך" פון לשון דערגרייכן): מיר האָבן דאָך אַ כלל, אַז דער אויבערשטער מאַכט ניט אַ נס אומזיסט („לא עביד ניסא למגנא") — איז דאָך לכאורה דאָס אויפהאַלטן דעם „מטר" אַ זמן רב אין דער הויך אַן אומנויטיקע נס־געשעעניש, וויבאַלד די מכה האָט זיך געקענט אָפּשטעלן דורך אַ

קלענער־פאַרנעמיקן נס — דער „מטר" זאָל בכלל ניט זיין מסוגל מער צו גיסן. אַי, מ'וועט די מכה פון ברד דאַרפן אויסנוצן שפּעטער אויף צו באַשטראָפן די אמוריים און גוג ומגוג — וועט דער אויבערשטער זיי דאַן קענען „מכבד" זיין מיט „פרישע" ברד וכו', ניט מיט אַ נסים'דיקן. ברענגט דערפאַר רש"י אויך אַט־דעם דאָזיקן טייטש („נתך" לשון צ ע ג י ס ן) אַז מען קען טאַקע דאָ איינלערנען אויף דעם אופן וואָס איז ניט קיין „גיסא למגנא" — ניט קיין אומזיסטער נס.

אָבער אויך אַט־דער צווייטער טייטש פון „נתך" (פון באַגריף צעגיסן) איז ניט גענוגנדיק. אויך לויט אים איז דאָ אַ קשיא פון אַן אַנדער זייט. חכמינו ז"ל האָבן דאָך געזאָגט: „גמירי, מיהב יהבי, מישקל לא שקלי" — פון הימל גיבן, גיט מען; צוריקנעמען, נעמט מען ניט. ד"ה אויב מ'האָט שוין מלמעלה געגעבן די זאַך, מ'האָט זי באַשאַפן און פאַרוואַנדלט אין אַ מציאות פון אונזער וועלט — נעמט מען די זאַך ניט אַוועק צוריק, אַז זי זאָל ווערן אויס פאַראַנענקייט. און אויב אין אַן אויסנאַם־פאַל (ווי ביים צווייטן נס וואָס איז געשען ביי ר' חנינא בן דוסא — תענית כ"ה) נעמט מען יאָ צוריק, גייט עס דאָך שוין דאַן אַריין אינעם גדר פון אַ מער פלא'דיקן און גרעסערן נס. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה קומט אויס, אַז דאָס וואָס מ'האָט דעם מטר איינגאַנצן „צוריקגענומען" (לויטן צווייטן טייטש) איז אַ מער וואונדערלעכער און גרעסערער סוג נס ווי דאָס לאָזן אים שטיין איבערנאַטירלעך (לויטן ערשטן טייטש), היות דאָס איז אַ נס וואו ס'איז יאָ געווען דער „משקל שקלי". לויט דעם קערט זיך גאָר צום צווייטן טייטש די זעלבע שוועריקייט: דער אויבערשטער מאַכט דאָך ניט קיין נס אומזיסט! טאָ צו וואָס אַ העכערער סוג נס פון נעמען דעם מטר צוריק, בעת מען קען זיך באַנוגענען בלויז מיטן נסים'דיקן שטייך אין דער לופטן און בלייב; אַ מציאות ווי געווען? דאָס גיט צו פאַרשטיין פאַרוואָס רש"י באַנוגנט זיך ניט מיטן צווייטן פירוש: אַט־די שוועריקייט מצד דער כלל „מיהב יהבי מישקל לא שקלי" איז ניט פאַראַן אין ערשטן פירוש. וואָרעם לויט אים שמועסט זיך דאָך באמת אַז „מטר לא נתך" — לא הגיע ארצה — צו דער ערד האָט ער ניט דערגרייכט, אָבער ער איז געבליבן אין זיינע מציאות־גרענעצן אויך אויף ווייטער.

(קען מען אפשר באַטאָנען די יתרון'דיקע נויטיקייט פונעם ערשטן פירוש (וואָס דערפאַר קומט ער אַלס ערשטער): הן אמת אַז מצד דעם ל מ ט ה ־ באַנעם קומט אויס אַז דאָס בלייבן הענגען פונעם מטר איז אַ מער פלא'דיקער נס; איז אָבער מצד ל מ ע ל ה (וואו משקל לא שקלי) איז דער נס גרעסער דאָרט וואו מען טוט דעם רעגן איינגאַנצן אַוועקנעמען).

הייסט עס אָבער בכן, אַז אַט־די ביידע טייטשן דערגאַנצן איינער דעם צווייטן, באַוואָרענענדיק יעדער די שוועריקייט פונעם אַנדערן. איז זייער פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס רש"י ברענגט זיי ביידע.

און אַט־די צוויי פירושים זיינען נוגע אויך להלכה: דער לשון „גמירי" (אַזוי איז געלערנט געוואָרן), וואָס שטייט ביים כלל „מיהב יהבי, משקל לא שקלי", געפינט מען ביי צאַלרייכע הלכות. איז אין דעם דאָ אַ טראַכט: צי „גמירי" מיינט, אַז אַזוי האָט מען געלערנט למשה מסיני — דאַן קען עס שוין באַדייטן, אַז אַט־די הלכה וואו עס שטייט דער לשון „גמירי", האָט שוין אַ וואָג און אַ כוח ווי אַ הלכה דאורייתא; אָדער דער מיין פון „גמירי" איז נאָר אַז עס קומט בקבלה פון די פריערדיקע חכמים — האָט דאַן די „גמירי"־הלכה די זעלבע קראַפט און חשיבות בלויז ווי אַ דרבנן־זאַך.

אַט־די חקירה ווערט אָנגעדייטעט און אָפּגעוואויגן דורך די צוויי פירושים פון רש"י: דער ערשטער פירוש נעמט אָן, אַז „ג מ י ר י מיהב יהבי משקל לא שקלי" האָט אַ דאורייתא־חשיבות, און דערפאַר איז שווער צו איינטייטשן, אַז מ'האָט דעם רעגן צוגענומען, באַנוצנדיק זיך מיט אַזאַ נס וואָס „ברעכט דורך" דעם דאורייתא־כלל פון „משקל ל א שקלי" — און דערפאַר מוז מען לערנען אַז „נתך" מיינט בלויז „דערגרייכן" — דער מטר איז געבליבן גאַנץ, מ'האָט אים ניט צוגענומען נאָר בלויז פאַרהאַלטן אין דער לופט. דער צווייטער טייטש איז געבויט אויף דער הנחה אַז „גמירי" פאַרמאָגט ניט דוקא די וואָגיקייט

פון אַן ענין וואָס איז געלערנט למשה מסיני — און וויבאַלד אַזוי, איז די סברא מחייב, אַז לאָזן דעם „מטר" אין דער לופטן איז אַ גרעסערער נס, און לפי זה איז דער כלל פון „לא עביד ניסא למגנא" (ער טוט ניט קיין אומזיסטן נס) מכריח צו לערנען אַז „נתך" מיינט די גענצלעכע פאַרשווינדונג פון מטר — היות ס'איז שווער צו לערנען, אַז מ'האָט געמאַכט אַן אומזיסטן נס: צו לאָזן הענגען דעם רעגן אַזויפיל יאָרן.

זעען מיר, ווי צוויי פירושים אין רש"י אויפן וואָרט „נתך" רירן אָן פיל הלכות וואו ס'שטייט דער לשון „גמירי", ווי למשל, „גמירי, מעלין בקודש ולא מורידין" בשייכות צו די מצוות ציצית ותפילין אאַ"וו.

נאָכמער: אָט־די צוויי פירושים ווירקן זיך אויס אויך אין אַן ענין בשייכות צו עבודת הוי', דאָס איז דער ענין התשובה. ווען אַ איד טוט די געהעריקע תשובה אויף אַן עבירה, ווערט דערמיט אַרויסגעריסן דער רושם פונעם רע, וואָס „וואַקסט אָן" אויף זיין נשמה. וואָרעם אַ איד איז דאָך לויט זיין מהות — טוב און קדושה. דער רע און קליפה וואָס ווערן געשאַפן ביי אים דורכן חטא, איז נאָר אַ צוגאָב־זאַך אינעם מהות פון אַ אידן. האָט דעריבער תשובה דעם כוח „אַראָפּצואַווישן" אַ זייטיק־צוגעקומענע זאַך. במילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך דער עונש וואָס קומט אויף אים פאַר דער עבירה (וואָס דער עונש דאָס איז דאָך דער דירעקטער אויסגאַנג פון דעם חטא און רע, ווי ס'שטייט „תייסרך רעתך") ווערט פאַרשוואונדן און ווערט לגמרי צונישט, באַגלייך מיטן רושם הרע.

ביי אַ בן־נח, וואָס זיין מהות איז ניט טוב בעצם, איז עס אַנדערש. געוויס העלפט ביי אים אויך תשובה אויף צו ראַטעווען זיך פון דער שטראָף, וואָס קומט אים פאַר זיינע עבירות. ווי מיר געפינען ביי די נינוה־איינוואוינער, ווען דער אויבערשטער האָט פאַרגעבן די זינד און פון זיי אַראָפּגענומען דעם עונש. דאָס וואָס ס'איז דאָ צו טראַכטן, איז בנוגע דער אַראָפּווישונג און פאַרשווינדונג פונעם רע און עונש החטא דורך תשובה: וויבאַלד, ווי געזאָגט, זיין מציאות באַשטייט ניט פון קדושה וטוב, איז דאָך דער רע פונעם חטא, אין תוך, ניט קיין אַנדער זאַך, ניט קיין פאַרקערטע מציאות פון אים זעלבסט, נאָר קען פאַראייניקט ווערן מיט זיין אייגענער מציאות — לייגט זיך דאָן אויפן שכל, אַז תשובה ביים בן־נח פאַרמיידט בלויז די באַשטראָפונג. אָבער דער רע החטא גופא איז ניט אויסגעמעקט געוואָרן; און צוזאַמען מיט דעם רע איז אויך גאַנץ־געבליבן דער אַנקומענדיקער עונש. ניט מער: די שטראָף האָט ניט אָנגעטראָפן אָט־דעם ניט־אידישן בעל־תשובה.

ס'קען אָבער אויך זיין אַ מיינונג אַז דער כוח התשובה איז אַזוי מעכטיק, אַז אויך ביים בן־נח — ובפרט פאַרן אויסטיילן די אידן פון אַלע בני נח ביי מתן תורה — טוט ער אויף די פאַרשווינדונג פונעם רע און עונש אינגאַנצן.

און דאָס בינדט זיך מיט אָט־די צוויי פירושים אין רש"י: פרעה (אַ בן־נח) האָט תשובה געטאָן אויף זיין זינד קעגן אויבערשטן און אידן, און האָט געשריען „חטאתי הפעם" וגו', האָט דער אויבערשטער פון אים אָפּגעטאָן דעם עונש, די מכת ברד. אָבער וואָס איז געוואָרן מיט דעם עונש, וואָס אים האָט געקומען פון פריער — אָט־דער ברד וואָס איז שוין געגאַנגען און געוואָרן איבערגעהאַקט מצד זיין תשובה? דערויף זיינען דאָ די ביידע אויבנדערמאָנטע דעות. איינע: אַז דער מטר „לא נתך — לא הגיע", ער איז ניט געוואָרן אין ואפס, נאָר איז געבליבן הענגען במציאותו, ווייל די תשובה פון אַ בן־נח קען ניט אויסווירקן קיין פולקאָמע באַזייטיקונג און פאַרשווינדונג פון זיין רע און במילא אויך ניט פונעם עונש. די צווייטע דעה דריקט זיך אויס אינעם טייטש פון „מטר לא נתך", אַז ס'איז געוואָרן אויס מטר, אויס מכת ברד און דער עונש איז דורך דער תשובה פון בן־נח (פרעה) אינגאַנצן אַוועקגענומען געוואָרן, ס'איז פון אים גאָרניט געבליבן.

א מאָדנער אנא

(סקיצע)

דוד זאַריצקי

— ה־י־י־ס!

די זון האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון די בערג, דאָרט האָט זי זיך אָפּגעקילט און פאַלנדיק זיך דערהיצט און געפּאַטשט אויף זיין געזיכט, אויסגענאָגט דאָס לעצטע ביסל שוויס און אים ניט אָפּגעלאָזט דעם גאַנצן וועג.

דער וועג איז געווען שיין, הויכע קאָרן־פעלדער האָבן זיך געגאָלדיקט איןביידע זייטן, דער גראָז, אינגער געוואָרן פון נאַכטיקן רעגן און מאָרגנטוי, האָט עניוות׳דיק זיך געבויגט פאַר יעדן שטיפעריש ווינטל, בכבודיקע דעמבעס האָבן געוואָרפן ברייטע שאָטנס פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג וואו ער איז געגאַנגען, נאָר די זון איז אים נאָכגעגאַנגען, שטיל, קאָנצענטרירט, געבאַקט אין פּלייצע, דערהיצט דעם פּנים און ער האָט אַפילו ניט געקענט אַלעמאָל דעם שוויס אָפּווישן, ביידע הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט צוויי שווערע וואַליזעס.

ער איז אַ פּעדלער.

די וואַליזעס זיינען ניט אַזוי שווער פון דער סחורה וואָס ער שלעפּט מיט זיך, ווי פון דעם געדאַנק אַז ער מוז אַ גאַנצע וואָך זיך אַרומוואַלגערן אויף די וועגן, געברענט ווערן פון דער זון, פאַרגאָסן ווערן פון רעגן, פאַרשטויבט ווערן פון דער אויסגעדאַרטער ערד, אויסגעהונגערט ווערן ווייל עס איז ניטאָ קיין אָרט וואו מען קען אַריינגיין עסן עפּעס וואַרעמס — דאָס מאַכט שווער די צוויי וואַליזעס.

ער איז נאָך יונג, אַ פּאַר און צוואַנציק יאָר, אָבער ער ווייס אַז דאָס איינציקע וואָס מאַכט אים לייכטער, זיינען דער טלית און תפילין. דאָס טאָר ער ניט ווייזן אין דאָרף־קראָם, ער דאַרף עס אַרונטערשטעקן סאַמע אונטן. אָבער דאָס געפיל אַז אַט גייט אַ יונגער איד צווישן גויאישע קאָרנפעלדער, אויף גויאישער ערד, דריט אַף דעם קאָפּ פון אַ צלם וואָס שטרעקט זיינע אויסגע־דאַרטע הענט ווי ער וואָלט זיך געבעטן מען זאָל אים אַרונטערנעמען פון דאַנען, זאָגט תפלת הדרך אין אַ קליין ווערטל און זעט ווי די ביימער פון רבונו של עולם שמייכלען צו אים, ווען ער רייבט די הענט אָן זייער קאָרע, כדי צו דאַוונען, טוט אָן אַ פּאַר הענטשקעס כדי צו עסן, כאָטש אַפילו ער האָט זיך געוואַשן אידער ער איז אַרויס פון שטוב, שלאָפט ערגעץ אין אַ שטאַל אויף די שטרוי, כדי ניט צו שלאָפן אין אַ פויערישן הויז וואו עס לויכט אַ לאַמפּיאַן לעבן אַן איקאָנע. — דאָס מאַכט אים לייכטער.

ווייל ער ווייס אַז ער איז אַנדערש, — דער ביטול׳דיקער שמייכל פון דעם פאַרביי־פאַרנדיקן גוי, דערהויבט אים; ווייל דער בייזער בליק פון די פויערים, ווען זיי לייגן אים פאַר עטוואָס צו עסן און ער זאָגט אַז ער איז זאַט — מאַכט אים גליקלעך און צופרידן.

— וואָס? דיר פּאַסט ניט צו עסן מיט אונז? ביי אונז איז ריין, קיין חזיר איז ניטאָ, פאַרוואָס?

ער שמייכלט צופרידן, קלאַפּט דעם פויער אין פּלייצע און זאָגט:

— דו ווייסט אַז איך בין אַ איד און איך האָב מיך עסן. און אין האַרצן טראַכט ער:

— און איך האָב מיך הונגער, מיך אייגענעם, ספּעציפישן הונגער וועלכער לעכצט ניט נאָך אַנדערע עסנס און איז הונגעריק נאָך אייגענע... און איך האָב אַן אייגענעם שמייכל וואָס שמייכלט איבער די ביטול׳דיקע שמייכלען פון די פויערים, און איך האָב אַן אייגענעם שלאָף וואָס מאַכט מיר גליקלעך אויפן שטרוי אין שטאַל, און איך האָב אַן אייגענע תפלה וואָס באַגלייט מיר אין וועג.

— אָבער די זון ברענט, אַן רחמנות ברענט זי.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון וועג, דאָס גראָז האָט אים געקילט זיין פאַרהיצטן קערפּער, די הויכע קאָרן־שטאַנגען האָבן עטוואָס פאַרשאָטנט פון זון. ער האָט אַ בינטל קאָרן צונויפגעדריקט און זיין קאָפּ אַרונטערגערוקט אונטער דעם בינטל. דער קאָרן האָט זיך צעשמעקט פריש און טויאיק, האָט ער אַריינגעאָטעמט דעם ריח און געטראַכט אַז עס וואָלט ניט געשאַט איצט צו מאַכן אַ ברכה בורא מיני בשמים, אָבער ער האָט ניט געוואוסט אויב ער מעג דאָס טאָן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיק ברויט און געלן, געלעכערטן שווייצער־קעז, אַרומגעוויקלט די הענט מיט אַ טיכל, „המוציא״ געזאָגט און גענומען עסן לאַנגזאַם, פאַרטרינקענדיק מיט וואַסער.

ביז פאַרנאַכט האָט ער שוין ניט פיל, און ער מוז זיין אַ זייגער פינף אין ערשטן דאָרף, מען האָט ביי אים באַשטעלט אַביסל סחורה און אויב ער וועט ניט ברענגען ביז דער פויער איז צוריק פון דער אַרבעט און ביז ער גייט אין שענק טרינקען, וועט די פויערטע אַליין מורא האָבן צו קויפן. די קאָפּערס זיינען געשטאַנען פול אָנגעשטאָפּט לעבן אים, זיי האָבן צעקוועטשט דאָס גראָז אונטער זיי, די הענט האָבן אים ווייי געטאָן. ער איז שוין אין וועג מער ווי פיר שעה, געמיינט עס וועט זיך אפשר מאַכן אַ פור פון אַ פויער וואָס וועט אים מיטנעמען, אָבער דער וועג איז געווען ליידיק, נאָר די ברענענדיקע זון האָט אַלץ אויסגעפילט.

אפשר וועט ער גאָר אַריינכאַפּן אַ מנחה?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, עס איז געווען שטיל, אין האָריזאָנט האָט זיך קיינער ניט געוויזן, ער האָט אָפּגעבענטשט, גענומען די וואַליזעס און אַריינגעשלעפּט זיך אין דער־ביאיקן וועלדל — שיטער ווי אַן אויסגעקראָכענער קאָפּ, די צווייגן האָבן קוים זיך אַליין באַהאַלטן פון דער זון, אָבער עטלעכעביימער זיינען דאָך געשטאַנען צוזאַמען. ער האָט אַרונטערגעשטעלט די וואַליזעס, אָנגעריבן די הענט אָן דער ווייסער קאָרע און זיך געשטעלט דאַוונען.

* * *

— זיי געלויבט ג־ט וואָס דו האָסט אונז געגעבן רעכט צו מתפלל זיין!

— אַ מענטש איז אַליין ווי די ים׳ישע טיפעניש, הילפלאָז — ווי אַ קליין ווערעמל אונטער די פיס. וואָלסטו אים ניט געגעבן די מעגלעכקייטן צו בעטן צו דיר, וואָלט ער געשטאַנען אינמיטן אָדער אין אָנהויב אָדער אין סוף פון דער וועלט און צערונען געוואָרן פון נישטיקייט, וואָלט ער מקנא געווען דאָס קוואַקען פון דער זשאַבע און דאָס ריזלען פון טייכל און דאָס געמורמל פון די בלעטער און אַלץ וואָלט פון אים געלאַכט און אַלץ וואָלט אים פיינט געהאַט, געטריבן — ווי קין נאָכן מאָרד.

און דאָ, אין דעם קליינעם וועלדל, שפּאַרט אָן אַ אידישער יונגערמאַן זיין צעהיצטן קאָפּ אין דער לאַכנדיקער קאָרע פון אַ בעריאָזע, און ביידע דאַוונען. פלעכט זיך תפלה אין תפלה ווי צווייגן אין בראשית־וואַלד, פול מיט צער אָדער פול מיט בוים־שמייכל, פול מיט געבעטעניש אָדער פול מיט הוילער דאַנקבאַרקייט ווי די תפלה פון בוים אָדער פון די וואָלקנס.

און אַביסל ווייטער בויגן זיך קאָרן־זאַנגען אין אַ תפלה און אַ ראָד פון אַ פויערישן וואָגן צעסקריפּעט זיך אין קנאה.

— עך, טאַטע אין הימל, דער פויער פאָרט פאַרביי, ער פאָרט פאַרביי, שטענדיק פאָרט ער נאָר פאַרביי ————

* * *

נאָך מנחה האָט ער זיך געפילט אַביסל בעסער, די מוסקולן האָבן ניט אַזוי ווייי געטאָן, נאָר דער קאָפּ איז געווען זייער הייס. „דאָס וועט פאַרבייגייך״, האָט ער געטראַכט, נאָך אַ שעה־אָנדערהאַלבן וועט די זון זיך נעמען בויגן צו מערב, דאַן וועט קילער ווערן און אפשר וועט פאַלן אַ רעגנדל און פרישער מאַכן די לופט.

איז ער געגאַנגען אַ לאַנגע ווילע, די פיס האָבן זיך געטונקען אין זאַמד, און די צוויי שווערע קאָפערס האָבן זיך געריסן צו דער ערד.

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט, דער אָטעם איז אים שווער געגאַנגען. וואָס איז דאָס מיט מיר, האָט ער געטראַכט, נאָך

קיינמאָל אַזוי ניט געווען, איך בין דאָך יונג און האָב גענוג כּח. ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים, געטרונקען אַ זופּ וואַסער און געפילט ווי די היץ שלאָגט אים אין קאָפּ.

— אפשר זיך צושפּאַרן אַ ווײַלע?

— דאַן וועל איך איינשלאָפן און עס קען נאָך ווערן נאַכט, אָדער אַ פּויער קען פאַרבייפאָרן און צו׳גנב׳נען די גאַנצע סחורה. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די קאָפּערס, צוגעמאַכט די אויגן און געמורמלט אויף אויסנווייניק קאַפּיטלעך תהלים וואָס איז אים גראָד איינגעפאַלן. ער האָט געפילט אַז ער גייט איינשלאָפן, האָט ער זיך געריבן די אויגן, אויפגעשטעלט און צוריק זיך געזעצט, יאָ, ער איז געווען זייער מיד און ער דאַרף נאָך גיין אַ פּאָר קילאָמעטער מיט די קאָפּערס, אַ פּ־אָ־ר קילאָמע־ט־ע־ר.

ער האָט שוין כמעט איינגעדרעמלט אָבער אַ סקריפּ פון רעדער האָט אים אויפגעריסן פון דרעמל, ער איז אויפגעשפּרונגען, אַרויסגעלאָפן אויפן וועג און דערזען צו זיין פרייד אַ באַקאַנטן פּויער פּאָרט אין דער ריכטונג צום דאָרף וואו ער דאַרף זיין. זיינע מוסקולן האָבן מיטאַמאָל פאַרגעסן זייער מידקייט, ער האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן די קאָפּערס, אַרויסגעלאָפן אויפן וועג און געפאָכעט מיט דער האַנט צום פּויער.

די רעדער האָבן זיך איינגעגעסן אין זאַמדיקער ערד, דער פּויער האָט נערוועז געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַרומגעקוקט זיך און זיך פאַרטיפט גלייך אין דערבייאיקן גראָז.

— קום, רפאל, וואַרף אַרויף דיין סחורה, אין אַ האַלבע שעה זיינען מיר אין דאָרף. ווילסט אַ טרונק?

דאָס איז געווען אַ פּויער פון אַ דערבייאיקן דאָרף, ער האָט געקענט רפאל׳ן שוין עטלעכע יאָר און ניט איינמאָל געקויפט ביי אים סחורה. רפאל האָט זיך דערפרייט טאָפּלט, האָט מיט שמחה אַרויפגעוואָרפן די וואַליזעס און שוין געוואָלט אַליין אויך אַרויפשפּרינגען. דאַן האָט ער דערזען ———

ניין, דאָס איז ניט געווען קיין קאַמף. ווי קען מען דען קעמפן קעגן אַן אומבאַזיגבאַרן פאַקט, ער האָט נאָר געפילט ווי אַלץ אין אים שרייט אויף פון מידקייט, ער האָט געוואוסט אַז ער וועט עס ניט טאָן, פונדעסטוועגן האָט אַ בייז־זיסע שטימעלע אין אים אַריינגעזונגען ליבנסווירדיק, בלומענשפּראַכיק:

— מילא, דו אַליין טאָרסט טאַקע ניט, אָבער די וואַליזעס... ביזט דאָך מיד! ווער ווייס, אפשר ביזטו גאָר קראַנק, וועסט בלייבן ליגן אויפן וועג מיט ברענענדיקן קאָפּ, קריגן אַ לונגען אַנטצינדונג, דאָס איז דאָך סכנות נפשות. האָסט אַ פרוי און קינדער, גיב אַ טראַכט אידער ער פאָרט אַוועק, נו?

דער „נו" איז געקומען פון פּויערס מויל:
קום שוין, איך איל זיך.

רפאל האָט אַראָפּגעשלעפּט די וואַליזעס, איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט לעבן וואָגן. דער פערד האָט מיט אַ נערוועזן שאָקל אים אַ שמייס געטאָן מיטן עק אין פּנים. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּויער, וואָס האָט געהאַט אויפגעריסענע אויגן פון פאַרוואונדערונג:

— קום, נו!

— איך טאָר ניט!

— פאַרוואָס?

רפאל האָט אַ מידן שמייכל געטאָן: דאָס איז אַ אידישע זאַך, דו וועסט עס ניט פאַרשטיין. איך וואָלט געגעבן זייער אַ סך איך זאָל קענען מיט דיר מיטפאָרן, האַנס. דו ביסט אַ גוטער מענטש, איך וועל עס דיר געדענקען שטענדיק, אָבער מיטפאָרן מיט דיר קען איך ניט, נ נ י י ן, האָט ער איבערגע׳חזר׳ט, נ נ נ נ י י ן!

— אָבער פאַרוואָס?

רפאל האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געוויזן אויפן געשפּאַן: צוליב דעם!

דער פּויער איז אַ ווײַלע געזעסן שטום, אַריינגעשטופּט די אויגן אין רפאל׳ס פּנים און ווייזט אויס גאָרניט פאַרשטאַנען. ער האָט אַרויסגענומען דעם בייטש פון גאַרטל, אַ פּאָכע געטאָן אויפן פערד און שוין אָפּפאָרנדיק געטייטלט מיטן קאָפּ פון בייטש אויף זיין קאָפּ, זאָגנדיק צו רפאל׳ן:

— טייערינקער, דאָ, דאָ פעלט דיר עפּעס.
און איז אַוועקגעפאָרן.

און רפאל האָט מיט איבערפולטער פרייד נאָכגעקוקט ווי דער אָקס און דער פערד שמייסן איינער פון אַנדערן די פליגן אַוועק מיט זייערע עקן.

אידן אין מאַדאַגאַסקאַר

● הרב י. וויינבערג

ווידעראַמאָל גרייט איך זיך צו אַ נסיעה קיין אַפריקע. דער רבי שליט״א זאָגט מיר אָן: מ׳דאַרף אויסגעפינען צי עס זיינען פאַראַן אידן אין מאַדאַגאַסקאַר! און אויב עס געפינען זיך דאָרט אידן, איז אַ גלייכע זאַך אַהין צוצופאָרן.

במשך די איניקע טעג, וואָס זיינען פאַרבליבן צו מיין נסיעה, האָב איך זיך נאָכגעפרעגט אין פאַרשידענע אינסטאַנצן אויב עס געפינען זיך אידן אין מאַדאַגאַסקאַר (היינט: רעפּובליק פון מאַלאַגאַש). אָבער קיינער קען מיר וועגן דעם נישט געבן קיין אינפאָרמאַציע. אַזוי ווי איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַפריקע און דאָרט אויפן אָרט אויסגעפינען וועגן דעם אינזל מאַדאַגאַסקאַר און זיינע אידן — אויב עס זיינען פאַראַן אַזעלכע.

אָבער אויך קומענדיק אין אַפריקע האָב איך גאָרנישט אויפגעטאָן בנוגע ידיעות וועגן אידן אין מאַדאַגאַסקאַר. איך שרייב שוין פון דאָרט צום רבי׳ן שליט״א, אַז איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אין ניו־יאָרק און האָב אויך נאָכגעפאָרשט אין אַפריקע, אָבער קיינער ווייסט גאָרנישט פון וועלכע־ניט־איז אידן אין מאַדאַגאַסקאַר. און יענעם מאָל בין איך טאַקע קיין מאַדאַגאַסקאַר ניט געפאָרן.

ווען איך האָב שפּעטער נאָך אַמאָל געדאַרפט פאָרן קיין אַפריקע, זאָגט מיר ווידער דער רבי שליט״א: „מ׳וואָלט זיך געדאַרפט נאָכפרעגן וועגן אידן אין מאַדאַגאַסקאַר און צופאָרן אַהין אויף אַ טאָג־צוויי״. פּרואוו איך זיך פאַרענטפערן און זאָג: „דעם פריערדיקן מאָל האָט מיר דער רבי געהייסן זיך נאָכפרעגן; האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט פון קיין אידן אין מאַדאַגאַסקאַר״. דער רבי שליט״א האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „מסתמא זיינען אויך דעמאָלט דאָרט געווען אידן״. פאַרשטייט איך שוין, אַז נאָכפרעגן דאַרף איך זיך, אָבער פאָרן אַהין מוז איך בכל אופן.

אין יאָהאַנעסבורג האָב איך זיך פונעם דעמאָלטיקן רב הראשי פון דרום־אַפריקע דערוואוסט, אַז עס איז לעצטנס איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנסולאַט פון ארץ־ישראל אין טאַנאַנאַריוו, די הויפּט־שטאָט פון מאַדאַגאַסקאַר. איך האָב אויך אויסגעפונען דעם נאָמען פון קאָנסול.

דער בית־דין פון יאָהאַנעסבורג האָט געשריבן צום אידישן קאָנסול אין טאַנאַנאַריוו מיט אַ בקשה מודיע צו זיין וועגן אידן אויפן אינזל און צושיקן אַ וועלכן־ניט־איז אידישן אַדרעס. אָבער במשך פון איניקע וואָכן איז קיין ענטפער פונעם קאָנסולאַט נישט געקומען (דער קאָנסול איז דאַן געווען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל בקשר מיטן באַזוך פון דעם פרעזידענט פון מאַדאַגאַסקאַר אין הייליקן לאַנד).

איך האָב באַקומען די נויטיקע וויזע, און האָב אויך געוואָלט באַשטעלן אַ פּלאַץ אויף אַן עראָפּלאַן. אָבער מען זאָגט מיר, אַז מ׳קען באַקומען אַן אָרט אויף אַן עראָפּלאַן נאָר ביז נאַיראָבי (קעניאַ). קיין טאַנאַנאַריוו איז אין דער צייט פון יאָר שווער צו פאָרן, ווייל די עראָפּלאַנען גייען אַהין בלויז איניקע מאָל אין וואָך און איין מאָל פון זיי איז שבת.

בעט איך אַז מ׳זאָל מיך כאָטש אַרויפשטעלן אויף דער וואַרט־ליסטע.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג רופט מיר הרב ר׳ ירמי׳ אַלאַי, סעקרעטאַר פון דעם בית־דין אין יאָהאַנעסבורג, און זאָגט מיר, אַז דער באַרימטער אידישער וועלט־רייזנדער, ד״ר חיים שאַשקעס, איז היינט געקומען צופאָרן. ער דערציילט, אַז ער איז געפאָרן דורך מאַדאַגאַסקאַר און דאָרט געפונען איין איינציקע האַלב־אַסימילירטע אידישע משפחה. דער הויפּט פון דער משפחה איז אַ דאָקטאָר מיטן נאָמען א., אַ געבוירענער פון וויטעבסק. ווען דער רב־הראשי האָט געזאָגט, אַז איך גרייט זיך צו פאָרן קיין מאַדאַגאַסקאַר, האָט אים ד״ר שאַשקעס געענטפערט: „איך וועל זיך טרעפן מיט הרב וויינבערג, וועל איך אים שוין זאָגן, אַז ער האָט נישט נאָך וואָס צו פאָרן; און אַז ער קען וועגן דעם שרייבן דעם רבי׳ן אין מיין נאָמען״.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך זיך געטראָפן מיט ד״ר שאַשקעס. ער דערציילט מיר, אַז פאַר זיין אָפּפאָר פון ניו־יאָרק איז ער געווען

ביים רבי׳ן שליט״א. דער רבי האָט אים מיטגעגעבן אַ שליחות דורכצופירן אין אַ געוויסער מדינה, און ער האָט די שליחות אויסגעפירט. „איך האָב געהערט, אַז איר גרייט זיך צו פאָרן קיין מאַדאַגאַסקאַר. איך מיין, אַז ס׳איז נישטאָ צוליב וואָס צו פאָרן: איר קענט שרייבן דעם רבי׳ן, אַז איך בין דאָרט געווען און מער ווי די איינע משפחה א. האָב איך נישט געפונען״.

איך האָב אים געענטפערט: „פאָרן קיין מאַדאַגאַסקאַר וועל איך שוין סיי־ווי־סיי — מקיים צו זיין דעם רבי׳נס שליחות. און הגם איר האָט קיין אידן דאָרט נישט געפונען, בין איך זיכער אַז דאָרט זיינען אידן יאָ פאַראַן. איך וויל אייך נאָר בעטן מיר צו געבן דעם אַדרעס פון דער משפחה א.. איך זאָל כאָטש ביי זיך האָבן איין אידישן אַדרעס אין יענער ווייטער מדינה״.

אין דער צווישן־צייט האָב איך געדאַרפט צופאָרן קיין קייפּטאַון. אויף שבת האָב איך זיך געמוזט צוריקקערן קיין יאָהאַנעסבורג, וואו איך האָב געדאַרפט האַלטן אַ לעקציע פאַר דער יוגנט פון דער וואַלמאַרענס סט. שוהל, די שוהל פון דעם רב־הראשי.

דאָנערשטיק אָוונט, קומענדיק צוריק פון קייפּטאַון, זאָגט מיר הרב אַלאַי: „רע־זערוואַציעס פאַר אייך פון נאַיראָבי קיין טאַ־נאַנאַריוו איז נאָך אַלץ אוממעגלעך צו קריגן. אָבער קיין מאַדאַגאַסקאַר וועט איר שוין פאָרן; און איר האָט שוין אויך צו וועמען צו פאָרן...״ מיט צוויי טעג צוריק איז אָנגעקומען אַ בריוו צום רב־הראשי פון אַ אידן אין מאַדאַגאַסקאַר מיטן נאָמען ל. ער בעט דעם רב אים צו באַזאָרגן מיט קאָנסער־ווירטע כשר׳ע פלייש. עס איז שוין איבער 6 חדשים ווי ער געפינט זיך אין מאַדאַגאַס־קאַר מיט זיין פרוי און קינד, אָבער האָט ניט קיין מעגלעכקייט צו באַקומען כשר פלייש.

דער רב האָט טאַקע גלייך טעלעגראַפירט צו מר. ל. און אים געלאָזט וויסן, אַז קומענ־דיקע וואָך וועל איך קומען קיין מאַדאַגאַס־קאַר און וועל אויך מיט זיך מיטברענגען כשר פלייש פאַר אים און זיין פאַמיליע.

זונטיק פאַרנאַכט בין איך אָפּגעפלויגן קיין נאַיראָבי. איך האָב גענעכטיקט אין נאַיראָבי און פאַרטאָג פאָר איך צום לופט־פעלד מיט דער האָפענונג צו באַקומען אַ פּלאַץ אויפן עראָפּלאַן וואָס גייט קיין מאַדאַגאַסקאַר.

אייניקע מינוטן אײדער דער עראָפּלאַן איז אָפּגעפלויגן, זאָגט מען מיר אָן די בשורה, אַז ס׳איז געבליבן אַן אָרט פאַר מיר אויפן עראָפּלאַן. מען וואָרנט מיך אָבער, אַז איך וועל מעגלעך בלייבן שטעקן פאַר אַ לענ־גערער צייט אויפן אינזל: זיי קענען פאַר מיר קיין אָרט אויף צוריק בשום־אופן ניט רעזערווירן (און געווען איז עס גאַנץ נאָענט צו ראש־השנה). איך בין אָבער ביי זיך זי־כער, אַז איך וועל עס יאָ באַקומען, — דער רבי שליט״א האָט דאָך מיר בפירוש געזאָגט צו זיין דאָרט בלויז „אַ טאָג־צוויי״.

* * *

אויף דעם לופט־פעלד — וואָס איז היפּש־לעך ווייט פון טאַנאַנאַריוו — האָט שוין אויף מיר געוואַרט מר. ל. פון מיין אויסזען האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס בין איך דער גאַסט וואָס ברענגט פאַר אים כשר פלייש...

פאָרנדיק פון לופט־פעלד אין שטאָט אַריין, וואָס האָט גענומען איבער אַ שעה צייט, האָב איך געהאַט גענוג צייט צו שמו־עסן מיט מר. ל. ער דערציילט, אַז געבוירן איז ער אין דער שטאָט ט., וואו זיין פאָטער איז געווען אַ חכם. ער אַליין האָט געוואוינט אין פּאַריז. זייענדיק אַן עקספּערט אויף אַגריקולטור, איז ער מיט איבער אַ האַלב יאָר פריער געקומען קיין מאַדגאַסקאַר אין דער שליחות פון אַ געוויסער פראַנצויזי־שער געזעלשאַפט. ער לעבט דאָ מיט זיין פרוי און קליין קינד. ער האָט באַזוכט דעם אידישן קאָנסולאַט, אָבער דאָרט קיינעם ניט געטראָפן (ווי עס האָט אויך פּאַסירט מיט ד״ר שאַשקעס). ער האָט ניט קיין שום אינ־פאָרמאַציע וועגן אַנדערע אידן אין מאַדאַ־גאַסקאַר.

איך דערצייל אים ווער עס האָט מיך גע־שיקט קיין מאַדאַגאַסקאַר, און איך זאָג אים, אַז אויך ער האָט דאָ אַ וויכטיקע שליחות: „דער בעל־שם־טוב זאָגט, אַז אַ איד ווערט פאַרוואָגלט אין אַן אָרט וואו די ג־טלעכע השגחה ברענגט אים בכדי צו ׳מברר׳ זיין און ליכטיק מאַכן יענעם אָרט מיט אַ ברכה און אַ מצוה. עס איז רעכט אַז דאָס אָרט וואַרט שוין טויזנטער יאָרן אויף דער צייט וואָס אַ איד וועט אַהין קומען און דאָרט מאַכן אַ ברכה, מקיים זיין אַ מצוה, אָדער זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים״.

איך הער פון אים, אַז שבת מוז ער גיין אין זיין אָפיס. ער גייט אָבער אַהין צופוס און אויך דאָרט טוט ער נישט קיין שום מלאכה.

וואָס איז וועגן תפילין־לייגן? פאַרענטפערט ער זיך: ער גייט אַוועק אין אָפיס ווען ס׳איז נאָך פינסטער, קען ער דאָך קיין תפילין נישט לייגן. נאָר זונטיק, ווען ער גייט נישט אין אָפיס, לייגט ער תפילין. איך קלער אים אויף, אַז ער קען לייגן תפילין שפּעטער ווען ער קומט שוין אין אָפיס. אויך קומענדיק אַהיים פאַרנאַכט, פאַר דער שקי־עה, קען ער נאָך אַלץ לייגן תפילין. ער זאָגט מיר צו: „יאָ, איך וועל אַזוי טאָן. איך האָב פשוט נישט געוואוסט, אַז מ׳קען לייגן תפילין אויך פאַרנאַכט״.

נאָך אַ קורצן באַזוך ביי אים אין שטוב,

האָבן מיר זיך צוזאַמען געלאָזט פאָרן צום אידישן קאָנסולאַט און מיר האָבן דאָרט געטראָפן דעם וויצע־קאָנסול (דער קאָנסול איז נאָך אַלץ געווען אין ארץ־ישראל).

איך זע, אַז אויף די טירן פון קאָנסולאַט זיינען נישטאָ קיין מזוזות. אויף מיין פאַרוואונדערונג ענטפערט מען: „עדיין לא הגיעו!" די מזוזות, הייסט עס, זיינען נאָך ניט געקומען. איך נעם אַרויס אַ מזוזה מיט די מכשירים, וואָס איך האַלט ביי זיך און שטעל זיך אַוועק אָנצושלאָגן אַ מזוזה אויף דער ערשטער אידישער טיר פון אָט־דעם וויטן אינזל. איך קען פילן די שמחה פון דעם וויצע־קאָנסול (אַ ספרדישער איד): עס איז שוין דאָ אַ מזוזה אויף די דיפּלאָמאַטישע ד' אמות פון ארץ־ישראל — אין מאַדאַגאַסקאַר.

מיר צערידן זיך וועגן אידן אין מאַדאַגאַסקאַר. דער וויצע־קאָנסול זאָגט, אַז ער ווייסט פון נאָך דריי אידישע פאַמיליעס (אויסער די דערמאָנטע צוויי פאַמיליעס א. און ל.).

— איר קענט מיר פיליכט פאַרבינדן מיט אָט־די משפחות? — פרעג איך. „מיט פאַרגעניגן", ענטפערט ער, און טעלעפאָנירט גלייך צו דער זינגער־מאַשינען פירמע, וואו עס אַרבעט מר. מ. נאָך אַ קורצן שמועס ווערט אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן 6 אַזייגער אין אָונט אין דער הויז פון מר. מ. ער וועט שוין אויך איינלאַדן זיין שוואָגער מיט זיין פאַמיליע.

אָנקומענדיק אַהין, האָבן שוין אויף אונז געוואַרט אַלע מיטגלידער פון די אידישע פאַמיליעס (אויך דאָ האָב איך אָנגעשלאָגן אַ מזוזה אויף דער טיר, צו דער צופרידנקייט פון די דאָזיקע אידן). מיר האָבן זיך גאַנץ וואַרעם און אידישלעך אַדורכגעשמועסט. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די צוויי פאַמיליעס קומען פון איראַק. ס'איז שוין 11 יאָר ווי זיי לעבן אין מאַדאַגאַסקאַר און די גאַנצע עלף יאָר האָבן זיי קיין איין מאָל נישט געהאַט קיין מצה אויף פסח.

אויף מיין פראַגע, וואָס עס טוט זיך מיט אידישער דערציאונג פאַר זייערע קינדער, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי האָבן ניט ווער עס זאָל מיט די קינדער לערנען. איך ווענד מיינע בליקן צו מר. ל. איך האָב שוין פון פריער געוואוסט, אַז ער קען תנ"ך און ער האָט אויך געלערנט גמרא, און שוין אַפילו אַמאָל געלערנט הלכות שחיטה. זאָג איך אים: „גלייך ווי מיר האָבן זיך געטראָפן האָב איך אייך געזאָגט, אַז איר האָט געוויס דאָ אַ שליחות; אַז אייער קומען אַהער איז געוויס נישט בלויז בכדי צו העלפן אַנטוויקלען די אַגריקולטור פונעם לאַנד. איצט ווערט אונז קלאָר וועלכע שליחות עס שטייט פאַר אייך ביים איצטיקן מאָמענט: לערנען איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך מיט די קינדער פון די אידישע פאַמיליעס און העלפן אַנטוויקלען די 'ארץ חפץ', וואָס אידישע נשמות שטעלן מיט זיך פאָר". מר. ל. נעמט אָן מיין פאָרשלאָג: ער וועט אָנהויבן לערנען תורה (לשמה, אָן באַצאָלט) מיט די אידישע קינדער פון מאַדאַגאַסקאַר.

ס'איז פאַר ראש־השנה, און ווי איך זע איז דאָ ניטאָ קיין מעגלעכקייט פאַר אַ מנין: עס זיינען פשוט נישט פאַראַן קיין צען אידישע מענער אין עלטער פון דרייצן יאָר, וואָס זאָלן קענען צונויפשטעלן אַ מנין. האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן כאָטש דאַוונען ימים־נוראים צוזאַמען און איינער פון זיי זאָל בלאָזן שופר. די אידן האָבן מיט פאַרגעניגן אָנגענומען מיין פאָרשלאַג. איך האָב זיי איבערגעלאָזט מיין שופר, און האָב אויך אויסגעלערנט מר. ל. די חכמה פון בלאָזן שופר.

אין דעם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען, האָב איך באַמערקט אויף זיך די בליקן פון איין גאַסט מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט. איך בין אים פאַרביי־געגאַנגען איניקע מאָל, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער ניט געפונען די דרייסטקייט מיט מיר צו פאַרפירן אַ שמועס. איינמאָל, זייענדיק אין דרויסן פון האָטעל, האָט זיך דער מענטש אָנגענומען מיט מוט און איז צו מיר צוגעקומען. ער האָט גערעדט דייטש און געפרעגט ווער איך בין, פון וואַנען איך קום א. אַ. וו. איך האָב זיך פון אים דערוואוסט, אַז זיין נאָמען איז ג. ער איז אַ גאַליציאַנער איד וואָס האָט געוואוינט אין ווין און זינט דעם אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וואוינט ער אין מאַדאַגאַסקאַר. און מערקווירדיק: ער האָט געקענט די פאַמיליעס מ. און ק. און אויך זיי האָבן אים געקענט, אָבער נישט זיי האָבן וואוסט אַז ער איז אַ איד, און נישט ער האָט געוואוסט אַז זיי זיינען אידן. איצט האָבן זיי זיך באַקענט ווי אידן, און אויך מר. ג. האָט צוגעזאָגט צו קומען דאַוונען ראש־השנה אין הויז פון מר. ק. און אויך הערן תקיעת שופר, וואָס ער האָט ניט געהערט שוין אַזוי פיל יאָרן.

דאָס וויטערדיקע איז שוין פאָרגעזעצט געוואָרן פונעם רבי'נס אָפיס און פון דעם „מרכז לעניני חינוך" אין ניו־יאָרק — צו באַזאָרגן די אידישע משפחות פון מאַדאַגאַסקאַר מיט ספרי לימוד (אויך אין פראַנצויזישער איבערזעצונג), תשמישי קדושה און די אידן אין מאַדאַגאַסקאַר זיינען שוין אויך מער נישט געבליבן אָן מצות אויף פסח, ווייל יעדן יאָר ווערן אַהין געשיקט מיט לופטפּאָסט שמורה־מצות פון דעם רבי'נס אָפיס.

די אידן זיינען שוין דאָרט ניט מער אַזוי איינזאַם. עמעצער טראַכט שוין וועגן זיי.

אבותינו ספרו לנו...

סיפורים און ענינים וועגן נשיאי און חסידי חב״ד פאַרצייכנט לויט אויטענטישע מקורות

דורך הרב ר׳ זלמן שמעון דוואָרקין

אויף דער גרויסער „זשלאָבינער״ חתונה, זיינען די הויפּט־מחותנים געווען דער „אַלטער רבי״ פון איין זייט און הרה״צ הרה״ק ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער פון דער צווייטער זייט. פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם איז געווען גאָר גרויס: צדיקים, חסידים, רבנים און סתם צאָלרייכע געסט. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער באַרימטער חסיד פון אַלטן רבי׳ן, — ר׳ שמואל מונקעס. ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מדריגה, אַ פייערדיקער חסיד און זיין דרך פון חסידישער שמחה (צוזאַמען מיט דער טיפסטער נויטיקער מרירות אין דער געהעריקער צייט) האָט אַמאָל אַפילו אויסגעזען ווי דאָס וואָלט געווען אין אַ שטיפערישן אופן; אָדער זיך אויסגעדריקט דורך אַ שאַרפן גלייכוואָרט. איז אויף דער אויבנדערמאָנטער חתונה האָט ר׳ שמואל מונקעס „אָנגענומען די ראָלע״ פון כמו אַ בדחן.

דער אַלטער רבי, כידוע, האָט געדאַוונט זייער פרי. דער באַרדיטשעווער האָט שטאַרק מאריך געווען אין די הכנות צום דאַוונען און געדאַוונט לאַנג און שפּעט אין טאָג אַריין. האָבן די צוויי צדיקי עולם זיך אַזוי אויך נוהג געווען דאָ ביי דער חתונה — יעדער אויף זיין אַכסניא.

האָט ר׳ שמואל מונקעס זיך „דערלויבט״ אַזאַ מין בדחנות: אינדערפרי איז ער אַוועק צום אַלטן רבי׳ן. דער אַלטער רבי איז שוין דאַן געווען נאָכן דאַוונען. רופט זיך אָפּ ר׳ שמואל מונקעס צום אַלטן רבי׳ן: איר ווייסט מיט וועמען איר זייט זיך מתחתן? דער באַרדיטשעווער צדיק און גאון עולם! איר, רבי, האָט שוין אָפּגעדאַוונט — פונקט ווי אַ סך סתם־אידן; אָבער דער מחותן אייערער האַלט ביי גאָר אַן אַנדער הנהגה: ער איז טיף פאַר׳מוח׳ט און פאַר׳דבק׳ט אין די העכסטע הכנות צו תפילה... טאָ וואָס וועט דער רבי ענטפערן דערויף?

האָט אים דער אַלטער רבי געענטפערט: וואָס גלייכסטו מיך צום מחותן! דער מחותן שטייט אויף אַזאַ מדריגה, אַז ווען נאָר ער וועט „אָנקלאַפּן״ (אין די היכלות עליונים) — וועט מען אים תמיד עפענען; איך, אָבער, מוז אַריינכאַפּן ווען די טויערן זיינען אָפן.

האָט שוין ר׳ שמואל מונקעס דעם ענטפער פון אַלטן רבי׳ן — איז ער באַלד אַוועק צום באַרדיטשעווער. דער באַרדיטשעווער האָט געהאַלטן אין מיטן רויכערן די ליולקע און איז געווען באַשעפטיקט אין די הכנות צום דאַוונען. זאָגט ר׳ שמואל מונקעס צום באַרדיטשעווער:

— ווייסט דער באַרדיטשעווער צדיק ווער זיין מחותן איז? דער מורא׳דיקער גאון און צדיק יסוד עולם דער בעל התניא! איז ער, דער אַלטער רבי, מיט זיין גרויסער צדקות, זיך נוהג אָפּצוהיטן אַ קוצו של יוד פון אַ הלכה און האָט שוין דעריבער אָפּגעדאַוונט זייער פרי כמנהג וותיקין. אָבער איר, באַרדיטשעווער רב, זייט גאָר איצט פאַרנומען מיט רויכערן די ליולקע, און דאַוונען וועט איר גאָר העט אין טאָג אַריין. איז ווי פאַרשטייט מען עס?...

רופט זיך אָפּ דער באַרדיטשעווער: „סערדצע, סערדצע״, מיך פאַרגלייכסטו צום מחותן? דער מחותן האַלט אַזוי הויך, אַז ער דאַרף שוין ניט האָבן קיין באַזונדער הכנה צום דאַוונען יעדן טאָג; ער איז שוין גרייט פון נעכטן; ער איז תמיד גרייט צום דאַוונען. איך, סערדצע, דאַרף מיך אָבער יעדן טאָג באַזונדער צוגרייטן צום דאַוונען, דערפאַר נעמט עס ביי מיר אַזויפיל צייט יעדן פרימאָרגן.

(געהערט פון הרמ״מ דובראַווסקי — כמדומני אין נאָמען פון זיין רבי׳ן הרה״ג הרה״ח ר׳ יואל פאָדאָבראַנקער)

א וועלט ווערט אופגערודערט צוליב א אידיש קינד

• דר. הלל זיידמאַן

ס'זיינען נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין אידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס — איינע, די „אַליאַנס" איז געשאַפן געוואָרן שפּעטער אַלס רעזולטאַט פון דעם געשעעניש, וועגן וועלכן מיר גייען דערציילן. — אָבער ס'האָט עקזיסטירט און געווירקט די גרויסע וועלט־אָרגאַניזאַציע וואָס הייסט: כלל ישראל. אָן פּרעזידענטן און סעקרעטאָרן, אָן אַפּאַראַטן און בודזשעטן, אָן טומל און פּאַבליסיטי, האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, געטריבן פון דעם כל ישראל ערבים זה לזה, געטאָן אויף טויזנט ערטער, פאַרבונדענע מיט טויזנט פעדים, און באַנוצנדיק אַלערליי וועגן, אַבי צו דערגרייכן דעם ציל, אָפּצוראַטעווען פון אַ סכנה, אָפּשרייען אַ גזירה, העלפן אין אַ נויט — אין דעם פאַל צו ראַטעווען אַ אידיש קינד פון שמד.

די קירכע רויבט צו אַ אידיש קינד

די פּאַסירונג איז פאָרגעקומען מיט איבער 100 יאָר צוריק. אַ אידיש קינד אין באָלאָנגאַ, איטאַליע, מיטן נאָמען עדגאַר מאַרטאַראַ, פינף יאָר אַלט, איז בעת ס'איז געווען קראַנק, באַשפּריצט געוואָרן דורך זיין קאַטוילישער פלעגערין, אַנאַ מאַריסי, מיט „קריסטנדיק" וואַסער. ווען דאָס קינד איז שפּעטער געזונט געוואָרן האָט די פלעגערין וועגן דעם דערציילט דער פּויפּסטלעכער מאַכט, וועלכע האָט מיט געוואַלד, — דורך דער פּאָליציי, — אַוועקגעריסן דאָס קינד פון די אידישע עלטערן, כדי עס אויפצוהאָדעווען אַלס קריסט.

די עלטערן לייגן איין וועלטן

די אומגליקלעכע עלטערן האָבן איינגעלייגט וועלטן צוריקצובאַקומען זייער קינד. אָבער זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דער אייזערנער וואַנט פון דער קירכע, וועלכע האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון אירע נעגל דעם אומשולדיקן קרבן. דער פּויפּסט האָט גע'טענה'ט, אַז לויט זייערע געזעצן איז אויב דאָס קינד איז „באַגאָסן געוואָרן" איז עס אַ קריסט...

די עלטערן פון עדגאַר מאַרטאַראַ האָבן אָבער זיך נישט מיאש געווען. זיי האָבן זיך געווענדעט צו אַלע מעגלעכע, און אומ־מעגלעכע, ערטער. זיי האָבן געבעטן, געוועקט רחמנות, זיך משתדל געווען, אויך באַנוצט דרוק. יאָ, דרוק מצד די העכסטע מאַכטהאָבער פון זייער צייט, איבער דער גאַנצער וועלט.

ווער איז דעמאָלט נישט איינגעשפּאַנט געוואָרן פאַרן אַרויסבאַקומען פון געפאַנגענשאַפט דעם קליינעם מאַרטאַראַ?

קייזערס און קעניגן פאָדערן צוריקגעבן דאָס קינד

דער קייזער פראַנץ יאָזעף, דער ליבעראַלער הערשער פון עסטרייך, וועלכער איז געווען אַ טרייער קאַטאָליק, מיטן טיטול „פּאַרטיידיקער פון גלויבן", האָט זיך געווענדעט צום פּויפּסט פּיוס דעם 9־טן פאָדערנדיק אָפּגעבן דאָס אידישע קינד. אומזיסט!

קייזער נאַפּאָלעאָן דער דריטער פון פראַנ־

קרייך, וועלכער איז געווען דער „שומר פונעם וואַטיקאַן", האָט געפאָדערט דאָס קינד. אָן דערפאָלג.

סער משה מאָנטעפיאָרע האָט, באַנוצנדיק זיין השפעה אויף קעניגין וויקטאָריאַ פון ענגלאַנד, אַפּעלירט דורך איר צו פּיוס דעם 9־טן וועגן אידישן קינד. דער פּויפּסט האָט אָפּגעזאָגט.

פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען

אין 1865, ווען מ'האָט געזען, אַז גאָרנישט קען רירן דאָס פאַרשטיינערטע האַרץ פון פּיוס'ן, האָבן אידן באַשלאָסן אויפצושטורמען די עפנטלעכקייט, בפרט אין מערב.

אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד זיינען פאָרגעקומען מאַסן־פּראָטעסטן קעגן דעם פאַרברעכן. דאָס ערשטע מאָל איז דעמאָלט אויך אַמעריקע אויפגעברויזט געוואָרן וועגן אַ אידישער זאַך. פון ניו יאָרק ביז סאַן פראַנציסקאָ זיינען פאָרגעקומען מיטינגען און פאַרזאַמלונגען וועגן דעם געפאַנגענעם אידישן קינד.

אין 1865 דערגרייכט דער פּראָטעסט אַ קלימאַקס

ווען דאָס אינגל האָט דערגרייכט דעם עלטער פון בר־מצוה, אין 1865, און ער איז נאָך אַלץ געווען פאַרשפּאַרט אין קלויסטער, אונטער דער פּערזענלעכער „שוץ" פונעם פּויפּסט, האָבן די עלטערן באַנייט זייערע האַרצרייסנדיקע תחנונים און השתדלות'ן. אָבער זייער געוויין און געשריי האָבן אָנגעטראָפן אויף טויבע אויערן. אויך די מעכטיקסטע הערשער פון דער וועלט האָבן נישט געקענט ברעכן די אַכזריות פון דער קירכע. עדגאַר מאָרטאַראַ איז געבליבן אין איר געפאַנגענשאַפט.

די גלחים און נאָנעס האָבן זיך פאַרלייגט צו מאַכן פון דעם צוגע'גזל'טן אידישן קינד נישט בלויז אַ קאַטאָליק, נאָר אויך אַ הויכן גייסטלעכן זייערן. זיי האָבן דערביי פאַר'סמ'ט זיין מוח מיט האַס צו דער אידישער אמונה און צו אידן. דער פּויפּסט פּיוס דער 9־טער, וועלכער האָט תחילת זיך מאַסקירט אַלס ליבעראַלער, האָט דאַן אָפּן געהעצט קעגן אידן, און מאָרטאַראַ, זיין שוצלינג, איז אויסגעבילדעט געוואָרן אין גייסט פון זיין האַס צו אידן.

נאָך: דער וואַטיקאַן האָט פאַרוואַנדלט מאָרטאַראַ'ן אין אַ מיסיאָנער. די אידן אָבער, פאַר וועלכע זיין גורל אַליין איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער אַכזריות פון דער קירכע, זיינען, פאַרשטייט זיך, נישט „איבערצייגט" געוואָרן פון זיינע ווערטער... מאָרטאַראַ איז געשיקט געוואָרן קיין ניו יאָרק אָבער ער האָט זיך נישט געוויזן פאַר אידן. ער איז אויפגעטראָטן אין איטאַליענישע קירכעס.

ער האָט באַקומען אַ הויכן ראַנג אין דער קאַטוילישער היעראַרכיע און איז אויפגעטראָטן אין 1871 פאַר זייער דעמאָלטיקן „עקומענישן ראַט".

מאָרטאַראַ איז געשטאָרבן אַלס בישאָף אין 1940, אין ליעזש, בעלגיע.

דער למוד

די דאָזיקע געשעעניש לערנט, גענויער, דערמאָנט, צוויי זאַכן. ערשטנס, ווי די קירכע האָט מיט אַכזריות געקענט צורויבן אַ אידיש קינד פון זיינע עלטערן, כדי עס צו דערציען אין איר גלויבן און אַלס שונא ישראל. דאָס האָט זיך איבערגע'חזר'ט מיט נאָך מער אַכזריות אין אונזער צייט, ווען זיי האָבן צוגערויבט די קינדער פון די קדושים, וואָס די דייטשן מיט דער הילף פון אַנדערע קריסטלעכע פעלקער, האָבן אויסגע'הרג'ט.

צווייטנס, ווי אידן האָבן דעמאָלט, אָן אָרגאַניזאַציעס און אַפּאַראַטן, באַוויזן צוצוקומען צו די מעכטיקסטע הערשער, און געוואונען זייער הילף פאַר ראַטעווען דאָס קינד. אמת, די מעכטיקסטע זיינען נאָך נישט געווען גענוג מעכטיק קעגן דער גרויזאַמקייט פון דער קירכע, אָבער דאָס באַווייזט דעם אידישן רצון און מסירת נפש קעגן מיסיאָן.

דער למוד איז פון אויבנאויף אין דער צייט ווען ס'בושעוועט דער מיסיאָן אומעטום, אפילו אין ארץ ישראל. דער „פאַל מאָרטאַראַ" דאַרף לערנען.

אַ חסידישער פאַרברענגען

● ה. פריידין

(צווייטער פון סעריע)

גאָר אַ גרויס אָרט פאַרנעמט אין אַ חסידישן פאַרברענגען דער „זכור ימות עולם", דאָס דערמאָנען זיך אויף פריערדיקע, שענערע, ליכטיקערע צייטן.

„ביי יעדן מענטשן זיינען פאַראַן זאַכן וועלכע ווערן פאַרקריצט און פאַרקאַרבט אין מוח הזכרון און אין האַרצן, וואָס זיי זיינען אומפאַרגעסלעך אויפן גאַנצן לעבן. וואו מען זאָל ניט זיין, וואוהין די השגחה העליונה האָט ניט פאַרפירט דעם מענטשן אינעם לעבנס־שטראָם; אין וואָס פאַראַ מדינה ער זאָל ניט זיין און אין וואָס פאַראַ סביבה ער זאָל ניט זיין — ווען ער דערמאָנט זיך אויף דעם (די איידעלערע איבערלעבונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט), רייסט אים דער זכרון אַרויס פון זיין חולינ'דיקן לעבן און שטעלט אים אַנידער אין יענעם ליכטיקן, תמימות'דיקן, קינדערלעבן; און געפינענדיק זיך שפּעטער אינעם רעש'דיקן, טומלדיקן לעבן, לעבט ער איבער יענע קלאָרע, שיינענדיקע טעג".

אַזוי איז עס ביי יעדן מענטשן. ביי חסידים אָבער איז דער „זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור" גאָר באופן אחר. „יעדע חסידישע הויז איז פול־אָנגעזאַפּט מיט מידות טובות באהבת השם, אהבת התורה און אהבת ישראל. די שטוב פון יעדן חסיד, סיי רייך, סיי אָרעם, איז געווען אַ „בית ועד לחכמים", וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען חסידים ואנשי מעשה".

ביי די וואָס האָבן זוכה געווען אין זייער יוגנט צו זיין ביים רבי'ן, ווער רעדט די חסידים וואָס האָבן נאָך געהאַט דעם אומשאַצבאַרן זכות צו „וואַלגערן" זיך אין „ליובאַוויטש שבליובאַוויטש", ווען די ישיבה תומכי־תמימים איז דאָרט געווען אין איר גלאָררייכער גלאַנץ־תקופה — ביי זיי איז די עבר־איבערלעבונג פיל תוכנ'דיקער און אויפברויזנדיקער. ווען אַזאַ איינער שילדערט יענע צייטן ווערט ניט בלויז ער גענצלעך פאַרשלונגען אין זיין אייגן־איבערגעלעבטער דערציילונג; אַזעלכע גוט־געמאָלענע דערמאָנונגען האָבן אויך בכוח „אַריבערצופירן" די גאַנצע מסיבה צוהערער אין דער אַטמאָספערע פון יענע שטראַליקע טעג; די גאַנצע וואָכעדיקייט פון איצטיקן לעבן ווערט דאַן באַהויכט מיט דער וואַרעמער ליכטיקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט.

די דאָזיקע דערשיינונג קען געוויס אויפגעקלערט ווערן אויך אויף אַ פשוט'ן פאַרשטענדלעכן אופן: זיינען דאָך די לעצטע צענדליקער יאָרן געווען אויסנאַמלעכע אין יעדן זינען. מלחמות, חורבנות, רדיפות, נע־ונד, אַרעסטן, פאַרשיקונגען — זיינען געווען דאָס „טעגלעכע ברויט" פון גרעסטן טייל ליובאַוויטש־תלמידים, צוזאַמען מיט די שרעק־און חורבן־איבערלעבונגען פון עם ישראל, ה"י. די אַלע פיינען און אומגליקן האָבן געלאָזט זייערע טיפע שפורן און געלייגט זייער חותם אויפן געמיט פון די איבערגעלעבטע. האָט מען שטאַרק גערן די באַשרייבונגען פון „אַמאָל". איז גאַנץ נאַטירלעך מ'זאָל זיך לאָזן אָפּפרישן און באַרואיקן דורכן „אַריבערטראָגן" זיך צו יענער צייט, ווען דאָס אידיש־חסידישע לעבן איז געווען רואיקער, שטילער און אָנגענעמער. מ'קען זאָגן: ס'איז אַ מין אויפלייז פון היינטיקן „שווערן פעקל" דורך אַריינלעבן זיך אין דעם ווייטן נעכטן.

יעדער, אָבער, וואָס האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו ביישיין און מיטלעבן אַ „ליובאַוויטשער" זכור־ימות־עולם־פאַרברענגען,

ווייסט, אַז דאָ קומט נאָך צו אַ געוויסער שטאַרק־ווירקנדיקער עלעמענט פון העכסט־איידעלער רוחניות, וואָס מ׳קען זי ערגעץ אַנדערש ניט געפינען. און הגם אַז אָט־די רוחניות איז ניט קיין אינערלעך־שפּירעווּדיקע, נאָר קומט צום אויסדרוק אין אַ „מקיף׳דיקן״ אופן — פון־דער־הויך אַרומנעמענדיקע — אין איר ווירקונג, וואָס איז, דוכט זיך, ניט צום „אָנטאַפּן״ — דרינגט זי דאָך אַדורך, אומבאַוואוסטזיניק, דעם גאַנצן וועזן פונעם צוהערער, אַפילו אויב ער איז אין זיין פּריוואַטן, וואָכעדיקן לעבן גאַנץ ווייט פון דעם גייסט און קדושה, וועגן וועלכע עס ווערט געשמועסט.

גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז ביים בייוואוינער פון אַזאַ פאַרברענגען ווערט דערוועקט אַ מין קנאה־געפיל און ער פרעגט בעת־מעשה זיך אַליין: פאַרוואָס בין א י ך אַזוי ווייט פון אַזאַ דערהויבענעם אַרט לעבן, ווי דער וואָס טויכט דאָ אויף פאַר מיר מיט זיין גאַנצער פּראַכט? באַזונדערס קען דער פאַרדרוס אים באַהערשן אויב ער אַליין איז אויך אַמאָל געשטאַנען אויף אַ העכערן שטאַפּל פון דעם חסידישן לייטער. און דער אויסגאַנג פון אַזאַ פאַרברענגען־איבערלעבונג קען טאַקע זיין: ער באַשליסט אַרויסצוקריכן פון זיין קעגנוואַרטיקן, נישטיקן, מאַטעריאַליסטישן לעבן און ווידער נעמען שטייגן אויף די גייסטיקע טרעפּ צו דער הויך פון זיין אַמאָליקער חסידישער אָנגעזאַפּטקייט און נאָך העכער!

דער אמת איז דאָך, אַז יעדער איינער מגזע החסידים, יעדער חסידישער זון, טאָכטער און אייניקל — אויסער דעם וואָס אין זיי פליסט די בלוט, מאַרך און זאַפט פון זייערע חסידישע עלטערן און אור־עלטערן — טראָגן זיי אין זיך די זכרונות פון די קינדער־יאָרן, דאָס וואָס זיי האָבן געזען און געהערט ביי זייערע עלטערן, זיידע־באָבע און חסידישע קרובים.

און ביי געוויסע מאָמענטן קען דער איבערלעבן יענע זכרונות מאַכן אין זיי אַ גאַנצע איבערקערעניש, אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז און אַוועקשטעלן זיי מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויפן ריכטיקן אידישן לעבנס־וועג פון קיום המצוות, תורה און חסידות.

* * *

ס׳איז כדאי דאָ צו ברענגען אַ סיפּור וועלכן דער רבי מוהריי״צ נ״ע האָט דערציילט ביי אַ פסח׳דיקן פאַרברענגען מיט בערך דרייסיק יאָר צוריק:

עס איז געווען אַ מעשה מיט איינעם אַ פּעטערבורגער גרויסן גביר (אַ מענטש פון אַ יאָר 45־50), אַ חסידישער זון און אייניקל, וואָס אין עלטער פון 14 יאָר איז ער אַוועק קיין פּעטערבורג און איבער פאַרשידענע אומשטענדן האָט אים דער לעבנס־שטראָם פאַרטראָגן אין גאָר אַ ווייטער סביבה וואו ער האָט אַלץ מער אָפּגעקערט פון תורה און מצוות וועג — ביז חילול־שבת, אכילת טריפות וכו׳ וכו׳ ר״ל.

שטאַמענדיק פון אַ חשוב׳ער חסידישער פאַמיליע וועלכע האָט אַמאָל געלעבט אין דער מאָהליווער גובערניע און איז געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט די רביים, איז דעריבער ביי אים אויך שפּעטער פאַרבליבן דער דרך־ארץ און הדרת הכבוד פאַר די נשיאי חב״ד. און ווען ס׳איז אַרויסגעקומען אין דרוק דעם אַלטן רבי׳נס פאָטאָגראַפיע — און זייענדיק זייער רייך — האָט ער זיך אָנגעשטעלט איינעם פון די גרעסטע מאַלער, ער זאָל פאַר אים אַראָפּמאָלן דאָס הייליקע בילד פון דעם אַלטן רבי׳ן, ווי אויך פון דעם רבי׳ן דעם „צמח צדק״ — אין אַ גרויסן פאָרמאַט. ער האָט דעם מאַלער באַצאָלט פאַר דער אַרבעט אַ גרויסע געלט־סומע און ווען די פּאָטרעטן זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיי אַוועקגעשטעלט אין זיין ביבליאָטעק, לעבן קאַבינעט.

יאָרן זיינען געגאַנגען און די געשעפטן זיינען געוואַקסן. זיינע קינדער האָט ער געגעבן אידישע נעמען, אָבער זיי גלייך איבערגעמאַכט אויף רוסישע. די שטוב האָט זיך געפירט זייער רייך מיט דעם גרעסטן רעש פון תאוות און תענוגי עולם־הזה. און ווי געוויינלעך ביי אַזאַ מצב, האָט ער זיך גע׳חבר׳ט מער מיט קריסטן אָדער, להבדיל, אַזעלכע אידן, וואָס האָבן שוין לאַנג, לא עלינו, פאַרגעסן זייער אידישן אָפּשטאַם.

טרעפט אַ צופאַל — פון השגחה פּרטית — אַז דער גביר (אַלט זייענדיק דאַן אַ יאָר 50) האָט זיך געדאַרפט טרעפן, וועגן אַ וויכטיקן געשעפט־ענין, מיט איינעם אַ רייכן סוחר, וואָס איז געווען אַ פרומער איד און אַ חסיד. אַזוי ווי די זאַך איז געווען זייער אייליק, איז ער אַוועק צו יענעם סוחר אין שטוב אַריין אַרומצוריידן די דרינגנדיקע געשעפט־אָנגעלעגנהייט.

ווען ער איז אַריינגעקומען צו יענעם אין שטוב האָט ער דערזען אין די גרויסע זאַלן אַ היפּשע צאָל מענטשן וואָס זיינען געזעס[illegible] ביי געגרייטע טישן און געזונגען מי[illegible] גרויס שמחה. די מחזה האָט אים דערמאָנט אָן דעם וואָס ער האָט געזען אין זיינע קינדער־יאָרן ביי זיינע חסידישע ע[illegible]טערן.

באַלד איז צו אים אַרויסגעקומען דער חסידישער גביר און [illegible]ז מיט אים אַריין אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט, איבערשמועסן דעם ענין נאָך וועלכן ער איז געקומען. דער חסיד האָט גוט געקענט די עלטערן פון דעם ניט־פרומען גביר און ער האָט אויך געהערט אַז אָט־דער חסידישער אייניקל

איז דערוויטערט געוואָרן פון אידישקייט.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט דעם געשעפט־געשפרעך האָט דער גביר — דער דערוויטערטער חסידישער קינד — אַ פרעג געטאָן: „וואָס איז דאָס פאַראַ שמחה? אויב דאָס איז אַ משפחה־שמחה וויל איך אייך אָפּגעבן מזל־טוב".

„יאָ", האָט געענטפערט דער חסיד, „דאָס איז אַ פאַמיליע־שמחה. מיר ריידן איצט דורכן טעלעפאָן מיט די טאַטעס און זיידעס וועלכע זיינען אין גן־עדן. און פון גרויס שמחה פון די גוטע גרוסן וואָס מיר הערן פון זיי, האָבן מיר געמאַכט אַ גרויסן אוונט־מאַלצייט..."

דער גביר איז געבליבן צעטומלט, ניט פאַרשטייענדיק וואָס דער חסידישער נגיד מיינט מיט דעם. דער חסיד, זעענדיק יענעמס פאַרלעגנהייט, האָט דאַן געזאָגט: „היינט איז י"ט כסלו (און וואָס עס מיינט י"ט כסלו האָט יענער גוט געוואוסט), איז דאָך אין גן־עדן, אין דעם היכל פון אַלטן רבי'ן, אַ גרויסע שמחה. אַלע צדיקים האָבן זיך צונויפגעקליבן צום רבי'ן אָפּגעבן אים מזל־טוב פאַר דער גאולה וואָס ער האָט געהאַט און פאַר דער ישועה וואָס ער האָט געבראַכט, אַז צענדליקער טויזנטער אידן זאָלן זיין חסידים.

„אונזערע טאַטעס און זיידעס, וועלכע זיינען געפאָרן צו די רביים, זיינען אויך אויף דער שמחה. און מיר — זייערע קינדער און איניקלעך — פרייען זיך מיט זייער און אונזער יום־טוב".

דעם דערוויטערטן חסידישן זון און אייניקל, הערנדיק די עטלעכע טיפזיניקע ווערטער, האָט אָנגענומען אַ גרויסער חשק אַריינצוגיין אויף אַ ווײַלע פאַרברענגען מיטן עולם. ער האָט זיך אָבער געפילט אַזוי פרעמד און ווייט פון זייער סביבה, אַז ער האָט ניט געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן זיין פאַרלאַנג. ער האָט זיך פשוט געשעמט פאַר זיך אַליין: ווי קומט ער, דער אוכל טריפות וכו', צו אַזאַ קאָמפּאַניע?

דער חסיד איז געווען זייער אַ קלוגער און האָט גוט באַמערקט די גאַנצע וואַקלעריי פון דעם גביר דעם חסידישן אייניקל. ער האָט ווי אַלץ אַראָפּגעלייענט פון יענעמס פנים. האָט ער אים איינגעלאַדן אַריינצוגיין אַ ווײַלע צו דער חסידישער מסיבה און דערביי האָט ער צוגעוואָרפן אַ באַמערקונג: „קומט אַריין צו אונז, וועט איר הערן אַ גרוס פון זיידן און טאַטן". דער חסיד האָט פאַרשטאַנען ווי צו מאַכן דעם גאַסט אַז ער זאָל פילן גוט.

הגם אַז פאַר חסידים איז איבעריק צו דערציילן ווי עס קומט־פאָר אַ סעודת־מצוה ביי חסידים, און בפרט סעודת י"ט כסלו, וועלכע ווערט איצט געפּראַוועט אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין דער ברייטער וועלט אין אַלע מדינות — איז אָבער דאָך אַ פּעטערבורגער סעודת י"ט כסלו (דער מקום וואו ס'איז פאָרגעקומען דער נס) און מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, ווען עס האָבן נאָך געלעבט די זקנים ובתוכם די חסידים ר' יצחק און ר' זלמן ז"ל רובאַשאָוו, וועלכע האָבן נאָך אַליין געקענט די זקנים, חסידים און מתנגדים, וואָס זיינען געווען אין יענער צייט, איז די סעודת י"ט כסלו געווען גאָר מיט אַן אַנדער התלהבות, מיט אַן אַנדער קדושה־שמחה.

עס איז דורכגעגאַנגען אַ שעה און צוויי און דריי. דער אייניקל האָט אפילו פאַרגעסן, אַז ער האָט באַשטעלט בילעטן אין טעאַטער מיט גרויסע שררות. ער איז אַזוי פיל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם מאָמענטאַלן לעבן פון עולם החסידים, אַז אויף אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אין דער אַלטער היים, ביי זיינע עלטערן די חסידישע גבירים.

די סעודת י"ט כסלו האָט אים דערמאָנט זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן, די י"ט כסלו'ס וועלכע מ'פלעגט פּראַווען אין זיין זיידנס שול. די סעודה וואָס דער זיידע פלעגט פּראַווען ווען ער איז צוריקגעקומען מיט די עטלעכע חסידים וועלכע זיינען מיט אים מיטגעפאָרן פון ליובאַוויטש; די באָבע איז געווען צעטראָגן מיטן אָנגרייטן די סעודה, די מאַמע און די מומעס האָבן איר אַרויסגעהאָלפן.

דער זכרון זיינער האָט אים אויפגעמישט פאַרשידענע פּאַסירונגען פון דעם ווייטן עבר, ווען ער איז אַלט געווען צען־צוועלף יאָר, זיין בר־מצוה און זיין חסידישער רבי, ר' ברוך אשר דער מלמד.

ענדלעך, נאָך עטלעכע שעה פאַרברענגען אין דער חסידישער סביבה, איז ער אַוועק צו זיך אַהיים. אַ נאָענטער מענטש זיינער — פאַרענדיקט דער רבי דעם סיפור — האָט מיר דערציילט אין אַ יאָר פינף אַרום, נאָכדעם ווי די מעשה האָט געטראָפן, אַז באַלד ווי דער חסידישער אייניקל איז געקומען אַהיים, איז ער אַוועק צו זיך אין ביבליאָטעק (וואו עס זיינען געשטאַנען די תמונות פון די רביים) און געדאַוונט מעריב מיט גרויסע בכיות.

אין אַ פאָר טעג אַרום האָט דער דאָזיקער גביר געביטן אַלע כלים אויף נייע און עס איז ביי אים געוואָרן אַ שטרענג־כשר'ע קיך און ער האָט זיך געביטן אין זיין גאַנצער אויפפירונג.

אָט צו אַזאַ תשובה קען צוברענגען אַ חסידישער פאַרברענגען און זכרונות פון אַ חסידישער היים.

דער צייכן פון הימל

● י. ליפּמאַנאָוויטש

איך אַנטשולדיק מיך פאַרן חשוב'ן רב ג. פון אויסטראַליע, וואָס איך גיב ניט איבער די מעשה מיט דער געהעריקער פּינקטלעכקייט. געהערט האָב איך די געשיכטע פון דער „צווייטער האַנט"; און אָט־דער איבערגעבער איז זיך מודה, אַז אַ סך פּרטים ווינען ביי אים צערונען, צוזאַמען מיט די טרערן, ביים הערן די מעשה. ביי מיר איז אָבער כמעט ווי ברור, אַז דאָס האַרץ פון דער מעשה האָב איך אויפגענומען און צוזאַמען מיט דעם שטיק מוסר־השכל'דיקן אמת, ווייל איך עס דאָ פאַרצייכענען פאַר די לייענער. און דעריבער מוז איך אויסלאָזן גאַנצע חלקים און איינצלהייטן פון דער געשיכטע.

כ'בין דאָס ערשטע מאָל אין דער שטאָט ב. ס'איז אַ טאָג פאַר ערב ראש־השנה. אַ קאַלעמוטנע צייט. דאָס אָרט העלפט־צו אין דער כמורנער שטימונג. דער אידישער ציבור פון שטאָט איז פאַרוואָרלאָזט. ניטאָ קיין רב, קיין גייסטיקער וועקער. דרעמלט מען די מערסטע צייט. ווייזט אָבער אויס, אַז ימים־נוראים איז עפּעס אַנדערש: ס'גיט עפּעס אַ צאַפּל, אַ דערוועק — און מ'וויל, אין אַזעלכע פאָרכטיקע טעג, האָבן עפּעס אַ גייסטיקן „פאָרשטייער", עפּעס אַזאַ מין געשטאַלט, וואָס זאָל אויפנעמען און ערגעץ אַריינפּאַסן די פאָרכטיקייט פון די טעג. זאָל עס ניט בלייבן הענגען אַזוי דראָענדיק־אומהיימלעך אין דער לופטן...

בין איך אַהער פאַרשלעפּט געוואָרן אויף די ימים־נוראים. איך האָב בפירוש ניט געוואָלט קיין רבנישע יאָכן. כ'האָב זיך קעגנגעשטעלט, גאַנץ לייכט, אַ ווייט־ווייטן רבין ערגעץ אין אַמעריקע. מיט שטאַרקייט איז ער באַשטאַנען איך זאָל ווערן אַ רב — און מיט מאָדנער עקשנות האָב איך זיך גענומען רק צו מסחר. ביז... איך בין געקומען אין דער שטאָט ב. אויף אַ ימים־נוראים רבנות...

די שול האָט מיך איינגעשלונגען. אַ גרויסע שול. אַביסל טונקלדיק און שטיל־שטיל. דער ארון־קודש באַהערשט דאָ די לופט. די פאַרנאַכטיקע זון־שטראַלן שפּרייטן דאָ אויס אַ מין פיל־פאַרביקן וואָלקן — דורך די קאָלירטע פענסטער — איבער די באַגילדעטע „לוחות" פון פּרוכת. הענגט ער, דער פּרוכת, מיט טויזנטער־יאָריקער, נצחיות'דיקער מאַיעסטעטישקייט און וועקט מיינע מחשבות. מיינע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום געוויסע מוסר־ענינים פון ראש־השנה. האָב איך שפּאַצירט איבער דער שול־רחבות אַהין און צוריק, ביסלעכוויז אַוועקגעשוואומען פון דער שטענדיקער ברויזיקער ביזנעס־קלאָפּאָטע און זיך איינגעוועבט אין די איידל־צאַפּלדיקע רעיונות. כ'האָב דאָרט געדאַוונט מנחה — אַ גאָר האַרציקע מנחה. לאַנג ניט געדאַוונט אַזוי. און נאָך מנחה האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. ווייט אין דרום־ווינקל.

כ'האָב מיינע אויגן געזעטיקט מיטן לעצטן בינטעלע אַוועקגייענדיקע שטראַלן אויף דעם פּרוכת — ביים סאַמע שפּיץ פון די ווערטער „אנכי ה' אלקיך" — און דערהערט האָב איך אַ שאָרך פון דער אַריינגאַנג־טיר. פאַמעלעך־פאַמעלעך האָט זיך געעפנט די שווערע העל־ברוינע טיר — און אַ פרויען־קאָפּ האָט זיך באַוויזן אין דער עפענונג. אַ ווילע האָט זי מיט די אויגן אַזוי ווי באַטאַפּט די שול־אַטמאָספערע. דערנאָך האָט זי זיך פאָרזיכטיק אַריינגערוקט אינעווייניק — און נאָך זיך — פאַר דער האַנט — אַריינגעפירט אַ יונג מיידל. דאָס מיידל איז געווען

פון אַ יאָר 11־12. די פרוי האָט עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן צום מיידל. דאָס מיידל האָט איר געענטפערט, אויך מיט אַ פליסטער. אָבער איר שטימע האָט נערוועאיש געציטערט.

אַ פּאָר מינוט האָט די פרוי געצעגערט, געקערט דעם קאָפּ אויף די זייטן און געקנייטשט מיט די פּלייצעס. ווייס איך ניט צי זיי האָבן מיר ניט באַמערקט, אָדער פּשוט קיין אַכט אויף מיר ניט געלייגט. סיי ווי האָב איך מיך טיפער אַריינגעגראָבן אין בענקל, זיך כמעט איינגעשרומפּען — און פאַרשפּיצט מיין בליק, מיינע גאַנצע חושים — אַזאַ מאָדנע בילד! די פרוי האָט ווידער גענומען דאָס מיידל פאַר דער האַנט. זיי האָבן זיך ביידע געשאַרט מיט פאָרכטיקע טריט — ביז צום ארון־קודש.

האַרט ביים ארון־קודש האָט די פרוי אָפּגעלאָזט די האַנט פונעם מיידל. ווידער עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן. די פרוי האָט זיך איילעוודיק געלאָזט צו דער טיר און דאָס מיידל האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן די הענט — ביז זיי האָבן אָנגערירט דעם פּרוכת. דאַרינקע, פּיצינקע, קינדערישע הענטלעך — אַזוי האָט זיך געדוכט. זיי האָבן צאַפּלדיק אַ ווײַלע געגלעט דעם זיידענעם סאַמעט־פלאַך און אַזוי אומגעריכט האָבן זיך די הענטלעך גענומען שאַרן אַראָפּצו. דער גאַנצער קערפּער פונעם מיידל האָט זיך באַלד דערנאָך האַסטיק אַ בויג געטאָן; די גרויסע טונקעלע קאָפּ־טיכל איז אַראָפּגעפאַלן אויף די שמאָלע אַקסלען — און דאָס מיידל איז ווי צוגעוואַקסן צום פּרוכת, אונטער די באַגילדעטע „לוחות". מיט מיין גאַנצן אָנגעשטרענגטן געהער האָב איך אויפגענומען בלויז אַן אָפּגעריסענעם באַהאַרציקטן געמורמל. פון צייט צו צייט האָט דאָס קערפּער־קנויל קאָנוואולסיוו אַ צאַפּל געטאָן און דער גרויסער בכבוד׳יקער פּרוכת האָט זיך צעכוואַליעט, ווי פון אַ גרויסן ווינט. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז די עשרת הדברות האָבן אַ טרייסל געטאָן מיט פורכטיקייט. אַ שטיק צייט האָט עס געדויערט. וויפל — ווייס איך ניט. ניט שייך געווען צו מעסטן אַזוינע מאָמענטן. דאָס קניענדיקע מיידל האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן. ווידער האָט זי אַ גלעט געטאָן דעם פּרוכת, זיך צוגעטוליעט און אַ קוש געטאָן; דערנאָך ווידער אַ קוש געטאָן — אַ לענגערן, ווי צום געזעגענען זיך.

די פרוי איז צוגעקומען און גענומען דאָס מיידל פאַר דער האַנט. דאָס מיידל האָט איינגעהילט איר קאָפּ און אַ שטיק פּנים מיט דעם גרויסן קאָפּ־טיכל. די טונקלקייט איז געוואָרן געדיכטער און דער גאַנצער חלל פון שול האָט זיך צעצויגן, צעשפּרייט. זיי האָבן געשפּרייזט פּאַמעלעך צווישן די בענק־רייען — און אויסגעזען ווי זיי וואָלטן דאָ אַריינגעוואַנדערט פון די שטיקער אור־אַלטע ארץ־ישראל לאַנדשאַפטן, וועלכע האָבן דאָ אַזוי שטיל־מיסטיש אַראָפּגעקוקט פון די ווענט.

ווען דאָס מיידל מיט דער פרוי זיינען אַרויס פון שול, בין איך אַ ווייל געבליבן זיצן פאַרטשמעליעט. ערשט נאָכדעם האָב איך זיך אויך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. איך האָב זיי אָבער מער ניט דערוויסט נעבן שול. אינעם אָפיס־צימער פון שול, ביי דער טיר, האָבן נאָך די צוויי שול־עסקנים אויפּגעהאַלטן דעם פאַרוואונדערטן בליק אויף זייערע פּנימער: אַ מאָדנע מיידל...

— ווער זיינען זיי? ווער איז אָט־דאָס מיידל? — האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז זיי האָבן זיך אַ רוק געטאָן הינטערווילעכץ פון מיין הילכיקן אָנפאַל.

— דאָס מוז זיין דאָס בלינדע מיידל, די טאָכטער פון איינעם פון די איינגעוואַנדערטע עגיפּטישע אידן... זיין נאָמען? איך געדענק ניט, אָבער — איר ווילט וויסן? קען מען עס אויסגעפינען.

אַ בלינד מיידל? געוואַלד! ווי האָב איך עס ניט באַמערקט? אַוודאי, נעבעך, אַ בלינד קינד... איצט איז ביי מיר דאָס ערשטגעזעענע בילד געוואָרן קלאָרער, שנײדיקער און אויפשטורעמדיקער.

ב.

...ס׳איז געווען ביי מיר דאַן אַן אויסבאַמלעכער ראש־השנה: דאָס בילד פונעם מיידל ביים ארון־קודש האָט מיך ממש קיין מינוט רו ניט געגעבן. מיין דרשה האָט געדאַרפט זיין גוט און דערוועקנדיק — ווייל דאָס האַרץ איז מיר נאָכאַנאַנד געווען צערירט — און די ווערטער האָבן געפלאָסן באַהאַרצטע. אין מיטן ריידן פון דער בימה איז מיר תמיד אַנטקעגנגעקומען דאָס קניענדיקע מיידל. גבאים, חשובים און סתם אידן האָבן מיר געדריקט די האַנט און איך האָב אין יעדן געזוכט אַ שפּור פון יענע בלאַס־אויפגעכאַפּטע שטריכן פונעם מיידל.

און איך האָב טאַקע געפונען דעם שפּור. אין ווינקל פון שול, אין סאַמע מערב־זייט ביי דער טיר, האָב איך נאָך פון דער בימה באַמערקט אַ הייפל טונקל־געזיכטיקע, אָריענטאַלישע אידן. מיט זייער ענגער צוזאַמענגעטוליעטקייט און צוריקגעהאַלטנקייט האָבן זיי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען אַביסל דערווייטערט פון קהל. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט דעם מוט צוצוגיין צום רב, דריקן זיין האַנט און דאַנקען פאַר דער דרשה — ווי אַלע מתפּללים.

עס האָט מיר באמת פאַרדראָסן: פאַרוואָס אַזוי דערווייטערן פאַרוואָגלטע אידן פון מצרים? האָב איך זיך טאַקע באַלד אַ לאָז געטאָן אין יענעם ווינקל אַריין, געדריקט וואַרעם די האַנט פון יעדן איינעם פון זיי. כ׳האָב בעת־מעשה זשעדנע אַריינגעזויגן אין

זיך די פייכטלעך־דאַנקבאַרע בליקן פון אַט־די טונקעלע אויגן מיט זייער אור־אַלטן אידישן גלי. האָב איך אָבער ניט געקענט זיך איינהאַלטן: כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם עגיפּטישן אידן, וואָס האָט אַ טאָכטער מיט קראַנקע אויגן. „אָ, א. ח. דעם שוסטער מיינסטו, אַוודאי! זיין טאָכטער איז אינגאַנצן בלינד. השם ירחם. ניין, ער איז ניטאָ אין שול״. זיי האָבן זיך פילדייטיק איבערגעקוקט. מיט האַלב־פאַרשעמטע אויגן, צושאָקלענדיק אבל׳דיק מיטן קאָפּ, האָט איינער צוגעגעבן: „ניין, געשען איז עפּעס, טאַקע מיט דער טאָכטער... איך ווייס ניט גענוי... כ׳קען ניט דערציילן... מיט אים, מיט איר האַלט ניט גוט״. אָבער וואָס ניט־גוט? איך האָב פון זיי מער גאָרניט געקענט אַרויסקריגן.

בין איך טאַקע געוואָרן נאָך מער צערודערט. נאָר דער אַדרעס פון דעם א. ח., וואָס איך האָב דאַן ביי זיי גענומען בעל־פה, האָט זיך מיר אַזוי איינגעשניטן אין זכרון, אַז כ׳געדענק אים נאָך היינט און וועל שוין מסתמא קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

האָב איך זיך קוים דערוואַרט אויף מוצאי יום־טוב. נאָך הבדלה האָב איך מיך צוגעריסן צום טעלעפאָן. שטונדן האָב איך זיך געפּאָרקעט ביים טרייבל, טעלעפאָן־ביכער — און אַ באַרג מיט אַדרעסן־פּאַפּירלעך. צוויי קהילה־מיטגלידער זיינען כסדר געשטאַנען ביי מיין זייט, מיר געהאָלפן און ניט געקענט פאַרבאָרגן זייער פאַר׳חידוש׳טן בליק: וואָס איז ס׳געטומל? און צייטנווייז האָט מיך אַליין געהאַקט אין קאָפּ: הלמאַי אַזאַ פיבער און אַזאַ דראַנג צו פאַרבינדן זיך מיט עפּעס אַן עגיפּטישן אידן און מיט זיין בלינדער טאָכטער?

אָבער איך האָב ביי זיך קיין ענטפער דערויף ניט געגישטערט. כ׳האָב נאָר געזוכט צו פאַרבינדן זיך מיט א. ח. געוואוינט האָט ער ווייט. אַ פאַרוואָרפן ווינקל. אָן אַ טעלעפאָן. דורך זיינס אַ שכן־פריינט האָבן מיר אים דערגרייכט, ער האָט זיך אָבער ניט געלאָזט ריידן. גערעדט האַלבע ווערטער, געביטן דריי לשונות, זיך אַפילו געבייזערט. מיינע כמעט תחנונים־רייד האָבן ניט געהאָלפן. ער קען דעם רב ניט אויפנעמען איצט. ניין, ער קען אויך ניט קומען אַהער צום רב. זיין טאָכטער? ער איז איר טאַטע און גיט גוט אַכטונג אויף איר. זי איז ניט ... זי וועט זיך מיטן רב ניט קענען באַגעגענען...

איך בין ניט קיין צעקראָכענע בריאה. אָבער דער פאַרדרוס האָט מיך צענומען ביז קאָפּ־שווינדל. נו, פאַרפאַלן — האָב איך שוין באַשלאָסן. אָבער ביז מאָרגן אינדערפרי איז ביי מיר געווען אויסגעפאַרטיקט אַ נייער באַשלוס: איך וועל קומען צו זיי אין דירה אָן רשות. דאָך האָב איך געפּרוווט מיין מזל צו דערגרייכן אַן „אַפּאָינטמענט״ דורך דער פרוי פון א. ח. צי מיין שטאַרקער באַשטיין און מיין באַטאָנונג פון מיין רבנישער אויטאָריטעט, אָדער ווייל די פרוי איז טאַקע געווען פון אַן אַנדערן, איידעלערן מין — זי האָט ב׳געוואַלד מסכים געווען. עס איז אָפּגערעדט געוואָרן איך זאָל קומען צו זיי דעם זעלבן טאָג אין אָוונט.

ג.

די „טאַקסי״ האָט מיך געפירט צו אַ ברעג שטאָט. ביי יעדן אָפּשטעל פון דער מאַשין האָט מיר ווי אַ טיאָכקע געטאָן פון אומגעדולד: אָט־דאָ? אָבער ס׳איז געווען אַ ווייטער מהלך. כ׳בין טאַקע אויסן געווען אַ האַלבע וועלט; באַגעגנט פאַרשידענע סיטואַציעס און באַקענט אַלערליי מענטשן. און דאָ פאָר איך אין אַ קליין, שטיל געסל — און אין מיר רודערט און שטורעמט. איך גיי זיך באַגעגענען מיט אַן אָרעמער משפחה און אַ בלינד אידיש מיידל — און מיך באַגלייט עפּעס אַ מין נערוועזיטעט... מאָדנע.

אַ קליין, אַלט צוויי־שטאָקיק שטיבל. אויף דעם אונטערשטן שטאָק. געעפנט די טיר האָט אַ מיטל־וואוקסיקער מאַן: אַ פולער קערפּער, אַ בלאַסע און אויסדרוקסלאָזע געזיכט־שטריכן און מיט העלע אויגן. אַ טעות אין אַדרעס? ניין, ס׳איז טאַקע ער, א. ח. אַ ראָי׳: באַלד האָט זיך געביטן דער קאָליר פון זיין פנים — געוואָרן רויט, בלאַס און ווידער רויט. ער האָט מיך מיט אַ מין בייזן מורמל אַריינגעפירט אינעם אָרעמען קליינעם זאַלעכל זייערן. אַנטקעגן האָט זיך אויפגעשטעלט זיין פרוי: אַן אויסגעצערטע, אַ דאַרע, מיט איידעלע שטריכן. אויך זי איז געווען איבערגעשראָקן. אין איין רגע האָט מיין בליק איינגעשלונגען דעם גאַנצן חדר — און כ׳האָב דערזען: אין ווינקל, אויף אַ נידעריקן בענקעלע, איז זי געזעסן, דאָס מיידל וואָס האָט זיך דאַן געטוליעט אין דעם פרוכת. נאָר דאָ האָט זי אויסגעזען קלענער נאָך, איינגעשרומפּענער.

איך האָב אַרויסגעצאַפּט מיין יעדע פיצל חכמה, דיפּלאָמאַטיע און געפילן, בכדי צו אויפהייטערן און שאַפן אַ היימישע אַטמאָספערע אין דער געדריקטער שטימונג וואָס האָט געהערשט אינעם צימער. דער פאָטער האָט געשטאַמלט און גערעדט מיט אויסברוכן: „וואָס זאָל איך טאָן? זינט פאַרטריבן פון מצרים — נאָר צרות און נויט. ווייניק אַרבעט. און אַמאָל אינגאַנצן ניטאָ וואָס צו טאָן... דאָס ווייב איז היפּש קרענקלעך. ניטאָ קיין קרובים, קיין פריינט. אַלע פּליטים פון מצרים זיינען דאָ אויף צרות״.

(פאָרזעצונג אין קומענדיקן נומער אי״ה)



לערן און פאַרשטיין

ווי באַוואוסט, איז הרה"ק ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער געווען דער שטענ־דיקער מליץ־טוב, פאַרטיידיקער פון אידן פאַר זייער פאָטער אין הימל. איינמאָל, ערב־פסח נאָך האַלבן טאָג, האָט ער געזאָגט זיין שמש: „קום, לאָמיר אַרויסגיין אין מאַרק". קומענדיק אין מאַרק האָבן זיי אָנגעטראָפן איינעם אַ קריסטלעכן שמוגלער (וואָס פלעגט אַריינפירן אומלעגאַלע סחורות — אָן שטייערן). פרעגט אים רבי לוי יצחק: „האָסטו זיידענעם שטאָף פון אויסלאַנד?" „יאָ כ'האָב", האָט געענטפערט דער שמוגלער. „וויפל אַרשין פאַרמאָגסטו פון דעם שטאָף?", פרעגט אים ווידער ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער. „וויפל דיין האַרץ גלוסט", ענטפערט דער שמוגלער. איז ר' לוי יצחק אַוועק ווייטער און אָפּגעשטעלט אַ אידן אין מאַרק: „פאַראַן ביי דיר חמץ?" פרעגט אים דער צדיק. „חמץ?!" האָט דער איד מיט ציטער אויסגערופן, „חס ושלום! ווי קומט אַ איד זאָל האָבן ביי זיך חמץ נאָך דער זעקסטער שעה!" אָפּשטעלנדיק אַ צווייטן איד, פרעגט אים ווידער ר' לוי יצחק: „ס'איז דאָ ביי דיר חמץ?" דער איד האָט אויפגעריסן זיינע אויגן: „וואָס רעדט איר, רבי? איצט חמץ? בין איך דען, חלילה, אַרויס פון כלל ישראל?!"

האָט דער צדיק וקדוש אויפגעהויבן די אויגן צום הימל: רבונו־של־עולם! זע נאָר דיין פאָלק ישראל, ווי אַזוי אַ איד ציטערט עם פאַר דיין אָנזאָג, ווי אַזוי ער איז געהיט אין דיינע מצוות! דער רוסישער קייסער איז אַ מעכטיקער הערשער; וויפל האַרן און באַדינער ער פאַרמאָגט! וויפל ריכטער און פּאָליציסטן און טורמעס שטייען צו זיין דינסט; וויפל גרענעץ־וועכטער שטייען ביי דער גרענעץ צו היטן פון אַריינשמוגלען סחורות פון אויסלאַנד — און דאָך קען מען אין מאַרק באַקומען פאַרשידענע מינים פון אָט־דער „טריפה'ער" סחורה. און דו, פאָטער אין הימל, האָסט אָנגעשריבן אין דיין תורה: „לא יראה לך חמץ" — און ניטאָ דערויף קיין פּאָליציי־מאַן, ניטאָ קיין וואַך־מאַן — און דאָך: נאָך ערב־פסח ביי טאָג איז שוין אין קיין אידיש הויז ניט צו זען און ניט צו געפינען קיין פּיצל חמץ!

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

ניסן ה'תשכ"ו — באַנד 7 נומ. 4

אינהאַלט

והגדת... (פון פסח־שיחות, פון אד"ש)... א
חד גדיא — דוב ראַווסקי.......... ז
אַ פסוק חומש — הרב ש. ז. העכט...... ט
דעם ערשטן מאָל... (סקיצע) — דוד זאַריצקי יא
אַ תפילה (ליד) — צ. מ. שטיינמעץ...... יד
אַ ליובאַוויטשער ווינקל — הרב ש. עלבערג. טו
הצלה פון צייט — דר. הלל זיידמאַן...... יז
הרבנית דבורה לאה נ"ע — חנוך גליצנשטיין. כ
דער צייכן פון הימל — י. ליפּמאַנאָוויטש... כה
זאָל זיין אַ בר־מצוה — י. מ. פעפער.... כח

הילע צייכענונג — נ. כי־טוב

אונזער צייטשריפט שטרעבט אַריינצוברענגען און פאַרשטאַרקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באַלויכטען דורך חסידות חב"ד.

והגדת...

(אַרויסגענומען — אין אַ פאַרלייכטערטן און פאַרקירצטן אופן — פון כ״ק אדמו״ר שליט״א׳ס אויסטייטשונגען אויף פאַרשידענע פּיסקא׳ס און ווערטער פון הגדה של פסח — פון די שיחות קודש אין דער צווייטער נאַכט פון פסח — אין די יאָרן תשט״ו־תשט״ז).

הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא

דאָס איז דאָס אָרעם ברויט וואָס אונזערע עלטערן האָבן געגעסן.

כ״ק מו״ח אדמו״ר (מוהריי״צ נ״ע) האָט אין אַ שיחה געטייטשט דאָס וואָרט „אבהתנא״ — (באַזירט אויפן תניא) אונזערע מוחין. ער האָט מפרש געווען די ווערטער „הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא״ — דער „לחמא עניא״ וואָס האָט „אויפגעגעסן״ די מוחין.

אויך לויטן פשוטן טייטש פון „אבהתנא״ — אונזערע עלטערן — האָט עס אַ פאַרבינדונג מיטן באַגריף מוחין, שכל. ס׳איז דאָך די אויפגאַבע, דער תכלית פון עלטערן צו דערציען קינדער, זיי זאָלן זיך פירן לויט שכל און פאַרשטאַנד. פון זיין געבוירן איז אַ קינד אַזאַ בריאה וואָס ווערט אָנגערופן: „עיר פרא אדם יולד״. לאָזט מען אים וואַקסן לויט זיין נאַטור — וועט ער אויסוואַקסן אַווילדע זאַך. די פליכט פון עלטערן איז אים צו מחנך זיין פאַר אַ בר־שכל, אַריינצופלאַנצן אין אים די געוועלטיקונג פון פאַרשטאַנד, פון מוחין אויף די מידות, און ניט נאָר אויף די מידות; דער שכל זאָל הערשן איבער זיין טראַכטן, רייד און טואונגען, און אַלע זיינע ענינים.

הייסט עס, אַז „אבות״ טראָגט אין זיך דעם באַדייט פון מוחין. ווערט דערויף געזאָגט: ס׳איז פאַראַן אַמאָל אַזאַ „לחמא עניא״ וואָס עסט אויף די מוחין, עס מאַכט צונישט דעם כוח פון שכל. אַשטייגער ווי די רז״ל זאָגן אַז „עניות מעבירה על דעתו ועל דעת קונו״ — אָרעמקייט ברענגט דערצו, אַז ניט בלויז פאַרלירט ער זיין אייגענעם דעת, און ווערט־אָן דעם שכל אנושי, נאָר דאָס פירט אים אויך אַראָפּ פון „דעת קונו״ — ער באַגרייפט ניט מער דעם אמת. דער אמת איז דאָך אַז השי״ת האָט אויסגעשטעלט די וועלט אין אַן אופן פון „גלגל החוזר״, פון אַ דרייענדיקער ראָד. דאַרף דאָך דער גשמיות׳דיקער אָרעמאַן, וואָס געפינט זיך, נעבעך, ביים סאַמע אונטן פון דער וועלט־ראָד, ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן — ווייל אָט, און די ראָד וועט זיך אַ דריי־טאָן און אויפהויבן אים פון דער נידער. אַזוי טאָר אויך דער גביר ניט זיין קיין „עשיר יענה עזות״ — די העזה׳דיקע זיכערקייט מיט זיין רייכטום, וואָס דערפירט אים צו „וישמן ישורון ויבעט״ און צו ווערן אַן „עזות־פּנים״ אויך כלפּי דעם אויבערשטן — באשר וואָס? ער געפינט זיך איצט אויף דער הויך פון דער ראָד. דאַרף ער האָבן אין געדאַנק, אַז ס׳איז ניט מער ווי אַ „גלגל החוזר״, ס׳איז ניט מער ווי אַ קרייז וואָס דרייט זיך און ענדערט זיך.

ביי אַ אידן אין מוח דאַרף זיין איינגעקאַרבט, אַז דער גשמיות׳דיקער צושטאַנד, סיי אָרעמקייט און סיי עשירות, טאָר ניט זיין קיין שטערונג צו תורה ומצות. על דרך ווי די רז״ל זאָגן, אַז ראש השנה ווערט באַשטימט וויפל פרנסה דער אדם זאָל קריגן אין משך פון יאָר — אויסער די הוצאות פון שבת און יום־טוב און דאָס וואָס ער גיט אויס פאַרן תורה־חינוך פון די קינדער. שבת ויום־טוב און דאָס לערנען תורה די קינדער — דאָס זיינען ענינים

וואס זיינען ניט אָפּהענגיק פון וועלט־אומשטענדן. ד. ה. ביי אַ אידן דאַרף לייכטן אָט דער אמת׳דיקער פאַרשטאַנד, אַז אויך אַן אָרעמער מצב החיים, דער „לחמא עניא״ דאַרף ניט און טאָר ניט שטיין אין דעם תורה ומצוות וועג.

ערגער איז אָבער ווען אַ איד געפינט זיך אַמאָל ר״ל אין אַ מצב פון רוחניות׳דיקער עניות — גייסטיקער אָרעמקייט — דאַן איז דער „לחמא עניא״ — „אכלו אבהתנא״, אַזאַ אָרעמקייט עסט־אויף, פאַרשלינגט די מוחין; זיין שכל ווערט אומפעאיק צו באַנעמען אָט די אמת׳קייט בשייכות צו עבודת ה׳. און אַז „אכלו אבהתנא״ איז — „בארעא דמצרים״, געפינט מען זיך אין „ארץ מצרים״, אין די גייסטיקע ענגשאַפטן און הגבלות.

טאָ ווי קען אַ איד, וואָס ווייסט און פילט זיין נידעריקן מצב, זיך זעצן צום סדר מיט דער געהעריקער שמחה, זאָגן די הגדה און האַלטן ביי גאולה — וויבאַלד ס׳איז ביי אים אַ צושטאַנד פון „לחמא עניא דאכלו אבהתנא בארעא דמצרים״?

און אָט דערפאַר איז געוואָרן אויסגעשטעלט, אַז באַלד ביים אָנהויב „סדר״, נאָך איידער מ׳הויבט־אָן זאָגן די הגדה (די הגדה הויבט זיך דאָך אָן מיט „מה נשתנה״, „והגדת לבנך״), זאָל געזאָגט ווערן די פּיסקא „הא לחמא״ — דאָס זיינען טרייסט־ווערטער ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך; און רייד פון דערמוטיקונג און שטאַרקונג.

מ׳דערציילט אים, אַז ער דאַרף זיך ניט פילן דערדריקט פון זיין שפל׳דיקן מצב און מייאש זיין זיך חלילה, ווייל אַזאַ מצב ביי אידן איז כבר היו׳ לעולמים — ווען זיי זיינען געווען אין מצרים: „הא לחמא עניא וכו׳ בארעא דמצרים״.

דאַן האָבן דאָך אונזערע עלטערן געגעסן לחמא עניא פשוט אין גשמיות — ווי דער אבן עזרא טייטשט, אַז דאָס מיינט מען מצה, אַ ברויט פון קנעכט און עניים. אויך אין רוחניות האָט דאַן געהערשט גרויס עניות: די איינגעזונקענקייט אין די מ״ט שערי טומאה ר״ל. איז דאָך על־פּי טבע גאָר קיין מעגלעכקייט ניט געווען אַרויסצוגיין פון מצרים. זאָגן דאָך די חז״ל, אַז מצרים איז געווען אַזאַ שטרענגע און שווערע מדינה, וואָס קיין איין קנעכט האָט פון דאָרט ניט געקענט אַנטלויפן.

פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער אַרויסגענומען זעקס הונדערט טויזנט אידן, אויסער פרויען און קינדער, און וועלכע האָבן אַפילו מיטגענומען אויך אַן „ערב רב״ — און דאָס אַלץ איז געוואָרן דורכגעפירט כהרף־עין, אין אַן אויגנבליק האָט השי״ת באַפרייט און דערהויבן די אידן סיי גייסטיק און סיי פיזיש.

דערפאַר טאָר אויך איצט אַ איד ניט זיין געפאַלן ביי זיך, וואָרום ניט געקוקט וואָס „השתא הכא״ און „השתא עבדין״, וואָס איצט זיינען מיר „דאָ״ און אין אַ מצב פון „עבדין״ — איז „לשנה הבאה״ (און ווי דער רבי (אדמו״ר מוהריי״צ נ״ע) האָט געזאָגט אַז מ׳דאַרף ניט וואַרטן אויפן קומענדיקן יאָר, נאָר דאָס זאָל זיין שוין איצט און במילא בפסח לשנה הבאה) וועט מען ז י י ן אין „ארעא דישראל״ און נאָך מער: אין אַן אופן פון „בני חורין״; אַז מ׳וועט אַרויסגיין „מעבדות לחרות, מאפילה לאור גדול ומשעבוד לגאולה״ בב״א.

אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול

דעם תם, אויף זיין שאלה „מה זאת״, ענטפערט מען: „בחוזק יד הוציאנו ה׳ וגו׳״; דעם שאינו יודע לשאול זאָגט מען: „בעבור זה עשה ה׳ לי בצאתי ממצרים״. ריידן טאַקע די ביידע פּסוקים (סיי דער ענטפער צום תם און סיי צום שאינו יודע לשאול) וועגן דעם נס פון יציאת מצרים — דאָך דריקן זיי זיך אויס אין צוויי אַנדערשדיקע, און נאָך מער — קעגנזעצלעכע, אופנים: אינעם ענטפער צום תם שטייט דער לשון „בחוזק יד הוציאנו ה׳״ — פון מצרים האָט אונז דער א ו י ב ע ר ש ט ע ר אַרויסגעצויגן; און נאָך מער: השי״ת האָט

כביכול געדאַרפט דערביי אָנקומען צו „חוזק יד״. אַנדערש איז דער אויסשפּראַך אין די רייד צום שאינו יודע לשאול: „בעבור זה (אין זכות פון די מצות) . . ב צ א ת י ממצרים״ — אין מ י י ן אַרויסגיין — אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך א ל י י ן אַרויסגעצויגן פון מצרים. וואָס איז דער באַדייט פון דער ענדערונג אין די צוויי ענטפערס?

אדרבא, ווען מ'נעמט אין באַטראַכט אַז דער תם איז העכער אין ידיעה און פאַרשטאַנד פונעם שאינו יודע לשאול (ווי זייערע נעמען דריקן עס אויס אַזוי קלאָר), וואָלט לכאורה מער געפּאַסט צו ענטפערן דעם „תם" מיטן פסוק: „בעבור זה וגו׳״, היות דער דאָזיקער פסוק אַנטהאַלט אויך אַ טעם, אַ מאָטיוו אויף יציאת מצרים — אַז ס'איז געווען צוליבן „זה". דאַקעגן פאַרן שאינו יודע לשאול, וואָס ווייס פון גאָרניט און די גאַנצע מעשה איז ביי אים אַ נייעס, וואָלט פאַר אים געווען מער אָנגעמאָסטן צו דערציילן פון דער נסים'דיקער פּאַסירונג אַליין, אַז „בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים״.

תם און שאינו יודע לשאול זיינען צוויי פאַרשידענע סוגים אידן. דער תם איז אַזאַ איד וואָס ווערט באַווירקט פון אַן ענין נפלא, פון אַ וואונדער-דערשיינונג, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם אויבערשטן און מיט תורה. פּרעה איז דאָך געווען אַ מלך בכיפה, אַ וועלט-הערשער — און דאָך זיינען אַזויפיל אידן אַרויס פון זיין פאַרשקלאַפונג. ווערט ער, דער תם, נתפעל דערפון און פרעגט, „מה זאת?״ וואָס שטעקט דאָ אין דעם? דער שאינו יודע לשאול אָבער ווערט דערפון ניט גערירט. אַזעלכע ענינים דערנעמען אים ניט. אים פעלט אָט-דער הרגש, דער טיפער קישור דערמיט (און אפשר איז „שאינו י ו ד ע" דאָ פון דעם באַגריף „והאדם י ד ע״, פאַרבונד און ט י פ ע דערקענטעניש) וואָס זאָל אים אויפברויזן, אים מאַכן פרעגן און רעאַגירן. עס אַרט אים ניט — און ער פרעגט ניט קיין שאלות.

אוודאי מיינט מען דאָ ניט סתם אַ צוריקגעשטאַנענעם. פאַרקערט, עס איז געמאָלט, אַז אין מסחר איז זיין מוח גאַנץ וואַך, שעפעריש און מיט גוטע המצאות. קומט עס אָבער צו תורה ומצוות — איז ביי אים גלאַטיק, אים פעלט אָט-די לעבעדיקייט וואָס רופט אַרויס דעם אידעלן דראַנג צו פרעגן. בנוגע דעם אויפפיר זיינעם, איז ער טאַקע גאַנץ פרום, אַפילו זייער אָפּגעהיט אין תורה און מצוות; און ער איז גרייט אַפילו צו געבן באַרעכטיקונג פאַר זיין ניט-פרעגן: אַזוי פירט השי״ת; אַזוי הייסט דער אויבערשטער — איז וואָס איז דאָ צו פרעגן? אין תוך אָבער איז ער אַן „אינו י ו ד ע — לשאול״; תורה ומצוות דעררירן אים ניט — און דערפאַר דערוועקן זיך ניט קיין שאלות. ער קען אַפילו זיין אַ מהדר אין מצוות — און דאָך איז עס ניט מצד אַן אינערלעכער דערנעמונג און ווייל ס'אַרט אים אויף אַזוי ווייט. זיין הידור אין מצוות איז אינעם גייסט פון „מצות אנשים מלומדה״, אַזאַ איינגעוואוינטקייט: ער האָט געהאַט פרומע עלטערן, געלערנט אין אַ פרומער ישיבה א. אַ. וו.

און אַזוי ווי אין אַנדערע מצוות, אַזוי אויך ווען ס'קומט צום פּסח-סדר: ער עסט מצה, מרור, פירט אויס דעם גאַנצן סדר מיט אַלע מנהגים — און דאָס אַלץ אַפילו מיט הידור — און דאָך האָט עס אים ניט דערנומען. ער איז געקומען צום סדר אַ פאַר'חלומ'טער (חלומ'דיק וועגן פּרנסה, זיין מסחר א. אַ. וו.), און אַזוי גייט ער פון אים אַוועק. און אַז ס'ניטאָ קיין חיות — איז אַלץ רעכט, ניטאָ דאָס געפיל צו פרעגן.

דערמיט דערקלערט זיך וואָס דער שאינו יודע לשאול איז אויסגעשטעלט אַלס דער לעצטער פון די פיר בנים — אַפילו נאָכן רשע. אין פלוג, איז עס ניט צו באַגרייפן: ער, דער שאינו יודע לשאול, איז דאָך אַ מקיים תורה ומצוות, — טאָ, פאַרוואָס „קומט אים״ צו שטיין נאָך דעם רשע?

נאָר פאַרשטאַנדיק איז עס דערמיט: דעם רשע רירט יע אָן די וועלט פון תורה ומצוות — דערפאַר ק ו מ ט ער צום סדר, פרעגט די קשיות, הערט דעם ענטפער, א. אַ. וו. אמת, דער צוועק פון זיין קומען און טאָן די עבודה איז אַ רשע'דיקער, צו טענה'ן „מה

העבודה הזאת — לכם ז״ מיט דער נעגאטיווער באטאנונג פון „לכם ולא לו״ — אויסצושליסן זיך פון דער גאנצער עבודה — פונדעסטוועגן איז זיין קומען און טענה'ן גופא א באוויז אז אים איז עס נוגע; ער פרעגט ווייל דאס פארטשעפעט אים — זיין רצון, זיין פארשטאנד און זיין געפיל, ער ליגט אין דעם. און וויבאלד ער טענה'ט — קען מען זיך מיט אים סוף כל סוף אויס'טענה'ן. אין דעם באשטייט זיין העכערקייט כלפי דעם שאינו יודע לשאול — ביי אים, דעם שאינו יודע לשאול, איז אלץ פלאכיק־גלאטיק און רעכט; ס'טייטש, ער איז דאך א גרויסער אויפטוער און פארשטייער און גריבלער אין פרנסה זאכן און קאכט זיך אין זיי — איז דער ענטפער: ביים סדר זיינען ניטא ניט זיין שכל, ניט זיין הרגש, ניט זיין קאך; עס שטייט אין תורה אזוי — טא זאל זיין אזוי, וואס איז עס אים נוגע? מיט אזא אינעם איז שווער איינצוקערן זיך. איז ער טאקע א תורה־ומצוות איד במעשה בפועל, און — המעשה הוא העיקר. אבער אין שכל, געפיל, קאך אין הרגשים־וועלט איז ער הינטערשטעליק אפילו אין פארגלייך צום רשע.

און לויטן אויבנגעזאגטן וועט מען פארשטיין דעם טעם וואס דעם תם זאגט מען „כי בחוזק יד...״ און דעם שאינו יודע לשאול — „בעבור זה...״ דער תם דערשפירט די וואונדער פון יציאת מצרים, ווערט ער באוווירקט און ער פרעגט „מה זאת״, וואס פאראַ פלאים זיינען עס דא פארגעקומען? וואס איז דער וועג צו דערגרייכן דעם וואונדער פון יציאת מצרים? דארף מען אים דערקלערן דעם אופן פון יציאת מצרים, ווי אזוי מען קומט דערצו און ווי אזוי ע ר אליין זאל ארויס פון מצרים. זאגט מען אים: „כי בחוזק יד״... אז פונקט ווי דאן, ווען דער אויבערשטער האט די אידן ארויסגענומען פון מצרים, האט השי״ת דערביי, כביכול, געדארפט אנווענדן „חוזק יד״ — דאס שטארקן זיך איבער דער מדה פון דין וגבורה — ווארום לויט מדת הדין זיינען די אידן נאך דאן ניט געווען באַרעכטיקט ארויסצוגיין פון מצרים, נאר דער אויבערשטער האט זיך ניט גערעכנט מיט אט־דער דין־מאס און „חשב את הקץ״, איבערגע'חשבונ'ט נאכאמאל און אומגעביטן דעם חשבון פון 400 יאר אויף רד״ו — אזוי דארף אויך א איד באנוצן זיך מיט „חוזק יד״ אין עבודת השם: בכדי ער אליין זאל זוכה זיין ארויס פון ז י י ן מצרים, דארף ער זיך ש ט א ר ק ן און אראפנעמען די שטערנדיקע באגרענעצונגען און הגבלות, זיין מדת הדין, און דאן איז — „הוציאנו ה׳ ממצרים״.

דאס איז אבער שייך צו אזא אינעם וואס האלט ביים דערהערן די זאך פון יציאת מצרים; ער האט דערין א באגריף און וויל טאקע אליין ארויס פון מצרים — ער ווייס נאר ניט ווי אזוי און פרעגט „מה זאת״ — קומט דערויף דער ענטפער: „כי ב ח ו ז ק י ד״. אבער מיטן שאינו יודע לשאול, וואס אים ארט גארניט און איז צופרידן פון זיין מצב — מיט אים איז נאך „צו פרי״ צוריידן וועגן דעם א ו פ ן, ווי אזוי ס'דארף זיין יציאת מצרים (אז סוף־סוף קען מען עס ניט באווייזן אינגאנצן מיט אייגענע כוחות — נאר „הוציאנו ה׳ ממצרים״, און אויך למעלה פאדערט זיך דערצו „חוזק יד״). אים, דעם שאינו יודע לשאול, דארף מען ערשט אויפקלערן די עצם באדערפעניש פון יציאת מצרים, אז „ב צ א ת י ממצרים״: ס'האלט נאך ניט דערביי מ'זאל מיט אים ריידן וועגן דער יציאת מצרים וואס קומט מלמעלה; מ'דארף צומערשטן אים אויפווייזן אז דער מענטש זעלבסט דארף „ארבעטן״ בכדי ארויס פון מצרים.

ווארום ער מיינט דאך, אז עס פעלט גארניט. תורה וויל מעשה — גיט ער מעשה. זאגט מען אים: דו ביזט טאקע במעשה מקיים תורה ומצוות וכו׳ וכו׳ — און דאך געפינסטו זיך — דיין תענוג, שכל, הרגש — אין מצרים, אין וועלט ווי זי איז „מצרים״ („מצרים״ פון לשון מצר וגבול). ער זעט ניט אז דער אויבערשטער (בלי גבול) איז דארט דא, דארף ער ביי זיך ארויסרופן „ב צ א ת י ממצרים״.

און מיט וואס דערנעמט מען אים ארויסצוגיין פון מצרים — מיטן אויפקלערן: „בעבור זה״ — וואס „זה״ גייט אויף פסח, מצה, ומרור. „פסח״ ווייזט אויף הרחבה,

ברייטקייט; דעם קרבן פסח האָט מען געדאַרפט עסן אין אַן אופן פון שובע, שמחה און גדולה; „מצה" דריקט אויס דעם ענין פון אמונה און קבלת עול, וואָס איז אויסער די ראַמען פון שכל; „מרור" באַדייט מרירות — די טיפע פאַרביטערונג בעת'ן באַטראַכטן דעם איגענעם עבד'יקן רוחניות'דיקן מצב, וואָס ברענגט צו התעוררות רחמים רבים.

ושאינו יודע לשאול את פתח לו: מ'דאַרף אים עפענען דעם וועג צו יציאת מצרים דורך „בעבור זה", דורך דערציילן צום ערשט אַז עס איז דאָ די הרחבה (פסח), די ברייטקייט, וואָס נעמט אַרויס פון הגבלות; אַז ס'איז דאָ די שטאַרקע אמונה (מצה) וואָס איז העכער פון דער שכל־מאָס; און זיי ברענגען צו מרירות (מרור) — דורך דערשפירן דעם פאַר־שקלאַפטן מצב זיינעם און ווי אַזוי ס'פאַדערט זיך ער זאָל אַרויס פון די מדידות פון שכל און מדות, ווערט ער צערירט מיט אינערלעכער פאַרביטערונג אויף זיין מעמד ומצב און איז מעורר רחמים — איז „בעבור זה — עשה ה' לי": העלפט מען מלמעלה ער זאָל טאַקע אַרויס פון מצרים און צוקומען צו דער אמת'ער הויכקייט און הרחבה פון פסח און מצה.

ועברתי בארץ מצרים אני ולא מלאך

דער אויבערשטער זאָגט, אַז ער כביכול בכבודו ובעצמו האָט זיך פאַרנומען מיטן אויסלייזן אידן פון מצרים — ניט דורך אַ „מלאך", ניט דורך אַ „שרף", ניט דורך קיין שום אַנדער „שליח".

„תורה" איז פון לשון הוראה — לערנען און אָנווייזן. דאָס הייסט אַז אַלץ וואָס תורה דערציילט דאַרף אונז דינען ווי אַ לערע און וועג־ווייזונג אין עבודת ה'. וואָס לערנען מיר אַרויס דערפון וואָס יציאת מצרים איז פאַרגעקומען דורך הקב"ה בכבודו ובעצמו — ניט דורך אַ מלאך וכו'? וואָס פאַראַ באַדייט אין אונזער דינען דעם אויבערשטן האָט דאָס, וואָס ביי יציאת מצרים זיינען געוועזן אַזעלכע הויכע גילוים?

ס'איז דאָך „היום לעשותם" — איצט איז די צייט פון אַרבעט, פון טאָן אין תורה ומצוות; און „למחר לקבל שכרם" — דער שכר, די גילוים, געהערן צום „מחר", לעתיד לבוא. אמת, אויך איצט טוען זיך אויף אַט די הויכע גילוים, און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס אויך היינט דערהערן זיי די הויכע גילויים פון לעתיד לבוא. דאָס זיינען די אויף וועלכע ס'ווערט געזאָגט, „עולמך תראה בחייך" — די צדיקים וואָס האַלטן ביי אהבה בתענוגים: עס לייכט ביי זיי אַזאַ אהבה צום אויבערשטן וואָס פאַרשאַפט זיי דעם העכסטן פאַרגעניגן־געַנוס; און זייער עולם הבא „זעען זיי" ביים לעבן דאָ למטה (אין לשון פון רמב"ם אַז „עולם הבא" איז מצוי ועומד. ס'מיינט ניט אַן עולם וואָס דאַרף ערשט קומען (הבא) — דער עולם איז פאַראַן אויך איצט. דער עולם ווערט גערופן „הבא" בלויז מחמת צום ערשט מוז זיין דער „היום לעשותם", אין עולם הזה, און דערנאָך קומט מען צו צום „עולם הבא"). הייסט עס דאָך, אַז די גילוים זיינען אויך איצט פאַראַן, אָבער זייער אויפטו איז ניט די זאַך פון אונזער היינט. אונזער ענין איצט איז — עבודת ה', ווייל „אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני" — מיר זיינען באַשאַפן בלויז נאָר צו דינען אונזער באַשעפער.

טאָ וואָס פאַראַ הוראה אין עבודת השם גיט עס אונז, אַז הקב"ה בכבודו ובעצמו האָט אַרויסגעצויגן די אידן פון מצרים?

די דערקלערונג איז:

ביי יעדן איינעם זיינען פאַראַן פאַרשידענע ענינים וואָס זיינען אַנדערש איינס פון אַנדערן מיט זייער וויכטיקייט און ווערט. במילא איז אויך פאַרשידן דער צוגאַנג צו אָט־די ענינים מצד דעם מענטש און זיינע כוחות. פאַראַן זאַכן וואָס דער מענטש טוט אויף אַ געצוואונגענעם שטייגער. ער איז, למשל, גאָר ניט אויסן די געטוענע זאַך, זיין ציל איז באמת אַ צווייטער ענין וואָס איז אָפּהענגיק פון דער זאַך. אין דעם פאַל באַנוצט ער ביים טאָן די זאַך בלויז זיינע אויסערלעכע כוחות.

פאַראַן ענינים, וואָס זיי אַ ל י י ן זיינען דער צוועק און כוונה פון זיין פאַרנעמען זיך מיט זיי — און דאָ לייגט ער שוין אַריין זיינע אינערלעכע כוחות. דאָס הייסט אָבער נאָך ניט אַז ער איז דאָ אַריינגעטאָן גאָר אינגאַנצן — ביז מיט זיין עצם הנפש.

ביז עס זיינען דאָ אַזעלכע ענינים וואו ער טוט אַריין זיין גאַנצן עצם הנפש, אַזוי ווי ביי דער עבודה פון קריאת שמע זיך צו מוסר נפש זיין אין „אחד" — רירט עס דאָך אָן אין עצם הנפש ממש.

איז בשעת אַ איד דאַרף גיין אין „מצרים", האָבן צו טאָן דאָרט מיט דער גראָבקייט און ענגשאַפט פון וועלט, און זיי אויפהויבן אין קדושה — אַזוי ווי גערעדט פריער אַז מ'דאַרף זיך דאָך באַשעפטיקן אויך מיטן בן־דרשע — קען ער ביי זיך טראַכטן: אמת, מ'מוז זיך אויך דערמיט פאַרנעמען, אָבער ווער זאָגט עס, אַז מ'דאַרף דערין אַריינטאָן זיך מיט די סאַמע פנימיות'דיקע כוחות? זיינע אינערלעכע העכערע כוחות וועט ער אַוועקגעבן אויף העכערע זאַכן; און אין מצרים וועט ער זיך באַנוגענען מיט דער ווירקונג פון זיינע כוחות חיצוניים, ער וועט עס טאָן נאָר פון יוצא־וועגן.

לערנט מען אונז: בשעת דער אויבערשטער האָט געדאַרפט אַרויסנעמען די אידן פון מצרים, האָט ער זיך דערביי ניט באַנוגנט צו טאָן עס דורך אַ מלאך וכו' — איז „דיו לעבד שיהי' כרבו": אויב „רבו", דער אויבערשטער איז „געגאַנגען" בכבודו ובעצמו אויסלייזן אידן פון מצרים, מעג אויך דער „עבד"־איד גיין קיין מצרים מיט זיין גאַנצן עצם בכדי צו ראַטעווען אַ איד פון דער מצרים־געזונקענקייט.

זעען מיר טאַקע ווי די צדיקים נשיאי ישראל האָבן זיך אַזויפיל אָפּגעגעבן מיט ענינים און אנשים פשוטים — און דאָס געטאָן מיט זייער גאַנצן עצם הנשמה. לכאורה, ז י י, די צדיקים, האָבן דאָך געוויס געקענט עס דורכפירן מיט זייערע נידעריקערע כוחות. פונדעסטוועגן האָבן זיי אין אָט־דער אַרבעט אַריינגעטאָן ביז צו די העכסטע מדרגות פון נשמה, יחידה שבנפש, וואָס איז נאָענט פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן בכבודו ובעצמו.

און דערפון דאַרף זיך יעדער איד אָפּלערנען: „מה שהוא עושה מצוה לבניו לעשות" — וואָס דער אויבערשטער אַליין טוט, פאָדערט ער עס אויך פון זיינע קינדער. ס'איז אָבער ניט בלויז אַ מאָנונג: דורך דעם וואָס דער אויבערשטער איז כביכול געגאַנגען אין מצרים בכבודו ובעצמו, האָט ער „אויסגעטראָטן אַ וועג" כביכול פאַר אידן אין אַלע דורות, אַז אַ איד זאָל קענען גיין אין מצרים מיט זיין עצם הנשמה און זאָל דורכדעם קענען פון דאָרט אַרויסראַטעווען אַ צווייטן אידן און אים צוברענגען צו דער גאולה אמתית ושלימה.

(צוגעגרייט דורך י. ד.)

חד גדיא

• דוב ראַוווסקי

דער שיר „חד גדיא" וואָרצלט אין די הויכקייטן פון קדושה־סודות און רמזים. ווער איז דער מחבר פון דעם דאָזיקן שיר? ווען איז עס פאַרפאַסט געוואָרן? ניטאָ קיין קלאָרע ידיעות וועגן דעם. אָבער זיכער איז דער מחבר געווען אַ צדיק וקדוש; און זיכער האָט ער דאָ אַריינגעפאַסט אין אַ משל־שטייגער, אין אַן אופן פון אַן עסענץ־ווייניקייט, וואָס אַנטהאַלט גאָר אַ סך — טיף־דערהויבענעם און הייליקן אינהאַלט. אין משך פון דורות האָבן די גרויסע אידישע ליכטער אויסגע־טייטשט דעם דאָזיקן שיר אויף פאַרשידענע אופנים פון תורה, מוסר און אַפילו קבלה.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט יעדער איינער איז באַרופן צו פּרואוון אויפקלערן און אַנטדעקן די טיפע געהיימנישן וואָס זיינען דערין באַהאַלטן. געוויס איז עס מער ווי סתם חוצפה פאַר אַזאַ איינעם ווי אַני הקטן „צו צוטשעפּען" זיך ווי אַן אויסטייטשער. כ׳מיין אָבער, אַז פּסח צום סדר, ווען מ׳נעמט אַריין אַ ל ע מ ע ן אין דער גאולה־פייערלעכקייט און מ׳גיט אָרט צו „פרעגן" און זאָגן יעדן ב ן ־ ישראל, (בפרט אַז דער שיר „חד גדיא" גופא האָט „באַשעפּטיקט" אין די „פאַר־מאַסקירונגען" אויך אַלערליי פּראָסטלעכע ברואים) — טאָ איז אפשר דאָ אַן אָרט אויך פאַר אַ פשוט׳ן איד צו פּרואוון אָנטאַפּן דעם מיין פון דאָזיקן שיר.

קען מען אפשר זאָגן, אַז אין די העכסטע מאָמענטן פון שמחה של פּסח, נאָך די אַרבע כוסות און הרחבת הדעת פון אַ אידן, קומט דער דאָזיקער שיר צו דערמאָנען דעם מענטש ו ו ע ר ער איז, בכדי ער זאָל קענען אָנהאַלטן בלויז די ריינע קדושה־פרייד, און ניט פאַרמישן די „יוצרות".

זעט אויס, אַז די אַלע ג ע ש ט אַ ל ט ן פון „גדיא", „שונרא", „כלבא" אאַ"וו דאָס זיינען סימבאָלישע באַצייכענונגען פונעם מענטש׳ס פאַרשידענע עפּאָכעס און איבערגאַנגען פון זיין נאַטירלעכן לעבן. צייגט עס אונז דעם גאַנג פונעם בהמה׳שן טייל אין מענטש, וואָס אין אַלע זיינע איבערוואַנד־לונגען שלעפּט ער זיין ג־טלעכע נשמה אין דער נידער — און ווי זוייט דער איד, מיט זיין נשמה אלקית, דאַרף תמיד שטיין אויף דער וואַך.

„חד גדיא דזבין אבא בתרי זוזי — חד גדיא חד גדיא".

די ערשטע פעריאָדע פון אַ אידן, איז „חד גדיא דזבין אבא" — די ריינע אומשולדיקע צייט פון אַ קליין אידעלע: אָט ערשט האָט דאָס אידעלע גופ׳ל באַקומען די לויטערע נשמה. דער „אבא", דער טאַטע אין הימל האָט זי אָבער „פאַרקויפט", ד. ה. אַראָפּגעלאָזן אין דער גראָבער וועלט — „בתרי זוזי" — וואו ס׳איז שטענדיק דאָ דער געראַנגל פון בחירה, פון צוויי „רירונגען" („זוז" לשון רירונג). ס׳מיינט, תמיד זיינען דאָ צוויי וועגן, וואָס הענגען אָפּ ממש אין אַ ריר, אַ קער — איין קליינינקער אָפּוועגד — אויף רעכטס קען ראַטעווען; און איין פּיצינקער אָפּנויג אויף לינקס — קען חלילה פאַרפירן און אַראָפּפירן. דערצו נאָך האָט דער אויבערשטער באַשאַפן דעם מענטשן אַזוי אַז אין דעם אומשעדלעכן און ריינעם „ציגעלע" קומט באַלד פאָר אַן ענדערונג, דער „כי יצר לב האדם רע מנעוריו" — און

„ואתא שונרא ואכלה לגדיא".

דאָס קינד ווערט עטוואָס עלטער און שוין באַוויזט ער זיינע „נעגעלעך". ער באַקומט אַ וועלער, אַן אַכזריות'דיקן געפיל צו אַ שוואַכערן פון אים. אַ קעצל זעט אויס אַמאָל גאַנץ ליבלעך, אָבער עס האָט אַ ווילדן נאַשערישן דראַנג און אַמאָל גיט עס שוין אַ טויט־ווייאיקן „דראַפּע". דאָס „מלאכ'ל" ווערט פאַר די אויגן פאַרוואַנדלט אין אַ קליין מחבל, וואָס האָט „אויפגעגעסן" ס'ציגעלע — און דאָ קומט שוין די בענקעניש: חד גדיא, חד גדיא! געווען אַזאַ אומשולדיק ציגעלע! צאַמט מען ניט ס'קינד מיטן געהעריקן חינוך פון תורה ומצוות; לאָזט מען עס גיין מיט דער נאַטור — דאַן איז

„ואתא כלבא ונשך לשונרא..."

אויף דער אַנטוויקלונגס־סצענע פונעם קינד קומט די געשטאַלט פון אַ „כלבא", אַ הונט וואָס צעבייסט די שונרא: די קאַץ איז פאָרט נאָך אַ שטוביקערע באַשעפעניש, נאָך אַלץ מער אונטער דער האַנט און נאָך ניט אַזוי חוצפּה'דיק און בייסנדיק. מיטן גאַנג פון יאָרן ווערט דאָס קינד מער האַרט און העזה'דיק; ער „שמעקט" שוין זייער אָפט אין דער פרעמדער קאַלטער גאַס אַריין; ער צייגט שוין ניט נאָר זיינע נעגל, נאָר אויך זיינע שאַרפע ציין און צונג. דאָס איז שוין דער ווילד־אינגלשער עלטער פון חוצפּה'דיקן ענטפער, וואָס קריגט אָפט דעם קלאַנג פון אַ בילעריי, וואָס מאַכט צעטומלען און דערשרעקט דעם אידעלן מענטש־וועזן. וואַרפט מען ניט אַרויף אויף אים די שטאַרקע חינוך־קייט, דעם גאַנצן יאָך פון לערנען און דאַווענען — דאַן בלייבט עס ניט אויך ביים „כלבא" — דער הונט האָט אין זיך נאָך פאָרט אַ נאַטירלעכע טריישאַפט צום „באַלעבאָס" — נאָר

„ואתא חוטרא והכה לכלבא..."

ס'קומען די יאָרן פון יונג־בחור'שאַפט און צעקלאַפּן אַפילו דאָס געטריישאַפט און „הינטישע" איבערגעגעבנקייט, וואָס האָט אים נאָך געבונדן מיט זיין הויכן שטאַם און אידעלן אָפּשטאַם. וואָרום אַ שטעקן איז שוין אָפּגעשניטן, זעלבסטשטענדיק פון דעם לעבעדיק־צעוואַקסענעם שטאַם. דער יונגער בחור באַקומט די טבע פון מאָדנער שטעקן־האַרטקייט און טראָציקייט; קוקט מיט ביטול און אַנטריסונג אויף זיינע אַלט־מאָדישע עלטערן — און וויל נאָר זיין אין דרויסן, אַ „מענטש" פאַר זיך. די מידות צעשפּילן זיך, דער יצר־הרע ווערט פאַרהאַרטעוועט און ס'גיט זיך אָפּ, אַז וועלט איז עפּעס אַ גאַנצע ממשות. אָבער ביי דעם בלייבט עס נאָך אַלץ ניט. וואָרום דער „חוטרא", דער שטעקן, האָט נאָך אַלץ דעם אינערלעכן המשך מיט זיין פריערדיקן חיות: „זרוק חוטרא לאוירא ועל עיקרי' הוא קאים", גיט מען אים אַ הויב נעענטער צום הימל, צו דער רוחניות'דיקער וועלט, איז „אעיקרא קאים", שטעלט ער זיך צוריק אויף זיין וואָרצל, קען מען נאָך אַלץ לייכטער צוציען דעם „חוטרא"־יונג צום הייליקן שורש. טאָמער חלילה פאַרכאַפּט מען ניט אין צייט צו דערוועקן אים און אַוועקפירן אויפן ג־טלעכן וועג — קומט דאַן דער פּעריאָד פון

„ואתא נורא ושרף לחוטרא..."

דער פלאַם פון זיינע תאוות און פאַנטאַזיעס פאַרברענט אויך אָט־די „חוטרא"־אייגנשאַפט פון אינערלעכן צי צום וואָרצל. ער וואַרפט זיך אַריין אין שטורעם פון וועלט מיט גאַנצן אויפברויז פון די צווילדעוועטע זיטן. ער איז ממש פאַרשלונגען פונעם עולם־הזה גלאַנץ און ער פילט גאָרניט ווי זיין נשמה קלאָגט אין אים: „חד גדיא, חד גדיא"... אַך, ווי ווייט איך בין אַוועק פון יענעם אידעלן אַמאָל! דאָ דערגרייכט מען צו יענעם פּעריאָד, וואָס קען ח"ו זיך ענדיקן קריטיש קאַטאַסטראָפאַל. אָבער דער מחבר פון „חד גדיא" גייט איצט טיפער און באַוואָרנט פאַרשידענע דערשיינונגען אין לעבן. ס'קען זיך אַמאָל דוכטן: נו, ס'וועט פאַראיבערגיין אָט־דער פלאַקערדיקער יוגנט־זמן; דער קאָך פון די בלוטן וועט זיך איינשטילן און ער וועט זיך כאַפּן צום שכל. יאָ, ס'קען אַמאָל פּאַסירן —

„ואתא מיא וכבא לנורא..."

„מים", וואָס איז דער קעגנזאַץ פון „נורא", ד. ה. דער קאַלטער שכל פאַרלעשט דעם פלאַם פון מידות; מ'ווערט עלטער, מ'לעבט איבער שטאַרקע אַנטוישונגען אין לעבן; דער שכל אנושי ווייזט אַזוי קלאָר די נישטיקייט און נאַרעשקייט פון עולם הזה — אויב אָבער דאָס איז בלויז מענטשלעכער שכל, אָן דער תורה־ומצוות־וואַרעמקייט, איז אויסער דעם וואָס דאָס קען דערפירן ערשט צו גרויסע אומגליקן, ביטערע אַנטוישונגען, יאוש־פאַרצווייפל (ביז ר"ל צום פולשטענדיקן און בוכשטעבלעכן אויסלעשן פון דעם „נורא" ביים מענטש, וואָרום נאָר תורה קען שאַפן די ריכטיקע האַרמאָניע און צוזאַמענאַרבעט פון שכל און מדות), איז אין בעסטן פאַל, דער דאָזיקער שכל־אויפוואַך ניט קיין עכטע הילף און רעטונג. אָט זעט מען עלטערע מענטשן, וואָס, דוכט זיך, אַז דער שכל באַהערשט זיי און פּלוצלונג —

(פאָרזעצונג אויף זייט יג)



ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים עגת מצות כי לא חמץ כי גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה וגם צידה לא עשו להם (פ׳ בא, יב, לט). — און זיי האָבן געבאַקט דאָס טייג מצות־קוכן, וואָרום ס׳האָט ניט באַוויזן זויער ווערן, ווייל זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון מצרים און זיי האָבן זיך ניט געקענט פאַרזוימען, און אויך שפּייז האָבן זיי ניט צוגעגרייט פאַר זיי.

אין פלוג איז דאָס וואָרט „להם" איבעריק. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דאָס גרייטן שפּייז איז געווען פאַר זיי זעלבסט און ניט פאַר אַנדערע, טאָ וואָס שטייט דאָס וואָרט „להם" — וויבאַלד דער מיין פון פסוק וואָלט אונז געווען קלאָר אויך אָן דעם דאָזיקן וואָרט?

רש"י ברענגט אויף דעם פסוק אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן אַלס אַ לויב פאַר אידן: אַז אידן האָבן נישט געזאָגט, ווי אַזוי וועלן מיר אַרויסגיין אין דער מדבר אָן שפּייז, נאָר זיי האָבן געגלויבט און זיינען געגאַנגען. קען מען אפשר זאָגן, אַז דער מקור אויף אָט די ווערטער (וואָס רש"י ברענגט פון מכילתא) געפינט זיך אין דעם פסוק גופא, אינעם וואָרט „להם": דער טייטש איז „וגם צידה לא עשו" און אויך שפּייז האָבן זיי ניט צוגעגרייט, פאַרוואָס? להם — איז דער ענטפער, צוליב זיי אַליין, מיט זייער אייגענער דעה. דאָס וואָס זיי האָבן נישט גענומען קיין שפּייז, איז נישט ווייל דער אויבערשטער ב"ה האָט אַזוי געהייסן, נאָר זיי, פון זייער אייגענעם גלויבן האָבן אַזוי געטאָן; „להם" — לויט זייער אייגענעם פאַרשטאַנד. און דאָס איז ביי דעם אויבערשטן ב"ה זייער ליב און טייער.

דערפאַר ברענגט דאָ רש"י דעם פסוק פון ירמי׳ „זכרתי לך חסד נעוריך וגו׳" — דער אויבערשטער ב"ה געדענקט דעם גענאָד וואָס אידן האָבן געטאָן: „לכתך אחרי במדבר" — וואָס אידן זיינען געגאַנגען נאָך דעם אויבערשטן אין מדבר, נישט „מיט דעם אויבערשטן" נאָר „נאָך דעם אויבערשטן", וואָס באַדייט אַז זיי זיינען געגאַנגען מיט דעם אייגענעם גלויבן און גאָרנישט נאָכגעטראַכט — איז דאָס ביים אויבערשטן ב"ה זייער חשוב, וואָס מען טוט פאַר דעם אויבערשטנס וועגן אַפילו נישט געהייסענערהייט.

ויחזק ה׳ את לב פרעה מלך מצרים וירדף אחרי בני ישראל ובני ישראל יוצאים ביד רמה (בשלח יד, ח). — און דער אויבערשטער האָט געשטאַרקט דאָס האַרץ פון פרעה דעם קעניג

פון מצרים און ער האָט נאָכגעיאָגט די בני ישראל און די בני ישראל גייען אַרויס ביד רמה.

דער תרגום טייטשט: „יד רמה בריש גלי" — אין דער סאַמע עפנטלעכקייט. רש"י טייטשט: „בגבורה גבוהה ומפורסמת" — מיט דערהויבענער און באַרימטער גבורה.

דאָרטן וואו עס רירט ניט אָן אַ דבר הלכה, מעג מען אפשר צוגעבן נאָך אַ פירוש אָדער אַן אַנדייט אויף אַ געוויסן ענין וואָס מיר לערנען אָפּ דערפון. מיר ווייסן אַז ביי תפילין לייגט מען פריער דעם „של יד", דערנאָך דעם „של ראש", אַזוי שטייט אין דער תורה. דער טעם ווערט דערקלערט: ווייל „יד" דריקט אויס דעם ענין פון מעשה — טואונגען האָבן אַ שייכות צו דער האַנט; „ראש" צייגט אויף מחשבה; און דערפאַר לייגט מען פריער דעם „של יד", ווייל דער סדר אין דינען דעם אויבערשטן דאַרף זיין אין אַן אופן פון „נעשה ונשמע" — פריער טאָן און דערנאָך ערשט: „ונשמע", דער־הערן און פאַרשטיין. נמצא אַז „יד" איז מעשה.

די מעלה, צוליב וועלכער די בני ישראל זיינען דאַן אַרויס פון מצרים, איז באַשטאַנען אין זייער מקיים זיין די מצות קרבן פסח און מילה — זאַכן וואָס זיינען קעגן פאַרשטאַנד פון שכל און דאָך האָבן זיי דאָס מקיים געווען („יד", „נעשה") — איז דאָס געווען זייער חשוב ביים אויבערשטן, און אַזוי אַרויס זוכה געווען צו דער גאולה. ווערט עס נרמז און אָפּ־געטייטשט אין די ווערטער: „ובני ישראל יוצאים", דאָס וואָס אידן זיינען אַרויס פון מצרים איז געווען „ביד רמה", צוליב דעם וואָס די מעשה המצות (יד) איז געווען זייער אין אַ געהויבענער מדרגה, ווייל זיי האָבן נישט געפרעגט קיין טעם און נישט געוואָלט וויסן קיין טעם, און דוקא צוליב אַט דעם סדר האָבן זיי זוכה געווען צו אַ גאולה אמיתית.

דאָס איז אפשר אויך דער טעם וואָס ס'שטייט „יוצאים" אין אַ לשון פון קעגנוואַרט; אַנדייטנדיק דערמיט אַז נישט נאָר אין גלות מצרים, נאָר בכל עת ובכל זמן איז די יציאה פון גלות דוקא דורך דער מעלה פון „יד רמה" — דורך עשיית המצות בפועל אין אַן אופן פון „רמה".



דעם ערשטן מאָל פון דער היים

• דוד זאַריצקי

(סקיצע)

— עס איז ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון — אויסער מיין זון!...

ער ווערט יעדן טאָג געבוירן פונדאָס־ניי, יעדן טאָג גיט ער דעם ערשטן געשריי. איך הער עס ווי דאָס וואָלט נאָך היינט געווען; ניין, ווי ער וואָלט איצט נאָך געשריען: אַ רויט בינטל פלייש, מיט אַ צעקנייטשטן פּנים, מיט אַ ברייטער נאָז. ער שרייט און מיר קלינגט אין די מידע אויערן. אָבער אינמיטן פון קלינגען, פיל איך אַ לייטזעליקייט אין אַלע קראַנקע אברים.

ער איז ערשט נעכטן אַוועקגעפאָרן, אַ קוק געטאָן אויף מיר שוין גייענדיק מיטן רענצל, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס קוקט ער אויף מיר דעם ערשטן מאָל, זייט פופצן יאָר; דעם ערשטן מאָל האָט ער נאָר האַלב געעפנט די טרערנדיקע אויגעלעך, אַ פינטל געטאָן און זיי פאַרמאַכט צוריק. נאָר מיר האָט זיך דאַן געדוכט, אַז ער שמייכלט, און דאָס איז געווען דער ערשטער זון־שמייכל וואָס איז בכלל באַשאַפן געוואָרן — און איך האָב צו אים אויך געשמייכלט.

אָבער איצט זעט ער ניט מיין שמייכל. ער מאַכט צו מיר מיט דער האַנט, זיך צו געזעגענען און ווייזט מיר מיטן פינגער אויף די אויגן: ווייך ניט, מאַמע, איך פאָר נאָר דריי שעה און איך פאָר צווישן חברים און איך פאָר אין דעם ריינסטן אָרט וואָס איז דאָ אויף ג־ט׳ס וועלט.

— יאָ, אַוודאי ווייס איך, און איך ווייך דען? דאָס זיינען סתם נאַרישע טראָפּנס. אַ מאַמע האָט זיי שטענדיק אין די הינטערשטע קעמערלעך פון די מאַמישע אויגן. קיינער זעט זיי ניט, ווי דאַן — דו ווייסט? ניין, דאַרפסט זיך ניט אומקוקן, וועסט נאָך צופיל בענקען. אָבער דאַן, ווען דו האָסט דעם ערשטן קוק געטאָן מיר אין די אויגן, האָב איך געפילט, אַז דו קייקלסט זיך אַריין אין מיר צוריק, ווי דו וואָלסט גאָרניט געבוירן געוואָרן. ביזטו צוריק געוואָרן אַ שטיק „איך״ — און ווען איך האָב דיך אָנגערירט: פייכט, קלעפּעדיק, צערונצלט מיטן ספּעציפישן קינדישן ריח — האָב איך געפילט, אַז דאָס ריר איך אָן מיין האַנט...

ניין, איך ריר דיך ניט אָן. דו פאָרסט דאָך אין ישיבה, צום ערשטן מאָל, ווי וועל איך דיך אָנרירן! איך האָב געזען ווי דיין האַנט האָט זיך אַ שטרעק געטאָן צו מיר. דאַן האָסטו אַן אומעטיקן שמייכל געטאָן, אַ גלעט געטאָן מיין פאַרוויינט געזיכט מיטן בליק; מיט יענעם ערשטן בליק פון צוריק מיט פופצן יאָר, דריי מאָנאַטן און זיבן מיט אַ האַלב טעג, אין דעמערונג פון אַ זומער־טאָג — און איך האָב געוואוסט, אַז איצט ביזטו געבוירן געוואָרן פאַר מיר פונדאָסניי: אַ ניי קינד, אַ ישיבה׳שער זון וואָס גייט עטוואָס איינגעבויגן אונטער דער לאַסט פון דעם קאָפּער, וואָס וויל מיט אַלע כוחות אויסשטרעקן די זונישע הענט צו מיר; וואָס וויל, ווי דאַן, צום ערשטן מאָל, זיך דריקן אין מאַמישער ליבע וואָס שטראַלט אַרויס אַן אויפהער, ביז איר לעצטן אָטעם־צוג — און ניט ריידן. ווייל מען קען דאָך נאָך ניט ריידן ווען מען ווערט איצט געבוירן: נאָר אונטערמורמלען אַ שטומע שפּראַך — און איך וועל אַ קליינעם גלעט געבן איבער דאָס פליכעוואַטע קעפּל, ווי דאַן...

אָבער אַט ביזטו שוין אַוועק. נאָר אַן אַרויפגעשאָסענער סילועט רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז די גאַס אונזערע איז אַזוי קליין: עטלעכע טריט און שוין ענדיקט זי זיך און מער

זעט מען ניט; נאָך אַ טריט, צוויי, אפשר דריי און דאַן פאַרבויגט ער זיך... באַג־לייטן? אַ נייע מעשה! וואָס איז געשען, אַ קליין קינד בין איך? דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן פונדערהיים, איז ער אַלט געווען נאָר דרייצן יאָר; און ער איז אַוועק־געפאָרן אַ ווייטעניש פון 400 קילאָמעטער — און איך פאָר נאָר 80. דער טאַטע האָט געגעסן „טעג" און געוויינט אַלעמאָל ווען מען האָט אים געגעבן עסנס, וואָס זיינען אים געקראָכן פון האַלז, און די פאַרצאַרג־טע בעל־הבית'טע האָט זיך געקרימט:

— אינגעלע, פאַרוואָס עסטו ניט, ניט געפעלן? אין שטוב האָסטו בעסער?

און איך קריג אַלץ וואָס איך דאַרף; וואָס־זשע איז דאָס בענקעניש??

יאָ, אָבער דו האָסט זיך ניט געזען היינט אינדערפרי. איך האָב געקוקט אויף דיין געזיכט און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אַזאַ געזיכט דיינס נאָך ניט גע־זען. דאָס איז געווען נייעס פאַר מיר: אונטער דער נאָז איז שוין היפש שוואַרץ, און די באַקן פילן זיך שוין אָן מיט אַ דינעם, בלאָנדן פוך; דו קוקסט פאַר זיך און אין זיך אַריין — און דו האָסט עפּעס געמורמלט פאַר זיך, מסתמא דאָס שטיקל תורה וואָס דו וועסט דאַרפן היינט איבער־זאָגן. איך האָב געוואוסט, אַז איצט ביזטו פריש געבוירן; ניט קיין איציקל, נאָר יצחק; ניט מיין קליינער אינגל, נאָר דער בחור פון ישיבה, וואו אַלץ איז צוזאַמענ־געמישט און מאַמישע ליבע וואַלגערט זיך אין צעריסענע קאָנווערטן, אין פאַרלאַטע־טער העמד, אין אַ שטיקל קוכן, איינגע־פּאַקט אין אַ געבלימט פּאַפּירל (אַ צעטע־לע: צעטייל ניט איינגאַנצן!), וואו עס שטעקן באַהאַלטענע, שעמעוודיקע מאַמע־טרערן אין יעדער שטאָך־נאָדל. דער בחורל וויסט גאָרניט, אַז ווען ער עפנט אַ בריוו, שיטן זיך טרערן, שיטן זיך אַזוינע סאַמע־טענע ווערטער וואָס די מאַמע קען זיי ניט איבעררײדן פאַר זיך.

איצט מוז איך אַנדערע ווערטער זוכן. ווי וועל איך קענען זאָגן פאַר אַלעמען אין די אויגן: מיין קינד!

אָט האָב איך מזל: די לאַנגע קאָלאָנע פון אויטאָס לאָזן אים ניט איבערגיין די גאַס. אַ מינוט וואַרט ער שוין. אוי, קינד מיינס, ער דרייט טאַקע אויס דעם קאָפּ! דו, האַלט זיך, רוק זיך ניט אַרויס. פאַר־וואָס זאָל ער ווידער אַ צאַפּל טאָן אין זיך?

ער האָט מיין גאַנג, אַביסל אַ וויגנדי־קער. דער מאַנטל ליגט אויף אים ניט אַזוי גוט. מילא, ער וועט דאָך קומען אין פיר מאָנאַטן אַרום. האַ? ניין, קיינער איז ניטאָ. מיין מאַן, דיין טאַטע, איצעלע (אַנט־שולדיק, איך האָב זיך נאָך נישט צוגע־וואוינט!...), איז אַוועק פריער ווי אַלע־מאָל. האָסט באַמערקט ווי ער האָט זיך געאיילט? אָן איילעניש איז דאָס געווען? ער האָט געוואָלט באַהאַלטן אַ טרער. אויך מיר אַ גיבור אַ טאַטע! וואָס איז? אַז מען וויינט אַביסל, ווערט גרינגער — נאָר ער זאָל ניט זען. אָבער עס פּאַסט אים ניט; מיר פּאַסט יאָ... אָבער ניין, מיין ניט אַז איך וויין, נאָר סתם אַזוי; אַז מען באַקומט אַ קינד וויינט מען. איך האָב דיר היינט פונדאַסנייַ באַקומען. מיין קינד; אַ ישיבה־בחור האָב איך באַקומען, וואָס פאָרט מיט פרייד אַוועק פון דער מאַמען... אפשר וויינסטו? אוי, מיין קינד, אפשר וויינסטו?

ניין, איך וועל ניט נאָכגיין ביז דער סטאַנציע. וואָס וועט מען זאָגן? אָבער אַ קוק טאָן פונדערווייטנס וועל איך, אפשר וויינט ער דאָך...

נאָר ביזן ראָג, אָ־אָ־אָט איז ער טאַקע. ניין, ער גייט גלייך, ער איז שטענדיק גע־גאַנגען גלייך, ער איז אַזוי גלייך־געוואַקסן. אוי, ג־ט מיינער, שיער אים ניט איבער־געפאָרן. מאַמע מיינע, ווער וועט אים — אַך, ער איז דאָך ניט אַליין. ווי פאָרן אַלע?

ווען מען האָט אים אָפּגעשוירן די האָר האָט ער געוואָלט וויינען, האָט אים דער טאַטע געזאָגט:

— איצל, אַ טרער אַז מען גיסט אויס, קומט זי קיינמאָל ניט צוריק. אַ שאָד צו וויינען. איך לאָז דיר האָר אויף דיין גאַנץ לעבן. היט זיי. דאָס זיינען אידישע פאַנען וואָס פלאַטערן שטענדיק אַרום דיינע אויגן...

איצל האָט דאַן קיין וואָרט ניט פאַר־שטאַנען. פונדעסטוועגן האָט ער אויפגע־הערט צו וויינען, און איך קען זיך ניט איינהאַלטן. אָבער דאָס זיינען דען טרערן? דאָס איז נאָר אַ געבעט: רבונו־של־עולם, היט אים, יצחק'ן, ווי דו האָסט אים געהיט ווען ער איז געווען, ניט היינט געדאַכט, קראַנק אויף אַ לונגען־אַנצינדונג — און ווען ער איז געזונט געוואָרן האָב איך אַ נייעם זון געהאַט; ווי דו האָסט אים געהיט ווען ער איז אַרונטערגעפאַלן פון אַלע טרעפּ, ווען ער האָט זיך דעם קאָפּ צע־שפּאָלטן פאַלנדיק אויף אַ שטיין; ווען ער האָט געהאַט מאַזלען, קאָקליוש, שקאַרלאַ־טין; ווען ער איז געווען אַזוי שוואַך, אַז די הענטלעך האָבן מיך ניט געקענט אַרומ־נעמען...

ער איז שוין געוויס אויף דער סטאַנציע. ביז ער וועט אַרויפלייגן דעם שווערן קאָ־פער... פונדעסטוועגן האָט דער טאַטע גע־

דאַרפט מיט אים מיטגיין העלפן טראָגן. מילא, ער מוז דאָך זיך אַליין אַן עצה געבן, נאָר, עד...

נאָך אין דריי שעה אַרום וועט ער קומען אין דער ישיבה. אַ מידער, אַ גליקלעכער, וועט ער זיך אַוועקזעצן אויף זיין אָרט, עפענען די גמרא און זיין שטים וועט זיך איינקייטלען אין דעם אַלגעמיינעם געזאַנג; און קיינער וועט ניט הערן זיין שטימע אויסער מיר. דאָס איז דאָך אַ ביי־געבוירענע שטימע, אַביסל מיינס און אַביסל דעם טאַטנס — און קיינער וועט ניט לייגן קיין אַכט אויף אים: אַ בחורל צווישן נאָך צוויי הונדערט; און ווען דער קאָפּ וועט אים... שאַ, וואָס דאַרפסטו פּלאַפּלען!

און קיינער וועט ניט וויסן, אַז דורך מיינע פענסטער קוק איך אויף אים און אַז איך הער זיין שטים; און איך וויין פרייענדיק זיך וואָס זי קלינגט אַזוי פריידיק; און אַז דאָ זיצט מיין זון, יצחק, וואָס איז היינט ביי מיר ווידער געבוירן געוואָרן, אַ ישיבה־בחור. עי, רבקה, רבקה, אפשר זאָל שוין גאָר זיין גענוג?

נאָך אַ פּאָר טריט, אַ פּאָר קליינע טריטעלעך, האַ?

— ש־ש־שאַ! פון וואַנען קומסטו?

— איך האָב גראָד געדאַרפט גיין אין יענער געגנט, האָב איך געטראַכט...

— כי־כי... אין יענער געגנט? וואו יצחק האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, און איך האָב געטראַכט — — —

— וואָס האָסטו געטראַכט? אַ טראַכטעניש האָסטו געטראַכט מער גאָרניט. איך בין פאַרבייגעגאַנגען און זיך צוגעכאַפּט אים העלפן דעם קאָפער אַרויפלייגן אויף דער פּאָליצע. איז וואָס, אַן עבירה האָב איך געטאָן?

...זי האָט שטיל געוויינט, אַזאַ ספּעציעלן מאַמישן געוויין, וואָס באַגלייט אַ קינד דעם גאַנצן לעבן.

און ער האָט ניט געוויינט, נאָר הינטער די אויגן האָט געצאַפּלט אַ בענקשאַפט...

חד גדיא / פאָרזעצונג פון זייט ח׳

„ואתא תורא ושתה למיא...״

ביי דער מינדסטער געלעגנהייט שפּרינגט אַרויס דער „שור נגח״, דער ווילדער אָקס מיט די שטעכיקע הערנער — אַפילו ביי דעם כלומרשטן בר־דעת׳דיקן זקן — און זופּט אַוועק יעדן ביסל „מיא״־שכל. צי דאָס איז אַ כבוד־זאַך אָדער אַפילו אַ קנאה־תאווה אָנטרעף — און שוין איז אויס שכל און ער שטעלט אָן אַן אָקסישן קאָפּ. וואָרום אָן תורה איז „זקני עמי הארץ כל שמזקינים דעתם מטורפת עליהם״. דער בעל ה„חד גדיא״ באַנוגנט זיך אָבער ניט אויך דערמיט. ער וואָרנט פאַר דער יצר־הרע געפאַר אויך ווען —

„ואתא שוחט ושחט לתורא...״

ווען דער „מענטש״ ביים איד שטאַרקט זיך איבערן „תורא״, איבער דער בהמה; נאָכמער, ער נעמט אַ כשר׳ן חלף און שעכט אַוועק דעם „אָקס״ כדת וכדין. אים דאַכט זיך שוין, אַז זיין נפש הבהמית איז שוין אַ געקוילעטער: ער האָט דורכגעבראָכן די אַלע חיות רעות אין זיין נאַטור; דורכגעגאַנגען דורך פייער און וואַסער און טאַקע „צעטרויבערט״ די בהמה אין אים — איז דאָך גוט? זאָגט מען אים: „אל תאמין בעצמך״ וכו׳, דער יצר־הרע לאָזט קיינמאָל ניט אָפּ! און ווען דער „תורא״ ליגט שוין אַ געשאָכטענער ווענדט ער אָן זיינע שאַרפסטע כלי־זיין (דערפאַר רופט מען אים דאָ מלאך המות) און קען צוריקשעכטן דעם שוחט: דער יצר־הרע כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין סאַמע הערלעכסטן אַקט פון אָפּשעכטן די בהמה —

„ואתא מלאך המות ושחט לשוחט...״

וואָרום דער אמת איז, אַז אויף זיך אַליין קען מען קיינמאָל ניט שטעלן און פאַרלאָזן זיך. „אלמלא הקב״ה עוזרו אין יכול לו״. מ׳מוז ערשט האָבן סייעתא דשמיא, דערוועקן רחמים רבים און דאַן איז —

„ואתא הקב״ה ושחט למלאך המות״.

און דאָס איז דער ציל פון גאַנצן אידישן לעבן; דאָ שליסט זיך דער אָנהויב מיטן סוף: דער „אַבאָ״, דער טייערער פאָטער אין הימל, וואָס האָט „פאַרקויפט״ דאָס אומשולדיק ציגעלע אינעם וועלט־מאַרק, ער אַליין איז דער וואָס העלפט צו אַרויסקריכן פון אָט־דער זומפּיקער „מאַרק״־בלאָטע. דאָס האָט דער אויבערשטער געוויזן ביי דער פסח־גאולה פון מצרים — און דאָס וועט ער פולשטענדיק באַווייזן אין דער גאולה שלימה העתידה בב״א.

א תפילה

• צ. מ. שטיינמעץ

מיר באַגיסן נשמה-לעכצן
מיט ערדישע געטראַנקען;
מיט זאַלצוואַסער מיר שטילן
דעם דורשט פון קראַנקן...

געפלען פאַרשטאָפּן גוף-פענסטער:
אויגן, אויערן —
דיין רוף ברעכט אַדורך
די סאַמע מויערן...

אַנטלאָפן זיינען מיר אויף
שמאָלע, גליטשיקע שטעגן —
צוריק ברענגען אונז
ברייטע, געפלאַסטערטע וועגן.

א טיפער קוואַל שפּרודלט
פון א געהיימער שיכט,
פאַרפלייצט צווייפל-שטרוי
וואָס פאַרשאַטנט דאָס ליכט.

ווי א גרודע פאַרטריקנט
אויף רעגן וואַרט —
אונזער נשמה פאַר׳חלש׳ט
נאָך דיין גנאָד גאַרט.

אַ ליובאַוויטשער ווינקל אין איטאַליע

● הרב שמחה עלבערג

אַלט איז דער אידישער ישוב אין מילאַנאָ, איטאַליע. נאָך אין די צייטן פון ממשלת רומי, האָבן זיך אידן דאָרט אָנגעהויבן צו באַזעצן. אָבער דער אידישער ישוב איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער. אינסטינקטיוו האָבן זיך אידן געשראָקן פאַר רוימישער הערשאַפט. דער שאָטן פון רוים האָט פאַרשטעלט דעם וועג. ערשט ווען מילאַנאָ איז, אין אָנהויב פון 18טן יאָרהונדערט, אַרונטער צו עסטרייך, האָבן אידן דאָרט געפונען אַ פרייען מקום־מנוחה און די אידישע קהילה האָט דאָרט אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצובליען. פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָבן זיך טויזנטער אידן באַזעצט אין מילאַנאָ, וואו זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גאַסטפריינטלעכקייט און עס איז זיי געגעבן געוואָרן פולע רעליגיעזע פרייהייט און די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן אַ אידיש קהילה־לעבן.

טראָץ דעם צופלוס פון נייע כוחות, איז אָבער דאָס רעליגיעזע לעבן ווייניק וואָס פאַרשטאַרקט געוואָרן. מילאַנאָ האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין מזל: אין דער צייט, ווען אַנדערע שטעט אין איטאַליע זיינען, אין געוויסע תקופות פון זייער געשיכטלעכער עקזיסטענץ, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צענטערן פון תורה מיט גרויסע תורה־אויטאָריטעטן, האָט אָבער מילאַנאָ קיינמאָל ניט זוכה געווען, אַז דאָרט זאָל אָפקלינגען דאָס קול פון תורה; און אַוודאי ניט דער תורה־קלאַנג פון אַ ישיבה — ביז עס איז, מיט עטלעכע יאָר צוריק, געקומען ליובאַוויטש און אָנגעזאָגט אַ נייע תקופה פאַר די אידן אין מילאַנאָ. ליובאַוויטש איז דאָרט געקומען און פאַרזייט די ערשטע קערנדלעך פאַר אַן עכט־תורה׳דיק אידישקייט.

געווען איז דאָס מיט זיבן יאָר צוריק. אין אַ הייסער זומער־נאַכט, האָט דער ליובאַוויטשער רבי שליט״א אַריינגערופן צו זיך הרב מענדל גאַרעליק, דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אין די ערשטע צוואַנציקער, קוים אַ יאָר נאָך דער חתונה — און דער רבי זאָגט צו אים: זיי גרייט אין וועג אַריין. נעם דיין פרוי און פאָר קיין מילאַנאָ...

דער יונגערמאַן איז געבליבן אי דערשטוינט פון דעם וואָס ער מוז אַוועקפאָרן אין אַ ווייט, פרעמד לאַנד; און אי גליקלעך וואָס דער רבי האָט אים אויסגעקליבן פאַר אַזאַ הייליק־פאַראַנטוואָרטלעכער שליחות. הרב גאַרעליק איז גלייך אַוועק צו זיין אַמעריקאַנער־געבוירענער פרוי און אָנגעזאָגט איר די בשורה מיט אַ טיאָך אין האַרצן: אפשר — האָט הרב גאַרעליק געטראַכט — וועט זי ניט קענען אַזוי לייכט פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע... אָבער אַז דער רבי האָט געהייסן, איז מער ניטאָ קיין אָרט פאַר ספיקות. אַלע זיינען מסכים מיטן רבי׳נס פאַרלאַנג — די פרוי, די עלטערן, ווייל פאַר אַ פרוי פון אַ ליובאַוויטשער חסיד איז דעם רבי׳נס וואָרט אַ הייליק געזעץ. אַ פרוי פון אַ ליובאַוויטשער חסיד, איז אַליין אַ ליובאַוויטשער חסידית׳טע.

קענען מיר זיך לייכט פאָרשטעלן די ערשטע טריט פון אַזאַ יונג פאָרל, וואָס קומען פון אַ קאָכעדיק, אידיש ווינקל, פון אַן אייגענער סביבה — און איצט שפּרייזן זיי איבער די רוישיקע מילאַנער גאַסן און זוכן כאָטש אַ קליינעם שפּור, אַ טליענדיק פונק פון אַ ניט־געפּעלשטן אידישן פייער. דער ערשטער איינדרוק איז אַ דערשיטערנדיקער. אויף שריט און טריט פרעסט די אַסימילאַציע. ניטאָ קיין שבת, ניטאָ קיין כשרות, געמישטע חתונות און דאָס ביסל „אידישקייט" איז היפש פאַרקריפּלט.

„וואָס טוט מען?" — האָט הרב גאַרעליק געפרעגט — ווי אַזוי פאַרלייגט מען די ערשטע יסודות און ווי אַזוי שאַפט מען דאָ, אין דער וויסטעניש פון מילאַנאָ, אַן אָריגינעל ווינקל פאַר תורה־אידישקייט? קלאָר: מען מוז אָנהויבן אַלץ פון אַלף, פון אָנהויב. און יעדער אָנהויב איז פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן; עס פאָדערט זיך אַ סך שוואונג און גלויבן, אַ סך איניציאַטיוו און אויסדויער, ביז מען דערזעט די פרוכטן פון דער אָפּגעטועגער אַרבעט.

אין דעם גרויסן, גייסטיקן מדבר פון מי־

לאַנאָ, האָט הרב גאַרעליק באַגעגנט איין מענטש מיטן נאָמען: קאַרלאָ שלמה ציפּעל. און אָט מיט דעם איינציקן איד, האָט הרב גאַרעליק אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציע. מיט זיין גרויסער פינאַנציעלער הילף, איז הרב גאַרעליק'ן געלונגען אויפצובויען „אַ נייע" שטאָט. די זעלבע שטאָט: מילאַנאָ, אָבער מיט אַ ניי גייסטיק פּנים. אָנגעהויבן האָט הרב גאַרעליק זיין גרויסע אַרבעט אין דער רייכער פּאַלאַץ־וואוינונג פון מר. ציפּעל, וואָס איז גלייך, מיטן אָנקום פון הרב גאַרעליק, געשטעלט געוואָרן אין זיין רשות.

— וואָס טויג אונז אַזאַ גרויסער און הערלעכער אַפּאַרטמענט פון צוועלף צימערן? — האָט הרב גאַרעליק געפרעגט מיט שטוינונג — פאַרוואָס זאָלן אַזעלכע פּרעכטיקע חדרים פּוסטעווען און ניט ווערן אויסגענוצט?

— ווי גוט וואָלטן די צימערן געווען פאַר אַ גן־ילדים — האָט זיך אָפּגערופן די רביצין. אומר ועושה — און מ'איז גלייך צוגעטראָטן צו ווערבירן קינדער און עס איז טאַקע געשאַפן געוואָרן דער ערשטער גן־ילדים אין דער פּריוואַטער וואוינונג פון הרב גאַרעליק. מיט עטלעכע אינגעלעך און מיידעלעך איז אַזוי אַרום געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אַ נייעם חינוך.

דאָס איז געשען מיט זיבן יאָר צוריק. אין משך פון עטלעכע געציילטע יאָרן האָט אידיש־מילאַנאָ באַקומען אַ גאָר אַנדער רוחניות'דיק געשטאַלט. און עס איז אוממעגלעך ניט אַריינצופאַלן אין באַגייסטערונג, זעענדיק די געוואַלטיקע הצלחה, מיט וועלכער די דאָזיקע פּיאָנערישע אַרבעט איז געקרוינט געוואָרן. היינט־צו־טאָג לערנען שוין אין גן־ילדים צענדליקער קינדער. עס עקזיסטירט אַ דעי־סקול מיט אַכט קלאַסן, באַשטעטיקט פון דער רעגירונג; אַ תלמוד־תורה אין די נאָכמיטאָג־שעה'ן; אַ ספּעציעלער „בית־הכנסת" פאַר יוגנט, וואָס ווערט אָנגעפירט פון אַ געניטן מחנך; אַ זומער־קעמפּ, וואָס האָט דעם לעצטן זומער אַריינגענומען איבער 400 קינדער. פון גאַנץ אייראָפּע האָבן פרומע עלטערן געשיקט זייערע קינדער אין דאָזיקן ליובאַוויטשער קעמפּ, וואָס געפינט זיך אין אַ בערגיקער געגנט, אַרום זיבעציק מייל פון מילאַנאָ. ניט איין קינד, זייענדיק אין דער חסידיש־תורה'דיקער סביבה פון קעמפּ, האָבן דערנאָך ניט געוואָלט צוריקפאָרן אַהיים און נאָר געזוכט צו פאַרבלייבן צוזאַמען מיט זייערע חברים אין דער ליובאַוויטשער שולע אין מילאַנאָ.

הרב מענדל גאַרעליק פירט אויך אָן מיט דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פונעם „מרכז לעניני חינוך", וואָס געפינט זיך אין אַן אייגן הויז, געשענקט פון מר. ציפּעל. דער „מרכז" פירט אַ גרויסע דערציערישע אַרבעט אין פאַרשידענע שטעט פון איטאַליע. ער גיט אַרויס פאַרשידענע בראָשורן אין איטאַליעניש, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן איבער דער לענג און ברייט פון איטאַליע. באַזונדערס ווערן דאָרט פאַרשפּרייט די „טאָקס און טיילס" אין איטאַליעניש, וואָס דינען ווי אַ וויכטיקער גורם פאַר דער אויפלעבונג פון היסטאָרישער אידישקייט.

אַ באַזונדער אָרט אין דער דערציאונג פון דער יוגנט אין מילאַנאָ, פאַרנעמט די רביצין גאַרעליק. הן ווי אַ לערערין מיט גרויסע פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן און הן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָרין — שלא על מנת לקבל פּרס — האָט זי באַוויזן וואונדער. אַ קינד וואָס טרעט איבער די שוועל פון איר קלאַס, וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרלאָזן די סקול. זי האָט השפּעה און אויטאָריטעט, וואָס פליסט אַרויס פון מסירת־נפש'דיקער איבערגעגעבנקייט. גלייכצייטיק האָט זי באַוויזן אַריינצוציען אַ סך אָרטיקע פרויען אין דער חינוך־אַרבעט. זי האָט אָרגאַניזירט אַ „פרויען־קלוב", וואָס ציילט אַ גרויסע צאָל פרויען פון די חשוב'סטע הייזער, און וואָס צילט אַריינצודרינגען אין אידיש־איטאַליענישע שטובן און אַריינברענגען דאָרט אַ שטילע רעוואָלוציע אין זייער לעבנס־אַרט.

היינט־צו־טאָג ווערט פּלאַנירט צו עפענען אַ ישיבה גדולה אין מילאַנאָ. דער באָדן איז שוין דאָרט רייף און זי קען שוין קולט זיין אַזאַ מין זריעה. טייל דערצויגענע בחורים אין מילאַנאָ זיינען שוין אַוועקגעפאָרן לערנען אין אַמעריקאַנער ישיבות. ווערט דעריבער פּלאַנירט צו עפענען אַ ישיבה פאַר דערוואַקסענע בחורים, וואו זיי זאָלן ווייטער קענען פאָרזעצן זייער לערנען.

— מיר שטרעבן — זאָגט הרב גאַרעליק — צו פאַרוואַנדלען מילאַנאָ אין אַ מקום תורה; און אַ מקום תורה איז דאָרט, וואו עס איז פאַראַן אַ ישיבה פאַר דערוואַקסענע.

פונקט ווי אויפן געביט פון דערציאונג האָט דאָרט געהערשט תהו ובהו, אַזוי אויך איז דאָס פעלד פון כשרות געווען פאַרלאָזט. אויך אויף דעם געביט האָט הרב גאַרעליק פיל אויפגעטאָן: אַוועקגעשטעלט שוחטים, משגיחים, וואו עס האָט זיך נאָר געניטיקט.

פרעגט זיך די שאלה: פון וואַנען האָט מילאַנאָ גענומען לערערס, וואָס זאָלן זיין

(פאָרזעצונג אויף זייט יט)

הצלה פון צייט מיינט הצלת נפשות

• ד"ר הלל זיידמאַן

„למנות ימינו כן הודע ונביא לבב חכמה" (תהלים צ')
— לערן אונז אויפנעמען אונזערע טעג ריכטיק כדי צו ברענגען אין אונזער האַרץ חכמה.

די הלכה, אַז מצוות עשה וואָס זיינען אָפּהענגיק פון צייט זיינען פרויען פריי פון זיי" (מצוות עשה שהזמן גרמא נשים פטורות — מיט געוויסע אויסנאַמען), שטעלט אַוועק די פרוי אין אַן אַנדערער שייכות צו צייט ווי דעם מאַן. היות יעדע הלכה איז מציאות, ווירקלעכקייט, זעען מיר אויך אַן ענלעכע שייכות, צווישן דער פרוי און צייט, אין טעגלעכן לעבן.

דאָ אין אַמעריקע איז דאָס נאָך מער בולט. אין פאַרגלייך צום מאַן איז די פרוי בדרך־כלל וויניקער פאַרנומען. פאַרשידענע פאַקטאָרן זיינען גורם דערצו. ערשטנס, זיינען דאָ מענער פיל מערער פאַרנומען ווי אַמאָל און ווי ערגעץ אַנדערש. צווייטנס, האָבן די פאַרשידענע דערפינדונגען, בפרט די עלעקטרישע מכשירים, „אַפּלייענסעס", פאַרלייכטערט און פאַרשנעלערט די הויזאַרבעט פון דער פרוי.

אין רעזולטאַט באַזיצט די פרוי מער צייט ווי דער מאַן. פרעגט זיך: וואָס טוט זי מיט דעם איבערפלוס פון איר צייט? צו וואָס איז ביי איר הזמן גרמא?

איז פאַראַן דערויף אַזויפיל ענטפערס וויפיל סאָרטן פרויען. וועלן מיר אָבער אַוועקשטעלן די פראַגע אַנדערש: וואָס דאַרף אַ אידישע פרוי, וואָס איז באמת אידיש, טאָן מיט איר צייט?

פאַראַן הייליקייט אין צייט

פאַראַן, כידוע, הייליקייט אין צייט. די הייליקע טעג, שבתים, ימים־טובים און ימים־נוראים, זיינען די באַרג־שפּיצן פון צייט, די העכסטע מדרגות פון זמן — אָבער צייט גופא, זמן פאַר זיך אַליין, קען האָבן אין זיך, און געווינען, עלעמענטן פון קדושה. דאָס איז געווענדעט ווי אַזוי די צייט ווערט פאַרנוצט — אַפילו די וואָכעדיקע טעג. אַ „פּראָסטער מיטוואָך" קען ווערן אויסגעפילט מיט גאָרנישט קיין פּראָסטן תוכן; פּונקט ווי מ'קען, חלילה, מאַכען פון שבת חול.

ווי אַזוי? דאָס זיינען זאַכן וואָס קענען נישט געגעבן באַשטימט ווערן אין אופן און מאָס. דאָס זיינען ענינים פון אלו דברים שאין להם שיעור. צווישן די דאָזיקע „דברים" אין דער משנה, צו וועלכע מ'דאַרף צוגעבן די ענינים פון דעם צווייטן דערמאָנטן סאָרט, „שאָדם אוכל פירותיהן בעולם הזה" וכו' — זיינען גמילות חסדים, כיבוד אב ואם, ביקור חולים, הלוויית המת א. ד. גל.

וואָס גיט אַ מענטש ביי אַט־די מצוות? צייט.

וואָלט מען אפשר געקענט מיינען, אַז ס'רעכנט זיך בעיקר „קאָנקרעטע" הילף, מיט געלט, צדקה. אָבער לויט יהדות־אָפּשאַצונג פון צייט, ווי אַ טייל פון דעם מענטשן, איז אַוועקגעבן יענעם פון דיין צייט גלייך ווי געבן פון זיך; ווי אָדם כי יקריב מכם, פון זיך. נישט פון דעם וואָס דו באַזיצסט, נאָר פון זיך אַליין. נישט פון דעם וואָס איז דיינס, נאָר פון דעם וואָס ס'איז „דו", פון דיין איך.

די צייט וואָס אַ אידישע פרוי קען באַנוצן

איצט קומען מיר צו צייט, וואָס אַ אידישע פרוי באַזיצט און — ווי אַזוי מ'קען זי אויסנוצן. מ'דערציילט: דער מעזריטשער מגיד, דער רבי ר' בער, האָט אַמאָל גע־

האָט געשיקט זיינע תלמידים זיי זאָלן יעדער טאָן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך אין טאָג. צו נאַכט־צו איז יעדער פון זיי צוריקגעקומען און דערציילט בשמחה וואָסער גרויסע זאַך ער האָט אויפגעטאָן דעם דאָזיקן טאָג — און ביי די תלמידים פונעם מגיד איז עס געוויס נישט געווען קיין קליי־ניקייטן וואָס זיי האָבן געטאָן. איינער אָבער, ר׳ זושע, איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער און געשוויגן. ווען דער מגיד האָט אויף אים געוואָרפן זיין בליק, האָט רבי ר׳ זושע זיך פאַרענטפערט, אַז דער טאָג איז אים פאַרביי גלאַט אַזוי, מיט קלייניקייטן... דאָ האָט ער דערזען אַ הונגעריקן, האָט ער אים געגעבן צו עסן; דאָ האָט אַ קראַנקער געברויכט הילף, אַ צעבראָכענער איד — חיזוק, אַן אָרעמע אַלמנה מיט יתומים — צדקה, און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז דער טאָג פאַרביי, די נאַכט איז צוגעפאַלן, און אָט שטייט ער דאָ מיט „גאָרנישט"...

האָט אים דער מגיד געזאָגט: דו האָסט געטאָן די גרויסע זאַכן. דיין טאָג איז געווען אַ גרויסער טאָג...

פון קלייניקייטן לייגט זיך צונויף גרויסקייט

וואָס איז דאָ דער לימוד? אַז פאַראַן אַן אַנדערע מאָס, ווי די געוויינלעכע, פאַר „גרויסע" און „קליינע" מעשים; און פאַראַן אַן אַנדערע אָפּשאַצונג פון צייט — ווי אַזוי מ׳פאַרברענגט זי. עושה צדקה בכל עת. אין יעדער צייט. די אידישע פרוי, וואָס דער טאָג גייט איר אַוועק אויף קלייניקייטן, איז ווען די דאָזיקע „קלייניקייטן" זיינען באַהויכט פון דעם צענטראַלן תוכן פון לעבן לויט תורה, לייגן זיי זיך צונויף אויף אַ סך־הכל׳דיקער גרויסער זאַך, אויף — דער אידישער היים, וואָס איז, ווי באַוואוסט, אַ יסוד.

ווייל דאָס איז די באַזע. דאָס נעמט אויך אַריין, בעיקר, חינוך — היות די היים דערציט נישט ווייניקער ווי די שול; און היות די פרוי איז מער אין דער היים. פון אָט דער באַזע קען קומען עקספּאַנסיע אויף פאַרשידענע געביטן פון אידישן לעבן — אויסער דעם אייגענעם הויז, און אויך אויסער דעם אייגענעם קרייז, יעדע פרוי לויט אירע ידיעות און השגות, לויט אירע פעאיקייטן און מעגלעכקייטן.

„ופרצת" איז נישט קיין מצוה שהזמן גרמא

די ידיעות אין יהדות זיינען אין די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרמערט געוואָרן ביי פרויען, אַ דאַנק די רעליגיעזע מיידלעך־שולעס. די ידיעות — און די הבנה און דער רגש און שוואונג וואָס גייען צוזאַמען מיט זיי — דאַרפן און קענען אויפגעשטראַלט ווערן אויף אַ ברייטער פעריפעריע — היות „ופרצת" איז נישט פון די מצוות שהזמן גרמא, פון וועלכע פרויען זיינען, כידוע, פּטור.

פאַרקערט, דער זמן, אונזער היינטיקע צייט, איז דווקא גורם, אַז פרויען, וואָס האָבן מער צייט, זאָלן דאָ דערפילן אַ באַזונדער וויכטיקע אויפגאַבע. נעמלעך: צו לערנען, משפיע צו זיין, מדריך זיין אַנדערע פרויען — מיט פיל צייט און ווייניק וויסן, און נאָך ווייניקער איינגעוואָרצלטקייט אין אידישקייט.

ווייל צוליב דעם זעלבן טעם וואָס רעליגיעזע פרויען האָבן מיט זייער צייט מער השפעה אויף חינוך, אַזוי קענען אַנדערע פרויען, וואָס האָבן נישט ווייניקער גאָר מער צייט, משפיע זיין אויף ביידערליי אופנים, צו גוטן, און, חלילה, פאַרקערט.

מאורות אין הימל און מאורות אין מענטש

דעריבער ווען מ׳פילט אויס מיט אידישן תוכן זייער צייט, איז ערשטנס, ראַטעוועט מען דאָס ווערטפולסטע אין מענטשן, פונקט ווי ווען מ׳גיט פון אייגענער צייט גיט מען, ווי געזאָגט, דאָס ווערטפולסטע פון זיך. צווייטנס, טוט מען איינאַקערן דאָס פאַרגענגלעכע אין אייביקן, אין נצחיות.

ווייל מ׳דאַרף לייכטן פון אייגענער צייט אויף יענעמס צייט. „נר תמיד" איז פאַראייניקונג פון ליכט מיט צייט, פון נר מיט אייביקייט.

מאורות מיינט צייט, איז צייט, און באַשטימט צייט. נאָר אויב השמש וירח און די כוכבים ומזלות באַשטימען די מאָס פון צייט, באַשטימען די מאורות פון מענטש דעם מהות פון צייט. אויב די מאורות הרקיע צייכענען אָן די כמות פון צייט, צייכענען אָן די מאורות פון מענטשן די איכות פון צייט.

דעריבער איז מקדש ישראל והזמנים, וואָס לויט די חז״ל קענען אידן הייליקן די זמנים. מיינט עס, אַז אידן באַזיצן קדושה — וואָרים מ׳קען נישט געבן וואָס מ׳האָט אַליין נישט — וואָס זיי שטראַלן אויס אויף זמנים. אין ברייטערן זין, נישט אין הלכהדיקן, קען די דאָזיקע אויסשטראַלונג הייליקן נישט בלויז די זמנים וואָס ס׳איז אין זיי אינערלעך איינגעבויט פּאָטענציעלע קדושה (פאַרגלייך: עצומו של יום מכפר!), דאָס הייסט, קדושה בכוח, נאָר יעדן זמן וואָס ווערט באַנוצט אויף הייליקע ענינים.

ווען „ואני תפילה" איז יעדער צייט „עת רצון"

אויב ס'איז „ואני תפלתי", אויב דעם מענטשנס „איך", זיין וועזן, זיין לעבן, איז אַ תפילה, איז יעדע צייט זיינע אַן עת רצון.

ווען, חלילה, פאַרקערט, איז די נשמה ליידיק און די צייט איז ליידיק. און מיר וויסן דאָך צו וואָס ס'ברענגט, לויט חז"ל, בטלה.

דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס איז אָנגעווייטיקט בכלל בנוגע די וואָס וויסן נישט וואָס צו טאָן מיט זייער „ליזשור", „אָפּרו" — פון וועלכע זיי קומען אַרויס ערגער פאַרמאַטערט איידער פריער. ווי ס'האָט אַמאָל געזאָגט אַ דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק: איך וואָלט זיך געוואונטשן, אַז מיינע אָנגעשטעלטע זאָלן צוריקקומען מאָנטיק אַזוי אויסגערוט ווי זיי גייען אַוועק פרייטיק...

מענטשן וויסן וואָס צו טאָן מיט זאַכן, מיט אַנדערע מענטשן — אָבער וויסן ניט וואָס צו טאָן מיט זיך... ווייל זיי וויסן ניט וואָס צו טאָן מיט זייער צייט...

בנוגע פרויען מיט ליידיקער צייט און ליידיקע (פון יהדות) לעבנס איז דאָס פּראָבלעם נאָך שווערער. מ'ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט דער צייט — „הרג'עט" מען זי... און מ'פאַרשטייט נישט, אַז ווען „מ'הרג'ט צייט" טויט מען אָפּ אַ טייל פון — זיך.

„ועד ההצלה" פאַר ראַטעווען צייט

דאַרפן די פרויען מיט אידישקייט, מיט וויסן און ווילן אין יהדות, — און מיט צייט, — דערפילן אַ וויכטיק שליחות. נעמלעך, אָנהויבן אַ „רעטונגס־אַקציע" פאַר אָפּראַטעווען שעה'ן, טעג און יאָרן, וואָס „מ'הרג'עט אָפּ"... מ'דאַרף זיך מאָביליזירן אין אַ „ועד להצלת זמן" — וואָס דאָס איז פאַקטיש הצלת נפשות.

מ'דאַרף דערהערן דעם שוויגענדיקן רעטונגס־רוף וואָס גייט אויף פון ליידיקע טעג, און ליידיקע נשמות, און וואָס קען אַמבעסטן אויסגעדריקט ווערן אין פּסוק: בידך עתותי — הצלני, „אין דיין האַנט מיין צייט — ראַטעווע!" (תהלים לא, טז).

פעאיק צו דערציען איטאַליעניש־געבוירענע קינדער אין גייסט פון חב"ד? פון וואַנען האָבן זיי גענומען מחנכים פאַר זייער קעמפּ; אַ שוחט, אַ גרויסער ערלעכער איד; אַ משגיח, אַ ירא־ושלם? — אין ענטפער איז דאָ: דער ליובאַוויטשער רבי. פונקט ווי טיף עס איז די זאָרג פון ליובאַוויטשער רבי'ן צו שיקן קיין מילאַנאָ אַ רב, אַזוי זאָרגט ער כסדר פאַר זייערע אַלע אַנדערע גייסטיקע באַדערפענישן. ליובאַוויטש שיקט לערערס פון אַמעריקע, אָדער פון ארץ־ישראל. הרב משה לאַזאַר, דער מנהל פון קעמפּ, איז אַ ניו־יאָרקער יונגערמאַן, אַ ליובאַוויטשער חסיד, אַ תלמיד־חכם מיט אַ חסידישן ברען, דערצו אַ גרויסער מחנך. האָט דער רבי אים ספּעציעל געשיקט קיין מילאַנאָ, כדי אָנצופירן מיטן קעמפּ, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אין גאַנץ אייראָפּע. דער שוחט, ר' יעקב גאַנזבורג, אַ איד אַ זעלטענער ירא־שמים, איז אַ ליובאַוויטשער חסיד; און מר. ציפּעל, דער וואָס פינאַנסירט, איינער אַליין, דעם גאַנצן בודזשעט, איז אויך געוואָרן אַ ליובאַוויטשער. און ווי קען זיין אַנדערש? אויב מר. ציפּעל זעט די התלהבות'דיקע אַרבעט פון די ליובאַוויטשער יונגעלייט, וואָס גיבן אַוועק זייער גאַנץ לעבן פאַר בויען אידישקייט אין מילאַנאָ — טאָ ווי קען אַזאַ איינער ניט ווערן מיטגעריסן מיט ליובאַוויטש?

וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן איד, ר' שלמה ציפּעל, וואָלט מען אַ סך געקענט שרייבן, אָבער כ'וויל אים ניט וויי־טאָן. ער בעט זיך רחמים: שרייבט ניט וועגן מיר. פאַרשידענע מענטשן זיינען פאַראַן. טייל טוט מען ווי מיט ניט־שרייבן, מיט ווייניק שרייבן, און אַ טייל טוט מען ווי מיט יאָ־שרייבן. דער דאָזיקער טייל איז אַ קליינער, אַ זעלטענער — און ר' שלמה ציפּעל איז פון די זעלטענע, פון די ל"ו נסתרים.

הרבנית דבורה לאה נ״ע

די מסירות נפש פון די מוטער פון כ״ק אדמו״ר הצמח צדק נ״ע

(צום הונדערטסטן הסתלקות־יאָר פון כ״ק אדמו״ר הצמח צדק, תרכ״ו—תשכ״ו)

• חנוך גליצנשטיין

די מוטער פון דעם רבי'ן צמח צדק, הרבנית דבורה לאה, איז געווען די צווייטע טאָכטער פון דעם אַלטן רבי'ן בעל התניא והשלחן ערוך. מיט איר קורצן דערהויבענעם לעבן און בעיקר מיט איר קדושה'דיקן אַוועקגיין פון דער וועלט האָט זי באַוויזן אַריינצושרייבן אַ גלאָררייך, הייליק קאַפּיטל אין די דברי הימים פון חסידות חב״ד. די ווייטערדיקע שורות זיינען אַרויסגענומען פון די כתבים און שיחות פון כ״ק אדמו״ר מוהריי״צ נ״ע, וואו דאָס דאָזיקע קאַפּיטל ווערט אַביסל באַלויכטן.

שבועות תקנ״ב ביים אַלטן רבי'ן

שנת תקנ״ב (1782) איז געווען זייער אַ שווער יאָר פאַרן אַלטן רבי'ן. די רדיפות פון די מתנגדים האָבן אים פאַרשאַפן איבערלעך־שווערע רוחניות'דיקע יסורים. אָבער אַ לענגערע צייט האָט פון אַט־די ביטערע איבערלעבונגען קיינער ניט געוואוסט, אַפילו ניט זיינע בני־בית, ניט זיין זון דער מיטעלער רבי, און אויך ניט זיינע נאָענטע מקורבים.

דעם חג השבועות[1] פון יענעם יאָר האָט דער אַלטער רבי, ווי אַלעמאָל, פאַרבראַכט בעת דער סעודת יום טוב און האָט גערעדט וועגן בעל שם טוב — וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר זיין זיידן אין גייסטיקן זין און וועמענס יאָרצייט עס פאַלט אויס אין שבועות. דער אַלטער רבי האָט געזונגען, אָבער אין זיין זינגען האָט זיך געפילט אַן אינערלעכע, טיפע מרירות. ער איז געווען אין גרויס דביקות. זיין הייליק פנים איז געווען אַפּגעדעקט און נאָר די אויגן זיינען געווען צוגעשלאָסן. ער האָט עפּעס געשעפּטשעט מיט די ליפּן און פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן־טראָפּנס אויף זיינע באַקן.

פון דער ערנסטקייט און מרירות וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין הייליקער צורה און פון זיין באַוועגן מיט די ליפּן האָבן אַלע אַנוועזנדיקע פאַרשטאַנען, אַז דאָס שעפּטשעט ער אַ תפילה פון התעוררות רחמים. פאַר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז דער בעל שם טוב און דער מעזעריטשער מגיד געפינען זיך אין יענעם מאָמענט אין דעם חדר פון פאַרברענגען.

פּלוצים האָט זיך דער אַלטער רבי אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און האָט אויסגערופן מיט אַ וויינענדיק קול:

„זיידע[2], רבי[3], זייט מעורר רחמים פאַר מיר, פאַר אייערע תלמידים, פאַר אייערע מקושרים און פאַר אייער תורה. אוי, אוי! געוואַלד, געוואַלד! פאָטער אין הימל, דערבאַרעם זיך אויף אונז!" און אָפּזאָגנדיק אַט די ווערטער איז דער אַלטער רבי געפאַלן אין טיפער חלשות.

די פאַרזאַמלטע זיינען געוואָרן צערודערט. אַלע בני־בית, די רביצין און די טעכטער זיינען אַריינגעלאָפן אין חדר; מ'האָט גערופן יונה דעם רופא. דערווייל איז אויך אַריינגעקומען דעם רבי'נס יונג אייניקל (דער שפּעטערדיקער רבי צמח צדק), וואָס איז דאַן געווען אַ קינד פון צוויי יאָר מיט ניין חדשים. דערזעענדיק זיין באַליבטן זיידן ווי ער ליגט אויף דער ערד, האָט זיך דאָס קינד אויף אים אַ וואָרף געטאָן מיט אַ געשריי, „זיידע, זיידע!" דער אַלטער רבי האָט אויפגעעפנט זיינע הייליקע אויגן און האָט געזען ווי דאָס אייניקל שטרעקט אים אויס זיינע קליינע הענטלעך שרייענדיק „זיידע, זיידע, האַלט זיך אָן אין מיינע הענט און שטעל זיך אויף!" דער רבי האָט אָנגענומען דעם קינדס הענטלעך זאָגנדיק „הב לי ידך" (גיב מיר דיין האַנט), ער

1) שבועות איז דער הסתלקות־טאָג פון בעש״ט אין יאָר תק״כ.

2) דער אַלטער רבי פלעגט רופן דעם בעש״ט: „זיידע".

3) געמיינט דעם מעזריטשער מגיד.

האָט זיך אויפגעשטעלט און דערביי געזאָגט „זה ינחמנו" (דער וועט אונז טרייסטן).

אין חודש אלול פון יענעם יאָר האָט דער אַלטער רבי געהייסן אַריינשטעלן דעם אייניקלס בעטל צו אים אין חדר, זאָגנדיק: „אַ שאָד אַז דאָס קינד זאָל פאַרגעסן וואָס מ'האָט מיט אים געלערנט; תורה לשמה וועט ער לערנען דורך עבודה און האָרעוואַניע".

ערב ראש השנה תקנ"ג האָט דער אַלטער רבי געבענטשט זיין אייניקל, ער זאָל ניט האָבן קיין שוועריקייטן אין זיין עבודה צוצוקומען צו דער געהויבענער מדריגה פון „בשמת אדם תלמדנו" [4]).

* * *

דעם אַלטן רבי'נס מסירת-נפש'דיקע אַרבעט במשך פון אַכצן יאָר (תקל"ד—תקנ"ב) אויף דעם חינוך און הדרכה פון חסידי חב"ד למעלה דערוועקט אַ גרויסן קיטרוג און דער אַלטער רבי האָט געמוזט אָנקומען צו מליצי יושר וואָס זאָלן פאַר אים מתפלל זיין און מעורר זיין רחמי שמים.

הרבנית דבורה לאה און איר מסירת נפש

אין יאָר תקנ"א-ב האָט אויפגעבליט די „שושנת החסידות" — און עס האָט פאַרשאַט דאָס בייזע אויג פון דעם יעניקן, וואָס האָט אַריינגעטאָן זיין „שלעכט אויג" אין ערשטן און צווייטן בית-המקדש; און עס האָט זיך דערוועקט למעלה אַ גרויסער קיטרוג בשייכות מיט דער פאַרשפרייטונג פון תורת החסידות [5]).

„מעשה שטן" האָט מצליח געווען — און דער אַלטער רבי האָט געטראַכט, אַז ס'איז שוין געקומען זיין צייט, די צייט פון „זיך-פאַרגאַנג". דער אַלטער רבי האָט דורכן חסיד ר' יעקב סמיליאַנער, געשיקט צו הרב הקדוש רבי נחום טשערנאָבילער אַ פדיון-נפש פאַר זיך און פאַרן ענין החסידות בכלל.

אין איינעם פון די טעג, האָט דער אַלטער רבי איבערגעגעבן צו זיין טאָכטער, די רבנית צדקנית דבורה לאה — מוטער פון „צמח צדק" — וועגן די כוונות וואָס ער האָט געהאַט ביים אָנרופן זי מיטן נאָמען דבורה לאה; און האָט איר דערציילט פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג אין זיין גרויסער עבודה צו פאַרשפרייטן די תורה פון זיינע הייליקע רבים, און וועגן דעם גוטן מצב, געלויבט דער אויבערשטער, וואָס דער ענין ווערט אָנגענומען מיט גרויס דערפאָלג — אָבער דאָס אַלץ איז „אַ פייל אין די אויגן פון שטן" („גירא בעיני דשיטנא") וכו' און אויף אים, דעם אַלטן רבי'ן, איז מלמעלה נגזר געוואָרן וכו' — „און ער רעכנט אַז די המשכות אין עולם התחתון וועלן זיך קענען פירן פון עולם העליון אויך"...

דער אַלטער רבי האָט צוגעגעבן: ער פילט אַז ס'איז זייער זייער אַ שווערע שעה, דער קטרוג איז גאָר גרויס און ער האָט גרויס צער פונעם צושטאַנד פון די חסידים און תורת הבעש"ט.

די רבנית דבורה לאה האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט און איז אַוועקגעגאַנגען. נאָך אַ געוויסער צייט האָט זי זיך אומגעקערט און האָט געזאָגט איר טאַטן, אַז מען טאָר דערויף ניט מסכים זיין.

די רבנית דבורה לאה האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מצב איז שרעקלעך, מורא'דיק און אַז אין זיין אויסגאַנג הענגט-אָפּ דאָס לעבן פון איר פאָטער אדמו"ר הזקן. אייניקע טעג איז זי געווען ווי צעמישט פון דעם אַלעם וואָס זי האָט געהערט. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז אַנטפּלעקן די גאַנצע זאַך פאַר „יחידי סגולה" בכדי מיט זיי צו מיישב זיין זיך. ביי זיך אין האַרצן האָט זי באַשלאָסן אַוועקצוגעבן איר אייגן לעבן אָנשטאָט דעם לעבן פון אַלטן רבי'ן.

זי האָט צו זיך אַריינגערופן דריי פון די עלטערע חסידים: ר' משה מייזלש, ר' פנחס רייזעס און ר' משה ווילענקער. זי האָט פון זיי פאַרלאַנגט אַ פאַרזיכערונג, אַז זיי וועלן צוהערן און פאָלגן אַלץ וואָס זי וועט זיי אָנזאָגן און אַז זיי זאָלן שווערן „בשבועת אומן" — מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון דיני התורה — אַז דאָס אַלץ זאָל בלייבן אַ פולער סוד, ביז מ'וועט עס קענען אַנטפּלעקן.

די דאָזיקע „לייבן", ניט געקוקט וואָס זיי זיינען געווען שטאַרק אין דעה און מעכטיק אין האַרץ-געפילן, זיינען זיי דאָך געוואָרן זייער צעדרייט און האָבן איר געענטפערט, אַז זיי דאַרפן זיך באַטראַכטן פאַר זיך אַליין, צי זיי קענען מסכים זיין אויף די באַדינגונגען וואָס זי האָט זיי געשטעלט. זיי האָבן געבעטן צו פאַרלענגערן דעם זמן פונעם ענטפער אויף אַ טאָג צייט.

אין יענער צייט איז דער אַלטער רבי געווען איינגעשלאָסן ביי זיך אין חדר מער ווי געווינלעך. אַפילו די גאָר נאָענטע חסידים, די „מקורבים", האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין זיין חדר

---

4) ספר השיחות, קיץ ה'ש"ת, ז' 64-65.

5) זע לקוטי דיבורים, כרך א' ז' מא-82, מג-86. כרך ד' ז' תרסו ואילך. ספר השיחות קיץ ה'ש"ת, ז' 39-41, 55. ספר השיחות ה'תש"א ז' 146. ועוד.

— אין „גן עדן העליון" (ווי חסידים האָבן דעם צימער אָנגערופן). די ענדערונג אין דער הנהגה האָט קלאָר באַוויזן, אַז ס'איז אַ ביטערע צייט, אַן עת צרה; אָבער אין וואָס באַשטייט די צרה, און וואָס ס'קען געטאָן ווערן צו פאַרמיידן די צרה — האָט קיינער ניט געוואוסט.

אין פאַרלויף פונעם באַשטימטן טאָג האָבן די דריי אויסדערוויילטע חסידים זיך צוויי מאָל צוזאַמענגעטראָפן און זייערע באַראַטונגען האָבן זיך פאַרצויגן דורך דער גאַנצער נאַכט. נאָכן באַטראַכטן גרונטיק דעם מצב, איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן: אַז די רבנים דבורה לאה, ווי די טאָכטער פון אַלטן רבי'ן, ווייס זי זיכער וואָס עס קומט פאַר בעסער ווי זיי. דעריבער מוזן זיי דערפילן אירע אַלע תנאים. מיט דער החלטה זיינען זיי געקומען צו איר אין דער באַשטימטער צייט.

די רבנית דבורה לאה האָט זיי אויפגענומען מיט אַ פריינטלעכן פּנים און האָט אָנגעהויבן זאָגן:

„מיר אַלע זיינען חסידים פון אונזער פאָטער אונזער רבי'ן; און מיר זיינען אַלע מחויב זיך צו מוסר נפש זיין בפועל ממש פאַר אונזער פאָטער אונזער רבי'ן און פאַר זיין תורה, די תורה פון בעש"ט — דערביי האָט זי איבערגעהאַקט אירע רייד און האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

הערנדיק די דאָזיקע רייד, איז החסיד ר' משה מייזליש אַריין אין התרגשות, האָט זיך אָן אויפגערעגטער אויפגעשטעלט און געזאָגט: „וואָס ווייַנט איר! זאָגט אונז, דערציילט אונז וואָס די זאַך איז, איך בין דער ערשטער גרייט צו שטאַרבן, דורך פייער אָדער וואַסער, פאַר רבינו הגדול... זאָגט אונז וואָס צו טאָן — איך וועל גיין מיט פרייד; מיט שמחה וטוב לבב מרב כל, ווי ס'האָט אונז געלערנט דער רבי".

„צום ערשטן — האָט געענטפערט די רבנית — פאָדער איך פון אייך איר זאָלט מיר שווערן מיט דער האַרבסטער שבועה, וועלכע מ'קען ניט צעשטערן, אַז איר וועט טאָן אַלץ וואָס איך וועל אייך זאָגן; און די שבועה זאָל זיין נאָר אויף מיין דעה — וויבאַלד איר ווייסט דאָך ניט וואָס איך וועל אייך זאָגן, בכן זאָלט איר שווערן אָט די האַרבע שבועה, וואָס על פי תורה קען מען זי ניט צוריקציען — אויך אין אַ זאַך וואָס רירט־אָן אין אַ מענטשלעכן נפש".

דערהערנדיק אַזעלכע רייד, איז אויך דער חסיד ר' משה ווילענקער — וואָס איז געווען באַוואוסט ווי אַן אויסערגעוויינלעכער בעל־מוח, אַן אדיר־לב און אַ זעלטן־געלאַסענער — אַריין אין גרויס צערידערטקייט און האָט זיך אָפּגערופן, אַז אַזאַ זאַך מוז געטאָן ווערן מיט שיקול הדעת און מיט גרויס פאַרזיכטיקייט, און דעריבער האָט ער מורא צו מסכים זיין איצט דערצו.

ר' משה מייזליש און ר' פנחס רייזעס האָבן זיך אָבער אויסגעדריקט: „וויבאַלד מיר האָבן שוין באַשלאָסן צו נאָכקומען אַלע אירע באַדינגען — האָט שוין במילא קיין אָרט ניט צו מיישב זיין זיך איבעראַנייס". האָבן טאַקע די צוויי אַריבערגעוואויגן דעם דריטן — און זיי האָבן געשוואוירן אָט־די האַרבע שבועה וואָס זי האָט פאַרלאַנגט.

„איצט — האָט געזאָגט הרבנית דבורה לאה — באַשטים איך אייך פאַר אַ בית־דין, און איר זאָלט זיך אונטערנעמען צו ווערן די דיינים, בכדי צו פסק'נען הלכה למעשה לויט די דינים און חוקים פון דער הייליקער תורה.

„דער צושטאַנד וואָס האָט זיך געשאַפן — האָט זי ממשיך געווען — נאָך די פאַרשאַרפטע באַציאונגען דורך דער „דיל־טוריא" (לשון הרע) צווישן די רביים וואָס אין ארץ־ישראל און אין וואָלין און צווישן אונזער פאָטער דעם רבי'ן, איז זייער אויפשוידערנדיק, און לויט די רייד וואָס איך האָב געהערט פון טאַטן, קענען דערפון אַרויסקומען שרעקלעכע רעזולטאַטן.

„דרייסיק יאָר — האָט זי איבערגעזאָגט איר פאָטערס רייד — דאַרף דער גוטער בוים, פון זינט זיך ווערן אַ בוים, אָנקומען צו באַאַרבעטונגען ביז ער וועט געבן זיין גוטע פרוכט. תורת מורנו הבעש"ט ומורנו הרב המגיד איז שוין היינט געוואָרן אַן אילנא־דחיי, אַ לעבנס־בוים, און איצט האָט זיך דערוועקט דער שרעקלעכער קטרוג וואָס איז עלול ח"ו דאָס אַלץ צו פאַרשניידן. איך וויל לעבן — האָט זי ממשיך געווען דעם אַלטן רבי'נס רייד — ווייל דערצו איז אַ איד פאַרפליכטעט לויט דער תורה; אָבער נאָך מער וויל איך פאַרזעצן צו באַאַרבעטן אָט־דעם בוים, אַז ער זאָל געבן זיינע פרוכטן ביז משיח וועט קומען. מורי הרב המגיד נ"ע האָט מיר פאַרגעזאָגט אַז ס'וועלן קומען שווערע און שלעכטע צייטן, און האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט צו יעדער צייט קומען צו־הילף. איך האָב געזען מיין רבי'ן און אויך זיין רבי'ן — דעם בעש"ט — אָבער זייערע פּנים'ער זיינען געווען פאַרשוואַרצט, אַ סימן אַז זייער תורה געפינט זיך אין סכנה און ס'איז אַ ציכן אַז...".

ווי וואַסער־קוואַלן וואַלטן זיך געעפנט — דערציילט דער חסיד ר' משה ווילענקער — אַזוי האָט אונז אַרומגעכאַפּט אַ ציטער, אַ שטאַרקער טרערן־פליצנדיקער געוויין, און אונזערע געדאַנקען האָבן זיך געמישט.

„ובכן — האָט פאַרענדיקט די רבנית דבורה לאה — האָב איך מחליט געווען אַוועקצוגעבן מיין לעבן ווי אַן אומבייט פאַר מיין טאַטנס לעבן... איך וויל זיין די „כפרה" פאַר אים... איך גיב אַוועק מיינע לעבנס-טעג צו מיין טאַטן: אני הולכת למיתה ואבי ילך לחיים טובים וארוכים, בכדי צו פאַרשטאַרקן דעם בוים וואָס ער האָט געפלאַנצט, און ער זאָל אים באַאַר-בעטן — און דערמיט וועל איך אויך זוכה זיין אין דער תורה פון מיין טאַטן..."

ערב ראש השנה, נאָך מנחה, איז די רביצין דבורה לאה אַריינגעקומען אין דעם זאַל פון דעם קליינעם מנין, וואו עס האָבן זיך דעמאָלט געפונען די קינדער פון בית הרב און יחידי סגולה פון דעם רבי'נס עלטערע תלמידים, וואָס זיינען אין יענעם מאָמענט געווען פאַרטאָן אין זאָגן תהלים.

די רביצין דבורה לאה איז צוגעגאַנגען צום אָרון קודש, האָט אויפגעעפנט די טירן און האָט אויסגערופן:

„דער גאַנצער קהל! איר זייט אַלע עדות, ווי פאַר די הייליקע ספרי-תורה בעט איך אויף זיך, מיט אַ קלאָרן באַוואוסטזיין ובאלה ובשבועה, אַז איך, דבורה לאה בת שטערנא, פאַרבייט מיין פאָטער, רבי שניאור זלמן בן רבקה, אַז ער זאָל בלייבן לעבן" *5).

דער אַלטער רבי האָט געשיקט אַ פדיון-נפש צו הרב הקדוש רבי נחום טשערנאָ-בילער, און ער, ר' נחום, האָט זיך דאַן, ביים באַקומען דעם פדיון, געפונען אין מקוה לכבוד יום-טוב. ער האָט געוואָרט מיט דער טבילה, זאָגנדיק: „מ'ברענגט מיר אַ פדיון נפש פון ליאָזנע". נאָך דעם האָט דער אַלטער רבי צו זיך גערופן אַ מנין פון זיינע גרעסערע חסידים — תלמידים פון „חדר א'" — און צו זיי געזאָגט:

„אין דעם ראש השנה מוז מען אָנקומען צו הילף און אַנלענונג, וויבאַלד אַז אויך — ר' נחום — קען ניט אויפטאָן, און ער איז דאָך דער ,זקן' אין אונזער ,חבורה'".

מנחם — נוחם הוא לי

די ערשטע נאַכט ראש-השנה (יענעם יאָר), נאָכן דאַווענען, איז דער אַלטער רבי אַרויס-געקומען און — אין קעגנזאַץ צו זיין פירן זיך גאָרניט צו ריידן די ערשטע נאַכט ראש השנה — האָט ער דאָס מאָל גע-פרעגט: וואו געפינט זיך דבורה לאה? אַז ער האָט איר דערזען האָט ער אָנגעהויבן איר זאָגן: „לשנה..." אָבער ער האָט קוים באַוויזן צו זאָגן דאָס וואָרט „לשנה" — האָט זיך די רבנית דבורה לאה אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט איר פאָטער: „לשנה טובה תכתב ותחתם... טאַטע, ניט ריידן..."

אויף מאָרגן, דעם צווייטן טאָג ראש השנה, האָט דער אַלטער רבי געזאָגט חסי-דות ביז הבדלה 6). נאָך הבדלה האָט ער צו זיך אין חדר אַריינגערופן זיין טאָכטער דבורה לאה און איר מאַן רבי שלום שכנא. רבי שלום שכנא איז געשטאַנען נעבן דער וואַנט און האָט געוויינט, זאָגנדיק: וואָס טוט מען מיט אַ דריי-יאָריקן קינד, און נאָך אַזאַ קינד...

דעם צווייטן טאָג ראש-השנה, איז הר-בנית דבורה לאה קראַנק געוואָרן, און צום גדלי' — דעם דריטן טאָג תשרי תקנ"ג — איז זי נסתלק געוואָרן, זייענדיק ביים קלאָרן באַוואוסטזיין ביז דער לעצטער רגע.

איר לעצטע בקשה פון איר פאָטער איז געווען, אַז ער זאָל דערציען און מדריך זיין איר בן-יחיד. דער אַלטער רבי האָט איר צוגעזאָגט צו דערפילן איר וואונטש — און האָט איר געזאָגט: דיין זון, מנחם (נחמה — טרייסט), איז ער אַ טרייסט פאַר מיר, אַ טרייסט וועט ער זיין פאַר דיר און אַ טרייסט פאַר די אידן.

מיט גרויס חשיבות און הייליקן ציטער דערמאָנען אַלע חסידים — און בפרט די דריי אויבנדערמאָנטע גרויסע חסידים — דעם נאָמען פון בת רבנו, די הייליקע רבנית, ווייל יעדער האָט גוט געוואוסט אַז איר מסירת-נפש און איר אצילות'דיק גייסט האָבן געראַטעוועט דעם אילנא דחיי, „בוים פון לעבן".

דער חסיד רבי אליהו ראובן 7) האָט, בעת דער לוי', געהאַלטן דאָס קינד (דעם צמח-צדק) אויף זיינע הענט. דעם ערשטן קדיש האָט געזאָגט דער אַלטער רבי, און נאָך אים האָט דאָס קליין קינד געזאָגט קדיש יתום — צוזאַמען מיט רבי אליהו ראובן.

די אבילות-טעג

אין משך פון די „שבעה"-טעג 8) האָט דער אַלטער רבי אַליין געדאַוונט פאַרן

---

*5) ספר השיחות, קיץ ה'ש"ת, ז' 39-40.

6) דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן חסידות ביידע טעג ראש השנה.

7) אַ חסיד אַ בעל מדריגה, למדן און מקובל. דער אַלטער רבי האָט אויף אים געזאָגט, אַז ביי אים לייכט „אור הנשמה בהתגלות מסודרה".

8) זע ספר השיחות קיץ ה'ש"ת, ז' 65-69.

עמוד אַלע דריי תפילות, און דער קליינינקער יתום האָט געזאָגט די קדישים.

ערב יום־כיפור תקנ״ג — האָט דערציילט החסיד ר׳ אברהם ב״ר שמשון מלמד — איז דער אַלטער רבי געווען ביים ציון הקבר פון הרבנית דבורה לאה, און ער האָט אויך אָנגעזאָגט מ׳זאָל אַהין אויך מיטנעמען דאָס קינד.

שטייענדיק ביים זייט פונעם קבר, האָט ער געזאָגט:

— „כשם שגדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן״ (אַזוי ווי צדיקים נאָך זייער פטירה זיינען גרעסער ווי ביי זייער לעבן — חולין ז, ב) — אַזוי איז אויך די ברכה פון צדיקים נאָך זייער פטירה גרעסער ווי די וואָס ביי זייער לעבן.

דער גאַנצער אָנוועזנדיקער קהל האָט אויפגעברויזט מיט אַן אינערלעכער ציטערניש און האָט אויסגעבראָכן אין שטורעמדיקן געוויין, ווען דער אַלטער רבי איז געשטאַנען אַרום דעם קבר פון זיין טאָכטער, און האַלטנדיק זיין אייניקל־קינד פאַר דער האַנט, האָט ער געזאָגט מיט אַ שטימע פון געבעט:

— דבורה לאה בת שטערנא, היינט ערב יום־כיפור, בעט איך דיר, בענטש דיין בן־יחיד דעם יתום מנחם מענדל בן דבורה לאה, אַז אָט דער קטן זאָל זיין אַ גדול אין דער תורה פון נגלה און נסתר מיט הצלחה, מיט מעשים טובים און מיט אריכות ימים ושנים. בעט־זשע רחמים אויף מיר, אויף קהל עדת החסידים און אויף תורת הבעל שם טוב.

יענעם יום כיפור — דערציילט החסיד ר׳ אברהם — האָט דאָס פּיצל־קינד, דער אייניקל, געפאַסט דעם גאַנצן מעת־לעת, ווי אַלע דערוואַקסענע.

אויף מאָרגן נאָך יום־כיפור האָט דער אַלטער רבי אַריינגעפירט זיין אייניקל דעם יתום אין „חדר״ אָנזאָגנדיק מען זאָל דאָס קינד אַרומוויקלען אין אַ טלית, אַזוי אַז ער זאָל זיין אינגאַנצן אַרומגעדעקט מיטן טלית און קיין זאַך זאָל זיך ניט אַרויסזען פון הינטערן טלית, און אַן איינגעהילטן אין טלית זאָל מען אים אָוועקטראָגן אויף די הענט צום קבר פון זיין מוטער.

דער אַלטער רבי מיט אַלע בני־בית און משפחה־מיטגלידער, ווי אויך אַ גרויסער קהל פון חסידים, זיינען מיטגעגאַנגען צום בית־עלמין.

ווען זיי זיינען געקומען אויף דעם בית־עלמין, האָט זיך דער אַלטער רבי, דאָס קינד און זיין פאָטער ר׳ שלום שכנא דערנענטערט צום קבר פון הרבנית דבורה לאה.

דער אַלטער רבי האָט אויסגערופן מיט אַ שטאַרקן און פריילעכן קול:

— מזל טוב, דבורה לאה בת שטערנא! היינט בין איך מכניס לתורה דיין זון מנחם מענדל בן דבורה לאה. בענטש אים, כשם שנכנס לתורה כן יכנס לחופה ולמעשים טובים באריכות ימים ושנים.

— אמן! — האָט דער גאַנצער אָנוועזנדיקער קהל אָפּגעענטפערט מיט אַ מעכטיקער שטימע.

רבנו הזקן איז מקיים זיין צוזאָג

דער אַלטער רבי האָט דערפילט די הבטחה צו זיין טאָכטער: אַלע טעג — איינגעשלאָסן שבתים, ימים־טובים און אַפילו די ימים נוראים־טעג — האָט ער געהאַט באַשטימט אַ צייט צו לערנען מיט זיין באַליבט אייניקל, זאָגנדיק אַז דערמיט צאָלט ער אָפּ דעם חוב וואָס ער איז שולדיק זיין טאָכטער דבורה לאה.

ווי געזאָגט, איז דאָס אייניקל — לויט דער אָנווייזונג פון אַלטן רבי׳ן — געשלאָפן אין זיין זיידנס צימער, נעבן ארון קודש אין די ד׳ אמות פון תורה.

איינמאָל, שלאָפנדיק אין דעם זיידנס חדר, האָט ער זיך אויפגעוועקט מיט אַ געוויין: מאַמע, מאַמע, נעם מיר צו דיר... זיין מוטער האָט אים באַרואיקט — „האָט אים אונטערגעקלאַפּט אין פלייצע״ — און געזאָגט צו אים: ניין, ניין, שלאָף רואיק; דער זיידע געפינט זיך דאָ, זיי לעבן דעם זיידן...[9]

9) לקוטי דיבורים באַנד א, ז׳ מג־86.

דער צייכן פון הימל

• י. ליפּמאַנאָוויטש

(המשך פון פאַריקן נומער)

איך האָב אים געטרייסט — און אַפילו צוגעזאָגט ריידן מיט געוויסע אָנגעזעענע באַלעבאַטים — אָבער געזוכט האָב איך צו אַרויפציען דעם שמועס וועגן דער טאָכטער.

די מוטער האָט גענומען ווישן די אויגן און דער פאָטער האָט זיך נאָך מער אויפ־גערעגט: „איך ווייס וואָס איך טו! קיינער זאָרגט זיך נישט וועגן איר — אויסער דער קאַטוילישער אינסטיטוציע... זיי האָבן איר באַלד אָנגענומען... וואו האָט מען דאָ אי־דישע היימען אַזעלכע? וואו איז דאָ בכלל דאָס אידישע רחמנות... ניין! כ'ווייס וואָס איך טו!"

אין מיר האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן: אַ קאַטוילישע אינסטיטוציע... קריסטנטום — צי איז דאָ ניט עפּעס ר"ל אַן ענין פון שמד... דאָס ווייב האָט גענומען איינשטילן אים און דאָס מיידל אין ווינקל האָט נאָך נידעריקער אַראָפּגעבויגט דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דער מאַן איז האַסטיק אַרויסגעלאָפן פון שטוב און די פרוי האָט זיך אָנגעהויבן פאַר־ענטפערן, ברעכן די הענט — און איר שטים האָט זיך כסדר פאַרשטיקט אין איר קעל. די טאָכטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און עטלעכע מאָל געעפנט דעם מויל — ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן — און זיך פאַר־האַלטן.

„...איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט — און איצט אויך ניט. מיין געשטראָפטע, לי־בע טאָכטער — אויך זי וויל ניט ווערן אויס אידיש קינד! זי האָט פאַרלוירן די ליכט פון אירע שיינע אויגן — זאָל נאָכ־אַמאָל פינצטער ווערן אין איר נשמה?... וואָס קענען מיר טאָן אָבער? ניטאָ די כו־חות! ניטאָ קיין געלט! ניטאָ קיין פריינט — און דער ג-ט אונזערער וויל אונז מסתם אויך ניט האָבן..."

זי האָט גערעדט און איך בין געזעסן אַ צעטומלטער; מיינע אויגן זיינען געוואָרן פאַרנעפּלט, אַזש דער גאַנצער ניט צו־ליכ־טיקער חדר האָט זיך גלאַנציק צעקרימט, צעשוואומען. פון דער גאַנצער ריידעריי האָב איך באַנומען: באַלד נאָך זייער אָנקום אַהער האָט אַ קאַטוילישע שולע פאַר בלינדע קינ־דער (די איינציקע אין שטאָט) אַריינגענומען זיין טאָכטער. מיט אַ פילאַנטראָפּישן מאָטיוו: כאָטש ניט קיין קאַטויליש קינד — אָבער וויבאַלד אַן אַרעמער אימיגראַנט — האָבן זיי זי אַריינגענומען, אַן געצאָלט, פאַרשטייט זיך. אָבער מיט אַ צייט צוריק האָבן די פירער פון דער שולע, פריער אידלער און דערנאָך שאַרפער, גענומען טענה'ן: שוין אַ סך צייט, גענוג! וויפל קען מען עס אַרויס־ציִיגן וואוילטעטיקייט און רחמנות צו אַ „ניט־גלויביק" קינד? אָוודאי, ווען זי באַקערט זיך

צום קאַטוילישן גלויבן, איז זי דאָן פֿולבאַרעכטיקט צו בלייבן דאָרט וויפֿל זי וויל; אויב ניט אַזוי — נו, מוזן די עלטערן זי אַוועקנעמען.

איז די מלחמה אין שטוב געווען גרויס. לכתּחילה האָט אויך ער ניט געוואָלט. די פֿאַרביטערונג קעגן אַלעמען און אידן בפּרט איז אָבער אין אים געוואַקסן. האָט ער לסוף באַשלאָסן צו „לאָזן באַשפּריצן" די טאָכטער; און דאָס ווייב האָט נאָך היסטערישע צוזאַמענברוכן אָפּגעלאָזט די הענט. דאָס מיידל אַליין האָט אויך ניט געוואָלט, שטאַרק ניט געוואָלט, מיט קינדישער גאַנצהאַרציקייט האָט זי רעוואָלטירט. אָבער לסוף האָט זי צוגעשוויגן מיט אַ שטילן, הילפֿלאָזן קרעכץ. ניט גערעדט, אָן ווערטער, האָט זי גאַנצע טעג געשטאַרט מיט די גרויסע פֿאַרגלאָזטע און פֿאַרטונקלטע אויגן — און שטיל, פֿאַרבאָרגן אין זיך... פֿירט זי איר געראַנגל.

דאָ האָט זיך מיין גאַנץ וועזן צעצונדן אין איין פֿאַרלאַנג: איך מוז רידן מיטן מיידל אַליין. איך האָב ביי דער פֿרוי געבעטן אַביסל וואַסער. די פֿרוי האָט פֿאַרשטאַנען. האָט זי אַ לענגערן קוק געטאָן אויפֿן מיידל, זי אַרומגענומען מיט אַ פּאָר גרויסע מאַמישצעוואַרעמטע שוואַרצאַפּלען און איז אַרויס פֿון צימער, פֿאַרמאַכנדיק די טיר נאָך זיך.

ווי נאָר דאָס מיידל האָט דערפֿילט, אַז נאָר מיר ביידע זיינען פֿאַרבליבן אין צימער, האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. איר גאַנצער דאַרער גוף האָט אויפֿגעלעבט. איר שטאַרע פֿאַרגליווערטקייט איז פֿאַרשוואונדן. און צוריק האָט פֿאַר מיר אויפֿגעטויכט יענע לעבעדיקע געשטאַלט אונטער די ווערטער „אנכי ה' אלקיך". איך האָב גענומען רידן — און לויטן קול האָט זי האַסטיק גענומען דערנענטערן זיך צו מיר: „איר זייט דער ראַבאַי, וואָס האָט נעכטן ביינאַכט געפֿרעגט וועגן מיר?"

„יאָ, מיין קינד, דאָס בין איך..." און פּלוצלונג האָט זי ווידער, ווי דאָרט לעבן פּרוכת, זיך אַראָפּגעקניט אויף דער ערד לעבן מיינע פֿיס. איך בין געבליבן פֿאַרשטילט. איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיט מאָדנער פֿלינקייט האָבן אירע דינע הענטלעך אַרומגעכאַפּט מיינע פֿיס, אַרויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט ציטער אַ זאָג געטאָן: „מעג איך? דערלויבט מיר" — און צוגערוקט אירע ליפּן צו מיינע שיך.

און ווידער האָט דאָ אַ הייך געטאָן מיט קדושה ווי ביים יום־כּיפּור׳דיקן „כּורעים" — און מיינע פֿיס האָבן מיר שיער פֿאַרחלש׳ט. „ניין, מיין קינד, טו עס ניט"...

איך האָב זי קוים איינגערעדט אַוועקצוזעצן זיך אויפֿן דערבייאיקן בענקל: „זאָג עפּעס דו, דערצייל דו, מיין קינד!" און זי האָט דערציילט — אַזוי קלאָר, אַזוי קינדישפּשוט און אַזוי לויטער־האַרציק:

„איך האָב שטאַרק ניט געוואָלט שמד׳ן זיך... אין מיין טראַכטן האָט עס אויסגעזען ווי איך וואָלט דערמיט אָפּגעריסן ווערן פֿון אַזויפֿיל טאַטעס און מאַמעס — אַלע, אַלע אידישע — און איך וועל דאָך שוין ניט זיין אַזוי. איך ווייס ניט קיין סך פֿון אידישקייט. איך פֿאַרשטיי ניט אונזער ג־ט. אָבער אַ סך מאָל ווענד איך זיך צו אים. און איך פֿיל דאַן אין זיך אַ וואַרעמקייט. איך קען אים דאָך ניט אָנטאַפּן מיט די הענט, אָבער איך שפּיר אים — און אין אַזויפֿיל ניט־גוטע צייטן זאָג איך שטיל צו אים די געשמאַקע ווערטער ׳שמע ישראל׳, וואָס דער זיידע האָט מיך אַמאָל, אַמאָל געלערנט...

„אָבער מיין טאַטע איז אָרעם, מיין מאַמע איז קראַנק און אונזער ג־ט האָט אונז ניט געוואָלט העלפֿן. דער טאַטע זאָגט, אַז אויך אידן האָבן אונז פֿיינט... און זיי, אין דער שולע, זיינען אַזוי גוט צו מיר; און אין שטוב קען איך ניט בלייבן אויף שטענדיק; און אין ערגעץ קען איך ניט פֿאָרן.

„איך האָב אַ סך נעכט ניט געשלאָפֿן. געטראַכט. דער טאַטע האָט געוואַרט אויף מיין ענטפֿער. ניט געוואָלט מיך צווינגען. האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיינע אויגן זיינען מיר פֿינסטער; מיין קאָפּ פֿאַרשטייט ניט אין אַזעלכע זאַכן, ווי בייטן די רעליגיע. איך האָב געוואוסט, אפשר געפֿילט, אַז אונזער ג־ט איז דאָך אַ גוטער; וועט ער דען וועלן אויסגיסן זיין גאַנצן צאָרן אויף מיר? וועט ער דען ניט וועלן אַפֿילו ענטפֿערן אויף מיין געבעט? אַ קלייניקייט נאָר — אָנזאָגן מיר: יאָ אָדער ניט; זאָל איך אַוועקגיין פֿון אים, אָדער בלייבן — און זאָל זיין וואָס וועט זיין.

„כ׳בין ניט אַזוי נאַריש. אַוודאי קענען ניט קינדער — און אַפֿילו גרויסע מענטשן — אַזוי זיך נעמען און שמועסן מיט ג־ט.. אָבער אַ ג־ט איז דאָך אַזוי ווי אַ פֿאָטער — וועט ער מסתּמא ניט וועלן כ׳זאָל זיך אָפּשמד׳ן. טאָ זאָל ער מיר געבן עפּעס אַ צייכן, אַ סימן, וואָס כ׳זאָל טאָן. נו, האָב איך באַשלאָסן גיין אין דער הייליקער סינאַגאָגע, וואו ג־ט איז נאָענט, און דאָרט אים שטאַרק בעטן, ווי מ׳בעט אַ טאַטן, ער זאָל אין פֿינף טעג מיר שיקן עפּעס אַ צייכן... און איר ווייסט, ראַבאַי? איך האָב געפֿילט,

אַז ער וויל מיך יאָ האָבן ווי זיינס אַ קינד. האָט מיינע אַ גוטע שכנה — אַ קריסטין — מיך געפירט אין דער הייליקער סינאַגאָגע צום סאַמע הייליקסטן אָרט דאָרט. און דאָרט איז געווען אַזוי הימלדיק רואיק און שטיל — אַזוי נאָענט צו ג־ט. און איך האָב דאָרט געבעטן און געוויינט — און נאָכדעם דערפילט זיך אַזוי גוט, אַזוי עפּעס ווייך און גלאַט אויפן האַרץ, אָט ווי אָט יענער גלאַטיקער סאַמעט דאָרט ביים הייליקסטן אָרט אין דער סינאַגאָגע...״

כ׳בין געווען פאַרטשאַדעט, און פאַרווירט. עפּעס אַ דורכדרינגלעכע פּורכטיקייט האָט וויברירט אין דער לופטן פון דעם מיידלס קלאָר־קלינגעוודיק קול. ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז מיט אירע ווערטער האָט זי דאָ ערגעץ אַריינגעבראַכט דעם גאַנצן ארון־קודש איינגעהילט אין די פייערדיקע אותיות פון „לא יהי׳ לך...״ כ׳האָב פלוצים דערפילט, אַז מיין גאַנצער פנים איז ווי דורכגעווייקט און אַ דינע סטרויקע טרערן טריפט אַראָפּ אויף מיין העמדל. דאָס מיידל האָט זיך געגעבן אַ שטעל־אויף, די הענט פאַרלייגט אויפן האַרצן:

„אָ, ראַבאַי, איך בין זיכער, אַז איר זייט דער שליח פון ג־ט! פּונקט אויף דער דריטער נאַכט האָט ער מיר געגעבן דעם צייכן ניט צו שמד׳ן זיך... אָ, גוט אַזוי, איך בלייב אַ אידישע! איך בלייב ביי מיינע אַלע, אַלע אידישע טאַטעס און מאַמעס און און... ער וועט אייביק בלייבן מיין ג־ט!...״

איר קול האָט זיך געבראָכן: „ראַבאַי, איך בין — זייער צופרידן״, אָבער מער האָט זי ניט גערעדט, ניט געקענט ריידן. פריער זיך געהאַלטן פעסט, אָבער ניט אויסגעהאַלטן מער: מיט אַ דין־לויטערן געוויין איז זי זיך פאַרגאַנגען און ווי אַראָפּגעשווענקט דעם צער־פולן שטראָם מיט רייד. איך האָב קוים געעפנט מיינע ציטערדיקע ליפּן:

„טייער אידיש קינד, זיסער נפש! דו ביזט אַ אידישע טאָכטער און וועסט בלייבן אויף אייביק אַ טייערע אידישע נשמה... אַ גליקלעך אידיש קינד...״

איך בין אַרויסגעלאָפן אין צווייטן צימער. פון גרויס בהלה און ניט־באַרעכטנקייט האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין בייטל און אַרויסגעשאָטן פון דאָרט אַלע מיינע געלט־באַנקנאָטן אויפן קליינעם טישל ביי דער טיר: „נאָט איך געלט! איך וועל איך שיקן נאָך און נאָך! געוואַלד, ווייסט איר כאָטש, וואָס פאַר אַ טייערע הייליקע טאָכטער איר האָט! מיר מעגן אַלע בויגן די קעפּ פון בושה פאַר אַזאַ נשמה ליכטיקע...״

ווי אַן ענטפער האָט ניט בלויז די מאַמע, נאָר אויך דער טאַטע אַרויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן, ברומענדיקן כליפּען.

איז עס טאַקע געווען אַן אויסטערלישמאָדנע געמיינזאַמע בכי׳ — וואָס האָט אָבער אַזוי גלעטנדיק געלייטערט און געטרייסט די הערצער...

היפּ איך דאָ איבער די פּרטים פון דעם גוטן אויסלאָז פון אָט־דער מאָדנער פּאַסירונג — ווי אַזוי דער רב האָט אויפן בעסטן אופן איינגעאָרדנט דאָס דאָזיקע מיידל; ווי אַזוי ער האָט געהאָלפן אויך די איבעריקע בני־משפחה. נאָר אַ פּאָר ווערטער ווי אַן עפּילאָג: דאָס מיידל האָט געקראָגן אַ גוטן באַגלייט־הונט, וואָס האָט איר ממש אויפגעלעבט — און געבעטן האָט זי דעם רב, אויב ער וועט דערלויבן אָנצורופן די דאָזיקע טייערע מתנה, דעם נייעם ליכט־אויגן אירן, מיטן רב׳ס נאָמען...

דאָס דאָזיקע מיידל געפינט זיך איצט (מיט אַ יאָר צוריק) אין ארץ־ישראל, וואו זי איז שוין אַ לערערין פאַר בלינדע קינדער.

און אויסגעפירט האָט אויך דער רב: אויב פאַרן מיידל איז עס געווען אַ צייכן צו בלייבן אַ געטרייע אידישע טאָכטער — איז עס פאַר מיר גופא אויך געווען אַ סימן: בלייבן געטריי דעם אָנזאָג פון יענעם רבין אין אַמעריקע צו זיין אַ רב ביי אידן.

זאָל זיין אַ בר־מצוה

• י. מ. פּעפּער

איר הערט ? — אַ לץ בלייבט אַ לץ ! מיר אַלע זיצן שוין ביי די קיילעכדיקע טישלעך פון דעם פּראַכטיקן האָל און מיר עסן שוין דעם צעבראָקטן קאָמפּאָט־געמויזעכץ מיט די לאַנגע מרור־לאָקשן ; און מען קייט זיי מיט דער בפירושער כוונה אַז דאָס איז די סעודה פון אַ בר־מצוה (וואָרעם אַזוי שטייט בפירוש געשריבן מיט באַגולדעטע הינקעדיקע („מאָדערנע״) אותיות אויף דער צעפּליקטער (גייסטער סטייל) איינלאַדונג : „איר זייט העסלעך (נאָ, אַ פּשוטער טעות הדפוס, אָדער ס׳פּאַפּיר האָט צוגעשטעלט אַ פּיסל און פון פּ׳ איז געוואָרן אַ ס׳) געלאַדנט אויף דער בר־מצוה פון . . .״ — און דאָ לויפט אָן טאָדרעס דער לץ און שיסט אַריין מיט ערנסט־פאַרהויבענע תמ׳עוואַטע ברעמען : „רבותים, זאָגט מיר, למען האמת, וואָס איז עס פאַר אַ שמחה — אַ חתונה, אַ תנאים, אַ ברית, אַ שלש־סעודות אָדער אַ דינער פאַר דער ישיבה ?״

איר הערט אַ געשיכטע ? און אין בוזעם־קעשענע ליגט שוין אַן „אויסגעפּיקסטער״ קאָנווערט מיט אַ טשעק אויפן נאָמען פון בר־מצוה ! (כ׳האָב פּיינט צו שרייבן ס׳טשעק ביי די טישלעך אין האָל — מחמת נייגעריקע נעזער ווילן רק וויסן וויפל ציפערן דו האָסט אויסגעוואָריעוועט ביי זיך, און דערנאָך זאָלן זיי ערשט ברעכן דעם קאָפּ ; זיין לייטישער פאַר אים ? אָדער אפשר אַראָפּדינגען אַ פינפערל ?)

דער אמת איז, אַז איך אַליין בין אויף אַ מאָמענט אַביסל געשטרויכלט געוואָרן. אַלע ווייסן, אַז וואָס־וואָס, נאָר קיין לץ בין איך ניט. דאָך, ווען איך בין אַריין אין . . . כ׳מיין אין יענעם געפּוצטן זאַל וואו מ׳מוז עסן שטייענדיק, אָדער גאָר לויפנדיק — אויב מען וויל יוצא זיין לכל־הדעות און דורכגיין אַ פולע „הקפה״, אָדער עטלעכע הקפות, אַרום דער אויסגעפּוצטער „בימה״ מיט די געהאַקטע לונג־און־לעבערס, צעשמאָלצענע קירבעס, רויטע קניידלעך פון זענעפט מיט כרפּס, גרינע טערקישע בלינצעס וכדומה, אַזעלכע מאכלים מיט „קולטורנע״ אימפּאָרטירטע נעמען (איר ווייסט שוין וועלכן זאַל כ׳מיין ? יאָ, זיין נאָמען איז : עפּעס אַ וואָרט — מיט אַ באָרד !) — איז ווען דער שטראָם געסט האָט מיך פאַרשלעפּט אין דאָזיקן זאַל, בין איך אַ וויי̆ל געבליבן מטושטש : אפשר האָט מיין צעקאַליעטשעטער זכרון מיך פאַרפירט ? עפּעס זעט עס אויס ווי אַ חתונה, אָדער גאָר אַ באַנקעט פאַר אַ שררה ? און פונקט דאַן האָט עפּעס אַ פרוי אַריינגעקוויטשעט היסטעריש אַ „סוד״ צו עמעצן : „אוי, איך חלש ! . . . איר קלייד קאָסט דאָך אַוודאי . . . ס׳איז געמאַכט פון רייִנעם״ (דעם נעקסטן וואָרט האָב איך שוין ניט אויפגעכאַפּט ; ס׳האָט געקלונגען עפּעס ענלעך צו „פּימסנהאָלץ״), הייסט עס דאָך, עפּעס כלומרשט יאָ ווי אַ חתונה . . .

אַוודאי האָב איך זיך אויפגעטשוכעט באַלד, ווען ס׳איז ראַפּטום צוגעלאָפן אַ קורצער, באַבייכלטער יונגערמאַנטשיק מיט אַ פולן מויל און נאָך אַ פולערן טעלער צעקנאָטענע ירקות. ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט דער ליידיקער האַנט : „אָ, כ׳בין אַזוי צופרידן וואָס איר זייט געקומען צו מיין זונס בר־מצוה ! (הייסט עס, יאָ אַ בר־מצוה) פאָרט אַזאַ גוטער פריינט !״ (זעט איר, כ׳האָב פון דעם גאָרניט געוואוסט ! נו, טראַכט איך בעת מעשה, מ׳מוז איבערמאַכן דעם טשעק ; עפּעס אַ קלייניקייט — אַזאַ גוטער פריינט !) און דער פאָטער לאָזט מיך ניט אָפּ : „קומט, ר׳ . . .״ „שמערקע״ האָב איך אים אונטערגעזאָגט (מיין נאָמען איז טאַקע נתן־קהת). „אַוודאי ר׳ שמרי׳״ — שרייט ער אויס מיט שמחה — מ׳איז אַזוי צעטומלט, איר פאַרשטייט . . .״ אָבער ער האָט ניט פאַרענדיקט דעם זאַץ, מחמת אין מיטן פירן מיך מיט גרויס חשיבות אין אָנגעקומען אַנטקעגן

אַ פּאָרל — עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס: געפּוצט אין סאַמע תכלת וארגמן, און ביידע האָבן זיך פון גרויס אימפּעט געהאַלטן ביי די קעפּ. דער מאַן האָט געמוזט צוהאַלטן די פּיצינקע פליענדיקע יאַרמלקע אויף דער גרויסער טשופּרינע און זי האָט נעבעך געדאַרפט כסדר אונטערהאַלטן ס׳גלייכגעוויכט פון דעם בלומען־טורעמדיקן הוט. איז אָבער מיין אונטערפירער, דער פאָטער הייסט עס, אַריין אין גרויס התפּעלות ביים דערזען זיי, און זיך אַ ריס געטאָן צו זיי מיט אַזאַ כּוח (מסתמא גאָר גרויסע פריינט), אַז מיין אָרעם איז געבליבן פאַרקיילעכדיקט אין דער לופטן און איך בין אַליין געבליבן שטיין ווי אַ יאָלד אין מיטן געצאַצקעטן קאָרידאָר (כ׳האָב שוין אַפילו אַ טראַכט געטאָן: אפשר גאָר צערייסן דעם טשעק?).

אָבער צוריקגערעדט, בין איך פאָרט געוואָרן אַביסל באַרואיקט. ווייס איך אָבער לכל־הפּחות אַז דאָס איז אַ בר־מצוה. וועט מען באַלד הערן אַ דבר־תורה. האָב איך מיך ווי עס דערפרעגט צום זאַל, צום אמתן זאַל, וואו די סעודה קומט פאָר, און אַוועק אָפּגעבן מזל־טוב דעם בר־מצוה. אָבער טאָדרעס דער לץ איז אַביסל פאָרט געווען גערעכט: ווען דער בר־מצוה בחור האָט זיך אַ הויב געטאָן אָפּנעמען מיין מזל־טוב, האָב איך געמוזט אונטערהויבן די ברילן אויף מיין נאָז בכדי צו אַרויפקוקן אויף זיין פּנים; ער האָט אַריינגעקוועטשט מיין האַנט מיט אַזעלכע היפּשע און פעסטע ידים, אַז מיין האַנט־רומאַטיזם האָט אין מיר אַ טיאָכקע געטאָן. אַוודאי וואָלט איך אים גיכער אָנגענומען פאַר אַ חתן־בחור איידער אַ בר־מצוה אינגל.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך טאַקע דאַן געוואָלט הולכן: דער עולם איז געווען זייער גרויס (אַ סך „גוטע פריינט") און דער גאַנצער פּאַראַד האָט אין מיר אַרויסגערופן אַ קאָפּ־ווייטיק. אָבער מ׳קען דאָך ניט נעמען און מאַכן פּליטה! ראשית, דאַרף מען אָפּ׳סילוק׳ן דעם טשעק; והשנית, ווי אַ „גוטער פריינט", דאַרף מען עפּעס צואווינטשן און פאַרענטפערן זיך, מ׳איז דאָך עפּעס „ציוויליזירט!" אָבער דאָ האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז שוין אַן אוממעגלעכע זאַך: דער גאַנצער „העד־טייבל" איז געמען מורא׳דיק „ביזי" און מען האָט מיר געגעבן אַ וואונק איך זאָל מיך תיכף אָפּרוקן. די סיבה איז געווען אַ פּשוטע: דער חתן־בחור (איר זעט, ס׳באָמבלט מיר אַלץ אַז ס׳איז אַ חתונה) כ׳מיין דער בר־מצוה האָט געהאַלטן אין „אָפּשעכטן" דעם קוילעטש, און דער פאָטאָגראַפער האָט פּונקט געדאַרפט „אַראָפּנעמען" „הכל בכל" מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט און פּינקטלעכקייט: ווי דער בחור האַלט דעם קוילעטש, ווי דער פאָטער גלעט דעם בחור מיטן ריכטיקן האַרציקפאָטערלעכן שמייכל און ווי דער עלטער־פעטער לענט אונטער דעם טאַטן מיט קרובה׳שער עמאָציע אאַ״וו. היינט איז עס געווען אַ קוילעטש! כ׳האָב אין מיין גאַנצן לעבן אַזאַ גרויסן קוילעטש ניט געזען (טאָדרעס דער לץ האָט געזאָגט, אַז צוליב זען דעם קוילעטש אַליין האָט געלוינט צו קומען אויף דער שמחה). דער קוילעטש איז טאַקע געווען פון זעלבן גידול ווי דער בר־מצוה. איר קענט זיך פאָרשטעלן די גרויס פון קוילעטש אַז הינטער אים איז מיט אַ מאָמענט פריער געשטאַנען דער זיידע פון בר־מצוה, און ווען דער בעל־שמחה האָט געגעבן אַ שטעל אַוועק דעם קוילעטש איז דער זיידע באַלד געלם געוואָרן, ניטאָ, ווי אין וואַסער אַריין! און ער, דער זיידע, איז ניט קיין קורצער — אַזוי ווי ס׳רוב זיידעס.

ווען איך האָב אַ צווייטן מאָל געוואָלט צוטרעטן צום אויבנאָן־טיש, האָט מען מיך ווידער משלח געווען. אָבער דאָס מאָל האָט שוין דער פאָטאָגראַפער אַליין מיך געשענקט אַזאַ „וואונק", אַז מיינע ברילן האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון דער נאָז, צעשפּרייט זייערע האָלאָבליעס ווי פליגל און געלאַנדעט אונטערן טיש. פאַרוואָס? ווייל פּונקט דאַן האָט גאָר וואַזשנע צוגעשפּאַצירט די מאַמע, צוגעפּיקסט דעם בר־מצוה דעם „באַנט" (כ׳האָב מיך קיינמאָל ניט אויסגעלערנט צו וויסן דעם נאָמען פון אָט דער אַריסטאָקראַטישן מלבוש, מחמת דער האַס וואָס איז ביי מיר איינגעוואָרצלט צום „באַנט" נאָך פון דער קינדהייט: זייענדיק אַ יאָר פינף האָט מען פאַר מיר אויפגענייט אַזאַ מין מלבוש פון דעם טאַטנס אַן אַלט העמדל, וואָס האָט על־פּי מאָדע געהאַט אַ באַנט. איך האָב געכאַפּט פיל געשלאָגן — אָבער כ׳האָב דעם באַנט בשום אופן ניט אָנגעטאָן) און אַריינגעשמייכלט אים אין פּנים: „ווי פילסטו קינד מיינס" — האָט דער פאָטאָגראַפער ווידער געמוזט האָבן דעם גאַנצן שטח ליידיק, „ולא יעבור זר!" ניט סמייען זאָל עמעצער אַריינשטעקן זיין נאָז!

בלית ברירה, האָב איך זיך געמוזט וואַשן צום עסן און זיך אַוועקזעצן ביים טישל מיט דער גאַנצער צערעמאָניע; און טאַקע געמוזט הערן אַלע רעדעס. דאָס הייסט ניט אַלע ממש — בלויז דריי. אַזאַ משוגענע נאַטור האָב איך: כ׳קען הערן אַלץ וואָס מענטשן ריידן, אַפילו טאָדרעסעס ליצנות, אָבער ווי נאָר דער מיקראָפאָן הויבט אָן ריידן, אַפילו דוגערן, אַזוי הויבן מיר זיך אָן קלעפּן די אויגן. האָב איך טאַקע די דריי רעדעס אויך ניט גוט אויסגעהערט. כ׳האָב נאָר באַוויזן צו אויפכאַפּן ווי דער ערשטער רעדנער לויבט די משפּחה פון דעם בר־מצוה פאַר איר גאַסט־געבערישקייט און באַשיידנקייט; דער צווייטער רעדנער האָט שטאַרק געדאַנקט דעם ערשטן רעדנער פאַר דעם ספּעציפישן חוש אין אמת און משבח געווען זיין וואונדערבאַרן ריידן (ער האָט, נעבעך, אַביסל אונטערגעשטאַמלט); דער דריטער רעדנער האָט ווי אַן אמתער אָראַטאָר עפּעס גענומען ציען אַ פילאָזאָפישן יחוס־געדאַנק פון זיין עלטער־באָבע — און דאָ בין איך שוין אויף אַן אמת אַנטשלאָפן געוואָרן, איר הערט, ווי אַ גע׳הרג׳טער! און אַפילו פאַרשלאָפן (צום באַדויערן) דעם בר־מצוה׳ס דרשה און אויך (אָן באַדויער) די גאַנצע סעודה (פון וועלכער טאָדרעס האָט דעם גאַנצן צוריקוועגס נאָכאַנאַנד געקרעכצט און זיך געהאַלטן ביים האַרצן — פון דעם גרינ־

געלבלעכן זופּ מיט די שווימענדיקע מאַרצעפּאַנעס; און פון דעם „סטייק" מיט דעם פאַרזשאַווערטן אויסזען, צוליב וועלכן ער האָט שיער ניט איינגעשלונגען צוויי ציין פון זיינע אַריינגעשטעלטע ציינער — אָבער דאָך ניט געקענט באַזיגן דעם סטייק). אַ פּאָר מאָל האָט מיך טאָדרעס דער לץ געפּרואווט אויפוועקן: ס'איז עפּעס ניט אינטעלעגענטיש צו פאַרוואַרפן דעם קאָפּ! אָבער איך האָב אים אָפּגעמורמלט, אַז כ'פיל זיך ניט גוט (און ס'איז געווען טאַקע אמת).

איר הערט, נאָך אַ משונה'דיקע טבע האָב איך: ווי נאָר איך הויב אָן דרעמלען, באַלד פּאַיאַווען זיך חלומות און דמיונות — מעג דאָס זיין אין באָס, סאָבוויי אָדער להבדיל אין אָוונט ביי אַ ספר. און די חלומות־בילדער זיינען אַזעלכע קלאָרע — אפשר קלאָרער ווי די בילדער אין דער איצטיקער ווירקלעכקייט... נו, על־פּי פּסיכאָלאָגיע, וויבאַלד איך געפין זיך ביי אַ בר־מצוה, דאַרף מיר זיך חלומ'ן אויך אַ בר־מצוה. כך הווה: מיין אייגענע בר־מצוה. ווינטער. אַ שטעטל אין פּוילן. אין אַ קליין הילצערנעם שטיבל. בלויז צען אידן. צערריסענע, אָפּגעפּאָרענע מאַנטלען, אָבער אַזעלכע וואַרעמע, ווייכע פּנימ'ער. אַ גאַנצע נאַכט האָט די מוטער געגרייט די סעודה: אייגן־געבאַקטע טונקעלע קוכנס, עטלעכע צעשניטענע הערינג און אַפילו אַ שוואַרצע קאַשע (אָן פלייש, פאַרשטייט זיך, נאָר מיט אויל — עס האָט זיך געמישט מיט דער צייט פון געטאָ). די מאַמע אַליין שטייט לעבן טיר. פאַרהאַרצטע אויגן. פול מיט צאַפּל־דערוואַרטונג און האָפענונג: איר אינגסטער זון (נאָך 6 טעכטער) שפּאַנט אַריין אין דעם אַלטן אידישן יאָך! זיץ איך אויבנאָן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און כאַפּ אויף די פאַר'גנב'טע בליקן דער מאַמעס. איך ענטפער מיט די אויגן: מאַמע טייערע, איך וועל זיין אַ גוטער פרומער איד! דו וועסט עס זעען... דער טאַטע זאָגט לחיים. זיין קול ברעכט זיך. לחיים... השי"ת זאָל געבן... ער זאָל זיין אַ שטאַרק... ניט נתפּעל ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט! פאַר גאָרניט! איך אַליין בין שוין... (עפּעס האָט זיין געזיכט אין חלום אויסגעזען אַזוי בלייך און דאַר, ווי אין די לעצטע חדשים אין געטאָ). דער קליינער עולם האָט געברויזט, געמונטערט דעם פאָטער. דער עלטערער קאָצקער חסיד האָט אַ צייט גערעדט צו מיר מיט טיפסטן געפיל — אָבער ווערטער שטרענגע, וואָרנדיקע און שטאַרקע, ווי צו אַ סאָלדאַט וואָס גייט אין קאַמף. מיין האַרץ קלאַפּט מיט מאָדנעם זיס־שאַרפן פיבער: וואָס הייסט? ס'איז דאָך מיין ערשטער טאָג ווי אַן אמת'ער ערנסטער פולער איד... דער עולם זינגט מיט פייער, מיט ברענענדיקע אויגן. און איך פאַרמאַך די אויגן... אָט־אָט דאַרף איך באַלד זאָגן אַ תורה, — אַזאַ דורכגעלעבטע תורה מיט אַזעלכע געשמאַקע ווערטער... אָט־אָט —

און טראַך! הור־האַ! געפּילדער; טאָדרעס גיט מיר שוין אַ גוטן שטורך און איך כאַפּ זיך אויף מיט שרעק. וואָס איז ס'געטומל? אַהאַ, „אייז־קרים"! טאָדרעס זיצט אַרומגערינגלט מיט עטלעכע ממש־פאַנטאַסטיש אויסגעפּורעמטע, פיל־קאָלירקע פּאָרציעס „אייז־קרים", ער שרייט און פרעגט אַ צעהיצטער מיין עצה וועלכן „אייז־קרים" אויסצוקלייבן (מחמת, זאָגט ער, מער ווי נאָר איינס וועט ער שוין ניט קענען איינפּאַקן). איך ענטפער אים פאַרשלאָפן: „אַ געשמאַקע תורה, אַ געשמאַקע..." און ער קוקט מיך אָן ווי אַ חסר־דעה.

נו, ב"ה, עס האַלט שוין ביים סוף. דער בר־מצוה בחור שטייט שוין מוכן ומזומן: אויפגעקנעפּלט זיין שיינעם שוואַרצן רעקל — און די בוזעםקעשענעס וואַקסן און צעשפּאַרן זיך קיין עין־הרע פוןביידע זייטן. ווי אַן אמת'ער דערפאַרענער געשעפטסמאַן נעמט ער יעדן אויף מיטן געהעריקן שמייכל און מיט קונציקע טרענירטע מאַניערן נעמט ער עס אַריין אין זיינע ידים דעם אויסגעשטרעקטן קאָנווערט, וואָס ווערט תיכף פאַרשלונגען אין די „טיפקייטן" פון זיינע פּרעכטיקע מלבושים...

זיץ איך אין באָס — און אויפן האַרצן איז פּוסט און קאַלעמוטנע: אַ בר־מצוה? זאָל זיין אַ בר־מצוה! אַפילו טאָדרעס דער לץ איז עפּעס שווייגנדיק. בלויז פון צייט צו צייט דערלאַנגט ער אַ קרעכץ און אַ בייזע ליצנות אויפן חשבון פון „די אומדערטרעגלעכע מינים ממינים שונים געמויזעכצן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַזאַ בורנע איבערקערעניש אין מאָגן..."

וויל איך דרעמלען, אָבער אויף צו להכעיס גיט עס מיר זיך ניט איין. מוז איך שוין הערן (אַפילו מיין פאַרשטאָפּן די אויערן האָבן ניט געהאָלפן) אַזאַ מאָדנעם האַרציקן מענה־לשון (ווייזט אויס, פון אַ מוטער פון אַ אינגל וואָס דאַרף ווערן בר־מצוה): אַז ראשית ווילט זיך איר וויינען; און אויב די בר־מצוה וועט ניט זיין אין אָט דעם האָל וועט זי ניט אויסהאַלטן, וועט זי... וועט זי... און טאַקע אַ קלייד ווי ביי לייטן! און זאָל איר טויגעניכטס, איר שלימזל אַפילו שטעלן זיך אויף זיין אויסגעקראָכענעם קאָפּ! ער מעג וויסן אַז, אַז... ווייזט אויס, אַז גערעדט האָט זי טאַקע צו איר אייגענעם מאַן, ווייל ער האָט זי געענטפערט מיט שטילער רוגזה: „שאַ, שטילער! וואַרט שוין צו ביז דעם הויז". ער האָט נאָכאַנאַנד אַרויסגעלאָזט אַזעלכע ברומענישן, ווי עמעצער וואָלט אים צוגעשטיקט צו דער וואַנט: מרו! כרו! פּסו!... אין באָס איז געוואָרן אַלץ שטילער און אומעטיקער. טראַכט איך מיך: אַ בר־מצוה? זאָל זיין — בר־מצוה...

ב״ה

די אידישע היים

[illegible] באנד 8, נומער 1 (28)
קאונסיל נשי ובנות חב״ד
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

ל״ג־בעומר פון היינטיקן יאָר איז פאָרגעקומען אַ גרויסער „פּאַראַד״ פון קינדער פון פאַרשידענע חינוך־מוסדות, אָרגאַניזירט פון „מרכז לעניני חינוך״.

עס האָבן זיך באַטייליקט אינעם „פּאַראַד״, טראָץ דעם ניט־גינסטיקן וועטער, טויזנטער קינדער, וועלכע האָבן מאַרשירט אין מוסטערהאַפטע רייען איבער דער ברייטער איסטערן פּאַרקוויי־גאַס. זיי האָבן געטראָגן פאַרשידענע פּלאַקאַטן, וואָס האָבן גערופן צו גיין אין די וועגן פון ריינער אידישקייט פון תורה ומצוות, ווי למשל: דאָס אָפּהיטן שבת; אַ כשר׳ן חינוך א. ד. גל.

דער הויכפּונקט פונעם „פּאַראַד״ איז געווען ווען כ״ק אדמו״ר שליט״א איז אַרויף אויף דער הויכער בימה, וואָס איז פאַר דעם צוועק אויפגעשטעלט געוואָרן לעבן דעם ליובאַוויטשער צענטער — 770 איסטערן פּאַרקוויי אין ברוקלין. אַלע קינדער זיינען דאַן געווען אויסגעשטעלט אין רייען מיטן פּנים צו דער בימה. און אין דער וואונדערלעכער שטילקייט און יראת־הכבוד האָבן זיי, צוזאַמען מיטן פאַרזאַמלטן ריזיקן עולם פון דער־וואַקסענע, אויסגעהערט די רייד פון אדמו״ר שליט״א.

דער רבי שליט״א האָט צוו. אַנ. אַרומגערעדט וואָס מיר אין אונזער צייט, קענען זיך אָפּלערנען פונעם רשב״י — דער בעל־ההילולא פון דעם טאָג ל״ג־בעומר: פּונקט ווי דער רשב״י, ווען זיין לעבן איז געווען באַדראָט פון דעם רוימישן דיקטאַטאָר, האָט ער, צוזאַמען מיט זיין זון, געפונען באַשיצונג אין דער הייל־באַהעלטעניש און געלערנט דאָרט תורה 13 יאָר נאָכאַנאַנד — און זיינען דאָרט געשפּייזט געוואָרן אויף אַ פולשטענדיק־נסים׳דיקן שטייגער — אַזוי דאַרף תורה הק׳ אויך פאַר אונז דינען ווי דער בעסטער שעלטער און שוץ־פּלאַץ קעגן אַן אַנדער מין „דיקטאַטור״ — דער אינערלעכער פאַרפירער, דער יצר־הרע. יעדער איד, קליין און גרויס, מוז האָבן באַשטימטע צייטן צו לערנען יעדן טאָג, אינדערפרי און אין אָוונט. און — על דרך ווי ביים רשב״י — וועט אים השי״ת באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן צום לעבן — אויפן נאַטירלעכן ווי אויפן איבערנאַטירלעכן אופן.

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גורארי — רעדאַקטאָר

תמוז ה׳תשכ״ו באַנד 8 נומ. 1

אינהאַלט

די רייד פון רבי׳ן שליט״א .... א
דאָס געשטאַלט פון רבינו הזקן
— הרב ש. י. זעווין .... ה
מיינע שוועסטערלעך צוויי (ליד) — א ברודער ט
דער זומער און זיין באַדייטונג — ה. פריידין י
פאַרגעסן הרעגגט חורבן, געדענקען
— גאולה .... יא
זכרונות פון סאַמאַרקאַנד — דוב ראַוווסקי .... יג
טענות פון דרום אַמעריקע
— הרב י. וויינבערג .... יח
היסטאָריע אין די ביכער און אין לעבן
— ד״ר ה. זיידמאַן .... כ
נאַכטיקע טריט (סקיצע) — ד. זאַריצקי ...... כב

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב״ד.

די רייד פון ליובאַוויטשער רבי'ן שליט"א

צו דער געלעגנהייט פון דעם הייאָריקן אַלוועלטלעכן
כנוס פון נשי ובנות חב"ד — אייר תשכ"ו

מיר געפינען זיך איצט אינמיטן די טעג פון ספירת־העומר, וועלכע בינדן־צוזאַמען די בײדע ימים־טובים פון פסח און שבועות — שטייענדיק שוין נענטער צום יום־טוב שבועות. שבועות איז דער זמן מתן תורתנו, ווען דער אויבערשטער האָט אונז דורך תורה געמאַכט פאַר אַ פאָלק, פאַר ז י י ן פאָלק, אַ ג־טלעכע אומה, און אונז באַשאַנקען מיט אמת'ער און עכטער פרייהייט. התורה היא חיינו: די תורה איז אונזער ג־טלעכע לעבנס־קראַפט, וואָס האָט אונז דורכגעטראָגן דורך די פאַרשידענע לעבנס־עטאַפּן און תקופות־ענדערונגען אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן זינט זי איז אונז געגעבן געוואָרן; און מיט דעם כוח פון תורה וועלן מיר ווייטער גיין ביז צו דער אמת'ער און שלימות'דיקער גאולה דורך משיח צדקנו.

בכדי אויפצונעמען אַ גאָר טייערע און גוטע זאַך, בפרט אַזאַ וואָס איז לעבנס־וויכטיק, פאָדערט זיך אַ הכנה — אויף וויפל ס'איז מעגלעך — אין באַשטימטע צייט־אומשטענדן און סביבה באַדינגונגען. אַזוי איז אויך בנוגע קבלת התורה: אַט־די זיבן ספירה־וואָכן האָט דער אויבערשטער באַשטימט פאַר אידן ווי די צוגרייטונגס־צייט צו אויפנעמען די טייערסטע תורה־מתנה. אין די טעג דאַרף יעדער איד — מאַן און פרוי, גרויס און קליין — זיך דורכדרינגען מיט דער אומגעהויערער גרייטקייט צו ק ב ל ת התורה, צו נ ע מ ע ן און אַריינעמען די תורה: ניט באַנוגענען זיך בלויז מיט דעם וואָס דער אויבערשטער ג י ט די תורה, נאָר זיין אַליין מוכשר צו ווערן אַ פולשטענדיקער א ו י פ נ ע מ ע ר פון תורה, ביז וואַנעט תורה זאָל זיין דער אויסשליסלעכער וועג־ווייזער און פירער פון טאָג־טעגלעכן לעבן־גאַנג פונעם אידן, דער חיות־קוואַל און באַשטאַנד פון זיין גאַנצן אויפפיר — פון זיין גאַנצן וועזן.

און ווײַבאַלד אַז תורה איז די וואָס פונדעוועט און פורעמט דאָס גאַנצע לעבן פון אידן — אין אַלע זיינע אַספּעקטן און דערשיינונגען — איז פאַרשטאַנדיק, אַז תורה אַנטהאַלט אין זיך אַזוינס, וואָס שטייט אין איינקלאַנג מיט די איינטיילונגען אינעם סדר החיים. דאָס לעבן אין אַלגעמיין טיילט זיך און דריקט זיך אויס אויף צוויי אופנים: איין סוג לעבן באַשטייט פון געוויינטלעכע, טאָג־טעגלעכע געשעענישן, וואָס ווערן באַטראַכט ווי נאַטירלעכע דערשיינונגען און אין וועלכע ס'איז ניט קענטיק די ווירקונג פון באַזונדערס־ספּעציעלע כוחות; און ס'איז דאָ אַ צווייטע קאַטעגאָריע פון לעבנס־פּאַסירונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר ניט־געוויינלעכע, איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען, וואָס ווערן באַווירקט פון ספּעציעלע כוחות — אַן אָפענער אויסדרוק פון השגחה פּרטית. אין ספרים ווערן אַט־די צוויי לעבנס־דרכים באַצייכנט ווי הנהגה ט ב ע י ת און הנהגה נ ס י ת: אַ הנהגה ווען הקב"ה פירט די וועלט אין אַ ט ב ע'־שטייגער, וואָס חזר'ט זיך איבער טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר; און ס'איז דאָ אַ הנהגה וואָס באַשטייט פון העכער פון טבע און דאָס זיינען די נסים וואָס דער אויבערשטער באַווייזט צו די וואָס פאַרדינען עס, ניט קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. דאָך קען יעדער איינער, דורך אַ גרונטיקן אַריינטראַכט און אַריינבליק אין זיין חיי יום יום, דערבליקן און דערשפּירן אינעם אייגענעם לעבן אויך אַט־די הנהגה נ ס י ת.

און אַזוי ווי דאָס אַלץ איז ביי יעדן אידן ווי אַ פּרט, איז עס אויך אַזוי אין באַצוג צום לעבן פון אידישן פאָלק ווי אַ כלל, ווי אַ גאַנצע; און אַזוי ווי דאָס דריקט זיך אויס אין יעדן באַזונדערן דור, אַזוי שניידט עס דורך די אַלגעמיינע ימי החיים, די

כללות־געשיכטע פון אידן, זינט זיי זיינען געווארן אַ פאָלק, און נאָך פריער — זינט די וועלט שטייט.

די זעלביקע סאָרט פאַרטיילונג איז אויך דאָ אין תורה, וואָס איר לערנען ברענגט צו מעשה: קיום המצוות. זיינען דאָ צווי קאַטעגאָריעס אין מצוות: אַזעלכע מצוות וואָס זייער אינהאַלט איז צו דערנעמען אַ אידן מיטן באַוואוסטזיין, אַז די הנהגה טבעית, די נאַטירלעכע וועלט־איבערלעבונגען שטאַמען און ווערן געפירט פון דעם אויבערשטן; און ס׳זיינען דאָ אַזעלכע מצוות, וואָס זייער הייליקע סגולה זאָגט זיך אויס אין שטאַרקן אַ אידן מיט דער טיפער איבערצייגונג, אַז ווען נויטיק באַווייזט השי״ת אַ נס, און אַז ער פירט זיך מיט אידן בכלל אין אַ וועג פון איבערנאַטירלעכקייט.

ס׳זיינען דאָ אויך אַזעלכע מצוות, וואָס איינע און די זעלבע מצוה אַנטהאַלט אין זיך אָט־דיביידע אַספּעקטן, ביידע באַדייטונגען און אָנווייזונגען אויף דעם אויבערשטנס הנהגה אין וועלט: סיי די אָנצייגונג אַז די הנהגה טבעית איז די „האַנט״ פון דעם אויבערשטן; און סיי די שטאַרקע דערמאָנונג פון דער הנהגה נסית, אַז השי״ת באַווייזט די אידן זיינע חסדים אויף אַן איבערנאַטירלעכן שטייגער.

פון די מצוות — איז די מצוה וואָס מ׳האָט באַשטימט פאַר דער טעמע פון דער הייאָריקער קאָנווענשאָן פון נשי ובנות חב״ד — מצות שבת. שבת אַנטהאַלט אין זיך די ביידע אָנווייזונגען און מוסר־השכל: שבת איז אַ טייל פון די עשרת הדברות, וועלכע שטייען צווי מאָל אין דער תורה — ווערט אין תורה גופא, ביים ערשטן מאָל (אין פרשה יתרו), דערקלערט דער טעם פון מצות שבת: ווייל זעקס טעג האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט, און האָט דעם זיבעטן טאָג גערוט. איז בשעת אַ איד איז מקיים אָט־די מצוה פון שבת ווי דער אויבערשטער האָט געבאָטן, אַז נאָך די „ששת ימים תעבוד״ איז ביי אים דער זיבעטער טאָג „שבת לה׳ אלקיך״, ער היט אָפּ און הייליקט דעם שבת לויטן רצון ה׳ — ווערט ביים אידן דערוועקט און פאַרשטאַרקט די אמונה און באַנעם, דער שטאַרקער גלויבן און פאַרשטאַנדלעכע איבערצייגונג, אַז וועלט איז ניט ח״ו אַן אַליינ־עקזיסטירנדיקע מציאות, נאָר אַז דער אויבערשטער האָט זי באַשאַפן און פירט זי אַן אין אַן אופן פון זעקס באַשאַפונגס־טעג און יום השביעי שבת.

און די זיבן בראשית־טעג ווידערהאָלן זיך יעדער וואָך און וואָך: דער אויבערשטער טוט נאָכאַנאַנד אויפהאַלטן און אויפמאַכן די וועלט — און ווי ס׳ווערט דערקלערט אין חסידות — באַשאַפט ער זי תמיד ממש פונדאָסניי. „בכל יום תמיד מעשה בראשית״: טאָג נאָך טאָג שטענדיק, ווערט די וועלט איבעראַנייס באַשאַפן פון דעם אויבערשטן, פונקט ווי אין די „מעשה בראשית״־טעג און אַז ס׳קומט שבת „רוט״ דער אויבערשטער און פאַדערט דאָס זעלבע פון אידן. איז ווען דער איד פאַרבינדט און פאַראייניהייטלעכט, כביכול, זיין פירונג מיט דער הנהגה פון אויבערשטן — ווערט ער „שותף״ — צוזאַמען מיטן באַשעפער די געוועלטיקער אויף וועלט. דאָס איז וואָס שבת באַטאָנט: די בעל־הבתישקייט פון השגחה עליונה אין צוזאַמענהאַנג מיט הנהגה טבעית.

אין פרשת ואתחנן, וואו די עשרת הדברות חזר׳ן זיך איבער צום צווייטן מאָל, דערקלערט תורה, אַז שבת דאַרפן אידן דערמאָנען ווי אַזוי זיי זיינען געווען פאַרשקלאַפט אין מצרים, און ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט (אויף אַן איבערנאַטירלעכן וועג און דורך מעשי נסים) אַרויסגעצויגן די אידן פון דאָרט מיט דעם באַדינג, אַז אידן זאָלן (זיך באַפרייען פון דעם פרעה מלך מצרים פון זיין צייט — און אויך פון די פאַרשידענע וועלט באַגרענעצונגען (מצרים) פון יעדער צייט — און) זיין אויף אייביק עבדים צו הקב״ה, זיין אינגאַנצן אונטערוואָרפן זיינע געבאָטן.

„על כן צוך ה׳ אלקיך לעשות את יום השבת״: אָט־די נסים׳דיקע באַפרייאונג פון מצרים און קנעכטשאַפט צו דינען השי״ת ווירקט זיך אויס אין דעם וואָס אַ איד היט אָפּ דעם שבת, דורך פאַרמיידן זיך פון טאָן וואָס מ׳טאָר ניט, און הייליקט אים דורך מקיים זיין

די מצוות וואָס דאַרפן געטאָן ווערן אין דעם טאָג. דורך דעם באַווייזט דער איד זיין שטענדיקן און לעבנס־וויכטיקן געדענקען אַז דער אויבערשטער פירט זיך אויך היינט מיט אידן אויפן זעלבן וואונדערלעכן, העכער פון טבע שטייגער אַזוי ווי דאַן ביי יציאת מצרים — דאָס איז דער באַוואוסטזיין פון דער הנהגה נסית.

דאָס מיינט: פון איין זייט דאַרף דער שבת'דיקער טאָג דורכדרינגען דעם אידן מיט דער איבערצייגונג, ביז צו זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט — און דאָס דאַרף ער מיטנעמען אויך אין אַלע וואָכן־טעג — אַז די אַזוי־גערופענע נאַטור־פירונג פון וועלט איז באמת די דורכאויסיקע השגחה פרטית פון אויבערשטן, וואָס טוט כסדר באַשאַפן און אָנפירן מיט אַלע וועלט־איינצלהייטן. אַזוי אויך דאַרף דער שבת, פון דער צווייטער זייט, אַריינגעבן אידן דעם שטענדיק־נויטיקן זכרון, דעם אומאויפהערלעכן געדענקען, אַז ניט בלויז אַמאָל, ביי יציאת מצרים, האָט הקב"ה געוויזן נסים און איצט איז מען חס־ושלום עבדים, פאַרשקלאַפט צום אַרום; מ'זאָל ניט מיינען אַז מ'איז גלייך מיט די ניט־אידן — וועלכע זיינען אונטער־וואָרפן פאַרשידענע וועלט־געזעצן, כאָטש זיי זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט תורה; אַזוי אויך אידן האָבן ח"ו וועלכע ס'איז אונטערוואָרפנקייט צו וועלטיקע אומשטענדן וואָס זיינען קעגן תורה. ס'דאַרף הערשן דער געדענקען, אַז פונקט ווי דעמאָלט, ביים אַרויס פון מצרים, האָט דער אויבערשטער אָנגעזאָגט: עבדי הם ולא עבדים לעבדים: איר זייט בלויז מ י י נ ע קנעכט און להלוטין ניט אונטערטעניק און אונטערוואָרפן די יעניקע וואָס זיינען אַליין ניט מער ווי עבדים; אַזוי דאַרף דער שבת דינען ווי אַ טאָג־טעגלעכע דערמאָנונג און אָנווייזונג: אויב אַ איד טרעפט זיך אָן אין אַ קאָנפליקט צווישן דער פאָדערונג פון דער אומגעבונג און צווישן דאָס וואָס שטייט אין תורה, אין שלחן ערוך — בלייבט דער איד שטענדיק דער קנעכט פון אויבערשטן — עבדי אתם! בלויז די הערשאַפט פון אויבערשטן האָט אַ גילטיקייט אויף אידן; און אַז זיין הנהגה מיט אידן איז תמיד אויך אַן איבער־וועלטיקע, אַ נסים'דיק־וואונדערלעכע.

און דעמאָלט איז זיכער, אַז ער וועט האָבן אַ רואיקן שבת; און שבת איז דאָך דער טאָג „דמיני' מתברכין כולא יומין" — ווען דער שבת ווערט דורכגעפירט און דורכגעהייליקט ווי ס'דאַרף זיין, ווערן דאַן פון דעם שבת געבענטשט אַלע קומענדיקע וואָכן־טעג מיט קדושה און ברכה.

ווי גערעדט ביי פריערדיקע געלעגנהייטן, הויבט זיך אָן דער אַריינפיר צו שבת מיט אַ צייט פריער, נאָך אידער דער מעת לעת פון שבת הויבט זיך אָן: מיט אַ צאָל מינוטן פריער דאַרף מען אָנצינדן שבת־ליכט און אַריינברענגען ליכטיקייט אין דער נאָך־אַלץ־וואָכעדיקער וועלט. און אויף אָט־דער ליכטיקייט מאַכט מען די ברכה „אשר קדשנו במצוותיו" — דער אויבערשטער האָט געהייליקט די אידן דורך די מצוות — „להדליק נר של שבת": שבת־ליכט דאַרפן מאַכן ליכטיק ביי זיך אין הויז און פון דעם טאָג דאַרפן דערנאָך דורכגעלויכטן ווערן די וואָכעדיקע טעג; און פון דעם הויז דאַרף דאָס ליכט זיך צעשפרייטן אין דעם גאַנצן אַרום. ווערט אָפּגע'פסק'נט אין שלחן ערוך, באַגרינדעט אויף דער אָנווייזונג פון משנה און גמרא, אַז אָט־די מצוה האָט דער אויבערשטער איבערגעגעבן בעיקר צו די פרויען.

איז נויטיק אַז אָט־די מצוה פון נרות־שבת איז אין דער צייט פון אַריינפיר, צו באַלייכטן אויך די וואָכעדיקייט. אין דעם איז אָנגעדייטעט אויך דער איינהאַלט פון שבת: אַ איד האָט בכוח דורך דעם אויבערשטנס אַ מצוה אויפצוטאָן, אַז אַ הויז וואָס אַן און פאַר זיך קען דאָרט חס־ושלום פעלן דאָס נויטיקע ליכט, זאָל זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ליכטיק־הייליק הויז, אַ געזונט, פריילעך און גליקלעך הויז בגשמיות וברוחניות.

און אָט־די אויפגאַבע און זכות איז איבערגעגעבן געוואָרן דער אידישער פרוי, אַז זי זאָל דורכפירן אָט־דעם ליכט־אַריינפיר און הייליקן צוגרייט צו שבת, און דערנאָך זאָל אָט־דער שבת־אור דורכלייכטן די אַלע וואָכן־טעג.

דאָס איז אויך די אָפּלערנונג און מוסר השכל פון דעם וואָס די חכמים ז״ל דערציילן אונז אין מדרש וועגן דער ערשטער פון אונזערע אמהות (שרה, רבקה, רחל און לאה): אַז ווען שרה אמנו האָט פרייטיק געצונדן שבת־ליכט, איז טראָץ דעם, וואָס דאָס בוימל איז געווען בלויז גענוג אויף צו ברענען די נויטיקע שעות פון שבת, האָבן אונזער מוטערס ליכטעלעך געברענט, און באַלויכטן, ביזן קומענדיקן ערב־שבת, וואָס דאָס האָט זי געהאַט בכוח צוליב איר גרויסער צדקות און מעשים טובים.

דאָס ווייזט: יעדער אידישע טאָכטער ווערט אָנגערופן בת שרה, רבקה, רחל ולאה, דאָס מיינט, אַז אַ אידישע טאָכטער האָט בירושה אָט־די איבערנאַטירלעכע קראַפט: אָנ־צינדנדיק די נרות שבת און מאַכנדיק דערביי די ברכה — אַז דער אויבערשטער האָט זי געהייליקט מיטן אָנזאָג און במילא געגעבן דעם כוח דערצו — זאָלן די דאָזיקע שבת־ליכטיקייט און וואַרעמקייט אָנהאַלטן ניט בלויז דעם שבת׳דיקן טאָג, נאָר זיי זאָלן באַגלייטן און דורכנעמען אַלע שפּעטערדיקע טעג פון וואָך, ביז דעם קומענדיקן פרייטיק, ווען זי וועט ווידער צינדן די נרות שבת — מיט באַנייטער קדושה, מיט צוגעגעבענער ליכטיקייט און מיט מער וואַרעמקייט.

און ווי גערעדט פריער, ווערט דערמיט באַלויכטן דאָס הויז פונעם אידן און זיין לעבנס־וועג אויף ביידע אופנים: סיי אין די טאָג־טעגלעכע, אַזוי־גערופענע נאַטירלעכע ערשיינונגען, סיי אין די ניט־געוויינלעכע פאַסירונגען — אין יעדן פון די ביידע פאַלן ווערט דער איד געפירט און באַשיצט פון דעם אויבערשטן, דעם שומר ישראל.

און דורך דעם וואָס יעדער איד וועט פאַרוואַנדלען זיין הויז אין אַ משכן ומקדש צום אויבערשטן — אַ הויז וואו דער אויבערשטער געפינט זיך דאָרט, „ושכנתי בתוכם — בתוך כל אחד ואחד״; אַ שטוב וואו אויך וואָכעדיקע טעג וועלן זיין דערהויבן מיט הייליקייט און קדושה פון שבת ויום־טוב — וועט אונז דער אויבערשטער באַשיצן אין אַלע צייטן, און פירן אונז ביז צום ליכטיקן טאָג פון דער גאולה האמיתית והשלימה גאָר איינגיכן דורך משיח צדקנו.

דער אויבערשטער זאָל בענטשן יעדערער פון אייך, און אַלעמען צוזאַמען, איר זאָלט ליכטיק מאַכן די אייגענע הייזער און אויפלייכטן אויך די הייזער אַרום אייך מיט דער קדושה פון תורה ומצוות, „קדשנו במצוותיו״; און דאָס דאָזיקע ליכט זאָל באַשטראַלן סיי דעם נאָרמאַלן, געוויינטלעכן לעבנס־וועג און סיי די ניט־געוויינטלעכע ערשיינונגען;

אומעטום און אַלעמאָל זאָל לייכטן דער געדאַנק: דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אונז, מיר זיינען דעם אויבערשטנס פאָלק און דער איבערשטער איז אונזער ג־ט און פירער, און מען וועט פירן דאָס הויז געזונטערהייט און פריילעכערהייט, מחנך זיין און מגדל זיין די קינדער לתורה, לחופה ולמעשים טובים און אויפשטעלן אַ דור ישרים יבורך — גוטע און געזונטע דורות בגשמיות וברוחניות גם יחד.

דאס וואונדער־געשטאַלט פון רבינו הזקן

• הרב ש. י. זעווין

דאָס וואונדער־געשטאַלט פון דעם „אַלטן" רבי׳ן, דער בעל ה„תניא" אדמו״ר ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי, וואָס האָט באַשיינט אונזער וועלט אין פאַרלויף פון אַכט און זעכציק יאָר (תק״ה — תקע״ג), איז פון יענע פלאַם־געשטאַלטן, וואָס מיט זייער דערשיינונג שאַפן זיי גאַנצע תקופות און פאַראורזאַכן גרויסע איבערקערענישן: אַן איבערקערעניש אין דער וועלט־השקפה, אין די לעבנס־וועגן, אין וועלט פון געפיל און דערקענטעניש, אין געוואוינהייטן און איינפירונגען.

פאַראַן אַ וואָרט וועגן צווי סאָרטן גדולי עולם ביי אידן: די גאונים האָבן נאָך זיך געלאָזן ספרים; און די צדיקים האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך מענטשן. בנוגע דעם אַלטן רבין איז זיכער: ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט סיי מענטשן און סיי ספרים.

ספרים — ניט בלויז זיינע קלאַסישע ספרים, דער „תניא" און שולחן־ערוך, וואָס זיי האָט ער אַליין, פּערזענלעך, מחבר געווען; און ניט נאָר די ספרים זיינע, וועלכע אַנטהאַלטן דברי קודש וואָס זיינען אַרויס פון זיין הייליק מויל, אָבער זיינען געוואָרן פאַרשריבן דורך אַנדערע — ווי „לקוטי תורה", „תורה אור", „ביאורי זוהר" און נאָך און נאָך — נאָר ער האָט אויך געגרונטפעסטיקט און געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַר יענער ריזיק־ברייטער חב״ד ליטע־ראַטור, פאַר יענער גאַנצער שכל׳דיק־פאַרטיפטער לערע, וואָס דרינגט אַריין אין די פאַר־הוילענע „תעלומות" פון אלקות, פון וועלט־באַשאַף, פון דער גאַנצער וועזנטלעכער פאַראַ־נענקייט און פון דעם אַדם.

און מענטשן — דאָס זיינען דאָך די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער חב״ד־חסידים אין דער גאַנצער צעשפּרייטקייט פון לענדער און ישובים; אַט־די אַלע וואָס דאָס דערמאָנען דעם נאָמען פון אַלטן רבין מאַכט זיי אויפציטערן מיט הייליקן אַפּשיי. אַ ספּעציעלן נוסח פאַרמאָגן זיי, די חב״ד־מענטשן. ניט בלויז אַן אייגענעם באַזונדערן נוסח התפילה, נאָר אויך אַן אייגנאַרטיקן נוסח פון לעבן, נוסח פון טראַכטן; אַן אייגענעם קאָליר, אַן איינציקאַרטיקן כאַראַקטער. אַפילו יענע טיילן פון אידנטום, וואָס געהערן ניט צו אנ״ש, אויך אויף זיי האָט דער אַלטער רבי אויסגעאיבט אַ שטאַרקע השפּעה: סיי אַ תורה׳דיקן איינפלוס דורך זיינע הלכה־ספרים און סיי אַ השפּעה פון מחשבה און לעבנס־שטייגער דורך קומען אין שטענדיקן באַריר מיט אַנשי חב״ד.

* * *

ווען דער אַלטער רבי איז נאָך געווען אין מעזריטש, האָט ער דאָרט אָנגעהויבן — נאָך דעם ווי זיין רבי דער מעזריטשער מגיד האָט אים שטאַרק געבעטן דערויף — צו פאַרפאַסן זיין שולחן־ערוך, דורך וועלכן דער אַלטער רבי איז געוואָרן מפורסם ווי אַ פּוסק פון דער העכסטער מדריגה. די קלאָר־געשליפענע שפּראַך פון דעם שולחן־ערוך און זיין וואונדערלעכער אויפקלערונגס־סטיל האָבן דעם מחבר אַוועקגעשטעלט אויף אַן אומפאַרגלייכלעכער הויך. איז טאַקע כדאי זיך אָפּצושטעלן אַביסל אויספירלעכער אויפן דאָזיקן ווערק פון אַלטן רבין. וואָס, אייגנטלעך, איז געווען דער ציל, וואָס דער אַלטער רבי האָט זיך געשטעלט ביים פאַרפאַסן זיין „שולחן"?

אין תוך, איז ניט דער אַלטער רבי געווען דער וואָס האָט זיך געשטעלט די מטרה. ער האָט געשטרעבט און דערגרייכט דעם ציל וואָס ס'האָט פאַר אים אָנגעצייכנט זיין רבי דער מעזריטשער מגיד. אַזוי שרייבן די זין פון אַלטן רבין אין זייער הקדמה צום שולחן־ערוך: „... און ווען ער איז נאָך געשטאַנען פאַרן אויבערשטן דאָרט (אין מעזריטש) האָט זיך דערוועקט רוח קדשו פון זיין רבין... און ער האָט אויסדערווילט בכבוד אאמו"ר ז"ל און האָט אים געבעטן ביז גאָר און אים געזאָגט: ניטאָ קיין קלוגער און פאַרשטאַנדיקער („נבון וחכם") ווי דו, אַראָפּצולאָזן זיך אין דער טיפעניש פון הלכה (בכדי) אַרויסצוברענגען אין דער ליכטיקייט דעם תמצית און פנימיות פון די טעמי ההלכות, וואָס ווערן דערמאָנט אין אַלע רייד פון ראשונים און אחרונים, (זיי זאָלן זיין) געלויטערט זיבנמאָליק, יעדער זאַך אויף זיינע אופנים, אָן קיין שום פאַרדרייעניש און פאַרמישעניש, און (אַרויסברענגען) דעם פסק־הלכה וואָס קומט אַרויס און ווערט קלאָר פון די רייד פון אַלע פוסקים".

אַזוי אַרום, אַז די מטרה פון מחבר זיין דעם שולחן־ערוך באַזירט זיך אויף דריי גרונט־נקודות: דאָס מסודר'דיקע איינאָרדענונג פון די הלכות („אָן בלבול און פאַמישעניש"); אַרויסברענגען דעם טעם און באַגרינדונג פון דער הלכה; און דאָס מכריע זיין פון הלכות (צו באַשליסן ווי ס'זאָל בלייבן דער דין דאָרט וואו ס'זיינען דאָ פאַרשידענע דעות).

דער מסודר'דיקער צחאַמענשטעל פונעם שולחן־ערוך דריקט זיך ניט בלויז אויס אין דער פּינקטלעכער אויסגעמאָסטנקייט פונעם סגנון און אין דער שפּראַך־קלאָרקייט, נאָר אויך אין זיין אינהאַלטלעכן צונויפבוי: „דבר על אופניו", לויטן סדר פון „מוקדם" און „מאוחר" — צום ערשטן די הלכות וואָס דאַרפן געלערנט ווערן פריער און דערנאָך — די וויטערדיקע און אַזוי ווייטער.

דער מחבר פון גרויסן שולחן־ערוך (ר' יוסף קאַראָ), וויבאַלד זיין אויפגאַבע איז געווען נאָר צו געבן פסקים פאַר דער פּראַקטישער פירונג פון אידן, האָט ניט געפונען פאַר נויטיק אָנצוגעבן די וואָרצל־הלכות, וואָס פון זיי וואַקסן אַרויס די מעשה'דיקע הלכה־אָנווייזונגען; דאָקעגן דער אַלטער רבי טוט עס יאָ. און ער קאָרגט גיט קיין ווערטער, ער ברייטערט אויס זיין ביאור, אָבער צוזאַמען דערמיט ווערן מיר שטאַרק באַאיינדרוקט פון זיין אויסגערעכנטער שפּראַך־פּינקטלעכקייט — „מלה בסלע" (אַ רענדל אַ וואָרט). ניט אַ וואָרט מער און ניט וויניקער. יעדער זאַך, יעדער אויסדרוק און יעדעס וואָרט האָט וואָג און משמעות. די שפּראַך־רייכקייט ווערט ניט גענוצט בכדי צו פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם אינהאַלט, נאָר זי דינט אים ווי אַ „יד", ווי אַן אָנהאַלט־הענטל צום תוכן, וואָס גיסט זיך מיט אים צוזאַמען אין איין גאַנצן ווען. מיט זיין נוסח־פאָרם לערנט ער אונז, בלויז ווי פאַרבייגייענדיק, פונדאַמענטאַלע און עיקר'דיקע ענינים. און ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ברענגעןביישפּילן דערויף.

די טעמים, די מאָטיוון פון די הלכות, פעלן אינגאַנצן אין (גרויסן) שולחן־ערוך. זיינע נושאי־כלים, די מפרשים און אויסטייטשער וואָס דערגענצן אָט־דעם חסרון — זיי אָבער גיסן זיך ניט צוזאַמען מיטן שולחן־ערוך אין איין גאַנצער איינהייט. פאַר אונז זיינען דאָ ווי צוויי באַזונדערע וועלטן: דער וועמען מ'טייטשט אויס, און דער מפרש־אויסטייטשער. נאָך עפּעס: די נושאי־כלים לאָזן זיך אַריין אין פּלפּולים בנוגע דער הלכה גופא, אַזוי אַז די שאַרף־פּלפּול'דיקע שקלא־וטריא איז איינגעפלאָכטן און צוזאַמענגעמישט מיט די דינים אַליין און זייערע טעמים. ביז ס'איז „אויפגעשטאַנען" דער אַלטער רבי און וואונדערלעך־קינסטלעריש באַוויזן אָפּצוקלייבן און אונטערשטרייכן די סאַמע תמצית־טיפקייט פון דער הלכה — דורך דערקלערן דעם טעם פון דער הלכה און געבן צו פאַרשטיין איר אינערלעכע מאָטיווירונג. אַ כלל גדול האָט דער אַלטער רבי אַריינגעשריבן אין הלכות תלמוד תורה פון זיין שולחן־ערוך: „דער וואָס ווייס ניט דעם טעם פון די הלכות — פאַרשטייט ער דאַן ניט די הלכות גופא (ביז) צו זייער גראָדיקייט און קלאָרקייט". מיטן דאָזיקן כלל האָט ער זיך אַליין באַנוצט ביים פאַרפאַסן זיין שולחן־ערוך.

און גרויסמעכטיק איז דער כוח פון אַלטן רבין ווי אַ „מכריע" (דעצידירער) — אָפּצו־

וועגן ווי עס זאָל באַשטימט ווערן די הלכה. אין צאָלרייכע מחלוקתן פון פוסקים איז גאָר שווער צו דערגרייכן דעם ענדגילטיקן באַשלוס. עס פאָדערט זיך די קראַפט פון אַ מכריע, און ניט יעדער איינער קען זיך אָנטאָן אַט־די הכרעה־קרוין. איז בייגעשטאַנען דעם אַלטן רבין זיין גרויסער זכות און זיינע פסקי־הלכה האָבן זיך אָנגענומען ניט בלויז צווישן אנ״ש, חסידי חב״ד, נאָר אויך צווישן מורי־הוראהביים כלל ישראל. און אַ טאָפּלטער זכות איז עס: זיין פּערזענלעכער זכות, „וואָס די ליכט פון זיין תורה און די קדושה פון זיין חסידות האָבן באַלויכטן דאָס גאַנצע פנים פון דער וועלט, פילע זיינען געגאַנגען נאָך זיין ליכט, און די (זאַכן) וואָס זיינען מפורסם דאַרפן ניט קיין ראי׳״ (איבערזעצט פונעם שער־בלאַט צו זיין שולחן־ערוך); און אויך דער זכות פון זיין גרויסן כח קלאָר צו מאַכן די הלכה פון באַהאַנדלטן ענין, „יתנו עדיהן ויצדקו״ — זיי זיינען די שניידיקע ראיות און פעסטע באַווייזן. אין „קונטרס אחרון״ פון שולחן־ערוך גייט דער אַלטער רבי אַרויס מיט דער מעכטיקייט פון זיין גייסט־קראַפט, מיט דער דורכדרינגלעכער פאַרטיפונג און באַשטעטיקט דעם ענדגילטיקן פסק פון דער הלכה. זוכה געווען האָט דעם אַלטן רבינס שולחן־ערוך צו אַ סך אויפלאַגעס, אַ זאַך וואָס זאָגט עדות אויף דעם גרויסן פאַרנעם פון זיין פאַרשפּרייטונג צווישן אידן.

* * *

דעם אַלטן רבינס שיטה אין חסידות ווערט גערופן מיטן נאָמען חב״ד (חכמה, בינה, דעת), ווייל איר הויפּט־פונדאַמענט איז התבוננות, דאָס שכל׳דיקע אַריינטראַכטן און דעת׳דיקע פאַרטיפונג אין דער גרויסקייט פון אויבערשטן. „וצדיק באמונתו יחי׳״ — איז דער מיין דערפון אַזוי: די פשוטע אמונה איז נאָך ניט גענוג, ווייל דאַן (מיט דער בלויזער אמונה פשוטה) קען אַמאָל געמאָלט זיין דער פאַל פון „גנבא אפום מחתרתא רחמנא קריא״ (דער גנב, ביי זיין איינברעכונגס־באַהעלטעניש, רופט דעם אויבערשטן צו הילף — טראַץ דעם וואָס ער טוט דאָ אַ זאַך קעגן דעם אויבערשטנס ווילן), נאָר מ׳מוז אַריינטראָגן חיות אין דער אמונה, זי אויפלעבן דורך ג־טלעכן תענוג וואָס קומט פון פאַרשטאַנד און דעת. „דע את אלקי אביך ועבדהו״ — דאָס דינען דעם אויבערשטן דאַרף קומען פון „דע את אלקי אביך״, פון דעם וואָס אַ איד וועט מיט זיין גאַנצער געדאַנקען־קראַפט זיך איינקלאַמערן אין גדלות השם, מיט דער פולסטער אָנשטרענגונג פון מוח און האַרץ, ביז זיין מחשבה וועט ווערן פאַרקנופּט מיטן אויבערשטן „בקשר אמיץ וחזק״.

זיין שיטה ווערט אויסגעפירלעך און באַריכות דערקלערט אין זיין קלאַסישן ספר „תניא״, וואָס איז דעם ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר תקנ״ו (אין די פריערדיקע יאָרן, פאַר זיין דערשיינען אין דרוק, איז דער דאָזיקער ספר געווען פאַרשפּרייט צווישן חסידים אין דער פאָרם פון קונטרסים — שריפטלעכע העפטן) און פון זינט דאַן איז ער דערשינען אין אַ סך אויפלאַגעס.

דער „תניא״ איז געטיילט אין צוויי חלקים: „ספר של בינונים״ און „שער היחוד והאמונה״. דער ערשטער חלק איז באַגרינדעט אויפן פסוק „כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו״. מיט וואונדערבאַרן הסבר צייכנט ער דאָ אָן די קלאָרע גרענעצן צווישן די דריי מדריגות: צדיקים, בינונים, רשעים. דערביי ווייזט ער אויף, אַז די מדריגה פון בינונים איז „מידת כל אדם״, זי איז אָנגעמאָסטן און צוגענגלעך פאַר יעדן אידן — דורך געהעריקער התבוננות אין גדלות ה׳ וועלן ביים אידן דערוועקט ווערן די מידות פון אהבה ויראה צום אויבערשטן. פאַרשידן זיינען די אָפּטיילונגען פון אהבה ויראה, און אַנדערשדיק זיינען די דרכים פון דער התבוננות וואָס רופט אַרויס און „מאַכט געבוירן״ די מידות פון אהבה ויראה — און זיי אַלע ווערן אַרומגערעדט באַריכות אין תניא.

אַזוי, למשל, טיילט ער איין די מידה פון אהבה (צום אויבערשטן) אין פאַרשידענע סוגים: די נאַטירלעכע אהבה, „אהבת עולם״, „אהבה רבה״ און „אהבה בתענוגים״. מיט גרונטיקע דערקלערונגען באַלויכט ער דעם מהות פון יעדער סאָרט אהבה, נאָר דעם

שטאַרקסטן דגש שטעלט ער ניט אויף דער ווירקלעכער אַנטפּלעקונג פון דער אהבה און דער שטורמישער התפעלות פון מידות אין האַרץ, נאָר אויף דער מוחין׳דיקער התבוננות. ד. ה. אַז על־כּל־פּנים אין מוח זאָל ער פאַרשטיין און פילן אַז זיי, די מידות, דאַרפן זיין (און אַז זיי זיינען טאַקע פאַראַן אין אַ געוויסן באַהאַלטענעם אופן) און זיין באַוואוסטזיניק פון זייער וועזן און אינהאַלט.

די פּועל־ממש׳דיקע ווירקונג פון „מוחין״ דאַרף זיך איצט הויפּטזעכלעך אויסדריקן אין מחשבה, דיבור און מעשה (ווי דער אַלטער רבי רופט זיי: די דריי לבושים פון נפש). אַ מענטש פאַרמאָגט ניט קיין דירעקטע געוועלטיקונג אויפן מהות פון די מידות אין האַרץ. אַפילו אויפן סאַמע יסוד׳יקן אָנזאָג: „ואהבת את ה׳ אלקיך״ ווערט געשטעלט די פראַגע: ווי שיקט זיך דאָס אַן אָנזאָג אויף דעם? — אויב די אהבה איז ביי אים פאַראַן, איז דאָך איבעריק דער ציווי אויף איר; און אויב, ווידער, זי איז נישטאָ, וואָס וועט דאַן העלפן דער אָנזאָג? (מ׳קען דען צווינגען דאָס האַרץ ליב צו האָבן?) און דערויף ווערט געענטפערט: דער דאָזיקער אָנזאָג הויבט זיך אָן פון „שמע ישראל״, ד. ה. ער זאָל דערהערן און באַנעמען אין שכל אַז „ה׳ אלקינו ה׳ אחד״, ביז דאָס זאָל אים צוברענגען צו „ואהבת״ אין האַרץ. וואָרים דער מענטש קען יאָ הערשן אויף זיינע פּאַקטישע טראַכטונגען, רייד און טואונגען — אַפילו ווען זיי זיינען אין קעגנזאַץ צו די מידות, ביז די מידות גופא וועלן שטופנווייז פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ מציאות פון קדושה. דורך טיפער אַנאַליטיק דרינגט דער אַלטער רבי דאָ אַריין אין די קאָמפּליצירטע מחשבות פון אַ מענטש, אין זיינע פאַרוויקלטע געדאַנ־קען־גענג און אין די פאַרהוילנסטע קעמערלעך פון נפש און אירע כוחות — און ער ווייזט דעם וועג ווי אַזוי זיי צו באַאיינפלוסן און באַווירקן.

אין צווייטן חלק, „שער היחוד והאמונה״, ווערט דערקלערט און באַלויכטן דער יסוד פון אחדות השם, אַז מיטן באַגריף „אחדות״ ווערט ניט בלויז געמיינט אַז אויסער דעם אויבערשטן איז ניטאָ נאָך קיין ג־ט. „צי דען וועט דיר אַרויף אויפן זינען — זאָגט ער — אַז ס׳איז פאַראַן אַן אלו־ה וואָס ווייקט זיך אין וואַסער, וואָס מ׳דאַרף דערויף וואָרענען והשבות אל לבבך וגו׳ בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד?״ נאָר דערמיט ווערט געמיינט, אַז אויסער דער מציאות פון דעם אויבערשטן איז ניטאָ קיין שום זאַך, קיין שום פאַראַנענקייט, ס׳איז „אין עוד״ ממש — אין פולן זין פון דאָזיקן באַגריף. און וואָלט אונזערע אויגן געגעבן געוואָרן רשות צו זען דעם ג־טלעכן חיות וואָס אין יעדער באַשעפע־ניש... דאַן וואָלט די גשמיות פון דעם נברא, זיין מאַטעריע און ממשות, אינגאַנצן ניט געווען אָנזעעוודיק פאַר אונזערע אויגן. אָט־די עיקר׳דיקע נקודה ווערט דאָרט ברייט־אויספירלעך אַרומגערעדט.

און אויך אין פּראַקטישן זין האָט דער אַלטער רבי איינגעפירט אַ צאָל תיקונים און אויפטואונגען: דאָס פאַרפאַסן דעם סידור על־פּי נוסח האריז״ל, וואו יעדעס וואָרט איז העכסט מדוקדק; דאָס איינפירן פון געשליפענע „חלפים״ — אַ זאַך וואָס איז ענדלעך אָנגענומען געוואָרן איבעראַל צווישן אידן, א״אַ. באַזונדערס האָט ער געוואָרנט, דערוועקט און זיך באַמיט אַז צווישן אידן זאָל הערשן ליבשאַפט, ברודערלעכקייט און פריינטשאַפט, און שטאַרק אונטער־שטראָכן די עבודה פון צדקה און גמילות חסדים. „דער גאַנצער עיקר פון עבודת ה׳ — שרייבט ער — אין די איצטיקע ציטן פון עקבות משיחא, איז די עבודה פון צדקה״. „ובפרט דער וואָס זיינע מזונות זיינען בצמצום און די צייט איז ביי אים אַ געדריקטע — גיט ער דאָך אַוועק שטיקער פון זיין לעבן ממש״. און גאָר באַזונדער געוויכט האָט ער געלייגט אויף די פאַרשידענע צדקות פאַר די וואָס געפינען זיך אין ארץ־ישראל, „שהיא צדקת ה׳ ממש, כמו שכתוב עיני ה׳ אלקיך בה״. ער האָט אויך איינגעאָרדנט „מעמדות״ פאַר די חסידים אין ארץ ישראל און האָט פאַר זיי געזאַמלט גרויסע געלטער. אין יאָר תקמ״ח האָט ער געגרינדעט אַ באַזונדער „כולל״ פאַר חסידי חב״ד אין ארץ ישראל, וואָס עקזיסטירט נאָך ביז היינט צו טאָג.

(פאָרזעצונג אויף זייט כד)

מיינע שוועסטערלעך צוויי

• אַ ברודער

זע איך קעפּעלעך שוואַרצע,
הכנעה׳דיק געבויגן ;
זע איך אויגן ווייכע, פאַרהאַרצטע
מיט טרויער פאַרצויגן —
באַלד דערזע איך אין זיי
מיינע שוועסטערלעך צוויי.

הער איך קולותלעך וואָס קלינגען
און טומלען מיט קינדיש גערייד ;
ווי איבער אַ שטריקל מיידעלעך שפּרינגען
און ברומען פון פרייד —
ס׳האַרץ וויינט באַלד מיר פאַר זיי
פאַר מיינע שוועסטערלעך צוויי.

און זע איך אַמאָל ווי יונגינקע בלומעלעך שיינע
זיך וואַלגערן אין וואַלד צעטראָטענע ;
און אָט — פרישינקע גרעזעלעך קליינע
און באַלד שוין צעוויאַנעטע, צעקנאָטענע —
גלייך שרייט עס אין מיר : אוי וויי !
פונקט אַזוי — מיינע שוועסטערלעך צוויי.

און טרעפט —
אין אַ זומער-פאַרטאָג כ׳פאַרקוק זיך אַמאָל
ווי ס׳פאַרטיפט זיך דער הימל אין לויטערן בלוי ;
ס׳צויבערט אַ לופט פון ריינסטן קרישטאָל,
געזויבערט, געוואַשן אין פרישינקן טוי —
און דאָ מיט טראָפּנס נחמה כ׳טראַכט וועגן זיי,
אַזוי זויבערדיק-ריין — מיינע שוועסטערלעך צוויי.

דער זומער און זיין גייסטיקע באַדייטונג

● ה. פריידין

דער אָנקומענדיקער זומער ברענגט מיט זיך, פאַר דעם גרעסטן טייל מענטשן, אַ געוויסע אויפלעבונג און — אויפוואַכונג צום לעבן. די פאַרהאַרעוועטע און פאַרהאָוועטע אינעם פרנסה־געיאָג קוקן אַרויס אויף די אָנגענעמע זוניקע טעג, בכדי אויפצופרישן די פיזישע כוחות און דורכלופטערן דעם פאַריאָכטן געמיט. עפּעס גאָר אַ נייע „הויט" טוט זיך אָן אויף דער מענטשהייט, ווען עס פאַלט אויף איר דער אויפגעהעלטער ליכט־שטראַל, ווען די זון אַנטבלויזט זיך פון הינטער די אַלע קילע נעפּל־און וואָלקנס־שיידן. ווערט דער יחיד, ווי דער כלל, באַנייט מיט פרישע דראַנגען און שטרעבונגען.

דאָס אַלץ איז פאַר קיינעם קיין חידוש ניט — און מיר וואָלטן זיך דערויף ניט אָפּגעשטעלט. מיר ווילן דערביי צוגעבן אַ געוויסע אינהאַלטלעכע באַטאָנונג, וואָס הגם אויך דאָס איז אין תוך אַ באַקאַנטער ענין (וואָס איז היפּש באַלויכטן אין די „פאַר־ציַיטיקע" ספרים) — איז מען אָבער גאַנץ קנאַפּ באַוואוסטזיניק דערפון; מען שרייבט ווייניק און מען רעדט נאָך ווייניקער וועגן דעם.

וואָס איז דער אינהאַלטלעך־גייסטיקער באַדייט פון דעם דאָזיקן איבערגאַנג פון דעם פאַרוואָלקנטן־פאַרטונקלטן פעריאָד צו דער אויפגעזוניקטער תקופה? וואָס שטעקט באמת אינעם מענטשלעכן שטרעבן צו אָפּ־פרישן זיינע כוחות אין די זומערדיקע רו־טעג? האָט דאָך יעדע דערשיינונג, יעדע ענדערונג איר נשמה׳דיקן, גייסטיקן הינ־טערגרונט.

מיר ווייסן, אַז דער אויבערשטער, איז ניט בלויז דער באַשאַפער פון דער וועלט און איר אָנפירער, נאָר ער איז אויך פאַראַן אומעטום, „מלא כל הארץ כבודו" — ער איז פול אין דער גאַנצער וועלט. הייסט אויב אַזוי — פאַרוואָס איז אונזער וועזן ניט בכוח צו דערבליקן אים? איז פאַר אַלעמען קלאָר דער ענטפער: ער פאַר־שטעלט זיך פון אונז. „אכן אתה א־ל מסתתר", דו, רבונו של עולם, ביזט אַזאַ וואָס באַ־האַלסט זיך. חסידות חב"ד, וואָס האָט דעם כוח אויפצוקלערן פאַרן באַגריף פון מענטש־לעכן פאַרשטאַנד, די ג־טלעכע וועלט־באַ־שאַפונג; וואָס האָט די מעגלעכקייטן אָנצוואַ־ווייזן וואו און ווי אַזוי צו זוכן און געפינען דעם פאָטער אין הימל — גיט אויך צו פאַרשטיק, אַז ס׳איז לגמרי קיין סתירה ניט צווישן דער דירעקטער ווירקונג פון ג־ט ב"ה און זיין אַרומנעם פון גאַנץ באַשאַף און צווישן זיין פאַרהוילנקייט פון זעלביקן באַשאַף.

דער אויבערשטער ב"ה, ווען ער באַ־ווייזט זיך, ווען ער איז ניט באַהאַלטן ווערט ער דאַן באַצייכנט מיטן נאָמען „שמש", ווי די זון וואָס לייכט אָפן אויף אַלץ און אַלעמען, וואָס וואַרעמט יעדן באַשאַפענעם, פון אַלע סוגים אין דער וועלט, פון דעם גרעסטן ביזן קלענסטן.

ווען השי"ת באַהאַלט זיך פון אונז אין זיינע פאַרשטעל־לבושים און עס איז אים שווערער צו געפינען, איז ער דאַן ווי פאַר־גליכן צו אַ „שמש" וואָס האָט אויף זיך אַ „מגן" — אַ פאַנצער און בגד, וואָס פאַר־מאַכט פאַרן אויג ניט צו זען וואָס איב־ווייניק געפינט זיך.

די גאַנצע אַרבעט אונזערע אין לימוד התורה און קיום המצוות איז בכדי דורך דעם אַראָפּנעמען צוביסלעך די פאַרשטעל־לבושים און ליכטיק מאַכן די וועלט מיט די ג־טלעכע שטראַלן.

און דאָ קומען מיר צום ליבן זומער אויף וועלכן מיר וואַרטן אַזוי שטאַרק.

אין געוויסע ערטער אין חסידות ווערט אָנגעוויזן, אַז די גלוסטונג פון אַ אידן צו אַ געוויסער זאַך קומט באמת פון דער נשמה. זי גאַרט צום ג־טלעכן פונק וואָס געפינט זיך אין יענער זאַך. ווען אַ אידן ווילט זיך עסן למשל, מיינט ער אַז דער גאַנצער הונגער קומט פון דעם גוף. דער אמת איז אָבער, אַז בעיקר גלוסט גאָר די נשמה און הונגערט צום דבר ה׳, וואָס

(פאָרזעצונג אויף זייט יב)

פאַרגעסן חורבן ברענגט, ח״ו, חורבן
געדענקען חורבן ברענגט גאולה

פונעם בעל־שם־טוב, זצ״ל, זאָגט מען נאָך:

— פאַרגעסן ברענגט גלות, געדענקען — גאולה.

קומט אויס, אַז פאַראַן אַ שייכות פון סיבה און רעזולטאַט צווישן שכחה און זכירה.

אידן זיינען אַ פאָלק פון געדענקען. יסור־דות׳דיקע מצוות ווערן אָנגעהויבן מיט זכור — זכור את יום השבת לקדשו; זכור את אשר עשה לך עמלק. דאָס געדענקען שאַפט דעם אַקומולאַטיוון (אָנגעזאַמלטן און אָנזאַמ־לענדיקן) זכרון, וואָס מאַכט אַ מענטשן פאַר אַ מענטשן און אַ פאָלק פאַר אַ פאָלק. ווען אַ מענטש ווערט, ל״ע, קראַנק אויף „אַמ־נעזיע״ — ער פאַרלירט דעם זכרון, פאַר־לירט ער זיך. פאַרלירט ער זיין פערזענלעכ־קייט, זיין אידענטיטעט.

ערשט נאָך זכור קומט שמור (ווי ביי „שמור את יום השבת״ אין די עשרת הדבר־רות אין ואתחנן). ווייל ווען מ׳געדענקט קען מען אָפּהיטן. ווען מ׳פאַרגעסט האָט מען דאָך נישט וואָס צו היטן.

אונזער תקופה איז אַ תקופה פון גרייכן פאָראויס, אין די צוקונפט־מרחקים, און מען פאַרגעסט צו געבן אַ בליק אויף צוריק. נעמט מען איין נייע שטחים — פון טעכניק, פון וויסנשאַפט, פון פליען אין רוים — און מ׳פאַרלירט פון דעם וואָס מען פאַרמאָגט — ווערטן פון גייסט, פון מאָראַל.

זכור פירט צו שמור

מיר אידן, אויב מיר וועלן זוכה זיין צו שלימות׳דיקן זכור, וועלן מיר שוין אויך זוכה זיין צום שלימות׳דיקן שמור. ווייל מיר האָבן וואָס צו היטן. טייערע אוצרות זיי־נען אָנגעזאַמלט אין אונזער יהדות־שאַצ־קאַמער — לאָמיר זיי אָפּהיטן.

לאָמיר טאָ קודם־כל נעמען באַזיץ פון זיי, ווייל ס׳איז נישט גענוג צו זיין אַ לע־גאַלער אייגנטימער, ווי מ׳קען זיין פון מאַ־טעריעלע ווערטן. דאָ, ווען ס׳גייט אין תורה, קען מען זיין אַן אייגנטימער בלויז דורך באַזיץ. פּאַראַלעל צו דעם אונטערשיידן, אין לעגאַלע באַגריפן, צווישן רעכטלעכן אייגנ־טום און פיזישן באַזיץ — גילט דאָ דער אונטערשייד צווישן טעאָרעטישן אייגנטום און גייסטיקן באַזיץ.

פאַרמאָגן און באַזיצן

מיר קענען דאָס פאַרשטיין דורך אַ תפי־לה. מיר בעטן: ותן חלקנו בתורתך — „גיב אונז אונזער חלק אין דיין תורה״. ס׳איז דעם רבונו־של־עולמ׳ס תורה נאָר יעדער איד האָט אַ חלק אין איר. איז וויבאַלד ער האָט אַ חלק — וואָס־זשע מאָנט ער?

איז דער ענטפער: יעדער איד פאַר־מאָגט אַ חלק אין דער תורה, אָבער באַזיצן דעם דאָזיקן חלק, באַזיצט ער ערשט ווען ס׳איז „ותן חלקנו״, ווען מ׳גיט אים זיין חלק. און ווען גיט מען אים? ווען ער נעמט, ווען ער לערנט תורה, ווען ער איז מקיים תורה, ווען ער זאַפּט אין זיך איין דעם זכור און פאַרוואַנדלט אים — אין שמור.

ערשט דערמיט ווערט פון זיין פאַרמאָגן אַ באַזיץ.

אָבער דער יסוד איז געדענקען. דורך גע־דענקען באַרייכערט מען די אייגענע פער־זענלעכקייט. דורך געדענקען דערהאַלט אַ מענטש און אַ פאָלק די אָנגעזאַמלטע גייס־טיקע רייכטימער; און קען אַרויסרייסן זיך פון פאַרבייאיקע, מאָמענטאַלע מעמקים צו הויכקייטן. ווייל, ווי ס׳זאָגט דער בעל־שם־טוב: שכחה ברענגט צו גלות, און זכרון צו גאולה.

מ׳טאָר זיך נישט פאַרמיידן עגמת נפש פון חורבן

און זכרון נעמט אויך אַרום טרויעריקע פּאַסירונגען, אומגליקלעכע געשעענישן, קאַטאַסטראָפעס — חורבן.

די גמרא זאָגט: ווען איינער זעט גראָז וואַקסנדיק אויפן אָרט פונעם בית־המקדש, זאָל ער זיי נישט אויסרייסן. פאַרוואָס? כדי ער זאָל זיך נישט פאַרמיידן עגמת־נפש („הרואה עשבים בהר הבית לא יתלשם — משום עגמת נפש").

אָבער צו וואָס ברויכט מען עגמת־נפש? איז דער ענטפער, אַז ווען אַ מענטש האָט עגמת־נפש וויל ער דאָך עס פאַרמיידן, וויל ער דאָך זיך באַפרייען פון עגמת־נפש. ממילא, טוט ער צו באַזייטיקן די סיבות וואָס האָבן געבראַכט דערצו.

אין אונזער פאַל, וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך אין דער געבראַכטער גמרא, נעמלעך, חורבן בית־המקדש, איז ווען אַ איד טרויערט אויפן חורבן מוז ער זיך דאָך פאַרטראַכטן וועגן די סיבות פון חורבן, און מוז דאָך קלערן ווי אַזוי באַזייטיקט מען זיי.

אין מצער זיך מיטן ציבור וואַרצלט נחמה

דאָס מיינט די גמרא: כל המצטער עם הצבור זוכה ורואה בנחמתו של הצבור. נישט בלויז ווייל אַ איד דאַרף זיך משתתף זיין אין צער פון יעדן אַנדערן אידן, ובפרט פון כלל ישראל; נאָר אויך דערפאַר ווייל ווען איינער איז זיך מצטרף צום צבור אין געמיינזאַמען פילן און דענקען און טאָן, אין אחדות און אהבת ישראל, איז ער דערמיט אַליין גורם צו ברענגען נענטער די נחמה, מקרב זיין די גאולה.

דאָס ליגט אויך אין די ווערטער פון זכרי׳ הנביא: צום וגו׳ יהי׳ לבית יהודה לששון ולשמחה ולמועדים טובים, והאמת והשלום אהבו. — „דער פאַסט . . . וועט זיין צו יהודה׳ס הויז צו פריידן און פאַרגעניגן און צו ימים טובים — און אמת און שלום האָט ליב" (זכרי׳ ח, יח־יט).

וואָסער שייכות האָט פאַסטן מיט יום־טוב? און ווי קומט דאָ ליב האָבן אמת און שלום?

קען מען זאָגן, אַז ווען מ׳פאַסט אויף חורבן, איז מען זוכה צו נחמה, ווייל דערמיט ווייזט מען אמת׳ן שלום מיט אַנדערע אידן. און היות שנאת חנם האָט געבראַכט חורבן, איז דאָס מצרף זיין זיך פון יעדן אידן מיט אַנדערע אידן, אין אמת און שלום, האמת והשלום אהבו, אַ גורם צו גאולה.

כן יהי רצון.

דער זומער — (פאָרזעצונג פון זייט יוד)

איז פאַראַן אינעם מאכל, „כי לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם, כי על כל מוצא פי ה׳ ..." און ווען דער איד וואַשט זיך צום עסן, מאַכט אַ ברכה, עסט ווי עס דאַרף זיין און בענטשט, שטילט ער טאַקע דעם הונגער פון גוף, אָבער בעיקר זעטיקט ער זיין נשמה מיטן הייליקן ניצוץ וועלכן ער האָט אַרויסגענומען דורך זיין אכילה על פי תורה, פון דער דאַזיקער שפּייז אָדער געטראַנק.

הייסט עס, אַז די גשמיות׳דיקע דערשיינונג איז גאָר אַ צייכן, אַן אָנדייט אויף דעם אינערלעכן רוחניות׳דיקן פּאַראַלעל.

אַזוי איז עס אויך מיט דעם זומער. מיר מיינען אַז מיר דאַרפן אים פאַר דעם צוועק פון אָפּרוען און אָפּפרישן דעם קערפּער, אָבער דאָס איז ניט דער פולער אמת.

אין די זומער־חדשים, ווען עס וואַרעמט און לייכט די זון — לייכט און וואַרעמט אויך שטאַרקער די העכערע „זון", דער „שמש ה׳"; און דער וואָס זוכט אים, דעם אויבערשטן ב״ה, וועט אים גרינגער קענען געפינען. וואָרום דער אויסערלעכער אויפגעזוניקטער צייט־אָפּשניט איז באמת אַ רמז אויף דעם אינערלעכן ג־טלעכן אויפלויכט. די נשמה ווייסט פון אָט־דער הייליקער אַנטפּלעקונג. דעריבער וואַרט זי אויף די דאַזיקע חדשים מיט איר גאַנצן וועזן, ווייל דאַן וועט איר פיל גרינגער זיין צו טאָן איר אַרבעט, אַראָפּצונעמען די „ווינטערדיקע קליידער" און וואַרעמען זיך אין שיין פון „שמש ה׳" — און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קערפּערלעכן וועזן.

דער גאָר אמת׳ער זומער וועט אָבער קומען לעתיד לבוא, ווען די „זון" וועט אינגאַנצן אַרויס פון אירע לבושים און אַלע וועלן זען ווי „מלא כל הארץ כבודו".

פון די זכרונות פון א סאמאַרקאַנדער ישיבה בחור

● דוב ראַוזסקי

תנחום חנונאַף האָט געוואוינט אין אַ „קיביטקע" (ליימענע שטיבל), וואָס איז געווען איינגעקלעפּט צו דער בוכאַרער שול, ניט ווייט פון דער „מאַכאַלאַ" (אַ בוכאַריש מערקל). די מערסטע צייט פון יאָר איז די טיר פון זיין שטיבל געשטאַנען אָפן און האָט אַנטפּלעקט די מוראדיק־אייגנאַרטיקע דלות פון תנחומ׳ס משפחה. מ׳האָט דאָרט געזען אַ געמיש פון קינדערשע האַלב־נאַקעטע גופימלעך מיט מאָדנע גרויסע קעפּ און שטענדיק באַוועגלעכע שטעקלדיקע הענט, איינגעפלאָכטן אין די צעשמאָדערטע בוכאַרישע קאָלדרעס. אין די זומערדיקע טעג פלעגט דאָס קליינוואַרג אַרויסקריכן אויפן הויף און מיט טונקל־היציקע אויגן באַגלייטן די פאַרבייגייער. אין די קעלטערע רעגנדיקע צייטן האָבן זיי זיך אַלע פאַרטוליעט אין דעם בערגלדיקן הויפן שמאַטעס אַרום דעם קורצפיסיקן טיש מיטן טאָפּ ברענענדיקע קוילן אונטער אים. דער צעקראָכענער טעפּיך, וואָס האָט אַמאָל גערעגט דאָס אויג מיט זיין פיל־קאָליריקייט, האָט זיך איצט צוזאַמענגעגאָסן מיט דער זאַמדיקער גרויקייט פונעם דיל און מיט די שמוציקע שטיקער וואַטע וואָס האָבן געשטעקט פון די אויפגעטרענטע קאָלדרעס.

איז קיין וואונדער ניט וואָס מ׳האָט אַזוי אָפט געזען ווי תנחום אײלט אַוועק פון זיין שטיבל, ווי געיאָגט פון רוחות. תמיד פלעגט דאַן נאָך אים זיך אַרויסשלייכן זיין ווייב, מרים, מיט אַ פול מויל וויינענדיק־צעזונגענע קללות און מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי זי וואָלט מיט אירע דאַרע פינגער אַרויפגעשאַרט אויף זיין קאָפּ דאָס גאַנצע אַרויסגעשאָטענע ביטערקייט פון האַרצן. און תנחום האָט עס גוט דערשפּירט. דעריבער האָט ער זיין קאָפּ אַריינגעצויגן ביז די אויערן אינעם כאַלאַט.

דער דאָזיקער בגד זיינער, צוזאַמענגעשטעפּט פון פאַרשידענע געוואַנטן, איז שוין געווען היפּשלעך געקירצט און מיט אַ מיש־מאַש פון אָפּגעקראָכענע רויטע, געלע און מי יודע וועלכע פאַרבן. תנחום האָט פון צייט צו צייט אים אויסגעקערט אויף דער לינקער זייט, ביז... די ניי־געפּלאַצטע לעכער האָבן אים געצוואונגען איבעראַנייס צו טוישן מיט דעם אונטן אויף אויבן.

אַ שטייף פאַרוויקלטן אין כאַלאַט האָט מען אים תמיד געטראָפן אויף אַלע אידישע שמחות. קיין איין ברית, חתונה אָדער אַנדער מין צונויפזאַמל פון אידן איז ניט פאָרגעקומען אָן אים. ביז די בוכאַרער אידן האָבן שוין זיין אָנוועזנהייט באַטראַכט ווי אַ מין פאַרהוילן־העכערער סימן, אַ מזל־קמיע, וואָס דאַרף באַגלייטן יעדע אידישע מסיבה. אַלטע בוכאַרקעס האָבן אַפילו געהאַט אָפּגעשמועסט: „וואו תנחום קומט, קומט אויך אליהו הנביא", מחמת ווען תנחום איז דאָ ביי אַ ברית — שטאַרבט ניט דאָס קינדביים מל זיין; און ווען תנחום שטייט ביי דער חופה — האָבן די שדים ניט קיין געוועלטיקונג איבער חתן־כלה...

איז טאַקע תנחום קיין „חכם" ניט געוואָרן; און אַ פינסטערער אביון איז ער אויף תמיד געבליבן — אָבער דעם הונגער פון אים און זיין משפּחה האָבן די בוכאַרער אידן שטענדיק אונטערגעלענט. טאַקע ביי די מסיבות, וואו אויפן טיש זיינען געווען אָנגעהויפט צעברעקלטע „לעפּיאָשקעס" (פלעצלעך), אַ טאַץ מיט ראָזשינקעס — ווער רעדט ביים דערלאַנגען דעם הייסן און שמאַלציק־דורכזיכטיקן „פלאָוו" (רייז־קאַשע) — האָט תנחום באַקומען זיין חשובן חלק פאַר זיך און פאַר זיינע בני־בית. פלעגט ער דאַן קומען אַהיים מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ געדיכטן פליס־

טער פון לויבעניש און שבחים צום באַשעפער
און זיין פרוי און קינדער האָבן מיט שטילער,
הכנעה'דיקער פרייד אים אַנטקעגנגעשיקט דאָ־
רע הענט און זשעדנע העלזער.

מיטן אַנלויף פון די אַשכנזישע אידן קיין סאַמאַרקאַנד (אין די אָנהויב פערציקער יאָרן), האָט זיך תנחום שטאַרק דערנענטערט צו די רוסישע און פוילישע אידן. מי ידע ווי אַזוי — אָבער ער האָט גערעדט אַ גוטן רוסיש, אַ פליסיקן לשון־קודש און אַפילו אַ היפש ביסל ווערטער אידיש. זיין רויטלעכע באָרד, דאָס העל־בלייכע געזיכט און דיקלעכע נאָז האָט אים געמאַכט אויסזען מער ווי אַן אַשכנזי. אפשר האָבן טאַקע זיינע אָבות אַמאָל געשטאַמט פון ניט־ספרדים. ער אַליין האָט זיך אָבער געהאַלטן פאַר אַ „ריינעם" ספרדי, כאָטש ער האָט מיט פאַרטיקייט באַצייכנט אונזער אַ ראש־ישיבה ווי אַ „צדיק טהור"; אויף אַ צווייטן חסידישן איד, אַ פליט, האָט ער מיט פאַרגלאַנצטע אויגן אַרויסגעזאָגט: „ער האָט אַ נשמה פון עולמות עליונים". אַלע אין סאַמאַרקאַנד האָבן געוואוסט, אַז אין „קבלה"־זאַכן איז ניטאָ קיין גלייכן צו תנחום חנוכאָף. פלעגט ער זיך צוריסן צו אַן אַשכנזישן בן־תורה, אים אַריינריידן אויסטויניק שטיקער זוהר, רעכענען סודות'דיקע גימטריאות און געפינען פאַרשידענע רמזים אויף מלחמת גוג ומגוג, וכדומה אַזעלכע געהיימנישן.

ווען די פליטים אין סאַמאַרקאַנד האָבן זיך עטוואָס אויסגעשטשוכעט פונעם שרעקלעכן הונגער און דאָס טעגלעך לעבן איז געוואָרן זעטיקער און מענטשלעכער, איז תנחום געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אין די אַשכנזישע מנינים און אין דער ישיבה*); מען האָט אים אויך אָפט געזען ביי אונזערע שמחות און מסיבות און אַפילו אין פריוואַטע אַשכנזישע הייזער. האָט זיך פון דעמאָלט אויך תנחום'ס מערכה פיל פאַרבעסערט.

אויסער אַט־די שטענדיקע „פרנסה־קוואַלן", האָט תנחום נאָך אין צוגאָב געהאַט, אַזוי צו זאָגן, אַ „בכבודיקן" שטיקל מקור אויף אַ פּאָר רובל פון צייט צו צייט. ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו — האָט קיינער ניט געפאַרשט, פאַקטיש אָבער איז תנחום געווען דער אַ. ג. אידישער „אַפּוטרופּוס" אויף דעם קבר פון „דניאל", וואָס האָט זיך געפונען איניקע מייל פון דער שטאָט סאַמאַרקאַנד. ער פלעגט פירן אַהין אידן, זיי אָנדערציילן די אַלע היסטאָרישע פאַסירונגען און די וואונדערלעכע סודות וואָס האָבן אַרומגעהילט דעם דאָזיקן „הייליקן" קבר. מ'האָט טאַקע געקענט גיין אָן תנחומען אויך. מחמת דער עלטערער אוזבעק, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום „קבר", האָט פאַר אַ האַלבן רובל געלאָזט קוקן דאָרט וויפל דאָס האַרץ גלוסט און „תפילה־טאָן" אַפילו אַ גאַנצן טאָג; אָבער ס'האָט עפּעס אויסגעזען ווי ניט אידישלעך־גלאַטיק צו גיין אויפן קבר אָן תנחומען.

ב.

חיים־יאָסל איז אָנגעקומען אין סאַמאַרקאַנד פון אויסלענדישע מרחקים. געבוירן איז ער געווען אין פוילן, געלערנט אין אַ גרויסער ליטווישער ישיבה און גערעדט האָט ער אַ פּאָר גויאישע שפּראַכן: פויליש, דייטש און אַפילו אַביסל פראַנצויזיש. און טראָץ דעם האָט ער געטראָגן לאַנגע פאות, אַ פויליש־אידיש קאַשקעטל און האָט אַפילו אויפגעהיט, דורך אַלע וואַנדער־אומגליקן און פאַרשידענע לאַגערן, די ישיבה'שע קאַפּאָטע. האָט ער זיך האַלב געוואַלגערט אין אונזער ישיבה, האַלב אַרומגעמסחר'ט איבערן טאַשקענטער מאַרק מיט העקלעך און קנעפּלעך און אַלטע מלבושים — און ביני־לביני האָט ער געצייכנט און פאַרשריבן מאַטעמאַטישע „קונצן", עפּעס אַזוינס וואָס האָט געדאַרפט מאַכן גאַנצע איבערקערענישן אין די וועלטישע חכמות און כללים פון חשבון. ער האָט באמת געהאַט אַן איגענע „דירה" — אין זעלביקן הויף וואו תנחום האָט געלעבט — אַ פיצל חדר'ל מיט אַן עפענונג, וואָס מ'האָט קיינמאָל ניט געקענט באַשליסן צי ס'איז די טיר אָדער דאָס פענסטער. אָבער ווי וואויל זיי האָבן געלעבט בשכנות — און אַזעלכע צווי טאָג־און־נאַכט אַנדערשדיקע טיפּן — האָט זיי אַ געהיימע האַנט אַזוי ווי „צוזאַמענגעקלאַפּט", ביז זיי האָבן רק געוויכט איינער פון צווייטן מיט אַלע כוחות; ממש ווי לאַנגיאָריקע געשוואוירענע שונאים. ביי חיים־יאָסלען איז געווען רעכט צו לויערן פון דער פינסטערניש הינטערן טיר־פענסטער, אַבי זען דורכצוגיין דעם הויף און ניט אַנשטויסן זיך אויף תנחומען. פונקט אַזוי האָט זיך תנחום גערוקט איבערן הויף זייטיקלעך, בכדי ניט אָנצוטרעפן דעם שכנ'ס שאַרף־שפּיזלדיקע אויגעלעך און נאָך שפּיציקערע און לענגערע נאָז. טאָמער האָט זיך תנחום אַריינגערוקט אין דער ישיבה און דאָרט אָנגעטראָפן חיים־יאָסלען, האָט זיך תיכף זיין קאָפּ איינגעזונקען אינצווישן די כאַלאַט־אַקסלען, אַט פונקט ווי בעת דאָס וויבס קללות, און זיך אָפּגעטראָגן ווי אַן אָפּגעבריטער. שטילערהייט, אויפן אויער, פלעגט אונז תנחום זאָגן: „איר קענט לערנען תלמוד ווי גרויסע חכמים, אַ ברכה והצלחה זאָל רוען איבער אייערע נפשות מיט אַ רוח טהרה. אָבער ווען איר וואָלט זוכה געווען צו פאַרזוכן פון

*) נאָך די יאָרן פון שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען, וואַנדערונגען, אַרעסטן (און נאָך ערגערס) האָט די דאָזיקע איינציקע געהיימע ישיבה אין יענעם לאַנד געפונען אין די מלחמה־יאָרן אַ מער־ווייניק רואיקערן ווינקל אין דער דאָזיקער אַזיאַטישער שטאָט.

עץ־החיים, פון קבלה, וואָלט איר געהאַט השגה אין די פאַרהוילענישן פון דער נשמה, און דאַן וואָלט איר געזען, אַז אָט־דער חיים־יוסף איז רחמנא־ליצלן פון 'אַנדערן זייט', אַ טמא פון מעלה ביז מטה! טצו, טצו! קיין ריין שטיקל נפש ניטאָ — רחמנא יצילנו!"

חיים־יאָסל ווידער פלעגט זיך קאָכן: „איך זאָג אייך, אַז ער איז ניט פשוט אַ משוגענער! ער איז אַ כיטרער פאַרפירער! אַ פאַלשער!" האָבן מיר, אינגלעך, אויך חיים־יאָסלען ניט פאַרשטאַנען: דאַכט זיך אַזאַ אָנגעלערנטער מיט תורה, און אַ ידען אין וועלט־זאַכן — און דאָ האָט ער זיך פאַרלוירן און גערעדט מיט אומפאַרשטענדלעכן האַס. בעיקר האָט ער געשאָטן „פעך און שוועבל" ווען מיר אינגלעך פלעגן נעמען ריידן וועגן „קבר דניאל". ער פלעגט דאַן אָנוואַרפן צענדליקער ראיות פון ספרים און אַפילו פון גויאישער היסטאָריע: עס קען בשום־אופן ניט זיין געמאָלט, אַז דער קבר פון דניאל איש חמודות זאָל זיך געפינען אַרום סאַמאַרקאַנד. אָבער מיר, אינגלעך, האָבן סייווי אויסגעקוקט אויפן פאַסיקן מאָמענט צו באַזוכן „קבר דניאל".

האָבן מיר אין אַ הייסן תמוז־טאָג זיך אַרויסגעלאָזט צו יענעם היסטאָרישן אָרט. פאַרשטייט זיך, אַז תנחום איז געווען אונזער פירער. ער האָט זיך בפירוש אָפּגעזאָגט פון צו נעמען אַפילו אַ קאָפּיקע דערפאַר: „ביי אייך וועל איך נעמען אַ פרוטה? חס ושלום!" אָבער זיין צעשיינטער פנים האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס פירן אַ חברותא ישיבה־בחורים צום דאָזיקן הייליקן אָרט איז פאַר אים דאָס העכסטע לוין.

ג.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט צווישן מדבר'דיקע וויסטענישן, קרישלדיקע בערגלעך און עקשנות'דיק־האַרטע שפּראָצונגען פון אַ טונקל־געלבלעכן קאָליר. די איבערגעברענטע לופט האָט זיך געלייגט גערדיכט־קלעפּיק, ווי די העל־צעגליטע זון־שטראַלן וואָלטן געוואָרן איבערגעסמאָליעט, און האָבן באַשווערט און געשטיפּט די אויגן־דעקלעך. וואו ניט וואו איז פון די זייטן אונז אַנטקעגנגעקומען אַ צעגרינטער נידער, מיט אַ פאָר ערדענע שטיבלעך, וואָס האָבן זיך זשעדנע געטוליעט צו אַ פירקאַנטיקן „כאַוז" (וואַסער־סאַזשלקע), וואָס האָט געשפּיגלט מיט טונקל־גרינער פרישקייט. אונזערע אויפשטויבנדיקע טריט האָבן געשטערט די גליווערנדיקע שטילקייט, וואָס האָט געמאַכט שלעפעריק יעדן לעבעדיקן וועזן. אָבער דאָס מאָל האָבן מיר זיך ניט „אונטערגעגעבן" דעם וויאַלעדיקן־פוילן אַרום. תנחום האָט זיך געטראָגן מיט פלינקע און לעבעדיקע טריט, מיט צעשפרייטע פאָלעס אויףביידע זייטן — ווי צענומענע פלאַטערנדיקע פליגל פון אַ גרויסן פויגל — און אַלע ווײַלע געשטרעקט זיינע הענט צום הימל. זיינע רייד האָבן געשטראָמט מיט אַ זאַפטיקן פליסטער פון אַ נאַכטיקן „אַריק" (לויפנדיק וואַסער), אָט פונקט ווי ווען אַ געהיים־באַשוואוירענעם קוואַל איז געגעבן געוואָרן רשות צו אַנטפלעקן זיך.

„...און איך האָב בקבלה ווי אַזוי דער זכות איז אונז געקומען צו האָבן דעם קבר אין אונזער נאָענטקייט. ס'איז אַ מעשה פלא! נסי נסים! גלייך ווען דניאל הצדיק הקדוש שבק חיים (נפטר געוואָרן), האָבן צוויי לענדער געפירט מחלוקת וואו ער זאָל נקבר ווערן. האָט זיך איין מדינה געשטאַרקט און אים מקבר געווען אין זייער רשות. השי"ת האָט דאָרט יענעם לאַנד געבענטשט מיט אָן אַ שיעור שפע פון ברכה והצלחה: די ווייץ זיינען געוואַקסן גרויס ווי פאַסאָליעס; וויינטרויבן ווי פויסטן; קי האָבן געגעבן גרויסע פולע לאָגלען מילך; קיין פרוי האָט ניט מפיל געווען און זאַטקייט און שלום האָבן גערוט אין די הייזער פון אחינו בני ישראל. האָט די צווייטע מדינה עס ניט געקענט פאַרטראָגן. קנאה איז ביטער ווי דער גיפט־טראָפּן פון מלאך־המות. האָבן זיי איין אײנער אַ נאַכט אַרויסגעגנבעט דעם ארון פון דניאל און אים מקבר געווען אויף זייער זייט. צוויי מאָל האָט מען געביטן און געשטערט די רו פון הייליקן מענטש. אַוודאי האָט דאָס ר"ל געקענט ברענגען אַ גרויסע צרה אויף די צוויי מדינות, אָנשטאָט ברכה. די מחלוקת איז געווען גרויס. ביז השי"ת האָט רחמנות געהאַט אויף זיינע אָרעמע שעפעלעך, וואָס האָבן געמיינט גוט, און זיי געשיקט דעם חכם מר רב ספרא. ער האָט מיטן ריינעם גייסט פון זיין חכמה געגעבן די ריכטיקע עצה. רוח הקודש האָט געשטראַלט פון זיין הייליק פנים. האָט ער אַזוי געזאָגט: די גרענעץ צווישן אייערע צוויי לענדער איז דאָך דער טייך 'זאַרמיש'. אָבער דער טייך געהערט דאָך צו ביידע זייטן. טאָ זאָל מען דעם טייך אַרומגראָבן און שטאַרק פאַרברייטערן אויף אַ שטח פון פופציק איילן. און זאָל מען אין מיטן טייך אויפזאַמלען ערד און אויפשיטן אַן אינזל — גענוג פאַר דעם גרויסן און הייליקן ארון. און זאָל מען אַרומנעמען דעם אינזל מיט גרויסע שטיינער און דעם ארון פאַרגיסן מיט אַ מויער פון קאַלך און באַהאַלטן אים אויף דעם אינזל... און השם יתברך וועט ווייזן זוער פון די צוויי זייטן וועט האָבן דעם זכות אַז דער דאָזיקער צדיק זאָל רוען אויף זייער נחלה...

„מיין רבי, חכם יחייא, ע"ה, האָט מיר מגלה געווען אַ סוד, וואָס אידן האָבן ניט געוואָלט מפרסם זיין צוליב כבוד פון בני ישראל: פונקט אַ חודש נאָך דער קבורה, אין איינער אַ חושכ'דיקער נאַכט, האָט דער טייך אויפגעהערט שטראָמען אויף ביידע זייטן אינזל.

וויפל די אידן פון צווייטן לינקן זייט האָבן ניט פאַרטיפט דעם אויסגעטריקנטן 'אָרעם' פון דער טייך אויף זייער זייט — האָט עס ניט געהאָלפן. דער צדיק דניאל האָט אויסגעקליבן אונזער רעכטע זייט און האָט ניט געוואָלט אַז דאָס וואַסער זאָל צווישן אונז מפסיק זיין... און ווען צייטן זיינען געקומען און אַוועק, איז אויף אונזער זייט אויפגעקומען די גרויסע און חשובע קהילה פון סאַמאַרקאַנד. יענער זייט איז געוואָרן וויסטער, וויסטער און געבליבן איז נאָר אַן אָנדענק פון זייער אידישער קהילה..."

זיינע רייד האָבן אונז פאַרשלונגען און מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט פונעם „קבר". אַרומגענומען מיט אַזויפיל אָנגעשטעלטע אויערן און אויפגעריסענע אויגן, האָט תנחום דערשפירט, אַז פאַר די דאָזיקע תלמידי־חכמים מעג ער אַנטפלעקן נאָך אַ געהיימניש. פון ווייטן האָט זיך שוין געזען דער טייך און ניט ווייט פון אים, אויף אַ בערגל, איז געשטאַנען אַן „אוהל" געמויערט פון גרוילעכע גרויסע שטיינער. האָט אונז תנחום האַסטיק אָפגעשטעלט מיט אַ שאַרפן אַראָפלאָז פון דער האַנט: „איך וויל אייך איבערגעבן אַ סוד. אָבער עס מוז בלייבן ביי אייך פאַרהוילן. ער טאָר ניט אַריינפאַלן און ווערן באַוואוסט צו טמא'דיקע הערצער. די גרויסע ברכה פון קבר דניאל איז בעוונותינו הרבים פון אונז צוגענומען געוואָרן. אָבער ניט אינגאַנצן. קדושה לאָזט אַ רושם אויף אייביק — אַזוי וויסן יודעי חן. איז דאָ געשען אַ צמצום: די ברכה ווערט אַנטפלעקט נאָר אין איין מינוט — ביי חצות לילה. אָבער פריער מוז מען זיך טובל זיין אינעם קוואַל וואָס אונטערן קבר, מכוון זיין הייליקע כוונות און דערנאָך ליגן בהשתטחות (אויסגעשפרייט) צוקאָפנס פונעם קבר די גאַנצע שעה פון נאָך האַלבער נאַכט. דאַן קען מען בעטן וואָס מ'וויל — און השי"ת וועט תיכף אַלץ ממלא זיין. אָבער וויסן זאָלט איר, איר חסידים וישרים, אַז דאָ שטעקט אויך אַ גרויסע סכנה... איך אַליין האָב ניט געפילט ראוי צו טאָן דאָס... זאָלט איר למען השם גוט מכין זיין זיך און פרעגן אייער חכם און צדיק, אידער איר גייט צו טאָן אַזאַ פאָרכטיקע מעשה..."

אונז האָט זיך שוין געדוכט, אַז מיר זיינען עפעס אַריבערגעשפרונגען צייטן און שטחים; גלייך ווי מיר געפינען זיך ערגעץ על „נהרות בבל" און אַז אָט־דאָ, אין דער מיסטיש־שווייגנדיקער וויסטעניש, שוועבן די גייסטער און נשמות פון דניאל און זיינע חברים. דער טייך האָט שטיל געזשומעט מיט אַ העט־ווייטן געמורמל; די איינצלנע איינגעבויגענע ביימער האָבן אויסגעזען ווי זיי האַלטן אינמיטן אַ פאָרכטיקן תפילה־קניען, האַלב־איבערגעבויגן מיט דאַרע רוקנס איבערן טייך; דער אוהל־מויער האָט געטורעמט מיט אַ ניט־די־וועלטיקער גליווערניש און באַשטענדיקייט. אַפילו דער עלטערער אוזבעק לעבן דעם „מזבח" (מ'האָט אונז שפעטער דערציילט, אַז אויפן דאָזיקן „מזבח" האָבן אַמאָל די מוסולמענער געבראַכט קרבנות לעבן „קבר דניאל") האָט אויסגעזען ווי דאָס וואָלט דאָ אַהער זיך אַרונטערגעלאָזט איינער פון יענע אַמאָליקע ישמעאלים וואָס בראָדזשען איבער די חורבות פון יהודה...

ביים ברעג פון „אוהל", צום טייך־צו, איז דאָס בערגל געווען אָפגעריסן; און דאָרט אונטן האָט זיך געפונען אַ הייל־אַריינגאַנג צום פינסטערן און אייז־קאַלטן קוואַל. זיכער זיינען מיר דאָרט ניט אַריין. אָבער גע'טובל'ט האָבן מיר זיך יאָ — אינעם דערבייאיקן טייך. נאָך אַ ווייל פאַרשווינדן — ווי ער וואָלט ממש אויסגעוועפט געוואָרן אין דער לופט — האָט תנחום מיט הייס־דבקות'דיקע אויגן אונז אַריינגעפירט אינעם געמויערטן אוהל. די שטיינערנע ווענט זיינען געווען באַשריבן מיט אָן אַ שיעור נעמען פון באַזוכער (ס'איז געווען קענטיק, אַז אַ סך יאָרן צוריק איז עס געווען אַ פאַרמאַכטער אוהל, וואו מ'האָט ניט געקענט אַריינקומען; שפעטער האָט מען דורכגעבראָכן טירן פאַר באַזוכער). נאָר דעם שטאַרקסטן רושם האָט געמאַכט דער קבר אַליין: די לענג פון אַרום דרייסיק טריט, עטלעכע טריט די ברייט, ווי אַ לאַנגער שמאָלער קאַסטן פון ווייסן קאַלך, פאַרקיילעכדיקט פון אויבן מיט אַ שפיץ. „צו קאָפנס" — אַ פירקאַנטיקער שטיין מיט אַ שפאַלט. „אָט דאָ אין דער שמאָלער עפענונג" — האָט תנחום געזאָגט — „קען יעדער אויסגיסן זיין האַרץ, די בקשות פאַרשרייבן אויף אַ פאַפיר און אַריינשטעקן דעם פאַפיר אין אָט־דעם שפאַלט — און ער, דער צדיק, וועט אַרויפטראָגן די תפילות פאַר דעם כסא הכבוד".

ד.

צערירט ביז די טיפסטע טיפענישן, זיינען מיר פאַרפלאַמטע געווען גרייט צו שרייבן „פדיונות", פראַוועין „השטתחות" און וואָס ניט! תנחום אַליין איז געשטאַנען צוקאָפנס; די הענט מיט ציטערדיקע פינגער האָבן געהויערט איבערן גרויסן שטיין; זיין קאָפ פאַרהויבן און די אויגן פאַרקאַטשעט מיט די שוואַרצאַפלען אַרויף־צו, הינטער די וויעס. נאָר די ווייסלען האָבן זיך געזען און אימה'דיק געהוילט. איז פלוצלונג, ווי אַ דונער אין אַ העלן טאָג, אָנגעלאָפן מיט שטורעם חיים־יאָסל — אַ פאַרשוויצטער, מיט צעפינקלטע אויגן, צעכראַסטעטע פיאות און מיט דער קאַפאָטע פאַרוואָרפן איבער דער פלייצע. עד היום ווייס איך ניט פונוואַנען ער האָט דערשמעקט אונזער פלאַן צו באַזוכן דעם „קבר דניאל" און ווי אַזוי ער האָט באַוויזן אַריינצוטרעפן פונקט אין צייט. ער האָט אונז אַלעמען באַגאָסן

מיט אַזאַ טראָציקער שפּאָטיקייט, וואָס האָט אונז געמאַכט פילן אַ קאַלטן פּאָדעם איבערן רוקן. ער האָט אויסגעצויגן די קאַפּאָטע זיינע און מיט אומגעדולדיקע הענט גענומען שלעפּן פון אַ קעשענע עפּעס אַ צוזאַמענגעלייגטן בויגן פּאַפּיר:

„געוואַלד! וואָס טוט זיך מיט אייך? איר, די געציילטע העלדן פון תורה און אידישקייט אין גאַנץ רוסלאַנד, איר זאָלט זיך לאָזן אַזוי אָפּנאַרן!...״

פון זיין אָנלויף און פון זיינע היץ־רייד איז תנחום תחילת געבליבן פאַרשטיינערט. ער איז געוואָרן שטאַרק בלייך, געפינטלט שרעקעוודיק מיט די אויגן און מיט די הענט אַרויסגערוקט פאָרויס, ווי ער וואָלט אָפּגע־שטופּט פון זיך עפּעס אַ בייזע צוטשעפּעניש. דערנאָך האָט ער זיך געגעבן אַ ריס, מיט איין האַנט אָנגעוויזן אויפן קבר און מיט דער צווייטער געטיקעט אין דער זייט פון חיים־יאָסל: „צא טמא, צא טמא!״ אַזוי היסטעריש איז געווען זיין קול, אַז חיים־יאָסל האָט זיך שנעל אַ צי־געטאָן אויף הינטער. אָבער באַלד האָט חיים־יאָסל אַרויסגעשאָסן אַ קייקלדיק־נערוועאישן געלעכטערל, אַ טרייסל געטאָן מיטן פּאַפּיר פאַר תנחומ׳ס אויגן און אויסגעשריען:

„נאַ, קוק! דו משוגענער און עם הארץ! נאַ, זע, אויב דו קענסט לייענען רוסיש... אָט־דאָס איז אַ דאָקומענט פון דעם שטאָטישן ׳קולטקאָם׳, וואָס פאַרנעמט זיך מיט היסטאָ־רישע פּלעצער... לייען! זיי האָבן פּיינט אידן פּונקט ווי, להבדיל, מוסולמענער — אָבער זיי זאָגן קלאָר, אַז דאָס איז די מצבה פון איינעם אַ מוסולמענישן גלח, וואָס האָט גע־הייסן ׳דניאל׳...״

ער האָט ווייטער געשאָטן מיט רייד צו אונז, צו תנחומען. מיר האָבן אָבער קוים געהערט. צעמישט, צעטרוישט, האָבן מיר אי געוואָלט אַנטלויפן און אי זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. אין האַרצן האָב איך געפילט, כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, אַ מאָדנע קלעמעניש, ביז צום טרערן־אָנקום. תנחום האָט בעת־מעשה פאַרשטעקט די אויערן מיטביידע וויַיז־פינגער פון די הענט און זיך אַ צי געטאָן צו אונז — וואָס האָבן זיך דערווייל צונויפ־געקאָרטשעט אין איין ווינקל:

„זאָגט, שרייט, הייליקע תלמידי־חכמים! שרייט אים אין פּנים אַריין, אַז ער איז אַ טמא! אַז ער איז כולו שקר! זיין מויל זאָגט ניט אַ וואָרט אמת! התעוררו, איר ריינע נשמות״. אָבער מיר זיינען געבליבן שטיל. עפּעס האָט דאָך אונז אַפילו פריער געקלאַפּט ס׳האַרץ: זאָל, ממש לעבן אונז, טאַקע זיין דער קבר פון דניאל איש חמודות? מיר האָבן זיך אָבער געלאָזט איינגלויבן... טאָ וואָס קענען מיר איצט זאָגן? האָבן מיר שטום געדוקט זיך צו די טירן און תנחום האָט אונז באַ־גלייט מיט תחנונים־צאַפּלדיקע ליפּן און מיט אויגן וואָס זיינען אַלץ מער אָנגעלאָפן מיט וואַנזיניקער שרעק: „איר האַלט מיט אים?! איר אויך! איר זייט מודה צו אים! איר...״

בלויז חיים־יאָסל און נאָך אַ אינגל זיינען פאַרבליבן אין „אוהל״, ווען תנחום האָט זיך אונטערגעבראָכן — מיט אַזאַ פּלוצימדיקייט, ווי אַ זייל וואָס ווערט אונטערהאַקט פון אַ מעכטיקן דונער־קלאַפּ. ער איז געפאַלן מיט אַ טיפן געוואָי אויפן גרויסן צוקאָפּנס־שטיין. זיינע הענט אַריבערגעוואָרפן איבער דעם ווייס־קאַלכיקן קבר און מיט זיינע כאַלאַט־פּאָלעס צעשפּרייט איבערן פּירקאַנטיקן גראַניט־שטיין — האָט ער דאָס מאָל אויסגעזען ווי אַן אונ־טערגעשאָסענער פויגל מיט אומבאַוועגלעכע, צעצויגענע פליגל־שפּיצן...

חיים־יאָסל האָט אַרויפגעכאַפּט די קאַפּאָטע, זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און זיך ווידער אומגעקערט מיטן פּנים צו תנחומען. חיים־יאָסל׳ס פּנים האָט זיך דאַן פּלוצים פאַרצויגן מיט אומבאַקאַנטן און דערשטוינטן צער: שוין צופיל! ער האָט זיך דערויף ניט גערעכט. האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צוריק און געפּרואווט ריידן צו תנחומען, בעטן מחילה. אָבער וואָס מער ער האָט גערעדט — אַלץ שטאַרקער און ווייאיקער איז געוואָרן תנחומ׳ס בכי׳. אויך אונזערע רייד האָבן ניט געהאָלפן. תנחום איז געבליבן איינגעקלאַמערט אינעם שטיין — און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ניט בלויז תנחום וויינט; עס וויינט אויך דער גרויער שטיין מיט אַ טיפער, לאַנג־דויערנדי־קער און פאַרשטיקטער קבר־יללה.

חיים־יאָסל איז אַוועק. תחילת פּאַמעלעך, דערנאָך מיט שנעלע טריט. מיר, אינגלעך, זיינען פאַרבליבן וואַרטן, לעבן טייכל, אויף תנחומען. מיר האָבן זיך אָבער ניט דערוואַרט. ביים זון־פאַרגאַנג זיינען מיר ווידער אַריין רופן תנחומען. ער האָט ניט מער געוויינט און ניט מער געלעגן אויפן שטיין. ווי אַן אָקאָרשטיק־געוואָרענער אָבל איז ער געזעסן אויף דער ערד, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט און אָנגעלענט מיטן עלנבויגן אין דעם לאַנגן קבר.

מיר האָבן גערעדט, גע׳טענה׳ט, געבעטן זיך מיט תחנונים — תנחום האָט ניט גע־ענטפערט. בלויז געקוקט פאַרשטיינערט אין חלל פאַר זיך. מיר זיינען אַוועק אָן תנחומען און דער צוריק־וועג איז געווען אָנגעלאָדן מיט אומהיימלעכער שווייגעניש, אָפּגעריסענע רייד און מיט גרוי־פאַרכמורעטן זון־אונטער־גאַנג. תנחום האָט דאָרט גענעכטיקט — און, ווייזט אויס, אַז ער האָט באַשלאָסן אין זיין

(פאָרזעצונג אויף זייט כד)

גערעכטע טענות פון דרום אמעריקאנער אידן

(רייזע איינדרוקן)

הרב י. וויינבערג ●

מיט אַ צייט צוריק האָט אַ חשובע פערזענלעכקייט, אַ צענטראַלע עסקנישע פיגור אינעם פרומען אידישען ציבור־לעבן אין ארץ־ישראל, זיך געווענדעט צו דעם רבי׳ן שליט״א און אים געבעטן אַרויסזאָגן זיין מיינונג בשייכות צו אַ וויכטיקן כינוס: צו וועלכע פּראָבלעמען זאָל געשענקט ווערן די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט; וועלכע פראַגן פאַרדינען צו שטיין די ערשטע אויפן סדר־היום פון דעם כנוס? אין דעם ענטפער האָט דער רבי שליט״א אָנגעצייכנט אייניקע גאָר וויכטיקע פונקטן, צווישן וועלכע דער ערשטער אויפן סדר־היום דאַרף זיין: דאָס זאָרגן פאַרן חינוך וואָס נאָך דער עלעמענטאַר־שולע עלטער; אַז אויסער די רעליגיעזע חינוך־מוסדות פאַר די יאָרן פון דער עלעמענטאַר־שולע, זאָלן אויך געשאַפן ווערן מערערע ישיבות און מוסדות חינוך פאַר מיידלעך, וועלכע זאָלן זיין ביכולת אויפצונעמען די אַלע קינדער וואָס ענדיקן די עלעמענטאַר־שולעס. דער צווייטער פונקט אויפן סדר־היום דאַרף זיין: צו שיקן פרומע מחנכים אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער..

מיט אייניקע מאָנאַטן צוריק בין איך געווען אויף אַ באַזוך אין די צוויי גרעסטע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, אַרגענטינע און בראַזיל. איז מיר אויסגעקומען פון דער נאָענט צו זען און הערן ווי שאַרף־דרינגענדיק אָט־די פראַגע איז פאַר דעם אידישן ישוב פון יענע לענדער, גאָר באַזונדערס אין אַרגענטינע. איך צווייפל צי עס איז דאָ נאָך אַ אידישער ישוב וואָס ליידט פון אַזאַ שטאַרקן מאַנגל אין רעליגיעזע מחנכים ווי דער אידישער ישוב אין אַרגענטינע.

אַ ישוב פון בלי עין־הרע נאָענט צו אַ האַלבן מיליאָן אידן, כן־ירבו, פאַרמאָגט בלויז געציילטע תורה־מוסדות, וואָס אַ הייפעלע אידן האָט זיי אויפגעשטעלט מיט גרויס מסירת־נפש און האַלט זיי אויף מיט אויסערגעוויינלעכער עקשנות, ניט האָבנדיק די נויטיקע מחנכים פאַר אָט־די מוסדות.

די דאָזיקע מסירת־נפש׳דיקע חינוך־עסקנים פון אַרגענטינע בעטן זיך, טענה׳ן און מאָנען: פאַרוואָס האָט מען אין אונז פאַרגעסן אין אַמעריקע? און פאַרוואָס דערמאָנט מען זיך נישט וועגן אונז אין ארץ־ישראל?

מיט וואָס זיינען מיר ערגער — טענה׳ן זיי — פון אידן אין מאַראָקאָ, וואו ליובאַוויטש האָט געשאַפן חינוך־מוסדות פאַר טויזנטער קינדער און האָט אַהין געשיקט מחנכים? פאַרוואָס האָבן מיר ניט דעם זכות פון אויסטראַליע, אָדער לכל־הפחות פון אַ קליינעם ישוב ווי מילאַן אין איטאַליע, וואו ליובאַוויטש האָט געשיקט שלוחים און דאָרט געמאַכט אויפבליען אין אַ קורצער צייט מוסטערהאַפטע תורה־מוסדות?!

די מאָנונגען פון „אחינו שבדרום״ ווערן נאָך ערנסטער ביים נעמען אין אַכט די קוואַליטעט פון די אידישע קינדער און יוגנטלעכע אין יענע לענדער: א) זיי פאַרמאָגן די אייגנשאַפט פון תמימות און ערנסטקייט — דער בעסטער חומר אויפצונעמען די צורה פון אַ שלימות׳דיקער תורה־דערציאונג. ב) זייער שטאָלץ ווי אידישע קינדער, וואָס מען מערקט אויף טריט און שריט.

עס איז כדאי דאָס צו אילוסטרירן מיטן פאָלגנדיקן עפּיזאָד, וואָס ס׳האָט מיר דערציילט אַ איד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל: זיין זון, אַ יונגער דערפאָלגרייכער אַדוואָקאַט, האָט געהאַט אַן „אַרגומענט״ מיט אַ בראַזיליאַנער ניט־אידישן אַדוואָקאַט. אין סאַמע היץ פון דעם שאַרפן איבעררייד האָט דער בראַזיליאַנער אַדוואָקאַט אַ זאָג געטאָן צום אידישן: „דו דאַרפסט דאָך פאַר מיר האָבן דרך־ארץ, ווייל איך בין אַ בראַזיליאַנער פון דריי הונדערט יאָר!״ באַטאָנענדיק דערמיט זיין יחוס־אָפּשטאַם ווי אַ בראַזיליאַנער פון דורי־דורות. ענטפערט אים דער אידישער יונגערמאַן: „ניין, פאַרקערט, דו דאַרפסט האָבן דרך־ארץ פאַר מיר! איך בין אַ איד פון דריי טויזנט יאָר!״ דאָס וואָס אַ אידישער פראָפעסיאָנאַל, אַ געבוירענער אין בראַזיל, שטאָלצירט מיט זיין דריי־טויזנטיאָריקן אידישן יחוס, און דעמאָנסטרירט עס פאַר דער בראַזיליאַנער אַדוואָקאַטן־קאַמער

— דינט ווי אַ מוסטער פאַר צאָלרייכע אידישע יוגנטלעכע אין יענע לענדער. וואָלטן זיי געהאַט דעם געהעריקן יהדות׳דיקן חינוך, וואָלטן זיי דאָך אויך שטאָלצירן מיט זייער אידישקייט.

געוועזן אַ צייט, וואָס בכדי צו זיין אַ רעליגיעזער מחנך אין יענע לענדער האָט זיך געפאָדערט אַ היפּשע קרבנות־גרייטקייט אויף דעם מאַטעריעלן געביט. דאָס געהאַלט פון אַזאַ מחנך איז געווען קליין; אויך די מערכה פון אַ שוחט אָדער מלמד איז אין אַלגעמיין געווען אַ נעבעכדיקע. היינט אָבער איז דער מצב אינגאַנצן אַנדערש. די חינוך־עסקנים אין דרום־אַמעריקע זיינען גרייט צו באַזאָרגן דעם מחנך מיט אַ פיינער אויסקומעניש; און בכלל איז איצט דאָרט אַ כלי־קודש אין אַ בעסערער פּאָזיציע, ווי למשל, אין ארץ־ישראל, און אין אַ געוויסן זין אויך אַ בעסערע ווי אין צפון־אַמעריקע.

אַ פּאָר־פאָלק פון צפון־אַמעריקע, למשל, וואָס באַשליסן אָפּצוגעבן אַ פּאָר יאָר (לכל הפחות) פאַר חינוך אין דרום־אַמעריקע, קענען זיך דאָרט איינאָרדענען אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן; מיט אַזעלכע באַקוועמע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זיינען ניט צוגענגלעך אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן — אַדאַנק דעם נידעריקן פּרייז פון לעבנס־מיטלען און באַקוועמערע וואוינונגס־תנאים אין דרום־אַמעריקע. די פרוי האָט דאָרט אַ גוטע געלעגנהייט (צוליב די ביליקע „הענט״ פאַר הויזאַרבעט) אָפּצושפּאָרן אַ סך פון איר צייט לטובת חינוך פון אַנדערע קינדער און אויך ... פון אירע אייגענע.

איך האָב פאַר זיך געהאַט אַ מוסטער פון אַזאַ פּאָר־פאָלק אין בראַזיל: הרב ש. א. און זיין פרוי. זיי זיינען אַהין געקומען אין שליחות פון דעם רבי׳ן שליט״א, און זיינען ביידע מחנכים אין אַ מוסד חינוך אין סאַן־פּאַולאָ. איז געווען אַ נחת צו זען ווי גליקלעך און צופרידן זיי זיינען בגשמיות וברוחניות, און ווי באַליבט און געאַכטעט זיי זיינען אין שטאָט. זיי טוען אויף זייער אַ סך, ניט בלויז אויף זייערע חינוך־אַמטן, נאָר אויך אויף פיל אַנדערע געביטן פון רעליגיעזן אידישן לעבן. די פרויען־גרופּע, אין גייסט פון נשי ובנות חב״ד — וואָס די פרוי א. האָט געשאַפן — האָט איינגעאָרדנט שטענדיקע שיעורים פון לימוד היהדות און באַזונדערס די ענינים וואָס זיינען נוגע אידישע פרויען. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג אין גאָר אַ סך אידישע הייזער. ווי הרב א. אַליין האָט מיר באַמערקט, קען ער זיך בשום־אופן ניט פאָרשטעלן אַז דאָס וואָלטן זיי געקענט דערגרייכן אין ניו־יאָרק, אָדער וועלכער עס איז אַנדערער שטאָט אין צפון־אַמעריקע, און דאָס — סיי אין מאַטעריעלן און סיי אין גייסטיקן זינען.

אין ליכט פון דעם אויבן־געזאָגטן, האָב איך ווירקלעך גישט געהאַט קיין באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף די גערעכטע טענות פון די טייערע אידן אין יענע לענדער: הלמאי ס׳קומען גישט צו זיי קיין פרומע מחנכים? זיי זיינען דאָך אַזוי לעבנס־וויכטיק פאַר דעם דאָרטיקן אידישן ישוב! אמת, ווי אַ טיילווייזע תשובה אויף זייער טענה, אַז מען האָט אין זיי פאַרגעסן, האָט מיר געדינט דער ענטפער פון רבי׳ן שליט״א, וואָס באַווייזט אַז אין דער גרויסער זאָרג און באַזאָרג פון דעם רועה ישראל פאַרן כלל ישראל איז אויך איינגעשלאָסן דער אידישער ישוב פון דרום־אַמעריקע; און איך האָב אויך געקענט אָנווייזן אויף דעם פאַקט, אַז צווישן די פיל תלמידים, וואָס זיינען געפאָרן פון דרום־אַמעריקע אין די ישיבות פון די פאַראייניקטע שטאַטן און ארץ־ישראל, זיינען די ליובאַוויטשער תלמידים די יעניקע וואָס גיבן זיך אָפּ מיט הרבצת התורה אין יענע לענדער — צי דער מוסד חינוך איז אַ ליובאַוויטשער אָדער אַן אַנדערער מוסד חינוך ביראת שמים; אָנצייגן האָב איך אויך געקענט אויף די גרויסע דערגרייכונגען פון דעם חשובן עסקן הרב ב. וואָס גיט אַרויס פיל פון די אויסגאַבעס פון „מרכז לעניני חינוך״ אין שפּאַניש (די שפּראַך פון די מערסטע דרום־אַמעריקאַנער לענדער), וואָס אָט־די תורה־און־חסידות־ליטעראַטור קומט אַריין און באַלייכט מיט יהדות־ליכט אַ סך טויזנטער אידישע היימען דאָרט — ס׳רוב ווי דער איינציקער קוואַל פון אידישקייט־ידיעות פאַר די קינדער פון יענע הייזער — איז דאָס אַלץ טאַקע ריכטיק און אמת.

און טראָץ דעם אַלעם פאָדערט נאָך זייער טענה אַ פולע און צופרידנשטעלנדיקע פאַרענטפערונג, וואָרום יעדער טאָג וואָס גייט אַוועק אָן דער נויטיקער צאָל רעליגיעזע מחנכים — איז אַ ניט־דערזעצבאַרער פאַרלוסט.

זייער אידיש־האַרציקע און טיף־גערעכטע בקשה: קומט ראַטעווען פיל טויזנטער אידישע קינדער פאַר תורה־אידישקייט! מוז מען באַוויליקן און זיי אַנטקעגנקומען מיט פּראַקטישע מעשים — מיט מחנכים וואָס זיינען באַזעלט מיט אַ גייסט פון וועלן אויפטאָן אויף אַ גרעסערן פאַרנעם אינעם געביט פון תורה־חינוך; און ענטפערנדיק דעם רוף פון די דרום־אַמעריקאַנער אידן, וועלן זיי טאָן אַ טובה ניט בלויז יענע אידן, נאָר אויך זיך אַליין; און ניט בלויז ברוחניות, נאָר אויך בגשמיות.

היסטאָריע אין די ביכער
און היסטאָריע אין לעבן

ד״ר הלל זיידמאַן

דאָס איז פאָרגעקומען מיט הונדערט יאָר צוריק. ס׳איז באַקאַנט דער אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקן (אין 1861־63) קעגן דעם רוסישן צאַר, וועלכער האָט געהערשט איבער פּוילן. פּאָליאַקן האָבן געקעמפט כדי אַראָפּצוּוואַרפן דעם צאַרישן יאָך.

אויך געוויסע אידן האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד. ווייניק איז געווען זייער צאָל און קליין זייער אָנטייל. אָבער די רוסישע מאַכט האָט דעמאָלט אַרעסטירט דעם וואַרשעווער רב ר׳ בעריש מייזעלש (1870 — 1800), אונטערן חשד פון סימפּאַטיע מיט די אויפשטענדלער.

אַ העלדישער קאַמף אָדער — עלילת דם...

דער רב האָט גע׳טענה׳ט אויפן פּראָצעס, וואָס איז קעגן אים פאָרגעקומען, אַז די באַשולדיקונג איז אומבאַגרינדעט. אַ בלבול, ממש אַן עלילת דם. אין מיין אַרבעט „די געשיכטע פון דער וואַרשעווער קהלה״ (ניו יאָרק, 1964), איז אָפּגעדרוקט דער פּראָטאָקאָל פונעם פאַרהער, קאָפּירט פון דעם אַרכיוו אין וואַרשע. הגם ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז דער רב זאָל לייקענען אַ באַשולדיקונג פון מלוכה־פאַראַט, זעט מען אָבער, אַז די באַשולדיקונג איז פאַלש און די אָפּלייקענונג אמת.

פאַקטיש איז רבי בעריש מייזעלש טאַקע באַפרייט געוואָרן, און האָט ווידער איבערגענומען זיין אַמט אַלס רב פון וואַרשע. אָבער היות „ס׳האָט זיך געלוינט״ צו באַווייזן אידישן פּאַטריאָטיזם פאַר פּוילן — האָבן אידישע, און נאָך זיי טייל פּוילישע היסטאָריקער און סתם באַשרייבער, געשילדערט דעם רב אַלס העלדישן קעמפער פאַר פּוילנס פרייהייט (אונטער דער לאָזונג „פאַר אייערער און אונזערער פרייהייט!״). די אידישע אַסימילאַנטן, די „פּאָליאַקן פון משה רבנו׳ס גלויבן״, ווי זיי האָבן זיך גערופן, איז געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן, — און פאַרגרעסערן לאחר מעשה, — די אידישע באַטייליקונג אין פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863.

מיט דער צייט איז דער וואַרשעווער רב אויסגעוואַקסן אין די באַשרייבונגען צו אַ „פּוילישן נאַציאָנאַלן העלד״, צו אַן אָנפירער פונעם אויפשטאַנד. און כדי ער זאָל נישט בלייבן אַן איינצלנער העלד, נאָר זאָל געזען ווערן אַלס רעפּרעזענטאַטיווער פאָרשטייער פון פּוילישן אידנטום, זיינען אידן, בפרט אין וואַרשע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די שילדערונגען אין „העלדישע קעמפער פאַר פּוילנס פרייהייט״.

ווען פּוילן האָט מיט 3 יאָר צוריק געפייערט דעם הונדערטסטן יאָר זינט דעם דאָזיקן אויפשטאַנד — און אין דעם קאָמוניסטישן רעזשים איז, פאַרשטייט זיך, דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייטס־קאַמף קעגן רוסישער אָקופּאַציע פאַרוואַנדלט געוואָרן (ווידער אין די „היסטאָרישע פאָרשונגען״) אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע קעגן „אימפּעריאַליזם און קאַפּיטאַליזם״ — איז, אַ דאַנק די דאָרטיקע אידישע „היסטאָריקער״, דער וואַרשעווער רב געוואָרן אַ סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, און די פּוילישע אידן — אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן אימפּעריאַליזם און קאַפּיטאַליזם...

אַזוי זעט עס אויס אין די „באַשרייבונגען״.

דיווירקלעכקייט פון געשיכטע

ווי האָט עס אויסגעזען אין לעבן? ווי אַזוי האָבן באמת פּוילישע אידן געלעבט אין יענער תקופה?

אַ בליק אויף בלויז איין ווינקעלע וועט אונז געבן אַ בילד פון דער דעמאָלטיקער אידישער ווירקלעכקייט, ווי אַ בליץ באַלייכט ריזיקע שטחים. דאָס „ווינקעלע״ זיינען די אידישע דרוקערייען פון ספרים. (ס׳איז כמעט נישט געווען קיין אַנדערע אידישע דרוקערייען).

אין סאַמע מיטן שטורם פון די פּוילישע מלחמות, אין יענע זעכציקער יאָרן פונעם פריערדיקן יאָרהונדערט, האָבן אידן געהאַט זייערע אייגענע „מלחמות״. נעמלעך, צווישן די דרוקער און אַרויסגעבער, און זייערע קליענטן און אָנהענגער. ס׳האָבן, נעמלעך, קאָנקורירט דעמאָלט אַזש 4 פאַר־

לעגער וואָס יעדער האָט געדרוקט אַ ש״ס אין איין און דער זעלבער צייט. און דרוקן האָט דעמאָלט געהייסן שטעלן אות צו אות, שורה צו שורה, אין מילביקער מי און מאַטערניש, וואָס האָבן גענומען יאָרן. מ׳האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט נישט בלויז פון אָפסעט און פאָטאָסטאַטס, נאָר אויך נישט פון לינאָטיפּן. מ׳האָט אויסגעזעצט די זייטן מיט דער האַנט, אויסשטעלנדיק אות צו אות.

די „מלחמה" צווישן פיר ש״ס׳ן־דרוקער

די פיר ש״ס׳ן זיינען געדרוקט געוואָרן דריי אין וואַרשע און איינער אין ווילנע, מיט אַלערליי מפרשים. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף, אָפט אַ פאַרביטערטער, צווישן די דרוקער, וואָס זיינען געווען אַליין די מו״לים, די פאַרלעגער („פּאַבלישערס") און אויך די מוכרי ספרים. איינער האָט ביים אַנדערן אַנטדעקט גרייזן און חסרונות און זיי מכריז ומודיע געווען דורך מודעות, פּלוג־בלעטלעך, פּאָסטערס.

די פיר ש״ס׳ן זיינען געווען: דער באַרימטער ווילנער ש״ס פון ראָם; דער ש״ס פון זוסמאַן יעבץ; די וואַרשעווער אויסגאַבע פון ש״ס פון יואל נעבענס, אין אַנטאַווע, 1867, און דער מאָנומענטאַלער ש״ס פון שמואל אָרגעלבראַנד, — דער גרעסטער אידישער דרוקער אין פּוילן, — וועלכער איז דערשינען אין די סאַמע אויפשטאַנד־יאָרן 1859־1864 (מיט דער הסכמה פונעם „חדושי הרי״ם").

אָרגעלבראַנדס ש״ס איז געדרוקט געוואָרן מיט וואונדער־שיינע, קלאָרע אותיות, אין פּרעכטיקן דרוק, אויף טייער פּאַפּיר, און איז פאַרקויפט געוואָרן אויפן סיסטעם פון אַבאָנענטן (פּרענומעראַנטן אָדער „סובסקרייבערס"). מ׳האָט זיי געקענט באַקומען אויסגעצאָלט אין באַקוועמע ראַטן.

טראָץ דער קאָנקורענץ פון די דריי אַנדערע דערמאָנטע ש״ס־אַרויסגעבערס, געדרוקטע אין דער זעלבער צייט, איז אָרגעלבראַנדס ש״ס געוואָרן אַ מין „בעסט־סעלער" — גאַנצע 12 טויזנט סעטס זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין אַ קורצער צייט! אָרגעלבראַנד האָט געמאַכט אַ פאַרמעגן פונעם ש״ס.

גמרא־אידן פינאַנסירן, נישט־ווילנדיק, פּוילישע קולטור

און דאָ קומט אַן אינטערעסאַנטער פּונקט, וואָס ווייזט דעם קולטורעלן ניווא פון אידן אין שייכות צו דער פּוילישער באַפעלקערונג. דער זעלביקער אָרגעלבראַנד האָט אויך אַרויסגעגעבן די ערשטע פּוילישע ענציקלאָפּעדיע א. נ. „ענציקלאָפּעדיאַ פּאָוושעכנאַ אָרגעלבראַנדאַ".

דאָס אַרויסגעבן די פּוילישע ענציקלאָפּעדיע האָט געעפנט אַ תקופה אין דער פּוילישער קולטור. (ווי למשל, די תקופה פון די „ענציקלאָפּעדיסטן" אין פראַנקרייך). זי איז געווען אין משך פון צענדליקער יאָרן, ביז אין די דרייסיקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, די איינציקע פּוילישע ענציקלאָפּעדיע.

ווי אַזוי איז די דאָזיקע גרעסטע אין איר צייט פּוילישע קולטור־אונטערנעמונג פינאַנסירט געוואָרן? דורכן ש״ס! אָרגעלבראַנד, ווי געזאָגט, האָט פאַרדינט ריזיקע רווחים פון ש״ס און געליטן ריזיקע היזקים ביי דער ענציקלאָפּעדיע. האָט ער מיט די רווחים פונעם ש״ס געדעקט די שאָדנס פון דער ענציקלאָפּעדיע!

אַזוי איז אויסגעקומען, אַז די גמרא־אידן האָבן, נישט־ווילנדיק, פינאַנסירט די פּוילישע קולטור!

פאַרשטייט זיך, אַז ווען אידן האָבן געקויפט ש״ס איז עס נישט געווען „לנוי", כדי צו באַשיינען דעם ספרים־שראַנק, נאָר צו לערנען. וואַרשע איז געווען אַ שטאָט פון לומדים.

אַ געשיכטלעכער עפּיזאָד מיט אַ מוסר־השכל אויף היינט

דערמיט זיינען אידן געווען פאַרנומען, — אין צוגאָב צום האַנדל־וואַנדל, צו זוכן פּרנסה, — בעת „די גוים האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך..." פאַרשטייט זיך, אַז דער וואַרשעווער רב איז נישט געווען קיין אויסנאַם, — און איך גלויב אים ווען ער טענה׳ט, אַז ער איז נישט שולדיק אין מורד זיין במלכות. ער איז געווען פאַרנומען מיט מלכות שמים פּונקט ווי אַ גרויסער טייל פון זיין קהלה קדושה.

פאַרשטייט זיך, אַז מ׳קען נישט פאַרגלייכן יענע תקופה מיט דער חורבן־צייט אונטער דעם דייטש, ימ״ש, — ווי קיין שום זאַך און קיין שום צייט קען נישט פאַרגלייכט ווערן מיט די רציחות פון די דייטשן, ימ״ש. אָבער דער אויבן־געבראַכטער עפּיזאָד ווייזט דעם מרחק צווישן באַשרייבונגען פון טענדענציעזע היסטאָריקער מיט זייטיקע כוונות און צווישן — דער ווירקלעכקייט. און דאָס לערנט אונז „עפּעס" אויף היינט...

נאַכטיקע טריט
(סקיצע)

● דוד זאַריצקי

— די נאַכט האָט שטילע טריט.

ווי אַ מאַמישער גלעט גייען זיי אין דער שטילקייט און פאַרמאַכן מידע אויגן, גיבן זעטיקע מילך אין קינדערישע מיילער, וויגן אַ בענקעניש וואָס האָט מורא זיך צו באַווייזן אין דער העלקייט.

און אַמאָל: קעציש, לויערנדיק, פאַרשלייערט זי פוסטע אויגן וואָס קוקן אַ לאַנגן טאָג און הוילן זיך אויס, שטייען זיי, די אויגן, נאַקעט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און וואַרטן פאַרמאַכט צו ווערן, אָבער נאָר אַ געלעכטער גייט זיי פאַרביי.

אַ נאַכטיקער געלעכטער, וואָס איז שטילער ווי אינעווייניקסטער געוויין.

אַ שטומעניש גייט אַראָפּ מיט דער נאַכט. צוגעלאָדנטע פענסטער שטומען זייערע סודות, אַן אויסגעהאָרעוועטע גאַס, וואָס ליגט צעשפּרייט, פאַרשוויצט, שמוציק און אָנגעבייזערט — רוט זיך אויס אין נאַכטיקע אָרעמס און די ביימער פון ביידע זייטן, ווי באַרעדעוודיקע ווייבער, האָבן מורא אויפצוהויבן דעם קול. גייט אַ שושקעניש אין דער נאַכט און קיינער הערט ניט די טריט פון דער נאַכט ווען זי דראַפּעט זיך אויף געזימסן פון פענסטער, ווען זי לויפט נאָך פאַרשפּעטיקטע, ווען זי וועקט אויף פרי־אויפשטייענדיקע.

זי האָט טריט ווי סאַמעט.

און ער האָט ניט געפילט ווי זי גייט נאָך אים נאָך; זי האָט ניט געלויערט, פשוט נאָכגעגאַנגען אויפצושמעקן דעם ריח פון זיינע טריט, וואָס זיינען אויך געווען שטיל, און זייער סאַמעט האָט געגלעט איר אַלטן פנים, נאַס פון טוי, צעקנייטשט פון לבנה'דיקן שיין.

אין אַ שמאָלער געסל פילט זיך די נאַכט בעסער, דאָרט איז זי דיקער, בכבוד'יקער. די לבנה, בטבע אַ צניעות'דיקע, רוקט זיך ניט צווישן די גרויע הייזער, און ווען די נאַכט איז אַריינגעגאַנגען, נאָך זיינע טריט, אינעם געסל, האָט זי זיך צע'חוצפּה'ט און אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן.

— סאַראַ שטילקייט — האָט זי געטראַכט.

איז זי נאָכגעגאַנגען נאָך אים אויף די טרעפּ, אַריינגערוקט זיך אין אַלע ווינקלען, צעשפּליטערט און בייגעריק — ווען ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט; אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַלד אַרויפגעלייגט דינע פינגער אויף זיין פּנים.

ער האָט געפילט אירע פינגער אויף זיינע אויגן; זיין קאָפּ האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אָבער די הענט, געוואוינט צו דעם, האָבן זיך אינסטינקטיוו גערוקט צום ספר, אים אויפגעעפנט און צוגערוקט צו די אויגן.

אָבער די נאַכט איז שוין דאָרט געווען פריער פאַר אים.

האָט זי זיך אַריינגעדראַפּעט צווישן די שורות, געטאַנצט לוסטיק איבער די קליינע קעפּלעך פון די אותיות, גערוקט אָן אות צו אַן אות, אַ שאָקל געטאָן דאָס ליכט, און ווען ער האָט צוריק אויפגעריסן די מידע אויגן, האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואָס איז געשען היינט מיטן ליכט, וואָס לייכט ניט, און די אותיות זיינען געוואָרן קלענער און די שורות — שמאָלער.

— האָט די נאַכט געלאַכט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַריין אין קיך, אָנגעגאָסן אַ גרויסן שאָפּ וואַסער און אַ פלויכע געטאָן אויפן קאָפּ. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אַ ווײַלע איבערגעשראָקן שטיקלעך נאַכט, זיי האָבן זיך, נאַס און ציטערנדיק פון קעלט, אַרונטערגעקייקלט אונטערן קראַן. אָבער ווען ער איז אַריין צוריק אין צימער, גענומען דעם

ספר, זיינען געקומען אַנדערע שטיקלעך, שוואַרץ, לעבעדיק, טאַנצנדיק און מיט הנאה זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן ספר, אויפן טיש, אויף די אויגן, אויף די הענט, זיך געקלאַמערט אָן יעדער פּינטל, געהאַנגען אויף יעדער האָר פון דער ברעם. און די אויגן האָבן זיך ווידער צוגעמאַכט.

— אָבער מען קען טראַכטן מיט צוגעמאַכטע אויגן.

— וואָס איז היינט עפּעס אַנדערש ווי אַלעמאָל, עס איז נאָך אַפילו ניט האַלבע נאַכט, אין אַלגעמיין לערנט ער נאָך אַ צוויי שעה, אָדער לפּחות אַ שעה. נ־נ־ניין!

— האָט זיך צעלאַכט די נאַכט. ניין?

האָט זיך דאָס ליכט נאָך מער פאַרטונקלט. ער האָט אויפגעריסן פאַרוואונדערטע אויגן און געקוקט מיט טענות אויפן ליכט, אָבער דעם נאַכטיקן געלעכטער האָט ער ניט געהערט און דאָס שמייכל פונעם ליכט האָט ער אויך ניט געזען.

און ער האָט אַליין ניט געפילט ווי די אויגן מאַכן זיך צו, ווי דאָס ליכט ווערט טונקעלער אַלץ מער און מער, אים האָט זיך געדוכט אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט אַז דער ספר פאַרמאַכט זיך אַליין, און די הענט ווערן שוואַך און פאַלן אַרונטער אויף די מידע פּיס...

— בלייבט ביי אים, האָבן נאַכטיקע טריט גערעדט שטיל־שטיל — די וועלט נויטיקט זיך אין זיין שלאָף...

* * *

...און ער האָט ניט געפילט ווי זי גייט נאָך אים פול מיט לויער, שאָקלט זיך מיט זיינע טריט, וואַרפט זיך אויף דער וואַנט, שפּאַרט זיך אָן כדי ניט צו פאַלן. זי איז געלעגן אונטער זיין פּלייצע, געטראָפּט מיט זיין שווייס אויפן שמוציקן טראָטואַר, געטרייסלט זיך צוזאַמען מיט זיינע צעשויבערטע האָר, פול געוואָרן מיט סליונע און מיט שטיקנדיקן ריח.

שטיל איז זי אים נאָכגעגאַנגען, אַרומגעהילט מיט שטילקייט, געהערט זיין קרעכצנדיקן געזאַנג, און ביידע האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם צעטומלטן געזאַנג. צי דאָס איז אַ ליד אָדער געוואַי.

אין דער שמאָלער געסל האָט זיך די נאַכט געפילט שטאַרקער, בכבוד׳יקער, האָט זי אים געפּרוווט אונטערהאַלטן, אָבער ער האָט איר אַ וויש געטאָן מיט ציטערנדיקע הענט, זיך אַ ליאַפּע געטאָן אויף דער טיר און ווען זי האָט זיך געעפנט — אַריינגעשטופּט שטיקער נאַכט צוזאַמען מיט זיין וואַקלדיקן קערפּער.

די טרעפּ האָבן געקרעכצט, און די נאַכט איז אים נאָכגעקראָכן ניט ווויסנדיק ווי צו שטעלן אירע טריט כדי ניט אַרויפטרעטן אויף אים.

ער האָט אָבער ניט געוואוסט אַז די נאַכט איז שוין דאָ, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין דער פינסטערניש פון אַריינגאַנג און זיך צעשריען. די נאַכט האָט זיך ניט דערשראָקן, די שכנים אויך ניט. זי האָט שוין אים געהערט, פונדעסטוועגן האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

— סאַראַ רייסעניש אין זיין הייזעריקער שטימע.

...דאָס ליכט האָט זיך געשאָקלט, האַ? ניין, דאָס האָט זיך די נאַכט צעשאָקלט צוזאַמען מיט אים, און דאָס ליכט האָט זיך צוזאַמען מיט זיי געוואָרפן אַהער און אַהין; אַ פליג האָט זיך צעשריען פון אימה, אַ פלי געטאָן און זיין האַנט האָט איר צעקוועטשט ניט ווויסנדיק וואָס זי טוט. די נאַכט האָט זיך אַוועקגעזעצט איבער אים, געהאָנגען, זיך געטרייסלט, געשלוקערצט און נאָכגעגאַנגען אין קיך, כדי אָפּגעקילט צו ווערן מיט אַ שאָפּ וואַסער.

שטיקלעך נאַכט האָבן אַראָפּגערונען צוזאַמען מיטן וואַסער איבער זיין פּנים, איבערן קאָפּ, זיך צעגאָסן איבער דער קיך. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן, אָבער די נאַכט איז שוין געלעגן אויף די לידער און זיי שווער געמאַכט.

ניין, מען קען ניט טראַכטן, די מחשבה שאָקלט זיך אויך צוזאַמען מיטן קאָפּ, אפשר איז שוין צוועלף און אפשר שפּעטער און אפשר איז נאָך אינגאַנצן ניט קיין נאַכט, און אפשר איז שוין מאָרגן ———

כי..כי..כי.. האָט די נאַכט געלאַכט אַזוי שטיל, ווי דאָס ליכט האָט זיך געשאָקלט און ווי זיין מידער אויסגעפּרעסטער גוף האָט זיך געשאָקלט, אַהין און צוריק, דער קאָפּ פאַלט אַרונטער, שלאָגט זיך אָן אינעם טיש און הויבט זיך שווער צוריק.

די נאַכט האָט זיך געפּרוווט פאַנאַנדערקלייבן וואו זיין קאָפּ איז און וואו די פּיס, די אויגן האָבן שוין ניט געזען, זי האָט זיך געלייגט אויף זיינע הענט, אָפּגעשפּרונגען פונעם ריח וואָס האָט אַ שלאָג געטאָן, אָבער טריי איר דינסט, ווידער אַרויפגעלייגט זיך אויף די הענט און זיי אַרונטערגעקוועטשט אויף די פּיס — און זיי אויסגעצויגן. אויפן קאָפּ — און אים אַרונטערגעלאָזן. ער האָט זיך נאָך געשאָקלט אַ לענגערע צייט, ווי עס צאַפּלט אַן אָפּגעלאָזענע ספּרונזשינע, ער האָט נאָך געפּרוווט אויפמאַכן די אויגן און אַ טראַכט

טאָן, וואָס ס'איז, נאַכט צי טאָג, וואו איז ער, וואָס וויל ער...

האָט זיך דאָס ליכט נאָך מער פאַרטונקלט, ביסלעכוויז שוואַרץ געוואָרן, די נאַכט האָט עס מיטאַמאָל אויסגעלאָשן און ער האָט נאָך איינמאָל אַ קוק געטאָן מיט פאַרגאָסענע אויגן און ניט געוואוסט ווער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט.

— וואָס איז עפּעס מיטן ליכט, מיט דעם צימער, טפו־י. נ־נ־יין! ער וועט נאָך גיין עפּעס טרינקען, דאָ אין שראַנק, ניט ווייט, אַ פּאָר טריט, דאַן וועט ער גיין, וואוהין? אַך, יאָ, ער וועט זיך אויסטאָן, ער וועט...

— האָט זיך צעלאַכט די נאַכט: ניין!

און ער האָט שוין ניט געפילט ווי די נאַכט האָט אים צוגעדריקט דעם קאָפּ צום טיש, צוגעדריקט די אויגן און אַרונטערגעלאָזן אויף אים אַ שוואַרצע דעקע...

— בלייבט ביי אים, האָבן נאַכטיקע טריט גערעדט שטיל־שטיל, די וועלט נויטיקט זיך אין זיין שלאָף...

זכרונות פון סאַמאַרקאַנד —

(פאַרזעצונג פון זייט יז)

פאַרצווייפל אויסצונוצן דעם עת רצון פון האַלבער נאַכט...

וואָס ער האָט דאָרט אויפגעטאָן אין חצות, האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט דערוואוסט. וויפל מיר האָבן שפּעטער ניט געפּרואווט ריידן צו תנחומען, האָט ער קיין איין וואָרט נישט געענטפערט. בלויז טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. איך ווייס ניט ווי אַנדערע, נאָר איך האָב פון דעמאָלט אָן מער קיין שמייכל אויף תנחומ'ס פנים ניט געזען. אַ לאַנגע צייט האָט מען גערעדט און גערעדט און זיך געוואונדערט, הלמאי תנחום האָט אַזוי פּלוצים איבערגעריסן מיט די אַשכנזישע אידן...

און מאָדנע: אויך חיים־יאָסל האָט זיך ניט געוויזן. אויך ער האָט אונז אויסגעמיטן. פאַרוואָס האָט ער זיך פון אונז אָפּגעקערט? ווער קען זיך גריבלען אין אַזעלכע נשמות. דער פאַקט איז אָבער, אַז אין די ווייטערדיקע חדשים און יאָרן האָט חיים־יאָסל געדאַוונט און זיך געוואַלגערט דווקא אין בוכאַרער שולכעלעך און הייזער...

דאַס וואונדער־געשטאַלט פון רבינו הזקן — (פאַרזעצונג פון זייט ח)

אין אַנדערע ערטער ווערט באריכות דערציילט וועגן דעם אַלטן רבי'נס טעטיקייט אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן געביט פון הנהגת כלל ישראל. אַפילו אין די רוסישע רעגירונגס־קרייזן האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיינע מיינונגען.

אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן בעלמא דין איז אויסגעבראָכן די גרויסע מלחמה צווישן רוסלאַנד און פראַנקרייך, און נאַפּאָלעאָן מיט זיינע חיילות האָבן זיך מיט שטורם אַ לאָז געטאָן אויפן צאַרישן רוסלאַנד. אין דאָזיקן קאַמף איז דער אַלטער רבי געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פאַרן נצחון פון דער רוסישער רעגירונג. ער האָט געהאַלטן, אַז נאַפּאָלעאָן ברענגט מיט זיך גייסטיקן אומגליק פאַר כלל ישראל און מ'מוז זיך אים אַנטקעגנשטעלן מיט אַלע כוחות. ער האָט אינטענסיוו געשטיצט די רוסישע מאַכט און אויך פאָראויסגעזאָגט, אַז די פראַנצויזן וועלן ליידן אַ וויסטע מפלה.

ווען די רוסישע סאָלדאַטן האָבן גענומען אָפּטרעטן און דער שונא איז שוין געווען ניט ווייט פון זיין וואוינאָרט ליאַדי, האָט דער אַלטער רבי פאַרלאָזט די שטאָט (ערב ראש חודש אלול תקע"ב) און איז אַוועק אין זיין גלות־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן נאָענט צו פינף חדשים.

דער שווערער, פּיינלעכער אַנטלויפן האָט דעם מנהיג ישראל גאָר שטאַרק אָפּגעשוואַכט און דערגרייכנדיק דאָס דאָרף פּיענע איז ער דאָרט נסתלק געוואָרן מוצאי שבת קודש, אור ליום כ"ד טבת, תקע"ג. זיין הייליקער ציון געפינט זיך אין דער שטאָט האַדיטש, פּאָלטאַווער גובערניע, וואוהין אידן פלעגן קומען מתפלל זיין און אויסגיסן זייערע הערצער. אַ סך סיפּורים, דערציילט פון עדי ראי', זיינען געוואָרן פאַרצייכנט וועגן אידן וואָס זיינען געהאָלפן געוואָרן דורך זייערע תפילות ביים הייליקן ציון פון אַלטן רבי'ן אין האַדיטש.

ב״ה

די אידישע היים

תשרי, ה'תשכ"ז באַנד 8 נומער 2 (29)

בענונג פון זיגמונד פארסט

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

די ארבעה מינים

דער מדרש (ויקרא ל, ב) זאָגט, אַז די פיר מינים — אתרוג, לולב, הדס, ערבה — זיינען מרמז אויף די פאַרשידענע סוגים וואָס זיינען פאַראַן צווישן אידן: „פרי עץ הדר, אלו ישראל. מה אתרוג זה יש בו טעם ויש בו ריח, כך ישראל יש בהם בני אדם שיש בהם תורה ויש בהם מעשים טובים" — „פרי עץ הדר", ד. ה. אַן אתרוג, וואָס פאַרמאָגט אי טעם (געשמאַק) און אי ריח, איז מרמז אויף דעם סוג אידן וואָס האָבן אין זיך סיי תורה — „טעם" (ווייל דאָס לערנען תורה דאַרף זיין מיט הבנה און פאַרשטאַנד, אין וואָס דער מענטש האָט אַ געשמאַק) און סיי מעשים טובים — „ריח" (ווייל מקיים זיין מצות איז בעיקר פאַרבונדן מיט קבלת־עול, ניט דורך דעם אָנטאַפּנדיקן „טעם" = באַנעם פון שכל, נאָר מיטן כוח פון קבלת־עול, וואָס איז געגליכן צו „ריח"). „כפות תמרים אלו ישראל, מה התמרה הזו יש בו טעם ואין בו ריח, כך הם ישראל יש בהם שיש בהם תורה ואין בהם מעשים טובים" — „כפות תמרים", אַ לולב (דער בלאַט פון אַ טייטלבוים), ווייזט אויף דעם סוג אידן וואָס האָבן אין זיך „טעם" — תורה, און ניט „ריח" — מעשים טובים; ווי די טייטלען וואָס פאַרמאָגן אַ געשמאַק, אָבער גיבן ניט אַרויס קיין ריח. „וענף עץ עבות אלו ישראל, מה הדס יש בו ריח ואין בו טעם, כך ישראל יש בהם שיש בהם מעשים טובים ואין בהם תורה" — „ענף עץ עבות", אַ הדס, האָט אין זיך ריח און ניט טעם, אַזוי זיינען פאַראַן אידן וואָס האָבן מעשים טובים און ניט קיין תורה. „וערבי נחל אלו ישראל, מה ערבה זו אין בה טעם ואין בה ריח, כך הם ישראל, יש בהם בני אדם שאין בהם לא תורה ולא מעשים טובים" — אַזוי ווי אַן „ערבה" פאַרמאָגט ניט קיין טעם און ניט קיין ריח, אַזוי זיינען צווישן אידן פאַראַן אַזעלכע וואָס עס פעלט זיי סיי תורה און סיי מעשים טובים...

„אמר הקב"ה, יוקשרו כולם אגודה אחת והן מכפרין אלו על אלו" — זאָגט דער אויבערשטער: זאָלן זיי אַלע (אָט די פיר סאָרטן אידן) צונויפגעבונדן ווערן אין איין אַגודה, אין איין צוזאַמענבונד, און זיי וועלן מכפר זיין איינע אויף די אַנדערע.

* * *

עס ווערט געבראַכט פון ספר „המנהיג": „וראיתי באגדה, ולמה באתרוג? שהוא דומה ללב, לכפר על הרהור הלב" — כ'האָב געזען שטיין אין אגדה: און פאַרוואָס איז די מצוה מיט אַן אתרוג? ווייל אַן אתרוג איז ענלעך אין זיין פאָרעם צו אַ האַרץ, קומט עס דעריבער צו מכפר זיין אויף הרהור הלב, די ניט גוטע טראַכטונגען וואָס קומען פון האַרץ. „ולמה בהדס? שהוא דומה לעינים, לכפר על סיקור עינים, ההי"ד ולא תתורו אחרי לבבכם וגו'" — און פאַרוואָס מיט אַ הדס? — ווארעם אַ הדס, ד. ה.

(סוף אויף זייט כג)

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

תשרי ה'תשכ"ז   באַנד 8 נומ. 2

אינהאַלט

הקפות אין ווייטן סיביר — נ. טוראָוו .... א

קרוב איז ג־ט לקוראיו — ד"ר הלל זיידמאַן ד

די נעילה־טרער (ליד) — צ. מ. שטיינמעץ .. ו

אין אַ נאַרט הינטער מאָסקווע (דערציילונג) — ד. ראַווסקי .... ז

אַ מתנה וואָס נאָר עלטערן קענען געבן (ערשטער פון סעריע) — הרבנית ע. חזקוב .... י

דעם זיידנס טרער — י. ליפּמאַנזאָן .... יב

ר' נחום טרינקט „לחיים" — דוד זאַרעצקי .. טו

אבותינו ספרו לנו .... יח

מורנו רבי ישראל בעש"ט — חנוך גליצנשטיין יט

הרב ר' אלעזר פנחס ווײלער ז"ל — ש. בר־יוחאי .... כב

פאַרבלאָנדזשעטע נשמה — איטאַ עזראָוויטש כד

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב"ד.

הקפות אין ווייטן סידור

(אין ליכטיקן אָנדענק פון הרבנית חנה שניאורסאָן נ"ע)

• נ. טוראָוו

אין דעם גאונישן מוח פון באַרימטן רב ר' יצחק ליכטנזאָן, האָבן זיך די טעג געביטן מיט שניידיקער קלאָרקייט. ער האָט אינעם סיבירער דערפל קיין שום ספר אָדער לוח ניט געהאַט. בלויז טלית און תפילין האָט ער על־פי נס דורכגעהיט די גאַנצע צייט פון זיין אַרעסט און דערנאָך מיטגענומען אין דאָזיקן פאַרשיקונגס־דאָרף. האָט זיין מעכטיקער זכרון אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן צייט־וועזן, דעם צעצווייגטן חשבון פון תקופות, יאָרן, חדשים און טעג. אַפילו די שטונדן פון מעת־לעת האָט זיין געדאַנק געניי געמאָסטן פון זינט ער האָט זיין גאָלדן קעשענע־זייגער פאַרביטן אויף ברויט.

האָבן זיך טעג ביי אים געצייכנט לויט מסכתות גמרא און זיך אָנגעפילט מיט אַלע קבלה־סודות אין שייכות מיטן דאָזיקן טאָג. און ווען צייט איגאַנצן ווערט געטיילט און געשניצט מיט אַזעלכע גייסט־אינסטרומענטן — האָט במילא אויך דער גאַנצער אַרום זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַ מין ניט־די־וועלטיקן אויסזען. מחמת, ווי באַוואוסט, זיינען זמן און מקום אין תוך ניט צעשיידבאַר.

דאָס שטיבל איז געשטאַנען ביים סאַמע ברעג דאָרף, ווי אַריינגעשניטן אין וואַלד, און דער וואַלד איז געווען גרויס, אַלט און געהיימניספול. דאָס פענסטערל האָט געבליקט אין סאַמע האַרץ־טונקל פון וואַלדיקן אינגעווייד; און דורכן פענסטערל האָבן פאַרהימלטע אויגן געזען ווי די צעפלאַכטנקייט פון צמחים פורעמט זיך אין צייכנס און רמזים. האָט דאָך יעדער בוים זיין רוחניות'דיקן געשטאַלט, זיין גייסטיק לעבן און באַשאַפונגס־שירה. האָבן זיך הייליקע אותיות געטראָגן פון ר' יצחק'ס מויל, דורכן פענסטערל, זיך באַהעפט מיטן פאַרטייעטן געזאַנג פון דער אַרומיקער בריאה און זיך געהויבן אין הויכע הויכקייטן.

אַזוי האָט ר' יצחק זיך געציילט זיין נייע „ספירה" דעם גאַנצן זומער און געהאָלפן דערצו האָט אויך די גאַנצע יצירה. וואָרעם אויך די פילצאָליקע ביימער האָבן זיך ווי אַריינגעוועבט אין ר' יצחק'ס געדיכטן תורה־פרדס. האָט ד ע ר בוים, מיטן דיקן שטאַם, זיך געהאַט זיין באַדייט און אָרט אין די רמזים פון תורה; און יענער הויכער און דינער בוים,

מיטן שאַרפֿן שפּיץ אין הימל — זיך איגענעם אָנוואונק אין די תורה־פּאַרהויִלנקייטן — און במילא אויך צייט־צייכנס אין ר׳ יצחק׳ס געדאַנקלעכן לוח. דערפֿאַר האָט דער גרויסער וואַלד זיך אינגאַנצן אָפּגעשפּיגלט אינעם גלאַנץ פֿון קליינעם פענסטערל; און דערפֿאַר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס גאַנצע מעכטיקע ביימער־צעשפּרייטקייט האָט זיך געטוליעט צום דאָזיקן קליינעם שטיבל.

ב.

אויך די איינוואוינער פֿון דאָרף האָבן אויף אים געקוקט מיט פֿויערשער שפּלות אין די תמ׳עוואַטע בליקן. אוודאי איז ער אַנדערש פֿון אַלע ביז־איצטיקע פּאַרשיקטע! „איר זעט? דער שמייכל פֿון אָט־דעם איד איז ניט סתם אַ שמייכל אויבנאויף; ס׳דוכט זיך, אַז דער שמייכל ציט זיך פֿון טיף־טיף, עפּעס ווי דאָס גאַנצע האַרץ און נשמה צעלייגט זיך אויפֿן געזיכט!" — אַזוי האָט גע׳טענה׳ט דער עלטסטער און אָנגעזעענסטער פֿויער פֿון דאָרף. ר׳ יצחק האָט גאַנץ ווייניק פֿאַרבראַכט מיט די פֿויערים, און זיך קיינמאָל פֿאַר זיי ניט געקלאָגט און זיך לחלוטין ניט געדונגען ביים קויפֿן עפּעס פֿון זיי. אָבער ווען ער האָט יאָ גערעדט צו אַ פֿויער, איז עס געווען „פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט מיט אַ נאַטשאַלניק אָדער אַ דאָקטאָר". „און איך וואָלט געשוואָרן, אַז ער איז אַ סאָרט הייליקער אָדער אַ צויבער־מאַכער! אַניט, פֿון וואַנען וויס ער יעדנס נאָמען? דעם טאַטנס נאָמען און די פֿאַמיליע? האַ?"

דאָס קליינוואַרג פֿון דאָרף האָט אין אָנפֿאַנג געפּרוּווט זיך לאָזן ווילדגיין און אָפּטאָן שפּיצלעך דעם מאָדנעם זשיד. די סאַמע ווילדסטע האָבן אַפֿילו זיך פֿאַרמאָסטן מיט שטיינדלעך אין פענסטער; געזוכט אַ שלעפּ טאָן פֿאַר דער באָרד; אונטערשטעלן אַ פֿוס אָדער אַ שטעקן. האָט זיי אָפּגעטריבן דאָס מאָדנע ניט־שרעקעוודיקייט פֿונעם איד. אַפֿילו ניט געשריען, ניט געזידלט. „טפֿו, שדים וויסן ווי אַזוי ער באַווייזט עס!" אָט דער אַלטער גיט נאָר אַ קער דעם פּנים און טרעפֿט אָן פּונקט צום שייגעצל, וואָס הויבט אויף זיין האַנט. דערביי באַגיסט ער אים אי מיט אַ וווּיכן שמייכל און אי מיט אַ פּאָר באַהערשנדיקע בליקן; אַזש דאָס שייגעצל בלייבט שטיין מיט דער האַנט אין לופֿטן. און די איבעריקע חברה ציען זיך צוריק פֿאַרבליפֿטע, מיט פֿאַרשטעקטע פֿינגער אין אָפֿענע מיילער.

האָט זיך מיט דער צייט איינגעשטעלט אַ מאָדנע באַציאונג: יעדן פֿרימאָרגן פֿלעגט זיך דאָס יונגוואַרג פֿאַרזאַמלען אַרום הייזל, ווי אין אַ מין שטומער באַגריסונג. אַזוי ווי די אַרומיקע ביימער האָבן זיי געגאַפֿט צום פענסטערל און באַגעגנדיק דעם אַלטנס שמייכל, האָבן זיי ניט־ווילנדיק צוגעשאָקלט מיט די בלאָנד־זאַמדיקע קעפּ — אָט ווי די צווייגטע ביימער־קעפּ דורך אַן אָנגעלאָפֿענעם ווינט. אוודאי האָט זיי אַביסל געשראָקן ווען דער דאָזיקער איד פֿלעגט אָנטאָן די „שוואַרצע זאַכן" אויפֿן קאָפּ און האַנט, זיך איינוויקלען אין אַ גרויסן ווייסן טוך מיט שוואַרצע פּאַסן. אָבער זיי זיינען פֿאָרט געבליבן ווי צוגעוואַקסענע מיט מאָדנעם נייגער־אָפּשיי — ביז אַן עלטערער פֿויער פֿלעגט זיי מיט פֿויערשן דרך־ארץ און הילכיקן געבייזער פֿאַרטרייבן פֿון דאָרט.

ג.

דער האַרבסט איז אָנגעפֿאַלן מיט שטורעם. די טעג האָבן זיך שנעל געקירצט, ווי די געדיכטע פֿינסטערע וואָלקנס וואָלטן געטריבן די זון ווייטער און ווייטער הינטערן גרויסן וואַלד. ר׳ יצחק האָט קיין שופֿר ניט פֿאַרמאָגט, אָבער אין די אלול־טעג האָט דער גאַנצער וואַלד געבלאָזן שופֿר. אור־אַלטע געזעצטע ביימער זיינען זיך פֿאַרגאַנגען אין אַ רוישיקן געיאָמער, אין אַ פֿאַרכטיקער געוויין־פֿאַרצוויגנקייט פֿון דעם שאַלנדיקן ווינט־געבלאָז. ס׳האָבן באַיאָרנטע ביימער אַנטבלויזט די האַנט־צווייגן, אַראָפּגעשלײדערט די באַגרינטע אַרבל־בלעטער און זיך צעוואַקלט, צעציטערט פֿון קעלט און אימת הדין. אָט בויגן זיי איין די נאַקעטע „קעפּ", קניען מיט פֿאַרכט אַרונטער; און אָט צעוואַרפֿן זיי די לאַנגע צווייגן און צעקלאַפּן זיך צוריק אין אַן „על חטא" געשלאַג.

דאָס פענסטערל איז געוואָרן אַלץ מער פֿאַרטונקלט, די געשטאַלט פֿון ר׳ יצחק׳ן האָט אַלץ לענגער זיך געהילט אין טלית און תפֿילין און אַלץ לענגער האָט זיך געצויגן זיין

התבודדות אין טיפן וואַלד. די דאָרפס־איינוואוינער האָבן זיך גענומען צוזאַמענציִען אין די הייזער. אויך די פיטערנדיקע רינדער האָבן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיך געטוליעט צו די שטאַלן און אומעטיקלעך געבלעקערצט אַנטקעגן דעם צעוויסטעטן אַרום.

און ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער ימים־נוראים שטורעם האָט זיך געצויגן פונעם דאָזיקן שטיבל: דאָס ביסל שפּייז האָט זיך כמעט ווי געענדיקט; שוין ניט געווען קיין סימן פון אַ ווערטפולן חפץ צו פאַרקויפן. דאָס ביסל צוגעשיקטע געלט האָט זיך אויסגעלאָזט נאָך מיט אַ צייט צוריק. מער אויף באָרג האָט ער ניט געוואָלט נעמען, ניט געקוקט וואָס איניקע פויערים האָבן עס פאָרגעלייגט. האָט ר' יצחק אויך די קעלט און הונגער פאַרוואַנדלט אין דעם קדושה'דיקן גאַנג פון דער צייט. די תעניתים זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט פאַרצויגענע סוד־חשבונות און דאָס ליידן קעלט איז געוואָרן דורכגעוואַרעמט מיט אַ לייטערונגס־געפיל.

זיינען אַזוי פאַרביי די ראש־השנה טעג, און די עשרת־ימי־תשובה און יום־כיפור. און נאָכן אָפּפאַסטן זיך מיטן סאַמע לעצטן שטיקל פאַרטריקנט ברויט און וואַסער — האָט ר' יצחק דערשפּירט אַ טיפן ווייאיקן שטאָך אין האַרצן. זיין מוח איז געוואָרן אַביסל פאַרנעפּלט. צום ערשטן מאָל האָט אַ נאָג געטאָן אַ צווייפל־מחשבה: אפשר געדאַרפט זוכן אַ וועג אין אַן אַנדערן דערלויבטן פלאַץ; אויסבעטן אַ דערלויבעניש איבערצוקלייבן זיך אין אַ גרעסער שטאָט צווישן אידן? דער גאַנצער באַ'רוחניות'דיקטער און מיט תורה־פאַרוועבטער וואַלד האָט גענומען עטוואָס בלאַסן און פאַרלירן דעם איינהייטלעכן פאָדעם, וואָרעם די דערוואַרטעטע יום־טוב'דיקייט פון מוצאי יום־כיפור האָט זיך ניט באַזעצט אין האַרצן. דער זייל פון שמחה האָט זיך ניט באַוויזן — טראָץ דעם טיפסטן אַריינזאַפּ פון קוואַליקער קבלה און פון צעזונגענער חסידות. אַוודאי מוז שמחה האָבן אַן אָנהאַלט אין גשמיות. אָבער ר' יצחק'ן האָט עס שטאַרק געצער'ט.

ערשט ערב סוכות האָט ר' יצחק דורכגעבראָכן אָט־דעם נסיון. ב'גוואַלד האָבן די פויערים אים „געבאָרגט" אַביסל שפּייז, און ב'גוואַלד האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון די וואָלקנדיקע מחשבות. און אפשר האָט טאַקע די אחיזה אין גשמיות דאָ געווירקט. וואָרעם ערב סוכות האָט ר' יצחק פאַרפאַרטיקט אַ קליינע אָבער אַ כשרע סוכה'לע. האָט אַ פלאַמיקע פרייד זיך צעברויזט אין האַרצן. און פונקט ווען דאָס לעצטע ביסל סכך האָט פאַרדעקט די סוכה — איז צום שטיבל אָנגעלאָפן אַ כאָפּטע יונגוואַרג מיט אַ בשורה: „אייער וויב איז געקומען! זי איז דאָ מיט גרויסע פעקלעך!"

ד.

האָט שוין דער זמן שמחתנו פאַרפולט דאָס שטיבל, די סוכה'לע און פאַרפלייצט דעם דאָרף און וואַלד. געפרייט האָבן זיך אַפילו די פויערים פון דאָרף; דער ווינט האָט געראַשט און געהילכט מיט געשאַל פון זיגערישע טרומייטן און די צווייגן האָבן זיך צעלאָזט אין מוטיקן געקנאַק. און דעם ערשטן טאָג סוכות האָט זיך דער הימל צעלויטערט — און די זון האָט וואַרעם באַלויכטן די סוכה'לע בייטאָג און געשמייכלט אַנטקעגן האָט די לבנה־צורה ביינאַכט.

ר' יצחק'ס רביצין האָט אַהער געבראַכט אויך אַ חומש און אַ תניא. האָט ר' יצחק געקושט דעם חומש און פאַרגאָסן דעם תניא מיט וואַרעמע טרערן. אַוודאי דאַרף שמחה האָבן אַן אחיזה אין גשמיות — אַפילו די פרייד מיט תורה מוז האָבן אָנהאַלט אין גשמיות. און אַזוי האָט ר' יצחק געפראַוועט שמחת תורה־הקפות מיטן חומש און תניא:

דעם איינציקן בענקל האָט ר' יצחק אַוועקגעשטעלט אויפן קליינעם פויערישן טישל. אויף דעם האָט ער אַוועקגעלייגט, זייט ביי זייט, דעם חומש מיטן תניא. ר' יצחק האָט זיך פאַרגאַרטלט, פאַר'דבקה'ט און אויסגערופן פייערדיק־פריידיק: „אום אתה הראת!" ער האָט אָנגעהויבן אויסזינגען די פסוקים פון „אתה הראת"; און זיין רביצין אַנטקעגן האָט נאָכגעזאָגט פסוק נאָך פסוק און אַראָפּגעלאָזט פון די אויגן אַ טרער נאָך אַ טרער — אַ פערל־טרער פון צער און אַ טרער־טראָפּן פון פרייד. נאָכן ענדיקן זאָגן די פסוקים האָט ער מיט

(סוף אויף זייט יז)

א קרוב איז ג־ט צו די וואס רופען אים

ד"ר הלל זיידמאן

פון די פיל און פאַרשידענע מידות, אַטריבוטן פונעם רבונו־של־עולם — וואָס איז די אויסגעווילטע אייגנשאַפט פאַר די פאָרכטיקע טעג? אַ קרוב! ווען אידן פאַרזאַמלען זיך אין הייליקן ציטער אין די הייליקע ערטער אין מוצאי־שבת צו די ערשטע סליחות — וואָס איז דער שליסל וואָס פראַלט־אויף פאַר זיי די שערי רחמים? קרוב ה׳ לכל קוראיו...

דאָס איז דער טויערן־עפנדיקער אַריינפיר צו די ימים־נוראים. דאָס איז דאָס „קאָוד וואָרט" וואָס שליסט אויף די פאַרשלאָסענע שלעסער. שטייט דער איד אין פחד און געפאַלנקייט און טראַכט זיך: ווי קען איך צוקומען צו אָט־די שערי רחמים? איך בין דאָך אַזוי ווייט, איך האָב זיך דאָך אַזוי דערווייטערט... וועט מיין שטים דערגיין פון די מרחקים, אין וועלכע איך בין פאַרשטויסן? וועט מיין קול פון דאָרט דערהערט ווערן?... רייסט זיך אַריין אין זיינע יאוש־טראַכטונגען אַ רוף צו רופן: קראוהו, רופט צום באַשעפער, בהיותו קרוב, ווייל ער איז נאָענט, ער איז אַ קרוב און — קרוב ה׳ לכל קוראיו...

טאָמער טראַכט זיך אַ איד אין זיין ירידה־פאַרצווייפלונג: ווי קען איך רופן? וועט דען מיין רוף דערגיין פון אַזעלכע ווייטענישן? הערט ער אַ דערמוטיקונג־געבאָט און אַ בשורה־אָנזאָג: דרשו ה׳ בהמצאו, פאַרלאַנגט ג־ט, לעכצט נאָך אים, ווען ער געפינט זיך צווישן אייך. ווייל ג־ט געפינט זיך מיט יעדן וואָס זוכט אים. הגם „קדוש קדוש קדוש ה׳ צב־אות", איז אָבער „מלא כל הארץ כבודו". דעריבער שטיי נישט פונדערווייטנס, זינדיקער מענטש, קראוהו בהיותו קרוב, ער איז צו דיין רוף נאָענט. ווייל קרוב ה׳ לכל קוראיו...

ווי געפאַלן ס׳זאָל דער מענטש נישט זיין ביי זיך, און טאַקע ווייל געפאַלן איז ער ביי זיך — קומען די ימים־נוראים און גיבן אים אַ הויב־אויף פון זיינע מעמקים צו די העכסטע הויכקייטן פון ג־ט־נאָענטקייט, פון אַ קרוב צום רבונו־של־עולם. כי קרוב ה׳ לכל קוראיו...

אַ פלא. דאָס זיינען דאָך פאָרכטיקע טעג, טעג פון פחד פון יום הדין, וואָלט דאָך געווען אַ סברא: בעסער צו אַנטלויפן, צו באַהאַלטן זיך וואָס ווייטער. ווי דער נביא זאָגט: „לבוא בנקרות הצורים וגו׳ מפני פחד ה׳" (ישעי׳ ב, כא). פונדעסטוועגן רופט מען גאָר דעם איבערגעשראָקענעם, אין פחדים־ציטערנדיקן מענטשן, נישט צו אַנטלויפן פון ג־ט, נאָר גאָר פאַרקערט, צו אַנטלויפן פון זיינע חטאים און בייזע אינסטינקטען, אַנטלויפן צו ג־ט. הייסט מען אים טוליען זיך צו אים, צו זוכן און געפינען ביי אים אַן אַנטרינונג פון געפאַרן, אַ מקום־מקלט פון שטראָף, ווי אַ מענטש אין אַנגסטן שיצט זיך אין שויס פון משפחה, אין געצעלט פון אַ קרוב. ווייל — קרוב ה׳ לכל קוראיו...

וועט אַ קרוב אָפּזאָגן זיין שעלטער צו אַ קרוב אין אַ פינסטערער נאַכט פון שטורעם און סכנה? וועט אַ קרוב פאַרקלאַפּן זיין טיר און פאַרשליסן זיין האַרץ ווען דו שטייסט אינדרויסן אַן עלנטער, אין פחדים, און בעטסט זיך תחנונימ׳דיק: לאָז מיך אַריין...? ער דאַרף בלויז דערהערן דיין שטים און שוין וועט ער ברייט אויפמאַכן פאַר דיר זיין היים. טאָ, רוף־זשע! קראוהו בהיותו קרוב! ווייל — קרוב ה׳ לכל קוראיו...

דאָס איז דער אַריינפיר און דאָס איז ז׳ער קערן: מ׳לאָזט וויסן דעם אידן אין די ימים־נוראים, אַז נישט קיין פאַרלאָזענער און נישט קיין פאַרלוירענער איז ער אין זיינע שווערע שעה׳ן. ער האָט צו וועמען צו רופן. ער האָט אַ קרוב. קרוב ה׳ לכל קוראיו...

און דער איד פילט די נאָענטקייט אין די אלול־טעג פון אני לדודי ודודי לי, אין ימים־נוראים, די טעג פון פאָרכט און פון גרויס־

קייט. ווייל וואָס איז אַ „גרויסער טאָג״? אַ שרעקלעכער טאָג ווי דער נביא זאָגט: „לפני בוא יום ה׳ הגדול והנורא!״ (מלאכי ג, כג). וואו דער מענטש זאָל זיך נישט געפינען — צי אין זאַטער זעלבסט־צופרידנקייט פון איינגערעדטער אני־ואפסי־עוד־זעלבסט־זיכערקייט, פון „סוקסעס״ און „סטאַטוס״, פון רייכטום און מאַכט — צי פאַרקערט, אין ירידה פון נאָגנדיקן אין־זיך־אַליין־צווייפל, אין פּחד און יאוש — איז דער איד גרייט אין די דאָזיקע טעג אַוועקצולייגן זיינע מעשים און געדאַנקען, זיין גורל גופא, אויף די אומזעבאַרע וואָגשאָלן. ווייל ווי האַרב ס׳זאָל נישט זיין דער יום הדין, פילט דער איד פאָרט אַ קרובה׳שאַפט מיט רחמים. ווייל קרוב ה׳ לכל קוראיו...

דערנענטערן דעם מענטשן צו ג־ט — דערנענטערן אים די נביאים. און ווידער אַ וואונדער. שטרענגע שטראָפערס זיינען די נביאים. אייזערנע ריטער זיינען זייערע פלאַמיקע רייד. זיי רייסן אַרונטער יעדן שלייער פון באַהאַלטענער פאַרבאָרגנקייט. אַראָפּ קומט די מאַסקע פון צביעות. זיי דעקן אויף יעדע זינד און ווייזן אויף יעדע בייזע טאַט. זיי שטראָפן די שחיתות און שלעכטקייט פון מענטשן. וואָלט דאָך די סברא געזאָגט, אַז זיי, וואָס ווייזן דעם מענטשן זיין ריכטיקן פלאַץ — אין די טיפּענישן — זאָלן אים זעען ווייט פון ג־ט, אין דער דיסטאַנץ פון די מרחקים, אין וועלכע ער האָט זיך אַליין פאַרשליידערט? אָבער ניין, פונקט פאַרקערט. זייערע שטראָפנדיקע רייד דערווייטערן דעם מענטשן, נישט פון ג־ט, נאָר פון דעם מענטשנס בייזע אינסטינקטן און מעשים רעים. זיי דערנענטערן אים צום באַשעפער. ווי ווייט אַ איד זאָל נישט אַוועק, איז דער מרחק נישט גענוג ווייט ער זאָל נישט פילן אין די ימים־נוראים די נאָענטקייט פון באַשעפער. ווייל ווער רופט עס דעם מענטשן ער זאָל רופן צו ג־ט, אויב נישט זיינע נביאים? ווער דערהויבט אים פון די מעמקים צו קראתיך י־ה, אויב נישט די ברענגער פון ג־ט׳ס וואָרט, וואָס פאַרזיכערן אים, אַז — קרוב ה׳ לכל קוראיו...

דווקא דאָס חטא־באַוואוסטזיין וואָס פירט צו תשובה — האָט אונז באַרייכערט מיט נביאים, און מיט אַזאַ צאָל נביאים און מיט אַזעלכע דערהויבענע רייד, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר, ווי די גמרא זאָגט, געבליבן ביי חומש און ספר יהושע. דער חוב פון חטא האָט אונז געגעבן דעם זכות פון נביאות. די דערווייטערונג האָט געבראַכט די שליחות פון דערנענטערונג. דער דין פון יום הדין, און דער צדק פון שופט צדק ברענגט אַרויף דעם מענטשן צו נאָענטקייט מיט רחמים. ווי דוד המלך האָט געזאָגט: „ינחני במעגלי צדק למען שמו״ און דאַן איז — „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע, כי אתה עמדי״ (תהלים כג, ד) — ווייל, קרוב ה׳ לכל קוראיו...

נישט ווייליק זיינען די נביאים פאַר זייער שליחות. זיי אַנטלויפן פון זייער מיסיע. ג־ט׳ס וואָרט וואָס איז זיי אָנפאַרטרויט איז האַרב, שטרענג, פייערדיק, שווער צו פאַרנעמען און פאַרדייען, ווייסן זיי. פון דעם ערשטן פון די נביאים אָן, משה רבנו, וואָס בעט זיך: „שלח נא ביד תשלח״, ביז צו די לעצטע פון די נביאים, ווי יחזקאל הנביא, וואָס ווייס פאָראויס, אַז „בית ישראל לא יאבו לשמוע״... (ג, ז) און ביז יונה הנביא, וואָס אַנטלויפט, אומזיסט, פון זיין באַשטימונג, וואָס נישטאָ פון איר קיין אַנטלויפן (וואָס מיר לייענען אין דער מנחהדיקער הפטורה יום־כיפור) — פּרואוון זיי זיך באַפרייען פון דער שליחות. ווייל זיי זעען די הויכקייט פון ג־טלעכקייט, און די מרחקים, אין וועלכע דער מענטש האָט זיך דערווייטערט. ווי קען מען צוזאַמענשפּאַנען? איז מעגלעך צו דערנענטערן אומענדלעכע דיסטאַנצן? מעגלעך און מעגלעך, הערן זיי ג־ט׳ס הבטחה. ווייל — קרוב ה׳ לכל קוראיו...

און אין קיין שום צייט איז די דאָזיקע נאָענטקייט נישט אַזוי פילבאַר, אין קיין שום טאָג איז זי נישט אַזוי באַגרייפבאַר ווי דווקא אין ראש־השנה און יום־כיפור און די טעג אינצווישן, „די צען פאָרכטיקע טעג פון צוריקקום״. אין קיין שום צייט הערט נישט דער איד אַזוי קלאָר, און טאַקע אַזוי נאָענט, דעם רוף צו רופן, וואָס הייסט אים: דרשו ה׳ בהמצאו, קראוהו בהיותו קרוב, ווי אין די דאָזיקע טעג. ווייל דעמאָלט איז מער ווי תמיד — קרוב ה׳ לכל קוראיו...

דער נעילה טרער

צ.מ. שטיינמעץ

זיינע קינדהייטס־חלומות —
צעשטויבט,
פון זיינע יוגנט־האָפענונגען —
באַרויבט,
זיינע שטרעבונגען,
גרויס און דערהויבן —
זיין נשמה־לעכצן,
זיין טיפסטער גלויבן —
אַלע זיינע אוצרות
האָט ער פאַרלאָרן,
אַלע זיינע הייליקטימער
זיינען חרוב געוואָרן...

און ווען ס'איז צוגעפאַלן
זיין לעבנס פאַרנאַכט,
האָט ער זיך אומגעקוקט
און זיך פאַרטראַכט,
און געמאַכט אַ חשבון
פון זיין האָב און באַזיץ
און דערזען — ווי אין
שיין פון אַ בליץ —
אַז פון זיין לאַנגן וועג
איז אים ניט פאַרבליבן מער
ווי אַן איין־איינציקע באַהאַלטענע,
פאַרשאָטענע טרער...

און ווי ער האָט זיך פאַרצווייפלט,
אין זיין צער פאַרטיפט,
האָט דאָס פאַרגעסענע געוויין
זיך גערירט און אַרויסגעטריפט.
און די פאַרגאָסענע טרער האָט
גענומען בויערן און בויערן
און געעפנט האָבן זיך פאַר איר
אַלע פאַרשלאָסענע טויערן,
ביז אויפגעפראַלט האָט זי
פון תפלה די טיר
און געזוכט און געפונען
דעם וועג צו דיר...

און ווען זיין צעעפנט אויג
האָט באַגעגנט דיין בליק —
זיינען אַלע זיינע אבידות
אים געגעבן געוואָרן צוריק.
און חלומות און האָפענונגען
וואָס זיינען צערונען —
אַלע האָט ער
אין דיר געפונען...

אין א נאכט הינטער מאסקווע

(דערציילונג)

דוב ראַוווסקי •

הערשל קאָזלינסקי האָט זיך אַרויסגעוואַליעט אין דעם פינסטערן געסל און אַריינגעזופּט אַ פול מויל מיט האַרבסטיקער קעלט. דער ווינט האָט געבלאָזן עפּעס ווי פון אַלע זייטן און געקילט זיין צעהיצט פּנים. דאָס שטעטל מאַקאַלאָווקע, 20 קילאָמעטער פון מאָסקווע, האָט שוין געשלאָפן מיט אַ שווערן רוסישן שלאָף. אָבער קאָזלינסקי איז געווען וואַך צעברויזט. אָט ווי דאַן, אַמאָל־אַמאָל, אין יענער געזעגענונגס־נאַכט. אוי איז דאָס געווען אַ נאַכט! אַריינגעשניטן האָט זי אין האַרץ די לעצטע זעאונג מיט דעם רבי׳ן דורך פאַרטרערטע אויגן און דורך אַ צעשטורעמט געפילן־קנויל. דער קנויל האָט זיך צוזאַמענגשרענקט, פאַרהאַרטעוועט געוואָרן און שווער אַריינגענאָגלט אין זיין טיפעניש.

איצט ביינאַכט האָט זיך עפּעס דער קנויל פאַנאַנדערגעוויקלט און געזודיקט ביז איבערן האַלז. האָט קאָזלינסקי דעם קילן שטורעם־ווינט אויפגענומען מיט אַ מין ציטערדיקער פרייד. ער האָט תמיד הנאה געהאַט ווען די שטומע נאַטור האָט געברויזט. אפשר ווייל אין דאָזיקן לאַנד האָט מען מיט בלוט און פּיין אַלץ פאַרשטומט, פאַרשטיינערט — האָט דאָס געמיט זיך געקילט דורך דעם אויפרודער פון ביימער, דורכן געוואָי פון ווינט. און אפשר האָט אים, קאָזלינסקין, באַזונדער דערקוויקט דער שטורעם פון דער נאַטור — ווי אַ מין פּראָטעסט־הילך קעגן דעם פינסטערן רעזשים; אַ רעזשים וואָס זוכט צו פאַרבלענדן, פאַרשטיינערן, פאַרג־טלאָזיקן דעם מענטש צוזאַמען מיטן גאַנץ באַשאַף.

האָט קאָזלינסקי געשפּאַנט דורך פינסטערע געסלעך צום צענטער פון שטעטל. דאָס ווייב, און די טייערע אורחים זיינע, האָבן אים שטאַרק אָפּגערעדט: „וואוהין גייסטו און אַזוי שפּעט? סט׳גאָרניט דאַקאַזשען איצט!“ אָבער ניין, ער, קאָזלינסקי, איז אַן עקשן. האָט ער דערפאַקט זיין לעצטן פינפערל און געהייסן די „חברא“ וואַרטן. ער מוז עס קריגן! זאָלן זיי דערווייל נאָכאַמאָל איבערלערנען דעם מאמר; אַ צענטן מאָל איבערלייענען דעם בריוו פון רבי׳ן. ניין, אים דוכט זיך גאָר אַז ער הערט פּונווייטן דעם צענעמנדיקן ניגון... גיכער זשומעט עס זיין געמיט דורך די צעהוליעטע ביימער.

„אַי, דער בריוו“ כליניעט זיך קאָזלינסקי מיט די רוישיקע מחשבות: „חזקו אחי“, „שטאַרקט זיך טייערע ברידער, אין מיין האַרץ איינגעבאַקענע געליבטע תלמידים און פריינט“ — אַזוי שרייבט דער רבי פון „דאָרט“! טאַקע ממש דאָס יאָר! צו דעם היינט־ביינאַכטיקן חסידישן יום־טוב! און כוואַליע נאָך כוואַליע האָט אים אין געדאַנק געפּלייצט; און אים האָט זיך אָפּגעגעבן, אַז זיי פאַרטרינקען, פאַרפּלייצן דעם גאַנצן רויטן שוידער און טראָגן זיך אַזש ביז „דאָרט“ און גיבן איבער צום רבי׳ן זיין האַרץ־קלאַפּ, זיין מורא׳דיקע תשוקה.

* * *

פון אַנטקעגן האָט שוין אָפּגעלויכטן דער וואָקזאַל מיט אַן אומעטיקן לעמפּל־שיין. שוין שפּעט. איז אַרום און אַרום שטיל־פּוסטיק. בלויז דער טונקעלער וואָקזאַל־שילד שאָקלט זיך אין ווינט; שאָקלט זיך און סקריפּעט און — כליפּעט. דער גרעסטער מאַגאַזין פון שטעטל איז פאַרשפּאַרט. אָבער קאָז־

לינסקי האָט פּאָרט אַריינגעבליקט דורכן גרויסן פענסטער אינעווייניק. דאָס ליכט פון פלאַשטשאַד־לאָמפּ האָט אָפּגעשלאָגן איבער האַלב־פּוסטע פּאָליצעס. בלויז דער רויטער אויסגעצויגענער לייוונט, „זאָל לעבן אונזער טאַטע פון אַלע פעלקער", האָט מיט חוצפה געהויערט איבער דער קראָם; זיך פאַמעלעך געוואָלנעט מיט טונקל־רויטע, צעצויגענע קנייטשן.

ניטאָ גאָרניט. טאַקע צו שפּעט. קאָזלינסקי איז אַפילו אַריין אין וואָקזאַל, פאַראַן דאָרט עפּעס אַ מין בופעט. אָבער אויך דער בופעט איז געווען פאַרשטילט. נאָר דער באַן־„דעזשורנער" האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן זאַל ווי אַ לונאַטיק — אָן קיין שום ריכטונג. ער האָט קאָזלינסקין אָפּגעקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן — ווי ער וואָלט אַרויסגעטויכט פון ווייטעניש.

נו, מילא, פאַרפאַלן. קאָזלינסקי האָט זיך געלאָזט אַהיים. געטראַכט האָט ער שוין: מ'דאַרף פאָלגן חסידים. זיי זיינען גערעכט געווען! נו, ווי גייט מען עס טאַקע אַוועק אינמיטן אַזאַ פייערדיקן פאַרברענגען?! וואָס האָט דען באמת געפעלט? דאָס האַרץ האָט דאָך אַזוי זיך צעקוואָלן — און דאָ האָט ער, קאָזלינסקי, זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַוועק זוכן אין דעם פינסטערן נאַכטיקן שטעטל... אולי גאָר אַ יצר־הרע שטוקע?...

זוען קאָזלינסקי איז אַריין אינעם געסל, אַביסל פאַרטראָגן אין רעיונות, האָט ער ניט געהערט דעם אָנקום פון אַ צווייטן נאַכטגייער.

„סטאָי! אַ טי קודאַ אידיאָש (שטיי! אַנו, וואוהין גייסטו)?"

קאָזלינסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט אינעם אַנטקעגנדיקן פּרצוף.

„דאַ טי ניע באָיסיאַ — יאַ סאַם באַיוס (שרעק זיך ניט, וואָרעם איך אַליין האָב מורא)!" — הילכט אים דער גוי אַריין אין פּנים.

קאָזלינסקי איז בכלל געווען ניט קיין ניונקעלע, ניט קיין שרעקעוודיקער. היינטיקע נאַכט אַוודאי ניט. כאָטש פונעם גוי'ס מויל האָט זיך געשפּירט דער ריח פון ביטערן טראָפּן איז ער אָבער געשטאַנען פעסט, מיט אַ גרויסער האָר־טשופּרינע, געזעצטע פּלייצעס און אַ ברייט פּנים.

„ווער זאָגט דיר אַז כ'האָב מורא פאַר דיר? און וואָס ווילסטו אַקאָרשט פון מיר?" האָט קאָזלינסקי אַרויסגערעדט מיט אַן עכטקאַצאַפּישן אַקצענט, ווען ער האָט געזען אַז דער גוי שטייט אים אַנטקעגן מיט עקשנות.

„וואָס! האָסט טאַקע ניט קיין מורא? און דו ביסט דאָך אַ ‚באָראָדאַטער', אַ דורכאָוונער מענטש, הע? איך אַליין האָב אַמאָל זיך אַביסל געשאַרט צו ‚דוכאָוועטסוועי' — און דערנאָך, שדים ווייסן וואו פאַרפלאָנטערט זיך. נו, לאַדנאָ! אָבער כ'קען ניט פאַרשטיין, האָסט טאַקע קיין מורא ניט? היינטיקע צייטן! זאָג־זשע, ברודערל, דעם אמת?"

קאָזלינסקין האָט אָנגעכאַפּט אַן אינערלעכער דראַנג — און אָן צופיל באַרעכנטקייט שטייף אַ זאָג געטאָן: „הער מיך צו, פריינדל, סוף כל סוף, הערסט? אין קורצן: כ'האָב מורא נאָר פאַר אים, פאַר דעם הימלדיקן, אַליין! פאַרשטאַנדיק?"

„ניט אַזוי פאַרשטאַנדיק, אָבער איך פיל, יאָ איך פיל — און דו ביסט, טייערינקער, פונדעסטוועגן אַ גליקלעכער! אַ גלויביקער ביסטו! אָט איך אַליין, ווי דו זעסט, האָב שוין דעם קאָפּ פאַרלוירן פון אַזויפיל מורא'ס. צייטנווייז שטיקט אַזוי די אַרומיקע שרעק, אַזש דושאַ ס'טיעבע וואָן — אַזש דאָס נפש יאָגט פון דיר אַרויס!"

אַ שטיקל צייט זיינען זיי ביידע געשטאַנען פאַרשטילטע. ווען קאָזלינסקי האָט געגעבן אַ טראָט און אָנגעהויבן זאָגן: „נו, אַ גוטע...", האָט דער גוי אים ווידער אָפּגעהאַלטן:

„אָבער דאָך פאַרשטיי איך ניט: ביסט דאָך ניט קיין ‚פּיאַניצע' — אַזוי זעט אויס; און דו גייסט דאָך ניט באַסיאַקויען, כע, כע, כע — וואו האָסטו דאָס אין אָט־דער קליינער באַגרעבעניש? און דו ביסט ניט אַזאַ. טאָ וואָס שלייעסטו זיך אַזוי שפּעט ביינאַכט? אפשר האָט דיין ‚קלאַפּטע' דיר אַרויסגעטריבן, פּונקט ווי מיר?"

„ניין, ניט דאָס און ניט דאָס".

„טאָ וואָס?" — האָט זיך דער גוי כמעט ווי געבעטן, מיט אַ ווייכערן קול — „זיי מיר מוחל מיין צודרינגלעכקייט. דאָס איז ווייל דו געפעלסט מיר. אָ, און ביסט דאָך ניט קיין ‚טרוס'! וואָס ליגט דיר אויפן מוח, ברודערקע; וואָס זוכסטו אין אַ פינסטערער נאַכט?"

„נו, לאַדנאָ" — האָט קאָזלינסקי זיך אָפּגערופן — „איך זע, אַז דו ביסט ווערט כ'זאָל פאַר דיר עפענען ס'האַרץ: כ'האָב געזוכט אין די קראָמען אַ בוטעלע!... פאַרשטייסט?"

„אָבער צו וואָס! ווילסט מיר זאָגן, אַז ביסט שוין אויך אַריין אין טרינקעניש? לייגסט! לייגסט!"

„האָסט געפרעגט — האָב איך דיר געזאָגט. צו וואָס זאָל איך דיר ליגן? און קיין שיכור בין איך ניט" — האָט אים קאָזלינסקי אָפּגעענטפערט — „ניין, איך ליג ניט".

„טאָ גיב מיר צו פאַרשטיין צו וואָס דאַרפסטו אָט די שאַרפע ביטערקייט? וואָס

איז אין דער זאַך? גיב מיר צו פאַרשטיין, ברודערקע!"

„הער מיך צו, פריינט, גלויב מיר — כ'קען עס ניט אויפקלערן... אָבער כ'האָב עס געדאַרפט זייער נויטיק, זייער און זייער נויטיק... כ'קען דיר דאָ זאָגן: כ'האָב עס געמוזט 'דליאַ בלאַגאַ טשעלאָוועטשעסקאָי דושי' (פאַרן וואויל פון מענטשלעכן נפש) — אָט צוליב וואָס!"

דער גוי איז אַריין אין פאַרטראַכטעניש און זיך נאָכאַנאַנד געשעפּטשעט: „דליאַ בלאַגאַ טשעלאָוועטשעסקאָי דושי; דליאַ בלאַגאַ..." צום סוף האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגערעדט מיט אַ האַרציקפייערלעכן טאָן: „נו, אויב אַזוי, אויב 'דליאַ בלאַגאַ טשעלאָוועטשעסקאָי דושי'! נאַ, נעם" — ער האָט פאַנאַנדערגעשפּיליעט די „קורטקע", פון בוזעם־קעשענע אַרויסגעצויגן אַ האַלבע־ליטראָווקע וואָדקא און מיט כח עס אַריינגעשטופּט קאָזלינסקין אין האַנט. און נאָך איידער קאָזלינסקי האָט זיך צעטשוכעט; געוואָלט עפּעס זאָגן, באַצאָלן — האָט דער גוי זיך געלאָזט גיין צוריק: „נו, סטופּאַי, אי פּעי נאַ זדאַראָוויע" (טרעט אַוועק, און טרינק געזונטערהייט)... און קאָזלינסקי האָט נאָך געהערט ווי אַוועקגייענדיק האָט דער גוי געמורמלט „דליאַ בלאַגאַ טשעל..."

* * *

אַוודאי איז דאָס גאַנצע בילד אויסטערליש און אומגלויבלעך פאַר דער פרייער וועלט. איז כדאי אָפּדעקן נאָך אַ שטיקל פאָרהאַנג פון יענעם פון דער גאַנצער וועלט פאַרהוילענעם אידישן ווינקל, און באַלויכטן עטוואָס דעם ווירקלעכן הינטערגרונט.

ס'איז געווען ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן. אַ בינטל חסידישע יונגעלייט איז געווען פאַרשטעקט אין אַ הילצערן שטיבל אין אַ מאָסקווער פאָרשטאָט — און געווען איז עס די נאַכט פון אַ חסידישן יום־טוב טאָג. איניקע פון די אָטוועזנדיקע יונגעלייט האָבן זיך נסימדיק אַדורכגעגליטשט די מאַסן־אַרעסטן פון די פרומע אידן. ממש אונטער דער נאָז פון די „פיר אותיות" (נ.ק.וו.ד.). האָבן זיי געוואָגלט — שטאַרק־געזוכטע, געשטעמפּלטע און פאַראורטיילטע „מלוכה־פאַרעטער". האָבן אָפט די דאָזיקע בערדיקע אידן אי ניט געקענט אַנטלויפן אין דער ווייט און אי ניט געטאָרט בלייבן אויפן אָרט.

צוויי פון די דאָזיקע חסידים „פליטים" האָבן זיך טאַקע „באַזעצט" אין קאָזלינסקיס הויז — איינער איז אַליין אָנגעלאָפן אין אַ פאַרטאָג; און דעם צווייטן האָט דער בעל־הבית אַריינגעשלעפּט אין פינסטערן נאַכט־חצות. דעם ערשטן האָט קאָזלינסקי אויפגענומען מיט צעצונטערטע אויגן, אומגעלומפּערטער האַלזעניש און מיט אַ ברומיקער צישעניש: „אָבי דו ביסט דאָ! כ'האָב שוין געטראַכט מי יודע וואָס!" דעם צווייטן האָט ער מיט חברישער פּשוטקייט און געציילטע ווערטער אַרויסגעשלעפּט, מיט געוואַלט, פון אַ פאַרשטעקעניש אין דער אַלטער מאָסקווער שול — אָן דאָקומענטן און אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. און די דאַרינקע בעל־הבית'טע האָט די אורחים באַגעגנט מיט בליקן פון שרייאיקער פרייד פאַרזונקען אין פחד; פריער האָט זי אויפגעריסן די אויגן און פאַרדעקט דאָס מויל מיט דערשראָקענע פינגער; און דערנאָך האָט זיך דאָס פּנים פאַרצויגן מיט שטייפקייט, עקשנות און נצחון־פלעמל: זיי וועלן דאָ בלייבן מיט אונז אינאיינעם!

און אַז עטלעכע חסידישע יונגעלייט זיינען שוין צוזאַמען, און אַ חסידישער יום־טוב איז דאָ — האָבן זיך אין קאָזלינסקיס הויז אָנגעזאַמלט, איינציקוויז, נאָך איניקע חסידים — פון מאָסקווע און אַרומיקע שטעטלעך. איז דאָ ניט שייך צו דערציילן ווי אַזוי די פאַרבינדונג איז געווען דאַן צווישן אנ"ש (אפשר וועט ווען דאָס דערציילט ווערן?). אָבער פאַרשטייט זיך, אַז קאָזלינסקי איז געווען דער, וואָס איז דערויף באַשטאַנען.

האָבן די חסידישע אידן „פאַרבראַכט" ביי אים אין שטיבל. געווען איז עס איין חדר, באַלויכטן מיט אַן עלעקטריש לעמפּל; און דאָס ליכט האָט זיך כמורנע געלייגט אויף די הוילע ווענט פון קילעכדיקע בערווענעס, פאַרשטעקט אינצווישן מיט „פּאַקליע". די באַהאָריקטע פּנימער פון די פאַרזאַמלטע האָבן אַ צייט געמיניעט מיט שטומער האַרציקייט און ווייך־וואַרעמער ציעניש. דערנאָך האָט מען זיך פאַרמוטיקט מיט סיפּורים און זכרונות, וואָרעם נאָר אַזוי האָבן חסידים זיך געשטאַרקט. שפּעטער האָבן זיי געלערנט און געלייענט דעם לעצטן בריוו פון רבי'ן, און דאָס שטיבל האָט זיך איינגאַנצן ווי אַ הויב געטאָן פון דעם טרויעריקן אַרום. און אַז די הערצער זיינען געוואָרן שטאַרק צערירט און פול, איז פאַרשוואונדן דער פחד איינגאַנצן. האָט מען געזונגען חסידישע ניגונים און צעהיצט איז געוואָרן דער גאַנצער חלל פון שטיבל. איז דאָס אייזערנע אויוועלע געשטאַנען אַ פאַרשעמטע, ווייל אָן אים איז געוואָרן וואַרעם־וואַרעם אין יעדן ווינקעלע. און דאַן האָט קאָזלינסקי אויסגערופן: „די מלאכה האָט האָלט אַ טרונק — דער חסידישער אויוון דאַרף אָנגעהייצט ווערן אַזוי שטאַרק, אַז עס זאָל סטייען אויף לאַנגלאַנג! מוז מען דערצו אַביסל פאַרטרינקען דעם גוף; מוז מען נעמען אַ קעלישעק לחיים!"

(סוף אויף זייט כא)

א מתנה וואס נאר עלטערן קענען געבן

(פון דער סעריע „חינוך־גדאַנקען״)

● הרבנית ע. חדקוב

עס שטייט אַ באַזאָרגטע מאַמע און רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן די טענות, וואָס זי האָט צו אירע קינדער:

צו איינעם, פאַרוואָס ער לערנט ניט מיט התמדה; צו אַ צווייטן, פאַרוואָס ער היט ניט אָפּ קיין כיבוד אב ואם ווי געהעריק, און צו אַ דריטן, הלמאי ער איז ניט קיין מסודר אד״גל.

די באַטרעפנדיקע מאַמע באַגנוגנט זיך ניט בלויז מיט פעסטשטעלן די חסרונות פון די קינדער, נאָר זי זאָגט גלייכצייטיק אויך אַרויס איר מיינונג, ווער עס איז שולדיק אין דעם.

אָודאי — מיינט זי — זיינען גרעסטנטייל שולדיק די קינדער אַליין. אָבער ניט גאָר אַ קליינעם חלק פון שולד ליגט, לויט איר מיי־נונג, אויף זייערע לערערס, וועלכע גיבן ניט גענוג אַכט אויף זיי; אויף חברים, וועלכע ווירקן אויף זיי ניט צום בעסטן; אויף דער ראַדיאָ, טעלעוויזיע און „קאָמיקס״, וועלכע פאַרטומלען זייערע קעפּ און נאָך אַ ריי פאַרשידענע אַנ־דערע סיבות.

וועלן מיר זיך דאָ ניט פונאַנדערקלייבן אויף ווי וויט ריכטיק די מאַמע האָט דאָ פעסט־געשטעלט דעם דיאַגנאָז פונעם פעלער און זיינע סיבות; מיר וועלן איר דאָ אויך ניט שטעלן די שאלה, צי איז זי בכלל גענוג קאָמ־פּעטענט פעסטצושטעלן אַזאַ דיאַגנאָז; און אויב יאָ — וויפל צייט און מי זי האָט אָפּגעגעבן אויף אָט־דעם פעסטשטעלן.

מיר וועלן אויך ניט פרעגן, צי זי באַגנוגנט זיך נאָר מיט אויסדריקן איר צער, אָדער זי טוט עפּעס אויך ממשות׳דיקס אויסצובעסערן דעם דאָזיקן מצב.

מיר וועלן זיך ביי דעם מאָמענט אויך ניט אָפּשטעלן, צי אָט־דעם פאַרדראָס און די שטראָף־רייד דריקט זי אויס פאַר אירע קינ־דער אין אַזאַ פאַרזיכטיקער פאָרעם, וואָס זאָל פאַרזיכערן, אַז אויב ניט קיין נוצן — זאָל זי לכל־הפחות קיין שאָדן ניט ברענגען מיט איר מוסר־זאָגן.

און ס׳איז טאָקע אויך מעגלעך, אַז די מאַמע איז גערעכט, אינגאַנצן אָדער טיילוויז, סיי אין אירע באַשולדיקונגען און סיי אין די מיטלען מיט וועלכע זי באַנוצט זיך אויף אויסצובעס־סערן זיי.

אונזער עיקר־פראַגע איצט צו דער מוטער איז, צי האָט זי ניט פאַרגעסן צו שטעלן אַמאָל די פראַגע זיך אַליין: „האָב איך אפשר אויך אַ שטיקל שולד אין די חסרונות פון מיינע קינדער, הן אין דעם וואָס זיי האָבן דעם חסרון באַקומען און הן אין דעם וואָס ער איז נאָך ביז איצט ניט באַזייטיקט געוואָרן, אָדער אין דער גרויסער שוועריקייט אים צו באַ־זייטיקן?!״

* * *

ס׳איז באַוואוסט, אַז איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן וואָס האָבן אַ השפעה אויפן חינוך פון קינד איז זיין אייגענע הויז — די דער־ציאונג וועלכע ער באַקומט דאָרטן ביי זיינע עלטערן, דירעקט און אומדירעקט.

ניט אַלע ווייסן אָבער — אָדער זיי מאַכן זיך ניט־וויסנדיק — וואָס ס׳איז דער גענויער ענטפער אויף דער שאלה: פון ווען הויבט זיך אָן די אַחריות פון די עלטערן פאַר דער דער־ציאונג פון זייערע קינדער?

אַריינטראַכטנדיק אין דעם, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז באמת הויבט זיך אָן די פאַראַנטוואָרטלעכע דערציאונגס־אַרבעט שוין פון דעם סאַמע אַנטשטייאונגס־פּעריאָד פונעם קינד — און אפשר נאָך פריער.

דערמאָנט עס מיר אַ געשיכטע וואָס איז זיך פאַרלאָפן ביי דעם רבי׳ן כ״ק אדמו״ר הריי״צ נ״ע — ווי עס איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן פון אַ פאַרלעסלעכן מקור.

אַ ניו־יאָרקער געשעפטסמאַן, אַ טיפּישער אַמעריקאַנער איד, וועלכער האָט געפילט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום רבי׳ן, האָט זיך איינמאָל געווענדעט צו אים און געבעטן אַן עצה אין פאָלגנדיקן ענין: זיינער אַ זון, וואָס איז זייער פאַרכאַפּט פון דער קאָמוניסטישער אידייע און האָט זיך אַ היפּש ביסל דערווייטערט פון אידישקייט, האַלט ביים חתונה־האָבן. איז דער פאָטער זייער באַזאָרגט, ווי אַזוי צו באַאיינפלוסן דעם זון אָפּצוהיטן טהרת־המש־פּחה.

דער רבי האָט דעם דאָזיקן פאָטער פאָרגעלייגט, ער זאָל אויפקלערן זיין זון — וועלכער איז אין אַלגעמיין געווען אַן אָרנטלעכער מענטש — אַז זיכער וויל ער דאָך ניט, דער זון, באַרויבן ביי זיין צוקונפטיקן קינד זיין געוויסן־פרייהייט; און ס׳איז דאָך מעגלעך, אַז דאָס קינד, וואָס וועט ביי אים געבוירן ווערן, וועט זיך אויסקלייבן דעם וועג פון תורה און וועלן פולשטענדיק אָפּהיטן אידישקייט. וועט ער טאַקע האָבן די בחירה חפשית, די אַבסאָלוטע פרייהייט דורכצופירן זיין מטרה אין לעבן אָפּצוהיטן אַלע מצוות, ניט קוקנדיק וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ קאָמוניסט.

אָבער איין שטאַרקע טענה וועט ער אַלעמאָל האָבן צו זיינע עלטערן: „פאַרוואָס האָט איר מיך געבראַכט אויף דער וועלט אָן טהרה — אַ זאַך וואָס ווענדט זיך ניט אָן מיין בחירה און קען אויך ניט געענדערט ווערן דורך מיין תשובה ? !"

אויף דער דאָזיקער טענה וועלן די עלטערן קיין ענטפער ניט קענען געפינען. די באַשולדיקונג קעגן זיי, צוזאַמען מיט די (באַהאַלטענע אָדער אָפענע) פאַרביטערטע געפילן צו זיי מצד זייער קינד, וועלן פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן. דעריבער זאָל ער, ווי אַן ערנסטער און אָרנטלעכער מענטש, שוין איצט נעמען דאָס אַלץ אין באַטראַכט . . .

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט דער באַטרעפנדיקער סוחר דערציילט דעם רבי׳ן, אַז ער האָט געטאָן ווי דער רבי האָט אים געעצה׳ט. ער האָט גערעדט מיטן זון אין דעם דערמאָנטן נוסח און האָט אים טאַקע אַזוי אַרום באַווירקט: דער זון האָט באַשלאָסן צו פירן אַ לעבן מיט טהרת המשפחה.

דער דערמאָנטער פאַל איז אַ לעקציע וועגן אַחריות פון פרויען, וועלכע דאַרפן אַליין האָבן חיזוק אין דער אַבסאָלוט־פינקטלעכער אָפּהיטונג פון דעם דאָזיקן דין, ווי אויך אַן אָנווייזונג ווי צו ווירקן אויף אַנדערע, וועלכע נויטיקן זיך אין דעם.

אָבער גלייכצייטיק דאַרף עס אַלעמען אָנצייגן אויף נאָך אַ פאַקט: פונקט אַזוי ווי דער פיזישער געזונט־צושטאַנד פון די עלטערן קען האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן קערפערלעכן געזונט פון זייער געבוירענעם קינד, אַזוי האָט אויך דער גייסטיקער מצב, כאַראַקטער און מידות פון די עלטערן, אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם נאַטירלעך־גייסטיקן מהות פון דעם קינד.

אמת, ס׳איז פּאַקטיש לחלוטין ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַפילו ביי גאָר פשוט׳ע עלטערן, אָדער עלטערן מיט ניט־גוטע מידות, זאָלן געבוירן ווערן קינדער מיט הויכע נשמות און מיט גוטע אייגנשאַפטן; קינדער וואָס וועלן האָבן די מעגלעכקייט — און וועלן עס אויך טאָן — אויסצונוצן זייער בחירה חפשית אויף אויסצואידלען זיך און צוקומען צו די העכסטע מענטשלעכע מדריגות — דאַרף מען אָבער גלייכצייטיק אין זינען האָבן דעם שווערן אינערלעכן קאַמף וואָס אָט־די קינדער וועלן האָבן אין זייער לעבן בכדי איבערצואַרבעטן די איינגעבוירענע שלעכטע נאַטור, וואָס זיי האָבן געירש׳נט פון זייערע עלטערן.

וואָלטן די עלטערן געהאַט אַ ווייטערן קוק און געזוכט — אויב ניט צוליב זיך אַליין, איז ווייניקסטנס צוליב זייערע קינדער — צו זיין אין אַ וואָס אידעלערן, גייסטרייכערן, קדושה׳דיקן מצב ביי דער אַנטשטייאונגס־צייט פון זייער קינד — וואָלטן זיי אים דורכדעם פיל פאַרלייכטערט זיין לעבן און אים מער פאַרזיכערט צו דערגרייכן זיין העכערן לעבנס־ציל.

* * *

אויך שפּעטער, אין די 9 חדשים פון שוואַנגערשאַפט, איז דאָך די פרוי באַזונדערס פאָרזיכטיק אין אָפּהיטן איר געזונט, דיעטע און אירע אַלע אַקטיוויטעטן, וועלכע קענען האָבן אַן עפעקט אויף דער פיזישער אַנטוויקלונג פון קינד.

און אַזוי זיינען פאַראַן געוויסע הנהגות, וועלכע באַאיינפלוסן אין אָט־דער תקופה דעם גייסטיקן מצב פון דעם קינד.

וועגן דער השפעה אויפן קינד נאָך זיין געבורט, איז אַ טעות צו מיינען, אַז די ווירקונג פון די עלטערן בפרט און פון דער אַטמאָספער אין וועלכער דאָס קינד געפינט זיך בכלל, הייבט זיך אָן ערשט אין דעם עלטער ווען דעם קינדס פאַרשטאַנד איז שוין אין אַ געוויסער מאָס אַנטוויקלט.

דער אמת איז, אַז דאָס קינד קריגט די השפעה פון זיין סביבה און פון זיינע עלטערן, אַ סך פריער ווי מען שטעלט זיך בכלל פאָר.

אַזוי גיך ווי דאָס קינד איז פעאיק אויפצוכאַפּן בילדער און קלאַנגען, ווערט עס שוין באַאיינדרוקט פון דעם אַלעם, וואָס עס זעט און הערט אַרום זיך; דאָס אַלץ קריצט זיך איין טיף, טיף אין זיין נשמה און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם מהות פון קינד אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן.

* * *

און ניט נאָר דאַרפן עס וויסן יונגע עלטערן, ביי וועמען עס דאַרפן ערשט געבוירן ווערן קינדער, אָדער עלטערן פון זייער יונגע קינדער; דאָס דאַרפן אויך אין זינען האָבן די יעניקע עלטערן פון דערוואַקסענע קינדער, וועלכע האָבן דאָס איבנגעזאָגטע ניט גענומען אין באַטראַכט אין דער ריכטיקער צייט.

ווייל אָט דער באַוואוסטזיין וועט לייכטער מאַכן פאַר זיי פעסטצושטעלן לכל־הפחות אַ טייל פון די אמת׳ע סיבות פאַר די פעלערן פון זייערע קינדער.

במילא וועט עס אפשר אויך פאַרקלענערן די

(סוף אויף זייט כא)



דעם זיידנס טרער

• י. ליפּמאַנזאָן

אַז מען גיט זיך אַ טשוכעס אויס פון דער הײַנטצײַטיקער האַוועניש און מען גיט זיך אַליין אַ „טאַפּ ביים האַרצן", מען מעסט אָפּ די וואַרעמקייט, פייכטקייט און פרישקייט פון אייגענעם גייסטיקן לעבן — קען מען, דוכט זיך, דערשפּירן, אַז מיר אידן, פון איצטיקן דור, ליידן פון אַ מין „כראָנישער טריקעניש" אויפן שטח פון האַרץ און אויגן. מיר האָבן איצט אַזוי ווי פאַרלוירן די פּעאיקייט צו פאַרגיסן אַ האַרציק־אידישע טרער, זיך אָפּצופרישן מיט אָט־די נשמהדיקע זאַפּט־טראָפּנס. אַוודאי האָט דאָס אידישע פאָלק פון לעצטן אומגליקלעכסטן דור פאַרגאָסן טייכן בלוט־טרערן — בלוט מער ווי טרערן (און אפשר האָט זיך טאַקע דעריבער ווי אויסגעשעפּט, אויסגעטריקנט דער טרערן־קוואַל פון אידישע הערצער). דאָ ווערט אָבער ניט געמיינט דאָס געוויין פון אָט־דעם סאָרט; ניט די טרערן צוליב מענטשלעכע געווינטלעכע ווייטיקן און יסורים — הגם אויך דאָס האָט זיך אין אַ געוויסן זינען געענדערט אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע צייטן.

אונזערע זיידעס האָבן פאַרגאָסן אָפּט און אַ סך טרערן. ווידער דאָס זעלבע: ער, דער זיידע, האָט זיך שטאַרק באַהערשט פון צו וויינען ביי אַן איבערגעלעבטער צרה, אָדער פיזישן ווייטיק. ווען אַ צאָן האָט אים דערקוטשעט ביז אומדערטרעגלעכקייט, האָט ער ניט גענוצט קיין שום פאַרטויבנדיקע רפואות. ער האָט געקענט פאַרציען דעם צעפוילטן צאָן מיט אַ שטאַרקער פאָדעם און אים אַרויסרייסן מיט כוח — און ער האָט דערביי קיין טרער ניט פאַרלוירן. און ווען זיין באַליבט טעכטערל איז גרויזאַם פאַרצוקט געוואָרן אין מיטן אירע בלי־יאָרן — האָט זיין קאָפּ זיך איינגעבויגן אויף שטענדיק און צוויי שאַרפע קנייטשן האָבן פאַרחתמעט דעם אומגליק אויף זיין געזיכט — אָבער אָן געשרייען, אָן געקלאָג. דאָך איז ער געווען אַ בעל־בכי. געדאַוונט אין אַ מיטן מיטוואָך און פאַרדאַוונט זיך געשמאַק אין שמונה־עשרה — האָבן ביי אים אַזעלכע ווערטער ווי „סלח לנו אבינו" זיך געוויקט אין טרערן, אַזוי, שטילערהייט אונטערן טלית; און פאַרוואָס האָט ער, דער שטאַרקער זיידע, אַלעמאָל די ערשטע נאַכט ראש־השנה ניט געקענט כמעט אַרויסזאָגן אַ וואָרט? עס האָט אים אַזוי געוואָרגן אין האַלז, אַז אָט־אָט ברעכט ער אויס מיט אַ בכי'־שטראָם. וויפל מאָל האָט איך געמוזט מיט אים מיטוויינען „אומשולדיקערהייט", שטייענדיק ביי זיין זייט יום־כיפּור ביים דאַוונען... וואו האָט זיך ביי אים גענומען אַזויפיל טרערן? די באָרד נאַס, דאָס געזיכט רויט־פאַרפלאַמט און דער בליק פון די אויגן — אַ שטיק נשמה־צעגיסעניש.

דער זיידע איז געווען זייער־זייער אַן אָפּגעהיטענער איד. ניט בלויז אויף „חטאים" האָבן זיינע אויגן געטרערט. שמחת־תורה האָט ער שטענדיק געשטורעמט מיט שמחה, פרייד און געטאַנץ. ווי נאָר ער פלעגט אָבער נעמען די ספר־תורה, זי אַרומנעמען און צודריקן צום האַרץ — און באַלד האָבן זיינע אויגן גענומען טריפן, אַ טרער נאָך אַ טרער. אַזוי האָט דער זיידע, אין די טונקעלע שבת־פאַרנאַכטן, געהאַט אַ „טבע" אָפּט צו פונאַנדערכליפּען זיך — צי ביי זיין שטיל־האַרציקן שעפּטשען קאַפּיטלעך תהלים, אָדער ביים „חזרן" אַ טיף־פאַרהימלטן מאמר חסידות.

אויך די באָבע, די ווייבערקע, האָט איר

טרערן־פליץ בעיקר געזאַמלט אין דעם דיקן „קרבן־מנחה״. דער דאָזיקער סידור איז געווען אָנגעבלאָזן און אויפגעלאָפן פון נעץ. און אַז זי איז תשעה־באָב געזעסן אויף דער איבערגעקערטער, הילצערנער מולטער און געזאָגט קינות, פלעגט אַ משונה׳דיקער קינדישער חשבון זיך וועבן אין מיין מוח: ווען די מולטער וואָלט ניט געווען איבערגעקערט — ווי פול זי וואָלט געוואָרן פון דער באָבעס טרערן?...

אַפילו די יונגע מאַמע — און אַ מאַמע ווען זי איז נאָך יונג פּרוּווט זי באַהאַלטן אירע טרערן — אויך זי האָט געהאַט אַ תהלימל, וואָס דאָרט אויף די בלעטער זיינען געווען אָפּגעשטעמפּלט גרויסע מאַמישע טרערן־פלעקן. אַלע קינדערישע ליידענישן און קרענק האָבן געהאַט זייערע צייכנס אויף די קאַפּיטלעך פון אַט־דעם תהלים: אַט־דער קאַפּיטל האָט אין זיך איינגעזאַפּט די גרויסע טראָפּנס פון דער מאַמעס צער בעת דאָס קינד האָט באַקומען סקאַרלאַטין; דער אַנדערער פון טרערן־פאַרגעלטער שטיק קאַפּיטל איז פון דעם קינדס לונגען־אָנצינדונג אאַז״וו. אין אַ ווינקעלע פלעגט זי זיך פאַררוקן, מיט אַ ווייס־דין נאָזטיכל אין האַנט, און שטיל־שטיל, האַרציק־דין געכליפּעט.

2.

געוויס האָט דאָס ביטער טעגלעך לעבן געהאַט אַ שייכות אַפילו צום האַרציקן על־חטא־געוויין. די פיזישע ליידן האָבן דורך אייגענע אינטימע וועגן זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ווײ־געפיל פון גייסטיקער שולדיקייט. אָבער אַן עכט אידיש לעבן דאַרף דאָך זיין אַזוי! גשמיות און רוחניות מוזן זיין אַזוי באַהאָפטן און געבונדן צווישן זיך, ביז צום ניט קענען זיי פונאַנדערטיילן. דער אַמאָליקער איד האָט זיך אָפט געשעמט צו וויינען צוליב אַ שטיק עולם־הזה־גוּיט. אָבער ווען ער האָט ביי זיך דערפילט, אַז זיינע ליידן קומען דערפון, וואָס ער איז אַ „זינדיקער״ און טוט ניט מקיים זיין דעם אויבערשטנס ווילן — דאַן איז זיין גשמיות׳דיקער בראָך דורכגעלויטערט און באַהויכט געוואָרן פון דעם רוחניות׳דיקן שולדיקייט־געפיל; און ביידע מינים יסורים האָבן זיך פאַרפלאָכטן אין איין אידעלערן הרגש, וואָס שליסט־אויף דאָס האַרץ־קעמערל פון „געשמאַקע״ טרערן. און דאַן איז אויך די פיזישע וויען גרינגער צו פאַרליידן. מחמת, ערשטנס, ווערט עס פאַראיידלט דורך זיין רוחניות׳דיקן „זיווג״ און פאַרלירט אַ סך פון דעם שווערן גשמיות־דרוק; אַט־די געוויכטיקייט פון אַ רויען חומר ווערט פאַרגרינגערט. דער ביטערער קגויל אין האַרצן, ווי האַרט און אָנגעפּאַקט ער איז ניט געווען, ווערט דאַן אויפגעלייזט אין דעם זודיקן אויסגאָס פון „אבינו מלכנו חננו ועננו״ און אַראָפּגעשווענקט מיט וואַרעמע טרערן (און ניטאָ וואָס צו שעמען זיך פאַר „אבינו מלכנו״). צווייטנס, האָט דער זיידע־איד ממילא אויך אַרויסגערופן דעם שטאַרקערן בטחון־געפיל, די זיכערע האָפענונג אויף ג־ט׳ס ישועה: זאָל ער, דער איד, נאָר ווערן פרימער און פיינער — וועט שוין אַלץ גוט זיין!

3.

דעם זיידנס טרערן זיינען געווען עכטע, ריינע און לויטערע. אים האָט דערצו ניט געפעלט קיין אַרויסרוף־מיטל און ניט קיין אויפגעבלאָזן־צוגעפּאַסטע אַטמאָספערע. ווי נאָר ס׳האָט אָפּגע׳שופר׳ט דער אָנקום פון חודש אלול, אַזוי האָט אים עפּעס אַ ציטער געטאָן, אַ פאַרקוועטש געטאָן דאָס האַרץ — און ווי ווייט איז פון אַזאַ האַרץ־קלעמעניש ביז צו טרערן־אַרויסרוף?

זיינען געווען אַמאָל פאַרשידענע מינים טרערן, פּונקט ווי פּערל, דימענטן, וועלכע פינקלען מיט אַלערליי קאָלירן.

עס זיינען געווען די פייערלעך־באַהויכטע טרערן, ווען דער טאַטע האָט ערב יום־כיפור אַרויפגעלייגט זיינע הענט צו בענטשן די קינדער. זיי, די קינדער, זיינען געשטאַנען אויפגערידערטע, אויפגערודערטע — און דער טאַטע האָט געשעפּטשעט, געמורמלט און זיינע טרערן האָבן געטריפט איבער די קינדערישע איינגעבויגענע קעפּעלעך. ער האָט אין דער שטיל מער תפילה געטאָן ווי געבענטשט: „זאָל השי״ת העלפן, אַז זיי זאָלן וואַקסן ערלעכע אידן; זאָלן מיינע חטאים ניט זיין קיין שטרויכלונג אין זייער לעבן!״

אַזעלכע מיני טרערן האָבן אויך באַפינקלט ס׳אידישע הויז ביים „געזעגענען״ זיך ערב־יום־כיפור, איידער מען איז אַוועק אין שול צו „כל נדרי״. די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעלאָדן מיט טרערן־פייכטקייט — אַזוי ווי אין אַ געדיכט־פאַרוואָלקנטן זומער־טאָג, אַ מינוט פאַרן רעגן־גוס.

עס זיינען געווען די אַ. ג. ציבור׳דיקע טרערן פון אַ שבת־תשובה, ווען דער רב אָדער מגיד האָט פון דער בימה געגאָסן מיט דערוועקונגס־רייד — און דער עולם, קליין און גרויס, האָט געכליפּעט, האַרציק־פּנימיות׳דיק געהעשעט און זיך דערלייטערט און דערלייכטערט. און עס זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, היימישע גאָר־אינטימע טרערן, פאַרבאַהאַלטענע טרערן, וואָס האָבן אָפּגעפינקלט אַ קליין ביינאַכטיק לעמפּל אָדער איינזאַם ליכטל. ווער געדענקט היינט דעם האַרציקן זיידישן „תיקון חצות״ געוויין?! דער גאַנצער אידישער און אַפילו הימלישער צער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיידנס ד׳ אמות; דער דורות׳דיקער אידישער בראָך

האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע אויגן און זיך געטונקט אין די זאַלציקע טרערלעך.

אָדער, נעמט דעם חסידישן ישיבה־בחור פון זיידנס צייטן, זיין שטילע פון האַרץ־צו־ג־ט פאַרגייעניש אין קריאת־שמע שעל המטה. דער גאַנצער יוגנטלעכער ברויז האָט ביי אים דורכגעציטערט שטייענדיק מיטן פנים צו דער וואַנט. ער האָט אַזוי נאָענט־שאַרף דערשפּירט דאָס ערשטע וואָרט „רבונו של עולם”... די לעבנס־וויכטיקייט פון „השכיבנו אבינו לשלום”, פון „והגן בעדנו”... דער ישיבה־בחור, וואָס האָט „אַמאָל”, ביים אַוועקפאָרן פון דער היים, איינגעהאַלטן די טרערן מיט אינגליש־שטאָלציקע צוואַנגען — דאַן, ווען די מאַמע האָט שוין ניט געקענט באַהערשן אירע טרערן און דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מ׳זאָל ניט מערקן דעם נאַסן פינקל אונטער די ברעמען — ער, דער זעלבער ישיבה־בחור, האָט איצט אומגעשטערט פרייגעלאָזט זיין נאָגנדיקע בענקשאַפט און נשמה־לעכץ; ביין, דאָס זיינען געווען בענקשאַפטן צו איבערלעכער ריינוואַשונג און דערהויבונג: „אַ ריין האַרץ באַשאַף מיר, רבונו־של־עולם, און אַ רעכטפאַרטיק גייסט באַניי־זשע אין מיין אינגעווייד”. פאַר ווען זאָל ער זיך שעמען צו וויינען אין ווינקעלע — ווען ער ציט־אויס אין קריאת־שמע דעם „אחד־ד־ד” ביז איבער זיינע מוח־גרענעצן און דער׳־דבקה׳ט זיך צו אַ מין אויפליז אין אַ זיסן ציעניש־געפיל! ניטאָ דאַן קיין אָפּהאַלט פאַרן אויפרייס פון טרערן־קוואַל.

און אַזוי אָפט האָט מען דאָך אַמאָל געהערט דעם שטורעמדיק־אויפרייסנדיקן ציטער־געשריי פון אַן איש פשוט ביי די נעילה־ווערטער „פתח לנו שער בעת נעילת שער...” אין זיין צאַפּל פון קול האָט מען געשפּירט די גרויסע מורא ניט צו פאַרשפּעטיקן; דעם טיפן נשמה־ריס צו פאַרכאַפּן די לעצטע מינוטן פונעם אָפּענעם רחמים־טויער. האָט ער אַ סך, אַ סך טרערן פאַרגאָסן ביז צו זייער סך־הכל, ביז דעם „יהי רצון מלפניך שומע קול בכיות”, אַז דו, ג־טעניו, זאָלסט אַריינטאָן אונזערע טרערן אין דיין „לאָגל”... און גרויס, גאָר גרויס מוז זיין אָט־דער דאָזיקער לאָגל!

אָבער פונקט אַזוי האָט מען געקענט זען ווי דער חסידישער יונגערמאַן, וואָס איז תמיד געווען אַזוי ווייט פון אומעט, האָט זיך „געגאָסן ווי אַ ביבער” ביי אַ צעפייערטן חסידישן „פאַרברענגען”. ס׳איז ניט וויכטיק צי דאָס האַרץ האָט זיך צערירט פון דעם אָנפליץ פון חסידישער באַהויכטקייט און אויפרייצנדיקע בענקשאַפטן און המשכה צו דערהויבונג; צי דאָס האַרץ איז געוואָרן צענומען מיט אַ מין מרירות־ברויז: די יום־טוב׳דיקע הערלעכקייט פון אַ חסידישער התוועדות האָט דאָך אַזוי קלאָר באַוויזן די נישטיקייט פון דער וואָכיקער האָוועניש. איז ווען אַ איד האָט דאָס גוט דערשפּירט: „ווי ווייט בין איך דאָס שטענדיק פון אָט־דער חסידישער ליכטיקייט!” — האָט אים דאָס האַרץ פאַרקלעמט. איז אַמאָל געווען גענוג דאָס באַאַקערן פון געמיט מיט אַ טיף־האַרציקן חסידישן ניגון — און אידן מיט בערד האָבן געוויינט.

ווי טייער זיינען דאָס אידישע טרערן! ניט אומזיסט זאַמלט זיי כביכול דער רבונו־של־עולם אין זיין כוס־אוצר; און ניט אומזיסט קענען זיי אויפרייסן הימל־טויערן: פאַר אידישע טרערן ברעכן זיך אַלע פאַרזיגלטע שערים.

וואו זיינען עס היינט יענע אידיש־אידישע טרערן?! זיי וואָלטן דאָך צעווייקט אונזער פאַרטריקנטקייט; זיי וואָלטן דאָך געמאַכט ווייכער, פרישער און וואַרעמער דאָס האַרץ; זיי וואָלטן דאָך לייכטער געמאַכט דאָס געמיט, וואַכער די נשמה און רואיקער דאָס געוויסן — אין וואָס מיר נויטיקן זיך איצט אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק.

ר' נחום טרינקט „לחיים"

דוד זאַרעצקי •

ר' נחום איז נאָכגעגאַנגען דעם ארון, ווי שטענדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זוכנדיקע אויגן און שטילע, קוים־הערבאַרע, זיך שאַרנ־דיקע טריט.

אַראָפּגעלאָזטע אויגן, צוליב וואָס?

מען קען האַלטן דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזן און די אויגן — אַ, האַ, די אויגן! וואו די אויגן קענען דערקריכן, זאָגט ר' נחום, קענען זיבן קעפּ ניט דערלאַנגען. דאַרף מען טאַקע די אויגן אַרונטערלאָזן, טיף, טיפער און נאָך טיפער. און די אויגן זאָלן מיטרייסן די אַנדערע אברים.

ר' נחום האָט שטילע טריט, אַזוי ווי דער טאָג, דער אידישער; אַזוי ווי די נאַכט, די אידישע; אַזוי ווי די אידישע אויגן, שטיל, ש־ט־י־ל. מען גיט אַ טראָט און מען ווייסט נאָך ניט וואו מען קען שטעלן דעם צווייטן, מחמת די וועלט דרייט זיך, קען זיך אַז אין אַ מינוט אַרום וועט זי זיך אַוועקדרייען און דיינע פיס וועלן בלייבן הענגען ניט אַהין און ניט אַהער.

גייט ער אַזוי פאַמעלעך, עקב בצד אגודל. פאַרטראַכטע פיס האָט ער, ר' נחום, אויך אַראָפּ־געלאָזטע, ווי די אויגן. זיי זוכן ניט מער ווי די ד' אמות, אָט־אָ־די ד' אמות'דיקע וועלט וואָס ליגט דאָ ביי זיינע פיס.

וואָרום דער בית־החיים, קינדערלעך מיינע, איז דאָך צעטיילט אין טויזנטער וועלטן, ד' אמות'דיקע וועלטן. דער מסוף־העולם־ועד־סופו האָט זיך איינגעשרומפּן אין בלויז פיר איילן; און איין צאָל ווייטער איז שוין אַ פרעמדע וועלט, מיט פרעמדע ווערים און פרעמדער צעפוילעכץ. מתים גייען ניט אין יענעמס וועלט, דאָס טוען נאָר לעבעדיקע...

גייט אַזוי ר' נחום נאָכן ארון. אָט איז מען צווישן דער ריי וואו דער קבר איז אויסגעגראָבן. אַ לעבל אין אַ גרויסער וועלט, טראַכט ר' נחום, אַ קליין לעבעלע אין דער לעבעדיקער וועלט, שפּריזט מען אַריבער דאָס לעבל סתם אַזוי. און דאָ, אין דעם אור־וואָלד פון טויטן־לעבן, שטעלט מען זיך אָפּ און מען זעט ניט ווייטער ווי דאָס לעבל.

— ווער איז דער נפטר, ר' נחום?

— ר' אברהמ'ס אַ זון.

— וועלכן ר' אברהם?

— וואָס הייסט, וועלכן? ר' אברהם אבינו!

ער גיט אַ ר' נחומ'דיקן שמייכל, וואָס בלייבט הענגען אַ ווײלע ווי אַ טראָפּן ליכט אויף זיינע ווייס־ווייסע האָר און צערינט זיך גלייך אין דער בית־עולם'דיקער שוויגעניש. וואָס שייך, ווער? אַ איד האָט ציצית געטראָגן און תפילין געלייגט און אתרוג געבענטשט און ליב געהאַט דעם רבונו־של־עולם און צרות געהאַט און גע־ווײנט מיט צעשפּרייטע הענט צום פאָטער אין הימל — און אָט קומט ער אין זיין אייגענער וועלט. וואָרום ביז היינט, קינדערלעך מיינע, האָט מען אים אַלץ געבאָרגט; איצט גייט ער אין זיין וועלט. טאָ וואָס איז דער אונטערשייד ווי ער הייסט און וועמענס זון ער איז? ווער ווייסט ווי נחום וועט אויסזען אין זיין לאַגע!

אָט האָט מען דעם מת אַוועקגעלייגט, מען איז אַריין אין קבר צוצוגרייטן די ברעטער. וואו לייגט מען דעם קאָפּ? נעבן אַנדערע קעפּ. וואָ־רום דאָ, צווישן פאַרקן וואָס טיילט אָפּ דאָס ליגן פונעם אמת, איז ניטאָ קיין קעפּ און קיין פיס, קיין הארץ און קיין מוח. נחום איז ערד מיט שטיינער און חיים־חיקל איז ערד מיט שטיינער — לייגט מען אַלע קעפּ איינעם נעבן צווייטן, נאָר יעדער איינער האָט זיינע אייגענע ווערים, זיי מישן זיך ניט...

אַוועקגעלייגט דעם מת, אויסגעמאָסטן, לייגט מען אַריין דעם מת אין קבר — — —

— זע, זע, נחומ'קע, זע ווי ער לאָזט זיך אַוועקלייגן ווי יענע ווילן, און ער פרעגט ניט, ר' אברהמ'ס זון, צי עס פּאַסט אָדער ניט...

עס פאַלט אַ שטיינדל און אַביסל ערד און ווידער שטיינדלעך און ווידער זשמעניעס ערד און פרישע גראָז און אַמאָל אַ שטיקל שפּענדל — אַלץ צוזאַמען פאַלט אויף אים, און ער ליגט רואיק, ר־ו־אַ־י־ק!

ר' נחום רייבט זיך די אויסגעטריקנטע הענט. עס טוט נאָך ווי פונדעסטוועגן ווען ער רייבט די הענט שטאַרק. הייסט עס, פילט ער נאָך דעם גוף. וואָס־זשע איז דיין גוף, נחומ'ל, אַ

שטיק קולאַק אָדער אַ גלעט, אַ געשריי אָדער אַ שטילע תפילה? וואָס איז ער, דער־אָ נחום, וואָס שטייט איצט איבערגעבויגן איבער אַ קבר פון אַ מענטשן און ווייסט ניט פאַרוואָס יענער איז טויט און ער דריט זיך דאָ?

מען האָט געקוקט אויף ר׳ נחומען און געזען נאָר די אַראָפּגעלאָזטע אויגן וואָס זיינען געווען, ווי שטענדיק, איינגעהילט אין אַ הייליקער שווייגעניש. זיין קליינער קאָפּ האָט ווי אָנגע־שטרענגט געקוקט אויפן קבר, נאָכגעשאָקלט יעדן פאָכע מיט דער לאָפּעטע, געזען ווי דער קבר ווערט אָנגעפילט. ער האָט געהערט דעם וויינענדיקן קדיש, אויפגעהויבן אַ ווילע די אויגן, כדי אַ קוק צו טאָן פון וואַנען פאָכעט אַ קאַלטער ווינט און באַמערקט, אַז דאָס קומט פון דעם קדיש־זאָגער. עד, אַן אַלטער פאָטער איז געשטאָרבן, שוין זיך אָפּגעוואוינט פון זיין אַ קינד, האָט ר׳ נחום געטראַכט. איצט האָט דער פאָטער געלעבט פאַר די קינדער נאָר כדי זיי זאָלן וויסן אַז זיי האָבן געהאַט אַ פאָטער, ניט אַז זיי האָבן נאָך. איצט איז ער אַוועק, דער פאָטער, נו, דאַרף מען זאָגן קדיש. שנעל אָפּגעזאָגט, אַ וואָרף געטאָן דאָס ביסל גראָז און גיך גענומען גיין.

— קומט, ר׳ נחום, מיר ווען איך מיטנעמען מיטן אויטאָ. אַ לאַנגן וועג זענט איר גע־גאַנגען.

— מיטן אויטאָ? — האָבן ר׳ נחומ׳ס שטילע אויגן גערעדט — וואָס איז דאָס געאײל? מיין פאָטער איז ניט געשטאָרבן איצט און איך האָב זיך ניט וואָס צו איילן.

שמייכלען די קברנים, שמייכלען די מלווים, צעטומלען זיך די קדיש־זאָגער און ר׳ נחום שמייכלט אַ פאַרן־קבר׳דיקן שמייכל און זאָגט:

— איך האָב נאָך דאָ עפּעס צו טאָן, אַ קלייניקייט.

קלייבן זיך באַלד אַרום אים עטלעכע מענטשן, וועלכע קענען אים און וויסן, אַז ער בלייבט ניט סתם אַזוי און מסתמא טראַכט ער עפּעס צו טאָן. וואָרום אַ וואָרט ביי ר׳ נחומען און אַ מינוט ביי ר׳ נחומען וואַלגערן זיך ניט אונטער די פיס און געוויס ווערן זיי ניט צעטראָטן, ווי אָט־די ערד פון קבר.

נאָר ר׳ נחומ׳ס אויגן זיינען דאָך אַרונטער־געלאָזן און ער זעט ניט ווער עס גייט מיט אים און ווער ניט, גייט ער ווייטער, גייט מען אים נאָך. גייט ער ווייטער און ווייטער צווישן רייען קברים, פרישע, מיט בלאַנקענדיקע מצבות און אַלטע, וועמען עס איז שוין מיאוס געוואָרן צו קוקן אויף דער לעבעדיקער וועלט און זיי גראָבן זיך טיפער אין דער ערד אַריין. ביז ער קומט צו דער לעצטער ריי, דאָרט זיינען דאָ עטלעכע אהלים, און צווישן זיי — אַ ליידיקער פּלאַץ.

קוקן די מענטשן פאַרוואונדערט: וואָס וויל דאָ ר׳ נחום טאָן?

גייט ר׳ נחום אַרום און אַרום דעם פּלאַץ און מורמלט מיט די ליפּן — און אַ טראָפּן שמייכל בלייבט הענגען אויף זיינע וויס־זוייסע האָר. ער מעסט אויס דעם פּלאַץ מיט זיינע שטילע טריט, בלייבט שטיין און קוקט אים גוט אָן. ר׳גייט אַריבער דאָרטן וואו אַלע קעפּ ליגן און שאָקלט צופרידן מיט זיין שטילן קאָפּ. דאַן דרייט ער זיך אויס און זאָגט צו זיך אַליין:

— נו, נחום, אויב אַזוי מעגסטו דאָך טרינקען „לחיים״?

ווערט שטיל אַרום אים, שטילער ווי עס איז צווישן קברים, נאָר אַ צעשראָקענע פליג האָט פלוצלונג אַ פלי געטאָן און זיך באַהאַלטן פאַר דער שטילקייט פון ר׳ נחומ׳ס ווערטער.

— „לחיים״? — קרעכצט אַרויס איינער.

— „לחיים״? — וואונדערט זיך אַרויס אַ צווייטער.

„לחיים״? — צעשפּרייט אַ דריטער די צע־טומלטע הענט — לח־י־י־ם?

און ר׳ נחום איילט רירעוודיק אַוועק צום חברה־קדישא־שטיבל. איז דער שטילער נייגער אַרום געוואָרן מער אָנגעצויגן. וואַרט מען. ביי חברה קברנים איז מסתמא גרייט אַביסל משקה — איז ר׳ נחום טאַקע צוריקגעקומען מיט אַ פלעשעלע יי״ש און צוביסעכץ. און, הערט און זעט מיט אייערע אייגענע אויגן: ער נעמט צוויי גלעזעלעך, גיסט זיך אָן אַביסל און גיסט אָן נאָך אַ גלעזל און שטעקט אויס סתם אַזוי: וועלכע האַנט עס וועט נעמען וועט זיין גוט. שטעקט זיך אויס אַ האַנט. אַ אידישע, אַן אברהם־יצחק־יעקב׳דיקע האַנט און נעמט דאָס גלעזל — גלעזערט זיך דאָס ביסעלע יי״ש אי־נעם גלעזל און דאָס האַנט ציטערט אַביסעלע. ווער ווייסט, טראַכט די האַנט, וואָס ר׳ נחום גייט דאָ טאָן!

גיט ר׳ נחום אַ פּאָר קליינע טריטעלעך צום אָנהויב פון דעם ליידיקן פּלאַץ, הויבט אויף אַ ווילע די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און בלינצלט מיט זיי אויף די אַרומשטייענדיקע, באַטראַכט יעדן איינעם פון זיי מיט זיין שטילן שמייכל, גיט אַ קוק אויף איינעם און זאָגט:

— ווייסט וויסן ווי מיר צו מקבר זיין?

און ער לאָזט ניט יענעם ענטפערן, נאָר זאָגט אים שטיל און געבעטעריש:

— לאָמיר טרינקען לחיים לכבוד מיין קבורה. זי וועט מסתמא זיין על פי דין, מיט אַלע הידורים ווי איך האָב פאַרשריבן, און איך בעט אייך אַכטונג געבן עס זאָל גיין שנעל... לחיים!

— לח־ח־ח־יים! — שטאַמלט יענער און שלוקט אַרונטער דאָס ביסל יי״ש ווערגנדיק זיך.

— און דאָ וועט ליגן מיין קאָפּ. וועט עס ליגן אונטער דער ערד ווי אַ מענטשישע נאַ־רישע קאָפּ דאַרף ליגן. לחיים, ברידערלעך, לכבוד אַ אידישן קאָפּ, וואָס האָט זוכה געווען

צו זען זיין קבר שטייענדיקערהייט און טראַכטנ־
דיקערהייט.

— און דאָ וועט זיין מיין קערפּער און ווײ־
טער אַביסל — די פיס.

ער איז געגאַנגען עטלעכע קליינע שריט, זיך אָפּגעשטעלט, און די אַרומיקע האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט ציען זיך אויס ר׳ נחום׳ס פיס און לייגן זיך אויס איבער דעם שטיק שטיינערנער ערד.

— וועט דאָ, הייסט עס — האָט ר׳ נחום אָנגעוויזן מיטן פינגער — דאָ וועלן ליגן אויסגעשטרעקט נחום׳ס פיס. לויפנדיקע פיס זיינען זיי געווען. עך, עך, ברידערלעך מיינע, אַז פיס פיסלען זיך און מעד ניט, ווער ווייסט צי מען וועט זיי רואיק לאָזן ליגן? אפשר וועלן זיי דאַרפן נאָכאַמאָל פיסלען זיך איבער דער שטיינערנער וועלט? — עך, עך ברידערלעך.

...לאָמיר־זשע טרינקען לחיים לכבוד די קברנים, לכבוד דעם קבר מיינעם, לכבוד דעם קאָפּ און די פיס, וואָס וועלן ליגן דאָ; און לאָמיר מאַכן אַ „שהכל", אַז אַלץ איז געשאַפן געוואָרן מיט זיין וואָרט. לחיים, רבותי!

ער האָט געגאָסן די גלעזלעך און געטיילט שטיקלעך קיכל. די הענט האָבן געציטערט און טראָפּנס יי״ש האָבן זיך איבערגעגאָסן.

— הי, הי... האָט ער געפּאַטשט מיטן פינגער שמייכלענדיק — דער קבר אַליין דאַרף קיין לחיים ניט טרינקען. ער איז דאָך שוין פול מיט לעבן, מיט אייביקן טויטן־לעבן. ערשט דאָ הויבט ער זיך אָן. פונדעסטוועגן שאַדט ניט אַביסל בראָנפן. זאָל ער אויך הנאה האָבן איידער ער וועט מיך אַריינעמען.

עס איז געוואָרן שטיל אויפן בית־הקברות. די אַרומיקע מצבות האָבן גאוה׳דיק געקראָכן פון דער הויטיקער ערד. דער פרישער קבר איז נאָך געשטאַנען פאַרשעמט צווישן די טויזנטער חברים, יונגע און אַלטע, צעפאַלענע און ערשט־אויפגעבויטע. די מענטשן אַרום האָבן געהאַלטן די גלעזלעך אין די הענט און ניט געוואוסט וואו די אויגן אַהינצוטאָן.

נאָר ר׳ נחום איז געוואָרן פריילעך. ער האָט לייכט געטריטלט מיט די דאַרע פיסלעך, עלעהיי ער טענצלט אַרום זיין אייגענעם קבר. דאַן האָט ער זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל און געזאָגט סתם אַזוי, צו דער שטילקייט פון בית־עלמין:

— לחיים, השי״ת זאָל העלפן איך זאָל ווערט זיין.

און קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

הקפות אין ווייטן סיביר / סוף פון זייט ג

ציטערדיקע הענט גענומען די צוויי ספרים, זיי צוגעטראָגן צום ווייב אַ קוש צו טאָן און האָט זיי באַלד שטאַרק־שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן. פּאַמעלעך, מיט יום־טוב׳דיקע טריט האָט ער אַרומגעקרייזט די ערשטע „הקפה" אַרום דער „בימה", אויסזינגענדיק די פסוקים. די רביצין האָט נאָכגעזאָגט. און ווען זי האָט געענדיקט האָט ר׳ יצחק פאַרצויגן דעם סאַמע פריילעכסטן ניגון, אויפגעהויבן די ספרים אין דער הויך — און קיינמאָל האָט נאָך די רביצין ניט געזען דעם מאַן טאַנצן אַזוי פלינק, אַזוי לאַנג און אַזוי יום־טוב׳דיק.

ביז פאַרטאָג האָבן געדויערט די הקפות. און ביזן סאַמע פרימאָרגן זיינען כמעט אַלע דאָרפס־פּויערים געשטאַנען ביים פענסטער. איינציקוויז האָבן זיי אַריינגעקוקט אין פענסטערל, געהערט דעם פייערדיקן זינגען און אַלע צחאָמען האָבן זיי, אַליין ניט וויסנדיק פאַרוואָס, געטאַנצט און געשפּרונגען.

בלויז דער וואַלד איז דאָס מאָל געלעגן איינגאַנצן אַ פאַרטייעטער, אַ פאַרשטילטער אין טיפן געהאָרך — איינגעזאַפּט האָט דער באַשאַף דעם פריילעכסטן ג־טלעכן סוד, די פריד פון נצחיות׳דיקן קשר פון ישראל, אורייתא און קודשא בריך הוא.

אבותינו ספרו לנו...

סיפורים און ענינים וועגן נשיאי און חסידי חב״ד פאַרצייכנט לויט אויטענטישע מקורות

ר׳ ברוך מרדכי איז געווען רב אין באָברויסק. לעבן דער הויז פון ר׳ ברוך מרדכי, איז געשטאַנען אַ שטענדיקע וואַסער־לחשע וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט. האָט ר׳ ברוך מרדכי אַמאָל, פאַר די מסובים ביים טיש, אַזוי אויסגעטייטשט די סיבה דערפון: ווייסט איר פאַרוואָס עפּעס ביי מיין שטוב איז דאָ אַ שטענדיקע בלאָטע? איז די זאַך אַזוי: די חז״ל זאָגן אַז דער אויבערשטער האָט באַוויזן צו אדם הראשון, „דור דור ודורשיו, דור דור ושופטיו״ וכו׳ (דער אויבערשטער האָט אדמ׳ען באַוויזן די אידישע מנהיגים און חכמים פון אַלע דורות). איז ווען השי״ת האָט באַוויזן די רבנים פון דער באָברויסקער קהילה און אדם הראשון האָט דערזען אַז ברוך מרדכי איז אַ רב אין אַ אידישער שטאָט — האָט אדם הראשון אַ שפּיי געטאָן: פע! אויך מיר אַ רב! און פון דעם שפּיי איז געוואָרן דאָ אַ בלאָטע — און זינט דאַן טריקנט זיך עס ניט אויס...

•

ר׳ הלל פּאַריטשער איז אַמאָל ווינטער־צייט געווען אין ליובאַוויטש. ס׳איז געווען פּונקט די לעצטע נאַכט פון דער באַשטימטער צייט פאַר קידוש הלבנה; די לבנה איז אָבער געווען פאַרדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס — און ר׳ הלל האָט נאָך ניט געהאַט מקדש געווען די לבנה. האָט ער דערויף אָנגעשריבן און איבערגעגעבן אַ פּדיון צום אדמו״ר הצמח צדק. דער רבי דער צמח צדק האָט אים צוגעזאָגט אַז די לבנה וועט זיך באַווייזן. פאַר־שטייט זיך, אַז ר׳ הלל האָט שוין געזען, אַז מ׳זאָל צוהיטן ווען די לבנה וועט זיך באַווייזן. אין מיטן נאַכט האָט זיך די לבנה באַוויזן. אַרויסקומענדיק אין גאַס האָט ר׳ הלל געזען, אַז די לבנה זעט זיך טאַקע, אָבער זי איז ניט קיין קלאָרע און לויטערע. האָט ר׳ הלל זיך אומגעקערט אין הויז אַריין און די לבנה ניט מקדש געווען, זאָגנדיק. אַז דער רבי האָט צוגעזאָגט אַז די לבנה וועט זיך ווייזן, מיינט עס אַ לויטערע און ליכטיקע לבנה, אָבער ניט אַזאַ, אַ פאַרכמאַרעטע ווי די... ערשט גאָר ווייט אין דער נאַכט האָט זיך באַוויזן אַ לויטערע לבנה, וואָס איז ר׳ הלל׳ן „געפעלן״ געוואָרן און האָט מקדש געווען די לבנה. האָט ער דערנאָך געזאָגט: איינמאָל, אין זיין יוגנט, האָט יאָ געטראָפן, אַז די לבנה האָט זיך אַ גאַנצן חודש ניט באַוויזן. נאָר דאַן איז ער נאָך געווען ביי זיינע כוחות. איצט אָבער, אויף דער עלטער ווייס ער ניט צי „ער וואָלט דאָס אַריבערגעטראָגן״ — ווען ער וואָלט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו מקדש זיין די לבנה.

•

ר׳ נחמי׳ דובראָוונער (פון דעם אַלטן רבי׳נס גרויסע חסידים) איז ניט געווען דער רב פון דובראָוונע (ווי פיל דענקען). ער האָט אין דער שטאָט געהאַט אַ טליתים־פאַבריק; און דער רב איז געווען ר׳ שלמה דער מ״ץ, אַ למדן מופלג. האָט זיך אַמאָל ביי ר׳ שלמה דער מ״ץ געמאַכט אַ זייער האַרבע און ערנסטע שאלה, האָט ער אָנגעשריבן אַ לענגערע שאלה־בריוו וועגן דעם צום גרויסן גאון פון בראָד, ר׳ אפרים זלמן מרגלית, בכדי צו וויסן דעם חוות־דעת, די הלכה מיינונג פון דעם דאָזיקן גאון עולם. אַזוי ווי געוויסע אָנגע־

(סוף אויף זייט כה)

מורנו רבי ישראל בעל שם טוב

(צו דער געלעגנהייט פון „יום הבהיר" ח"י אלול — דער יום הולדת פון בעל־שם־טוב אין יאָר נח"ת)

● חנוך גליצנשטיין

דאָס ליכט־פונק פון משיח

„כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (ווי אין די טעג פון אַרויסגאַנג פון מצרים, וועט דער אויבערשטער וויזן וואונדער פאַר די אידן — אין די טעג פון דער גאולה העתידה).

דער גלות און די גאולה פון מצרים, וואָס זיינען געווען אַ הכנה צו מתן תורה, דינען ווי אַ דוגמא, אַ בײַשפּיל, צום סדר און אויסזען פון דער צוקונפטיקער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו:

אַזוי ווי פאַר מתן־תורה, אידער די אידן זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ פאָלק, ווי דאָס ג־טלעכע פאָלק („היום הזה נהיית לעם"), האָבן די אידן געדאַרפט דורכגיין דעם פיינלעכן „שמעלץ־טאָפּ" פון גלות מצרים — אָט אַזוי גייען אידן אויך אַדורך פאַר דער פולקאָמער גאולה, אַ קייט פון גלות'ן און שרעקלעכע גזירות (וואָס אידן האָבן עס באַקומען אין דער פולער מאָס);

און פונקט ווי פאַר די אַנטפּלעקונגען פון הר סיני האָט דאָס אידישע פאָלק געמוזט וויזן אַ לעבעדיקן בײַשפּיל פון מסירת־נפש ביי קריעת ים־סוף, און ווען זיי זיינען בייגעשטאַנען דעם נסיון, און זיך אַריינגעוואָרפן אין ים, נאָכגעיאָגטע פון די מצריים, האָבן זיי דאָרט דורכדעם זוכה געווען צו דער גרויסער ג־טלעכער אַנטפּלעקונג אויפן ים, ענלעך צו די גילויים פון מתן־תורה („ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי על נהר כבר") —

אויפן זעלבן שטייגער איז עס אויך פאַר דער אַנטפּלעקונג פון פנימיות התורה דורך משיח'ן: אידן האָבן געמוזט בײַשטיין די שווערסטע נסיונות, ביז צו מסירת הנפש והגוף, בכדי זיך אויסצואיידלען, דערהויבן זיך און זיין פאַסיק אויפצונעמען דאָס גרויסע און אינערלעכע תורה־ליכט. איז ווען די אידן זיינען בייגעשטאַנען די שווידערלעכע גזירות ת"ח ות"ט (פון כמעלניצקי ימ"ש), האָט זיי השי"ת דערנאָך געמאַכט פאַרזוכן „מעין עולם הבא", עטוואָס פון די משיח־גילויים, מיט דער התגלות פון דער הייליקער נשמה פון בעל־שם־טוב הקדוש און דעם אויפשיין פון תורת החסידות — די תורה פון משיח'ס צייטן.

דאַן, אין די שרעקלעכע טעג פון שווידערלעכע לידן, וואָס האָט געטריבן דעם אידן צום תהום פון פאַרצווייפלונג; ווען גרויסע צענטערן פון תורה און יראת שמים זיינען געוואָרן פאַרטיליקט און גאַנצע שטעט און מדינות, פול מיט אידיש לעבן, זיינען געוואָרן צעברעקלט איף שטויב; ווען פאַרשידענע באַוועגונגען פון פאַלשע „משיחים" און אַנדערע אפיקורסישע באַוועגונגען האָבן געריסן, געביסן און פאַר'סמ'ט שטיקער פונעם אַל־אידישן קערפּער און דאָס גרויסע פינסטערניש האָט גענומען אַריינדרינגען און באַהערשן דאָס אידישע שטוב און גאַס — האָבן זיך דאַן איפן פינסטערן אידישן האָריזאָנט גענומען באַווייזן די העלע שטראַלן פון דער משיח־ליכט אין דעם געשטאַלט פון שמש המאורות — דער בעל שם טוב — דער אומפאַרגלייכלעכער באַליבטער פון אידישן פאָלק.

על דרך ווי ביי דער גאולה פון גלות מצרים האָט זיך דאָס אידישע פאָלק גענויטיקט אין אַ מנהיג — משה רבינו, דער האַר פון די נביאים, וואָס האָט דעם פאָלק געוויזן דעם דערהויבענעם ג־טלעכן וועג — אַזוי האָט אויך השי"ת אין דער צייט פון די נידעריקע דורות פון עקבתא דמשיחא, באַהעלט און באַזעלט און באַשיינט די וועלט מיט דער הייליקער אצילות־נשמה פון בעש"ט און זיין תורת החסידות.

אַ וועלט־אַרומנעמענדיקער, מעכטיקער רעגן־בויגן פון אַ שלל צונטערע קאָלירן וואָס ציען־צו און פאַרכאַפּן אויגן און חושים — האָט זיך געצויגן פון בעל שם טוב'ס נשמה און דערוועקט די פאַרהוילנסטע־איידלסטע פעדים פונעם פאַרפייניקטן אידישן פאָלק; האָט צוגעצויגן, צעצונדן און אויפגעפלאַקערט דעם פונק־פינטעלע פון אידישער גאַנצקייט און האָט דעם דאָזיקן אידישן ניצוץ גופא פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס, לויטער און שיינענדיק ליכט וואָס באַשטראַלט דעם אַרום.

דער בעש"ט האָט געבראַכט טרייסט פאַר

אידן און האָט אין זיי אַריינגעבראַכט די אמת'ע לעבנס־פרייד — די פרייד פון אַ אידנס נפש און גוף.

דער בעש"ט איז מיט זיין אייגענער פערזענלעכקייט געווען דער סימבאָל פונעם פאָלקס שיעור־קומה, פון גאַנצן כלל־ישראל באַשטאַנד, און אויך זיין נאָמען איז בהשגחה פרטית געווען דער זעלביקער ווי פון גאַנצן פאָלק — י ש ר א ל.

אַ גאַנצע לערע, אַ ברייטע און פאַרצווייגטע האָט דער בעש"ט מחדש געווען; ער האָט באַנייט און ווידער־באַלויכטן יסודות פון אידישקייט, אַנטהילט זייער פּנימיות, פאַרטיפט זייער באַדייט און דורכגעטראָטן אַ ברייטן וועג אַריינצוזאַפּן און פאַראייגענען זיי.

זיין נשמה און זיין תורה זיינען געווען די מאַגנעטישע צוציי־קראַפט פאַר אַלדאָס גוטע און דערהויבענע ביי אידן. דער בעל־שם־טוב האָט אָנגעצונדן די נשמה פון יעדן איינעם — פונעם גרויסן גאון ביזן איש פשוט — און אַזוי אַרום צוגעגרייט דאָס פאָלק אויפצונעמען דעם אור המשיח, וואָרעם זיין נשמה איז געווען אַ ניצוץ פון משיח'ס נשמה.

די יציאה פון מצרים — באַגרענעצונגען און ענגשאַפטן

יציאת מצרים, ווי דערמאָנט, שטעלט מיט זיך פאַר אַ דוגמא, אַ ביישפּיל פון דער צוקונפטיקער גאולה. איז פאַרשטענדלעך, אַז תורת החסידות, זייענדיק אַן אָפּשיין פון דער גאולה־שלימה־אַנטפּלעקונג, אַנטהאַלט אין זיך דעם באַדייט פון יציאת מצרים:

ביי יציאת מצרים האָבן זיך אידן באַפרייט פון די ענגע פיזישע און גייסטיקע באַגרענעצונגען („מצרים" איז פון לשון: מיצר וגבול), פון וועלכע זיי האָבן געליטן אין זייער פאַרשקלאַפונג צו פרעה און זיין פאָלק, און דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון תורת החסידות: אַרויסצוגיין פון די באַגרענעצונגען און ענגשאַפטן פון וועלט.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי סאָרטן באַפרייאונג איז: יציאת מצרים פון אַמאָל האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַפרייאונג דורך צעברעכן און פאַרלאָזן מצרים, „כי ב ר ח העם" — די אידן זיינען „אַנטלאָפן" און איבערגעריסן אינגאַנצן מיט מצרים; דאַקעגן ביי דער גאולה העתידה דורך משיח'ן שטייט אין פסוק: „ובמנוסה לא תלכון" — מען וועט ניט „לויפן" ווייל די וועלט אַליין וועט ווערן טוב. אויך די חסידישע יציאת מצרים, וואָס איז אַ הכנה צו דער גאולה העתידה מיינט בלויז דער אַרויסגיין פון די מצרים־ענגשאַפטן פון וועלט, אָבער א י ן וועלט. די וועלט פאַר זיך איז גוט — זי איז דאָך די באַשאַפונג פון דעם אויבערשטן וועלכער איז דער אַבסאָלוטער טוב.

דאָס פאַרזוכן פון תורתו של משיח

— „אימתי קאתי מר" (ווען קומט איר)?

— האָט דער בעל־שם־טוב געפרעגט דעם מלך המשיח.

— „לכשיפוצו מעינותיך חוצה" (ווען דיינע קוואַלן וועלן זיך צעשפּרייטן אינדרויסן)

— האָט אים משיח געענטפערט.

תורת החסידות, דעם בעל־שם־טוב'ס קוואַלן, זיי זיינען עס דער אָפּשיין פון די פּנימיות־התורה־גילויים וואָס משיח צדקנו וועט אַנטפּלעקן פאַר אידן. פאַר דער גאולה שלימה פאָדערט זיך אַ צוגרייטונג מצד דעם עם ישראל — און משיח אַליין האָט אונז אויסגעזאָגט אין וואָס עס באַשטייט די דאָזיקע הכנה: דאָס פאַנאַנדערפלייץ פון די חסידות־קוואַלן ביז צום סאַמע דרויסן.

וואָס איז די תורה פון משיח צדקנו?

— דאָס אויפנעמען און באַנעמען די סאַמע טיפסטע אינערלעכקייט און פאַרהוילענישן פון אַלע תורה־ענינים, און דאָס איז אייגנטלעך דער אינהאַלט פון תורת החסידות: אַריינצודרינגען אין די אינערלעכע טיפענישן פון תורה, פון ג־טלעכן וועלט־באַשאַף, פונעם מענטשלעכן וועזן און זיינע פאַרבאָרגענישן.

כ"ק אדמו"ר שליט"א זאָגט אין איינער פון זיינע שיחות (זע „ליקוטי שיחות", זייט סז): מיר געפינען אין די כתבי האריז"ל, און דער „מגן אברהם" ברענגט עס אַראָפּ להלכה, אַז ערב שבת נאָך האַלבן טאָג דאַרף מען פאַרזוכן פון די שבת'דיקע מאַכלים, ווי ס'שטייט געשריבן „טועמי' חיים זכו".

זעקס טויזנט יאָר איז די באַשטימטע צייט פון דער וועלט. יעדער יאָר־טויזנט איז אַנטקעגן אַ טאָג פון זעקס בראשית־טעג. דער זיבעטער יאָר־טויזנט, ווען די גאולה שלימה וועט זיין אין איר פולסטן אויסדרוק, איז אַנטקעגן דעם זיבעטן טאָג — שבת.

לויט דער רעכענונג קומט אויס, אַז מיר געפינען זיך איצט אין דעם זמן פון ערב־שבת נאָך האַלבן טאָג — האָט אונז דער־פאַר השי"ת געגעבן דעם זכות צו „פאַרזוכן" פון די געשמאַקע „שבת'דיקע מעדנים", פון די „געריכטן" וואָס זיינען באַשטימט פאַרן שבת'דיקן יאָר־טויזנט — תורת הבעל־שם־טוב.

און הגם אַז די פולע אַנטפּלעקונג פון פּנימיות התורה וועט קומען לעתיד לבוא — ווי רש"י טייטשט אויפן פסוק „ישקני

מנשיקות פיהו": דאָס מיינט די „טעמי תורה שיתגלו לעתיד" (די באַהאַלטענע טעמים פון דער תורה וואָס וועלן נתגלה ווערן לעתיד) — וויבאַלד אָבער אונזער תקופה איז אין ערב שבת נאָך האַלבן טאָג, איז פאַר אונז שוין געעפנט געוואָרן אַ צינור פון די פנימיות־התורה־קוואַלן און מיר קענען שוין „פאַרזוכן" דעם געשמאַק פון „יום שכולו שבת", און דאָס איז תורת החסידות, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט זי פאַר אונז מגלה געווען אין אונזער „ערב־שבת" און דערמיט אונז געגעבן דעם צוטריט און אַריינפיר צו די העכסטע גילויים פון פנימיות התורה דורך משיח צדקנו.

„מצוה לספר ביציאת מצרים" („ספר" איז פון לשון אבן ספיר — שיינליכט) — די „יציאה" דאַרף זיין אַ באַשיינטע און אַ באַליכטענע, און דאָס האָט דער בעל־שם־טוב באַוויזן צו טאָן: ניט בלויז האָט ער געוויזן דעם וועג, נאָר ער האָט אים אַרומגעשטעלט מיט ליכט־זיילן, אַז דאָס פינסטערניש פון וועלט זאָל ניט פאַרפירן און פאַרנאַרן. מער ווי דאָס: ער האָט דעם חושך אַליין פאַרוואַנדלט אין אור.

דער פונק פון משיח אין דעם געשטאַלט פון בעש"ט איז געוואָרן דאָס גרויסע זונליכט פאַרן כלל ישראל, און דאָס דאָזיקע ליכט שיינט און צעשיינט זיך אַלץ מער — ביז ער וועט זיך צוזאַמענגיסן מיט זיין ליכט־קוואַל אין יענעם גליקלעכן מאָמענט ווען ס'וועט זיין דער גילוי פון נשמת משיח צדקנו, במהרה בימינו.

אין א נאכט הינטער מאסקווע / סוף פון זייט ט

סוף פון זייט ט

אָבער אין הויז איז קיין סימן פון אַביסל בראַנפן ניט געבליבן. האָט קאָזלינסקי צוליב דעם זיך אַוועקגעלאָזט אין דער קאַלטער גאַס אַריין, ניט געקוקט וואָס די אַלע מסובים האָבן אים אָפגערעדט דערפון.

און מ'מוז זאָגן, אַז געווען איז עס טאַקע „דליאַ בלאַגאַ טשעלאָוועטשעסקאָי דושי". אַגיט, וואָלט קאָזלינסקי ניט פאַרלאָזט דאָס הויז פונקט דאַן, ווען דער עלטסטער פון די מסובים, אַ איד מיט ליכטיקע אויגן און ברייט־בלאָנדער באָרד, האָט זיך „געגאָסן" מיט בריאיקער נגינה: „אוי, טאַטע זיסער, מזרח דו, מערב דו... אַלץ דו און ווידער דו!" און איינער פון די „פליטים" האָט אונטערגעשטורעמט אין טאַקט: „נאָר דו און אָבער דו!" צוויי יונגעלייט זיינען געזעסן פאַר'דבקה'טע, פאַרפלאָכטענע, מיט הענט אויף אַקסל און שווייגנדיקע, פאַרטראָגענע, זיך געשאָקלט פאַמעלעך מיט פאַרטראָפּנטע בערד. און די איבעריקע האָבן געטאַנצט, געקרייזט און געקרייזט מיט צעפייערטע פיס, צעזונגענע ליפן און פאַרמאַכטע אויגן...

און קאָזלינסקי אַליין? אַ מיטליאָריקער איד, מיט אַ שטייפער העל־ברוינער באָרד און מיט גרויסע דירעקט־קוקנדיקע אויגן. אַמאָל האָבן זיי אויסגעזען האַרטלעך־טראָציק און אַמאָל שמייכלדיק־צוגעלאָזן. יאָ, ער האָט טאַקע געהאַט דעם אָנבליק פון אַן אַמאָליקן עכט־רוסישן פויער, מיט זיין געזעצטן קערפער, ברייט־ביינערדיק פנים און ברייטער נאָז. אויך זיין שווער־וואַקלדיקער הילוך און זיין ברומעריש־אָפגעזעצטע שטימע האָט אָנדערמאָנט דעם דאָרפישן פויער־טיפּ. אָבער דאָס אַלץ נאָר אַ לבוש. זיין תוך — איין שטיק פייערדיקער חסיד; אַ האַרץ ברייט ווי דער ים; אַן אָנגעפילטער מוח פון תורה און חסידות — און קלוג איז ער געווען!

ניין, קאָזלינסקי האָט דעם מאָדנע־צוגעשיקטן גוי קיין ליגן ניט געקענט זאָגן.

וועט דער לייענער דאָס איצט פאַרשטיין?

א מתנה וואס נאר עלטערן קענען געבן / סוף פון זייט יא

טענות פון די עלטערן צו זייערע קינדער און אַנשטאָט דעם וועלן זיי זוכן די געהעריקע מיטלען ווי אַזוי בע"ה צו פאַרריכטן וואָס עס לאָזט זיך נאָך.

* * *

אַ סך ווערטפולע מתנות קומט אויס די קינדער צו באַקומען פון זייערע עלטערן.

ס'איז אָבער דאָ אויך אַ מעגלעכקייט, אַז דאָס קינד זאָל די זעלבע מתנות אויך קענען באַקומען פון אַנדערע מענטשן.

אָבער איין־איינציקע מתנה איז פאַראַן, וואָס נאָר די עלטערן זיינען ביכולת זי צו שענקען זייערע קינדער, און דאָס איז: שיינע עלטערן!

און שיינע עלטערן זיינען פאַר קינדער ניט בלויז אַ זאַך פון יחוס, אַ שטאָלץ און אַ פריד דורך זייער גאַנצן לעבן, נאָר דער פיינער מהות פון די עלטערן לייגט אויך אַ שטאַרקן חותם אויף דעם גאַנצן וועזן פון זייערע קינדער און אַ יסוד פאַר זייער איביקן גליק.

הרב ר׳ אלעזר פנחס ווײלער ז״ל

● ש. בר־יוחאי

אין די שיחות־קודש פון אחרון של פסח ה׳ת״ש זאָגט דער רבי מוהריי״צ נ״ע בנוגע אַ געוויסן ענין: „איך שטעל אויף דער ג־טלעכער הצלחה וואָס איז מיר ב״ה געשענקט געוואָרן, אַז יעדער זאַך וואָס איך רעכן אַז דאָס איז אַ טובת הרבים, אין תורה, יראת שמים און אידישער פרנסה בכלל און חסידים בפרט, העלפט השי״ת, אַז פריער אָדער שפּעטער, דורך כמה סיבות מסיבות שונות, ווערט די זאַך וואָס איך האָב געהאַלטן, פאַרווירקלעכט״.

אין דעם פּעריאָד פון תש״ב — תש״ו, ווען דער רבי האָט זיך גענומען פאַרווירקלעכן זיין לאָזונג, אַז אַמעריקע מוז ווערן אַ „מקום תורה״, האָט די ג־טלעכע הצלחה צוגעשטעלט דעם רבי׳ן אַ זעלטענעם אידן, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק אין דער גרינדונג פון אַ גרויסער צאָל ישיבות „אחי תמימים״ און בית־רבקה סקולס אין מערערע פּראָווינץ־שטעט. זיין נאָמען איז געווען הרב אלעזר פנחס ווײלער.

הרב ווײלער איז געווען אַן אייניקל פון דעם באַוואוסטן חסיד ר׳ משה ווײלער ז״ל פון קריסלאַווע, וואָס ווערט דערמאָנט אין איינער פון די מודעות אין תניא, ווי דער וואָס האָט געהאָלפן מגיה זיין דעם פערטן חלק פון תניא, דעם „אגרת הקודש״. הרב ווײלערס פאָטער, ר׳ שמואל, האָט געלעבט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין ריגע און איז נפטר געוואָרן אין ארץ־ישראל.

הרב ווײלער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן. דעם ערשטן מאָל האָב איך אים געזען אין אַ שבת־מברכים אָנהויב ווינטער תרצ״ו, ווען אנ״ש פון בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק זיינען זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעקומען אין דער „אנשי אַזאַריטש״ שול, אָפּצוהיטן דעם סדר פון שבת־מברכים: זאָגן גאַנץ תהלים, לערנען אַ מאמר און פאַרברענגען נאָכן דאַוונען.

איך האָב שוין דעמאָלט באַמערקט, אַז ער איז ניט בלויז פיזיש „משכמו ומעלה גבוה מכל העם״, מיט אַ קאָפּ העכער פון גאַנצן עולם; ער פאַרמאָגט אין זיך אויך, מער ווי אַנדערע, אַ ברויזנדיקע ענערגיע און אַן אומבאַגרענעצטע געוואַגטקייט. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט דער ישיבת „תומכי תמימים״ ליובאַוויטש, ווי אַ משולח צו זאַמלען געלט איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע. האָט ער באמונה דורכגעפירט די אָנווייזונגען פון די רביים, צו קלייבן גשמיות און גלייכצייטיק צו פאַרשפּרייטן רוחניות. הרב ווײלער האָט געלייגט די גרעסטע כוחות צו לייגן מיט אַ אידן תפילין, ברענגען קינדער פון דער פּראָווינץ אין דער ישיבה און שטאַרקן אידישקייט אין די שטעט און שטעטלעך וואָס ער האָט באַזוכט.

ער האָט אין צענדליקער שולן איינגעפירט דעם רבי׳נס תקנה צו זאָגן דעם יום תהלים נאָכן דאַוונען, טראָץ דעם וואָס דאָס האָט אין געוויסע קרייזן אַרויסגערופן קעגנערשאַפט און האָט אפשר געבראַכט שאָדן צו זיין מיסיע ווי אַ משולח. ווען דער רבי האָט אים געגעבן אַ הוראה צו האַלטן אָפן די אויגן פאַר דער מעגלעכקייט צו גרינדן ישיבות קטנות אין דער פּראָווינץ, האָט ער זיך אין דעם אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן.

אין אַ געוויסער שטאָט, וואו עס האָבן געוואוינט צוויי חשובע תמימים, האָט ער זיי פאָרגעלייגט צו גרינדן דאָרט אַ ישיבה קטנה. די תמימים האָבן אָבער געהאַלטן, אַז צוליב געוויסע אָרטיקע רייבונגען צווישן עלטערע און איינגערע רבנים, איז די שטאָט נישט פּאַסיק פאַר אַ ישיבה קטנה. הרב ווײלער האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט זייער פּעסימיזם, און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון אַן עלטערן רב מיט אַ איינגערן און נאָך עטלעכע מענטשן, און האָט דעם גאַנצן קאָמיטעט געבראַכט צום רבי׳ן נ״ע. ער האָט זיי באַאיינפלוסט, אַז זיי זאָלן בעטן דעם רבי׳ן, מען זאָל גרינדן אַ ישיבה אין זייער שטאָט.

די רבנים זייבען אַזוי דערוואַרעמט געוואָרן, אַז זיי אַליין האָבן פאָרגעלייגט זייערע אייגענע היימען און שפּעטער זייערע שולן ווי אַ קוואַרטיר פאַר דער ישיבה קטנה.

הרב ווײלער האָט נאָך דערלעבט צו זען די פּירות פון דער ישיבה קטנה, צווישן וועלכע עס געפינען זיך יונגעלייט גרויסע בני־תורה, וואָס איינער פון זיי איז היינט אַ ראש־ישיבה אין דער ליובאַוויטשער ישיבה אין ברוקלין.

מיר איז באַקאַנט אַ צווייטע פּראָווינץ־שטאָט, וואו ער האָט געהאַט אַ חזקה צו פאַרברענגען דעם חודש תשרי און פלעגט דאָרט שאַפן גרויסע סומען פאַר די ליובאַוויטשער ישיבות. מיט גרויס אָנשטרענג איז אים געלונגען צו לייגן דאָרט דעם יסוד פאַר אַ ליובאַוויטשער ישיבה קטנה, וועלכע האָט זיך געעפנט אַרום פּורים־צייט. ווען ער איז דעם קומענדיקן חודש אלול צוריקגעקומען אין דער שטאָט און האָט זיך דערוואוסט,

אַז די ישיבה קטנה אַנטוויקלט זיך ניט צוליב געוויסע אויסערלעכע סיבות, האָט ער אין משך פון עטלעכע וואָכן אָנגעווענדעט די גרעסטע מי און אָנשטרענגונג — און מיט דערפאָלג: דער בנין פון דער ישיבה איז געוואָרן פאַרריכט און אָפּגעפּאַרבט; די ישיבה האָט געקראָגן אַן אויטאָ פונאַנדער־צופירן די קינדער אאַז״וו; נאָך מער: ער האָט אויך געגרינדעט אַ בית־רבקה שולע אין דער שטאָט, מיט אַ באַזונדערן פרויען־פאַראיין, און האָט אַריינגעבראַכט אַ סך נייע תלמידים אין די דאָזיקע מוסדות.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען זיין אייגנאַרטיקע „טעכניק״ פון קריגן תלמידים. ער פלעגט פון די זיידעס אין די בתי־מדרשים אויסגעפינען די נעמען פון זייערע אייניקלעך, אויף וועמען זיי האָבן לײדער ניט געהאַט קיין השפעה. דאַן פלעגט מען זיך לאָזן גיין צו די עלטערן. אין זיינע קעשענעס האָט הרב ווילער געהאַט די קינ־דער־ליטעראַטור אין ענגליש, וואָס דער ליובאַוויטשער „מרכז לעניני חינוך״ גיט אַרויס, ווי אויך פאַרשידענע נאַשערייען. ער פלעגט אָנקלינגען אין דער טיר פון די געגעבענע קינדער — און ווען די מוטער האָט געעפנט די טיר, נאָך איידער זי האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו דערוויסן זיך וואָס די „ראַבייס״ ווילן, איז ער שוין געווען אין פאַרבינדונג מיטן קליינוואַרג. איינעם האָט ער געגעבן אַ קאָפּיע פון אַ נומער „טאָקס און טיילס״; אַ צווייטן האָט ער געגעבן אַ קאָפּיע פון „די סאָלדזשער״ און אַ דריטן קינד האָט ער געגעבן אַ נאַשעריי. און בכדי צו מאַכן זיך היימישער, איז ער באַלד דער־נאָך געזעסן ביי דער פּיאַנאָ און געשפּילט אַ חסידישן מאַרש.

דאָס איז געווען אַ מין בליץ־קריג טאַקטיק, דורכצוברעכן די ליניע פון שרעק און ווייט־קייט, וואָס טיילט אָפּ אַ דורכשניטלעכע אַמעריקאַנער אידישע פרוי פון אידן מיט לאַנגע בערד. מערסטנס פלעגט ער נאָך אַזאַ באַזוך „אַריינקריגן״ דאָס קינד.

די צוויי פּראָווינץ־שטעט זיינען מיר פּער־זענלעך באַקאַנט, אָבער איך ווייס, אַז ער האָט אויפן זעלבן אופן „באַאַרבעט דעם באָדן״ אין די מערסטע שטעט, וואו עס זיינען אויפגעקומען ישיבות קטנות. ער האָט אין הונדערטער שטעט אָרגאַניזירט מסיבות־שבת במשך די שבתים, וואָס ער פלעגט אין זיי פאַרברענגען. איך האָב אים אויך אָבסערווירט במשך אַ זומער אין די קעטס־קיל־בערג, וואו ער האָט ביי זיינע מסיבות־שבת, אין די פרומע קאָלאָניעס, געבראַכט קינדער אויך פון ניט־פרומע קאָלאָניעס און האָט זיי צוגעצויגן צו אידישקייט. זיין ליב־שאַפט צו אידישע קינדער און זיין אהבת התורה, האָבן געבראָכן מויערן און געעפנט נייע האָריזאָנטן פאַר תורה און יהדות. זיין גרעסטער שכר פאַר דעם אַלעם איז געווען אַ שמייכל פון רבי׳ן, וועלכער האָט אים באַגלייט אויף מאָנאַטן לאַנג.

ער איז לײדער זייער טראַגיש אומגעקו־מען אויף איינער פון זיינע ווייטע נסיעות. ווען איך גיי פאַרביי זיין קבר, ניט ווייט פון „אוהל״ אדמו״ר נ״ע, און איך הער ווי מענטשן באַמערקן: „אַוועק נעבעך אַן עלנ־טער מענטש״ — ווילט זיך מיר ענטפערן: „ניין, ער איז ניט קיין עלנטער! טויזנטער אידישע קינדער איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע זיינען זיינע גייסטיקע קינדער״.

יהי זכרו ברוך!

די ארבעה מינים / סוף פון קאָווער

דאָס בלעטל פון דעם הדס, האָט דעם אויסזען פון אַן אויג — גייט דאָס צו מכפּר זיין אויף דעם וואָס דער מענטש ווערט פאַרצויגן און פאַרפירט פון זיינע אויגן־בליקן. און אויף אָט־די בײדע זאָגט דער פּסוק: „ולא תתורו...״ (איר זאָלט ניט פאַרצויגן ווערן פון די צוויי אויסקוקער און אויסשפּירער — פון די אויגן און האַרץ — די צוויי „מעקלערס״ וואָס רײדן איין צו טאָן אַן עבירה). „ולמה בערבה? הדומה לשפתים, לכפּר על בטוי שפתים״ — און פאַרוואָס מיט אַן ערבה? — ווייל דאָס ערבה־בלעטל האָט דעם אָנבליק פון ליפּן — צו פאַרגעבן אויף די פאַרשידענע דײדערייען — ניט־ערלעכע און ניט־רעכטפאַרטיקע — וואָס קומען אַרויס פון די ליפּן. „ולמה בלולב? — אלא מה לולב אין לו אלא לב אחד, אף ישראל אין להם אלא לב אחד לאביהם שבשמים״ — און פאַרוואָס מיט אַ לולב? — נאָר אַזוי ווי אַ לולב האָט אין זיך בלויז איין האַרץ, אַזוי אויך אידן האָבן בלויז איין האַרץ צו זייער פאָטער אין הימל.

(ווייזט אויס, אַז דער אַנדערשדיקער טייטש פון לולב אין פאַרגלייך צו די איבעריקע דריי, ווערט אָנגעדייט אין די צוויי ענינים, מיט וועלכע דער לולב טיילט זיך אויס פון די איבעריקע מינים:

ערשטנס, איז דער לולב דער, אויף וועלכן מ׳מאַכט די ברכה — „על נטילת לולב״, און דערפאַר ציִגט ער אויף דער ברכה׳דיקער זייט פון אידן — ניט בלויז ווי אַ כפּרה אויף זינד.

צווייטנס, דער אויסזען פון לולב — ער ציט זיך אַרויף און הויבט זיך אויף הויך אַריבער די איבעריקע מינים צום הימל־צו. דאָס גיט אַ קלאָרן אָנדייט אויף דאָס עכטע אידישע פּינטעלע־האַרץ, וואָס ציט זיך פאָרט און דאָך, טראָץ אַלע אָפּנויגן, צום אייביקן פאָטער אין הימל).

פאַרבלאָנדזשעטע נשמה

• איטא עזראָוויטש

וי אומבאַגרייפלעך זיינען די וועגן פון דער השגחה, ווי באַהאַלטן און פאַרשטעלט זיי זיינען; און דאָך, אַז מען וויל נאָר, זעט מען די וועגן פון דער השגחה עליונה באַשיינפערלעך אויף שריט און טריט. דאָס קומט מיר שטענדיק אויפן געדאַנק, ווען איך דערמאָן זיך אין דער פאָלגנדיקער פּאַסירונג, וואָס איז זיך פאַרלאָפן טאַקע מיט דער שרייבערין פון די שורות, זיצנדיק אין דער באַקאַנטער מאָסקווער טורמע „בוטירקאַ".

אַרום 160 פערזאָן — פרויען פאַרשטענדלעך — האָבן זיך געפונען אין דער טורמע־צעל ווען מען האָט מיך אַהין אַריינגעפירט. די משונה'דיקע געזיכטער מיט ווילד־באַוואָקסענע האָר, די צעריסענע און צעפליקטע שטיקלעך הלבשה — וואָס זיי האָבן נאָך אויף זיך געהאַט — דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. ווי אַ צוגעשמידטע צו מיין פּלאַץ בין איך געבליבן שטיין ביי דעם אַריינגאַנג. זיי, דערזעענדיק אַ פרישן נפש, ערשט פון דער פרייער גאַס, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט ווילדע אויסגעשרייען: „היי, סאַראַטשקאַ, סאַראַטשקאַ"... ווי נישטיק איך האָב זיך דאַן געפילט, אַזאַ שוואַכע שעפעלע צווישן אַזויפיל צעווילדעוועטע וועלף... ביים ברעג פון דער גרויסער טורמע־צעל, זיינען געזעסן אַ 5־6 אידישע פרויען, שטיל צונויפגעקוועטשט אויף זייערע נאַרעס (זיך־פּלעצער אויף צונויפגערוקטע ברעטער). און כאָטש זיי האָבן דערקאָנט אַז דער „גאַסט" איז אַ זייעריקער, האָבן זיי געשוויגן, מורא האָבנדיק זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט.

מיטאַמאָל האָט איינע פון דעם געזעמל אויסגערופן אין דער ריכטונג פון די אידישע פרויען: „עטאָ זשע זואַשאַ, וואַזמיטיע איאָ קסיעביע!" (זי איז דאָך פון אייערע, נעמט זי איבער צו זיך), און אַזוי האָט מען מיר גענומען פון האַנט צו האַנט, ביז צו דער נאַרע פון די דערמאָנטע אידישע פרויען. דער כלל פון „אח לצרה יולד", האָט געדינט אויך דאָ. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און מען האָט זיך באַפריינדעט.

זייענדיק זייער דורשטיק און הונגעריק, איז קיין וואונדער ניט, אַז ווען איינע פון די פרויען האָט מיר פאָרגעלייגט עפּעס אונטערצושפּאַרן דאָס האַרץ פון איר „פּאַסילקע", האָב איך מיט פרייד אָנגענומען דעם אָנבאָט. צעעפנט דאָס פּעקל, האָט זי מיר דערלאַנגט עטלעכע ריפּטלעך ברויט מיט אַ פעטס, וואָס אויפן ערשטן אויגנבליק האָט עס מיר אויסגעזען ווי פּוטער, דער פאַקט אָבער וואָס די פעטס האָט זיך זייער שווער געשמירט, איז מיר געוואָרן זייער אויפפאַלענד, און מיין חשד האָט מיר ניט אָפּגענאַרט. אויף מיין פראַגע, האָט מיר די פרוי געענטפערט, אַז דאָס איז חזיר־שמאַלץ. איך האָב זיך שוין אויך צום ברויט ניט צוגערירט.

איינע פון די אידישע פרויען, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט פון דער זייט, האָט זיך נאָך דעם דערמאָנטן עפּיזאָד, צוגעזעצט לעבן מיר און האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס וויעראַ באָריסאָוונאַ, צוגעבנדיק, אַז אָבסערווירנדיק פון דער זייט אַלץ וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט עס אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך האָב דערשפּירט אַז עפּעס דריקט איר אויפן האַרצן און איך האָב דאָס איר געזאָגט. זי האָט עס ניט געלייקנט און אַליין פאָרגעשלאָגן מיר צו דערציילן איר לעבנסגעשיכטע.

געבוירן איז זי אין אַ קליין שטעטעלע אין ווייס־רוסלאַנד, אין אַן עכט אידישער אַטמאָספער ביי שטרענג רעליגיעזע עלטערן, און אין דעם גייסט איז זי דערצויגן געוואָרן ביז אַ יאָר 18. דאַן האָט זי זיך באַקענט מיט אַ בחור פון איר עלטער. עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי האָבן ביידע פאַרלאָזט די היים און אַנטלאָפן קיין מאָסקווע, וואו זיי האָבן חתונה געהאַט. ער, זייענדיק אַ פאַרברענטער קאָמוניסט, האָט געקראָגן אַ שטעלע אין דער רעגירונג. זי אַליין האָט זיך, מיט דער צייט, אויך אָנגעשטעקט מיט דער אידייע פון קאָמוניזם, און זייענדיק געראָטן און טאַלאַנטפול, איז זי באַפולמעכ־

טיקט געוואָרן אַלס אַ סעקרעטאַרין אין „ווערכאָווני סאָוועטסקי סאָיוז״.

יאָרן זיינען פאַרביי, ביז אין אַ געוויסן טאָג איז איר מאַן אַנטלאָפן מיט אַ קריסטלעכער פרוי, איבערלאָזנדיק זי עלנט, איינע אַליין. די עלטערן אירע, זיינען שוין דאַן ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. די דאָזיקע איבערלעבעניש האָט זי אַביסל אויסגעניכטערט פון איר שכרות, און עס האָט איר גענומען ציען צוריק צו איר שטאַם, צו דער אַמאָליקער אידישער היים. זי האָט אָבער ניט געוואוסט ווי דאָס צו רעאַליזירן. עס האָט ניט גענומען לאַנג, און מען האָט זי אַראָפּגעזעצט פון איר הויכן פּאָסטן און פאַרשיקט אַהער אין „חד גדיא״ ווי אַ פּאָליטישע „פאַרברעכערין״.

איצט — האָט זי אויסגעפירט — דערזעענדיק פאַר זיך אַן עכט רעליגיעזע פרוי, האָט זי באַשלאָסן אַז מן השמים האָט מען עס איר צוגעשיקט אויף העלפן אַרויסשלעפן איר פון זומפּ. זי בעט מיך פון טיפן האַרצן איך זאָל איר העלפן צוריק אַרויפצוקומען אויפן דרך הישר.

אירע זודיקע טרערן, אויפריכטיקייט און ערנסטקייט האָט אויף מיר געלאָזן אַ טיפן איינדרוק.

עס האָט זיך ביי אונז געשאַפן אַ שטאַרקע פריינטשאַפט. איך האָב איר אָנגעפאַנגען לערנען און אויפקלערן אַלץ וואָס איז נאָר געווען מעגלעך. פיל זאַכן פלעגט זי אַליין אויפכאַפּן, אָבסערווירנדיק פון דער זייט און דערמאָנענדיק זיך וואָס זי האָט געזען אין דער היים.

אַרום 4 וואָכן נאָך אונזער באַפריינטשאַפט האָט זי מיר געלאָזט וויסן, אַז מען וועט איר איינגיכן באַפרייען. זי וואָלט זייער וועלן מיר אַרויסהעלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך, און צום ערשט וואָלט זי וועלן זיך פאַרבינדן מיט מיין משפחה. די פראַגע איז נאָר, וואו זאָל זי גיין און צי וועט מען צו איר האָבן צוטרוי. איז מיר דאַן איינגעפאַלן: אַזוי ווי מיין פעטער ר׳ חיים גאָלדאָווסקי איז דאַן געווען דער אויפזעער פון מאַלאַכאָווקער בית החיים, זאָל זי באַזוכן דעם בית החיים און פרעגן ביי דעם אויפזעער אויפן קבר פון ברכה... (מיין שוועסטער וועלכע איז פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט), און מיט דעם וועט זי שוין ציען זיין אויפמערקזאַמקייט און צוטרוי. און דורך אים וועט זי שוין קריגן גענויע אינפאָרמאַציע וועגן מיינע נאָענטע. ביים צעשיידן זיך האָט זי מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט גלייך אָנהייבן פירן אַ הונדערט פראָצענטיקע כשר׳ע הויז אין אַלע הינזיכטן.

ווי מען האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז זי גלייך, אויספאָלגנדיק מיין פאָרשלאַג, געפאָרן אויפן מאַלאַכאָווקער בית החיים. דער פעטער איז דערשטוינט געוואָרן, זעענדיק ווי אַ פרעמדע פרוי פרעגט זיך נאָך אויפן קבר פון זיין פלימעניצע, און איז געבליבן נאָך מער געפּלעפט ווען צוגייענדיק צום קבר, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין: „ברכה! ברכה! בעט פאַר דיין שוועסטער וועלכע געפינט זיך אין טורמע אין גרויס געפאַר!״ עס האָט גענומען אַ שטיק צייט ביז זי האָט זיך באַרואיקט. וויפל דער פעטער האָט געבעטן, זי זאָל אים אויפקלערן דעם באַדייט פון אירע רייד, האָט זי ניט געוואָלט ריידן, סיידן ער וועט איר זאָגן גענוי וואו מיין פאַמיליע געפינט זיך. פאַרשטענדלעך אַז זי האָט געוואונען זיין פולסטן צוטרוי, און ער האָט איר איבערגעגעבן וואו זיי זיינען און וואו זי קען זיי טרעפן. זיי האָט זי שוין איבערגעגעבן, וואָס פאַראַ מיטלען אָנצונעמען לטובת מיין באַפרייאונג.

וואָס אָנבאַלאַנגט איר אַליין, האָט זי, ווי געזאָגט, אָנגעהויבן פירן אַ שטרענג כשר הויז, בייטנדיק איר גאַנצן סדר החיים.

און אַזוי האָט יעדע פון אונז בייגעשטייערט צו דער הילף פון דער צווייטער: צו אַ פיזישער באַפרייאונג פון טורמע, און צו אַ גייסטיקער באַפרייאונג פון אַ נשמה...

אבותינו ספרו לנו / סוף פון זייט יח

שטעלטע פון ר׳ נחמי׳ס פאַבריק פלעגן פאָרן צוליב געשעפט קיין בראָד, האָט דער רב געגעבן אָט־דעם בריוו צו ר׳ נחמי׳ן, און אים געבעטן, ער זאָל איינאָרדענען די איבערשיקונג פונעם בריוו צו ר׳ אפרים זלמן מרגלית. איבערלייענענדיק דעם דאָזיקן שאלה־בריוו, האָט ר׳ נחמי׳ ביים ברעג בריוו צוגעשריבן אייניקע שורות און זיך דערויף גע׳חתמ׳ט: „נחמי׳ פאַבריקאַנט״.

דער שליח האָט דעם דאָזיקן בריוו איבערגעגעבן דעם בראָדער גאון, האָט ער נאָכן איבערלייענען, אַ קער געטאָן זיך צו דעם בריוו־איבערגעבער, און אים געפרעגט: „זיינען ביי אייך דאָרט פאַראַן אַ סך אַזעלכע פאַבריקאַנטן?״...

ים
די אידישע

חנוכה — דער יום טוב פון נצחון

● צ. מאירי

„מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים". אין פלוג פרעגט זיך: אַז „שטאַרקע ווערן באַזיגט פון שוואַכע און פילע ווערן באַזיגט פון ווייניקע" דאָס איז אַ רבותא, ווייל אין דרך הטבע דאַרף זיין פאַרקערט. אָבער אַז „טהורים און צדיקים האָבן באַזיגט די טמאים און די רשעים", וואו איז דאָ דער אויפטו? — נאָר אַזוי ווי דער עולם הזה איז „פול מיט קליפות און רשעים האָבן דאָ די אויבערהאַנט" איז דער נצחון פון די צדיקים אויף דער וועלט טאַקע חוץ לדרך הטבע (פון אַ שיחת קודש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א).

אַלע ימים טובים זיינען אַ חלק פון דער תורה און האָבן אויך אַ שייכות צו כללות פון תורה. אָבער דריי זמנים זיינען בפירוש און באַזונדער „ימים טובים פון תורה": שבועות — די צייט פון מתן תורה, שמחת תורה — די צייט פון סיום התורה, און חנוכה — דער יום טוב פון נצחון און פון דער נצחיות פון דער תורה.

דער סאַמע אָנהויב פון דער תורה אויף דער ערד איז געווען אַ וואונדער, וואָס אפילו די מלאכים אין הימל האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן. זיי האָבן געטענה'ט: ווי קומט אַזאַ באַהאַלטענער, גייסטיגער אוצר צו „פלייש און בלוט"?! די דאָזיקע הערלעכקייט דאַרף בלייבן אויפן הימעל. די אומות העולם, וועלכע האָבן נישט געוואָלט מקבל זיין די תורה, האָבן אויך געפילט, אַז די תורה איז צו שווער פאַר אַ בשר ודם.

דאָס אַראָפנידערן די תורה פון די העכסטע הימלישע הויכן צו די טיפסטע טאָלן פון דער חומריותדיקער ערד, אָנגעטאָן אין אַ גשמיותדיקן לבוש — איז געווען אַ גרויסער פלא און אַ געוואַלטיקער חסד פון בורא עולם.

(סוף אויף זייט כד)

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גורארי — רעדאַקטאָר

כסלו ה'תשכ"ז באַנד 8 נומ. 3

א י נ ה אַ ל ט

חנוכה דער יום טוב פון נצחון — צ. מאירי הילע
וואָס די חנוכה־ליכטעלעך דערציילן אונז — (פאַרקירצטער אויסצוג פון שיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א) . . . . א
דער וועג פון יעקב צווישן די עשוים — י. ליפמאַנאָוויטש . . . . ג
אַ גנב אַזאַ (דערציילונג) — ד. זאַריצקי . . ו
אידישקייט אין אייראָפּע — הרב ש. עלבערג ט
הכנה און הדר זיינען אַ באַשטאַנדטייל פון חגים און זמנים — דר. ה. זיידמאַן . . יא
ווער איז שולדיק אין די קריגערייען? (צווייטער פון סעריע) — הרבנית ע. חדקוב . . יג
אַ מעשה מיט אַ העלדיש אידיש מיידל — דוב ראַווסקי . . . . טו
דער לעבעדיקער קדוש — נ. שאַפּיראָ . . . . כ
דער כהן גדול (אַ היסטאָרישער שריפט) . . כב

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב"ד.

וואָס די חנוכה-ליכטעלעך דערציילן

(פאַרקירצטער אויסצוג פון די שיחות כ"ק אדמו"ר שליט"א, חנוכה תש"כ)

עס איז באַוואוסט[1] דער וואָרט פון אונזערע רביים די נשיאים אין באַצוג צו די חנוכה־ליכטלעך: מען דאַרף זיך צוהערן וואָס די ליכטלעך דערציילן.

עס זיינען פאַראַן אַ סך פאַרשידענע מצוה'דיקע ליכט: חנוכה־ליכט, שבת־ליכט און הבדלה־ליכט, יום כפור־ליכט, די ליכט וואָס מ'צינדט אָן אין שול און נאָך[2]. און ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען זיינען געווען די ליכט פון דער מנורה אין בית־המקדש. אַט־די אַלע ליכט איז אַ מצוה זיי אָנצוצינדן, און זיי דריקן מיט זיך אויס און „דערציילן" פאַרשיידענע ענינים. דאָך זעען מיר אַז דער אָנווייז פון אונזערע רביים — „צוצוהערן זיך וואָס די ליכטעלעך דערציילן" — איז געווען נאָר אין שייכות צו די חנוכה־ליכטלעך.

דערפון איז קענטיק, אַז די חנוכה־ליכט פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ אינהאַלט, וואָס איז ניטאָ אין אַנדערע ליכט; דאָס „דערציילן" נאָר די חנוכה־ליכט און דאָס דאַרף מען צוהערן און דערהערן, און ווי וויטער אַרומגערעדט איז אַט־דער באַזונדערער ענין, וואָס בלויז די חנוכה־ליכט דערציילן, אויך ניטאָ אפילו אין די נרות פון בית המקדש[3], טראָץ דעם וואָס די חנוכה ליכט קומען פון דעם נס וואָס איז געווען מיט די נרות פון בית־המקדש.

דער אונטערשייד לויט תורת הנגלה, צווישן די חנוכה ליכט און די אַנדערע מצוה־ליכט, זאָגט זיך אויס אין דעם: ביי די אַנדערע ליכט וואָס אידן זיינען אָנגעזאָגט אָנצוצינדן, זיינען די ליכטעלעך גופא גיט דער תכלית, ניט דער סאַמע עיקר צוועק, צוליב וועלכן זיי ווערן געצונדן. זיי זיינען אַ מיטל, וואָס פירט צום תכלית וואָס קומט דורך זיי. די שבת־ליכט צינדט מען צוליב דעם טעם פון שלום בית[4] (וואָס ווערט פאַרהיט און געשטאַרקט דורך זייער ליכטיקייט). זיינען זיי דאָך בלויז אַ מיטל וואָס ברענגט צום ענדציל — שלום בית.

אַזוי איז אויך ביי די נרות פון בית המקדש: ניט אין זיי אַליין, אין זייער ליכט, איז געלעגן די תכלית, נאָר ווי די רז"ל זאָגן[5]: „און צי דען האָט ער איר ליכט באַדאַרפט? נאָר זי איז געווען אַן עדות פאַר אַלע ,באי עולם' אַז די שכינה רוט ביי אידן". קומט אויס, אַז דאָס ליכט פון נרות המקדש איז געווען צוליב אַ תכלית און אַ ציל; און דער צוועק און תכלית איז געווען דאָס וואָס די וועלט זאָל וויסן אַז די שכינה רוט צווישן אידן. די חנוכה ליכט אָבער זיינען אַנדערש. מיר געפינען זייער סיבה: פאַרוואָס מען דאַרף זיי צינדן: צוליבן נס פון דעם פך השמן; מיר געפינען אָבער ניט דעם צוועק, צו וואָס ס'דינט זייער ליכטיקייט, אויסער זייער ליכטיקייט פאַר זיך אַליין. די ליכטיקייט פון די חנוכה־ליכט איז לשם דער ליכטיקייט אַליין, דער תכלית פון זיי איז אין זיי גופא.

(דאָס וואָס די רז"ל זאָגן[6], אַז די נרות־חנוכה זיינען „לפרסומי ניסא" — מען זאָל דורך זיי וואָס מער זען און אָנערקענען דעם נס — מיינט עס ניט אַז דער גאַנצער

1) שיחת שבת חנוכה תש"ז (געדרוקט אין קונטרס „מאמר — להצמח צדק — ברוך שעשה נסים").

2) ליכט פון חופה, מילה, ביי אַ מת, פון יאָרצייט.

3) וואָס דערפאַר האָט די אויבנדערמאָנטע הוראה קיין אָרט ניט ביי די ליכט פון בית הכנסת, „מקדש מעט".

4) זע שולחן ערוך אדמו"ר הזקן אָנהויב פון סי' רס"ג.

5) שבת כב, ב. עיין ספרא, געבראַכט אין תוספות דאָרט.

6) דאָרט כג, ב.

עיקר פון דער מצוה פון חנוכה־ליכט איז צו מפרסם זיין דעם נס, דאָס איז בלויז אַ צוגאָב־זאַך און אַ באַדינג אין די חנוכה־ליכט. די מצוה פון צינדן די חנוכה־ליכט איז אויסגע־שטעלט אין אַזאַ אופן אַז דאָס ליכט זאָל דערגרייכן צו מענטשן [7]) און אַזוי אַרום אויך צו מפרסם זיין דעם נס. איז דאָס נאָר אַ גדר, אַ באַדינג אין דער מצוה, אָבער ניט דאָס איז דער ציל פון דער מצוה. דערפאַר איז אויך אין אַזאַ פאַל וואו די אומשטענדן דערמעגלעכן ניט צו צינדן אין אַן אופן פון פרסומי ניסא — אין אַ צייט פון סכנה למשל — איז ער אויך מקיים די מצוה [8]) און מאַכט אַ ברכה; ניט ווי ביי די שבת־ליכט, וואָס אויב דאָס צינדן דערברענגט ניט צום תכלית פון שלום בית, פעלט דאָן די מצוה).

קומט דאַך אויס אַז אַלע דריי אויבנדערמאָנטע סוגים — די שבת־ליכט, די ליכט פון בית המקדש און די חנוכה־ליכט — גלייכן זיך טאַקע אויס אין דעם וואָס זייער זאַך און אינהאַלט איז ליכטיקייט, צו ברענגען און לייכטן, און באַלייכטן. די שבת־ליכט ברענגען שלום בית מיט זייער ליכטיקייט; ביי די נרות המקדש שטייט *): „יאירו שבעת הנרות" — זייער צינדן איז אַזאַ וואָס דאַרף באַלויכטן (און דאָן זעט מען ווי די שכינה רוט ביי אידן); און אויך די נרות חנוכה איז זייער אָנצינד צוליב ליכטיקייט, ניט צוליב כבוד א. ז. וו. (די ראי' איז פון דעם דין אַז מ'טאָר ניט מאַכן הבדלה אויף די חנוכה־ליכט [9]), ווייל מ'טאָר פון זיי ניט הנאה האָבן — באַווייזט עס, אַז די נרות חנוכה דריקן מיט זיך אויס דעם ענין פון אַ ליכט לשם ליכטיקייט, ווייבאַלד דאָס וואָלט געקאָנט נוצן פאַר הבדלה — ווען מען מעג פון זיי הנאה האָבן). זיי טיילן זיך אָבער אין דעם תכלית און צוועק פון דער ליכטיקייט: ביי די נרות שבת און בית המקדש איז די ליכטיקייט צוליב אַן אויסער־לעכן צוועק; ביי די נרות חנוכה איז די ליכטיקייט אַליין זייער ציל אין תכלית.

אור, ליכטיקייט גייט אויף תורה. ס'איז ניטאָ קיין אמתע ליכט אויסער תורה; „אין אור אלא תורה שנאמר: כי נר מצוה ותורה אור [10])". דערפון פאַרשטייט מען אַז די אַלע דריי סאָרטן ליכט: שבת־ליכט, בית המקדש־ליכט, און חנוכה־ליכט, זיי אַלע שטעלן מיט זיך פאַר דער ענין פון תורה, נאָר אין תורה גופא זיינען דאָ די דריי אופנים אין דעם צוגאַנג פון לערנען און אויפנעמען די תורה: פאַראַן אַ צוגאַנג צו תורה, וואָס די תורה־ליכט צינדט מען ווי אַ תכלית צוליב אַן אַנדער זאַך — ווי דאָס לערנען צוליב וויסן ווי אַזוי צו מקיים זיין די מצוות, „לידע את המעשה אשר יעשון", — בכלל און אין פנימיות איז עס דער ענין פון תורה וואָס איז „עושה שלום בעולם" [11]) — איז עס אין דער דוגמא צו די נרות שבת וועלכע ברענגען שלום בית. פאַראַן נאָך אַן ענין אין תורה, וואָס צילט אַן פירט צו צום פאַרבונד פון אידן מיטן אויבערשטן [12]) — בדוגמא צו די נרות המקדש, וואָס האָבן אויפגעוויזן דעם פאַרבונד פון דער שכינה מיט אידן. די דריטע זאַך און די עצם־זאַך פון תורה־לערנען איז — תורה לשמה, ניט צוליב וועלכן ס'איז ציל, נאָר תורה לשם תורה גופא. וואָרום תורה איז דאָך די חכמה אין רצון פון דעם אויבערשטן [13]) און איז פאַראייניקט מיט עצמות און מהות פון אויבערשטן — איז כשם ווי ביי עצמות איז דאָך חס ושלום ניט שייך צו זאָגן אַ וועלכן ס'איז תכלית אויסער דעם אויבערשטן, אַזוי איז עס אויך זיין חכמה ורצון, אין תורה.

(סוף אויף זייט י)

---

7) אין דער דוגמא צו דער מנורה פון בית המקדש, וואָס ביי איר שטייט: „יאירו".

8) דאָרט כא, ב.

*) במדבר ח, ב.

9) אורח חיים סי' תרפ"א. באריכות אין ספר „מועדים בהלכה" פון רש"י שי' זעוין.

10) תענית ז, ב.

11) ספרי, געבראַכט אין רמב"ם סוף הל' חנוכה. זען אין לקוטי תורה, ד"ה „החלצו" און אין זיין ביאור וואו עס ווערט נתבאר דער מאמר רז"ל (סנהדרין צט, ב): „כל העוסק בתורה לשמה משים שלום" וכו'.

12) זוהר חלק ג', עג, א. זען תניא סוף פרק מ', נ"ב און נ"ג.

13) זען תניא פרק כ"ג.

דער וועג פון יעקב צווישן די עשו׳ס

די וועלט פרעגט אַ קשיא: די תורה הק׳ זאָגט עדות אויף יעקב אבינו, אַז ער איז געווען אַן „איש תם” — און רש״י טייטשט עס גאַנץ קלאָר, אַז יעקב אבינו איז לחלוטין געווען ווייט פון כיטראָסט, פון רמאות; זיין מויל און זיין האַרץ האָבן פולקאָם געשטימט; אים איז געווען אינגאַנצן פרעמד די גאַנצע קונץ פון גלאַטע ריידעלעך וואָס פאַרשטעלן מיט זיך זייטיקע און אומערלעכע כוונות. בקיצור — אַן איש תמים! און קענטיק, אַז די תורה הק׳ מיינט טאַקע צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַ תמים פון דער נאַטור, זיין כאַראַקטער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די ריינסטע ערלעכקייט און גאַנצקייט — און ניט אַז ער האָט דערצו דערגרייכט דורך זיין האָרעווען אויף זיך, דורך זיין גרויסער עבודה.

דאַקעגן עשו איז געווען דער סאַמע היפוך דערפון; ער האָט מיט זיך פאַרקערפערט דעם העכסטן גראַד פון אומערלעכקייט, פון פאַלשע שטיקלעך, פון איבערגעשפיצטע, פאַנגערישע ווערטעלעך און אָנגעשטעלטע פרום־פאַרגלאָנצטע אויגן. אַזאַ דורכגעטריבענער רמאי איז ער געווען, אַז ער האָט געזוכט אָפּנאַרן זיין גרויסן טאַטן — יצחק אבינו. טאָ ווי קומט עס וואָס פאַקטיש איז צום סוף גאָר עשו געווען דער, וואָס האָט זיך געקלאָגט, אַז יעקב אבינו האָט אים אָפּגענאַרט צוויי מאָל? דער נאָמען יעקב, האָט עשו געטענה׳ט, באַדייט אָפּנאַרן — און ער האָט אים אָפּגענאַרט גאַנצע צוויי מאָל: צוגענומען ביי אים אי די בכורה זיינע אי די ברכה זיינע. פון זיין, עשו׳ס, שטאַנדפּונקט און פון זיין קוק אויף וועלט און העכער־פון־וועלט זעט עס אויס ווי אַ באַגרינדעטע טענה.

און, פרעגט די וועלט ווייטער, וואָס דאַרף מען האָבן אַ מער פיפיקן חברה־מאַן ווי לבן הארמי? די תורה הק׳ שילדערט אים אָפּ ווי די סאַמע פאַרקערפערונג פון אַן אומפאַרגלייכלעכן זשוליק און שווינדלער. און וואָס זעען מיר צום סוף? לבן איז אַרויס מיט אַ פעקל טענות קעגן יעקב אבינו, ער האָט זיך געפילט גאָר דער געקריוודעטער. לבן האָט טאַקע אויסגעפּראַוועט אויף יעקב אבינו אַלע זיינע גנבישע פאָרטלען, אָבער אונזער פאָטער יעקב האָט זיך סוף כל סוף מיט אים גאַנץ פיין ספּראַוועט. ווי פאַרשטייט מען דאָ דעם לעבנס־גאַנג פון אונזער פאָטער יעקב? דער לעבנס־וועג, די מעשים פון די אבות איז דאָך דער סימן, די ריכטליניע פאַר אונז, זייערע בנים.

און מיר זעען טאַקע די דאָזיקע פלאָדערשיינונג אויך שפּעטער, ביים כלל ישראל: קען מען זיך פאָרשטעלן אַ מער גע׳רודפ׳ט פאָלק ווי אונזער פאָלק? כל המיני המצאות, כל המיני אינטריגאַנטישע הינטערפיסלעך און אַלערליי אויסגעכיטרעוועטע שפּיצלעך האָט די גרויסע ניט־אידישע פעלקערשאַפט אויסגעזוכט, בכדי צו באַשפּאָטן און באַשמוצן און באַשווינדלען דאָס אידישע פאָלק — ביי דער זייט פון אָפענע רדיפות און שמדות אויף זיי. הערט איר אָבער וואָס יעדער שטיקל גוי מיט אַ צונג צווישן די ציינער זאָגט אויפן איד? אַלע שרייען זיי מיט איין לשון „דער זשיד נאַרט און באַשווינדלט דעם גוי!” מוז דאָך עפּעס שטעקן אין אָט דער גויאישער טענה. אין אָט־דעם גרויסן וועלט־ליגן מוז דאָך עפּעס זיין פאַרבאָרגן אַזאַ מין קערנדל, וואָס אָן אים קען זיך אָנטשעפּן דער גרויסער, צעצווייגטער און צעבלאָזענער שקר.

(און מיר זיינען דאָ ניט אויסן אַריינצולאָזן זיך אין די אַלע ראַציאָנעלע אַנאַליזן און פאָרשונגען פון פסיכאָלאָגישע מאָטיוון און היסטאָרישע אַנטוויקלונגען און ווירקונגען. זיי אַלע זיינען געגליכן צו די לייכטנדיקע פליגעלעך אין אַ פינסטערער נאַכט: אָט גייט דאָ אַ בליץ־אויף אַ פינטעלע ליכט — און באַלד איז עס הי׳ כלא הי׳; און גיט דאָרט אַ שיין — און תיכף איז כולו פינסטער. אַ ים מיט געדאַנקען און סברות איז שוין אָנגעגאָסן געוואָרן — וועגן דער טעמע פון באַציאונג צווישן איד און גוי, להבדיל — און ווי אויפגעלאָפענע וואַסער־כוואַליעס פאַרטרינקען און פאַרשווענקען זיי איינע די צווייטע).

לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונזער פאָטער יעקב און „פעטער” עשו. תורת החסידות פרעגט דאָ אַ סך טיפער און אידעלער: פאַרוואָס און צוליב וועלכן צוועק האָבן יעקב און רבקה זיך אַזוי שטאַרק באַמיט אַרויסצונאַרן די ברכות וואָס יצחק האָט באַשטימט פאַר עשו׳ן? יעקב אבינו׳ס ברכות זיינען דאָך אייגנטלעך די וועלכע שטייען ביים סוף פון יענער פרשה: „ויתן לך את ברכת

אברהם" — דאָס איז די באַזונדערע ברכה פון אברהם אבינו וואָס גייט איבער פון אברהם צו יצחק און יעקב און צום כלל ישראל. טאָ וואָס איז זיי, רבקה און יעקב, געגאַנגען אַזוי אין לעבן אָפּצונעמען איך עשו׳ס ברכות — און דערביי האָבן זיי זיך באַנוצט מיט „רמאות׳דיקע" מיטלען בכדי יעקב אָבינו זאָל באַקומען עשו׳ס געשטאַלט: פאַרוויקלט דער האַלז און די הענט מיט די ציגנפעלכלעך; אַרויפציען אויף זיך די „בגדי חמודות", עשו׳ס לבושים וואָס האָבן געשטאַמט פונ׳ם רשע נמרוד (און לבושים פון אַזאַ „יחוס" זיינען היפש געפערליך אַרויפצוציען אויף זיך) און יעקב אבינו האָט געדאַרפט אין זיינע ווערטער צו זיין טאַטן — „אנכי עשו בכרך" — אַריינטייטשן די העכסטע ענינים, כדי זיינע רייד זאָלן חלילה ניט באַדייטן אַ ניט־אמת׳דיקער זאָג; אַזאַ האַנדלען איז דאָך פאַר יעקב אבינו, דער איש תם, געווען געוויס מסירת־נפש׳דיק שווער.

און צוליב וואָס דאָס אַלץ — צוליב די ברכות; און וואָס באַדייטן די ברכות? — לכאורה אַנטהאַלטן זיי גשמיות׳דיקע זאַכן. איז עס בכן ממש ניט צו פאַרשטיין: ווען יעקב און רבקה דאָס אַלץ טאָן, וואָס זיי האָבן געטאָן, צוליב אַ שטיק „משמני הארץ"?

און חסידות פאַרענטפערט עס. חסידות דעקט אויף דעם אינערלעכן באַדייט פון דער געשעעניש. דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט בלויז וועגן גשמיות׳דיקע, מאַטעריעלע גוטסקייטן. מיט דער ברכה „ויתן לך האלקים וגו׳" איז יצחק אבינו געווען אויסן אויפצוהייבן די וועלט פון עשו, אַרויסצוציען אַט־די ג־טלעכע פונקען וואָס זיינען „אַראָפּגעפאַלן" און פאַרהוילנקייט פון די אַלע וועלטלעכע זאַכן. דאָס מיינט: „ויתן לך האלקים מטל השמים" — ד. ה. די בענטשונג מיט הימלישער קראַפט, פון דער ג־טלעכער הויכער ליכט, וועלכע זאָל געבן דעם געבענטשטן די מעגלעכקייט אַרויסצוהייבן די קדושה־פונקען, די ג־טלעכע ניצוצות פון די ערדישע גראָבע ענינים („משמני הארץ וגו׳") און זיי צוריקבינדן מיט זייערע וואָרצלדיקע הויכקייטן. רבקה און יעקב האָבן אָבער געקענט עשו׳ן בעסער. האָבן זיי געוואוסט דעם אמת, אַז דאָס איז ניט קיין „אַרבעט" פאַר עשו׳ן. אויפהייבן און אויסאיידלען די נידעריקע וועלט, טאַקע אַט־די גרויסע שטיק וועלטישקייט וואָס געהערט צו עשו׳ן — דאָס איז נאָר און בלויז יעקב אבינו בכוח צו באַווייזן, און דאָס איז אייגנטלעך די פליכט זיינע, די שליחות זיינע אין דער וועלט.

פאַרוואָס אָבער זאָל עס דערגרייכט ווערן דווקא אויף אַזאַ וועג — דורך מיטלען פון רמאות, איבערקליגן און אַרויסנאַרן? אַנטפלעקט אונז דאָ חסידות דעם סאַמע היטערגרונט פון וועלט־גאַנג: דער גאַנצער „בראָך" פון אונזער עולם הזה, דאָס גאַנצע מעגלעכקייט און פאַראַנענקייט פון שלעכטס און פאַרדאַרבנקייט, וואָרצלט אין חטא עץ הדעת. פון דעמאָלט אָן איז אויף דעם „אדם" אַרויפגעפאַלן אָט די אומגעהויער־שווערע פליכט פון באַאַרבעטן די ערד". דאַן, הייסט עס, איז די וועלט געזונקען אין גראָבקייט און „אַראָפּגעשלעפּט כביכול אין דער נידער" גאָר הויכע קדושה־פונקען, וואָס צו מעלה זיין זיי איז די אויפגאַבע פון אידן. וויאַזוי איז עס געקומען צום בראָך פון חטא עץ הדעת? וויאַזוי האָט עס „דער צווייטער זייט" אַריינגעכאַפּט די הייליקע ניצוצות דורך דעם ערשטן אדם וואָס איז געווען: „יציר כפיו של הקב"ה"? — דורך ערמה ומרמה, דורך אויסנאַרן און אויסכיטרען — „והנחש הי׳ ערום"! גיט דאָס חסידות צו פאַרשטיין: וויבאַלד דער שטייגער ווי די הויכע קדושה־פונקען זיינען „אַראָפּגעפאַלן" איז געווען דורך ערמה און אַרויסנאַרן — דאַרף במילא אויך דאָס אַרויסקריגן זיי פון „דאָרט" אויך זיין אויפן וועג פון ערמה און איבערכיטרעווען — פון ערמה דקדושה. די גמרא זאָגט: „שופרי׳ דיעקב מעין שופרי׳ דאדם" — יעקב׳ס שיינקייט איז געווען ענלעך צו דער שיינקייט פון אדם הראשון — איז דעריבער יעקב אבינו דער וואָס האָט געדאַרפט „פאַרריכטן" און דערגענצן דעם „שאָדן" וואָס איז געקומען דורך „אדם הראשון" — און וויבאַלד דער „נחש" האָט אים אַריינגעכאַפּט מיט שווינדל און מרמה, מוז אויך יעקב, דער „איש תם" זיך אָנטאָן אין אַזעלכע לבושים און האַנדלען מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר ערמומיות און כיטראָסט, — אָבער אין דעם פאַל — אַ קדושה׳דיקע ערמה.

דער כלל ישראל איז אין דעם זין איין גרויסע פאָרזעצונג פון יעקב אבינו. זיין עבודה איז די עבודה פון אַלע אידן — יעדער לויט זיינע כחות. דערקלערט חסידות וויאַזוי דאָס איז דער וועג פון אַ אידן זיך צו באַשעפטיקן מיט וועלט־זאַכן. יאָ, די עבודה פון אַ אידן אין עולם הזה, אין עשו׳ס וועלט, איז מיט ערמה. וואָס איז דער באַדייט פון ערמה, פון איבערקליגלען? — דאָס מיינט, אַז דער אויסערלעכער איינדרוק פון רייד און טאַט, שטימט ניט מיטן אינערלעכן מיין, מיט דער כוונה פון דעם רייד און טאָן. למשל: אַ איד עסט, און טרינקט און פאַרנעמט זיך מיט גשמיות און וועלט־זאַכן — איז דער אויבנאויפיקער רושם דערביי אַ גאַנץ מאַטעריאַליסטישער און וועלטישער: ער עסט אַ געשמאַקן מאכל און טוט זאַכן צוליבן קערפּערלעכן וואויל און

נוצן. די כוונה פון אַ אידן, זיין ציל דערביי אָבער דאַרף זיי און איז — ניט די גלוסטיקייט און געשמאַק פון דער זאַך. פאַרקערט, פונקט פאַרקערט: די תאוות צו וועלט־פאַרגעניגנס זיינען דאָך דער סאַמע אומגליק פון חטא עץ הדעת וואָס האָט אַראָפּגעשליידערט די וועלט צו די נידעריקסטע שטאַפּלען. אַ איד דאַרף אָט־די גלוסטעניש צעברעכן, אַז ער זאָל ניט פילן דעם רייץ־געשמאַק פון דעם מאכל, למשל. זיין גאַנצע כוונה דאַרף זיין לשם־שמים, אַז דער מאכל זאָל אים געבן כוח צו לערנען און דאַווענען; פאַרדינען געלט לויטן וועג פון תורה און צוליב תורה, צדקה און מעשים טובים. איז דער איד אַ „רמאי": ער גייט דאַכט זיך אין איין וועג מיט עשו'ן — ער אַרבעט, פאַרדינט, עסט און טרינקט א. אַ. וו. (אַזוי ווי אַ זשוליק וואָס פאַרנאַרט אַ צווייטן און יענער לאָזט זיך פירן). אָבער ביז אַ צייט! ווען עס קומט צו תכלית, צום היכפּונקט, אַנטפּלעקט זיך די באַהאַלטענע כוונה, אַז אין דעם אַלעם איז ער נאָר אויסן איין און איינציקע זאַך: לערנען תורה, מקיים זיין מצוות און טאָן וואָס דער אויבערשטער וויל. איז עס ערמה — ערמה דקדושה.

עשו מיינט אָבער, אַז יעקב וויל ביי אים אויסנאַרן אַ שטיק „משמני הארץ". האָט ער געגוואַלדעוועט: זע נאָר! יעקב דער „תם", דער „יושב אוהלים", דער „ישיבה־בחור" — ער טוט מיר רק אָפּנאַרן און אַרויסנאַרן פון מיר זאַכן וואָס געהערן צו מיר... און אַזוי שרייט די ניט־אידישע וועלט דורות נאָך דורות ביז אונזערע דורות. אַזוי האָבן געשריען די גרויסשטאָטישע גוים, אַז די אידישע ראָטשילדס האָבן מיט זייער כיטראָסט אויסגעפּאָמפּעט דאָס רייכטום פון אייראָפּע; אַזוי האָט געבורטשעט דאָס פויערל אין דאָרף, אַז „יעקל" האָט אים באַשווינדלט ביים שאָק אייער, ביים זעקל קאַרטאָפל; און אַזוי ברומט רציחה'דיק דער כושי פון „האַרלעם", אַז דער איד פאַרנאַרט אים אין אַ חרובער דירה אָדער „פּוצט אים אָפּ" ביים פּרייז פון ביר...

ניין, יעקב איז בטבע אַן איש תם, אַ גאַנצער און ערלעכער. זיין שליחות אין וועלט איז אָבער באַזירט אויף דער קלוגערישקייט, וואָס איז אין תוך די חכמה פון קדושה. דער עשו, דער ניט־איד, באַגרייפט ניט אָט־דעם גאַנץ־„קאָמפּליצירטן" ערמה־וועג פון אַ אידן. ער באַנעמט דעם אידן מיטן וועלטישן באַנעם, לויטן באַגריף פון „משמני הארץ". שפּירט ער טאַקע אַרויס די איבערקליגערישקייט פון אַ אידן; אַז לויט זיין קוק, איז עפּעס ניט גלאַטיק מיטן אידן; עפּעס פילט זיך אַז דער איד וויל פון אים עטוואָס אַרויסנאַרן און אַרויסבאַקומען. שרייט ער ככרוכיא: „כיטרי זשיד!" בקיצור: דאָס איז אַ מין „מעטאַפיזישער" געפּיל ביים ניט־איד וואָס דערקייקלט זיך צו דער פּשוטסטער און גראָבסטער פאָרעם פון באַנעמען די שליחות פון אידן ווי שווינדל און רמאות. איז — „בעי זשידאָוו". אוודאי הייסט עס ניט קיין באַרעכטיקונג פאַר זיי. אָבער מ'קאָן זיי אפשר אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטיין: אין תוך נעמט מען דאָך ביי זיי אַוועק עפּעס אַזוינס וואָס איז באמת זייער חיות, און אַז מ'נעמט־צו אַזוינס — שרייט זיך...

* * *

אויף דעם דרך, קען מען אפשר פאַרשטיין און צונויפבינדן צוויי מאמרי חז"ל — אונזערע חכמים גיבן־אָן די כאַראַקטער־שטריכן פון אַ אידן: „רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים". ווי מען זאָל אָט־די סימנים ניט אויסטייטשן, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז שעמעוודיקייט און דערבאַרעמדיקייט זיינען די אייגנשאַפטן וואָס גייען ניט האַנט אין האַנט מיט עזות, האַרטקייט און טראָציקייט. טאָ וויאַזוי זאָגן די חז"ל אין אַ צווייטן אָרט: „עזין שבאומות ישראל"? אידן זיינען גאָר די „עזות'דיקסטע" צווישן פעלקער? איז אַ „ביישן, רחמן" — אַן „עז"?

ניין, ווידער דאָס זעלבע. די מדה פון יעקב אבינו איז רחמים. דאָס איז בעצם זיין נאַטור. יעקב'ס קינדער זיינען רחמנים. פונקט ווי זיי זיינען גומלי חסד וויל אונזער טאַטע אברהם איז אַן איש חסד און מיר האָבן די מידה פון בושה, יראת בושת, וואָס קומט פון יצחק'ס מידה פון יראה עילאה. נאָר וואָס דען? — „עז שבאומות ישראל": אין זייער פאַרהעלטעניש מיט די אומות, אין זייער שליחות אין וועלט, אין זייער עבודה־געראַנגל צווישן אומות העולם איז די אידן געגעבן געוואָרן די מידה פון עזות, פון האַרטקייט און שטאַרקייט ביז מסירת נפש. דאָס איז די כלי־זיין פון אַ אידן דורכצוברעכן די גראָבקייט פון וועלט, זי אויסאיידלען און באַלייכטן מיטן ליכט פון קדושה.

טאַקע דאָס גופא זעען מיר אויך ביי אונזער פאָטער יעקב: אַז ער האָט געדאַרפט אַנטקעגנקומען דעם „ברודער" עשו מיט זיין גרויסער מחנה, האָט ער באַשלאָסן צו גיין ווייטער זיין אָנגעצייכנטן הייליקן וועג, טראָץ דער באַגעגעניש מיט עשו'ן. דערביי איז ער געווען גרייט צו באַשיטן אים מיט מתנות, מיט גוטסקייט. אָבער סוף־כל־סוף איז יעקב אבינו געווען גרייט ניט נאָר „לדורון" וכו', נאָר אויך „למלחמה". אַז נייטיק, האָט יעקב אבינו די שטאַרקייט, די מעכטיקייט צו קעמפן און באַזיגן אי דעם שר פון עשו און אי עשו'ן אַליין מיט זיין גרויסער מחנה.

● דוד זאַריצקי

— וואוהין גייט איר, ר׳ זעליג?

ער עפנט אַ פּאָר פאַרזוואונדערטע, קלײנע, פריילעכע אויגן, וואַשט איך אָפּ מיטן בליק און שמייכלט אונטער די דיקע וואָנצן וואָס גיסן זיך אַריין אין זיין לאַנגער באָרד:

— פון וואַנען ווייס איך וואו איך גיי? עד, ליבינקער, ווען אַ מענטש וואָלט געוואוסט וואו ער גייט, וואָלט ער אַ סך ווייניקער געגאַנגען.

פונדעסטוועגן האַלט ער זיך אָפּ אַ ווײלע: „אַ פראַגע איז עס, וואָס גייט עס דיר אָן, זעליג? גנב׳עסט זיך אַריין אין יענעמס הויז און באַלעבאַטעװעסט!”

אָבער ער גייט ווייטער, קוקט זיך אַרום צי קיינער זעט ניט, שאַרט זיך אַריין אינעם הויף, פאַרמאַכט הינטער זיך די קליינע פאָרטקע און שטעקט אַריין אין דער קליאַמקע אַ שפּענדל, זי זאָל זיך ניט אַזוי לייכט עפענען. גייט ער מיט קליינע, שטילינקע טריטעלעך אויף די אויסגעלייגטע שטיינער וואָס פירן צו דעם דריי־טרעפּנדיקן גאַניק און קוקט אַריין דורכן קיך־פענסטער — קיינער איז ניטאָ.

איז דאָך דער מאַן גערעכט, טראַכט ער און שמייסט זיך גלייך אַליין אָפּ: וואָס ביזטו, אַ בן־יחיד? דו קענסט און ווייסט אירע שוועריקייטן? ביז מען גייט פון מאַרק און מען דאַרף זוכן דאָס ביליקסטע; אַביסל אָנגעפּוילט, „אָנגערירט”, אַביסל קלענער ווי אַלע גרינסן און פרוכטן; אפשר ביי אַן ערל׳טע וועט ביליקער זיין מיט אַ גראָשן. ביז מען דרייט זיך אַרום איבערן גאַנצן מאַרק, צווישן אַלע שטאַנדן און געשעפטן, ביז מען טאַפּט אויס צענדליקער מינים צו קויפן אינעם, ביז מען דינגט זיך אויס — גייט אַוועק אַ היפּשע שטיק צייט, כמעט אַ האַלבער טאָג. ביליק קויפן, טענה׳ט זי אַלעמאָל, קאָסט טייערע צייט.

— אלא וואָס? אַמאָל כאַפּט מען אַ קלײנעם שמועס, וואָס־זשע איז דאָ דער חטא אַזוי גרויס! „ער” שמועסט ניט אין שול? אוי, אוי ווי ער שמועסט! און זי טאָר ניט עפענען דעם מויל? אַז מען טרעפט זיך אין מאַרק אָדער אין גאָס מיט דיינס גלייכן און מען פרעגט עפּעס, נו, פאַרציט זיך אַ שמועס. מען קען דען יענעם איבערלאָזן און אַנטלויפן? מען איז דאָך אַ מענטש, אָדער ניט?

דערווייל בלייבן די בעטן ניט געמאַכט און די שטוב ניט ריינגעמאַכט. קומט „ער” צוגיין, טרעפט ער נאָך די געשיר פון אינדערפרי (מ׳שטיינס געזאָגט, וויפל איז שוין דאָ — צוויי מענטשן מיט צוויי קינדער. געהערט? צוויי מענטשן מיט צוויי קינדער — זאָגט ער, ביי אים איז עס גאָרניט. אַדרבא, ליבע מענטשן, זאָל ער פּרוּוון אַמאָל דאָס מאַכן אינדערפרי, וועלן מיר זען ווי ער וועט אויסקוקן) און ער וויל עסן מיטאָג, ער וויל זיך אָפּרוען, ער וויל...

וואָס וויל ער? קיין גראַף פּאָטאָצקי איז ער קיינמאָל ניט געווען, ביי ראָטשילדן האָט ער אַפילו דורכן שליסל־לאָך ניט אַריינגעקוקט, און ראַקפעלער איז אין אַמעריקע. איך וויל אויך, נו איז וואָס, גיט ער מיר אַלץ וואָס איך וויל?

— גט׳ן? ר׳ זעליג האָט עס ניט געזאָגט אַזוי לייכט ווי מיר זאָגן עס, אַזוי זיך אַרויסגעקוועטשט נאָך וואָכן לאַנגן ריידן. „ער”, זאָגט איר ר׳ זעליג, וויל אַוועק, אים איז מיאוס געוואָרן. ער איז

אַפילו גרייט אויף דאָס ערגסטע: גט׳ן.

— דאָס איז אַ שוידערלעכער וואָרט — זי בלייבט שטיל. וואָס זאָל זי טאָן: ווייבען! און דאָס טוט זי פלייסיק.

יאָ, טראַכט ר׳ זעליג, וויפל מאָל קען מען גיין צום רב און זיך אומקערן „אויף דערווייל?״

* * *

די טיר פון קיך איז נאָר צוגערוקט מיט אַ שפּענדל, אַפילו ניט קיין גנב קען עס עפענען. נעמען איז דאָרטן ניטאָ וואָס, סיידן דאָס קריגעניש צווישן זיי — שוין עטלעכע יאָר. אָבער דערפאַר, רעדט צו זיי ר׳ זעליג שטענדיק: מען גט זיך ניט מיט צוויי קינדער, טייערינקע. איר ווייסט וואָס איר רעדט?...

— אַ גיהינום — טענה׳ט ער.

— ער האָט אים אונטערגעצונדן — זאָגט זי — קיין פּרנסה גיט ער ניט און איך מוז מיט די געדערים אויסרייסן יעדן טאָג דאָס עסן; נעכט זיצן ביים פאַרריכטן און פאַרצירעוען. איז וואָס וויל ער, סאַלאַנען זאָל איך אים מאַכן?

— אַלץ האָט דאָך אַ שיעור — זאָגט ער.

— נאָר מיינע צרות האָבן קיין שיעור ניט — זאָגט זי.

מילא, וואָס קען ר׳ זעליג טאָן. גייט ער אַריין אין הויז, ער גנבעט זיך אַריין, וואָרום ווער וואָלט עס געגלייבט אַז ר׳ זעליג קען מאַכן אַזוינע וויבערישע אַרבעטן? ניין, איצט איז קיינער ניטאָ; דער ישיבה־מאַן לערנט און דער אַרבעטער און קרעמער — דינען ביי זייער אַרבעט, די אידענע איז אויפן מאַרק און די קינדער — אין תלמוד־תורה. אַי, מען וועט אים אַמאָל כאַפּן? מיט די בזיונות וועט ער דורכקומען, און דער רבונו של עולם ווייס דאָך!...

טוט ער אויס די קאַפּאָטע און די שוואַרצע, קיילעכדיקע הוט, לייגט אַוועק די קאַפּאָטע ער זאָל זי גלייך קענען האָבן אונטערן האַנט און די הוט — אויף איר. ער פאַרקאַטשעט די אַרבל, כאָטש־אַפילו עס איז ניט אַזוי ר׳ זעליקדיק, אָבער וואָס קען מען טאָן אין אַזאַ לאַגע. קוקט ער זיך אַרום וואָס איז בילכער צו מאַכן, טאָמער ווערט ער געכאַפּט און מוז אַנטלויפן גלייך.

— פריער די כלים.

ער מאַכט עס שנעל, ר׳ זעליג, ווי אַ בקי ורגיל, ראַמט אַראָפּ פון טיש. ער ווייסט שוין וואו דאָס ברויט ליגט און וואו די כלים אַריינצושטעלן, די אויסגעוואַשענע. ער האָט זיך פריער גוט אַרומגעקוקט, איידער ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן דאָס. ער אַרבעט פלינק. די פּיאות פאַלן אַרויס אינמיטן און שטערן אים, גיט ער זיי אַ וואַרף אַרויף הינטער די אויערן, ברומט אַ פּאָר פּרקים משניות אינצווישן, ווישט די גלעזער, די טעלער און שטעלט זיי אַריין זויבער־זויבער אין שאַפּקע. ער הענגט אויף די סטירקע צום טריקענען און לויפט אָפּווישן דעם טיש. דאָס אַלץ דאַרף מען מאַכן שנעל, נאָך שנעלער, זעליגל, נאָך שנעלער, קענסט נאָך האָבן בזיונות.

אָפּגערוימט דעם טיש, גלאַנצט דאָס ניילאָן־טישטוך. לויפט ער אַריין אין שלאָפצימער און פאַרבעט די בעטן. בעטגעוואַנט מוז מען אויפקלאַפּן, אָבער עס מוז שטיל־שטיל געמאַכט ווערן, וואָרום שכנות האָבן גערן אַריינצוקוקן פון אויבן וואָס עס טוט זיך ביי אַנדערע אין דירה. בפרט אַז זיי וועלן זען ר׳ זעליגן — ווי, ווי, סאָראַ גערודער עס קען ווערן. אָבער פאַרפאַלן, על מנת כן. בידך אפקיד בזיוני, זאָגט ר׳ זעליג, קלאַפּנדיק דאָס בעטגעוואַנט.

ער ווישט שנעל דעם שוויס מיטן אַרבל פון העמד, וואַרפט אַ שנעלן בליק צום פענסטער, טאָמער קוקט עמעצער אַריין. ער דערמאָנט זיך גוט ווי זיינע בעטן זיינען פאַרבעט — מאַכט ער אויך אַזוי, אַלע בעטן זיינען גלייך, ניט אַזוי?

נאָר ער ווייס ניט גענוי ווי מען דעקט צו די בעטן, מאַכט ער פונדעסטוועגן ווי ער שטעלט זיך פאָר, עלעהיי דאָס איז אַ שווערע קשיא צו פאַרענטפערן, דאַרף מען אַביסל אויך דעם מוח נעמען אין דער אַרבעט. אויסגעגלייכט די בעטן, ווישט ער אָפּ דאָס שטויב. לויפט שנעל אין פאָרהויז און ברענגט דאָס באַרשט מיט אַ שאָפל. עס זיינען נאָר צוויי און אַ האַלב צימערלעך, אָבער עס איז דאָ אַזוי אָנגעשטעלט, אַז מען דאַרף זיך פופציק מאָל בויגן און אויפהויבן, קריכן אונטער דעם טיש, די בענק, די בעטן, הינטערן טיר און אונטער דעם קאָמאָד. די העמד איז שוין אים נאַס, און ער האָט ניט קיין צייט אָפּצואווישן גוט דעם שוויס. טאָמער וועלן מענטשן מערקן? מילא, ער וועט אַרויסגיין דורך אַן אַנדער הויף, וואָס קען מען מאַכן, אַז עס האַלט ביי זיי אַזוי ווייט!

לויפנדיק שטעלט ער צוריק דאָס באַרשט, קוקט זיך נאָך אַביסל אַרום, רוקט די בענקלעך מיט די שטולן אויפן פלאַץ, צערוקט די פאָרהענגלעך עס זאָל אַריינפאַלן אַביסל זון, ער דערמאָנט זיך, אַז מען דאַרף אפשר אָנגיסן אַביסל וואַסער אין די בלומען־טעפּ — לויפט ער שנעל אין קיך און ווישט דערביי אָפּ דאָס טישל און די קיך־פּליטע, טרינקט אָן די בלומען און דאַן האָט ער נאָך צייט אַ קליינע ווילע אָפּווישן דעם שוויס.

עס איז שטיל אין הויפל. ער טוט אָן

צוריק לאַנגזאַם די קאַפּאָטע. דער שוויס פון ליב רינט נאָך אים אַרונטער, אָבער עס איז זומער און ער וועט זיך ניט צוקילן. אַרויפגעשטעקט דאָס קיילעכדיקע הוט און זיך צוריק אַרויסגעגנבעט פון הויפל — שטיל־שטיל איבער די שטיינער, שטיל־שטיל אַרויסגערוקט דאָס העלצל פון דער קליאַמקע פון דער פאַרטקע און אָטעמט אָפּ ווען ער האָט שוין געגעבן עטלעכע טריט צום גאַס.

* * *

— וואוהין גייט איר, ר' זעליג?

ער שטעלט אויס אַ פּאָר פאַרוואונדערטע, קליינע, לאַכעדיקע אויגן, וואַשט אָפּ מיט זיין רואיקן בליק און שמייכלט:

— מען ווייסט דען וואו און פון וואַנען מען גייט? אַי, אַי, ווען מען וואָלט געוואוסט וואוהין מען גייט... און ער טריטלט שנעל אין בית־מדרש, וואָרום ער האָט נאָך דעם הייניטיקן שיעור ניט געלערנט...

* * *

— מילא, ר' זעליג, איר ווייסט דאָך פון דער גאַנצער מעשה; איר זענט דאָך געווען אין בית־דין ווען איך בין געקומען מיט „איר" — מוז איך אייך זאָגן, אַז עפּעס האָט זיך געביטן ביי „איר", אַנדערש געוואָרן. מסתמא האָט זי זיך באַטראַכט אַז עס לוינט ניט מאַכן מלחמות פאַר ריינקייט, אַ קליניקייט ריינקייט! מען קען דאָך חלילה קראַנק ווערן, און די קינדער — —

— וואָס איז געשען? — ר' זעליג קוקט אויף „אים" מיט רואיקע אויגן, ערנסט, פאַרוואונדערט.

— אַ נס ממש, אַ נס מן השמים, איך קום שוין עטלעכע טעג אַהיים צו מיטאָג, ערשט אַלץ איז אויפגערוימט, שיין, שמעקט, אַפילו די בלומען אַנגעטרונקען, איר ווייסט, ר' זעליג, וואָכן פלעגט „זי" זיי ניט אַנטרינקען, פלעגט מען פשוט אַרויסוואַרפן ג־טס געוויקסן. סתם אַזוי, אָן וואַסער, פלעגן זיי וועלקן. און איך פלעג זיך בעטן: ביילע, עס איז דאָך אַ שאָד, אָדער קויף ניט קיין בלומען אָדער טרינק זיי אָן.

— פאַרנומען, ניטאָ קיין צייט — טענה'ט זי.

און דער טיש גלאַנצט און די בעטן — אויפן האָר צוגעבעט און אויסגעקערט, אַפילו אונטער די שאַפעס און אונטער דעם קאַמאָד — איך זאָג אייך: ר ײ ן! הלואי ווייטער.

— זעט איר — שמייכלט ר' זעליג ערנסט — אַ בעל־הבית'טע בלייבט שטענדיק אַ בעל־הבית'טע. אַמאָל מאַכט זיך שווער, איז דאָך אַ מענטש מער ניט ווי אַ מענטש.

* * *

— איר, ר' זעליג, האָט דאָך געוואוסט מיין אומגליק, אויף קיין משפחה ניט געזאָגט. אַ משוגעת אַריינגעפאַלן „אים" אין קאָפּ: ריינקייט! געהערט אַ מעשה? די נשמה שפּאַר איך אַרויס פון מיר — די קינדער, די שטוב, דער מאַרק, די קיך, וויפל הענט האָב איך? איר ווייסט דאָך, ר' זעליג, איר זענט דאָך געווען אין בית־דין בשעת מעשה, מיר איז שוין אויך מיאוס געוואָרן אַזאַ לעבן, שטענדיק קריגערייַ. מילא, וואָלט מען זיך געטיילט, אַן אומגליק קען מען ניט אויסמיידן, אָבער ב"ה, ב"ה, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען פאַרן חסד...

קוקט ר' זעליג אויף „איר" מיט אַן ערנסטן בליק, לאָזט אים אַראָפּ פאַרשעמט און פרעגט שטיל:

— זיך דאָך איבערגעבעטן, האַ! נו, נו, ניט קיין קלייניקייט... פאַר שלום בית איז דער הייליקער נאָמען אָפּגעמעקט געוואָרן, ר"ל. אַבי אַזוי...

ניין, איר ווייסט ניט, ר' זעליג. ממש אַ נייער מענטש געוואָרן, אַ נס מן השמים. מיינע טרערן האָבן אַלע טויערן אויפגעריסן; מיינע תחינות, מיין געבעט! אַ שטוב צעבראָכן — איר ווייסט וואָס דאָס איז? חרוב מאַכן אַ אידישע שטוב! איך האָב געמיינט, געמיינט. אַי, אַי, ר' זעליג, ערשט איך קום אין אַ ליכטיקן פאַרמיטאָג, אַלץ איז ריין, שיין, די כלים געוואַשן, אויסגעקערט, די בעטן פאַרבעט, אַפילו די בלומען אַנגעטרונקען, איך האָב געמיינט אַז איך פאַל אַוועק אין חלשות. האָב איך אַביסל וואַסער גענומען און זיך צוגעזעצט, וואָרום די פיס זיינען מיר שוואַך געוואָרן פון אויפרעגונג. איר קענט פאַרשטיין, האָב איך געטראַכט...

— מילא, מאַכט ער, הייסט עס, אַלץ?

— חלילה, וואָס הייסט אַלץ, אָבער ער העלפט מיר, איר פאַרשטייט, ר' זעליג, אַז מען העלפט, צוזאַמען איז עפּעס אַנדערש, אַרבעט זיך אַנדערש, אַן אַנדער לעבן, אַ פריילעכערער, אַ מער אידישער, איר פאַרשטייט.

— יאָ, אוודאי פאַרשטיי איך, זאָל זיין מיט גליק אויף אייך. אַ גוטן!

אידישקייט אין אייראָפּע

(ערשטער פון סעריע)

● הרב שמחה עלבערג

ניטאָ אין אייראָפּע קיין שעפעריש אידנטום, וואָס זאָל כאָטש אויף געוויסע געביטן דערמאָנען זיין אַמאָליקע גלאָריע. שווער צו געפינען דאָרט אַ קליין ווינקעלע, וואָס זאָל מיט זיין אימפּולסיוו, וויברירנדיק אידישקייט דערמאָנען אין זיין פאַרגאַנגענער גלאַנץ־עפּאָכע. ניטאָ קיין בליענדיק, פרוכטבאַר אידישקייט אין אייראָפּע. און עס איז שווער צו האָפן, אַז פון די דאָרטיקע אידישע קיבוצים זאָל, מיט דער צייט, אויסוואַקסן אַ געזונט, קערנדיק אידנטום. די חרוב־געוואָרענע וועלטלעכע אייראָפּע, וואָס איז געלעגען אין צעשמעטערדיקע חורבות און געדוכט האָט זיך, אַז זי וועט אַזוי שנעל ניט אויפשטיין תחיית־המתים, האָט זיך מיט איבערראַשענדיקער טעמפּאָ צוריק, גייסטיק און פיזיש, אויפגעבויט. בלויז אידיש־אייראָפּע ליגט נאָך טיף, טיף אין גייסטיקע רואינען.

אידיש־אייראָפּע — דער גרעסטער קרבן פון חורבן היטלער — קען מער ניט פאַרנעמען קיין איינפלוסרייכע פּאָזיציע אינערהאַלב פון וועלט־אידנטום. אירע הויפּט יורשים זיינען אַמעריקע און ארץ־ישראל.

פאַרוואָס עפּעס אַזאַ שוידערלעכער אורטייל אויף דער היינטיקער, אידישער אייראָפּע? די צוויי הויפּט־מאָטיוון, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם מיניאַטורישן ווידעראויפבוי פון דעם אייראָפּעאישן אידנטום, גאַראַנטירן אים ניט קיין צו גרויסע פּערספּעקטיוון; זיי שאַפן מער ניט קיין אילוזיעס פאַר אַ ווידעראויפלעבונג פון אַ אידיש־אייראָפּע, וואָס זאָל זיך גייסטיק אויספורעמען אין אַן אייגנאַרטיק אידנטום.

איינס: אידישקייט אין אייראָפּע, אין זיין היינטיקער באַגרענעצטקייט און אָפּגעזונדערטקייט, קען מיט רעכט באַצייכנט ווערן ווי אַ געטאָ־אידישקייט. דאָס ביסל עכט־טראַדיציאָנעלע אידישקייט, וואָס טליעט נאָך אין פאַרשיידענע ווינקעלעך פון אייראָפּע, האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין אַן ענגער געטאָ. דאָס גאַנצע אידישע ציבור־לעבן איז באַהערשט פון איזאָלאַציע: איין קהלה איז איזאָלירט פון דער צווייטער און איין קרייז פאַר'משפּט דעם צווייטן צו אונטערגאַנג. פרומע אידישע קהלות באַמיען זיך בלויז צו דערהאַלטן זייער אייגן אָפּגעגרענעצט ווינקל. זיי באַמיען זיך גאָר ווייניק צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן זייערע רייען דורך אַריינציען קינדער פון פרייע היימען און זיי געבן אַ רעליגיעזע דערציאונג. זיי זוכן ניט קיין נייע רעזערוואַרן, פונוואַנען צו שעפּן פרישע, יונגע, אויפגייענדיקע כוחות.

די אידישע, רעליגיעזע קהילות, אין פאַרשיידענע טיילן פון אייראָפּע, וואַקסן ניט — ניט פּאָטענציעל און ניט נומעריש, ווייל זיי דערהערן ניט דעם גורל'דיקן רוף פון דער צייט. זיי פאַרשטייען ניט, אַז רעליגיעזע אידן קענען זיך היינט ניט צופרידן־שטעלן מיט דעם וואָס זיי באַזיצן. ווייל גאָר ווייניק איז זיי געבליבן פון דעם רייכן אַמאָל און מען מוז דעריבער זוכן נייע קוואַלן פאַר אַ רעליגיעזן אויפשטייג. זיי פאַרשטייען ניט צו אינספּירירן אַ גייסטיקן אויפשטאַנד פון זין קעגן טאַטעס, פון טעכטער קעגן מאַמעס. זיי פּרובירן ניט איינברעכן די פרייע פעסטונגען, כדי פון דאָרט אַרויסצוראַטעווען דעם יונגען דור, ווי מיר טוען דאָס אין אַמעריקע — און טיילמאָל מיט גרויס דערפאָלג.

אידיש־אייראָפּע האָט ניט אויפגעכאַפּט די סיגנאַלן פון דער דאָזיקער, גייסטיקער רעוואָלוציע. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז אָן צו צעברעכן די מויערן פון די פרייע שטובן, קען מען ניט צוריק אויפבויען קיין מסורת'דיק אידנטום, אין אַ גרויסן מאָסשטאַב. די מוסטערהאַפטע, גוט־אָרגאַניזירטע אידישע קהילות אין געוויסע אייראָפּעאישע לענדער, זיינען אין די לעצטע צען יאָר ניט געוואַקסן, טראָץ זייער שוואונג און מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן ניט פונוואַנען צו שעפּן נייע כוחות. וואָלט מען זיך ניט אַזוי שנעל מיאש געווען פון די פרייע היימען און געזוכט אַ וועג נאָך אַ וועג, אַ מיטל נאָך אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַנגען די יונגע נשמה'לעך — ווי עס טוט ליובאַוויטש מיט גרויס מסירת־נפש — און אַרויסנעמען זיי פון אייגענע טאַטע־מאַמע — וואָלטן היינט פיל

אידישע קהילות אין אייראָפּע געבליט. די
רעליגיעזע פּאָזיציע וואָלט געווען שטאַר־קער און איינפלוסרייכער און דורך אַזאַ „פּאַראַט״ פון אַן אייגן קינד וואָלט דער־נאָך ניט איין פרייע שטוב גייסטיק געראַ־טעוועט געוואָרן.

די רעוואָלוציע פון רופן קינדער צו הייליקן פּאַראַט, איז געבאָרן געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. זי איז דאָ טיף אַריינ־געדרונגען אין ברייטע קרייזן. די בענק פון אונזערע ישיבות און בית־יעקב׳ס זיינען פול מיט אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע קינדער, וואָס האָבן פאַרלאָזט די פאַלשע וועגן פון זייערע טייערסטע און נאָענסטע. טויזנטער אידישע שטובן האָבן אַ דאַנק דער גייס־טיקער איבערקערעניש פון זייערע קינדער, באַקומען אַ גאַר אַנדערע גייסטיקע פיזיאָ־נאָמיע. אָן דעם אומדערשעפּלעכן קוואַל, וואָס די פרייע שטובן שטעלן מיט זיך פאַר, וואָלטן די תורה־וועלט געבליבן קליין אין צאָל און מיר וואָלטן ווייט ניט געקענט אַזוי צעשפּרייטן אונזערע אַקטיוויטעטן, ווי מיר טוען דאָס היינט מיט שוואונג און ענטוז־יאַזם.

צווי: אידיש־פרום־אייראָפּע בויט זיך היינט צו טאָג אָן תורה. קלאָר: פון דעם שטאַרקסטן פּאָטענציעלן אידישן קיבוץ קען ניט אַרויסוואַקסן קיין דויערהאַפט, פּראָ־דוקטיוו אידנטום, אויב תורה, אין העכערן זין, איז ניט דער פונדאַמענטאַלער באַזיס פאַר זיין טעגלעכער עקזיסטענץ. און תורה באַדייט לומדות, אין איר פאַרשיידנאַרטיקער קאָנצעפּציע.

נאָך מער: אפילו שטרענג־קאָנסעקווענטע אָרטאָדאָקסישע פרומקייט קען ניט שאַפן קיין שעפעריש־לעבעדיקע יהדות, אויב תורה־לערנען שטעלט מיט זיך ניט פאַר די העכסטע אַספּיראַציע, קאָמפּאַקטע, פרומע אידישע קבוצים האָבן וועגעטירט, ווייל זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען צו בויען ישיבות, וואו מ׳זאָל לערנען רשב״א און ריטב״א, קצות און אבני מלואים. רבנישע סעמינאַרן מיט סיסטעמאַטישער בילדונג על טהרת הקודש, ווי נויטיק דאָס איז געווען פאַר דער רעטונג פון דער יוגנט, האָבן זיי אָבער קיין „היסטאָריש אידנטום״ ניט אויפגעבויט — און דייטשלאַנד יוכיח. מיט אוניווער־זיטעטן און אַקאַדעמישע דיפּלאָמען קען מען קיין היסטאָריש אידנטום ניט אויפ־בויען. דאָס איז קלאָר און ווער עס לייקנט אין דער דאָזיגער הנחה, דער ווייסט ניט דעם אלף־בית פון אידנטום.

עס איז געווען אַמאָל אַ שטאַרק, מעכטיק פּויליש אידנטום. וואָס האָט דאָס אַזוי הויך אַוועקגעשטעלט דאָס פּוילישע אידנטום אין צענטער פון דער וועלט? — ווייל אידן האָבן דאָרט, אין נויט און אין ליידן, גע־לערנט אין אַלע ווינקעלעך תורה. אין לאַנגע קאַלטע ווינטער־נעכט, פלעגט, אונטערן שיין פון אַ צאַנקענדיק ליכטל, זיצן אַ איד אַ גאַנצן משמר און געמאַטערט זיך צו פאַרשטיין אַ שווערן רבי עקיבא איגר. עס איז געווען אַ פולסירנדיק אידנטום אין אונגאַרן. און פאַרוואָס האָט דער דאָזיקער קבוץ געשפּילט אַזאַ ראָלע אין וועלט אידנ־טום? ווייל, דאָס קול־תורה האָט דאָרטן אָפּגעקלונגען אין אַלע שטעט און שטעטלעך. וואו נאָר אַ קהלה — איז דאָרט געווען אַ ישיבה. דאָס ליטווישע אידנטום איז געווען נומעריש קליין, אָבער אידיש ליטע האָט גע׳שמ׳ט איבער אַלע עקן וועלט. מיט וואָס? ווייל ס׳האָט שטאָלץ געטראָגן די קרוין פון תורה.

אידנטום אָן ברייטע תורה־אַספּיראַציעס דריקט ווייט ניט אויס קיין המשכ׳דיקייט. אידנטום אָן הייסער שטרעבונג צו גדלות התורה, האָט ניט קיין גרויסע פּערספּעק־טיוון און אודאי קען אַזאַ אידנטום ניט אויפלעבן אונזערע אַמאָליקע גייסטיקע אוצרות. די סכאָלאַסטיק פון תורה איז תורה אַליין. אַלץ וואָס איז תורה, איז די נשמה הויבט אידנטום אָן צו וויאַנען און עס נשמה הויבט אידנטום אָן צו וויאַנען און עס בלייבט פון אים בלויז אַ גופישער סקעלעט.

אידיש־אייראָפּע אָן טיפער פאַרשטענ־דעניש פאַר העכערן תורה־אויפשטייג קען זיך היסטאָריש ניט אַנטוויקלען אַלס אַ באַזונדער אידנטום, וואָס זאָל ציען זיין קשר מיט דעם דורות׳דיקן אידנטום.

(פאָרזעצונג אין נעקסטן נומער)

חנוכה ליכטעלעך / (סוף פון זייט ב)

און דאָס איז דער באַדייט פונעם וואָרט: — זיך צוצוהערן וואָס די חנוכה ליכטעלעך דערציילן: נאָר אָט די דאָזיקע חנוכה־ליכטעלעך „דערציילן״ אונז און לערנען אונז דעם סאַמע העכסטן און טיפסטן וועג פון תורה אור; אַ איד דאַרף זיין איבערגעגעבן און אַוועקגעגעבן אינגאַנצן צו תורה, ניט צוליב קיין שום זייטיקן און אויסערלעכן צוועק, נאָר לערנען און האָרעוון אין תורה לשמה מיט דער פולסטער מסירה ונתינה. די תכלית איז — די תורה גופה.

הכנה און הדר זענען א באשטאנדטייל פון חגים און זמנים

● הלל זיידמאַן

מועדים, חגים, זמנים, יומי דפגרא

דרייערליי זיינען די „גוטע טעג" (מיר נוצן ניט די באַצייכענונג „ימים טובים", צוליב דעם טעם וואָס וועט קלאָר ווערן שפּעטער): מועד, חג, זמנים. „מועדים" מיינט די ימים טובים וואָס ווערן געבראַכט אין דער תורה. „חג" איז אויך דאָס זעלבע נאָר מיט אַ מער באַגרענעצטער באַדיטונג. לויט די חז"ל באַציט זיך „חג" אויף איין ספּעציעלן יום־טוב, סוכות. „זמנים" נעמט אַרום חנוכה און פּורים, — הגם אין די תפילות נעמען זיינען זיי כולל אויך די מועדים און חגים. מיר זאָגן דאָך מקדש ישראל והזמנים ביי „קידוש" און תפילה אין אַלע ימים טובים.

אויסער דעם זיינען פאַראַן „ימים דפּגרא", — וואָס ווערן דערמאָנט אין חז"ל, — אָן די דינים, בפרט אָן די איסורים אויף עשיית מלאכה, — פון מועדים און חגים, און אָן די מצוות פון די זמנים, ווי הדלקת נר חנוכה אָדער מגילה־לייענען אין פּורים. דאָס וואָרט „פּגרא" שטאַמט פון גריכיש און האָט אַ נעגאַטיוון מיין, נעמלעך, זיך אָפּהאַלטן פון אָנשטרענגונגען, „נעמען לייכטער" די אַרבעט. (אין מאָדערנעם העברעאיש זאָגט מען: „פּיגור בעבודה").

בעת מיר האַלטן איצט אין „זמן" צווישן מועדים און זמנים וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף צוויי אַספּעקטן פון זיי, נעמלעך, אויף צוגרייטונג צו ימים טובים און אויף זייער שיינקייט. ביידע זיינען אין פלוג ניט מער ווי אַ געבנזאַך, אַ טפל צום עיקר, אָבער אין תוך זיינען זיי אַ חלק פונעם יום־טוב גופא.

הכנה עפנט טויערן

די הכנה צום שבת און יו"ט ווערט זייער הויך געשטעלט נאָך אין דער גמרא. ס'ווערט דערציילט ווי תנאים צי אמוראים האָבן אַליין געטאָן געוויסע קיך־אַרבעט לכבוד שבת. אין חסידות פאַרנעמט די הכנה צו ימים טובים אַ גאָר חשוב'ן פּלאַץ.

ווי איז אָבער דער דין ווען, — ווי אין אונזער היינטיקן מאָדערנעם לעבנס־שטייגער, מיט די אַלע „אָפּלייענסעס", „פריזערס" און אַנדערע עלעקטרישע מכשירים און אַלערליי קאָנסערווירטע מאכלים, — איז אַלץ „גרייט", אָדער קען געמאַכט ווערן גרייט אין עטלעכע מינוט, און ס'איז ניט נויטיק די לאַנגע פּאָרעניש? צי איז אויך היינט וויכטיק הכנה?

דער ענטפער איז: יאָ, און אפשר נאָך מער ווי אין אַמאָליקע צייטן. פאַרוואָס? ווייל די הכנה דאַרף זיין אין תוך אַ פּסיכישע; די פיזישע צוגרייטונג איז אַן אינסטרומענט צו דער גייסטיקער גרייטשאַפט. און היות מ'איז היינט מער פאַרזונקען אין וואָכעדיקייט איז דער איבערגאַנג צו יום־טוב'דיקייט נאָך שווערער, און נאָך — וויכטיקער.

ווייל מ'קען ניט פּלוצים אַריינשפּרינגען פון חול אין קודש. די פּסיכישע גרייטקייט און די נשמה'דיקע אויפנאַם־פעאיקייט שטייט אויך ניט תמיד צום באַפעל. אַמאָל רופט איר זיי, און זיי זיינען ווייט און פאַרהוילן. און אַז אַ מענטש קומט אַריין אין יום־טוב מיט אַ ליידיקער נשמה — קומט דען דער יום־טוב אַריין אין אים?

גייסטיקע גרייטקייט און אויפנאַם־פעאיקייט

וואָרום אַלץ הענגט אָפּ פונעם ווען פון מענטשן און — פון זיין גרייטקייט. פאַראַן אַ מענטש וואָס די שיינקייט פונעם שבת, פונעם יום־טוב, באַצויבערט אים נאָך פון דערווייטנס, און באַשיינט אויך זיינע וואָכעדיקע טעג. פאַראַן ווידער אַנדערע וואָס זיינען בלינד אויף אַט דער שיינקייט פון שבת און יום־טוב, ווייל זיי שליסן צו די אויגן זי ניט צו זען.

משל למה הדבר דומה? צו וואָס איז

דאָס גליַיך? צו אײנעם וואָס פאָרט פאַרביי אין אַ באַן דורך אַ וואונדערלעכער לאַנדשאַפט, דורך פּרעכטיקע בערג און שימערירנדיקע טייכן, דורך שמעקנדיקע גערטנער און סעדער, דורך בליִענדיקע פעלדער און וועלדער — אָבער ער פאַרמאַכט די פענסטער און ציט אַראָפּ די פאָרהענגלעך, כדי ער זאָל ניט געניסן פון דער פּראַכט וואָס רינגלט אים אַרום.

אַזוי קען אַ מענטש בלייבן וואָכעדיק אָפילו אין אַ יום־טוב.

פון דער צווייטער זייט קען ער אָנשטעלן זיינע איידלסטע נשמה־סטרונעס אויף דער מעלאָדיע פון די מועדים וזמנים, אַזוי, אַז זיין גאַנצער מהות זאָל זיך צוזאַמענגיסן מיטן יום־טוב.

דער אופן דערפון איז אָפּהענגיק פונעם תכונת הנפש פונעם יחיד. פאַראַן אַ מענטש וואָס איז פאַרשלאָסן אין שמחת יום־טוב און זאַפּט אין די פרייד טיף אין זיין רשות היחיד. פאַראַן אַנדערע וואָס לעבן איבער בלויז אינאיינעם, בציבור און בפרהסיא.

אַזוי צי אַזוי, אויב ס'איז נאָר פאַראַן דער רצון קען אַ איד אַריין אין די יום־טוב'דיקע טויערן — אויב ער אַליין עפנט ז י ך פאַר זיי.

די שיינקייט פון ימים־טובים

אמת, ניט פאַר שיינקייט וועגן זיינען די ימים טובים געבאָטן געוואָרן. זייערע טעמים ווערן געזאָגט אין דער תורה. אָבער דורות האָבן באַשיינט און באַצירט יעדן יום־טוב מיט זיין אייגנאַרטיקן קאָליר, אַזוי אַז צוזאַמענגענומען דערשיינען זיי אין פילפאַרביקע פּראַכט און גלאַנץ — פון העכערע וועלטן. זיי שטראָמען נעמלעך מיט אַן אינערלעך ליכט, וואָס שטראָמט פון גייסטיקע טיפענישן, און וואָס דאָס אויסערלעכע לייכטן איז אַן אָפּשיין פון פנימיות'דיקן תוכן.

אין די געטאָס און „תחום המושב", אין נויט און אָרעמקייט, אין ענגשאַפט און אין שטענדיקן פחד פון רדיפות, האָבן אידן באַוויזן אויסצושניידן פון דעם ברייטן געוואַנט פון די שווערע צייטן פאַרביקע לעבנטעס פון שיינקייט. דער עסטעטישער חוש און די איינגעבוירענע טאַלאַנטן פון עכטער קינסטלערישער שעפערישקייט האָבן דערמאָלט באַקומען זייער תקון און זייער אויסדרוק. די אַרכיטעקטור פון שולן, אין זייער אויסערלעכער און אינערלעכער שיינקייט (זיינען דאָך געוויסע פּרעכטיקע שולן אין טאָלעדאָ און קאָרדעוועראָ, אין שפּאַניע, אויפגעשטעלט געוואָרן שוין אין צייטן פון רדיפות!), יום־טוב'דיקע מלבושים און דעקאָראַטיווע צערעמאָניעס, און ווירדיקע פאַרזאַמלונגען צו תפילות, — וואָס באַאיינדרוקן נאָך היינט פון די אַלטע „פּרינטס", האָלצשניטן און קופּערשניטן. אַזוי אויך אין די פּיוטים, אין דער פּאָעזיע אין וואָרט און קלאַנג, און זייערע מעלאָדיעס, פון וועלכע בלויז אַ קליינער טייל האָט זיך דערהאַלטן, — ווי דער רירנדיקער כל־נדרי־ניגון, וואָס ברענגט אונז דעם עכאָ פון יענע תקופות.

דער קאָנטראַסט

נאָך בולטער איז געווען דער שבת־יום־טוב'דיקער הדר אין פאַרגלייך מיט דער וואָכעדיקער פאַר'מיאוס'טדיקער נויט. נעמט, למשל, די אידישע דאָרפס־גייער אין אַמאָליקן רוסלאַנד צי פּוילן, וואָס פלעגן אַרומשלעפּן זיך איבער די דערפער מיטן פּעקל סחורות אויף די פּלייצעס. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי זיך אָנגעזעטיקט מיט בזיונות און דערנידעריקונגען. געוואַלגערט זיך אין די שטאַלן, געקראָכן אין די בלאָטעס, געיאָגטע פון אָנגערייצטע הינט, און פון די אָנרייצערס, געזונקען אין שמוץ. ווען ס'האָט זיך דערנענטערט שבת פלעגן זיי זיך צושלעפּן צו אַ אידיש שטעטל, געגאַנגען אין מרחץ און מקוה, אָנגעטאָן די בגדי שבת, וואָס זיי האָבן מיט זיך געטראָגן, און —— ווען ס'האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע הערצער דער טריומפולער אַריינפיר צו קבלת שבת „הודו לה'... יאמרו גאולי ה' אשר גאלם מיד צר... תעו במדבר בישימון דרך —— (תהלים ק"ז) — וואָסער דערהויבנקייט! וואָסער שיינקייט אין אָט דעם שבת'דיקן אידן — אין פאַרגלייך מיט דעם זעלבן אינדערוואָכעדיקן!

שיינקייט מיינט אָריגינעל און עכט

איינע פון די הויפּט־עלעמענטן פון דער שיינקייט פון אידישע ימים טובים איז איר אָריגינעלקייט. ס'איז געווען אייגנס און עכט. אָן אימיטאַציע, ניט נאָכגעמאַכט. דעם „ובחוקותיהם לא תלכו" האָבן פּאַרצייטיקע אידן גאָר שטאַרק אָפּגעהיט. (ווען אין די תקופות פון עמאַנציפּאַציע און רעפאָרם האָט מען יאָ נאָכגעמאַכט, איז עס געווען אָפּטריניקייט). דער אידישער חן איז געלעגן אין אידישן אייגנאַרט. אין דער אידישער אַנדערשקייט.

די דאָזיקע אַנדערשקייט שטאַמט פונעם מקור פון אידישער שיינקייט. בעת ביי די גריכן איז „שיין" געווען העכער און וויכ־

(סוף אויף זייט כד)

ווער איז שולדיק אין די קריגערייען?

(צווייטער פון סעריע)

• הרבנית ע. חדקוב

אין אַ וויסנשאַפטלעכער פאַרשונגס־אַר־בעט, וועמענס ציל ס'איז געווען פעסטצושטעלן אויב — און אויף וויפל — די אויסערן־פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט אַ ווירקונג אויף דעם אינערלעכן גייסטיקן מצב פון לאַנד, איז צווישן אַנדערן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אַ פעסטע מיינונג: די שטעלונג פון איין מלוכה צו אַ צווייטער, די צילן וועלכע זי וויל דערגרייכן אין איר קאַמף מיט אַנדערע און די אופנים און מיטלען וועלכע זי באַנוצט בכדי צו דערגרייכן די דאָזיקע צילן, לאָזן איבער אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער כאַראַקטער־אויסבילדונג פון איר אייגענעם פאָלק.

אויב די רעגירונג פירט לגבי אַנדערע רעגירונגען אַן ערלעכע און יושר'דיקע פּאָליטיק, אויב זי האָט ניט די אַמביציע צו דעראָבערן ביי אַנדערע דאָס וואָס עס קומט איר ניט; אויב עס שאַפן זיך ביי איר סכסוכים מיט אַנדערע לענדער, זוכט זי — אויף ווי וויט מעגלעך — אויסצוגלייכן זיי אויף אַ פרידלעכן אופן; אויב די מלחמות וואָס זי פירט יאָ, זיינען בלויז אַרויפגעצוואונגענע אויף איר, אָבער בכלל זוכט זי צו לעבן בשלום מיט אַנדערע — דאָס אַלץ איבט אויס אַ שטאַרקן פּאָזיטיוון איינפלוס אויף די בירגער פון איר אייגן לאַנד, אירע פאַרשידענע שיכטן, פאַרטייען, גרופּן און איינצלנע פאַמיליעס, אַז אויך זיי זאָלן באַקומען אַ נייגונג צו גערעכטיקייט און שלום און אַז אויך זיי זאָלן אין אַט דער ריכטונג זוכן אַ לייזונג צו פּראָבלעמען, מיינונגס־פאַרשידנהייטן און קאָנפליקן וועלכע אַנטשטייען צווישן זיי אַליין.

און אין קעגנזאַץ צו דעם, אויב אַ מלוכה שטרעבט אויסצוברייטערן איר מאַכט אויפן חשבון פון שוואַכערע מלוכות, איז דורשטיק צו מלחמות בכדי אַרויפצוצווינגען איר פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע הערשאַפט אויף אַנדערע, און האָט ניט קיין איינזעעניש פאַר אמת און יושר אין באַצוג צו אַנדערע מדינות — דאַן קען ניט פאַרמיטן ווערן אַז די אַלע דאָזיקע נעגאַטיווע שטריכן זאָלן זיך ניט אָפּשפּיגלען, פריער אָדער שפּעטער, און אין אַ היפשער מאָס, אין דעם פירוד הלבבות צווישן דער אייגענער באַפעלקערונג, און אַרויסרופן ביי די אייגענע בירגער קעגנזייטיקן אומטאָלעראַנץ, אומצוטרוי און קריגערייען.

ווייל וויבאַלד אַז מען קען זיך אַלץ דערלויבן אין באַציאונגען צווישן איין אָרגאַניזירטער גרעסערער גרופּע מענטשן וועלכע ווערט אַנגערופן מלוכה און צווישן אַ צווייטער ענלעכער גרופּע אָדער מלוכה — טאָ פאַרוואָס זאָל אַזאַ אופן פון קאַמף ניט קענען אַנגיין אין דער זעלבער מלוכה אויך צווישן איין ריכטונג און דער צווייטער, צווישן איין פּאַרטיי און אַ צווייטער, צווישן איין פאַמיליע און אַ צווייטער, און צווישן איין יחיד און אַ צווייטן?!

און ווען ניט מוראה של מלכות, איז — איש את רעהו חיים בלעו. וואָלט טאַקע איינער דעם צווייטן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט.

וועגן דעם דאָזיקן אויספיר פון דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט האָב איך זיך דערמאָנט, הערנדיק דעם פאָלגנדיקן פאַרצווייפלטן אויסגעשריי פון אַ מאַמע צו אירע קינדער: „ווען וועט שוין נעמען, קינדער, אַ סוף צו אייערע רייסערייען?!"

און דערביי דערציילט מיר די דאָזיקע מאַמע, אַז בכלל האָט זי זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף אירע קינדער, וועלכע לערנען גוט און פירן זיך אויף גוט. אָבער קיין מנוחה אין הויז איז ניטאָ; שטענדיק קריגן זיי זיך אַרום איינער מיטן אַנדערן, די געשרייען הויבן אויף דעם דאַך — און אַפילו פון געבן קלעפּ איינער דעם אַנדערן האַלטן זיי זיך אויך ניט אָפּ. און אַז איר וועט מיר פרעגן פאַרוואָס — זאָגט די מאַמע — ווייס איך אַליין ניט. אַז

פעלן פעלט זיי, אַן עין הרע, גאָרנישט, עסן, טרינקען — פון כל טוב, קיין בגד פעלט זיי אויך ניט ב״ה, טאַשן־געלט און אַ מתנה ושאַלעוועט מען זיי אויך ניט — און נאָר מען קריגט זיך! און אַז קיין שלום איז ניטאָ — פאַרשטייט איר דאָך ווי עס קענען מיר איינגיין אַלע מיינע גליקן.

וואָלט עס זיך געהאַנדלט וועגן קליינע קינדער, וואָלט איך עס נאָך פאַרשטאַנען. אָבער זיי זיינען דאָך שוין דערוואַקסענע און פאַרשטאַנדיקע קינדער!

„וואו — פאַרענדיקט די מאַמע איר שמועס — קען מען געפינען אַן עצה דערצו ?!״

אויף זוכן אַן עצה דאַרף מען קודם־כל געפינען די סיבה. און סיבות פאַר קריגע־רייען צווישן מענטשן בכלל און צווישן קינדער אין איין פאַמיליע בפרט, קענען זיין זייער פאַרשידענע.

אָפטמאָל איז עס אַ קאָמבינאַציע פון אַ גאַנצער ריי סיבות, וואָס איין סיבה רופט אַרויס — אָדער שטאַרקט — די צווייטע.

ווען מיר דאָ ניט באַהאַנדלען אַלע מעג־לעכע סיבות, נאָר זייענדיק מער־ווייניקער באַקאַנט מיט דער דערמאָנטער מאַמען, וועלן מיר אָנמערקן אין דערשיינונג וואָס, אויב זי איז אַפילו ניט די הויפּט־סיבה אין דעם פאַל, האָט זי אָבער ווייניקסטנס אַ סך צוגע־האָלפן צו דער מחלוקת.

און מיר וועלן דערביי ניט באַרירן די סיבות פון די סכסוכים גופא, נאָר זוכן דעם ענטפער אויף דער שאלה: פאַרוואָס די סכסוכים קומען צום אויסדרוק דורך שטענדיקע קריגערייען, ווי די אויבנדער־מאָנטע מאַמע האָט עס געשילדערט.

די דאָזיקע סיבה אין דעם פאַל איז דער אופן אין וועלכער די מאַמע אַליין באַציט זיך צו אירע אייגענע ברידער און שוועסטער, צו אירע באַקאַנטע און שכנים.

הערשט דען צווישן זיי אַ שלום ווי עס דאַרף צו זיין? מערקן די קינדער די ליב־שאַפט צווישן זייער מוטער און איר משפ־חה? זעען זיי אַ פריידלעכע באַציאונג צווישן דער מאַמען און אירע שכנות?

ניין! פאַרקערט — זיי זעען דעם קאַלטן אינטערעס פון איינער צו דער אַנדערער;

זיי הערן די טעלעפאָנישע געשפּרעכן וועלכע זיינען ווייט פון דינען ווי אַ מוס־טער פאַר קעגנזייטיקער וואַרעמקייט, אָפנ־האַרציקייט און גוטער באַציאונג;

זיי זיינען אָפט אַנוועזנדיק ביי שטילערע אָדער העכערע צאַנקערייען מיט אַ שכנה, א. ד. גל.

אַפילו אין פאַל ווען דער דאָזיקער אופן פון דער מאַמעס פאַרהאַלטן זיך מיט אַנ־דערע מענטשן טראָגט נאָר אַ כאַראַקטער פון אויסערלעכער פאָרעם, ווערט אָבער אָט די פאָרעם קאָפּירט דורך די קינדער, ביי וועמען עס וואָרצלט זיך איין, מיט דער צייט, אַלץ מער און מער אַן ענלעכער צוגאַנג אין זייער אייגענער קעגנזייטיקער באַציאונג

און אויב אַפילו פון אָנהייב איז אפשר דער קריגערישער טאָן פון די קינדער אויך ניט מער ווי אַן אויסערלעכע האַלטונג, ווירקט עס אָבער מיט דער צייט אויך אויף זייערע אינערלעכע געפילן.

אַ מאַמע שטעלט זיך גאָרניט פאָר, ווי גרויס עס איז דער שאָדן וואָס זי אַליין, דורך איר אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, פאַר־אורזאַכט צו דער דערציאונג פון אירע קינ־דער. און אַ חוץ אַלע אַנדערע חשבונות וואָס זי דאַרף דערביי האָבן, גיט זי זיך ניט אָפּ דעם געהעריקן חשבון אויף ווי ווייט איר קריגערישע באַציאונג צו אַנדערע מענטשן — אומאָפּהענגיק צי אירע טענות זיינען גערעכטע אָדער ניט — ווירקט אויפן כאַראַקטער פון אירע קינדער, אויף דער אויסבילדונג פון זייער גאַנצן מהות און אויף זייער באַציאונג איינער צום צווייטן.

וואָלט זיך אָבער די מוטער שטענדיק באַצויגן מיט אַן אויפריכטיקער נאָענטקייט צו אירע ברידער און שוועסטער, מיט אַ געהעריקער ידידות צו פריינט און באַ־קאַנטע, און וואָלט דער פאָטער אַלעמאָל געזוכט צו לייזן זיינע געשעפטלעכע סכ־סוכים אויף אַ פרידלעכן אופן — וואָלט עס זיכער געווירקט אין זעלבן זין אויף זייערע קינדער.

און אויב אַפילו אַנדערע סיבות וואָלטן פאַראורזאַכט קריגעריי צווישן די קינדער, וואָלטן אָבער די באַמיאונגען פון זייער פאָטער און מוטער, בכדי צו מאַכן שלום צווישן זיי, געהאַט גאָר אַן אַנדער פעולה.

וואָס פריער מען כאַפּט זיך, אַז מען איז באַגאַנגען אָדער מען באַגייט אַ פעלער, אַלץ לייכטער איז צו פאַרבעסערן אים; און וואָס פריער מען פאַרבעסערט איז — אַלץ געזינטער.



א מעשה מיט א העלדיש אידיש מיידל

דוב ראַווסקי •

פאַסירט האָט אָט־דאָס געשיכטעלע שוין היפשלעך לאַנג — אַ קיימא־לן פון אַ יאָר 75־80 צוריק; און די צייטונגען האָבן דאָס דאַן אונטערגעכאַפּט און עס באַשריבן, און דאָס האָט אַנידערגעלייגט אַ שטיק אָפּלייקענונג פון דער כלומר'שטער אידישער היפער־פּחדנות און הילפסלאָזיקייט, וואָס די גויאישע וועלט פון שנאה האָט אַרויפגע־בלבול'ט אויף דעם גאַנצע עם ישראל, און סתם נאָכשלעפּער האָבן צוגעבאָמקעט דערויף.

ווער געדענקט היינט אַן אַמאָליק רוסיש דאָרף און דערפל? דעם שטייגער לעבן דאָרט — דעם פיזישן און גייסטיקן? כ'וועל דאָ עס ניט אָפּשילדערן. די הויפּט־זאַך וואָס אונז איז דאָ נוגע: אַן אַמאָליק דאָרף איז געווען אַ שטאַרק פאַרוואָרפענער און אָפּגע־לאָזענער וואוינאָרט, ווען ס'האָט אפילו געמעגט זיין אַזוי נאָענט פון אַ שטאָט, אַז אַ הינקעדיק פערדל האָט דעם דאָזיקן מרחק דורכגעשפּאַנט אין אַ רואיק געמיטליכער שטונדע צייט.

און אַז אידן האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין אַזאַ מין דאָרף — איז אויך זיין אידישקייטס־לעבן געווען אַ פאַרדאָרפישט, אַן אָפּגערוקט און אַ פאַר'מרחק'ימט.

אָט אַזאַ משפּחה האָט געלעבט אין איינעם פון די הונדערטער, און אפשר מער, אוקראַ־אינער דערפער. איך אַמאָליקן אידיש לשון האָט אַזאַ דאָרפס־איד געהייסן: ישובניק, דער מאַן פון דער משפחה האָט דאָרט פאַרמאָגט אַזאַ מין געשעפט וואו פויערים פלעגן קומען דערקוויקן זיך דאָס האַרץ, אויסטרינקען אַ כוסה בראָנפן און פאַרבייסן מיט אַ שטיק אידיש געבראָקטס און גע־זאַלצנס; וואָס וויפל זיי האָבן ניט געקראַצט די פּאַטיליצעס, געהאַלטן פאַרזשמורעט די אויגן און אָנגעשטרענגט די האָריקע שטערנס — האָבן זיי אַלץ ניט געקענט אַריינבאַנעמען אין קאָפּ: פאַרוואָס און ווי־אַזוי באַקומט דאָס אידישע פאַרבייסעכץ אַזאַ גוטן געשמאַק...

דאָרט, אין אידישן שענק, האָבן זיי אויסגעהויכט די פויערישע פאַנטאַזיעס, אויסגעבענקט די יונגע יאָרן פון צעיושעטע לאָשיקעס אין די ברייטע פעלדער; און דאָרט האָבן זיי אויך אָנדערציילט, מיט קללות און צלמ'דיקע שבועות און קולאַקן־זעצן איבער די טישן, פון די מוראדיקע וואונדערס אין דער גרויסער וויטער שטאָט. ביי דעם ישובניק האָבן זיי גענומען שפּייז אויף באָרג, פאַר דער ישובניצע האָבן זיי זיך אַראָפּגערעדט פון די ברייטע צעכראַסטעטע הערצער זייערע און אין חלל פון גרויסן טרינק־חדר האָבן זיי אַריינגעבלאָזן שווערע וואָלקנס מאַכאָרקע־רויך, דעם טובלען ריח פון די צעשוויצטע קאָזשוכעס, צוזאַמען מיטן דיניגקן ריח פון סטאָגעס היי און לופטיקע פעלדער.

אַ איד בלייבט אָבער אַ איד. דאָס גאַנצע דאָרפישע געשלוימעכץ האָט טאַקע פאַר־פּענטעט די ישובניקעס, אָבער דאָס איז געווען נאָר ווי די דרויסנדיקע קאָרע פון אַן אַלט־געזעצטן בוים. איר זעט דאַכט זיך אַ מיאוס־צעקאָרבטע, גרוי־פינסטערע צע־רונצלטע קאָרע — אָבער ניט דאָס איז דער בוים אַליין. אַנו, שיילט אַקאָרשט אַרונטער

אַ שטיקל פון דער קאָרע — אַ, ס׳אַ מחיה׳דיקע בלענדיק־ווייסע, גלאַטקייט, דופּטיקייט און פרישקייט!

און אַז ס׳קומט די צייט, גיט אַ קאַלופּע דאָס אידישע האַרץ אין יעדן פון דער גרויסער ישובניק־משפּחה. און דאָס טרעפט אָפט, אפילו אין מיטן אָפּמעסטן אַ פּערטעלע דעם אומגעדולדיקן פויערל. דאַן שעפּט דער ישובניק אָן אַ פולן קאָפּ מיט בית־מדרש ליכטיקייט, די לאַנגע טישן מיט די גרויסע אויפגעמאַכטע גמרות, מיט די לאַנגע ווייס־ליכטיקע אידישע געזיכטער; און דעמאָלט גיט די ישובניצע אַ טיפן קרעכץ און מורמלט אַראָפּ אַ שטיק געדענקטע תחינה.

דערפאַר האָבן זיי אַלע אַזוי געוואַרט אויף די הייליקע פאָרכטיקע טעג. אָט ווי אַן אויפגעוואַכטער בער דערלאַנגט אַ מעכטיקן טרייסל און שאָקלט אָפּ פון זיך דעם גאַנצן ערדישן געשטויב — אָט אַזוי האָט ערב די ימים־נוראים די גאַנצע משפּחה זיך אויפגעטרייסלט, אויפגעברויזט מיט ציטער און אַראָפּגעשליידערט דאָס געמויזעכץ פון לאַנגע דאָרפישע טעג און וואָכן. יעדעס יאָר האָט די גאַנצע משפּחה פאַרלאָזן דעם דאָרף און איז אַוועק אין שטאָט, אין דער אידישער שטאָט, אין שול אַריין. דאָרט האָבן זיי אויסגעלופטערט די געמיטער, אָטכאַיעט זיך און אָנגעשעפּט פולע הערצער מיטן אידישן זאַפט, ס׳האָט זיי געסטאַיעט אויף לאַנג־לאַנג, אפשר טאַקע ביזן צווייטן יאָר.

ב.

יענעם יאָר, ווען דאָס געשיכטעלע איז געשען, זיינען זיי ווי תמיד געפאָרן אין שטאָט אויף די הייליקע טעג, דאָס יאָר האָבן זיי אָבער איבערגעלאָזט אין דער דאָרפישער היים זייערס אַ טאָכטער — אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען — האָט די כראָניקע ניט דערציילט. אפשר איז זי געווען ניט געזונט; און קען זיין אַן אַנדער סיבה. אוודאי, דאַרף מען זיך פאָרשטעלן, איז עס ניט קיין געשמאַקע זאַך: אַ אידיש מיידל אַן עלנטס אין אַ גוי׳איש דאָרף. אמת, מיט איר צוזאַמען איז אין שטוב פאַרבליבן אַן עלטערע באַדינערין, אַן איבערגעגעבענע און אַן אַריינגעוואַקסענע אין שענק. נו, האָט זי געמינערט אַביסל די שרעק פון אַזאַ אומעטיקער פאַרבלייבעניש. בייטאָג פלעגט אויך אַריינקומען אין שענק אַ געטרייער באַדינער. דאָך האָבן די אידישע טאַטע־מאַמע אָנגעזאָגט דער טאָכטערקע: ביילקעלע, נשמה׳לע, זע־זשע! לאָז קיינעם ניט אַריין אין די נאַכטיקע שטונדן! קיינעם ניט! און צוליב קיין זאַך ניט...

דאָס דאָרפישע הויז איז געווען אַ פעסטע, אַ געזעצטע, אָט ווי דער ברייט־גופיקער פעסט־געזעצטער פויער פון דאָרף. די טירן האָבן זיך פאַרשלאָסן, פאַרהאַקט מיט אייזערנע שטאַנגען, די לאָדן פון די פענסטער, וואָס נאָר דאָס אידישע הויז האָט זיי פאַרמאָגט, זיינען אויך געווען געמאַכט סאָליד און געזונט. סייוי האָט דער ישובניק געקענט מיט אַ דורך־און־דורכיקער באַקאַנטשאַפט יעדן צוויי־פיסיקן גויעץ פון דאָרף. און ווי שלעכט אַן עשו איז תמיד געווען, האָט עס אָבער אַמאָל ניט געפלאָדיעט מיט אַזויפיל באַנדיטן, ווי אין די היינטיקע ציוויליזירטע גרויסע שטעט.

איך שהי׳, וויל איך ניט צופיל מער „פאַרענטפערן” דאָס איבערלאָזן אַ אידיש מיידל אין דאָרף. די מעשה איז פאָרט אַזוי געווען: ערב יום־כיפור, באַלד נאָכן אָפּשלאָגן „כפרות”, האָבן זיי אַלע, דער ישובניק, די ישובניצע און די ישובניקלעך, זיך אַרויפגעפּאַקט אויפן וואָגן; אַריינגעשאָטן אַ היפּש ביסל „כאַרטש” פאַרן פאַרפאַסטן זיך; צוזאַמענגעבונדן די געזונטע „כפרות” די ווייסע און זיי אויסגעזעצט אויפן חשובסטן אָרט אין וואָגן, — און אין געפילדער פון קוואָקעדיקע הינער און הילכיקע וויגטשעניישן פון דער ישובניצע האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט.

קיין סך אַרבעט האָט דאָס מיידל ניט געהאַט, אויסער צו פאַרפאַסטן זיך ווי געהעריק. איז אויף צו־להכעיס דאָס עסן ניט געקראָכן אין האַלז — ניט דאָס פלייש מיטן פעטן יויך און ניט די קרעפּכן האָבן געהאַט דעם שטענדיקן טעם. קאַלעמוטנעדיק, אומעטיק און אַביסל סטראַשנעוואַטע. בלויז די אַלטע באַדינערקע האָט נאָכאַנאַנד געפּאַטשט מיטן מויל און הנאה׳דיק געברומט איבער גרויסן שיסל פלייש און קרעפּכן, ווי אַ דעוואַרעמטע, זאַטע קאַץ.

דער טאָג האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעשאַרט, ביילקע האָט אויפגערוימט די חדרים, אָנגעצונדן ליכט און פאַרשלאָסן טיר און פענסטער. אַז דורך די שפּאַלטן האָבן זיך באַוויזן פּאַסן פון שוואַרצער נאַכט, האָט ביילקע אַרויסגענומען דעם גרויסן מחזור מיט די ליכטיקע ווערטער. די אַלטע גויע האָט אַן איבערגעזעטיקטע זיך אַוועקגעשאַרט און איר אַלקערל ביים קאָרידאָר — און ס׳איז געוואָרן שאַ־שטיל.

בלויז די געטאָקטע פּאַמעלעכע ווערטער האָבן געטיילט און געברעקלט די לאַנגזאַמע שטילקייט, צוגלייך מיטן מאָנאָטאָניקן טיקטאַק פונעם צוויי־וואָכנדיקן זייגער אויף דער וואַנט. צו־גוט האָט ביילקע ניט געיכול׳ט אין די פרעמדלעכע און פאָרכטיקע ווערטער פון יום־כיפורדיקן דאַוונען. אָבער

פאַר אַ דאָרפס־מיידל איז איר קענטשאַפט געווען אַ היפשע ברי׳שקייט. וואָס ווייטער האָט דער מחזור איר אַלץ מער אַריינגעצויגן, איר זאָגעניש איז געוואָרן לעבעדיקער, זאַפטיקער און האָט לגמרי פאַרשלונגען די אומהיימלעכע שטילקייט.

זי האָט אַזוי אַריינגעזאָגט שפּעט אין דער נאַכט, מחמת דער גרויסער זייגער האָט שוין דערווייל עטלעכע מאָל אָפּגעקלונגען מיט אַסך בים־באָמס. זי האָט פון פאַרטראָגנקייט זיי ניט געציילט און אפילו דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן צום גראָזנעם ציפערבלאַט מיט די לאַטייניש ציפערן. איז עפּעס מיטאַמאָל, ווי פון ווייטקייטן, אָנגעקומען אַ קלאַפּעריי. דאָס האָט עמעצער געקלאַפּט אין די לאָדן. ביילקע איז צוגעלאָפן צום פענסטער און האָט מיט אַ שטימע, וואו ס׳האָט זיך געהערט איר אייגענער האַרץ־קלאַפּ, געפרעגט: ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, מיכאַילאָ — האָט געענטפערט אַ קול פון הינטערן לאָדן — פּאָזשאַליע, בעלקא, אַ מידן מענטש, לאָז מיך אַריין עפּעס אויסטרינקען!

— ס׳איז שפּעט, כ׳קען ניט אַריינלאָזן — האָט ביילקע מיט שטייפקייט געענטפערט.

דער גוי האָט ניט אָפּגעלאָזט און אָנגעסטראָיעט אַ קול פול מיט געבעטעריי:

— איך בין געקומען פון שטאָט, געהאַט אַ ביטערן טאָג! ס׳האַרץ גייט אויס נאָך אַ לעק בראָנפן און אַ פּיצל הערינג! בעלקא, נאָר אַ פּאָר מינוטקעלעך...

— ניין, ניין, וועסט קומען איבערמאָרגן, נאָך אונזער הייליקן טאָג — האָט ביילקע שוין אַביסל אַ באַרואיקטע געענטפערט.

— אָ, יע, כ׳האָב טשאַסטאָם פאַרגעסן דעם גרויסן פּראַזניק, אָט אַ באָלוואַנישער קאָפּ! אָבער טאָר איך אַליין אויך ניט נעמען? כ׳וועל אָפּצאָלן שפּעטער — דו עפן נאָר די טיר, לאַדנאָ?

— ניין, דו מוזט מיר ניט שולדיק מאַכן; כ׳קען ניט עפענען.

ביילקע האָט דערהערט פון הינטערן פענסטער אַ בייזן מורמל, אַ מין אויסגעצויגענע זידלעריי. אָבער ביילקע האָט זיך באַרואיקט, ווען זי האָט געהערט אָפּגייענדיקע טריט, וואָס זיינען ענדלעך פאַרשטומט געוואָרן אין דער טיפער נאַכט.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען און סתם אָנגעשטעלט אַ געהער צו דער גרויסער שטילקייט וואָס האָט געהויערט אַרום און אַרום. זי איז אַוועק אין שלאָפצימער און זיך גענומען גרייטן צום שלאָף.

די איבערגעגעסענע באַדינערקע, אין ווײַטן אַלקערל, האָט האַלב געדרימלט און האַלב געפּיכטיעט פון דעם גרויסן אָנפרעס. אין דעם קליינער פענסטערל האָט עמעצער שטיל געקלאַפּט. אין דעם נעפּל פון איר קאָפּ האָט זיך געבאָמבלט: „אַ קוקו פון וואַלד פּיקעט אין דער וואַנט?״ אפשר גאָר אַ „ניעטשיסטע סילע״? דער קלאַפּ איז געוואָרן שטאַרקער, זי האָט דערהערט איר נאָמען, „נו ס׳איז אַן אונזעריקער אַ מענטשישער!״ זי האָט זיך אַראָפּגעשלעפּט פון געלעגער און צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום פענסטער: „וואָס ווילסטו, מענטש, אין מיטן נאַכט?״

— דו אַלטע באַבע, עפן גיך די טיר! כ׳האָב געבראַכט פון שטאָט אַ פּאַפּיר פון דעם באַלעבאָס!

— דו וועסט קומען מאָרגן... האָב אַביסל מיטלייד צו מענטשן, אין מיטן נאַכט! קום מאָרגן, מענטש!

— אַך דו באַבישער קאָפּ! כ׳האָב ניט געוואָלט וועקן די יונגע באַלעבאָסטע! ס׳איז זייער דרינגנדיק, אַזוי האָט דער באַלעבאָס געזאָגט — האָט ער שוין אַרויסגערעדט אַביסל העכער — סט׳מורא פאַר מיר? איז עפן נאָר איף שפּאַלטעלע, וועל איך אַריינרוקן דעם קאָנווערטל...

מיט אַ קרעכצעניש איז די באַדינערקע אַוועק אין קאָרידאָר, זיך גענומען פּאָרקען ביי דער קליאַמקע. זי האָט אפשר ניט געוואָלט אינגאַנצן אויפשליסן די טיר, נאָר אָפּלאָזן דעם העקעלע וואָס עפנט בלויז אויף אַ שפּאַלט — ווער ווייס? דער גוי האָט אָבער געהאַלטן פעסט פאַרן הענטל פון טיר און אין אַ סעקונדע אויפגעכאַפּט דעם פּאַסיקן העקעלע־געדריי... ער האָט אַ שטויס געטאָן די טיר מיט אַזאַ כוח, אַז די אַלטע האָט זיך אָפּגעשטויסן אָן וואַנט. נאָך איידער זי האָט באַוויזן אַ פּיפּס טאָן, איז עפּעס אַ שווערע האַרטע זאַך געפאַלן אויף איר קאָפּ, זי האָט נאָר באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ דיניבקן קוויטש און איז געפאַלן אין אָנמאַכט.

אַז ביילקע איז אָנגעלאָפן, האָבן איר אַנטקעגנגעקומען צוויי אָנגעגאָסענע אויגן אין אַ פאַראַויסגעשטרעקטן קאָפּ; אַ הויכער געזונטער גוף און אַ האַנט מיט אַ גלאַנציקער האַק. אין שרעק האָט דאָס גאַנצע געשטאַלט זיך פאַרקרומט פאַר אירע אויגן. זי האָט אים אָבער דערקאָנט: הריצקאָ, דער שמיד פון דאָרף! זי האָט אינסטינקטיוו געוואָלט שרייען, אָבער דער גוי האָט זיך אַריינגעהאַקט אַ גראָבען קולאַק אין מויל: שששששאַ!! דערצו איז דאָס הויז געווען אָפּוויט פון אַנדערע שטובן, די לאָדן פאַרמאַכט און ס׳איז שפּעט ביינאַכט — האָט עס אַלץ אַ בליץ געטאָן אין ביילקעס מוח און דאָס געשריי איז געבליבן שטעקן אין טיפן האַלז.

הריצקאָ האָט פאַרשפּאַרט די טיר, זיך

אומגעקערט אַ שטילער, אַ פויעריש־באַזאַכטער און אפילו אַרויסגעקנייטשט פון פנים אַ מין שמייכל: נו בעלקאַ, אָן טומל... ווייז שנעל אייער זשידאָווסקן פאַרמעגן... מיט מיר שפילט מען זיך ניט...

אויך ביילקען האָט דער פראָסטיקער ציטער אַביסל אָפּגעלאָזט. באַלד אין אָנהויב, אין דער פלוצימדיקייט פון שרעק, האָט דאָס האַרץ זיך אַ ריס געטאָן, זיך פאַרהאַקט און ערגעץ אַוועקגעפאַלן, דאָס גאַנצע הויט פון קאָפּ, פון פנים האָט געגעבן אַ פאַרפריר. נאָך דעם האָט זי אַליין זיך געוואונדערט ווי אַזוי זי האָט צוריק באַקומען כמעט אַ רואיקן קאָפּ. (איז טאַקע אַ שאָד וואָס די צייטונג דערציילט נאָר די מעשה און שילדערט ניט אָפּ דאָס מיידל: איר מהות, איר כאַראַקטער... באמת אַ שאָד!), האָט זי מיט געהאָרכזאַמע טריט געשפּאַנט פון צימער און געוויזן, וואו ס׳ליגט דאָס געלט, צירונג, זילבערנע בעכער, לייכטער א.א.וו. דער גוי האָט מיט זשעדנעם אימפּעט אַלץ אַריינגעפּאַקט אין דעם קאָשיק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אָבער אַ מין צעיורעטער דראַנג־לוסט האָט זיך צעבושעוועט אין זיינע אויגן. „נאָך, נאָך?" האָט ער הייזעריק געברומט. און ביילקע האָט געפאָלגט. זי האָט אים אָפן און קלאָר געוויזן, אַז זי פאַהוילט גאָרניט פון אים. אפשר וועט ער זיך אַזוי אַרום זיך שנעל אָנזעטיקן און אַוועגיין. דער גוי האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט: „פאַראַן נאָך, גיב!", איז זי געגאַנגען פון ווינקל צו ווינקל און ער נאָך איר, זי האָט וועגן שאָדן ניט געטראַכט. אין אירע געזונקענע מחשבות האָבן זיינע שווערע שטיוול־טריט אָפּגעקלונגען גאָר מיט די אָנגעהערטע מעשות פון פאָגראָמען און רדיפות אויף אידן; פונקט ווי די טריט זאָלן ניט געווען איצטיקע, ממשות׳דיקע, נאָר אָפּגעהילכט מיט אַלע אַמאָליקע אידיישע ליידענישן...

לעבן טיר האָט זיך דערהערט אַ קרעכץ. דער גוי איז שנעל צוגעלאָפן צו דער באַדינערן: „כע, ניט געזאָרגט, זי וועט נאָך שלאָפן! אַ געזונטן גל׳עט האָב איך איר געגעבן".

פונדעסטוועגן האָט דער פויער שוין אויפגעהערט צו נישטערן, דער קאָשיק איז שוין געווען פול, די קעשענעס אויך גאַנץ געפּאַקט. ער האָט געלאָזן, באַלעבאַטיש פאַרדעקט דעם קאָשיק מיט אַלטן האַנטוך און זיך אַביסל פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט געמאַכט אַ סך־הכל פון זיין אַרבעט, ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער הויך, זיך אַ ריב געטאָן אַ האַנט אין האַנט מיט זעלבסט־באַפרידיקונג און דערנאָך אַ לענגערן בליק געטאָן אויף דער האַק. זיינע אויגן זיינען געוואָרן פינסטער ווי די נאַכט, ער האָט שווער, ווי איבער געוואַלד אַרויסגערעדט: — „בעלקאַ, מיר איז טאַקע שווער דיר צו זאָגן... פאָרט אַ באַקאַנטע פון זעלבן דאָרף — און אַזאַ יונגע..."

— וואָס ווילסטו נאָך? — האָט ביילקע אַרויסגעשאָסן מיט אַן אָנלויף פון אומבאַוואוסטע פחדים — נעם! זוך! וואָס נאָך!?

— ניין, גענוג, איז גענוג! ניט דאָס — און זיין קול איז געוואָרן פלוצלונג דרייסט און שטייף — איך מוז דיר הרגענען!!

ביילקע איז אָפּגעשפרונגען, זיך אַ ריס געטאָן אויף יענעם זייט טיש.

— דו וועסט פון מיר ניט אַנטלויפן — האָט הריצקאַ געזאָגט מיט פולן גזלנישן נצחון. אָבער באַלד ווידער גערעדט מיט אַ פויער׳יש געמיט — כ׳וויל דיר ניט דערמאָרדן, אָבער כ׳מוז... דו פאַרשטייסט דאָך אַליין: ווען דו וואָלסט מיר ניט געקענט, וואָלט איך דיר ניט געטשעפּעט; ביי זיין לעבן — ניט!

ביילקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי אַ שטראַל וואָלט אַריינגעשיינט אין דער פינסטערע נאַכט:

— איך שווער דיר, אַז כ׳וועל ניט זאָגן אַז דו ביסט געווען; כ׳שווער דיר מיט היינטיקער נאַכט! אַ הייליקע נאַכט!... אָט ביי דער הייליקער תורה! — און ביילקע האָט אַ ריס געטאָן צום האַרצן דעם מחזור.

דער גוי האָט אָבער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דער גאַנצער ברייט:

— ניין, כ׳ווייס די זשידאָווסקע כיטראָסטט! איר׳ט שוין געפינען אַ וועג... הער, בעלקאַ, דו זאָגסט, אַ הייליקע נאַכט — איז הער גוט: זאָג אַ תפילה וואָס מ׳זאָגט פאַרן שטאַרבן, און אַ סוף! כ׳קען מער ניט וואַרטן! שפּעט שוין! — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער — נו, כ׳גיב דיר פינף מינוט, קני זיך און דאַוון...

ביילקע האָט געעפנט דעם מויל, אָבער קיין הויך איז ניט אַרויס, ווי די קינבאַקן וואָלטן געוואָרן פאַרשטיינערט צוזאַמען מיט די שטים־בענדער. אירע אויגן האָבן ניט אַ פינטל געטאָן, געהאַלטן מיט דער גאַנצער אויפגעריסנקייט פון די שוואַרצאַפּלען, מיטן גאַנצן כוח פון אויגן דעם גוי מיטן האַק... פונקט ווי זי זאָל מיטן בליק געוואָלט פאַרשמידן דעם רוצח צום אָרט. זי האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם מחזור ביים האַרץ, ווי אַ פאַנצער, אַ באַשיצונגס־ברעט, און ווער ווייס? אפשר טאַקע האָט דער מחזור געהאָלפן? מחמת, כאָטש דער גאַנצער קערפּער איז געווען פאַרגליווערט, איז אָבער איר מוח געווען לעבעדיק, און געאַרבעט, און גוט געאַרבעט: ניין, זי וועט פון אים ניט

אַנטלויפן. ס'איז אומזיסט. און שרייען — געוויס ניט. ער וועט שנעלער אויפהויבן די האַק...

און פלוצלונג האָט זי אויפגעהויבן דעם מחזור צום מויל, אַ קוש געטאָן דעם האַרטן טאָוול און איר מויל האָט באַקומען כח צו ריידן:

— הריצקאָ, דו ווילסט דאָך ניט הרגענען מיך, כ'מיין, מיט דיינע הענט מיך דערמאָרדן?

— כ'וויל ניט, אָבער כ'מוז! — און מיט אַ צערייצטקייט אַ כאַפּ געטאָן די האַק — הער אויף מיר פאַרדרייען דעם קאָפּ! דו הערסט?!

ביילקע האָט גערעדט הילכיק:

— איין וואָרט נאָר, הער אויס! כ'האָב דאָ אין שטוב אַ שטאַרקע גיפט: כ'וועל עס אויסטרינקען פאַר דיר אין די אויגן, כ'האָב דאָך אַזוי מורא פאַר דער האַק! און דו וועסט מיך ניט הרגענען. מ'וועט זאָגן, אַז איך האָב זיך פאַר'סמ'ט... דערבאַרעם זיך אויף אַ יונג מיידל — און דו וועסט אַליין זען ווי איך שטאַרב — גוט?

דער גוי האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער, זיך אַ קראַץ געטאָן אונטער דער פּאַכווע און צום סוף אַרויסגעמרוקעט:

„נו, גוט! אָבער גיך, שוין, באַלד!"

ביילקע איז אַוועק אין קיך, דער גוי נאָך איר מיט דער האַק. הויך אויף אַ פּאָליצע איז געשטאַנען אַ קענדל מיטן שאַרפסטן „סערקע"־זויערשטאָף. אַ טראָפּן דערפון, ווען עס פאַלט אויפן לייב, ברענט עס מיט אַ העלישן פייער. דער ישובניק האָט עס אַמאָל גענוצט פאַר פעל־אויס־אַרבעטונג און מסתמא געהאַלטן צוליב נאָך אַ צוועק... ביילקע האָט גוט געוואוסט די קראַפט פון אָט־דער פליסיקייט, האָט זי עס שנעל גענומען אין האַנט און געזאָגט צום גוי:

— קום, אין זאַל, וועסטו זען ווי איך טרינק עס אויס, דאָס איז דער שטאַרקסטער סם אין דער וועלט — און איך וועל פריער זאָגן אַ תפלה.

ביילקע האָט די תפלה אָבער געזאָגט גייענדיק אין זאַל, אַ תפלה אַ שטילע, אָבער מיטן גאַנצן לעבן צום לעבן — און אַ גאָר קורצע תפלה איז דאָס געווען: „רבונו של עולם, העלף!"

ביילקע האָט געשטעלט איילינקע טריט און אין זאַל האָט זי זיך אַ קער געטאָן מיטן פנים צום גוי, האַלטנדיק דאָס פּושקעלע פליסיקייט גרייט צום טרינקען. צוקומענדיק אַ פּאָר טריט פונעם מיידל, האָט דער גוי אָנגעשטעלט אויפן שטאַרקסטן סם אַ פאַרחידושט־פויערשן בליק, ווי ער וואָלט מיט די אויגן געוואָלט דערשפּירן דער גוואַלדיקן כוח זיינעם. און ער האָט עס דערשפּירט: אין איין אויגנבליק האָט ביילקע אַ פּאָכע געטאָן מיט דער האַנט און דאָס גאַנצע פליסיקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אויף הריצקאָס פנים. ביילקע איז תיכף אָפּגעשפּרונגען, מורא געהאַט פאַר שליידער פון דער האַק. ס'איז אָבער געווען ניט נויטיק. ביילקען האָט ער שוין סייווי ניט געקענט זען; און די האַק איז געפאַלן אויפן אָרט פון זיך אַליין, הריצקאָ האָט מיט זיינע הענט אַרומגעכאַפּט דאָס פנים, גענומען שפּרינגען אין דער לופט אין אַ וואַנזיניקער גערדרייעכץ; זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געקאָרטשעט, געבראָכן, ביז ער איז געפאַלן מיט פנים צום דיל — און אַזאַ געהאַריש געשריי האָט ביילקע נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געהערט...

די צייטונג דערציילט ניט וואָס הריצקאָ'ס סוף איז געווען. דאָס אַלטע ווייכע אידישע האַרץ איז ניט להוט צו דערקוויקן זיך מיט זיסער־נקמה אפילו פון אַזאַ רוצח. האָט מען זיין שלעכטן סוף איבערגעלאָזט פאַר דער אַנונג: זאָל יעדער פאָרשטעלן זיך לויט זיין מאָס פון געפילן, אַבי אונזער עלנטע און העלדישע ביילקע האָט געקראָגן די ישועה.

* * *

די דאָזיקע מעשה'לע, ווי געזאָגט, האָב איך געלייענט אַמאָל אין אַן אַלטער אידישער צייטשריפט — פון אַ זיבן־אַכט צענדליק יאָר צוריק. אָבער דאָ נישט לאַנג, דורכלייענענדיק צום וויפלטן מאָל, די מעשה פון דער אַמאָליקער העלדישער יהודית, איז מיר אַרויף אין זכרון די מעשה מיט דער העלדישער ביילקע. טאָ פאַרצייכן איך די מעשה ווידעראַמאָל — און זאָלן אידישע טעכטער שטאָלצירן מיט נאָך איינער פון זייערע קלוגע און העלדישע שוועסטער.

דער לעבעדיקער קדוש

• נ. שאַפּיראָ

אַ איד אַ שטילער געווען ער איז,
זיין תמימות — אין פּשטות געפּאַסט;
ניט געשלאָפן קיין סך, פאַר אים גענוג
וואָס ס'איז,
וויל זיך נאָכגעבן האָט ער געהאַסט.

געוואָלט אַז די קינדער אים נאָכגיין די טריט
האָט ר' בערל געמאַכט פאַר זיין גאַר:
זיי זאָלן זיך לערנען, צו טרעטן די שריט
פון דעם וואָס ער איז אונזער האַר.

די צייט איז געווען אָבער ביטער אַ
שלעכטע,
די חדרים פון תורה געשלאָסן;
די שוחטים, מלמדים, די אידן די עכטע
האָט די מאַכט צו דערדריקן באַשלאָסן.

געיאָגט און געטריבן, געציטערט פון שרעק
האָט אַ הייפעלע טהורים געצויגן,
זיך פאַרשטעקט אין לעכער, וואו סילאַנד
האָט אַן עק
און די קינדער צו תורה דערצויגן.

אויך ר' בער, ווי אַ גליד פון אַט־יענעם
קרייז,
האָט די קינדער געפירט אין די לעכער;
און זיי — ניט דערשלאָפן, זיך געמאַנגלט
אין שפּייז —
האָבן אין לערנען געקלעטערט אַלץ העכער.

און אַט איז געקומען די דאַטע פון קלאָג
ווען מ'האָט אים, דעם טאַטן, פאַרנומען;
געשמידט אין די קייטן, מיטן שפּראַץ אויפן
טאָג
האָט ער תפילין מיט זיך גענומען.

אין קאַמערן פייכטע, אין טורמע־געביידעס,
פאַרבראַכט דאָרט חדשים און יאָרן;
געפּייניקט, געטרייבערט ווי אנוסים די
יידעס
— אַ שרעק וואָס פון אים געוואָרן.

דער משפט אָביסל פאַרלייכטערט זיין לעבן,
וויל סיביר איז איצטער זיין פריינט;
אין אַ לאַגער אַ וויטן, פינף יאָר אים
געגעבן,
וואו די זון האָט גאָר זעלטן געשיינט.

זיין מזל איז אָבער ניט געווען אַזוי גרויס,
דען סיניט קיין פּאָליטישע שטראָף;
דאָרט קען יעדער שייגעץ דיר געבן אַ
שטויס,
חלילה, סיקען קומען דער סוף.

פאַרשפאַרט זיינען דאָרט קרימינעלע
פאַרברעכער,
אויף דעם אידן סכנות געלאָקט;
מערדער זיי זיינען, ביטער און פרעכער,
איינער אין איינעם געטאָקט.

אַ גוי איז אין לאַגער אין יענעם געווען,
גערופן מ'האָט אים גאָר „זשיד";
זיין האַק האָט ניט יעדן געמאַכט פאַר אַ
וועזן,
געהאַקט האָט ער גיכער אַ איד.

דערציילט האָט מען זיינע, דעם רוצחים
סיפורים,
שוידער־גרויל איז זיין שטענדיקע סחורה;
געוואוסט האָט ער אָבער נאָר מאָרדן
יהודים,
ס'האָט ממש געוואָרפן אַ מורא.

ר׳ בער האָט אין לאַגער געטראָגן די תפילין,
ניט פאַרפעלט אפילו אַ טאָג.
כאָטש געוואוסט האָט ער קלאָר אַז די
הינט וועלן בילן,
ניט געלייגט האָט ער אויף זיי קיין וואָג.

און איצט קומען מיר צום עיקר המעשה
ווי זשיד האָט געסטראַשעט ר׳ בערן:
„כ׳וועל דיך באַגראָבן אין שנייען די ווייסע,
אויב דו וועסט מיר ניט פאָלגן גאַנץ גערן.

כ׳האָב פאַר דיר בערקע, אַ צלם אַ קליינעם,
כ׳וויל פון דיר מאַכן אַ גוי,
קענסט מיך שוין לאַנג פאַר גאָר אַ
געמיינעם,
טאָ פרואוו ניט צו זיין קיין גערוי׳.

שלעפ אַראָפּ פון זיך איצט דיין הייליקע
קאָזשע,
דעם רימען, דאָס קעסטל פון קאָפּ,
טו אַרויף אויפן האַלז די קריסטלעכע
באָזשע,
אויב ניט — פאַלסטו דאָ ווי אַ סנאָפּ!"

אַ בליץ קומט אין קאָפּ, אַ שיין קומט אין
מוח,
ס׳האָט אים געגעבן אַ נעם:
„טאַטע גיב קראַפט, גיב־זשע מיר כוח
— כ׳גיי דאָ אויף קידוש השם!"

„הער זיך איין קריסט, פאַרנעם מיינע
ווערטער:
אין האַרץ און אין קאָפּ בין איך פעסט:
ביים לעבן אַ איד כ׳בין אין אַלע ערטער,
בלויז ביים טויט קענסט מיר אָנטאָן אַ
קרעסט!"

דער רשע האָט שוין ביים הענטל געהאַלטן,
צו שטעכן דעם אידן אין זייט;
נאָר עפּעס אַליין ר׳האָט זיך פאַרהאַלטן:
„הער, בערקע, כ׳גיב דיר נאָך צייט.

דו קענסט זיך באַטראַכטן פון היינט ביז
פרימאָרגן,
בלויז ווייז ניט דיין אידישע גבורה.
זיי ביי זיך זיכער, דאַרפסט גאָר זיך ניט
זאָרגן:
וועסט ניט פאָלגן — וועט דאָ זיין דיין
קבורה!"

געטראַכט האָט דער חסיד: מ׳גיט ניט קיין
ברירה,
ס׳איז דער זכות פון הרוגי מלוכה.
ער דאַרף איצט טאָן תשובה, ווי ס׳איז
על־פי תורה,
בעטן כפרה, מחילה און סליחה.

בלילה ההוא, אין דער דאַזיקער נאַכט
זיינען די אבות געקומען צום מלך;
אַ שטורעם אין הימל האָט זיי געבראַכט
ווייל — נדדה שנת המלך.

„פרייט זיך איר פאָטערס מיט אַזאַ קינד,
אַ קליניקייט: מסירת נפש בפועל!
זיין זכות איז גענוג, אַז כאָטש איצטער,
אַצינד,
כ׳זאָל פאַר אידן שוין ברענגען דעם גואל.

אָבער ביז צו וואָס־ווען כ׳גיב אייך מיין
וואָרט,
אַז ר׳ בערלען וועט גאָרנישט ניט שטערן,
און ניט דווקא ער וועט באַטרעטן דעם
אָרט,
וואו עס וועט שיינען דער אידישער
שטערן".

דער נס האָט פאַסירט: מ׳האָט אים
באַפרייט,
פון דעם אָרט וואו דאָס האָט אים
געטראָפן,
נאָר שרייבן כ׳קען ניט, ווייל צום הימל
עס שרייט,
וואָס מיט אידן האָט אַלץ זיך פאַרלאָפן.

דער כהן גדול

אין צוזאַמענהאַנג מיט עשרה בטבת, דער אָנהויב פון חורבן בית המקדש, גיבן מיר דאָ אַן אויסצוג פון אַ דאָקומענט בשייכות צום בית המקדש. דאָס איז אַ טייל פון אַ היסטאָרישער שריפט, אַ מין קונטרס, וואָס דער רוימישער קאָנסול ראָמאַנאָ מאַרקוס (אַ רוימישער אויפזעער אין ירושלים), האָט געשריבן לויט דער ביטע פון דער רוימישער ממשלה. אין דאָזיקן דאָקומענט האָט ער אָנגעגעבן פיל געאָגראַפישע, היסטאָרישע און טעכנישע דעטאַלן פון בית המקדש, אינפאָרמאַציע וועגן זיין אויפבוי און שילדערונגען פון זיין אויסערלעכן אויסזען, ווי אויך וועגן דער עבודה פון קרבנות אאַ״וו. דער אָריגינעלער שריפט איז אין לאַטיין און געפינט זיך אין לשון־קודש׳דיקער איבער־זעצונג אין ספר „שבט יהודה״. ווי געזאָגט, גיבן מיר דאָ אַ טיילווייזע איבערזעצונג (ניט קיין גענוי־ווערטערלעכער) פון יענעם חלק וואו ער רעדט וועגן כהן גדול און שילדערט די פייערלעכקייט פון זיין אַריינקום און אַרויסקום אין און פון בית המקדש אין דעם הייליקן טאָג.

...די צווייטע עבודה איז דער אַריינקום פון כהן גדול אין (בית) המקדש, און מען האָט מיר ניט דערציילט וועגן דער עבודה אַליין, אָבער מ׳האָט מיר געזאָגט פון זיין אַרויפגאַנג און אַרויסגאַנג פון הייליקן (הויז). אַביסל פון דעם האָב איך אַליין געזען מיט מיינע אויגן און כ׳האָב מיך געוואונדערט זייער, און איך האָב אין יענער צייט געזאָגט: „ברוך מי שחלק מכבודו לאלה״ — געבענטש איז דער וואָס האָט אויסגעטיילט צו דאָזיקע פון זיין כבוד.

זיבן טעג בעפאָר יענעם טאָג [1], דער ספעציעלער טאָג וועלכן זיי רופן „כפור״ און ער איז ביי זיי דער מעכטיקסטער פון אַלע טעג, פלעגט מען צוגרייטן אין הויז פון כהן גדול אַ זיץ־פּלאַץ און שטולן פאַרן אב בית־דין, פאַר דעם נשיא, כהן־גדול און סגן הכהנים (פאַרטרעטער פון כהן־גדול) און פאַר דעם מלך; און אויסער זיי זיינען אויך געווען גרייט זיבעציק זילבערנע שטולן פאַר די זיבעציק מיטגלידער פון די סנהדרין [2].

דער עלטסטער, דער זקן הכהנים, האָט זיך דאַן אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס און האָט געזאָגט פאַר דעם כהן־גדול האַרבע און שטראָפיקע רייד. ער האָט אים געזאָגט: זע־זשע פאַר ווען דו קומסט אַריין [3] (אין קדשי קדשים פון בית המקדש) און זאָלסט וויסן, אַז אויב דו וועסט פאַרלירן די (ריכטיקע) כוונה, וועסטו באַלד אַנידער־פאַלן אַ טויטער, און דורך דעם וועט פאַרלוירן ווערן די כפרה פון אידישן פאָלק. זיינען די אויגן פון אַלע אידן אָנגעהאָנגען אויף דיר! זאָלסטו דורכנישטערן דיינע דרכים, טאָמער האָסטו אין זיך וועלכע ס׳איז זינד, אפילו אַ גרינגע, וואָרום פאַראַן אַ חטא וואָס איז גלייכוואָגיק קעגן אַ צאָל מצוות — און אָט־די וועגעניש געפינט זיך דאָך אין דער האַנט פון א־ל דעות! אויך זאָלסטו דורכפאָרשן דיינע ברידער, די כהנים און זאָלסט זיי מטהר מאַכן... ווייל פאַרן מלך מלכי המלכים, וואָס זיצט אויפן כסא דין... קומסטו זיך שטעלן... און ווי וועסטו אַריין און דיין פיינט איז צו־זאַמען מיט דיר?!...

און דער כהן גדול ענטפערט זיי, אַז ער האָט אין זיך געזוכט און שוין תשובה געטאָן פון דעם, וואָס זעט אויס ווי אַ זינד, אין זיין האַנט; אויך זיינע ברידער כהנים האָט ער צונויפדערנענט אין דער עזרה פון מקדש און האָט זיי באַשוואָרן מיט דעם, וואָס זיין נאָמען רוט דאָרט, אַז יעדער איינער זאָל זאָגן וואָס ער וויס פון זיין חבר אָדער אין זיך אַליין (פון עפעס

---

1) אין משנה (יומא א, א) איז דער לשון: זיבן טעג פאַר יום הכיפורים שיידט מען אָפּ דעם כהן גדול פון זיין הויז צו דער לשכה וואָס הייסט „פרהדרין״. ווייזט אויס, אַז פון זיין הויז האָט מען דעם כהן גדול דערנאָך געפירט און באַגלייט צו דער לשכה.

2) די זיבעציק ווערן דאָ, מסתמא, גערעכנט אויסער דעם אב בית דין, וואָס איז געווען דער הויפּט פון סנהדרין, ווייל די צאָל דיינים פון סנהדרין איז געווען איין און זיבעציק.

3) אין נוסח העבודה פון „אתה כוננת״ (וואָס מ׳זאָגט אין מוסף פון יום כפור) שטייט, אַז מ׳פלעגט אים זאָגן: זע פאַר ווען דו קומסט אַריין — אין אַן אָרט פון פלאַם־פלאַקערדיקן פייער (אש להבת שלהבת).

וואָס טויג ניט) און אַז ער האָט זיי געגעבן אויף יעדער זאַך די געהעריקע תשובה.

אויך דער מלך רעדט צו אים גוטע רייד און זאָגט אים צו גרויס כבוד ביים אַרויסקומען בשלום פון דעם הייליקסטן אָרט.

נאָך דעם פלעגט מען אויסרופן און זאָגן, אַז דער כהן גדול גייט אַרויס (פון זיין הויז) און גייט צו זיין לשכה (קאַמער) וואָס אין בית המקדש. און דאַן איז אַרויס דאָס גאַנצע פאָלק אים באַגלייטן, און מען איז געגאַנגען פאָראויס פון כהן גדול מיט אַ פאַראַד און אין פולער אָרדענונג. און אַזוי האָב איך געזען מיט מיינע אויגן: צום ערשטן זיינען געגאַנגען, פאַרן כהן גדול, די אַלע אָפּשטאַמיקע קינדער פון די מלכי ישראל — און די אַלע וואָס זיינען געקומען נאָך זיי און אַלץ נעענטער צום כהן גדול זיינען געווען אַלץ העכער אין חשיבות; נאָך די קינדער פון מלכי ישראל זיינען געגאַנגען די אָפּשטאַמיקע פון מלכות בית דוד; און אַן אויסרוף האָט פאַר זיי געהילכט: גיט־אָפּ כבוד צו בית־דוד!... נאָך זיי איז געקומען דאָס „הויז [פון לוי]", די לויים, און דער „כרוז" האָט גערופן: גיט־אָפּ כבוד צו בית לוי! דאָס זיינען געווען זעקס און דרייסיק טויזנט לויים, וואָס זיינען דעמאָלט געווען געקליידט אין בלויע זיידענע קליידער און די כהנים זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסן זייד און האָבן געציילט פיר און צוואַנציק טויזנט; נאָך זיי[4]) זיינען געגאַנגען די „משוררים", דערנאָך די „מנגנים", נאָך זיי די תוקעי החצוצרות[5]) (די אַלע וואָס האָבן ביי דער עבודה אין בית המקדש געזונגען, געשפילט אויף כלי־זמר און געשאַלן אין די טרומייטן); נאָך זיי — די וועלכע האָבן באַוואַכט די טויערן פון בית המקדש[6]), דערנאָך די וואָס האָבן צוגעגרייט די קטורת, נאָכדעם די וואָס האָבן געמאַכט די פרוכות, נאָך זיי די שומרים[7]); דערנאָך די „אמרכלים"[8]); נאָך זיי איז געגאַנגען אַ חברה וואָס האָט זיך גערופן „קאַרטופילוש"; דערנאָך זיינען געגאַנגען די אַלע מענער וואָס האָבן געטאָן „מלאכת הקודש"[9]); נאָך זיי זיינען געגאַנגען די סנהדרין און נאָך די סנהדרין האָבן געשפאַנט הונדערט כהנים מיט זילבער־שטיקער אין די הענט, בכדי צו מאַכן פריי דעם וועג — און נאָך זיי איז געגאַנגען דער כהן גדול, און אַהינטער אים דאָס גאַנצע כהונה־עלטערשאַפט, צו צוויי אין אַ שורה. אויף אַלע גאַסן־שפיצן זיינען געשטאַנען ראשי ישיבות, וואָס האָבן באַגעגנט דעם כהן־גדול און האָבן אים געזאָגט: „איש (האַר) כהן גדול בואך לשלום!" דו זאָלסט תפלה טאָן צו אונזער באַשעפער, ער זאָל אונז לאָזן דערלעבן צו עוסק זיין אין זיין תורה...

ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער טיר פון הר הבית, האָבן זיי דאָרט תפלה געטאָן פאַר דעם קיום פון מלכות בית דוד; דערנאָך אַ תפלה פאַר די כהנים און נאָכדעם אַ תפלה פאַר דעם בית המקדש, נאָך וועלכע דער גאַנצער פאַרזאַמעלטער המון האָט געענטפערט „אמן" — און אַזוי מעכטיק־שטאַרק איז געווען דער אָפהילך פונעם „אמן" פון דעם ריזיק־גרויסן פאַרזאַמלטן עולם פון אידן — אַז די פייגל וואָס זיינען געפלויגן אין דער לופטן זיינען געפאַלן צו דער ערד...

דאַן האָט זיך דער כהן־גדול פאַרנויגט פאַרן פאָלק און האָט זיך אָפּגעשיידט פון די אידן מיט געוויין און מיט פאָרכט. צוויי כהונה־פאַרטרעטער האָבן אים צוגעפירט צו זיין לשכה און דאָרט האָט ער זיך געשיידט פון זיינע ברידער כהנים.

אַזוי איז עס געווען דער אַריינגאַנג פון כהן גדול אין בית המקדש. ביי זיין אַרויסקום אָבער פון בית המקדש איז דער כבוד

---

4) לויט דעם דאָ געזאָגטן, אַז די שפעטערע און הינטערשטע אין דעם פאַראַד זיינען די אַלץ־חשובערע, איז דאָ ניט אינגאַנצן קלאָר דער סדר: „נאָך זיי" — נאָך די כהנים? אָבער די „משוררים" און „מנגנים" זיינען געווען לויים! אַזוי אויך ווייטער (ווי למשל ביי די צוגרייטער פון קטורת און פרוכות און „שומרים") פאָדערט זיך אַ קלאָרקייט אין דעם סדר.

5) אויך די „תוקעי החצוצרות" זיינען געווען לויים אויסער אין די ימים־טובים, וואָס דאַן האָבן עס געטאָן די כהנים.

6) געמיינט, ווייזט אויס, די לויים, די „אויסערלעכע" היטער, וועלכע האָבן געוואַכט ביי 21 ערטער אין דרויסן פון בית־המקדש: ביי די פינף טויערן פון „הר הבית", ביי די פיר ווינקלען זיינע אאַ"וו.

7) „שומרים" ווערן מסתמא געמיינט די „אינעווייניקסטע" וועכטער, די כהנים, וואָס זיינען געשטאַנען אין בית־המקדש אויף דריי ערטער.

8) אין אייניקע איבערדרוקן פון דעם דאָזיקן שריפט (אין געוויסע מחזורים) איז דאָס דאָזיקע וואָרט פאַרגרייזט. אין גמרא (הוריות דף יג) ווערט „אמרכל" אָפּגעטייטשט: „אמר כולא" — אַן עלטערער און באַפעלער פון אַ גרופּע כהנים און אויך דער וואָס באַזיצט די שליסלען פון די פאַרשידענע לשכות. (אין רמב"ם ווערט מיט אַ שטופּע העכער און חשובער פון „אמרכל" גערעכנט: „קתיקול" (אַ פאַרטרעטער פון סגן כהן גדול) — אפשר מיינט מען עס מיט דער באַצייכענונג „קאַרטופילוש", וואָס זיינען געגאַנגען נאָך די „אמרכלים"?).

9) אויך דאָ איז דער סדר ניט קלאָר.

געוועז נאָך פיל־פּאַכיק גרעסער. אַלע אידן פון ירושלים זיינען דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם כהן גדול, און די מערסטע פון זיי האָבן דאַן געטראָגן אין די הענט ברענענ־דיקע פאקעלן פון ווייסן וואַקס. די פענסטער פון די ירושלימער הייזער זייגען געווען באַצירט מיט שיין־אויסגעהאָפטענע לייוונטן (פאָרהאַנגען) און פול מיט שיינענדיקע ליכט. און דערציילט האָבן מיר די כהנים: פיל יאָרן האָט פּאַסירט, אַז דער כהן־גדול האָט פאַר האַלב־נאַכט ניט באַוויזן צו דערגרייכן זיין הויז, צוליב דער ענגשאַפט פון דעם גרויסצאָליקן עולם, וואָס האָט געשטראָמט צום כהן גדול. און כאָטש זיי אַלע האָבן נאָך געהאַלטן אין פאַסטן, זייגען זיי אָבער ניט געגאַנגען אַהיים כל־זמן זיי האָבן געזען פאַר זיך אַ מעגלעכקייט, אַז אפשר וועט זיי געלינגען צוצוקומען צום כהן־גדול און קושן זיינע הענט.

אויף מאָרגן (נאָך יום כפור) האָט דער כהן גדול געמאַכט אַ גרויסע סעודה, צו וועלכער ער האָט איינגעלאַדן זיינע אוהבים און קרובים. און דעם יום טוב האָט ער געמאַכט צוליב דעם וואָס ער איז אַרויס בשלום פון הייליקן אָרט.

נאָך דעם אַלעם האָט דער כהן־גדול אָנגעזאָגט דער גאָלדשמיד, ער זאָל אים אויסגיסן אַ גאָלדענעם טאָוול און דאָרט אויסקריצן די וויטערדיקע ווערטער: „אני פלוני כהן גדול בן פלוני הכהן גדול שמשתי בכהונה גדולה בבית הגדול והקדוש לעבודת מי ששכן שמו שם והי׳ זה שנת כך וכך ליצירה. מי שזיכני בעבודה זו הוא יזכה בני אחרי לעמוד לשרת לפני ה׳". איך (פלוני) דער כהן גדול, דער זון פון (פלוני) דעם כהן־גדול האָב געדינט אין (געטאָן די עבודה פון) כהונה גדולה אין דעם גרויסן און הייליקן הויז צו דער עבודה פאַר דעם וואָס האָט געמאַכט רוען זיין נאָמען דאָרט. און דאָס איז געווען אין דעם און דעם יאָר פון (זינט) באַשאַף. דער וואָס האָט מיר מזכה געווען מיט דער עבודה, דער זאָל אויך מזכה מיין זון (מיינע זין?) נאָך מיר צו שטיין און דינען פאַר ג־ט!

חנוכה דער יום טוב / (סוף פון הילע)

אָבער נישט אַ קלענערער וואונדער ווי דאָס אַראָפּנידערן פון דער תורה, איז דער נ ס פון איר קיום אויף דער דאָזיקער מגושמדיקער וועלט. ווייל לויט אַלע געזעצן פון טבע וואָלטן די פינסטערע שטורעמס, די כחות הטומאה, וואָס באַהערשען די וועלט, שוין לאַנג געווען געדאַרפט אויסלעשן (ח"ו) דאָס גייסטיגע ליכט פון דער תורה.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דעם קיום פון דער אידישער אומה. „ווייל ווען נישט זיינע (דעם אויבערשטנס) פאָרכטיקייטן ווי קאָן איין פאָלק האָבן אַ קיום צווישן זיבעציק פעלקער". לויט די כללים פון דער נאַטור האָבן די זיבעציק „וועלף" אי דעם כח און אי דעם ווילן צו פאַרצוקן דאָס שעפעלע, דעם אידישן פאָלק. איבער דעם זיינען שוין אונזערע אבות ע"ה פאַרזיכערט געוואָרן מיט די הבטחות: אַז זיי זאָלען נישט מורא האָבן, אַז זיי וועלן אָפּגעהיט ווערן א. אַ. וו. ווייל דער גאַנצער קיום פון אידישן פאָלק אין אַ פיינטלעכער וועלט איז אַן איבערנאַטירלעכער וואונדער. און טאָמער ח"ו „והסתרתי פני מהם", פאַרבאָרגט דער אויבערשטער זיין פנים (ער נעמט אַוועק זיין נסים׳דיקע הנהגה), דעמאָלט „והי׳ לאכול", אויטאָמאַטיש פאַרלירן אידן דעם יסוד פון זייער עקזיסטענץ.

אָבער דער בורא עולם, וואָס וואַכט איבער דעם פיזישן קיום פון דער אידישער אומה, וואַכט אויך אויף דער גייסטיקער שפייז פון דער אומה. „ווייל ווער ס׳גיט לעבן, גיט אויך שפייז". דער שומר ישראל איז אויך דער שומר התורה. חנוכה איז דער סימבאָל פון טאָפּלטן נצחון: דער נצחון פון אידישן פאָלק און דער נצחון פון דער תורה. „רשעים ביד צדיקים" ו„זדים ביד עוסקי ת ו ר ת ך."

הכנה און הדר / (סוף פון ז״יט יב)

טיקער ווי „גוט", זייגען ביי אידןביידע געווען אומטיילבאַר. וואָס שלעכט איז אויך מיאוס, און וואָס גוט איז אויך שיין.

אָבער אויב תוכן איז עיקר איז אויך צורה וויכטיק. אויך על־פי הלכה. למשל די דינים וועגן אָרט און אופן פון מתפלל זיין צי לערנען תורה, וואָס ניט אומעטום קען מען עס מקיים זיין, פונעם עסטע־טישן שטאַנדפּונקט.

„זה א־לי ואנוהו", ווי די חז"ל זאָגן: „במצוות", האָט געמיינט הדר פאַר אַ באַ־שטאַנדטייל פון עבודת ה׳. אַזוי איז שיינ־קייט פון שבתים און ימים טובים, פון קיום המצוות און עבודת ה׳, אַרויס פון „רשות" און פון רשות היחיד פון איינ־דיווידועלן געשמאַק אין תחום פון חובה, פון באַשטאַנדטייל פון יהדות־לעבנס־שטיי־גער.

ב"ה

די אידישע היים

אדר ב, ה'תשכ"ז באַנד 8 נומער 4 (31)

פורים גראַגער. זיגמונד פאַרסט

אדר ב' ה'תשכ"ז, באנד 8, נומער [illegible]
קאָונסיל נשי ובנות חב"ד
770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין

קאָונסיל נשי ובנות חב"ד

„עיבור״־יאָר און פורים

1) אין אַן „עיבור״־יאָר (ווי היינטיקס יאָר) ווערט צוגעגעבן אַ דרייצנטער חודש — און דאָס איז בכדי אויסצוגלייכן דעם לבנה־יאָר (פון צוועלף לבנה חדשים) מיטן זון־יאָר, ווי מ׳לערנט עס אַרויס פון פסוק. פאַרוואָס גיט מען צו דעם דרייצנטן מאָנאַט אַלס אַ צווייטער „אדר״ און ניט אַלס אַ „צווייטער״ פון אַנדערע חדשים? — וואָרום אין דער מגילת אסתר שטייט געשריבן: „שנים עשר חודש הוא חודש אדר״ — אַז דער צוועלפטער חודש איז דער חודש אדר — און אויב מ׳וואָלט דעם „עיבור״־חודש צוגעגעבןביים חודש תשרי, למשל, אָדער ביי אַן אַנדער חודש (אויסער אדר), וואָלט אדר דאַן ניט געווען דער צוועלפטער חודש, נאָר דער דרייצנטער (תוספות אין סנהדרין יב, א).

2) פאַרוואָס איז פורים באַשטימט געוואָרן, אין אַן עיבור־יאָר, אינעם צווייטן חודש? (ניט ווי די וואָס האַלטן, אַז מ׳זאָל לייענען די מגילה אין ערשטן אדר)? — דאָס איז בכדי „לקרב גאולת אסתר לגאולת מצרים״, אַז די „גאולת אסתר״ (פורים) זאָל זיין וואָס נענטער צו גאולת מצרים (פסח), און אויב פורים וואָלט באַשטימט געוואָרן אינעם ערשטן אדר, וואָלטן די צוויי גאולות געווען גערוקט צווישן זיך מיט צוויי חדשים, אַנשטאָט איין חודש (מהרי״ל). פונדעסטוועגן איז אויך דער פערצנטער טאָג פון ערשטן אדר ניט סתם אַ וואָכן־טאָג, ער ווערט גערופן „פורים קטן״ און פאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסע יום־טוב׳דיקייט.

3) עס איז דאָך באַוואוסט ווי די תורה הקדושה און חז״ל באַטאָנען אָפט די שטרויכלונגען וואָס קומען אַרויס פון שיכרות (שוין אין חומש זעען מיר עס פון די פאַסירונגען ביי נוח און לוט) — טאָ פאַרוואָס איז פורים אַנדערש אין דעם זינען? פאַר־קערט: ס׳איז אַ חיוב צו האַלטן ביי „עד דלא ידע״! — ווייל די אַלע נסים־פאַסירונגען, וואָס האָבן צוגעפירט צו דער גאולה פון פורים, זיינען געווען פאַרבונדן מיט „משתה היין״, דורך ויין־מאָלצייטן: ושתי האָט געהאַט איר בראָך „במשתה היין״; און אסתר איז געקומען אויף איר אָרט — ווידער דורך אַ גרויסער סעודה און טרינקעניש — „משתה אסתר״; און ווען המן האָט ענדלעך געכאַפּט זיין מפלה, איז עס ווידער געקומען דורך אַ „משתה יין״ וואָס אסתר האָט געמאַכט, איינלאַדנדיק אחשורושן און המנען — און וויבאַלד אַז „משתה היין״ האָט געשפּילט אַזאַ „ראָלע״ אין די פאַסירונגען וואָס דורך זיי איז געקומען דער נס, דערפאַר דאַרף דער דאָזיקער גרויסער נס אויך איצט געדענקט ווערן דורך דער זעלבער זאַך, דורך טרינקען וויין (אין נאָמען פון אבודרהם).

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

אדר ב׳, ה׳תשכ״ז | באַנד 8 נומ. 4

אינהאַלט

„עיבור״־יאָר און פורים .... הילע
אַ בריוו און ענטפער — ד״ר וו. גרין ...... א
אַמסטערדאַם און אירע ספרים
— ד״ר ה. זיידמאַן .... ו
דעם רבי׳נס מסירת נפש — ז. פריידין ..... ט
שוואַרצע בילדער — א. ז. פאַרסט .... יג
צום סדר מיט אַ מיליציאָנער (דערציילונג)
— ש. מלחי .... טז
דער טייטל און דער צעדער — הרב י. וויינבערג כ
ר׳ מנחם מענדל דייטש ז״ל — דוב ראַווסקי כב

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חוב״ד.

א בריוו און ענטפער
אן אפענער און באלערנדער

• ד"ר וועלוול גרין

דער ערשטער בריוו איז פון אַ באַקאַנטן אידישן שריפטשטעלער און פעדאַגאָג, וואָס איז זייער אַקטיוו אין די אידישע פאָלקס־שולן. דער בריוו איז אַדרעסירט צו זיינעם אַ געוועזענעם תלמיד פון אַט־די אידישע טאָג־שולן, איצט אַן אָנגעזעענער פּראָפעסאָר אין אַ קאָלעדזש פאַר מעדיצינישער וויסנשאַפט אין מינעסאָטאַ. די עטלעכע אַריינדרינגלעכע פראַגעס פונעם געוועזענעם לערער האָבן ביים תלמיד און איצטיקן פּראָפעסאָר — ד"ר וועלוול גרין — אַרויסגערופן אַ לענגערן אָפענעם ענטפער, וואו ס'קומט צום בולטן אויסדרוק דאָס גאַנצע היינטיקע פלאַנטערניש און בלאָנדזשעניש פון דער אַ. ג. אידישער וועלטלעכקייט; און צוזאַמען דערמיט די מעכטיקע קראַפט פון אויפגעוואַכטן, עכטן איד־פינטעלע דורכצוברעכן אַ וועג פון די דערוויטערטע און פאַרפרעמדטע וועלטישע שטעגן — ביז צום סאַמע לויטערן מקור פון אמת'ער, באַוואוסטזיניקער אידישקייט, פון אמונה, תורה און מצוות. אַ סך איינצלהייטן און אינטערעסאַנטע שטריכן פונעם דאָזיקן פּראָפעסאָר וועלן זיך אָפּשפּיגלען אין זיין בריוו גופא און אויך אויספירלעכער ביים סוף פון בריוו, אין די וויטערדיקע נומערן.

חשוב'ער פריינט וועלוול גרין!

ביי אונזער צופעליקער באַגעגעניש אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן מיר כמעט ווי ניט באַוויזן צו ריידן און איך האָב אַ מנהג פון אַלטע צייטן נאָכצולערנען פון אַלעמען און פון אַלץ. וויל איך דיר אויך שטעלן אַ פּאָר פראַגעס: דאָס איז ניט בלויז נייגע־ריקייט, נאָר עס איז אויך פאָרשונג. ביי אידן פירט מען די דערציאונג אַן יעדער פאָרשונג. יעדער איינער ווי אים געפעלט. פון סאַטמאַר און חב"ד, ביז צו די רעפאָרמער. און איך בין, דאַכט זיך, איינער וואָס באַמיט זיך צו פאָרשן און צו לערנען. איז אַט וויל איך דיר אויך שטעלן אַ פּאָר פראַגעס. דו ביזט דאָך אַן איינציקער וואָס איז אַוועק אַזוי וויט, אַזש צו חב"ד, וואָס דו האָסט ניט געהאַט ניט אין שטוב און ניט אין שול. דו ביזט אויך זייער אינטעליגענט, דיינע ענטפערס זאָלן זיין געגנוג מאַסגיביק. בעט איך דיר טאַקע דו זאָלסט געפינען צייט און מיר ענטפערן. אַ דאַנק פאַראויס.

1. וואָס איז דיר געבליבן פון דער אידישער שול נאָך דעם ווי דו פאַרגעסט דעם מאַטעריאַל וואָס מען האָט געלערנט? וואָס פון דעם האַלסטו פאַר פּאָזיטיוו און וואָס — נעגירסטו?
2. ווי אַזוי ביסטו געקומען צו דיין איצטיקן חב"ד? ווער און וואָס האָבן דאָ אויף דיר געווירקט?
3. צי געפינסטו אַז די תלמוד תורה דערנענטערט מער דיינע קינדער צו אידישקייט ווי דיין שול? און מיט וואָס?
4. אויף וואָסער שפּראַך רעדט איר צו אייערע קינדער?
5. זיינען זיי צופרידן מיט זייער אידישן באַוואוסטזיין?
6. ווי פירן זיי זיך און ווי האַלטן זיי זיך צווישן אַנדערע קינדער?

קענסט אַליין צוגעבן וואָס דו געפינסט פאַר נויטיק. אויב דו וועסט פאַרלאַנגען, קען איך דיין נאָמען ניט אָנגעבן. פאַר מיר שטייט איצט טאַקע די פראַגע וועגן אויטאָנאָמער אידישקייט אין אינטעליגענטע אידישע היימען און ווי דאַרט זיי צו אָרגאַ־ניזירן. איך האָב צוגעזאָגט אַ גרופּע יונגע אַקאַדעמיקער זיי אַרויסצוהעלפן מיט עצות אויף דעם געביט און איך טראַכט אויף די טעמעס זייער פיל.

דאַנק איך דיר פאַראויס פאַר דיין ענטפער.

יע, אויב דו ביזט אַפּגעוואוינט פון שרייבן אידיש, קענסטו עס מאַכן אין ענגליש, אָבער נאָר אויף אַ שרייבמאַשין.

גערים דיין פרוי און די קינדער, און אויב דיין פרוי וועט אויך זיין פאַר־אינטערעסירט, וועל איך זיין זייער צופרידן צו לייענען אויך אירע געדאַנקען אויף דער טעמע.

אַלדאָס גוטס, דיין

(די חתימה)

מיין חשוב'ער לערער און פריינט, חבר...!

עס איז מיר באמת געווען אַ פרייד אייך ווידער באַגעגענען נאָך אַזויפיל יאָרן, און צו זען אַז איר זייט, ברוך השם, געזונט און אַקטיוו ווי אַמאָל. עס איז אויך געווען פאַר מיר אַ גרויסער כבוד ווען איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו, מיט אייערע פראַגעס און פאַרשונגען וועגן מיינע באַציאונגען צו דער אידישער שול און מיינע מיינונגען וועגן איר און וועגן דער דערציאונג וואָס איז אַמאָל געווען אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך וועל זיך באַמיען ענטפערן אויף אייערע פראַגעס, אָבער איך מוז פאָראויס זאָגן, אַז עס וועט מיר אָנקומען שווער. אויף עטלעכע פון אייערע פראַגעס וועט ניט זיין גענוג צייט און אָרט — עס וועט מוזן געדויערן חדשים און די ענטפערס וועלן אָנפילן ניט קיין בריוו נאָר ביכער. צווייטנס, עטלעכע פראַגעס דרינגען אַריין טיף אין דער נשמה, און איך בין ניט גענוג בקי אין נשמה־זאַכן, אַרויסצוברענגען אַ קלאָרן ענטפער אויף אַזעלכע פראַגעס. דריטנס, וועט פאַר מיר זיין שווער זיך אויסדריקן אין אידיש. עס איז ניט נאָר די פראַגע פון שפּראַך; עס איז פשוט פאַר מיר שווער אויסצודריקן אַ קאָמפּליצירטן געדאַנק אין אידיש — מען ווערט צוגעוואוינט צו טראַכטן און אויסאַרבעטן אַ סיסטעמאַטיע אין ענגליש; און אידיש פאַרבלייבט נאָר די שפּראַך צו ריידן מיט טאַטע־מאַמע. (ערשט לעצטנס האָב איך אָנגעהויבן ווידער לייענען אידישע ווערק — די שיחות פון דעם ליובאַוויטשער רבי'ן — אָבער עס איז נאָך אַלץ ניט מיין שפּראַך מיט וועלכער איך קען זיך פלייסיק באַנוצן). אגב אורחא, דאָס איז דאָך מיין גרעסטע טענה צום דעם אַמעריקאַנעם אידישן דערציאונג־סיסטעם: מען האָרעוועט מיט קינדער, מען לערנט זיי וואָס עס זאָל ניט זיין — שפּראַך, געדאַנקען, עטיק, געשיכטע, רעליגיע — און וויבאַלד מען האַנדלט מיט קינדער מוז מען באַנוצן קינדערשע באַגריפן און קינדערשע ווערטער. מערסטע פון די קינדער פאַרענדיקן זייער לערנען נאָך בר מצוה. די בעסטע זעצן־פאַר ווייטער נאָך דריי אָדער פיר יאָר — און פאַרטיק מיט דער שול און פאַרטיק מיט אידישער דערציאונג! דאָס קינד וואַקסט אויס און ווערט אַ מענטש מיט מאַטורע־פּראָבלעמען — אָבער די אידישקייט איז נאָך אַ קינדערשע, מיט קינדערשע ווערטער און מיט קינדערשע באַגריפן: די קינדער־מעשהלעך און לעגענדעס האָבן ניט קיין טיפקייט און קענען זיך ניט פאַרמעסטן קעגן די וויכטיקע און קאָמפּליצירטע פילאָזאָפיעס מיט וועלכע מען שטויסט זיך אָן אין אוניווערזיטעט און אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר פאַרלירן אונזער אידישע יוגנט, ווייל מיר האָבן קיינמאָל מיט זיי ניט גערעדט אין זייער שפּראַך, און האָבן זיי קיינמאָל ניט באַוויזן אַז עס איז דאָ אין אונזער אידישקייט עטוואָס מער ווי שיינע קינדער־סיפּורים און קינדערשע ימים־טובים. איך באַשולדיק אייך ניט אין דעם, חלילה. עס האָט זיך מיר פשוט צערעדט פון אינעווייניק. איך האָב אָבער געמוזט אַרויסברענגען אַז ווען מיר האָבן זיך געקענט אַלס לערער און תלמיד בין איך בלויז געווען זעכצן אָדער זיבעצן יאָר אַלט, און די שפּראַך איז געווען בלויז גענוג גוט אויסצודריקן געדאַנקען פון אַ זעכצן־יאָריקן יוגנטלעכן. זינט דעמאָלט בין איך אויסגעוואַקסן און בין געוואָרן אַ טאַטע פון קינדער — און די שפּראַך איז נאָך אַלץ געבליבן די יעניקע, פון אַ זעכצן־יאָריקן.

און אפשר וואָלט איצט געווען כדאי אַז מיר זאָלן זיך ווידער באַקענען, איר זאָלט בעסער קענען פאַרשטיין ווער איז עס דער וועלכער ענטפערט אויף אייערע פראַגעס.

איך האָב פאַרענדיקט דעם מאַניטאָבער אוניווערזיטעט מיט אַ דיפּלאָמע אין אַגרי־קולטור־וויסנשאַפט. נאָכדעם האָב איך שטודירט אין די פּראַקטישע שטאַטן און האָב ענדלעך געוואונען דעם דאָקטאָראַט־טיטל אין מיקראָביאָלאָגיע. איך בין איצט אַ פּראָפעסאָר פון געזונט־וויסנשאַפט אין פאַקולטעט פון מעדיצין אין יוניווערסיטי פון מינעסאָטאַ, און גיב אָפּ מיין צייט אי ווי אַ לעקטאָר און אי ווי אַ פאָרשער פון פאַרשידענע היגיענע־פּראָבלעמען. אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָב איך זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן אין קאָסמישע („ספּייס"־) פאָרשונגען, און איך בין איצט טיף אַריינגעטאָן אין די פּראָבלעמען פון אויס־געפינען לעבעדיקע באַשעפענישן אויפן פּלאַנעט מאַרס (עקסאָביאָלאָגיע) און אין סטעריליזירן די קאָסמישע פאָרשונגס־פּראָבעס (ספּייסקראַפט־סטעריליזאַציע).

פון דעם „מאַך איך אַ לעבן". אויף דער אידישער גאַס בין איך אויך אַקטיוו, איבער־הויפּט אין ענינים פון אידישער דערציאונג (די מינעאַפּאָליסער תלמוד־תורה, די לאָקאַלע „תורה ומסורה" טאָג־שול, „מרכז לעניני חינוך" א. א. וו.). איך בין דער פּרעזידענט פון אַ גרויסן אידישן זומער־קעמפּ, „מחנה הרצל", וואָס ציט צו יעדן זומער אַן ערך פון זעקס הונדערט אידישע קינדער פון דעם אַרומיקן געגנט. און איך בין אויך אַ מיטאַרבעטער פון דער ליובאַוויטשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי אגודת חב"ד".

מיט עלף יאָר צוריק האָב איך געהייראַט אַ יונגע אידישע מיידל פון אַ קליין שטעטל אין קאַליפאָרניע — און מיר זיינען, אַן ע"ה, געבענטשט מיט דריי געזונטע, ליבע קינדערלעך. די עלטסטע איז רחל'ע, 10, די מיטלסטע פּנינה'לע — 7, און דער מוזיניק, דוד'ל איז 4. מיר שיקן אַלע דריי קינדער אין דער אָרטאָדאָקסישער טאָג־שול, און אַליין ווענדן מיר זיך וואָס מער און מער אין דער ריכטונג פון רעליגיעזער אידישקייט.

ווי איר האָט אַליין באַמערקט אין אייער בריוו, איז דאָס אַ חידוש — ניט נאָר פאַר אייך, נאָר אויך פאַר אונזערע עלטערן. איך קום ניט צו דעם בירושה, און מיין פרוי אַוודאי ניט. זי שטאַמט פון אַן אַסימילירטער משפחה, קען קיין וואָרט אידיש ניט, האָט באַקומען איר גאַנצע דערציאונג אין אַ רעפאָרם־טעמפּל — און פונדעסטוועגן איז זי געוואָרן אַזאַ וויבל וואָס היט אָפּ טהרת המשפחה און כשרות; וואָס טוט אַן יעדן טאָג אונזער אינגעלע אַ טלית־קטן און הערט זיך צו ווי די קינדער זאָגן קריאת שמע ביינאַכט. (אַליין, קען זי נעבעך ניט, חוץ דעם ערשטן פּסוק — אָבער דאָס טעכטערל, רחל'ע, לערנט איר אָביסל).

עס זיינען דאָ יענע וואָס רופן אונז אַן פאַנאַטיקער. אָבער מיר שעמען זיך ניט דערמיט, און צו אונזער פריינטשאַפט שטערט עס ניט. איך קען פאַרשטיין, ווי יענע וואָס פאָרן אום שבת קוקן זיך צו ווי אונזער גאַנצע משפּחה גייט צופוס (כמעט דריי מייל) אין שול — און קענען אונז באַשולדיקן אין פאַנאַטיזם. מיט אַ קורצער צייט צוריק זיינען מיר געוואָרן אויך צווישן די „פאַרגדיקע" — און איך האָב צו זיי קיין טענות ניט און איך מאַן פון זיי גאָרניט. מיר לעבן באַקוועם אין אַ שיינער הויז, אין אַ פּראַכטפול געגנט פון דער שטאָט. מיר האָבן גוטע פריינט אין אַלע שיכטן פון דער אידישער געזעלשאַפט און, להבדיל, אויך אַ סך גוטע גויישע פריינט און שכנים. ס'איז בלויז דאָס, וואָס מיר זיינען געקומען צום פאַרשטאַנד אַז אידישקייט געפינט מען אין לעבן — און ניט בלויז אין ביכער; אַז אידישקייט אַנטהאַלט אין זיך תורה און מצוות — און ניט בלויז קולטור און געזעלשאַפט.

איצט צו די פראַגעס אייערע:

1. וואָס איז דיר געבליבן פון דער אידישער שול, נאָכדעם ווי דו פאַרגעסט דעם מאַטעריאַל וואָס מען האָט געלערנט? וואָס פון דעם האַלטסטו פאַר פּאָזיטיוו און וואָס נעגירסטו?

פון מיין דערציאונג אין דער אידישער שול איז מיר איבערגעבליבן אַ וואַרעמקייט און אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו אידישקייט בכלל און צו אידן בפרט. פאַרשטייט זיך, אַז אַביסל טעכנישע קענטעניש אין שפּראַך, אַביסל באַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער מאָדערנער

ליטעראַטור — און אַ גוטן אַריינפיר צו דער אידישער געשיכטע און אידעאַל טאָר מען ניט מינימיזירן. אָבער איבערהויפּט — אַ באַציאונג און אַ ליבע. דאָס מיינט ניט, אַז דעם מאַטעריאַל האָב איך פאַרגעסן. איך קען נאָך אַלץ דעקלאַמירן די אַלע פּאָעמעס וואָס כ׳האָב געלייענט אַמאָל אין דער שול, און איך געדענק נאָך כמעט אויסווייניק די פאַרשידענע סיפּורים. אָבער די אידישע שול איז געווען דערפאַלגרייך, לויט מיין איינבליק, אין איבער־געבן אייערע תלמידים אַ געפיל פון כלל ישראל, פון זיין פאַרבונדן מיט אידן איבער דער גאַנצער וועלט אין יעדער צייט, און פון פאַרבינדונג מיט פריערדיקע און קומענדיקע דורות — בקיצור אין המשך.

מיר פאַרשטייען ביידע, אַז עס איז אָפט שווער, אפילו אוממעגלעך, צו אַנאַליזירן די מקורים פון וועלכע מען זאַפּט אַריין אַזעלכע געפילן. איך שרייב זיי צו צו דער שול. באמת מוז מען אויך אַריינרעכענען די אַנדערע השפּעות וועלכע האָבן אויף מיר דעמאָלט געווירקט — די היים, אונזערע ציוניסטישע יוגנט באַוועגונגען, מיינע באַקאַנטע א. א. וו. אין יענע צייטן בין איך זייער זעלטן געשטאַנען אונטער אַסימילאַטאָרישע איינפלוסן, און איך האָב זיך זייער זעלטן אַנגעשטויסן אין געדאַנקען און איינפלוסן וועלכע זיינען געווען כנגד די אידעאַלן פון היים און שול. פון דער גוישער גאַס, להבדיל, איז אָפּגערעדט. מיר האָבן געלעבט אַן אינסולירטן לעבן; און אַפילו די גרויסע וויכוחים וועלכע האָבן דעמאָלט געקאָכט אויף דער אידישער גאַס, זיינען אַלע געווען פּאָזיטיווע — אידישיסטן קעגן העברעאיסטן, ציוניסטן קעגן טעריטאָריאַליסטן; סאָציאַליזם קעגן אידישן קאָמוניזם; אַרבעטער רינג קעגן פאַרבאַנד. איך מיין מיט דעם אַרויסברענגען, אַז אין מיינע שול־יאָרן האָבן מיר אַפילו ניט געוואוסט אַז עס איז דאָ אַ אידישקייט אַנדערש ווי מען האָט אונז געלערנט.

און אפשר איז דאָס מיין טענה. אונז האָט מען געלערנט וועגן אידישקייט, אָבער די יסודות פון אידישקייט האָט מען אונז געזשאַלעוועט. מען האָט געלערנט וועגן תורה, אָבער מיר האָבן גראַדואירט אָן תורה. מען האָט געלערנט אַז אידן דאַווענען, אָבער קיין איינער פון אונז האָט ניט געקענט קיין „מודה אני”, און אַנדערע פון אונז האָבן זיך טיף געשעמט אַז מען האָט געמוזט מאַכן אַ ברכה אָדער ס׳איז געקומען די צייט צו זאָגן קדיש, ר״ל.

איך גלויב ניט, אַז מען האָט מיך צוגעגרייט צו לעבן ווי אַ איד. אַ געפיל און אַן אינטערעס און אַ ליבע האָט מען דוקא אינסטאַלירט — אָבער אויסער וויניפּעג, און אויסער אונזער קליינער סביבה, איז דאָך דאָ אַ וועלט פון אידן וואָס האָבן ניט געוואוסט פון פּרץ און ביאַליק און שלום־עליכם — און חוץ מילה האָבן מיר מיט זיי קיין שייכות ניט געהאַט — ניט קיין אמונה, און ניט קיין תפילה, און ניט קיין תורה.

און אָן די יסודות ווערט אַפילו די אידישע קולטור, וואָס מען האָט יאָ געלערנט, ליידיק. ווער קען פאַרשטיין און הנאה האָבן פון „טביה דער מילכיקער”... אַז מען ברעכט די ציין איבער די „גלייכווערטלעך” פון סידור? איך רייד דאָ ניט פון העברעאיש — אָבער מען מעג וועגן דעם אויך זינגען און זאָגן. איך רייד פון שמונה עשרה, פון חומש און רש״י און פון קידוש — וואָס אָן דעם מעג מען זיין דער גרעסטער קולטורעלער באַהאַוונטער — אָבער ווי אַ איד, בלייבט מען אַן עם הארץ.

און איך פאַרשטיי די סיבות. די אַלע לערער אונזערע זיינען דאָך אַליין געווען אָנגעזאַפּט מיט תורה, אַלע זיינען דאָך געווען אַליין פּראָדוקטן פון דער אַלטער היים — פון חדר און שטעטל און ישיבה. זיי האָבן אונז געלערנט ליטעראַטור און געשיכטע, און האָבן אפשר געמיינט אַז מיר וועלן זיך פון דער לופט אָדער פון דער מאַמעס געפילטע פיש זיך באַקענען מיט חומש און סידור און מצוה. זיי האָבן זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ אידיש קינד קען זיך לערנען ביאַליק און ניט וויסן קיין שמע ישראל אָדער וואָס עס מיינט נעגל־וואַסער.

צי איר וועט עס גלויבן אָדער ניט, איך בין אַלט געווען צוואַנציק יאָר, און האָב שוין לאַנג גראַדואירט פון דער שול, איידער מען האָט מיר אויסגעלערנט דעם „ואהבת”; און איך בין אַלט געווען עטלעכע און דרייסיק (און אידיש געקענט פּונקט ווי היינט), ביז עמעצער האָט מיר באַוויזן און אויסגעלערנט וואָס עס מיינט נעגל־וואַסער און אַ טלית־קטן.

ניט אומזיסט לערנט אונז דער ליובאַוויטשער רבי שליט״א אַז מען מוז אָנפאַנגען מיט קמץ־אלף — אָ, ווייל נאָר דעמאָלט קען דאָס קינד זיך אויסלערנען „אָנכי״... אויב מען וואָלט אונז אין שול אויסגעלערנט דעם אָ, דעם „אָנכי״, דעם סידור, און חומש מיט רש״י, וואָלט איר דעמאָלט אפשר געהאַט אַ רעכט זיך פאַרנעמען מיט געשיכטע און קולטור. ווי עס איז אויסגעקומען אָבער, האָט איר געבויט אַ טורעם אויף זאַמד, און די רעזולטאַטן און פגימות אין דער געביידע ווערן קלאָר.

2. ווי אַזוי ביסטו געקומען צו דיין איצטיקן חב״ד? ווער און וואָס האָבן דאָ אויף דיר געווירקט?

איך קען זיך אַליין פאָרשטעלן אַז איר זייט ניט דער ערשטער וואָס פרעגט אַזאַ מין פראַגע. און מען קען אויך צוגעבן אַז אַנדערע דריקן אויס אָט־די פראַגע מער ווי אַ באַשולדיקונג איידער אַ שאלה. אָבער איידער איך נעם זיך אונטער מיט אַ „פאַרטיידיקונג״ מוז איך איבערגעבן אַ פּאַסיקן אַנעקדאָט:

איינער אַ יונגערמאַן פון ניו־יאָרקער איסט־סייד האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ גרויסער גביר. איז ער אַרויס און זיך געקויפט אַ גרויסע ספּאָרטס־שיף, אַ יאַכט, און האָט זיך געלאָזט אויפנייען אַ מונדיר פון אַ שיפס־קאַפּיטאַן. פאַרטיק, איז ער געקומען באַזוכן זיינע עלטערן פאַרפוצט אין מונדיר און האָט זיי געפרעגט — „נו, וואָס טראַכט איר איצט וועגן מיר — אַן אמת׳ער קאַפּיטאַן צי ניין?״ ענטפערט אים די מאַמע — „זונעלע, ביי מיר ביזטו אַ קאַפּיטאַן. ביי דיין טאַטן ביזטו אַוודאי אַ קאַפּיטאַן. אָבער, זונעלע, ביי ריכטיקע קאַפּיטאַנעס, ווייס איך נאָך ניט צי דו ביזט אַ קאַפּיטאַן״.

איך מעג דאָס זעלבע זאָגן אויף זיך. אין וויניפּעג האָלט מען אַז איך בין אַ חסיד. אין מינעאַפּאָליס זיינען דאָ יענע וואָס מיינען אַז איך בין אַ חסיד. ביי אמתע חסידים, אָבער, איז נאָך דאָ אַ ספק. און אויך איך ווייס ווי ווייט איך מוז נאָך אויפטאָן, סיי אין זעלבסט דיסציפּלין און סיי אין מדרגות פון רוחניות ביז איך דערגרייך דעם מקום פון אַ חסיד. איך מיין דאָ ניט ענינים פון באָרד און פאות און גאַרטל. איך מיין ממש דאָס איבערוועגדן דאָס גאַנצע לעבן מיט מסירת נפש און ביטול לטובת אידן און אידישקייט — אַזוי ווי מיינע חברים די חב״דניקעס טוען דאָס. דערווייל לערן איך זיך און פּרוביר ווי ווייט מעגלעך ווערן אַן אויסגעהאַלטענער איד. און איך בין זיך מודה אַז ס׳איז ניט גרינג. ס׳איז פיל גרינגער צו זיין אַ קולטורעלער איד, אָדער אַ געזעלשאַפטלעכער איד, אָדער אַפילו אַ צדקה־איד. ערשט איצט קען מען דערשפּירן דעם ריכטיקן טעם פון דעם „במקום שבעל תשובה עומד...״ דערגרייכן איז פיל גרינגער ווי צו שטיין, און די פריערדיקע עטלעכע און דרייסיק יאָר קומען ניט זייער צו הילף. אָבער איר האָט דאָך געשטעלט אַ פראַגע און האָט ניט געבעטן קיין עפנטלעכן ווידוי, איז ניט מער ווי רעכט איך זאָל אויפהערן אַרומריידן און פּרובירן ענטפערן.

איך בין ניט געניט דערפאַרן אין פּסיכאָלאָגיע איך זאָל קענען וויסנשאַפטלעך ענטפערן ווי אַזוי איך קום צו חב״ד. מיינע פריינט, די פּסיכאָלאָגן (און יעדער פון זיי האָט זיין אייגענע משוגעת), זאָגן אַז חב״ד ענטפערט פאַר מיר אַ טיפע באַדערפעניש, אָבער וואָס די באַדערפעניש איז ווייסן זיי ניט. איך דערקאָן אַליין, ווען איך פּרוביר דאָס אַליין אַנאַליזירן, אַז חב״ד איז שייך אי צו מיין שכל און אי צו מיין האַרץ. איך בין איבערצייגט אַז די אַלע עקספּערימענטן וואָס מיר מאַכן אין אידישן לעבן, זאָל דאָס זיין השכלה, אָדער רעפאָרם, אָדער קולטורעלע אידישקייט, אָדער אַפילו אייער אייגענע אינטעגראַלע אידישקייט; זיינען דאָך מער ניט ווי — עקספּערימענטן. אפשר וועלן זיי זיין דערפאָלגרייך, אפשר ניט. אָבער נאָר די אויטענטישע אידישקייט תורה ומצוה האָט באַוויזן אין דער פאַרגאַנגענהייט און באַווייזט היינט צו טאָג איר קראַפט איבערצוגיין פון דור צו דור און אויסצוהאַלטן דאָס אידישע פאָלק.

(פאָרזעצונג קומט אי״ה)

אַמסטערדאַם און אידישע ספרים

• ד"ר הלל זיידמאַן

ווי אַזוי לערנען ניט־אידישע קינדער געאָגראַפיע? דורך שטעט וואו ס'זיינען פאָרגעקומען שווערע מלחמות, גרויסע שלאַכטן. און אידישע קינדער? דורך שטעט, וואו ס'האָבן געלעבט גרויסע אידן, צדיקים און גאונים — פון נהרדעא ביז מעזשיבוזש, מעזריטש, ליאַדי, ליובאַוויטש, ריזשין; צי קראָקע, בוטשאַטש, ווילנע, פרעשבורג, קאָוונע, בריסק, און אַנדערע, און — דאָ קומען מיר צו אַמסטערדאַם, — וואו ס'זיינען געווען דרוקערייען פון אידישע ספרים.

דאָס ערשטע באַקענען זיך פון אַ אידיש קינד אין פוילן מיט דער ווייטער און אומבאַקאַנטער שטאָט איז געווען ווען איך האָב אויפגעמאַכט דעם גרויסן ש"ס מיט הילצערנע טאָוולען איינגעבונדן אין לעדער, און אויפן מאַסיוון, שטאַרקן, עטוואָס גראָ־ברוינלעכן פאַפיר האָט זיך באַוויזן דער „שער" אויסגעציקלט און אויסגעבלימלט, איינגעראַמט אין פיין־געשניצטע מיניאַטור־באַצירונגען און קינסטלערישע וויניעטן, און אונטן האָב איך דערזען מיט גרויסע אותיות דעם נאָמען אַ מ ס ט ע ר ד אַ ם!

נאָך איידער איך האָב איינגלוויז געלערנט די שקלא וטריא פון סורא און פומבדיתא בין איך שוין היימיש געוואָרן מיט אָט־דער שטאָט, וואָס איך האָב געוואוסט וועגן איר בלויז דעם איין און איינציקן פאַקט — פון דאָרט קומען די אַלטע, ערווירדיקע, דרך־ארץ־וועקנדיקע ש"ס'ן. ס'איז ניט גלייך די גמרא וואָס קומט פון היימישן זשאָלקעוו, לעמבערג, וואַרשע צי שפעטער ווילנע, מיט דער גמרא וואָס קומט פון — אַמסטערדאַם.

דער גלאַנץ פון אַמסטערדאַמער ש"ס'ן

די ערשטע זיינען טאַקע ליכטיקערע, דאָס פאַפיר ווייסער און פרישער; די ש"ס'ן פון פעסל באַלאַבאַן צי פון דער אלמנה, נעבעך, און די ברידער ראָם, צי פון דעם רייכן אָרגעלבראַנד פון וואַרשע, זיינען טאַקע באַרייכערט מיט פיל מער מפרשים און נושאי כלים און הגהות; אָבער אַמסטערדאַם שמעקט מיט ווייטער עקזאָטיק, מיט אומדערגרייכבאַרע מרחקים, אין צייט און אָרט, וואָס ברענגען אונז אַ ריח פון ווייטן בבל און אַן אָפקלאַנג פון פומבדיתא, צו וועלכן די אַמסטערדאַמער ש"ס'ן זיינען געווען נענטער.

דאָס האָט מען אויך געזען אין דער באַציאונג צו אָט ד ע ם ש"ס. די רייכסטע ווילנער גמרות זיינען ניט געווען אַזוי רייך איינגעבונדן, אין הילצערנע טאָוולען, מיט לעדער־באַנד, און די ברעגעס אָפט גאָלדגעליישטע, ווי דער אַמסטערדאַמער ש"ס. ווי וואויל דער ש"ס גופא האָט געקאָסט „אַ פאַרמעגן", האָט די איינבינדונג אָפגעקאָסט נאָך מער. אַזוי האָט מען באַוואָרנט און באַצירט אַן אומשאַצבאַרן אוצר. און ס'איז באמת געווען אומשאַצבאַר. ווייל אין אונזערע צייטן האָט מען שוין מער ניט געדרוקט דאָרט קיין ש"ס'ן, און אויך ווייניק אַנדערע ספרים, און די דאָזיקע ש"ס'ן זיינען געווען אַ זעלטנהייט, „יקרי המציאות".

פונקט ווי ס'זיינען געווען „ש"ס־אידן" אַזוי זיינען געווען „ש"ס־שטעט", ווי סלאַוויטע, באַזעל, לעמבערג, ווילנע, און איבער זיי אַלע — אַמסטערדאַם.

מ'האָט דערציילט, אַז אַ רב אין אַ קליין שטעטל אין פוילן האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ סוחר פון זיין שטאָט פאָרט קיין אַמסטערדאַם — ניט קיין טעגלעכע דערשיינונג אין יענע צייטן און אין יענע מקומות. האָט אים דער רב גערופן און אים געבעטן ער זאָל אים דערליידיקן אַן ענין דאָרט. האָט זיך דער איד געוואונדערט, וואָסערע געשעפטן קען האָבן דער רב, וואָס איז קיינמאָל ניט אַרויס פון זיינע ד' אַמות של הלכה, אין דער ווייטער האָלענדישער שטאָט? האָט אים דער רב מיט אַ שמייכל אויפגעקלערט: היות ער האָט אַן אַמסטערדאַמער ש"ס בירושה, און דאָרט שטייט ביים סוף „נסדר ע"י ה ב ח ו ר הזעצער", און אַזוי ווי די גמרא זאָגט: אל תשכון באהליך עוולה, זה המשהה ספר שאינו מוגה, אַז מ'טאָר ניט האַלטן אין שטוב אַ ספר מיט גרייזן, בעט ער, דער רב, דעם סוחר, ער זאָל זיך מטריח זיין אין אַמסטערדאַם

געוואָר צו ווערן צי האָט ניט אַמאָל דער „בחור הזעצער" חתונה געהאַט, כדי ער זאָל קענען מגי' זיין דעם „הבחור" אין זיין ש"ס...

הונדערטער יאָרן ספרים־דרוקערייען

דער רב איז גיכער געווען פאַרנומען מיט די סוגיות אין דער גמרא איידער זיך צו באַקענען, מעשה ביבליאָגראַף, מיט דער דאַטע פונעם דרוקן דעם ש"ס, וואָס איז געווען מיט אַ הונדערט יאָר צוריק... אָבער די שטאָט אַמסטערדאַם גופא איז אים געווען היימיש, טאַקע פונעם „שער" פון דער גמרא, פונקט ווי פאַר אַלע וואָס האָבן צו טאָן מיט ש"ס.

שפּעטער ווען איך האָב זיך באַקענט מיט דער וואונדערלעכער פּיליזייטיקער געשטאַלט פון ר' מנשה בן ישראל, דער אַמסטערדאַמער רב, וואָס האָט אויסגע'פּועל'ט ביי קראָמוועלן אין 1655, צוריק אַריינצולאָזן די אידן קיין ענגלאַנד, האָב איך זיך ניט געוואונדערט וואָס אין צוגאָב צו זיין זיין אַ גרויסער רב, אַ מחדש און מחבר, אַ מנהיג און אַ שטאַטסמאַן, אַ שריפטשטעלער אין לשון קודש, לאַטיין, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און ענגליש, איז ער צו דעם אַלעמען אויך געווען — אַ דרוקער... ער האָט זיינע ספרים און ביכער אָפּגעדרוקט אין זיין אייגענער דרוקעריי. די דאָזיקע דרוקעריי איז געווען דעמאָלט די גרעסטע אין אַמסטערדאַם, און איינע פון די בעסטע פון זיין צייט. איר מוזט נאָך היינט באַוואונדערן די קונסט און דעם עסטעטישן געשמאַק, וואָס לייכטן פון אָט די ספרים, געדרוקטע מיט אַ דריי הונדערט יאָר צוריק! די אותיות זיינען אַזוי שיין, אַז אַנדערע דרוקערייען האָבן זי ביי אים געקויפט. (מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז פון קיין לינאָטייפּס האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, און מ'האָט געזעצט אות ביי אות).

ווען איך האָב שפּעטער זיך באַקענט מיטן גרויסן סידור פון רבי יעקב עמדין, וואָס ברענגט אַריין שבת־און־יום־טוב־שטימונג אַפילו אינדערוואָכן, און שפּעטער אַריינגעקוקט אין זיינע פאַרשידענע ספרים, אויך אין די קעגן רבי יונתן אייבעשיץ, אין גרויסן מחלוקת פון 18־טן יאָרהונדערט, — האָב איך זיך געוואונדערט — און הלמאי זאָל איך לייקענען? ס'איז מיר געווען טאַקע היפּש פיינלעך זיינע אויסדרוקן קעגן רבי ר' יונתן, וואָס זיינע ספרים „יערות דבש" און „בינה לעתים" האָבן מיר געעפנט די טויערן צום קלאַסישן דרוש, נאָך איידער איך האָב זיך געדאַרפט מאַטערן איבער זיינס אַ שטיקל „תומים" („אורים ותומים" אויף שולחן ערוך). איך האָב אָבער זיך ניט געוואונדערט וואָס רבי יעקב עמדין האָט ביי זיין גדלות אין תורה, ביי זיינע מסחרים, און שרייבנדיק אַזויפיל ספרים, איז ער נאָך געווען דערצו אַ — דרוקער אויך... ער האָט זיינע ספרים אָפּגעדרוקט אין זיין אייגענער דרוקעריי. (דאָס האָט אַביסל פאַרענטפערט זיין גרויסע פּראָדוקטיוויטעט, און, בנוגע זיינע אַנטי־רבי־יונתן־ספרים —

ווי לאָזט מען אַזעלכעס אָפּדרוקן?...) אָבער דער פאַקט גופא וואָס ער האָט געהאַט אַן אייגענע דרוקעריי האָט, ווי געזאָגט, מיך ניט גע'חידוש'ט. איז ער דען ניט געווען דער זון פון רבי צבי הירש אשכנזי, דעם „חכם צבי", דעם רב פון — אַמסטערדאַם?...

אַמסטערדאַם האָט ביי מיר „גע'שמ'ט" מיטן כוח פון דרוק־טינט...

אַ שטאָט מיט אידן און ספרים

אַמסטערדאַם איז געווען אַ שטאָט מיט אידן — 75 טויזנט פאַר דעם חורבן, — מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון גרויסע רבנים, לומדים, קהילות, ספרדישע און אשכנזישע, די ערשטע זינט דעם 16־טן יאָרהונדערט, די צווייטע — זינט דעם 18־טן. אָבער — צו אונזער קינדהייט און בחור'שאַפט איז דערגאַנגען איר אָפּקלאַנג בעיקר דורך די ספרים וואָס זיינען דאָרט געדרוקט געוואָרן. די דאָזיקע ספרים זיינען געווען אַ דרייפאַכער חידוש. ערשטנס, צוליב זייער ערווירדיקער אַלטקייט. צווייטנס, צוליב דעם

שיינעם, סאָלידן דרוק און מאַסיוון פּאַפּיר און אייַנבונד. דריטנס, האָבן מיר דאָך אי־דענטיפיצירט לומדות מיט מזרח־אייראָפּע און ניט מיט מערב, — פונוואַנען־זשע האָבן זיך דאָרט געגומען די ש״ס׳ן און רבנישע ספרים? — האָבן מיר זיך געוואונדערט.

מיר האָבן נאָך ניט געוואוסט דעמאָלט, אַז די רומרייכע געשיכטע פון די ספרים־דרוקערייען, — וועלכע איז געווען אין אַמס־טערדאַם, ווי בכלל אין יענע צייטן, אויך אַרויסגעבער און מוכרי־ספרים, — האָבן געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע נאָך פון אָנהייב פון 17־טן יאָרהונדערט, פון ר׳ מנשה בן ישראל, דורך אורי פייביש בן אהרן הלוי, און וועלכע האָט דערגרייכט דעם אויפבלי אין 18־טן יאָרהונדערט אין דער פּרעכטיקער דרוקעריי, וואָס האָט עקזיס־טירט אַ הונדערט יאָר (1750־1850).

אינטערעסאַנט, אַז די גרויסע ספרים־דרוקעריי אין זשאָלקעוו, וועלכע ס׳האָט אַזוי געטריי געשילדערט מיין לערער פּראָפעסאָר מאיר באַלאַבאַן, דער גרויסער היסטאָריקער, איז אַהין איבערגעטראָגן געוואָרן אין 18־טן יאָרהונדערט פון אַמסטערדאַם, דורך דעם דערמאָנטן אורי פעבוס בן אהרן הלוי, און נאָך אין 19־טן יאָרהונדערט זיינען פאַר־געקומען גרויסע מחלוקת׳ן און סיכסוכים צוליב אַזש דריי ש״ס׳ן וואָס זיינען גע־דרוקט געוואָרן אין אַמסטערדאַם — איינ־צייטיק!

וואָס האָט געבראַכט דעם אויפשטייג פון די דרוקערייען?

דער וואוקס פון די דרוקערייען אין דער דאָזיקער שטאָט איז געווען אַ רעזולטאַט ניט בלויז פון אָרטיקער לומדות. מ׳האָט גי־כער געאַרבעט אויף עקספּאָרט, בעיקר קיין מזרח־אייראָפּע און דייטשלאַנד, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען אַ פאַרברויכער פון ספרים.

אַ צווייטער גורם איז געווען די רדיפות און פאַרבאָטן אויף ספרים אין איטאַליע, ווי ווענעדיג, מאַנטוע און אַנדערע שטעט וועלכע זיינען געווען צענטערן פון גרויסע ספרים־דרוקערייען (סאָנצינאָ, באָמבערג). אין דער זעלבער צייט איז האָלאַנד געווען אַ לאַנד פון טאָלעראַנץ פאַר אידן.

אַזוי האָט די שטאָט באַלייכט מיט ספרים אַנדערע אידישע ישובים, און זיך פאַרשאַפט דערמיט דעם בכבודיקסטן אָרט אין די בתי־מדרשים און אין די אידישע היימען — אין דעם ספרים־שראַנק.

אויסגע׳הרג׳עטע אידן און געראַטעוועטע ספרים...

ווען איך האָב אין 1946 באַזוכט האָלאַנד בין איך געווען צו דערדריקט פון חורבן, אַז איך זאָל אינזינען האָבן וועגן דעם דרוק־וועזן אין אַמסטערדאַם. מיין האַרץ האָט מער געוויטיקט איבער די לערנער און מחב־רים פון ספרים, איידער איבער די ספרים. ווי די גמרא זאָגט: כמה טפשאי הני בבלאי דקיימי קמא ספר תורה ולא קיימי קמא גברא רבא. איך האָב קיינמאָל ניט פאַר־טראָגן די קלאָגערייען פון געוויסע מענטשן איבער די ספרים וואָס זיי האָבן פאַרלוירן, אָדער אַפילו פון געוויסע מחברים וועגן זייערע פאַרברענטע כתבי יד, — בעת הייליקע נפשות זיינען אומגעבראַכט געוואָרן.

אָבער גראָד איז דעמאָלט איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון חפצי קודש און ספרים אין דער פּאָרטוגעזישער שול צום 300־טן יאָר פון דער גרינדונג פון דער קהילה, און איך בין געגאַנגען זען די מערקווירדיקייטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מ׳האָט געפונען אין דייטשלאַנד, אין אָפענבאַך אַלע ספרים און זילבערנע חפצים, וואָס די רוצחים, די דייטשן, ימח שמם, האָבן צוגערויבט ביי די קרבנות. — קיין חפץ, קיין ספר האָט ניט געפעלט! ס׳איז אַלץ געבליבן, און צוריקגעבראַכט געוואָרן!

דער אַלטער ספרדישער חכם, הרב נ. פּעריירא האָט עס מיר דערציילט, צוגעבנ־דיק: זיי, די דייטשן, האָבן געטאָן פאַר־קערט ווי אברהם אבינו האָט פאַרלאַנגט, זיי האָבן צוגענומען דאָס נפש און געלאָזט דעם רכוש. די אידן האָבן זיי אויסגע׳הרג׳עט — די חפצים און ספרים האָבן זיי געלאָזט.

די „ראָזענטאַליאַנאַ" און עץ חיים

פאַקטיש ווען איך האָב שפּעטער באַזוכט די באַרימטע „ראָזענטאַליאַנאַ" ביבליאָטעק ביים אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט, האָב איך דאָרט געטראָפן דעם געלערנטן ביב־ליאָטעקאַר דר. ל. פוקס, וואָס שטאַמט פון קאַליש, פּוילן, און ער האָט מיר באַשטע־טיקט, אַז די אַלע צוגערויבטע ספרים זיינען געבליבן אומבאַשעדיקט, און זיינען צוריק־געבראַכט געוואָרן. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער אַלטער „עץ חיים" ביבליאָטעק ביי דער פּאָרטוגעזישער ביבליאָטעק, מיט די יקרי המציאות.

„ניט מער" — די אידן וואָס האָבן גע־נוצט די ספרים האָבן די דייטשן אויסגע־מאָרדעט. ווען איך בין דערנאָך געפירט געוואָרן פון דר. חנה קאַיזער, אַ געבוירענע אין האָלאַנד, אַ טיף רעליגיעזע אַדוואָקאַטין, איבערן געטאָ פון אַמסטערדאַם, און זי האָט מיר געשילדערט דאָס אַמאָליקע וויברירנ־דיקע רעליגיעזע לעבן אין דער דאָזיקער עיר ואם בישראל, האָב איך געפילט נאָך טיפער דעם חורבן, וואָס די דייטשן, ימ״ש, האָבן געבראַכט אויפן אידישן פאָלק אי־

(פאָרזעצונג אויף זייט יב)

דעם רבינס מסירת נפש

י. פריידין ●

פורים קטן הײ־יאָר איז געוואָרן 40 יאָר זינט דער רבי, כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע, האָט באַזוכט די רוסישע הויפּטשטאָט, מאָסקווע, און האָט דאָרט פאַר אַ גרויסן עולם אין ליובאַוויטשער בית מדרש געזאָגט דעם מאמר חסידות „וקבל היהודים". מיט אייניקע חדשים שפּעטער — ט"ו סיון תרפ"ז (1927) — איז דער רבי געוואָרן אַרעסטירט פאַר זיין אַרבעט צו פאַרשפּרייטן תורה און אידישקייט אין אַלע טיילן פון יענער מדינה.

אין דאָזיקן מאמר — וועלכן עס האָבן געהערט אַ סך הונדערטער פאַרזאַמלטע — פאָדערט ער מיט אַ שטאַרקייט: צו שטיין „מיט מסירת נפש אויף מקיים זיין תורה און מצוות בפועל" און באַזונדערס אויף דעם תורה־חינוך פון קינדער; ניט צו רעכענען זיך מיט דעם פיינט, „דער שונא וואָס קעמפט אָפן", און ניט לייגן קיין אַכט אויף די נקמה־נעמער, „דאָס איז דער פאַרבאָרגענער שונא און בלבולים־פלעכטער ... מיט נקמה וואָס איז אויסער די ראַמען פון געזעץ".

ווייטער אין מאמר פאַרזיכערט דער רבי, אַז אָט־די קליינע קינדער, וואָס וועלן פאָרזעצן צו זיין „תינוקות של בית רבן" (אידישע חדר־קינדער), אָדער די וואָס מ'וועט זיי מאַכן פאַר „תינוקות של בית רבן" ניט געקוקט אויף אַלע גזירות און אָנשרעקונגען, תחבולות און פאַרפירערישע שפּיצלעך — וועט דער תורה־לערנען און די פרומע דערציאונג צעשטערן די פיינט און נקמה־נעמער, און אדרבה, דורך דער מסירת נפש וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה.

דער פאָלגנדיקער דאָקומענט איז אַ בריוו געשריבן „פון איינעם פון די דעמאָלטיקע רבנים־עסקנים אין רוסלאַנד, וואָס גיט אַ באַגריף, כאָטש אין אַ קליינער מאָס, וועגן דער באַציאונג פון דער רעגירונג צו אידישקייט אין רוסלאַנד אין יענער צייט, און וועגן דער סכנה וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט זאָגן אַזאַ מאמר אין יענעם זמן, בפרט אַזוי עפנטלעך און מיט אַזאַ גרויסן פירסום".

די אויבן־געבראַכטע שורות זיינען גענומען פון די ווערטער פון כ"ק אדמו"ר שליט"א בשייכות מיטן דאָזיקן מאמר און מיטן פאָלגנדיקן בריוו. און דער רבי שליט"א פירט אויס זיינע רייד:

„אויך איצטער געפינען זיך אין יעדער מדינה אַזעלכע, צי שונאים, וואָס קעמפן אָפן, אָדער נקמה־נעמער, וואָס קעמפן דורך תחבולות, אָבער זייער כוונה איז איינע — צו געוועלטיקן איבער די קליינע קינדער און זייער ציל איז ווי דער ציל פון אָחז: אויב ניטאָ קיין קליינע, זיינען ניטאָ קיין גרויסע... ניטאָ קיין תלמידים... ניטאָ קיין חכמים... ניטאָ קיין תורה... הקדוש ברוך הוא מאַכט ניט רוען זיין שכינה אין דער וועלט".

און ווי דאַן ווערן מיר אויך איצט פאַרזיכערט, אַז דורך שטאָלצער שטאַנדהאַפטיקייט און מסירת נפש אויף מקיים זיין תורה און מצוות און אויף דעם ענין פון חינוך הכשר בפרט, וועלן אַלע שפּיצלעך און גזירות — „אַז עס זאָל פאַרגעסן ווערן תורה פון אידן און פאַרשטויסן זיי חס־ושלום פון ג־טלעכקייט" — ניט העלפן, און די קינדער וועלן זיין „צו צייכנס און צו וואונדער ביי אידן" און דער פונדאַמענט פון אַזאַ פאָלק אויף וועלכן ס'ווערט געזאָגט — „און דאָס פאָלק דיינס זיינען אַלע צדיקים".

„און גרויס איז דער כוח פון מסירת נפש צו זוכה זיין דורך איר צו דער פולקאָמער און אמת'ער גאולה, וואָס וועט קומען במהרה בימינו דורך משיח צדקנו".

* * *

דער בריוו איז געשריבן אָריגינעל אין לשון־קודש, און איז דאַטירט: סיון תרפ"ט — און מיר גיבן אים אין אַן אָפּגעהיטער איבערזעצונג:

... שוין עטלעכע יאָר ווי איך באַזוך, אין די חדשים שבט און אדר, די שטאָט מאָסקווע צוליב די פאָדערונגען פון פסח־פּראָדוקטן. אין דעם יאָר תרפ"ז, וואָס איז געווען אַן עיבור־יאָר, בין איך געקומען אין מאָסקווע צום סוף פון חודש אדר ראשון.

ה' א. ל. פוקס — וואָס איז געווען דאַן דער פאָרזיצער פון דער מאָסקווער קהילה — האָט מיר דערציילט, אַז ווען דער רבי

איז געקומען אין מאָסקווע אין אָנהויב פון יענעם חודש, האָט מען אים [דעם קהילה־פאָרזיצער] גערופן אין „גע־פע־או" (די רוסישע געהיים־פּאָליציי) און אים געפרעגט:

„צי איז עס אמת, אַז דער רבי שניאורסאָהן געפינט זיך אין מאָסקווע און האָט צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע געלט־סומע פאַר דער אויפהאַלטונג פון רעליגיעזע מוסדות; אַז אויך פון די שטיצער פון דער אידישער רעליגיע פון אויסלאַנד באַקומט ער גרויסע סומען געלט פאַרן דאָזיקן צוועק; אַז ער האָט אָרגאַניזירט הונדערטער יונגעלייט צו שטאַרקן אידיש־רעליגיעזע אינסטיטוציעס איבער דער ברייט פון דער גאַנצער מדינה; אַז הונדערטער טויזנטער רעליגיעזע אידן, אָן אונטערשייד צי חסידים אָדער מתנגדים, הערן זיך צו צו אים און פאַרערן אים?"

פון דעם אופן ווי זיי האָבן גערעדט האָט פוקס פאַרשטאַנען, אַז די מיטגלידער פון דער „גע־פע־או"־צענטראַלע האָבן אין יענע טעג „געטראַכט" וועגן דעם רבי'ן און אַז דער מצב איז זייער ערנסט. האָט ער זיי געענטפערט:

דעם רבי'ן שניאורסאָהן קען ער זייער גוט במשך פון אַ סך יאָרן פאַר אַן עסקן כללי, אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דעם וואוילזיין פון אידן. ער האָט נאָך געקענט זיין פאָטער, דעם באַרימטן רבי'ן שניאורסאָהן, וואָס האָט גענומען אַ הויפּט־אָנטייל אין יעדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און בשייכות מיט זיין אַרבעט האָט ער אָפט באַזוכט די מלוכה־שטאָט.

— ווען איך בין נאָך געווען — זאָגט זיי ווייטער פוקס — אַ סטודענט אין דער אוניווערזיטעט פון לענינגראַד, האָב איך געזען דעם רבי'ן דעם זיידן, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן צו באַזוכן די גרויזאַמסטע מיניסטאָרן [פון דער צאַרישער רעגירונג] פון יענער צייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָגראָמען וואָס זיינען דאַן דורכגעפירט געוואָרן אויף אידן אין קיעוו און אין ניעזשין; און מיט זיין גרויסער חכמה און תוקף הדעת האָט ער אַ סך געווירקט צו באַרואיקן די צעשטורעמטע געמיטער.

— און דער רבי שניאורסאָהן פון איצטער איז אַ מענטש פון גייסט אין פולסטן זין פון וואָרט. און אויב ס'איז ריכטיק אַז ער שטיצט אינסטיטוציעס פון דת — אַ זאַך וואָס איך ווייס ניט דערפון, אָבער אויב ס'איז אַזוי — בין איך זיכער אַז קיין שום אומרעכט קעגן געזעץ וועט ניט געפונען ווערן אין זיין אַרבעט. איך ווייס, אַז ער געפינט זיך איצט אין מאָסקווע, אָבער דער ציל פון זיין קומען איז פאַר מיר אומבאַקאַנט.

ווען איך בין אַהיים־געקומען [דערציילט ה' פוקס צום בריוו־שרייבער] האָבן שוין אויף מיר געוואַרט מיינע חברים פון דער שול־פאַרוואַלטונג, ווייל זיי האָבן זיך גע־זאָרגט וואָס דעם מאָל האָט מען מיך אין דער „גע־פע־או" פאַרהאַלטן לענגער ווי געוויינטלעך. איך האָב זיי ניט געוואָלט זאָגן צוליב וואָס מ'האָט מיר גערופן. האָב איך זיי געזאָגט וואָס איך האָב געזאָגט און איך האָב אָפּגערופן איינעם פון דעם רבי'נס מקורבים און אים געלאָזט וויסן וועגן פריער דערציילטן [וועגן דער 'איינלאַדונג' אין „גע־פע־או"] און האָב זיי געגעבן מיין עצה, אַז דער רבי זאָל נאָך אין דער זעלביקער נאַכט פאַרלאָזן די שטאָט.

אויף מאָרגן, מאָנטיק, האָב איך באַגעגנט דעם מענטשן, דעם רבי'נס מקורב און אים געפרעגט, צי דער רבי איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט מיר געגעבן אַ ניט־קלאָרן ענטפער. איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיין עצה איז ניט אָנגענומען געוואָרן און כ'האָב געהאַט צער דערפון.

דאָנערשטיק פאַרנאַכט בין איך מיט מיינע פריינט פאַרבייגעגאַנגען די ליובאַוויטשער שול און מיר האָבן געזען ווי די שול איז שטאַרק באַלויכטן מיט אַ סך לאָמפּן און איז אָנגעפילט מיט מענטשן פון ברעג צו ברעג. אַ גרויסער עולם, וואָס האָט ניט געקענט אַריינקומען אינעווייניק, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און אויף די טרעפּ. אויף אונזער פראַגע וואָס דאָס באַדייט, האָט מען געענטפערט אַז דער ליובאַוויטשער רבי האַלט אַ דרשה פון דער בימה; און ווייל די נאַכט איז פורים־קטן, וועט נאָך דער דרשה זיין אַ חבר'ישער פאַרברענגען.

הערנדיק אָט־די רייד איז מיר דורכגעגאַנגען אַ ציטער איבערן גאַנצן קערפּער. אין יענעם מאָמענט האָב איך געטראַכט, אַז אָט־דער אייניקל האָט גע'ירש'נט דעם תוקף הדעת פון זיין זיידן, וואָס האָט זיין לעבן געבראַכט אין סכנה, שטעלנדיק זיך קעגן די שרעקלעכע רשעים פון דעם אַלטן רעזשים, צוליב דער טובה פון אידן.

איך און ה' ווענדל זיינען אַריינגעגאַנגען הערן די דרשה, און איך האָב געזען ווי דער רבי זיצט אויף דער בימה און רעדט מיט אַ שטאַרקער, אויסגעצויגענער שטים. דער אינהאַלט פון זיין מאמר איז באַשטאַנען אין אויפקלערן דעם נס פון פורים וואָס איז געקומען דורך דער שטאַרקייט פון אידן אין יענעם דור: די אידן האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן צום מלך, וואָס האָט געפאָדערט — לויט דער עצה פון זיינע שרים — אַז זיי זאָלן זיך אַסימילירן צווישן דעם פאָלק פון אחשורוש; די סיבה פון דער אידישער שטאַרקייט בייצושטיין דעם נסיון

זיינען געוועזן די צווײ און צוואַנציק טויזנט אידישע קינדער, די תלמידים פון מרדכי, וואָס האָבן געזאָגט צו מרדכי אין דער צייט פון דער גזירה אויף לימוד התורה: „מיט דיר זיינען מיר, אויף לעבן און אויף טויט!" און זיי — די אידישע קינדער און יוגנט־לעכע — האָבן מנצח געווען דעם שר פון די שרים, המן הרשע. און אַט־די גייסטיקע מלחמה איז אַ שטענדיקער קאַמף, וואָס קומט פאָר אין יעדן דור, און נאָר דורך שטאַרקן לימוד התורה פון תינוקות של בית רבן וועלן מיר אַנהאַלטן אונזער שטאַנד, ווי דער פסוק זאָגט „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז . . להשבית אויב ומתנקם" (פון מויל פון פּיצלעך־קינדער און זויגלינגען האָסטו גע־פונדעוועט די שטאַרקייט צו צעשטערן דעם פיינט און נקמה־נעמער).

איך וועל ניט לייקענען, אַז אויסער דעם אינהאַלט פון די רייד, האָט די התלהבות פון רעדנער — וואָס רעכנט זיך ניט מיט די שוועריקייטן און דער סכנה וואָס זיי־נען פאַרבונדן מיט אַזאַ רעדע — און די צוגעטראָגנקייט פון די צוהערער געהאַט אויף מיר אַ שטאַרקע ווירקונג. איך האָב גע־וואָלט פאַרבלייבן און הערן די וויטערדיקע רייד, אָבער פלוצים האָב איך דאָרט באַ־מערקט אייניקע מענטשן, וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט אַז זיי זיי־נען שפּיאָנען, און מיר האָבן פאַרלאָזט די שול.

ה' וועגדל, וואָס קען די חסידים מער ווי איך, האָט מיר געזאָגט — גייענדיק פון שול, און זייענדיק אונטער דער ווירקונג פון דעם וואָס מיר האָבן געהערט און געזען — אַז אַט־די דרשה, וואָס איז אָנגעפּילט מיט אַ גרויסן אינהאַלט, און איז צוגע־פּאַסט צום מצב פון רעליגיעזע אידן אין דער קעגנוואַרט, וועט געוויס מאַכן אַ גרויסן רושם. די חסידים פירן זיך, אַז יעדער אייניציקע רעדע פון רבי'ן — גערופן אין זייער שפּראַך „מאמר" — ווערט דורך זיי דערנאָך איבערגע'חזר'ט אַ סך מאָל. און דערביי היטן זיי שטאַרק די פּינקטלעכקייט פון יעדן וואָרט. זיי פאַרשרייבן אַט־די רעדע (מערסטנס פאַרשרייבט זי דער רבי אַליין), און זי ווערט נאָכדעם פאַרשפּרייט איבער די חסידישע וואוין־ערטער.

אַ וואָך שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן מיט ה' ליטוואַקאָוו — דער הויפּט פון דער „יעווסעקציע" (אידישע אָפּטיילונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי) — און ער האָט מיט מיר געשמועסט וועגן פאַרשידענע זאַכן און צווישן זיינע רייד האָט ער זיך געקלאָגט אויף רבי שניאורסאָהן, וואָס האָט אָרגאַ־ניזירט די „כלי קודש": רבנים, שוחטים, מלמדים און ראשי ישיבות איבער דער גאַנ־צער מדינה און ער האָלט זיי אויס און אויך אַנדערע מוסדות פון דת — בתי כנסת, בתי טבילה, שיעורים פאַר לערנער, חדרים און מלמדים.

אין יעדן ווינקעלע וואו מיר קערן זיך — זאָגט ער מיר — ניט בלויז אין ווייס־רוסלאַנד, מאַלע־ראָסיע (אוקראַינע) און טיף רוסלאַנד, נאָר אויך אין די וויטסטע געגנטן, ווי גרוזיע און טורקעסטאַן, אויך דאָרט גע־פינען זיך די פאַרשטייער פון רבי'ן שניאורסאָהן און די פאַרווירקלעכער פון זיין רצון אויפצוהאַלטן די אַנשטאַלטן פון דת ישראל.

צוויי פאַסירונגען האָט ער מיר דערציילט, וואָס אויב זיי זיינען אמת, זיינען זיי די ריכטיקע עדות אויף דער גוטער אָרגאַני־זאַציע:

א) די גרוזינער אידן האָבן על פי רוב געהאַט זייער אייגענעם „איספּאָלקאָם" (אויס־פיר־קאָמיטעט פון דעם שטאָט־ראָט). אין איינעם פון די דאָרטיקע ישובים זיינען מיט פינף יאָר צוריק — ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יעווסעקציע־איינריכטונגען — צעשטערט געוואָרן די אָרטיקע רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

אין אַ געוויסן טאָג איז אין גרוזיע גע־קומען אַן אשכנזישער יונגערמאַן — די גרו־זינער אידן רופן די רוסישע אידן מיטן נאָמען „אשכנזים" — וואָס האָט גערעדט די גרוזינישע שפּראַך ווי אַ געבוירענער גרוזין. ער האָט פאַר אַ פאַרזאַמלונג פון אידן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט געוועקט די הערער מען זאָל אויפ־שטעלן די רעליגיעז־אַנשטאַלטן, אַ בית הכנ־סת, תלמוד תורה און בית טבילה. אין זיין רעדע האָט ער אויך געבראַכט ציטאַטן פון געזעץ־ביכער [פון דער רעגירונג] לויט וועלכע די בירגער האָבן רעכט אויפצוהאַלטן רעליגיעזע מוסדות אויף זייערע הוצאות.

אַט־דער יונגערמאַן איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון איין ישוב צום צווייטן. אין זיינע רייד האָט ער „געלויבט" די רעגירונג, וואָס אַנערקענט די רעכט פון די אַרבעטער, און האָט גלייכצייטיק גערעדט וועגן אויפשטעלן רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

זיינע רעדעס און זיין אויסזען האָבן גע־מאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע צוהע־רער, און אין די אידישע ישובים איבער דער גאַנצער ברייט פון גרוזיע, האָט זיך דערוועקט אַ פלאַמיקע רעליגיעזע באַוועגונג.

אין איין ישוב, וואו דער יונגערמאַן האָט בעת זיין ריידן פאַרן עולם ציטירט פון די געזעץ־טעקסטן, ווי פריער דערציילט, האָט דער „איספּאָלקאָם" זיך טועה געווען און געמיינט אַז דער יונגערמאַן איז אַ פאַר־שטייער פון דער [פּאַרטיי] צענטראַלע. זיי

זיינען פון זיין רעדע שטאַרק צעפלאַמט געוואָרן און האָבן איינשטימיק באַשלאָסן צו פאַרריכטן דעם בית טבילה אויף די הוצאות פון „איספּאָלקאָם", און אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן זיי אויך דורכגעפירט דעם דאָזיקן באַשלוס.

ב) זינט ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער רעזשים, זיינען — במשך פון צוויי יאָר בערך — כמעט אין אַלע ישובים פון די גרים געגרינדעט געוואָרן יעווסעקציע־קאָמיטעטן, וואָס האָבן אינטענסיוו געאַרבעט. אָבער פלוצים האָבן די יוגנטלעכע פון די גרים זיך קעגנגעשטעלט די קאָמיטעטן פון דער יעווסעקציע און האָבן זיי פאַרטריבן פון די דערפער, זאָגנדיק, אַז די געזעצן פון לאַנד דערלויבן די בירגער זיך צו פירן אין רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן ווי זיי אַליין ווילן עס. פון זינט דאַן איז דאָרט אויפגעקומען אַ פייערדיקע רעליגיעזע באַוועגונג. זיי האָבן געגרינדעט אייגענע בתי תפילה, געקויפט נאָך אַ צאָל ספר תורה'ס, אויפגעשטעלט מקוות און זייערע קינדער לערנען אין חדרים; און זייערע מלמדים זיינען אידן וואָס קומען פון די געגנטן פון מינסק, וויטעבסק און מאָגילאָוו.

נאָך אַן אויספאָרשונג פון עטלעכע חדשים זיינען מיר — אין דער צענטראַלע — דערגאַנגען, אַז דאָס אַלץ זיינען רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון רבי'ן שניאורסאָהן, וואָס האָט געשיקט זיינע שלוחים איבערן גאַנצן לאַנד און שטיצט רעליגיעזע מוסדות מיט גרויסע געלט־סומעס. [דאָס אַלץ דערציילט ליטוואַקאָוו פאַר דעם ה' פוקס].

— איז עס דען ניט אמת — האָט פוקס געזאָגט ליטוואַקאָוון — אַז דאָס געזעץ דערלויבט די בירגער זיך אויפצופירן ווי זיי ווילן אין רעליגיע־ענינים; און אַז די בירגער מעגן אויסהאַלטן די מוסדי הדת אויף זייער חשבון? וואָס איז די זינד פון רבי שניאורסאָהן וואָס ער איז מפרסם די לאַנד־געזעצן?

— אין „גע־פע־או" — ענטפערט ליטוואַקאָוו — ווייסט מען שוין אין וואָס עס באַשטייט דער חטא פון רבי שניאורסאָהן! און מיר — האָט ער פאַרענדיקט מיט כעס — האָבן באַשלאָסן אים אויסצורייסן מיטן וואָרצל, און ביי אונז האָט זיך שוין אָנגעזאַמלט דער נויטיקער מאַטעריאַל דערצו.

דעם אינהאַלט פון ליטוואַקאָווס שמועס האָב איך איבערגעגעבן צו איינעם פון דעם רבי'נס מקורבים, און איך זאָרג זיך אַז דערפון זאָלן ניט אַרויסקומען קיין שלעכטע רעזולטאַטן.

די אַלע זאַכן האָט מיר דערציילט ה' פוקס, סוף אדר ראשון תרפ"ז.

באַמערקונג פון רעדאַקציע: ווי מיקען זען איז דאָ דער בריוו ניט פאַרענדיקט, אָבער ביז איצט איז אונז ניט געלונגען צו באַקומען דעם המשך פון דאָזיקן אויטענטישן דאָקומענט. די אַנטוויקלונגען פון די ווייטערדיקע פאַסירונגען זיינען באַקאַנט: די מסירות פון דער יעווסעקציע האָבן געפירט צום אַרעסט פון רביין. מען האָט אים אין דער טורמע זייער געפייניקט, אים געימשפט, און ער איז געווען אויסגעשטעלט צו ווירקלעכע טויט־געפאַרן. בחסדי השי"ת איז דער רבי באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און מיהאָט אים פאַרשיקט אין דער שטאָט קאַסטראָמאַ. י"ב תמוז תרפ"ז איז דער רבי באַפרייט געוואָרן. די רעדאַקציע פאַרהאָפט אין די קומענדיקע נומערן צו דערציילן דעם גאַנצן פאַרלויף פון דעם אַרעסט און גאולה.

אמסטערדאם און אירע ספרים / פאָרזעצונג פון זייט ח

בערן גאַנצן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, — פון אַמסטערדאַם אין צפון ביז יוגאָסלאַוויע אין דרום, פון אַנטווערפּן, ירושלים דמערב ביז ווילנע אין מזרח, ירושלים דליטע.

אויסגעלאָשן די אַמאָליקע פּראַכט...

און ביז היינט, ווען איך שפּיגל זיך אין דער פּראַכט פון אַמסטערדאַמער ש"ס, אין דער וואונדער־שיינקייט פון די באַצירונגען, שניצערייען, קופּער־שטיכן פון די דאָרטיקע ספרים, וואָס שפּיגלען אָפּ אַ רייך, שיין גייסטיק לעבן; ווען איך זע די פּרעכטיקע „שערים" צו די דאָזיקע ספרים, — גיט עס אַ שטאָך אין האַרצן. די הנאה איז געמישט מיט ווייטיק.

ווי קען מען געניסן פון עסטעטיש פאַרגעניגן ווען מ'ווייסט, אַז דער פּרעכטיקער גלאַנץ איז אַזוי אכזריות'דיק אויסגעלאָשן?

איבער דער ערשטער קינדהייט באַצויבערטקייט, פון אַמסטערדאַמער ספרים, פון ווייטע לענדער און שטעט און פון בלומענדיקע געמעלערייען איז פאַרצויגן אַ שוואַרצער שלייער פון חורבן־אומעט...

* * *

אויף אונז די געבליבענע פון מבול, וואָס האָט פאַרפלייצט די קדושה־צענטערן פון תורה־דרוקערייען און די לערנער פון די הייליקע ספרים, איז געלייגט געוואָרן דער חוב — און אומגעהויערער זכות — צוריק אויפצושטעלן די צענטערן פון לימוד התורה, פאַרזוצן אונזער ירושה פון ספרי הקודש און לומדי תורה.

שוואַרצע בילדער

א.ז. פּאָרסט

ויאמרו הבה נבנה לנו עיר ומגדל וראשו בשמים...
ויאמר ה׳... הבה נרדה ונבלה שם שפתם אשר
לא ישמעו איש שפת רעהו (בראשית יא, ד)

אַלץ הויבט זיך אָן מיט אַ פראַגע — אַלץ וואָס מיר זעען איז מעורר אַ פראַגע און אַלץ וואָס מיר טראַכטן איז: אַן ענטפער אויף אַ פראַגע. ס׳ווייזט אויס, אַז פרעגן איז אַן אייגנשאַפט וועלכע געהערט צום מענטשלעכן מהות. אפשר מחמת דעם הויבט זיך אָן די תורה שבעל פה — דער טייל פון דער תורה וועלכע איז מער איבערגעגעבן געוואָרן צום מענטשלעכן שכל — מיט אַ פראַגע: מאימתי, און ניט מיט אַ הלכה פסוקה.

איינע פון די פראַגן וואָס באַשעפטיקן אידן, זינט זיי זיינען אין גלות צווישן די פעלקער, איז: וואָס פאַר אַ שייכות האָבן מיר מיט די גוים און מיט זייערע געדאַנקען און די פראָדוקטן פון אָט־די געדאַנקען? דאַרפן מיר צוטרעטן צו זיי, אָדער מוזן מיר אַנטלויפן פון זיי; אָדער צי קאָנען מיר גאָר אַנטלויפן פון זיי? און בכלל וואָס מיינט צו אונז די וועלט, אַזוי ווי זי שטעלט זיך פאָר אין אירע פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען? מיר זיינען דאָך געצוואונגען יעדנפאַלס צו נעמען אַ שטעלונג, וואָס זי זאָל ניט זיין; מיר מוזן רעאַגירן דערויף, ווייל מיר זיינען דאָך אַריינגעשטעלט אין דער וועלט — און דאָס איז אַ פאַקט. ניט מיט אונזער בחירה האָבן מיר זיך אויסגעקליבן צו ווערן אַריינגעשטעלט אין דעם צענטער פון וועלטלעכער ציוויליזאַציע — מיר זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון די קליינע שטעטלעך, וואו אונזערע אבות האָבן געוואָרצלט אין תורה און אידיש לעבן, און וואו זיי האָבן אין אַ געוויסער מאָס געהאַט אַ ברירה ניט צו ווערן קאָנפראָנטירט מיט דער גוי׳שער וועלט.

אין משך פון די לעצטע יאָרן, זינט דאָס קליינע שטעטל איז חרוב געוואָרן, איז אַריינגעטראָטן אַ גרויסע רעוואָלוציע אין אידישן לעבן, וועלכע איז אונז אַליין נאָך ניט אינגאַנצן באַוואוסט, ווייל מיר געפינען זיך נאָך אין מיטן פון אָט־דעם פראָצעס. מיר זיינען קאָנפראָנטירט מיט דער וועלט אין אַזאַ שטאַרקער מאָס, וואָס מיר געפינען קוים איר גלייכן אין דער אידישער געשיכטע. יעדער איד וואָס האַלט זיך אין דער אידישער מסורה און דאַרף אויפציען קינדער אין רוח ישראל סבא, איז פאַרוויקלט אין דעם פראָבלעם פון אָט־דער קאָנפראָנטאַציע.

דאָס וואָס ס׳רעדט זיך אין די ווייטערדיקע שורות שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקע פאָרם אין וועלכער ס׳דריקט זיך אויס דער מהות פון דער וועלט אין יעדן דור. ס׳איז אַזאַ מין „טערמאָמעטער" וואָס צייגט די טעמפּעראַטור פון אַ געוויסער צייט — און דער סאָרט טערמאָמעטער רופט זיך: „קונסט". אין אַנדערע ווערטער: ווי דאָס דענקען און געפיל פון מענטשן קומען צום אויסדרוק אין אַ שפּראַך פון פאָרם. מאָלעריי, ליטעראַטור און מוזיק זיינען פאָרמען וואָס דריקן אויס אַ שטעלונג פון מענטש צו זיך און צו דער אַרומיקער וועלט. אויב עמעצער איז פאַראינטערעסירט צו פאַרשטיין וואָס ס׳קומט פאָר אין דער וועלט אין אַ טיפערן פאַרנעם, מוז ער אַריינגיין אין אַ מאָדערנער גאַלעריע און באַטראַכטן דאָרט די „אַרטוואוירק" (קונסטווערק). כדי צו באַנעמען וואָס דאָרטן קומט פאָר, דאַרפן מיר זיך פרעגן: וואָס איז אין אונזער צייט די אייגנאַרטיקע דערשיינונג, וועלכע איז בולט מער פון אַלע אַנדערע און וועלכע לייגט איר שטעמפּל אויף אונזער דור? אָן אַ ספק קאָן מען זאָגן: עס איז די טעכנישע אַנטוויקלונג און דערגרייכונג וועלכע מאַכט אונזער עפּאָכע אַזוי מערקווירדיק און אייגנאַרטיק. און אויב מיר נעמען אָן אַז קונסט איז די שפּראַך וואָס דריקט אויס אַ שטעלונג פונעם מענטש צו זיין צייט — דאַן איז די גאַנצע היינטיקע קונסט־פּראָדוקציע אַ רעאַקציע צום טעכנאָלאָגישן אויפשטייג פון אונזער דור.

זוכנדיק אַן אויסדרוק, וואָס זאָל איבערגעבן דעם תמצית פון דעם וואָס מ׳רופט היינט „קונסט", איז ניט צו געפינען קיין פּאַסיקערן ווי דאָס וואָרט „פּראָטעסט": דער פּראָטעסט פונעם יחיד קעגן כלל. דער כלל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער מאַשין וואָס באַוועגט זיך און וואַקסט אומאויפהערלעך אין געוואַלטיקע דימענסיעס —

דער מחבר פון דאָזיקן אַרטיקל איז אַ טיף־רעליגיעזער דענקער, אַ העכסט־פרומער איד און אַ באַגאַבטער קינסטלער. ער האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע צאָלרייכע בילדער; ווי אויך מאָלערייען און אילוסטראַציעס וואָס באַצירן פאַרשידענע ספרי קודש.

און דער פּרט, דער מענטש, האָט פאַרלוירן די שליטה איבער אָט־דער מאַשין.

ווען מען באַטראַכט די פאַרשידענע שאַפונגען און אַלץ וואָס קומט פאָר אין די קונסט־גאַלעריעס, מערקט מען אַ באַמיאונג צו טאָן עטוואָס וואָס איז אַנדערש פון דעם וואָס איז אָנגענומען ביים כלל; אַ דראַנג זיך אויסצודריקן אין אַ פאָרם וועלכע איז אַ „יוצא מן הכלל". דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין „יחידות'דיקייט", ווייל ער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ מעכטיקער מאַשין, וועלכע דרייט זיך פון זיך אַליין און איז געוואָרן אויטאָנאָם אין איר וועזן. האָט דער מענטש אָנגעוואוירן די מטרה און דעם פּערזענלעכן תכלית. ס'איז ניטאָ קיין ציל אין לעבן, ס'איז ניטאָ קיין באַפרידיקונג פון דערנענטערן זיך צום ציל און ס'פעלט אַפילו די אומרואיקייט פון ניט האָבן דערגרייכט דעם ציל. און דער רעזולטאַט: אַ טיפע לאַנגווייליקייט פון וועלכער מ'קען נאָר אַנטלויפן מיט דער הילף פון „דראָגס" וועלכע פירן אַריבער אין אַ וועלט פון אומווירקלעכקייט און אילוזיע; אָדער מ'פּראוווט צעשטערן די ווירקלעכקייט דורך אויסדריקן זיך אין פאָרמען וואָס האָבן ניט צו טאָן מיט דער לאָגיק פון ווירקלעכקייט און צוועקמעסיקייט. און דאָס איז דער פּראָטעסט קעגן דער הערשנדיקער „רעאַליטעט".

ס'איז גלייכצייטיק אַ קשיה: וואָס איז „רעאַליטעט"? אויב זי איז דאָס וואָס זי שיינט מיר, ווייל איך פון איר אַנטלויפן; און אויב איך קען ניט אַנטלויפן, ווייל איך זי אויסמעקן. און דאָס איז דער באַדייט פונעם שוואַרצן בילד. — יעדער פּראָטעסטירט אויף אַן אַנדער אופן, יעדער וויל צוריקגעווינען זיין אייגענעם „איך" — זוכט ער דעריבער צו ריידן אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך, זיך אויסדריקן אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם; ס'איז אַ לשון וואָס האָט ניט וואָס צו זאָגן. איר תכלית איז ניט דורך איר צו פאַרבינדן זיך מיט אַנדערע, נאָר פאַרקערט: זי זוכט צו אָפּטיילן זיך פון אַנדערע, פון דער וועלט. אָט־די שפּראַך באַשטייט ניט פון ווערטער וואָס אַנטהאַלטן אַ לאָגישן זינען וועלכער קאָרעספּאָנדירט מיט אַנדערע. ס'איז ווי אַ שפּראַך פון קולות פון אַ פאַרצווייפלטן מענטש, וואָס קען ניט מער אויסהאַלטן פון זיך אַליין און ס'זיינען ניטאָ קיין ווערטער וועלכע קענען אַרויסגעבן עפּעס וואָס ס'איז אַ סך טיפער ווי דער אויבערפלעכלעכער זין פון ווערטער — גייט ער אין גאַס און שרייט. ווייל נאָר דורך דעם פאַקטישן אויסברוך פון שאָקירנדיקער אומלאָגיק און אומנאַטירלעכקייט קען ער זיך שאַפן אַ געוויסע באַפרייאונג פון דעם טיפן דרוק וואָס פאַרלאַנגט אַן „עקספּלאָזיע". אָט־די „עקספּלאָזיעס" קען מען זען אין יעדן מוזעאום און אין יעדער גאַלעריע.


Installation view of Reinhardt's black paintings

מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען געקענט זען אין גוגענהיים־מוזעאום אַן אויסשטעלונג פון צעריסענע זעק באַשמירט מיט קאַלך און „באַפּוצט" מיט זאַמד — און דאָס גאַנצע געליעפּעטע איז געווען אָנגעקלעפּט אויף ווייסן לייוונט. אָבער מענטשן זיינען געשטאַנען און עס אָנגעקוקט מיט רעספּעקט — די „שאַרפע קעפּ" האָבן געזאָגט פּשטים, און די קריטיקער האָבן וועגן דעם געשריבן אין די זשורנאַלן. נאָך מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָט איינער אויסגעשפּרייט אַ לייוונט אויף דער ערד, אויסגעגאָסן אויף אים טעפּ מיט פאַרב און עס צעשמירט איבער דעם לייוונט מיט אַ גרויסן בעזים. היינט הייסט ער שוין „אָפּגעשטאַנען", זיינע ווערק זיינען שוין געוואָרן „קלאַסיש" און ווערן פאַרקויפט פאַר צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן. היינט טרעפט מען גאַנץ אַנדערע זאַכן. מ'זעט פאַרשידענע מאַכערייקעס וואָס הענגען אין דער לופט און דרייען זיך; מ'זעט צעבראָכענע כלים, טיילן פון אַ צעבראָכענעם אויטאָמאָביל, אַמאָל סתם אַ שטיק שטיין, אָדער בלעכענע קעסטלעך מיט צוגעקלעפּטע שמאַטעס, וועלכע ווערן רעפּרעזענטירט ווי סקולפּטור.

דער אמת איז, אַז עס גייט ניט מער אין דעם וואָס מ'האָט ביז איצט גערופן „קונסט", ווייל דאָס האָט דאָך ניט קיין זין, אַזוי ווי אַלץ האָט ניט קיין זין. געבליבן איז בלויז אַ פּראָטעסט: פאַרוואָס עס איז אַזוי ווי ס'איז. ממילא דאַרף מען דאָך אינגאַנצן ניט צולייגן קיין האַנט; מ'קען זיך נעמען אַ חפץ וואָס מ'האָט ערגעצוואו אויפגעקליבן, אים אויסשטעלן אין מוזעאום און זאָגן: דאָס דריקט אויס... — וואָס? מ'דאַרף שוין אַליין ניט וויסן וואָס. די קריטיקער וועלן שוין זאָגן עפּעס אַ פּשט; און וואָס ווייניקער עס איז פאַרשטענדלעך — איז אַלץ בעסער. דער ענין פון ניט־וועלן־זיין־פאַרשטענדלעך און אַליין ניט וועלן פאַרשטיין וואָס מ'טוט, אָט דאָס איז וואָס מ'וויל באַווייזן. אין אַנדערע ווערטער: איך טייל

זיך אָפּ פון דער וועלט, ווייל זי האָט ניט קיין זין און איך וויל דאָס דעמאָנסטרירן מיט אַזוינס וואָס האָט אויך ניט קיין זין — און וואָס ווייניקער דו קענסט געפינען אַ זין אין מיין „שאַפונג״, אַלץ בעסער האָב איך דעמאָנסטרירט.

מ׳דאַרף דאָס אַלץ באַטראַכטן ווי אַ „טער־מאָמעטער״ וועלכער ווייזט די גראַדוסן פונעם געדאַנקן־גאַנג פון די וואָס געפינען זיך אין אַ פיבערדיקן פעריאָד. פון איין זייט בויט מען ריזיקע טורעמס כדי אַרויפצושטייגן אין די הימלען און פון דער צווייטער זייט רעדט מען דאָ אויף דער ערד אַזעלכע לשונות וואָס קענען ניט פאַרשטאַנען ווערן.

אָט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אויפקום פון טעכנאָלאָגיע, וואָס האָט היינט דערגרייכט ריזיקע פּראָפּאָרציעס און האָט געמאַכט דעם מענטש אומוויכטיק. די מאַשין איז אַריבערגעוואַקסן דעם קאָנטראָל פון מענטש, וואָס האָט זי געשאַפן.

מיט אַ הונדערט יאָר צוריק האָט דער מענטש גענומען קוקן מיט באַוואונדערונג אויף זיך אַליין צוליב זיינע נייע אויפטו־אונגען — און צו דער זעלביקער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון קונסט, וועלכע איז געוואָרן אַלץ מער און מער אינדיווידואַליסטיש און — נערוועז. מ׳האָט אָנגעהויבן ריידן אין נייע כאָ־מען — און פאָרם איז אַ שפּראַך. דער דאָזיקער פּראָצעס איז ניט געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ווייל אויך די טעכנאָלאָגיע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אין אונזער צייט זעען מיר, ווי די פאָרם איז צעבראָכן געוואָרן און דער געדאַנק האָט פאַרלוירן דעם זין און געבליבן איז — אַ שוואַרצע בילד. פון איין זייט די מאַשין, וואָס וויל דערגרייכן צו דער לבנה, און פון דער אַנדערער זייט האָט די פאָרם אויפגעהערט צו זיין די שפּראַך און דער אויסדרוק־מיטל צווישן מענטש און מענטש, צווישן יחיד און כלל.

...ויאמרו הבה נבנה לנו עיר ומגדל וראשו בשמים ונעשה לנו שם... ויאמר ה׳ הבה נרדה ונבלה שם שפתם אשר לא ישמעו איש שפת רעהו... (...און זיי האָבן געזאָגט: לאָמיר זיך נעמען בויען פאַר אונז אַ שטאָט און אַ טורעם און זיין שפּיץ (ביז) אין הימל און מיר וועלן זיך מאַכן אַ נאָמען... און געזאָגט האָט דער אויבערשטער: לאָמיר „אַראָפּנידערן״ און צעמישן זייער שפּראַך...).

ס׳וואָלט געווען אַ שרעקלעכער טעות ווען מיר אידן וואָלטן געזען אין דעם דאָזיקן צוזאַמענברוך פון „קולטור״ אַ דערשיינונג וואָס דאַרף אונז פרייען און אונז פאַרשאַפן אַ געפיל פון נקמה.

דער אמת איז, אַז דער שיקזאַל פון דער וועלט ליגט אויף אונזערע פּלייצעס! מיר זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גורל פון דער וועלט; און אויב זי איז קראַנק, איז דאָס אַ סימן אַז איר הארץ איז קראַנק — און אידן זיינען דאָס „האַרץ״ פון דער וועלט.

וואָס דאַרפן מיר טאָן? אָט דאָס איז די פראַגע וואָס דאַרף בויערן אין אונזער מוח און דאַרף אַרויסרופן זאָרג אין אונזער האַרץ. און אפשר איז גאָר ניט נויטיק צו געפינען דעם ענטפער? אפשר איז גענוג בלויז צו זיין פאַרטאָן מיט דער פראַגע? אפשר איז דאָס דער ענין פון „ובקשת משם את ה׳ אלקיך״ — ווען דו וועסט באמת פרעגן און זוכן פון דעם מצב אין וועלכן דו געפינסט זיך — „...ומצאת כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך״... וועסטו געפינען, אויב דו וועסט נאָר פרעגן מיט דיין גאַנצן האַרצן.

ר׳ מנחם מענדל דייטש ז״ל / פאַרזעצונג פון זייט כד

פאַרזעצונג פון זייט כד

* * *

איז דאָס אַלץ אין דער בחינה פון הספד? ניין, בשום אופן ניט! ניט ר׳ מענדל איז געווען אַזאַ איד וואָס וואָלט „דערלויבן״ מ׳זאָל אים נאָכזאָגן הספדים. ער וואָלט זיכער אַ מאַך געטאָן בטול־דיק: עט, שטותים! ניט איך בין דער וואָס איז ראוי צו מספיד זיין אַזאַ ר׳ מענדל; און אוודאי זיינען היינטיקע סאָרט הספדים ניט ווערט צו באַגלייטן אַזאַ איד. דאָס איז אויך ניט קיין אָפּשאַצונג פון ר׳ מענדל׳ס מהות — וואָרום, ווידעראַמאָל, ניט איך בין מסוגל און ניט די ראַמען פון אַזאַ מאמר זיינען גענוג דערצו.

דאָס זיינען נאָר אַ פּאָר אַנגעוואָרפענע שטריכן פון דעם אויסערגעוויינלעכן געשטאַלט פון אַ איד־מענטש, אין יענער אומגעוויינלעכער צייט; אַ מענטש וואָס האָט אַרום זיך געשפּרייט וואַרעמע שטראַלן פון עכטער און פשוטער האַרציקייט, פון דער הילפס־פולער באַשיידנקייט און געשמאַקער חסידישער חברישקייט! טאָ זאָל דער היינטיקער דור עפּעס אַרויסמוסטערן פון דאָזיקן געשטאַלט. זאָלן מיינע קינדער (און פיל אַנדערע קינדער) וויסן אַז זייער פאָטער האָט קינדווייז ממש געצויגן חיות, פיזישן און מאָראַלישן לעבן, אין דעם ר׳ מענדל׳ס הויף, אַז געווען איז עס אַ איד וואָס זיין אַוועקגיין איז אומדערזעצלעך און — אומפאַרגעסלעך: „חבל על דאבדין ולא משתכחין״, און דאָ ווילט זיך טייטשן לויט דער משנה — „משתכחין׳ אינעם זין פון שכחה. אַ טוטווייאיקער שאָד איז אונז, ווען עס גייען פאַרלוירן אַזעלכע וואָס קענען ניט ווערן פאַרגעסן!

צום סדר מיט א מיליציאנער

• ש. מלחי

...אַ פּאָר חדשים פאַר פּסח תש״ב איז יאָסעלע געוואָרן אַ יתום נאָך זיין טאַטן. געשען איז עס אַ קורצע צייט נאָך זייער קומען קיין סאַמאַרקאַנד. יאָסעלעס פאָטער איז שוין יאָרן לאַנג געווען קראַנק אויפן האַרצן. די פיזישע ליידן און די גייסטיקע איבערלעבענישן האָבן דעם טאַטן צעבראָכן און אַלט געמאַכט אין סאַמע בלי פון זיינע יונגע יאָרן. איז ער געקומען קיין סאַמאַרקאַנד שוין אינגאַנצן אַ צעבראָכן שערבל אינעם ים פון נויט און הונגער.

האָט דעריבער יאָסעלע אַלץ אָפטער גענומען מערקן ווי זיין טאַטנס גרויסע שוואַרצע אויגן קוקן אַלץ טיפער און פאַרטראַכטער אין דער הימלשער הויכקייט.

ווען דעם טאַטנס צושטאַנד האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט, האָט מען אים גענומען אין שפיטאָל. אין יענע צייטן אין סאַמאַרקאַנד איז עס געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. דער טאַטע האָט אויפגענומען די ידיעה פון זיין גיין אין שפיטאָל מיט אַ מאָדנעם טרויער־שמייכל. ער האָט ווייניק גערעדט. בלויז געציילטע ווערטער האָט דאַן יאָסעלע געהערט פון זיין טאַטן; ווערטער פון שטילן און דערדריקנדיקן געזעגענען זיך. יאָסעלע האָט געהאַט אַ גוטן אויער. האָט ער אין יענעם לעצטן בלויען פרימאָרגן, ווען דער טאַטע האָט געהאַלטן ביים אויסטאָן דעם טלית, געהערט אַ שטילן פליסטער, אַ טיף־אינערלעכן שעפּטשען פון אַהינטערן טלית: „מען דאַרף זיך גרייטן אין וועג אַריין... יאָ, אין וועג אַריין...״ די דאָזיקע ווערטער האָבן יאָסעלען געמאַכט פילן אַ שטעכיקע קעלט איבערן גאַנצן קערפּער. פאַרלירנדיק דעם קאָנטראָל איבער זיך, האָט ער אַרויסגעשריגן: „טאַטע!״ — און דאָס אַלץ.

דער טאַטע איז פון שפיטאָל אַהיים מער ניט געקומען. אַוועק צו זיינע אָפּט־אַרויפּגעבליקטע הימלען. יאָסעלע האָט געהונגערט און געזאָגט „קדיש״. ער איז געלאָפן איבערדערפרי און פאַרנאַכט אין די חושכ׳דיקע „מנינים״, וואָס זיינען זיך צעוואַקסן פון נאַכט צו נאַכט דורך אַלץ נייע אבלים.

יאָסעלע, אין זיין צוועלפטן יאָר, האָט אָבער אויסגעזען אי אינגער און אי עלטער פון זיינע יאָרן. דער גרויסער קאָפּ מיטן טרויעריקן געזיכט האָבן אים געמאַכט עלטער; אָבער זיין גאַנץ קערפּערל האָט געהאַט די וואָג פון אַ ניין־יאָריק אינגל. געבליבן איז ער מיט אַ שוואַכער אויסגעצערטער מוטער. אָבער ווי אַלע אידישע מאַמעס (און יאָסעלע איז געווען זיכער, אַז מער פון אַלע מאַמעס) האָט זי פון זיך געריסן איבערמענטשלעכע כחות און אין איר פאַרוואונדעטע האַרץ האָט געזאָטן איין פאַרלאַנג: אויפצוהאַלטן איר יאָסעלען ביים לעבן. אירע מאַמישע הענט זיינען שוין לאַנג געוואָרן קנאָכיק, צעשטשערבעט. זי האָט איבערגעאַרבעט פאַרשידענע שווערע מלאכות: געשניטן גומי־פּאַסן, גענייט זעק, געקלעפּט פּאַפּירענע קוישלען א. א. נאָך איר מאַנס טויט, ווען דאָס קריגן וועלכע ס׳איז אַרבעט איז געוואָרן שווער, ווי דאָס לעבן דאָרט בכלל, האָט זי געמוזט אונטערהאַנדלען אויפן מאַרק: מיט אַ שטיקל אייגן־געקאָכטן זייף, אַ פּאָר מעטער לייוונט און נאָך אַזעלכע סחורות.

ב.

בשכנות פון יאָסעלעס קיביטקע (ליימענע הייזל), אין זעלבן הויף, איז אויך געשטאַנען אַ שענער שטיבל. דאָס דאָזיקע שטיבל איז געווען עפּעס ווי איזאָלירט פון דער

נאָכבאַרשאַפט. זײַנע תמיד־פאַרהאַנגענע גרויסער פענסטער האָבן געוואָרפן אַן אומרושאָטן אויף אַלע שכנים. דאָרט האָט געוואוינט דער בוכאַרישער מיליציאָנער מאַלאַקאַנדאָף, וואָס האָט געהערשט מיט אַ בײַזער האַנט איבער דער אידישער געגנט אַרום „מאַכאַלאַ“ (בוכאַריש מערקל). האָבן אים די בוכאַרער אידן אַהינטער די פּלייצעס פאַרהאָגלט מיט לאַנג־קייטלדיקע קללות וחרמות; און די בוכאַרישע פרויען האָבן מיט היסטעריש־פאַרוואָרפענע הענט אויסגעשאָלטן יעדע גדעכניש פון זײַן עלטער־עלטער־באָבען ביזן צענטן דור אַרויף. אפילו זײַן אײנציקע קרענקלעכע טאָכטער האָבן זיי ניט געשוינט. זי האָט געדאַרפט צערונען ווערן פאַרן געבוירט, כאַפּן אַ מיתה משונה נאָך קינדווייז און סוף־כל־סוף דערטרונקען ווערן אינעם כאַוז (אַן אוזבעקישער באַסיין) אין אַ קאַלטער, פינסטערער נאַכט.

מאַלאַקאַנדאָפ׳ס אויגן זײַנען געווען טונקל־שאַרף און אָנגע׳רוגזה׳ט. זײַן פּנים — לענגלעך, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און אַרויסגערוקטן קין, וואָס האָט נאָך צוגעגעבן האַרטקייט צו זײַן כמורנעם אויסזען. ווען ער האָט זיך נאָר באַוויזן אויף „מאַכאַלאַ“, האָט זיך דער מאַרק־געפילדער ראַפּטום איבערגעריסן: מיט אויסטערלישער פליגקייט פלעגן די אַלטע בוכאַרקעס פאַרדעקן מיט זייערע לאַנגע, מאָדנע טיכער די שיסלעך מיט די „טריפה“ סחורות — „ליאַבליאַו“ (געקאָכטע בוריקעס), לאַטקעס פון געלן מעל א.א.וו. — און מיט אַ קוויטשעריי זיך לאָזן לויפן אין די זײַטיקע געסלעך. באַזונדערס האָבן פאַר אים מורא געהאַט די פוילישע פּליטים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ברויט־פּלעצלעך. זיי פלעגן אײנער דעם צווייטן שטילערהייט אַרײַנזינגען: „דער מלאך המות גייט“, און פלעגן זיך אָפּטראָגן ווי געיאָגט דורך רוחות. דערבײַ פלעגן זיי אים אַרײַנציילן אַלע עשר מכות; אַרויפשיטן אויף זײַן קאָפּ אַלע „מאָדערנע“ שילטענישן פון די וואַרשעווער ווייסע־חברה׳ניקעס, און זײַענדיק ווײַט פון דעם מיליציאָנערס אויגן — פלעגן זיי אים מיט זייערע דאַרע הענט אַרײַנשטופּן ביין איילן אין דר׳ערד.

אויך אין די אָטשערעדן נאָך ברויט האָט מאַלאַקאַנדאָף אַרויסגעוויזן זײַן בייזע גבורה. נעבן דעם מאַכאַלאַ־קלייטל פלעגט דער אָטשערעד זיך ציען לענגאויס דעם מאַרק און זיך פאַרדרייען אַזש ביזן כאַוז. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע געקאָרטשעטע שלאַנג, וואָס האָט פאַרוואָרפן איר קאָפּ צום פאַרקויף־פענסטערל, וואו ס׳איז שטענדיק געווען אַ קנויל פון שטאַרקע מענטשן. ווי נאָר דאָס פענסטערל האָט זיך געעפנט, איז דער גאַנצער אָטשערעד געוואָרן איין גרויס מענטשן־געווירבל; אַ געקנעטערײַ פון לעבעדיקע קערפּערס; אײנער איז דעם צווייטן געקראָכן איבערן קאָפּ און געטאָפּטשעט מיט די פיס; אוזבעקישע יאַרמולקעס, פרויען־טיכער, סאַנדאַלן און יללות זײַנען געפלויגן אין דער לופטן. אָבער דער אײנער מיליציאָנער האָט עס געקענט באַהערשן די זאָזיקע צערייצטע, זשעדנע מאַסע. געוויקסיקע אוזבעקן פלעגן דורך אים געוואָרפן ווערן ווי שפענער — אָט אַזאַ מאָדנע קראַפט האָט ער פאַרמאָגט. האָבן אַלע געציטערט פאַר זײַן דוך.

ווען יאָסעלע פלעגט באַגעגענען מאלאקאנדאָפן, פלעגן אים נעמען ציטערן זײַנע הענט און פיס. מאלאקאנדאף אַליין פלעגן אינגאַנצן איגנאָרירן די נײַע שכנים. ביים באַגעגענען זיך מיט עמעצן פון זיי, פלעגט ער אַ בורטשע טאָן און אָפּקערן דעם קאָפּ. בלויז איין מאָל, ווען יאָסעלעס פאָטער איז אַוועק אין שפּיטאָל, האָט מען באַמערקט עפּעס אַ פונק פון מענטשלעכער ווייכקייט אין זײַנע האַרט־שוואַרצע אויגן. יאָסעלעס טאַטע האָט אים אין רוסיש געזאָגט: „זײַט געזונט און גליקלעך, חבר מאלאקאנדאף!“ דער מיליציאָנער, אַביסל פאַרוואונדערט וואָס עמעצער באַגריסט אים אַזוי האַרציק, האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און מיט אַ פרעמד קול אַרויסגעשעפּטשעט: „קומט אַהיים געזונט“. פון וואַנען האָט ער געוואוסט, אַז ער איז קראַנק? ווער ווייסט! ווען יאָסעלע מיט דער מאַמען זײַנען געזעסן שבעה, איז אײנמאָל מאלאקאנדאפ׳ס טאָכטער אַרײַן אַהין אין דעם פינסטערן צימערל פון די אבלים. אָנגעטאָן אינעם גאַנצן מזרח׳דיקן טראַכט (בכלל האָבן די מאלאקאנדאפ׳ס זיך געפירט אײראָפּעאיש), האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימערל און פאַרלייגנדיק די הענט אויפן האַרצן האָט זי פאַרהויבן מיט פרומקייט אירע אויגן. זי האָט איבערגעלאָזט אַ טאַץ מיט עסנוואַרג און זיסוואַרג און פאַרלאָזט דאָס חדרל מיט שטילן ווײנענדיק געפליסטער. שפּעטער איז זי מער ניט געקומען אין הויז. אָבער אָפט האָט מען געזען, ווי זי שטייט בײַ איר פענסטער און קוקט פאַרטיפט אין דער ריכטונג פון יאָסעלעס הויז.

די אַלגעמיינע באַציאונג האָט זיך אָבער ניט געביטן. דער מיליציאָנער אַליין האָט ווײַטער געוואָרפן זײַן שרעק אויף יאָסעלען מיט דער מאַמען. מ׳קען זיך פאָרשטעלן די שרעק פון יאָסעלעס מאַמע ווען זי פלעגט אַמאָל אונטערהאַנדלען; זי האָט מורא געהאַט ער זאָל זי ניט אַרעסטירן אין הויז, ניט כאַפּן איר בײַ דער האַנט אויפן מאַרק אָדער אין מיטן גאַס.

ג.

די פסח׳דיקע טעג האָבן זיך דערנענטערט. אין דעם ווייטן, הייסן סאַמאַרקאַנד האָט שוין די זון גענומען ברענען מיט דער גאַנצער קראַפט. אין די ליימענע, שמאָלע געסלעך פון אידישער אַלט־שטאָט האָט זיך גענומען שפירן אַ טומלדיקערע האַוועניש. אפילו די פלעגמאַטישע עלטערע בוכאַרער אידן האָבן זיך גענומען לעבעדיקער באַוועגן, גלאַנצן מיט די אויגן און מיט שטיקער תפילות אַרויסוואַרטן דעם יום־טוב. ס׳האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט די שמייעניש פון די אָפּגעריסענע פּליטים צווישן די קליינע צעשראָקן־פאַרגליווערטע אייזעלעך און די ווילדע מענטשן מיט די לאַנגע פאַרגאַרטלטע כאַלאַטן און שפּיציק־ברוינע אויגן.

אין יאָסעלעס הייזל אָבער האָט געהערשט אַ קבר־שטילקייט. דער הונגער איז דאָרט געווען ניט קיין אורח. און אוודאי איז נאָך קיין שפּור ניט געווען פון דאָס גאַנצע בוי־טיקע צו פסח. אָבער ס׳האָט אויך געדריקט אויפן האַרץ דאָס פעלן פון די היימישע, טיף־איינגעבאַקענע יום־טוב צוגרייטונגען: ניטאָ די וואַרעם־דערשוויצנדיקער כשר׳ן, שאָבן און שייערן; ניטאָ דער דערהויבענדיקער גערויש פון וואַשן, שמירן און לופטערן — ווייל ניטאָ גאָרניט אין הייזל. בלויז אַ צעבראָכן טישל, אַ פּאָר בענקלעך און עטלעכע פּוסטע כלים.

שוין אַ פּאָר וואָכן אַז יאָסעלעס מוטער האָט נישט קיין אַרבעט. זי האָט דעריבער אַלץ אָפטער זיך גענומען דרייען אויפן „טאַשקענטער" מאַרק. איר מאַנס אַ חבר, וואָס האָט אגב שטאַרק אַרויסגעהאָלפן בכלל, האָט איר צוגעשאַרט „סחורות" צום פאַרקויפן, אַלטע און נייע קליידער, שטיקער זייף, פּרימיטיוו־געוועבטע לייוונט, א.ד.גל.

פּונקט ווען דער רובל האָט זיך גענומען באַווייזן, און די האָפענונג פאַר אַ פּאָר קילאָ מצות האָט באַוויזן דורכצורייסן די טרויערוואַנט, האָט עס פּאַסירט.

יאָסעלעס מוטער איז געשטאַנען אויפן מאַרק מיט אַ פּאָר אַלטע זייגערלעך און עטלעכע שטיקער לייוונט. יאָסעלע איז פּונקט דאַן געשטאַנען נעבן דער מאַמען. אַ פּאָר קריסטינס זיינען צוגעקומען און געפרעגט דעם פּרייז פון די סחורות. איינע פון זיי האָט באַמערקט די זייגערלעך און האָט געבעטן דעם באַגילדעטן זייגערל אָנצומעסטן אויף דעם האַנט. איידער וואָס־ווען איז שוין דאָס זייגערל געווען ביי איר אין האַנט. ווען די מוטער האָט גענומען מאָנען דאָס זייגערל, האָט זי אויפגעהויבן אַ געוואַלד: „גנב׳טע; ספּעקולאַנטקע! ווילסט צונעמען מיין זייגערל! קאַראַאול!" מענטשן האָבן זיך גענומען קלייבן, אידן האָבן געשריען צו דער קריסטין: „גיב אָפּ דעם זייגערל!" אַנדערע האָבן געשריען: „גייט שנעל אַוועק פון איר, זי קען נאָך אומגליקלעך מאַכן". יאָסעלעס מוטער איז געבליבן ווי פּאַראַליזירט, אָבער די קריסטין האָט שוין ניט אָפּגעלאָזט: „קום אין מיליציע!" סתם גויים, אַנטיסעמיטן, גנבים און שלעפּערס האָבן געשריען, געלאַכט און געזידלט. דער שרייט און מאָנט גערעכטיקייט, און אַ צווייטער שילט און פאַרשמוצט די גערעכטיקייט — און די מוטער מיט יאָסעלען, אין מיטן קרייז, דערשראָקענע פאַרלוירענע.

די געמיטער זיינען געוואָרן אַלץ מער צערייצט, די געשרייען שטאַרקער און פּנימער האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט האַס און רציחה. ניט ווויסנדיק פאַר וועמען און פאַרוואָס — האָט שוין געהאַלטן כמעט ביי אַ געשלעג. און דער שוואַכער יאָסעלע איז שוין געשטאַנען גרייט צו פאַרטיידיקן זיין מוטער. פּלוצלונג איז אויסגעוואַקסן אַ דיקער מיליציאָנער, אַ רוסישער, מיט אַ רויטן פרישטשעוואַטן פּנים: די קריסטן האָבן געשריגן: „אָט איז זי, די זשידאָווקע, די גנבטע!" אידן האָבן זיך צוגעשאַרט און אים געשעפּטשעט עפּעס אין אויער אַריין. אָבער דער גראָבער מיליציאָנער, דער שטענדיקער כאַבאַר־פרעסער, האָט ווי גאָרניט געהערט. ער האָט גראָב אָפּגעשטופּט דעם עולם און מיט אַ טעמפּן אויסדרוק פון פּנים זיך געווענדעט צו יאָסעלעס מאַמע: „קום אין מיליציע"...

דער מיליציאָנער האָט יאָסעלעס מאַמע אַריינגעשטופּט אין אַ פאַרקראַטעוועטן גרויסן חדר. דאָס ביסל סחורה האָט ער צוגענומען און גאָרנישט געזאָגט. אינעם גרויסן צימער האָט זי זיך געפונען מיט שיכורע גויעס, יונגע גאָרגל־שניידער און פאַרשידענע פינסטערע פאַרשוינען. זי האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און אַריינגעוואָרפן איר געזיכט אין די הענט. איר געוויין איז געווען אַזאַ שטראָמיקער אַז קיין זאַך האָט זי ניט געקענט אָפּהאַלטן. די איבעריקע אַרעסטאַנטן האָבן היזשענדיק געלאַכט פון איר, געריסן פאַר דער קלייד, געשפּיגן אין פּנים — אָבער זי האָט גאָרניט געפילט, גאָרניט געהערט...

יאָסעלע האָט באַלד געוואָלט גיין צוזאַמען מיט דער מאַמען, אָבער אַ פּאָר אידישע הענט האָבן אים וואַרעם און שטייף געהאַלטן. ווען ער איז געקומען צו זיך, זיינען אים באַפאַלן פיבערדיקע מחשבות: וואָס טוט מען? ווי ראַטעוועט מען דער מאַמען פון טורמע?

דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט. יאָסעלע האָט זיך געוואָרפן איבערן צימערל ווי אין קאָנוואולסיעס, מאַטערנדיק זיין קאָפּ: וואָס טוט מען? ער איז שוין געווען ביי אַ

פאַר פריינט פון טאַטן, ביים בוכאַרער „חכם״; מ׳זאָגט צו עפּעס טאָן — אָבער יאָסעלע קען ניט וואַרטן. ווען ער איז אַרויס אין הויף, גייענדיק אין שול, האָבן זיינע אויגן אויפגעכאַפּט מאַלאַקאַנדאַפּס פּי־גור, אַריינגייענדיק אין זיין הויז. יאָסעלע איז געבליבן שטיין. אַ נייער געדאַנק האָט אין זיין קאָפּ געגעבן אַ טויך אויף — און שוין ניט אָפּגעלאָזט: „איך גיי אים בעטן ראַטעווען די מאַמע״. אָבער באַלד האָט אַ צווייטע מחשבה אים צוריקגעשליידערט: „ביי אַזאַ גזלן זוכן הילף?!״ און ס׳איז אַוועק אַ ראַנגלעניש. אָבער אַ באַהאַלטענע קראַפט האָט אים ווי צוגעשטופּט צו דער טיר פון בוכאַרער מיליציאָנער. ער האָט זיך אויך דערמאָנט ווי דער טאַטע האָט זיך געזעגנט מיטן מיליציאָנער און זיין מילדער אויס־דרוק דאַן.

נאָך איידער יאָסעלע איז צוגעקומען צו דער טיר, איז שוין מאַלאַקאַנדאַף אַרויס פון טיר. יאָסעלע איז צוגעלאָפן, אויסגע־שטרעקט ביידע הענט ווי צו פאַרהאַלטן אים און אַרויסגעשאָסן די גאַנצע מעשה מיט דער מאַמען. ער האָט זיך איינגעהאַלטן פון וויינען ביזן סאַמע סוף — און דאַן זיך שטאַרק צעכליפּעט און אַרויסגעהעשעט: דו ביסט אַ איד! העלף אַ אידישע אלמנה! מאַלאַקאַנדאַפס פּנים האָט ער ניט געקענט זען. אויך קיין ענטפער האָט ער ניט גע־הערט. דער מיליציאָנער האָט זיך אַ קער געטאָן און איז אַוועק אין גאַס.

ד.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז יאָסעלעס מאַמע געווען אינדערהיים. און מאַמע און זון האָבן אַ סך געוויינט און אַפילו געלאַכט פאַר פרייד. די מאַמע האָט דערציילט אַז ווען זי איז פאַרטאָג פאַרזונקען אין אַ קאַש־מאַר־דרימל, האָט זי עמעצער געוועקט. זי איז געזעסן אויפן דיל מיטן קאָפּ אָנגע־שפּאַרט אין וואַנט. ווען זי האָט געעפנט די אויגן האָט אַ שטרענגע שטים באַפוילן: קומט! איז זי געגאַנגען. ווען זי איז אַריין אין אַ וויטערדיקן צימער, האָט זי ערשט דערזען... מאַלאַקאַנדאַפן. ער האָט איר אָבער ניט געלאָזט טראַכטן. איר פּעקל איז געלעגן אויפן טיש. האָט ער שטרענג אַ זאָג געטאָן: „שרייבט זיך אונטער אָט־דאָ און גייט אַהיים״. זי האָט זיך אונטערגע־שריבן. „נעמט אייער פּעקל מיט זיך״ — האָט ער געזאָגט מיטן זעלבן שטרענגען טאָן.

קומענדיק אַהיים, האָט זי אינעם פּעקל געפונען די עטלעכע שטיקער סחורה, נאָך אַ פּאָר פרעמדע חפצים און — אַ פּעקל מיט גאַנצע הונדערט רובל... און יאָסעלע מיט דער מאַמען האָבן זיך קיינמאָל ניט דער־וואוסט וואָס פאַראַ געלט ס׳איז: זיינע איי־גענע? פון די אַרעסטירטע גנבים אָדער הענדלער?...

* * *

...דאָס צעבראָכענע טישל איז געווען באַדעקט. דריי ליכט האָבן געברענט. אויפן טיש זיינען געלעגן דריי גרויסע בוכאַרישע מצות און אויף זיי — דער גאַנצער סדר. אַפילו אַן איי און אַ פּיצל העלזל (זרוע) איז דאָרט געלעגן. אויך אַ בוטל וויין איז גע־שטאַנען. אמת, שנעל־געמאַכטע פון ראָזשינ־קעס — אָבער ריכטיק־כשרער וויין. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך אָפּט באַגעגנט און איינע די צווייטע געוועקט און געמונטערט; אויגן, וואָס צוזאַמען מיט זייער טיפן טרוי־עס האָט פון זיי אויך אַרויסגעפינקלט דער אייביקער אידיש־יום־טוב׳דיקער בליק; דער אַלטער האָפענונג־שטראַל נאָך דער גאולה שלימה.

און ווען יאָסעלע האָט שוין געהאַלטן ביי די „פיר קשיות״ און טרערן האָבן פּלוצ־לונג אַ שפּאַר געגעבן ביי די ווערטער: „טאַטע איך וויל ביי דיר פרעגן״... האָט זיך פונקט דאַן דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. די מאַמע האָט געעפנט די טיר. מאַלאַקאַנ־דאַף איז געשטאַנען ביי דער טיר. אַנדערע קליידער און עפּעס גאָר אַן אַנדער פּנים. אַהינטער אים איז געשטאַנען זיין איינציקע טאָכטער מיט אַ שמייכל אויף איר פּנים. „קען איך זיין דעם סדר מיט אייך מיט אָט דעם קליינעם ,חכם׳? איך האָב אַלע גוטע זאַכן״...

מער פון אַלע סדרים אין זיין לעבן וועט יאָסעלע געדענקען אָט די צווי סדרים וואָס ער האָט געפּראַוועט צוזאַמען מיטן „פאַר־האַסטן״, ביטערן מיליציאָנער.

דער טייטל און דער צעדער

● הרב י. וויינבערג

(אַ פאָרשפּיל צו דער שמחה פון זיבעציק יאָר ישיבות „תּומכי תּמימים")

די גמרא אין תּענית פרעגט אויפן פּסוק „צדיק כּתּמר יפרח, כּארז בּלבנון ישגה" (דער צדיק ווי אַ טייטלבוים וועט בּליִען, ווי אַ צעדערבוים אין לבנון וועט ער וואַקסן): אויב עס שטייט תּמר צו וואָס שטייט ארז, און אויב עס שטייט ארז צו וואָס שטייט תּמר? און ענטפערט: דער צדיק האָט בּיידע מעלות — ער איז „עושה פּירות", ער גיט גוטע „פרוכט" ווי דער טייטלבוים, און „גזעו מחליף", ווען ער ווערט חלילה אונטערגעזעגט, וועט ער ווידער אויפשפּראָצן פון זיין שטאַם; און אויך — מ'קען אים איבּערפלאַנצן אין אַ צווייטן אָרט, ווי אַ צעדערבוים.

דער בּעש"ט זצ"ל טייטשט אויס דעם פּסוק, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי סאָרטן צדיקים. עס קען זיין אַ צדיק וואָס איז געגליכן צום צעדערבוים: הויך, שטאַרק און שיין; דאָס מיינט, ער לערנט תּורה, איז מקיים מצוות — אָבער ער גיט ניט קיין פרוכט: ער בּאַווירקט ניט אַנדערע אידן צו גוטער אויפפירונג. איז ער טאַקע אַ צדיק און וועט קריגן זיין שכר. אָבער ס'איז ניט דער פולער תּכלית פון דעם אויבּערשטנס רצון.

וואָס וויל דער אויבּערשטער? אַז מ'זאָל אויך זיין ווי אַ טייטלבוים: אויסער אייגענע תּורה, מצוות און מעשים טובים זאָל מען אויך געבּן גוטע, געשמאַקע און זיסע פרוכטן — אַוועקגעבּן די אייגענע צייט, כּוח און ענערגיע צו משפּיע זיין אַז אויך נאָך אידן זאָלן ווערן די, וואָס השי"ת זאָגט אויף זיי אַז זיי זיינען זיסע פּירות.

צו אָט די אַלע מעלות פונעם צעדערבוים און דעם טייטלבוים און זייער מוסטערהאַפטער שלימות האָט דערגרייכט די ישיבה תּומכי תּמימים מיט אירע תּלמידים בּמשך איר זיבעציק־יעריקער עקזיסטענץ, וואָס וועט געפייערט ווערן היינטיקס יאָר. די ישיבה איז זיך צעוואַקסן אין אַ זעלטן־שיינעם און שטאָלצן בּוים, וואָס האָט אויך נאָך די גרויסע חורבּנות און שמדות, — ל"ע — אויפגעשפּראָצט אין אַ סך וועלט־טיילן; און דערצו איז איר ווירקונג היינט צו טאָג אויפן אידנטום ניט אָפּצושאַצן.

ווען דער רבּי מוהרש"ב מיט זיין זון און ממלא מקום דער רבּי מוהריי"צ, נשמתם עדן, האָבּן אין יאָר תּרנ"ז (1897) געגרינדעט די ישיבה אין ליובּאַוויטש (לויט דער מסורה האָט דער רבּי רש"ב די ישיבה געגרינדעט אויפן פאָרשלאַג פון זיין זון, דער שפּעטערדיקער רבּי און מנהל פון תּומכי תּמימים) — איז זייער צוועק ניט געווען בּלויז צו פאַרגרעסערן דעם לימוד התּורה צווישן אידן. דאָס איז פאַקטיש געווען אַ נייע ווענדונג אין דעם פּראָצעס פון דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות און לערנען איר תּורה.

ווייל אויב אויך בּיז דאַן האָט שוין דער לימוד פון חסידות בּיי חסידים פאַרנומען אַ גאָר וויכטיקע פּאָזיציע: אידן האָבּן געלערנט די דאָזיקע תּורה, זיך אין איר פאַרטיפט און בּמשך פון דורות האָבּן חסידים געדינט השי"ת על פּי דרך הבּעל שם טוב, ספּעציעל לויט דעם אויסגעפלאַסטערטן דרך פון דעם אַלטן רבּי'ן און די שפּעטערדיקע נשיאים — איז נאָך אָבער אַלץ ניט געווען אַזאַ איינשטעלונג, אַז יונגע בּחורים פון אַ ישיב־ זאָלן אַ גרויסן טייל פון דעם סדר הישיבה אָפּגעבּן אויף לערנען די דאָזיקע תּורה. אַזאַ נאָענטע פאַרבּינדונג צווישן דעם „גוף" פון תּורה (ש"ס און פּוסקים א.א.וו.) און דער „נשמה" פון תּורה (פּנימיות התּורה, חסידות) בּיי יעדן תּלמיד, גלייך פון דער צייט ווען ער הויבּט אָן צו וואַקסן און שטייגן אין לערנען — איז בּיז יענער צייט נאָך ניט געווען.

טייל גדולי החסידים האָבּן עס טאַקע ניט פאַרשטאַנען. אָבער אין פאַרלויף פון גאָר אַ

קורצער צייט האָט די דאָזיקע שיטה באַוויזן וואונדער: עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן תלמידים גרונטיקע לומדים און צו דער זעלבער צייט גרויסע פאַרשטייער אין דער חסידישער תורה און בעלי מדריגה אין עבודת השם, וואָס האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג אפילו ביי אנערקענטע גדולי תורה און עלטערע חסידים.

— ב —

ווען מיר זאָלן ווענדן איצט אונזער בליק צו די צייטן פון בעל שם טוב, דעם מעזריטשער מגיד און זייערע תלמידים, וועלן מיר קומען צום אויספיר, אַז פאַר די ערשטע דורות פון חסידות זיינען אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט ספּעציעל־הויכע נשמות, וואָס זאָלן זיין מסוגל אויפצונעמען דעם דרך פון די נשיאי החסידות און אויסוואַקסן צו אַזאַ ריזיקער הויך. ווייל ווי דען אַנדערש קען מען טראַכטן וועגן יעדן איינציקן פון דער הייליקער חבריא, די תלמידים פון בעל שם טוב, ווי למשל, דער בעל התולדות, אָדער ר׳ מיכלעלע זלאָטשעווער, ר׳ פנחס קאָריצער, און די אַנדערע גדולי עולם; צי די תלמידים פון מגיד, מיט אַ דור שפּעטער: דער אַלטער רבי, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ מלך ליזשענסקער אָדער ר׳ זוסיא אניפּאָלער מיט זייערע חברים?

איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס ס׳איז געווען אַ מיינונג אַז דער דרך החסידות איז בלויז פאַר יחידי סגולה. מ׳האָט געקענט פאַרשטיין ווי אַזעלכע מענטשן־ריזן קענען זיין די פּאַסיקע אויפנעמער פון דער געהויבענער חסידות־לערע און איר אויספירונג. ס׳איז אָבער שווער געווען צו פאַרשטיין: ווי קען דערביי זיין „גזעו מחליף״? ווי קען מען עס איבערפלאַנצן און פאַרוואָרצלען אַזאַ הויכע קדושה אין יענע אידן וואָס האָבן נ י ש ט אָט־אַזעלכע הויכע נשמות און זיינען נ י ש ט געבענטשט מיט קיין גאונישע כשרונות, אַז אויך זיי זאָלן ווערן „געשמאַקע פרוכטן״?

עפּעס ענלעכס קומט אונז אין געדאַנק ביים באַטראַכטן די ערשטעביימער און פרוכטן פון דער ישיבה אין ליובאַוויטש. און איניקע פון זיי האָבן מיר נאָך זוכה געווען צו קענען. צום ביישפּיל אַזעלכע עילויים־געשטאַלטן און קדושים־פּערזענלעכקייטן ווי ר׳ יצחק מתמיד, ר׳ לייב שיינין, ר׳ ברוך פרידמאַן, ר׳ יחזקאל פייגין און אַנדערע, הי״ד. אויך זיי זיינען געווען יחידי סגולה, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט אויפצונעמען די געבענטשטע הדרכה פון תומכי תמימים און דערגרייכן די מדריגה צו וועלכער זיי זיינען אויסגעוואַקסן.

באַזונדערס ווען מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פון יענער תקופה ווען די ישיבה איז געגרינדעט געוואָרן. די גייסטיקע, אַלטע אידישע וועלט האָט זיך דאַן אַ טרייסל געטאָן. פרעמדע ווינטן האָבן אַריינגעבלאָזן אין בית מדרש. דער גייסט פון דער פרייער „השכלה״ האָט געבראַכט אַ סך קרבנות אין אידישע הייזער; טיילן פון דער יוגנט, אונטער דער השפּעה פון די צאָלרייכע „איזמען״ אויף דער אידישער גאַס, זיינען געווען אָנגעשטעקט פון שעדלעכע באַצילן; און אפילו ביי אַ צאָל פון די וועלכע זיינען געבליבן ביי אידישקייט, איז געווען אָנגעגריפן די פונדאַמענטאַלע אידישע תמימות פון דור־דורות.

האָבן טאַקע מענטשן דאַן געגלויבט, אַז די זריעה פון תומכי תמימים קען באַווירקן בלויז איינצעלנע, יחידים, מיט אידעלע גופים און העכערע נשמות. מ׳האָט ניט געוואָלט גלויבן אַז דאָס איז אַ דרך פון חינוך און הדרכה פאַר אַ רבים. פאַר טויזנטער און טויזנטער. און געוויס האָט קיינער — אויסער די נשיאים־גרינדער — ניט פאַראויסגעזען, אַז דער דאָזיקער צעדער־פלאַנץ וועט וואַקסן אין ווייטע מדינות, און וועט נאָך האָבן די פולע וויטאַליטעט, נאָך צענדליקער יאָרן.

אָבער פונקט ווי דער דרך החסידות איז ניט געווען קיין וועג פאַר יחידים, נאָר איז זיך צעוואַקסן, אין פאַרלויף פון דורות אין אַ צעצווייגטן בוים אויפן באָדן פון פאָלק איבער דער וועלט — אַזוי איז אויך דער „ארז״ פון ישיבת תומכי תמימים זייער גוט צוגענומען געוואָרן, מיט אַ ג־טלעכער הצלחה, אין ווייטע באָדנס, צווישן כלערליי אידישע קרייזן, און איז שוין היינט אומעטום אַ באַקאַנטער בוים אין דעם אידישן גאָרטן.

די מסירת נפש פון די רביים־גרינדער און די כוחות וואָס זיי האָבן געלייגט ביים אַקערן און זייען און פלאַנצן, און די זאָרגפעלטיקע איבערגעבנקייט פון דעם רבי׳ן שליט״א צו די תלמידים התמימים האָט דערגרייכט די כוונה פון „צדיק כתמר יפרח, כארז בלבנון ישגה״, און צו דער זיבעציקסטער יאָר־פייערונג קען מען זאָגן מיט זיכערקייט: „ע ו ד ינובון בשיבה, דשנים ורעננים יהיו״ — ביי דער זיבעציק־עלטער, וועלן די ישיבות נאָכמער שפּראָצן און געבן פרוכט, מיטן פּאַסיקן פאַרנעם און מיט דער געהעריקער צעצווייגונג, מיט לעבנספעטקייט און פרישקייט; „להגיד כי ישר ה׳״ — אַז אַלע אידן, אָן אויסנאַם, זאָלן וויסן ווי גוט ס׳איז זיך צו האַלטן ביי אידישקייט ווי זי איז באַלויכטן מיטן אור חסידות.

ר׳ מנחם מענדל דייטש ז״ל

● דוב ראַוווסקי

די משנה אין פאה (ז, א) זאָגט: „כל זית שיש לו שם... אינו שכחה, במה דברים אמורים בשמו, במעשיו ובמקומו“ — יעדער זית (איילבירט־בוים) וואָס איז באַרימט מיט די דריי זאַכן: „בשמו“ — ער האָט באַקומען דעם נאָמען „שפכוני“, „אַ גיסנדיקער“, זיינע פרוכטן „גיסן“ מיט בוימל; „במעשיו“ — מיט זיינע טואונגען, מיט זיין געבן אַ סך פירות; „ובמקומו“ — מיט דעם פלאַץ וואו ער שטייט: אין אַ „פירצה“, אין אַן אָרט וואו ס׳זיינען דאָ אַ סך פאַרבייגייער — ביי אַזאַ בוים איז ניט פאַראַן קיין שכחה, קיין פאַרגעסן.

אָט דער פראַכטפולער אידישער פרוכט־בוים, אָט דער אויף וועמען ס׳שטייט „כי האדם עץ השדה“ — וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין אַלע דריי זאַכן — בשמו — שוין זיין נאָמען אַליין האָט זיך געטראָגן מיט דער בענטשונג פון באַלזאַם־אויל צווישן פיל פאַרוואונדעטע נפשות, וואָס האָבן געשטראָמט צום דאָזיקן „בוים“; במעשיו — זיינע מעשים טובים זיינען געווען אַזוי רייך אין גוטסקייט: מעשים טובים אין פולן זינען; ובמקומו — געשטאַנען איז דאָך דער דאָזיקער מענטש־בוים גרייט מיט אָפענע האַרץ און האַנט ביים סאַמע „פירצה“, ביים סאַמע בראָך־פונקט פון אַזויפיל וואָגלדיקע מענטשן — אינו שכחה! איז אויף אים ניט גילטיק קיין שכחה! ווייל, ווי קען מען אַזאַ איינעם פאַרגעסן!?

ווי אַ גרויסע פינסטערע רואינע שטייט פאַר מיינע אויגן די שטאָט סאַמאַרקאַנד פון יענע אומגליקלעכע אָנהויב פערציקער יאָרן; און ווי שטיקער ליכטיקע זיילן הויבן זיך פון איר אַרויס פאַרשידענע ליכטיקע ווינקעלעך, וואָס האָבן ביים סאַמע ראַנד פונעם תהום פון יסורים, הונגער און עלנט, אָפּגעשטראַלט מיט וואַרעמקייט און טרייסט. אָבער געווען דאָרט אַ ליכט־טורעם וואָס האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעהויבן און אַריבערגעלויכטן מיטן סאַמע וואַרעמסטן, האַרציקסטן, מענטשלעכסטן, אידישסטן און חסידישסטן.

דאָס זיינען געווען צייטן ווען הונגער און פיין האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי גרויסע שוואַרצע פליגל פון אַ פאַרצוקנדיקן פויגל און פאַרטונקלט דעם זון־שיין אין דרויסן און פאַרשאָטנט די לעבעדיקע פונקען אינעווייניק. פאַרשמאַכטע מענטש־געשטאַלטן האָבן אַרומגעוואַנדערט מיט זשעדנע, צערייצטע בליקן, מיט אויסגעהוילטע הערצער און פאַרחלשטע געפילן. נאָענטע האָבן זיך געריסן פאַר אַ פיצל ברויט; ברידער האָבן מיט גערוועזן פאַרדאַכט געשניטן דאָס בידנע פלעצל אויף דריי־קאַנטיקע שטיקלעך: אוי, איז אָט־דאָס שטיקעלע ניט אַביסל קלענער? אין די מערק, איבער די גאַסן האָבן שווער־קראַנקע אַרומגעוואָגלט מיט יאוש־פולע געזיכטער, געקילט דעם הויכן פיבער מיט שמוציקן „אַריק“־וואַסער און געזוכט עפּעס אַ קליין ווינקעלע וואו אַנידערצולייגן דעם איבערגעטריקנטן קערפּער, די פאַרקנוילטע גלידער. און אין די נידעריקע „קיביטקעס“, ווי דערשראָקענע חי־לעך אין נאָרעס, האָבן מענטשן געצאַפּלט איבערן קליינעם ביסל אייגנטום, זיך געשראָקן פאַרן מאָרגן און געציטערט פאַרן פאַרהונגערטן דרויסן. געווען איז עס אַ צייט, ווען דאָס סאַמע פינטעלע מענטש איז געלייגט געוואָרן אויפן פּרואוו־שטיין.

האָבן געוויס, ווי דימענטן, דאָ און דאָרט אויפגעלויכטן אידן וואָס האָבן צווישן זיך דעם לחם עוני געדריטלט און געפערטלט מיטן כוח פון אידישער רחמנות. אוודאי האָבן פיל אידישע הייזער געטיילט זייער ענגשאַפט מיט היימלאָזע פליטים; און זיך אפילו געטיילט מיט די שרעקלעכע קרבנות פון טיפוס און אַנדערע קרענק. אָבער... און זאָל זיין בעסער געשוויגן.

ר׳ מענדל דייטש ז״ל איז געווען גאָר אַנדערש! כ׳האָב ר׳ מענדלען ניט באַקענט אין די פריערדיקע „נאָרמאַלע“ יאָרן. בלויז פון מרחקים האָבן זיך געטראָגן דער הערלעך־גוטער שם זיינער און די בענטשונג פון זיינע מעשים טובים. כ׳האָב אים אָבער דערקענט במקומו — און דאָרט, ביים סאַמע נידער פון מענטשלעכן פיין און לייד, האָט זיין הויכקייט זיך אַנטפּלעקט.

געזאָגט האָט ר׳ מענדל מיט יאָרן שפּעטער מיט פשוטער נאַטירלעכקייט: „געקומען קיין סאַמאַרקאַנד בין איך מיט אַביסל (גאָלדענע) ,צענערלעך׳, האָב איך געטראַכט: כ׳וועל זיי בייטן און ראַטעווען אידן פון הונגער“. קיין שילד איז אויף ר׳ מענדל׳ס הויף ניט געהאָנגען. ער האָט ניט „אָרגאַניזירט“ קיין הילפס־אַקציעס. אָבער דעם וועג צו זיין הויף האָבן מיר, הונגעריקע, גוט געוואוסט...

ר׳ מענדל האָט די פאַרצווייפלטע ניט געשלעפּט מיט דער הילכיקייט וואָס דערנידערט און ניט מיטן „גלאַטן וואָרט“ וואָס פאַרטיפט דעם ווייטיק. ער האָט זיך געשטעלט פלייצע צו פלייצע מיטן נעבעכדיקן און אים געצויגן צו זיך מיט דער גלייכקייט פון גוט־ברודערשאַפט. און טאָמער האָט זיך יענער געוואַקלט — און יאָ, געווען אויך אַזוינע וואָס דער סאַמע שאַרף פון הונגער האָט ניט געבראָכן זייער שטאָלץ — האָט ר׳ מענדל צו אים אַ קער געטאָן אַ פול־גוטמוטיקן, אָפענעם

פנים און אַ זאָג געטאָן מיט אַזאַ פשוטער אינטים־האַרציקער שטימע און אַזוי פאָטערלעך: נו, קום! וואָס וואַרטסטו?! און יענער איז געגאַנגען. וואָרום פון דער גאַנצער געזעצטער געשטאַלט ר׳ מענדל׳ס האָט אויך געווייעט אַ מין נאַטירלעכע הכנעה, וואָס האָט דערנענטערט צו זיך. און דאָס בפירוש אָן קיין שום אָנשטעל. אַי, איז עס ר׳ מענדל געווען ווייט־ווייט דערפון!

ניין, ס׳איז כמעט אינגאַנצן ניט קענטיק געווען קיין חילוק צווישן דעם „באַלעבאָס" און די הונגעריקע אורחים זיינע. ניט ביים גיין איבער די זאַמדיקע געסלעך און ניט ביים זיצן אַרום דעם גרויסן הילצערנעם טיש. (און מאָדנע: עפעס איז ר׳ מענדל פון יענע יאָרן ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון ניט ווי אַ באַזונדער פאַרזיכדיקע געשטאַלט: ער איז תמיד געווען מיט נאָך עפעס אָדער נאָך עמעצן אַרום זיך — מיטן גרויסן טלית־און־תפילין זעקל, מיט אַ לקוטי תורה אונטערן אָרעם, מיט אַ זעקל קאַרטאָפל (צי דאַרף מען דאָ זאָגן להבדיל?) אויף די פלייצעס „פאַר איינעם דאָרט אין יענעם פינסטערן טופיק", אָדער סתם אַרומגערינגלט מיט „אורחים").

האָט ר׳ מענדל געטוישט די „צענערלעך" אויף אידישע לעבנס: „וואָס פאַראַ מאָך האָבן אַלע מיינע צענערלעך מיטן גאַנצן אַלץ מיט אַנאַנדער אַקעגן דערקוויקן אַ צעהונגערטן נפש?" — האָט ר׳ מענדל געזאָגט. האָט ער דערפאַר זיי ניט געחשבונט. „אַ אידישער נפש אויפהאַלטן איז ווי צו מקיים זיין אַ גאַנצן עולם" — טאָ ווי ציילט מען עס גרויסע עולמות, וועלטן גאַנצענע? נאָך אַ איד ביים טיש — נאָך אַ ג־טלעך נפש, נאָך אַ וועלט. און ער האָט זיי ניט געמאָסטן — „אַבי נאָך אַ איד ביים שיסל געקעכץ". האָט זיי ר׳ מענדל יעדן טאָג אויפגעזוכט: אַלצאיינס צי אַ פוילישער פליט אַ תלמיד־חכם, אַ געוועזענער טרעגער פון קראָקע, אַ ליטווישער ישיבה בחור, אַ באָרוועסער אינגל, אַ געוועזענער שוחט אין אַ רוסישער שטאָט, צי סתם אַ פאַרשמאַכטער נפש. אַלע האָבן זיי ביי ר׳ מענדל׳ס טיש געהאַט די זעלבע פולע רעכט, אַלע־אַלע — און ר׳ מענדל אַליין גלייך מיט אַלע. און דער עיקר, ס׳איז תמיד געווען דער זעלבער עכטער ר׳ מענדל: אָט פונקט טאַקע ווי ער האָט עס מיט אַזאַ פולער־פרומער תמימות געטראָגן דעם טלית־און־תפילין־זעקל און שול אַריין — מיט דער זעלבער ר׳ „מענדלשער" גאַנצהאַרציקייט האָט ער געשפאַנט מיטן קאַרטאָפל־זעקל אויפן אַקסל אין זאַמדיקן געסל אַריין. און אין דעם טאַקע איז באַשטאַנען דאָס סאַמע אידישסטע־חסידישסטע אין זיינע מידות טובות. וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט, אַז ביים טאָן אַ טובה אַ אידן איז זיין גאַנצער וועזן געווען „פאַרטאָן אין דער אַרבעט". מיר פערזענלעך האָט ר׳ מענדל פאָרגעשטעלט אַזאַ זעלטענעם חסד־מוסטער. כ׳האָב קיינמאָל אין אים ניט באַמערקט קיין אויסדרוק פון פניות, פון זעלבסט־באַפרידיקונג, פון יענער „גוטער" שפירונג וואָס דאָס רחמנות׳דיקע האַרץ באַלוינט זיך אַליין... ר׳ מענדל האָט זיינע מעשים טובים געטאָן מיט אַזאַ אידישער עכטקייט און נאַטירלעכקייט — אָט ווי, למשל, אַ פרומער איד גייט אַריינדאַווענען אַ מנחה־מעריב. און דערפאַר האָט זיך מיר פאַרגליכן: ר׳ מענדל „דאַוונט" אויס זיין חסד צו אַ צווייטן — און אַזוי געשמאַק ווי ער דאַוונט אַריין זיין תפילה צום אויבערשטן.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען דעם טאָפ, אין וועלכן ר׳ מענדל׳ס געטרייע שותפ׳טע (תבדל לחיים טובים ארוכים ומאושרים) האָט געקאָכט דאָס גרויסע געקעכץ. ער האָט געמוזט זיין מורא׳דיק גרויס, גיגאַנטיש! ווען, וואו און וויאַזוי זיי האָבן עס אָפגעקאָכט אַזאַ פולע כלי? ס׳איז ניט שייך צו פרעגן. בכלל האָט ר׳ מענדל פיינט געהאַט קשיות און פרעגענישן.

ווער קען היינט האָבן אַן אַנונג וואָס אָט־די וואַרעמע זופ־קניידלעך האָבן דאַן באַדייט פאַר די אויסגעצערטע מיילער און העלזער? אָבער פיל מער איז געווען די מאָראַלישע וואַרעמקייט, די היימישקייט וואָס האָט באַגלייט יעדן גאָס פון לעפל. דער פאָלקסטימלעכער שטייגער פון ר׳ מענדל׳ס אַריינזעצן זיך אין טיש — ד אָ ס האָט געגלעט דעם צערודערטן געמיט. ר׳ מענדל איז ניט געווען קיין „דיפלאָמאַט", אָבער זיינע געמיטלעכע רייד האָבן קיינמאָל אויף קיין האָר ניט דאָקוטשעט מיט צודרינגלעכקייט, פונקט ווי ער האָט ניט ענג געמאַכט מיט ריידענישן וועגן זיך אַליין. און דאָס האָט געמוזט זיין דאָס איינגעבוירענע „חסידישע ביין" אין ר׳ מענדלען וואָס האָט קוים באַמערקבאַר, און דאָך אַזוי דאָמינירט זיינע פירונגען.

ביים געבן צדקה, ביים העלפן אַ נויטבאַדערפטיקן, האָבן די חז״ל דעם עיקר דגש געלייגט ניט אַזוי שטאַרק אויף דער פאַקטישער שטיצע, ווי אויפן „המפייסו" — דער א ו פ ן ווי מ׳גיט, די פערזענלעכע באַציאונג צום נעמער בעת מעשה. מען קען אַמאָל העלפן אַ צווייטן — און יענער שטיקט זיך מיט דער הילף... ר׳ מענדל האָט „מפייס" געווען ניט בלויז מיט זיינע ווערטער — נאָר מיט זיין גאַנצער אויפפירונג, מיט זיין גאַנצער באַנעמונג, מיט זיך אַליין. דורך זיין גוטמוטיקן שמייכל, דורך זיין אָפנהאַרציקן און פשוטן בליק, דורך זיין גאַנצהאַרציקן באַטייליקן זיך אין דער „סעודה" צוגלייך מיט אַלע הונגעריקע ביים טיש, דורך דעם פון־האַרץ־צו־האַרץ וועג אויף וועלכן ער האָט „אַריינגערוקט" אַ פאָר רובל אין קעשענע און אַרויפגעלייגט אַ דערמוטיקנדיקע האַנט אויף אַ געבויגענער פלייצע — דורך דעם אַלעם האָט ער אָפגעווישט יעדע גרענעץ צווישן ר׳ מענדל דעם געבער און פלוני דעם נעמער.

* * *

איין קליינער ביישפיל, אַן עפיזאָד: געווען דאָרט, אין סאַמאַרקאַנד, אַ אינגל. גאָר אַ יונגער איז ער דאַן געווען, אָבער איין שטיק פאַרלוירנקייט: פאַרלוירן כמעט אַלע פון דער משפחה, פאַרלוירן יעדן פיצל פלייש אויפן קערפער, פאַרלוירן דעם מוט און טעם פון לעבן. פאַרלוירן — און שוין. האָט ער געשטעקט אין ווינקלדיקן אויבער־שטיבל פון אַ שמאָלסטן און ענגסטן

טופיקל. טעג זײַנען אים געװען פינסטער װי נעכט, און נעכט האָבן געהויערט מיט צאַפּלדיקע חלומות און לעכצענישן פון די ציִענדיקע טעג. ביז די כוחות האָבן זיך צוביסלעך אויסגעשעפּט, צערונען, װי דורך אַ געלעכערטן ליימענעם קרוג. די פיס האָבן שוין מער ניט געװאָלט, ניט געקענט טראָגן דעם אויסגענאָגטן קערפּער. איז ער געלעגן אינעם פּיצל הויפל און מיט טעמפּער שרעק גע־קוקט אויפן הימל, װאָס האָט אַרײַנגעקוקט צװישן די שמאָלע ליימענע װענט און איז עפּעס געװאָרן אַלץ גרויער און סטראַשנער.

װיאַזוי האָט זיך ר׳ מענדל דערװאוסט װעגן אים? ס׳איז דאָך געװען אַזוי זאַמדיק־שטיל אַרום און אַרום? אַז געװען איז ער אַן עלנטער װאָגלער פון װײַטן פּוילן. (מיר דוכט, אַז בלויז דער בוכאַרער בעל־הבית האָט װעגן אים געװאוסט און פון „רחמנות״ אים ניט אַרויסגעשליידערט אין דרויסן פאַר ניט באַצאָלן דירה־געלט). אָבער ר׳ מענדל האָט פאָרט פון ערגעץ דערהערט דעם װײַטן שטילן קרעכץ און איז געקומען באַצײַטנס. געקומען, געבראַכט אַ קאָשיק און געראַטעװעט אַ נפש. ער איז ניט אַװעק אָן דער זיכערקייט, אַז דאָס איגל װעט באַלד נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן. ער איז ניט אָפּגעטראָטן: „נו, נו, ניט מאַך זיך גאַריש! װאָס, ביזט אַ פּיצל קינד? װייסט ניט װי מ׳נעמט אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער אין מויל?״

דאָס אינגל האָט אָבער ניט געקענט פאַרנעמען קיין ברויט מיט פּוטער — האָט ר׳ מענדל גע־בראַכט געקאָכטן רײַז. אַװדאי — װידער מיט פּוטער. און אַז ניט דאָס, איז קעז מיט זויערמילך. אַדער מי יודע װאָס ר׳ מענדל האָט געפונען פאַר נויטיק. האָט מיר דאָס אינגל דערציילט אַמאָל: „מיך האָט זיך געדוכט, אַז ר׳ מענדל קעמפּט דאָ מיטן מלאך־המות, װאָס האָט זיך אײַנגענאָדיעט אין דאָזיקן שמאָלן געסל״. און געקעמפּט האָט ר׳ מענדל מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער פעסטקייט. זײַנע שמייכלענדיקע אויגן, די געקרייזלטע באָרד און זײַנע קאָשיקעס האָבן אַרײַנגעבראַכט לעבע־דיקן אָטעם.

אַ שטיק צייט האָט געדויערט ביז דאָס אינגל האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און איז אַרויס פון הויפל. אָבער ערשט דערנאָך איז ער געװאָרן געשװאָלן. אָבער ר׳ מענדל האָט אים ניט אָפּגעלאָזט — און װען ער האָט דעם אינגל צום ערשטן מאָל דערזען בײַ זיך אַרום טיש — האָט ר׳ מענדל פלינק מיטן אַרבל אַ װיש געטאָן אַ פּאָר גלאַנציקע טראָפּעלעך בײַ די אויגן. ר׳ מענדל האָט זעלטן געװיזן „אַזעלכע״ עמאָציעס — „נאַסע אויגן איז אַ װײַבערשער ענין״ — אָבער געװען דאַן מאָמענטן װען זײַנע בליקן האָבן גאָר היפּש געפינקלט דורך אַ פייכטן שימער. (און װײַל כ׳בין דאַן אויך געװען פון די זיצער אַרום ר׳ מענדלס טיש, װייס איך כמעט אויף זיכער, אַז קיינער, אפילו ניט פון זײַנע טײַערע בני בית, האָט געװאוסט פון ר׳ מענדלס „אַרבעט״ מיטן דאָזיקן אינגל.

טאָ זאָל דאָס דאָ דינען װי דער „טראָפּן װאָס שפּיגלט אָפּ דעם ים״ פון זײַנע לויטערע מידות).

* * *

אַ גרויסן הויף האָט ער געהאַט — „ר׳ מענדלס הויף״ — דאָרט ערגעץ בײַם עק שאַכריזאַבסקע געסל, נעבן דעם טיפן און שטילן כאַוז. בײַזע פאַרכמורעטע אוזבעקן זײַנען מימים ימימה גע־זעסן אויף יענעם זײַט כאַוז, אַרום דער „טשײַ־כאַנאַ״. מיט די פיס אונטער זיך זײַנען זיי געזעסן, געמורמלט שטילע פּרעפּלערייען און געװאָרפן גרימצאָרנדיקע אויגן אויף ר׳ מענדלען מיטן גאַנצן געזאַמל אַרום אים. אָבער װאונדער האָט מיט דער צייט פּאַסירט. נאָך װאָכן און חדשים האָבן די שטרענגע, פאַרדעכטיקע בליקן גענומען װערן װײ־כער און אין זייערע טונקל־פאַרברענטע פּנימער איז אויפגעגאַנגען אַ װאַרעמקייט. האָבן זיי דער־נאָך אויפגענומען ר׳ מענדלס אָנקום מיט פאַרערונג און פאַרהויבענע אויגן צום הימל. ס׳לאָזן זיך ניט פאַרגעסן די װערטער פון אַן עלטערן אוזבעק: „אַ־ללאַה האָט שטענדיק אין זײַן װעלט געלאָזט אַרײַנשיקן אַזעלכע מלאכים אין געשטאַלט פון מענטשן״ — און האָט אָנגעװיזן מיט אַן אויס־געשטרעקטן פינגער צו ר׳ מענדל׳ס הויף. ניט אומזיסט האָט זיך אָפּט געדוכט, אַז אויך פון דעם פאַרטיפטן שפּיגל פון „כאַוז״, און אויך פון די אַלטע, געבויגענע בוימער אַרום אים, טראָגט זיך אַ שטיל שעפּטשענדיקער לויב־געבעט פאַר אָט די מענטשלעכסטע שכנים דערבײַ.

* * *

ר׳ מענדל האָט אַנדערש געלעבט אין יענע פינסטערע סאַמאַרקאַנדער יאָרן, אַנדערש געלעבט אין די װײַטערדיקע בעסערע יאָרן און האָט געװיס אויך אַנדערש דורכגעלעבט די לעצטע טעג זײַנע. אין אים האָט זיך זייער אָנגעזען דער רואיק־געלאַסענער בליק, דער פעסטער געמיט פון די אַמאָליקע אידן און זייער באַנעם פון די באַגריפן: די װעלט און יענע װעלט. זיי זײַנען ניט געװען אַזוי מאַטעריאַליסטיש אַרײַנגעװעבט אין עולם־הזה־זאַכן — האָבן זיי געהאַט אַ איידע־לערע שפּירונג און לויטערע אויגן, געמיטלעכער צו „װאַרפן אַ בליק״ אַהינטערן לעבנס־פאָרהאַנג.

ר׳ מענדל האָט געלערנט פאַר אַן עולם „עין יעקב״. אַ גאָװינע בײַ אידן? ער האָט אָבער אַנדערש געלערנט. ניט װעגן שכל׳דיקן אויפקלער און גוטער דערקלערונג גייט דאָ. אָבער ר׳ מענדל׳ס פינקל פון די אויגן האָט געמאַכט לויטערער אין דמיון דאָס געשטאַלט פון די הייליקע תנאים און אמוראים; זײַן פעסטער און „היימישער״ אופן נענטער און באַהעפטיקער צו די הערער. אָט אַזוי פון „אַראָפּטראָגן״ „די צדיקים װאָס זיצן אין גן עדן און האָבן ג־טלעכן פאַרגעניגן״ — דורך דעם האָט ר׳ מענדל געמאַכט סיפּורי ומדרשי חז״ל נענטער און באַהעפטיקער צו די העכער. אָט אַזוי האָט ר׳ מענדל געװירקט אויף זײַן שטילן און זיכערן װעג.

(פאָרזעצונג אויף זײַט טו)

ב"ה

די אידישע היים

[illegible] הי[illegible]נד [illegible]ר (32[illegible])
קא[illegible]סיל [illegible]
770 [illegible]יסטערן [illegible] ב[illegible]ין נ.י.

שמות כ"ג

דער בעל שם טוב

דער בעש״ט איז נסתלק געוואָרן מיטוואָך, דעם ערשטן טאָג שבועות, אין יאָר תק״כ. זיין אוהל הקדוש איז אין מעזשבוזש.

דער בעש״ט פלעגט אָפט זאָגן: אהבת ישראל איז אהבת המקום (ליב האָבן אידן איז דאָס זעלבע ווי ליב האָבן דעם אויבערשטן). „בנים אתם לה׳ אלקיכם״ (איר, אידן, זייט קינדער צום אויבערשטן). „אַז מען האָט האָלט דעם פאָטער האָט מען האָלט די קינדער״.

דער אַלטער רבי האָט מקבל געווען פון ר׳ מרדכי הצדיק, וואָס האָט געהערט פון דעם בעל־שם־טוב: „עס קומט אַראָפּ אַ נשמה אויף דער וועלט און לעבט אָפּ זיבעציק יאָר, צוליב טאָן אַ אידן אַ טובה אין גשמיות ובפרט אין רוחניות״.
(היום יום)

„אמת מארץ תצמח״ (אמת טוט שפּראָצן פון דער ערד — תהלים פ״ה). — דער וואָס האַלט זיך אין דער בחינה פון „ארץ״, ד. ה. ער האַלט זיך נידעריק ווי די ערד, וועט ביי אים אויפשפּראָצן די מידה פון אמת. האָט דער בעש״ט נ״ע געזאָגט אין אידיש: דער פסוק זאָגט, „אמת מארץ תצמח״, איז דאָך שווער: „וואָרום הויבט עס קיינער ניט אויף?״ ווי מיר זעען, אַז ווען אַ מענטש זעט ליגן אויף דער ערד אַ ווערטיקע זאַך הויבט ער עס גלייך אויף. נאָר דער תירוץ איז: „עס וויל זיך קיינער ניט איינבויגן״...
(פון ספר גאולת ישראל)

אַמאָל איז געווען אַ מלך, וואָס האָט געוואָלט אויספּרואוון די געטריישאַפט פון זיינע קנעכט. האָט ער געשיקט געדונגענע מענטשן, אַז זיי זאָלן פאַר די קנעכט אָנריידן שלעכטס אויפן קעניג און זיי איינריידן ווידערצושפּעניקן אין אים. וועט מען זען צי זיי וועלןביישטיין דעם נסיון, און וועלן זיך קעגנשטעלן. די שלוחים האָבן אַזוי געטאָן. האָבן זיך די קנעכט איינגעטיילט אין ליבהאָבער און פיינט: אַנדערע האָבן געוואָלט בלייבן טריי דעם קעניג און אַנדערע האָבן צוגעשטימט צו די וואָס האָבן גערעדט שלעכטס אויפן מלך. צווישן די קנעכט איז געווען איינער אַ חכם, וואָס האָט דערקענט אַז די „באַטריגער״ זיינען אין דער אמתן דעם קעניגס קנעכט און זיינע אויספאָלגער. ווען זיי האָבן אים גענומען אָנריידן, האָט ער זיי געזאָגט: איר, שוטים פון דער וועלט! איר אַליין זייט פאַרנומען מיט אויספירן דעם קעניגס באַפעל — ווילט איר מיר אָנריידן איך זאָל אים פאַראַטן?! ווען דער מלך האָט געהערט דעם ענטפער פונעם חכם, האָט ער דערפון זייער הנאה געהאַט, און דערפאַר האָט ער אים זייער געליבט, דערנענטערט צו זיך און אים אַוועקגעזעצט אויבן אָן צווישן זיינע האַרן.

מיט אָט־דעם ענטפער פונעם חכם קען אַ מענטש באַזיגן דעם יצר־הרע, וואָס שטאַרקט זיך און רעדט אים איין צו באַגיין אַן עבירה; וואָרום דער יצר־הרע, מיט זיין איינריידן, טוט ער דאָך בלויז אויספירן דעם באַשעפערס ווילן — טאָ פאַרוואָס זאָל דער מענטש איבערטרעטן דאָס ג־טלעכע געבאָט?
(פון „תולדות יעקב יוסף״)

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גורארי — רעדאַקטאָר

סיון, ה׳תשכ״ז — באַנד 9 נומ. 1

אינהאַלט

דער בעל שם טוב . . . . הילע
חודש השלישי — די העכסטע אחדות — א. יהודי א
בריוו און ענטפער — ד״ר וו. גרין . . . . . ג
דער פאַקל און דער פונק — צ. מ. שטיינמעץ ח
ווען עס איז קיין צייט ניטאָ... (דערציילונג) — ד. זאַריצקי . . . . ט
די „דיאַלאָגן״־קרענק — צ. שלום . . . . יב
„צאינה וראינה״ — א. ג. . . . . טו
מסכת אבות — איר ראָלע פאַר דער אידישער פרוי — ד״ר ה. זיידמאַן . . . . יז
ביז וואַנען טאַטע? — ישראליק . . . . יט
חיים מאַטל ווערט אַ מכניס אורח (דערציילונג) — דוב ראַווסקי . . . . כ

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב״ד.

חודש שלישי - די העכסטע אחדות

● א. יהודי

(מיוסד אויף שיחת קודש פון כ״ק אדמו״ר שליט״א, חג השבועות תשח״י)

מתן תורה האט זיך אויפגעטאָן — און טוט זיך אויף יאָר נאָך יאָר — אין חודש סיון, דער חודש השלישי. מתן תורה איז דאָך דער זמן פון העכסטן פאַרבונד און פאַר־איניקונג פון עם אחד מיט ה׳ אחד. ס׳איז דאָ געקומען צום אויסדרוק דער הויכפונקט פון דער התאחדות צווישן אידן מיטן אויבערשטן און במילא אויך צו דער העכסטער אַנטפּלעקונג פון אחדות השם. וואָרום דער תוך און תכלית פון תורה איז דאָך צו ברענגען צו דער פולסטער און אמת׳ער דערקענטעניש פון ה׳ אחד; דורך תורה אחת דאַרף און וועט און וועט אַנטפּלעקט ווערן דער הוי׳ אחד. דערפון איז קלאָר:

די מעלה פון תורה דריקט זיך אויס אינעם אַל־העכסטן באַגריף פון אחדות. איז, אין פלוג, וואָלט דאָך אינהאַלטלעך מער געפּאַסט, אַז מתן־תורה זאָל אויך צייטלעך זיין געבונדן מיטן ערשטן חודש. איז דאָך דער חודש ניסן אָט־דער צייט־אַפּשניט, וואָס ציילנדיק ווערט ער גערופן איינס, ראשון, אחד. פאַרוואָס איז דווקא אָט־די אחדות־דורכלייכטונג פון תורה גאָר איינגעשטעלט אין חודש השלישי, דער דריטער אין צאָל?

וואָס איז דאָ פאַראַ אינערלעכער באַדייט אין „שלישי״, וואָס שליסט זיך דווקא צוזאַמען מיט איינציקייט און איניקייט? און דאָס איז דאָך זיכער, אַז אין דעם צוזאַמענהאַנג פון חודש שלישי מיט מתן־תורה איז פאַראַן אַ גרונטיקע כוונה. וואָרום אַלץ־אַלץ וואָס קומט פאָר, איז דאָך מיט בפירוש׳ער השגחה־פּרטית׳דיקער אויסרעכענונג — בפרט אַן אָפן ג־טלעכע דער־שיינונג ווי מתן־תורה! איז די מסקנא פשוט און קלאָר: דער מספר פון חודש שלישי האָט אַ פונדאַמענטאַלע שייכות צו מתן־תורה, ומזה: צום ענין פון אחדות. און אַ בפירוש׳ער באַוויז דערויף: די חז״ל באַטאָנען דעם חודש שלישי דווקא בשייכות צו תורה — „אוריין תליתאי (געדריטלטע תורה — תורה, נביאים וכתובים) . . בירחא תליתאי״ (אינעם דריטן חודש). נאָך שווערער ווערט דער צוזאַמענבונד פון תורה מיטן דריטן חודש, ווען מיר באַנעמען די אויסערגעווייגלעכע אייגנשאַפט פון תורה און איר באַזונדערע מעלה אין פאַרגלייך צו די מצוות. סיי דורך תורה און סיי דורך מצוות ווערט מען באַהעפט מיט אלקות. ס׳איז אָבער דאָ אַן אונטערשייד, אין דער דאָזיקער דביקות, צווישן תורה און מצוות. אין תניא ווערט דערקלערט: דורך אַ מצוה ווערט דער איד, וואָס איז מקיים די מצוה, אין דער בחינה פון „מרכבה״ צו ג־טלעכקייט. דאָס מיינט, אַז אַ מצוה ווירקט־אויף ביים אידן אַ שטאַרקן ביטול און פולשטענדיקע אונטערוואָרפנקייט פון זיין אייגענער מציאות צו אלקות — אָט פונקט ווי דער רייטוואָגן (מרכבה) איז בטל צום רייטער — אָבער דאָך ניט אין זאַך ממש. די כחות און אברים פון אַ איד דערפילן טאַקע דעם אויבערשטנס רצון אין דער מצוה, אָבער דערגרייכן ניט אַ פולקאָמע פאַראיינהייטלעכקייט. דורך לערנען תורה אָבער ווערט דער שכל אין מוח פולשטענדיק דורכגענומען און אַרומגענומען מיט ג־טלעכקייט (דער אויבער־שטער מיט זיין חכמה — תורה — איז דאָך כולא חד); דער לומד תורה ווערט פאַראיינציקט מיטן נותן התורה. קומט דאָך אויס, אַז תורה איז דורכאויס פאַרזיגלט מיטן חותם פון אחד — סיי אין איר תכלית און ציל, צו ברענגען די אַנטפּלעקונג פון אחדות ה׳ אין וועלט;

און סיי אין איר אייגנשאַפט, אַז דורך איר ווערט מען איין זאַך מיטן אויבערשטן — טאָ ווי קומט אַהער די מערצאָל פון בחודש השלישי?

קען מען עס דערקלערן אַזוי: אַוודאי איז אחדות דער תכלית, ציל און צוועק פון תורה; זיכער איז איינקייט און איינציקייט דער גאַנצער תוך און סך־הכל — און ניט ח"ו שניות, ניט ח"ו די צוויאיקייט, פילצאָליקייט. ווען אָבער קען מען זיין זיכער, אַז די אחדות איז אַ פולקאָמע און אויסגעפּראָוועטע — ווען ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט אָנצונעמען אַז אויסער דעם אחד איז פאַראַן נאָך עפּעס אַ מציאות — און דאָך קומט מען צו דער דערקענטעניש פון אַבסאָלוטער איינציקייט. דאָס ניט־וויסן פון אַן אַנדער מציאות בעת'ן אָנערקענען דעם אחד מיינט נאָך ניט אַ פאַרזיכערונג, אַז די אחדות־אויפפאַסונג איז אַן עכטע און אמת'ע. עס פעלט דער פּרואוו־שטיין: ווי וועט דער דאָזיקער באַנעם אויסזען נאָכדעם ווי מ'שטויסט זיך אָן אויף אַ זאַך, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ צוגאָב פאַראַנענקייט, פון אַ צווייטער מציאות.

ווי עס איז באַוואוסט דער משל אויף ירידת הנשמה למטה: וועלנדיק אויספּרואוון די צוגעבונדנקייט און צוגעאייניקייט פון דעם בן־מלך צום מלך, נעמט מען אַוועק דעם קעניגלעכן זון אין אַ פאַרוואָרפן פּלאַץ, צווישן נידעריקע מענטשן. אויב דער זון פון קעניג פירט זיך אויך דאָרט ווי אַ בן־מלך דאַרף זיך פירן, דאַן איז עס אַ באַווייז, אַז ער איז מיט אַן אמת צוגעבונדן צום טאַטן, דעם מלך.

אַזוי איז אויך אין אונזער ענין: ווען מען טרעפט זיך אָן אויף „שניות", ווען מ'קומט אין באַריר מיט אַ זאַך וואָס איז קעגנזעצלעך צו אחדות — און דאָך בלייבט ער פעסט דורכגעדרונגען מיט דער דאָזיקער איינציקייט־הנחה — דאַן איז עס אַ געזונטער באַווייז אַז ער האַלט באמת ביי אחדות און אַז מ'איז באמת פאַראייניקט מיטן אחד.

אין אַט־דעם צוגאַנג צו דער מציאות, וואָס איז לכאורה אַ קעגן־זאַך צו אחדות, זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) אַ באַציאונג פון ביטול צו דער „צווייטער" מציאות, מ'איגנאָרירט זי אַלס אַזעלכע און מ'רעכנט זיך מיט איר ניט; ב) אַריינגעמען די דאָזיקע מציאות „אין דער אַרבעט" און מאַכן זי אַליין פאַר אַ כלי צו אחדות. דער צווייטער סוג אחדות איז טיפער און אמת'ער פון ערשטן. בעת מ'איגנאָרירט און מ'איז „מבטל" אַט־די קעגנערישע מציאות, בלייבט מען נאָך אַלץ אין אַ מצב ביי וועלכן ס'עקזיסטירט אַ זאַך וואָס איז אין קעגנזאַץ צום אחד־באַגריף. נאָר וואָס דען — מ'רעכנט זיך ניט מיט איר. אָבער ווען די אחדות דרינגט אַזוי דורך, ביז צום דערשפּירן און פאַרוואַנדלען יעדער אַנדער מציאות פאַר אַ כלי צום אחד — דאַן איז עס אמת'ע אחדות.

קומט אויס, אַז עס זיינען דאָ דריי מדריגות, אין דער אויפפאַסונג פון אחדות. איינע העכער פאַר דער צווייטער: א) ניט האָבן קיין שייכות צו אַ זאַך אויסערן אחד; ב) מבטל זיין די זאַך וואָס אויסערן אחד; ג) אַריינגעמען די זאַך גופא אין דער אחדות, כלי צום אחד.

אַט די דריי תנועות געפינען זייער אויסדרוק אין די דריי חדשים — ניסן, אייר, סיון: די ערשטע אחדות־תנועה אינעם ערשטן חודש. אין ניסן, חודש הראשון, איז געווען יציאת מצרים, עס איז „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה", אַזאַ ג־טלעכע אַנטפּלעקונג, וואָס גיט קיין שום אָרט ניט פאַר עפּעס אַנדערש פון אלקות — איז „ברח העם" — מ'אַנטלויפט פון אַלץ און מ'קלעפּט זיך צו אלקות.

דער צווייטער חודש שטעלט מיט זיך פאַר דעם צווייטן סוג אחדות. דעם גאַנצן חודש אייר ציילט מען ספירת העומר — דאָס מיינט: די אַרבעט צו מברר זיין די זיבן מדות (חסד, גבורה אא"וו, וואָס יעדע פון זיי איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַלע זיבן — בסך הכל 49 מדות). הייסט עס, אַז מ'האָט צו טאָן מיט „שניות", מיט דעם וואָס זעט אויס ווי עפּעס אויסער אלקות. די אַרבעט אָבער מיטן מטה איז באַגרענעצט צו ערפילן דורך איר און מיט איר אַ מצוה: די זאַך בלייבט אַ מציאות; זי ווערט אָבער (ווי אויבן געבראַכט — ביי מצוות) בטל צו אלקות ווי אַ „מרכבה" צום רוכב (און דאָס ווערט אָנגעדייט אויך אינעם

(פאַרזעצונג אויף זייט ז)

א בריוו און ענטפער
אן אפענער און באלערנדער

ד"ר וועלוול גרין •

פאַרזעצונג פון ד"ר גרינס ענטפער אויף דער צווייטער פראַגע (אין אַ בריוו פון זיינעם אַ געוועזענעם לערער צו אים), וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם פאַריקן נומער, וואו ער האָט אויך געגעבן אַ לענגערן אַריינפיר און אַ תשובה אויף דער ערשטער פראַגע.

צווייטע פראַגע: ווי אַזוי ביסטו געקומען צו דיין איצטיקן חב"ד? ווער און וואָס האָבן דאָ אויף דיר געווירקט?

איך בין באמת איבערצייגט אַז די אַלע אַנדערע פנימער פון אידישער שעפערישקייט: ליטעראַטור, מוזיק, פילאָזאָפיע, אאַ"וו זיינען בלויז צווייגן און בלעטער פון דעם בוים, און אַז דער וואָרצל איז אמונה און תורה. אַז דער וואָרצל איז שטאַרק, קען מען זיך טיילמאָל אָפּגעבן מיט דעקאָראַציעס — אָבער היינט איז אַזוי אָפּגעשוואַכט דער גאַנצער בוים, אַז מען מוז אַנווענדן אַלע כוחות דעם וואָרצל ווידער אויפצומונטערן.

און איך בין אויך איבערצייגט, אַז צווישן די אַלע שעפערישע כוחות אין דער וועלט וועלכע זיינען טעטיק אין אַט־דער אַרבעט פון אויפמונטערן דאָס פאָלק, שטייען די ליובאַוויטשער חסידים אין דער ערשטער ריי, און זייער פירנדיקע קראַפט איז דער רבי שליט"א. צווישן אַלע אידישע גרופּעס און אינסטיטוציעס זיינען זיי די איבערגעגעבנסטע, די דיסציפּלינירטסטע.

אָבער אַפילו ווען העכער פון שכל, פיל איך זיך ביי זיי אינדערהיים, ווי אַ קינד וואָס בענקט און זוכט אַן אָרט — און געפינט. דאָס איז שוין גאַנץ שווער צו באַשרייבן. יעדער מוז דאָס פאַר זיך אַליין דורכלעבן. אָבער אַז מען שטייט ביי אַ חסידישן יום־טוב און מען ווינטשט דעם רבי'ן „לחיים", און ער גיט אייך אַ מילדן בליק און ווינטשט צוריק „לחיים ולברכה" — ווייסט מען ערשט דעמאָלט וואָס עס מיינט זיין אַ בן־ברית, וואָס עס מיינט כלל ישראל, און וואָס עס מיינט לחיים.

איך בין צו דעם געקומען ביסלעכווייז. איך האָב געוואָלט זאָגן „צופעליק" — אָבער חסידים גלויבן דאָך אין השגחה פּרטית. צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט זיך באַוויזן אין מינעאַפּאָליס אַ יונג פּאָרל, ר' משה פעלער און זיין פרוי מינדעלע שיחיו, אויף אַ שליחות פון רבי'ן. (איר האָט דוכט זיך אַמאָל באַגעגנט דעם דאָזיקן יונגנמאַן אין מעקסיקאָ — ער האָט מיר שוין דערציילט, אַז ער האָט דאָרטן באַגעגנט אַ באַוואוסטן פּעדאַגאָג און אידישיסט, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ווערק איבערן תניא). בקיצור, מיר האָבן זיך מיט זיי באַפריינדעט — ניט דערפאַר וואָס מיר האָבן צוגעשטימט צו זייערע מיינונגען, נאָר פשוט ווייל זיי זיינען געווען טשיקאַווע מענטשן. ער — אַ חסיד מיט באָרד און פיאות און לאַנגע ציצית, אַן אַמעריקאַנער־געבוירענער און, ווייזט אויס, אַ גוט־געלערנטער (אויף דעם בין איך ניט געווען קיין מבין); און דערצו אַ בקי אין בעיסבאָל און אַ „מיסיאָנער" פאַר אידישקייט. זי — אידל און באַשיידן, טראָגט אַ שייטל און איז אַ „פּאַי בעטאַ קאַפּפּאַ" אין מאַטעמאַטיק. זי אַליין קען זייער וויניק אידיש, אָבער זי שעמט זיך ניט צו לערנען אַנדערע וועגן כשרות

און טהרת המשפחה. און ביידע, ליבהאַרציקע אידישע מענטשן, מיט אַ גרויסער ליבע און טאָלעראַנץ צו אידן וואָס שעמען זיך מיט זיי; מיט אַן איבערגעגעבנקייט צו אידישע קינדער און אַ מסירת נפש לטובת חינוך וואָס ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן.

ווי געזאָגט, זיינען מיר געוואָרן פריינט. מיר האָבן צווישן זיך לאַנג דעבאַטירט און געשמועסט. זייער איינציקע אומטאָלעראַנץ — זיי האָבן ניט געוואָלט ביי אונז עסן! סטייטש, עס זיינען דאָ ביי מיר אין הויז אַלע ווערק פון פרץ און פון שלום עליכם; עס הענגט אויף דער וואַנט אַ בילד געמאָלט פון שאַגאַל, און מיטגלידער זיינען מיר דאָך אין אַ שול — מיין ווייב זינגט דאָך דאָרט אין כאָר — וואָס הייסט, ניט עסן ביי אונז? ס'איז דאָך אַ אידישע שטוב, און איך בין דאָך אַ טוער אויף דער אידישער גאַס — און איך רייד דאָך אידיש!

ענדלעך, ענדלעך האָבן זיי געווירקט אויף מיר, אַז ווען איך וועל ווידער זיין אין ניו יאָרק, זאָל איך זיך אַריינכאַפּן אין ברוקלין און באַזוכן ליובאַוויטש. איך וועל ביי אַן אַנדער געלעגנהייט באַשרייבן די פּרטים פון מיין ערשטן באַזוך. בקיצור וועל איך נאָר איבערגעבן עטלעכע איינדרוקן, וועלכע האָבן טיף אויף מיר געווירקט.

ס'איז געווען י"ט כסלו, און דער זאַל איז געווען אָנגעפּאַקט. העכער טויזנט מענטשן, איינער אויפן אַנדערן, זיינען געשטאַנען און געהערט ווי דער רבי לערנט תורה און חסידות. איך טראַכט זיך אַריין: אומעטום אין אַמעריקע, ווען מען קלייבט צוזאַמען אַזאַ המון אידן מאַכט מען דאָך דערביי אַן „אַפּיל". עס קען ניט זיין אַנדערש. און דאָ רוקט זיך דער זייגער, — ס'איז כמעט האַלבע נאַכט — און קיין וואָרט ניט וועגן אַ ביישטייערונג! אָבער באַלד איז מיין חשד פאַרווירקלעכט געוואָרן. מען טראָגט אַריין פּעקעלעך מיט בלויע קאַרטלען און מען נעמט זיי פאַנאַנדערטיילן. איצט פיל איך זיך ווידער באַקוועם — ס'איז ניט אַנדערש ווי ביי אונז! אָבער אַז איך קריג מיין קאַרטל, קערט זיך מיר ראַפּטום איבער מיין וועלט. עס שטייט דאָרט אָנגעשריבן: „איך נעם זיך אונטער, בלי נדר, אין דעם קומענדיקן יאָר, לערנען די מסכת...." און עס איז דאָ אָרט אונטערצושרייבן דעם נאָמען פון דער גמרא. מען האָט מיר שפּעטער דערקלערט, אַז מען האַלט אין אַפּיס אַ רשימה פון די „פלעדזשעס", און אַז מען וועט דורכן יאָר דערמאָנען דעם „ביישטייערער" וועגן זיין חוב. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק — אַזאַ מין אַפּיל איז ביי מיר ווערט הונדערטער וועלפיער־פאָנד קאַמפּיינס.

דער רבי אַליין. איך האָב געהאַט אין די לעצטע עטלעכע יאָר געציילטע געלעגנהייטן אים צו באַזוכן און זיך מיט אים דורכשרייבן, און איך בין איבערצייגט, אַז ער איז פון די גדולי הדור, אויב ניט דער גדול הדור. איינגאַנצן איבערגעגעבן צו כלל ישראל, טראָגט ער אויף זיך די משא פון אַ וועלט־פאַרנעמיקער אָפּעראַציע, — און דאָך האָט ער צייט פאַר יעדן אידן און פאַר יעדנס פּראָבלעמען. אַ גרויסער תלמיד־חכם און גאון, אַ געלערנטער אויך אין וועלטלעכע ענינים — און געפינט צייט צו ריידן מיט אידישע אוניווערסיטעט־סטודענטן אויף זייער שפּראַך און וועגן זייערע שוועריקייטן.

אין קורצן איז דער ענטפער אויף אייער פראַגע: ר' משה פעלער האָט מיך געשיקט צום רבי'ן — און דער רבי האָט אונז איבערגעמאַכט דעם לעבן. ביסלעכווייז, לאַנגזאַם — דער וועג צו חב"ד איז נאָך אַ ווייטער. אָבער מיר גייען אויף דעם דרך, און, אם ירצה השם, וועלן די קינדערלעך אונזערע גיין ווייטער, אויפן דאָזיקן וועג.

דריטע פראַגע: צי געפינסטו אַז די תלמוד תורה (ד. ה. די ישיבה קטנה) דערנעענטערט מער דיינע קינדער צו אידישקייט ווי דיין שול? און מיט וואָס?

עס ווילט זיך ענטפערן מיט אַ פּשוט'ן און פּאָזיטיוון „יאָ!" אָבער איך האָב גענוג דערפאַרונג אין וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, בכדי צו קומען צו דער דערקענטעניש, אַז דער ענטפער קען ניט זיין אַזאַ פּשוט'ער. ווי אויבן באַמערקט, בין איך געגאַנגען אין שול אין גאָר אַן אַנדער וועלט, און אַוודאי אַן אַנדער צייט. איך בין אַרויסגעקומען פון אַן אַנדער

הויז און משפחה־אַטמאָספערע ווי מיינע אייגענע קינדער — און מען קען ניט צוריקדרייען דעם זייגער. די קראַפטן פון אַסימילאַציע, פון גויאישקייט, פון עם־הארצות, וואָס הערשן היינט אין אַמעריקע מוז מען באַקעמפן מיט גאָר אַנדערע און מיט מער אָנגעשטרענגטע כחות, ווי מיט אַ פערטל יאָר־הונדערט צוריק אין וויניפעג.

אַ דערפאָלגרייכע אידישע דערציאונג פאַר אונזערע קינדער מוז זיך היינט־צו־טאָג אַמווייניקסטן אָנקערן מיט צוויי אָביעקטיוון:

1) אַ טעכנישע פלייסיקייט אין די פאַרשידענע עצם לימודים;

2) אַ פּאָזיטיווע און וואַרעמע באַציאונג צום אידישן לימוד.

די צוויי מינימאַלע דערגרייכונגען וועלן צוזאַמען מיט דער ריכטיקער אַטמאָספערע אין דער היים און געזעלשאַפט צוגרייטן די קינדער באַגעגענען די נסיונות, אויף וועלכע זיי וועלן זיך שפּעטער אין לעבן אָנשטויסן. אַפילו אין די בעסטע צושטאַנדן וועלן זיי ניט זיין הונדערט פּראָצענט דערפאָלגרייך. אָבער אַ קל וחומר, אַן אַזאַ מינימום זיינען גאָר ניטאָ קיין כלי־זיין. איך גלויב ניט, אַז ערנסטע לערער וועלן מיט מיר דעבאַטירן אויף די אויבנדערמאָנטע נקודות. די פראַגע שטעלט זיך אָבער פּאַרט — וואָס פאַרא קעגנשטאַנדן, און ווי אַזוי גיט מען איבער אַ באַציאונג?

אפשר וועל איך אַמאָל פאַר אייך אָנשרייבן אַ לענגערע עסיי איבער מיינע מיינונגען און דערפאַרונג אין אידישער דערציאונג. (איר שרייבט דאָך איבער דעם ביכער, איך קען זיך פאַרגינען אַן עסיי). דערוויילאָבער וועט זיין גענוג אייך איבערגעבן די סיבות פאַרוואָס די אָרטאָדאָקסישע ישיבה קטנה איז לויט מיין מיינונג דערפאָלגרייך אין דער־נעענטערן די קינדער צו אידישקייט.

ערשטנס, לערנט מען דאָרטן תורה. איך מיין דאָס באמנות. ניט וועגן תורה, אַזוי ווי איר האָט מיר געלערנט, נאָר תורה. מען לערנט סידור, חומש מיט רש״י און משנה. אין די ענגלישע קלאַסן שפּילט מען זיך אַביסל און מען מאַכט עקספּערימענטן, מיט מאָדערנער מאַטעמאַטיק אאַ״וו. (דערפאַר אפשר קען מיין עלטסטע טאָכטער, רחלע, ניט צעביטן קיין דאָלער, און ווייס ניט וויפל עס האַלט דער זייגער). אָבער זי לערנט זיך תורה. ס׳איז שוין צייט זיך אויפצוהערן נאַרן. אָן תורה קען מען ניט קיין ליטעראַטור, און מען קען ניט קיין געשיכטע, און מען קען זייער ווייניק „מנהגים און צערעמאָניעס״. אָן תורה בלייבט אַ איד אַן עם הארץ — און געבילדעטע עם־הארצים האָבן מיר שוין צופיל. אַז אַ אידיש קינד ווייסט ניט דעם אונטערשייד צווישן „הילל״ און „הלל״, אָדער אַז מען קען זיך ניט פאַרבינדן מיט אַלע פריערדיקע דורות און מיט כלל ישראל בפרט דורך דער זעלבער תורה, בלייבט מען פאַר׳יתומ׳ט, און מען קען אינגאַנצן ח״ו ווערן פאַרבלאָנדזשעט.

צווייטנס, זיינען מיר געבענטשט אין אונזער ישיבה קטנה מיט איבערגעגעבענע לערער — יונגעלייט, פּראָדוקטן פון אַמעריקאַנער ישיבות. דאָס איז דאָך דער עצם פּראָבלעם פון חינוך אין אַמעריקע — די לערער. פון ארץ ישראל שיקט מען אונז אַזעלכע וואָס קענען ניט און ווילן ניט. פון די לערער־סעמינאַרן קומען אַרויס יענע וואָס ווילן — אָבער זיי קענען נעבעך אַליין ניט. היינט־צו־טאָג אין אַמעריקע אַז מען זוכט יענע וואָס אי זיי קענען און אי זיי ווילן — געפינט מען זיי נאָר אין די ישיבות. און עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: אַז אַ בחור האָט אמונה און היט אָפּ מצוות, ווייס ער דאָך וואָס עס מיינט „תלמוד תורה כנגד כולם״. ער טרעט־צו צום חינוך מיט איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש — ניט בלויז פאַר שכר, און ניט אַפילו פאַר אַן אידעאַל, נאָר ממש ווייל ס׳איז אַ מצוה. און איך וועל אייך זאָגן, אַז פון מיינע פיל רייזעס איבער אַמעריקע, אין אַלע טיילן פון לאַנד, בין איך איבערצייגט אַז די צוקונפט פון אַמעריקאַנער אידישקייט האַלט זיך ניט אויף די גרויסע טעמפּלען, און ניט אויף די ריזיקע קאַמפּיינס, נאָר פּראָסט און פּשוט אויף דער מסירת נפש פון די יונגע מענער און פרויען וואָס לערנען אידישע קינדערלעך אין די אָרטאָדאָקסישע ישיבות קטנות — זאָלן זיי זיין חסידישע צי ניט.

איך בין זייער שטאָלץ און צופרידן, וואָס מיינע קינדערלעך קריגן אַזאַ דערציאונג.

און איך וועל זיין שטאָלץ און צופרידן אויב זיי וועלן אי״ה אויסוואַקסן און באַשליסן אַז זיי ווילן אויך ווערן לערער און אָנפירער אין אַ ישיבה קטנה ווי אונזערע.

פערטע פראַגע: אויף וואָסער שפּראַך רעדט איר צו אייערע קינדער?

מיר ריידן מיט אונזערע קינדער כמעט אינגאַנצן ענגליש. מיין ווייב קען נאָר ענגליש, און עס וואָלט פשוט געווען אוממעגלעך אין אונזער הויז אָנפירן אַ געשפּרעך אין אַן אַנדער שפּראַך, און אַלע זאָלן קענען אַנטיילנעמען. עס איז אפשר צום באַדויערן, אָבער מיר האָבן זייער ווייניק ברירה. איך וואָלט זייער געוואָלט אַז די קינדער זאָלן קענען אידיש און עברית. מן הסתם וועלן זיי זיך נאָך אויסלערנען דאָס לעצטע, אָבער וועגן אידיש בלייבט אַ ספק. און איר מוזט פאַרשטיין, אַז די שפּראַך איז נאָך ביי מיר זייער טייער. דער רבי שרייבט אין אידיש, און ער לערנט אין אידיש, און מיינע קינדער וועט דאָך אויספעלן די גרויסע און טייערע אידישע ליטעראַטור. אָבער די שפּראַך אַליין איז ניט הייליק, און ביי מיר איז פיל וויכטיקער, אַז זיי זאָלן קענען לערנען תורה ווי לייענען אידיש. פאַרשטייט זיך, אַז בעסער איז אויב מען קען ביידע — קיין צווייפל ניט. פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז אויב זיי ווילן זיך לערנען די אידישע שפּראַך, וועט דאָס זיי אָנקומען פיל גרינגער דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך געלערנט תורה.

מען האָט אַמאָל אַנגעזאָגט דעם פריערדיקן רבי׳ן זצ״ל, אַז אין קאַנאַדע איז אַנדערש ווי אין ניו יאָרק ווייל אין קאַנאַדע ריידן אידן אידיש. האָט ער געענטפערט — אָבער וועגן וואָס מען רעדט דאָרטן איז ניט אַנדערש. איך מוז צושטימען. ביי מיר איז פיל וויכטיקער וועגן וואָס מען רעדט ווי די שפּראַך וואָס מען באַנוצט.

פינפטע פראַגע: זיינען אייערע קינדער צופרידן מיט זייער אידישן באַוואוסטזיין?

דאָס מוז מען דאָך פרעגן די קינדער, און, ווי אויבן געזאָגט, זיינען זיי נאָך יונג. איך בין אָבער זיכער אַז זיי וואָלטן געענטפערט אויף דעם אַז זיי פאַרשטייען ניט וואָס עס מיינט אידישער באַוואוסטזיין און, להבדיל, אַלגעמיינער באַוואוסטזיין. מיינע קינדער ווייסן, אַז עס זיינען דאָ אידן און להבדיל גוים. און זיי ווייסן אַז ס׳זיינען דאָ אידן וואָס היטן אָפּ מצות און צום באַדויערן אַנדערע אידן וואָס היטן ניט אַזוי שטאַרק. זיי קענען דאָס דערקענען אין אונזער משפחה אַליין. אָבער זיי ווייסן נאָך ניט אַז ביי אונז אין הויז האָבן זיי אַ ברירה. זיי קלייבן דערוויל ניט אויס די אייגענע קליידער אין מאַרק — און מיר לאָזן זיי ניט קלייבן די אייגענע לערער אָדער אייגענע שול. ביי זיי איז אידישקייט אַריינגעוועבט אין סאַמע לעבן. אַז מען שטייט אויף זאָגט מען מודה אני, מען וואַשט זיך, מען רייניקט די ציין, מען טוט זיך אָן, מען מאַכט אַ ברכה, מען עסט, מען בענטשט. מען גייט זיך לערנען, מען קומט אַהיים; מען שפּילט זיך, מען טוט היים־אַרבעט. די עלטערע העלפן דער מאַמען. מען זאָגט קריאת שמע און מען גייט שלאָפן. קענט איר פון די אַלע נאַטירלעכע איבונגען אויס־קלייבן וואָס עס הייסט אידישער באַוואוסטזיין און וואָס ניט? שבת איז שבת, יום טוב איז יום טוב, אַ געבורטסטאָג איז אַ געבורטסטאָג, וואַקאַציע איז וואַקאַציע — ווער קען פאַנאַנדער־קלייבן דאָס אידישע פון דעם ניט־אידישן? קינדערלעך לעבן זיך איין מיט תורה און מצות, און עס ווערט אַ טייל פון זייער מענטשלעכן באַוואוסטזיין. זיי זעען אַז איך דאַוון, מיינען זיי אַז אַזוי מוז דאָס זיין, פּונקט ווי זיי מיינען אַז איך מוז יעדן טאָג חוץ שבת גיין צו דער אַרבעט, און אַז די מאַמע מוז דריי מאָל אַ טאָג צוגרייטן עסן און טאָן אַנדערע זאַכן. מיר לערנען זיי ניט „אידישקייט״ אין די פּעריאָדן צווישן „געאָגראַפיע״ און „מאַטעמאַטיק״. ביי אונז איז אידישקייט ניט קיין קעגנשטאַנד, ס׳איז דאָך אונזער לעבן.

איך מוז צו דעם צוגעבן אַז זיי פילן זיך זייער פריי אין אַזאַ מין לעבן, און איך גלויב ניט אַז זיי זיינען מקנא די ניט־אידישע פריינט זייערע. אַז עס קומט סוכות, איז ביי אונז אַן אמת׳ער יום טוב. די גאַנצע משפּחה בויט צוזאַמען די סוכה, און מיר האָבן דורכן יום טוב פיל געסט מיט זייערע קינדער. (ס׳איז אַ רחמנות אויף די גויאישע קינדער אין

געגנט — זיי האָבן טענות צו זייערע עלטערן פאַרוואָס זיי בויען ניט קיין סוכה). דאָס זעלבע מיט פסח און פורים און שבועות און חנוכה. מיר האָבן דערווייל נאָך ניט געהערט פון די קינדער קיין וואונטש וועגן אַ „קריסטמעס טרי״, און קיינע טענות וועגן גיין צופוס אום שבת.

דאָס זיינען מיינע ענטפערס אויף אייערע פראַגעס. איך ווייס ניט צי זיי וועלן אייך געפעלן צי ניט. אָבער אַז מען פרעגט, מוז מען פרובירן ווי ווייט מעגלעך ענטפערן. מיר ביידע, געיל און איך, גלויבן אַז מיר גייען אויפן ריכטיקן דרך. עס איז אַמאָל שווער און אומבאַקוועם, און עס איז מעגלעך אַז מיר בלאָנדזשען אַמאָל. עס איז אינגאַנצן פאַרביי דריי יאָר זינט איך בין דעם ערשטן מאָל געקומען אין ליובאַוויטש. איך קען זיך בשום אופן נאָך ניט פאָרשטעלן פאַר דער וועלט ווי אַ חסיד אָדער ווי אַ פאַרשטייער פון חב״ד. אָבער וואָס טיפער מיר לאָזן זיך אַריין אין דעם, אַלץ מער ווערן מיר אַ טייל פון זיי — און דורך זיי, אַ טייל פון כלל ישראל, פון דער פאַרגאַנגנהייט, פון היינט צו טאָג, און פון דער צוקונפט.

זייט מיר אַלע געזונט, אייער תלמיד

וועלוול

באַמערקונג פון רעדאַקציע: ס׳וואָלט געוויס געווען כדאי צו באַקענען די לייענער אַביסל מער מיט דער וואונדערבאַרער פערזענלעכקייט פונעם מחבר. דאָס וואָלט אָבער פאַרלעצט די באַשיידנקייט־גרענעצן אין וועלכע ער האָט זיך אַזוי חסידיש־עניוות׳דיק אַריינגעשטעלט.

חודש שלישי די העכסטע אחדות / פאַרזעצונג פון זייט ב

נאָמען פון חודש אייר, ראשי־תיבות (ווי געבראַכט אין ספרים) אברהם, יצחק, יעקב, רחל — די פיר „רגלי המרכבה״), אָבער ניט קיין פולשטענדיקער יחוד מיט ג־טלעכקייט.

דעם דריטן חודש, דער חודש השלישי, טוט זיך אויף און מ׳קומט צו אין אים צום דריטן און העכסטן סוג פון אחדות — אַט־די מטה, אַט־די זאַך וואָס איז לכאורה מנגד צו אלקות, זי גופא ווערט איין זאַך מיט ג־טלעכקייט. דאָס מיינט, אַז דווקא אין שלישי ווערט אויפגעטויכט און אויפגעלויכטעט דער אמת׳ער אחד: פון אַט־די „צוויי״ — מעלה און מטה — ווערט אויפגעטאָן אַ דריטער ענין, וואָס איז העכער פון זיי ביידע — די אַל־העכסטע און אמת׳ע פאַראייניקונג און געאייניקטקייט מיט אלקות.

און דערפאַר איז אין דעם דריטן חודש געגעבן געוואָרן תורה. ווי געזאָגט, איז תורה דער סאַמע עכטסטער און העכסטער אויסדרוק פון יחוד און אחדות: דער שכל פון דעם לערנער ווערט איין זאַך ממש מיט אלקות. ווערט עס אַנגעמערקט אין דער צאָל שלישי: דורך „צוויי״ זאַכן קומט מען צו דער דריטער און סאַמע איינציקער איינציקייט — פון זיין שכל אינאיינעם, כביכול, מיטן שכל וחכמתו של הקדוש ברוך הוא; צום אַבסאָלוט אומבאַגרענעצטן — כולא חד.

דער פּאַקל און דער פונק

צ. מ. שטיינמעץ

ראַנד־באַמערקונגען צו מגלת רות

„...און זיי האָבן געהייראַט פרויען מואביות, דער נאָמען פון איינער איז געווען ערפּה און דער נאָמען פון דער צווייטער רות, און זיי האָבן דאָרט געוואוינט אַרום צען יאָר...״

צען יאָר האָט רות געלעבט מיט איר מאַן מחלון און האָט זיך ניט מגייר געווען. ערשט ווען איר מאַן איז געשטאָרבן און איר שוויגער נעמי, אַן אָרעמע, עלנטע אַלמנה, האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין זיך אומצוקערן צום לאַנד יהודה, האָט רות באַשלאָסן זיך צו באַהעפטן צום אידישן פאָלק און אָננעמען די אידישע אמונה.

וואָס איז די לאָגישע דערקלערונג דעריויף?

קען מען דאָס אפשר אויפקלערן אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

די טאַט פון אלימלך, דער גביר פון שבט יהודה, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין פאָלק אין הונגער און נויט און איז אַנטלאָפן מיט זיין פאַרמעגן קיין מואב, ווערט היפּש פאַראורטיילט. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם שריט איז אָבער געפאַלן נאָר אויף אים אַליין. נעמי איז ניט געווען מיטשולדיק אין דעם פאַרראַט. ער איז דאָך געווען: „איש נעמי״, דער האַר פון נעמי, דער הערשער איבער איר און זי איז נאָר געווען טפל צו אים, און דערפאַר האָט די שטראָף אים געטראָפן און ניט איר (רש״י). נעמי איז נאָר מיטגעגאַנגען ווי אַ געהאָרכזאַמע פרוי, וואָס פאָלגט איר מאַן. זי האָט ניט געהאַט די שטאַרקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן פון איר מאַן.

איין עבירה ברענגט די אַנדערע. ווען אלימלך שטאַרבט, הייראַטן די זין מואביות. אַזוי לאַנג ווי עס לעבן מענער אין דער פאַמיליע איז נעמי אָפּגערוקט אין אַ זייט. זי לעבט אין שאָטן, זי ליידט און שווייגט.

דער כאַראַקטער און די לעבנס־פירונג פון מחלון וכליון, וועלכע האָבן צוויי מאָל פאַרראַטן זייער שטאַם — פאַרלאָזן זייערע ברידער אין נויט און חתונה האָבן מיט פרעמדע פרויען — האָט ניט געקענט אינספּירירן רות, זיך צו דערנענטערן צו דער אמונה פון איר מאַן. אויב איר מאַן האַלט אין איין אַנטלויפן פון דער אמונה פון זיין פאָלק, ווי אַזוי קען ער זי, זיין פרוי דערנענטערן צו איר. און נעמי שווייגט נאָך אַלץ.

ערשט דער לעצטער קלאַפּ, ווען אויך אירע צוויי זין שטאַרבן אויף דער פרעמדער ערד, וועקט נעמי׳ן אויף פון איר לעטאַרגישער אָפּהענטיקייט. ערשט ווען זי בלייבט גאַנץ אַליין „ותקם היא״ (תקומה היתה לה), האָט זי אַן אויפשטאַנד, „גורט זי אָן מיט קראַפט אירע לענדן״. ערשט ווען די הערשאַפט פון די מענער האָט זיך אָפּגעטאָן, אַנטפּלעקט זיך די גרויסע, וואונדערבאַרע פערזענלעכקייט פון נעמי.

ווי אַלע גרויסע מענטשן וואַרפט זי ניט די שולד אויף אַנדערע, כאָטש זי איז אין אמתן אומשולדיק. זי נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זאָגט: „ג־ט האָט עדות געזאָגט אויף מיינע זינד״.

וואָלט זי געווען אַ צדקת — זאָגט זי — וואָלטן אַזויפיל אומגליקן ניט פּאַסירט אין איר משפחה. זי איז מצדיק דעם דין. זי איז פאַרביטערט („המר״), אָבער ניט מרה־שחורה׳דיק פּאַסיוו. זי פאַסט דעם באַשלוס: אַליין זיך אומצוקערן צום לאַנד פון די אבות און ווידער אָנהויבן אַ ניי לעבן. אַזויפיל ליכט און הערלעכקייט שטראַלט אַרויס פון דער געשטראָפטער, אָבער ניט געבראָכענער נעמי, אַז ווען זי פאַרלאָזט איר וואוינאָרט — „ותצא מן המקום״, איז: „פנה זיוה, פנה הודה, פנה שבחה״ — פילט יעדער איינער, אַז ס׳איז אַוועק מיט איר „די שיינקייט, די הערלעכקייט און דער לויב״ פון אָרט.

און אין דעם מאָמענט געשעט דאָס גרויסע וואונדער: דורך דער שטראַלנדיקער פערזענלעכקייט פון נעמי טוט אַ פינקל אַרויס פאַר רות׳עס אויגן די פּראַכט פון דער אידישער אמונה. וואו איז די דאָזיקע נעמי געווען די אַלע יאָרן? איצט איז זי אַ לעבעדיק מוסטער פון דער אידישער „אשת חיל״.

ווען זי זעט אַז אירע שניר ווילן זי ניט פאַרלאָזן אַליין אויף דער עלטער און ווילן

(פאָרזעצונג אויף זייט יד)

● דוד זאַריצקי

אויב איר ווילט, איז עס אַ סיפּור, כ׳מיין, אַ שרייבערישע מעשה, וואָס מען שטעקט אַריין אינמיטן אַ בלימל, אַ קוויטל, אַ גרעזל, עס זאָל אויסזען אָדער שמעקן בעסער. און אויב איר ווילט — איז עס סתם אַ דערציילעכץ, אַ שטייגער, איינער רעדט אַראָפּ פון האַרצן, אָדער איינער זאָגט וידוי און דרך־אגב דערציילט ער אַרונטער אַלץ וואָס עס ליגט אים אין די טיפעניש.

כהאי גוונא איז געווען דאָ אויך.

ניט דעם עצם סיפּור ווילט זיך דערציילן, נאָר די דערציילעכץ, ווייל אַז ר׳ רפאל ק־ן, אָט־אָ־דער טיפּישער ירושלימער פּיקח, אַז ער דערציילט עפּעס, איז עס ניט אַ סיפּור, נאָר אַ דערציילעכץ; אַזאַ וואָס מען דאַרף נאָכדעם אַ מינוט זיצן און שווייגן, באַטראַכטן זיך, איבערקאָכן דאַרף עס זיך, צעגיין אין די אַלע חושים — ערשט דענסטמאָל האָט מען עס געהערט, כ׳מיין: דערהערט.

און איר ווייסט דאָך אַז עס איז דאָ הערן און דערהערן. מיר ריידן דאָך מיט אייגענע מענטשן...

אין אמת׳ן, איז ר׳ רפאל אַליין — אָט אַזוי ווי איר קוקט אים אָן — אַ גאַנצע, זאַפטיק־שמעקעוודיקע דערציילונג, פול מיט אידישן חיות און אידישער פּיקחות. ווען איך האָב צייט וואָלט איך אַ גאַנצן בוך געשריבן וועגן אַזאַ מין איינעם ר׳ רפאל. אָבער דערווייל דערציילן מיר נאָר אַ מעשה וואָס ער האָט דערציילט; און אַז ער דערציילט, איז עס ניט בבחינת עד מפּי עד, נאָר אָט הערט איר דעם בעל־דבר אַליין.

* * *

— אפשר קענט איר מיר מכבד זיין מיט אַ פּאַפּירעסל?

— „אַ פּאַפּירעסל" איז ניט קיין ארץ־ישראל׳דיקער אויסדרוק, נאָר אַ חוץ־לארצ׳דיקער. אין ארץ־ישראל זאָגט מען „אַ סיגאַרעטל". משמע אַ רוסישער אָדער אַ פּוילישער. נו, אַודאי קענט איר באַקומען אַ פּאַפּירעסל!

שטייט ער פאַר מיר אַזוי, אַ נידעריק אידל. זעט זיך אָן, אַז אַמאָל האָט ער געהאַט אַ נגידישן בייכל, ער האָט אַ רואיקן געזיכט, כ׳וואָלט געזאָגט: אַ באַרואיקטן פּנים, אַזוי ווי נאָך אַ שטורעם, די אויגן זיינען שוין געווען פאַרעלטערט, אָבער היבטער דעם אַלטן בליק האָט נאָך געשימערט אַ העזה׳דיקער שמייכל, ווי ער וואָלט אַרויסגעקוקט קונדס׳דיק פון הינטערן פאַרקאַן. זיין געזיכט איז געווען צעקנייטשט און עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס ווייסע בערדל וואַקסט נאָר צווישן די קנייטשן. זיינע ליפּן זיינען געווען פאַרגעלט פון ציגאַרעטן־רויכערן. הענט האָט ער געהאַט קליינע, ניט קיין „בעמענדיקע" — עושר׳דיקע הענט. אָבער ער האָט זיי געהאַלטן אויסגעשטרעקט און איך האָב אַריינגעלייגט אין זיי מיט שמחה אַ סיגאַרעטל.

דאָס איז געווען נעבן דעם אַלטן מושב־זקנים אין ירושלים, און דער איד איז געווען אַ תושב פון דעם אַנשטאַלט. דאָרט האָט ער קיין רייכן צימער ניט געהאַט, אָבער פון הונגער איז ער געווען פאַרזיכערט. נאָר קיין סיגאַרעטן האָט ער ניט געהאַט:

— אַזוי גיט מיר מיינער אַ בן־עיר, אָבער איך האָב ניט קיין כוח צוצוגיין. ווייס איך

ווּעמען איך קען אָפּשטעלן און בעטן אַ פּאַפּירעסל — און איך טרעף טאַקע שטענדיק.

ער האָט געלאַכט אָן ציינער און כמעט אָן דעם מויל. דאָס געלעכטער האָט זיך נאָר אַרויסגעהערט און ניט אַרויסגעזען. נאָר די אויגן זיינען בשעת־מעשה אינגער געוואָרן, גלעטנדיקער און שטיפערישער.

— נעמט אפשר דאָס גאַנצע פּעקל — האָב איך געזאָגט, קוקנדיק אין זיינע לאַכנדיקע אויגן. ער איז מיר געפעלן געוואָרן.

ער האָט אַ לענגערן קוק געטאָן אויף מיר, אַ ווײַלע געשוויגן און שווייגנדיק צוגענומען דאָס ניט גאָר־פולע פּעקל סיגאַרעטן. ער האָט עס בכבוד׳יק אַרײַנגעלייגט אין דער קליינער קעשענע פון רעקל, האָט פאַררויכערט, און אַרײַנציענדיק טיף דעם רויך מיט קענטיקער הנאה, געזאָגט:

— גוט, זייט איר ווערט איך זאָל אייך עפּעס דערציילן, אויב איר ווילט.

— אַוודאי וויל איך.

— אָט אַזוי ווי איר זעט מיר, בין איך אַמאָל געווען אַ פאַבריקאַנט, אַ „זאַוואָדטשיק" האָט מען עס גערופן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, ביים צאַר. מיט אַ פּאָר הונדערט טויזנט קאַרבן וואָלט מען מיר אָפּגענאַרט שאַצנדיק. איך האָב געהאַט אַ זאַוואָד פון צוקער און צו דעם אַ פאָלוואַרעק. איר ווייסט וואָס דאָס איז? אַ הויף, הייסט עס, אַן אימעניע, האָט עס געהייסן. און אַרבעטער האָבן ביי מיר געאַרבעט אַ סך, פיל מער ווי איר מיינט. פאַרשטייט מען, אַז אין מיינע קאָנטאָרן האָבן געאַרבעט נאָר „נאַש בראַט", ס׳הייסט: אחינו בני ישראל. פאַר אומזיסט וואָלט איך ניט גענומען קיין פאָניע. צום טראָגן — פּאָזשאַלויסטאַ (ביטע!). קייקלען ריזיקע פעסער, שלעפּן גרויסע זעק, אויסלאָדן טראַנספּאָרטן מיט בוריקעס אָדער תבואה; שניידן, זייען, קאָסען און די אַלע עבודה בשדה — דאָס אַלץ האָבן געמאַכט פאָניעס. אָבער אין קאָנטאָר האָבן געאַרבעט נאָר אידן. זיי, אונזערע ברידערלעך, מיין איך, האָבן איידעלע הענט, איידעלע מוחות, קענען אַ דריי־טאָן מיטן מוח — וועלן זיי צוואַנציק רעוויזאָרן ניט פּאַקן. זיי גיבן אַזוי אַ דריידל מיטן פּעדער — ציטערן אַלע צאָלן. ביי מיר — האָט מיר געזאָגט מיינער אַ בוכהאַלטער — שטעלן זיך אויס די ציפערן אין „סטראָי", ווי סאָלדאַטן, און ווען איך ווייז זיי מיט מיין פען, לויפן זיי און שטעלן זיך ווי איך הייס זיי און ניט ווי עס קומט אויס. פאַרשטאַנען?

און שבת איז געווען שבת; און ערב שבת איז געווען ערב שבת. אַ איד בין איך געווען אַפילו מיט דעם קרוב צו אַ מיליאָן קערבלעך. צוויי שעה פאַר שבת איז אַלץ געווען פאַרמאַכט.

אָבער אַרבעט האָב איך געפאָדערט. איך האָב אַליין געאַרבעט און פון אַנדערע געפאָדערט. ביי מיר איז קיין פאַרשפּעטיקן ניט געווען; איך אַליין פלעג זיין פּינקטלעך אַכט אַ זייגער אין קאָנטאָר, און אויב עמעצער האָט געפעלט, איז געווען ניט גוט: זיין פּרנסה איז געהאָנגען אויף אַ האָר.

ויהי היום, מאַכט זיך אַזאַ רעגנדיקער טאָג און איך קום אין קאָנטאָר פּונקט אַכט. כ׳גיי אַדורך דורך די צימערן, גען צו פון יעדערן זיין הכנעה׳דיקן „גוט־מאָרגן, בעל־הבית", זע אין אַלע אויגן די לעקעדיקע שטומקייט און (היינט בין איך מודה פאַר אייך) עס טוט מיר אַ קיצל אונטערן לעפעלע. די מענטשן, טראַכט איך, זוכן מיינעם אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט. אָבער איך ווייס אַז מיינס אַ וויץ אָדער סתם אַ שמייכל, וועט זיי אָפּרייסן פון דער אַרבעט — פון דער אַרבעט וואָס טראָגט מיר אַרײַן אַ טויזנטער אַ טאָג, אַ טוי־זנ־טער — איר פאַרשטייט וואָס הייסט דאָ, אין טויזנט ניין הונדערט און דרייצנטן יאָר, טויזנט רובל, אַ פאַרמעגן!

גיי איך אַזוי, עקב בצד אגודל, און קוק אַרײַן אין דעמס אַ ביכל און אין יענעמס אַ העפט, טראָג אַ חשובן פּנים און גיי אַרײַן צו מיר אין קאָנטאָר. אָבער פאַרביי־גייענדיק באַמערק איך, אַז משה איז נישטאָ. משה? וואָס איז מיט אים?

נעם איך אַרויס מיין גרויסן, גאָלדענעם זייגער פון דער וועסטל־קעשענע, גיב אַ דריק אויף דער ספּרוזשינע, עפנט זיך דאָס דעקל: אַכט אַזייגער מיט פינף מינוט. פינף מינוט האָט ער שוין פאַרשפּעטיקט, פינף מינוט אָן אַרבעט, פינף מינוט, הייסט עס, וועל איך אים צאָלן סתם אַזוי, פאַר גאָרניט.

נו, טראַכט איך, דאַרף מען ניט אַרײַנגיין אין קאָנטאָר צו מיר, נאָר וואַרטן. שטיי איך אַזוי מיטן אָפענעם זייגער אין האַנט. די מענטשן פון דער זייט האָבן מורא אויפהויבן די אויגן, איך צייל:

— צען מינוט נאָך אַכט, פופצן מינוט נאָך אַכט, צוואַנציק — צוו־אַ־נ־צי־ק מינוט נאָך אַכט!

ערשט עס רייסט זיך אויף די טיר און משה פאַלט אַרײַן ניט־טויט, ניט־לעבעדיק. אינגאַנצן אויסגענעצט צום אויסדרייען, פאַלט ער אַרײַן פאַרסאָפּעט, קוים וואָס ער קען דעם אָטעם אָפּכאַפּן. ער דערזעט מיך ווי איך שטיי מיטן אָפענעם זייגער, ווייס ער שוין מיט וואָס דאָס שמעקט. ער פאַלט צו צו מיר, כאַפּט מיר אָן ביים האַנט — ווערט מיין האַנט אינגאַנצן נאַס. איך צי

אַרויס מיין האַנט פון זיין נאַסער האַנט און ווייז אים אויפן זייגער, אויף מיין גרויסן, גאָלדענעם זייגער וואָס ווייזט צוויי און צוואַנציק מינוט נאָך אַכט.

ציטערט מיין פינגער אויפן ציפערבלאַט און משה, זע איך, ציטערט נאָך שטאַרקער.

— בעל־הבית, — צאַפּלט זיין קול — נעכטן איז געווען קראַנק מיין פרוי, האָב איך געמוזט אַליין צוגרייטן. מילא איך האָב ניט געגעסן, אָבער פאַר די קינדער האָב איך געמוזט צוגרייטן עסן. זיי דאַרפן דאָך גיין אין חדר. און דעם ווייב האָב איך אַ הייסע גלאָז טיי געמאַכט. וואָלט איך נאָך אַלץ צייט געהאַט צו קומען צו דער צייט, אָבער היינט ביינאַכט האָט מיין קלענס־טע באַקומען היץ, ברענט זי ווי אַ פייער, לא עליכם. אינדערפרי — די פרוי איז קראַנק, זי קען זיך ניט אַ דריי טאָן, דאָס קינד ברענט, לא עליכם — זאָגט מיר מיין פרוי: לויף ברענג אַ דאָקטאָר, ווער ווייס וואָס אונזער פיצל האָט? אפשר גאָר, חלילה, מאָזלען? דאַרף מען וויסן וועגן די אַנדערע קינדער!

זאָג איך איר: איך וועל פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט.

זאָגט זי מיר: וועסטו דאָס דערציילן דעם בעל־הבית. ער איז דאָך אַ פיינער איד, וועט ער עס פאַרשטיין. נו, בין איך גע־לאָפן צום דאָקטאָר. ביז ער איז געקומען, אויסגעהערט — אַן אַנגינע האָט דאָס קינד, אַ שווערע, אפשר נאָך מיט אַ בראָנכיט — איז שוין געוואָרן שפּעט. און איך בין גע־לאָפן, בעל־הבית... — כאַפּט ער מיר ווי־דער אָן מיט זיין נאַסער האַנט — אוי בין איך געלאָפן, אַבי ניט פאַרשפּעטיקן, אָבער וואָס קען איך מאַכן?

האָב איך אויף אים אַ קוק געטאָן און דערזען פאַר מיר ניט זיין אויסגעפייניקטן פּנים, ניט זיין קראַנק קינד און ניט זיין קראַנקע פרוי, און ניט זיינע אויסגעוויקטע קליידער פון וועלכע עס האָט נאָך גערונען וואַסער, נאָר איר ווייסט וואָס איך האָב געזען? — —

ער האָט פאַרצויגן טיפער דאָס רויך, אַ קוק געטאָן אויפן צעהיצטן אָרום, אויף דער לאַנגער טרויעריקער געביידע פון מושב זקנים, אויף זיינע אַלטע, אויסגעליידיקטע קליידער, און געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל:

— מיינע פאַר רובל האָב איך געזען, ווי איך וועל אים צאָלן אומזיסט, דאָס האָב איך געזען.

האָב איך צוגעמאַכט דאָס דעקל פון זיי־גער, פאַרשריבן די עטלעכע און צוואַנציק מינוט ביי מיר אין ביכעלע און געזאָגט: „ר׳ משה, קראַנק קענט איר זיין נאָר אויף אייער אייגענעם חשבון, איר הערט?“ און זיך אויסגעדרייט און אַריין אין קאַנטאָר.

זיינען דורכגעגאַנגען עטלעכע יאָר, און איך האָב פאַרגעסן פון לאַנג וואָס איך האָב געזאָגט מיין משה׳ן. אָבער אין דער הויך פאַרגעסט מען ניט; ניין, ניין, מען פאַר־געסט ניט. איז געקומען אַ אידעלע, ליי־בעלע האָט ער געהייסן (טראָצקי), און גע־זאָגט צו מיר: „העי, מאיר׳ל, אַ גביר זאָלס־טו זיין אויף דיין אייגענעם חשבון!“ און מיטאַמאָל האָב איך ניט געהאַט, ניט דעם זאַוואָד און ניט דעם פאַלוואַרעק, ניט די קאַנטאָר און ניט משה׳ן. מיטאַמאָל האָט מיר מיין גאָלדענער זייגער מער ניט געוויזן די צייט, און די צייט האָב איך געקוקט ביי לייבעלען אין די טורמעס. דאַן בין איך אַליין קראַנק געווען אויף מיין אייגענער צייט, דאַן איז מיר געבליבן אַזויפיל צייט אַז איך האָב עס געקענט אַנטלייען אַנדערע.

און ווען איך האָב שוין גאָרניט געהאַט, בין איך געקומען אויף יענעם אָרט וואו עס איז אַמאָל געווען מיין זאַוואָד, אָבער מען האָט מיך ניט אַריינגעלאָזט. האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט ביים טויער ווען מען האָט אַרויסגעפירט די גרויסע טראַנספּאָרטן מיט סחורה, און געזאָגט צום רבונו של עולם:

— רבונו של עולם, דו ביזט גערעכט, אוי ביזטו גערעכט! אויב איך האָב קיין צייט ניט פאַרן קראַנקן ווייב און קינד פון אַ משה, דאַרפסטו, כביכול, קיין צייט ניט האָבן פאַר מיר. דו ביזט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט.

און היינט, ר׳ איד, שטיי איך אַזוי ביים טיר פון מושב זקנים און וואַרט ביז עס וועט דורכגיין עמעצער וואָס אויף זיין פּנים איז קענטיק אַז ער וועט מיר געבן אַ פּאַ־פּירעסל, און איך בעט און מען גיט מיר. און קיינער זאָגט מיר ניט: ר׳ איד, רויכערן דאַרף מען אויפן אייגענעם חשבון...

געדענק איך עס שטענדיק און וואַרט: אפשר וועט זיך דאָך געפינען אַ איד וואָס וועט עס מיר זאָגן און ניט געבן, וועל איך וויסן דאַן, אַז דער רבש״ע האָט ווידער צייט פאַר מיר...

„דיאַלאָגן" קרענק

צ. שלום

וואָלט דער גאַנצער ענין פון „דיאַלאָגן" געווען בלויז אַ צופעליקע לאָקאַלע פּאַסירונג אין די זייטיקע און אָפּגעריסענע קרייזן פון אידנטום, וואָלט זיכער ניט געלוינט צו פּטר'ן צייט און פּאַפּיר דערויף. פּרומע אידן איז תמיד פריקרע געווען צו ריידן ניט בלויז מיטן קריסטנטום, נאָר אויך וועגן דעם אַלעם וואָס שמעקט דערמיט. די צרה איז אָבער, וואָס אָט־די פּלאָג האָט זיך צעשפּרייט אין דער אידישער מחנה מיט אַן עפּידעמישן פּאַרנעם, ווי יעדע סענסאַציע וואָס ווערט היינט אַזוי צעבלאָזן אין אַן אומפאַרשטענדלעכן מאַסשטאַב. טראָץ דעם וואָס די היינטיקע וועלט איז געשלאָגן מיט אַ מאוים'דיקער גלייכגילטיקייט צו אַלץ און אַלעם (און פּסיכאָלאָגיש איז אפשר דאָס גופא די סיבה), ווערט זי אָבער ממש פאַרכליניעט פון יעדן פיצל נאַרישער סענסאַציע; פון יעדער משוגענער און משונה'דיקער באַוועגונג און מאָדע.

זינט עס האָט זיך גענומען טראָגן אין לופטן דער „עקומענישער" ריח — דער וואָרצל פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשפּראָצט די דיאַלאָגישע „זומפּ־שוואָמען" — איז די אידישע גאַס פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אַ מבול פון קריסטלעכע טערמינען, מנהגים און באַגריפן. ווען האָט עס אַמאָל אַ סתם אידיש קינד געוואוסט פון וואָרט „עקומעניזם" למשל? ער האָט עס ניט געהערט, ניט געקענט און ניט געוואָלט הערן. וויפל די קריסטלעכע פירער האָבן ניט געפּרואווט אַריינצוטראָגן אין אידנס באַוואוסטזיין כאָטש עפּעס אַ שמץ פון דער צלם־לערע — איז עס זיי קיינמאָל ניט געלונגען, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן דערביי לחלוטין ניט געזשאַלעוועט קיין אידישע לעבנס און אָנגעפילט זייערע פינסטערע קלויסטער־גריבער מיט אידישן בלוט. יעדער סאָרט באַריר מיט יענער זייט פון דער אידיש־הייליקער אמונה איז געווען באַגלייט מיט אַזאַ אינערלעכן פּחד, מיט אַזאַ שטאַרקן אָפּטרייסלען זיך, אָט פונקט ווי אין אָנבליק פון טויטלעכער געפאַר. דער אידיש־געזונטער אינסטינקט האָט אַפילו געשאַפן אייגענע פאַרשטעלטע טערמינען פאַר פאַרשידענע וועזנס פון דער קריסטלעכער וועלט — אַבי ניט צו אַרויסריידן זייער אָריגינעל־קריסטלעכע באַצייכענונג. אויב מען מוז שוין יאָ דערמאָנען, טאָ זאָל עס הייסן: „גלח", „תיפלה", „צלם", „נוצרי", „טומאה", „שתי וערב" אאַ"וו. (עס האָט ניט געקענט אַרויסקומען פון אַ אידיש מויל דאָס וואָרט „גייסטלעכער", „געבעט־הויז" וכד').

אדרבה, פון וואָס אויף דער וועלט האָט אַ איד אַזוי שטאַרק געווייכט ווי פון אַ קלויסטער? די גאַנצע אויסגעשטרעקטע „הויכקייט" און „שיינקייט" פון דער תיפלה־געביידע האָט ביי אים אויסגעזען ווי אַ פינסטערער, טיפער תהום. וועלכע געשטאַלט האָט נאָך אַזוי דערדריקט און פאַרקלעמט דאָס געמיט פון אַ אידישן אינגל, ווי די געשטאַלט פונעם שוואַרץ־פאַרשלייערטן גלח? האָט דער גלח געמעגט גאָר „זיס" שמייכלען אים אין פנים — געזען האָט דאָס אינגל דעם געלעכטער פון שטן, פון מלאך־המות. וועלכער פון די שרעקלעכסטע כלי־זיין האָט אויסגעזען אַזוי אָפּשטויסנדיק און אומבאַרירנדיק ווי די כלומרשט „אומשולדיקע" צוויי שטעקלעך אין דער פאָרעם פון אַ צלם? פון דעם אַלעם האָט זיך געטראָגן דער גיפטיקער גערוך פון עבודה זרה־וויירוך, וואָס די שפּירעוודיקע אידישע חושים האָבן עס בשום אופן ניט געקענט פאַרטראָגן.

געוואַלד, וואו איז אַהינגעקומען יענע אידישע שפּירעוודיקייט? ווי אַזוי האָט דער אַ. ג. „עקומענישער גייסט" אַזוי פאַרטשאַדעט אידישע מוחות און הערצער? ווי קומט עס בכלל, וואָס דאָס וואָרט „עקומעניקל" זאָל אַזוי פאַרפּלייצן דעם שרייבן און ריידן פון אידן? קינד און קייט — און עקומעניזם, קאַרדינאַלן און דיאַלאָגן! אידישע שרייבער (אַפילו פרומע) פּלפּולן זיך, חקירה'ן זיך, טייטשן אַריין און טייטשן אַרויס דעם ענין מיט ק"ן טעמים; אידישע מויל־מענטשן צעגיסן זיך און גיבן לעקציעס וועגן „עקומעניזם" און מ'זוכט רק באַווייזן באַהאַונטקייט אין „הלכות" קריסטלעכקייט — פונקט ווי די ריזיקע צאָל אידישע פּראָבלעמען וואָלטן פלוצים געבליבן הענגען אויף

די קאַטויליש־פּויפּסטלעכע וואָגשאָלן. און ס'איז אַ וויטיק און אַ שאַנדע — דער גאַנצער עקומעניזשער תוהו־ובוהו, די גאַנ־צע דיאַלאָגן־ערבוביא — צוליב וואָס? צו־ליב אַ כלומרשטן, קרומלעך־כמורנעם שמייכל צום אידישן פאָלק מצד יענע שוואַרץ־פאַרהילטע צלם־געשטאַלטן! דער סאַמע בולטסטער מוסטער פון מינדערוויכ־טיקייט, פון מה־יפית געפאַלנקייט, פון זעלבסט־דערנידערונג און זעלבסט־פאַרשוועכ־כונג. קומט און זעט — וואָלט אַן אַמאָליקער מוכיח געזאָגט — ווי דאָס אורעלטע אידי־שע גרויסקייט און שטאָלצקייט שטייט מיט אַן אַבל'דיקן געבויגענעם קאָפּ; ווי דער מיט בלוט־געהייליקטער מסירת־נפש־מזבח פון עם ישראל ווערט אַזוי פאַראומווירדיקט.

ווייזט אויס, אַז דאָס וואָס די קריסטלעכע וועלט האָט ניט דערגרייכט מיט פייניקונגען און מיתות משונות, ווילן זיי פּרואוון באַוויַזן דורך דעם אַ. ג. „עקומעניזשן גייסט״, מילדע שמייכלען און „ברידערלעכע דיאַ־לאָגן״. צום באַדויערן ווייסן זיי וואָס ס'שטייט אין דער הייליקער תורה — פאָלגן זיי נאָך בלעמ'ס עצה צו בלק'ן: מיט בייזן וועסטו זיי, די אידן, ניט גענומען; פּרוביר בעסער זיי צוצוציען מיט „גוטע״ מיט־לען... און צום גרויסן פאַרדרוס האָט זיין עצה דאָן געהאַט טרויעריקע רעזולטאַטן; און זאָל אונז השי״ת שומר ומציל זיין — אויך איצט זיינען מיר עדות פון די באַ־זאָרגנדיקע פאָלגן וואָס דער פּויפּסט־און קאַרדינאַלן־„שמייכל״ האָט געבראַכט.

איז ניט דאָ דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך אויף די אַלע שאָדנס דערפון פאַרן אידישן לעבן. ס'איז שוין אויך וועגן דעם פיל גע־שריבן געוואָרן — הגם אַז ביי זיי גילט געוויס דער כלל פון „כל המרבה לספר הרי זה משובח״. אָבער בנוגע דעם „דיאַ־לאָגן״־אומגליק איז זיכער כדאי אַראָפּצו־ברענגען, לכל־הפחות אין קורצע ווערטער, וואָס דער ליובאַוויטשער רבי שליט״א האָט געזאָגט וועגן דעם ענין. ביי דער פּורים'־דיקער התוועדות האָט דער רבי שליט״א געווידמעט אַ היפּשן טייל פון זיינע שיחות ק' דעם דאָזיקן פּראָבלעם — און ביז די פול־תוכנ'דיקע שיחות וועלן דערשיינען, זאָל דאָ אַמווייניקסטן פאַרצייכנט ווערן איין נקודה פון זיינע רייד.

ראשית, דער אופן פון זיין ריידן: דער באַדויערנדיק־פאַרדראַסיקער טאָן פון זיינע רייד; דער איינגעהאַלטענער ברויז אין זיין קול און דער וויטיקלעכער אויסגוס אויף זיין הייליק געזיכט — האָט שוין געוויזן קלאָר ווי טיף־ערנסט דאָס האָט אָנגערירט זיין הייליקע נשמה. אָבער זיינע שאַרפע ווערטער האָבן עס סיווי אויסגעדריקט אויפן קלאָרסטן אופן. קודם האָט דער רבי שליט״א אָנגעטאַפּט אַזוי צו זאָגן דעם דופק פונעם „חולה״, געשטעלט דעם ריכטיקן „דיאַג־נאָז״ פון דער „דיאַלאָגן״־קרענק און אַנאַ־ליזירט אירע סימפּטאָמען.

אייגענטלעך איז דער וואָרצל פון אָט־דער קרענקלעכקייט ניט קיין ערשט־געבאָ־רענער, כבר הי' לעולמים: ביי דער גזירה פון המן הרשע. פאַרוואָס האָט די אידן דאַן געקומט די פאַרלענד־גזירה ר״ל? זאָגן די חז״ל: „מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע״. האָט דער רבי דערקלערט: דער הויפּט־אומגליק איז ניט באַשטאַנען אין זיי־ער באַגיין די האַרבע עבירה פון עסן טריפה וכד' (אי עס שטייט ניט אַ לשון פון „אכלו ושתו מסעודתו״, אי — טראָץ דער האַרבקייט פון מאכלות אסורות — קומט דעריף ניט אַזאַ האַרבע שטראָף). די הויפּט־צרה האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פּינקטלעך־מדויק'דיקן וואָרט וואָס חז״ל באַ־נוצן — „נהנו מסעודתו של אותו רשע״!

אַ איד פאַרלירט אַמאָל זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט און פאַלט־דורך אין אַן עבי־רה, אַ לייכטע אָדער אַפילו אַ האַרבע ר״ל — קען מען, לכל הפחות לשם התנצלות, אַרויסרוקן אַזעלכע סיבות, ווי: פאַרפאַל־גונג פון יצר־הרע, אַ וועלט מיט נסיונות, שטרויכלונגען מבית ומחוץ וכד'. האָט מען ניט געקענט ביישטיין. וואָס קען אָבער פאַר־ענטפערן ווען אַ איד שפּירט הנאה און פאַר־געניגן צו הוליען דווקא מיט אַ רשע; צו זיצן מיט אים ביי איין טיש? ווען ער האָט נחת פון דעם פאַקט, וואָס דער שונא פון ג־ט און זיין פאָלק איז אים מקרב; וואָס ער, דער אומווירדיקער הערשער, באַוויליקט אים אַ שמייכל, און ווייזט גרויסמוטיקן גענאַד איינצולאַדן דעם איד אויפן באַנקעט — דאָ שטעקט שוין אַ סך טיפערע געפאַלנ־קייט פון אידישן גייסט. ניט קיין פאַר־שפּילטער קאַמף מיטן יצר־הרע איז עס, און ניט קיין דורכפאַל אין געראַנגל מיט נסיונות. ער קעמפט ניט קעגן רשעות, ווייל, אדרבה, עס געפעלט דאָך אים; ער האַלט דאָך דעם רשע אַליין פאַר אַזאַ חשובער מציאות, אַז זיין האַרץ פרעגלט זיך פון נחת צו שטיין מיט אים אין נאָענטשאַפט.

און אַז אַ איד, וואָס זיין סאַמע וועזן איז בלויז זיין צובונד מיט ג־ט און זיין תורה, וואָס זיין איינציקער אָנהאַלט און אינהאַלט אין וועלט איז די פייערדיקע אמונה און הייליקער שטאָלץ מיט תורה ומצוות און טיפער באַוואוסטזיין פון „אתה בחרתנו״ — דאָס איינציקע ג־טלעך־אויסדערוויילטע פאָלק

— ווען אָט־דער איד בויגט פרייוויליק און נאָך מיט הנאה־געפיל זיין קאָפּ און האַרץ און זיין גאַנץ וועזן פאַר אַזאַ איינעם וואָס איז פּונקט דער קעגנזאַץ פון ג־טלעכקייט און תורה און אידישקייט — הייסט עס דען ניט אַז ער מאַכט דאָ אַן אינערלעך־פאַטאַלן אויסטויש פון קדושה אויף טומאה? דאָס איז שוין אַ פּאַראַליזירנדיקע מחלה וואָס דירט אָן דעם סאַמע פּינטל איד. און וויבאַלד אַז דער רשע פאַרנעמט ביי אים דעם אויבן־אָן אין זיין לעבן — טאָ פאַר־לירט דער איד ר״ל דעם זכות הקיום. וואָ־רום נאַטירלעכערהייט האָט דער איד, טאַקע ווייל צווישן אַזויפיל רשעים, קיין שום עק־זיסטענץ־באַרעכטיקונג. נאָר דער אויבער־שטער, דער בונד מיט אים, האַלט אויף די אידן. און ווען אָט־דעם אָנהאַלט־יסוד האָט דער איד איבערגעגעבן דעם רשע — איז געקומען ממילא די שרעקלעכע המן־גזירה.

און אָט־די קרענקלעכע געפאַלנקייט פון „נהנו מסעודתו של אותו רשע״ האָט זיך אָפּגעשפיגלט מיט דער בולטער ליכט (ריכ־טיקער: פינסטערניש) אין דער „דיאַלאָג״־מגיפה. דער אמת איז, אַז דער רבי שליט״א — ווי דער דורכאויסיקער מליץ־טוב אויף אידן און ווי אַ מנהיג ישראל וואָס היט זיין יעדעס וואָרט בשייכות צו עם ישראל — האָט ער דעם דאָזיקן פּאַראַלעל פון אַמאָל און היינט ניט אַרויסגעבראַכט אויף אַ די־רעקטן אופן. אָבער גענוג אַ בליק צו טאָן אויף איינס פון די צאָלרייכע בילדער, וואָס אַ אידישער נאָכלויפער האָט „זוכה״ געווען צו נעמען צוזאַמען מיט אַ גלח, ווער רעדט מיט אַ בישאָף — און דער צעשמאָלצענער „נהנו״ שטעכט די אויגן. ווער מיינט איר צעגיסט זיך אויף דער „פּיקטשע״ מיט אַ ליבלעך־צעפלאָסענעם שמייכל? דווקא די געשטאַלט פון אידישן „גייסטלעכן״. און אַז אָך און וויי צום „אידישן״ גייסטלעכן גע־שטאַלט! זעט איר, דער צווייטער, דער גלח, גייט דווקא מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ און טראָגט אויף זיך אַן אָנגעצויגענע חשיבות אין זיין אויסזען. דער אידישער „רעליגיעזער פירער״ זעט גיכער אויס ווי אַן אויסגעכאָליעטער אַרטיסט. דאָס אייגנצי־קע וואָס איר זעט אויף אים איז — גייסט־דערנידערונג און ביליקער גייסט־האַנדל. וואָלט ער כאָטש געהאַט מיט וואָס צו האַנד־לען — וויס איך וואָס! ער פירט אַ דיאַלאָג אין ענינים פון אמונה און תורה, אָבער אויך פון אונזער הייליקער תורה וויס ער ווייניקער ווי דער גלח... טאָ וואָס בלייבט פון דעם גאַנצן דיאַלאָג־שפּיל? בלויז דער צעהוליעטער „נהנו״־טאַראַראַם פון ביליקסטן סאָרט.

נאָך איין נקודה פון דעם רבי׳נס שליט״א רייד, וואָס איז שוין נוגע אויך די מיט יאַרמלקע־באַדעקטע אָנהענגער פון אַזעלכע „דיאַלאָגן״. דער רבי שליט״א האָט ציטירט פון רמב״ם וואָס פּסקנט אָפן און קלאָר, אַז אַזעלכע מיני דיאַלאָגן זיינען פאַרבונדן מיטן האַרבסטן איסור פון עבודה־זרה ר״ל! און שוין־זשע וועט אָט־דער שאַרף־גיפטיקער עבודה־זרה ריח פונעם צלם ניט אויפרו־דערן און אויפוועקן פון דער פאַרשמאַכט־קייט דעם אייביק־טליענדיקן אידישן פונק! אין אָנבליק פון אַזעלכע ווייט־דראָענדיקע מאָמענטן האָט תמיד די אידישע נשמה זיך סוף כל סוף צעטשוכעט — און לאָמיר האָפן, אַז אויך איצט — וואָס גיכער!

דער פאַקל און דער פונק / פאַרזעצונג פון זייט ח

מיט איר מיטגיין אין לאַנד יהודה — נאָך איידער זיי האָבן דערקלערט זייער פּלאַן זיך צו מגייר זיין — בעט זי זיך ביי זיי, ניט צו אָפּפערן זייערע יונגע לעבנס פאַר אירטווענן, און זי שילדערט פאַר זיי די האָפענונגסלאָזיקייט פון זייער צוקונפט אין אידישן לאַנד. אָבער גראָד די דאָזיקע אומ־אייגננוציקע איידלקייט ברענגט דערצו, אַז „רות באַהעפט זיך צו איר״ און דערקלערט, אַז „וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין ... דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין ג־ט איז מיין ג־ט״.

אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז די אידן זיינען געגאַנגען אין גלות, כדי ס׳זאָלן זיך צו זיי באַהעפטן גרים. די נשמה פון אַ צדיק איז אַן אַבוקה, אַ פאַקל און די נשמה פון גר איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער פונק, וועלכער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין שורש אין קדושה. ווען דער פאַרלאָ־רענער פונק דערפילט אין זיין נאָענטקייט דאָס גרויסע ליכט פון אַן אידישער נשמה ווערט ער, דער פונק, צוגעצויגן און באַ־העפט צו קדושה „ווי אַ ליכטל צו אַ פאַקל״.

דערפאַר ווערט רות באַצייכנט אַלס „אַ מיידל פון מואב וועלכע האָט זיך צוריק־געקערט... פון די פעלדער פון מואב״ (רות ב, ו) — דאָס מגייר זיין זיך פון אַ גר איז אין אמת׳ן דער צוריק־קער אַהיים פון דער פרעמד.

נעמי, אין איר יסורים׳דיקער אויסגעלוי־טערטקייט, האָט מאַגנעטיש אַרויסגעצויגן דעם הייליקן ניצוץ פון רות׳עס נשמה פון די טיפענישן פון די קליפּות — פון די פעלדער פון מואב.



(אַ כמו אַריינפיר צו אַ גרעסערער אַרבעט פון הרב ח. ליבערמאַן וועגן „המגיד“, דאָס צווייטע ווערק פון בעל ה„צאינה וראינה“)

עס זיינען צו אונז דערגאַנגען זייער ווייניק ביאָגראַפישע איינצלהייטן וועגן ר' יעקב בן יצחק אשכנזי מיאַנובה, מחבר פון ספר „צאינה וראינה“ און „ספר המגיד“. מען ווייסט אויך ניט גענוי ווען ער איז געבוירן געוואָרן און ס'זיינען דאָ פאַרשידענע מיינונגען, ניט מער ווי השערות'דיקע, וועגן דער דאַטע פון זיין פטירה. ס'איז נאָך אויך עד היום אומבאַשטימט די דאַטע ווען די דאָזיקע צוויי ספרים זיינען צום ערשטן מאָל דערשינען, און ס'זיינען דאָ אין דעם אַפילו קאָנטראָווערסאַלע השערות (לויט געוויסע פאָרשער קומט למשל אויס, אַז די ערשטע אויסגאַבע פון „צאינה וראינה“ טראָגט אויף זיך די דאַטע פון יאָר 1600, אין דער צייט ווען זיי נעמען אָן, אַז דער ספר „המגיד“ האָט זיך צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אין יאָר 1576; דאָס מיינט, הייסט עס, אַז זיין ספר אויף נביאים וכתובים איז דערשינען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר פריער ווי זיין ווערק אויף חומש?!).

דערפאַר האָט אָבער דער ספר „צאינה וראינה“ זוכה געווען צו אומגעהויערער פּאָפּולאַריטעט און באַרימטקייט אין אַלע תפוצות פון אשכנזישן אידנטום במשך פון אַלע דורות זינט זיין דערשיינונג (הגם — און דאָס איז זיכער צום באַדויערן — אין אונזער לעצטער תקופה האָט זיך געמערקט אַ געוויסע אָפּשוואַכונג אין דער דאָזיקער באַציאונג צוליב פאַרשידענע סיבות). די נאָכפראַגע אויפן דאָזיקן ספר איז געווען אַזוי גרויס, אַז די אויסגאַבעס פון „צאינה וראינה“ זיינען, איינס נאָך איינס, מיט זעלטענער גיכקייט אויסגעפאַרקויפט געוואָרן. עס איז, למשל, באַקאַנט, אַז אין פאַרלויף פון קרוב צו 130 יאָר (פון 1600 אַן ערך ביז 1732) זיינען דערשינען פיר און דרייסיק אויפלאַגעס פון „צאינה וראינה“! דאָס הייסט אַן איבערדרוק, אין דורכשניט, נאָך יעדע פיר יאָר! גאָר זעלטן קען אַ געדרוקט ווערק זיך „באַרימען“ מיט אַזאַ רייזיקן דערפאָלג פון נאָכאַנאַנדיקן איבערדרוק.

דער ספר „צאינה וראינה“ האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק. אָבער איבערהויפּט האָט ער זיך זייער אָנגענומען און זיך פאַרשפּרייט גאָר שטאַרק צווישן די פּשוטערע ניט־לומדישע קרייזן פונעם אידנטום, פאַר וועמען ער איז באמת פאַרפאַסט געוואָרן. פאַר זיי איז ער געווען אַ פריש־אויפגעעפנטער קוואַל פון וואַנען צו שעפּן „פולע הויפנס“ חכמה און תורה, די הייליקע געדאַנקען פון רז"ל און ווערטן פון מוסר און מאָראַל וואָס דער „צאינה וראינה“ האָט פאַר זיי פאָרגעבראַכט אין אַ לייכט־פאָלקישן אויסטייטשסטיל און אין אַ האַרציקער און פּשוט'ער (פאַר יענער צייט) שפּראַך פון אידישטייטש. האָבן זיי אים טאַקע אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אָפענע הערצער פול מיט ליבשאַפט און פאַרערונג.

אָבער די טיפסטע און וואַרעמסטע באַציאונג האָט דער ספר „צאינה וראינה“ פאַר זיך געוואונען צווישן די אידישע טעכטער — אַלע, אַלע אידישע טעכטער! (נאַטירלעך, אין די אשכנזישע געגנטן). ניט אומזיסט האָט דער דאָזיקער ספר גאָר גיך צובאַקומען נאָך אַ חשובן נאָמען „תורת הנשים“. און דאָס מיינט אויך אַזוי צו זאָגן: דער ספר וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די תורה פון די פרויען — אַזוי האָט דער „צאינה וראינה“ צוגעבראַכט, דערנענטערט די הייליקע תורה צו אידישע טעכטער. אייגנטלעך איז דאָ אַ גרונט אָנצונעמען אַז דער הויפּט־ציל ביים שאַפן דעם ווערק זיינען טאַקע געווען די בנות ישראל. דאָס איז קענטיק פון דעם צוציענדיקן טיטל־נאָמען גופא — צאינה וראינה — די ערשטע צוויי ווערטער פון אַ פסוק אין שיר השירים (ג, יא) געווענדעט צו אידישע טעכטער: צאינה וראינה בנות ציון וגו' (אויפן שערבלאַט צו דער אויסגאַבע פון באַזעל, 1622, שטייט: „חמשה חומשי תורה... בנות ציון צאינה וראינה“...).

דער „צאינה וראינה“ שטעלט מיט זיך פאָר אַן איבערזעצונג פון די חומש־פסוקים אין אידיש־דייטש, „אַרומגעקרוינט“ מיט

אויסגעקליבענע אויסטייטשונגען פון פאַרשידענע מפרשים ראשונים און אחרונים, דורכגעפלאָכטן מיט אגדות און סיפּורים פון חז״ל אין שייכות מיט די גערעדטע ענינים — און אַלץ אין דער פאָלקסמיטלעך־צוגענגלעכן שפּראַך פון מיטלאַלטערלעכן אידיש. אויפן גאַנצן ספר איז אויסגעגאָסן אַ מין האַרציקייט און געמיטלעכקייט, וואָס דערקוויקט דאָס אידישע געפילפולקייט; אַזאַ באַזונדערע פשוטקייט און חנעוודיקייט וואָס זעטיקט די אידישע אמונה און שטאַרקט זי. עס הערשט אין אים אַ פולקאָמע האַרמאָניע צווישן דעם אין יענער צייט געזונטן אידישן דיאַלעקט און דעם פאַרצייטיקן דיאַלעקט פון די אַראַמייאישע מדרשי חז״ל, וועלכע גיסן זיך צוזאַמען אין איין פולקייט און גאַנצקייט. איז ער טאַקע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „תורת נשים״, אין אַ וועגווייזער און דערציער פון אידישע טעכטער אין פאַרלויף פון דורות נאָך דורות. יעדן שבת האָט די מוטער געלייענט פאַר די קינדער וועגן די געשעענישן און פּאַסירונגען פון די אָבות הקדושים, פון די אידישע היסטאָרישע הייליקע מענטשן, נביאים און צדיקים, וועלכע זיינען אַלע דורכן „צאינה וראינה״ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַקאַנטע, נאָענטע און ממש „שטוביקע״ געשטאַלטן!

אָבער, אין אמתן, האָט דער ספר „צאינה וראינה״ געהאַט אַ דירעקטע און אומדירעקטע ווירקונג אויך אויפן גאַנג פון דערציען אידישע קינדער. די „חדרים״ און תלמוד תורה׳ס זיינען אַלץ מער באַהערשט געוואָרן פונעם אויסטייטש־דרך פון „צאינה וראינה״ און האָבן געלייגט דעם הויפּטגעוויכט אויף די אויפקלערונגען פון תורה וועלכע זיינען באַזירט אויף די מדרשי חז״ל, וואָס האָבן דערגרייכט זייער קלאַסישע פאָרעם אין דעם ווערק פון ר׳ יעקב בר׳ יצחק יאַנאָווער. זיין מעכטיקע השפּעה קען מען אויך זען קלאָר פון דעם פאַקט: זיין ספר האָט אַרויסגערופן ביטערע קריטיק מצד יענע קרייזן וועלכע האָבן ניט געקענט לייכט „פאַרדייען״ די יהדות־תורה׳דיקע אויפלעבונג, וואָס דער ספר האָט אַריינגעבראַכט צווישן אידן. ניט אומזיסט האָבן פאַרשידענע משכילים געצילט קעגן אים זייערע גיפטיקע פיילן און געזוכט אַרויסברענגען די מכלומרשטע פעלערן זיינע און די אומאָרדענונג, וואָס ער האָט פאַראורזאַכט אין דעם דרך הלימוד בכלל. אייגנטלעך, איז דאָס גופא, וואָס „צאינה וראינה״ האָט דערוועקט דעם פאַרדרוס און אָפּשפּאָט פון „די פאַרלענדער פון אידישן ווייַנגאָרטן״, אַ באַווייז אויף דעם לעבעדיקשפּרודלדיקן יהדות־זאַפט און די תורה־קראַפט וואָס אָט־דער ספר פאַרמאָגט אין זיך.

דאָס זיינען בלויז אָנגעוואָרפענע קורצע אַלגעמיינע שטריכן פון ספר „צאינה וראינה״. זיכער פאַרדינט ער אַ לענגערע און אויספירלעכערע אָפּהאַנדלונג (און אפשר וועט דאָס געטאָן ווערן אי״ה ביי אַ צווייטער געלעגנהייט). בעיקר אינטערעסירט אונז דאָ אַן ענין וואָס האָט אַן אומדירעקטע שייכות צום „צאינה וראינה״: אין די אַלע יאָרן ביז איצט איז געווען אָנגענומען, אַז „צאינה וראינה״ און „המגיד״ זיינען אַ צווילינג־ווערק פון זעלבן מחבר, ד. ה. אַז דער ספר „המגיד״ ווי מיר קענען אים איז פאַרפאַסט געוואָרן פון ר׳ יעקב בר׳ יצחק יאַנאָווער. איז אָבער געקומען דער באַרימטער תלמיד־חכם, פאָרשער און ביבליאָגראַף, הרב ר׳ חיים ליבערמאַן, און האָט אויסגעפונען, אַז מיר האָבן אַלע „געלעבט אין טעות״. די דאָזיקע אַרבעט פון הרב ח. ליבערמאַן וועט ד׳ערשיינען אי״ה אין אַ קומענדיקן נומער.

מסכת אבות / פאַרזעצונג פון זייט יח

פרויען לערנען מסורה מיט אַ באַזונדערע אויפגאַבע

פרויען, אַלס היטערינס פון דער אידישער היים, שפּילן אַ באַזונדערע ראָלע אין היטן און פאַרווירקלעכן די פרקי אבות, וואָס ס׳מיינט מסורה.

דבורה, די מינקת, דערציערין פון רבקה׳ן, האָט זיך פאַרדינט אַ ספּעציעל ערנהאַפטע דערמאָנונג אין דער תורה (ותמת דבורה — — —). מיט וואָס? רבקה איז דאָך אויסגעוואַקסן אין בתואל׳ס און לבנ׳ס הויז; וואָס האָט זי געמאַכט פאַר איינע פון די אמהות? די מסורה, אין וועלכער ס׳האָט זי דערצויגן דבורה!

מקען דאָ נוצן, אַלס לשון נופל על לשון, דעם זאָג: יש אם למסורה, „פאַראַן אַ מוטער צו דער מסורה״. די אידישע מוטער איז אַ מוטער פאַר דער מסורה.

פרקי אבות, די מסכת פון מסורה, איז אַ לימוד וואָס אידישע פרויען לערנען צו פאַרווירקלעכן אין חנוך, און שאַפן און באַזעלן די אידישע היים.

מסכת אבות — איר ראָלע פאַר דער אידישער פרוי

ד"ר הלל זיידמאַן

דער יסוד פון מסכת אבות איז מסורה, איר תוכן מוסר, איר ציל חסידות.

דאָס לערנען מיר טאַקע אין פרקי אבות גופא, און אין דעם סדר פון משנה, צו וועלכן די מסכת געהערט.

מסורה, דערמיט הויבט זיך אָן טאַקע די ערשטע משנה פון ערשטן פרק פון אבות: משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע. דערמיט האָט די משנה אַליין אויפגעקלערט איר יסוד. די דאָזיקע אויפקלערונג ליגט אויך אין עצם נאָמען פון דער מסכת, וועלכער דערמאָנט דעם פסוק „שמע בני מוסר אביך", „הער זיך צו, מיין זון, צום מוסר פון דיין פאָטער" (משלי, א' ח'). און דאָ האָבן מיר שוין אויך די אָנדייטונג פון מוסר, שמע בני מוסר אביך. אַ חוץ דעם זיינען „מסורה" און „מוסר" פון איין שורש, נישט בלויז שפּראַכלעך, נאָר אויך לויטן אינערלעכן זין, נאָר בעת „מסורה" רעדט וועגן אופן, וועגן איבערגעבן, — „ומסרה ליהושע", רעדט „מוסר" וועגן תוכן.

די גמרא קלערט אויף ראָלע פון מסכת אבות

ביידע פירן, לויט דער גמרא, צו חסידות. מיר לערנען אַזוי אין מסכת בבא קמא, דף ל' עמוד א': אמר ר' יהודה, האי מאן דבעי למהוי חסידא לקיים מילי דנזיקין, רבא אמר, מילי דאבות. „האָט רבי יהודה געזאָגט: ווער ס'וויל זיין אַ חסיד זאָל מקיים זיין די ענינים פון מסכת נזיקין; רבא זאָגט: די ענינים פון מסכת אָבות".

ווי אַ סך מאָל אין דער גמרא, איז עס דאָ ניט קיין סתירה צווישן רבי יהודה'ן און רבאַ'ן. וואָרום מ'קען דאָך זאָגן, אַז אין רבי יהודה'ס מימרא איז שוין במילא אַנטהאַלטן מילי דאבות. וואָרום מסכת אבות איז דאָך אַ טייל פון סדר נזיקין. אַי וואָס טוט דאָ אויף רבא? נאָר רבא קומט און ווייזט אָן אויף די עטישע יסודות וואָס ליגן אונטער די לכאורה „לעגאַלע" שקלא וטריא'ס אין די מסכתות פון נזיקין, וואָס האָבן צו טאָן מיט סכסוכים און טענות פון צדדים און ציווילע מאַנונגען און פּראָצעסן. אַלע די דינים זיינען דורכגענומען מיט מילי דאָבות.

קומט אויס, אַז דער יסוד איז הלכה, אָבער וואָס באַלעבט די הלכה? די מסורה, וועלכע איז איר צינור פון איבערגעבן און איבערנעמען פון סיני אָן (כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש); און דער אינסטרומענט פון שטענדיקן מחדש זיין, פון באַנייען און באַנייט ווערן.

אויף דעם איז באַזירט דער אויטענטישער אידישער שטייגער וואָס ציט זיין יניקה פון די אבות אין אורשפּרינגלעכן זין, דורך אבותינו ורבותינו, אין ווייטערן און ברייטערן פאַרנעם. פון מעשה אבות סימן לבנים, ביז מנהג אבותינו בידינו.

מסכת אבות אַלס אינסטרומענט פון מסורה

דאָס איז די „מורשה", וועלכע איז, אין קעגנזאַץ צו ירושה, נישט דער אייגנטום פונעם יחיד, נאָר פונעם כלל, פון קהלת יעקב. און אויך דערמיט איז מורשה אַנדערש פון ירושה וואָס מורשה אַנטהאַלט מסורה. דערפון נאָך אונטערשיידן צווישן מורשה און ירושה: מיט מאַטעריעלע ירושה קענסטו טאָן וואָס דו ווילסט, און קיינער האָט נישט קיין רעכט דיר צו זאָגן אַ דעה, מורשה אָבער — מוזטו היטן, טאָרסט עס נישט פאַרטאַכלעווען. ביי סתם ירושה קען אַמאָל זיין יש נוחלין ואינן מנחילין, זיי ירש'נען אָבער מאַכן נישט ירש'נען, אָבער ביי מורשה איז עס דיין חוב איבערצוגעבן דיינע קינדער, ווען מעגלעך נאָך באַרייכערט — ווי גרויסע אידן האָבן צוגעגעבן חן און מיין צו איבערגענומענער גייסטיקער ירושה, — אָבער אַוודאי טאָרסטו נישט פאַרלירן צו פאַרמינערן פונעם דאָזיקן אוצר.

דאָ קומען מיר צו צו דער ראָלע פון דער אידישער פרוי אין דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע, און צום לערנען פון פרקי אָבות — וואָס ווערט אָפט און פיל געלערנט דורך פרויען — אין די זומער־חדשים.

מסכת אָבות איז די איינציקע פון די מסכתות פון ש״ס, וועלכע האָט געוואונען אַן אָרט אַלס טייל פון סדור, און אַלס טייל פון שבת, ווייניקסטנס אין די זומער־שבתים.

די אידישע פרוי, אין איר ראָלע פאַר חנוך, דאַרף דעריבער שטאַרקן די מסורה ביי זיך אַליין אַזוי אַז ס׳זאָל במילא איבער־גיין צו די קינדער דורך דעם שוואונג פון איבערלעבער פעסטקייט.

דער געבאָט: והתנחלתם אותם לבניכם אחריכם (בהר, כ״ה מ״ו) מיינט נישט, לויט רש״י, איר זאָלט מאַכן ירש׳נען צו אייערע קינדער, נאָר איר זאָלט זיך אַזוי באַ־פעסטיקן אין באַדן, אַז ס׳זאָל אַריינדרינגען און איבערגיין במילא צו די קינדער. אַז דאָס גילט פאַר אינערלעכער גייסטיקער באַפעסטיקונג דערויף ווייזט רש״י׳ס פירוש: והתנחלתם כמו והתחזקתם, ווי „איר זאָלט זיך שטאַרקן״.

כדי מוסר זאָל זיין מסורה — און „מסורה״ מיינט דאָך איבערגעבן, — מוז מען אַליין זיין באַפעסטיקט אין איר. ווי אַזוי? דורך אַקטיוון באַוואוסטזיין, און שטענ־דיקן ווידער־איבערלעבן, דעם רוח־ניות׳דיקן תוכן פון מורשת אָבות, ווידער־אַמאָל אין אורשפּרינגלעכן זין, און אין ברייטערן.

אַקטיוו ווידער־איבערלעבן די מעשה אבות

און ווידער וועלן מיר דאָס פאַרשטיין דורך דעם ליבן רבי׳ן, רש״י. אויף כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו, „וואָרום פון די שפּיץ־פעלזן זע איך זיי, און פון די בערג קוק איך אויף זיי״ (בלק כ״ג ט׳) זאָגט רש״י: אני רואה ומסתכל בראשיתם, בתחילת שרשיהם, ואני רואה אותם מיוס־דים וחזקים כצורים הללו על־ידי אבות ואמהות. „איך זע און קוק זיך איין אין זייער אורשפּרונג, אין אָנהויב פון זייערע וואָרצלען, און איך זע זיי באַגרינדעטע און באַפעסטיקטע ווי אָט־די פעלזן, דורך די אבות און אמהות״.

בלויז ווען בלעם האָט אַזוי זיך אַריינ־געקוקט אין אידן, אין זייערע אָנהויבן און וואָרצלען, אין דער באַפעסטיקונג פון די אבות און אמהות, — וואָס דאָס מיינט דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי מסורה — האָט ער געקענט אויסרופן: מה טובו אהליך יעקב.

אויך ווען ער האָט געזען די שרשים, וואָס אידן דערהאַלטן אין שטענדיקן אַקטיוון זכרון און רוחניות׳דיקן צוריקבליק, מיט איין וואָרט, מסורה, האָט ער געזאָגט: הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב. אידן זיינען אַליין און איינציקאַרטיק צווישן אַלע פעל־קער מיט זייער טעגלעכן שטענדיקן ווידער־איבערלעבן די מסורה.

וואָלט אַן אַנדער פאָלק מתפלל געווען: חדש ימינו כקדם? צוריקקומען צו אור־שפּרינגלעכער פאַרגאַנגנהייט, צו די שרשים וואָלט דאָך פאַר יעדן אַנדער פאָלק געווען די ערגסטע קללה.

בלויז אידן זיינען אַזוי מתפלל, ווייל בלויז אידן וויסן דעם סוד און יסוד פון מסורה.

דער „סימן לבנים״ און פּרקי אבות

פּרקי אבות דאָס איז די מסכת פון מסורה. פון איבערגעגעבן די מעשה אָבות, אַלס סימן לבנים, און זיי פאַרווירקלעכן אין אייגענעם לעבנס־שטייגער.

מיר וועלן, כדי נישט מאריך צו זיין, אָנווייזן בלויז אויף איין „סימן״ אַזעלכן, אין סאַמע אָנהויב פון אָבות, וואָס וועט אויך גילטן אַלס סימן פאַר פיל אַנדערע למודים דאָרט. מיר לערנען: הוו מתונים בדין, „זייט געמעסיקט אין דין״ (אבות פרק א׳ משנה ב׳). דאָס הייסט צו זיין איבערלייגט, מיט איינזעעניש און רחמים בעת דו גייסט יע־נעם אורטיילן.

פון וועמענס „מעשה אבות״ איז דאָס „אַ סימן פאַר זייערע קינדער״? פון אברהם אבינו. די תורה דערציילט אונז וועגן די מורא׳דיקע זינד פון סדום; דערביי לערנען מיר ווי טראָץ דעם אַלעמען איז אברהם, וועלכער איז דאָך אַליין געווען דער עקס־טרעמער קאָנטראַסט צו אַלעמען וואָס ס׳האָט געמיינט סדום, — איז נישט געווען עקס־טרעם אין אורטיילן איבער זיי. ער האָט געזוכט גוטע אפילו צווישן זיי. ער האָט געזוכט צדיקים אין סדום. וואָס איז דער „סימן״ פאַר אונז? וואָס איז די מסורה דערפון פאַר אונז?

— הוו מתונים בדין!

(פאָרזעצונג אויף זייט טז)

ביז וואנען טאַטע?

ישראליק

(דורות׳דיק־אידישע שטימונגען אין שאָטן פון היינטיקע טעג)

אוי ווי פינסטער איז געוואָרן די נאַכט! און וואו איז דער טאַטע? איך הויב אויף דעם קול און שריי: טאַטע! טאַטע! עפּעס וויט, וויט, עפּעס הויך, הויך גיט אַ לויכט דעם פּאָטערס געזיכט...

אַזאַ לאַנגע נאַכט. דער ווינט בושעוועט אַרום מיר און לאָזט אַרויס פאַרשידענע געהילכן; אָט יאָמערט עס מיט פאַרוואָגלטן טרויער, און אָט דערהוידעט עס זיך אין ווילדן געלעכטער. אוי, ווי דאָס שרעקט מיך, טאַטע!

האָסט מיר אַמאָל אָנגעזאָגט, טאַטע: ישראל׳יק האָב ניט קיין מורא! אָבער קוק טאַטע: אַזעלכע קאָשמאַרנע חושכ׳דיקע געשטאַלטן שטייען מיר אַנטקעגן. גרויסע מויערן שוואַרצע מיט לעכער פון געהוילטע סקעלעטן לויערן אויף יעדן טראָט. זיי לאָקן, זיי ווינקען מיט אָפּגרונטיקער קראַפט. און טאַטע, ס׳איז דאָך אַזוי פינסטער! און מיינע טריט ווערן אָפּט וואַקלדיק.

די גרויסע ביימער — דער שטורעם צעבויגט זיי, צעוויגט זיי. אוי, ווי — אָט, אָט שטרעקן זיי זייערע שטעכיקע צווייגן; אָט, אָט ברעכט זיך דער שטאַם איבער מיין געבויגענעם רוקן.

האָסט מיר געהייסן גיין, טאַטע — גיי איך. אָבער עס פויזן עקדישן, שלאַנגען אונטער מיינע פיאַטעס. זיי שיפּען, זיי סקרוגן און וויקלען די פיס מיט קאַלטן ווייטיק. טאַטע, איך שטעל אַ טראָט — אָבער נאָדלדיקע דערנער און קראָפּיווע ברענען און רייסן די הויט.

מיין קול איז הייזעריק פון שטויביקן וויכער, אָבער איך שריי: טאַטע! אַ זומפּ אַ טיפער. אַ קלעפּיקער פאַרלאָפן מיר מיין וועג. און אַזויפיל גיפט אין דער בלאָטע; עס צאַפּט מיר דעם מאַרך פון די ביינער! איך פיל דיין האַנט, פאָטער, אָבער אַזוי שטיל, אַזוי פאַרהוילן! איך הער דיין הימל־וויטן שעפּטש אין מיין וועזן: „גיי, ישראליק, ווייטער. נאָך אַביסל, נאָך איין פיצל וועג, נאָך איין ברעקל נאַכט, מיין קינד!"

די נאַכט ווערט געדיכטער, דער חושך בלייאיקער. עס שפּילן תהום־שרצים דעם שפּיל פון בלוט. זיי פאַרפּילן די לופט מיט רויטן סם און שדים־ברומעריי. מחנות־מחנות צעדורשטיקטע שוידער־מחבלים קרייזלען מיך אַרום אין אַ זינדיקן געווירבל. און עס שאַרפן זיך ציינער אָן ציינער — לאַנגע, בלאַנקע — און צעפּאַסעווען די נאַכט מיט גרויליקער ווייסקייט.

אָט פינקלען שוין אָן אַ שיעור אויגן נעבן מיר — אויגן אַזעלכע רויטע מיט טיף־גרינעם גלימער; אויגן וואָס שפּייען מיט פלעקן טויט־האַס און פאַר׳חלש׳דיקן צאַפּל. אוי, טאַטע, וואוהין? וואוהין זאָל איך אַנטלויפן? איך הער שוין דעם קנאַק פון די נעגל, ווי אייזערנע רינגען, פאַרפלאָכטן אין צוקעניש, אין פליקעניש. עס בריאַזגען און כרושטשען די צעברויזטע ריזן־חיות; זיי וויקלען זיך און קנוילן זיך אין היסטערישע מהומה; און פליען שטיקער צעריסענע קערפּערס און ריזלען שטראָמען מיט בלוט אין דער הויך.

אוי, טאַטע! ראַטעווע! דער רינג ווערט ענגער, די געמיטער אָטעמען מיט פלאַקער און, ווי איז מיר — ווייל זיי איבן זיך און זייגען גרייט דיין ישראליקן צו פאַרצוקן...

עס וויגט זיך די ערד אונטער מיר. מיינע אויגן פאַרבלענדט און די אויערן פאַרשטומט מיין האַרץ כאָרכלט דורכן האַלז — און איך קען מער ניט שרייען, — דער

(פאָרזעצונג אויף זייט כד)

חיים מאטל ווערט א ,,מכניס אורח״

● דוב ראַוופּסקי

חיים-מאטל איז געווען אַ הייליקע נשמה. דאָס האָבן אַלע מודה געווען, אַפילו די, וואָס האָבן אים באַדויערט און אים באַצייכנט פּראָסט און ציניש: משוגענער. אָבער קנאַפּ משוגעים זיינען דאָ אויף דער וועלט? אַפילו אונזער שטאָט האָט געהאַט צוגעטיילט איר פּאָרציע „ניט־דערבאַקענע״ און „אַריבערגעפּאָרענע״ (אין יענעם גרויסן לאַנד זיינען זיי, וואָס אַן אמת, געווען מער פּריווילעגירט ווי די נאָרמאַלע און פיל פון זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט פראַנק און פריי). און פּונקט ווי געוויינלעכע מענטשן זיינען ניט גלייך, אַזוי זיינען דאָך אויך די חסר־דעה׳ניקעס אַנדערש איינער פון צווייטן. דאָך איז הונדערט פּראָצענט אמת, אַז חיים־מאָטל איז ניט געווען קיין משוגענער אין אָנגענומענעם באַגריף. אלא מאי, סתם טירופים? — איז ווער קען זיך עס באַרימען, אַז אַ צווייטער געפינט ביי אים ניט קיין טירופים אויפן פּוד?

חיים־מאָטל איז דאַן (אין 1938) אַלט געווען אַ יאָר 17־16. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ — גאָלד און זילבער! אים האָט אָבער געפעלט דער באַוואוסטזיין דערפון, דאָס מיינט, ער האָט אַליין ניט געוואוסט און ניט געשאַצט זיין אוצר אין קאָפּ. גמרות האָט ער געוואוסט — גוזמות, אָבער ס׳איז ביי אים אויסגעקומען ווי דאָס וואָלט געווען אַ געווינטלעכע דערשיינונג. ער איז נאָך דערצו געווען זייער פרום, חסידיש אָפּגעהיט — אַזוי ווי אַ ישיבה־בחור אַמאָל אין ליובאַוויטש, למשל. זיינע פּיאות זיינען געווען לאַנג און זיינע ציצית האָבן זיך געבאָמבלט ווייט אונטערן צעשמאָדערטן רעקל. בעת מ׳האָט געפּאַקט די געהיימע ישיבה׳לע אין דער שטאָט ז. — איז ער געווען פון די געכאַפּטע. אייניקע בחורימלעך האָט מען אַרעסטירט, אַנדערע — פאַרשלעפּט אין אַ קינדער־היים. אָבער חיים־מאָטל איז אויף מאָרגן שוין געווען אָנגעקומען אין אַ צווייטער שטאָט. ווי אַזוי ער האָט זיך אַרויסגעדרייט? דאָס איז געבליבן אַ געהיימניש. חיים־מאָטל, ביים פרעגן אים וועגן דעם, האָט אויסגעשטרעקט זיין רויט־רויטע נאָז, פאַרזשמורעט זיינע פּיצל־מאַנדלדיקע אויגעלעך און זיך פאַרכליניעט אין אַ געלעכטער. אָבער וואָס און ווי אַזוי האָט ער קיינמאָל ניט דערציילט.

מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז די נ.ק.וו.ד. האָט אים עטלעכע מאָל איינגעלאַדן — היתכן, אַ בחורל אַ פרומער דרייט זיך אַרום פראַנק און פריי איבער דער שטאָט! האָט מען, ווייזט אויס, אויך דאָרט באַשלאָסן, אַז ער איז פונעם „פּריווילעגירטן״ קלאַס, אויף וועמען ס׳איז ניט גילטיק די קאָנסטיטוציע און אַז זיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע הנהגה איז ניט קיין סכנה פאַרן „פאָטער פון די פעלקער״. האָט ער זיך געוואַלגערט אין סעקרעטנעם שולכל און איז דאָרט געווען בבחינת שמש. שבתים האָט ער געגעסן ביי די עטלעכע חסידישע משפּחות — און זיי האָבן שוין געזען, אַז ער זאָל ניט הונגערן אויך אינדערוואָכן.

טאָ וואָס איז פאָרט געווען מיט חיים־מאָטלען? זיין הילוך איז געווען שטענדיק דער זעלבער: אין קעלט און אין היץ האָט ער געטראָגן דעם זעלבן לענגערן מלבוש, ספק־מאַנטל, ספק־רעקל, פון גרוי־ערדישן קאָליר. ער האָט געטראָגן אַ לאַנגן, דינעם שאַליק, וואָס איז אַמאָל געווען בלוי אָדער גרין און איצט ברוין־געלבלעך. אָבער מערסטנס האָט ער אים ניט געטראָגן אויפן האַלז; נאָר צוליב געוויסע טעמים האָט ער מיט אים אַרומגעגאַרטלט זיין מאַנטל־רעקל.

אַ היטל האָט ער געטראָגן אַ רבנישע, אַ הויכע, פאַרקאַשערט אויף הינטן. גערעדט האָט ער זייער אַ סך, אָבער אַ חוץ לומדות און דינים, האָט ער זעלטן גערעדט עפעס פראַקטיש. עפעס אַלץ פון אַהינטער און פון אַרום, וואָס האָט פאַרווילט דעם הערער, אָבער אים אַליין געשטעלט אין אַ מאָדנער ליכט. ער איז אַפילו געווען זייער שאַרפזיניק, האָט געקענט „אָפשניידן" אַן עלטערן פאַרביסענעם משכיל, אָדער אַפילו אַריינפאָרן אַ קאָמוניסטל אין דער זיבעטער ריפ אַריין. אָבער דערביי — ווידער דאָס זעלבע: ער אַליין איז געבליבן משונה ניט־פאַרשטענדלעך.

ב.

אין 1938 האָט געבושעוועט די „יעזשאָוושטשינע". דורך די נעכט זיינען, אין די שטעט און שטעטלעך, צענדליקער טויזנטער מענטשן פאַרשיקט געוואָרן אין „טראַכטאַ־ראַ־רי"; אַרעסטירט, פאַרפייניקט און דערשאָסן. די וועלט האָט ניט געוואוסט — און וויס עס ניט גענוי עד היום — אַז דעם רעלאַטיוו־שווערסטן קרבן האָט געבראַכט דאָס פרומע אידנטום. און טאַקע באַזונדערס דאָס הייפל חסידישע אידן. שוחטים, רבנים, מלמדים, סתם פרומע אידן, אמתע און פאַר׳מסר׳טע כלי־קודש — זיי האָט מען מיט באַזונדער רציחה ליקווידירט. אויסגעריסן מיטן וואָרצל.

ווייניקע שטעט האָבן אויסגעמיטן אָט־דעם יעזשאָוו־ירגזון. די אומגליקן האָבן איבערגעשטיגן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע. די „פיר־אותיות" (נ.ק.וו.ד.) איז געווען דאָס שרעקלעכסטע וואָרט. איבערהויפט האָט פאַרשווידערט דעם געמיט די מורא פאַר זייער אויסערגעוויינלעך־נישט־מענטשלעכער און אומבאַגרייפלעכער צוגאַנג צו כאַפן אַ „פאַרברעכער": ראשית, אַז יעדער איינער איז פאַרדעכטיקט; יעדער צווייטער איז אַ פאָטענציעלער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און גלייכצייטיק האָט יעדער דריטער געדאַרפט „אַכטונג געבן" אויף זיין שכן, זיין פריינט און קרוב. דערנאָך דערציילן וואו מען דאַרף. און מאָדנע: „דאָרט" איז כלל ניט געווען קיין אונטערשייד, צי די מסירה איז אַן אמתע אָדער אַן אָפענער בייזוויליקער שקר מחמת פערזענלעכער שנאה. קיין חילוק ניט: אויב יענער האָט דערציילט אַז פלוני האָט געקרעכצעט אויף די „היינטיקע ביטערע צייטן", האָט פלוני באַקומען אַ פאַרטיקן אורטייל פון יענער „סטאַטיאַ" (אַז ער האָט געוואָלט אומוואַרפן די מאַכט פון דעם „סטאַלענעם") און שוין!

חיים־מאָטלס שטאָט האָט אַ שטיק צייט אויסגעמיטן אָט־די שרעקלעכע כוואַליע.

דאָס מיינט אין באַצוג צו די פרומע משפחות. אָבער באַלד איז אויך דאָרט געוואָרן שאַרף־אומהיימלעך. אייניקע האָבן שוין ניט גענעכטיקט אין די היימען; אַנדערע האָבן „אָפגעצויגן" אין אַן אַנדער שטאָט. נו, און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געמוזט נעכטיקן אין שטוב — האָבן זיי איבערגעלעבט שוידערלעכע ציטערנעכט, פון יעדער טיר־קלונג און יעדן שאָרך ביים פענסטער. בלויז חיים־מאָטל אַליין איז געבליבן אומפאַרענדערט. ער האָט אויסגעלאַכט אַלע בייזע שרעקן און רק געשלעפט די אידן אין געהיימען שולכל אַריין.

ג.

ווען דער אורח איז אָנגעקומען אין שטאָט, איז חיים־מאָטל געווען דער ערשטער אים צו באַגעגענען. ס׳איז געווען אַ איד מיט אַ גרויסער באָרד און רבנישן קאַרטוז. חיים־מאָטל איז געלאָפן פאַרטאָג פון דער טבילה אין דערבייאיקן טייך. זיינע פייכטע פיאות האָבן געשטעקט פון ביידע זייטן פנים, ווי צוויי אויסגעבויגענע הערנדלעך. די נאָז איז געווען רויט און נאַס — ווי אַן ערשט־אויפגעשניטענער בוריק. זיינע אויגעלעך האָבן געפינקלט, ווען ער האָט באַמערקט דעם גאַסט: אוי־וואַ! זעט אויס אַ חסידישער איד (ווער האָט דען דעמאָלט געטראָגן אַ באָרד אין יענעם לאַנד!). האָט חיים־מאָטל אים אויסגעשטרעקט אַן אויפגעלאָפענע און רויט־צעשפאָלטענע האַנט: שלום־עליכם אייך! דער איד האָט אים קאַלט־בלוטיק אָפגעמאָסטן: „עליכם שלום". חיים־מאָטל האָט אים באַלד גענומען עפעס דערציילן אויף דער שנעל אַ מעשה וועגן אַן אַלטן מתנגד — און דער איד האָט אומגעדולדיק געהערט. ער האָט שוין געוואָלט גיין ווייטער — אָבער חיים־מאָטל האָט אים צוגעהאַלטן. זיין אויסגעשטרעקטער מויל, ווי דער ברעג פון אַ שופר, האָט געמאָלן ווי אַ מיל; און דער לאַנגער נאָז האָט געהאַלטן אָט־אָט ביים אָנרירן דעם אידנס באָרד. זיינע פיצעלעך אויגן האָבן געבליקט אין די סאַמע שוואַרצאַפלען פונעם אורח. האָט ער זיך גערוקט אויף צוריק: אַ בריאה משונה! נו, נו!

דער איד האָט גענומען נישטערן אין די קעשענעס: „אפשר ווייסט איר דעם אַדרעס פון ר׳ ח.? כ׳האָב דאָ ערגעץ געהאַט זיין אַדרעס... איר ווייסט, היינטיקע צייטן! כ׳האָב געמוזט אַוועקפאָרן אויף גיך. ר׳ ח. איז מיינער אַ חבר פון דער ישיבה, כ׳האָב פאַרגעסן — מיינע פאַפירן זיינען אין טשעמאָדאַן..."

אָבער חיים־מאָטל האָט אים צופיל ניט געלאָזט ריידן: „כע־כע, איר׳ט געמאַכט אַ

'ויברח', אַ בעזשינעץ זייט איר, אָבער ר' חיים איז אייערער אַ געטרייער חבר, ער איז אויך אַ 'בעזשינעץ', אַנטלאָפן. קומט, איך וועל אייך ווייזן אַ גוטן פלאַץ צו טובל זיין זיך, אַ ריכטיקע טבילה, וואַרפט אַוועק אַלע בייזע כוונות...״

דער אורח האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן און האָט חיים־מאָטלען אַ מעסט געטאָן מיט אַ דרינגלעכן בליק און געוואָלט צוגיין צו אַ צווייטן אידן, וואָס איז פונקט פאַרבייגעגאַנגען. חיים־מאָטל האָט אים אָבער געהאַלטן ביי די לאַצן און אים דערציילט אַ מעשה וועגן אַן אַלטן משכיל מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד: „איר הערט, ר' דוד, אַ גילוח, נאָר די באָרד האָט דאָס פאַרשטעלט... כע, כע״.

„פון וואַנען ווייסט איר, אַז מען רופט מיר דוד? מיין נאָמען איז גאָר...״ דער איד האָט זיך אַביסל פאַרהאַקט און חיים־מאָטל האָט אויף דעם קיין אַכט ניט געלייגט. ער האָט אים געשלעפּט מיט זיך. דאָס גערזיכט פונעם איד איז געוואָרן אומרואיקער: „היינטיקע צייטן, ס'איז אפשר בעסער ניט אויסזאָגן דעם אייגענעם נאָמען״.

„ווייסט איר וואָס חסידות זאָגט וועגן אַ שם פון אַ מענטשן? קורח, די מרגלים, ירבעם בן נבט — יעדער נאָמען האָט אַ באַדייט. ר' מאיר האָט איינגעטייטשט דעם נאָמען 'כידור', איר ווייסט דאָך די גמרא? אָהאָ, דער נאָמען דוד אין חסידות! קומט, איר ווילט ניט גיין טבילה? איז קומט צו מיר דאַוונען און עפּעס איבערבייסן...״

„איצט טובל זיין זיך? ס'אַ ביטערע קעלט. איך מוז גיין. ס'טויג ניט צו שטיין אין מיטן דער גאַס, איך ווייס אַ צווייטן אַדרעס. שמערל זעליגס. דאָרט אויף דער פּאָטשטאָווע פערצן?...״

חיים־מאָטל האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן. דער איד האָט אַ פאַרלוירענער געבליקט אויף די שטילע הייזער אַרום. „ווי ווערט מען פּטור פון אַזאַ אָנשיקעניש?״ — האָט יעדער באַוועג זיינער גערעדט. דערווייל האָט חיים־מאָטל כמעט איבערגעוואָלד אַרויסגעריסן זיין טשעמאָדאַן: „גיט אַהער, כ'וועל אים צוטראָגן פאַר אייך! ס'איז דאָ ניט ווייט״. איז דער איד בעל־כרחו אים נאָכגעגאַנגען.

ד.

נעבן דעם געהיימען שולכל איז געווען אַ זייטיקער חדר'ל: אַמאָל איז עס געווען אַ מין קיכל. אָבער שפּעטער איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיים־מאָטלס שלאָפצימער. דאָרט זיינען אויך געווען פאַרשטעקט עטלעכע סידורים, אַלטע טליתים און פּסולע תפילין, וועלכע חיים־מאָטל האָט געפּרואווט פאַרריכטן. דאָס צימערל האָט פאַרמאָגט בלויז איין פענסטערל. דאָס טירל פונעם חדר'ל האָט געהאַט אַ טבע זיך צו פאַרהאַקן — און קיין שום מענטש האָט עס ניט געקענט עפענען. בלויז חיים־מאָטל האָט געוואוסט דעם סוד ווי אַזוי אויפצומאַכן איר. און טאָמער האָט אויך ער ניט געקענט איבערקליגן די טיר, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן דורכן פענסטערל און פון אינעווייניק האָט ער שוין תמיד געקענט עפענען. האָט ער מיט גרויס געטומל געבראַכט דעם אורח אין דעם צימער, אים אַוועקגעזעצט אויף דעם הילצערנעם בעטל און גענומען אַרומשמייען: אים ברענגען וואַסער, אַ האַנטוך וכדומה.

„וואו איז מיין טשעמאָדאַנטשיק? דאָרט ליגט מיין טלית און תפילין״ — האָט דער איד געזאָגט מיט אַ פאַרלוירענעם טאָן. „אָ, יע, יע, כ'האָב אים פאַרגעסן אין קאָרידאָר, כ'ברענג אייך שוין אַריין״. חיים־מאָטל איז אַרויס פון חדר'ל און פון גרויס איילעניש פאַרהאַקט די טיר. דער איד האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט: „סאַראַ פינסטערע לאָך! נו, האָב איך אַריינגעטראָפן צו אַ משונה'דיקן נפש!״ ער האָט אַ שפּאַן געטאָן איבערן צימערל און איז צוגעקומען צו דער טיר. זי איז געווען שטאַרק פאַרהאַקט. „ס'איז שוין גאָר אַ מאָדנע זאַך! אפשר איז אָט־דער משוגענער גאָר אַ געפערלעכער פאַרשוין״. ער האָט גענומען שטופן די טיר מיט כחות — אַ נעכטיקער טאָג. האָט ער גענומען שרייען „עפן די טיר, דו...״ ער האָט אַפילו דעם משוגענעמס נאָמען ניט געוואוסט. איז ער שוין געוואָרן שטאַרק צערודערט, גענומען קלאַפּן אין טיר מיט די קולאַקעס, מיט אַ שייטל האָלץ. אָבער אַרום־און־אַרום איז געווען שטיל ווי אין אַ קבר.

דערווייל האָבן זיך גענומען קלייבן דאָס ביסל פרומוואַרג צום מנין. אָבער אויך אויף דער טיר פונעם שולכל איז געהאַנגען אַ שלאָס. „וואָס איז געשען? עפּעס האָט פּאַסירט מיט חיים־מאָטלען?״ — האָט איינער געפרעגט ביים צווייטן. „אפשר האָט מען שוין דערטאַפּט די שול און זי צוגענומען? אָבער וואו איז חיים־מאָטל?״ שטערנס האָבן זיך געקנייטשט און אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט זאָרג. צוגייענדיק צו חיים־מאָטלס שלאָפצימער, האָבן די אידן דערהערט אַ משונה'דיק געשריי: „עפן, דו באַנדיט! כ'וועל דיר מי־יודע וואָס דערפאַר! כ'וועל דיך פאַרשיקן אין סיביר!...״ דאָס קול איז געווען אַ הייזעריקס, אַ גראָבס, ניט חיים־מאָטלס שטימע. טאָ וואָס קומט דאָ פאָר? האָבן די אידן געפּרואווט עפענען און, פאַרשטייט זיך, ניט גע'יכול'ט. „ס'איז דאָך עפּעס אַ איד — און שרייט וועגן פאַר־

שיקן אין סיביר גאָר... זייער מאָדנע!"

עס זיינען צוגעקומען נאָך אידן, גע־קניטשט מיט די פּלייצעס און געטראַכט וואָס צו טאָן. איניקע האָבן זיך גלייך אָפּגעטראָגן, אַנדערע האָבן זיך געדרייט, גע־זוכט חיים־מאָטלען. אָבער ער איז ווי אין וואַסער אַריין. דער אורח האָט אינצווישן געפּרווט דאָס לעצטע מיטל: אַרויסקריכן דורכן פענסטער. ער איז אָבער געווען היפּש צו דיק דערפאַר. ער האָט אַרויסגערוקט ביידע פיס, דערביי צעריסן אַן אַרבל פון די הויזן און זיך פאַרטשעפּעט מיטן מאַנטל אין אַ שאַרף ווינקל פון פענסטער. ס'איז געווען שיער אַ לאַגע פון ניט אַהין און ניט אַהער. קוים מיט צרות האָט ער זיך אַריינגעגליטשט צוריק אינעם חדר'ל. זיין קול איז געווען הייזעריק, אָבער ער האָט שוין גענומען שרייען „קאַראַאול". דאָס פענסטערל איז אַרויס אין אַן אָפּגעלאָזטן שטיק הויף. האָבן שכנים ניט געהערט. עפּעס אַ פענסטערל האָט זיך יאָ געעפנט און אַ פרימאַרגנדיק פאַרשלאָפן פּנים האָט זיך אַרויסגערוקט. אַן עלטערער קריסט איז דאָס געווען, אַ קאַלט־בלוטיקער, ווייזט אויס. ער האָט תחילת אַ שטיק צייט געקוקט פאַר־חידוש'ט אויף די געשרייען און העוויות וואָס דער איד מאַכט פון פענסטערל. דער־נאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ לאַנג־צע־צויגענעם געגעץ, זיך צעלאַכט מיט אַ ריזיק געלעכטער און... פאַמעלעך צוריק פאַר־מאַכט און פאַרהאַנגען זיין פענסטער.

ה.

אַ שעה דריי־פיר איז דער איד געזעסן אַ פאַרהאַקטער. די לעצטע פאָר שעה האָט ער זיך מערסטנס געדרייט איבערן חדר'ל, ווי אַ געפאַנגענע חיה. פון צייט צו צייט האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן געשריי, אַ שטורכע געטאָן די טיר, געבאַראַבאַניעט אין וואַנט און געריטשעט צו זיך אַליין: ס'אַ מין פאַרוואָרפן העק דאָס איז! ס'אַ אומגליקלעך ווינקל! און פלוצלונג זיך ווי־דער דערמאָנט אויף זיין טשעמאָדאַנטשיק און זיך צעגוואַלדעוועט מיט אויסגעשטאַר־טע אויגן אין ענגען חלל: „ברענג שוין אַהער מיין טשעמאָדאַן, דו אויסוואורף, דו משוגענער מאשעניק!"

דאָס ביסל דאַוונער איז געקומען און אַוועק מיט אַ ציטער אין האַרץ און שטאַרקן צווייפל: וואָס קומט דאָ פאָר? וואו איז חיים־מאָטל? גיין אין מיליציע איז דאָך השם ירחם! ברעכן די טיר? אפשר? האָט מען דערוויל שטילערהייט צעטראָגן די מאָדנע ידיעה צווישן זיך. אַ קריסטלעכער שכן, אַ דוואָרניק, האָט זיך געפאַרעט ביים דערבייאיקן מיסט און האָט דערהערט דאָס זשידאָווסקע האַ־האַ געלאַרעם. האָט ער גע־בראַכט נאָך אַ פּאָר גויאישע שכנים און מ'האָט גענומען באַטראַכטן די טיר, אַריינ־שרייענדיק אין שפּאַלט: „וועער ביסטו דאָרט? אַוי האָבן שדים דיך פאַרקאָוועט אין דער הינטישער בודע?" עפּעס האָבן זיי זיך שוין גענומען צוזאַמענריידן — און די גוים האָבן גענומען ברעכן די טיר. האָבן זיך שוין צוגערוקט עטלעכע עלטערע אידן, אַזעלכע וואָס האָבן שוין ניט קיין מורא: וואָס הייסט? מען קען דאָך ניט לאָזן דעם „חזיר" דאָ באַלעבאַטעווען! איז געוואָרן שוין אַ רעדל, אַ טומל. דער גוי מיטן אייזערנעם „לאָם" איז געשטאַנען אַ צעמישטער, מחמת אַ שטיק טיר האָט ער צעבראָכן — און די אידן האָבן אים געזאָגט, אַז דערפאַר קען ער גיין אויף קאַטאָרגע. אַ צווייטער האָט געשריען: מ'דאַרף רופן מיליציע — און אין מיטן גאַנצן טומל איז אינעווייניק, אין חדר'ל, געוואָרן שטיל: קיין פּיפּס ניט פון דעם פאַרהאַקטן חברה־מאַן.

ווי אַ ווילער איז דורכן פאַרלאָזטן הויף אַנגעלאָפן חיים־מאָטל, פאַרקאַשערט די צווי צעשמאַלצענע פּאָלעס און ווי אַ שווימער גע־שווינד אַראָפּגעטוקט דורכן פענסטערל אין צימערל אַריין. דער אורח האָט אויפגע־הויבן אַ האַנט אים צו מכבד זיין — אָבער זיך איינגעהאַלטן: „דו, דו... וואו איז מיין טשעמאָדאַנטשיק? וואָס האָסטו אָפּגעטאָן? מיין טלית און תפילין... מיינע פּאַפּירן! זאָג, דו גנב... איך, איך..."

„אַי, ר' דוד! איר זייט דאָך ממש אַריין אין כעס! כעס זאָגן דאָך חז"ל איז ווי עבודה זרה און חסידות זאָגט אויף דעם..."

„דו פאַלשער יונג, גזלן! וואו איז דער טשעמאָדאַן?"

חיים־מאָטל האָט אַ וויש געטאָן די פּייכטע נאָז: אָט־דאָס איז דאָך די גאַנצע מעשה — עמיצער האָט עס צוגעגנבעט, ווי אין וואַסער אַריין! און על פּי דין בין איך טאַקע מחויב; דאָס קען טאַקע הייסן אַ פּשיעה, איך האָב דאָך דעם טשעמאָדאַן געטראָגן, קומט דאָך אויס..."

דער איד האָט גענומען טופּען מיט די פיס: „האָסט דעם טשעמאָדאַן צי ניט? דו אידיאָט איינער!"

„לעולם האָב איך ניט געפונען דעם טשע־מאָדאַן. אָבער ס'איז ניט לאחר היאוש! ס'איז ניט 'לית דין ולית דיין'! קומט, מיר וועלן צוגיין אין דער מיליציע" — האָט חיים־מאָטל אויסגעפּירט מיט ערנסטקייט און אין איין סעקונדע אויפגעעפנט די פאַרהאַקטע טיר.

דער אורח האָט אַנגעשטעלט אַ צעמישט פּנים, אַ שיפּע געטאָן: „וואַרט! איך גיי נאָך ניט אין מיליציע".

אַז די טיר האָט זיך אויפגעעפנט און

דאָס געזעמל האָט דערזען חיים־מאָטלען
מיטן פרעמדן פּאַרשוין, צעשויבערטע און
צעמישטע — איז נאָך אַ קורצער שטילקייט,
פון גרויס איבעראַשונג, מיטאַמאָל אויסגע־
בראָכן אַ טומל, אַ געפילדער, אַ געלעכטער
און סתם אַ קאָכעניש אויף חיים־מאָטלען.
די אידן האָבן גענומען פרעגן און בייזערן
זיך. אָבער קיין ריכטיקן טאָלק האָבן זיי
פון אים ניט געקענט דערגיין. ער האָט עס
אָפּגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט
אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונגען: אַז וואָס
ווילט איר? די טיר האָט זיך פאַרקלאַפּט
און דעם טשעמאָדאַן האָט עמיצער צוגע־
נומען, איז מה רעש! אויב איך וועל ניט
געפינען וועל איך באַצאָלן כדת וכדין. איר
הערט ר׳ דוד, איך זאָג פאַר עדות, איר
הערט? חיים מאָטל האָט גענומען שמאַגאַ־
יען מיט אַן אויסגעצויגענער נאָז אויף אַלע
זייטן, געזוכט דעם אורח — אָבער דער
איד איז נעלם געוואָרן. ניטאָ — און שוין.
איין איד האָט באַמערקט ווי ער האָט זיך
שנעל אַרויסגערוקט אין גאַס אַריין; אַ צוויי־
טער האָט שוין באַמערקט ווי ער איילט
אַוועק צום וואָקזאַל.

נאָכן אַרויסקריגן, ווי ס׳איז, די פּרטים
פון זיין באַגעגעניש מיטן אידן איז ערשט
געוואָרן אַ מחלוקת איבעראַנייס: טייל האָבן
גע׳טענה׳ט, און מיט מער זיכערקייט: חיים־
מאָטל האָט דאָ באַוויזן אַז ער איז אַ „טשיס־
טער" משוגענער, האָט פאַרדרייט דעם אידן
די קאָפּ און אים פאַרשאַפט גרויסע צרות.
נעבעך, אַן אַנטלאָפענער און אומגליקלעכער,
האָט ער זיך דערשראָקן פאַרן טומל און
געמוזט ווייטער מאַכן „ויברח". דער ענגער
חסידישער קרייז האָט אַנדערש גע׳טענה׳ט:
„ס׳איז גאָרניט אַזוי פשוט — עפּעס שטעקט
דערין!"

און ווייסט איר פאַרוואָס, האָבן מיר אַזוי
געהאַלטן?

ווייל אין יענעם פרימאָרגן האָט חיים־
מאָטל געראַטעוועט, אין דער לעצטער מי־
נוט, די אַנדערהאַלבן מנינים חסידישע אידן
פון פאַרשיקונג און אומקום. די בלוטיקע
נעגל פון דער נ.ק.וו.ד. האָבן זיך שוין אַראָפּ־
געלאָזט אויף אונזער שטאָט, אָט־אָט, וועט
די יעזשאָוו־כוואַליע אויך אונז פאַרטרינקען.
יאָ, נאָך יענעם טאָג איז פון מויל צו
אויער דערגאַנגען די ידיעה: דער טרויע־
ריק־באַרימטער ד. א. איז געווען אין אונ־
זער שטאָט! און — אַנטלאָפן.

ווער איז ער? היינט מעג מען אַביסל
דערציילן: ער איז געווען אַ איד מיט אַ
גרויסער באָרד; ער פלעגט פאָרן פון שטאָט
צו שטאָט — דווקא אַזעלכע ערטער וואו
ס׳האָבן נאָך געלעבט חסידישע משפחות,
און ער, מיט דער באָרד, פלעגט עס אַרויפ־
לייגן די בלוטיקע רויטע שווערד אויף די
העלזער פון יענע אידן וועלכע זיינען אויך
געווען באַדעקט מיט בערד!

חיים־מאָטל האָט קיינמאָל אַפילו קיין רמז
ניט געגעבן דערויף — אָבער מיר זיינען
דערין זיכער: ער האָט עס, לויט זיין אייגנ־
אַרטיקן פלאַן, פאַרטריבן דעם מסור פון
שטאָט!

ביז וואַנען טאַטע? / פאַרזעצונג פון זייט יט

גאַנצער קאָפּ פאַרקראַמפּט צווישן שפּיזלדיקע ציינער. איך פיל דעם ווייטסטן שניט — און אַ האַנט איז פון מיין קערפּער אָפּגעריסן געוואָרן. מיט הירזשען פון לופט האָבן זיי מיין פוס צעבראָקלט, און אַן אויג איז געוואָרן צעריבן, שטיקערוויז צעריסן, צעביסן און צעמאָלן. אוי, איך גיי אויס! איך פיל שוין באַלד גאָרניט. נאָר אינעווייניק, טיף אין דער נשמה, יאָמערט אַרויס נאָר איין וואָרט: טאַטע, טאַטע...

דער טאַטע האָט געראַטעוועט. זיכער האָט ער געראַטעוועט. אָבער געבליבן בין איך אַ ווייל ליגן אין חלשות. אין מיין אויער וואָס איז געבליבן הערעוודיק, האָט בלויז געזשומעט אַן עכאָ פון ווילדן בלוטיקן געפילדער. געהאַפּט האָב איך דאַן צו עפענען מיין איינציק אויג און דערזען דעם ליכטיקן פרימאָרגן; געפינען דעם טאַטן נעבן זיך; אָבער געהויערט האָט ווידער די פינסטערע נאַכט, געשטורעמט האָט ווייטער דער בייזער ווינט און געדונערט האָט ווידעראַמאָל דאָס געבריל פון חיות ווילדע.

פון ערגעץ ווייט און הויך האָט נאָכאַמאָל אַ הימליש קול, ווייך און שטיל, גע־פליסטערט: ישראליק, ווייטער גיי... דער פרימאָרגן איז שוין גאָר נאָענט! שטאַרק זיך נאָך אַביסל, מיין קינד!

אָבער, טאַטע, עס ברעכט מיר דער שטיקל איבערגעבליבענער גוף; און, פאָטער ליבער! אַזוי שווער צו גיין אויף איין פוס און האַלטן אַ האַלץ אין איינציקער האַנט... און דו ווייסט דאָך, איין אויג איז ניט צוויי — און אַזאַ חושך אויפן וועג... ביז וואַנען טאַטע? איין אויער איז נאָך גאַנץ — טאָ לאָז הערן דיין שטאַרקע מעכטיקע שטימע פון נאָענט... איין אויג איז נאָך גאַנץ — טאָ ווייזשע מיר כאָטש אַ פּיצעלע פון דיין לויטערער ליכט... ביז וואַנען טאַטע? ביז וואַנען?

ב"ה

די אידישע היים

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַ כמאַרער טאָג

חוה זאַלמאַנאָוו
כפר חב״ד

וויגטן קאַלטע, ווינטן שטילע,
ווינטן שטאַרקע בלאָזן שנעל;
רעש׳ן ביימער, רעש׳ן צווייגן,
פאַלן בלעטער שוואַכע געל.

גייט דער טאָג ווי געבויגן,
פאַרכמורעט און פאַרזאָרגט,
עס האָט דער הימל זיך פאַרצויגן
און די זון איז זיך פאַרבאָרגט.

זינקען ריזן־בערג אין נעפּל
און פאַרשווינדען אין דער ווייט,
קוים עס גלעט זיי ביי דעם קעפּל
אַ בלייכער וואָלקן פון דער זייט.

קוקט אַראָפּ דער הימל גרויער
ערנסט, שטרענג פאַרטראַכט
אויף דער וועלט מיט באַדויער
וואָס זי האָט מיט זיך געמאַכט...

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

אלול, ה׳תשכ״ז — באַנד 9, נומ. 2

אינהאַלט

פון חסדים־אַנטפלעקונג — צו תשובה־דערוועקונג
— ז. בן־יעקב . . . . א
ר׳ לייזער׳ס תקיעות — דוב ראַווסקי . . . . ג
חעגן דעם ספר המגיד און זיין מחבר —
הרב חיים ליבערמאַן . . . . ו
דער וואונדער פון באַפרייען דעם כותל —
ד״ר הלל זיידמאַן . . . . ט
מיר און די וועלט־שפיגל —
הרב עדין שטיינזאַלץ . . . . יב
אידישקייט אין דער פּראָווינץ —
הרב א. העפּטערמאַן . . . . טו
אַ לעבעדיקער מענטש (אַ פאַרצייכעניש) —
— דוד זאַריצקי . . . . יז
דער כותל המערבי — משה סגל . . . . . . כ
לדוד ה׳ אורי . . . . כג

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב״ד.

פון חסדים אנטפלעקונג — צו תשובה דערוועקונג

● ז. בן־ייעקב

אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן און גערעדט געוואָרן וועגן די וואונדערלעך־נסים׳דיקע געשעענישן אין ארץ ישראל. צענדליקער טויזנטער אידישע הערצער האָבן אויפגעברויזט זייער פרייד און לויב־געפּיל צום „עושה נפלאות גדולות לבדו״; און אין צענדליקער טויזנטער „פאַרשמאַכטע״ און „פאַרשלאָפענע״ נשמות האָט אויפגעבליצט דער ג־טלעכער ניצוץ, די הייליקע אמונה וואָס איז דאָך פאַראַן ביי יעדן קינד פון אברהם יצחק ויעקב.

דאָס זיינען באמת געווען וואונדער־מאָמענטן, ווען אידישע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט מיטן אור־אַלטן אידישן שטאָלץ, מיטן וואַרעמען בטחון־שטראָם, וואָס קומט פון איינגע־וואָרצלטן באַוואוסטזיין, אַז אונזער דערבאַרעמדיקער פאָטער אין הימל וואַכט איבער אונז. ס׳איז געווען בפירוש אַ אידיש־האַרציקער אויסדרוק פון „דידן נצח״, וואָס האָט גיכער געפונען דעם אויסדרוק אין דער ווייכער פולהאַרציקייט פון אויפגייענדיקער טרערן־פרייד ביים „כותל״, איידער אין די גוט־באַקאַנטע נצחון־שאַלן פון צעווילדעוועטע באַזיגער.

און דער גרעסטער פון די פלאי־פלאים — און אפשר דער וויכטיקסטער אין תוך — איז דאָס, וואָס די נשמה פון כלל ישראל האָט אַ צאַפּל געטאָן, — ווי אַ פאַרוואָגלט קינד ווען עס דערשפּירט דעם באַריר פון אַ געטרייען פאָטער. האָט דאָס אַלטע אידישע פאָלק זיך אַ טרייסל געטאָן און אַ הויב געטאָן דעם איינגעבויגענעם קאָפּ צום הימל. דורך דעם גאַנצן הור־האַ־שטורעם פון וועלטישקייט האָבן אידישע אויערן דערהערט דעם „קול דודי דופק״ — עפּעס דערטראָגט זיך צו אונז אַ קול מיט יענער מעכטיקייט „וואָס מאַכט ציטערן מדבר קדש (סיני)״; אַ קול וואָס טוט אויפציטערן די פעלקער („קול ה׳ יחולל אילות״).

און אידן האָבן אים אויך דערזען: „הנה זה עומד אחר כתלנו״ — אָט שטייט ער כביכול הינטערן „כותל״! וואָרום וואָס מיינט פאַר אונז דער כותל־מערבי, אויב מ׳דערשפּירט ניט דאָס ג־טלעכע ליכט וואָס שטראָמט דאָרט אַרויס?! פאַרוואָס האָבן אידן זיך צוגעריסן און צוגעקלעפּט מיטן שטורעמדיקסטן האַרץ־געקלאַפּ צו די אור־אַלטע שטיינער און זיי באַגאָסן מיט זודיקע פלייצן פון די אויגן־קוואַלן — אויב ניט צוליב דעם וואָס דאָס האַרץ האָט זיך אַ צי געטאָן צו דעם וואָס איז „עומד אחר כתלנו״! אָבער, מען מוז אויך דערבליקן די הימל־שריפט, דעם „מעסעדזש״, וואָס דער „אצבע אלקים״ האָט אָנגעצייכנט אויף אָט־דער וואַנט!

וואָרעם אָט־דער „קול דודי דופק״ איז טאַקע אויך אַ גרויסער סיגנאַל, וואָס רופט צום אידישן נשמה־געהער: „פתחי לי אחותי רעיתי!״ — אין איצטיקן שעת הכושר, אין מאָמענט ווען דאָס ג־טלעכע ליכט האָט אַריינגעשיינט אין אידישע הערצער — בעט זיך דער אויבערשטער כביכול ביי זיינע ליבע קינדער: פאַרזוימט ניט די שעה פון חסד און עפנט ברייט אייער האַרץ פאַר מיר. אַוודאי ווייסן מיר ניט די הימל־חשבונות: אין וועלכן זכות מיר האָבן זוכה געווען צו די רחמים־אַנטפּלעקונגען. זאָל דאָס בלויז זיין צוליב השי״ת אַליין — ווי מיר בעטן כמעט ביים סוף פון דעם לאַנגן „אבינו־מלכנו״ געבעט: „עשה למענך והושיענו!״ אָבער די חשבונות, וועלכע זיי זאָלן ניט זיין, קענען אונז פירן נאָר צו איין אויס־פיר: דער אויבערשטער האָט דאָך די ישועה געשיקט; ער האָט אונז צו זיך אַ צי געטאָן — מוזן מיר זיך אָפּרופן אים אַנטקעגן מיט אונזער לייב און לעבן.

כלל ישראל דאַרף געוויס ווי איין מענטש אויסזינגען אַ לויב־געזאַנג פאַר די חסדים — פונקט ווי אַלע הערצער האָבן ווי איין האַרץ דורכגעציטערט די ערב־מלחמה־שטונדן און פונקט ווי אַלע הערצער האָבן ווי איין האַרץ אויסגעקלאַפּט די פרייד־פּויקן נאָך דער מלחמה. אָבער דאָס איז לחלוטין ניט גענוג! מיר טאָרן ניט און מיר קענען ניט לאָזן אויסוועפּן די הערלעכע אַנגעלאָדנקייט אין אונזערע הערצער, בלייבן שטיין אין מיטן דעראָבערטן מדבר און פרעגן: וואָס ווייטער? זאָל אַט־דער „קול דודי" חלילה בלייבן אַ „קול קורא במדבר"?

געוואַלד! ווי קענען מיר זיך מאַכן ניט־וויסנדיק וועגן תכלית פון דער גרויסע געשעעניש, ווען יעדער שריט פון דער פלאַים־פאַסירונג צייגט און מאָנט און דערמאָנט: אויב אידן האָבן מיט ניסים'דיקע טריט דורכגעשניטן דעם מדבר סיני — דאַרף דאָך דאָס בלויזע וואָרט „סיני" אויפרייסן אונזער גייסטיק וועזן! נאָך דעם טויזנטער־יאָריקן אינטימען פאַרבונד מיטן הר סיני, נאָך דעם ווי אונזער סאַמע עסענץ־מציאות פון אַ אידיש, ג־טלעך פאָלק איז אויסגעהאַמערט געוואָרן אויפן דאָזיקן סיני־באַרג — ווי אַזוי זאָל אונזער איצטיקע „באַגעגעניש" מיטן הר סיני ניט אויפרודערן צוריק אַט־דעם פּינטל איד. מיר האָבן איינגע־נומען די אַלטע און אין האַרצן איינגעבאַקענע הייליקע שטאָט ירושלים. אָבער וואָס מיינט באמת צו נעמען אַזאַ הייליקייט, וואָס באַדייט דאָס באַזיצן ירושלים? און אידן האָבן זי בפירוש אויפגענומען ניט ווי סתם אַן אַלט היסטאָריש ווינקל. און אַזאַ הייליקע מתנה פאַר־פליכטעט דאָך אונז צו עפּעס. און מיר ווייסן בפירוש וואָס ירושלים באַדייט אין אונזער מהות — „יראה שלם" — דאָס איז גאָר פשוט די יראה שלימה, די פולע און עכטע מידה פון יראת שמים. דאָס איז די היסטאָרישע הייליקייט פון ירושלים וואָס בינדט זי צום אידישן פאָלק, און דאָס מיינט די אמת'ע באַהערשונג פון ירושלים.

בשום אופן קען מען ניט איגנאָרירן היינט דעם פייערדיקן צייכן פון הימל וואָס רופט אַזוי בולט צו גייסטיקער דערהויבונג, צו תשובה, צום פולקאָמען אויסלעבן זיך אין דער וועלט פון תורה ומצוות. ווער עס האָט נאָר אַ פּיצל מוח און אַ האָר ערנהאַפטיקייט און געוויסן קען ניט זיין איצט אַ פּוסח על שתי הסעיפים — פון איין זייט זאָל מען זיך דערקוויקן ס'געמיט מיט די הימל'דיקע ישועות און חסדים, מיט דער פולער אַנערקענונג פון „מאת ה' היתה זאת"; און פון דער צווייטער זייט זאָל מען זיך אַליין לאָזן אויף ווייטער אין ערדישקייט און וועלטישקייט. ווי קען מען ווייטער קוקן אויף וועלט מיט די זעלבע אויגן, אויב זיי האָבן טאַקע זוכה געווען צו דערבליקן עפּעס גאָר העכערס?

מיר דאַרפן וויסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז מיר אידן זיינען געווען אַנדערש פון אַלע פעלקער, מיר זיינען איצט אַנדערש פון זיי — טראָץ דעם וואָס יעקל איז געוואָרן אַ גענעראַל, און שמערל אַן אַדמיראַל — און מיר וועלן בלייבן אַנדערש. מיר זיינען דער „אתה בחרתנו"־פאָלק — און דערפאַר זעען מיר ווי דאָס אידישע פאָלק בלייבט אַלץ אַ יוצא דופן'דיקע צוטשעפּעניש אין דער משפחה פון פעלקער — ניט געקוקט וואָס דער אידישער יו־ען־דעלעגאַט רעדט אַ בעסערן ענגליש ווי דער ענגלישער פאַרשטייער.

אַט דער פאַקט פון „עם לבדד ישכון" האָט די השגחה עליונה שוין אויפגעוויזן נאָכאַנאַנד אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן. געלויבט השי"ת וואָס די נייעסטע באַשטעטיקונג איז געווען בחסד וברחמים. אָבער סוף־כל־סוף דאַרף כלל ישראל עפענען די אויגן; מיר האָבן אין דער וועלט אַ גאָר באַזונדערן גאַנג, צי דאָס זיינען הייפלעך אידן אין גוי'אישע ישובים, אָדער דאָס איז אַן אָרגאַניזירטע אידישע איינהייט צווישן ניט־אידישע פעלקער. אין ערשטן פאַל איז די שנאת ישראל געווען אַן אינדיווידועלע; און אין צווייטן פאַל — אַן אָרגאַניזירטע פון מעכטיקע מלוכות. דער איינצלנער איד האָט אין זיין לעבן דורכגעטראָגן די רדיפות מיט ג־ט'ס הילף (און אַנדערש קען מען דאָך ניט פאַרשטיין דעם סוד פון זיין עקזיסטענץ דורך דורות) און דאָס פאָלק ישראל אין ארץ ישראל מוז אויך אָנקומען צו ג־ט'ס הילף — וואָס דאָס איז אַזוי אָפן געקומען צום אויסדרוק אין די דאָזיקע וואונדער־טעג.

איז דאָך בפירוש ניטאָ קיין אַנדער עצה, ווי צו פאָלגן און נאָכפאָלגן דעם אַלטן־אַלטן

(המשך אויף עמ' כד)

די לייזערס תקיעות

● דוב ראַווסקי

כ׳האָב ב״ה קיין איין מאָל ניט פאַרפעלט צו הערן ראש־השנה שופר־בלאָזן. איר הערט? אפילו ניט אין מיינע סיביר־יאָרן. נאָר איינמאָל, מיט איבער אַ צענדיק יאָרן צוריק, איז מיר באַשערט געווען צו הערן תקיעות ניט פון אַ שופר... און אוי, געדענק איך יענעם ראש־השנה!

כ׳בין דעמאָלט מגולגל געוואָרן אין אַ שטעטל לעבן מאָסקווע. אַ גרוי שטעטל מיט צעוואָרפענע הילצערנע הייזלעך, מראַטשנע גויים און באָרוועסע שקצים׳לעך. זומער־צייט טראָגן זיך אָן אַהין טומלדיקע דאַטשניקעס. די מאָסקוויטשעס באַפאַלן מחנות׳ווייז די גרויסע הויפן, די אַנדערהאַלבן פוסטלעכע קלייטלעך און קוויטשען מיט גרויס־שטאָטישער התפעלות. אַז דער האַרבסט קומט־אָן, ווערט דאָרט ווידער כמורנע און שטיל.

אָט טאַקע יענעם ערב ראש השנה האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שניידיקע קעלט פון צפון, פון מאָסקווע. דער גרויסער וואַלד, אַרום שטעטל, האָט זיך טרויעריק צעהוידעט מיט אַ טיפער ברוסטיקער ברומעניש. אָט פרייכט ער ווי אַן אַלטער איבערגעוואַקסענער בער, און אָט צעוואויעט ער זיך ווי אַ הונגעריקער אָפּגעלאָזענער וואָלף. און אויפן האַרצן קלאַפּט שוין די אָנקומעניש פון די פאָרכטיקע טעג.

מעשה שטן, אָדער „מעשה סטאַלין", האָב איך געמוזט בלייבן אויף ימים נוראים אין שטעטל. ניט געטאָרט אַריינשטעקן די נאָז אין מאָסקווע. אין שטעטל גופא האָב איך במחילה געמוזט זיין איינגעלייגט ווי אַ קאָטינקע. דאָס מיינט: מעסטן די טריט, ציילן די ווערטער — און אויב אונטערשטומען, איז אוודאי גוט.

עטלעכע אידישע משפחות האָב איך געקענט אין שטעטל. זיי זיינען געווען אי נאָענט צווישן זיך און אי ווייט. וויאַזוי? דאָס קען פאַרשטיין נאָר אַ „דאָרטיקער". בלויז גרישאַ דער אינוואַליד האָט באַזוכט יעדע אידישע משפחה. ער האָט געקענט דאָס גאַנצע שטעטל, אַלעמען געדראָט מיט די קוליעס, געזידלט — און אַלעמען געוואָלט אַרומנעמען און האַלדזן. קינד־און־קייט האָט געפאָרכט פון זיין דוך און דאָך אים געזשאַלעוועט.

פון וואַנען האָט מען געוואוסט אַז איך בין אקארשט אַן אורח האַלב פון סיביר און האַלב פון יענער זייט וועלט? נו, אפשר פון מיין פוכיקן בערדל־שפּראָץ אויף די אויסגעדייוועטער קאַטאָרזשנע באַקן. אָבער געוויכט האָט מען פון מיר ווי פון אַ מצורע. אָבער ניט גרישאַ! צען מאָל אַ וואָך פלעגט ער אַריינגעקוליהאַיען אין מיין צימערל. די קוליעס האָט ער באַלד געשליידערט אויף דער ערד, ער פלעגט זיך אַ וואַליע טאָן אין מיין שמאָלן בעטל — און מיין שטיל חדר׳ל איז געוואָרן פול מיט רוגזה, גערודער; מיט טענות צום הימל, צו מיר און צו זיך אַליין. יעדער מאָל האָט ער מיר געטרייבערט מיט שאַרפע ווערטער ווי שפּיזן — און סוף־כל־סוף זיך באַהערשט. אָבער געמאָנט פון מיר אַ קלאָרן ענטפער: „אַ טאָלק וויל איך דערגיין! איך האָב אַ שטיקל מוח; ניט אַ דורבינקע אויף די אַקסלען — האָב איך דאָך רעכט צו פאַרשטיין?!"

אָבער פאָלג מיך אַ גאַנג און זאָג אים אַן ענטפער און נאָך אַ לאָגישן! זיין ווייב און צוויי פיצלעך האָט דער דייטש ימ״ש פאַרפייניקט; זיין גאַנצע משפחה — פוך־פראַך! ער אַליין האָט אויפן פראָנט פאַרלוירן אַ פוס,

דריי פינגער פון אַ האַנט און אַ שטיק באַק צעבראָנט און צעברוילט צוזאַמען מיטן רעכטן אויער.

מיין אייגן היפּשער פּעקל צרות פּלעגט מיר דאַן ערגעץ פאַרפליען. אָבער דער קאָנטוזשעטער גרישאַ האָט זיי אַליין צוריקגעשלעפּט: „איך גרישאַ, בין אַ שייגעץ — ג־ט ווייסט דערפון. איך זע שוין — אָך וויים ער! אָבער דו" — פּלעגט ער מיר אַריינשטעקן די צוויי פאַר׳יתומ׳טע פינגער — „דו ביזט דאָך אַ גייסטיקער, אַ פרומער! נו, פאַרוואָס קומט דיר אַזאַ ,מאָרדע׳, הא?"...

אָבער געלעבט האָבן מיר פריינטלעך צווישן זיך און אפילו „בראַטסקע" (ברודערלעך). אַמאָל האָט ער מיט מיר געטיילט זיינס אַ לאַבן ברויט מיט פּאָווידלע, און אַמאָל האָב איך מיט אים געטיילט אַ פּרשה חומש פון מיין אַלטינקן סיבירסקן חומש׳ל. און מאָדנע: ס׳קען גריילעך געמאָלט זיין אַז גאַנץ אָפט האָט ער מער פאַרגעניגן געהאַט פון מיין „כיבוד" ווי איך פון זיינעם.

יאָ, כ׳האָב זיך אַביסל פאַררעדט. גרישא איז מיר אַריין אין האַרצן — קען איך אים ניט פאַרבייגיין, זיינע יסורים, ווען כ׳דערמאָן אים. דער עיקר איז וועגן יענעם ראש־השנה. עס האָט מיך מאָדנע געשראָקן אַדורכצוגיין די ימים־נוראים אַליין אין שטעטל. אָן אַ מנין צום דאַווענען, אָן שופר. עפּעס בין איך דאָך אויף דער „פריי"! און אידן זיינען דאָ פאַראַן. אָבער וואָס קען איך טאָן?

אַ וואָך פאַר ראש־השנה האָט אַריינגעשטורעמט גרישא. די האַנט באַנדאַזשירט און אויפן שטערן אַ „בולקע" (אַ בייל): „טפו זאָלן זיי ווערן!" — האָט ער מיט אַ קוליע אַ שאָקל געטאָן אין דער לופטן. „געכאַפּט קלעפּ, גאַנץ פעסטע, אָבער כ׳האָב דערלאַנגט, אָך, דערלאַנגט!" דאָס האָט מיט גרישאַן אָפט פאַסירט. אָבער דאָס מאָל האָט ער פשוט געקושט די קוליע. „ס׳האָט פּאַסירט אָט וואָס. אין שטעטל איז היינט פריי געקומען אַן עלטערע פּאָר פאָלק, כ׳ווייס פון ערגעצוואו. וואָלסט אים אָנקוקן — פונקט מיין זעליקער טאַטע. ער טראָגט אַ גרויסע באָרד. אפשר ווייסטו אים? אַן אמת׳ער חסיד, אַ פּנים, ווי די זון, ווי אַ ריינער מלאך! האָבן צוויי בולוואַנעס אים אין מיטן העלן טאָג פאַרטשעפּעט, געשלעפּט די באָרד, פאַררוקט אַ הינטער־פּיסל! נו, נו, האָב איך איינעם אַריינגעפאָרן מיט אַ קוליע אין דער חזירישער פּאַטיליצע. דער צווייטער סוואָלאָטש האָט זיך אָפּגערוקט — האָב איך געשליידערט אויף אים איין קוליע, דערנאָך די צווייטע. כ׳האָב מיך אַליין אויסגעצויגן אויף דער ערד. געכאַפּט אַ פּאָר שטורכאַטשעס, אָבער ס׳האָט געלוינט"... גרישא איז געווען צערודערט און פריילעך. ער איז מיר נאָר געקומען דערציילן די נייעס, געכאַפּט די קוליעס און איז אַנטלאָפן. אין טאַקע צו דער נייער משפּחה.

אַ שאלה צי כ׳האָב געקענט לייזערן, דעם נייעם „אורח"?! געוועזן צווישן אונז אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט, אַן אינטימע און נאָך טיפער ווי סתם ידידות. אָבער ס׳איז פון יענעם סאָרט נאָענטשאַפט, וואָס מ׳האָט דאַן געמוזט דערשטיקן, פאַרדעקן מיט פרעמדקייט. אפילו פאַר גרישאַ׳ן האָבן מיר געמוזט זיין צוויי אָנגעטראָפענע אידן — איינער פון סיביר און דער צווייטער... אויך פון יענע געגנטן. מיר האָבן געמוזט האַלטן „פּאַסאָן".

דעריבער האָב איך ניט געוואוסט די גענויע סיבה, פאַרוואָס אויך ר׳ לייזער איז געבליבן ראש־השנה אין שטעטל. אָבער אויפן האַרצן איז סייווי געווען שטאַרק אָנגעזאַלצן. די „ווינטן פון מאָסקווע" האָבן אָנגעבלאָזן שניידיקע קעלט. אינעווייניק האָט זיך באַזעצט אַ חושכ׳דיקע פרירעניש, ווי אין אַ טיפן קעלער. ערב ראש־השנה האָט גענומען כליאַפּען אַן אייזיקער רעגן. דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן איין שטיק בלאָטע. דער וואַלד איז געשטאַנען אַ שוואַרצער און ביימער האָבן זיך געשמיסן מיט נאַקעטע צווייגן ווי צעטריאָפּעטע בעזימס. פון ערגעץ האָבן נאָך איינצלנע פאַרוויאַנעטע בלעטלעך זיך אַ טראָג געטאָן אין לופטן מיט זייער לעצטן פלי פון פאַרגייענדיקן יאָר.

האָב איך געדאַוונט דעם ראש־השנה׳דיקן מעריב אין פולער איינזאַמקייט. געוואָרט אַ שעה־צוויי — אפשר קומט באַלד גרישא דער אינוואַליד? עפּעס האָט ער מיר תמיד געמאַכט פאַרגעסן דעם גאַנצן אַרום; עפּעס האָט ער שטענדיק אין מיר אויפגעוועקט אַן אינערלעכן מוגטער — און דווקא מיט זיין אויפרודערן די טיפע וואונדן. ס׳האָט מיר אַפילו אַרומגעכאַפּט אַ מין וואָלקנדל פון קנאה: ס׳הייסט, אַז גרישא האָט מסתמא מיך פאַרביטן אויף ר׳ לייזערן...

אָבער אויף מאָרגן אינדערפרי איז גרישא אָנגעלאָפן, מיט זיין געוויינלעכן שטורעם. כ׳האָב אים קוים דערקענט. אַנשטאָט די שטענדיקע מיליטערישע קליידער האָט ער געטראָגן אַ ווייס העמדל און אַ קורצן גרויען מאַנטל. ער האָט אָבער מיליטעריש אַ געשריי געטאָן: „איינס, צוויי, דריי, מאַרש! נעם דעם ראש־השנה ,מאָליטוועניק" (מחזור) און הײדאַ"! און אַז גרישא זאָגט: גיי, בין איך געגאַנגען.

ר׳ לייזערס דירה איז געווען אין אַ שטיבל ביים סאַמע וואַלד. אַ הילצערן הייזל פון צוויי דירות. ריכטיקער: צוויי צימערן און אינמיטן אַ מין בשותפות׳דיקער קאָרידאָר,

גלייכצייטיק אויך אַ קיך און אין קאַלטע טעג אויך אַ וואוינונג פאַרן דערפראָרענעם קעלבל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויפן אָפענעם הויף. געווען זיינען די ווענט פון הויז, ווי די מערסטע הייזער, ניט קיין געקאַלכטע. אַ קלאָץ אויף אַ קלאָץ און פאַרשטעקט זיינען זיי אינצווישן מיט „פאַקליע". זיינען צווישן די גרויע ווענט פון ר' לייזער'ס צימער געשטאַנען זיבן גרויע אידן — און מיט ר' לייזערן, גרישאַן און מיר איז געווען פונקט אַ מנין צום דאַווענען. עס האָט מיך אַזש אַ שפרונג געטאָן אין ברוסטקאַסטן. איז עס גרישאַ'ס אַ שטיקל אַרבעט? ר' לייזער'ס אַ ריזיקע? מסתמא אַן אונטערנעמונג אַ שותפות'דיקע. די אידן זיינען געווען אַביסל דערשראָקן און מער נאָך — איבעראַשט. באַלד זיינען די צוויי פענסטער פאַרהאָנגען געוואָרן. יעדער שפעלטעלע פאַרדעקט, ווי אין די מלחמה־באָמבאַרדעס. דאָס טישל ביי דער מזרח־וואַנט, באַדעקט מיט אַן אַלט היימיש טישטוכל. און די צוויי בעטלעך זיינען געוואָרן זיצפלעצער פאַר די מתפללים. גרישא האָט געקאָמאַנדעוועט, איינגעזעצט די צוריקגעהאַלטענע אידן, זיי געקלאַפט אין פלייצע און מעשה־באַלעבאָס זיי היימיש געמאַכט אויף רוסיש: „זייט ווי אין דער היים". גרישאַ'ס פנים האָט געפלאַמט, און ר' לייזער'ס געזיכט האָט דערביי געשמייכלט מיט הנאה.

האָבן זיך די אידן צונויפגעקלעפט צו צוויי־דריי ביי אַ מחזור, ביי די פאָר סידורים. ר' לייזער איז געווען דער „חזן". שטיל האָבן די שטעטלשע אידן באַוועגט מיט די ליפן. בלויז גרישא האָט אַמאָל אַרויסגעהילכט די ווערטער פון דאַווענען און אונטערגעקלאַפט מיט די קוליעס. ביסלעכווייז איז געוואָרן וואַרעמער. דאָס שאָקלען זיך איז געוואָרן דרייסטער און איינער נאָכן צווייטן האָט אונטערגעברומט די אַלטע־אַלטע, איינגעבאַקענע פסוקים פון דאַווענען. איז געוואָרן עפעס העלער און ליכטיקער אַרום און אַרום, און ס'האָט זיך געוואָלט אַ קוק טאָן אין שפאַלט פון דעם פענסטער, צי איז ניט פלוצלינג אַרויס די זון אין דער וועלט.

פון אַ גוט־פאַרדעקטן, פאַרהאָנגענעם טשעמאָדאַנטשיק האָט ר' לייזער אַרויסגענומען אַ קליין ספר־תורה'לע. איר הערט — אַן אמת'ע ספר־תורה'לע! אַזוי אומגעריכט איז עס געקומען פאַר די אויגן — אַז איין איד האָט אַרויפגעלייגט אַ דלאָניע איבער די ברעמען, ווי ער וואָלט פלוצים אָנגעבליקט אַ שיינענדיקע זאַך. און גרישא האָט אַ טרייסל געטאָן היציק מיט אַ קוליע: „אַ באַסטאָיאַשטשע סינאַגאָגע!" ער האָט אַלעמען געשלעפט אַ קוש צו טאָן די „הייליקייט", מחמת איניקע האָבן זיך צוריקגעהאַלטן.

אָבער נאָכן לייענען די תורה איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט. ר' לייזער האָט אָפגעזאָגט דעם מפטיר און איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפגעלאָזטן קאָפ. ער האָט דערנאָך אַ קוק געטאָן אויף מיר און אויפן גאַנצן עולם. אַ בליק אַזאַ ווי ער וואָלט שטומערהייט זיך אַנטשולדיקט. און געזאָגט מיט אַ האַלבן שעפטש: „קיין שופר האָב איך ניט, ניטאָ". און מיר האָבן קיינער קיין שופר ניט געהאַט. אַ טרויער האָט זיך צעלייגט אויף ר' לייזער'ס פנים און זיך גענומען ווייטער פאַרענטפערן: „אַ פריינט האָט מיר צוגעזאָגט געבן אַ שופר, אָבער עפעס איז געשען. דער שופר איז מיר ניט אָנגעקומען". האָבן אַלע געשוויגן. פאַמעלעך האָט זיך גרישא צוגערוקט צו ר' לייזערן און געפרעגט: „איז וואָס־זשע טוט מען?"

ר' לייזער האָט זיך באַהערשט: „נו, וואָס קען מען טאָן! ניטאָ — איז ניטאָ. קענען מיר ניט מקיים זיין אָט־די גרויסע מצוה. אָבער..." און ר' לייזער האָט זיך פאַרהאַקט, געזוכט ווערטער. „אָבער אין ספרים שטייט געשריבן אַז שופר איז אויך די זאַך פון תשובה, פון דערוועקן זיך. דאָס איז אַזוי ווי דאָס געשריי פון האַרצן, פון קינדער וואָס שרייען צום טאַטן, צום אויבערשטן. תקיעה איז ווי אַ לאַנגער געוויין און שברים איז אַ טיפער קרעכץ. און דאָס קאָנען מיר טאָן אויך אָן אַ שופר. און מיר האָבן דאָך אויף וואָס צו קרעכצן". די לעצטע ווערטער האָבן זיך ווי אַרויסגעריסן ביי ר' לייזערן און ער האָט באַלד אָפגעמאָסטן אַלעמען מיט אַ ציטערדיקן קוק.

האָבן אַלע צוריקגעקוקט אויף ר' לייזערן מיט אַ ציטער און אויגן האָבן ווי געפרעגט שטומערהייט: ווי אַזוי שרייט מען עס אַרויס אַ תקיעה, אַ שברים? און ווידער שאַ, און פאָרכטיק אין צימערל, פונקט ווי ביי תקיעת שופר. ר' לייזער האָט מיר מכבד געווען מיט זאָגן די פסוקים פאַר תקיעת שופר, אָבער כ'האָב געשפירט אַז קיין וואָרט וועט פון מיין מויל ניט אַרויסגיין. האָט ר' לייזער געזאָגט. ר' לייזער האָט געהאַט אַ שטאַרקערן כח. האָט זיין קול זיך געבראָכן. אָבער די פסוקים האָבן אָפגעדונערט מיט יעדן וואָרט.

נאָך די פסוקים האָט ר' לייזער זיך איינגענורעט אין זיין אַלטן טלית איבערן קאָפ. איז דער קול אַרויס טאַקע ווי פון אַ טיפעניש. אַזאַ קול האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געהערט. עפעס האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז ניט קיין איינציקע שטימע, נאָר אַן אַרויסשריי פון אינמיטן אַ וואַלד מיט הערצער. פון אונטערן טלית האָט ר' לייזער אַ ברום

(המשך אויף עמ' כב)

וועגן דעם ספר המגיד און זיין מחבר

● הרב חיים ליבערמאַן

א

ווי באַוואוסט, האָט ר׳ יעקב בר׳ יצחק פון יאַנוב [1]), דער מחבר פון צאינה־וראינה אויף חמשה חומשי תורה און הפטרות, איבערגעזעצט אויף אידיש אויך נביאים וכתובים, אונטערן טיטל המגיד. ווי פּאַסט זיך דער טיטל המגיד צו אַ אידישער איבערזעצונג פון נביאים וכתובים? מאָטיווירט ער אַזוי: כל־זמן צו נביאים וכתובים איז ניט געווען קיין אידישע איבערזעצונג, און פאַר פשוטע אידן איז דאָך דער לשון־קודש׳דיקער אָריגינאַל אַ ספר החתום, האָט מען געדאַרפט שאַפן כיתות, און אַ מגיד, ד״ה אַ זאָגער, זאָל פאַר זיי זאָגן און אויסטייטשן דעם לשון־קודש׳דיקן טעקסט (אַ שטייגער ווי אין אונזערע צייטן פלעגט מען זאָגן אין די בתי־מדרשים פאַר פשוטע אידן עין־יעקב אָדער חיי אָדם). דאָס האָט אָבער געהאַט אַ חסרון: די כיתה האָט זיך דאָך געדאַרפט צונויפקומען אין אַ געוויסער שעה, אין אַ געוויסן פּלאַץ; נו, טרעפט אַז איינער פאַרשפּעטיקט, אַ צווייטער קען ניט קומען, און אַמאָל ווידער קען דער מגיד אַליין ניט קומען [2]). איצטער אָבער, ווען ער האָט געשאַפן די איבערזעצונג אויף אידיש, נויטיקט מען זיך מער ניט אין כיתות און מגידים, יעדער איינער קען, זיצנדיק ביי זיך אין שטוב, אַריינקוקן אין דער איבערזעצונג, ווען נאָר ער וויל, ווען נאָר ער האָט צייט. מיט אַנדערע ווערטער: מען באַדאַרף ניט גיין צום מגיד, מען האָט דעם מגיד ביי זיך אין שטוב, און דערפאַר האָט ער טיטולירט די איבערזעצונג המגיד [3]).

עס איז אַ מחלוקת הביבליאָגראַפן וועגן איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן דער המגיד: אין 1576 אָדער אין 1623? יעדנפאַלס צו אונז איז ניט דערגאַנגען אַן אויסגאַבע פון 1576. די עלטסטע אויסגאַבע וואָס איז צו אונז דערגאַנגען איז לובלין 1623—1627 [4]).

עס איז אויך אַ מחלוקת ווען איז דער בעל־המגיד נפטר געוואָרן: 1620, 1625, אָדער גאָר 1628? די פאָרשער פון דער אידיש־ליטעראַטור ברענגען די אַלע דעות און זיינען ניט געקומען צו קיין באַשטימטער דעציזיע.

עס וואונדערט מיך זייער, פאַרוואָס סיי די ביבליאָגראַפן, סיי די פאָרשערס פון דער אידיש־ליטעראַטור האָבן זיך ניט גענומען די מי אַריינצוקוקן אין דער הקדמה צו דער אויסגאַבע לובלין 1623. מילא, די ביבליאָגראַפן האָבן זיך דאָך שוין לאַנג קונה שם געווען מיט דעם אַז זיי קוקן אַריין נאָר אין די שער־בלעטער, אָבער פאָרשערס זיינען זיך דאָך נוהג צו נישטערן וואו נאָר עס לאָזט זיך, אַבי צו געפינען עפּעס אַ חידוש וועגן דער ליטעראַטור אויף אידיש. היינט ווי קומט דאָס אַז זיי האָבן דורכ־

---

1) אין פוילן זיינען דאָ עטלעכע שטעטלעך מיט דעם דאָזיקן נאָמען. וועלכעס פון זיי איז דעם בעל צאינה־וראינה׳ס שטעטל איז ניט באַוואוסט.

2) „דען ווען מן שוין איין מסקנה מכט אוני תיקנות דש מן זיך זול זעצן כיתות וייש צו הירן עשרים וארבעה, דא קומט פיל מאל ער מוז פר זוימן דעם שיעור״.

3) „ער קאן לערנן זעלבסט אין דער צייט אין זיין הויז בייא נכט אודר ווען ער דער וייל האט, און קאן איין זאך צווייא מאל לייאנן רעכט, דרום האט מן געהייסן דאז ספר המגיד, כלומר מן בדרף קיין מגיד דער אים עשרים וארבע זאל זאגן״.

4) די סיבה, פאַרוואָס דאָס דרוקן האָט געדויערט אַזוי לאַנג, איז ווייל עס האָט געפעלט דער

געלאָזן אַזאַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין דער דאָזיקער הקדמה? אפשר קען מען אויף זיי אַביסל מלמד זכות זיין מיט דעם וואָס די דאָזיקע הקדמה איז געדרוקט געוואָרן ניט אויפן פּלאַץ, וואו הקדמות ווערן געוויינטלעך געדרוקט — באַלד נאָכן שער אָדער נאָך די הסכמות — נאָר גאָר צום סוף פון דריטן באַנד (כתובים). ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער הקדמה, זיינען זיי שוין משמעות מיד געווען, דורכשטודירנדיק דריי פּאַליאָ־בענד, און האָבן זיך שוין געפוילט אַריינצוקוקן אין דער הקדמה.

ב

לאָמיר איצטער זען וואָס עס שרייבט דער בעל־הקדמה [5] וועגן דעם בעל־צאינה־וראינה און זיין המגיד־איבערזעצונג, און אויך וועגן דער אויסגאַבע 1623.

וועגן דעם בעל־צאינה־וראינה שרייבט ער, אַז ער איז דערגאַנגען מיט דער המגיד־איבערזעצונג ביז סוף איוב און איז נפטר געוואָרן. וואָס לערנען מיר דערפון? ערשטנס, אַז ער איז נפטר געוואָרן פאַרן יאָר 1623, במילא פאַלן אַרויס צוויי פון די דריי אויבן־דערמאָנטע פטירה־דאַטעס, און עס בלייבט נאָר די דאַטע 1620, וואָס איז גאַנץ מעגלעך. צווייטנס, אַז די איבערזעצונג פון די ספרים דניאל, עזרא און נחמיה, וואָס גייען נאָך איוב, וואָס מיר האָבן אין אַלע המגיד־אויסגאַבעס, איז לכל הדעות ניט זיינע [6].

זייער אינטערעסאַנט און אַ גרויסער חידוש איז דאָס וואָס דער בעל־הקדמה שרייבט וועגן דער המגיד־איבערזעצונג גופא.

ביים איבערזעצן — שרייבט ער — האָט זיך דער בעל צאינה־וראינה געשטיצט בעיקר אויף אַ ספר וואָס איז אַרויס מיט אַ קורצער צייט פריער. דער דאָזיקער ספר אָבער — שרייבט ער — האָט ניט גענוצט רש״י, נאָר אַנדערע פירושים. במילא איז אין זיין איבערזעצונג לגמרי ניט אַריין רש״י׳ס פירוש. דער בעל־הקדמה גיט אויף דעם צוויי סיבות: ערשטנס האָט ר׳ יעקב בר׳ יצחק ניט פאַרמאָגט די נויטיקע ספרים וואָס מען באַדאַרף צו אַזאַ אַרבעט. ער איז געווען — אַזוי צו זאָגן — אַ בעל־מלאכה אָן געצייג. צווייטנס, פון גרויס עניוות האָט ר׳ יעקב בר׳ יצחק כל־ימיו געזוכט באַהילפיק צו זיין נאָר פשוטע, קליינע און מיטעלע מענטשן („קצרי יד ויד כל אדם שוה וממוצע״). פאַר זיי האָט ער געשאַפן די צאינה־וראינה און פאַר זיי האָט ער מכוון געווען די המגיד־איבערזעצונג. פאַר דעם העכערן מענטשן האָט ער ניט גע׳דאגה׳ט. מיר אָבער — שרייבט דער בעל־הקדמה — האַלטן אַז צוליב פשוטע קליינע מענטשן לוינט זיך ניט צו לייגן אַזעלכע גרויסע הוצאות, וואָס אַזאַ גרויסע אונטערנעמונג דאַרף קאָסטן. די קליינע מענטשן וועלן סיי־ווי־סיי ניט קליגער ווערן דערפון („להוציא הוצאה רבה לקטני הערך אשר שם תאבד כל חכמה תסתר כל בינה״). האָבן מיר דעריבער באַשלאָסן צו מאַכן די אויסגאַבע אַזוי, אַז זי זאָל נוצן אויך דעם העכערן מענטש. צוליב דעם האָבן מיר די ערשטע זאַך אַריינגעשטעלט דעם לשון־קודש׳דיקן טעקסט פון די נביאים וכתובים, מיט אַלע פּינקטלעכקייטן און דקדוקים. אַרום דעם טעקסט האָבן מיר אַריינגעשטעלט פירוש רש״י אין אָריגינאַל, פאַרריכט און קאָרעגירט („מוגה״) לויט אַן אַלטן כתב־יד אויף פּאַרמעט.

בנוגע דער אידישער איבערזעצונג האָבן מיר באַשלאָסן אַז לא זו הדרך, ווי דער בעל־צאינה־וראינה האָט דאָס געמאַכט. האָבן מיר געלאָזן פון זיין איבערזעצונג נאָר דעם טיטל המגיד, און באַשטעלט אַ נייע איבערזעצונג פון גאַנץ נביאים וכתובים, געשטיצט דער עיקר אויף פירוש רש״י („אשר הוא מאור עינינו... אמרנו הננו ועלינו אל איזה איש חי רב פעלים להוציא לאור ביאור מעשה הספר ממש אות באות על־פי פרש״י ז״ל״). דאָרט וואו רש״י דערזאָגט ניט אָדער איז ניט קלאָר — האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצונעמען פון אַנדערע מפרשים: תרגום, רלב״ג, רד״ק, אבן־עזרא, ר׳ אליה בחור א״א. בכדי מ׳זאָל ניט דאַרפן זיך פאַרלאָזן בלינדערהייט אויפן איבערזעצער, האָט מען נאָך יעדן פירוש אַריינגעשטעלט אין האַלבע לבנות דעם נאָמען פון דעם פירוש, פון וואַנען דער איבערזעצער האָט דאָס גענומען. אַזאַ איבערזעצער האָבן זיי געפונען און ער האָט איבערגעזעצט לויט אָט דעם דרך פון אָנהויב נביאים ביז סוף נחמיה („את שאהבה נפשינו בקשנו, יגענו ומצאנו לבאר הכל מהתחלת העשרים וארבע עד סוף ספר

פּאַסיקער שריפט. דער צאינה־וראינה־שריפט איז געווען צו גרויס, האָט זיך ניט אויסגעשטעלט אויפן זעלבן עמוד אי דער מקרא־אָריגינאַל, אי דער רש״י־אָריגינאַל, אי די איבערזעצונג, האָט מען געמוזט גיסן נייעם שריפט אין אַ קליינעם פאָרמאַט. עס האָט אויך אויסגעפעלט רש״י־שריפט.

5) דעם בעל־צאינה־וראינה׳ס אַ קרוב. ער איז געווען איינער פון די פאַרלעגערס פון דער אויסגאַבע אין 1623 און דער בעל־מגיה. לויט פרידבערגן איז ער געווען „צעיר בימים וזקן בתורה ובחכמה״. שפּעטער האָט ער אַליין געשאַפן אַ דרוקעריי אין קראָקע. זיין נאָמען איז ר׳ מנחם נחום בן האלוף ר׳ משה מייזליש.

6) אין אַ צאָל אויסגאַבעס גייט תרי־עשר נאָך כתובים, איז מעגלעך אַז אויך תרי־עשר האָט ער ניט באַוויזן איבערצוזעצן.

נחמיה״). דברי־הימים האָט מען ניט איבערגעזעצט, ווייל מען האָט געפונען אין רד״ק אַ רמז אַז רש״י האָט ניט מפרש געווען דברי־הימים, און אָן רש״י לוינט זיך ניט צו לייגן הוצאות אויף איבערזעצן, נאָר וואו ניט וואו פאַרטייטשט איינצלנע שווערע ווערטער [7]). אַזוי אַרום איז די אויסגאַבע 1623 אַ שוה לכל נפש, אי פאַר דעם פשוטן, אי פאַר דעם העכערן מענטש.

דער היוצא פון אָט דער לאַנגער הקדמה איז, אַז די אַלע יאָרן האָבן מיר אַלע געלעבט אין טעות, מיינענדיק אַז אין דער גרויסער צאָל המגיד־אויסגאַבעס וואָס מיר פאַרמאָגן, האָבן מיר אַ אידישע איבערזעצונג פון נביאים וכתובים, געמאַכט פון דעם מחבר פון צאינה־וראינה. לויט די רייד פון דער הקדמה געהערט גאָרניט די אויסגאַבע 1623, די עלטסטע וואָס איז צו אונז דערגאַנגען, צום בעל־צאינה־וראינה, נאָר גאָר צו אַן אַנאָנימען איבערזעצער, געמאַכט גאָר לויט אַן אַנדער דרך ווי דער פון בעל־צאינה־וראינה. און אַזוי ווי אַלע אויסגאַבעס פון נאָך 1623, הן אונטערן טיטל המגיד, הן אונטערן טיטל מגישי מנחה, וואָס איז באמת דער זעלבער המגיד, זיינען געדרוקט לויט דער אויסגאַבע 1623 [8]) — געהערן זיי דאָך אַלע צום אַנאָנימען איבערזעצער, און מיר דאַרפן זיי אויסמעקן פון דעם בעל־צאינה־וראינה׳ס חשבון.

אַריינגעפירט אין דעם טעות האָבן אונז די ביבליאָגראַפן און די פאָרשערס פון דער אידיש־ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן זיך ניט געגעבן די מי אַריינצוקוקן אין דער הקדמה.

עס בלייבט אונז צו האָפן אַז סוף־כל־סוף וועט אפשר ווען עס איז נתגלה ווערן אַן עקזעמפּלאַר פון פאַרן יאָר 1623 מיט דעם בעל־צאינה־וראינה׳ס איבערזעצונג.

ווען איך וואָלט ניט מורא האָבן, וואָלט איך אָבער געזאָגט אַז אפשר איז זיין איבערזעצונג גאָר קיין מאָל ניט געדרוקט געוואָרן. בנוגע דעם 3טן באַנד (כתובים) איז דאָך דער שכל־הישר אַזוי מחייב, וויבאַלד ער איז נפטר געוואָרן ניט האָבנדיק באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם באַנד (נאָך געבליבן ניט איבערזעצט פיר ספרים און — ווי אויבן געזאָגט — אפשר אויך תרי־עשר). לייגט זיך ניט אויפן שכל אַז ר׳ יעקב בר׳ יצחק זאָל איבערגעבן אין דרוק ניט קיין פאַרענדיקטן באַנד. בנוגע צו די 2 בענד נביאים — איז וויבאַלד זיי זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען, און דער בעל־הקדמה גיט ניט קיין רמז אַפילו אַז זיי זיינען געווען געדרוקט, איז אפשר זיינען זיי אויך געבליבן ניט־געדרוקט. אַזוי ווי דער בעל־הקדמה איז געווען ר׳ יעקב בר׳ יצחק׳ס אַ קרוב און האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרלעגעריי און דרוקעריי און הגהה, האָט ר׳ יעקב בר׳ יצחק אפשר אים געגעבן דעם כתב־יד און נאָך זיין פטירה איז דער כתב־יד ביי אים געבליבן. אין ביבליאָגראַפיע אָבער איז מחייב דעם כלל: לא ראינו אינה ראיה — האָבן מיר ניט געזען, איז פאַר אונז ניטאָ קיין ראיה (אָנצונעמען לויט השערה).

צום סוף וויל איך באַמערקן אַז פון דער אויסגאַבע 1623 האָב איך געזען נאָר דעם באַנד כתובים. מעגלעך אַז פון די בענד נביאים קען מען לערנען נאָך חידושים וועגן דעם ענין.

7) אין ווין, אין שמידס דרוקעריי, איז צוויי מאָל אַרויס דער המגיד (1794 און 1798) אויך מיט דברי־הימים־איבערזעצונג. דער נאָמען המגיד איז דאָ נאָר געווען אַחיזת עינים, דאָס איז געווען די בליץ־איבערזעצונג, ניט קיין המגיד.

8) אין דער גרויסער צאָל המגיד׳ס וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין משך פון 300 יאָר זיינען אַוודאי אַריין אַ סך שינויים און השמטות. דאָס זיינען אָבער אַלץ נאָר אַזעלכע וואָס דרוקערס האָבן געמאַכט על דעת עצמם, הכל כמנהג הדרוקער, לויטן געשמאַק און געשעפטלעכן אינטערעס פון יעדן דרוקער. אויך די צענזור האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו פאַרשידענע אויסגאַבעס. עס איז אָבער אַלץ די זעלבע איבערזעצונג פון 1623. דער וואָס וויל אָבער שטודירן די איבערזעצונג דאַרף זיך באַנוצן נאָר מיט די ערשטע פאָר אויסגאַבעס וואָס זיינען אין גאַנצן אידענטיש מיט 1623.



דער וואונדער פון באפרייען דעם כותל און דער וואונדער וואס דער כותל האט באוויזן

ד"ר הלל זיידמאַן

וויפל מען האָט זיך ניט באַמיט צו פאַרוועלטלעכן אידישע נשמות, איז געקומען איין שטראַל און האָט אויפגעפלאַקערט אַ ליכט נישט־פון־דער־וועלט, אויך ביי „וועלטלעכע". וויפל מ'האָט נישט אַריינגעלייגט כוחות צו פאַרוואָכעדיקן דאָס אידישע לעבן, איז געקומען איין אויפבליץ און האָט אַריינגעבראַכט יום־טוב אויך אין וואָכעדיקע געמיטער. וויפל מ'האָט נישט געטאָן פאַר חולין און „חילוניות", איז געקומען איין אויפשיין און קדושה האָט זיך באַוויזן אַפילו אין, דאַכט זיך, אויסגעלאָשענע הערצער. און ווי ווייט מ'האָט נישט געטאָן אומצואוואַרפן די מחיצות בין ישראל לעמים ובין קודש לחול, — דורך „דיאַלאָגן" מיט גלחים, „אינטערפעיטה", — זיינען געקומען די נפלאות אין ארץ ישראל און האָבן ווידער באַנייט דעם הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב.

וואָס האָט דער כותל מערבי פאַראורזאַכט?

ביי מענטשן פאַרהאַרטעוועטע און, דאַכט זיך, גייסטיק פאַרפרעמדטע, האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן אין די טיפענישן פון זייער פנימיות, אַזעלכעס וואָס זיי האָבן גאָר נישט געוואוסט אַז ס'איז בכלל ביי זיי בנמצא. זיי האָבן ערשט דעמאָלט אַנטדעקט אַז ס'איז עפּעס פאַראַן אין זיי וואָס איז העכער פון זיי.

דאָס שוועבעלע וואָס פלאַקערט אויף ליכטער...

די באַרירונג מיטן כותל מערבי איז געווען דאָס „שוועבעלע" וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פונק, וועלכער האָט געטליעט און האָט איצט אויפגעפלאַקערט צו אַ פלאַם.

אָט די דאָזיקע אין־מלחמה־פאַרהאַרטעוועטע סאָלדאַטן, פון קיבוצים, פאַרפרעמדטע, וואָס זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן אין זייער אינערלעכסטן וועזן, ביז געוויין און יאָמער — וואָס זיי אַליין האָבן נישט געוואוסט זיך דאָס צו דערקלערן — בילדן אַ לעבעדיקן באַוויז פון דעם חב"ד־זאָג: „אַ איד טאָר זיך ניט מיאש זיין, און מ'טאָר זיך ניט מיאש זיין פון קיין איד!"

פרעגט כ"ק האדמו"ר שליט"א מליובאַוויטש: „וואָס האָבן דאָ געזען די דאָזיקע אידן אין כותל מערבי, וואָס זיי זיינען צוגעפאַלן צו אָט־דער וואַנט מיט אַ געוויין? אַן אַלטע, חרוב'ע וואַנט! אויב שיינע אַרכיטעקטור — האָבן זיי עס געוויס נישט געפונען דאָ. אויב אַרכעאָלאָגישע איבערבלייבענישן — וואָלטן דאָך די וואָס האָבן געוואָלט פאַרבינדן זייער געשיכטע מיט כנען און דאָסגלייכן, געדאַרפט גיכער זוכן אַלטערטימלעכקייטן פון כנען?...

„נאָר די אַלע אידן וואָס זיינען געקומען צום כותל מערבי האָבן פאַרגעסן אין אַלעם אַנדערן און געפילט בלויז איין זאַך, אַז זיי שטייען פאַרן איינציקן איבערבלייב פונעם בית המקדש! קיין שום אַנדערע חשבונות און קיין שום אַנדערע מחשבות זיינען דאָרט נישט געווען. זיי האָבן געוויינט בלויז ווי אידן!

„דאָרט, האָבן זיי געפילט, איז דאָס אָרט צו לאָזן טרערן און מתפלל זיין צו ג־ט. זיי זיינען אַלע אויסגעבראָכן מיט אַ געשריי, אַז מיר וועלן קיינמאָל זיך נישט לאָזן צעשיידן פונעם כותל! דאָס האָט די אידישע נשמה אויסגעשריען פון די אינערלעכסטע טיפענישן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט דערלאָזן זי

זאָל זיך אָפּשיידן פון דער קדושה פון בית־המקדש!

„איז דאָס דאָך דער קלאָרסטער באַווייז, אַז די טיפעניש פון דער אינערלעכער טרייב־קראַפט צו מסירת נפש איז געווען דאָס באַוואוסטזיין, אַז דאָס לאַנד איז הייליק און עס געהערט צו אידן וואָס זיינען אַ הייליק פאָלק!"

דער נס פון מסירת נפש און מסירת נפש פאַר נס

די מסירת נפש, וועלכע ס'האָבן באַוויזן די קעמפער אין דער גאַנצער מלחמה, האָט אָבער באַזונדערס אויפגעלייכט ביים כיבוש פון כותל המערבי. דאָס איז, ווי די חז"ל לערנען אונז, דער שורש פון די נסים. די גמרא זאָגט, אַז ווען דער פּאַסטוך ראַטעוועט אָפּ די שאָף פון אַ וואָלף אָדער לייב האָט עס אין אַ געוויסער מאָס דעם באַדייט פון אַ נס (בבא מציעא, ק"ו). די גמרא ברענגט דערביי וואָס ס'ווערט געזאָגט ביי דוד המלך, ווי ער האָט אָפּגעראַטעוועט די שאָף פון אַ לייב און וואָלף (שמואל א, י"ז). תוספות זאָגט דערויף, אַז דאָס האָט צו טאָן מיטן גייסט פון גבורה און אַנטשלוס צו קעמפן, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין מענטשן קעגן משחיתים.

וויבאַלד די גבורה אָפּצוראַטעווען בעלי חיים פון פאַרצוקונג ווערט אין דער גמרא פאַרעכנט אין סוג פון נס, היינט־זשע די גבורה אָפּצוראַטעווען אידישע לעבנס פון רוצחים איז עס דאָך אַוודאי ניסי ה'. און געוויס איז דאָס חל אויף די וואָס שיצן אידישע שטעט קעגן די שונאים; וואָס דאָס איז אַ חוב על־פּי הלכה, ווי ס'פּסק'נט דער רמב"ם וועגן פאַרטיידיקן אידישע ישובים (יד החזקה הלכות שבת פרק ב', הלכה כ"ג), און כל־שכן ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ירושלים, וועלכע האָט אַ באַזונדערע קדושה. ווי ס'שטייט: „ירושלים איז געהייליקט געוואָרן מיט דער ערשטער קדושה, מיט וועלכער ס'האָט זי געהייליקט שלמה, וועלכער האָט מקדש געווען די עזרה און ירושלים פאַר זייער צייט און פאַר דער צוקונפט" (שהוא קידש העזרה וירושלים לשעתן וקידשן לעתיד לבוא — מועד קטן כ"ו, א').

דער תמצית פון אידישע בענקענישן און שטרעבונגען

און אַ קל־וחומר ווען ס'רעדט זיך וועגן כותל המערבי, הר הבית, וואָס דערביי איז פאַראַן אַ באַזונדערע מדריגה, אַ העכערע, פון קדושה. ווי די משנה זאָגט: „צען קדושות זיינען פאַראַן. ארץ ישראל איז הייליקער פון אַלע לענדער, א. אַ. וו. דער הר הבית איז הייליקער א. אַ. וו." (כלים, פרק א' משנה ז'־ח').

ווייל ירושלים איז דער תמצית פון אַלע אידישע בענקענישן. דער קווינטעסענץ פון אַלע אונזערע שטרעבונגען. די גמרא זאָגט: „ווען ווערט מקויים בונה ירושלים ה'? ווען די פאַרשטויסענע פון ישראל וועלן איינגעזאַמלט ווערן" (נדחי ישראל יכנס).

און כאָטש דער קיבוץ גלויות וועט בפועל זיין נאָכן בנין בית המקדש דורך משיח צדקנו (רמב"ם הלכות מלכים סוף פרק י"א; זע אויך פירוש רש"י אין ברכות דאָרט) — וועט אָבער דער גייסטיקער קיבוץ גלויות געוויס זיין פריער (ווי דער רמב"ם פּסק'נט דאָרט). און דעריבער: דער ג־טלעכער אויפבוי פון ירושלים, בונה ירושלים ה', — אין קעגנזאַץ צום פיזישן, — מיינט דאָס איינזאַמלען, דאָס צוריקברענגען די גייסטיק־פאַרשטויסענע (נדחי ישראל יכנס).

די שטיינער פונעם כותל — פּרואָוושטיינער פון אידישער נשמה

אַן אָנהויב פון דעם „איינזאַמלען" האָבן מיר געזען אין דער התעוררות פון יהדות־פונקען ביי דערווייטערטע, ווען זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר ירושלים, און האָבן זיך געפונען ביים כותל המערבי. די שטיינער פונעם כותל זיינען געווען די פּרואָוושטיינער פאַר די פּנימיות פון אידישע נשמות.

דער כוח פון ירושלים „ווי אַ שטאָט וואָס באַהעפט צוזאַמען", — כעיר שחברה לה יחדיו, — האָט באַהעפט אידן פון פאַרשידענע וועלטן אין דעם אָרט, וועגן וועלכן ס'שטייט, אַז „די שכינה האָט זיך קיינמאָל ניט אַוועקגערוקט פון איר אָרט" (לעולם אין שכינה זזה מכותל מערבי, שנאמר, הנה זה עומד אחר כתלנו — מגילה, כ"ח). דאַרפן מיר תפילה טאָן, אַז הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים, אַז דער אחדות־גייסט פון ירושלים, זאָל אויסגעשפּרייט ווערן אויף כל ישראל אין גרויסן צוריקקום צו יהדות.

די אויסברייטונג פון ירושלים דאַרף אַרומנעמען אויך גייסטיקע ווייטענישן

ווי דער מדרש זאָגט: ארץ־ישראל וועט אויסגעברייטערט ווערן פון אַלע אירע זייטן, און די טויערן פון ירושלים וועלן זיך אויסשפּרייטן (עתידה ארץ־ישראל להיות מורחבת ועולה בכל צדדיה וכו' — ספרי פ' דברים). מיר האָבן עס זוכה געווען צו זען אין די איצטיקע גרויסע טעג אין ממשות'דיקן זין. זאָגט מיר ר' אליהו כי־טוב, מיקירי ירושלים, אַז ער האָט זיך „איבערגעצויגן" אין אַ פיל שענערער געגנט. ווי אַזוי? פרעג איך, וויסנדיק אַז ער וואוינט אין דער זעלבער דירה. ענטפערט ער מיר: „איך האָב

געוואוינט אין ירושלים ביי דער סאַמע גרענעץ, — איצט וואוין איך אין צענטער פון דער שטאָט... וואָס זאָג איך? אין צענטער פונעם לאַנד...״

אָבער, ווידער אַמאָל, די „אויסברייטערונג״ דאַרף זיין אויך אַ גייסטיקע! דאָס וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר באמת ירושלים דאַרף אויסגעברייטערט ווערן איבער אירע פיזישע גרענעצן. אויך די נדחי ישראל, וואָס געפינען זיך „אויף דער גרענעץ״, אין די פעריפעריעס פון יהדות, דאַרפן אַריינגעצויגן ווערן אין צענטער פון אידישקייט.

דער קאַמף פאַר ירושלים איז אַ טויזנט יאָריקער

אין דעם זין איז ירושלים, ובפרט דער הר הבית, דער צענטער פון אידן און פון יהדות. ניט אומזיסט האָבן די גדולי ישראל געזען אין דער הויפטשטאָט די העכסטע דערגרייכונג און דערהויבונג, — ווי רבי יונתן אייבעשיץ, זצ״ל, האָט עס באַצייכנט: בנין ירושלים והרמת קרן דוד הוא תכלית השלימות האנושי (יערות דבש); און ווידער די שונאי ישראל האָבן זיך פאַרלייגט צו דערווייטערן אידן פון ירושלים. פון די אַלע רעזאָלוציעס אין יו־ען איז בלויז איינע דורכגעגאַנגען — קעגן ירושלים השלימה...

65 יאָר נאָכן חורבן האָט דער רוימישער קייסער אדריאַנוס פאַרבאָטן אידן אַריינצוקומען קיין ירושלים, — אַ חוץ תשעה באב, ווי ס'גיט איבער דער רוימישער היסטאָריקער סעוועראוס. נאָך שטרענגער — טויט־שטראָף! — איז דער פאַרבאָט פונעם רוימישן אימפעראַטאָר קאָנסטאַנטינוס דער ערשטער (312—337), וועלכער האָט אָנגענומען קריסטנטום און געמאַכט אַ סוף צו דער רעליגיעזער טאָלעראַנץ פון דער רוימישער אימפעריע.

פונדעסטוועגן האָבן פאַרט אידן באַוויזן נישט צו פאַרלאָזן אינגאַנצן ירושלים. אונטער דער רוימישער הערשאַפט האָט דער קייסער יוליאַנוס געזאָלט אויפבויען דאָס בית המקדש (אַרום 362). דאָס איז נישט דער איינציקער באַוויז, אַז אידן האָבן נאָך געוואוינט אין ירושלים. 130 יאָר נאָכן חורבן געפינען מיר אַ אידישע קהלה אין ירושלים, פון די תלמידים פון רבי מאיר'ן, וועלכע ווערן גערופן „קהלא קדישא בירושלים״, און ווערן געבראַכט עטלעכע מאָל אין ש״ס.

מיר וועלן דאָ נישט ברענגען פרטים און דאַטן, — דאָס וואָלט ווייט פאַרפירט, — נאָר פעסטשטעלן בלויז, אַז אידן האָבן זיך געקלאַמערט אין ירושלים עקשנות'דיק, טראָץ פאַרבאָטן, רדיפות און גזירות. האָט דאָך די קאַאירער „גניזה״ באַוויזן, אַז אין 11־טן און 12־טן יאָרהונדערט זיינען געווען אין ירושלים גאונים, און די שטאָט איז געווען אַ אידישער צענטער.

ירושלים השלימה מיינט אויך די שלימות פון פאָלק און תורה

איצט איז, בע״ה, ווידער ירושלים אין אידישע הענט. דאָס ערשטע צוריקקומען פון הונדערטער טויזנטער אידן צום כותל המערבי איז פאַרגעקומען שבועות, און ס'איז נישט קיין צופאַל, ווי קיין זאַך איז נישט על־פי צופאַל, בפרט אין די מלחמות ה׳. ווי כ״ק אדמו״ר מליובאַוויטש, שליט״א, האָט געזאָגט אין שבועות, אויף ויחן שם ישראל — כאיש אחד בלב אחד, וואָס די אחדות און די ניסים פון „ואשא אתכם על כנפי נשרים״ איז דער תכלית דערפון „ואביא אתכם אלי״, צוריקצוברענגען אידן צום מקור. דער גאַנג צום כותל אין שבועות דווקא איז אַ באַנייאונג פון אַן אַלטער מסורה, — און אַ התחדשות פון אידן. דער תשב״ץ נאָך שילדערט די עליה פון אידן צום כותל אין שבועות אין אַלטע צייטן.

פון דעם בליק דאַרף זיין אונזער תפילה און פעולה, אַז יהי רצון, אַז פאַראייניקט זאָל זיין ירושלים של מטה מיט ירושלים של מעלה, און דעמאָלט וועט זיין ירושלים השלימה, די אמת'ע שלימות העם באמונתו ובתורתו.

אין אַלגעמיין זיינען פאַראַן צוויי וועגן ווי אַזוי צו היילן אַ קערפערלעכע קראַנקייט: א) אויסצוהיילן אָט־דעם אבר (קערפער־טייל) אָדער כח וואָס איז געוואָרן קראַנק, באַשעדיקט און אָפּגעשוואַכט. ב) פאַרשטאַרקן די געזונטע אברים (קערפער־טיילן) און כוחות, בכדי זיי זאָלן קעגנווירקן און זיך שטאַרקן איבער אָט־דעם קראַנקן אבר און כח ביז אויך ער זאָל אויסגעהיילט ווערן און זיין געזונט.

ענלעך דערצו איז אויך אין די קראַנקייטן פון נפש — (וואָס די רפואה באַשטייט אין די) צוויי וועגן פון עבודה: תשובה און מעשים טובים (תשובה אויף זינד איז די ד י ר ע ק ט ע רפואה צו דער גייסטיקער קראַנקייט אין נפש — אויסרייסן די זינדיקייט; און מעשים טובים — די פאַרשטאַרקונג פון די געזונטע טיילן פון נפש).

(לויט „היום יום״)

מיר
און די וועלט-שפּיגל

• הרב עדין שטיינזאַלץ, ירושלים

מורנו הבעל־שם־טוב האָט געזאָגט: די וועלט איז אַ שפּיגל פאַרן מענטש. בכדי צו באַנעמען און גרונטיק פאַרשטיין די טיפקייט פון דאָזיקן געדאַנק, ווערט דערויף געבראַכט אַ באַקאַנטער משל: אַ מעשה מיט אַ פּרוי וואָס איז געווען זייער מיאוס אין אויסזען. אָבער זי פלעגט אויף זיך אַרויפטאָן אַזויפיל פאַרשידענע צירונגען און באַפּוצונגען ביז עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז זי איז אַ שיינהייט. קיינער האָט איר בשום אופן ניט געקענט איבערצייגן אין איר גענאַרטקייט וועגן איר געשטאַלט. ענדלעך האָט מען דערויף געפונען אַן עצה: מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אַ שפּיגל אַנטקעגן איר געלעגער, אַזוי אַז זי זאָל זיך דערזען אין שפּיגל באַלד אינדערפרי ביים אויפשטיין, נאָך איידער זי באַוויזט צו „פאַרמאַסקירן" זיך אין די באַצירונגען. און טאַקע: אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַ בליק געטאָן אין שפּיגל — האָט זי אויסגערופן: ווער איז זי, אָט־די פאַרזעעניש? און מ׳האָט איר געענטפערט: ס׳איז ניט קיין אַנדערע, ווי דו אַליין!

אַ סך מענטשן זיינען געגליכן צו אָט־דער „שיינהייט". די זעלבסט־ליבע פאַרבלענדט זייערע אויגן, ביז צום געפינען אין זיך בלויז מעלות און גוטע אייגנשאַפטן. און פון דער צווייטער זייט, זיינען זיי ניט מסוגל צו דערזען די אייגענע חסרונות. ווער רעדט, אויב דער מענטש טראָגט אויף זיך „צירונג" — חכמה, רייכטום אד"ג — פאַרדעקן דאַן אָט־די „תכשיטים" זיין אמת׳דיקן מהות; און ער איז שוין ניט פעאיק זיך אָפּצושאַצן ריכטיק און באַקענען די אמת׳ע כאַראַקטער־שטריכן זיינע. ס׳איז אָבער פאַראַן אַ וועג און אַן אויסוועג ווי אַזוי צו באַווייזן דעם מענטש זיינע אייגענע פעלערן, און דאָס איז דורך אַ גוטן אַריינבליק אינעם גרויסן שפּיגל — דאָס „וועלט־שפּיגל". אַ מענטש, אַז ער באַטראַכט גוט די וועלט מיט אירע באַוואוינער, רופט ער אויס: ווי גרויס און ווי טיף עס זיינען די חסרונות פון אָט־די מענטשן! ווי מיאוס־האַסלעך עס זיינען זייערע מעשים! איז אין תוך זעט ער דעמאָלט די אָפּשפּיגלונג פון זיינע אייגענע מומים און פעלערן אין זייער פולער העסלעכקייט.

דאָס דאָזיקע שפּיגל, וואָס די וועלט שטעלט מיט זיך פאָר, אַנטפּלעקט ניט בלויז אַז דער מענטש פאַרמאָגט סתם נעגאַטיווע אייגנשאַפטן, נאָר נאָך מער: אינעם עצם זען אויף אַנדערע דערבליקט ער טאַקע פונקט אָט־די ספּעציפישע חסרונות, מיט וועלכע ער באַזונדערס איז געשלאָגן. און טאַקע ענלעך דערצו האָבן חז"ל אונז לאַנג געלערנט מיט אַזאַ פעסטער באַשטימטקייט: „כל הפוסל — במומו פוסל" — דער וואָס געפינט אַ פּסול אין אַ צווייטן — איז דאָס אייגנטלעך אַ פּסול פון דעם זעלבן מום אין אים גופא. און אָט־דער געדאַנק פאַרמאָגט טאַקע אַ פּסיכאָלאָגישן יסוד: וואָרעם טראָץ דעם וואָס „אויף אַלע זינד טוט פאַרדעקן די זעלבסט־ליבע" — און לויט דער דערקלערונג פון דעם אַלטן רבי׳ן ווערט עס פאַרשטענדלעך, ווייל אהבת עצמו שאַפט ביים מענטשן אַ מעגלעכקייט צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן די אייגענע חטאים; און נאָך מער דערפון: עס זיינען פאַראַן אַלערליי פאַרפּלאָנטערטע אומוועגן פון געדאַנקלעכע באַמיאונגען, וונס דורך זיי איז דער מענטש מסוגל אויפצוזוכן ניט בלויז באַרעכטיקונג פאַר זיינע ניט־גוטע מעשים, נאָר אויך איבערצייגן אַז אין דער אמת׳ן זיינען זיי פּאָזיטיווע און נוצלעכע. אָבער צוזאַמען דערמיט איז פאַרן מענטש אוממעגלעך אינגאַנצן אָפּצומעקן דעם געפיל, אַז אין אַ באַשטימטן פונקט איז ביי אים ניט אַלץ כשורה. און צוליב אָט־דעם באַ־

האַלטענעם שולד־געפיל מצד זיין גייסטיקן פעלער, הויבט ער אָן צו זען אָט־דעם חסרון זיינעם דווקא ביי אַנדערע.

דאָס מיינט ניט, אַז דאָס וואָס ער זעט אויף יענעם איז ניט ריכטיק. ס׳קען געמאָלט זיין אַז אַלע חסרונות וואָס ער באַמערקט ביי אַנדערע זיינען אמת׳דיקע. נאָר וואָס דען? דער עצם־פאַקט וואָס ער כאַפּט אויף אָט־די נעגאַטיווע שטריכן איז אַ לערע פאַר אים גופא: אַז זיי געפינען זיך אויך ביי אים. אין דער אמת׳ן, איז דער יעניקער וואָס איז אַבסאָלוט ריין, אָן קיין שום שפּור פון אַ געוויסן דעפעקט, איז אים שווער — און אַמאָל אוממעגלעך — צו דערשפּירן אָט־דעם דעפעקט ביי אַ צווייטן.

עס זיינען באַוואוסט די מעשיות וואָס מ׳דערציילט וועגן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און די אופנים ווי אַזוי ער האָט שטענדיק מלמד זכות געווען אויף אידן. אין דער אמת׳ן, ווען אַ צדיק פון אַזאַ דרגא זעט אויף אַנדערע עפּעס אַזוינס וואָס האָט אין זיך אַ פּגימה, נעמט ער עס ניט אויף דורך דער נעגאַטיווער זייט, אַזוי צו זאָגן, נאָר ער באַנעמט זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער דורך מאָטיוון און אומוועגן וואָס זיינען אינגאַנצן קדושה וטהרה. דערפאַר געפינען מיר, אַז אויך דאָס אומרעכט פון אַ צווייטן אידן ווערט ביים צדיק באַגריפן און אויסגעטייטשט דורך דער ראָם פון לימוד־זכות און פאַרטיידיקונג. און ווי עס ווערט דערציילט וועגן אַ סך פון די גרויסע צדיקים, אַז זיי האָבן בפועל ממש ניט געקענט זען און הערן אַזעלכע זאַכן וואָס האָבן צו טאָן מיט עבירות.

און זאָל דאָס ביי אונז ניט אויסזען אויסטערליש: מיר ווייסן פון נסיון, אַז ווען אַ מענטש הערט עפּעס וועגן זאַכן וואָס דייטן אָן אויף עפּעס אומווירדיקס — איז אויב ער איז באַקאַנט מיט די זאַכן, וועט ער אויפכאַפּן די אומווירדיקייט; און אויב ער איז אינגאַנצן אַ תמים און ריין דערפון, וועט עס ביי אים אויסזען ווי גלאַטע רייד, אָן קיין שום אָנוואונק אויף עפּעס שלעכטס. ד. ה. וואָס מער דער מענטש איז מער געבונדן מיטן רע אַלץ מער איז ער מסוגל צו דערזען און אונטערשטרייכן דעם רע — ביי דעם צווייטן — און אַזאַ סאָרט דערזען דאָס שלעכטע באַדייט, אַז דער זעער אַליין פאַרמאָגט עפּעס דערפון.

אָט־דער דאָזיקער וואָרט פון בעל־שם־טוב איז ניט געזאָגט געוואָרן בלויז צוליב באַקומען אַ באַגריף פון מענטשלעכן נפש, נאָר אויך ווי אַלע ענינים, בכדי מ׳זאָל דורך דעם עפּעס אויפטאָן, מתקן זיין. ער האָט דערמיט געמיינט, אַז יעדער איינער וואָס זעט אין וועלט אַ זאַך וואָס האָט אין זיך אַ חסרון, דאַרף ער וויסן, אַז דערמיט ווערט אים געגעבן אַן אָנווייז צו מתקן זיין זיינע מעשים; אַז פון הימל האָט מען אים אָנגעצייגט אויף אַזאַ חסרון אין אים, וואָס ער אַליין איז ניט בכוח צו דערבליקן — מחמת די אייגנליבשאַפט פאַרנעפּלט אים די אמת׳ע זעאונגס־קראַפט. אַוודאי מיינט עס ניט, אַז אויב ער זעט ביים צווייטן אַן אָפענעם און בולטן פעלער אין אַ געוויסן תחום, זאָל דערפון זיין געדרונגען, אַז אויך ער האָט אָט־דעם פעלער מיט דער זעלבער מאָס אָפנקייט און שאַרפקייט ווי יענער. נאָר ס׳קען געמאָלט זיין, אַז אויב דער חסרון איז ביי אים ניט אין אַזאַ פולן פאַרנעם ווי אינעם „שפּיגל" — איז ער ביי אים אין אַן איידעלערער פאָרעם; און אויב אַפילו דאָס ניט־גוטע קומט ניט צום אויסדרוק אין פועל־ממש אַפילו אין אַ גאָר קליינער מאָס — קען זיך עס געפינען ביי אים אין אַ געוויסער מאָס אין דער ספערע פון געדאַנק און געפיל. דער אַלטער רבי האָט דאָך אונז געלערנט אין תניא, אַז דער מענטש, וואָס רע איז ביי אים ניט פולשטענדיק פאַרהאַסט און פאַר׳מיאוס׳ט — איז עס אַ באַווייז אַז אין דער טיפעניש פון זיין נפש פאַרמאָגט ער אַ וועלכע ס׳איז שייכות און צובונד צום ענין פון רע.

לערנען מיר דערפון: אויב עמעצער זעט עפּעס אַ פּגם אויף זיין חבר — סיי אַ חסרון אין מדות און סיי אַפילו אין מעשים — דאַרף ער ניט בלויז זיך ניט לאָזן באַהערשן פון אַ גאווה־געפיל דערפון וואָס ער איז אַזויפיל מער דערהויבן ווי זיין חבר, נאָר פאַרקערט, ער דאַרף דערין זען אַן אָנווייז פון „אויבן" אויף זיין אייגענעם חסרון; אַז ער אַליין פאַרמאָגט עפּעס פון דאָזיקן פּגם, און אַז ער מוז צום אַלעם ערשטן פאַריכטן זיך אַליין אויף אָט־דעם געביט.

לכאורה זעט אויס, אַז דער דאָזיקער ענין האָט אַ שייכות נאָר אין אַזעלכע פאַלן, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן באַציאונגען צווישן מענטשן וועלכע זיינען אַלע שומרי תורה ומצוות — „עושי מעשה עמך". ד. ה. אויב דער „שפּיגל"־מענטש איז אין דער קאַטעגאָריע פון פרומע אידן. אַ סך דענקען טאַקע, אַז אָט די וואָס זיינען ווייט פון צו היטן די תורה ווי געהעריק, — זיי ווערן אין דער „שפּיגל"־אָנווייזונג ניט אַריינגענומען. מ׳קען דאָך זאָגן: און ווי איז אויב מ׳זעט ווי אַ איד איז חס ושלום מחלל שבת

בפרהסיא — דאַרף אויך אין אַזאַ פאַל געזאָגט ווערן, אַז דער מענטש זעט אין יענעמס זינד בלויז די אייגענע פלאָג? טראַכט מען זיך אָבער גוט אַריין אין דער זאַך דערזעט מען, אַז דעם בעל־שם־טוב׳ס וואָרט איז גילטיק אויך אין אַזאַ פאַל. וואָרעם אין אַלגעמיין גענומען, איז דער וואָס זעט ווי יענער איד פאַלט דורך אין אַ זינד און בשעת מעשה טראַכט ער ביי זיך אין האַרצן אויף וויפל ער איז העכער פון דעם זינדיקן און אויף וויפל ער איז ווייט־אָפּגעטיילט פון דעם בעל־עבירה — אַנטפּלעקט ער דאָך אין דער זעלבער מינוט אַז ער גופא באַזיצט אין תוך דעם זעלבן פגם ווי דער זינדיקער: אַפילו דער באַוואוסטזיניקער בעל עבירה באַגייט אַ חטא בעיקר צוליב דעם וואָס ער מיינט, אַז דער פאַרבונד זיינער מיט דעם אויבערשטן און נשמות ישראל פאַרפליכטעט אים ניט צו אָנשטרענגען זיך אַזוי ווייט ביז צום אָפּהיטן דעם וועג פון תורה ומצוות. הייסט עס, אַז זיין דורכפאַל האָט צו טאָן מיט זיין פאַלשן חשבון בנוגע דעם פאַרבונד צווישן די נשמות ישראל, און צווישן זיי מיטן אויבערשטן. קומט אויס, אַז דער וואָס באַטראַכט דעם זינדיקן אידן פאַר אַ פיל נידעריקערן פון זיך און אַז ער מיטן בעל־עבירה האָבן צווישן זיך ניט קיין שום נשמה־פאַרבונד — באַגייט ער אַ פאַראַלעלן פעלער: אויך זיין פגם איז אין דעם זעלבן ענין פון ניט דערשפירן דעם אמת׳ן און טיפן פאַרבונד צווישן די נשמות ישראל; און אין געדאַנק מאַכט ער אַ צווישן־שייד אין דער איינהייטלעכער הייליקייט פון אידן. אַזוי איז עס בנוגע אַן עבירה אין אַלגעמיין, און אַזוי איז עס אויך אין באַשטימטע פאַלן פון זינד.

אויב איינער זעט ווי דער צווייטער איז דורכגעפאַלן אין חילול שבת, דאַרף ער פאַרשטיין, אַז אויך אין זיין נפש פעלט אין דעם געהעריקן באַנעם פון קדושת שבת. וואָלט די הייליקייט פון שבת אים טאַקע אָנגערירט אין נפש ממש, וואָלט ער אַוועקגעגעבן טעג און נעכט צו באַאיינפלוסן אויך די וואָס האָבן ניט די ריכטיקע אויפפאַסונג פון שמירת שבת; און מיט אַ וועג פון אהבת־ישראל און גוטע רייד וואָלט ער זיי זיכער מיט דערפאָלג באַווירקט אין דער פאָזיטיווער ריכטונג. און אויב ער קען זיך אָנגיין רואיק מיט זיין געוויינטלעכן לעבן, וויסנדיק אַז ס׳איז דאָ אַ אידישע נשמה וואָס דאַרף האָבן תיקון אין דער־און־דער מצוה — איז עס אַ קלאָרער באַווייז, אַז די דאָזיקע מצוה איז ביי אים גופא ניט גענוג שטאַרק פאַרקאַרבט און פאַרוואָרצלט, און אַז ער דאַרף ביי זיך גופא פאַרשטאַרקן אָט־דעם ענין — אָדער דורך אַ גרעסערער אינערלעכער פאַרטיפונג און באַהעפטונג אין דער מצוה, אָדער דורך פראַקטישן מהדר זיין אין דער מצוה. און אַז ער אַליין וועט צוקומען צו דער מדרגה פון אמת׳ער פולקאָמענהייט אין מקיים זיין אָט־די מצוה, האָבן דאָך אונז חז״ל געלערנט, אַז זיכער וועט עס ווירקן און באַווירקן — סיי דורך זיין אַ מוסטער און סיי דורך דירעקטע באַמיאונגען — און געוויס וועלן אויך אַנדערע פאַרבעסערט ווערן.

און באַזונדערס איז דווקא אין די תשובה־טעג דאַרף אַ מענטש ניט אָפּשליסן זיך אין אַן אופן אַז ער זאָל ניט זען וואָס אַרום אים קומט פאָר. אדרבה, ער דאַרף גוט אַריינקוקן אין אָט־דעם דאָזיקן „שפּיגל" וואָס שטייט פאַר אים און זיך אַריינקלערן דערין — און דורך זיין דערזעען אַזוינס וואָס קוקט אויס צו זיין בלויז יענעמס חסרון, איז אָנשטאָט צו באַטראַכטן דעם געזעענעם בעל־חסרון מיט ביטול און פאַראַכטונג, זאָל ער פאַרשטיין אַז דאָס קומט אים זעלבסט לערנען, אַז ער דאַרף אויך זיך פאַריכטן און דערהויבן דווקא אין די געביטן וואָס דערשיינען אין דאָזיקן „שפּיגל".

אידישקייט אין דער פּראָווינץ

הרב א. העפּטערמאַן

וואו איז אידישקייט שטאַרקער, אין דעם שטעטל אָדער אינעם כרך? דער ענטפער צו דער פראַגע איז אין אַמעריקע פונקט דער היפוך ווי אין דער אַמאָליקער אייראָפּע. דאָרט האָט אידישקייט געבליט און געוואָקסן אין די פּראָווינץ־שטעט. די שול איז געווען די צווייטע היים פאַר אידן, און די קינדער האָבן נאָכגעפאָלגט זייערע עלטערן כמעט אין אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אידישקייט. פון אידישער הפקרות האָט מען זעלטן געהערט אין דעם אידישן שטעטלע. דאָרט איז תורה נאָך אַלץ געווען די בעסטע סחורה.

אין דער גרויסער שטאָט, דאַקעגן, האָט אידישקייט היפּש אונטערגעהונקען. דאָס אַוועקפאָרן פון אַ קליינשטעטלדיקן אידן אין אַ גרויסער שטאָט האָט געוואָרפן אַ פאַרדאַכט אויף זיין אידישלעכן ערנסט. אינעם כרך האָט מען אַלץ „געמעגט" בעת אין דער פּראָווינץ האָט מען בלויז „ניט געטאָרט". דאָס קליינע שטעטל איז געווען די נעסט פאַר קערנדיקער אידישקייט.

אין אַמעריקע האַלט די גרויסע שטאָט, מיט אַ גרויסער אידישער באַפעלקערונג, די מאָנאָפּאָליע אויף אידישקייט. וואָס גרעסער די קהילה, אַלץ גרעסער איז די מינאָריטעט פון תורה־און־מצוה אידן. די גרויסע שטאָט האָט אַלע מינים אידן: לערנערס, אמת־פרומע, חסידים, משכילים, נאַציאָנאַליסטן און וואָס איר ווילט. דאָס קליינע שטעטל, נעבעך, רייבט זיך צווישן די גוים. מ'לעבט מיט זיי, מ'האָט פרנסה פון זיי און מ'פאַרגעסט צוביסלעך אַז מ'דאַרף זיין אַנדערש פון די ניט־אידן. איז דאָס אידישע לעבן דאָרט טאַקע זייער קאָלירלאָז און אומזיכער. די אומגעבונג שלינגט איין דעם בעסטן טייל פון אידישער באַוואוסטזיניקייט.

אין די לעצטע שפּע־יאָרן זיינען די אידן, ווי באַוואוסט, געוואָרן פאַרמעגלעכער און זיי זיינען מער פרייגיביק פאַר שטאָטישע בויטן. שוין לאַנג אַז דער אַמעריקאַנער איד ווייזט אַ טענדענץ צו דינען זיין ג־ט און זיין פאָלק דורך אַ „טשעק". אין די לעצטע זאַטע יאָרן האָט ער די נויגונג זיינע דערהויבן צו אַ קונסט. דער איד שיקט זיין טשעק אין שול אַריין, אין תלמוד תורה, אין „הכנסת אורחים", אין „חברה קדישא". אָבער אַליין איז ער פאַרנומען. ער געהערט צו קלובן, צו לאַדזשעס, צו שפּאָגל נייע אָרגאַניזאַציעס פון וועלכע מ'האָט קיינמאָל פריער ניט געהערט. ער האָט „סטעג"־פּאַרטיס און „טעסטימאָניעלס", ער מישט זיך אין „רעד קראָס" און אין „קאָמיוניטי טשעסט". ער קען זיך מיטן מעיאָר און איז אַ גוטער ברודער מיט די אָלדערמען. ער איז אין באָאַרדס און אין קאָמיטעטן. ער קען זיך קוים צערייסן. האָט ער פשוט ניט די צייט זיך אַמאָל אַריינכאַפּן אין אַ שול, אָדער פערזענלעך זיך עוסק'ן אין אַ אידישער זאַך.

מ'איז דאָך אָבער פאָרט אַ איד, און אידישקייט קאָסט געלט אין אַמעריקע, שרייבט ער אַ טשעק און איז יוצא. און דאָס ערשטע וואָס אַ קליינשטעטלדיקער איד האַנדלט איין פאַר זיין טשעק איז אַ ר אַ ב י י. און איר מעגט פאַר חידושים אָנקוקן מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ דער פּראָווינצער גייט־צו צו דעם ענין „ראַבאַי". ער קוקט אויף אים ווי אויף אַ „פאַרזיכערונגס פּאָליסי" קעגן עם־הארצות, קעגן געמישטער הייראַט, קעגן אַ ליידיקער שול און קעגן קאַלטע הערצער. די גאַנצע אידישע זאַך ווערט אַ מין כישוף־קעסטל, מ'וואַרפט אַריין אַ מטבע און ס'פליט אַרויס אַ אידישער פאַרזאָרגער, וועמען מ'גיט איבער אַלע אידישע פּראָבלעמען, און אַלע געמיינדע־פליכטן מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט און שטאָלץ מיט דעם גוטבאַצאָלטן אויפטו.

דער סוף איז, אַז אין דעם קליינעם שטעטל זעט מען זיך אָן מיט גענוג הפקרות און חילול־השם בלויז צו פאַרדאַנקען דעם ראַבאַי, וועלכער מאַכט אַ חורבן פון אַלץ וואָס איז הייליק ביי אידן, און מיט וועמען די טעמפּל־אידן שטאָלצירן ווי מיטן פּאַטענטירטן פאַרזאָרגער פון כלל ישראל.

אַלס טיפּישער ביישפּיל קען דינען אַ קליין שטעטל אין ניו־ענגלאַנד, וואו דער

ראַבאַי האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזאַ ריזיקער דערפּאָלג, אַז די דאָרטיקע מעטאָדיסטישע קירכע וויל אים פּשוט ניט אָפּלאָזן פון זיך. די אידישע קהילה פילט זיך דערפון זייער געשמייכלט און איז צופרידן אויסצולייען זייער ראַבאַי צו דער שכנות׳דיקער קירכע ביי יעדער געלעגנהייט, אַזוי אַז דער גלח איז אַן אָפּטער פּרעדיקער אין טעמפּל, און דער ראַבאַי זעצט־אָפּ זיין תורה צו די נייגעריקע קריסטן.

דאָס ערשטע איז די שול דאָרט געוואָרן אויס שול און געקראָגן דעם נאָמען „טעמפּל". באַלד נאָכדעם האָט דער ראַבאַי, מיט דער הילף פון אַ פּאָר יונגע גבירים׳לעך, אַריינגעשטעלט אין טעמפּל אַן אָרגאַן מיט אַ קריסטלעכער אָרגאַניסטין, און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער אמת׳ער חילול־שבת, וואָס דער ראַבאַי האָט גערופן „עונג שבת". אַכט אַזייגער אין אָוונט, יעדן פרייטיק, איז דער ראַבאַי געקומען אין טעמפּל אין זיין שיינענדיקן אויטאָמאָביל און מיט אַ ברענענדיקן ציגאַר אין מויל. די פרויען פון דער ביי־געבוירענער „סיסטערהוד" האָבן אָנגעצונדן די ליכט פאַרן ארון קודש, און מיט אַנטבלויזטע קעפּ האָבן די אידעלעך זיך אויסגעזעצט צו הערן די „דרשה" פון דעם נייעם פירער.

און „ניסים" האָבן גענומען געשען אין שטעטל. שבת חנוכה האָבן די אידן געקראָגן פריש געבאַקענע לאַטקעס אין דעם טעמפּל „וועסטערי"; אום סוכות האָט דער ראַבאַי אויסגענוצט דעם פּראָגראַם פון פרייטיק אָוונט צו „בענטשן אתרוג" מיטן עולם, און די שטאָטישע גלחים׳לעך זיינען געוואָרן גאַנצע מחותנים אין טעמפּל מיט זייערע קריסטמעס־חנוכה שותפות׳ן און כלערליי אַנדערע שעמהאַפטע פאַרטראַכטונגען אויף וועלכע אַ יונגער „ליבעראַלער" ראַבאַי איז פעאיק.

שבת פרי איז די שול געשלאָסן, און דער ראַבאַי מיט זיין רביצין פאָרן דאַן אַרום מיט די ציגאַרעטלעך אין די מיילער איינצוקויפן פלייש־„קאַטס" אין די קריסטלעכע קראָמען. דער ראַבאַי זאָגט אַז דאָס טוט ער מיט אַ כיוון אום צו ווייזן דעם עולם, סיי אידן סיי גוים, אַז דאָס מאָדערנע אידנטום שאָקלט זיך אָפּ פון פּרימיטיווע „אָבערגלויבנס" פון שבת און כשרות, אינגאַנצן „אַן אומנויטיקע וואַנט" צווישן אידן און זייערע ניט אידישע שכנים...

און די יונגעלייט קוועלן אָן פון זייער פירער. אַ קליינִיקייט וואָס דער ראַבאַי האָט שוין אויפגעטאָן! ער האָט אָרגאַניזירט אַ „מענס קלוב", אַ סיסטערהוד, אַ „מיסטער און מיסעס" גרופּע, אַ „בייבל קלאַס", אַ „הדסה"־שטודיום־צירקל. ער פּובליצירט אַ מאָנאַטלעכן בולעטין, בייט זיך מיט די גלח׳ישע „פּולפּיטן" און איז אַקטיוו אין דער קירכען־פעדעראַציע. איז שוין אַ וואונדער, אַ שטייגער, וואָס די יונגע ענטוזיאַסטן טראָגן אים אויף די הענט און באַרימען זיך מיט זייער כשרער מציאה וואו נאָר ס׳וויזט זיך אַ געלעגנהייט?

די עלטערע אידן דרייען זיך נעבעך אַרום ווי עלנטע, בלודנע שעפעלעך צווישן דער פאַרבלענדעטער מחנה יונגוואַרג און לאָזן אַ טרער אויף דעם חורבן פון זייער אַמאָליק „אידיש" שטעטלע. זיי קוקן אויף די אַלע טומלערייען אַרום זייער שול ווי אויף אַ רוישיקער לוויה פון אַן אָנגעזעגנעם ברמינן. ווען דער טומל וועט זיך איינשטילן וועט יעדערער אויסגעפינען אַז אין דעם מישמאַש פון גרויסע „אויפטוען" האָט זיך געפעלט דער שבת, די שול, די כשר׳ע היים, דער „חדר", און דער רעספּעקט פאַר אידישער טראַדיציע.

מיט אַ צייט צוריק האָט אַן עלטערער איד געהאַט יאָרצייט. צוליבן שניי־שטורם האָט ער ניט געקענט פאָרן אין דעם נאָענטן שטעטל. האָט זיין זון ביי אים געפּועל׳ט אַז ער זאָל האַלטן דעם יאָרצייט אין „טעמפּל" אין וועלכן די עלטערע אידן האָבן ניט אַריינגעשמעקט זינט דער ראַבאַי האָט אים „מטמא" געווען. ווען ס׳איז געקומען צו לייענען די תורה, ווי דער דין איז מאָנטיק און דאָנערשטיק, האָט מען ניט געקענט געפינען קיין ספר תורה אין דעם ארון קודש. מ׳האָט געזוכט אויבן, אונטן און אומעטום — ניטאָ די ספרים! האָט מען וועגן דעם טעלעפאָניש אָנגעפרעגט דעם ראַבאַי, וועלכער האָט זיי גאַנץ פיין באַרואיקט, אַז קיינער האָט, חלילה, די „תורות" ניט צוגע׳גנב׳ט. זיי זיינען איצט אויף אַ גרויסער מיסיע: אַזוי ווי ס׳איז איצט „ברודערשאַפט"־וואָך האָט ער די צוויי „הייליקייטן" געבראַכט פאַר אויסשטעלונג אין די צוויי הויפּט־קירכעס פונעם שטעטל...

ס׳האַלט ניט גוט מיט דער אידישער פּראָווינץ אין אַמעריקע. זי פאַרלירט צוביסלעך איר טראַדיציאָנעלן געשטאַלט און שפּאַנט רואיק און „גליקלעך" צום אונטערגאַנג. און דעם גרעסטן חלק אין דעם האָבן די „סעזאָן ראַבאַיס", וועלכע זיינען געוואָרן די גוט־באַצאָלטע טרעגער פון כשר׳ער אַסימילאַציע...



אַ לעבעדיקער מענטש

דוד זאַריצקי

(אַ פאַרצייכעניש)

— די טרעפּ האָבן געסקריפּעט, וואָס? שרעקט זיך ניט, אַז די לונגען סקריפּען איז אַ סך ערגער. די טרעפּ זיינען אַ סך עלטער פון מיר. ביי מיר, טייערינקע, סקריפּען שוין די ביינער אַ יאָר צען געוויס, אלא מאי? מיך רופט מען און זיי ניט...

— כי, כי... אַ טרעפּן־הויז רופט מען ניט, עס ווערט אים פשוט מיאוס צו שלעפּן אויף זיך מענטשלעכע טריט אַמאָל שמוציקע, אַמאָל באָרוועסע, אָרעמע און אַמאָל חוצפּה׳־דיקע, טאַנצנדיקע — גיט עס אַ מאַך מיט אַ הילצערנער האַנט, און עס צעפאַלט. אָבער איך קען ניט מאַכן מיט דער האַנט, עס מאַכט זיך ניט. מיט אַ מינוט צוריק טראַכט איך נאָך וועגן מאַכן און שוין גיט יענער אַ מאַך מיט אַ לאַנגער האַנט און — הײַדאַ! בין איך ניטאָ.

ניטאָ דער וואַרשטאַט, ניטאָ דער הובל, די זעג, די דלאָטע. מען ווערט געשלעפּט, געשליידערט און פאַרשלונגען.

אַזוי ווי איר זעט מיך, טייערינקע, האָב איך געלערנט אין מיינע זיבן־און־אַכציק יאָר, אַז שטאַרבן, קען יעדער: אַן עופה׳לע און אַ זקן, אַ גבור און אַזאַ וואָס פּאָכעט מיט דער נשמה. אָבער לעבן! אַי, אַי, טייערינקע מיינע, איז דאָס אַ שווערע שטיקל אַרבעט. גלויבט מיר, אַזוי ווי איר שטייט איצט ביי מיין בעט און קוקט מיר אָן מיט רחמנות׳דיקע אויגן, אַז איינער פון צען טויזנט לעבט, לעבט ממש, ווי עס שטייט: לחיים טובים ולשלום.

די אַנדערע ניין טויזנט ניין הונדערט ניין־און־ניינציק דרייען זיך ווי אויף אַן אומגעבעטענער חתונה. מען דרייט זיך ווי אַ קעצל נאָך איר אייגענעם עק; און ווען עס גיט זיך איין און מען כאַפּט עס, בייסט מען אַריין אין אייגענעם פלייש. אויך אַ קונץ!

אַביסל פינסטערלעך אויף די טרעפּ, בין איך שוין דערצו געוואוינט. אין מיינע צייטן האָט מען ניט געזוכט קיין ליכט ביי אַנדערע, ביי זיך. אַ שטייגער: איך מאַך יענעם אַ פענסטער, זאָגט ער מיר: שייע, אַ בעל־מלאכה ביזטו, אָבער ליכטיק דאַרף איך האָבן אַליין. היינט זאָגט מען צום פאַבריקאַנט: מאַכט מיר אַ פענסטער ווי איר מאַכט פאַר אַנדערע, ניט פאַר זונען־שטראַלן, נאָר פאַר פרעמדע אויגן צו פּיקעניש.

נעמט אַרויס, זייט אַזוי גוט, דעם גרויסן סידור, דאָ אויבן אויפן פּאָליצקע. ער שטאַמט נאָך פון מיין טאַטן. יאָ, דער־אָ, אויפן טאָוול איז אָנגעשריבן, איר זעט וואָס?

„בני הבכור משה־יוסף נולד למז״ט ביום ראשון לפ׳ תולדות...״ ווייטער מאַכט שוין ניט אויס, נעמט, זייט אַזוי גוט אַ שרייב־פענזל און צייכנט צו — „ונפטר ביום...״ — איך מיין אויפן היינטיקן טאָג.

הי, הי... ווי איר זענט עס בלאַס געוואָרן. ביי אייך וועלן די קני ציטערן ווען עס וועט קומען די צייט. ביי מיר איז געקומען די צייט: היינט, נאָך אַ פּאָר שעה, און די פיס ציטערן מיר ניט... הי, הי... איר פאַרשטייט, סערדצע, איך בין געווען שטענדיק אַ לעבעדיקער איד. אַ סטאָליאַר, אויך אַ מענש, אָבער דאָך אַ לעבעדיקער. איינער פון צען טויזנט.

איך האָב קיינמאָל ניט געצויגן מיטן הובל. איך? וואָס האָט משה־יוסף דער לעבעדיקער צו טאָן מיט אַ טויטן הובל וואָס שאַפּט טויטע טירן און פענסטער? זיי אָטעמען ניט, עפענען זיך ווען מען עפענט זיי און פאַרמאַכן זיך ווען מען פאַרמאַכט זיי; ברע־

טער, אבֿרים פֿון טויטעביימער, צעשניטן און צעהאַקט. נאָר די הענט האָבן געהובלט, געוואָרפֿן די סטרוזשקעס אין בײדע זייטן, כדי צו הייצן דעם אויוון מיט זיי. אָבער איך אַליין, משה־יוסף, האָב געזאָגט תהלים בשעת מעשה, אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל, אַמאָל האָט זיך פֿאַרגעסן אַ וואָרט, האָב איך געלאָזט די אַרבעט און אַריינגעקוקט אין תהלים. ער ליגט נאָך דאָרטן, נעבן סידור. און איצט, ווען איך האָב אויפֿגעהערט צו זען, זאָג איך תהלים אויף אויסנווייניק; ניט נאָר פֿאַר מיר, נאָר פֿאַרן גאַנצן קהל. שבת פֿאַרנאַכט קלייבן זיך אַרום מיר אַ פּאָר מנינים אידן, איך זאָג אַ פּסוק און זיי זאָגן מיר נאָך. ס׳איז דריי־פּערטל־פֿינסטער און די נשמה צעלויכט זיך בשעת מעשה, ווי אַ קליין ליכטל אין דער פֿינסטערניש. אָט ליג איך איצט און זאָג תהלים. אפֿילו ווען איר שטייט דערביי און וואַרט אויף יציאת־נשמה, כאַפּ איך נאָך אַריין אַ פּאָר פּסוקים. ווי זאָגט מיין קרעמער? אָפּלייזן נאָך אַ פּאָר גראָשן.

איך האָב געלעבט אפֿילו דאַן ווען מיין עלטסטער זון איז געשטאָרבן. אַ בוים איז געפֿאַלן אויף אים און דערדריקט צום טויט. מיין ווייב, עלי׳ השלום, האָט די האָר פֿון קאָפּ אויסגעריסן. אָבער, טייערינקע, — האָב איך צו איר געזאָגט, — די האָר זיינען ניט אונזערע, והראי׳, זיי ווערן ווייס, זיי פֿאַלן אַרויס, אָן אונזער רשות. וואָס רייסטו זיי? איך האָב ניט געריסן די האָר, נאָר באַגלייט אים צו זיין אָרט, און גייענדיק געטראַכט אַז ער וועט פֿאַרשפּאָרן לענגער צו שטאַרבן. מיין פֿרוי האָט מיך געוואָלט אויפֿעסן, ווען איך האָב איר דערציילט וואָס איך האָב געטראַכט ביי דער לויה. אָבער איך בין דאָך אַ לעבעדיקער מענש און טראַכט לעבעדיק. אַ לעבעדיקער מענש, וואָס ווייניקער ער קען שטאַרבן — איז בעסער, איז ער צופֿרידן... און ווען מיין טאָכטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט האָב איך קודם־כל צוגענומען דאָס פּיצעלע און עס איינגעטוליעט אין מיינע סטאָלאַרסקע אָרעמס, דאַרע — אָבער שטאַרקע, אָרעמע — אָבער לעבעדיקע אָרעמס — און אין דעם אַריינגעהויכט:

— פּיצעלע, האָב איך געזאָגט — קליין פּיצעלע, זאָלסט דער עיקר ניט פֿאַרגעסן אַז דו ביזט אַ לעבעדיקער מענש. דעריבער וועסטו שטאַרבן אַמאָל. מיין ווייב האָט געוויינט, און איך האָב אין דעם פּיצל אַריינגערעדט. היינט איז עס ווייט פֿון מיר, אָבער עס האָט דאַן זיך אויסגעלערנט צו לעבן. און ער לעבט, דאָס פּיצעלע, האַלט אויס אַליין אַ מושב־זקנים, מאַכט חתונה פֿרעמדע קינדער און שיקט מיר אויך צו אַ פּאָר טאָלער. וועל איך האָבן אויף אַ מצבה און באַצאָלן קבורה־געלט. דאָס הייסט ניט גע־לעבט? איר האָט שוין אויף אַ מצבה, און תכריכים האָט איר שוין? הי... הי... ניין, אין אַ פּאָר שעה אַרום וועל איך קיין קאָפּ ניט האָבן, איצט האָב איך נאָך. ווייסע האָר האָט איר אַ סך, און ווייסע קליידער — ניט. איר האָט מורא? אַ סימן אַז איר האַלט אין איין שטאַרבן!

ווען מיינע איז געשטאָרבן בין איך געזעסן ביי איר בעט און מיר האָבן זיך אָנגעקוקט. נאָך עטלעכע און פֿופֿציק יאָר מעג מען אַ לאַנגן בליק טאָן איינער אויפֿן צווייטן, מחמת די גאַנצע יאָרן זיינען מיר נאָר פֿאַרבייגעלאָפֿן איינער נעבן דעם אַנדערן; און לויפֿענדיק זיך געקענט, זיך געקריגט און זיך ליב געהאַט. געווען אַזוי פֿאַרנומען מיטן לעבן, אַז מיר האָבן קיינמאָל אונזער בשותּפֿות׳דיקן לעבן ניט אָנגעקוקט. אַז זי האַלט שוין ביים אַוועקגיין — האָבן מיר זיך אָנגעקוקט. זאָגט זי צו מיר:

„משה יאָסל, לאָמיר אַקאָרשט אַ קוק טאָן איינער אויפֿן צווייטן. האָבן מיר אַ לעב געטאָן אַ פּאָר און פֿופֿציק יאָר מיט אַ שמיטשיק, הא?" און אירע נאַקעטע יאַסלעס לאַכן, און די אויגן זיינען נאָך געבליבן ביי איר בלוי, ניט אָפּגעריבן פֿון וויינען, פֿון ניט שלאָפֿן און פֿון דאגות. לאַכט זי און זאָגט מיר:

„משה יאָסל, וואָס וועסטו טאָן נאָך מיין שטאַרבן?"

און איך זאָג איר: „איך וועל תהלים זאָגן, אַזויווי שטענדיק".

„זייער גוט", זאָגט זי מיר, „זייער גוט". און איז געשטאָרבן.

היינט שטעלט זיך פֿאָר, ווען איך וואָלט אַ ווײלע אויפֿגעהערט צו לעבן און געוויינט, געליאַרעמט, וואָלט זי ניט געהערט מיין תהלים. אַזוי אָבער זיצט זי זיך רואיק אויף דער לאַנגער באַנק פֿון דער הימלשער ווייבער־שול און הערט זיך צו צו מיין תהלים און האָט הנאה. איך ווייס גענוי אַז אַזוי טוט זי, אַזוי ווי דאָ.

נאָר איך אַליין? מיינע טירן, מיינע פֿענסטער, מיינע טישן און בענק, מיינע שטולן און שאַפֿעס — לעבן נאָך עד היום, וועלן לעבן נאָך מיר און דערמאָנען אַז דאָס האָבן געמאַכט משה־יאָסל׳ס הענט. יעדער טשוואָק — איז אַ טשוואָק, אַ לעבעדיקער; יעדער פֿוגע — איז אַריינגעשטעקט גענוי, מיט עכטן גוטן קליי, לאַנג געקאָכט און גוט געמישט; דער הובל מיינער האָט ניט געלאָזן קיין סוקעס; די האַנט איז געגאַנגען גלאַטיק איבער די ברעטער — לעבן זיי נאָך און דערמאָנען געוויס אין דער מינוט:

— אוי ווי, משה יאָסל דער סטאָליאַר ענדיקט זיך.

מיינע טרעפּ וועלן קיינמאָל ניט סקריפּען, אַזוי ווי איך. ט׳געהערט אַמאָל משה־יאָסלען

קרעכצן? אַ סקריפּע פון אַ טרעפּ — דאָס איז אַ קרעכץ. מיינע אַ טרעפּ ווערט צעפאַלן בעת זי לעבט נאָך. קיינער ווייס ניט אַ מינוט פאַר דעם, אַז עס צעפאַלט. איר ווייסט דען איצט אַז אין אַ שעה אָדער צוויי וועט יאָסל דער סטאָליער שוין זיין אַן עליו־השלום׳דיקער? אַזוי מיינע טרעפּ. זיי לעבן שטענדיק, ביז זיי לעבן ניט. קיין צווישן איז ניטאָ.

מיינע אייניקלעך זיינען שוין אויסגעשטאָרבן פון לאַנג. איך האָב זיי גאָרניט געשיקט רופן. ווער ווייס, ווי לאַנג זיי שטאַרבן שוין. פרעגט זיי וואָס זיי ווילן — ווייסן זיי ניט; פרעגט זיי וואו זיי ווילן וואוינען — ווייסן זיי ניט; פרעגט זיי וואוהין זיי ווילן גיין — ווייסן זיי ניט. און איך גראַדע ווייס איצט און האָב שטענדיק געוואוסט, וואָס איך וויל און וואו איך וויל: דאָס איז מיין שטוב און דאָס איז מיין סידור און מיין תהלים און דאָס איז מיין אַרבעט. און זיי? אוי ווי, קיינמאָל זיינען זיי ניט צופרידן מיט דאָס וואָס זיי האָבן און דאָרט וואו זיי זיינען. זיי לעבן קיינמאָל ניט, ווייל אָדער זיי האָבן שוין אָפּגעלעבט אָדער זיי האָבן נאָך ניט דערלעבט...

שוין אָנגעשריבן אין סידור? זאָלן זיי ווייסן. קיין ירושה האָב איך ניט, אָבער שטיקלעך פון מיין לעבן זיינען געבליבן הענגען דאָ און דאָרט, אַ שטייגער ווי עס בלייבט הענגען אַ שטיק הויזן וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ דראָט. אַמאָל האָב איך זיך אויך פאַרטשעפּעט — זאָלן זיי נאָכגיין מיינע יאָרן און זוכן די שטיקלעך לעבן. זיי זיינען נאָך געוויס אַזוי לעבעדיק ווי אין דער מינוט ווען איך האָב זיי אָנגעוואוירן, אָבער עס מאַכט ניט אויס. זיי וועלן אויך נאָכקומען נאָך מיר, ניט וויינענדיק און ניט לאַכענדיק, נאָר פּשוט ווי משה־יאָסל. דער פאַרפלעקטער תהלים וועט בלייבן דאָ און דער סידור וועט בלייבן דאָ — וועלן זיי כאָטש ווייסן ס׳אַראַ שטיק לעבן דאָרטן ליגט צונויפגעשנורעוועט פון לעבעדיקע מינוטן, שעה׳ן, טעג, וואָכן, מאָנאַטן, יאָרן, צענדליקער יאָרן, ביז היינט אין אַ שעה אַרום אין אַ מינוט אַרום — — — — אין אַ — — —

* * *

עס האָט זיך קיין שלוכץ ניט געהערט, קיין טרער איז ניט אַרונטערגערונען פון אַן אויג. עס איז געווען אַזוי שטיל ווי אַ מינוט פאַרן געבוירן ווערן...

„ולא יעשה שום רושם בלל" — שלומקע איז געווען זייער אַ ווילד אינגל: זיך תמיד געקריגט מיט די חברים, געטומלט אין חדר און היפש דאַקוטשעט די עלטערן. זיין טאַטע האָט מיט אים גאָרנישט געקענט מאַכן — ניט מיט שטראָף־רייד, ניט מיט אַנדערע מיטלען. איינמאָל האָט אים דער פאָטער געזאָגט: „הער זיך איין, מיין זון. אָט אין דעם קאַמער שטייט אַ ברעט, און אויף דער ברעט וועלן „פאַרצייכנט" ווערן דיינע מעשים אויף אַזאַ שטייגער: פאַר יעדער שלעכטער האַנדלונג דיינער וועל איך אַריינזעצן אַ טשוואָק אין ברעט. אויך דיינע גוטע טאַטן וועלן דאָרט פאַרצייכנט ווערן — נאָך יעדער גוטער הנהגה וועל איך אַרויסרייסן אַ טשוואָק פון ברעט..."

אָבער שלומקע האָט זיך גאָרניט גענומען צום האַרצן פון דער ברעט מיט די טשוועקעס. ער האָט זיך געפירט פונקט ווי פריער. איז ביסלעכווייז די גאַנצע ברעט געוואָרן באַדעקט מיט אַרויסגעשטעקטע טשוועקעס — בייזע עדות פון זיין שלעכטן אויפפיר.

אָבער אין איינעם אַ טאָג איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין שלומיקעס נשמה׳לע. ווי אַזוי? וואָס האָט פאַסירט מיטן אינגל? אָבער ער איז געוואָרן אַ טייער אידיש קינד. נו, האָט דער טאַטע אָנגעקוואָלן און מיט פרייד גענומען אַרויסרייסן די טשוועקעס פון ברעט איינס נאָכן אַנדערן. און אָט איז געקומען אַ טאָג ווען אין ברעט איז געבליבן נאָר איין טשוואָק. האָט דער צופרידענער טאַטע גערופן שלומקען און געזאָגט:

„זעסט מיין קינד? ווי גרויס ס׳איז מיין פרייד, ווען די אַלע טשוועקעס, דיינע שלעכטע אָפּצייכנס, זיינען פאַרשוואונדן פון ברעט! געבליבן איז איין קליין טשוועקעלע — און אָט רייס איך אויך אים אַרויס..." און דער נחת׳דיקער טאַטע האָט געוואַרט צו זען די פרייד אויף שלומקעס פּנים. איז ער דעריבער געוואָרן שטאַרק איבערראַשט, ווען זיין זונס אויגן האָבן זיך גאָר אָנגעפילט מיט פאַרקלעמטע טרערן. „וואָס איז, שלומקע, ביסט ניט צופרידן וואָס כ׳האָב די טשוועקעס אַרויסגעריסן?" „ניין, טאַטע", האָט דער אינגל אַ וויינענדיקער געזאָגט, „...אַלע די טשוועקעס זיינען ניטאָ... אָבער זייערע צייכנס זיינען געבליבן, אַזויפיל גריבלעך זיינען געבליבן אין דער ברעט..."

דער כותל המערבי

• משה סגל, כפר חב״ד

דער חודש אייר, תשכ״ז, האָט פאַר ארץ ישראל אַרויסגערוקט טעג פון נסיון, טעג אָנגעפולטע מיט ציטער און האָפענונג. אונזערע שונאים האָבן אונז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט מעכטיקע אַרמייען, אויסגעשטאַט מיט די געפערלעכסטע כלי־משחית. זיי האָבן אונז אומאויפהערלעך געדראָט, ניט ווייניקער, ווי מיט טאָטאַלער פאַרניכטונג, רחמנא ליצלן.

אמת, דאָס גאַנצע לאַנד אונזערע איז געשטאַנען אין פולער גרייטקייט; אַ גרייטקייט וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַזאַ וואונדערלעכער אַנטפּלעקונג פון ברידערלעכקייט און אייניקייט, וואָס איר גלייכן איז קוים צו געפינען אין וועלכע ס׳איז צייטן. מיר זיינען געווען גרייט זיך קעגנצושטעלן דעם שונא מיט אונזער סאַמע לייב־און־לעבן. סיי אויפן קאַמפס־פראָנט און סיי אין הינטערלאַנד. — אָבער די הערמעטישע באַלאַגערונג, אין וועלכער אונזערע פיינט האָבן אונז אַריינגעדרענגט, האָט אויף אונז אָנגעיאָגט אַ מורא׳דיקע אָנגעצויגנקייט און אָנגעשטרענגטקייט.

ווי „דערפרישענדיקער טוי״ זיינען אין יענע מאָמענטן געווען פאַר אונז די רייד פון כ״ק אדמו״ר שליט״א, וועלכע האָבן אונז דערגרייכט דורך בריוו און טעלעגראַמעס — אַז „לא ינום ולא יישן שומר ישראל״ (דער אויבערשטער, דער היטער פון אידן, „דרעמלט״ ניט און „שלאָפט״ ניט); און אַז „עיני ה׳ אלקיך בה״ וגו׳ (די „אויגן״ פון כביכול גיבן אַכטונג שטענדיק אין איר...). די דאָזיקע הייליק־דערמוטיקנדיקע רייד, וואָס האָבן זיך שנעל צעשפּרייט צווישן ברייטן ציבור, האָבן אין אידישע הערצער אַריינגעגאָסן אַ שטראָם פון אמונה און בטחון אין נצח ישראל.

און אָט איז אָנגעקומען דער מאָנטיק פון כ״ו אייר — דער עגיפּטישער אָנגריף יענעם פאַרטאָג; דער אָנשלוס פון סיריע און ירדן אינם אָנגריף; די מיטהילף פון איראַק און אַלזשיר; די פולע אונטערשטיצונג פון ראַטנפאַרבאַנד אויף דער זייט פון די אַראַבער; די פאַררעטערישע ענדערונג אין דער שטעלונג פון פראַנקרייך און די נייטראַליטעט פון ענגלאַנד און אַמעריקע — דאָס אַלץ האָט אונז געפונען גרייט פאַר אַלעם. אַ גרויסער טייל פון אונז, אין פאַסיקן עלטער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די שלאַכט־פראָנטן און זיך געוואָרפן אין אַ קעגן־אָנגריף אויף דער יבשה, אין דער לופט און אויפן ים; און דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען פולשטענדיק גרייט צו דער ציווילער פאַרטיידיקונג קעגן יעדן מעגלעכן אומגליק, ה׳ ישמרנו.

דער אויבערשטער אַליין, „ה׳ איש מלחמה״, איז כביכול דערשינן צווישן זיינע זעלנער, צווישן די קעמפער פון זיין אויסדערוויילט פאָלק, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרפלאָכטן אַלע צוזאַמען בלב אחד, אין וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקלאַפט איין פאַראייניקט האַרץ — און השי״ת האָט אויף די שונאי ישראל געבראַכט אַזאַ מפלה, וואָס זיי האָבן ניט געליטן פון זינט די מלחמות דוד בן ישי און די חשמונאים די צדיקים.

אונזערע אַרמייען האָבן באַפרייט ארץ

ישראל, סיני, און דעם „גולן" (דאָס סי'ו'ישע בערגל); און אונזערע שונאים, מיט געבויגענע קעפּ, זייבען געשטאַנען „אויף די קני" און זיך געבעטן בא דער יו־ען, מ'זאָל אָפּשטעלן דאָס פייער און אַזוי אַרום ראַטעווען זיי פון פולשטענדיקער מפלה.

מיטוואָך, כ"ח אייר, איז אויך די שטאָט פון אונזער הייליקייט און פּראַכט, ירושלים עיה"ק, שוין געווען אין אונזערע הענט — זייער רינדיק־טיף איז געווען דער געפילן־אויפברויז פון אונזערע זעלנער וואָס האָבן אקארשט געשפּריצט מיט גבורה און שטאַרקן גייסט קעגן דעם גרויזאַמען שונא. זיי, אָט־די גיבורים, האָבן זיך דערנענטערט צום כותל המערבי און זייערע הערצער האָבן געקלאַפּט אַזוי אומגעוויינלעך שטורעמדיק. אָט־די אומדערשראָקענע און פעלזן־שטאַרקע אויפן שלאַכט־פעלד, איז זייער האַרץ ווי צעגאַנגען ווען זיי זיינען צוגעטראָטן צו דער הייליקער וואַנט און האָבן די אור־אַלטע שטיינער פאַרגאָסן מיט זודיקע טרערן.

יוגנטלעכע, וואָס האָבן שוין גאַנץ לאַנג ניט „פאַרזוכט" דעם טעם פון תפילה — און דאָ האָבן זייערע ליפּן געפליסטערט לויבווערטער און תפילה־שבחים צום אַלמעכטיקן, וואָס אויף זיין הייליקן נאָמען ווערט גערופן דאָס דאָזיקע פּלאַץ. זיי האָבן בולט דערשפּירט דאָס גרויסע וואונדער און מעכטיקן נס, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר זייערע אויגן אין אָט־די לאַנג־דערוואַרטעטע היסטאָרישע מאָמענטן.

דאָנערשטיק, כ"ט אייר, בין איך אויך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע, אָנגעקומען אין דער אַלט־שטאָט ירושלים — נאָך דעם ווי זי איז געווען אָפּגעריסן פון אונז גאַנצע צוואַנציק יאָר.

אין דער לופט צווישן די מויערן פון אַלטשטאָט האָבן נאָך אָפּט אָפּגעהילכט שיסערייען — אָבער מיר האָבן אַזעלכע „קטנות" אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ווען מען גייט עס אָן אין אַזאַ צייט און אַזאַ אָרט! אונזערע הערצער זיינען געווען איבערפלייצט מיט געפילן פון שטאָלץ און פרייד פאַר אונזער נפש־דערלייזונג און פאַרן אויסלייז פון מקום מקדשנו.

מיר זיינען צוגעקומען צום „כותל המערבי", דער כותל וואָס פון אים „האָט די שכינה זיך קיינמאָל ניט אַוועקגערירט". מיר האָבן געקושט די שטיינער זיינע און זיי באַנעצט מיט וואַרעמע טרערן, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זעען אים באַפרייט פון ניט אידישער הערשאַפט.

ווי הערלעך דערהויבן ס'איז געווען די מנחה־תפילה ביים כותל המערבי! ווי רירנדיק־האַרציק עס זיינען געווען די געזאָגטע קאַפּיטלען תהלים אין יענער שעה!

מיר האָבן דאָרט געזען ווי די מיליטערלייט לייגן תפילין און טוען תפילה; ווי זיי זאָגן אַ „תפילה זכה" וואָס זיי האָבן אַזוי נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט...

* * *

ס'איז כדאי צו דערמאָנען אַ פּאָר געשיכטלעכע פאַקטן — וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן „כותל המערבי" אין די טעג וואָס זעען שוין אויס אַזוי לאַנג צוריק. ס'איז געשען אין יאָר תרפ"ט. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט דאַן אויפגעשטעלט אַ ראַטגעבערישע קערפּערשאַפט צו פאַרוואַלטן מיטן „כותל", וואָס האָט אַרויסגעגעבן גזירות, וועלכע האָבן שטאַרק באַשרענקט די רעכט פון אידן אויפן דאָזיקן הייליקן פּלאַץ.

ביים שרייבער פון די שורות האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרקער דראַנג „לקנא קנאת ישראל ותורתו", זיך אָנצונעמען פאַר זייער כבוד און רעכט, און רעאַגירן קעגן דער דאָזיקער ברוטאַלער פאַרשוועכונג. זיינען מיר אַרויס מיט דעמאָנסטראַציעס פון טויזנטער יוגנטלעכע פון אַלע קרייזן — אין תשעה באב, תרפ"ט, און צוקומענדיק צום „כותל" האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ טרייהייטשבועה צום דאָזיקן הייליקן אָרט, אַ שבועת אמונים וואָס מיר טוען איצט פאַרווירקלעכן מיט דעם אויבערשטנ'ס הילף.

ס'איז אויך ווערט צו פאַרצייכענען דעם יאָר תרצ"א. פון זינט די בלוטיקע געשעענישן, אין סוף זומער תרפ"ט (ווען די אַראַבער האָבן דורכגעפירט שוידערלעכע פּאָגראָמען און דערמאָרדעט אַ סך אידן אין ירושלים, חברון, צפת א"א) איז אַ שטיק צייט געווען אויסגעשלאָסן פאַר אידן צו האָבן אַ צוטריט צום כותל.

יענעם יום כפור (תרצ"א), דאַווענענדיק ביים כותל המערבי, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן צו בלאָזן ביים כותל די תקיעה פון סוף נעילה — אָט־די תקיעה וואָס איז פאַרבונדן מיט דער תפילה „לשנה הבאה בירושלים", וועלכע דריקט אויס אונזער טיפסטע האָפענונג און שטרעבונג צו דער גאולה פון אידן און זייער נצחיות'דיקער הויפּטשטאָט.

דער אויפזעער איבערן „כותל" איז דאַן געווען הרב יצחק אָרנשטיין ז"ל, דער דעמאָלטיקער מנהל פון „כולל חב"ד" אין אַלט ירושלים (ער און זיין פרוי זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם אין יאָר תש"ח, ווען זיי זיינען דאָרט געבליבן צוזאַמען מיטן רעשטל באַשיצער, אָפּצוהיטן די אַלטע הייליקע שטאָט ביים אַריינפאַלן אין די פיינטלעכע הענט, ה' ינקום דמם). האָב איך דאַן, פאַר נעילה, געבעטן הרב אָרנשטיין ער זאָל מיר געבן דעם שופר וואָס האָט זיך געפונען אין דעם „עמוד". דער „עמוד"

איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון „כותל". היות דער גאַנצער פּלאַץ אַרום „כותל" איז געווען „פול מיט אויגן" פון די גויאישע פּאָליציי־היטער, איז הרב אַרנשטיין געווען פּאַרזיכטיק און מיר געענטפערט מיט אַ וואונק: ער האָט בלויז אַ קער געטאָן זיין בליק צום „עמוד"־ווינקל. איך האָב פאַר־שטאַנען דעם רמז. זיך אָנשפּאַרנדיק אויפן „עמוד" האָב איך פון דאָרטן אַרויסגענומען דעם שופר, אים אַריינגערוקט אין בוזעם און אים צוגעטוליעט צום האַרצן.

איך בין געווען איינגעהילט אין אַ „גאַליע־נעם" טלית. ווען מ'האָט פאַרענדיקט דעם גאַנצן יום כיפור'דיקן דאַווענען, האָב איך אין אַ פּאַסיקן מאָמענט אַרויסגעצויגן דעם שופר און אַרויסגעשאַלט אַ תקיעה גדולה — צו דער גאולה־באַפרייאונג פון אונזער פאָלק, פון אונזער תורה הק' און אונזער מקום המקדש פונעם פעלקער־יאָך.

ווען איך בין באַלד אַרעסטירט געוואָרן דורך די בריטישע פּאָליציסטן, האָב איך געוואוסט, אַז ס'ליגט נאָך פאַר אונז אַ לאַנגער וועג פון געראַנגל, אויף צו באַפרייען דעם פאָלק ישראל און זיינע הייליקייטן פון דער טומאה וואָס האָט זיך איינגעפרעסן אינעם קערפּער פון אונזער עם ישראל און ארץ ישראל.

אָבער אַט־די סכנות־פולע דעמאָנסטראַציע פון „פריקת־עול", פון אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון גויאישער אומווירדיקייט ביים „כותל", איז געווען אַ צייכן און אַ רוף צו אַ סך אידישע יונגעלייט — זיי פלעגן יאָר־איין יאָר־אויס, יעדן יום־כיפור, קומען צום „כותל" און דאָרט ביים סוף פון הייליקן טאָג לאָזן הערן דעם קול שופר, די תקיעה גדולה וואָס סימבאָליזירט דעם לעבעדיקן קשר פון אידן מיטן מקום המקדש און דעם שטאַרקן בטחון צו דער גאולה שלימה.

* * *

ווי גרויס איז דאָס גליק, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו שטיין ביים „באַפרייטן כותל", אין ליכט פון די פאַרגאַנגענהייט־־זכרונות — פון פיינלעכע און יסורים'דיקע איבער־לעבונגען — וואָס זיינען געקומען פאַר דעם גרויסן טאָג פון נצחון.

הלוואי זאָלן מיר שטענדיק זוכה זיין צו הייליקן זיך בכדי אויך אויף ווייטער צו זיין ראוי פאַר אַזעלכע גרויסע נסים, פאַר אַזעלכע וואונדער־דערשיינונגען וואָס אונ־זערע אויגן האָבן ערשט געזען; מיר זאָלן ווערט זיין צו געפינען זיך אין „היכל המלך" געריייניקטע און פאַראייניקטע אין אַ גאַנצער און פולשטענדיקער תשובה און צו דער באַלדיקער גאולה שלימה וואָס וועט נאָכ־פאָלגן בבי"א.

ר' לייזערס תקיעות / המשך מעמ' ה

געטאָן, תקיעה. ווידער אַ מינוט שטיל. און באַלד אַזאַ לאַנגער אויסגעצויגענער געשריי: „אי־י־י־י־י אוי! טאַטע אין הימל, העלף!" און אָט האָט אַ איד זיך דין־דין צעכליפּעט. „אוי, אוי, או־י־י־י! האַרציקער ג־ט'עניו, אוי!... און הער־זשע, פאָטער, ס'איז אַ שברים־תרועה" — האָבן פון אונטער ר' לייזער'ס טלית געציטערט די ווערטער — און די צוויי קוליעס גרישאַ'ס האָבן אַ קלאַפּ געטאָן אויפן הילצערנעם דיל. ער האָט מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט זיין צע'מזיק'טן געזיכט. ער איז געפאַלן מיטן פּנים אויפן בעטל און פאַרשטיקט זיין איי־גענעם געוויין: „ב־אָזשע מאָי!" (ג־ט מיי־נער). וואו האָט זיך גענומען ביי מיר אַליין אַזוי פיל סטרויעס טרערן? און וואו האָט ר' לייזער גענומען קראַפט דורכצופירן דעם גאַנצן סדר פון תקיעת־שופר? ביז צו דער תקיעה גדולה האָט ער פון זיך געריסן אַן „אוי" נאָך אַן „אוי" און ערשט נאָכדעם זיך צעהעשעט ווי אַ קליין קינד. און די גאַנצע עדה האָט מיטגעוויינט אַזוי פריי, אַזוי אויפ־געלייזט.

קען מען פאַרגעסן אַזעלכע תקיעות?

לדוד ה׳ אורי

„לדוד ה׳ אורי וישעי ממי אירא וגו׳" — דאָס איז דער קאַפּיטל תהלים, וואָס חז"ל האָבן באַשטימט צו זאָגן פון ר"ח אלול ביז נאָך הושענא רבה. און ווי רוח־הקודש׳דיק צוגעפּאַסט ס׳איז יעדעס הייליק וואָרט פון אָט־דעם קאַפּיטל פאַר די טעג פון אלול און ימים נוראים — די צייט פון חשבון הנפש! און טאַקע ספּעציעל פאַר אונזער היינטיקן דור!

אַ מענטש פון אונזערע טעג צייכנט זיך אויס מיט אַ גרויסער מאָס פון הילפלאָזיקייט — סיי צוליב די פיזישע מלחמה־קאַטאַסטראָפעס און סיי צוליב די אַ. ג. „אידייאישע" איבערקערענישן, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ שטיק פינסטערע כמאַרע וואָס רעגנט מיט אַנטוישונג און הילפלאָזיקייט. ס׳דוכט זיך, אַז נאָך קיינמאָל איז אַ מענטש ניט געווען אַזוי באַהערשט פון הילפלאָזיקייט און — עלנטקייט. צוזאַמען דערמיט ווערט היינט דער מענטש באַגלייט מיט אַ מין באַזונדערן געפיל פון פחד. און אפשר זיינען זיי ביידע, פחד און הילפלאָזיקייט, געבונדן איינס מיטן צווייטן; פאַרוועבט ווי איין געפלאָכטן שטריק, וואָס פאַרציט זיך אַרום מענטשן און שטיקט אים.

אַמאָליקע יאָרן איז דער לעבנס־טאָג ניט געווען אַזוי פאַרשאָטנט מיט אַזויפיל טויט־שרעק ווי היינט; דוכט זיך, אַז אַפילו די געפערלעך־קראַנקע, די פאַרהונגערטע א. ד. גל. האָבן אַן אין זיך געפילט מער האָפערדיקייט ווי היינט. איז דען אַמאָל אַ קליין קינד געקומען אַזוי אָפט פנים אל פנים מיט אַזויפיל פאַטאַלע אומגליקס־פאַלן ווי היינט? די שריפט און די ראַדיאָ, דאָס גערייד אין שטוב און אין גאַס האַמערט כסדר מיט אומגליק, מאָרד, זעלבסט־מאָרד און רחמנא ליצלן וואָס! וואו האָט אַמאָל אַ בשר־ודם געוואוסט וועגן די פאַרשידענע גיפטן, סמ׳ען, מיקראָבן און פלאָגן וואָס ראַיעז אַרום זיין נעבעכדיק וועזן, אין יעדן פיצל מאכל און אין דער לופט!

אַוודאי ווערט מען צו דעם אַלעם געוואוינט — און מ׳לעבט זיך איין דערמיט. אַמאָל וואָלט אַפילו אַ דורכשניטלעכער מענטש זיך ניט געפונען קיין אָרט — נאָכן צוזען, למשל, אַ שוידערלעכן אומגליקס־פאַל אין דערווירקלעכקייט; און אַפילו אַ בילד דערפון וואָלט אים „פאַרשלאָגן דעם אַפעטיט" אויף אַ צייט. היינט? היינט: אַ קרעכץ, אַ באַדויער — און מ׳לויפט ווייטער. איז עס אָבער באמת ניט אַזוי. ערגעץ אין דער טיפעניש מוז — און טוט — אָט־די שטענדיקע אַרומרינגלונג פון טויט־געפאַרן אַריינבעסטיקן אַן אומגעזונטן און צעשטערנדיקן געפיל פון כראָנישן פחד און הילפלאָזיקייט.

בכלל איז די וועלט פול מיט האַס: ראַסיסטישע האַס־טעאָריעס, געבויט אויף נאַציאָנאַליסטישע הבל־הבלים, צעבליען זיך נאָך אַלץ און פאַ׳סמ׳ען אומות גאַנצע; אַ בייז־בלוטיקע קנאה־שנאה צווישן מענטש און מענטש; דער קאָמוניסטישער וועלט־אומגליק — און צווישן זיי אַלע ווערט געשטויסן און געדריקט, גע׳רודפ׳ט און געיאָגט דער טראַדיציאָנעלער נרדף — דער איד. די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט איז פול מיט אומרו, מיט גזלנישע נויגונגען און משוגענע אימפולסן.

* * *

דערפאַר איז פאַר אונז אידן אַזוי קלאָר און באַנעמלעך די אָנגעצייכנטע לעבנס־„ליניע" אין אָט־דעם קאַפּיטל „לדוד אורי". מיר מוזן בלויז טייטשן די ווערטער:

„ה׳ אורי": ווען ס׳איז אַזוי פינסטער און נאַכטיק אַרום מיר, איז נאָר ה׳, דער אויבערשטער, מיין ליכט. ער איז דאָך דער איין און איינציקער אמת׳ער „אור" וואָס באַליכטיקט די אידישע נשמה. „וישעי" — נאָר השי"ת איז דאָך דער קוואַל פון ישועה, פון הילף — אין אָט־דער אַטמאָספער פון צווייפל און הילפלאָזיקייט. און וויבאַלד אַזוי — איז „ממי אירא!", פון וועמען איז דאָ צו מורא האָבן! ווי קען און ווי טאָר אַ איד פאַרשלעפט ווערן פון דער צעברויזטער וועלט־כוואַליע פון פחד? וואָרעם, פאַרשטייענדיק גרינטלעכער, אַז „ה׳ מעוז חיי", אויב דער אויבערשטער איז דאָס די סאַמע און גאַנצע עסענץ־קראַפט פון מיין לעבן — „ממי אפחד", פאַר וועמען איז דאָ צו פאָרכטן! אַ אידישע נשמה טאָר בכן ניט באַהערשט ווערן פון די אַלע שרעקענישן און צווייפלען פון דער מאָדערנער תקופה.

דער גאַנצער אָנשטראָם פון מחבלים — פון די מאַשין־מזיקים, מענטשלעכע רשעות׳ן ביז די מיקראָבישע שונאים — „בקרוב עלי מרעים" — ד. ה. ווען אָט די אַלע שלעכטע און שלעכטסקייטן ווערן אַזוי נאָענט, אַז אָט־אָט פרעסן זיי אויף מיין לייב — דאַרף אַ איד תמיד אין זינען האָבן, אַז די „צרי ואויבי לי — המה כשלו ונפלו": די אַלע לויערנדיקע צרות און פיינט וועלן צעשטרויכלט און צעפאַלן ווערן!

„אם תחנה עלי מחנה" — טאָמער ווערט מען צעשראָקן: אָט באַלאַגערט דעם איד אַ מחנה, אַ באַוועגונג פון שונאי ישראל, פון פינסטערע אַנטיסעמיטן — „לא יירא לבי": זאָל אַ אידיש הארץ דערפון ניט אַ צאַפּל טאָן! „אם תקום עלי מלחמה": אַפילו די גאַנצע אידיש-פיינטלעכע וועלט דראָט מיט מלחמה און פאַרניכטונג ר"ל — „בזאת אני בוטח": אין די אַלמעכטיקייט פון ג-ט איז מיין בטחון; איך פאַרלאָז מיך בלויז אויף דעם אויבערשטן!

און ווען נאָך, ווי היינט, פעלט אויס אין אידישן לעבן דער בקשה-לעכץ פון „שבתי בבית ה' וגו'"! דער היינטיקער לעבנס-סטאַנדאַרט האָט היפש פאַרוועלטישט דאָס אידישע הויז. די פרייע און ברייטע גאַס האָט בגוואַלד זיך אַריינגעריסן דורך טיר און פענסטער פונעם אַלט-אידישן מויער. איז ניט קיין וואונדער, וואָס אַפילו צווישן די פרימסטע אידישע קרייזן קומט אַזוי זעלטן צום אויסדרוק אָט-די אַמאָליקע עכט-טראַדיציאָנעלע בענקשאַפט צום פאַר־ברענגען די צייט אין לערנען, און אַפילו צו „וואַלגערן זיך" אין שול, אין בית מדרש. וואָרעם דאָס זיינען דאָך געווען און זיינען עד היום די חומות וואָס היטן די קדושה פון אידישן פאָלק. דאַרף טאַקע אַ איד, ספּעציעל אין אונזער צייט, דערבעטן זיך ביז צום פילן אַז „אחת שאלתי", אַ געאייג־ציקטער באַגער און געבעט: „שבתי בבית ה' כל ימי חיי", ווייל דאָרט, אין ג-ט'ס הויז, איז: „יצפנני... ביום רעה יסתירני וגו'" — וועט מיך דאָרט השי"ת באַהאַלטן און באַשיצן אין טאָג פון שלעכטס. אאַ"וו אאַ"וו.

אַך, ווען מ'הערט און דערהערט דעם פשוט'ן טייטש פון די הייליקע ווערטער!

צו תשובה דערוועקונג / המשך פון עמ' ב

רוף פון אונזער פאָטער אין הימל וואָס איז אַזוי גנאָדיק-הערלעך באַגייט געוואָרן: „שובו בנים שובבים!"

מיר וועלן סיווי אין דער שקר'דיקער פּאָליטיק פון אונזער וועלט זיך קיינמאָל ניט איינלעבן. מיט אונזער גאַנצן וועלטישן לבוש וועט דער גוי אַלעמאָל דערשפּירן אונזער אידישקייט. א ו נ ז ע ר פּאָליטיק איז די פּאָליטיק פון אויסער-וועלט, פון איבער-וועלט. דאָס האָט דער אויבערשטער אַמאָל געוויזן אברהם אבינו, ווען ער האָט אים אויפגעהויבן איבער דער הערשאַפט פון די שטערן; און דאָס האָט דער אויבערשטער געוויזן אין די באַזיגטע זאַמדן פון מדבר פאַר זיינע אייניקלעך.

איז עס אַלץ אַזוי פשוט און קלאָר. וואָס עס פאָדערט זיך אין איצטיקן מאָמענט איז צו קאָנצענטרירן אונזער גאַנצן באַוואוסטזיין און מאָביליזירן אַלע גייסטיקע כוחות צו שטאַרקן איינער דעם צווייטן, מונטערן זיך און דעם אַנדערן, וועקן און דערוועקן נאָכאַנאַנד: „בית יעקב לכו ונלכה באור ה'!"

דאָס דאַרף זיין דער חשבון הנפש און באַזונדערס אין די היינטיקע טעג פון אלול און ימים נוראים. אלול, ווי באַוואוסט, באַדייט טאַקע „אני לדודי ודודי לי" — היינט אויב דער אויבערשטער האָט אָקאָרשט אַזוי אָפן געוויזן דעם „דודי לי", מוזן מיר כאיש אחד בלב אחד דעמאָנסטרירן אין פולן זין דעם „אני לדודי"!

(34)
ובנות חב״ד

א בריוועלע צום זיידן

בן-אליעזר •

א בריוועלע, א קליינס, צום „זיידע" שליט"א איז געקומען
פון א שטאָט, ערגעץ „דאָרט" — אין לאַנד פון רויטן שטערן;
א בריוועלע פון אַ בחורל, א תמימות'דיקן פרומען,
געשריבן מיט יונגן ברויז — און מיט אַלט־אידישע טרערן.

אותיות קרומלעכע, צעהאַקטע און צעפלאָסענע —
ס'האָט די האַנט געצוקט, געציטערט נאָכאַנאַנד;
און פון די אויגן — פאַרכמאַרעטע, פאַרגאָסענע,
געפאַלן זיינען טראָפּנס, ווי צוויי חתימות, ביים ראַנד.

וואָס ווײנט ער אַזוי פאַרטיפט, ווי נאַכטיקע ווינט אין וואַלד?
ווייל זיין גורל איז צו לײדן און לײדן בכפלים?
וואָס פאַרשוועכט דאָרט איז, אי דאָס מענטש־געשטאַלט,
און אי דער קדושה־פונק פון א חסיד ירא־שמים?

ניין, ניטאָ אין בריוו קײן רמז, ניטאָ קיין לשון סתומים —
ניט פון זיינע טעג געפלאָגטע, אָן א זין און אָן א שיעור,
און ניט פון זיין איד־וויי, אין זיך אַזוי פאַרשטומטן;
ניט פון אימות טויטלעכע, וואָס יאָגן פון ווייטן סיביר —

און ניט פון סכנות לויערנדיקע, ביי יעדן פענסטער און טיר,
ווי חיות, ווי געשפענסטער פון פינסטערע הײלן און נאָרעס...
ניין, געשריבן האָט ער נאָר: „זיידע" שליט"א, בענטש מיר!
מיינע תפילות לויטער זאָלן זיין, ריין פון — מחשבות־זרות".

און דער „זיידע" — דאָס בריוועלע ער לייענט און לייענט
מיט זיין הייליקן בליק ער קושט אויס יעדעס וואָרט —
ביז די זוניקע אויגן אין פייכטע נעפלען פאַרגייען
און פערלדיקע טראָפּעלעך עס צאַפּלען זיך דאָרט.

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

כסלו, ה'תשכ"ח | באַנד 9, נומ. 3

אינהאַלט

דער שופר־אָפּהילך אין אונזערע טעג — שיחה אינהאַלט פון כ"ק אדמו"ר שליט"א . . א
ואנה מפניך אברח — הרב נ. גאָלדשמיד . . ה
דער אידישער „היפּי" — ד"ר ו. גרין . . . . ח
די קהילה קדושה קאָפּענהאַגען — הרב שמחה עלבערג . . . . י
גלײַך־אָפּטימיסטן — א. ז. פאָרסט . . . . יג
אויפן וועג צו ירושלים של מעלה — ד"ר הלל זיידמאַן . . . . יז
ר' זבולון דער ליים־גרעבער (דערציילונג) — דוב ראַווסקי . . . . כ
צו אַלע לייענער פון „די אידישע היים" . . כד

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב"ד.

דער אפהילך פון אחרית הימים׳דיקן „שופר״ אין אונזערע טעג

מיר גיבן דאָ אַ פאַרקירצטן אויסצוג פון דער „היסטאָרישער״ שיחה קדושה, וואָס כ״ק אדמו״ר שליט״א האָט גערעדט, צווישן אַנדערע שיחות ק׳, אין דער „התוועדות״ פון שמחת־תורה ביינאַכט. צום באַדויערן האָבן מיר ניט דעם זכות צו פאַרמאָגן אָט־די שיחה אין איר פולער אָריגינעלן פאַרנעם, מיט דער פולער רייכקייט פון אינהאַלט און ווערטער, ווי זי איז אַרויס פון פה קדוש אדמו״ר שליט״א. דאָ ווערט זי געגעבן בלויז לויט אַ פאַרצייכעניש פון הרב י. וויינבערג און, ווי געזאָגט, אין אַ פאַרקירצטן אופן.

מיר האָבן באַשיינפערלעך געזען, אַז די לעצטע אומגעווינטלעכע פאַסירונגען אין ארץ ישראל האָבן אויפגעטרייסלט אַלע אידן ביז צו זייערע טיפענישן. יעדער איד, אַפילו אין פאַרוואָרפנסטן ווינקל, האָט איבערגעלעבט אַ ציטערדיקע אויפרודערונג, ווען די אידן אין הייליקן לאַנד זיינען געשטאַנען, ניט היינט געדאַכט, אין אַ געפאַר; און ער האָט דורכגעלעבט גייסטיקע דערהויבונג און נשמה־התעוררות אין אָנבליק פון די נסים׳דיקע נצחונות וואָס זיינען בחסדי השם געקומען נאָך דעם.

אַזאַ מעכטיקע אויפטרייסלונג און דערוועקונג פון אידישע הערצער איז ניט געווען אַפילו אין דער צייט פון די אומפאַרגלייכבאַרע גזירות ושמדות אין אונזער דור, הל״ת. דעמאָלט האָט דער שוידערלעכער אומגליק אַרומגעכאַפּט דעם מוראדיקן מספר פון זעקס מיליאָן, און איז דורכגעפירט געוואָרן בפועל ממש ר״ל — און דאָך איז דאָס אידישע האַרץ ניט פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ ברויזנדיקן אויפטרייסל ווי ביי די לעצטע ארץ־ישראל־געשעענישן, וואו ס׳איז געקומען צום אויסדרוק „בלויז״ זאָרג און שרעק פאַרן גורל פון די אידן דאָרט.

פאַרוואָס ?

דער ענטפער אויף דעם איז קלאָר און דייטלעך אַרויסגעבראַכט אין געזאָגטן מאמר (כ״ק אדמו״ר שליט״א האָט געזאָגט אַ מאמר אויפן פסוק „והי׳ ביום ההוא״, באַגרינדעט אויפן מאמר וואָס דער פריערדיקער רבי נ״ע האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר תש״ג). דער דאָזיקער מאמר טייטשט אויס און דערקלערט די נבואה פון ישעי׳ הנביא: „והי׳ ביום ההוא יתקע בשופר גדול וגו׳ ״.

צוויי נבואות ריידן וועגן „שופר״ וואָס וועט אויפהילכן באחרית הימים — אין די לעצטע גלות־טעג פון אידן, אין דער צוגרייטונגס־תקופה, איידער ס׳וועט זיך אָנהויבן די אמת׳ע גאולה דורך משיח צדקנו (וואָרום די אמת׳ע אויסלייזונג פון גלות, די גאולה און קיבוץ גליות וועט פאַרווירקלעכט ווערן בלויז דורך משיח צדקנו — ווי דער אויסדריקלעכער פסק־הלכה אין רמב״ם).

איין נבואה וועגן ענין פון „שופר" איז פון זכרי' הנביא (ט', י"ד): „ואד־ני אלקים בשופר יתקע והלך בסערות תימן" — און דער אויבערשטער וועט בלאָזן אין שופר און וועט גיין מיט שטורעם פון דרום.

אַ צווייטע נבואה איז דער דערמאָנטער פסוק פון ישעי' (כ"ט, י"ג): „והי' ביום ההוא יתקע בשופר גדול, ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים, והשתחוו לה' בהר הקודש בירושלים" — און ס'וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט געבלאָזן ווערן אין גרויסן שופר, און (דאָס וועט ווירקן אַז) ס'וועלן אָנקומען די פאַרלוירענע אין לאַנד אַשור און די פאַר־שטויסענע אין לאַנד מצרים, און זיי וועלן זיך בוקן צו השם אויפן הייליקן באַרג אין ירושלים.

דער אונטערשייד אין שייכות צום „שופר" צווישן אָט די צוויי נבואות איז: אין דער זכרי'־נבואה ווערט דערמאָנט ווער ס'וועט בלאָזן שופר — דער אויבערשטער; און דאָס וועט זיין אַ שופר סתם, ניט אַ שופר גדול. דאַקעגן אין נבואת ישעי' ווערט ניט אָנגעגעבן ווער ס'וועט בלאָזן שופר („יתקע" — עס וועט געבלאָזן ווערן) און די תקיעה וועט זיין אין אַ „שופר גדול", אַ גרויסער שופר.

די באַדייטונג פון „שופר" אין מענטשלעכן באַגריף איז: טיפע אויפטרייסלונג, אויפ־ציטערונג, ניט צוליב לאָגיש־שכל'דיקער סיבה. דאָס בלויזע שאַלן פון שופר מאַכט אויפ־טרייסלען דעם הערער, אויך ווען ער באַגרייפט ניט פאַרוואָס און צוליב וואָס עס באַפאַלט אים די ציטערניש. „היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו" — ווען אין שטאָט שאַלט אַ שופר, צי וועט דאָס פאָלק ניט פאַרציטערט ווערן? ד. ה. דער קול־שופר טראָגט מיט זיך אויפ־טרייסלונג, אָן צו וויסן די סיבה דערצו. און דאָס שטעלט מיט זיך פאָר דער „שופר" פון באחרית הימים — די אויפטרייסלענדיקע פאַסירונגען, וואָס גרייטן־צו די וועלט בכלל און אידן בפרט צו דער גאולה שלמה דורך משיח צדקנו.

דאַן, אין די געגאַרטע גאולה־טעג, וועט דאַך פאַרקומען אַ פולשטענדיקע ענדערונג אין וועלט, ניט בלויז בשייכות צו אידן, נאָר אויך בנוגע ניט־אידן. „לתקן עולם במלכות ש־די". און בכדי וועלט זאָל זיין ראוי און פאַסיק פאַר אָט דער דערהויבנדיקער מדרגה, פאָדערט זיך אַ באַזונדערע הכנה; און בפרט אידן, וועלכע וועלן זוכה זיין צו דעם וואָס דער נביא זאָגט־צו (פאַר דער נבואה פון „והי' ביום ההוא"): „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל" — יעדן איינצלנעם אידן, אין וואָס פאַראַ פאַרוואָרפנקייט ער זאָל זיך ניט געפינען, וועט דער אויבערשטער אַליין אויפקלייבן און ברענגען פון גלות צו גאולה. און טאַקע ווי רש"י זאָגט (נצבים ל', ג'): אין אַן אופן ווי דער אויבערשטער נעמט אָן יעדן אידן פאַר דער האַנט און פירט אים צו דער פולקאָמער גאולה בב"א.

שטעלט זיך דערביי די שאלה: ווי וועט עס צושטאַנדקומען, אין דער צייט ווען עס דינען דאָ „אובדים בארץ אשור" און „נדחים בארץ מצרים"? ווי אַזוי וועלן צוקומען דערצו די „פאַרלוירענע" און „פאַרשטויסענע" אויך אין גייסטיקן זינען, די „אובדים" און „נדחים" פון אידן און אידישקייט?

די שעדלעכע אויסווירקונג פון לאַנגן און ביטערן גלות דריקט זיך אויס אין צוויי אופנים: עס זיינען דאָ אַזעלכע אידן, וואָס געפינענדיק זיך אין גלות־לענדער פון פרייהייט און עקאָנאָמישן וואוילזיין („אשור" — פון לשון אושר, גליק און וואוילטאָג), ווערן זיי ר"ל „אובדים", זיי פאַרזינקען אין גשמיות'דיקע פאַרגעניגנס, אין לוקסוס־לעבן, און אַזוי־אַרום ווערן זיי פאַרלוירן און אָפּגעריסן פון תורה און יהדות.

אַ צווייטער אופן פון גלות ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען מצרים, וואָס סימבאָליזירט אונטערדריקונג דורך פיין און יסורים. אין אַזעלכע גלות־לענדער, פון צרות און לידן, ווערן מאַנכע אידן פאַרוואַנדלט אין „נדחים" — זיי קענען ניט ביישטיין די רדיפות און ווערן פאַר־שטויסענע פונעם הייליקן קוואַל פון אידישקייט.

פרעגט זיך בכן: צווישן אַזעלכע „נדחים" און „אובדים" וועלן דאָך זיין אויך אַזאַ סוג אידן וואָס וועלן ניט האָבן אַפילו דעם רצון צו פאַרלאָזן דעם גלות און גיין מיט משיח'ן קיין ארץ ישראל?

איז די תשובה: אויף דעם טאָקע פאָדערט זיך די ספּעציעלע צוגרייטונג, די גרויסע הכנה, וואָס איז אָנגעדייטעט אין די נבואות וועגן דער „שופר"־אויפטרייסלונג באחרית הימים. בכדי אַז וועלט אין אַלגעמיין, און אידן באַזונדערס, זאָלן זיין ווי געהעריק גרייט צום ליכטיקן מאָמענט פון דער גאולה שלמה, וועט פריער פאַרווירקלעכט ווערן דער „ה' אלקים בשופר יתקע" (נבואת זכרי') און דערנאָך — דער „יתקע בשופר גדול" (נבואת ישעי').

„אדנ־י הוי' בשופר יתקע והלך בסערות תימן" — דער אויבערשטער וועט שאַלן אין שופר, וועט מאַכן אויפרודערן און אויפציטערן די וועלט מיט גרויסע מורא'דיקע שטורעמס פון מלחמות („סערות תימן" — שטאַרקע שטורעם־ווינטן, וואָס קומען פון דרום). און אָט־דער וועלט־ציטער האָט געפונען זיין אויסדרוק אין די צוויי מאויִם'דיקע וועלט־מלחמות, וואָס האָבן צעטרייסלט די גאַנצע מענטשהייט, איבערהויפּט דער צווייטער וועלט־קריג. און דאָ איז בולט דער באַגריף פון „שופר", וואָס פאַקטיש האָבן די צוויי מלחמה־שוידערן ניט געהאַט קיין לאָגישע סיבה —

די ערשטע וועלט־מלחמה איז פאַראורזאַכט געוואָרן צוליבן אומברענגען פון איין מענטשן; און די צווייטע וועלט־מלחמה האָט צעפלאַקערט דורך איין אוממענטש, אַ טויגעניכץ, אַ גאָרנישט אין אַלע הינזיכטן; אַליין אַ היסטערישער פחדן — און דאָך האָט ער אָנגעוואָרפן שרעק אויף העכער 80 מיליאָן מענטשן פון זיין לאַנד, און אויך אויף וועלט־מדינות. וועלט־פירער האָבן געוואוסט אַז דער אויסוואורף וויל „איינשלינגען" די גאַנצע וועלט ר"ל, און דאָך האָבן זיי מורא געהאַט אים אָפּצוהאַלטן. דאָס זיינען דערשיינונגען, וואָס זיינען ניט על־פי שכל — מער ניט וואָס „לב מלך ביד ה' על כל אשר יחפוץ יטנו" (משלי כ"א, א').

ס'איז געווען „וסכסכתי מצרים במצרים", אַ קריגערישע רייבעניש צווישן פעלקער. און אָט־די אויפטרייסלונג האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין אַ געוויסער מאָס די צוגרייטונג פון וועלט פאַר די ענדערונגען וואָס וועלן פאַרקומען אין דער גאולה דורך משיח צדקנו. דאָס זיינען די חבלי־משיח פאַר אידן בפרט — איבערהויפּט אין דער צווייטער מלחמה — וואָס האָבן דערוועקט און דערמאָנט אַפילו די גאָר־דערווייטערטע אַז זיי זיינען אידן.

און דאָס איז דער מיין פון „שופר" און „סערות תימן" אין נבואת זכרי' — דער מורא'דיקער אויפשטורעם וואָס קומט פון „אדנ־י", וואָס באַווייזט אויסערלעך אויף שטרענג־קייט („אדנ־י" — דער שם וואָס ציילט אויף דין און גבורה), אָבער דער אינערלעכער מאָטיוו איז „הוי'" — רחמים — צוצוגרייטן די וועלט בכלל און אידן בפרט צו ימות המשיח. דער דאָזיקער „שופר" האָט נאָך אָבער ניט געווירקט גענוג, אַז אידן זאָלן זיך דערהויבן ביז צו „ובאו האובדים בארץ אשור... והשתחוו לה'..." אויף דעם פאָדערט זיך נאָך אַ הכנה.

און אָט־די צווייטע הכנה צו משיח'ס־ציַיטן ווערט אויסגעדריקט אין דער נבואה פון ישעי' הנביא: נאָך די דערמאָנטע שטורעמדיקע חבלי־משיח, ווערט אָנגעזאָגט דורך ישעי' הנביא, וועט אויפהילכן נאָך אַ „שופר"־אויפטרייסל, אָבער דאָס וועט זיין דורך אַ גנאָדיקן פאָטערלעכן רוף. דאָס וועט זיין אַ גרעסערע און שטאַרקערע אויפרודערונג — „בשופר גדול" — ווייל דער „שופר" דאָס וועט דערוועקן און אויפמינטערן אויך די ווייטסטע און פאַר־שטויסנסטע (אין גייסטיקן זין). און דאָ ווערט ניט דערמאָנט ווער וועט בלאָזן דעם שופר גדול — וואָרום דאָס וועט קומען פון דער אינערלעך־פאַרהוילנסטער ג־טלעכער הויכקייט, וואָס קען ניט אָנגעדייטעט ווערן דורך קיין שום נאָמען און אות (העכער פון שם אדנ־י און הוי' — „דלא אתרמיז בשום אות ובשום קוץ"), און במילא וועט עס אויך דערנעמען דעם אינערלעך־באַהאַלטענעם פינטעלע איד פון דער נשמה. אפילו די וואָס זיינען אַ מאָמענט פריער געווען פאַרשטויסן פון קדושה, ביז וויַיט אויף דער פאַרקערטער זייט, וועלן דורכ־געפלאַטערט ווערן פון ג־טלעכן רוף און וועלן קומען צו דער מדרגה פון „והשתחוו לה'", פון פולשטענדיקער זעלבסט־פאַרלאַרנקייט און ביטול צום אויבערשטן; און וועלן זיך דערהויבן ביז צום שטיין מיט ביטול „להשם בהר הקודש בירושלים", אַז די איבערגעגעבנקייט צו קדושה וועט זיך אויסדריקן אינעם געפיל פון שלימות'דיקער יראת השם („ירושלים" באַדייט: יראה שלם, ווי תוספות זאָגט אין תענית דף ט"ז). דאָס וועט במילא צוברענגען צום פשוט'ן

באַגריף פון די ווערטער פון דער נבואה „ובאו האובדים וגו׳" — אַלע אידן וועלן זיך צונויפזאַמלען פון אַלע וועלט-ווינקלען און קומען צום הייליקן באַרג, ירושלים, מיט משיח צדקנו.

און אַט-די צווייטע צוגרייטונגס-תקופה, דורך דעם ג-טלעך-פּאַטערלעכן אויפטרייסל, האָט זיך אָנגעהויבן מיט די לעצטע וואונדערלעכע פּאַסירונגען אין הייליקן לאַנד, אין די הכנה-טעג צו מתן-תורה. דערמיט דערקלערט זיך די גוואַלדיקע, אומפאַר-גלייכלעכע און ספּאָנטאַנע התעוררות פון אידישן פאָלק, אָן שום באַזונדערע פאַרבאַרייטונגען. ס׳איז דער אָנהויב פון דער פאַרווירקלעכונג פון „יתקע בשופר גדול", וואָס קומט „באתערותא דלעילא" — די הימלדיקע התעוררות דורך פּאַטערלעכער דערנענטערונג וואָס וועקט און מונטערט און בעט זיך ביי אַלע אידישע קינדער, ביז צו „נדחים" און „אובדים", אַז נאָך דעם „שופר גדול" זאָלן זיי פאַרזעצן און צוקומען צו „והשתחוו לה׳ בהר הקודש בירושלים".

* * *

איז אילו זכינו, וואָלטן מיר זוכה געווען צו דערהערן און דערפילן דעם רוף; וואָלטן מיר אין ליכט פון די גרויסע טעג, פונעם „שופר גדול", אויסגענוצט באַלד ווי געהעריק דעם פּאַסיקן מאָמענט פון דער ריזיקער דערוועקונג ביי אידן, און מיר וואָלטן טאַקע דער-גרייכט צום ענדציל פון „והשתחוו לה׳ בהר הקודש בירושלים" — זיך איבערגעגעבן צום אויבערשטן מיט פולקאָמער יראת-שמים און אָפּהיטן תורה ומצות — דאַן וואָלטן טאַקע גלייך מקוים געוואָרן די דאָזיקע ווערטער אין דער גשמיות׳דיקער ווירקלעכקייט: אידן וואָלטן גע-קומען קיין ארץ-ישראל מיט משיח צדקנו.

לײדער, האָבן מיר נאָך ניט זוכה געווען דערצו און ניט אויסגענוצט אַט-דעם וואונ-דערלעכן זמן אויף אַראָפּצוטראָגן אַט-די התעוררות אין דער קאָנקרעטער ווירקלעכקייט, זי פאַרוואַנדלען אין פּראַקטישע מעשים — כי המעשה הוא העיקר — צו פאַרשטאַרקן תורה און מצוות ביי אַלע אידן.

אָבער דאָס מיינט לחלוטין ניט, אַז מ׳האָט חלילה אָנגעוואוירן די געלעגנהייט — עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן! וואָרט דער אויבערשטער אויך איצט מ׳זאָל אויסנוצן די אידישע נשמה-התעוררות (הגם זי איז איצט ניט ווי ביים אָנהויב) און זיך אַ קער טאָן מיט אונזער גאַנצן וועזן צום אויבערשטן — „והשתחוו לה׳ בהר הקודש בירושלים" — דורך דערנענטערן אַלע אידן צו תורה און מצוות. דאַן וועט דער אויבערשטער באַלד — ווי דער לשון פון רמב״ם אין הלכות תשובה (פ״ז ה״ה): „ומיד הן נגאלין" — אַרויסנעמען יעדן אידן פון גלות בחסד וברחמים און אים אויסלייזן מיט דער פולער און אמת׳ער גאולה דורך משיח צדקנו בקרוב ממש.

* * *

אין סך הכל אַנטפּלעקט פאַר אונז כ״ק אדמו״ר שליט״א, אין אַט-דער שיחה קדושה, דעם גייסטיקן הינטערגרונד, די הנהגה-עליונה-ווירקונגען אין די אומגעווײנטלעכע היסטאָרישע געשעענישן פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט. און בעיקר, וואָס נוגע אין איצטיקן מאָמענט, אַז מיט די געשעענישן אין ארץ-ישראל האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער צוגרייטונג פון אידן צו דער גאולה שלמה. און ניט געקוקט וואָס „מפני חטאינו" האַלטן מיר נאָך פאַר דער „אתחלתא דגאולה", האָט שוין אָבער דער אויבערשטער, פון זיין זייט, אַ טרייסל געגעבן דעם אידישן פאָלק מיטן „שופר גדול". עס האָט אָפּגעהילכט דער ג-טלעכער רוף אין דער ג-טלעכער נשמה, וואָס איז סוף-כל-סוף גאַנץ ביי יעדן אידן. איצט וואַרט דער אויבערשטער אויף אונזער אָלעמענס ענטפער. וועלן מיר זיך אָפּרופן אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, וועט דער אויבערשטער אונז באַלד באַגליקן מיט דער גאולה השלמה והאמיתית בב״א.

(צוגעגרייט צום דרוק פון י. דובראַווסקי).

...ואנה מפניך אברח

● הרב נ. גולדשמיד, בני ברק

דוד המלך זאָגט אין תהלים „אנה אלך מרוחך, ואנה מפניך אברח, אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך". — וואוהין זאָל איך אַוועקגיין פון דיין גייסט, און וואוהין קען איך אַנטלויפן פון דיר? קלעטער איך צום הימל — ביסטו דאָרט, זאָל איך נידערן אין די גרוב־טיפענישן — ביסטו ווידער דאָ.

דער פסוק איז לכאורה אינגאַנצן ניט פאַרשטאַנדיק. דוד מלך ישראל וואָס זאָגט עדות אויף זיך אין דעם זעלבן תהלים „ולבי חלל בקרבי", מיין האַרץ איז לידיק אין מיר, וואָס מיינט צו זאָגן, אַז דער יצר הרע עקזיסטירט אינגאַנצן ניט ביי אים; ער האָט גע'הרג'ט דעם יצר הרע דורך פאַסטן און פייניקן זיך, און דעריבער איז זיין האַרץ, דער גאַנצער רצון זיינער, נאָר דאָס וואָס דער רבש"ע וויל. קיין אייגענע און פאַרזיכדיקע באַגערן פאַרמאָגט ער גאָרניט — איז דאָך זיכער אַז דוד המלך איז געווען אַ צדיק גמור.

און צדיק מיינט „זכאי", קלאָר און ריין. ער האָט אויף זיין געוויסן קיין שום פלעק נישט, ער איז פאָלקאָם גוט און צו קיין שלעכטס האָט ער קיין שייכות ניט. דאָס הייסט, אַז ניט נאָר ער וויל ניט און ציט זיך ניט צו קיין שלעכטס, נאָר אדרבה: מעשים, רייד און מחשבות וואָס זיינען קעגן דעם אויבערשטנס רצון רופן גאָר אַרויס ביי אים אַן איבל, אַ ווידערגעפיל. און דאָס איז ווייל אין זיין גאַנצן מהות, אין זיין גאַנצן וועזן איז ניטאָ קיין אייגענער „איך".

איז אָט־דער צדיק וואָס איז פאַראייניציקט מיט דעם אויבערשטן אויף אַזויפיל, זאָל ער גאָר זוכן אַן אָרט וואו זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם רבש"ע... ער זוכט און פאָרשט צו געפינען אַ מעגלעכקייט, וואו דעם אויבערשטנס השגחה איז ניט פאַראַן חלילה... היתכן? ווי קען עס זיין? דאָס איז דאָך לגמרי אין קעגנזאַץ צו זיין גאַנצן מהות!

נאָך מער איז שווער צו פאַרשטיין דעם פסוק, ווייל דער וואָרט „אנה" ווערט אויך געטייטשט ווי אַ תפילה, און דאַן מיינט עס, אַז דוד המלך עליו השלום בעט זיך ביי דעם אויבערשטן: איך בעט דיך, העלף מיר! העלף מיר צו געפינען אַ מצב, אַן אָרט וואו דו ביסט נישטאָ, ח"ו; דער רבש"ע זאָל זיך מרחם זיין און העלפן אים צו אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך פון אים יתברך; דאָס איז זיין וואונטש, און דערצו שטרעבט ער. טאָ ווי אַזוי קען מען עס פאַרשטיין?

נאָר דעם ריכטיקן זין און אינהאַלט פון דעם פסוק וועלן מיר פאַרשטיין דורך דעם וואָס עס רעדט זיך אין חסידות, אַז עס זיינען דאָ צווייערליי אופנים אין עבודת ה': אַן עבודה וואָס אירע יסודות זיינען שמחה און תענוג; און אַ צווייטער אופן עבודה וואָס קבלת עול מלכות שמים איז זיין הויפּט־פונדאַמענט.

דער וועג פון דינען דעם כביכול מיט פרייד און פאַרגעניגן איז מעגלעך דאַן, ווען דער מענטש שטייט מיט אַ תשוקה און אַ שטאַרקן רצון צו פאַרבינדן און פאַראייניציקן זיך מיטן באַשעפער. און וואָס ברענגט דעם מענטשן צו אַזאַ באַגער און ווילן צו באַהעפטן זיך מיט ג־טלעכקייט? — ווען זיין האַרץ און קאָפּ זיינען באַלויכטן מיטן ניצחיות'דיקן אמת, אַז נאָר ג־טלעכקייט איז די סיבה און דער תוך פון יעדער דערשיינונג, און חוץ דעם — פילט ער און אָנערקענט — איז קיין זאַך נישט פאַראַן.

אַזאַ הויכע מדרגה פון עבודת הבורא איז געווען בעת דער בית המקדש האָט עקזיסטירט, דאָ, אין עולם הזה. דאַן האָט יעדער איד געשפּירט ג־טלעכקייט. ווי חז״ל זאָגן „עשרה ניסים נעשו לאבותינו בבית המקדש״. צען ניסים — צען איבערנאַטירלעכע, ג־טלעכע צייכנס האָבן אונזערע עלטערן געזען אין בית המקדש. דאָס מיינט, אַז אין וועלט גופא האָט מען געשפּירט דעם העכער פון וועלט. וועלט מיט אירע נאַטירלעכע געזעצן האָבן ניט פאַרשטעלט אויפן אמת. דער „אמת ה׳״, דער ג־טלעכער אמת האָט געלויכטן אין זיי.

איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ געהויבענעם מצב ווי עס איז דאַן געווען, האָבן אידן געוויס מקיים געווען תורה ומצוות מיט גרויס פרייד און באַגייסטערונג. עס האָט זיי געצויגן און געמאָנט צו דורכפירן דעם רבונו־של־עולם׳ס רצון. דער אמת׳ער ענדציל פון זייער גאַנצער עקזיסטענץ איז געווען — צו וויסן און צו שפּירן ג־טלעכקייט. און אַפילו אין אַלע וועלטישע ענינים איז דער הויפּט־ציל געווען: דערהערן די ג־טלעכקייט וואָס אין זיי.

אַזאַ אינערלעכע התלהבות׳דיקע עבודה געפינען מיר ביי די נבראים פון די רוחניות׳דיקע, גייסטיקע וועלטן, ווי מלאכים, שרפים אא״וו. זייער שטענדיקע התלהבות און תשוקה דריקט זיך אויס אין זאָגן „קדוש קדוש קדוש״, דאָס מיינט אַז זיי באַגרייפן ווי דער אויבערשטער איז מובדל (אָפּגעטיילט, אָפּגעשיידט) און אינגאַנצן ניט בערך צו זיי, און אַז די גאַנצע בריאה איז באַטרעפלאָז לגבי אים יתברך.

אָט־דער דערהער און געפיל רופט אין זיי אַרויס אַ דאָרשט, אַ כלות־הנפש צו פאַראייניקן זיך מיט דעם מקור און נישט פילן זיך ווי אַ סעפּעראַטע עקזיסטענץ, אויף אַזוי וויט, אַז דער באַגריף לעבן איז ביי זיי אינגאַנצן אַנדערש (און גאַר פאַרקערט) ווי דער זעלביקער באַגריף ביי אונז אין עולם הזה.

אין עולם התחתון, אין אונזער גשמיות־וועלט, דריקט זיך אויס דער מיין פון לעבן אין דעם, וואָס דער נברא פילט דעם אייגענעם וועזן, די אייגענע פאַראַנענקייט. פילן זיך אַ באַזונדערע מציאות מיט אַן אומאָפּהענגיקן לעבן אין זיך — דאָס רופט זיך אַן ביים גשמיות׳דיקן קערפּערלעכן נברא — געלעבט. אָבער ביי גייסטיקע נבראים ווי מלאכים, שרפים אא״וו, זייער גאַנצער וועזן באַשטייט, אין נישט פילן דעם אייגענעם מהות; דווקא דאָס פילן זייער פאַראייניקונג און פאַרשלונגענקייט אין זייער מקור — אָט דאָס הייסט ביי זיי חיים.

אָט אַזאַ אַרט לעבן ווערט באַצייכנט ווי „חיהם — אינם חיים״: זייער לעבן — איז דער ניט־לעבן, דער ניט־פילן די אייגענע מציאות. זיין פאַראייניקט מיטן מקור, ווען קיין שום איך הערט זיך לחלוטין ניט, דאָס הייסט ביי זיי געלעבט. און דעריבער רופט אַן דער זוהר הקדוש די העכערע גייסטיקע וועלט „עלמא דאתכסיא״, אַ וועלט וואָס איז פאַרדעקט, זי איז אינגאַנצן באַהאַלטן פון אונזערע חושים; אַ וועלט וואָס מיר האָבן אין איר גאָר קיין אָנונג ניט. וואָס ביי אונז הייסט געלעבט, איז דאָרט ניט קיין לעבן. אַ וועלט וואָס אין איר לייכט די קלאָרקייט, אַז פאַראַן איז בלויז דער אויבערשטער ברוך הוא, און חוץ אים איז קיין שום זאַך ניט פאַראַן.

און טאַקע דערפאַר ווערט דער עולם הרוחני באַצייכנט מיטן נאָמען „עלמא דאתכסיא״: דער העלם, דער פאַרשטעל אויף אלקות איז דאָרט פאַרבאַהאַלטן, און אלקות איז בגלוי. אָבער אונזער עולם־הזה באַצייכנט דער זוהר הקדוש מיטן נאָמען „עלמא דאתגליא״: דער פאַרשטעל אויף אלקות איז דאָ אַנזעעוודיק, אָנטאַפּנדיק; דאָס איז אַזאַ גשמיות׳דיקע און חומריות׳דיקע וועלט וואָס מענטשן באַנעמען זי דורך זייערע פינף קערפּערלעכע חושים — ראי׳, שמיעה, טעם, ריח און מישוש. ווייל די דאָזיקע פינף חושים — זען, הערן, געשמאַק און גערוך־שפּירונג און טאַפּן — שאַפן דעם קאָנטאַקט און פאַרבינדן אונז מיט דער אויסערלעכער וועלט. אָן די חושים קען מען זיך ניט פאַרשטעלן קיין צונויפבונד צווישן אונזערע כחות, שכל, זיטן און אייגנשאַפטן, מיט דער וועלט וואָס מיר געפינען זיך אין איר. און אָט־די וועלט, וואָס איז צוגעפּאַסט צו אונזערע קערפּערלעכע חושים, איז אַן „עלמא דאתגליא״: דער העלם, דער פאַרשטעל אויפן אמת איז דאָ אָפן, און אלקות, וואָס איז דער אמת׳ער לעבן און קיום פון וועלט, איז דאָ פאַרבאָרגן און הערט זיך ניט.

די נידעריקייט פון עולם הזה דערלאַנגט אַזוי וויט, אַז ניט נאָר דער שקר פאַרשטעלט אויפן אמת, נאָר דער שקר גופא שטעלט זיך פאָר ווי דער אמת. אָט ווי מיר זעען, צו אונזער גרויסן באַדויערן, פאַרשידענע ברואים (וואָס מען רופט זיי טאַקע מענטשן, אָבער גיכער פּאַסט זיי דער נאָמען ברואים), וואָס מיינען אַז זיי לעבן און עקזיסטירן פון זיך אַליין, „כאן נמצא כאן הי׳״ — דאָס איז עס, און מער איז ניטאָ. עס פעלט זיי גאָר ניט איין אַז עס איז דאָ אַ מקור וואָס האַלט־אויף זייער עקזיסטענץ און פאַראַנענקייט — נישט זיי האָבן ספקות: יאָ אָדער ניט; עס איז ביי זיי גאָרניט פאַראַן קיין הווה־אַמינאַ אויף יאָ. זייער גאַנצער

מהות און אויפפירונג איז אין קעגנזאץ צום אבסאלוטן אמת אז „הוא לבדו ואין זולתו", אז נאר דער אויבערשטער איז קלאר פאראן און חוץ אים איז קלאר גארניט פאראן, און זיי, די בּרואים, פילן נאר זיך אליין און מער ניט. וואס דאס איז דאך דער נידעריקסטער שקר וואס קען נאר זיין — טאקע מיט דעם וואס ער האלט זיך אז ער איז דער אמת.

און איצט, לאחר ווי מען האט מסביר געווען דעם אונטערשייד צווישן דעם גשמיות'דיקן עולם הזה און דעם עולם הרוחני, ווערט אונז קלאר, אז די דביקות פון די העכערע, גייסטיקע נבראים, ווי מלאכים שרפים אא"וו איז א דביקות וואס איז דורכגעדרונגען מיט אהבה צו אלקות ביז כלות הנפש. ווייל די סיבה צו דער דביקות איז דער ג־טלעכער אמת וועלכער לייכט בגלוי אין דעם עולם הרוחני, און וואס ווערט דערהערט און געפילט אין די העכערע נבראים; און דער אור אלקי רופט ביי זיי ארויס אן אהבה און א תשוקה בדרך ממילא. זייער אורשפרינגלעכע דערקענטעניש מאנט ביי זיי ארויס צו וועלן פאראייניקן זיך מיטן מקור.

גאר אנדערש איז אבער דער אופן פון דינען דעם אויבערשטן דא, אין אונזער נידעריקן ערדישן עולם, וואו אלקות איז אזויפיל פארבארגן און פארהילט, ביז אז אויף יעדער טריט און שריט בושוועט און געוועלטיקט דער שקר. דא איז „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו" — דוקא דעם רשע איז גוט, און דעם צדיק, נעבעך, איז ביטער. „דרך רשעים צלחה" — דוקא די וואס דריקן און מאכן ענג אידן בכלל און בני תורה בפרט, זיי דוקא האבן אלדאס גוטס, געזונט און פרנסה, ביז זיי מיינען אז „אני ואפסי עוד" — איך און נאר איך, מיט מיינע אייגענע כחות דערגרייך איך פאר זיך אלץ. איז אין דער חושכ'דיקער וועלט צו זיין א איד, דא מקיים זיין דעם אויבערשטנס רצון, איז מעגלעך נאר דורך קבלת עול: זיין איבערגעגעבן צום אויבערשטן מיטן גאנצן מהות, אינגאנצן אן דער געפילנס־באלויבונג. און נאר ווייל ער ית' מאנט צו דורכפירן זיין רצון אין דעם עולם הזה הגשמי. טיפע איבערגעגעבנקייט און ביטול צו אים ית', דאס זיינען דא די סימנים פון דעם עבד ה'.

איצט ווערט אונז קלאר און פארשטאנדיק די בקשה פון דוד המלך „אנה אלך מרוחך ואנה מפניך אברח וגו'". דוד המלך, וואס דער מקור פון זיין נשמה נעמט זיך פון דער העכסטער מדריגה און דער ג־טלעכער ספירה פון „מלכות", האט ער געשפירט די דערהויבנקייט און גרויסקייט פון דינען דעם רבש"ע ווי א קנעכט, מיט קבלת עול מלכות שמים. ער האט געפילט די מעלה פון זיין אן עבד־מלך, וואס כאטש ער זעט ניט קיין התגלות, אדרבה ער זעט גאר דעם היפך פון אמת, און דאך זיין איבערגעגעבן פאלקאם גענצלעך צום רבש"ע — דאס איז די אמת'ע עבודת ה'. און צו אזא צושטאנד און עבודת ה' האט דוד המלך געשטרעבט: דינען נאר דעם אויבערשטן אליין, אויסגעטאן פון אלע פניות, אפילו אין זייער איידלסטער פארם און אויסדרוק.

און דאס איז די כוונה פון דוד המלך'ס ווענדונג צום רבש"ע: „אנה אלך מרוחך ואנה מפניך אברח" — וואוהין אנטלויף איך פון דיין פנים. פנים ווייזט און שטעלט מיט זיך פאר דעם אויסדרוק פון נאענטקייט, אפנקייט, התגלות. — „עורף" (דאס שטעלן זיך מיטן נאקן צו יענעם) דריקט אויס דעם היפוך־באגריף פון „פנים", דאס ווייזט אויף אפקערונג, דערווייטערונג. — און דאס קלאגט זיך דוד המלך פארן כביכול: רבונו של עולם! איך פיל דיר און שפיר דיין השגחה, דיין התגלות, אלעמאל, אומעטום, אין אלץ און אין אלע צושטאנדן, און ממילא שטיי איך שטענדיק מיט א תשוקה וואס איז דורכגעדרונגען מיט אן אינערלעכער שמחה צו מקיים זיין דיין רצון וואס איז אנגעטאן אין תורה ומצוות. און די סיבה פון מיין לויפן מיט שמחה צו מקיים זיין דיין רצון איז, ווייל איך זע אין יעדן ענין דיין פנים כביכול: דאס ביסטו אליין. דו ביסט דאך אומעטום בגלוי, היינט ווי אזוי איז מעגלעך צו דינען דיך ווי אן עבד, מיט קבלת־עול?

„אם אסק שמים" — קום איך צום הימל, בין איך זיך מעמיק אין די רוחניות'דיקע, העכערע וועלטן, — איז „שם אתה", דארט שיינט דיין התגלות, און די נבראים פון די רוחניות'דיקע עולמות גייען אויס אין דעם תענוג אלקי, איז נאטירלעך, אז דאס רופט ארויס ביי מיר א תשוקה און א דארשט צו דיר. פון אזא התעוררות קען מען אוודאי ניט דינען דיך ווי אן עבד מיט קבלת עול: איך ווער גאר נתעורר מיט געפילן, וואס זיינען דער היפך פון עבדות און יאך; דאס רופט גאר ארויס אהבה און צמאון.

אלא, וואדען, „ואציעה שאול" — לכאורה האב איך אן עצה, דינען דיך אלס עבד: זיך אראפלאזן און באטראכטן די נידעריקייט פון אונזער גשמיות'דיקן עולם, וואו דער הסתר איז אזוי גרויס, אז מ'שרייט אין די גאסן „לית דין ולית דיין" ח"ו, „כחי ועוצם

(המשך אויף זייט יב)

דער אידישער היפּי

• ד״ר וו. גרין

אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זיך אויף דער אַמעריקאַנער אַלגעמיינער גאַס, איבערהויפּט אין די גרעסערע שטעט, באַוויזן אַ נייער טיפּ רעוואָלוציאָנער, — דער „היפּי״. אומגעוואַשן, באָרוועס, מיט לאַנגע האָר און מיט אַ מאָדנער באָרד, מיט קראַנצן בלומען אויפן קאָפּ און אָנגעטאָן אין ווילדע בגדים, דרייט זיך דער יונגערמאַן אַרום און פּראָטעסטירט. קעגן וואָס פּראָטעסטירט ער? קעגן אַלצדינג! עס געפעלט אים ניט דאָס נאָרמאַלע לעבן — פּראָטעסטירט ער. עס ווילט זיך ניט אַרבעטן — פּראָטעסטירט מען. מ׳האָט טענות קעגן די געזעצן פון לאַנד — פּראָטעסטירט מען. עס איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין אָרגאַניזירטע באַוועגונג. קעגן אָרגאַניזאַציע גופא פּראָטעסטירן זיי אויך. זיי ווילן איבערהויפּט, אַז מען זאָל זיי ניט שטערן, אַז די וועלט זאָל זיי לאָזן צורו. זיי זונדערן זיך אָפּ פון דער וועלט, פון עלטערן, פון לערער און פריינט און זוכן פאַר זיך ליבע און שלום, אמת און שיינקייט. (טייל פון זיי רוקן זיך אָפּ פון דער וועלט אַזוי ווייט, אַז זיי ווערן אָפּהענגיק פון דראַגס). אין די צייטונגען און פאַרשידענע זשורנאַלן קאָכט זיך מיט די „היפּיס״ און אַלע פרעגן: איז דאָס בלויז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, אָדער ס׳איז אַן ערנסטער און טראַגישער סימפּטאָם פון אונזער קראַנקער געזעלשאַפט, וואָס מען מוז וואָס גיכער היילן?

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די „היפּיס״ זיינען אויך פאַראַן פאַרשידענע שיכטן. טייל פון זיי זיינען סתם פויל. אַנשטאָט גיין זוכן אַרבעט פאַרמאַסקירן זיי זיך אין דער מאַסקע פון „היפּיס״. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן פון אַזעלכע וואָס שרעקן זיך פּשוט פאַר מיליטער־דינסט. טייל פון זיי זיינען בלויז קינדער; אַזעלכע וואָס אין „נאָרמאַלע״ צייטן וואָלטן זיי זיך אויך צעקריגט מיט די עלטערן און אַנטלאָפן פון דער היים; היינט — אַנטלויפן זיי קיין סאַן פראַנציסקאָ און שטעלן זיך פאָר אַז זיי זיינען דערוואַקסענע. טייל זיינען סטודענטן, וואָס פאַלן דורך ביי די עקזאַמענס און דריקן אויס זייער פּראָטעסט און מינדערווערטיקייט־געפיל דורך די שמוציקע פיס. אָבער אין אַלגעמיין מוז מען צוגעבן, אַז טראָץ די פאַרשידענע גייסטיקע פּראָבלעמען, פון וועלכע זיי ליידן, זיינען די מערסטע „היפּיס״ גראָד אינטעליגענטע און אָנגעלייענטע; קינדער פון מיטל־קלאַס משפחות, וואָס האָבן געקראָגן אַן אויסגעצייכנטע וועלטלעכע דערציאונג; און פיל פון זיי ליידן צוליב זייער ערנסטער און עטוואָס נאַאיוו־תמימות׳דיקער באַציאונג צו וועלט־פּראָבלעמען.

וואָס פאַר אַ שייכות האָבן אַזעלכע משונה׳דיקע ברואים צו דער אידישער וועלט? צוליב וואָס, מוז זיך שטעלן די שאלה, זאָל זיך אַזאַ זשורנאַל ווי „די אידישע היים״, פאַרנעמען מיט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַן עניין וואָס איז וועזנטלעך אַזוי פרעמד צו אידן בכלל און צו חסידות בפרט? דעם אמת זאָגנדיק, וואָלט געווען אַ סך בעסער אַז דער עניין וואָלט טאַקע געווען אַ פרעמדער. אָבער צום באַדויערן מוז מען מודה זיין, אַז צווישן די „היפּיס״ זיינען פאַראַן ר״ל אַ גרויסער פּראָצענט אידישע בחורים און מיידלעך. און אויב ס׳האַנדלט זיך וועגן אידישע נשמות, איז דאָס שוין ניט בלויז אַ פראַגע פון שייכות; עס ווערט אַ פּראָבלעם וואָס פאַרפליכטעט אונז צו אינטערעסירן זיך דערמיט. וואָס באַוועגט היינט צו טאָג אידישע קינדער צו פאַרוואַנדלט ווערן אין „היפּיס״? ווי אַזוי קען מען זיי אַרויסראַטעווען פון דער גרוב?

מיט וואָס קען מען זיך באַוואָרענען קעגן אַזאַ פּלאָג אין דער צוקונפט?

עס איז דווקא צו גרינג אין אַזאַ צייט אָנצוטייטלען מיטן פינגער אויף דעם אַנדערן און שלידערן מיט באַשולדיקונגען אויף יענעם. ס'איז אי גרינג און אי אַפילו עטוואָס באַפרידיקנדיק. ס'איז תמיד גרינג צו זיין אַ „צדיק אין פּעלץ".

חסידישע קינדער ווערן ניט קיין „היפּיס" ח"ו. פאַרקנעפּלען מיר אַביסל ענגער דאָס פּעלץ און ס'ווערט אַביסל וואַרעמער; און מיר פאַרמאַכן די אויגן, ניט צו זען ווי קינדער פון אייגענע ברידער און שוועסטער ווערן וואָס טיפער פאַרזונקען אין זומפּ. ווייל די אידישע „היפּיס" זיינען בלויז אין עקסטרעם פון דער גאַנצער אידישער יוגנט־באַפעלקערונג. זיי זיינען נאָר די יעניקע וואָס האָבן זיך פּיזיש אָנגעשלאָסן אין די רייען פון „היפּיס", עס זיינען אָבער דאָ טויזנטער און טויזנטער אידישע בחורים און מיידלעך וואָס האָבן נאָך ניט געוואַגט צו מאַכן אָטדעם לעצטן דראַמאַטישן טריט — אָבער זיי טראַכטן די זעלבע אַנשויאונגען, און האָבן גראָד גרויס דרך־ארץ פאַר די „היפּי־געדאַנקען". די „היפּיס" קען מען באַטראַכטן ווי אַ שפּיגל פון אַ גרויסן טייל יוגנט אונזערער. זיי זיינען ניט קיין סיבה פון אַ פאַרדאָרבענעם לעבן — זיי זיינען די פּירות פון אַזאַ לעבן. זיי אַליין זיינען ניט קיין קראַנקייט; זיי זיינען אַ סימפּטאָם פון אַ טיפער מחלה פון וועלכער עס ליידט די אַמעריקאַנער אידישקייט. די אַלע יוגנט־פּראָבלעמען — ווי געמישטע חתונות, אוממאָראַלישקייט און אַסימילאַציע — זיינען אין גרונט אַ טייל פון דער זעלבער קרענק. פּונקט ווי אַ דאָקטאָר אַנטדעקט אַמאָל אַן אינעווייניקסטע ערנסטע קראַנקייט ערשט ווען עס באַווייזט זיך אויף דער הויט אַ קליין בלאָטערל — אַזוי קענען מיר אויך אַנאַליזירן די „היפּיס" און פּרובירן אויפדעקן די ערנסטע עפּידעמיע וואָס האָט מעגלעך אָנגעשטעקט אונזערע קינדער.

ס'איז אַמאָל שווער זיך צוזאַמענצורעדן מיט די „היפּיס", עס פאַרבלענדט אונז דער אויסערלעכער מאָדנער אויסזען פון זייערע צעפּאַטלטע האָר און ווילדע אָנטועכץ. ס'וואָלט געווען בעסער, אַז מיר זאָלן פאַרמאַכן די אויגן און זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו זייערע רייד, און אַז מען זעט שוין ניט די באָרוועסע פיס און די בלומען־קראַנצן, הערן מיר ווי אידישע נשמות שרייען, בעטן זיך און זוכן. וואָס זוכט מען? מען זוכט שלום אויף דער וועלט; מען זוכט אהבה און ניט קיין מלחמה; מען דריקט אויס אַ טיפע אַנטוישונג אין אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס — מעג די אינסטיטוציע הייסן „רעגירונג" אָדער זי רופט זיך „סינאַגאָגע"; מען דריקט אויס אַ שנאה צו היפּאָקריטן — צי דער היפּאָקריט איז אַ פּרעזידענט, צי אייגענע טאַטע־מאַמע. זוכט מען אַן עיר מקלט, אַ מקום מנוחה. און איבער אַלץ הערשט אַן אַטמאָספערע פון הפקרות און אַנאַרכיע.

מען האָט די יונגעלייט גאָרניט אָפּגענאַרט. אַ גאַנץ לעבן האָט מען זיי געלערנט, אַז די גאַנצע ישועה פון דער וועלט ליגט אין די יונייטעד־ניישאָנס — און איצט זעט מען וואָס עס הערשט אין דער וועלט פון די „פאַראייניקטע פעלקער". מען האָט זיי אַ גאַנץ לעבן געלערנט וועגן ראָמאַנטישער ליבע — נו, איז דאָס דאָך איצט זייער אידעאַל. אַ גאַנץ לעבן האָט מען זיי נאָכגעגעבן יעדן אַפּעטיט, מען האָט זיי קיינמאָל ניט געלערנט וועגן זאַכן וואָס זיינען פאַרבאָטן, וועגן „לא תעשה" — איז עס דען איצט זייער שולד וואָס זיי ווילן ווייטער זעטיקן די אַפּעטיטן? אַ גאַנץ לעבן האָט מען גערעדט וועגן אידישקייט, און פון פרומע אידן האָט מען אָפּגעלאַכט. אין זייער ווייניק פאַלן האָט מען מיט זיי אָנגעהויבן דעם טאָג מיט „מודה אני לפניך" — און איצט פילן זיי צו קיינעם ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די מויערן און פעסטונגען פון זייער לעבן — די היים און די לערן־אַנשטאַלטן און אַפילו די שול — דערזעען זיי איצט ווי זיי זיינען פול מיט מיטלויפער אין ווילדן געיעג נאָך דעם עגל הזהב; דער דאָלער קען הייגט קויפן אי כבוד, אי דרך ארץ, אי אַלץ מיט אַנאַנדער. און קעגן דעם פירט מען איצט אַ רעוואָלט. אַ רעוואָלוציע קעגן די אָרגאַניזירטע אַנשטאַלטן. איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה ווי הפקרות און נאָכגעבן דעם נפש הבהמית. ווייל אַנדערש האָט מען זיי ניט געלערנט.

אַ מאַמע פון איינער פון זיי האָט זיך גראָד באַקלאָגט פאַר מיר: „סטייטש, איך האָב דאָך מיין טאָכטער געשיקט אין סאָנדעיסקול. זי האָט זיך דאָרט אין פיר יאָר, אינגאַנצן אויסגעלערנט וועגן די חשוּאיש האָלידעיס! טאָ פאַרוואָס איז זי אַראָפּ פון דרך?" ניט פאַרוואָס — נאָר דערפאַר! אַן אידעלע, טייערע, אידישע נשמה, וואָס האָט געהונגערט נאָך אמת און יושר און תורה, און פאַקטיש האָט מען זי פשוט אויסגעהונגערט — אויב ניט פאַרגיפטעט — אין יענע פיר יאָר. ניט פאַרוואָס, נאָר דערפאַר!

וואָס־זשע איז דער ענטפער? דער ענטפער איז אַן אייביקער — דער אור־אַלטער ענטפער פון אונזער תורה. פריער מוז מען באַוואָרענען קעגן אַזאַ דערציאונג וואָס קען

(המשך אויף זייט כד)

די קהילה קדושה קאָפּענהאַגען

• הרב שמחה עלבערג

אַ אידישע קהילה איז תמיד דורך אונזערע חכמים באַצייכנט געוואָרן מיט אַ ספּעציפישן נאָמען: קהילה קדושה. דאָס באַגלייטונגס־וואָרט „קדושה" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קלאָרע דעפיניציע, וואָס האָט אויסגעדריקט די וועזנטלעכקייט און דעם כאַראַקטער פון יעדער אידישער קהילה. ס׳איז ניט קיין קהילה אויב עס פעלט אין איר דער פונדאַמענטאַלער עלעמענט פון קדושה. אַ קהילה, אויב זי איז ניט דורכגעזאַפּט מיט אַ הויכן קדושה־אידעאַל, האָט זי ניט, היסטאָריש, קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. אין אַלע דורות און אומעטום, וואו נאָר עס האָט זיך אויסגעפורעמט אַ קהילה־לעבן, איז קדושה געווען דער הויפּט־יסוד אויף וועלכן די גאַנצע קהילה — מיט אַלע אירע פאַרצווייגטע טעטיקייטן — האָט זיך געבויט. אַלץ האָט דאָרט, אין דער אידישער קהילה, געהויכט מיט רוחניות׳דיקער דערהויבנקייט און אַלע וואָס האָבן דאָרט געלעבט און געווירקט, פון דעם הימל־איד — דער שטאָט־רב, ביז צו דעם תמימות׳דיקן וואַסער־טרעגער, זיי אַלע האָבן מיט זייער טאָג־טעגלעך לעבן אויסגעפורעמט דאָס קדושה׳דיקע געשטאַלט פון דער קהילה.

היינט, צום באַדויערן, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ דיקע מחיצה צווישן קהילה און קדושה. גרויסע, מעכטיקע אידישע קהילות זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן פון יעדן קדושה׳דיקן אינהאַלט. אַלע זייערע פיבערהאַפטע טעטיקייטן, אַלע זייערע אינטענסיווע אַקטיוויטעטן שטעלן מיט זיך פאָר אין גרויסער קעגנזאַץ צו אַלע קדושה׳דיקע באַגריפן. נאָך דעם לעצטן חורבן, איז כמעט פאַרשוואונדן פון אידישן האָריזאָנט די אייגנאַרטיקע אידישע קהילה, וואָס איז געווען די „מאַמע" פון אַלע אידישע אינסטיטוציעס און מוסדות. זעלטן וואו מ׳קען היינט געפינען אַ קהילה, וואָס זאָל מיט איר גייסטיקער פיזיאָנאָמיע קענען אָפּשפּיגלען די שיינקייט, די פילפאַרביקייט פון אַמאָליקן קהילה־לעבן. אמת, אין פאַרשידענע לענדער איז די אידישע קהילה צוריק אויפגעשטאַנען, ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער, וואָס שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אַלע געביטן פון אידישן לעבן. אָבער מיט איר גאַנצן וואוקס און מאַכט, קען זי ווייט ניט פאַרשטעלן מיט זיך דעם המשך פון דער אַמאָליקער, בליענדיקער אידישער קהילה. פאַרוואָס? ווייל עס פעלט איר דער הויפּט־באַזיס, וואָס זאָל באַרעכטיקן איר עקזיסטענץ; עס פעלן איר די קדושה׳דיקע יסודות, וואָס זאָלן אינספּירירן אַלע אירע מעשים.

צו די איינצלנע אויסנאַמען אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט, געהערט אָן שום ספק די קהילה „מחזיקי הדת" אין קאָפּענהאַגען, דענמאַרק, וואָס קען מיט רעכט אָנגערופן ווערן קהילה קדושה. וואָרום זי דערמאָנט מיט בולט׳ע שטריכן די אַמאָליקע תורה׳דיקער קהילה, מיט וועלכער דאָס אייראָפּעאישע אידנטום האָט שטאָלצירט. אַ סך אַזעלכע קהילות, וואָס זאָלן זיין באַזירט אויף אַ ריין־תורה׳דיקער השקפה, האָבן מיר ניט היינט־צו־טאָג אין אייראָפּע. קאָפּענהאַגען איז פון די זעלטענע אויסנאַמען, וואָס קען דינען ווי אַ מוסטערהאַפטער ביישפּיל פון אַ באַוואוסטזיניקער, רעליגיעזער קהילה.

געוויס וואָלט מען געקענט אויפבויען אַ סך אַזעלכע ענלעכע קהילות, ווען עס וואָלט

געווען ווער עס זאָל זיך אַביסל אינטערעסירן מיטן גורל פון דער שארית הפליטה וואָס איז געבליבן אין דער „אַלטער היים“, אין פאַרשידענע לענדער, אין אייראָפּע. צום באַדויערן האָט מען איבערגעלאָזט די אידן אין אייראָפּע אויף הפקר, מ׳האָט זיך עפּעס ווי מייאש געווען פון אייראָפּעאישן אידנטום און מ׳האָט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז אויך דאָרט, פונקט ווי אין אַמעריקע און אין ארץ־ישראל, קען מען פיל אויפטאָן פאַר אידישקייט. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן דער ביטערער אמת: מיר האָבן גרויסע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס מיט פאַרצווייגטע אַפּאַראַטן און אָפיסעס, מיט סעקרעטאַרן און עקזעקוטיווס, וואָס רופן נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן, אָבער זיי אַלע האָבן גאָרניט געטאָן כדי צו העלפן צוריק אויפבויען דאָס רעליגיעזע לעבן אין אייראָפּע. אין אייראָפּע פילט זיך אַ מאַנגל אין גייסטיקע כחות, עס פעלן דאָרט גייסטיקע מנהיגים אויף פאַרשידענע פעלדער און געביטן. און וואָס האָט געטאָן פרום־אַמעריקע, פרום־ארץ ישראל? האָבן זיי זיך באַמיט צו באַזאָרגן די דאָזיקע קהילות מיט רבנים און אַנדערע כלי־קודש? אמת, ניט יעדער וויל פאָרן אין אַ פאַרוואָרפענער מדינה, אין פרעמדן שטאָקהאָלם אָדער אין קאַלטן פינלאַנד. אָבער פאַרוואָס ניט אַביסל רעליגיעזע פיאָנערישקייט? אָן אידעאַלער פיאָנערישקייט קען מען אין קיין שום אָרט, אַפילו אין אַלט־איינגעזעסענע ערטער, וואו עס וואָרצלט שוין און פולסירט אַ קאָכענדיק אידיש לעבן, ניט בויען קיין נייע פעסטע פּאָזיציעס פאַר עכטער אידישקייט. פאַרוואָס — פרעגט זיך מיט ווייטיק — איז די גאַנצע אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע ניט פעאיק צו שיקן קיין גייסטיקע חלוצים, אויף אַ יאָר, אויף צוויי יאָר, וואו נאָר זיי זיינען נויטיק, כדי דאָרט צו פאַרזייען אַביסל גייסטיקער זריעה?

די שאלה איז אַן ערנסטע און ס׳איז ניט וויכטיק וואָס עס וועט זיין דער „פילאָזאָפישער ענטפער“. דער פאַקט אָבער איז אַ גאַנץ טרויעריקער: עס פעלט אַזאַ מוסד, וואָס זאָל וועלן זאָרגן און טראָגן די אחריות פאַרן גורל פון אייראָפּעאישן אידנטום וואָס איז געבליבן אָנמעכטיק, פאַראיינזאַמט און פאַרלאָזן. אַלע אירע רופן פאַר שנעלער גייסטיקער הילף, ווערן ניט דערהערט; אַלע אירע ווענדונגען ווערן פאַרשוויגן. און מען דאַרף וויסן: אָפט קען איין מענטש, דער ריכטיקער מענטש אויפן ריכטיקן אָרט, איבערבויען אַ גאַנצע קהילה און אַריינבלאָזן אין איר אַ נייע נשמה. מען דאַרף נאָר געפינען דעם פּאַסיקן מענטש, וואָס זאָל זיין געבענטשט מיט אַ גרויסער מאָס אידעאַליזם, מיט לשם־שמים׳דיקע אַספּיראַציעס; וואָס זאָל זיין גרייט צו פאַרלאָזן זיין היים, זיין סביבה און אַוועקלאָזן זיך אין די ווייטע מקומות און דאָרט אַריינברענגען ג־ט׳ס וואָרט. דער רוף פון אייראָפּע האָט אָבער ניט אָנגעטראָפן אויף אַן אויפריכטיק אויער, אויף אַ פילבאַר האַרץ, וואָס זאָל דערהערן און דערפילן. אַזוי אַרום האָבן, אין אייראָפּע, צענדליקער אידישע קהילות אָנגעהויבן זינקען אין אַ גייסטיקן כאַאָס.

איינער איז אָבער יאָ געווען וואָס האָט דעם רוף דערהערט, וואָס האָט מיט גרויס אחריות דערפילט די נויטווענדיקייט פון דער שעה — און דאָס איז געווען און איז: ליובאַוויטש. אויפן רוף און בקשה פון ליובאַוויטשער רבי׳ן, האָבן איניקע מענטשן פאַרלאָזט זייערע היימען און זיך אַוועקגעלאָזט אין מרחקים, אין אַלע וועלט־ווינקעלעך. די דאָזיקע יונגעלייט, אָנגעזאַפּט מיט מסירת־נפש און דורכגענומען מיט אידעאַליזם, זיינען אויך אָנגעקומען אין פאַרשידענע שטעט אין אייראָפּע, וואו זיי האָבן אָנגעהויבן אויפבויען אידישע קהילות אין גייסט פון ישראל סבא.

איינע פון די דאָזיקע שטעט וואָס זיינען גייסטיק אויפגעריכט געוואָרן אַ דאַנק ליובאַוויטש, שטעלט מיט זיך פאָר די שטאָט קאָפּענהאַגען. אין די לעצטע יאָרן איז מיר עטלעכע מאָל אויסגעקומען צו באַזוכן די דאָזיקע שטאָט און יעדעס מאָל זע איך דעם נאָכאַנאַנדיקן אויפשטייג פון דער דאָרטיקער קהילה „מחזיקי הדת“. פון איין מאָל ביזן צווייטן מערן זיך די צאָל תלמידים אין דער דאָרטיקער ישיבה; אין בית הכנסת זעט מען פרישע, יונגע פּנים׳ער, יונגעלייט אין טראַדיציאָנעלן לבוש מיט שאַרפע לומדישע קעפּ. דאָס זיינען געוועזענע ישיבה־לייט פון חברון, פון פּאָניוועזש וואָס פאַרמעגלעכע קאָפּענהאַגענער אידן האָבן זיי גענומען אויף אַ סך יאָרן קעסט, כדי זיי זאָלן זיצן און לערנען בהתמדה. מיט יאָרן צוריק האָט אַ גאַסט פון אַמעריקע, קומענדיק קיין קאָפּענהאַגען, געקענט מהנה זיין דעם עולם מיט אַ דרשה. היינט מוז מען אויך זאָגן אַ דבר הלכה, ווייל צווישן די דאָרטיקע בעלי בתים זיינען פאַראַן אַ סך לומדישע אידן.

און וועמען האָט דאָס די קהילה אין קאָפּענהאַגען צו פאַרדאַנקען פאַר איר גייסטיקער אויפוואַכונג? אמת, די דאָזיקע קהילה האָט הינטער זיך אַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט און זי איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען אַ מוסטער־קהילה, וואו אידישקייט האָט געבליט. אָבער ניט איין בליענדיקע אידישע קהילה איז, אין גרויסן מלחמה־שטורעם חרוב געוואָרן און ניט געפו־

נעֶן צוריק איר אַמאָליקע חשיבות. קאָפּענהאַגען האָט אָבער מצליח געווען, זי האָט צוריק באַקומען איר אַמאָליקן גלאַנץ און איז געוואָרן דער רום און שטאָלץ פון אַלע סקאַנדינאַווישע לענדער. און דאָס איז אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער, מסירת־נפש'דיקער אַרבעט פון איר גייסטיקן מנהיג הרב עזריאל חייקין, וואָס איז אַהין געפאָרן לויט דער הוראה פון ליובאַוויטשער רבי'ן שליט"א. הרב חייקין פאַרמאָגט דאָרט גרויס אָנזען און אויטאָריטעט. זיין נאָמען איז ווייט באַקאַנט אויסער די גרענעצן פון דענמאַרק, ווייל וואו נאָר מ'קען עפּעס אויפטאָן פאַר אידישקייט — דאָרט געפינט זיך גלייך הרב חייקין, וואָס זשאַלעוועט ניט קיין מי און צייט, און נאַטירלעך טוט ער אַלץ שלא על מנת לקבל פרס. זיין אויסגעצייכנטע מידה פון שונא בצע העלפט אַ סך, אַז זיין השפּעה זאָל זיין גרויס און ווירקזאַם. דוכט זיך, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַזאַ מידה מיט וועלכער מ'קען געווינען דעם צוטרוי פון דער בעל־הבת'ישער וועלט, ווי מיט דער מידה פון שנאת בצע. און הרב חייקין איז געבענטשט מיט דער דאָזיקער מידה. דערפאַר רעדט יעדער איינער דאָרט מיט גרויס התפּעלות וועגן הרב חייקין. זעלטן וואו מ'קען געפינען אַזאַ וואַרעמע, רעספּעקטפולע באַציאונג צו אַ רב, ווי מ'זעט דאָס אין קאָפּענהאַגען. יעדער, אָן אויסנאַם, רעדט וועגן דעם רב'ס מעשים מיט גרויס דרך ארץ און באַוואונדערונג.

כ'האָב געהאַט די געלעגנהייט צו הערן דעם פּרעזידענט פון דער קהילה, מר. סאַמסאָן, בעת ער האָט באַגריסט דעם רב. עס האָט זיך פון זיינע רייד אַרויסגעפילט די טיפע צוגעבונדנקייט פון דער קהילה צו איר רב. אַזאַ נאַטירלעכע ליבשאַפט פון אַ קהילה צו איר רב איז כמעט אַ זעלטענע דערשיינונג. און די דאָזיקע ליבשאַפט איז אַן אוממיטלבאַרער פּראָדוקט פון זיין לשם־שמים־אַרבעט, וואָס ווערט פון אַלעמען באַוואונדערט.

הרב חייקין מיט זיין גדלות התורה און גוטע מידות, מיט זיינע רבנישע מעלות אין רבנישער פירערשאַפט, מיט זיין ענערגיע און שוואונג, וואָלט ער אָן שום ספק געקענט טראָגן די קרוין פון רבנות אין גרויסע אידישע קהילות, אָבער טראָץ אַלע מעגלעכקייטן און פאָרשלאַגן צו פאַרנעמען גרעסערע רבנישע פּאָזיציעס, וויל ער קאָפּענהאַגען ניט פאַרלאָזן. פאַרוואָס? ווייל ער שעפּט נחת פון זיין קהילה וואָס שטייגט אַלץ העכער און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מקום תורה. הרב חייקין וועט קיינמאָל די שטאָט ניט פאַרלאָזן — סיידן עס וועט קומען אַ רמז פון רבי'ן, אַז ער האָט שוין דאָרט זיין מיסיע דערפילט און ער איז נויטיק ערגעץ אַנדערשוואו, כדי אויך דאָרט אַריינברענגען דאָס ליכט פון תורה און יראה. דערוויל איז אַזאַ פּקודה ניט געקומען, טאָ זיצט ער דאָרט פעסט אויפן כסא הרבנות און שפּרייט אויס זיין טעטיקייט אויף די שכנות'דיקע לענדער.

ואנה מפניך אברח / המשך פון זייט ד'

ידי"; וואו עס בושעוועט דער שקר פון „אני ואפסי עוד", ממש דאָס פאַרקערטע פון דעם אמת — און דאָרט, וואו מ'זעט ניט און מ'הערט ניט דעם גילוי פון ג־טלעכקייט, און דאָך זאָל איך זיין צוגעבונדן צו דיר מיטן גאַנצן עצם דורך דער עבודה פון קבלת־עול?!

שרייט אָבער דוד המלך ע"ה און זאָגט: וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך זע א י ן דעם הסתר און א י ן דעם חושך גופא דעם „הנך" — אַז דאָס ב י ס ט ו אַ ל י י ן. „אכן אתה א־ל מסתתר" — אַזוי אויסבאַהאַלטן זיך, אַז מען זאָל זיך גאָר ניט כאַפּן, אַז עס איז דאָ עפּעס העכער — איז דאָס מיר גאָר מגלה דעם „אתה", אַז נאָר ד ו, וואָס ביי דיר איז קיין זאַך ניט אוממעגלעך, נאָר דו קענסט זיך אויסבאַהאַלטן אַזוי אַבסאָלוט, אַז מען זאָל גאָר ניט וויסן אַז דער הסתר גופא איז דו אַליין.

אויב אַזוי, איז דאָך דער „שאול", דער אמת'ער באַוויז אויפן „הנך" — איז עס דאָך ווידער גילוי. היינט ווי אַזוי קען איך דיר דינען ווי אַן עבד מיט קבלת עול? „אנה אלך מרוחך, ואנה מ פ נ י ך אברח" -- אַז עס איז אַלץ בלויז ד ו, אַז אַלץ איז נאָר פ נ י ם?

אידן-אָפּטימיסטן

• א. ז. פּאַרסט

ס'איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי אופנים ווי אַזוי אַ מענטש נעמט שטעלונג צו די פּאַסירונגען אַרום אים: ער קען זיין אַן אָפּטימיסט — אָדער אַ פּעסימיסט. און אַזוי ווי אידן זיינען דאָך אויך „מענטשן", זיינען אויך ביי זיי שייך די זעלבע צוויי „אויגן-גלעזער", ווי אַזוי צו קוקן און אויסטייטשן ידיעות און פּאַסירונגען.

לאָמיר קודם-כל זען וואָס עס מיינט צו זיין אַן אָפּטימיסט. בקיצור לאָזט זיך זאָגן, אַז אַן אָפּטימיסט איז איינער וואָס האָט „בטחון" — דאָס הייסט, אים דאַכט זיך אַזוי. און אויב אונזער איד-אָפּטימיסט, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט איז אַן אַזוי-גערופענער „פרייער" איד, הייסט ער אויך אַ „בעל בטחון"; נאָר וואָס דען — זיין בטחון איז אין „קולטור", אין דער „וועלט" און אין דער „מענטשהייט", וואָס „אַנטוויקלט" זיך כסדר. במילא גייט אַלץ, לויט אים, אין גרויסער אָרדענונג, וואָס ווערט רעגולירט פון זיך אַליין — אויטאָמאַטיש, אַזוי צו זאָגן — דורך דער אויסברייטערונג פון ווייסנשאַפט און קולטור, וואָס וואַקסט דאָך פון זיך אַליין. לויט אים קומט אויס, אַז דער יחיד האָט ניט קיין פּערזענלעכע אחריות פאַר דער וועלט. זיין זאָרג איז באַגרעניצט צום פּרט און דאַרף ניט זיך באַציען צום כלל — ווייל דער כלל איז אין אַלגעמיין גוט און ווערט כסדר בעסער. און אויב אויפן דאָזיקן וועג פּאַסירן געוויסע זאַכן וועלכע זיינען ניט אַזוי גוט, זיינען עס בלויז „אינצידענטן", צווישנפאַלן אַזעלכע וואָס זיינען אפשר גאָר נויטיק בכדי צוצוגעבן אימפּעט אין דער „אַנטוויקלונג".

איז אַוודאי קיין ספק ניט, אַז דאָס קוקן אויף דער וועלט דורך אַזעלכע ברילן, ברענגט מיט זיך באַרואיקונג. קודם כל, באַזאָרגט עס אים מיט אַ זיכערקייט-געפיל; עס דערלויבט אים צו שטיין מיט ביידע פיס אין דער „אָרדענונג". און וויבאַלד מ'גלויבט אין דער אָרדענונג, מעג מען אויך גלויבן אין זיך אַליין, ווייל מ'איז דאָך אַ טייל פון אָט-דער אָרדענונג. טאָר מען בכן ניט צולאָזן אפילו צום געדאַנק, אַז ס'קען חלילה פּאַסירן אַזוינס וואָס זאָל צעשטערן די אָרדענונג; וואָרום דאַן וואָלט ממילא אויך די אייגענע עקזיסטענץ פאַרלוירן איר זין און תכלית. דאַן קומט אויך צו דער באַקוועמער געפיל זיך איינצושפּאַרן פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זאָרג צו פאַרבעסערן די וועלט — ווייל זי איז דאָך סייווי כסדר אין פּראָגרעס. היוצא לנו מזה: דערווייל קען מען אויסשרייבן אַ וועקסל אויף אַן אומבאַשטימטער דאַטע, „געדעקט" מיט אילוזיעס, וועלכע דערלויבן דערווייל צו לעבן אַ גוטן טאָג.

אָט-דער סאָרט אָפּטימיזם איז אַן אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס שלעפּט זיך נאָך ווי אַ רעשטל פון 19-טן יאָרהונדערט. וואָלט כמעט ניט געלוינט צו ריידן וועגן דעם — ווען ניט דער פאַקט, וואָס געוויסע שיכטן פון אידנטום איז אַנשטאָט דעם הייליקן נצחיות-געפיל, ביי זיי מגולגל געוואָרן אַ מין קאָנסערוואַטיוויקייט, שלעפּט מען זיך נאָך הינטער אַ וועלט וואָס האָט שוין היפּש אַוועקגעשפּאַנט פון איר פריערדיקן שטאַנד. אונזערע „מאָדערנע" אידן, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן ניט אינגאַנצן אָפּגעבראָכן דעם קאָנטאַקט מיטן אידישן פאָלק, קענען זיי קיינמאָל ניט שאַפן אַ נייעם געדאַנק; זיי קענען נאָר אימיטירן אָדער אינטערפּרעטירן דאָס

וואָס גויים טראַכטן — און תמיד אַביסל שפּעטער, על דרך יענער למדן, וואָס האָט פאַרענטפערט אַ קשיא און צוגעטראָפן צום תירוץ פון אַ גאון — האָט מען אים געזאָגט: דו ביזט טאַקע אויך אַ גאון נאָר אַביסל שפּעטער...

די אינטעלעקטועלע נאָכשלעפּערס, משכילים אָדער סאָציאַליסטישע אידישיסטן פון אַמאָל, היינט זיינען זיי נאַציאָנאַליסטן. פאַרשטייט זיך, אַז מ'מיינט דאָ ניט די געפילן פון שייכות צו אונזער פאָלק, וואָס וואַקסן אַרויס פון מענטשלעכער זאָרג פאַר זיין פיזישער עקזיסטענץ, וועלכע מ'איז אויסן צו זיכערן און באַשיצן דורך פּאָליטישע מיטלען. ווי מ'זאָל זיך ניט באַציען צו דער פּאָליטישער פאָרעם — ניט וועגן איר ריידן מיר דאָ. מיר ריידן דאָ פונעם גייסטיקן אינהאַלט פון אַזאַ פאָרעם, פון נאַציאָנאַליזם ווי אַ וועלט אָנשויאונג, וואָס זאָל געבן אַ ציל און אַ תכלית פאַרן יחיד און פאַרן כלל. דער היינט־וועלטיקער נאַציאָנאַליזם, ווי אַ באַלעבונגס־כח פון פעלקער, קומט צום אויסדרוק ביי יענע אומות וואו דאָס גיט זיי אַ מאָטיווירונג צו דערוואַכונג און דערוועקונג. נאַציאָנאַליזם האָט אָבער אויפגעהערט צו זיין אַ כח ביי דעם מערב'דיקן אינטעלעקטואַל, וועלכער איז אַ פּראָדוקט פון אַ מידער און רעזיגנירטער ציוויליזאַציע; אַ ציוויליזאַציע וואָס האָט אויפגעהערט גלויבן אין אירע אייגענע ווערטן — און פון אירע אַמאָליקע אידעאַלן איז געבליבן אַ שטימונג וואָס איר אַלגעמיין־אינטעלעקטועלער אויסדרוק איז דאָס וואָרט: אַנגסט. אויב מ'וואָלט געדאַרפט געבן אַ פּאַסיקע איבערשריפט איבער אַ טעמע פון אַ בוך, וואָס די מענטשהייט שרייבט היינט, וואָלט עס געווען דאָס וואָרט: אַנגסט. דער שאָקירנדיקער מצב אין וועלכן די מענטשהייט געפינט זיך היינט, קען אין זיין גאַנצן פאַרנעם ניט אויפגענומען ווערן פון מענטשן וואָס וואָרצלען נאָר אינעם פאַרגאַנגענעם דור. פּרובירן זיי נאָך אַלץ אַריינצושטעלן די קעגנוואַרט אין אַ „סדר" צו וועלכן זיי זיינען געוואוינט פון אַמאָל.

דעם ריכטיקן באַנעם פאַר אַן אמת'ער איבערקערעניש האָט נאָר די יוגנט, וועלכע איז מער סענסיטיוו צו אַן „אָרדענונג" און קולטור, וואָס האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט אין דער פּראָדוקציע פון דער אַטאָם־באָמבע און דערמיט געשאַפן אַ נייע לאַגע פון טויט־שרעק און אַ פּאָטענץ פון קולטורעלן זעלבסט־מאָרד. דעם ריכטיקן געפיל פאַר דעם אומגלויבלעכן אַבסורד האָט נאָר די יוגנט, וואָס איז אַנטוישט, ווייל זי האָט ניט אין וואָס צו גלויבן און אויף וואָס צו האָפן. וואָס פאַר אַן אָרט קען נאַציאָנאַליזם האָבן אין איצטיקן דור? וואָס פאַראַ פּנים האָט היינט אַן אָפּטימיסט? קלינגט עס ניט ווי אַ באַרבאַרישער און טיפּשות'דיקער וויץ?

און וואָס איז מיט אונז, פרומע אידן־אָפּטימיסטן? צו אונז דאַרף מען דאָך ריידן מיט אַ פּסוק, אַ מדרש. איז פאַר אונז שוין דאָ גרייט אַ פּסוק מיט אַ מדרש: ס'שטייט אין פּסוק „ויקרא אלקים לאור יום", זאָגט דער מדרש: „אלו מעשיהם של צדיקים. ולחשך קרא לילה, אלו מעשיהם של רשעים". מיר, פרומע אידן, זיינען דאָך צדיקים וועלכע זיינען געגליכן צום ליכטיקן טאָג. טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר ניט זיין אָפּטימיסטן? „והנה טוב מאד". אַי, די וועלט איז פול מיט פינסטערע ראַנגלענישן? — קודם כל, איז עס ניט אונזער עסק, ווייל דאָס ווערט דאָך פאַראורזאַכט דורך „זיי", דורך יענע וואָס זיינען געגליכן צו נאַכט. צווייטנס, מיר האָבן דאָך „בטחון".

מ'האָט אָבער פאַרגעסן דעם אויסטייטש, אַז דאָס וואָס שטייט וועגן דער בריאה „טוב מאד" איז עס ווי זי איז מצד דעם בורא, וואָס האָט די וועלט איבערגעגעבן צום מענטשן צוזאַמען מיטן כוח צו געוועלטיקן איבער איר און געבן איר דעם תכלית אירן אָדער חלילה, פאַרקערט, אַוועקצונעמען איר תכלית און ברענגען אַ מבול אויף איר.

מיר זיינען געוואָרן אַזוי צו זאָגן פּראָפעסיאָנעלע אָפּטימיסטן. מיר האָבן אַריינגעשטעלט אין ווינקל פון אונזער בעל־הבתישקייט אַזאַ מין זאַך וואָס קומט אונז צוניץ — און מיר רופן דאָס „בטחון". קודם כל, מאַכט עס אַביסל גרינגער אויפן האַרצן ביים איבערלעבן דעם מבול, וואָס האָט פאַרטרונקען זעקס מיליאָן פון אונז. וויבאַלד מיר האָבן דאָך בטחון — האָט דאָס מסתמא אַזוי באַדאַרפט זיין. קענען מיר זיך צוריק אַריינשטעלן אינעם וועלט־סדר מיט ביידע פיס. נאָר די גרעסטע באַרואיקונג פאַר אונז איז דאָס, וואָס מיר טראָגן ניט אויף זיך קיין צו גרויסע אחריות, וואָרום סוף כל סוף איז דאָך אַלצדינג גוט און עס וועט זיין גוט, ונאמר אמן.

דער אמת איז, אַז מיר האָבן גענומען אַ טיפן רעליגיעזן באַגריף און געמאַכט פון אים אַ סאָרט באַרואיקונגס־מיטל, וואָס פאַרטויבט דעם פיינלעכן געפיל פונעם שטענדיקן אחריות־מאָנען און אומצופרידנקייט. אָט־דער סאָרט בטחון איז אַ באַלעבאַטישער שיבוש, וואָס האָט פון אונז אַוועקגענומען די פעאיקייט צו רעאַגירן אויף וועלט ענינים; און אַפילו אויך ניט צו רעאַגירן אויף די קלעפּ וועלכע פאַלן אויף אונזער אייגענעם קאָפּ, וואָס זייער תכלית איז צו דערוועקן אונז פון שלאָף. שלינגען

מיר אין דעם „בטחון פיל" כדי צו קענען ווייטער שלאָפן.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער אמת׳ער מיין פון בטחון? און ווען קומט ער צום אויסדרוק אין זיין עכטער געשטאַלט? — ווען אַ מענטש וואָס איז פון איין זייט, באַלאָדן מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, שטייענדיק אַליין אין אַ וועלט פון מורא׳דיקע פחדים; און פון דער צווייטער זייט שטייט ג־ט און מאָנט פון אים אחריות פאַר אָט־דער וועלט, איז אין מיטן פון זיין אומדערטרעגלעכער שפאַנונג צווישן ג־ט און מענטש און וועלט, — וואָס קומט אַמשטאַרקסטן צום אויסדרוק אין מאָמענטן פון שטאַרקער איינזאַמקייט און פאַרצווייפלונג — אָט דעמאָלט דאַרף ער צוקומען צו בטחון. דער תחום פון בטחון איז אויפן שטח פון באַציאונג פון מענטש צו ג־ט, און ער ענדיקט זיך ווען עס קומט צו אַ באַציאונג צווישן מענטש און מענטש אָדער צווישן מענטש און וועלט.

אמת׳ער בטחון רופט אַרויס און רוקט אַרויס דעם שטאַרקסטן אחריות־געפיל; און די אחריות פון אַ אידישן יחיד, וואָס וואָרצלט און וואַקסט אַרויס פון אמונה און בטחון, איז אומפאַרגלייכבאַר אין איר פאַרנעם און פאָטענץ — די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם יחיד איז כלפי אַ צווייטן מענטש, כלפי דעם גאַנצן ציבור און אויך כלפי דער גאַנצער וועלט.

ס׳איז היינט נויטיק, מער ווי אין אַלע צייטן, צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער באַציאונג פון אידן צו דער אַרומיקער וועלט און צו פאַרשטיין די גדרים: פון איין זייט זיינען מיר אין תוך אַן „עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב"; און פון דער אַנדער זייט קענען מיר דאָס ניט זיין, אין פולן פראַקטישן זינען. ווייל מיר זיינען נאָך אַלץ אין גלות (און גלות איז מער ווי אַ געאָגראַפישער באַגריף). מיר קענען דאָס אויך ניט זיין ווייל מיר זיינען אַריינגעשטעלט אין דער וועלט און מיר רוקן זיך אַלץ מער צו איר צענטער. אונזער לעצטע טראַגעדיע האָט געשאַפן אַזאַ פאָליטישע און געאָגראַפישע קאָנסטעלאַציע, וואָס האָט אונז מיטאַמאָל אַריינגעשטויסן אין סאַמע־צענטער פון דער וועלט און אַוועקגענומען פון אונזער בחירה דעם „ובגויים לא יתחשב".

אין אָט־דעם גרויסן קאָמפלעקס פון די אויסערגעווינלעכע פאַסירונגען וואָס מיר לעבן דורך — לאָמיר פרואוון „איזאָלירן" און מאַכן בולט די וועלכע טראָגן דעם גרעסטן היסטאָרישן באַדייט. נומער איינס: אַפילו ווען די וועלט, מיט אונז צוזאַמען, איז שוין אַריבערגעגאַנגען צו דער טאָגאָרדענונג מיט דער אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן אידן, דאַרפן מיר דאָס נאָך אַלץ רעכענען פאַר אַן איינציק־אַרטיקער געשעעניש וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער קאָנצעפציע פון דער מאָדערנער קולטור־געשיכטע. נומער צוויי: דאַרף מען רעכענען דעם עקזיסטירנדיקן פאָליטיש־גייסטיקן מצב פון דער וועלט, וואָס שטעלט איר ממש פאַרן תהום־אָפגרונט; אַ צושטאַנד וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. און דריטנס: די פלוצימדיקע ראָלע פון אידן אין דעם וועלט־פראָצעס — אַ ראָלע וועלכע ליגט אין אַ ליניע וואָס האָט אונז געפירט פון אַ מדבר צו אַ לאַנד און פון דעם איינעם לאַנד צו פילע לענדער איבער דער וועלט. כסדר שטייענדיק אין דער זייט, קיינמאָל ניט „אַקטינג", נאָר תמיד „רעאַקטינג" — און באַגלייט אויפן דאָזיקן וועג האָט אונז אַ תורה, וועלכע האָט משפיע געווען אויף די גויים און זיי האָבן געשאַפן מיט איר זייערע רעליגיעס און קולטורן. און באַגלייט אויף אָט־דעם וועג האָבן אונז אונזערע נביאים, וועלכע האָבן אויפגעעפנט פאַר אונז אַ פערספעקטיוו, וועלכע נעמט אַרום ניט מער אַ לאַנד, נאָר דעם גאַנצן קאָסמאָס.

און דאָ שטייען מיר איצט און פרעגן זיך: וואָס איז דער באַדייט פון דעם אַלעמען? איז דאָ פאַראַן אַ באַציאונג צווישן די דערמאָנטע דריי היסטאָרישע פאַקטן? די שווערקייט פון אַזאַ אונטערזוכונג וועלכע איז באַזירט אויף אַ תורה־השקפה, ווערט נאָך שווערער ווען מ׳ווערט באַקאַנט, אַז דאָ איז אַ נייע סיטואַציע, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אינעם עבר; און ס׳איז פאַר אונז ניט גרינג צו אַרויסלערנען דעם ריכטיקן וועג פונעם צוגאַנג פון פריערדיקע מנהיגים, וועלכע זיינען ניט געווען אין אונזער מצב — און דער נייער מצב איז באַשאַפן פון דריי עלעמענטן, וואָס קענען ניט זיין אָפגעשיידט איינער פונעם אַנדערן, נאָר זיי מוזן האָבן אַ באַציאונג צווישן זיך.

ווי אַן איינלייטונג אָדער הקדמה צו אונזער פראָבלעם איז דער קראַך פון דער ערשטער אַטאָמישער באָמבע ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכן אויסהרג׳נען זעקס מיליאָן אידן — אויסגעהרג׳ט ניט אין דער פאָרעם פון אַ נאָרמאַלער מלחמה־האַנדלונג, נאָר ווי אַן אַקט פון איינעם וועלכער האָט ביים אונטערצינדן די וועלט אין זינען געהאַט אידן. דער אַטאָמישער אויפרייס איז געווען ווי אַ סיגנאַל, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם לעצטן אַקט פון אַ טראַגעדיע; און צו דער זעלביקער צייט אָנגעוויזן דעם אָנהויב פון אַ נייער עפאָכע: די גלאָבאַלע דערשיטערונג, אין וועלכער מיר געפינען זיך איצט.

אויב אידן האָבן ניט רעאַגירט אויף דער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט זיי באַפאַלן, דאַרפן זיי איצט רעאַגירן אויף אַ קאַטאַסטראָפע וואָס באַדראָט די גאַנצע וועלט. שטעלט זיך די פראַגע: מיט וועלכע מיטלען זאָלן מיר רעאַגירן   די נאָרמאַלע פאָרעם ווי אַ פאָלק רעאַגירט אין שייכות מיט אַנדערע פעלקער, איז די פאָרעם פון פּאָליטישער אַקציע. מיר אידן — און ס׳רעדט זיך דאָך דאָ פון דעם איבער־נאַציאָנאַלן באַגריף פון אידן — באַטראַכטן זיך ניט ווי אַ „נאָרמאַל” פאָלק צוגלייך מיט די אומות העולם. און ווי אַ קאָנסעקווענץ זיינען אונזערע מיטלען פון דערהאַלטן אונזער עקזיסטענץ ביי פּאָליטישער רעאַגירונג צו אַנדערע פעלקער און צו דער וועלט בכלל — פון אַן אַנדערן מין. ווי אַבסורדאַל דאָס זאָל זיך ניט אָנהערן — זיינען אונזערע תורה און מצות אַזעלכע אַקציעס וואָס באַוועגן זיך ניט נאָר אויף דער ליניע פון מענטש און ג־ט, זיי זיינען צו דער זעלביקער צייט אייגנאַרטיקע אַקציעס פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער. ווייל זיי דאַרפן דאָך באַאיינפלוסן די וועלט אַרום.

וואָס עס שיינט צו זיין פאַרלוירן־געגאַנגען איז אונזער באַוואוסטזיניקייט פון אונזער אחריות פאַר דער וועלט אַרום. אָט־דאָס נעמט אַוועק אַ וויכטיקן אָנהאַלט ניט נאָר פון אונזער גייסטיקן לעבן און תכלית, נאָר אויך פון דעם זין פון גלות, וואָס האָט געשאַפן אַ קאָנטאַקט מיט דער וועלט. די וועלט דערוואַרט עפּעס פון אונז, אָבער מיר גיבן דאָס ניט צו איר. אונזער ביטול פאַר אַלץ אַרום, האָט אונז געבראַכט דערצו, אַז מיר זיינען אַפילו ניט אימשטאַנד נשתומם צו ווערן פון דעם וואָס פּאַסירט.

ס׳איז פאַראַן אַ כלי המחשבה אין דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, וועלכער איז דער באַגריף פון רעאַליטעט אָדער ווירקלעכקייט, וואָס איז געבונדן צו דעם מאָמענט ווען זי ווערט אויפגענומען פון דעם חוש. אויב אַ פּאַסירונג איז פאַראיבערגעגאַנגען און ווערט אַן עבר, איז זי אין אַ געוויסן זין ניט מער „ווירקלעך”. ס׳איז אָבער דאָ איין מין רעאַליטעט, וועלכע ווערט אויפגענומען דווקא ווען זי איז פאַראיבערגעגאַנגען. בשעת זי פּאַסירט איז זי ניט מער ווי אַ פיזישע פּאַסירונג, און איר באַדייט נעמט אָן די פאָרעם פון אַ ווירקלעכקייט ערשט מיט אַ צייט שפּעטער.

און דאָס איז די היסטאָרישע פּאַסירונג. זי ווערט באַוואוסט אַלס היסטאָריש ערשט דאַן ווען זי האָט שוין פּאַסירט און איז געוואָרן אַן עבר. מ׳קען זי ניט וויסן אין פאָראויס און מ׳פאַרשטייט זי ניט בשעת מעשה, נאָר דווקא שפּעטער. מ׳קען ערשט דעמאָלט דערזען דעם ווירקן פון ג־ט אין דעם געשיכטלעכן פּראָצעס. און וואָס שפּעטער, קען מען עס בעסער זען. „וראית את אחורי ופני לא יראו” — „דו וועסט מיך זען פון צוריקוועגס”, האָט ג־ט געזאָגט צו משה רבנו ווי אַ וועג צו דערקענען ג־ט. פריער קענסטו מיך ניט זען, דו מוזט מיר גלויבן. אָבער דערנאָך וועסטו מיך זען.

ווער קען זאָגן וואָס מיר דאַרפן טאָן? אפשר פעלט אונז רחמנות פאַר אַ וועלט וואָס ראַנגלט זיך, אפשר דאַרפן מיר בעטן פאַר דער וועלט. ס׳איז דאָ איין טאָג אין יאָר ראש השנה — ווען די גאַנצע וועלט ווערט גע׳משפּט; און אין אָט־דעם טאָג רעדט זיך אַרויס אונזער רחמנות און אחריות פאַר דער וועלט, וואָס איר שיקזאַל שטייט אויף דער וואָגשאָל אין יענעם טאָג — היינט איז יעדער טאָג ראש השנה.

דאָס איז דער געוואַלדיקער שינוי וואָס איז פאָרגעקומען אין אונזער צייט — אָבער מיר זעען אים ניט. און אויב מיר הויבן אים אָן צו זען דורך אַ שפּאַלט אין דער וואַנט — פאַרמאַכן מיר אים מיט עטוואָס וואָס מיר רופן „בטחון”. ווייל אויב ניט, וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט עפּעס טאָן, און מיר וואָלטן זיך ניט געקענט פילן אַזוי ווי „אין דער היים”. און בכלל וואָלט דאָס געשטערט אונזערע געשעפטן. ס׳וואָלט געקענט פּאַסירן, אַז מיר זאָלן דאַרפן איבערלאָזן אונזערע געוואוינטע וועגן און זיך שטעלן מתפלל זיין, בעטן ג־ט צו האָבן רחמנות אויף דער וועלט; ווי אברהם אבינו האָט זיך אַמאָל געשטעלט בעטן אַפילו פאַר די אנשי סדום — און אפשר וואַרט מען שוין אַ לאַנגע צייט אויף אונז, און צוליב דעם זיינען מיר דאָ. אָבער מיר הויבן ניט אויף אונזערע אויגן און קוקן זיך ניט אַרום, ווייל מיר ווילן זיך ווייטער שפּילן אין זאַמד.

אויפן וועג
צו ירושלים של מעלה

• ד״ר הלל זיידמאַן

**אַ באַזוך אין כפר חב״ד צו אַ יובילעאום פון 190 יאָר
זינט דער אַלטער רבי האָט אָנגעהויבן די חסידישע עליה**

אין געוויסע קרייזן ווערן היי־יאָר געפיי־ערט יובילעאומס אין שייכות מיט ארץ־ישראל. דאָס זאָל באַוויזן, אַז דאָס הייגטיקע איז נישט היינט געבוירן. ווען איך האָב באַ־זוכט כפר חב״ד, און האָב זיך דערמאָנט דערביי עפּעס וועגן די מעשׂים׳דיקע באַצי־אונגען פון ליובאַוויטש צו ארץ ישראל, בין איך צוגעקומען צו דער מסקנה:

אָט דאָס דאָרף, וואָס איז געגרינדעט קוים מיט 20 יאָר צוריק, האָט די ווייטסטע און טיפסטע וואָרצלען, פון אַלע ישובים אין ארץ ישראל. ווייל זייענדיק אין כפר חב״ד פאַריקן זומער, און דאָס יאָר איז געווען תשכ״ז, האָט אין מיין זכרון אַ בליץ געטאָן אַ דאַטע: תקל״ז!

190 יאָר דערנאָך...

ווייל הונדערט און ניינציק יאָר זיינען אָפּ־געפלאָסן זינט דער חסידישער עליה פון רבי מענדעלע וויטעבסקער, און זיינע תלמידים רבי ישראל פּאָלאָצקער און רבי אברהם קאַ־ליסקער, זצ״ל; אָן עליה, פון וועלכער דער אַלטער רבי זצ״ל, דער רב פון ליאַדי, איז געווען די באַזע און אָנשפּאַר. אָן דער דאָזי־קער באַזע און אָנשפּאַר וואָלט די דאָזיקע עליה נישט צושטאַנד געקומען לכתחילה, און נישט געקענט זיך האַלטן אין ארץ ישראל שפּעטער. דער אַלטער רבי, רבי שניאור זלמן מליאַדי, ב״ע, איז, נעמלעך, געווען דער רוקנביין און דער רוח החיים פון דער שטענדיקער, און לויט יענע צייטן, גאַנץ אָנזעעוודיקער שטיצע פאַר דעם דאָזיקן „ביי־עם ישוב״, — וואָס איז געווען באמת אַ חידוש, אַ וועג־דורכברעכער, און אַ יסוד, ביז — היינטיקן כפר חב״ד!

דער אַלטער רבי אַליין איז נישט געפאָרן קיין ארץ ישראל. ער איז געווען דער איינ־ציקער צווישן די צדיקים וואָס זיינען גע־בליבן אויף זייערע ערטער, וועלכער האָט באַגרינדעט זיין בלייבן. אין אַ בריוו צו רבי ישראל פּאָלאָצקער, ר׳ מענדעלעס תלמיד, שרייבט דער אַלטער רבי: „איך געדענק נאָך אין הויז פונעם רבי׳ן נשמתו עדן, (געמיינט דעם רבי׳ן ר׳ דובער, דער מעז־ריטשער מגיד), ווען מיר האָבן אַמאָל גע־רעדט וועגן דער נסיעה פון אונזער הייליקן רבי׳ן, דעם בעל שם טוב, זלה״ה (קיין א״י), אַז דער רבי האָט געזאָגט, אַז ס׳זיינען פאַראַן נשמות וואָס דאַרפן דווקא ארץ ישראל און ס׳זיינען פאַראַן נשמות וואָס דאַרפן דווקא חוץ לארץ״.

(ודכירנא עוד בבית אדמ״ו נ״ע, שפעם אחת דברנו מנסיעת רבנו הקדוש הבעש״ט זלה״ה [לא״י], ואמר אדמ״ו נ״ע, כי ישנן נשמות שצריכות דווקא ארץ ישראל וישנן נשמות הצריכות דווקא חו״ל. — „לקורות יחס חב״ד לא״י״, מאת הלל זידמן, ירו־שלים, תשכ״ג).

דער אַלטער רבי — דער כח פאַר דער חסידישער עליה

אין צוגאָב צו די טעמים בנסתר, ווייסן מיר, אַז בנגלה האָט דער אַלטער רבי גע־מוזט בלייבן אין חוץ לארץ. אויב נישט וואָלט די עליה נישט געהאַט קיין קיום. דער רבי איז געווען דער אָנשפּאַר פון חסידישן ישוב אין א״י, אין צוגאָב צו זיין צענטראַלער ראָליע פאַר הפצת חסידות. נאָך דער פּטירה פון רבי מענדעלע וויטעבסקער, האָט זיין נאָכפאָלגער אין א״י, רבי אברהם קאַליסקער, געשריבן אין תקמ״ט צו די חסידי בעש״ט און צו די חסידים פון אַלע זיינע תלמידים פאָלגנדיקן בריוו:

בעז״ה הלא עמכם כבוד רב חביב וחמדת

די תלמידים פון ישיבת „תומכי תמימים" אין כפר חב"ד

לבבי, הרב הגדול קדוש ה' מכובד הר ה', זה סיני, כבוד ק"ש מוה"ר שניאור זלמן נ"י, פלא יועץ, ומי בעל דברים יגש אליו והוא יראהו את מבוא העיר ואת כל הדרך, דרך ה', אליו תשמעו („פרי הארץ", ל"ב, ב').

די יסודות פון ליובאַוויטשער ישובים, ישיבות, מוסדות, וועלכע זיינען אַ סך און פאַרשידן, שטעקן טיף אין משנת חב"ד, אין וועלכער ארץ ישראל פאַרנעמט אַ צענטראַל אָרט.

די הויכע רעיונות און פאַרווירקלעכונג

דאָ וועלן מיר ריידן וועגן דעם „סולם מוצב ארצה", וועגן דער רעאַלער, ממשות'דיקער פאַרווירקלעכונג, און נישט וועגן הויכן „ראשו מגיע השמימה". וואָרום ווי אַלץ ביי ליובאַוויטש גייט נגלה און נסתר געפּאָרט. דאָס רעאַלע ווערט דערהויבן און דאָס הויכע ווערט דערנענטערט צום שכל. אָבער אויך דער אויבנאויפיקער „פּשוט'ער פשט" איז גאָרנישט פּשוט. ס'דאַכט זיך „ווי קען דען אַנדערש זיין?" אָבער דאָס אַזויווי נאַטירלעכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע איז דאָס בלויז ערשט ווען ס'ווערט אַרויסגעבראַכט פון די מקורות, ווי אַ פּועל־יוצא פון עמקות'דיקער פאַרטיפונג און גרינטלעכן דורכטראַכטן, — פונקט ווי דעם רבי'נס שליט"א, אַ וואָרט, אַ שיחה, אַ שמועס, אָדער אַ פּירוש צי אָפּטייטש.

כפר חב"ד איז דער רעאַלער, פּשוט'ער נגלה־אָפּטייטש, פון גאָר דערהויבענער התרוממות. כפר חב"ד איז איין נקודה פון דעם וועלט־אַרומנעמענדיקן היקף, וואָס איז כולל אַלע שטחים פון יהדות. אין כפר חב"ד גופא זעט איר אַן אָפּשפּיגלונג פון אַט־דעם היקף.

פון די טיפענישן

דער דאָזיקער ישוב באַגרענעצט זיך נישט צו איין געביט. אין צענטער פון כפר חב"ד, ווי פון חב"ד בכלל, שטייט, נאַטירלעך, לימוד התורה. דער לימוד, צוזאַמען מיט משנת חסידות, ווערט געלערנט אויפן ליובאַוויטשער שטייגער. אָבער, ווען איך האָב זיך איינגעהערט אין די לימודים האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס'קלינגט נאָך דערצו נאָך אַ טאָן. ער קומט פון די טיפענישן פון חסידות און פליסט אַרויס פון די מקורות, וועלכע האָבן געפירט צוריק מיט 190 יאָר צו דער עליה, וואָס איר גרעסטער באַוועג־כח און זיכערסטער יסוד איז געווען דער ערשטער פון די נשיאי חב"ד, ווי ס'איז היינט דער זיבעטער, ייבדל לחיים ארוכים.

די פיר ספּעציעלע סגולות פון דער ישיבה

די ישיבה „תומכי תמימים" איז געבענטשט מיט אַלע סגולות פון די דאָזיקע ישיבות. אָבער זי באַזיצט נאָך, אין צוגאָב צו זיי, פאָלגנדיקע פיר באַזונדערע אייגנשאַפטן:

ערשטנס, איז עס אַ צענטראַלע ישיבה. אַ ישיבה אַ משפּיעה אויך אויף אַנדערע. צווייטנס, שיינט אויף איר דער חן המקום על יושביו. פון איין זייט אַ געוויסע אָפּגעזונדערטקייט פון די שטראָמען און גערוישן פון דרויסן; פון דער צווייטער — דאָס אַריינגעפּאַסט זיין אין אַזאַ סביבה, — ווי אַ דימענט אין גאָלד — שאַפט די בעסטע אַטמאָספערע, דעם געזונטסטן קלימאַט, פאַר אַט־דעם לימוד התורה, וואָס ס'ווייזט זיך אין די רעזולטאַטן.

דריטנס, די ישיבה איז אַ באַזע פאַר יעדער דבר שבקדושה פון דעם, ווידעראַמאָל, היקפ'דיקן יפוצו מעיינותיך חוצה. ווען

ס׳זיינען געקומען די טעג פון דעם ניסים׳דיקן „ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה״ פשוטו כמשמעו; ווען די יונגע אידן זיינען אַרויס אויסשטרעקן זייער לעבן צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן פון אידישע מענער, פרויען און קינדער קעגן אַ נייעם אוישוויץ, און פלוצים איז זיי אויסגעוואַקסן פליגלען, וואָס האָט זיי דערהויבן איינצונעמען דעם כותל מערבי, — דעמאָלט איז, אויף דער פקודה פונעם רבי׳ן, שליט״א, געקומען דער גייסטיקער „ופרצת״, וואָס איינער פון זיינע אויסדרוקן איז געווען דאָס ברענגען פיל אידן, ווייטערע, — צו הנחת תפילין ביים כותל, און אויף די וועגן און באַנען פון ארץ ישראל. די הויפּט־טוער זיינען דאָ געווען די תלמידים פון דער ישיבה אין כפר חב״ד.

פון וואַנען קומען זיי, און וואָס איז פון זיי געוואָרן?

פערטנס, — מי ילד לי כל אלה? פונוואַנען קומען אָט־די אַלע איידעלע, טייערע, נאָבעלע יונגע מענטשן, וואָס דאָס אצילות איז זיי אויסגעגאָסן אויף די פנים׳ער? איך האָב געפרעגט די פראַגע, און באַקומען אַן ענטפער, אַ חוץ דעם באַגעגענען דאָרט איין תלמיד, התמים צבי עלפּענביין, מיינס אַ קרוב — וועלכער איז שוין דאָס פערטע דור פון זיין משפחה, וואָס איז מיר באַקאַנט.

ווען ס׳האָט מיך געפרעגט אַ פירער פון לאַנד ווי ס׳געפעלט מיר די בנינים וואָס ליובאַוויטש האָט אויפגעבויט — האָב איך געענטפערט מיט אַ פראַגע, ווי ס׳איז דער אידישער שטייגער: וועלכע בנינים מיינט איר? די פּרעכטיקע בנינים פאַר דער שול, מיט דער הילף פון סער אייזאַק וואָלפסאָן, פון די ישיבות, פון דער תלמוד־תורה, צי „בית רבקה״ מידל־שולע, די פאַך־שולן; אָדער מיינט איר די אידישע **מענטשן**, וואָס ליובאַוויטש האָט דאָ אויפגעבויט, די **הערצער** וואָס זיינען איבערגעבויט געוואָרן?

נישטאָ דאָרט קיין מחיצה צווישן תורה ותפילה און צווישן אַנדערע מעשים טובים. אַלע זיינען אין המשך. אַלע בילדן די האַרמאָנישע שיטה פון ליובאַוויטש אין פאַרווירקלעכונג, אין ברייטסטן היקף, ווי געזאָגט.

דער דאָזיקער פאַרשידנאַרטיקער היקף נעמט אויך אַרום די פאַרשידענע עקאָנאָמישע צווייגן. דאָ האָט איר אַ שולע פאַר דרוקעריי־אַרבעט, אַן אַנדערע פאַר טישלעריי, אַ דריטע פאַר שלאָסעריי. אין צוגאָב, אַן אַגריקולטור־שולע, ווייל דער ישוב איז אין תוך אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער. מ׳באַאַרבעט די ערד, מ׳אַקערט און מ׳זייט, און מ׳שניידט אויך. און נישט בלויז די תבואות פון פעלד, נאָר אויך די פּראָדוקציע פון די בתי ספר למלאכה־וואַרשטאַטן.

ס׳וואָלט ווייט פאַרפירט צו דערמאָנען **ווער און פון וואַנען** קומען די תושבים פון כפר חב״ד. איך וויל בלויז מרמז זיין מיט איין זאַץ דעם „פון וואַנען״: מצרה לרווחה ומאפילה לאור גדול, וד״ל.

די מלאכה־שולן זיינען אַ שליחות

די מלאכה־שולן זיינען נישט בלויז טעאָרעטיש. לערנענדיק פּראָדוצירן זיי. ס׳ווערן אַרויסגעגעבן פּרעכטיקע אַרבעטן. זיי ברענגען אַ חוץ הכנסה, אי רעספּעקט, ביי אַנדערע, און זעלבסט־רעספּעקט; אי סאַטיספאַקציע, וואָס ס׳גיט יעדע ערלעכע פּראָפעסיע. אויף דעם באַגרינדעט דאָך די גמרא די הלכה: חזקה אין אומן מתרע אומנתיה, אַ פאַכמאַן מאַכט נישט קאַליע זיין אַרבעט.

ווייל ווען איר קוקט זי צו צו **דעם** סאָרט מלאכה זעט איר דעם פילאָלאָגישן שורש פון אַ מענטשנס פאַך אַלס זיין שליחות, וואָס ער דערפילט פאַר תיקון העולם, „כי לא לתוהו בראה — לשבת יצרה״. אין דער וועלט איז לכתחילה איינגעבויט דעם מענטשנס שאַפערישע ראָליע אַלס שותף למעשה בראשית, יעדער לויט זיין קענען און כשרון. מיר מיינען דאָ די וואָרצל־ענלעכקייט פון „מלאכה — מלאך״, אין לשון קודש; „פּראָפעסיע — פּראָפעט״, „באַרוף — באַרופונג״, אין אַנדערע שפּראַכן. אין די בתי ספר למלאכה ווערט דאָס שליחות אַ ווירקלעכקייט, מיט אַ צוגאָב פון אַ העכערן זין און העכערע שליחות, וואָס ס׳דערפילט דער דאָזיקער ישוב פאַר זיך, און פאַרן רעליגיעזן ישוב אין ארץ־ישראל בכלל.

די ליניע איז אַ קוו החיבור פון נייעם צום אַלטן

דאָס סימבאָליזירט אויך דער פאַקט וואָס כפר חב״ד געפינט זיך אויפן וועג פון תל־אביב קיין ירושלים. די באַן־ליניע וואָס פירט פון איינער פון די דאָזיקע שטעט צו דער אַנדערער, איז, ווען זי גייט דורך כפר חב״ד, אַ קוו החיבור, אַ פאַרבינדונגס־ליניע צווישן דעם וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פאַר די גרעסטע אידישע שטאָט, און צווישן דעם, וואָס עס מיינט מיט זיך די הייליקסטע אידישע שטאָט. די ליניע אין איר דורכגיין דורך כפר חב״ד פירט צו ירושלים של מעלה.

ר׳ זבולון דער ליים־גרעבער

● דוב ראַוויסקי

אין צפון זייט פון סאַמאַרקאַנד שטייט אַ באַרג און ביי זיין צופוסנס פליסט אַ שטורמיש קליין טייכל. דער גרויסער באַרג גופא איז תמיד איינגעהילט אין אַ מין חשיבות׳דיקער שווייגעניש — ווי ער וואָלט תמיד אָנגעשטעלט זיין געהער צום געשעפטש פון פאַרביילויפנדיקע וואַסערן. און זיי, די ביינלעכע וואַסערן, האָבן מיט איילנדיקע כוואַליעלעך און קרייזעלעך אַרויסגעמורמלט סודות פון ווייטע ווייטקייטן; פון די בערג וואָס טוליען זיך צום הימל אין האָריזאָנט. דאָרטן, אויפן שויס פון די מרחקים־בערג, האָבן די יונגינקע שטראָמעלעך זיך אָנגעזאַפּט מיט אור־אַלטע געהיימקייטן פון די בערגיקע קוואַלן און האָבן זיי איבערדערציילט אָט־דעם עלנטן באַרג־ברודער אַרום סאַמאַרקאַנד.

אָבער אויך דער דאָזיקער באַרג האָט געהאַט אַ סך סודות׳דיקע פּאַסירונגען. און איין מעשה וואָס דער באַרג האָט „איבערגעלעבט״, האָט מיר אַן אַלטער בוכאַרער איד דערציילט. מיר זיינען געזעסן ביים ברעג טייכל, וואו דער אַלטער האָט געטונקט, געקילט זיינע פאַרליימיקטע פיס. דער וואָגן מיטן ליים איז געשטאַנען דערביי. דאָס אַלטינקע אייזעלע מיטן אויסגעקראָכענעם טונקל־גרויען פעל האָט הכנעה׳דיק געהאַלטן דעם גרויסן קאָפּ צו דער ערד. זיינע דינע פיס זיינען ווי שטעקלעך געווען איינגעשפּאַרט אין דעם שיטערן גראָז ביים ברעג טייכל און זיינע לאַנגע אויערן זיינען געהאָנגען פול מיט געפאַלנקייט — און אפשר האָט דאָס אייזעלע זיך אַזוי צוגעהערט צו די מעשיות פון זיין באַלעבאָס?

— זעסט אָט־דעם גרויסן גרוב אין האַרץ פון באַרג? — האָט דער אַלטער אָנגעהויבן דערציילן — פון דאָרטן נעמען מיר, די פּאָר אידישע ליים־גרעבער, דעם בעסטן ליים פאַר די אויוונס. אין דעם באַרג איז פאַרבאָרגן דאָס ליים וואָס איז שיין ווי גאָלד, שטאַרק ווי אייזן און לאָזט זיך קנעטן ווי אַ טייג פון ווייצן־מעל. פון פּרס ביז דעם גרויסן טייך געפינט מען ניט אַזאַ ליים! אָבער גיב נאָר אַ הויב דיינע אויגן און קוק: וויפל בני־אדם גראָבן דאָרט ליים? נאָר דריי מענטשן! און אַלע אידן! ווועסטו באַלד פרעגן: און פאַרוואָס נעמען ניט דאָ קיין ליים די בני־ישמעאל (די אוזבעקן)?

— דער אַלטער בוכאַרער צעשמייכלט זיך מיט גרויס הנאה, פאַרזשמורעט די פינקלדיקע אייגעלעך און זאָגט מיט אַ לעבעדיקן טאָן — אַ שבועה וועל איך געבן אַז דאָס איז ניט מחמת אהבה צו די בני־ישראל! זיי האָבן מורא פאַרן באַרג! זיי ציטערן צו פאַרלירן דאָס לעבן אינעם ליים. נאָך פון אַמאָליקע יאָרן שטאַמט דער פחד, פון יענער צייט ווען מיין זיידע איז געווען נאָך אַ זויג־קינד האָט דער באַרג אָנגעוואָרפן זיין פאָרכט אויף די איינגעזעסענע בני־ישמעאל פון סאַמאַרקאַנד.

דער בוכאַרער האָט פון בוזעם אַרויסגע־

שלעפּט אַ טונקל־ברוינע גלאַנציקע באַרנע־פושקעלע, אַריינגעטרייסלט פון דאָרט אויף דער דלאָניע אַ הייפעלע טאַבאַק־מעל און עס קונציק אַריינגעשאָטן אונטער דער צונג. ווען מיין בליק איז געפאַלן אויף דער טאַבאַק־באַרנע, האָט ער אַ מורמל געטאָן: „אַ ירושה פון מיין זיידן מנחם, נשמתו במרומים”. אַ ווייל האָט ער הנאה׳דיק אַריינגעזויגט מיטן גומען די שאַרפקייט, זיך פאַרקוקט אויפן שפיץ באַרג און אַ זאָג געטאָן מיט זינגעוודיקע ווערטער: — האָסטו אַ ווילן צו הערן די וואונדערלעכע מעשה?... מיין אויג האָט באַלד דערבליקט אַז דו וועסט הערן און פאַרשטיין דעם פלא פון אַמאָל. אַך, היינטיקע דורות! אָט־די יונגע אידן פון דער שטאָט וואַרפן אַ ספק אין דעם. אַנדערע לאַכן זיך אויס. אָבער ווען איך פרעג זיי: אויב ס׳איז שקר — טאָ פאַרוואָס פילן די אוזבעקן פחד־מיתה ווען זיי דערנענטערן זיך צום ליים פון באַרג? איז חוצפה היינט די הערשערין אין זייערע הערצער און די קעפ זיינען נעסטן פון ווילדע מחשבות. רייד פון שכל און אמת איז אויף זיי ניט שולט.

אָבער דיין פנים זאָגט אמת און יושר — וועל איך דיר דערציילן מיט שמחה. מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט קיינער ניט געוואוסט, אַז דער באַרג פאַרמאָגט אַזאַ גוטן ליים. ער איז געווען פאַרדעקט מיט ווילד־גראָז און פאַר׳חתמ׳עט זיין איינגעווייד. בלויז שעפסן האָבן געקלעטערט און געצופט די געוויקסן פון באַרג. איז אין אַ פרילינג־טאָג אָנגעקומען אין סאַמאַרקאַנד אַ יהודי פון אַ וויטן לאַנד — לויטן אויסזען פון בבל אָדער סוריא. זיין פנים האָט געלויכטן פון חסד און קדושה. און כאָטש זיינע האָר האָבן געהאַט די ווייסקייט פון די שנייאיקע בערג, האָט ער גענומען זיך צו דער מלאכה פון גראָבן ליים. ווינציק ליים איז אַרום שטאָט? אָבער ר׳ זבולון — אַזוי איז געווען דער נאָמען פון דעם קדוש וטהור — האָט ניט געוואָלט אָנרירן די ערטער וואו אַלע האָבן גענומען. איז ער אין אַ פאַרטאָג געקומען צו אָט־דעם באַרג און באַלד געגראָבן די גאָלדענע ליים. ער האָט געקויפט אַן אייזל מיט אַן „אַרבאַ” (אַ צוויי־רעדערדיקער וואָגן) און האָט אַלע טאָג געבראַכט צוויי וועגלעך ליים אין שטאָט אַריין. צוויי און ניט מער.

ווי אַ בליץ איז אין שטאָט דורכגעפלויגן די ידיעה, אַז דאָס ליים פון זבולון איז דאָס בעסטע וואָס אַ מענטש האָט געחלומ׳ט. פון דעם ליים זיינען די געברענטע קרוגן שיין און לויטער ווי זהב טהור, די ציגל פון דעם ליים האָבן די פאַרב פון רויטן פייער און די אויוונס אויסגעקלעפּט פונעם ליים באַקן די געשמאַקסטע „ליפיאָשקעס” (פלעצלעך) און מצות. האָבן אַלע, אידן און ניט־אידן, להבדיל, געזוכט נאָר זבולונ׳ס ליים.

מען האָט געזען קלאָר, אַז ג־ט׳ס ברכה רוט אויף זבולונ׳ס סחורה. אַלע ליים־גרעבער האָבן גאָר גיך גענומען רייסן שטיקער פון דעם זעלבן באַרג — אָבער זייער ליים איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גוט ווי זבולונ׳ס. איז אין זייער האַרץ אַריין די גיפט פון קנאה. אָבער די מערסטע פון זיי האָבן געציטערט צו פאַרטשעפּען אַ האָר פון זבולון דעם ג־טלעכן מאַן. יאָ, זיכער איז ער געווען אַ הייליקער. און גרויס אין תורה איז ער געווען. די חשובים פון שטאָט האָבן פיל מאָל אים געפאַלן צו די פיס מיט תחנונים: זיי גאַרן צו האָבן דעם זכות ער זאָל ווערן דער חכם אין שטאָט. אָבער ער האָט ניט געוואָלט הערן. קיין ילוד אשה האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. נאָר דעם זיידנס טאַטן האָט ער איינמאָל אַנטפּלעקט: ער, זבולון, האָט געגעבן אַ וואָרט צו זיין פאָטער, ז״ל, צו געניסן בלויז פון יגיע־כפּים, פון אויסגעהאָרעוועט ברויט. אָבער סייווי האָבן אחינו בני ישראל אים אַרומגערינגלט און קראַנקע, פאַרשטויסענע האָבן געזוכט זיין ברכה. אלמנות און יתומים האָבן אים אַנטבלויזט זייערע וויסטע הערצער. און זיינע אַ בענטשונג איז געווען די הילף פון אַ צדיק, פון אַ נביא. אָבער קיין פרוטה האָט ער ניט גענומען.

דריי יאָר האָט זיין ליכט געשיינט אין שטאָט. אַ האַלבן טאָג האָט ער געפירט ליים. דעם צווייטן האַלבן טאָג האָבן צעבראָכענע נפשות זיך געקליבן ביי זיין שוועל. זיין שטיבל איז געשטאַנען טאַקע דאָ ניט וויט, אַרום באַרג. און אַ ברייטער וועג האָט זיך אויסגעטראָטן פון דאַנען ביז צו דער שטאָט. אָט־די אַלע חורבות וואָס דו זעסט זיינען רעשטלעך פון אַ סך הייזער וואָס זיינען דאָ אויפגעקומען דאַן. מען האָט דערציילט, אַז דאָ, אַרום באַרג, האָבן די וויינגערטנער אין זבולונ׳ס זכות געגעבן טרויבן גרויס ווי מילגרוימען און זיס ווי האָניק, די שעפסן וואָס האָבן זיך דאָ געפיטערט האָבן קוים געשלעפּט די גרויסע אָנגעגאָסענע „קורדיוקעס” (די „אליי”־פעטס); אַפילו דאָס בייזע טייכל האָט זיך גענומען אויסברייטערן און אָנגעטרונקען מיט בענטשונג די אַרומיקע פעלדער.

ר׳ זבולון האָט קיין בני־בית ניט געהאַט. ווער ווייס די דרכים פון אַ צדיק? און אפשר האָבן די צוויגן פון אָט יענעם הייליקן בוים זיך געפונען אין יענע מקומות אַרום ארץ ישראל? אַ געהיימקייט. איז געבליבן אַ פאַרזיגלטער סוד. איז זבולון

אין די נעכט געזעסן אין שטיבל און געלערנט די הייליקסטע ספרים. ווייט־ווייט האָט דאָס פענסטערל פון זיין „קיביטקע" געשיינט אין פינסטערע נעכט; און אידישע נשמות האָבן געקוקט אויף דעם ליכט און געלויבט דעם באַשעפער.

אַ טאָג איז אַוועק און אַ טאָג איז געקומען — און ר׳ זבולונ׳ס שם טוב האָט זיך, ווי שטראַלן פון שמש, צעשפּרייט ווייט־ווייט ביז פערגאַנאַ און בוכאַראַ. אין זיין טיר האָבן געקלאַפּט קראַנקע און אָרעמע — און זייער מחנה האָט געמערט פון טאָג צו טאָג, און מענטשלעכע מיילער זיינען געווען מיט וואונדער פון אים: ניט נאָר הייליקע ברכות זיינען אַרויס פון זיינע ליפּן, נאָר אויך כסף וזהב! ווי בוימל אויף וואַסער איז אַרויס דער סוד, וואָס ר׳ זבולון האָט פריער געוואָלט פאַרהוילן. און אַ מאַן האָט זיין פריינט דערציילט, אַז ר׳ זבולון טיילט די עניים מטבעות, זילבערנע און אַפילו גאָלדענע! פון וואַנען האָט ר׳ זבולון געהאַט דאָס געלט? מענטשן מיט צדק האָבן געזאָגט: למאי נפקא־מינה פון וואַנען ער נעמט דאָס געלט — פון הימל אָדער פון דער ערד? עס איז אַ ישועה פון הימל און מ׳דאַרף דאַנקען דעם בורא עולם פאַר אים!

אָבער די חכמים פון גאָר אַלטע צייטן האָבן געשריבן, אַז אַ צדיק ווערט צוגענומען פאַר די זינד פון זיין דור. די מענער פון סאַמאַרקאַנד זיינען געווען זינדיק, גאָר זינדיק! פון מענטשלעכע מיילער האָבן גענומען רינען רייד געמישט מיט גיפט־טראָפּנס. ווי די שלענג און עקדישן וואָס פויזען אַרויס פון פינסטערע לעכער — אַזוי האָבן זיי זיך גענומען אַרויסרוקן פון די ווינקלען פול מיט חשדים און שקרים, אַז ר׳ זבולון האָט צו טאָן רחמנא־ליצלן מיט די טמא׳דיקע מזיקים, די האַלב־מאַן־און־האַלב־מלאך ברואים וואָס קומען ביינאַכט פון תהום, און אַז דאָס געלט איז פאַר׳כישופ׳ט און ער פאַרציט מענטשן אין זיין נעץ; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ר׳ זבולון איז פאַרבונדן מיט אַכמור דאראל — דער גרעסטער גזלן וואָס האָט געהערשט אויף די וועגן צווישן די שטעט פון אוזבעקיסטאַן און טאַדזשיקסטאַן; און נאָך אַזעלכע דמיונות און בלבולים.

האָבן צוויי אוזבעקישע ליים־גרעבער זיך געלאָזט פאַרפירן פון די אומווירדיקע רייד און פון זייער איינגעגעסענער קנאה צו אים. וואָרעם זיין ליים־גראָבן האָט ר׳ זבולון ניט אָפּגעלאָזט ביזן לעצטן טאָג — און פאַר זיינס אַ שטיקל ליים האָבן מענטשן געוואַרט וואָכן און חדשים. יאָ, יאָ, מ׳האָט אים געוואָלט צאָלן פינף מאָל אַזויפיל ווי דער מקח — אָבער ער האָט קיין איין פרוטה מער ניט געוואָלט נעמען!

ויהי היום — און די קנאה און רציחה האָט אָנגעפילט זייערע הערצער ביז די ברעגן, און דער עיקר — די תאוה צו דעם אוצר פון מטבעות וואָס ליגט באַגראָבן אין זיין שטיבל. האָבן די צוויי ליים־גרעבער אָנגעשאַרפט זייערע מעסערס, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט שטאַרקע שטריק און פאַרשטעקט אַ זאַק ביי די לענדן. אַ זייער פינסטערע נאַכט האָבן זיי אויסגעקליבן. קיין לעבעדיקע זאַך איז אין דרויסן ניט געווען — און מיט טריט פון אַ חי׳ רעה, פון אַ נמר, האָבן זיי זיך צוגעשאַרט צו ר׳ זבולונ׳ס שטיבל...

דעם אַלטנס שטימע איז געוואָרן טיפער, ציטערדיקער און זיינע אויגן האָבן זיך צעגליט. ער האָט געוואָלט אַרויסנעמען פון בוזעם די טאַבאַק־באַרנע, אָבער באַלד חרטה־געהאַט, גלייך ווי אַפילו דאָס באַליבטע טאַבאַק־זויגעניש וואָלט אים איצט געשטערט זיין פאַרשאַרפטן געמיט. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ און אַ זאָג געטאָן מער צו זיך אַליין: „אבל אשמים אנחנו" (אָבער שולדיק זיינען מיר)...

— נו, וואָס דאָרט אין שטיבל איז ממש געשען איז געבליבן פאַרהוילן לעולם ועד. אַזוי ווי ער איז געקומען, ר׳ זבולון, פאַרבאָרגענערהייט — ממש אַזוי איז ער אַוועק אין אַ געהיימען שלייער פון די זינדיקע באַשעפענישן. דער גרעסטער חכם האָט ניט פאַרשטאַנען דעם סוד פון דעם אומגעווייגלעכן צדיק וקדוש ר׳ זבולון! מ׳האָט זיין קערפּער אין ערגעץ ניט געפונען; מ׳האָט אויך קיין שפּור פון בלוט ניט געפונען אין דער שטיבל־חורבה. איז ער פון די גזלנים אַוועק אַ לעבעדיקער דורך אַ שם, אַ נס? האָבן זיי אים ערגעץ פאַרגראָבן? נאָר אין הימל האָט מען עס געוואוסט.

אָבער דער זיידע האָט געטראַכט, אַז ר׳ זבולון איז יענע נאַכט אַוועק אין הימל, וואָרום די נאַכט איז ניט געווען ווי אַלע נעכט. אַ משונה־מורא־נאַכט! ממש אַלע אייזלען האָבן פּלוצים זיך צעהירזשעט מיט קולי־קולות; און די הינט האָבן געבילט מיט איין יללה־קול; אַפילו די קעץ אין די הויפן האָבן געוויינט ווי אין גרויסן הספד — עפּעס פּונקט ווי אַלע ג־ט׳ס ברואים וואָלטן זיך פאַרזאַמלט אין אַן אבל־הויז! שרעקלעך איז געווען די נאַכט! ווייל נאָך דעם געוויין פון לעבעדיקע חיות האָט אַ שטאַרקע ערד־ציטערניש אַ טרייסל געטאָן די גאַנצע שטאָט און אַרום. הייזער זיינען געפאַלן, „כאַאוזן" (וואַסער־באַסיינען) האָבן זיך איבערגעגאָסן, וויינגערטנער זיינען אויסגעריסן געוואָרן — און דער גרויסער „מע־

טשעט" אַנקעגן דעם באַרג האָט זיך צעשאָטן אויף זאַמד. אויך ר׳ זבולונ׳ס שטיבל איז איינגעפאַלן. אַך, יאָרן־יאָרן האָבן מענטשן געטראָגן אין זכרון דעם ג־טלעכן צאָרן פון יענער נאַכט...

דו הער אָבער דעם סוף פון די צוויי ליים־גרעבער — דאָ זעט מען ערשט די „האַנט" פון יושב בשמים, וואָס שטראָפט דעם רצחן. ווערסטו אויך פאַרשטיין פאַרוואָס די בני־ישמעאל האָבן עד־היום־הזה מורא צו גראָבן ליים פון אָט־דעם באַרג. איינער פון זיי האָט גיך „באַצאָלט": אויפן צווייטן טאָג האָט ער געגראָבן ליים — אין ר׳ זבולונ׳ס ליים־גרוב — און איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט ליים. ווי אַ האָגל האָט פון אַלע זייטן גענומען פאַלן, שיטן מיט שטיקער ליים — זיינען די אַלע ליים־גרעבער זיך צעלאָפן מיט געשרייען און האָבן דעם געזונקענעם ליים־גרעבער קיינמאָל ניט געפּרוּווט אַפילו אויסגראָבן... כן יאבדו!

אָבער דער צווייטער — דאָס איז ניט פאַרן שכל האדם צו פאַרשטיין, ג־ט׳ס חשבונות זיינען אַזוי הויך און פאַרהוילן, יהי שם ה׳ מבורך! הער — און זאָל דיין האַרץ קוועלן פון די נפלאות אין יענע טעג. דער צווייטער ליים־גרעבער, חאַכילוף, האָט זיך אָפּגעמוטשעט פינף חדשים. ער פלעגט אַרומלויפן פון איין „טשאַיכאַנאַ" אין אַ צווייטער און פון זיינע אייגענע ווערטער האָט מען איבערדערציילט דאָס וואָס דו וועסט באַלד הערן פון מיר.

ווען זיי זיינען אַריין אין ר׳ זבולונ׳ס שטיבל, איז ר׳ זבולון געזעסן ביי אַ גרויסן ספר און דאָס לעמפּעלע האָט באַשיינט זיין געזיכט און די בלעטער פון ספר. חאַכילוף האָט אויפגעהויבן דעם שאַרפן מעסער — און אין דער סעקונדע האָבן צוויי אויגן זיך אָנגעשטעלט אויף אים און אַ לאַנגער, דראָענדיקער פינגער האָט זיך אויפגעהויבן אַנקעגן אים. די צוויי אויגן האָבן ווי בליצן אַריינגעברענט אין מוח — און ער געדענקט גאָרניט וואָס שפּעטער האָט פּאַסירט; און דער פינגער — אַ שאַרפער, אַן אָנגעשטעלטער — האָט זיך שוין פון אים ניט אָפּגעטאָן.

ווען ער איז אין יענער נאַכט אַהיימגעקומען, און זיך געלייגט אונטער דער קאָלדרע מיט פאַרמאַכטע אויגן — איז אין מיטן דער פינסטערניש אויסגעהוילט געוואָרן אַ בלייכער העלער פלעק און אין מיטן פלעק, אַ טונקעלער, דראָענדיקער פינגער. אַהינטער די אויגן־דעקלעך איז דאָס זעעניש אַריין, אָדער אין סאַמע מוח־מאַרך. אַזוי אַלע ווילע. ווען ער איז אין אַנגסטן איינגעשלאָפן — איז עס געווען אין חלום אַ מורא׳דיקע לאַנגע שורה פון באַוועגלעכע דראָאונגס־פינגער, וואָס האָבן געזשומעט און געשוואומען אים צום סאַמע אויג. ווען ער איז אַ באַגאָסענער מיט שווייס שוין געלעגן וואַך און די זון האָט געשיינט און אַרום איז אַלץ ווי נעכטן־אייערנעכטן — און פּתאום ויבא: אין דער זעלבער פענסטער וואו דער ליכטיקער זון־קיילעך האָט געשיינט, האָט זיך באַוויזן אַ קליין, טונקל פינטעלע. געוואָרן גרעסער, גרעסער און אַ טונקעלער שאָטן האָט באַדעקט די שויב. געוואָרן טונקעלער, טונקעלער און געבליבן אַ שטיק באַוועגלעכע שוואַרצקייט אין מיטן ליכטיקייט און אין מיטן שוואַרצן פלעק אַ ווייסער פינגער אַ דראָענדיקער... ר׳ זבולונ׳ס פינגער!

און אַזוי אַלע שעה און אַזוי אַלע טאָג. איז ער געלאָפן אין אַלע מעטשעטן, געקושט די הענט און פיס פון אַלע איסלאַמישע גייסטלעכע; געפאַסט, זיך גע׳טובל׳ט און געפייניקט — אָבער אָן הילף! געלאָפן צום שופט — זאָל ער אים משפט׳ן — אפשר וועט ער אויסגעלייזט ווערן פון דעם פינגער. אָבער דער שופט האָט אים בלויז געהייסן גוט שמייסן מיט גרינע ריטער און אַרויסוואַרפן. האָט ער טאָג און נאַכט געוואַנדערט פון איין טשאַיכאַנאַ צו דער צווייטער, געזוכט עצות פון פריינט, געשריגן מיט משוגענע קולות און זיך געקייקלט איבער די קאַרפּעטן — ווען דער „פינגער" פלעגט זיך באַווייזן איבער די וואַסערן פון „כאַאוז" אָדער אַפילו אין דער פּאַרע פון קאָכיקן טיי.

יאָ, יאָ, אַלע האָבן געזען דערין דעם „אצבע אלקים". עטלעכע חדשים האָט אָט־דער ליים־גרעבער זיך געמאַטערט — און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים געפונען אַ דערטרונקענעם אין דעם־אָ טייכל. כן יאבדו כל הרשעים. און קיינער האָט ניט געוואוסט, צי ער האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן, אָדער... ווער קען זיך משער זיין די הימלישע שטראָף?

אַנדערע ליים־גרעבער, פון די בני־ישמעאל, האָבן שפּעטער געפּרוּווט ווידער גראָבן פון אָט־דעם באַרג. אָבער זיי האָבן ניט מצליח געווען: איינער האָט אָנגעלייגט אַן „אַרבאַ" מיט ליים — און דער אייזל האָט ניט געוואָלט גיין. דער בעל־הבית האָט דעם אייזל געשלאָגן מכות רצח, ביז פון דעם בעל־חי האָט געשפּריצט מיט דם — אָבער ער איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, אָט ווי אָט־דער באַרג. אַ צווייטער האָט געהאַט אַן אַנדער עונש: די אַלע אָפּגעברענטע קרוגן פון זיין ליים האָבן געקראָגן לעכער — און געזאָגט האָט מען, אַז די לעכער זיינען געווען פונקט ווי דורכגעלעכערט מיט אַ פינגער... ביי אַנדערע

איז דאָס ליים פול געוואָרן מיט שטיינדלעך...

דו הערסט, נאָר דאָס ליים וואָס אחינו בני ישראל האָבן פון דעם באַרג געגראָבן, איז געווען גוט און ריין, ווי אַמאָל! און צוביסלעך, צוביסלעך זיינען ביים באַרג געבליבן נאָר די יהודישע ליים־גרעבער, זעסט ווי דאָ איז לײדיק און שטיל!...

מיין בוכאַרישער דערציילער האָט פאַרגלאָצט מיט די אויגן, צוגעשאָקלט דעם קאָפּ מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט עס אַלץ באַרעכטיקט און גלייכצייטיק באַדויערט. אַרויסגעשלעפּט די טאַבאַק־פּושקעלע, אָנגעקלאַפּט אין בייכיקן ווענטל, ווי ער וואָלט גענומען רשות אַרויסצושיטן פון דאָרט אַ הייפעלע טאַבאַק־מעל.

דאָס טיכל האָט „ווידער” גענומען רוישן און ווי איינגעשלונגען די וואונדער־מעשה׳לע פון אַלטן בוכאַרער און אַוועקגעטראָגן אויף די כוואַליעלעך אין מרחקי תבל.

דער אידישער „היפּי” / המשך פון זייט ט׳

ר״ל פירן צו אַזעלכע רעוואָלוציעס. מען מוז די אידישע קינדער אויפהאָדעווען מיט אַ כשר׳ן און אויסגעהאַלטענעם חינוך; אַז אידישע קינדער זאָלן שטרעבן אויסצופירן דעם רצון אלקים אַנשטאָט דעם אייגענעם רצון. מען מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל קומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז דאָ בלויז איין דרך הישר און אַז דאָס איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן מען קען פירן אַ אידיש קינד. און אויב אַפילו מען וועט זאָגן, אַז ס׳איז ניט גענוג מאָדערן, אַז די וועלט בייט זיך — דאַרף מען נאָר אַ בליק טאָן אויף דער דאָזיקער געביטענער וועלט, אויף די מאָדערנע מאָדעס פון גריניטש ווילעדזש און סאַן פראַנציסקאָ. זיי וועלן שוין דאָס פאַרענטפערן.

און וועגן די אידישע „היפּיס” אַליין — און די אַלע אַנדערע אידישע סטודענטן בכלל — ווי זאָל מען צו זיי צוטרעטן?

די בעסטע לערער זייערע קענען זיין אונזערע יונגע חסידים. וואָרום אויך זיי זיינען דאָך רעוואָלוציאָנערן — און גלויבט יאָ אָדער ניט, זיי פּראָטעסטירן אויך קעגן די זעלבע פאַלשקייטן, אומגערעכטיקייט און מאַטעריאַליזם; און אויך זיי שטרעבן צו שלום און אהבה און אמת. אָבער די חסידים קענען לערנען ווי אַזוי צו קעמפן און ווי אַזוי צו שטרעבן: מיט ביטול און דיסציפּלין — ניט מיט הפקרות. מיט תורה און מיט לערנען — ניט מיט פּוסטקייט. מיט געדולד און יראת שמים — ניט מיט ליידיקן סימבאָליזם. מיט נשמה׳דיקער דבקות און התלהבות — ניט מיט דראָגס. אַז אידישע נשמות צאַפּלען זיך און בעטן הילף, מוז מען זיך אַ קער טאָן צו זיי. דערויף זיינען מיר דאָך באַשאַפן געוואָרן מיט אַ געמיינזאַמער כלל־ישראל אחריות. מיר זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן. ווייל „אב אחד לכולנו!”

צו אַלע לייענער פון „די אידישע היים”

ווייסט איר די וויכטיקייט פון מצות תפילין? ווייסט איר אַז אויך פרויען קענען האָבן אַ חלק אין מצות תפילין — דורך באַווירקן און געבן די מעגלעכקייט מענער מקיים זיין די מצוה? נעמט איר אַן אַקטיוון חלק צו שטאַרקן דעם קיום פון דער מצוה צווישן אידן; אַז וואָס מער אידן זאָלן מקיים זיין און האָבן דעם זכות פון מצות תפילין?

דער רבי שליט״א לייגט אַריין די גרעסטע כוחות אין אָט דער אַרבעט וואָס האָט שוין צוגעבראַכט דערצו אַז נאָך הונדערטער טויזנטער אידן, כן ירבו, זיינען געוואָרן מניחי תפילין.

העלפט פאַרזיכערן דעם קיום פון אידן וואו זיי זאָלן ניט זיין!

זייט מקרב וואָס מער אידן צו אונזער פאָטער אין הימל!

יעדע איינציקע פעולה אין אָט דער ריכטונג וועט מקרב זיין די גאולה שלימה פאַר דעם כלל ישראל!

קאָמיטעט פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון מצות תפילין
פון נשי ובנות חב״ד

ב"ה

די אידישע היים

אדר־ניסן ה'ת...ח, באנד ט, נומער 4 (35)
קאונסיל נשי ובנות חב"ד
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

„מים שלנו" און — אמונת חכמים

אונזערע חכמים ז"ל דערציילן אין גמרא, אַז דער אמורא רב מתנה האָט אַמאָל פאַר פסח געָ'דרש'נט פאַר די מענטשן פון אָרט פפוניא און האָט זיי געזאָגט דעם דין, אַז די מצה־טייג דאַרף געקנאָטן ווערן אין „מים שלנו" — וואַסער וואָס האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ כלי — נאָכדעם ווי מ'האָט זיי אָנגעשעפּט פאַרנאַכט פון קוואַל. דאָס וואָרט ‚שלנו' אין לשון קודש האָט אָבער נאָך אַ טייטש: אונזערע. ווען רב מתנה האָט געזאָגט אַז מ'דאַרף צו די מצות „מים שלנו", האָבן די פפוניא־מענטשן געדענקט, אַז רב מתנה מיינט אונזער וואַסער, רב מתנה'ס וואַסער, זיינען זיי אויף מאָרגן געקומען מיט די שעפלעך צו רב מתנה און געזאָגט: גיב אונז וואַסער! האָט זיי רב מתנה אויפגעקלערט אַז ער האָט געמיינט וואַסער וואָס האָבן איבערגענעכטיקט.

צו וואָס דערציילן אונז די חכמים די מעשה? וואָס קען מען דען אַרויסלערנען פון אָט־דער עם־הארצות פון די פפוניא־מענטשן?

נאָר, אונזערע חכמים האָבן דאָ געוואָלט באַווייזן, ווי גרויס ס'איז דעמאָלט געווען די אמונה אין חכמים אַפילו ביי די פשוטע, אומוויסנדיקע אידן. ווען מ'שטעלט זיך פאָר, למשל, אַז אַ רב אין אונזערע טעג וואָלט אויסגערופן, אַז מ'טאָר ניט באַקן מצות סיידן מיטן רב'ס וואַסער — וואָס פאַר אַ שטורעם וואָלט זיך דאַן ביי אַזעלכע פשוטע מענטשן אויפגעהויבן! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט! מ'וואָלט געוואַלדעוועט: וואָסי, דעם רב'ס וואַסער איז דען הייליקער פון אַלע אַנדערע וואַסער? מ'וואָלט חושד געווען דעם רב אין אַלערליי זעלבסט־נוצן, „ביזנעס"...

אָבער די מענטשן פון פפוניא, ווען זיי האָט זיך געדוכט אַז זייער רבי, רב מתנה, מאָנט פון זיי צו נוצן בלויז זיין וואַסער — האָבן זיי ניט געפרעגט קיין שאלות, גאָרניט פאַרדעכטיקט און גאָרניט אויפגעוואָרפן. נאָר מיט תמימות, מיט ריינהאַרציקער אמונה האָבן זיי צו אים געבראַכט זייערע כלים און געבעטן זיין וואַסער — „מים שלנו". אַזוי ווייט האָט דערגרייכט די שטאַרקע אמונת חכמים אַפילו ביי אַזעלכע פשוטע מענטשן ווי די בני פפוניא.

האָבן חז"ל אונז דעריבער דערציילט אָט־די מעשה, זי זאָל אונז דינען ווי אַ מוסטער, ווי אַ ביישפּיל פאַר אמת'ער אמונת חכמים.

(פון דעם „אבני נזר", דער סאָכאַטשאָווער גאון און צדיק זצ"ל)

די אידישע היים

פערטל יאַר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

ניסן ה'תשכ"ח — באַנד 9 נומ. 4

אינהאַלט

„מים שלנו" און — אמונת חכמים . . . הילע
הוקשה כל התורה לתפילין
. . . . שיחת קודש פון כ"ק אדמו"ר שליט"א
י"א ניסן . . . . נ. בן־יוחנן
די צוויבער־וועלט . . . . דוד זאַריצקי
דער נס פון פורים און זיין ווירקונג
אויף די דורות . . . . הרב ע. שטיינזאַלץ
נישט קיין מעטעאָר נאָר אַ שטענדיק ליכט
. . . . ד"ר ה. זיידמאַן
אייניקע טייטשן און געדאַנקען
בשייכות צו זמן חרותנו פון אונזערע קוואַלן
„האח" — דער קינדער־זשורנאַל . . הרב ט. בלוי
דער שווערער וועג צוריק (דערציילונג) ד. ראַוועסקי
ווען ס'פאַלט אַ הייליקע וואַנט
(צייט רעפּאָרטאַזשל) . . . . . ה. דובראַוו

אונזער צייטשריפט שטרעבט אַריינצוברענגען און פאַרשטאַרקן אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצות ווי זיי זיינען באַלויכטן דורך חסידות חב"ד.

הוקשה כל התורה כולה לתפילין

(קידושין לה׳א׳)

כ״ק אדמו״ר שליט״א מליובאַוויטש האָט לעצטנס זייער פיל מעורר געווען און נאָכאַנאַנד אויפגעפאָדערט צו פאַרשטאַרקן, אויף דעם מעגלעך־גרעסטן אופן, די באַמיאונגען פאַר הנחת תפילין צווישן די ברייטסטע קרייזן פון לעת־עתה־דערווייטערטע אידן (תפילין־אַקציע); אַז יעדער איינער זאָל טאָן אַלץ וואָס ער קען, לויט זיינע גייסטיקע כוחות און פיזישע באַדינגונגען, אַז וואָס מערער אידן זאָלן לייגן תפילין — און זעלבסטפאַרשטענדלעך, דאַרפן די תפילין זיין כשר׳ע לויטן דין, איבערגעזעענע דורך אַ סופר מומחה — און כ״ק אדמו״ר שליט״א האָט דערביי אונטערשטראָכן, אַז דאָס איז אַ לעבנס־נויטווענדיקע זאַך, וואָס רירט אָן דעם כלל ישראל. ד. ה. אוודאי ליגט אַ פליכט אויף שומרי תורה ומצוות, אין אַלע זמנים, צו ווירקן אַז אידן זאָלן אָפּהיטן תורה ומצוות — ובפרט אַזאַ מצוה ווי תפילין וואָס איר גרויסע חשיבות דערגרייכט אַזוי ווייט, ביז אַז „הוקשה כל התורה כולה לתפילין" (קדושין לה, א): די גאַנצע תורה, מיט אַלע אירע געבאָטן, זיינען פאַרגלייכלעך צו דער איינער מצוה פון תפילין. באַטאָנט אָבער דער רבי שליט״א, אַז היינטיקע טעג זיינען אין דער בחינה פון אַן אויסנאַם־צייט, בעת די „תפילין אַקציע" איז אַ לעבנס־וויכטיקער ענטפער צו אַ כלל־ישראל פראַגע; עס האָט צו טאָן און איז נוגע צום וואוילזיין פון אידן אין אַלגעמיינעם פאַרנעם.

(און ווי באַוואוסט האָט דער רבי שליט״א אַריינגענומען אין דער דאָזיקער תפילין־אַקציע אויך די בנות ישראל, וועלכע דאַרפן מיטהעלפן אין דער פראַקטישער שאַפונג פון די געלט־מיטלען, וואָס זיינען נויטיק פאַר דער באַזאָרגונג פון תפילין אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב).

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט־די לעצטע געוואַלדיקע אויפפאָדערונגען פון רבי׳ן שליט״א, האָט אַ געוויסער ברוקלינער עסקן געשטעלט די פראַגע: וואָס איז איצט אַזוי דער רעש מיט הנחת תפילין — ס׳איז דאָך איצט ניטאָ קיין מלחמה אין ארץ ישראל?

געמיינט האָט דער פרעגער אַזוי: בשעת דער רבי שליט״א האָט געמאָנט גרויס השתדלות פאַר הנחת תפילין אין די גוט־באַוואוסטע טעג פון לעצטן זומער — בעת ארץ ישראל איז געשטאַנען אין געפאַרפולן מלחמה־צושטאַנד, ניט היינט געדאַכט — איז עס אוודאי געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך: פאַרמאָגט דאָך תפילין די אויסערגעוויינלעכע הייליקע סגולה־אייגנשאַפט אָנצוּוואַרפן אַ ציטער אויף די אומות העולם. ווי די גמרא לערנט דאָס אַרויס פון פסוק: „וראו כל עמי הארץ כי שם הוי׳ נקרא עליך ויראו ממך" — און די פעלקער פון דער וועלט וועלן זען ווי ג־ט׳ס נאָמען (דאָס מיינט: תפילין) איז גערופן אויף דיר, וועלן זיי פאַרכטן פון דיר. במילא, האָט אין יענע טעג פון סכנה, מצד די אומות העולם, זיך געפאָדערט די גרויסע אָנשטרענגונג פון הנחת תפילין צווישן אידן. אָבער אין די היינטיקע נאָך־מלחמה־טעג? ארץ ישראל איז בע״ה שוין דאָך אַרויס פון דעם מלחמה־פייער — טאָ וואָס איז היינט אַזוי דער שטורעם מיט דער „תפילין־אַקציע"?

אויף אָט־דער פראַגע האָט כ״ק אדמו״ר שליט״א געגעבן אַ ענטפער — און מיר גיבן **אים איבער** אינהאַלטלעך:

ערשטנס, דאַרף מען וויסן, אַז טראָץ דעם וואָס אין ארץ־ישראל קומט איצט ניט פאָר קיין אַקטיווע מלחמה־אַקציע, לויערן אָבער נאָך אויף איר אַלץ די גרייטע אַרמייען פון די אַרומיקע שונאים — ניט געשען זאָל חס־ושלום וואָס זיי פּלאַנירן! און דאָס וואָס ס׳האַלט זיי אָפּ דערפון איז די ווירקונג פון „ויראו ממך״.

צווייטנס, מוז מען נעמען אין אַכט די גרויסע געפאַר וואָס דראָט די אידן דאָרט (און ניט בלויז דאָרט) פון דער „צפון זייט״ — רחמנא יצילנו — ווי דער פּסוק זאָגט: „מצפון תפתח הרעה״ (און ס׳איז איבעריק אויסצוטייטשן ווען עס ווערט דערמיט געמיינט). און אָט־די דאָזיקע „צפון״־סכנה האָט דווקא אין די לעצטע צייטן אָנגענומען אַ מער דראָענדיקע ווענדונג; זי איז איצט פיל שאַרפער און גרעסער ווי דאַן, בעת די מלחמה־טעג אין ארץ ישראל, ניט היינט געדאַכט.

דער רבי שליט״א האָט ווייטער באַמערקט: אַז מיט אָט־די רייד מיינט ער ניט ח״ו אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף אידן. סתם שרעקן אַ אידיש האַרץ — טאָר מען ניט; און גלאַט פאַרשאַפן צער אַ אידן איז אין קעגנזאַץ צום אָנזאָג פון דעם אויבערשטן: „ואהבת לרעך כמוך״. פאַרקערט: מיט די דאָזיקע ווערטער ווערט בלויז געצילט צו דערוועקן און דערמוטיקן די אידן מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי זיינען בע״ה די בעלי־בתים פון דער לאַגע, אַז זיי קענען באַהערשן דעם מצב; אַלץ איז אָפּהענגיק פון זייער תשובה, מצוות און מעשים טובים. — וואָרום יעדער איד האָט די מעגלעכקייט זיך איינצושאַפן אָט־די ג־ט׳לעכע באַשיצונגס־„געצייג״, אין אַנבליק פון דעם זייער ערנסטן מאָמענט — און איבערהויפּט די מצוה פון תפילין, וואָס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף די שונאי ישראל, איז זי באַזונדערס מסוגל צו העלפן דעם אידישן פאָלק אין דעם איצטיקן מצב.

דערביי דאַרף מען צוגעבן נאָך עפּעס: יעדער איינער וואָס באַטראַכט גוט דעם גאַנצן פאַרלויף פון די לעצטע אַנטוויקלונגען בשייכות צו ארץ־ישראל, מוז ער ווידעראַמאָל דערזען קלאָר און דייטלעך די פאַרווירקלעכונג פון „וחסד לאומים חטאת״ (משלי יד, לד) — ווי אַזוי די כלומרשטע פריינטשאַפט און גוטסקייט פון „לאומים״ איז אין תוך ניט מער ווי „חטאת״; ווי זייער „חסד״ ווערט פאַרוואַנדלט אין אומפאַרשעמטן זינד און מיאוסן פאַראַט, וואָס שווימט אַרויס אין דעם סאַמע קריטיש־געפערלעכסטן מאָמענט. די פּאַסירונגען פון דער לעצטער צייט האָבן אויך בולט באַוויזן, ווי לעכערלעך עס איז צו באַהויפּטן, אַז „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״ — אַז די וואונדערלעכע רעטונג און נצחון פון אידן האָט זיך אָפּ־געשפּילט אויף אַ נאַטירלעכן וועג, דורך נאַטירלעכע כחות. ניין, היינט טאָר מען זיך אַזוי ניט נאַרן! מיר זיינען אַלע עדות פון דערשיינונגען, וואָס קענען בלויז באַגריפן ווערן ווי וואונדער־ניסים פון דעם אויבערשטן.

די ביידע פאַקטן צייגן דאָך אונז קלאָר, אַז „אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים״. מ׳קען זיך אויף קיינעם פון די „לאומים״ זיך ניט אָנלעגען און פאַרלאָזן, און דאָס איינציקע וואָס אידן קענען און מוזן טאָן, איז צו שאַפן די „צינורות״, די גייסטיקע „קאַנאַלן״ און כלים פאַר דעם אויבערשטנס ברכות — און דאָס זיינען די תורה און מצוות. וואָרום דורך זיי וועט אונז דער אויבערשטער בענטשן סיי אויף דעם נאַטירלעכן וועג און סיי אויף דעם שטייגער פון איבערנאַטירלעכע חסדים; און דער אויבערשטער וואָס האָט אונז געוויזן נסים אין די ניט־לאַנג־פאַרלאָפענע טעג (בעת דער מלחמה אין ארץ ישראל פון לעצטן זומער), וועט אונז אויך איצט באַשיצן, בענטשן און באַגליקן מיט „טוב הנראה והנגלה״ -- דורכאויכ אָפענע און קלאָר־געזעענע גוטס.

דאָס פריער־געזאָגטע איז אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון דערמאָנטן עסקן און ענלעכע צו אים. דער דאָזיקער ענטפער דריקט אויס גענוג קלאָר דעם היינט־צייטיקן אידיש־

אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט: די גרעסטע אָנשטרענגונג צו פאַרשטאַרקן ביי אידן דעם וועג פון תורה און מצוות בכלל, און די מצוה פון תפילין בפרט, איז איצט פון דער סאַמע העכסטער לעבנס־וויכטיקייט פאַרן גאַנצן אידישן כלל!

דערביי האָט דער רבי שליט״א צוגעגעבן, אַז מ׳קען זיך איבערהויפּט וואונדערן אויף דער פראַגע פון דערמאָנטן עסקן: ערשטנס, האָט אַזאַ סאָרט שאלה געפּאַסט פאַר די יעניקע וואָס האָבן אין דער מלחמה־צייט זייער אַ סך אַריינגעאַרבעט און אויפגעטאָן אין דער ״תפילין אַקציע״ צווישן אידן. פאַר זיי וואָלט געווען פאַרשטענדלעך אַזאַ צוגאַנג: היות זיי האָבן אַזויפיל זיך באַמיט דערין, פרעגן זיי דעריבער צי מ׳קען זיך שוין איצט אָפּרוען פון דער עבודה. אָבער די פראַגע קומט דווקא מצד אַן עסקן — איינער פון די וואָס זיינען געוואוינט צו טאָן פאַרן כלל — אָבער דווקא אין די מורא׳דיקע טעג האָבן זיי גאָרנישט געטאָן אין איינקלאַנג מיט דער קריטישער האַרבקייט פון יענע צייטן: ניט זיי האָבן זיך באַמיט צו דערוועקן אידן פאַר הנחת תפילין און ניט זיי האָבן עס געטאָן בשייכות די אַנדערע פון תרי״ג מצוות. טאָ וואָס האָבן זיי צו פרעגן אַזאַ שאלה!

צווייטנס, עס ווערט דערקלערט און אַרומגערעדט אין אַ סך ספרים פון ראשונים און אחרונים, אַז דעם אויבערשטנס ברכה פאַר אידן (און דער גוטער פּסק־דין פאַר אידן פון בית־דין של מעלה) קומט אויפן יסוד אויך פון די אידישע מעשים טובים וואָס ווערן געטאָן ווערן שפּעטער, נאָך דער פּאַקטישער ישועה פון דעם אויבערשטן, און ניט בלויז אויפן גרונט פון די גוטע מעשים וואָס זיינען געטאָן געוואָרן פריער; און אידן זיינען ״מאמינים בני מאמינים״, גלויבן זיי אַז די פּירונגען פון די וועלט־פעלקער אין אונזער וועלט דאָ אונטן איז אָפּהענגיק פון דער הנהגה פון זייערע שרים למעלה אין העכערן עולם, און די הנהגה פון אַט־דער אומה למטה איז אָפּהענגיק פון דעם פסק־דין פון בית־דין של מעלה — און דאָס ווירקט און ברענגט די אַנטשיידונג אין די געשעענישן פון אונזער וועלט למטה.

און, ווי יעדער ענין פון אמונת ישראל, ווערט דאָך ניט געמיינט מ׳זאָל וועגן דעם בלויז לערנען און זאָגן אַז מ׳גלויבט אין דעם באמונה שלמה — און אין פועל ממש זאָל זיין אויפפירונג אויסזען ווי פונקט דאָס פאַרקערטע ח״ו פון זיין גלויבן; נאָר די אידישע אמונה דאַרף ברענגען דעם געהעריקן אויספיר און פולסטע אויסווירקונג אין מעשה בפועל ממש.

פון דעם רבי׳נס ווערטער איז צו פאַרשטיין, ווי ער האָט עס שוין איינִיקע מאָל אָנגעדייטעט, אַז אין דער ניסים׳דיקער רעטונג פון די אידן אין ארץ־ישראל לעצטן זומער איז — לויט די רייד פון חז״ל — גענומען געוואָרן אין חשבון אויך די מצוות און מעשים טובים וואָס אידן וועלן דערוועקט ווערן צו טאָן אין אָנבליק פון דעם אויבערשטנס חסדים צו בני ישראל; און אַריינגערעכנט, פאַרשטייט זיך, אויך די מצוה פון הנחת תפילין וואָס אידן וועלן מקיים זיין דורך השתדלות און התעוררות.

— י״א ניסן —

צום 66־טען געבורסטאג פון רבי׳ן שליט״א לאורך ימים ושנים

• נ. בן־יוחנן

אין לוח „היום יום", וואס דער רבי האט מסדר געווען אין יאר תש״ג (פון י״ט כסלו תש״ג ביז י״ט כסלו תש״ד), אויפן פארלאנג פון זיין שווער, דער רבי מהוריי״צ נ״ע, איז אויפן טאג פון י״א ניסן פאראן די פאלגנדיקע פארצייכענונג:

„ביום ההולדת על האדם להתבודד ולהעלות זכרונותיו ולהתבונן בהם, והצריכים תיקון ותשובה ישוב ויתקנם" (אין דעם געבורטסטאג דארף זיך א מענטש מתבודד זיין און זיך אריינטראכטן אין זיינע זכרונות, און די זאכן וואס דארפן א תיקון און א תשובה, זאל ער טאן תשובה און פארריכטן).

לכתחילה ווען דער לוח „היום יום" איז דערשינען אין תש״ג, איז די דאזיקע פארצייכענונג געווען איינע צווישן די הונדערטער אנדערע חסידישע ווערטער — צונויפגעקליבן פון דעם פריערדיקן רבי׳נס נ״ע שיחות און מאמרים — וואס דער דעמאלטיקער רמ״ש (ווי דער רבי שליט״א איז דאן אנגערופן געווארן) האט צונויפגעשטעלט אין טאג־טעגלעכע איינטיילונגען.

נאר ווען זיין מוטער, הרבנית חנה נ״ע, האט זיך נאך דער מלחמה ארויסגעראטעוועט מיטן לעבן און איז געקומען צווישן די חסידישע פליטים — פריער אין לאגער אין דייטשלאנד און דערנאך אין פאריז — האט זי דאן אנטפלעקט פארוואס די דאזיקע פארצייכענונג איז צוגעטיילט געווארן צום עלפטן טאג אין ניסן.

צוואנציק יאר נאך זייער געזעגענען זיך (סוכות תרפ״ח — 1927) אין יעקאטעריינאסלאוו, האבן זיך מאמע און זון ווידער באגעגנט אין פרילינג פון 1947, אין פאריז, וואו די רוסישע אידן האבן אים דאן דערקענט און שוין מער ניט אפגעלאזט. ביי א געלעגנהייט האט זי דאן דערציילט, אז

י״א ניסן אין יאר תרס״ב (1902) האט איר מאן, דעם רבי׳נס שליט״א פאטער, הגאון ר׳ לוי יצחק שניאורסאהן נ״ע, דערהאלטן זעקס טעלעגראמעס פון כ״ק אדמו״ר ר׳ שלום דובער נ״ע אין ליובאוויטש, מיט ברכות פאר און אנפראגן וועגן דעם קינד וואס איז אין יענעם טאג געבוירן געווארן אין ניקאלאיעוו, און האט צום ברית געקראגן דעם נאמען מנחם מענדל, נאך זיין עלטער זיידן, דער רבי דער „צמח צדק", לאורך ימים ושנים טובות.

אין לוח „היום יום" איז עס טאקע ניט מער ווי א פארצייכענונג אויף איין טאג פון יאר, אבער די וואס קוקן זיך צו אביסל נענטער צו דער געשטאלט און ארבעט פון רבי׳ן, קענען גלייך דערזען, אז ביי אים אליין איז יעדער טאג אין א געוויסן זין א יום הולדת — א טאג פון חשבון, פארטראכטונג און התבודדות.

יעדער טאג ברענגט ביי אים א נייע פארשטארקונג און א נייעם אימפעט אין דער ארבעט פון „הפצת המעיינות", צו פארשפרייטן די קוואלן פון בעל שם טוב אין וועלכע ער זעט דעם גרויסן הייל־מיטל פאר די יסורים פון אידישן פאלק און דעם נויטיקן שטויס צו דער גאולה שלימה וואס קלאפט אין טיר פון כלל ישראל.

ב

דער רבי שליט״א האט צוויי־ערליי סארטן חסידים.

ער האט, ווי חסידישע רביים פון אלע צייטן, חסידים וואס זיינען צוגעבונדן צו אים מיט אלע פעדים פון זייערע נשמות, הערן און לערנען זיין תורה און פירן זיך אין אלע זייערע פערזענלעכע ענינים לויט די ענטפערס וואס דער רבי גיט זיי אויף זייערע אנפראגן און לויט די אנווייזונגען וואס ער גיט זיי אפט אפילו ווען זיי ווענדן זיך ניט צו אים פריער מיט קיין אנפראגן.

צווישן דעם דאזיקן סארט חסידים, חסידים אין אנגענומענעם זינען פון דאזיקן נאמען, זיינען דא עלטערע חסידים וואס האבן געלערנט אין דער אמאליקער ליובאוויטש, ביים רבי׳ן רש״ב נ״ע, נאך איידער

דער רבי שליט״א איז געבוירן געוואָרן; און אויך אַזעלכע וואָס זיינען געוואָרן חסידים בזמן הנשיאות פון רבי׳ן מוהריי״צ נ״ע.

ער האָט אָבער אויך זיינע אייגענע חסידים, דאָס הייסט חסידים וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום התקשרות פריער מיט קיין רבי׳ן, נאָר זיינען דער „ואת הנפש אשר עשה״ — וואָס ער אַליין האָט מקרב געווען און צוגעצויגן תחת כנפי החסידות.

דער לעבעדיקסטער און שפּערישסטער עלעמענט צווישן די היינטיקע חב״ד־חסידים באַשטייט פון דעם לעצטן סאָרט, דאָס הייסט פון די יעניקע חסידים וואָס דער רבי האָט אַליין אויסגעקנאָטן און אויסגעוואַרעמט דורך די אַכצן יאָר פון זיין נשיאות; סיי אַזעלכע וואָס זיינען אויפגעוואַקסן ווי חסידים דאָ אין אַמעריקע אונטער זיין דירעקטער השפעה, און סיי אַזעלכע וואָס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אין ארץ ישראל און אין אַנדערע לענדער און ציען זייער גייסטיקע יניקה פון ליובאַוויטש, וואָס געפינט זיך אויף 770 איסטערן פּאַרקוויי אין ברוקלין.

די דאָזיקע חסידים, די עלטערע און די אינגערע, רעפלעקטירן אַן אָפּשיין פון דער פּערזענלעכקייט וואָס דער רבי שטעלט מיט זיך פאָר.

איינע פון די מערקווירדיקסטע און איינדרוקספולסטע בילדער ביי אַ „פאַרברענגען״ אין 770, איז די באַנק מיט עלטערע חסידים מיט ווייסע בערד, ווי זיי זיצן און שלינגען דעם רבי׳נס רייד. זייערע בליקן זאָגן עדות אַז זיי זיינען ביי זיך אין האַרצן טיף איבערצייגט אין דער גרויסקייט און הויכקייט פון רבי׳ן ווי אַ גאון אין נגלה און נסתר, און דער עיקר אַלס רבי וואָס טראָגט אויף זיינע אַקסלען די גרויסע ירושה פון אַלטן רבי׳ן און אַלע נאָכפאָלגנדיקע פינף דורות רביים.

אָבער נאָך מער ווייזן זיך אַרויס די גרויסע כחות פון השפעה און באַווירקונג, וואָס דער רבי באַזיצט, אין זיין אויסהאָדעווען און אויספורעמען אַן עכטן טיפּ חסיד פון אַמעריקאַנער־געבוירענע אידישע קינדער, פון אַ טייג וואָס די גרעסטע אָפּטימיסטן האָבן ניט געטרוימט אַז זי וועט קענען אַרויסגעבן חסידים, אמת׳ע חסידים, חסידים ממש.

דאָ רעדט זיך ניט וועגן נעאָ־חסידים, וועגן סימפּאַטיקער וואָס האָבן ליב צו קומען צו אַ „טיש״. דאָ רעדט זיך וועגן אַמעריקאַנער־געבוירענע יונגעלייט, וואָס אונטער דעם איינפלוס פון רבי׳ן שליט״א איז חסידות געוואָרן ביי זיי אַן עיקר העיקרים פון לעבן; דאָס זיינען יונגעלייט וועלכע זיינען גרייט אויף אַלע פּערזענלעכע קרבנות, אויב נאָר זיי ווייסן אַז דערמיט זיינען זיי ממלא דעם רצון פון רבי׳ן.

אַ רבי וואָס קען אַזוינס באַווייזן מיט אַמעריקאַנער קינדער אין דער היינטיקער צייט, מוז באַזיצן גרויסע ג־טלעכע כחות, מוז זיין געבענטשט מיט אומגעהויערע כשרונות, און מוז בעיקר זיין אַליין די פולקאָמסטע פאַרקערפּערונג פון אמת לאמיתו.

דער צווייטער סאָרט חסידים פון רבי׳ן שליט״א, באַשטייט ניט פון קיין חסידים אין אָנגענומענעם זין, נאָר פון פאַרערער און אָנהענגער וועלכע קומען פון פאַרשידענערליי ריכטונגען אין אידישן לעבן — אַפילו אויך פון ניט־פרומע קרייזן.

עס וועט בפירוש ניט זיין קיין איבערטרייבונג צו זאָגן, אַז צווישן רעליגיעזע אידישע פּערזענלעכקייטן איז היינט ניטאָ נאָך איינער וואָס זאָל זיין אין קאָנטאַקט, שריפטלעכן אָדער מינדלעכן, מיט אַזאַ ברייטער און קאָלירפולער אַרענע פון יחידים און גרופּן, ווי ס׳איז דער פאַל מיטן רבי׳ן, און דאָס איז טראָץ דעם, וואָס ער גייט ניט אַרויס מפתח בית 770 איסטערן פּאַרקוויי און טרעט ניט אויף ביי קיין שום עפנטלעכע אסיפות אויסער די גרענעצן פון 770.

די דאָזיקע אידן, פירער פון פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס און סתם דענקענדיקע אידן פון אַמעריקע און אַנדערע לענדער, זעען אין דעם רבי׳ן אַ מנהיג מיט אַ כלל ישראל׳דיקן בליק. זיי האָבן אין אים געפונען אַ רבי׳ן פון חסידים וואָס טראַכט אין טערמינען פון כלל ישראל.

אין פאָדער־צימער פון 770 איסטערן פּאַרקוויי קענט איר אין יעדן פון די „יחידות״־אָוונטן, צוויי־מאָל־אַ־וואָך, באַגעגענען אַ אידן מיט אַ וועלט־נאָמען אין כלל־לעבן זייט ביי זייט מיט אַ צעבראָכן אידיש האַרץ וואָס קומט בעטן אַ ברכה פאַר אַ חולה וואָס דאַרף אַ רפואה שלימה.

— וואָס ציט אייך צו באַזוכן דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן?... — האָב איך אַמאָל געפרעגט ביי אַ וויכטיקן גאַסט פון ארץ־ישראל, וואָס איז געקומען ערשט נאָך האַלבער נאַכט צו זיין באַשטימטער צייט אַריינצוגיין אין חדר פון רבי׳ן שליט״א.

זיין ענטפער איז געווען, אַז ער האָט אין אַלע זיינע אַרומפאָרענישן איבער דער אידישער וועלט נאָך ניט געטראָפן איינעם וואָס זאָל זיין אַזוי גרינטלעך און גענוי אינפאָרמירט, אַזוי ווי דער ליובאַוויטשער רבי, וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אין און אַרום ארץ־ישראל.

— איך קום הערן זיין מיינונג — האָט דער גאַסט פון ארץ־ישראל פאָרגעזעצט — ווייל ס׳איז די מיינונג פון איינעם וואָס ווייסט אַלע זייטן פון פּראָבלעם און האָט

(סוף אויף זייט ח)

די צויבער וועלט

(סתם אַזוי...)

• דוד זאַריצקי

ס'איז געווען אַ קליין וואַסערל, אַזאַ וואָס ווערט געבוירן, צווישן אַנדערע הונ־דערטער, נאָך אַ רעגן, אַרום די רינשטאָקן, אינעם פעלד; אַמאָל ציט עס זיך דורך ריטשקעלעך צווישן די פיס און אַמאָל ליגט עס עגיוות'דיק אין אַ זייט — און נאָר אַ שפּילעוודיק קינד באַמערקט עס.

און זי איז געווען אַ שפּילעוודיק קינד. אַ קליין מיידעלע, מיט אַ רויט בענדעלע אויף איר צעפּל. אירע לעבעדיקע האָר האָבן זיך גלייך צעשפּילט אינעם וואַסערל, און זי האָט אַפילו ניט באַמערקט אַז איר ריין קליידעלע איז שוין פאַרשפּריצט מיט בלאָטע.

וואָרום דאָס וואַסערל איז געווען — אַ ים, אַ ריזיקער ים, מים שאין להם סוף; און דאָס קליין פּאַפּיר־שיפעלע איז אַ גרויסע אָקעאַן־שיף, מיט צוויי ריזיקע קוימענס וואָס שפּייען בערג מיט רויך, אַ ריזן־שיף וואָס פירט טויזנטער מענטשן איבער די קאָנטינענטן; אַ שיף וואו מען עסט און מען שלאָפט, וואו מען פאַרברענגט און מען פירט מסחרים.

און אירע אויגן זיינען געווען גיריק, און איר קליין מיילכל האָט זיך עקשנות'דיק פאַרקרימט ווען אַ פּיצל־כוואַליע האָט שיער איבערגעקערט דאָס שיפל אירס.

און ווען אַ קליינע וואַסער־מילב האָט זיך אַ טונק געטאָן אינעם וואַסער, אַ פליי געטאָן און זיך צעזשומעט פריילעך, האָט דאָס מיידעלע געפּאַטשט מיט די הענט, אַרויסגעפּראַלט מיט קינדישער, פּולבלוטיקער שמחה — ווייל דאָס איז דאָך געווען דאָס ריזיקע פּאַרזעעניש וועגן וועלכער די באָבע און די מאַמע האָבן אָנדערציילט לאַנגע שעה'ן, ביז זי איז איינגעשלאָפן. ווער ווייס וויפל קעפּ דאָס פּאַרזעעניש פאַרמאָגט און וויפל עקן, און וואָס פאַראַ ווייעס דאָס האָט? אפשר הינערישע ווי ביי די שדים, אָדער פון אַ קאַלב, צי ווי מאַנכע סטראַשנע פייגל וואָס זיינען אָנגעצייכנט אין אירע קינדער־ביכלעך.

און זי איז געווען אינגאַנצן איבערגענומען מיט איר ריזיקער וועלט, וואָס האָט זיך געצויגן פון איר הויף ביזן פּאַרקאַן. דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע וועלט. די קליינע גראָזן אַרום דאָס וואַסערל — זיינען די אור־וועלדער, און דאָס גרינע קראָפּעווע — שטעכנדיקע שלאַנגען, וואָס הענגען אַראָפּ פון די אור־אַלטע ביימער. ווען זי האָט געוואָלט זען ריזיקע מאַלפּעס, ווי זי האָט שוין געזען אין חיות־גאָרטן, אָדער לייבן וואָס דרייען דראָענדיק און רוגזה'דיק מיט די עקן, אָדער אַגוואַרן וואָס שליכן איבערן גראָז, צווישן דער טונקלקייט פונעם אור־וואַלד — איז געווען גענוג אַ שמייכל טאָן

צו זיך אַליין און דערביי צומאַכן די אויגן. דאַן איז איר גאַנצע וועלט געוואָרן ווי זי האָט איר געוואָלט זען: האָבן לייבן געברומט, געקלאַפּט כעס׳דיק מיט זייערע עקן־קנעפּ אויף דער ערד; דאַן זיינען די מאַלפּעס גע־לאָפן אַרונטער אירע הענט, געוואָרפן זיך אַקראָבאַטיש איבער די צווייגן, געכיכיקעט — חי׳איש און געבליצלט מיט די פאַרצאַרנ־טע אויגן צו איר.

און זי איז געווען אינמיטן.

אַלץ האָט איר געפאָלגט, נאָכגעגאַנגען. אין אַ מינוט האָבן זיך געביטן גאַנצע וועלטן. זי האָט נאָר געדאַרפט זיין אַליין: די מאַמע זאָל זיין פאַרנומען אין שטוב, דער טאַטע זאָל נאָך ניט האָבן געקומען פון דער אַרבעט, די גרעסערע ברידער אין חדר — און שוין גענוג אַז די גאַנצע וועלט זאָל ליגן ביי אירע פיס און זי זאָל מיט איר אָנפירן.

אַזוי איז עס געווען ווען דאָס וואַסערל איז געווען קליין.

און אַזוי איז עס געווען ווען דאָס קליינע מיידעלע איז געווען נאָך קלענער.

ב.

— דאָס קינד איז ניט מיט אַלעמען — האָט די מאַמע אַריינגעשושקעט דעם טאַטן, ווען ער האָט געגעסן זיין מיטאָג.

דעם פאָטערס אויגן האָבן זיך אויפגע־ריסן אין שרעק: זי האָט היץ?

— ניין, אָבער זי שפּילט זיך נאָר אַליין, רעדט צו זיך, לאַכט פאַר זיך און ווען איך קום צו, הערט זי זיך אויף צו שפּילן.

— און זי איז פריילעך?

— יאָ, ווען זי שפּילט זיך אַליין איז זי פריילעך. זי קומט צו לויפן מיט רויטע בעקלעך טאַנצנדיק און בעט אַ פּרובט. אָבער זי שפּילט זיך ניט מיט אַנדערע מיטן גאַנצן האַרצן. זי וויל זיין אַליין.

ער האָט גענומען דאָס קינד אויפן שויס, געפּילט ווי זי טוליעט זיך צו אים און אַ וואַרעמקייט האָט אַרויסגעשטראָמט פון איי־נעם צום צווייטן. ער האָט אַריינגעלייגט אַלדאָס פאָטערלעכע אין זיין גלעט; און זי האָט אַריינגעלייגט אַלדאָס קינדישע אין איר בליק...

— ביזטו צופרידן, קינד?

— אָ, יאָ! דער טייך איז אַזוי גרויס! און די חיות אַזוי גרויס! און די ביימער, טאַטע, סאַראַ ווילדע און סאַראַ הויכע! די זון קומט קיינמאָל ניט אַריין צווישן זיי.

דער פאָטער האָט פאַרוואונדערט גע־שמייכלט: וואו איז דאָס מיין קינד?

זי האָט אים אַרויסגעפירט אין הויף, גע־וויזן אויפן קליינעם וואַסערל, אויף די גראָזן וואָס זיינען געוואַקסן אַרום אים, אויף די מילבן וואָס האָבן פריילעך געזשומעט אי־בער אים און געוויזן: אָט־אָ־דאָ, טאַטעלע!

ער האָט געהאַלטן איר קעפּל צווישן זיינע גרויסע הענט, אַריינגעקוקט אין אירע פאַר־חלומ׳טע אויגן: ריינע, לויטערקייט אַליין. און געזען האָט ער אין זיי דאָס גליק פון דער גאַנצער וועלט — אַ גליק, וועלכן ער האָט ניט.

— טאַ־אַקע? אַי, אַי, אַי, סאַראַ ווילדע־ניש דאָ איז — האָט ער איר געגלעט — און איך האָב גאַרניט געוואוסט. אפשר זאָל איך אויך קומען מיט דיר אין דעם אור־וואַלד?

זי האָט דערשראָקן אים געכאַפּט פאַרן האַנט: אוי, ניין, טאַטעלע, דאָס איז, דאָס איז... און זי האָט נעבעך קיין ווערטער ניט געהאַט צו זאָגן דעם טאַטן, אַז דאָס איז די וועלט וואָס זי אַליין האָט געפונען און אויסגעבויט פאַר זיך...

ג.

און שפּעטער זיינען געקומען גרויסע וואַ־סערן, ריזיקע שיפן, אמת׳ע אָקעאַן־ריזן; און עס זיינען געקומען מענטשן, גרויסע און קליינע, גוטע און שלעכטע. מיט די מענטשן זיינען געקומען אויך פאַרזעענישן, הידראָס מיט פלאַמיקע קעפּ וואָס האָבן פאַרברענט אַלעמען אַרום, און לייבן און טיגערס און מאַלפּעס — אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום איר.

און זע, מענטש איינער! וואָס גרעסער איר וועלט איז געוואָרן אין ווירקלעכקייט, אַלץ קלענער איז זי געוואָרן אין אירע איי־גענע זעענישן.

און ווען זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיצנ־דיק ביי זיך אויפן פאָטעל, ווען אירע קינ־דער זיינען געווען ווייט, איר מאַן — ביי דער אַרבעט און זי איז געווען גאַנץ אַליין מיט זיך — איז דאָס ריזיקע שיף, אויף וועלכער זי איז וועלטן דורכגעפאָרן, גע־וואָרן איינגעשרומפּן אין אַ קליין פּאַפּירן־שיפּעלע; דער אָקעאַן מיט די צוואַנציק מעטערדיקע כוואַליעס, איז געוואָרן אַ קליין וואַסערל, אַ בלאָטקעלע, וואָס ציט זיך נאָר פון אינמיטן הויף ביזן פּאַרקאַן; און די ריזיקע אור־וועלדער פון אַפריקע און אַזיע זיינען צוריק געוואָרן די קליינע גרעזלעך אַרום דאָס וואַסערל.

און ס׳איז איר געווען אַזוי אומעטיק און זי האָט זיך געפילט אַזוי איינזאַם און זי האָט געזוכט מיט וועמען צו ריידן וועגן יענער פרייד וואָס דאָס קליין מיידעלע האָט געהאַט מיט איר קליין וואַסערל — נאָר ניט געווען צו וועמען.

וואָרום די קינדער האָבן שוין ניט געהאַט אַזוינע גרויסע חלומות ביי קליינקייטן. זיי האָבן געוואָלט זען זייער וועלט ריזיק, גרע־

סער ווי די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, איז זייער וועלט געוואָרן פּיצלדיק־קליין, קלענער אַפילו ווי דאָס קליינע וואַסערל פאַר דער מאַמע היינט. אירע קינדער זיינען שוין קינדוויז געפלויגן, געפאָרן, זיך געטראָגן איבער ריזיקע שטחים און זייער האָריזאָנט איז געווען אַזוי ווייט, אַז דער אייגענער הויף האָט אויסגעזען נעבעכדיק, שמוציק און קליין. זיי האָבן געוואָלט האָבן גרעסערע הויפן, גרעסערע וואַסערן, ריזיקע ביימער אויף אַן אמת, ניט נאָר ביי פאַרמאַכן די אויגן.

און ווען זיי האָבן עס באַקומען, איז די וועלט, די וואָרע וועלט, געוואָרן נאָך קלענער, נאָך מיאוסער, נאָך בלאָטיקער — אַז עס איז גאָרניט ווערט געווען זיך אָוועקזעצן לעבן איר און פרואוון איר נעמען אין די קינדערישע הענט. וואָרום זיי זיינען געזעסן ביי זיך אין צימער און געזען די גאַנצע וועלט און געהערט ריידן הונדערטער שפּראַכן; געזען אַלע חיות פון אַלע גערטנער און אַלע וועלדער — און עס איז זיי גאָרניט געבליבן וועגן וואָס צו חלומ׳ען.

און זייער וועלט האָט פאַרלאָרן דעם צויבער.

ד.

נאָר ביי דער מאַמען איז נאָך געבליבן אַ שימער פון יענעם צויבער, וועלכן זי האָט איבערגעלעבט.

אָבער די מאַמע האָט זיך געשעמט דערציילן אירע געלערנטע קינדער, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ צויבער־וועלט און זי איז נאָך דאָ אינעם הויף, ניט ווייט פון פאַרקאַן. וואָרום ווען ס׳רעגנט — קלייבן זיך נאָך אַלץ צוזאַמען קאַליוזשקעלעך, קליינע וואַסערלעך; און אַרום זיי וואַקסט שנעל גראָז, פשוטע, גרינע, פריש־שמעקעוודיקע גראָז; און וואַסער־מיקן פליען נאָך אַלץ און זשומען פריילעך זייער אַלט ליד.

און נאָר ווען זי פאַרמאַכט די אויגן, מיד און גליקלעך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן אין קינדערישער פאַרטרוימטקייט, זעט זי איר וועלט.

און די קינדער, ווען זיי זעען ווי די מאַמע זיצט אַ פאַרטראַכטע, מיט געשלאָסענע אויגן, פרעגן גאָרניט צי זיי זאָלן אפשר מיטקומען מיט איר.

וואָרום די קינדער האָבן פאַרלוירן די וועלט וואָס מען קען פילן איר צויבער, ווען מען זיצט אַליין מיט פאַרמאַכטע אויגן.

י״א ניסן / סוף פון זייט ה

ניט קיין אייגענע פערזענלעכע אָדער פאַרטייאישע נגיעות, אויסער דאָס וואָס ער גלויבט אַז ס׳איז גוט פאַר אידן, פאַר אַלע אידן.

צום דאָזיקן סאָרט חסידים־פאַרערער קענען אויך צוגערעכנט ווערן די גרויסע צאָל אידישע אינטעלעקטואַלן, ניט דווקא רעליגיעזע, וואָס קומען זיך דורכשמועסן אָדער שרייבן זיך דורך איבער וויסנשאַפטלעכע פראַגן און זייער שייכות צו תורה און יהדות. דער רבי שליט״א איז ניט נאָר באַוואָפנט מיטן „ודע מה שתשיב״, נאָר אויך מיטן „ודע מה שתשאל״, ער קען פרעגן אַ פראַגע ביי אַן אינטעלעקטואַל און דערמיט אָפּפרעגן אַלע יענעמס אָקצעפּטירטע טעאָריעס — און אים איבערלאָזן אַ צעטומלטן.

ער איז, ווי זיין שווער און ווי אַלע פריערדיקע חב״ד־רביים פאַר אים, אַ רבי וואָס לעבט מיט און לעבט־אַדורך אַלץ וואָס דאָס אידישע פאָלק לעבט־איבער, אין אַלע זיינע גייסטיקע און פיזישע געראַנגלען בכל מקום שהם. עס מוז אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז קיינער פון זיינע פאַרגענגער, און קיינער פון די אַנדערע חסידישע רביים אין דער געשיכטע פון חסידות, האָט ניט פאַרצויגן אַזעלכע ווייט־גרייכנדיקע דראָטן פון פאַרבינדונג און קאָמוניקאַציע, פריינטשאַפט און איינפלוס, ווי דער רבי שליט״א האָט עס באַוויזן אין די 18 יאָר וואָס ער איז רבי.

צו זיין 66־טן יום הולדת איז דער רבי שליט״א דער מנהיג פון וועלט־פאַרנעם און וועלט־נאָמען, אַ גאון וואָס ווערט אָנערקענט פון גאַנצן עולם התורה; אַ דורש טוב לעמו דורך מזכה זיין וואָס מער אידן מיט מער מצוות און מעשים טובים; און אַ רבי פון חסידים, וואָס טראָגט אויף זיך באהבה און מיט קבלת־עול די שליחות פון אויפהאַלטן און אויפפלאַקערן ביי אידן דעם אש קודש פון תורת הבעל שם טוב.

דער נס פון פורים
און זיין ווירקונג אויף די דורות

● הרב ע. שטיינזאַלץ, ירושלים

ווען מען פאַרגלייכט דעם נס פון פורים צו די אַנדערע גרויסע נסים, אויף וועלכע עס זיינען באַזירט די ימים טובים פון פסח און שבועות, למשל, וואַרפט זיך אין די אויגן איין גרויסער אונטערשייד: אין דער צייט ווען דער יום טוב פסח איז באַגרינדעט אויפן די אָפן־געזעענע גרויסע און צאָלרייכע נסים ונפלאות, ווי דערציילט אין תורה און דורך חז״ל; אַזוי אויך די נסים און ג־ט׳לעכע נפלאות פון מתן תורה — איז אָבער דער נס פון פורים געקומען אויף אַזאַ אופן, וואָס אויבנאויף האָט ער גאָרניט געהאַט דעם כאַראַקטער פון נס אין אָנגענומענעם זינען.

לויט אַן אויבערפלעכלעכן בליק קומט אויס, אַז די אַלע געשעענישן, וואָס האָבן געבראַכט די ישועה אין די טעג פון מרדכי ואסתר, זיינען פאַרלאָפן אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן. אָנהויבנדיק פון די ערשטע פאַקטאָרן אין דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג: די אומוויליקייט פון ושתי צו דערשיינען ביים מאָלצייט, לויטן פאַרלאַנג פון מלך אחשורוש, איז איר מאָטיוו לכאורה געווען פאַרשטאַנדיק און פשוט; און אַזוי אַרום דער רעזולטאַט דערפון — די צאָרנדיקע רעאַגירונג פון מלך אחשורוש צוליב איר ווידערשפעניקונג, און דעם שטרענגען אורטייל איבער איר וואָס די ראַטגעבער האָבן לאָגיש באַקרעפטיקט. אַזוי איז אויך צו באַגרייפן דעם פאַקט ווי אַזוי אײנער פון די קעניגלעכע האַרן ווערט דורכן קעניג דערהויבן איבער אַלע אַנדערע הויף־לייט. אַפילו די געוואַלדיקע פיינטשאַפט פון המן הרשע צו אידן ווערט אין דער מגילה אויסגעטייטשט אויף אַ געוויינלעכן אופן, וואָס פאַסירט ניט זעלטן אין גאַנג פון דער געשיכטע: אינעם הינטערגרונט פון אַט־דער שנאה האָבן געווירקט פאַרשאַרפטע פערזענלעכע באַציאונגען צווישן צוויי הויף־האַרן, און ביי אײנעם האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסער האַס צום צווייטן און האָט זיך איבערגעטראָגן אויף יענעמס פאָלק ווי אַ גאַנצן. און אַזוי אַנטוויקלען זיך די ווייטערדיקע געשעענישן, וואָס קייטלען זיך און ווערן פאַרפלאָכטן אין אַ גרויסער אינטריגע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אַ קעניגלעכן הויף. איז אין דעם אַלעם פאַראַן עפּעס אַ ספּעציעלע נס־דערשיינונג? קען מען עס דען פאַרגלייכן צום נס יציאת מצרים?

נאָכמער איז ניט פאַרשטענדלעך אין דער פורים־געשיכטע: אַ סך פון אונזערע חכמים ז״ל האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרוואונדערונג אויף דעם, וואָס אין דער גאַנצער מגילת אסתר ווערט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דעם אויבערשטנס נאָמען — ניט דער שם הוי׳, ניט די אַנדערע שמות הקדושים: פאַרוואָס אַזאַ אַנדערשקייט פון דער מגילת אסתר לגבי אַנדערע ספרי קודש, בעת דווקא אין איר געפינט מען אַזאַ העכערקייט?

און טראָץ דעם — ניט בלויז האָבן דאָס חז״ל אָנגענומען ווי אַ נס, נאָר טאַקע ווי אַזאַ וואָס שטייגט אַריבער יענע בולטע באַרימטע וואונדער־נסים וואָס זיינען פאַרשריבן אין תורה בשייכות צו אַלע אַנדערע ימים־טובים. זאָגן דאָך אונזערע חכמים זכרונם לברכה (אין ירושלמי), אַז אַפילו „ווען אַלע ימים טובים („מועדים”) וועלן בטל ווערן (דאָס מיינט אין די גליקלעכע צייטן פון לעתיד לבוא) וועלן אָבער חנוכה און פורים ניט בטל ווערן”.

בכדי צו פאַרשטיין דאָס אַלץ, דאַרף מען פריער זיך אַריינטראַכטן אין דעם באַדייט פון נסים אין אַלגעמיין. געוויינלעך נעמען מענטשן אָן, אַז דער באַגריף פון נס קומט הויפּטזעכלעך צום אויסדרוק אין אַ ספּעציעלער וואונדערלעכער פאַסירונג, וואָס פּאַסט זיך ניט אַריין אין די נאַטור גרענעצן. דעריבער: וואָס ווייטער אַ געוויסער דערשיינונג איז אָפּגערוקט פון די איינגעשטעלטע

טבע־געזעצן און אַנגענומענע ראַמען — אַלץ מער ווערט זי פאַררעכנט ווי אַן אויסדרוק פון ג־ט׳לעכן נס. דער אמת איז אָבער ניט געווען אַזוי. אַ איד וואָס איז אַ געזונטער מאמין בהשם, גלויבנדיק אין דעם אומענדלעכן כוח פון דעם אויבערשטן וואָס גע־וועלטיקט אויף דער וועלט, און אַלץ־אַלץ איז אונטערוואָרפן זיין השגחה און רצון, ביי אַזאַ מאמין איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן אַזאַ זאַך וואָס איז איינגאַנצן אויסער דער נאַטור און צווישן אַזאַ זאַך וואָס איז בלויז אַ ביסל איבערנאַטירלעך. יעדער וואָס טראַכט גוט דורך דעם ענין פאַרשטייט, אַז די אַלע סאָרטן דערשיינונגען, וואָס גייען אַרויס פון דער געוויינלעכער וועלט־איינאָרדענונג, זיינען זיי אַלע נסים אין אַ גלייכער מאָס — סיי דאָס וואָס דריקט זיך אויס אין אַזאַ קענטיקן וואונדער ווי קריעת ים־סוף און סיי דאָס וואָס קוקט אויס ווי אַ זאַך וואָס איז „כמעט" אין איינקלאַנג מיט די טבע־געזעצן פון וועלט.

און נאָך מער דערפון: דער וואָס גלויבט מיט אַן אמת, לויט די הייליקע יסודות פון די נשיאי ישראל וואָס האָבן באַלויכטן די וועלט מיטן ליכט פון חסידות, יענער ווייס אַז דער אמת׳ער גרויסער וואונדער — וואָס פאָדערט דערקלערונג און איז נאָך אַלץ ניט גענוג אויפגעקלערט — איז דווקא אָט־דער געוויינלעכער סדר פון דער וועלט. וואָרום יעדער רגע און יעדער מינדסטער חלק פון אַ רגע ווערט דאָך אייגנטלעך באַשאַפן אַ נייע וועלט דורך דעם אויבערשטן — און דאָך איז פאַראַן אין דער וועלט אַזאַ איינ־היינטלעכער פאָרזעצונג פון דער פריערדיקער רגע. הייסט עס דאָך, אַז יעדע סעקונדע פון נאַטירלעכער וועלט־עקזיסטענץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן ג־ט׳לעכן וואונדער.

און גרינטלעכער גערעדט: כאָטש מיר ווערן טאַקע נתפעל און פאַרכאַפּט פונעם וואונדער וואָס דער נס אַנטהאַלט אין זיך, וועלן דאָך אָבער אַלע באמת צוגעבן אַז דער פאַקטישער נס פאַר זיך איז בלויז אַ מין מיטל און ניט דער פולער ציל; די הויפּט־זאַך איז דאָך די גוטסקייט און נוצלעכקייט וואָס דער נס ברענגט דער וועלט און די אידן. וואָרום ס׳איז דאָך ניט גענוג אַז אַ געוויסע זאַך זאָל בלויז אַרויס פון די נאַטור־גרענעצן און דאָס אַלץ — נאָר נאָכמער און בעיקר פאָדערט זיך אַז דערביי זאָל אַנטפּלעקט ווערן דער צוועק און די כוונה פונעם נס; אַז דורך דער וואונדער־געשעעניש זאָל דערגרייכט ווערן דאָס וואָס דער בעל־הנס וויל מ׳זאָל דערגרייכן דורך דעם — די אָנערקענונג פון דער ג־ט׳לעכער פירונג מיט אידן און די הנהגה פון אידן אין איינקלאַנג מיט דעם און אין אָט־דער הינזיכט. ווען דער ענדציל איז די אָנערקענונג און דערשפירונג פון דער ג־ט־לעכער השגחה, איז דאָך ניטאָ קיין אונטערשייד, צי אָט־דער ציל ווערט דערגרייכט דורך אַ וועג וואָס איז זייער איבערנאַטירלעך, אָדער דורך אַ וועג וואָס איז דורכאויס באַזירט אויף טבע.

נעמען מיר טאַקע די אַלע גרויסע נסים, וואָס ווערן געשילדערט אין תורה און דורך די נביאים, און מיר דענקען אַז די הויפּט־זאַך פון דעם נס איז די געוואַלדיקע ענדערונג פון דעם נאַטור־סדר. מיר טראַכטן אַז דער עיקר באַדייט פון די פסח־נסים זיינען דווקא די איבערנאַטירלעכע פלאים׳דיקע עשר־מכות, וואָס דער אויבערשטער האָט געבראַכט אויף מצרים; און אַז די גרויסקייט פון מתן־תורה (שבועות) באַשטייט אין דעם הימלדיקן „קול שופר חזק מאוד", וואָס מ׳האָט דאַן געהערט, אָדער אין דער אומבאַגרייפלעכער דערשיינונג צו „זען דאָס געהערטע" — אַ פולשטענדיקער דורכברוך פון נאַטור־געזעצן. אָבער אין אמת׳ן זיינען דאָך די נסים׳דיקע עשר מכות בלויז געווען אַ מיטל צו באַווייזן דורך זיי גדלות השם און צו באַוועגן דעם אַרויסלאָזן פון אידן פונעם לאַנד מצרים; און אַזוי אויך די הערלעכע איבערוועלטלעכע אַנטפּלעקונגען ביים באַרג סיני האָבן זיי דאָך אייגנטלעך פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין כלי און באַגלייטנדיקע ראַם צום דערהויבענעם תוך און אינהאַלט, וואָס דאָס איז די דעמאָלט געגעבענע תורה הק׳. אַזוי אַרום קען מען דאָ נאַרן זיך און מיינען אַז אויב מען זעט ניט די ג־ט׳לעכע ישועה אויף אַן אָפענעם איבערנאַטירלעכן אופן, אויב די הילף דריקט זיך ניט אויס דורך קענטיקן וואונדער — הייסט עס דאַן אַז דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט נס.

און דאָ קומט מגילת אסתר און צייגט אונז דעם ריכטיקן באַנעם פון דעם ענין; און דערפאַר ווערט אַזוי בולט אַרויסגעהויבן דער נס פון פורים. וואָרום טראַץ דעם, וואָס די גאַנצע קייט פון געשעענישן בימי מרדכי ואסתר — וואָס האָבן דערפירט צו דער הערלעכער גאולה אין יענע טעג — קען מען זיי לאָגישערהייט אויפקלערן לויט נאַטירלעכע נאָרמאַלע מאָטיוון, פונדעסטוועגן האָבן אידן דאַן געפילט און פילן אַזוי דורך אַלע ווייטערדיקע דורות, אַז ס׳איז געשען אַ גאָר גרויסער און וואונדערלעכער נס.

האָבן די חכמים ז"ל אונז געלערנט, אַז אין רעזולטאַט פון דעם נס פורים איז — „קיימו וקבלו היהודים עליהם ועל זרעם" — די אידן בימי מרדכי ואסתר האָבן אויף זיך, און אויף די קינדער עד עולם, אָנגענומען די תורה אָפּצוהיטן אירע וועגן און געבאָטן מיט זייער אייגענעם ווילן. קען מען דאָך פרעגן: די אידן האָבן דאָך די תורה

שוין לאַנג פריער גענומען און אָנגענומען — נאָך ביים באַרג סיני? איז דער ענטפער, אַז אין דעם באַשטייט טאַקע דער אויפטו פון פורים־נס:

ביי מתן־תורה זיינען געווען מורא'דיקע אַנטפּלעקונגען פון ג־ט'לעכע נסים ונפלאות, דעם אויבערשטנס חסד און אהבה צו אידן זיינען געווען אַנזעעוודיק פאַר יעדן אויג — און דעריבער האָט דאָס אויפנעמען די תורה דורך אידן ניט געקענט זיין מיט אַזאַ גאַנצער דורכדרינגלעכקייט אין די גרונט־טיפענישן פון האַרץ און נשמה. וואָרום וויבאַלד די קבלת־התורה איז געווען באַגלייט מיט אָפענעם ג־ט'לעכן גענאַד און נסים־אַנטפּלעקונגען, האָט עס ניט געקענט דערמאָנען אַזוי וויט, ביז צום אָננעמען און אָפּהיטן די תורה אויך אין באַדינגונגען, ווען דאָס ג־ט'לעכע ליכט איז פאַרבאָרגן פונעם פליישיקן אויג און ווען די השגחה עליונה איז פאַרהוילן און פאַרשטעלט.

אָבער אין די טעג פון מרדכי ואסתר האָבן דאָס אידן דערגרייכט. דאַן האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז דעם אויבערשטנס נסים און וואונדער זיינען ניט פאַרבונדן דווקא מיט אָפענער העכערקייט פון טבע, נאָר אויך דער סדר פון וועלט־נאַטור גופא איז כולו וואונדער און נפלאות ה'. אָט־דעם טבע־נס האָבן די אידן אַנטפּלעקט. און עס איז געבליבן איינגעקריצט אין אידישן באַוואוסטזיין, אַז אויך אין „נאָרמאַלן" וועלט־גאַנג טוט דער אויבערשטער מיט אונז נסים — פונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן. און כאָטש די נסים פון פורים זיינען אַזעלכע, וואָס אויסערלעך זיינען זיי ניט פאַרגלייכבאַר צו די אָפן־הערלעכע נסים פון וויטערן אַמאָל — ווייסן אידן אויף זיכער אַז אינערלעך פאַרמאָגט דער פורים־נס די זעלבע גרויסע אומענדלעכע חסדים און נס־השפּעות, און די זעלבע נאָענטקייט צום געהעריקן תכלית — און טאַקע אויך מערער און טיפער — ווי ביי די גרויסע נסים אין די ערשטע דורות.

און דערמיט ווערט פאַרשטאַנדיק וואָס די חז"ל האָבן אַזוי שטאַרק אונטערשטראָכן די גרויסקייט פון דעם נס פורים. וואָרום היות פון זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן וויזט מען שוין ניט מער אַזעלכע אָפענע נסים, און די ג־ט'לעכע „צייכנס אונזערע" זעט מען ניט קלאָר — קען דאָך דאָס ברענגען די אידן צו אַ צושטאַנד פון דערשלאָגנקייט און אַראָפּגעפאַלנקייט. דעריבער וויזט מען און מען אונטערשטרייכט, אַז מגילת אסתר לערנט אונז און וויזט אונז דעם גאַנג פון ־די נסים דעמאָלט און ווייטער. פון נס־פורים זעען מיר אַז די השגחה עליונה וואַכט איבער אונז און דעם אויבערשטנס הילף איז פאַר אונז גרייט און נאָענט פונקט ווי אין די דורות הראשונים. נאָר מיר דאַרפן וויסן און פאַרשטיין, אַז דווקא דורך די וועגן פון טבע פאַסירן אויך איצט נאָכאַנאַנד וואונדערבאַרע נסים פון דעם אויבערשטן.

און אַזוי ווערט געזאָגט אין מגילת אסתר, מיט רוח הקודש, וועגן די פורים־טעג, אַז „זייער אָנדענק וועט זיך ניט אָפּטאָן פון זייערע (אידישע) קינדער". דער „זכר" פון פורים לעבט אייביק אין די אידישע הערצער און לערנט אונז, מ'זאָל ניט מעסטן די פאַסירונגען מיט אידן לויט זייער אויסערלעכער דערשיינונג. מיר פאַרשטייען טאַקע אַז דער דרך הטבע פון וועלט איז אויסגעשטעלט אויף נאַטירלעכע סיבות און פאַקטן, דורך וועלכע עס קייטלט זיך דער גאַנג פון זאַכן און געשעענישן. אָבער מיר ווייסן אויך מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז דאָס איז בלויז אַ דרויסנדיקע בילד. ביי יעדן אידן אין האַרצן איז טיף איינגעקריצט דער טיפער גלויבן און באַוואוסטזיין, אַז דער גאַנצער וועלט־גאַנג ווערט בלויז געפירט דורך דער ג־ט'לעכער „האַנט" וואָס ווירקט דורך דער נאַטור אויף אַ נסים'דיקן וואונדערלעכן שטייגער. און טאַקע אין דעם שפּיגלען זיך אָפּ די נפלאות הבורא: דער אויבערשטער כביכול באַהאַלט זיך אויס אין די שלייערן פון טבע, בכדי עס זאָל דערגרייכט ווערן דער ציל און די כוונה פון גאַנצן באַשאַף.

אָן שום ספק קענען מיר אויסגעפינען אין די נסים פון חנוכה און פורים געוויסע נאַטירלעכע פאַקטאָרן וואָס האָבן זיך אויסגעווירקט דערביי — מיר קענען אָנציינגן אויף דער גרויסער פּאָליטישער השפּעה, וואָס די אידישע מקורבים למלכות האָבן געהאַט בעת דער פורים־ישועה; און מיר קענען אפשר אויך ביי חנוכה אונטערשטרייכן געוויסע נאַטירלעכע פאַקטאָרן — אָבער איבער די אַלע סיבות הטבע און דורך זיי אַלע לייכט פאַר אונז שטענדיק און אייביק דער נס פון פורים און חנוכה — דער אויבערשטער שאַפט די סיבות, ער דערפירט זיי צום ציל און ער ברענגט אונז דורך דעם זיינע וואונדערלעכע נסים.

דעם אויבערשטנס נאָמען ווערט טאַקע אָפענערהייט ניט דערמאָנט אין דער גאַנצער פורים־„געשיכטע" — דער גאַנג פון די געשעענישן ציט אַרויף אַן אויבנאויפיקן פאַרשטעל — הויבן מיר נאָר אויף אַביסל דעם וועלט־פאַרשטעל, דערפילן מיר אַז איינצלהייט, די גאַנצע מגילה איז איין גאַנצער אויסדרוק פון זיין הייליקן נאָמען. און אויף דעם עטוואָס־פאַרבאָרגענעם אופן האָבן טאַקע חז"ל געפונען דעם אויבערשטנס נאָמען אין דער מגילה — און ווי געפונען!

נישט קיין מעטעאָר — נאָר אַ שטענדיק ליכט

● ד״ר ה. זיידמאַן

דער מיטלפונקט און די פעריפעריע

כדי צו דערגרייכן אַ גאָר ווייטע פעריפעריע מוז דער מיטלפונקט באַזיצן אַ גאָר שטאַרק ליכט. אַנישט וואָס ווייטער דאָס „הינטערלאַנד" אַלץ שוואַכער די השפעה. מעסטן די השפעה פון ליובאַוויטש דאַרף מען נישט אויף „770", נאָר פון דעם ווייטסטן פונקט וואוהין די השפעה דערגרייכט.

צווישן די אַלע נדחי ישראל, דאָס הייסט, אידן ווייטע פון אידישע מעטראָפּאָליעס, איז דאָס אַממייגסטן פאַרוואָרפענע ווינקל — אויסטראַליע. ווי שטאַרק מוז דעריבער זיין דאָס ליכט אויף „770" ווען עס קומט צו אַהין מיט אַזאַ כוח!

וועגן דעם האָט געבראַכט אַ גרוס הרב נח חיים גוטניק פון מעלבורן, אויסטראַליע.

פאַרשידן זיינען די טעטיקייטן — און די רעזולטאַטן זייערע — פון ליובאַוויטש אין יענע מקומות. בעיקר, ווי אומעטום, איז חינוך. אַ ישיבה, אַ „בית רבקה", מיט אַרום 300 תלמידות, שיעורים. די 20 יאָר זייט די ערשטע ליובאַוויטשער פּיאָנערן זיינען אָנגעקומען אַהין, קליין אין צאָל, שוואַך אין איינפלוס, — האָבן געבראַכט אַן איבערקערעניש דאָרט. דער ישוב פון אידן איז געוואָרן אַ אידישער ישוב.

אָבער אין גאַנג פון טאָג־טעגלעכער גראָער אַרבעט פאַרפעלט מען אָפט אָפּצושאַצן דערגרייכונגען. מ'פאַלט אַריין אין רגילות. מען „געמט" זאַכן אויסערגעוויינלעכע פאַר געוויינלעכע. ס'קומט אָבער אַ מאָמענט וואָס גיט אַ בליץ־אויף אויף אַ פאַרנעפלטן האָריזאָנט, און באַלייכט אַ ברייטן שטח און אַ לאַנגן וועג, — וואָס, צוקומענדיק צו געוויסע צילן, — פאַרגעסט מען דעם שווערן און קליינעם אָנהויב, דעם ראשיתך מצער.

אַזאַ מאָמענט איז געווען די מלחמת מצוה אין ארץ ישראל, און די ישועת ה׳ אין אייר תשכ״ז.

אַלע הערן קולות וברקים און איינער זעט קבלת התורה

בעת אַלע האָבן געהערט די קולות וברקים האָט כ״ק האדמו״ר, שליט״א, געזען — קבלת התורה, וועלכע איז, כידוע, אַ שטענדיקער פראָצעס, אין דער בחינה פון „קיימו וקבלו" — קיימו מה שקבלו, וואָס קומט נאָך אַ סכנות־פולן מאָמענט. נעמלעד, די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון אַ הת עוררות פאַר אידן און פאַר אידישקייט, וואָס דאַרפן אַרויסגעצויגן ווערן מכח אל הפועל.

דער עת רצון פון אײבן האָט ז׳ערוועקט אַן עת רצון למטה. נעני׳עך, דעם רצון ביי דערווייטערטע צו ווערן ווידער נאָענטע.

פונקט ווי ביי „נפתחו השמים" ווען הימלען פראַלן זיך אויף — פאַר אַלע, אָבער זעען זעט בלויז אַ יחזקאל, „ואראה מראות אלקים", אַזוי האָט אויך כ״ק האדמו״ר

שליט״א, דערזען די „מראות אלקים״ סיי אין די נסים אין דער מלחמה, און סיי אין די נסים פון התגלות פון מאור היהדות ביי אידן.

לויט אַן אַלטער אידישער טראַדיציע עפנט זיך שבועות ביינאַכט דער הימל אויף אַ סעקונדע, און זאָגט מען דעמאָלט אַרויס אַ פאַרלאַנג ווערט ער מקויים. אויך אין יענע ג־ויסע טעג — וואָס זיינען, אגב, געווען אין שבועות־צייט, — האָבן הימלען זיך גע־עפנט. מ׳איז אָבער געשטאַנען פאַרגאַפטע מיט אָפענע מיילער, און פאַרשלאָסענע הער־צער, און נישט געוואוסט וואָס צו פאַרלאַנ־גען. און די הרף־עין־סעקונדע איז פאַרביי.

נישט דורכגעלאָזט די שעת הכושר אינעם עת רצון

ליובאַוויטש האָט יאָ געוואוסט. און נישט דורכגעלאָזט די שעת הכושר וואָס איז גע־קומען אינעם עת רצון. „מבצע תפילין״ איז נישט קיין איינצלנער שריט, און נישט קיין איזאָלירטע טאַט. דאָס איז אַן אויסגאַנג־פונקט. דאָס איז אַ רוף אין אַ צעטומלט־קייט. אַ שטראַל אין פינסטערניש.

דאָס איז אַן „אַרכימעדעס־פונקט״ (דער גריכישער דענקער האָט געזאָגט: „גיט מיר אַ פונקט אויסער דער וועלט און איך וועל פון דאָרט רירן די וועלט...״), פון וועלכן ס׳האָט עפעס אַ „ריר געטאָן״ אין טויזנטער אידישע נשמות. דער „עפעס״ איז געווען דער פנימיות׳דיקער אידישער פונק, וועלכן דער „מבצע תפילין״ האָט אָנגעצונדן.

וואָרום רייף איז געווען דער באָדן, אָבער — פאַרטריקנט. איז געקומען די אויפטרייס־לונג פון דער מלחמה אין ישראל, — און פאַרשוואונדן איז די פאַרגליווערטקייט.

ווי אַזוי אַ איד איז געוואָרן אַ איד...

בלויז עטלעכע פונקטן, וועלכע ס׳גיט איבער הרב נח חיים גוטניק פון מעלבורן, אויסטראַליע, וועט אונז געבן אַ באַגריף וועגן די אויפגעפלאַקערטע פונקן. דערציילט הרב גוטניק, אַז ווען ער האָט געהערט וועגן דער זעקס־טעג־מלחמה אין אַ שול, וואו ס׳איז געקומען דער רוב פון די אידי־שע איינוואוינער אין שטאָט, איז געשען אָט וואָס: אַ מאַן איז פּלוצים אויפגע־שפּרונגען פון זיין אָרט, און אויסגעשריגן, אַז ער וויל עפעס זאָגן. דער עולם האָט נישט געוואָלט אים לאָזן איבעררייסן די רעדע, אָבער דער רב האָט אים געלאָזט ריידן. האָט דער מאַן אויסגעשריגן בעת טרערן זיינען אים געראָנען פון די אויגן: „מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פּרעסביטעריען... איך האָב פאַר־לייקנט מיין אידישקייט... מיינע צוויי זין האָב איך דערצויגן אין אַ קריסטלעכער שול, אַלס קריסטן. איצט וויל איך זאָגן פאַר אייך אַלע און פאַר דער וועלט: „איך בין נישט קיין גוי!... איך בין אַ איד, אַ איד!״ און אָנכאַפּנדיק זיינע צוויי זין וואָס זיינען געזעסן לעבן אים און טרייסלענדיק זיי, האָט ער געשריגן: איר הערט? איר זייט אידן! מיר זיינען אידן! זאָגט הויך: מיר זיינען אידן!...״

אַזוי האָט אָפּגעהילכט די סכנה פאַר ארץ ישראל אין אַ דערוויטערטן אידן אין ווייטן אויסטראַליע, און אויפגעוועקט זיין אידישן פונק.

אָט אויף דעם באָדן האָט ליובאַוויטש, דורך אַ קאָנקרעטער טאַט, דורך באַוועגן צו תפילין־לייגן, באַפעסטיקט די אויפוועקונג, אַלס יסוד צו אַ וואָס מער נענטערן צוריק־קום.

„מבצע תפילין״ — אַ שטויס צו דערנענטערונג

די פראַגע שטעלט זיך איצט: איז דער אויפבליק פון אייר תשכ״ז נישט מער ווי אַ מעטעאָר, וואָס האָט בלויז געגעבן אַ לייכט־אויף אויף אַ סעקונדע; אָדער איז עס אַ ליכט וואָס ווערט נישט אויסגעלאָשן, און טאָר נישט געלאָזט אויסגעלאָשן ווערן?

ליובאַוויטש האַלט, אַז דאָס צווייטע איז ריכטיק. היות „ליובאַוויטש האַלט״ מיינט ציען פּראַקטישע מסקנות, איז אויפגעקומען, אויף דער הוראה פונעם רבי׳ן, דער מבצע תפילין, — פונעם כותל מערבי און די באַנען און וועגן פון ארץ ישראל, ביז אויס־טראַליע, און אַנדערע אַקטיוויטעטן אויפ־צוואוועקן אידישקייט. דער ציל איז איינער, — צו פירן און לייכטן אויף דעם וועג צו תורה און יהדות.

אייניקע טייטשן און געדאנקען

פון אונזערע ליטעראַרישע קוואַלן, בשייכות צו זמן חירותנו

פסח

פאַרוואָס רופן די אידן אָט־דעם יום־טוב מיטן נאָמען „פסח", אין דער צייט וואָס אין דער תורה ווערט דער יום־טוב אַלעמאָל באַצייכנט מיטן נאָמען „חג המצות"?

נאָר ס'איז באַוואוסט, אַז דער אויבערשטער גרויסט זיך מיט די מעלות פון זיין פאָלק ישראל; דאַקעגן די אידן גרויסן זיך מיט דער גרויסקייט און דערהויבנקייט פון דעם אויבערשטן. זאָגן דאָך די חז"ל: וואָס שטייט געשריבן אין די תפילין פונעם האַר פון דער וועלט? — „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" (און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל; אַן איינציק פאָלק אויף דער ערד — דאָס איז די מעלה פון אידן). און די אידן, ווידער, זאָגן (און דאָס שטייט געשריבן אין זייערע תפילין): „שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" — די איינציקייט פון דעם אויבערשטן.

דער נאָמען „פסח" דייטעט אָן אויפן שבח פון דעם אויבערשטן און זיינע חסדים ביי יציאת מצרים, ווי דער פסוק זאָגט: „שפסח על בתי בני ישראל... ואת בתינו הציל" (דער אויבערשטער האָט איבערגעהיפּט און אויסגעמיטן די אידישע הייזער, ווען ער האָט געשטראָפט די מצריים מיט דער גרעסטער און לעצטער מכה). און קעגן דעם ווערט דורכן נאָמען „חג המצות" אָנגעדייטעט דער שבח פון אידן, וואָס האָבן געאיילט אַוועקצוגיין מיט משה רבינו אין מדבר און דערפאַר ניט צוגעגרייט קיין שפּייז — אויסער מצות.

דעריבער רופט אָן דער אויבערשטער (אין זיין תורה) דעם יום טוב מיטן נאָמען „חג המצות", וויבאַלד דער דאָזיקער נאָמען דערמאָנט די מעלה פון אידן. און ווידער די אידן רופן אים אָן מיטן נאָמען „פסח" וואָרום דווקא דער נאָמען דריקט אויס דעם שבח און וואונדערלעכע גענאָד פון דעם אויבערשטן.

(פון „קדושת לוי")

ביצה

דער „כל בו" שרייבט אַ טעם פאַרוואָס מ'נעמט אַן איי צום פסח'דיקן „סדר" — ווייל מיט דעם וויל מען אויסדריקן אַן אָנדענק פון אבילות (אַן איי איז אַ סימבאָל פון אבילות) אויפן חורבן בית המקדש.

אָבער, אין פלוג, ווי פאַסט זיך אַריין אַ זכר פון אבילות דווקא אין דעם סאַמע פייער־לעכן און פריידיקן מאָמענט פון דער „סדר"־נאַכט? דער אמת איז אָבער, אַז דורכן אָנדענק פון חורבן און גלות ווערט אַרויסגעבראַכט ניט נאָר די נעגאַטיווע זייט, נאָר דערביי אַנטפּלעקט זיך אויך די פּאָזיטיווע דערהויבנקייט פון דעם גע'רודפ'טן פאָלק אין גלות. און אַזוי ווערט געבראַכט אין נאָמען פון „חתם סופר" זצ"ל:

אַן איי האָט אַזאַ אייגנשאַפט, וואָס טיילט איר אויס פון אַנדערע סאָרטן עסנוואַרג: וואָס מער מ'קאָכט די איי, אַלץ מער ווערט זי פאַרהאַרטעוועט. דערמיט סימבאָליזירט זי טאַקע דאָס אידישע פאָלק: וואָס מער מען „קאָכט" אים און „מ'בראָט" אים אין פייער און אין וואַסער, אַלץ מער ווערט ער פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטאַרקט אין זיין אמונה און יהדות — „וכאשר יענו אותו, כן ירבה וכן יפרוץ"...

די חכמים זאָגן אין מדרש, אַז פסח, מצה און מרור זיינען קעגן די דריי אבות:

קען מען ממילא זאָגן, אַז די פיר כוסות זיינען קעגן די פיר אמהות — די מוטערס: שרה, רבקה, רחל, לאה — ווייל די אידן זיינען דאָך אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים סיי אין זכות פון די אבות און סיי אין זכות פון די אמהות. ווי די חז"ל זאָגן אין מדרש: „מדלג על ההרים" — „בזכות האבות שנקראו הרים" (דאָס וואָס דער אויבערשטער כביכול איילט זיך („מדלג") אויסצולייזן די אידן איז דאָס צוליבן זכות פון די אבות. „הרים", איז גלייך ווי הורים — עלטערן); „מקפץ על הגבעות" — „בזכות האמהות" („מקפץ" מיינט אויך די איילעניש צו אויסלייזן די אידן, איז עס אין זכות פון „גבעות" וואָס זיינען מרמז אויף די אמהות).

דעריבער טרינקט מען פיר כוסות — וויין, ווייל נשים צדקניות זיינען געגליכן צו וויינטרויבן, ווי ס'שטייט אין תהלים: „דיין פרוי איז ווי אַ פרוכטיקער ווינשטאָק ביי די זייטן פון דיין הויז".

(פון מהר"ל)

אין מדרש שטייט געשריבן, אַז די פיר כוסות וואָס די חכמים האָבן מתקן געווען צו טרינקען ביים „סדר" זיינען קעגן די פיר מאָל „כוס" וואָס ווערן דערמאָנט אין דער תורה ביים חלום פון שר המשקים אין זיין געפענגעניש.

אָבער וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג איז דאָ צווישן די פיר כוסות פון „סדר" מיטן חלום פון שר המשקים?

נאָר דער געדאַנק דערפון איז אַזוי: ס'איז באַוואוסט, אַז „כוס" צייגט אויף אַ ישועה פון אַ צרה. ווי אין פסוק שטייט „כוס ישועות אשא" (און מיר זעען דאָך עס אין מענטשלעכן אויפפיר: אַן אויסלייזונג פון אַן אומגליק ווערט געפייערט דורך טרינקען אַ כוס וויין) און טאָקע דאָס טרינקען פון די פיר כוסות פסח איז דער בעסטער באַוויז אויף דעם — ווייל דאָס איז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ישועה פון יציאת מצרים.

אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט, אין טורמע אָדער אין אַן אַנדער סאָרט פאַרשקלאַפונג, איז ער אויסגעשטעלט צו פיר גרעסטע אומגליקן, וואָס ווערן דערמאָנט אין ספר ירמי' (ט"ו): „מות", „חרב", „רעב", „שבי" — ד. ה. אַז דער הערשער פון דעם געפאַנגענעם קען אים לאָזן שטאַרבן נאַטירלעך, ער קען אים אומברענגען מיט דער שווערד, ער קען אים פייניקן מיט הונגער, און ער קען אים לאָזן אין געפאַנגענשאַפט און אים פייניקן מיט די פאַרשידענע גרויזאַמקייטן פון טורמע.

דעריבער, ווען איינער גייט אַרויס פון תפיסה אָדער געפאַנגענשאַפט און ווערט אויסגעלייזט פון אַט־די פיר הויפּט־אומגליקן וואָס זיינען פאַרבונדן דערמיט, דאַרף ער טרינקען פיר כוסות — קעגן די פיר ישועות פון די פיר צרות. און איצט איז פאַרשטענדלעך, וואָס ביים חלום פון שר המשקים, וואָס דער חלום האָט אים אָנגעזאָגט זיין באַפרייאונג פון טורמע, ווערט דאָרט דערמאָנט דאָס וואָס „כוס" פיר מאָל. דאָס איז אַן אָנזאָג אויף די פיר כוסות וואָס ער דאַרף טרינקען צוליב די פיר ישועות וואָס ער האָט באַקומען דורך זיין אַרויסגיין פון „תפיסה־גרוב".

איצט וועט שוין ווערן פאַרשטאַנדיק וואָס דער מדרש בינדט צוזאַמען די פיר כוסות פון פסח'דיקן סדר מיט די פיר מאָל כוס ביים שר המשקים, דערמיט ווערט ניט געמאַכט סתם אַ פאַרגלייך פון די פיר כוסות פון פסח מיט אַ חלום פון אַ מצרישן גוי. די חז"ל ווילן דאָ געבן דעם געדאַנק, פאַרוואָס מ'האָט מתקן געווען פּונקט פיר כוסות צום סדר — און אין דעם זיינען קען מען דאָס גוט אָפּלערנען פון דאָרט: פונקט ווי ביים שר המשקים געפינען מיר אַז עס האָבן געדאַרפט זיין פיר כוסות צוליב די פיר ישועות פון די פיר צרות — אַזוי דאַרפן אויך זיין פיר כוסות ביי דער גאולה פון יציאת מצרים, ווייל אויך דאָ זיינען אידן באַפרייט געוואָרן פון געפענגעניש און פאַרשקלאַפונג, וואו זיי זיינען געווען באַדראָאט פון די פיר גרויסע שטראָפן און זיי האָבן דערנאָך זוכה געווען צו אַ פירפאַכיקער ישועה.

(סוף אויף זייט יח)

„האח״ – דער וואונדערלעכער קינדער־זשורנאַל

• **הרב טובי׳ בלוי**, ירושלים

„ליובאַוויטש״ פאַרמאָגט דעם זכות און פאַרדינסט צו זיין דער ראשון אין גאָר אַ סך אונטערנעמונגען, אויפטואונגען, וואָס זייער ביישפיל איז דערנאָך געוואָרן נאָכגעפאָלגט און איבערגענומען דורך אַנדערע באַוועגונגען און שטרעמונגען. (ליובאַוויטש האָט, צום־ביישפּיל, אויפגעשטעלט די ערשטע חסידישע ישיבה אין דער וועלט — „תומכי תמימים״; די ערשטע חסידישע ישיבה אין ארץ־הקודש — „תורת אמת״; דאָס ערשטע חסידישע דאָרף אין ארץ־ישראל — כפר חב״ד; און אַזוי אויך אויף די געביטן פון אָרגאַניזאַציע און אין תורה־וחסידות־ליטעראַטור).

צווישן אַזעלכע ערשטקייטן קען מען אַריינרעכענען דעם ערשטן פרומן קינדער־זשורנאַל (און אפשר טאַקע די ערשטע קינדער־צייטונג אין לשון־קודש בכלל) — און דאָס איז די וואָכן־שריפט „האח״, וואָס איז דערשינען, אַרום 60 יאָר צוריק, אין פאַרלויף פון דריי און אַ האַלב יאָר (פון פ׳ וישלח, יוד כסלו, תרע״א — ביז אינמיטן יאָר תרע״ד). אַרום הונדערט און פופציק העפטן (נומערן) זיינען דערשינען פון דאָזיקן זשורנאַל און אַ צאָל פון זיי זיינען אַרויס אויך מיט אַ „הוספה״, צוגאָב־זייטן (קענטיק צוליבן צאָלרייכן מאַטעריאַל). אמת, עס זיינען פאָרגעקומען געוויסע איבעררייסן אין משך פון זיין דערשיינונג. אָבער אין אַלגעמיין גענומען, איז דער זשורנאַל אַרויס גאַנץ רעגלמעסיק און אָפט.

אָט־די גאַנצע פרוכטבאַרע אַרבעט האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער טרייער און מיזאַמער האַנט פון ר׳ משה ראָזענבלום ז״ל — איינער פון די אָנפירנדיקע מענטשן אינעם אָפיס פון „תומכי תמימים ליובאַוויטש״. אַן איש חכם ונבון איז געווען ר׳ משה ראָזענבלום, אָנגעזאַפּט מיט וויסן, אומגעוויינטלעך באַגאַבט און טאַלאַנטירט. (אַוודאי איז אַזאַ פערזענלעכקייט ווערט אַן אַרומנעמענדיקע געשיכטלעכע באַשרייבונג און אָפּשאַצונג — אָבער ניט אין די ראַמען פון היינטיקן איבערבליק). און געווען איז ער ניט בלויז דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל; וואָרעם ער אַליין האָט אויך געשאַפן צום גרעסטן טייל דעם גייסטרייכן און פיל־קאָלירין מאַטעריאַל פון דער דאָזיקער קינדער־שריפט, און די ערשטע צענדליקער העפטן האָט ער אַליין יעדן נומער אָנגעפילט מיטן פאַרשידנאַרטיקן לייענשטאָף. מיט אַ צייט שפּעטער זיינען שוין צוגעקומען אַנדערע שרייבער, וועמענס שאַפונגען זיינען דערשינען אָפט אין „האח״.

צווישן אָט־די צוגעקומענע מיטאַרבעטער פון „האח״ איז כדאי צו דערמאָנען איינעם, וואָס האָט זיך באַצייכנט: „שמש דמתא אירקוטסק״ („דער שמש פון שטאָט אירקוטסק״ — אַ ווייטע שטאָט אין סיביר). דער דאָזיקער „שמש״ איז געווען באַרימט אויך צוליב זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. עס בעט זיך דאָ צו דערמאָנען אַ מאָדנעם קוריאָז אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט־דעם שרייבער, וואָס שפּיגלט אויך אָפּ דעם צושטאַנד פון די קאָמוניקאַציע־פאַרבינדונגען אין יענער צייט אין יענעם לאַנד. אין איינעם פון די „האח״־נומערן איז דערשינען אַ זייער טרויעריקע מעלדונג וואָס דערציילט: ס׳איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון אירקוטסק אַז דער דאָזיקער שרייבער איז נפטר געוואָרן אין זיין בליענדיקער יוגנט — אין עלטער פון פערציק יאָר — און אין זשורנאַל זיינען שוין געדרוקט געוואָרן רירנדיק־וואַרעמע הספד־ווערטער אויף אָט־דעם דערהויבענעם אידן. עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט, עס זיינען שוין דערשינען אַ צאָל „האח״־העפטן און פּלוצלונג — אויף די שפּאַלטן פון „האח״ האָט זיך ווידער באַוויזן דער „שמש פון אירקוטסק״ מיט פרישן מאַטעריאַל פון זיין געבענטשטער פעדער! דערביי איז געקומען אַ באַמערקונג: ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די גאַנצע טרויעריקע ידיעה איז גרונטלאָז, ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, און אַז דער שרייבער איז חי וקיים...

דער דאָזיקער זשורנאַל איז „געבוירן״ געוואָרן פון אַ קינדער־פאָנד (קופת־ילדים), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תר״ע מיטן ציל צו העלפן די ישיבה אין ליובאַוויטש. אין אָט־דעם „קופת ילדים״ האָבן זיך באַטייליקט אידישע קינדערלעך איבער דער ברייט פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך בייגעשטייערט מיט צוויי קאָפּיקעס אַ וואָך

פאַר דער ישיבה „תומכי תמימים״. די באַ־טייליקטע אין דעם קינדער־פאַנד זיינען פאַררעכנט געוואָרן ווי „אחים״, ברידער, צו די תלמידים פון די „חדרים״ ביי דער ישיבה אין ליובאַוויטש. (אין אַט־די „חדרים״ האָבן געלערנט תלמידים אין עלטער פון 12 יאָר און העכער, וואָס האָבן געדינט ווי אַ „רעזערוואוּאַר״ פאַר דער גרויסער ישיבה. לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס איז דערשינען אין די ערשטע נומערן פון „האח״, איז בלויז די צאָל פון די תלמידים אין די חדרים געווען אַרום 150). די חדרים פון דער „קופה״ האָבן פון צייט צו צייט באַקומען געוויסע פּריזן, ביז ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ פּאַסיקע וואָכנשריפט פאַר קינדער, וואָס זאָל דינען ווי אַ געהעריקע באַלוינונג אַנשטאָט די פּריזן פאַר די קינדער.

דער לייען־מאַטעריאַל פונעם „האח״ איז געווען זייער פּילפאַרביק, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען באַשרענקט אין פאַרנעם פון זיין גרויס: אינטערעסאַנטע און מאָראַלפולע דערציילונגען פאַר קינדער פון פאַרשידענעם עלטער (מיט נקודות און אָן נקודות), ערנסטע אַרטיקלען מיט אַ באַלערנדיקן אינהאַלט (אַ טייל פון זיי איז אויפגעזאַמלט אין „ספר השנה״, וואָס איז אַרויס אין ריגע, לאַטוויע, אין יאָר תש״א, און שפּעטער דורכן „מרכז לעניני חינוך״ אין צפון אַמעריקע); אינהאַלטסרייכע לידער פול מיט חלום און געזאַנג; פאַרשידענע חידות (רעטענישן), פאַרוואָרצלטע אין תורה און יהדות; סעריעס פון געשיכטעס וועגן די גדולי ישראל; פּאַסיקע גלייכווערטלעך; אַרטיקלען פאַר עלטערן און לערער און נאָך. אַ געוויסער חלק פונעם מאַטעריאַל איז אַרויס אין אידיש, אָבער אין גרעסטנטייל איז עס געקומען אין לשון־קודש.

די שטרעבונג פון די „האח״־אַרויסגעבער איז געווען קלאָר און בולט צום אויסדריקן אין זיין לייענשטאָף: צו שטאַרקן דעם גייסט פון אידישן קינד קעגן די שעדלעכע „ווינטן״, וואָס האָבן גענומען בלאָזן אויף דער אידישער גאַס, אין דער געשטאַלט פון פאַרשידענע נייע אידייען „אויסצולייזן״ און „פאַרריכטן״ די וועלט. פאַרשטענדלעך, אַז די דערשיינונג פון „האח״ איז גאַרניט געווען צום האַרצן פון די יעניקע, קעגן וועמען דער זשורנאַל איז געווען געריכטעט. אויף פאַרשידענע וועגן האָבן זיי זיך באַמיט צו לייגן שטרויכל־שטיינער אויף זיין וועג. אויך געוויסע פרומע קרייזן זיינען אַרויס מיט קריטיק קעגן דעם „האח״, און אַ סך מאָל האָט דער רעדאַקטאָר געפונען פאַר נויטיק צו ענטפערן אויף די קריטישע רייד.

אין „האח״ נומער 36 (תרע״א) שטעלט זיך אָפּ דער „האח״־רעדאַקטאָר גאַנץ אויספירלעך אויף דעם וואָס מ׳וואונדערט זיך און מ׳פרעגט אויף דער צייטונג וואָס דערשיינט אין ליובאַוויטש: ווי אַזוי גייט עס די חב״ד־פירערשאַפט אַ האַנט (העלפט צו) צום לייענען אַ העברעאישע אָדער זשאַרגאָנישע צייטונג? און וואָס איז די זאַך פון ריידן צו קינדער מיט רעטענישן, גלייכווערטלעך און שפּילערייען, משל און מליצה? דער רעדאַקטאָר ענטפערט די פרעגער, אַז זיי האָבן ניט קיין באַגריף פון דער ווירקונג, שעדלעכער השפעה, וואָס די פרייע ליטעראַטור איבט אויס אויף די אידישע קינדער; און אַז ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק אַרויסצורופן אַ קעגנווירקונג אין דער פאָרעם פון כשר׳ער און פרומער ליטעראַטור.

ווי ס׳איז קענטיק פון רעדאַקטאָרס באַמערקונגען, איז ער פאַרפלייצט געוואָרן פון שריפט־מאַטעריאַלן געשריבן פון קינדער. ער פאַרענטפערט זיך פון צייט צו צייט, אַז מ׳קען ניט ברענגען פאַר די לייענער אַזאַ קינדישן שטאָף. אָבער פון דער צווייטער זייט ווערן פון צייט צו צייט פאַרענטפערט רעטענישן פון קינדער, ווי אויך זייערע ענטפערס, און אויך לומדישע קשיות און פּלפּולים פון תלמידים. ס׳דערשיינען אויך לאַנגע רשימות פון קינדער וואָס האָבן ביי־געשטייערט פאַר די „תמימים״ און זייערע סומעס. אויך ווערן פון מאָל צו מאָל געדרוקט בריוו פון קינדער, וואָס לויבן דעם זשורנאַל, און אויך האַרציקע קינדער־בריוולעך אַדרעסירטע צו די יונגינקע „תמימים״ פון זייער עלטער. אויף די בריוו פון דער לעצטער קאַטעגאָריע זיינען געקומען ענטפערס (פון רעדאַקטאָר) מיט דעם אונטערשריפט: „תמימים״.

דער „האח״ האָט אויך געגעבן ידיעות וועגן געשעענישן צווישן חסידים, אינטערעסאַנטע און וויכטיקע ציטאַטן פון באַלערנדיקן און פּעדאַגאָגישן כאַראַקטער, פון אַלגעמיינע צייטשריפטן. די ערנסטע דערציילונגען (בעיקר אין פאַרזעצונגען) האָבן געשילדערט טיפּן און געשטאַלטן פון קינדער, זייער אַנטוויקלונג און וואוקס צום גוטן אָדער צום שלעכטן, אין איינקלאַנג מיט זייערע נייגונגען אין דער קינדהייט און זייער דערציאונגס־תנאים. ס׳זיינען דאָ אַ סך מעשיות וועגן בעלי־תשובה. די סעריעס וועגן גדולי ישראל נעמען אַרום אַזעלכע גאונים ווי ר׳ עקיבא איגר, דער „חתם סופר״ א״אַ. פאַראַן אַן אויספירלעכע באַשרייבונג (לויט חז״ל) פון דער געשיכטע וועגן די עשרה הרוגי מלכות. אין זשורנאַל זיינען אויך דאָ נאָטיצן וועגן פאַמיליע־שמחות פון חסידישע קרייזן, וועגן תלמידים פון „תומכי תמימים״ וואָס האָבן פאַרנומען רבנישע שטעלעס אדג״ל.

די רשימות פון די קינדער וואָס האָבן

„געשטיצט" די ישיבה און די וואָס האָבן פותר געווען די פאַרשידענע חידות, שטעלן מיט זיך פאָר אַ פאַסיק הילפס־מאַטעריאַל צו דער היסטאָרישער פאָרשונג וועגן דער שטייגנדיקער השפעה פון ליובאַוויטש אין די פאַרשידענע פונקטן איבער דער ברייט פון רוסלאַנד. דאָרט געפינען זיך נעמען פון אַזעלכע יוגנטלעכע וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן באַרימט ווי געהויבענע חסידים אאַ"וו. בין איך טאַקע אַליין געווען אָנגענעם איבערראַשט, ווען כ'האָב זיך אַ פּאָר מאָל אָנגעטראָפן אין „האח" אויף דעם געאַכטעטן נאָמען פון אַ ניין־צען־יאָריקן קינד — וואָס איז איצט, אויף לאַנגע גליקלעכע יאָרן, דער ממלא־מקום פון די גרינדער און נשיאים פון „תומכי תמימים"...

אַ היפּשער טייל פונעם מאַטעריאַל אין „האח" איז שפּעטער אַריין אין פאַרשידענע פרומע לערן־ביכער, ווי „ספרנו", „ילדותנו" א"אַ. אַ דערציילונג וואָס איז אין „האח" דערשינען אין פאָרזעצונגען, איז שפּעטער אַרויס אין אַ באַזונדערן העפטל אונטערן טיטל „לא תשתחוו" (און אויך אין ענגלישער איבערזעצונג). אַ סך חסידישע סיפּורים (אַ גרויסע צאָל פון זיי וועגן אדמו"י חב"ד, באַזונדערס וועגן „צמח צדק") זיינען שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַלערליי ספרים און צייטשריפטן, אָנגעבנדיק זייער מקור און אויך אָן צו דערמאָנען דאָס.

צווישן די געדרוקטע זאַכן פון „אַקטועלן" באַדייט, איז כדאי צו פאַרצייכענען: אַן אויספירלעכער איבערזיכט וועגן די סדרים און צושטאַנד פון ישיבת „תומכי תמימים"; אַ לעבעדיקע שילדערונג פון אַ ראש־השנה אין „הויף" פון כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע; אַ ידיעה וועגן אַרויסשיקן אַ צאָל תלמידים אויף צו גרינדן מיט זיי די ישיבה „תורת אמת" אין חברון; הספד־ווערטער און געשיכטלעכע שטריכן פון רבנית רבקה נ"ע (די רביצין פון אדמו"ר מהר"ש נ"ע און מוטער פון אדמו"ר מהורש"ב נ"ע), אין צוזאַמענהאַנג מיט איר פּטירה, י' שבט, תרע"ד; „בריוו פון חברון", אונטערגעחתמ'ט „חברוני", וואָס דערציילן וועגן דעמאָלטיקן מצב פון אידן אין חברון ת"ו, וועגן דער „מערת המכפלה" אאַ"וו; אַ פלאַמיקער רוף צו די עלטערע חסידים, זיי זאָלן צושטעלן געשיכטלעכע איינצלהייטן וועגן הרה"צ ר' הלל פאַריטשער נ"ע, בכדי זיי צו פאַרצייכענען און פאַרעפנטלעכן (אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין יאָרצייט); אַ ידיעה וועגן דער גרינדונג פון אַ „פרויען־פאַראיין" צו שטיצן די ישיבה אאַ"וו.

אין סך־הכל קען געזאָגט ווערן, אַז אָט־דער רייכער און ווערטפולער מאַטעריאַל קען דינען ווי אַ ניט־אויסשעפּלעכער קוואַל פאַר אַ היסטאָרישן פאָרשער, וואָס באַשעפּטיקט זיך מיט יענער רומפולער און אינטערעסאַנטער תקופה אין דער געשיכטע פון ליובאַוויטש.

טייטשן און געדאנקען / סוף פון זייט טו

איז אויך מיר דאַרפן דעריבער טרינקען פיר כוסות, ווייל — ווי מיר זאָגן אין דער הגדה — „ניט בלויז אונזערע עלטערן האָט דער אויבערשטער אויסגעלייזט פון מצרים, נאָר אויך אונז האָט ער אויסגעלייזט מיט זיי צוזאַמען". (לויטן „כלי יקר")

קדש ורחץ

דער געוויינטלעכער סדר ווי אַ איד דאַרף אָנהויבן דינען דעם אויבערשטן איז: „סור מרע ועשה טוב" — פריער דאַרף דער איד זיך אָפּוואַשן און אָפּרייניקן פון שלעכטס און ערשט דערנאָך וועט ער קענען זיך הייליקן דורך טאָן די ענינים פון טוב און קדושה. אָבער פּסח איז דער סדר פאַרקערט: פריער „קדש" — הייליק זיך, און דערנאָך: „ורחץ" — וואַש זיך אָפּ.

ווייל דאָס איז טאַקע די אויסערגעוויינטלעכע הויכקייט פון פסח: ביי יציאת מצרים האָט דער אויבערשטער ניט געוואַרט ביז די אידן וועלן זיך הייליקן און זיין צוגעפּאַסט צו דער גאולה; נאָר דער אויבערשטער האָט זיי געהייליקט און אויסגעלייזט „בחפזון", מיט איילעניש, נאָך איידער זיי האָבן זיך מטהר געווען פון טומאת מצרים.

דער ענין פון יציאת מצרים חזר'ט זיך דאָך איבער אין פּסח יאָר־איין, יאָר־אויס, דעריבער איז פּסח די דערהויבענע צייט ווען יעדער איד קען צוקומען צו „קדש" נאָך פאַר „ורחץ" — ער קען אָנהויבן מיט „ועשה טוב" און דורכדעם זאָל ער דערגרייכן צו „סור מרע" — און דאָס איז אַ פיל לייכטערער וועג. אויף דעם טאַקע קומט דער אָנדייט פון פּסח'דיקן סדר: „קדש ורחץ".

(אין נאָמען פון בעל „אבני נזר")

דער שווערער וועג צוריק

(דערציילונג)

• ד. ראַוווסקי

חיים־זבולון סולאָווסקי האָט פאַרכאַפּט די צעשפּרייטע באָרד אין זיין דאַרער האַנט און דער פּנים איז געוואָרן שמאָלער, אויסגעצויגענער. אויפן שטערן האָבן זיך אויסגעצויגן לאַנגע, גלייכע קנייטשן, ווי די גלייכע, אויסגעאַקערטע בייטן אויף אַ שמאָלן פעלד. אַ סימן, אַז זיינע געדאַנקען זיינען אַריין אין אַן ענגען ווינקל. דעם רבי׳נס שליט״א רייד וועגן לייגן תפילין מיט אידן פון וועלט האָבן דעם פרימאָרגן אַזוי פריש געערודערט חיים־זבולונ׳ס געמיט; זיי האָבן ווי מיט שווערע געוויכטן אַרויסגעדריקט אַ מין שולד־געפיל כלפּי דעם אייגענעם שוואַכן כאַראַקטער. אָט־ערשט, נעכטן, אייער נעכטן, האָט ער באַשלאָסן צו שטורעמען די אידישע וועלט; ער וועט גאַנצע מחנות אידן איינבינדן מיט די לאַנגע רצועות פון די תפילין, ער וועט... וואָס? לא בשמים היא! דעם רבי׳נס רייד האָבן דאָך אויסגעטראָטן אַזאַ נאָטירלעכן וועג צום אידישן קאָפּ און האַרץ. האָט אין זיין דמיון זיך אויסגעשפּרייט די אור־אַלטע נאָענטקייט, צוזאַמענקנופּ פון אידישע נשמות מיט אָט־דער גרויסער מצוה. אָבער חיים־זבולון דערשפּירט גאָר גיך, אַז אים פעלט אין דער שטייפקייט פון אַ חסידישן חברה־מאַן. די קאַלטע גלייכגילטיקייט פון דער אַרומיקער וועלט גיט אים אַ גיס־אָפּ ווי מיט אַ קאַלטן שפּריץ.

שטייט ער, חיים זבולון, ביים גרויסן פענסטער פון זיין עסצימער און קוקט אין גרויען פרימאָרגנדיקן דרויסן, זיין בליק טאַנצט פון איין פאַרביילויפער צום צווייטן. אין זיין רעכטער האַנט האַלט ער שטייף דעם טלית־און־תפילין־זעקל און די צווייטע האַנט באַוועגט זיך און פאָלגט נאָך אייניקע דורכגייער אין דרויסן, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט דורכטאָפּן צי יענע אידישע מענער אין גאַס וואָלטן אויף זיך אָנגעמאָסטן אַ פּאָר תפילין.

אַ איד מיט אַ הדרת־פּנים באָרד און מיט שיינענדיקע שוואַרץ־אידישע לבושים האָט דורכגעשפּאַצירט מיט הויך־צעשטאָלצטע שפּרייזן. זיינע צעפלאַטערטע פאָלעס פון דער קאַפּאָטע האָבן זיך געריסן אין דער לופטן, גלייך ווי ער וואָלט אַריבערגעשוועבט דעם דרויסן אויף אַ באַזונדער סטעזשקע, מיט איבערוועלטישע שריט.

חיים־זבולון האָט דערפילט אַ נייעם געדראַנג אין קאָפּ. ער האָט זיך אָוועקגעריסן פון פענסטער, אַרויס פון הויז און אים האָבן אַלץ ווי נאָכגעיאָגט די צוויי הדרת־פּנים׳דיקע באָרד־שפּיצן פון דער געזעענער געשטאַלט. ער איז געלאָפן אין שול און געפּרואווט אָפּטרייבן די מחשבות, ווי אַ טשאַטע באַפּאַלענע בייסיקע פליגן. פאַרוואָס קומען זיי, געוויסע זיידענע אידן, און צערייסן די דינע פעדים וואָס ציען זיך צו יענע גאַס־אידן? האַלטן זיי באמת, אַז יענע אידן זיינען שוין אַזוי פאַרפאַלן, פאַרשטויסן, אַז מ׳טאָר זיי ניט אָנטאָן קיין תפילין? אַ שטילער שוידער האָט זיך אויסגעשאָטן אויף זיין פּלייצע. ער האָט צוגעשטופּט צו זיך דעם טלית־זעקל, ווי ער אַליין וואָלט מורא געהאַט צו פאַרלירן חלילה דעם פאַרבונד מיט די תפילין.

אַ פּייפעריי פון אויטאָס האָט אים דערמאַנט אַז ער שטייט אינמיטן גאַס. וואָרום פונקט דאָן האָט ער זיך אַליין געכאַפּט ביי דער האַנט, און זיך ניט ווייסנדיק אָפּגעשטעלט. ס׳איז קלאָר, אַז ער זוכט זיך אַ תירוץ, אַן אויסרייד ניט צו גיין לייגן תפילין

מיט אידן. אוי, זיין שוואַכקייט! אים פעלט שטאַרקייט צוצוגיין צו אַ אידן און ריידן „ווערטער ווי באָב״ — זוכט ער התנצלות און טראַכט וועגן יענע פרומע אידן וואָס זיינען קעגן דעם. מיטאַמאָל גיט ער זיך אַליין אַ מונטער ער גיט אין געדאַנק אַ שפרונג גלייך אין פאַרצייטנס — אָט האָט נאָך אַמאָל אונזער ערשטער רבי, משה רבינו, אויך געהאַט קעגן זיך אַזעלכע וואָס האָבן אים ניט געוואָלט פאָלגן! אַזוי איז עס שוין! „עך, חיים זבולון!״ — דראָט ער זיך ווי מיט אַן אומגעזעענעם פינגער — „גערעכט זיינען יענע וואָס זאָגן אַז דיר פעלט חסידות, איבערגעגעבנקייט צום רבי׳ן! ביסט פשוט אַ שוואַכלינג, אַ פחדן!״ אָט זיצן עטלעכע יונגען אין אַן אויטאָ און חוזק׳ן פון זיין לאַנגער באָרד, פון זיין צעטומלעניש, פון זיין גאַנצן אויסזען — און באַלד פילט ער אַ מין אָפּהענטיקייט, אַ לעקישעוואַטע שוואַכקייט. אָט־דאָ ליגט דער „הונט באַגראָבן״.

אַ אידל האָט זיך צוגעשאַרט: „רבי, איר האָט געוואָלט דאָ אינמיטן גאַס שטיין אַ שמענעסרע?״ — האָט ער אַ צופרידענער פון זיין חכמה זיך צעשמייכלט. „מען מוז זען וואָס ס׳טוט זיך אַרום און אַרום!״ — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ בייזלעכן טאָן. „אַ איד איז היינט טייער, אוי, איז יעדער איד אונז טייער!״

דעם אידס ווערטער האָבן אים מאָדנע צעטשוכעט. ער רופט אים „רבי״, אָבער ער איז דאָך גאָר אַ געשעפטסמאַן. נאָר „מ׳דאַרף זען וואָס עס טוט זיך אַרום״ — האָט אים אָפּגעבאָמבלט אין מוח. האָט ער באַלד געוואָלט ריידן מיטן אידן וועגן לייגן תפילין. אָבער דער איד איז פאַר די אויגן ווי אויסגערונען, נעלם געוואָרן.

ב.

חיים־זבולון איז ניט אַוועק אין שול. אַ פּלאַן האָט אים ליכטיק געמאַכט אין מוח. אַוודאי איז עס ניט אינגאַנצן לויט דער כוונה, ס׳איז אַ מין קאָמפּראָמיס, אָבער ער האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט. פאַר זיינע אויגן איז אַרויפגעקומען זיין געשעפטלעכער פריינט מיסטער קאָהען. אַ גוטמוטיקער מיטליאָריקער לעב־יונג, מיט אַן אָפענער אויסגעכאָליעטער צורה, לעבעדיקע באַוועגונגען און דירעקטע אויגן. חיים־זבולון האָט נאָר געוואָלט משער זיין, צי אָט־דער מיסטער קאָהען האָט אַמאָל געהאַט אַ בר־מצוה און צי ער ווייסט ווי מ׳לייגט די תפילין.

מיסטער קאָהען איז געזעסן אין זיין ליכטיקן, דייך־אויסגעשטאַטן אָפיס־צימער. טראָץ זיין פולן רעספּעקט צו חיים זבולונען האָט ער אים תמיד אויפגענומען חבריש, היימיש: „אַ גוט־מאָרגן אויף אייך מיסטער סולאָווסקי. וואָס קען איך טאָן פאַר אייך אין אַזאַ שיינעם פרימאָרגן?״ ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַריינגענומען אין זיין ווייכער צעוואַרעמטער דלאָניע דעם צווייטנס דאַרע האַנט.

חיים־זבולון האָט אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגן איבערן גאַנצן חדר, זיין אָפּגעשטעלט אויף מיסטער קאָהענ׳ס געדיכטע, פעט־גלאַנציקער טשופרינע, ווי ער וואָלט געפרואווט דערבליקן ווי ס׳וועט דאָרט אַריינפּאַסן דער „של־ראש״. ער האָט אָנגעסטראָיעט אַן איילעוודיקן, פאַרזאָרגטן פנים און געזאָגט מיט האַרץ:

„מיסטער קאָהען, כ׳האָב צו אייך אַ ביטע. כ׳בין פאַרקראָכן אין דעם געגנט און כ׳מוז דאָ ערגעץ אָפּדאַווענען. האָב איך גערעכנט, אַז אפשר, נו, ביי אייך געפינען אַ ווינקל וואו אָנצוטאָן טלית־און־תפילין און דאַווענען. וואו קען מען... דאָ ערגעץ — כ׳מיין כ׳זאָל אייך ניט שטערן״.

מיסטער קאָהען האָט אַ פאָכע געטאָן מיט די צוויי הענט איבער דער ברייט פון אָפיס: פּליז... דער גאַנצער ׳רום׳ איז אייערער פאַר דער נויטיקער צייט! ס׳איז דאָך מיין אָפיס — און איך בין אַ איד, אַ כהן אַפילו! מיין טאַטע האָט יום־כיפור אין סינאַגאָגע געמאַכט די כהן־סוירמאָן מיט צעשפּרייטע פינגער אין דער הויך... אָט אַזוי!״ ער האָט געדרייט מיט די פינגער און זיי בשום אופן ניט געקענט צעטיילן אויף צווייען. האָט ער זיך צעלאַכט אַביסל שעמעוודיק און זיך אויפגעהויבן פון ווייך־געבעטן שטול.

אַז חיים זבולון האָט גענומען אַרויסשלעפּן דעם טלית, האָט מר. קאָהען זיך אַ רוק געטאָן צו דער וואַנט, אָנגענומען אַ גרויסע געראַמטע בילד און אַ וואונק געטאָן צו חיים־זבולונען מיט אַ שאלה׳דיקן בליק: צי אַזאַ ניט־צניעות׳דיקע געשטאַלט מעג הענגען ביים דאַווענען — און איידער חיים זבולון האָט עפּעס געענטפערט, איז דאָס בילד געהאָנגען שוין מיטן פנים צו דער וואַנט.

חיים זבולון האָט זיך געשטעלט דאַווענען מיט אַ צעברויזט האַרץ. די ווערטער פון דאַווענען האָבן אין אים אויפגעשרויפט אַ ביי געפיל, ווי ער וואָלט תפילה געטאָן אין אַ וויטן וועלט־שטח ערגעץ אויף שפּיץ־בערג, צווישן אומבאַקאַנטע הימל און ערד. מיסטער קאָהען איז געזעסן איינגעזונקען אין שטילקייט (דורכן טעלעפאָן האָט ער אַריינגעשעפּטשעט צו דער סעקרעטאַרין, זי זאָל דערווייל קיינעם צו אים ניט אַריינלאָזן.) — האָט אויך חיים זבולון אָנגעהויבן דאַווענען אָנגעצויגן־שטיל. אָבער וואָס ווייטער האָבן די ווערטער גענומען אָפּהילכן העכער, פרייער און האַרציקער. ס׳האָט זיך אים אַפילו אַריינגע׳גנב׳עט אַ מחשבה: דער רושם פון זיין דאַווענען וועט שוין עפּעס אויפטאָן, מר. קאָהען וועט שוין לייגן היינט תפילין און

ווער וויסט? אולי? אפשר וועט ער לייגן די תפילין שטענדיק! דאָס האָט ער זיך אַריינגעפּליסטערט, מער מיט געבעט, ביי די ווערטער „אבינו מלכנו רחם עלינו... ותן בלבנו בינה". און דערביי געהאַט אין זינען אי זיך אי מר. קאַהען.

אָבער ביים אויסטאָן די תפילין איז חיים זבולון ווידער געבליבן אויף אַ ווייל פאַרלירן: ווי הויבט מען אָן? מר. קאַהען'ס פּנים איז געווען מאָדנע ערנסטלעך, אפילו אַביסל אומרואיקלעך, ווי קיינמאָל ניט. ער האָט אַ קוק געטאָן אַביסל פאַרדעכטיקט אויף דעם „של־יד", ווי דאָס שוואַרצער אָפּגלאַנץ וואָלט גערעגט זיין אויג מיט געהיימע וואונקען.

חיים־זבולון האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מר. קאַהענס רוקן און דער גאַנצער אַנזאַמל פון געפילן האָט זיך אַ פּלייץ געטאָן אין זיין קול: „מיין פריינט, כ'זע אייער רעספּעקט פאַר הייליקע אידישע זאַכן, כ'זע אייער אידיש האַרץ! איר גלויבט געוויס אין ג־ט, אין זיינע געבאָטן! איר זעט די תפילין — דאָס איז די גרעסטע מצוה! איר'ט מסתמא געהאַט אַ בר־מצוה? איר געדענקט דאָך אָט־די צווי תפילין וואָס יעדער איד לייגט ווען ער ווערט אַ איד. טאָ זייט היינט אויך אַ איד! טוט אָן אויף דער האַנט איינע און אויפן קאָפּ די צווייטע. כ'וועל אייך ווייזן! מר. קאַהען..."

מר. קאַהען איז געוואָרן רויט אין געזיכט. זיינע אויגן האָט ער ניט אָפּגעריסן פון די תפילין — און פּלוצלונג האָט ער זיך אַ הויב געטאָן און שאַרף אָנגעקוקט חיים־זבולונען. אַ ווייל געשוויגן און דערנאָך גענומען אויסציילן די ווערטער:

„מיסטער סולאָוואָסקי, כ'רעספּעקטיר אייך, ווי איר זייט, און כ'רעספּעקטיר טראַדיציע. אָבער דאָס אַלץ איז ניט פאַר מיר. כ'בין ווייט דערפון — אַזוי ווי הימל פון ערד. איר זייט אפשר ספּעציעל געקומען מיך אַריינציען אין רעליגיעזע זאַכן און כ'דאַנק אייך פאַר אייער מיינען גוט. אָבער פּליז נעמט עס צו! כ'האָב געהאַט בר־מצוה. אָבער אויך דעמאָלט האָט דער טאַטע ע"ה מיך קוים געצוואונגען צו אָנטאָן אַ זיידענעם שאַליקל און אָט־די שוואַרצע... יע תפילין געדרייט און געדרייט אויף דער האַנט. כ'האָב קיינמאָל ניט געוואָלט טאָן וואָס כ'פאַרשטיי ניט. דאַטס אָל. מיר ווערט פון אַזעלכע זאַכן ניט גוט אויפן האַרצן. כ'וויל ניט טראַכטן צי כ'גלויב צי ניט, ווייל ס'הויבט מיר אָן פּלאָנטערן אין קאָפּ".

מר. קאַהען האָט באַמערקט ווי חיים־זבולון שטייט מיט פאַרדראָסיקן קרומען שמייכל, ווי איינער וואָס טראָגט אונטער אַ מתנה און דער צווייטער וואַרפט עס אים אין פּנים אַריין. האָט ער גוטמוטיק אַ זאָג געטאָן:

„מיר זיינען די בעסטע פריינט. איר מוזט אָבער וויסן, אַז כ'בין אַ פּרינציפּיעלער מענטש — כ'קען ניט זיין קיין היפּאָקריט. ווילט איר דען כ'זאָל דאָס טאָן ווי אַ מאַלפּע נאָר צוליב אייך?"

חיים־זבולון האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: „יע, יע, טוט עס צוליב מיר! ווייל כ'בין זיכער, אַז ס'איז פון אייער טובה וועגן. גיט אַהער די האַנט!"

מר. קאַהען האָט זיין האַנט געהויבן פּאַמעלעך, ווי זי וואָלט געווען אָנגעוויקלט מיט אַ שווערן באַנדאַזש־פּלאַסטער. אָבער אַזוי געשווינד האָט ער זי צוריקגעכאַפּט, אַז חיים־זבולון האָט אַרויסגעלאָזט אַן „אוי".

„ניין, מר. סולאָוואָסקי! כ'וועל דאָס ניט טאָן. כ'קען אייך ניט דערקלערן. ווען איר בעט מיך שטעלן זיך אויפן קאָפּ צוליב אייך — וואָלט איך עס געטאָן מיט פאַרגעניגן. אָבער ניט אַזוינס... עפּעס די „האָלי" (הייליקע) זאַכן צערודערן מיך; עפּעס נעם איך טראַכטן פון דעם וואָס כ'וויל ניט און האָב מורא צו טראַכטן. כ'בעט אייך, שטייט ניט צו".

חיים־זבולון האָט דערפילט אַן אָנפאַל, אַ מישעניש פון מחשבות, ווי זיי וואָלטן געקומען פון עטלעכע זייטן מיטאַמאָל. האָט ער עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל און גאָרניט געקענט זאָגן. די תפילין זיינען געלעגן אויפן דעסק־טיש ווי פאַרשעמטע און זייערע רצועות האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון טיש, ווי זיי וואָלטן געזוכט ערגעץ אַוועקצוגליטשן זיך. פּאַמעלעך האָט חיים־זבולון זיי צוזאַמענגעלייגט, אַריינגעלייגט אין זעקל און זיי אַוועקגעלייגט ביים סאַמע מיטן טיש. אַרום דעם בילד פון מר. קאַהענס אַ קינד.

„מר. קאַהען, איר הערט? ווייל איר האָט מורא איז אַ סימן אַז איר מוזט זיי לייגן! כ'לאָז דערווייל די תפילין ביי אייך. זיי זיינען מיר טייער ווי, ווי, מיין נשמה אין מיר. כ'האָב זיי אַלע טאָג געלייגט אין טורמע, אין לאַגער, אומעטום אין אַלע געפאַרן! זיי האָבן מיך געראַטעוועט. וועל איך דערווייל לייגן אַנדערע און איר מוזט זיי כאָטש איינמאָל אָנטאָן! איך בין אַ איד, איר זייט אַ איד און אייערע קינדער זיינען אידן און מיר אַלע האָבן איין ג־ט! און אָט־די תפילין בינדן אונדז צו אים, זיי בינדן אונדז אַלעמען צוזאַמען און דאָס וועט בינדן אייערע קינדער צו אייך. אַ גוטן טאָג".

חיים־זבולונ'ס אויגן האָבן ביים ריידן געפינקלט מיט אַ פייכטן אָפּגלאַנץ, ווי ליכט הינטער אַ נעפּל־פאָרהאַנג. זיין לאַנגע באָרד האָט זיך ווי צעשפּרייט אין צווי דראָענדיקע שפּיצן און זיין פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַ העל־רויטלעך פאַרב. האָט מר. קאַהען ניט געוואָגט זאָגן אַ וואָרט וועגן אַוועקנעמען די תפילין. אים האָט זיך געדוכט, אַז

ער זעט פאַר זיך אַ לעבעדיקן געשטאַלט
פון די אַמאָליקע „נביאים”, פון די „האָלי
מען” וואָס ער האָט אַמאָל געזען אויף ביל־
דער. איז ער געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגלי־
ווערטער, נאָך חיים־זבולונ׳ס אַוועקגיין. דער
גאַנצער חדר איז געבליבן פאַרפולט מיט
אַן אומגעזעענער נאָכבלייבעניש פון חיים־
זבולונ׳ען: אין דער לופט האָבן נאָך גע־
גליט זיינע אויגן, זיינע האַרציקע תפילה־
טענער האָבן נאָך ערגעץ געזשומעט שטיל
אַרום די ווענט. בלויז דאָס טונקל־בלויע
תפילין־זעקל האָט מיט פולער ממשות׳די־
קייט זיך אַריינגעריסן, איינגעפעסטיקט ווי אַ
באַרג אין זיין צימער, אין זיין געמיט און
אַפילו פאַרבלענדט דאָס געזיכט פון זיין
אייניקלס בילד.

ג.

די טעלעפאָנען אין צווייטן צימער האָבן
נאָכאַנאַנד געקלונגען; קליענטן און וויכטי־
קע געשעפטסלייט זיינען געשטאַנען און אומ־
געדולדיק געוואַרט און די סעקרעטאַרין האָט
אַלע ווײַלע אָנגעקלאַפּט אין טיר, געקלונגען
אין פריוואַטן טעלעפאָן. זי האָט ניט גע־
קענט באַנעמען: וואָס האָט פּאַסירט מיט
דעם שטענדיק־פרייליכן און זאַכלעכן מר.
קאָהען? וואָס האָט אָט־דער צעבערדיקטער
איד דאָ אָנגעאַרבעט?

דער זייגער האָט שוין געוויזן די מיטאָג־
שטונדע. ערגעץ אין דער פאַבריק האָט זיך
צעקלונגען דער סיגנאַל־גלאָק און האָט אויפ־
געריסן דעם שטראָם פון מר. קאָהענס גע־
דאַנקען־פלאָנטער. ער האָט פּלוצים דער־
פילט אַן אויסגעשעפּטקייט, אַן אינערלעכע
מידקייט, פּונקט ווי די עלטער וואָלט אויף
אים ראַפּטום אַרויפגעשפּרונגען פון אַ פאַר־
הוילעניש. אמת, שוין אַ לענגערע צייט ווי
ער האָט דערפילט געוויסע פאַרדעכטיקטע
סימנים: די האָר האָבן גענומען ווייזן זיל־
בערנע פעדים; די באַוועגונגען פון קערפּער
זיינען שווערער געוואָרן; עפּעס האָבן די
לוסטיקע „פאַרטיס” גענומען אָנווערן אַביסל
דאָס שאַרפע זיסע לעבעדיקייט. אָבער מער
ווי אַלץ האָט אים באַאומרואיקט די פּוסט־
קייט וואָס האָט זיך גענומען איינפרעסן אין
זיין געמיט. אַפילו זיצנדיק אין זיין רייכער
היים, אין סאַמע מיטן היימישן געטומל
צווישן זיין אויפגעלייגטער משפחה, פלעגט
אים באַפאַלן אַ נאָגנדיקע אויסהוילעניש אין
זיין וועזן, ווי אַ צעקרוכלענדיקער בוים־
שטאַם וואָס ווערט אויסגעשאָטן מיט טיף־
איינגעגעסענע גריבלעך.

האָט ער מיט אַלע כוחות זיך פאַרטומלט
מיט נאָך מער הוליעניש, פאַרווײַלונגען און
ספּאָרט. זיינען אָבער געקומען צערודערטע
נעכט, שלאָפלאָזע שטונדן מיט אויסגעלאָ־
שענע מחשבות און מאָדנע פאַרנעפּלטע, ניט־
געדאַכטע און קאַלעמוטנע חלומות. אָט טויכט
אויף דער לאַנג־לאַנג פאַרשטאָרבענער זיי־
דע, מיט די אַלטעברילן אויף דער דאַר־
אויסגעהויקערטער נאָז, מיט דער שפּיציקער
יאַרמלקע אויפן קאָפּ און מיט אַ שטומען
געבייזער. אָט דראָט ער אים מיט אַ בלוי־
פאַרשוואַרצטן אויסגעדאַוועטן פינגער הל־
מאי זיין אייניקל האָט זיין אַלטן סידור
צעשאָטן אויף בלעטלעך און זיי פליען און
קרייזן אין דער לופטן — און קענען קיינ־
מאָל ניט פאַלן אויף דער ערד; און אָט
אַנטלויפט ער, מר. קאָהען, אויפן ניט־באַ־
וועגלעכן מוטשענדיקן געלויף און דער האַלב
געזעענער זיידע מיטן סטראַשנעם שטעקן
יאָגט זיך נאָך אים און יאָגט...

דערפאַר האָט ער ביי די לעצטע „האָלי
דייס”, ראש־השנה און יום־כיפור, געזוכט
אַ וועג ווי אויסדרייען זיך פון צו גיין אין
טעמפּל. וואָרעם דאָרטן, אין טעמפּל, האָט
געהויערט אויף דער וואָר עפּעס אַזוינס
וואָס האָט אים געמאַכט אַ קלעמעניש. דאָרט
האָט זיך געענדערט זיין זיכערער טראָט, ווי
ער וואָלט געקומען צו אַ טויער וואָס פירט
צו אַן אומבאַוואוסטער ניט־דאָאיקייט. האָט
אים אָבער ניט געפּאַסט פאַרן ווייב, פאַר
דער טאָכטער, פאַר די פריינט. האָט ער
טאַקע לעצטן יאָר אין טעמפּל איבערגע־
לעבט אַזאַ פאַרדריקטע שטימונג, אַז ער
האָט באַשלאָסן: „נאָ מאָר!” מער גייט ער
ניט אַהער קיינמאָל ניט! וואָרום אין מיטן
„פאַסט־טאָג” האָט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער
בלינדער איד זיך פּלוצים צעוויינט אין סאַ־
מע פראָנט פון טעמפּל־זאַל. ער האָט זיך
געקלאַפּט מיטן פויסט אין האַרצן איינמאָל
און ווידעראַמאָל, און געשריען מיט אַ
קוויטש אָן־ציינערדיקן קול: „אוי, ג־ט אין
הימל, איך האָב געזינדיקט” — און ווידער
אַ זעץ אין האַרצן. מען האָט אים קוים איינ־
געשטילט און אַרויסגעפירט פון דער סינאַ־
גאָגע...

מר. קאָהען האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן
אָפיס און זיך ניט געקענט באַרואיקן: וואָס
האָט פּלוצים אָנגעטראָגן אַהער דעם אָר־
טאָדאָקסישן פריינט מיט די תפילין? —
פאַרוואָס קען ער זיך ניט באַפרייען פון דעם
אַלעם? ער איז שוין ניט איינמאָל צוגע־
לאָפן צום טיש און אויסגעשטרעקט די האַנט
צום טונקל־בלויען זעקלע. אַ קליין פּעקע־
לע — וועט ער עס נעמען און... פּטור
ווערן! אָבער דאָס תפילין־זעקל איז גע־
בליבן פּונקט ווי פריער. ער האָט עס פון
אָרט ניט גערירט, גלייך ווי עס וואָלט שוין
געווען איינגעוואָרצלט אין טיש, אין דער
ערד, און ער וואָלט סיידוי קיין כוח ניט
געהאַט צו רירן עס פון אָרט. ער האָט
אַפילו באַשלאָסן צו פאַרמאַכן דעם אָפיס און

(סוף אויף זייט כה)

ווען ס׳פאַלט אַ הייליקע וואַנט

(אַ צייט רעפּאָרטאַזשל)

ה. דובראוו •

אין די אָנהויב־יאָרן פון „ליובאַוויטש" אין ניו־יאָרק איז די ליובאַוויטשער שול געווען אין אָריגינעלן בנין פון 770 איסטערן פּאַרקוויי. שפּעטער, ווען דער ציבור איז געוואַקסן, האָט מען אויפן הויף פון „770" אויפגעבויט אַ גרויסע שול־געביידע. אָבער גאָר גיך איז אויך אָט־די שול געוואָרן גאָר־ענג פאַרן גרויסן צושטראָם, בלי עין הרע, פון אנ"ש — האָט מען מיט אַ האַלב יאָר צוריק אָנגעהויבן איבערבויען די שול, און זי פאַרגרעסערן אויף מער ווי דאָפּלט, דורך צובאַהעפטן צו איר אַ גרויסן טייל פון שכנותדיקן בנין. צוליב געוויסע טעכנישע סיבות ווערט דאָס איבערבוי פאַרצויגן אויף אַ לענגערער צייט. דער שרייבער שילדערט דאָ אייניקע שטריכן פון דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד. — די רעדאַקציע

עכטע גרויסקייט איז גרויס אין זיך גופא. ס׳האָט „פיינט" צעשפּרייטונג, אָנגעבלאָזענע פאַרגרעסערונג. אמת׳ע גדלות איז ניט פאַרכאַפּעריש. ווער שמועסט נאָך, אידישע גרויסקייט, קדושה׳דיקע. אַזוי אין דער גרויסקייט פון אידן־מענטשן, און אַזוי ביי גדלות־קדושה פון אידישע מקומות. אפשר קען עס דינען ווי אַ משל: דעם בית־המקדש (וואָס קען זיין הייליקער !) האָט מען ניט פאַרגרעסערט, בכדי אַריינצונעמען אידן אין רחבות. מ׳איז דאָרט געשטאַנען צונויפגעדריקט און בלויז דער גרויסער ג־ט־לעכער נס האָט זיי געגעבן פרייען שטח.

נו, האָט מען דעם אמת׳ן בית־המקדש, ניט גע־דאַרפט, ניט געטאָרט פאַרגרעסערן. דאַקעגן אַ „קליי־נעם" בית המקדש („מקדש מעט") מעג מען און מ׳מוז אָפּט פאַרברייטערן. אָבער פאָרט, דוכט זיך, קומט עס אָן ניט לייכט. ווער רעדט נאָך אויב דאָס איז פאַרבונדן מיט צעשטער, מיט פריערדיקן צענעם.

אַפּנים דערפאַר די גרויסע „חבלי לידה" פון דער „נייער" ליובאַוויטשער שול אויף „770". ס׳גייט שווער. עקשנות׳דיק שווער. אַ וואַנט אַן אַלטע, אָנגעזאַפּט מיט תורה־עכאָס און חסידישע האַרץ־גיסעניש, וויבאַלד מ׳וויל זי צעוואַרפן — „שרייט" דער שטיין פון וואַנט ! אַזעלכע שטיינער, דורכ־געווייקט מיט וואַרעמען תפילה־אָטעם, מיט האַרץ־זאַפּט — קלעפּן זיך נאָך שטאַרקער צוזאַמען. באַקומען זיי אַליין אַ קלאַפּעדיק האַרץ. ברומען זיי קריצנדיק מיט פאַרשטיינערטן קרעכץ ביי יעדן קלאַפּ פון רידל, ביי יעדן שפּאַלט פון האַק.

אָבער אַמאָל איז גוט צו זען די פנימיות פון אַ מענטש. הינטער דער אויפגעריסענער „שאָלעכץ" דער פאַרגלעטער. ס׳אַנטפּלעקט זיך אָפּט אַ שיינקייט, דאָס אינערלעכע פון ג־טלעכן „רוי־שטאָף". ניט פאַרפּוצט פון מענטש צוליב מענטש. פונקט אַזוי אַנטפּלעקט זיך אָפּט אַ וואַנטיקע שול־„האַרץ", אַ צעבראָכענע, אַ צעריסענע — און ס׳איז געשמאַק אַמאָל אַ דאַוון טאָן, פון האַרץ־צו־האַרץ, ביי אַזעלכע שטום־פאַרכליפּעטע צעבראָכנקייטן.

...און שוין אָט, ס׳ליגן בערגלעך, הרודעס פון „שיימעס"־ברוכוואַרג פון דער וואַנט. אַ בערגל און נאָך איינס און נאָך איינס — און באַהאַלטן דעם אַמאָליקן פּראַכט פון שטאַנד מיט שטילער פאַר־שאָטנקייט פון „פה נטמן". שטעקט דאָרט אַ ברעט, צעפליקט, מיט אויסגעריסענע שפּיצן אין דער הויך — אין שטומען „ויצעקו" פון אויפגעהויבענע פינגער. דאָס איז די ברעט פון מזרח־וואַנט. און פאַר׳דביקה׳טע שטערנס האָבן זיך געטוליעט צו איר. און אַ טרער, אַ נעילה׳דיקע, אַ תקיעת־שופר״־דיקע, האָט געוואונען איבער איר, ביז — די ווייכקייט פון ברעט האָט אים איינגעזויגן אין זיך. איז „וויינט" זי, מסתמא, איצט דאָס טרער צוריק אַרויס. דאָרט, אין דעם שעמעוודיקן פאַרשטעק פון שערבלעך און זאַמד.

אָבער אַפילו די שטאָלצע אייזן־שטאַנגען פון וואַנט האָבן זיך געבויגן. פאַרפאַלן. מ׳מוז. שטייען זיי ווי אין אַ לעצטער „שמונה־עשרה" — צונויפ־געדרייטע, צעקרימטע, צעקניטע, צעבוקטע — פאַרן „אויסגיין". און פון ערגעץ אינדערהויך טראָפּט, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן, ווי פון צעווייקטע ברעמען. האָט אַ שוליקער אייזן־„אָדער" זיך געשפּאָלטן ? אָדער ס׳האָט גאָר אַזאַ האַרץ־שטיין, אַ געשלאָגע־נער, געפּלאַצט ? אידישער שטיינער האָבן הערצער, און אידישע שטיינער קענען זיך גיסן.

און אַזוי האָט זיך וואַנט פון ווענט צעשיידט. געפאַלן און זיך צעשאָטן. געפאַלן — און ווי געקושט דעם דיל פון מקום־קדוש. און ערגעץ אין חלל אין דער הויך האָבן אויך פּיצינקע שטויבעלעך אויסגעפלאַטערט אַ לעצטן צעשיידונג־פלי. באַגלייט האָבן זיי די זוניק־צעפינקלטע אותיות׳לעך פון תורה און תפילה : „איר, הימלדיקע, הויבט אייך העכער און העכער ; און מיר זעמדעלעך פּראָסטע — ערד זיינען מיר געווען און צו ערדישע היימען מיר פאַלן צוריק". און דאַך האָבן שטויבעלעך פאַרשאָטן די ווייטסטע בלעטער פון סידור, די וויגקעלעך פון תהלים...

און איבער בערגלעך זאַמד און שטיינער, איבער כלאמען האָלץ און שערבלעך הילכן אינגעלעך זיסע,

צעשטיפטע. זיי שפּרינגען, טאַנצן, אַרויף און אַראָפּ. עס גלימערט פון זיי מיט לעבן, פרישקייט און פרייד. און זעט: עס גייט אויף פון זיי מיט אייביק־אידישן שפּראַך און בלי איבער די דורות־לאַנגע צע׳חורבה׳טע, צעשטויסטע הייזער־היימען, הייזער־שולן. און אָט־די פלינקע פיסעלעך פאַרגלעטן, דוכט זיך, פאַרלאַשטשען און פאַרטרייסטן דעם צעגריבלטן. טרויער פון די אַראָפּגעזונקענע בערגלעך.

ב.

ווענט און ווענטלעך האָבן זיך געלייגט. דילן און סטעליעס זיינען פאַרשוואונדן פון דער שכנטע־הויז. איז געוואָרן איין גרויסע צוויי־האַלביקע שול. אַ העלפט איז אַ נייע, און נאָך אַ האַלבע — די אַלטע שול. אָבער וואונדער: די „אַלטע" איז גאָר ניי; און די „נייע" שול איז גרייז־גרוי אַלט. און דערפאַר פינקלען די קרישטאָל־לאָמפּן פון דער „אַלטער" שול עפּעס איינגעהאַלטן, שעמעוודיק. ווייל פון אַנטקעגנאיבער הויערן פאַרגרויטע באַלקנס מיט צעצויגענע שוואַרצע שפּאַלטן; נאַקעטע שטיינער, פּעלזיקע גליווערן מיט טונקעלער הוילקייט פון ווייטע היילן. טראָגט זיך פון דאָרט אַ כמורנע ערנסטקייט און פאַרטונקלט די שטאָלצע ברוינע ווענט פון דער „ניי"־שול.

איז אויב איר ווילט, זעט איר דאָ אַ מוסטער ווי ליובאַוויטש איז אַלצייטיק און אוניווערסאַל. נאָך אַזאַ שול איז ניט צו געפינען. מוז דערביי שטעקן עפּעס פון יענער אַל־אַרומנעמענדיקער אייגנאַרטיקייט פון ליובאַוויטש. זאָל זיין בלויז דורך אַזאַ מאָדנער ווייליקער דערשיינונג. חב״ד בינדט הייסט עס ניי און אַלט, אַמאָל און איצט אין איין קדושה׳דיקייט. און אויב עכטע אייביקייט־קדושה — איז אור־אַמאָל ניט אַלט; און נייקייט איז ניט ניי. אַלץ בינדט צוזאַמען און ווערט פאַרריגלט מיטן חסידישן מידת אמת, פון אויבן ביז אַרונטער.

דערפאַר האָט אַ חסידיש בחור׳ל זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון דער „נייער" שול. דאָרט איז פינסטערלעך, דאָרט בלענדעט ניט מיט אויסגעצירקלטער היינט־צייטיקער טעכניקע, דאָרט מוליעט ניט דאָס אויג פון די מאָדערנע קאָלירן. און וויבאַלד עס הוידעט ניט די לופט מיט צעטומלטן אומרו — איז דאָרט גוט צו בלייבן מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם חב״ד. זעצט זיך אַוועק דאָס בחורל אויף דער באַנק אַרום דרום־וואַנט מיטן קאָפּ צווישן די הענט. דער מות ווערט וואַכער, ווייל די „נייע" שול הויכט גאָר מיטן געמיט פון פאַרוואָרפענער שטילקייט, — גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַמאַליקער ריזן־בוידעם פון אַן אַלטער שול אין פּראָג. פאַרטיפט זיך דאָס בחורל אין אַ התבוננות פון אַ געדיכטן חסידישן ענין. טראַכט אַריין אינעם פאַרבונד פון באַשאַף מיטן באַשעפער. אַז דער גאַנצער באַשאַף, אַלע אומצאָליקע העכסטע עולמות זיינען ווי גאָרנישט מיט גאָרנישט אַנקעגן ג־טלעכן ליכט. נאָר ווען דער בחור עפנט אויף די פאַרשטייפטע אויגן, איז אָנגענומער, פּאַסיקער צו באַגעגענען שטיקער באַשאַף, וואָס איז נאָך ניט פאַרשמירט מיט מענטשלעכער „שעפערישקייט", מיט „מענטשלעכן"

פאַרשטעל. און ווער קען עס אַזוי פאַרדעקן אויפן הימלדיקן בריאה־לויטער, ווי די האַנט פון אַ בשר־ודם?

אַ לענגערע צייט דביקה׳ט זיך דאָס בחור׳ל אין תפילה. אָבער שפּעטער, ווען ער עפנט די גמרא, גייט ער אין „אַלט"־שול. תפילה איז גוט אין התבודדות. אָבער תורה איז ליכט — און די קליינינקע אותיות׳לעך פון רש״י, תוספות, פאָדערן קלאָרקייט און ליכטיקייט און חברותא. מאַכט ער אַ קשר פון תורה און תפילה, פון ניי־שול מיט אַלט־שול.

ג.

אַן אָפּגעיאָגטער איד פון פאַרשמאַיעטער לויפעניש טראָגט זיך אַריין אין שול. ס׳איז טיפער נאָכמיטאָג. דער גאַנצער טומל פון אַ גאַסיקן טאָג איז אָנגעהאָנגען אויף זיין צערונצלטן שטערן, אויף די פאַרזאָרגטע ברעמען. רוקט ער זיך ווייטער, ווייטער, אין דער „נייער" שול אַריין. דאָרט פאַרוויקלט אים אַ רואיקע שטילקייט. עס ווייעט אַ מנוחה פון די הויכע ווענט, אַ שלוה־נעפּל פון פאַרגאַנגענהייט — און אָפּבילדער פון חומש קומען אין געדאַנק.

דער אימפּעט פון געבוי איז שוין אַ צייט פאַרשטילט. פאַראַן געוויס גענוגע סיבות. די ווענט פון מזרח און דרום זיינען פאַרהאַנגען מיט לאַנגע, ברייטע פאָרהאַנגען — עלעהיי „יריעות" פון „תכלת", וואָס האָבן געהאָנגען אין הייליקן משכן. און ריזיקע זיילן זיינען דאָ אין „ניי"־שול. אין אַ שטיל ווינקעלע בלאָזט פאַמעלעך פאַרביי די זיילן און צעלייגט זיך איבער די פאָרהאַנגען מיט גלעזענע כוואַליעלעך. הויך־הויך איבער די „יריעות" קוקן־אַראָפּ בלאַסע פענסטערלעך, באַשיידענע, ווי איינגעטוליעט הינטער די פאָרהאַנגען. לאָזן זיי ניט אַריין דעם געפילדער פון גאַס.

און דעריבער לאָקט דאָ גאָר אַנדערש דער תהילימל אויפן טיש. די ווערטער פון תהילים צעגייען זיך דאָ מיט זייער עכטן געקלאַנג. געשמאַקער, נאַטירלעכער. דער אַלטער אידישער זיפץ איז דאָ היימיש צווישן די אויסגעהויקערטע ווענט, וואָס טאַרטשן הינטערן גרויסן געוואַנט. פליט דער „אוי, טאַטע זיסער" אויף האַרציקע פליגל איבער דער „נייער שול" מיטן אַלטן ברויז, קלאַמערט זיך איין אויף באַלקנס צעשטופּלטע, צעדריבלטע פון יאָרן — און דורכן צעבראָכענעם פענסטערל גיט ער אַ שוועב העט־העט אין דער הויך.

און ווייל דער איד אַנטלויפן ווייטער, טיפער — גייט ער צום צפון־זייט פון „ניי־שול". אַן אויסגעטונקלט ווינקל איז דאָרט פאַראַן. אַנטבלויזטע ווילד־שטיינער, הענגענדיקע ערד־פלאַסטן; אַ געמיש פון שימל־גרינקייט, פאַרערדישט געהילץ און פאַרשוואַרצטע ווענט. קען דאָס דינען ווי אַ שטיק מוסר־ווינקל. אַ ליאַדע פאַרהאַרטעוועטע מענטש־באַשעפעניש קען זיך דאָרט אַ שפּיגל־טאָן אין דעם גאַנצן מיזערנעם „תכלית" פון אַלץ מיט אַנאַנדער. אָבער אויב אַ מענטש איז מיט אַ חוש פון דמיון — פאַרגייט ער ערגעץ אין אַ מערה (אַ הייל) פון אוראַלטן גליל. ווייל דאָרט אין צפון־ווינקל זיינען די קרומלעכע ווענט קעלערדיק־פייכטלעך. האַרט

אויפן קאָפּ הענגט אַ דאַך און ער ברעקלט זיך און צעשיט זיך. און קיל און טונקל־גרוי איז די לופט דאָרט. קען מען זיך אַהין פאַרבאָרגן, גלייך ווי למשל דער רשב״י מיטן זון, און זוכן אַ העכערע ליכט.

...און אין ביידע האַלבע שולן רוישט און ברומט פון יונג און אַלט — און „אַלט״ און „ניי״ ווערט פול פאַרגאַנצט מיט לעבן. געזיכטער דער־פרישטע און אויגן פאַרפלאַמטע און בערד צעיאָג־טע — אַלץ מערער און געדיכטער. און עס פינקלען צוזאַמענדיק אי בליקן חסידיש־פאַרטראַכטע ביז די סאַמע בערד־שפּיצן ווייסע, אי צעיוגנטע קוילן־בליקן, לויטערע, פון אויסגעלערנטע שטערנס, אי בליקן פול מיט יום־טוב, מיט רוחניות־פרייד, מיט דערוואַרטונג. פונקט אַזוי גייען זיך צוזאַמען אַלע־אַלע ווענט: מאָדערנע אויסגעפאַרבטע, שטייניק אויס־געקרומטע, פאַרשטויבטע פאַרהאַנגען — אַלע ווערן פאַרזוניקט. דער האַרציקער ניגון דער חסידישער — סיי ווי צעפייערט ער די ווענט מיט אַנדערע קאָלירן. סיי ווי שפּיגלט אויף זיי מיט חסידישער לעבעדיקייט. און סיי ווי ווערט באַלד אַלץ און אַלע איין גרויס געהאָרך — ווען דער טיפסטער חב״ד־קול נעמט זיך טראָגן פון איין ברעג צום צווייטן. פאַרשווינדן די ווענט ביים גרויסן פאַרברענגען.

ניט מער: די לעמפּעלעך אין דער „ניי־שול״ — איינגעזייט טיף צווישן באַיאָרנטע באַלקנס — לייכטן דוכט זיך מער האַפּעדיק. ווינקען זיי פּיל־דייטיק אַריבער צום שיין פון נעאָן־ליכט מאָדערנעם אין „אַלט־שול״: ליכט צו ליכט איז ניט גלייך. זאָ: עס טוט דאָך אויפגיין אינגאַנצן אַן אַנדער ליכט!

* * *

די שול בויט זיך ווייטער. זי וועט ווערן איין גאַנצע, מיט שיינע ווענט, ווי עס פּאַסט פאַרן כבוד פון אַ מקום קדוש. אָבער מסתמא האָבן די היינטיקע איבערגאַנג־מאָמענטן עפּעס אויך אַ זין און ווערט. מ׳האָט דאָך פאַרדאַווענט און פאַרלערנט און „דורכגעפאַרברענגט״ אויף די צייטן פון צע־ברעך און בוי — טאָ זאָלן די פּאָר אַנגעוואָרפענע פאַרצייכענונגען בלייבן אַ מין אָנדענק פון זיי.

כסלו, ה׳תשכ״ח

דער שווערער וועג צוריק / סוף פון זייט כב

אָוועקגיין אַהיים, אַנטלויפן — האָט אים אַ מין פּחד ניט דערמעגלעכט איבערצולאָזן די תפילין אין זיין אָפיס; אָדער עפּעס אַ געהיימע האַנט האָט אים דאָ געהאַלטן. איז ער געוואָרן פּשוט דערשראָקן פאַר זיין איי־גענעם געמיט־צושטאַנד: איז ער אפשר פּשוט אַראָפּ פון זינען? וואָס טוט זיך מיט אים?

ד.

דער טעלעפאָן אין חיים־זבולון׳ס פאַב־ריקל האָט עקשנות׳דיק געדרינגזשעט. ער אַליין, חיים־זבולון, איז געשטאַנען אַ פאַר־האָוועטער ביי אַ צעבראָכענער מאַשין. די גאַנצע איבערלעבעניש פון פרימאָרגן איז אים אַרויס פון געדעכעניש. בלויז ערגעץ אין האַרץ־טיפקייט האָט אַן איינגעגראָבן פאַרדראָס דין־דין געגנאָגט, ווי אַ פּיצל האַלץ־איינשטעכעניש אין ווייכן פליייש, הל־מאי אים איז ניט געלונגען איינצורעדן מר. קאָהען צו לייגן תפילין. דער טעלעפאָן־קלונג האָט אים דענערווירט: וואָס ווערט עס היינט ניט פאַרשטילט!

מיט גיכע טריט איז ער צוגעלאָפן צום טישל און גענומען דאָס טרייבל. ער האָט אויסגעווישט מיטן אַרבל דעם פאַרשוויצטן שטערן, איינגעקלעפּט מיט שטויביקע גריפּ־לעך. נאָך איידער ער האָט אַרויסגעסאָפּעט „העלאָ״ — האָט עמעצער אין טרייבל אַריינ־געשריען: „איז עס מר. סולאָווסקי?״ יאָ, כ׳בין מיסטער סולאָווסקי — האָט חיים־זבולון געענטפערט מיט אַ קלאַפּענדיק האַרץ, ווייל ער האָט דערקענט די שטימע פון מר. קאָהען.

„מר. סולאָווסקי — אייער אידישער נאָ־מען איז חיים, ראַבּיי חיים, יאָ?״ און דאָס טרייבל האָט אויפגעהערט ריידן, נאָר אַ שווער אָטעמען האָט אָפּגעברומט אין טרייבל, ווי אַן אַמאָליקער אַלטער וואַנט זייגער אין אַ פאַרשטילטן צימער. „ראַבּיי חיים״, האָט זיך ווידער דערהערט אַ האַסטיקע שטימע, „אפשר האָט איר איצט צייט, אפשר קענט איר זיך אָפּרייסן אויף אַ האַלבער שעה פון אייער אַרבעט? כ׳וואָלט זייער געוואָלט אייך זען איצט ביי מיר אין אָפיס!״

„זיכער, זיכער! כ׳וועל באַלד צוקומען״ האָט חיים־זבולון זיך געאיילט צו ענטפערן. „אָבער וואָס... כ׳מיין ס׳איז אַלץ אין אָר־דענונג, מר. קאָהען?״

„אין אָרדענונג, פרעגט איר? צי איך בין אין אָרדענונג? ווער ווייס? נו, אפשר ווייסט איר דאָס בעסער פאַר מיר אַליין... ס׳איז אָל רייט, נאָר כ׳האָב זיך באַטראַכט אייך צוליב טאָן. ניין ניט ריכטיק... כ׳דענק אַז איך וועל ניט זיין קיין היפּאָקריט ווען כ׳וועל פאָלגן אייך און אָנטאָן די תפילין. מיין ווייב איז דאָ און זי דענקט אַז אַ איד האָט אַלעמאָל רעכט צו אָנטאָן די „האָלי״ זאַכן אויף זיך. אָבער כ׳ווייס ניט ווי צו אָנטאָן די תפילין און מיין ווייב זאָגט, אַז מ׳דאַרף זעקס מאָל וואַשן די הענט פריער — איז עס ריכטיק? איז קענט איר צוקו־מען?״

„יאָ, יאָ, באַלד, די מינוט!״

און חיים־זבולון האָט זיך אַזוי געאיילט, אַז ער האָט ניט געפילט ווי זיינע אויגן האָבן זיך פלוצלונג איינגעווייקט אין טרערן.

ב"ה

די אידישע היים

סיון, תשכ"ח, באנד 10, נומער 5 (36)
קאנסיל נשי ובנות חב"ד
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

אלט־אידיש לידעלע

גימאלן דורך נחה ריבקין

אַ ברכה פון אַ צדיק —
און „בכורים" צו אַ צדיק

(י"ב תמוז תרפ"ז איז דער יום הגאולה פון כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע)

ווען כ"ק אדמו"ר מרנא ורבנא יוסף יצחק נ"ע איז אין יאָר תרפ"ט געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל, איז ער פאַרבייגעפאָרן די שטאָט אַלעקסאַנדריע (עגיפּטן). ווען דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אַ געוויסע צייט אויף דער אַלעקסאַנדריער באַן־סטאַנציע, האָט זיך פּלוצים אויפגעעפנט די טיר פון וואַגאָן, וואו דער רבי נ"ע איז געפאָרן, און איינער אַ איד האָט זיך אַריינגעריסן אין וואַגאָן מיט גרויס אימפּעט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויס קויש אָנגעפילט מיט אַלערליי פּרוכטן, פון שענסטן און בעסטן סאָרט. די ערשטע ווילע האָט ער ניט געקענט אַרויסריידן אַ וואָרט. פון גרויס אויפברויז און אָנפליייץ פון געפילן איז ער געשטאַנען קעגן רבי'ן נ"ע און זיך באַגאָסן מיט טרערן. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערציילט דעם רבי'ן נ"ע:

ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, אין רוסלאַנד, האָט מיך מיין זיידע מיטגענומען צום רבי מוהר"ש נ"ע (דער זיידע פון אדמו"ר ר' יוסף יצחק נ"ע). מיין זיידע איז געווען פון דעם רבי'ן מוהר"ש'ס חסידים און האָט מיך געבראַכט צום רבי'ן, אַז ער זאָל מיך בענטשן.

דער זיידע האָט דעמאָלט געבראַכט צום רבי'ן מוהר"ש אַ מתנה, גאָר טייערע פּירות, אַלס „ביכורים". דער רבי שליט"א (האָט דער איד פאַרגעזעצט, מיינענדיק דעם רבי'ן מהוריי"צ נ"ע) איז דאַן טאַקע אויך געווען אַ קליין קינד און זיך „אַרומגעדרייט" אין צימער פון רבי'ן מוהר"ש נ"ע. האָט דער רבי מוהר"ש געזאָגט צו מיין זיידן: „יהי רצון", דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז אָט דער איניקל דיינער — און אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף מיר — זאָל ברענגען ביכורים צום דעם איניקל מיינעם...

— אַ סך יאָרן זיינען פאַרביי זינט דאַן — האָט דער איד פאַרגעזעצט — צוליב מיינע מסחרים בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן אַזש אַהער אין מצרים, און דאָ איז מיין שטענדיקער וואוין־אָרט. נו, ווען איך האָב דאָ איצט דערהערט, אַז דער רבי שליט"א פאָרט אַדורך פאַרביי אַלעקסאַנדריע, האָב איך זיך באַלד דערמאָנט וועגן דער ברכה פון רבי'ן מוהר"ש נ"ע. דאָס איז דאָך דער ריכטיקער מאָמענט! — האָב איך באַשלאָסן. האָב איך אין גרויס איילעניש גענומען דעם קויש מיט די פּירות און געבראַכט „ביכורים" צום רבי'ן שליט"א. און אַ דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס איך האָב זוכה געווען אַז דעם רבי מוהר"ש'ס ברכה איז ביי מיר מקוים געוואָרן!

(לויט „ספורי חסידים" פון הרה"ג הרה"ח וכו' ש"י זוין שי')

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוּראַרי — רעדאַקטאָר

סיון ה'תשכ"ח	באַנד 10 נומער 1 (36)

אינהאַלט

אַ ברכה פון אַ צדיק .... הילע

תפילין — די מצוה פון פולער פאַראייניקונג

— י. יהודי .... א

רבי ישראל בעל שם טוב (ליד)

— צ. מ. שטיינמעץ .... ה

די נאַכט ווען דער רבי ר' יוסף יצחק איז

אַרעסטירט געוואָרן — נ. בן־יוחנן .... ו

תורה, נבו... ...ות — הרב ש. ...ערג... י

אַ קאַמף איי... ...ים ווע... אידיש קינד

— ד' ... ...רמאַן ... . יב

ווען ס'ילשו... ...ט — ב. ב. מנחם ..... יד

דער לויפנדיקער (דערציילונג) — ד. זאַריצקי .. טז

די פאַראויסגעזאָגטע צייכנס — ה. לייזערסאָן יט

אַ נאַכט אין סטאַלינגראַד — ח. הלוי ...... כב

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקן אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטן דורך חסידות חב"ד.

תפילין — די מצוה פון פולער פאראייניקונג

● י. יהודי

די חכמים אונזערע, זכרונם לברכה, לערנען אונז אַז דורך מצוות ווערן אידן פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן; און אַז דאָס וואָרט „מצוה" גופא טראָגט אין זיך אָט־דעם באַדייט — „מצוה" איז פון זעלבן לשון ווי „צוותא", וואָס מיינט צוזאַמענקייט און צונויפבונד. וואָרום ווען אַ איד דערפילט דעם אָנזאָג פון דעם באַשעפער און פירט דורך דעם ווילן פון דעם באַפעלער, ווערט ער דורך זיין אויספאָלגן גופא פאַרבונדן מיטן אויבערשטן. די מצוה איז דער הייליקער מיטל צו באַהעפטן דעם טוער פון דער מצוה מיטן אָנזאָגער פון דער מצוה. דורך די מצות עפענען זיך אויף די וואונדערלעכע וועגן, דורך וועלכע אַ מענטש, אַ בשר־ודם, קען ווערן אַ דירעקטע כלי צום ג־ט'לעכן אומענדלעכן ליכט. און הגם קיין שום רייד און מענטש־לעכע באַגריפן זיינען ניט אימשטאַנד צו אָפּמעסטן ווי וויט אַ מענטשלעכע באַשעפעניש האָט ניט קיין באַטרעף אַנטקעגן דעם באַשעפער — דאָך ווירקט די מצוה, אַז אויך דאָס קערפּער־לעכע פונעם אידן זאָל ווערן אַריינגעצויגן אין דער וואונדערלעכער פאַראייניקונג פון זיין נשמה מיט הקדוש ברוך הוא.

ביי דער מצוה פון תפילין געפינען מיר, אַז אויך איר באַזונדערער נאָמען וויזט אויף באַהעפטונג — אויסער איר אַלגעמיינער באַצייכענונג מיטן וואָרט „מצוה". „תפילין" איז אַ לשון וואָס האָט אין זיך אויך דעם באַדייט פון צונויפקלעפּונג, צונויפהעפטונג (ווי דאָס ווערט געטייטשט דורך אונזערע רבים־חכמים ביים וואָרט „תפילה" — אין ענלעכקייט צו „התופל כלי חרס"). און מיר געפינען טאַקע, אַז די מצוה פון תפילין דריקט אויס אויף אַ שאַרפערן און קענטיקן שטייגער סיי די אַלגעמיינע באַהעפטונג פון אידן מיטן כביכול, וואָס ווערט אויפ־געטאָן דורך קיום המצוות; און סיי אויך דעם ספּעציפישן „קשר" פון תפילין, וואָס פאַר־וועבט און פאַרפלעכט אין איין גאַנצער קייט די ג־טלעכע לויטערקייט פון דער נשמה מיט אירע וויטערדיקע גייסטיקע כוחות, ביז צום פּראַקטישן טאַט דורך קערפּערלעכע אברים.

וואָס מיינט עס?

ערשטנס, זעען מיר, אַז די מצוה פון תפילין שטעלט מיט זיך פאַר טאַקע דעם ענין פון צונויפבונד און איינבונד. דערמיט ווערט דאָך אויפגעטאָן די דורכפירונג פון דער מצוה. די תפילין מיט זייערע רצועות בינדן דאָך ממש אַרום און קלאַמערן איין דעם אידנס קאָפּ און האַנט. זיי וויקלען זיך אַרום, שטייפן זיך אַריין און שטעמפּלען אָפּ אויף אידיש פליישׁ־און־הויט דעם צייכן, פון קדושה, דעם „אות" פון ג־ט'ס נאָמען. ס'הייסט, אַז ביי תפילין געפינען מיר מיט אַן אָפענער באַשיינפערלעכקייט, ווי אַזוי אַ ג־טלעכע מצוה־זאַך בינדט זיך אַריין און אַרום מיטן אידנס קערפּער. דוכט זיך, אַז ביי קיין אַנדערער מצוה ווערט איר דורכ־פירונג ניט פאַרגעשטעלט דורך דירעקטן צחאַמענבונד פון דער מצוה מיטן אידן, ווי דאָס איז ביי תפילין. מקיים זיין די מצוה פון תפילין מיינט — אַריינבינדן זיך אין זיי.

אַביסל רוחניות'דיקער און טיפער, איז דאָ אין תפילין די דערהויבענע איינגשאַפט פון באַהעפטן קאָפּ מיט האַרץ. חז"ל זאָגן: די תפילין אויפן קאָפּ און אויף דער האַנט אַנטקעגן האַרץ קומען צו „פאַרקנעכטן", אונטערטעניקן צו הקדוש ברוך הוא אָט־די צוויי „קעניגלעכע"

קערפּער־טײלן בײם אידן. און דאַן גײען קאָפּ און האַרץ מיט אײן גלײכן און גליקלעכן גאַנג. וואָרום אײנער פון די טראַגישע שוואַכקײטן בײם מענטשלעכן מין איז — די וועזנטלעכע ניט־האַרמאָנישקײט, דער נאַטירלעכער אונטערשײד און קעגנזאַץ צווישן קאָפּ און האַרץ. אַפילו ווען דער געלאַסענער קילער מוח פאַרשטײט שוין יאָ וואוהין צו ריכטן די הנהגה פון די אונטערטאַנען־גלידער — קומט דאָס קאָכיקע האַרץ און פאַרציט זײ אין זײנע היציק־קלעפּיקע גלוסט־נעצן. די תפילין אָבער נעמען אַרײן די קאָפּ־און־האַרץ אין זײערע קדושה־ראַמען און זײ ווערן אויסגעשמידט אין אײן ג־טלעכן פורעם. און דעמאָלט ווערט שוין ממילא אײנגעשפּאַנט דאָס גאַנצע מענטש־וועלטל און ווערט (ווי דער לשון אין חסידות) אַ „מרכבה״ (אַ נאָכפאָרנדיקער און נאָכפאָלגנדיקער רײטוואָגן) צום אויבערשטנס רצון. די רצועות פון „של ראש״ ציען זיך פון דער קאָפּ־הויכקײט ווײט אַרונטער און פון „של־יד״ צעוויקלען זיך די רצועות ביז צו די פינגער בײם ברעג האַנט. אַזוי אַרום ווערט דער אַרומבונד פון תפילין אַ פולשטענדיקער: ער שליסט אײן דעם גאַנצן געשטעל פון דעם אידן.

ווי אַזוי, מיט וועלכע כוחות, ווערן באַהערשט אָט־די צענטראַלע פּונקטן פון קאָפּ און האַרץ? ווי אַזוי בינדן זײ זיך צוזאַמען אין דער תפילין־הײליקײט? און דאָ קומען מיר צו נאָך אַ פּנימיות׳דיקערן און אַ נאָך העכערן אינהאַלט פון צונויפהעפטונג, וואָס תפילין פאַרמאָגן אין זיך. וואָרום דער „קשר״־באַדײט פון תפילין וועבט צוזאַמען ניט בלויז קאָפּ און האַרץ. אין זײן ווירקונג צו פאַראײניקן דעם גײסטיקן צוזאַמענשטעל פון אַ אידן נעמט ער אויך אַרײן דאָס העכסטע, דאָס טיפסטע פון דער נשמה; דאָס וואָס שטײט אין שטענדיקן יחוד מיטן אויבערשטן. און דאָס קען מען באַנעמען ווען מיר וועלן אַרײנבליקן אין דער פּנימיות, אין דער אינערלעכקײט פון דער מצוה תפילין.

„שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״ איז דער סאַמע תוך, די עסענץ, דאָס סאַמע עיקר׳־דיקסטע אין אידישקײט, דאָס איז דער הײליקער אומאָפּפרעגלעכער פינטעלע איד. דאָס איז דער אומפאַרלעשלעכער פונק פון אמונה אין דער אײנציקײט פון אויבערשטן, וואָס וואָרצלט אין אינטימסטן ג־ט׳לעכן נשמה־קערן. דורך „שמע ישראל״ שרײט אַרויס דעם אידנס תכלית און תמצית פון זײן לעבנס־אָנהאַלט. „שמע ישראל״ איז מסירת נפש; „שמע ישראל״ איז — דער אויס־„איך״ פונעם סאַמע „איך״. פאַרשטאַנדיק איז, ממילא, אַז „שמע ישראל״ איז דער אויסדרוק פון דאָס העכסטע, טיפסטע און גרעסטע אין דער גײסטיקער ספערע פון דער נשמה. אמונה איז דער קוואַל פון אידישקײט, דער וואָרצל, דער באַוועגונגס־כוח צום גאַנצן אָפּהיט פון תורה און מצוות.

ווי, פאַרשטײען מיר, דאַרף זיך אויסדריקן דער שמע ישראל? דאַרף דאָך אַ איד דער־הערן דעם „השם אחד״ אַזוי, אַז פון „שמע״ זאָל בײם אידן אויפשפּראָצן דער „ואהבת״ — די אומגעהויערע ליבשאַפט צום אויבערשטן מיטן גאַנצן האַרצן, און אַזוי שטאַרק מוז די אהבה אויפשטײגן ביז צום גרײט זײן אַוועקצוגעבן פאַר דעם אויבערשטן לײב און לעבן, האָב און פאַרמעג. איז עס דאָך אַ הויכע גײסטיקע מדריגה, וואָס איר אָרט איז אין די טיפקײטן פון דער נשמה. ס׳איז דאָך הוילער גײסט־געפיל, וואָס מ׳קען עס אויפנעמען בלויז מיט די חושים פון שפּירן און דערהערן.

דער אויבערשטער האָט אָבער, אַזוי צו זאָגן, זיך ניט באַנוגנט מיט דעם וואָס אָט־דער בונד פון דער טיפער אמונה און פאַראײנציקונג מיט ה׳ אחד געפינט זיך אין די גײסטיקע געביטן פונעם אידן. דער גאַנצער „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״ מיטן „ואהבת״ איז אַרײנגעשריבן אין דער פּרשה פון תפילין — אַ מאַטעריעלע זאַך. אָבער ניט בלויז אָט־די ערשטע־העכסטע פּרשה ליגט פאַרבאָרגן אין די „קעמערלעך״ פון תפילין. צוזאַמען מיט „שמע ישראל״ פאַרמאָגן די תפילין נאָך פּרשיות. וואָס איז זײער באַדײט? מצוות! זאָגן דאָך די חז״ל אַז פון דער ערשטער פּרשה פון קריאת שמע דרינגט אַרויס „קבלת עול מלכות שמים״ — דאָס אָננעמען דעם יאָך פון דער ג־ט׳לעכער מלוכה; און פון דער צווײטער פּרשה — דער יאָך פון מצוות. האָבן מיר, הײסט עס, אין דעם אינהאַלטלעכן זינען פון תפילין דעם גאַנצן גײסטיקן נשמה־„לײטער״ וואָס פירט פון דעם טיפסטן צונויפקנופּ פון אידן מיטן אויבערשטן — פון אמונה דורך אהבה — ביז צום פאַריאָכן זיך און אײנשפּאַנען זיך צו

מקיים זיין אַלע מצוות אין פראַקטישן אופן. און די דאָזיקע גאַנצע אינערלעכע פון די תפילין, וועלכע שפיגלען אַריין און אַרויס דאָס פנימיות׳דיקע פון דעם אידן — דאָס אַלץ קומט צום אָפענעם אויסדרוק דווקא אין דער גשמיות׳דיקער מצוה פון תפילין און רצועות וואָס בינדט אַרום און בינדט זיך איין מיט דער גשמיות׳דיקער האַנט און קאָפּ!

וואו און אין וועלכער מצוה, קען מען געפינען אַזאַ אָפן־ליכטיקע, אַלץ־אַרומנעמענדיקע באַהעפטונג, פון נשמה׳דיקע היכקייט־שפיצן מיט פראַקטישע האַנט־מעשים; פון רוחניות׳־דיקע ג־ט׳לעכע באַגריפן מיט גשמיות׳דיקע אַנטאַפּנדיקע ענינים?

— ב —

אַריינטראַכטנדיק אין דאָס אויבן געזאָגטע וועגן אָט־דער איינציקאַרטיקער מעלה און אייגנשאַפט פון תפילין — וועט מען אפשר לייכטער באַנעמען סיי דאָס וואָס רבותינו ז״ל האָבן געזאָגט „אַמאָל״ און סיי דאָס וואָס דער רבי שליט״א טוט אונז זאָגן און פון אונז מאָנען, היינט, בשייכות צו מצות תפילין.

די חכמים האָבן אַנטפּלעקט אַ וואונדערלעכע „סגולה״ וואָס די מצות תפילין טראָגט אין זיך: די תפילין אויף אַ אידישן קאָפּ האָבן די קראַפט אָנצוואַרפן אַ פּאַרכט, אַ שרעק אויף די אומות העולם; וואָס זעען דורך זיי ווי ג־ט׳ס נאָמען איז אָנגעצייכנט אויפן אידן. ווארום דורך תפילין, ווי געזאָגט, קומט צום אָפענעם אויסדרוק, דווקא דורך דער גשמיות׳־דיקער מצוה, אָט־די ג־ט׳לעכע הויכקייט, וואָס ליכטיקט אין דעם אידנס נשמה; דורך די תפילין שיינט אַרויס דעם אויבערשטנס נאָמען וואָס איז אָנגעצייכנט און איינגעקאַרבט ביים אידן גופא: „וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך״ — מ׳וועט זען ווי דער שם ה׳ איז אויף דיר גערופן געוואָרן (ניט בלויז אויף די תפילין).

און דער רבי שליט״א מאָנט איצט מיט דער גרעסטער מאָנונג צו פאַרשטאַרקן צווישן אידן די מצוה פון לייגן תפילין — אויפן העכסט־מעגלעכסטן אופן. רייד פון אַ רבי׳ן דאַרף מען לערנען. מען דאַרף זיך דערין פאַרטיפן. מיר וועלן פּרואוון באַנעמען די מאָנונג פון דעם רבי׳ן שליט״א בדרך „מלמטה למעלה״, פון אַרונטער צום אַרויף, ד״ה פון שטאַנדפּונקט ווי די אידישע וועלט זעט איצט אויס און ווי אַזוי איר מצב פאָדערט אַזוי פּיקוח־נפש׳דיק צו פאַרוויקלען זיך און איינבינדן זיך דורך די תפילין און אירע רצועות.

פון די קרענקלעכע סימפטאָמען פון היינטיקן זמן, וואָס באַווייזן זיך אַזוי בולט אויך אינעם אידישן כלל־קערפּער, איז די מאוים׳דיקע צעשפּאָלטנקייט: שפּאַלטונג צווישן קאָפּ און האַרץ, צווישן אידייעס און פּראַקטיק, צווישן זיינען און טאָן אאַ״וו. ס׳איז ניט דווקא באַוואוסטזיניקע פעלשונג און שווינדל, ד״ה דער מענטש פרעדיקט ניט די שיינע אידעאַלן מיט דער אויסשליסלעכער כוונה נאָר צו פאַרפירן זעם צווייטן. עס איז געמאָלט, אַז ער אַליין שעצט אין געדאַנק דעם אַרויסגעזאָגטן אידעאַל, אלאָ וואָס דען — טאָן טוט ער קאַפּויר, מחמת צווישן קאָפּ און האַרץ און טאַט איז אויסגעשפּרייט אַ תהום. און דערפאַר זעט מען אויף אים אַפילו ניט אָן דעם קאָנפליקט, דעם אינערלעכן געראַנגל, וואָס שפּילט זיך אָפּ ווען קאָנטראַסטן באַרירן זיך.

די „ראַביים״, למשל, קענען ריידן, אַזויפיל וועגן תורה, וועגן נביאים, וועגן מצוות, וועגן גייסטיקער דערהויבנקייט — און דער פּרעדיקער בוענגט עס אַרויס דורך כלומרשטער פאַרטיפונג און דורכטראַכטונג — און בעת מעשה גופא אי׳ זיין גאַנצע אינערלעכע שפּירונג, זיין האַרץ און געפיל אָנגעשטאָפּט מיט אַלדאָס פאַרקערטע פון תורה און נביאים און גייסט. עס איז ניט אַלעמאָל אַזויפיל פשוטע היפּאָקריטישקייט, ווי עפּעס אַ מין אינערלעכע פאַר־טריקנטקייט; און פון איבערטריקעניש קומט אַרויס — אַ ספּאַלט!

ביי שרייבער און דענקער איז לעצטנס אַזוי אָנגענומען צו חלומען, און ריידן צו ג־ט! דעם אויבערשטנס נאָמען פלעכטן זיי אַריין אין דבקות׳דיקע לידער, אין מאָדנע נשמה־אויסגוסן, און „זעאונגען״ אין קלאָגעניש און זיגעניש. איז עס איינגאַנצן לשם מאָדע? איז עס נאָר לשם באַקוועמלעכקייט און מאָדע פון שרייבן? דאָן ווייסט עס אַז אָנשטאָט דינען דעם אויבערשטן, נעמען זיי ח״ו דעם כביכול צו זייער דינסט! זאָל עס זיין אַ מילדער פאָרם פון לעסטערונג מצד כופרים און אפּיקורסים? ניין, ערשטנס, זיינען אַלע אידן אין תוך

מאמינים בני מאמינים. און צוויטנס: פון אַ סך פון זיי שפּירט זיך דאָך אַן אינערלעכער אומרו און דראַנג. זיי מעגן טאַקע שרייבן און ריידן „מיט ג־ט" אין אַן אַבסטראַקטן טאָן, אויפן שטייגער פון ליטעראַרישן פאַנאַנדערבלאָזן זיך — און מיט אים אַליין האָט עס קיין שייכות ניט — און דאָך פילט מען פאַרט גאַנץ אָפט אַרום די ווערטער אַ הויך פון אמונה; געוויסע שרייבער האָבן יאָ „ג־ט אין האַרצן", ניט בלויז אין די פערזן. אָבער איך שיהי׳, פרעגט זיך: ממה נפשך — אויב דעם שרייבער וואַרעמט נאָך דער פונק פון אמונה, איז וואָס באַדייט זיין זוכן „ג־ט" און באַנוגענען זיך מיט גלאָצן מיט פאַר׳דבקות׳טע אויגן צו די הימלען? „שפּירסטו יאָ דעם אַלמעכטיקן — טאָ זיי מקיים זיינע מצוות, היט שבת, לייג תפילין, היט כשרות!" און דאָס דאַרף מען ניט זוכן — „לא בשמים היא" — און דאָס איז אויסשליסלעך וואָס דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן זוכן און געפינען. און אויב ער היט ניט דעם אויבערשטנס געבאָטן — האָט ער ניט קיין אינטימע שייכות צום אויבערשטן — טאָ ווי וואַגט ער צו פאַרוואָכיקן, פאַרשוועכן דעם הייליקן נאָמען פון ג־ט דורך אַריינפלעכטן אים אין פּוסטע פראַזעס? אויב זיין האַרץ איז ליידיק פון ג־ט׳לעכן ליכט, אויב זיין קאָפּ טראַכט ניט וועגן פליכטן צום באַשעפער, און זיין האַנט טוט ניט וואָס דער פאָטער אין הימל וויל — וואָס פאַראַ ווערט האָט שוין דאַן אויב „זיין ליבער נאָמען" שווימט אַרום איבער זיינע לעפצן און זיינע שריפטן? וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט עס אויפן שרייבער גופא און וואָס פאַראַ רעאַקציע דערוואַרט ער דערפון ביים ערנסטן לייענער?

נאָר וואָס דען — טאַקע דאָס איז דער בראָך: ניטאָ קיין קאָנטאַקט צווישן הנחה און טועכץ; קאָפּ און האַרץ זאָגן איינס, און טאָן טוט מען עפּעס אַנדערש; און צווישן פאַרשטאַנד און געפילן גופא איז ווידער אַן אָפּגעריסנקייט — צוויי וועלטן. דער גייסטיקער נפש־בנין איז צעשפּאָלטן — און יעדער טייל איז אַ באַזונדערע פאַרגליווערטע „וועלט".

אַ בולטער אַלגעמיינער ביישפּיל דערצו האָט מען געמערקט אין דער אויסערגע־וויינלעכער איבערלעבונג בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין ארץ ישראל. די אידישע כלל־נשמה האָט אויפגערודערט, אויפגעברויזט. גאַנצענע איינגעדרימלטע קוואַלן פון גייסטיקע ליכטיקייטן האָבן אויפגעשטראָמט און דאָס „פּינטעלע איד" האָט אויפגעפלאַמט פון הינטער פאַרוועלטישטע נעפּלען. אידן האָבן געשטורעמט: מיר האָבן דאָ געזען, באַנומען די הימלשע אַנטפּלעקונג; דער פאָטער אין הימל האָט אונז אויסגעשטרעקט זיין „רעכטע האַנט" כביכול. נו, אויב אַזוי, איז דאָך דער שכל מחייב, אַז אויך די קינדער דאַרפן אויסשטרעקן די הענט אין גרייטקייט צו טאָן וואָס דער אויבערשטער וויל. אָבער גאָרניט. מ׳פאַרשטייט עס טאַקע, און דאָס אַלץ. ווייטער, ניט פון אָרט!

כמעט אַלע וועלטלעכע שרייבער האָבן זיך אַזוי פאַרכליניעט פון באַגייסטערונג און האָבן געפלייצט מיט רייד וועגן ג־ט׳לעכע נסים ונפלאות. אַ גרויסער שרייבער האָט זיך בכל כוחו אָנגעשטרענגט צו איבערצייגן איינעם אַ אידישן האַרטנעקיקן כופר, אַז אָן אַ ג־ט׳לעכן נס און חסד איז ניט צו־פאַרשטיין דעם אידישן נצחון — און דער שרייבער בעל־התפעלות איז אַפילו געווען היפּש איבערצייגט, אַז אַפילו דער קאַלטער מיליטערמאַן און אַטעאיסט האַלט נאָר „פאַסאָן" מיט זיין עקשנות. וואָס אָבער האָט דער באַוואוסטזיין פון דער ג־ט׳לעכער אַנטפּלעקונג אויפגעטאָן אינעם התלהבות׳דיקן שרייבער גופא? אַז דאָס האַרץ איז אָנגעקוואָלן מיט ליוב און דאַנק צום אבינו שבשמים, איז דאָך נאַטירלעך מען זאָל אויס דאַנקשאַפט מיט עפּעס „צוריקצאָלן" — און ער ווייסט דאָך גוט, אַז „הנה שמוע מזבח טוב" — אַז פאָלגן דעם אויבערשטן אויף איין האָר איז אָן אַ שיעור בעסער ווי צוריכטן גאַנצענע פודן מיט שיין־צעפּלאָמיקטע, פיל־פאַרביקע מליצות און צעזונגענע ווערטער.

אָבער ווידער דאָס זעלבע: אַ צעשפּאָלטנקייט איז אויסגעלייגט אינצווישן, וואָס דער־לאָזט ניט צום פּשוטן, עלעמענטאַרן זעלבסט־פאַרשטענדלעכן אויסדרוק פון אַזאַ דערוועקונג — צו קיום המצוות. און נאָך מער: פאַרוואָס קומט ניט אין דער עפנטלעכקייט לכל הפּחות אַן עכאָ, אַ ווידערקול פון אַ צערודערטן געמיט? פאַרוואָס האָט יענע התעוררות ניט צעטרייסלט דעם פאַרגליווערטן לעבנס־שטייגער?

ווייל ס׳איז ניטאָ קיין צוזאַמענשלוס אין דער אידישער גייסט־וועלט; און גאָר אַן

רבי ישראל בעל שם טוב

צו זיין יארצייט דעם ערשטן טאג שבועות, זי"ע ועכ"י

● צ. מ. שטיינמעץ

א מענטש געוועזן
וואס האט געזען,
אז פון א שטיין
א נשמה ווינקט
און יעדער דומם
שירה זינגט.

אז ווער נישט האלט
זיין חבר האט —
ווייסט אויך נישט
פון אהבה צו ג-ט.

אז וואו א בלעטל
פאלט אויף דער ערד —
פון הימל אויבן
נגזר ווערט.

אז אין אלע וועלטן,
גרוים און קליין —
איז גארנישט דא
נאר ג-ט אליין.

אז פון חשכות
און טיפער פיין —
שמחה נאר
קאן באפרייען.

און דו, מענטש, ביזט
פון אים א טייל —
אזוי האט געזאגט
רבי ישראל.

אפגעריסענער און אפגעקילטער ליגט דער כוח המעשה, די קראפט צו טאן עפעס אין פועל ממש.

* * *

אין אנבליק פון אזא צושטאנד ביי אידן — איז דען ניט תפילין די דירעקטע תרופה און סגולה צו אזא צעשפאלטעניש און צעריסעניש? אט־דאס טאקע אונטערשטרייכט מיט זיך די מצוה פון תפילין: אפילו „שמע ישראל . . ה׳ אחד" טאר ניט בלייבן איינגעהילט בלויז אין געדאנק אדער אפילו אין בלויזע רייד. דאס דארף זיך אויסדריקן אין מצוות מעשיות און ברענגען צום פראקטישן היטן תורה און מצוות. תפילין וויזן גאנץ קלאר, אז אפילו „באזינגען דעם באשעפער" און באגייסטערן זיך פאר זיינע נסים איז אבסאלוט ניט גענוג. און אז א איד לייגט תפילין ווערט דאך שוין ממילא אויסגעגלעט דער שפאלט.

די איינקייט פון ה׳ אחד צעשטראלט זיך אין זיין נפש, דערוואכט זיינע כוחות און שמעלצט זיי צוזאמען אין איין ג־ט׳לעכער שלימות.

די נאַכט ווען דער רבי ר׳ יוסף יצחק איז אַרעסטירט געוואָרן

י״ב תמוז תרפ״ז (1927) — תשכ״ח (1968)

(אויסצוגן פון זיינע אייגענע פאַרצייכענונגען)

• נ. בן־יוחנן

אין זיין אייגענער איינלייטונג צו די אויסצוגן פון זיינע פאַרצייכענונגען וועגן די טעג פון אַרעסט אין לענינגראַד, שרייבט דער בעל שמחה פון חג הגאולה פון י״ב־י״ג תמוז, דער רבי ר׳ יוסף יצחק נ״ע, אַז ס׳זיינען דאָ מאָמענטן ווען ער האָט אַ געוויסע הנאה פון איבערלעבן אין געדאַנק יענע טרויעריקע טעג ווען ער איז אין מיטן נאַכט אַוועקגענומען געוואָרן פון דער היים און איז געווען יעדע מינוט אויסגעשטעלט צו די גרעסטע סכנות.

„איך וועל ניט לייקענען — שרייבט ער אין זיין איינלייטונג — אַז דער זיבעטער אַרעסט פאַרשאַפט מיר צייטנווייז אַ ספּעציעלע הנאה, און דער צייכן דערויף איז אַז באַלד זיבן יאָר נאָך דער געשעעניש איז פון צייט צו צייט באַשטים איך מיר אַ מאָמענט צו מתבודד זיין זיך און איבערלעבן נאָכאַמאָל יענע הערונגען און רייד, זעאונגען און חלומות וואָס איך האָב געהערט, געזען און גע׳חלומ׳ט אין יענע טעג".

„די תקופה וואָס איז אַמשטאַרקסטן — שרייבט ער ווייטער — מיט איר ווירקונג אויפן לעבנס־גאַנג פון אַ מענטשן און די אַנטוויקלונג פון זיינע כשרונות, איז די תקופה וואָס איז רייך מיט פּיין און ליידן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַן אידייע, און באַזונדערס דער וואָס ראַנגלט זיך און קעמפט מיט זיינע פאַרפאָלגער און אונטערדריקער פאַר אָנהאַלטן און פאַרשטאַרקן זיין אמונה".

„אָט די תקופה, כאָטש זי איז דורכגענומען מיט פיזישע ליידן און גייסטיקע יסורים, איז זי דאָך די רייכסטע אין שטאַרקע איבערלעבונגען און שטעלט מיט זיך פאָר אַ פעריאָדע פון ליכט אין מענטשנס לעבן".

ואנן מה נענה אבתרי׳ ?... וואָס קענען מיר, די וואָס לייענען די קונטרסי המאסר און שפּיגלען זיך אין די נשמה־פענסטער וואָס דער בעל שמחה האָט דאָרט אויפגעעפנט עד לשמים, וואָס קענען מיר צוגעבן צו די דאָזיקע אוצרות, אויסער לייענען מיט כוונה יעדע שורה איין מאָל און ווידעראַמאָל יעדעס יאָר אין די טעג פון י״ב תמוז און טונקען זיך אין ים פון ליכט וואָס האָט געשפּרודלט פון זיין הייליקער נשמה בעת ער האָט אַ פאַרוואונדעטער און צעבלוטיקטער אַריינגעכאַפּט דאָס אָנטאָן די תפילין אין סאַמע שאָטן פון דער גרעסטער געפאַר!...

מיר לייענען זיינע רייד, זיינע געדאַנקען און זיין אויס׳טענה׳ן זיך מיט די פייניקער און מיר זעען ווי ער פאַרפלאַנצט אין די פינסטערע קאַמערן פון דער לענינגראַדער שפּאַלערקע די פלאַנצן פון מסירת נפש וואָס בליען נאָ׳ היינט, מער ווי פערציק יאָר שפּעטער, און לאָזן זיך ניט פאַרשווענקט ווערן פון די שטורמישסטע מים הזידונים.

אין דער ערשטער גרויזאַמער נאַכט ווען מען האָט אים געשלעפּט פון זיין אויספאָרשונג צו אַ צווייטער האָט ער אין זיך מתפלל געווען און געבעטן:

„אנא ה׳, קוק און זע די אָרעמקייט פון דיין פאָלק... ניט מיר האָבן זיי דאָך

אַוועקגעזעצט דאַ אין טורמע, און ניט מיר ווילן זיי דאָך באַשטראָפן, ווייל ווער בין איך דען?... נאָר (זיי זיינען דאָך אויסן) דאָס וואָס איך בין אַ וואָרצל פון הייליקע אָבות און איינס פון די שטיינער וואָס די זיילן פון די חצרות ה׳, חצרות התורה, שפּאַרן זיך אָן אויף זיי... אנא ה׳!...״

דער „שטיין״ איז פון די יסורים געוואָרן שטאַרק ווי אַ פעלז און ער האָט אויס־געפּלאַסטערט אַ וועג פאַר אַ שארית ישראל וואָס קלאַמערט זיך נאָך עד היום אין די חצרות ה׳ און די חצרות התורה, אין שאָטן פון דער שפּאַלערקע.

זאָלן די ווייטערע קורצע אויסצוגן פון זיינע פאַרצייכענונגען דינען ווי אַ ברידערלעכער שלום עליכם צו די וואָס שטייען נאָך היינט ווי די זיילן און האַלטן אויף די חצרות ה׳, סיי צו די וואָס זיינען אַליין געווען עדות צו די געשעענישן אין זומער פון יאָר תרפ״ז אין לענינגראַד און סיי צום אינגערן דור וואָס דער מיסטעריעזער פּונק וואָס הייסט איד צינדט אָן זייערע הערצער און בשמות אין דער נאַכט פון שמחת־תורה, און טרייבט זיי אַרויס אין די גאַסן צו פרייען זיך מיט דעם וואָס זיי זיינען אידישע קינדער.

אַ מידער און אַ מאַטלאָזער האָב איך זיך געוואָשן צו דער אונט־סעודה צוזאַמען מיט דער משפחה עטלעכע מינוטן נאָך צוועלף ביינאַכט. עס האָט ניט געדויערט קיין צען מינוט ווי דער גלאָק האָט אַ קלונג געטאָן מיט אַ גרויסן שטורעם. די טיר האָט זיך געעפנט, און צוויי מענער זיינען אין איילעניש און טומל אַריינגעקומען אין עס־צימער און אויסגע־רופן: מיר זיינען פון דער גע־פּע־או. ווער איז שניאורסאָן? און וואו איז ער?

זיי האָבן נאָך געהאַלטן אינמיטן רידן און אַ באַנדע באַוואָפנטע מענער איז אַריין אין צימער, זיך אויסגעשטעלט גלייך, גרייט פאַר יעדן באַפעל פון זייער קאָמאַנדיר.

איך האָב געענטפערט געלאַסן און קלאָר:

— איך ווייס ניט וועלכן שניאורסאָן איר זוכט, נאָר אויב איר זייט געקומען אין דער וואוינונג פון אַ מענטשן ווייסט איר דאָך אוודאי פריער ווער דאָ וואוינט... איז דעריבער איבעריק אייער טומל און אָנשרעק... זאָגט וואָס איר פאַרלאַנגט און וועמען איר פאַר־לאַנגט. דערצו נאָך איז מיט אייך צוזאַמען דער אויפזעער פון הויף וועלכער קען פערזענלעך אַלע איינוואוינער פון די דירות, איז וואָס דאַרפט איר טומלען און שרייען?...

דער אָנפירער פון דער גרופּע האָט זיך אָפּגערופן: איך שריי ניט, נאָר אַזוי איז מיין רידן... ווי עס ווייזט אויס, ווייסט איר נאָך ניט דעם שטייגער פון די מענטשן פון גע־פּע־או... ווייזט אונז אייער וואוינונג מיט אַלע אַריינגאַנגען און אַרויסגאַנגען כדי מיר זאָלן קענען אַוועקשטעלן אַ וואַך ווי דאָס געזעץ פאָדערט, און איר, אַלס דער באַלעבאָס פון דער דירה, וועט גיין מיט אונז אַכטונג געבן בעת מיר וועלן דורכפירן די זוכונג.

איך האָב געענטפערט:

— יאָ, איך ווייס ניט די וועגן פון דער גע־פּע־או און איך וויל זיי ניט וויסן... און ס׳איז אויסער יעדן צווייפל אַז איר מאַכט אַ טעות אָדער ס׳איז אַ צוגעגרייטער בלבול, אַלנפאַלס מיר איז אַלץ איינס... און פאַר די אַגענטן פון דער גע־פּע־או האָב איך פריער ניט מורא געהאַט, האָב פאַר זיי איצט ניט מורא און וועל פאַר זיי קיינמאָל ניט מורא האָבן... די אַרויסגאַנגען און אַריינגאַנגען פון הויז קען אייך ווייזן דער אויפפּאַסער פון הויף און איר קענט אין מיין וואוינונג זוכן וויפל איר ווילט, אָדער ווי דער געזעץ פאָדערט, לויט אייערע רייד... מיר וועט איר זיכער ניט שטערן דעם עסן.

מיינע רייד און די קאַלטקייט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דאָס נאַאיווע אַוועקמאַכן זיי מיט דער האַנט פון אַ ליובאַוויטשער בירגער, האָט שטאַרק געווירקט אויף די דאָזיקע שטיינערנע מענטשן. אויף דער ערשטער מינוט זיינען זיי געבליבן ווי מיט אַרונטערגעקלאַפּטע פליגלען און געקוקט אויף מיר מיט גרויס שטוינונג. אין הויז האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינ־לעכע שטילקייט.

עס זיינען אַדורך אַ פּאָר מינוט און די שטימע פון דעם באַאַמטן נחמנסאָן — אַ אידי־

שער אינגל פון נעוול וואָס זיין טאַטע איז געפאָרן אין ליובאַוויטש און אויך ער האָט געלערנט ביי אַ מלמד אין נעוול — האָט באַפוילן די באַוואָפנטע מענער:

— שטעלט זיך אויף דער וואַך לעבן די טירן... אויב איינער וויל אַריינקומען זאָלט איר אים עפענען ברייט די טיר, אָבער אויב איינער וויל אַרויסגיין, אַפילו פון איין צימער אין אַ צווייטן, אָדער ריידן צווישן זיך, זאָלט איר ניט דערלויבן... זעט, איך האָב אייך געוואָרנט... און מיר — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו זיין געהילף, לולב — פון דער לולב משפחה פון ריגע — מיר וועלן זיך נעמען צו דער אַרבעט.

— און איר — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר — אויב איר קענט עסן וועלן מיר אייך ניט שטערן.

אַ באַוואָפנטער וועכטער איז געבליבן אין צימער אַכטונג צו געבן אַז די באַפעלן זאָלן דורכגעפירט ווערן.

צום ערשטן זיינען זיי געגאַנגען אין די צימערן פון מיינע טעכטער חי׳ מוסיע און שיינע זאָלן געזונט זיין, און זיי געפרעגט, צו וועלכער פּאַרטיי זיי געהערן. זיי האָבן געענט־פערט, אַז זיי געהערן צו דער פּאַרטיי פון זייער פאָטער, אומפּאַרטייאישע טעכטער וואָס האָבן ליב די אַלטע אידישע וועגן און פאַראַכטן די נייע שטרעבונגען.

— פאַרוואָס? — האָט נחמנסאָן אַ פרעג געטאָן מיט פאַרוואונדערונג.

— פאַרוואָס — האָט מיין טאָכטער שיינא תחי׳ געענטפערט — פאַרוואָס, בין איך אייך ניט פאַרפליכטעט צו ענטפערן. איר האָט מיר געפרעגט וואָס מיין אַנשויאונג איז, און אויף דעם האָב איך געענטפערט... און אויף דער פראַגע „פאַרוואָס״ און צו געבן אייך אויפקלערונגען וועגן מיין אַנשויאונג, דאָס בין איך ניט מחויב... איר זייט דאָך ניט געקומען לשם דיסקוסיע אָדער צו אונטערזוכן מיינע שריפטן און מיינע בריוו.

— מיר — האָט זי ווייטער געזאָגט — מיר זיינען דאָס וואָס מיר זיינען געוועזן, און דאָס וואָס מיר זיינען זאָגן מיר אָפן, און רעכענען זיך ניט צי דאָס וועט אייך געפעלן און זיין לויט אייער גייסט אָדער ניט.

— איר דאַרפט זיך יאָ רעכענען — האָט נחמנסאָן צוריקגעענטפערט — מיט אונזער כח און מיט אונזער מיינונג... די גע־פע־או וואָס אין איר נאָמען זיינען מיר געקומען צו אייך, קען עפענען אַפילו דעם מויל פון אַ שטומען און מאַכן אים דערציילן וואָס עס ליגט ביי אים אונטער דער לעפעלע... זיי זיינען גרויסע קינסטלער, אונזערע אויספאָרשער... זיי דערציילט מען אַלץ... דאָרט קען מען ניט לייקענען, דאָרט רעדט מען, מיט גוטן אָדער מיט געוואַלד... דאָרט ווערט אַלץ פאַנאַנדערגעגאַנגען... דאָרט רעדט אַפילו אַ שטיין...

— אָט דאָס איז דער גאַנצער אומגליק — האָט מיין טאָכטער צוריקגעענטפערט — אָט דאָס וואָס מען וויל אַלץ נעמען מיט געוואַלד, מיט שטאַרקייט און מיט רויער קראַפט... ווי עקלהאַפט איז דער וועג פון נעמען מענטשן פון פאַרשטאַנד און וויסן מיטן כוח פון קולאַק און מיטן ביקס.

איך וועל ניט לייקענען אַז ס׳איז מיר געווען זייער אַנגענעם צו הערן די קלוגע און רואיקע רייד, כאָטש געמאַכטע, און מיט אַזאַ טאָן פון אַנטשלאָסנקייט, אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז נחמנסאָן, וואָס באַרימט זיך מיט זיין כוח, זאָל אויך איר ניט באַשטראָפן מיט אַרעסט.

אַ שעה און אַ האַלב האָבן זיי געווילט אין הויז, געגאַנגען פון צימער צו צימער און אומעטום געזוכט און געגריבלט, ס׳האָט אָבער אויסגעזען אַז ניט דאָס זיינען זיי אויסן. זיי האָבן צוגעגרייט אַ גרויסן אַקט און צוגעטראָגן צו מיר, איך זאָל עס אונטערשרייבן. איך האָב עס איבערגעלייענט און געזען אַז דאָרט שטייט אַז ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן אַ זוכונג אין מיין הויז און איך באַשטעטיק אַז ס׳זיינען אָפּגעהיט געוואָרן אַלע געזעצן, און אַז מען האָט מיר געלאָזט וויסן אַז איך בין אַרעסטירט.

איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וועל זיך אויף דעם ניט קענען אונטערשרייבן, ווייל דאָרט שטייט אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן לויטן געזעץ, בעת איך וואונדער זיך אויף דער גאַנצער זוכונג... אַלע וויסן ווער הרב שניאורסאָן איז און וואָס ער טוט, און ס׳איז

דעריבער ביי מיר ניט קיין ספק אַז דאָ האָט פּאַסירט איינס פון די ביידע: אָדער אַ טעות אָדער אַ בלבול, וואָס אויף ביידע קען איך ניט צושטימען און זיך אונטערשרייבן.

— און דאָס וואָס איר ווילט מיך אַרעסטירן — האָב איך ווייטער גערעדט — איז אַפּנים אַז דאָס געבעט פון מיין הויז־געזינד פאַר מיינעטוועגן העלפט ניט, אָבער איך געפין פאַר נויטיק אויך פון מיין זייט צו באַמערקן עפּעס וועגן דעם: מיר איז, ווי געזאָגט, קלאָר אַז ס'איז אַ טעות אָדער אַ בלבול און ביידע וועלן אויפגעקלערט ווערן אין אַ טאָג אָדער צוויי. אַלע ווייסן ווער איך בין און וואָס איך טו... איך האָב זיך קיינמאָל ניט באַהאַלטן, איך וואוין אין איינער פון די גרעסטע שטעט אין לאַנד. מיין וואוינונג איז אין צענטער פון שטאָט... איך האָב אַ שול און איך זאָג חסידות יעדן שבת און יום־טוב. דאָס הייסט אַז איך האָב זיך פון קיינעם ניט אויסבאַהאַלטן.

...מיר דוכט אַז דער אַרעסט וועט אַרויסרופן ניט קיין געוואונטשענע מיינונג אין דרויסן און עס וואָלט, לויט מיין מיינונג, דעריבער בעסער געווען ווען איר וואַרט אָפּ מיט אַרעסטירן מיך ביז דער אמת וועט אַרויסגיין, דאָס הייסט אויב איר זייט פאַראינטערעסירט אין אמת. און אויב איר ווילט איינהילן דעם טעות אָדער דעם בלבול מיט אַ צודעק פון שקר — איז מיר קלאָר אַז איר וועט אויף דעם חרטה האָבן... איר קענט אַלץ טאָן, אָבער שניאורסאָנען וועט איר ניט בינדן מיט פעדים פון ליגן און שטריקלעך פון בלבול.

איך האָב נאָך געהאַלטן אינמיטן ריידן, ווען דער אָנפירער נחמנסאָן האָט מיך איבער־געהאַקט און געזאָגט:

— די גע־פּע־או איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס זי טוט און האָט ניט מורא פאַר קיין קריטיק אין דער וועלט, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, און ווען די גע־פּע־או האָט געגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן אייך, האָט זי די מאַכט דערויף... מיר וואונדערט אויף אייך וואָס איר רעדט אַזוי... זייט ווייסן אַז איר זייט אַן אַרעסטירטער.

— איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס מען האָקט מיר איבער מיינע רייד און מען לאָזט מיר ניט ענדיקן וואָס איך וויל זאָגן און בעטן — האָב איך געענטפערט.

— וואָס? — האָט זיך נחמנסאָן צעוואָרעמט — וואָס פאַראַ בקשה איר ווילט בעטן, האָט איר דאָס רעכט צו בעטן, אַזוי ווי יעדער אַרעסטאַנט האָט די זעלבע רעכט. אָבער פאַרוואָס זאָלט איר ריידן אַזאַ שפּראַך?... פאַרשטייט איר דען ניט די לאַגע אַז איך בין זיך ניט געקומען אויס־טענה'ן מיט אייך און ניט צו הערן די בקשות פון אייערע טעכטער און הויז־מענטשן?...

— און איר — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיינע טעכטער — גייט אַרויס פונ־דאַנען... אויב איר'ט ריידן נאָך אַ מינוט וועט איר אַלע אַרעסטירט ווערן, און מיט דעם — האָט ער אָנגעצייגט אויפן רעוואָלווער — וועל איך ריידן מיט אייך... דאַן וועט איר אויפהערן מיט אייער שייך־ריידעריי.

— מיר ריידן — האָט זיך אָפּגערופן מיין טאָכטער חנה תחי' — מיט דער שפּראַך וואָס עס ריידן מענטשן, אַזעלכע וואָס זיינען געווען אַלעמאָל מענטשן, און ניט מיט דער שפּראַך פון אַזעלכע וואָס זיינען אַט־ערשט אַרויס פון בלאָטע און קענען ניט ריידן מיט אַ מענטשן גלייכערהייט און אַלץ וואָס זיי קענען איז נאָר ווייזן דעם רעוואָלווער און סטראַשען מיט אַרעסטירן... לאָזט צורו אונזער טאַטן... נעמט ניט אַוועק די שוואַרצאַפּל פון אונזערע אויגן... איך און מיינע שוועסטער וועלן מיט פרייד גיין אין טורמע אַנשטאָט דעם טאַטן... דער טאַטע איז שוואַך און דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן אַרויסצוגיין אין דרויסן... אדרבה, ברענגט אַ דאָקטאָר וואָס זאָל אים אונטערזוכן, צי מען קען אים נעמען אין טורמע... נעמט אונז, און לאָזט דאָ אַ וואַך ביז דער דאָקטאָר וועט אים דערלויבן אַרויסצוגיין אין דרויסן... איר זייט דאָך אויך מענטשן... אויך ביי אייך איז דאָך פאַראַן דאָס וואָס מענטשן רופן געפיל... אויך ביי אייך איז דאָך פאַראַן דאָס וואָס די וועלט רופט ישר, „סאָוועסט".

און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט הויך אויפן קול.

תורה, נבואה און מצוות

• הרב שמחה עלבערג

תורה האָט צו זיך ניט קיין פאַרגלייך. זי איז איינציק און האָט ניט קיין שותף צו איר הויכקייט איבער אַלע הויכקייטן. און אַפילו נבואה — די העכסטע ג־טלעכע אַנטפלעקונג — וואָס חזר׳ט איבער ג־טס וואָרט, אין זיין פּאָטענציעלער אור־קראַפט, אויך זי קען זיך מיט תורה ניט פאַרמעסטן און מוז בויגן דעם קאָפּ פאַר מלכות־התורה. תורה איז העכער פון נבואה. משה רבנו איז געווען אויך דער אדון הנביאים, אָבער אין דער נצחיות־התורה און אין דער אייביקייט פון כלל ישראל איז משה ניט באַצייכנט געוואָרן ווי דער נביא משה, נאָר ווי משה ר ב נ ו. נבואה איז הייליק, קודש־הקדשים, אָבער דער גייסט פון נבואה׳שאַפט איז לויט זיין מהות ניט אָנגעמאָסטן אויף צו ווערן איבערגעגעבן פון איין מענטש צום צווייטן און קומט ניט בירושה פון איין דור צום צווייטן. נבואה איז אַ מתנת אלקים נאָר צו דעם און דעם אינדיווידועלן מענטש; און זי איז געמיינט בעיקר בלויז פאַר אַ באַשטימטן צוועק און פאַר אַ באַשטימטער צייט, וואָס נויטיקט זיך אין דער דאָזיקער אמתער נבואה. תורה אָבער קען מען איבערטראָגן פון איין דור צום צווייטן, איבערפלאַנצן פון אַ טאַטן צו אַ קינד און איבערגעבן פון אַ רבי׳ן צו אַ תלמיד.

ניט יעדער דור איז טאַקע זוכה צו לערנען תורה פון אַ נביא. ניט יעדער דור איז ראוי, אַז אַ נביא זאָל זיך אין אים באַווייזן און מיט פייערדיקע ווערטער אויסשרייען: ואתה בן אדם, כה אמר ה׳... אָבער די עקזיסטענץ פון עם־ישראל איז ניט אָפּהענגיק פון נבואה׳שער אַנטפּלעקונג, טראָץ דעם וואָס זי איז נויטווענדיק און איר וואָרט קען מאַכן אַ גאַנצע איבערקערעניש, באַזונדערס אין אַזעלכע צייטן, ווען תהו־ובהו און ווילדער כאַאָס באַהערשן די גאַנצע מענטשהייט און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל מיט אַ הייליקער שטים אויפּציטערן, אויפמונטערן און רופן דעם מענטשן צו אויפוואַכונג מיט גליענדיקע ווערטער: בן אדם שים פניך... ווי וויכטיק און וואָסערע גרויסע ראָלע נבואה זאָל ניט האָבן אויסגעפירט אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, פון זינט די פּרעהיסטאָרישע צייטן ביז צו די לעצטע נביאים, איז אָבער איינס קלאָר: אידיש פאָלק קען עקזיסטירן, לעבן און ווירקן, וואַקסן און אַנטוויקלען זיך אַפילו דאַן, ווען נבואה באַגלייט ניט זיינע טריט. אמת: אויב נבואה וואָלט זיך ניט אָפּגעטאָן פון אידן, וואָלט אידנטום געווען באַגלייט מיט הימלישער אַספּיראַציע און יהדות וואָלט דאַן געהאַט אַ מער גייסטיקע צורה. וואָלט נבואה געווען אַ פאַקטאָר אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון אידישן פאָלק, וואָלט געוויס זיין געשיכטע געווען ווייניקער טראַגיש און גייסטיק העכער. אָבער די עצם־עקזיסטענץ פון כלל ישראל ווערט דורך נבואה׳לאָזיקייט ניט באַדראָט.

אַנדערש איז אָבער ווען עס ברעכן זיך ח״ו די תורה־פילאַרן און תורה הערט אויף צו זיין דער לעבנדיקער קוואַל פון וואַנען דער כלל־ישראל שעפּט זיין חיות. אָן תורה קען די וועלט אַפילו קיין איין־איינציקע מינוט ניט עקזיסטירן. תהו־ובהו שטייען גרייט זיינצושלינגען די גאַנצע וועלט. און ווען די וועלט וואָלט חס ושלום בלויז אויף איין מינוט געבליבן אָן דעם פונדאַמענטאַלן כוח פון תורה, וואָלטן תהו ובהו גלייך אָנגעהויבן הערשן מיט אַ שטאַרקער, דעמאָנישער קראַפט, וואָס קען פון קיינעם אין וועלט ניט באַזיגט ווערן (זע „רוח החיים״ פון ר׳ חיים וואָלאָזשינער, פּרק ח׳). עס קומט טאַקע אַמאָל אָן אַ צייט פון ירידת התורה, אָבער קיינמאָל פאַרשווינדט ניט גענצלעך דער אייביקער כוח פון תורה. אַז תורה ווערט חלילה חרוב אויף איין אָרט, בליט זי אויף אין אַן אַנדער אָרט. אַז תורה־ליכט האַלט חלילה ביים אויסגעלאָשן ווערן אין מזרח, צינדן זיך אירע פייערן אין מערב; און אויב אירע פלאַמען זינקען אַראָפּ אין צפון, צעפלאַקערן זיי זיך אין דרום. ערגעץ־וואו, אין אַ ווינקל פון דער ערד, מ ו ז תורה האָבן אַן אחיזה. ערגעץ־וואו מוז תורה וואָרצלען — אַמאָל אין דער טיף, אַמאָל אין דער ברייט — אָבער קיינמאָל קען די וועלט ניט בלייבן, איין מינוט אַפילו, אָן דעם ליכט פון תורה.

2

תורה איז אויך העכער פון מצוות, אין זייער אַבסאָלוטן אימפּעראַטיוו. מצוות מעשיות, זייער קיום און פאַרווירקלעכונג, ווי הויך ס׳איז זייער מעלה אַלס הויפּט־יסוד פאַר דער ריינער יהדות; מצוות, אין זייער טיפן אינהאַלט — לויט די „חינוך״־טעמים און אר״י הקדוש׳ס כוונות — ווי ווייט זיי זיינען אָבליגאַטאָריש מחייב דעם יחיד ווי דעם ציבור — פאַרנעמען זיי פונדעסטוועגן ניט דאָס הויכע אָרט פון תורה. „כל חפציך לא ישוו בה״ — אפילו חפצי שמים (ירושלמי פאה, פ״א). ווער קען דען אָפּשאַצן

דעם אויפטו פון איין־איינציקער מצוה, אַפילו דורך איין־איינציקן איד, וואָס בויט אויף ש״י עולמות! און דאָך זאָגן אונזערע חכמים: „לא ישוו בה״ — תורה איז נאָך העכער. „לא ניתנו מצוות אלא לצרף את הבריות״ — מצוות רייניקן דעם מענטשנס כאַראַקטער און הייליקן זיין נאַטור. זיי לייטערן זיין מחשבה און הייליקן זיינע מעשים; זיי וואָרצלען אויס פון אים דעם „יצר לב האדם רע מנעוריו״. און אויב אַזוי, אויב מצוות פאַרמאָגן אַזאַ רוחניות׳דיקע קראַפט — אין וואָס באַשטייט דער נאָך גרעסערער כוח פון תורה? מיט וועלכן אויסערגעוויינלעכן כוח איז תורה באַשאָנקען?

דער אונטערשייד צווישן דעם כוח פון מצוות און דעם כוח התורה איז אַ געוואַלדיק גרויסער. מצוות פורעמען אויס די גייסטיקע צורה פון מענטש. זיי פילן אָן זיין טאָגטעגלעך לעבן מיט אַן אידיל־גייסטיקן אינהאַלט. זיי צוימען די מענטשלעכע, אויפגערייצטע אינסטינקטן; זיי טויטן אָפּ זיינע ליידנשאַפטן און שוואַכן־אָפּ זיינע חומריות׳דיקע באַגערן. די פּאַטענץ פון תורה איז פון גאָר אַן אַנדער פאַרנעם: תורה שאַפט דעם מענטש אַליין. ווען אַ איד טוט אַ מצוה, דערהויבט זי אים צו אַ גאָר גרויסער מדרגה. דערביי איז עס אָפּהענגיק מיט וויפל כוונה, מיט וויפל קדושה, מיט וויפל האַרץ און נשמה די מצוות ווערן געטאָן. אָבער אַפילו דורך קיום המצוות, אין זייער פולסטער, גייסטיקער פּערפעקציע, בלייבט ער אַלץ דער זעלבער מענטש. מיטן כוח פון מצוות גייט ער, דער מענטש, וואָס אַמאָל העכער, פון איין מדרגה צו אַ צווייטער. ער בלייבט אָבער דער זעלבער אויטענטישער מענטש, וואָס געפינט זיך אויף הויכע מדרגות — און מער ניט. תורה אָבער מאַכט פון מענטש אַ נייע בריאה, אַ ניי וועזן. דער מענטש פון נעכטן איז ניט אויטענטיש צו דעם מענטש פון היינט. דער מענטש פון היינט איז ערשט אַרויס אויף דער וועלט און האָט ניט קיין שום געמיינזאַמקייט מיט דעם מענטש פון נעכטן. דער תורה־מענטש פון היינט, ביי וועמען תורה איז געוואָרן אַ לעבנס־אידעאַל, איז ממש היינט פונסניי געבאָרן געוואָרן. און מאַכן אַ מענטש פאַר אַ ניי־געבאָרענעם, צו קענען טראַנספאַרמירן איין מענטש אין אַ צווייטן — אַזאַ אומנאַטירלעכן כוח באַזיצט נאָר תורה (זע מהר״ל).

תורה מיט אירע געוואַלדיקע מעטאַפיזישע כוחות, וואָס לאָזן זיך ניט דעפינירן און לאָזן זיך ניט פאַרמולירן אין אָנגענומענע דאָגמעס, קען אויך ענדערן אַ פעסט־איינגעפונדעוועטע מציאות. די פעסטע ראַמען פון דער נאַטור צעפאַלן זיך אונטערן דרוק פון אַ תורה־געזעץ. די הלכה — דער העכסטער אויסדרוק פון תורה — דיקטירט און ענדערט דאָס אייזערנע געזעץ פון דער נאַטור. מיט אַ תורה־כוח קען מען ענדערן אַ נאַטור־פּראָצעס. טויזנט פיזישע מיטלען קענען ניט ווירקן אָפּצושאַפן די פאָדערונג פון דער נאַטור. אָבער מיטן כוח פון תורה — אַ פסק הלכה פון חכמים — אונטער איר אומבאַגרענעצטער קראַפט, ווערט דאָס שטאַרקסטע נאַטור־געזעץ עלאַסטיש; זי גיט זיך גלייך אונטער און ענדערט אירע רעגולן און סיסטעם. (זע ירושלמי נדרים פ״ו, ה״ח: אקרא לאלקים עליון לא־ל גומר עלי — בת שלש שנים ויום אחד, נמלכו בית דין לעברו, בתולין חוזרין).

3

די נשמה פון איד שפּיגלט זיך אָפּ אין תורה שבעל פה. אין איר, אין תורה שבעל פה, קומט צום אויסדרוק דער מהות פון אייביקן איד און זי, די תורה שבעל פה, כאַראַקטעריזירט דעם איד אין זיין קאָמפּליצירטער אַנדערשקייט. פאַרוואָס? — ווייל תורה שבעל פה באַלאַנגט אינגאַנצן צום איד. זי איז דער פאַרמעג נאָר פון איד אַליין, און קיינער האָט אין איר ניט קיין חלק. אין תורה שבכתב האָבן אויך גויים אַן אחיזה. ווען אידן זיינען אַריין קיין ארץ־ישראל האָבן זיי געשריבן די תורה אויף שטיינער, כדי אַלע אומות זאָלן קענען זי לערנען (זע סוטה, ל״ה: כיצד כתבו ישראל את התורה וכו׳). אַנדערש איז אָבער מיט תורה שבעל פה, צו וועלכער אַנדערע פעלקער האָבן ניט קיין שייכות. דאָס וואָרט „מסכת״ — שרייבן מקובלים — שטאַמט פון לשון מסך, וואָס באַדייט אַ פאַרהאַנג, אַ מחיצה. תורה שבעל פה באַלאַנגט אויסשליסלעך צום איד. זי איז זיין נשמה. תורה שבעל פה איז דעריבער נשמה׳דיק געבונדן מיט דעם איד. און ווייל אַ גוי האָט אין איר ניט קיין שום אחיזה, איז זי דעריבער אָנגעפילט בלויז מיט אהבה־עלעמענטן. דער איד איז אין זיין שורש־נשמה אַן עלעמענט פון ריינער אהבה, און תורה שבעל פה איז באַהויכט מיט אהבה. אַזוי אַרום איז תורה שבעל פה און איד איין אינהייטלעכע גאַנצקייט און איין אידעאַלע שלימות.

אין תורה שבעל פה שפּיגלט זיך אָפּ דער „שכל העליון״, וואָס איז די קרוין פון מענטשלעכער גרויסקייט. תורה שבעל פה, ווי די גאַנצע הלכה־קאָנצעפּציע, איז געבויט אויף שניידנדיקער לאָגיק און טיף־אַדורכגעטראַכטן שכל. און אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון דעם בשר־ודם־מענטש, וואָס שטעלט אים העכער פון אַלע אַנדערע וואונדערלעכע באַשעפענישן? מיט וועלכן כוח נעמט ער אַרום די גאַנצע וועלט אין זיינע אָרעמס? — מיטן כוח פון בינה, מיט דער

(פאַרזעצונג אויף זייט כד)

א קאמף אין ירושלים מיט הונדערט יאר צוריק וועגן א אידיש קינד

● ד"ר הלל זיידמאן

ס׳גייט אן א קאמף וועגן נשמות פון אי־דישע קינדערלעך. מיסיאנערן בושעווען נאך אלץ, און דווקא אין ארץ ישראל. נישט פארגלייכנדיק, טאר אויך נישט פארשוויגן ווערן דאס פארכאפן קינדער פון רעליגיעזע עלטערן, דערצויגענע אין רעליגיעזע שולן, דורך אנטי־רעליגיעזע קבוצים („ילדי מא־ראקא״!). בעת די וויכוחים, און וואס נאך ערגער, „אפמאכן״, מיט די זעלבסט־גע־קרוינטע „אפוטרופסים״ פון אט די קינדער, הערן זיך דיבורים וועגן צאלן, ציפערן, פראצענטער — פון קינדער...

איז כדאי אויפצומישן א געשעעניש פון געגנוי מיט 100 יאר צוריק, וואס האט אויפ־געברויזט רעגירונגען, דיפלאמאטן, פארלא־מענטן, אין דריי קאנטינענטן און וואס אין זיין מיטלפונקט איז געשטאנען איין אידיש קינד, איין איינציק אידיש קינד!

די מאנונג וואס דרינגט ארויס פאר היינט

לאמיר דערמאנען די דאזיקע פאסירונג צוריק מיט 100 יאר, וועלכע אנטהאלט, פונקט ווי די געשיכטע פון עדגאר מארטארא פון באלאגנא, איטאליע, אין 1858־1868, (וועלכע מיר האבן געהאט דערמאנט אין א פריערדיקן נומער „אידישע היים״), א מוסר השכל און א מאנונג פאר — היינט.

אין ירושלים האט געלעבט צוריק מיט א הונדערט יאר א משפחה מיטן נאמען שטיינ־בערג. דער משפחה האט געטראפן אומגליקן. די עלטערן זיינען געשטארבן אין ארעמקייט און האבן איבערגעלאזט דריי קיילעכדיקע יתומים, צוויי טעכטער און א זון.

די עלטסטע טאכטער, דבורה, איז אריינ־געפאלן אין א נעץ פון מיסיאנערן, וועלכע האבן זי אפגע׳שמד׳ט. זי האט חתונה גע־האט מיט א משומד פון פוילן גאלאפסאוו. די אינגערע טאכטער און זון זיינען קראנק געווארן און זיינען אריין אין א שפיטאל, וואס א מיסיאנערישע גרופע פון לאנדאן האט אויסגעהאלטן אין ירושלים. דער זון איז דארט געשטארבן, און ס׳איז געבליבן די אינגערע טאכטער, שרה, וועלכע איז דעמאלט, אין יאר 1868, אלט געווען 13 יאר.

איר שוועסטער דבורה גאלאפסאוו, די משומדת, האט געמאנט אפוטרופסות אויף דער מינדעריאריקער יתומה. דאס איז גע־ווען פארבונדן מיט שמד.

די פעסטקייט פון הרב מארקוס

דערפון האט זיך דערוואוסט דער רב פון דער גרויסער שול אין ירושלים הרב נחום מארקוס. ער לויפט שנעל אין מיסיאנערישן שפיטאל און כאפט ארויס דאס קראנקע מיידל און באהאלט זי ערגעץ.

דא שפרינגען אריין די אויסלענדישע קאנסולן. פיל אידן אין ארץ ישראל האבן אין יענע צייטן גענאסן פון דער שוץ פון קאנסולן פון פארשידענע מדינות. די דאזיקע האבן זיי באשיצט פון רשעות פון די אר־טיקע טערקישע הערשער.

די שטיינבערג־פאמיליע האט זיך געפו־נען אונטער דער שוץ פונעם אמעריקאנער קאנסול, וועלכער איז דעמאלט געווען א געוויסער באבושא. האט דבורה גאלאפסאוו זיך געווענדעט צו אים ער זאל פארלאנגען פון הרב מארקוס אז ער זאל איר צוריקגעבן

איר שוועסטער, פון וועלכער זי איז די לעגאַלע אַפּוטרופּסית.

דער אַמעריקאַנער קאָנסול, אַן אינוואַליד און אַ נערוועזער מענטש, איז אַריין מיט זיינע שומרים אין הויז פון הרב מאַרקוס, און האָט דאָרט געזוכט דאָס מיידל שרה שטיינבערג. היות ער האָט זי דאָרט נישט געפונען, און דער רב האָט אָפּגעזאָגט אויס־צוגעבן איר באַהעלטעניש, האָט דער קאָנסול פאַרלאַנגט ער זאָל מיט אים מיטגיין צום פּאַשאַ, דעם רעגירונגס־מושל אין ירושלים. דער רב האָט דאַן באַשולדיקט דעם קאָנסול, אַז ער איז געשלאָגן געוואָרן און איז גע־שלעפּט געוואָרן מיט געוואַלט צום פּאַשאַ. דער קאָנסול האָט עס געלייקנט.

דער סטעיט דעפּאַרטמענט אויף דער זייט פונעם רב

אין פּאַשאַס פּאַלאַץ האָט דער אַמעריקאַ־נער קאָנסול צונויפגערופן די קאָנסולן פון פּרייסן, עסטרייך און שפּאַניע און האָט פאַר־לאַנגט, אַז הרב מאַרקוס זאָל ווערן גע־צוואונגען אַרויסצוגעבן דאָס מיידל.

דער רב האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. פאַרקערט, ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם אַמעריקאַנער קאָנסול. הרב מאַרקוס איז געווען אונטערן שוץ פונעם פּרייסישן קאָנסול, און אין פּרייסישן פּאַרלאַמענט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּראָטעסט קעגן באַבו־שאַ׳ן פאַרוואָס ער האָט פאַרהאַלטן אַ פּריי־סישן בירגער. דער פּראָטעסט איז איבער־געשיקט געוואָרן צום דעמאָלטיקן פּרעזי־דענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ענדרו דזשאָנסאָן (פּרעז. 1868־1865). דער דעמאָל־טיקער סעקרעטערי אָוו סטעיט וויליעם ה. סיואַרד האָט נאָמינירט אַ ספּעציעלע אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע פונעם סטעיט דעפּאַרט־מענט אין וואַשינגטאָן וועגן „פּאַל מאַרקוס״.

אידישע עסקנים אין ניו־יאָרק צוריק מיט הונדערט יאָר

פאַר דער קאָמיסיע איז אויפגעטראָטן אַ געוויסער רב אייזאַקס אין נאָמען פון „קאָונ־סיל פון די רעפּרעזענטאַנטן פון אַמעריקאַ־נער אידנטום״ — אַ קערפּערשאַפט, וועלכע, ווי ס׳ווייזט אויס, איז ספּעציעל געשאַפן גע־וואָרן פאַר דעם צוועק. (ווייל אַ חוץ דעם הערן מיר נישט מער פון דעם דאָזיקן „קאָונסיל״).

די פּרעסע איז אַרויס מיט באַשולדיקונג קעגן קאָנסול באַבושאַ, אַז ער זאָל האָבן געוואָלט אָפּ׳שמד׳ן מיט געוואַלט דאָס אידי־שע מיידל.

דער אַמעריקאַנער קאָנסול — וואָס, מ׳מוז צוגעבן, האָט זיך באַצויגן בדרך כלל מיט פריינטשאַפט צו אידן — האָט זיך פאַרטיי־דיקט, אָבער אָן דערפאָלג. די אידן אין ירושלים, אין בערלין און אין אַמעריקע האָבן אים נישט געוואָלט מוחל זיין וואָס ער האָט פוגע געווען אין כבוד פון הרב מאַרקוס, וועלכער איז, אגב, געווען אַ גאַר פעסטער און שטאַרקער מענטש, בפרט ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ אידיש קינד. די קהלה אין ירושלים האָט געהאַט איינפלוס און פאַרבינדונגען, און די אידן אין אויס־לאַנד האָבן נישט געשוויגן.

צום סוף האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסול געבעטן דעם סטעיט דעפּאַרטמענט אין וואַ־שינגטאָן מ׳זאָל אים איבערטראַגן אויף אַן אַנדערן פּאָסטן.

וואָס איז געוואָרן מיט דער מיידל שרה שטיינבערג? דער רב האָט פאַר איר גע־שאַפן נדן און זי חתונה געמאַכט מיט אַ אידן פון אַלעקסאַנדריע אין ירושלים, און — ווי ס׳גייט ביי „העפּי ענדינג״ — האָט גע־לעבט גליקלעך און אידיש.

דער מוסר השכל וואָס איז מחייב היינט

אָט אַזוי איז אַ גאַנצע וועלט אויפגעדר־דערט געוואָרן צוליב אין אידיש קינד ווע־מען ס׳האָט געדראָט שמד. ס׳זיינען אויפגע־שטורעמט געוואָרן פאַרלאַמענטן, רעגירונ־גען און דיפּלאָמאַטן, כדי צו שאַפן לכתחילה אַ שוץ־וואַנט קעגן יעדן מעגלעכן פּרוואו פון פאַנגען אַ אידישע נשמה.

דאָס, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, איז גע־שען אָן אָרגאַניזאַציעס און פאַרטייען און „וועלט־קאָנגרעסן״. בלויז אידן, יחידים און עדות, וואָס ס׳האָט ביי זיי אויפגעציטערט דאָס האַרץ ווען זיי האָבן געזען אַז מ׳גייט צורויבן אַ אידיש קינד, און זיי האָבן איינ־געלייגט וועלטן און נישט דערלאָזט!

היינט, ווען מ׳הערט וועגן מיסיאָנערן אין ארץ־ישראל, ווען ס׳איז פאַראַן אַ פּרשה פון „ילדי מאַראָקאָ״, איז כדאי אויפצומישן דאָס קאַפּיטל „שרה שטיינבערג״ מיט הונדערט יאָר צוריק און — דערפון לערנען, הלכה למעשה.



ווען ס'לשון דינט ניט

• ב. ב. מנחם

ס'איז שוין אַדורך אַ קיילעכדיק יאָר זינט „ירושלים העתיקה" — די „אַלטע" און טיף־אין־האַרצן איינגעבאַקענע ירושלים — האָט זיך ווידער באַהאָפטן מיטן „אַלטן" אידישן פאָלק; און ווידער האָבן די שטיינער פון כותל־מערבי אין זיך איינגעזאַפּט אַ פאַרפלייץ פון טרערן — טרערן פון טיף־דורכגעליטערטער דערהויבונג, פון צאַפּלדיקע אָנגעקוואָלענע בענקשאַפטן, פון דורכגעציטערטער פרייד, פון, פון...

שוין אַ יאָר פאַרביי — אָבער אידן ווערן ניט מיד צו ריידן דערפון, צו איבערדערציילן און איבערלעבן אָט־די פאַראייניקונג נאָכאַמאָל און אַ הונדערטן מאָל. אידן ווילן זיך ניט שיידן מיט אָט יענע פּרעכטיקע מאָמענטן; זיי ווילן ניט פאַרפאַלן לאָזן אַ שטריכעלע, אַן עפּיזאָדעלע, אַ קנייטשעלע פון די אָנגעלאָדענע־מיט־וואונדער איבערלעבענישן. דערמאָנט מען זיך אָן יענע טעג — און אין האַרץ גיט אַ טיאָכקע און דאָס אויג גיט אַ פּלעמל אויף.

ירושלים! כותל המערבי! — אידן ווערן ניט זאַט פון שלינגען פּאַסירונגען, איינדרוקן אַרום אָט־די הייליקע ערטער. און נאָך עפּעס: ערגעץ טיף אין האַרצן באַגט אַ פלאַטערנדיקער געפיל, אַ מין אינערלעך געבעט — ג־ט אין הימל, פאָטער האַרציקער! זאָל דאָס אידן וואויל באַקומען; זאָל חלילה ניט שאַטן אַ בייז אויג, אַן עין־הרע. אַזויפיל מיט בלוט־דורשט פאַרגאָסענע אויגן פאַרגינען אונז ניט ס'נחת... ווי אַ קינד אַ פאַרוואָגלטער, אַ זוכנדיקער, וואָס געפינט און כאַפּט־אָן דער מאַמעס האַנט — און זיין הערצל קלאַפּט און קלאַפּט און בעט: זאָל שוין דער ווילדער שטורעם ניט מער אַוועקרייסן די מוטער פון אים...

האָבן זיך אידן מיט אַלע נשמה־פּעדים איינגעקלאַמערט אין ירושלים העתיקה, אינעם כותל־המערבי און מ'לאָזט זיי ניט אַרויס פון האַרץ, פון מויל.

אָט איז מיט אַ קורצער צייט צוריק דאָ געקומען אַ וואַרעמער, האַרציקער איד פון ארץ־ישראל. דערצו — אַ נאָענטער ידיד. אינעם ניו־יאָרקער געטומל איז אָפּט אַפילו דער פריינטלעכער שמועס מיט אַ גאַסט אין דער בחינה פון הו־האַ, כאַפּ־לאַפּ, אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער. און דאָך איז אין מיטן גערייד אַרויסגעשוואומען — ירושלים! יענע טעג!

און דער גאַסט וואונדערט זיך, מיט רעכט: ער האָט געהערט, אַז אויך דאָ האָט עס יעדן אידן אויפגעטרייסלט ביז די טיפסטע מעמקים; אויך דאָ לאָזט זיך עס ניט אויסוועפן אַזוי שנעל — און פונדעסטוועגן איז דאָרט, אין ארץ ישראל, אַנדערש; אַ סך אַנדערש! סיי איצט און סיי דעמאָלט.

— איך האָב עס שוין דערציילט אפשר הונדערט מאָל — זאָגט דער גאַסט און זיינע וואַרעמע אויגן ווערן נאָך וואַרעמער און זיין פאַרברוינט געזיכט פאַרציט זיך מיט אַ רויטלעכער פרישקייט — אָבער כ'מוז עס ווידער דערציילן.

— ס'אַ קליין עפּיזאָדל פון יענע טעג, אַ שטיקל באַגעגעניש מיט אַן אומבאַקאַנטן אידן. איז דאַכט זיך, וואָס? אָבער עס שטייט מיר תמיד פאַר די אויגן; און ס'ווילט זיך כסדר עס איבערדערציילן. און נעם איך דאָס שילדערן — אַזוי הויבט מיר אָן ווידער שטיקן מיט טרערן, ווי דעמאָלט אין (נו, שוין איינמאָל אַ חידוש: אידישע טרערן! אַז אידן האָבן דאָך אומבאַגרענעצטע קוואַלן פון געוויין. איז וויפל דער שיעור צו ריידן, צו הערן וועגן אידיש געוויין? אָבער ס'ווילט זיך דאָך הערן. צו טייער, צופיל אָנגעזאַפּט מיט אידישער שיינקייט און קדושה־אויסלייטערונג זיינען אָט־די טייכן טרערן, מ'זאָל זיי חלילה וועלן פאַרוואַרפן הינטערן רוקן. ווער רעדט וועגן טרערן פון „יענע" טעג! ניין, ס'ווילט זיך, עס חלשט זיך, צו הערן וועגן זיי).

דער בר־מערבא־גאַסט האָט אַ גוטן חוש צו דערציילן — און טאַקע מיט פּרטים:

— ס'איז געווען דעם דריטן טאָג פון דער זעקס־טעג־מלחמה. ס'הייסט: מיטוואָך. נו, ווי שייך פאַרגעסן דעם טאָג? מיר דוכט, אַז פון די „זעקס" מלחמה טעג איז ער אַ „מיוחס". כ'בין אַ תל־אביבער. וויסן אַלע, אַז בכלל זיינען די תל־אביבער גאַסן ב"ה גאַנץ פיין באַלעבט. עס רוישט, עס פיבערט. די באַוועגונג איז גרויס. וואָס־וואָס, אידן זיינען ניט קיין פאַרשלאָפענע חברה, זיי לאָזן זיך הערן ווי געהעריק.

אָבער יענעם טאָג בין איך אַרויס פון הויז — און קוים דערקענט די באַקאַנטע גאַסן. אַ פּוסטעניש — אַן אימה! די הייזער, די באַלקאָנען, אַפילו דער צעמענט פון ברוק האָט ווי געשריען: „הס", „שקט!" אַזש אַ קעלט האָט דורכגעדראָזשעט איבערן לייב. און געווען איז עס דאָך אַ זוניקער טאָג. אָבער דער חשבון שטימט און די סיבה איז אַ פּשוטע: דאָס יונגוואַרג איז איצט אויפן פראָנט, אין סאַמע פייער. אויך עלטערע דיי־נען דאָך מאָביליזירט אין דינסט פון היני־טער־לאַנד. און וואו איז דאָס הילכיק גע־פּילדער און לוסטיקע פרייד פון די צע־שטיפטע תל־אביבער קינדער? זיי זיינען מערסטנס פאַרשטעקט אין די שוץ־קעלערן. און מיר אַליין איז געוואָרן עפּעס אַזוי קאַ־לעמוטנע, עפּעס אַזאַ עלנטקייט האָט מיך באַנומען — אַזש ס'האָט זיך מיר פאַרוואָלט צו שטעלן זיך אין מיטן גאַס און אויס־שרייען אין קאַפּיטל תהלים נאָכן אַנדערן.

נאַטירלעך זיינען די נערוון בכלל געווען אָנגעצויגן ביז גאָר. די ידיעות פון פראָנט זיינען דווקא גינסטיקע. אָבער טייערער פאַ־טער אין הימל! וויפל רחמים מיר דאַרפן אָבער איצט האָבן! וויפל אידישע קינדער זיינען דאָס איצט דאָרטן אַרום און אַרום אַריינגעקלאַמערט אין געפעכט אויף לעבן און... עפּעס אינסטינקטיוו האָב איך כסדר געוואָרפן מיינע אויגן אויף די זייטן, פונקט ווי איך וואָלט געזוכט צו דערבליקן די ווייטע האָריזאָנטן אַהינטער די מויערן פון תל־אביב; דאָרט וואו מיינע ברידער שטייען פּנים אל פּנים מיטן פייער, מיט דער גרוי־זאַמער רציחה...

און פון אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ איד. אַן עלטערער מאַן. אין האַנט, אַביסל אָפּ־גערוקט פון זיך, האָט ער געהאַלטן אַן „עיתון" (אַ צייטונג). איז דען אַ וואונדער, אַז אַ איד זאָל בימים ההם שלינגען די נייעס אין מיטן גאַס? איז אָבער דעם אידנס קאָפּ געווען מאָדנע אַריינגעבויגן, אַריינגעטאָן אין צייטונג — און אָט איז ער אונטערגעלאָפן אַביסל און אָט איז זיין גאַנג געוואָרן פאַ־מעלעך, וואַקלדיק.

מיר האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן — און דער איד האָט מיר דערזען. ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז צו מיר און מיך פאַרהאַלטן מיט דיינע אויסגעשטרעקטע הענט און נאָך מער — מיט זיין פּנים. וואָרום דאָס פּנים זיינס איז געווען ווי אויפגעלאָפן פון קאָכעניש און בריעניש. זיינע אויגן האָבן געגליט. זיינע הענט האָבן געציטערט. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט.

דער אָנגעקומענער איד האָט ניט געהאַט קיין באָרד, קיין היטל אויפן קאָפּ, אָבער ווייזט אויס, אַז זיין אידיש האַרץ האָט זיך עפּעס היפּש צערודערט און ער וויל מיר עפּעס זאָגן. (דער אורח־דערציילער איז אַ חסידיש־לומדישער איד, מיט אַ גרויסער באָרד). קוק איך אויף זיין פּנים מיט וואָר־טעניש. און ער זעט דאָך מיר, ער האַלט דאָך מיר צו מיט בליקן פול מיט שטומען געשריי — און ער זאָגט ניט אַ וואָרט. ער עפנט דאָס מויל. עפּעס גיט ער אַרויס אַ מין אָפּגעריסענעם ברום, אַ הייסן אָטעם, אַ שלוכץ — און די ווערטער וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן האָבן זיך אַריינגעקייקלט צו־ריק אין זיין איבערגעלאָפן האַרץ.

„וואָס איז געשען, זאָגט! ר' איד, באַ־רואיקט זיך אַביסל, און דערציילט". „מה קרה?" — האָב איך שוין אַליין אַן אָנגע־רעגטער אויסגערופן. דער איד אָבער האָט מער ניט געפּרואווט אַפילו ריידן. ער האָט אַ הויב געטאָן די צייטונג אַנקעגן מיינע אויגן, אַרויסגעשטיקט פון האַלז צוויי ווער־טער: ירושלים, כ־כ־כותל... און פון זיינע אויגן האָבן זיך אַ ריס געטאָן צוויי ריטש־קעלעך, לאַנגע ריטשקעלעך, טרערן.

איך האָב גלייך אויפגעכאַפּט די גרויסע אותיות, די „קאָפּ" איבערן צייטונג: אַלט־ירושלים אין אידישע הענט! אַ זודיקער שטראָם האָט מיר אַ יאָג געטאָן אין די שלייפן. ס'האָט זיך קוים פּאַטופּעט אין קאָפּ, דער געדאַנק האָט ווי אַרומגעפּלאָנטערט און ניט געקענט אַריינדרינגען אין מוח — ירו־שלים, טאַקע ירושלים, ביי אונז!? אָה!!

און פון צייטונג האָט אַרויסגעשיינט, ממש אַרויסגעשיינט, אַ גרויסע בילד פון כותל־המערבי. אוי, ס'איז דאָך אמת!...

איך רייס זיך צו מיט די אויגן צו די שטיינער — אָבער די הייליקע שטיינער פאַר־נעם בילד שווימען אַרום, פאַרפּייכטע, פאַר־נעפּלטע. וואו און ווען האָט עס מיר אָנגע־כאַפּט אַזאַ גיסעניש — ניט אָפּצושטעלן. עס האָט געדודערט אינעווייניק, ווי אַן אויפ־געשטורעמטער קוואַל. און אויך איך וויל עפּעס זאָגן, עפּעס אַרויסהילכן, עפּעס, עפּעס־וואָס — אָבער גיי צי אַרויס אַ וואָרט, אַ געדאַנק, ווען דער גאַנצער מוח ווירבלט מיט ברויזיקע כוואַליעס און די צונג און דער גומען זאָגן זיך אָפּ פון דינען.

(פאָרזעצונג אויף זייט יח)

דער לויפענדיקער

● דוד זאַריצקי

— ער איז אַ מאָדנער מענטש, ר׳ אברהם, מיט דעם צעפּאָרענעם בערדל און צעשראָקענע אויגן. עפּעס איז ער, נעבעך, ניט כשורה. שטענדיק לויפט ער, ווי אַ פּאָלק סאָלדאַטן וואָלטן אים געיאָגט און ער קוקט זיך אַרום מיט פּחד אין אַלע זייטן. אפשר ווייסט איר פאַר וועמען האָט ער מורא, אַזאַ איד ווי ר׳ אברהם? פאַר לייבל דעם בעקער, וואָס גייט שטענדיק מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, גרייט איינצושלאָפן אַזוי אויפן אָרט, אָדער פאַר אלתר דעם וואַסערטרעגער, וועמענס האַלז איז אַזוי איינגעבויגן געוואָרן פון דער קאָראָמיסלע, אַז ער קען בכלל די אויגן ניט אויפהויבן?

— פאַר אַ פּאָליציסט?

— ג־ט איז מיט אייך, ר׳ אברהם — און אַ פּאָליציסט! ער איז דאָך אַ צדיק.

— נעבעך!

זיי זיינען גערעכט, סיי די ווייבער וואָס ריידן אַביסל צופיל און סיי די מענער פון שטעטל, וואָס שאָקלען מיטן קאָפּ צופיל. ר׳ אברהם איז טאַקע געלאָפן איבער די גאַסן פון שטעטל, און געלאָפן צו־גיך.

— וואוהין?

— וואו עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַ באַהעלטעניש: אין אַ זייטיקן הויף, אונטער אַ הויכן גאַנעק, אָדער ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט — זיך סתם פאַרשטעקט הינטער אַ הויז, זיך איינגענורעט אין זיך וויפל ער האָט געקענט, כדי מען זאָל אים ניט דערקענען אַפילו אויב עמעצער וועט באַמערקן אַז דאָ שטייט אַ מענטש.

און ווען „יענער" איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער ערשט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון צווישן די אַקסלען, זיך אַרומגעקוקט מיט שנעלע אויגן, אַ לאַנגע ווײַלע נאָך צוגעוואַרט און ערשט דאַן אַרויסגעשטעלט די ערשטע טריט, פאָרזיכטיק, פּ־אָ־רזיכטיק.

— מיינט איר. ער האָט טאַקע קיין מורא ניט? מיינט איר, ער איז אַ מאָדנער?

— טאַקע יאָ, ער האָט מורא. ער איז מלא פּחד, ר׳ אברהם, און ער איז טאַקע אַ מאָדנער, אַ „יוצא־דופן" רופט מען דאָס.

— מיר, צום ביישפּיל — דאָס מיין איך מיך אַליין — ווען מיר לייען עמעצן געלט, האָבן מיר שרעק, טאָמער גיט ער ניט אַוועק, אפשר האָט יענער פאַרגעסן — ווען מיר טאָן קלייניקייטן כדי אים צו דערמאָנען. ניין, ניט שטעכן אים די אויגן, ניט רייסן פאַר דער פּאָלע, נאָר אַזוינע קליינע אָנצוהערענישן: זיך ווייזן פאַר יענעם אַלע ווײַלע, אַ שמייכל טאָן און פרעגן קלאַפּנדיק אין פּלייצע:

— נו, אהרעלע, ווי גייט עס מיט די געשעפטן, מען דרייט זיך, האַ? דאָס איז גוט אַז מען דרייט זיך אַליין. טאַנצן איז גוט מיט אַנדערע, אָבער דרייען זיך גיך גוט נאָר אַליין. אַז ניט, קען מען נאָך אַנדערע אויך פאַרדרייען, כי, כי, כי...

און טאָמער יענער פאַרשפּעטיקט אַ טאָג און ער קומט צולויפן סאָפּענדיק, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם אין ברענגט זיי הלוואה, און בעט מחילה פאַרן פאַרשפּעטיקן, מאַכט מען אַ זויערן פּנים. מען נעמט שנעל צו דאָס געלט, אַ שטעק אַריין אין קעשענע און דער „גוטן טאָג" איז פאַרכמאַרעט ווי אין אַ רעגן־טאָג.

אָבער ר׳ אברהם האָט טאַקע באמת מורא

פאַר דעם וואָס האָט ביי אים געליען געלט. זעט ער אים פונדערוויטנס — אַנטלויפט ער ווי פון פייער.

— ווער מיינט איר, דער אַנטלייער? ניין, ר׳ אברהם אַנטלויפט, ווי רוחות וואָלטן אים געיאָגט.

— אַ פשוטע מעשה:

ר׳ אברהם האָט שוין פון לאַנג אַ ווייסע באָרד, אויך אַ צעפּאָרענע באָרד. אויב זי איז ווייס, הויבט מען אָן טראַכטן אַביסל טיפער.

און אַזוי ווי ר׳ אברהם׳ס באָרד איז ווייס געוואָרן, האָט ער פאַרמאַכט זיין געשעפט און געלעבט אַליין. דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק, די קינדער האָט ער חתונה געמאַכט, צוויי אין שטעטל גופא און נאָך דריי אין די אַרומיקע שטעטלעך. איז ער געווען צופרידן מיט די קינדער, און די קינדער מיט אים. ער מיט די קינדער — ווייל זיי האָבן געפירט אידישע הייזער; אַליין בני תורה און געהאָדעוועט קינדער אין ישיבות. און די קינדער פון אים — ווייל ער האָט קיינמאָל גאָרניט געבעטן פון זיי. ער׳ט זיך אַליין באַדינט, געגעבן שטענדיק מתנות די שניר און די איידעמס און די אייניקלעך, און געהאַט שטענדיק אַ שמייכל פאַר יעדן.

— וואָס טוסטו? — גיט ער אַ לייכטן קנייפּ אין קינדישן פּאָרויטלטן בעקל.

— איך לערן.

— וואָס לערנסטו?

— גמרא.

— אַי, אַי, אַי, דו לערנסט דער גמרא... זי איז שוין אַזוי אַלט און אָנגעשריבן אַזויפיל ספרים, און דו ביזט נאָך אַ ראַצערל און שוין לערנסטו דער גמרא!

ווערט דאָס קינד צעטומלט, ביז ער פילט אין האַנט אַ הויפן צוקערלעך. הויבט ער אויף אַ פּנים פול מיט שמייכל, און דער זיידע גיט צוריק אַ שמייכל. איז עס אַ שיינען פון אַן אויפגייענדיקער זון און אונטערגייענדיקער זון.

אָבער ביידע ליכטיקע: איינע — שוין ליכטיק, און די צווייטע — נאָך ליכטיק.

זיצט ר׳ אברהם און לערנט אַ גאַנצן טאָג אין בית מדרש. און אַמאָל, ווען ער פאַרשטייט עפּעס ניט, כאַפּט ער זיך אַריין אין דעם ריזיקן זאַל פון דער שטעטלדיקער ישיבה, גייט־צו צו אַ בחור און פרעגט אים.

שטעלט זיך דער בחור אויף מיט דרך ארץ און ענטפערט אים. מאַכט זיך ר׳ אברהם אַזוי ווי ער איז זייער מיד און פרעגט דעם בחור:

— מיין האַרץ... אפשר קען איך זיך אַ ווילע אָוועקזעצן לעבן אייך, פשוט פאַרמאַטערט.

— אַוודאי, ר׳ אברהם! וואָס פרעגט איר. אפשר ווילט איר אַ גלאָז טיי? אפשר ברענגען אייך עפּעס צובייסן? איך... איך...

— צובייסן? וואָס פאַלט אייך איין! שטערן אייך אין לערנען? איך... איך... — פאַרהאַקט זיך ר׳ אברהם, ווי אים וואָלט געווען שווער זיך אַרויסצורעדן — איך מיין, אַז אפשר פעלט אייך עפּעס־וואָס. איך דאַרף וויניק, און איר זייט נאָך יונג. איר לערנט, און איך באַלעמוטשע אַרום. אפשר דאַרפט איר עפּעס, קען איך אייך גלייך ברענגען.

— וואָס רעדט איר, ר׳ אברהם, וואָס רעדט איר, וואָס פאַלט אייך איין?

— איך מיין, מיר איז דאָס טאַקע איצט איינגעפאַלן: אפשר דאַרפט איר אַ הלואה, ניט קיין גרויסע. איך האָב ביי מיר אַ שטיקל „גמ״ח״, געבליבן פון געשעפט, ליגט דאָס געלט אָן נוצן. איז מיר איינגעפאַלן, אפשר דאַרף אַ בחור פון ישיבה אַ גמילות־חסד, קען איך דאָך געבן. מיר אַרט ניט אויף וויפל צייט, וואָס דאַרף איך דאָס געלט, אפשר?

אַמאָל וויל ניט דער בחור, אָבער אַ סך מאָל וואַרפט דער בחור אויף ר׳ אברהמען אַ פאַרוואונדערטן בליק, ווערט רויטלעך און מורמלט:

— איך האָב טאַקע געדאַרפט קויפן אַ העמד און אַ פּאָר הויזן. אין ישיבה איז אַפילו דאָ אַ „גמ״ח״, אָבער קיין געלט איז דאָרט איצט ניטאָ. סיידן — שטאַמט ער — אויף קליינע ראַטעס. ווייל מיר איז שווער, ס׳הייסט...

— וואָס הייסט אויף קליינע ראַטעס — מאַכט ר׳ אברהם אַן ערנסטן פּנים — זאָגן מיר, אויף דריי יאָר. איר ווילט אויף פיר? זאָל זיין פיר!

— וואָס רעדט איר, פ״י״ר יאָר? דאָס איז דאָך צו־לאַנג, איר דאַרפט...

— גוט, לויף איך ברענגען דאָס געלט און טאַקע היינט קענט איר נאָך קויפן. עס איז טאַקע ניט שיין אַז אַ בן־תורה גייט אָנגעטאָן ניט ווי עס דאַרף זיין.

נו, לויפט ר׳ אברהם און ברענגט דאָס געלט. וואַרט ער אין דרויסן ביז דער בחור גייט אַרויס, כדי מען זאָל ניט זען, שטעקט ער אים אַריין דאָס געלט און אַנטלויפט. וואָס גיכער אַנטלויפן, מחמת אפשר וועט דער בחור וועלן געבן אַ משכון, ווי עס פירט זיך. אַ משכון? וואָס דאַרף ער משכנות פון אַ ישיבה־בחור, צי פון סתם אַ איד? האָט ער — וועט ער אַליין אָפּצאָלן; האָט ער ניט — טאָר מען דאָך ניט רייסן ביי יענעם. ער וועט דען פאַרקויפן דעם משכון? און דאָס געלט וועט ער אין קבר מיטנעמען?

לויפט ער אַזוי, און ערשט אַז לויפט דורך עטלעכע גאַסן, קוקט ער זיך אַרום צי דער בחור לויפט אים ניט נאָך.

ניין, דער בחור לויפט ניט. ער שטייט

ביים טיר פון דער ישיבה אַ צעטומלטער און ווייס ניט וואָס צו טאָן מיטן געלט. ערשטנס, איז דאָרטן פאַראַן מער וויפל ער האָט געמיינט צו לייען. צווייטנס, וויל ער וויסן ווי ער וועט אויסצאָלן: יעדן חודש אָדער יעדע וואָך. און וואָס איז מיט אַ משכון?

און אַז ר׳ אברהם גייט אין גאַס איז ער פול מיט שרעק, טאָמער טרעפט ער דעם בחור, אָדער אפשר טרעפט ער רבקה די אלמנה, וואָס האָט ביי אים געליען שוין פאַר דריי יאָר געלט און נאָך קיין העלפט ניט אויסגעצאָלט. ער האָט אַזוינע בעלי־חובות, אפשר דרייסיק אין שטעטל. ניט קיין גרויסע געלטער, אָבער צוזאַמען איז עס אַ גרויסער סכום. און טאָמער זעען זיי אים, וועלן זיי געוויס צולויפן און בעטן מחילה, אַז איצט האָבן זיי ניט; אַז זי איז גרייט צו געבן אירע לייכטער, אַז יענער קען אים פאַר׳משכונ׳ען זיין ש״ס, און דער בחור — וועט סתם ווערן רויט און האָבן שפיכת דמים, ווייל ער האָט ניט געקענט אָפּשפּאָרן די פּאָר גראָשן.

לויפט ר׳ אברהם ווען ער גייט אַרויס אין גאַס. אין בית־מדרש גייט ער דאַוונען פאַרטאָג ווען עס איז נאָך פינסטער און מען זעט ניט קיינעם. דאַן גייט ער לאַנגזאַם. רבקה די אלמנה באַקט נאָך אירע בייגל, דער בחור שלאָפט נאָך, אין בית־מדרש איז ניטאָ קיינער פון זיינע בעלי־חובות.

עפנט ער די טיר פאַמעלעך, נאָר אַ שפּעלטעלע, און כאַפּט אַ בליק. איז עמעצער דאָ פון זיי, לויפט ער צוריק, אָדער כאַפּט זיך אַרויף אין דער ווייבער־שול.

און דאַן לויפט ער צוריק אין שטוב. אויב מען קען — איז דורך די זייטיקע געסלעך, און אַז ניט — לויפט ער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ער זעט קיינעם ניט און באַמערקט קיינעם ניט. ער עסט אָפּ שנעל, מאַכט ריין זיין שטוב און לויפט ווייטער אין אַן אַנדער שול לערנען. בייטאָג קען מען רואיק זיצן און לערנען. זיינע בעלי־חובות האָבן ניט קיין צייט צו קומען לערנען אינמיטן טאָג.

אַזוי לויפט ר׳ אברהם פון געסל צו געסל, בייטאָג און ביינאַכט, און דאָס ווייסע בערדל לויפט אים נאָך, אויך זיינע עטלעכע און זיבעציק יאָר לויפן נאָך, און זיי ווייסן ניט ווען ער וועט זיך אַמאָל אָפּשטעלן.

נאָר זעלטן־ווען שטעלט ער זיך אָפּ, גיט אַ טראַכט און זאָגט צו זיך אַליין:

— אי, איך וועל ניט קענען לויפן? נו, בין איך שוין איצט יעדן איינעם מוחל במחילה גמורה פון דעם טאָג און ווייטער.

איז ער טאַקע אַ מאָדנער מענטש, ר׳ אברהם, אַ יוצא דופן.

וואָרום מיר זיינען ניט אַזוי, מיר זיינען מענטשן ווי אַלע, מיר לויפן ניט און האָבן ניט קיין מורא.

דאָס מיין איך ניט אייך, דאָס מיין איך זיך אַליין.

ווען ס׳לשון דינט ניט / פאַרזעצונג פון זייט טו

שטייען מיר ביידע באַגאָסענע, באַנומענע. מיר קוקן אויף דער „הייליקער וואַנט" אין צייטונג און מיר באַקוקן זיך ווידער איינס ס׳אַנדערן דורך דורכגעווייקטע אויגן.

ניין, מיר האָבן ניט געקענט ריידן. און ס׳האָט זיך דאָך געוואָלט אַזוי שטאַרק אויסדריקן זיך אין ווערטער. אָבער יעדער פּרואוו צו זאָגן עפּעס איז געוואָרן פאַרטרונקען, פאַרשווענקט. נו, מוז מען דווקא ריידן? בלית ברירה קען מען זיך דורכריידן אַמאָל גאָר מיט אַן אַנדער שפּראַך — און אפשר טאַקע אַ טיפערע, אַן עכטערע.

האָב איך זיך אַרויסגעהאָלפן מיט דער האַנט. איך האָב מיט מיינע אויגן געבעטן דעם אידנס אויגן, אַז זיי זאָלן מיך נאָכקוקן — און איך האָב מיין האַנט אויסגעשטרעקט אין דער הויך, אַרויפצו, צום הימל. געמיינט האָב איך גאָר פשוט: ער, נאָר ער, דער דערבאַרעמדיקער פאָטער אין הימל, ער האָט עס אונז באַגליקט מיט זיין חסד; און צו אים פלייצט דאָס האַרץ מיט דאַנקשאַפט.

נו, דער איד האָט געוויס פאַרשטאַנען. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיינע צוויי צעגלאַנצטע אויגן האָבן אָפּגעפינקלט קעגן הימל און זיי האָבן זיך פאַמעלעך פאַרמאַכט, איבערלאָזנדיק צוויי גרויסע טרערן־טראָפּנס אין די ווינקלען. ער האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ — און אַזוי האָט ער מיר, אויפן שטומען האַרץ־לשון, געענטפערט: יאָ, יאָ, יאָ... ער, ער...

און מיר זיינען זיך אַוועק יעדער אויף זיין וועג מיט אָנגעלאָדענע הערצער און אָנגעגאָסענע אויגן — אָן ווערטער...

און ווידער האָט דער אורח זיך ניט געקענט באַהערשן, און ווי יעדעס מאָל ביים דערציילן האָט ער אויך איצט געמוזט אָפּווישן די טרערן פון פּנים. ער האָט דערציילט וועגן נאָך אַנדערע אַזעלכע איינטערעסאַנטע איבערלעבונגען, און אי״ה ביי אַ צווייטער געלעגנהייט וועלן מיר זיי פּרואוון איבערדערציילן.

די פאראויסגעזאגטע צייכנס

● ה. לייזערסאָן

אַמאָל, ווען די שטעטלשע אידן האָבן נאָכן עין־יעקב און נאָך מעריב זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון שול־פאָליש אַ שמועס טאָן וועגן פאָליטיקע — האָט זיך איינער אַ איד צעקרעכצעט: אַי, אַי, ס'אַראַ אומרואיקע צייט ס'איז געוואָרן! די טערקן האָבן זיך פאַרפירט מיט די אַדאַרדאַנעלן און קיטאַי האָט אָנגעהויבן אַ גרויסע מלחמה מיט... כינע. שוין איינמאָל אַ וועלטעלע!

דאָס איז, נאַטירלעך, אַ וויץ פון יענע „אַמאָליקע" צייטן, ווען אַ שכנות'דיקע מדינה איז געווען ערגעץ פאַרשטעקט אין מרחקים; און אַפילו צווישן איין שטאָט און אַ צווייטער איז געווען אַ מהלך רב, אַ שיטערע קאָמוניקאַציע און אַ פסיכאָלאָגישער מרחק.

אָבער דווקא אין דער היינטיקער מאָדערנער און איינגעשרומפענער וועלט קלינגט עס אפשר ניט ווי אַ וויץ. אדרבה, כאַפט אַ בליק אויף דער פרעסע און איר וועט זען נייס־בולעטינען מיט קידוש־לבנה אותיות וועגן פאַרשידענע קאַמפן און רייסענישן. אַמאָל איז די הויפט־נייס וועגן דער בלוטיקער מלחמה אין וויעטנאַם, צווישן אַמעריקע מיט צפון־וויעטנאַם; און אַמאָל וועגן קאַמף צווישן אַמעריקע... מיט אַמעריקע! ניט קיין קריג צווישן צוויי טיילן פון לאַנד, נאָר דאָס לאַנד ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין. און אַזוי איז עס אין פראַנקרייך און ערגעץ אַנדערש.

ס'איז עפעס אַפילו ניט קיין אידעאָלאָגישער קריג און ניט קיין דערשיינונג פון די היסטאָרישע גוט־באַקאַנטע סאָציאַלע רעוואָלוציעס. ס'איז גיכער ענלעך צום אַמאָליקן געזעמל פון יונגע טראָציקע שקצים הינטערן שטעטל, ווען זייער יוכע האָט זיך צעבושעוועט און איינע צו די אַנדערע פלעגן אויסרופן מיט צעביילטע פויסטן: „דאַוואַי דראַטסאַ!" (לאָמיר זיך רייסן, בייסן) און אין גאַנג פון דער געשלעג האָט מען שוין אויסגעפונען די חטאים פון יעדן צד.

די שוואַרצע האָבן זיך פלוצעם ווי אָפגעריסן פון אַלע צאַמען און ווילן רק אויסשעכטן די ווייסע. די אַלע מאָטיוון זייערע, די קריוודעס און די כלומרשטע נקמות פאַר זייער עלטער־באָבעס שקלאַפעריי איז בלויז אַ באַקוועמע באַרעכטיקונג פאַר די מעשים תעתועים. דער עיקר איז דער דראַנג צו קלאַפן, רודערן, ממיתן. פאַר די פון זיי וועלכע האָבן אַזאַ דראַנג וועט ניט העלפן קיין שום דיסקוסיעס מיט זיי, קיין שום לאָגישע אויפקלערונג. ס'איז אַזאַ אויסברוך פון חוצפה און הפקרות, וואָס שכל'דיקע אַרגומענטן קענען דערביי ניט האָבן קיין ווירקונג. און דערפאַר איז אפשר ניט אינגאַנצן ריכטיק צו באַצייכענען די איצטיקע אויסברוכן קעגן אידן ווי אַן אויסשליסלעכער אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם. ס'איז נישט מער, וויבאַלד מען געפינט זיך אין אַזאַ בלוט־אויפשטייגנדיקן צושטאַנד, די הענט בייסן זיך און די שטימונג אין לאַנד איז אַ גינסטיקע — זיינען אידן דער באַקוועמסטער קרבן. דערנאָך זוכט מען שוין אויף אַ לאָגישע סיבה: אַז אידישע קרעמער האָבן זיי „באַפוצט", אַז אידישע בעלי־בתים האָבן זיי באַ'עוולה'ט, וכדומה.

נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז די מלחמה „צווישן קיטאַי און כינע" אויף די אוניווערזיטעטן. ס'איז פשוט שווער מיטן פשוטן שכל צו באַנעמען: וואָס אייגנטלעך ווילן זיי? זייערע מאָנונגען און קלאַגעס זיינען עפעס ניט „בדרי דאוני"; זיי זיינען מער אַבסורד ווי קאָמיש. וואָס איז געווען די גענויע סיבה פון דעם שטורעם אין קאָלאָמביא, אין סאָרבאָנע? עס איז אַ מין „דאַוואַי דראַטסאַ" אין אַ ראַפינירטן אופן. זאָל בושעווען אַרום אונז, זאָל עמעצער כאַפן אין מאָרדע, זאָל אַביסל זיך אָפקילן דאָס צערייצטע בלוט און זאָל עפעס אָנפילן דאָס אויסגעהוילטע האַרץ. מ'מאָנט כלומר'שט פאַר זיך, פאַר דער מענטשהייט, עפעס אַזוינס און אַזעלכעס — אָבער אין תוך זוכט מען גאָר יענעם צו צעבויקערן; אויפרייסן די מענטשהייט און צעשטורעמען דאָס ביסל איינגעפונדעוועטע, אַז אַ רויך זאָל גיין. ס'איז רעוואָלט לשם רעוואָלט. ס'איז אַ רעוואָלוציע פון דער חוצפה גופא, וואָס פאַרוואַנדלט די נעכטיקע אונטערדריקטע אין גרויזאַמסטע באַדריקער, און די היינטיקע תלמידים אין „לערער", אין אָנלערנער מיט פויסט און דובינע.

מעגן דעריבער די אַלע פאָרשער און פסיכאָלאָגן אַפילו שטעלן זיך אויף זייערע אויסגעקראָכענע קעפ; זיי מעגן זיך פאַרטיפן און אַנאַליזירן די סימפטאָמען פון דער דאָזיקער פלאָג דורך טעג און נעכט און מיליאָנען דאָלאַרן — וועלן זיי גאָרנישט דערגרייכן. דער אמת איז, אַז אויב מ׳זאָל אַפילו נאָכגעבן די אַלע פאָדערונגען פון די בונטאָוושטשיקעס, וועט עס העלפן ווי אַ „טויטן באַנקעס”. זיי וועלן שוין געפינען עפעס אַנדערש. מ׳וועט שטורעמען! אויב ניט צוליב עפעס אַ סטאַדיאָן אין ניו־יאָרק, איז קעגן דער ברוטאַליטעט פון סופרים־קאָרוט, למשל; צוליב באַליידיקן ס׳בערדל פון האָטשי־מין און מי יודע וואָס? דער עיקר איז: מ׳דאַרף אָנלערנען די פראָפעסאָרן, די פירער, דעם קהלשן טאַטן אַריין.

טאָ וואָס וועלן שוין העלפן דאָ חקירות ודרישות? זאָל מיר דאָ פאַרגעבן ווערן פאַר מיין גראָבלעכן משל: די „דערפאָלגן” פון די אַלע סאָרטן פאָרשונגען פון די מאָדערנע סאָציאַלע פראָבלעמען, זייער זוכן, גריבלען זיך און זייערע כלומר׳שטע לייזונגס־פאָרשלאַגן, קענען גריילעך פאַרגליכן ווערן צום קרייזלדיקן געיעג פון אַ פיר־פיסיקן כלב, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין אייגענעם ווידל. וואָרום, ערשטנס, זיינען די פראָבלעמען פון דער יוגנט ניט עפעס אַנדערש ווי אַן אַרויסגעוויקס פון די אַלע מאָדערנע שיטות און אידייעס, וואָס די זעלבע געלערנטע און פאָרשער האָבן אויסגעפורעמט און פראַקטיצירט — יאָגן זיי זיך נאָכן אייגענעם עק. אָבער זיי קענען אויך ניט אָפשטעלן זיך און „איינבייסן” דעם וואָרצל פון די פראָבלעמען, ווייל מיר לעבן אין אַ צייט פון קאָפשווינדלדיקע פאָרשריטן, „פראָגרעסן”. די איינגעזייטע קערנדלעך פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע און צעווילדיזאַציע שפראָצן און וואַקסן מיט ריזיקער שנעלקייט. איידער מ׳באַוויזט זיך גוט צו פאַרטראַכטן וועגן אַזאַ און אַזאַ קרענקלעכער דערשיינונג צווישן דער יוגנט, למשל — האָט שוין די צעווילדעוועטע יוגנט אַוועקגאַלאָפירט צו אַנדערע טיפערע תהומען.

די אַלע טרויעריק־באַקאַנטע שלעק צווישן די יוגנטלעכע — ביטניקס, היפיס, „פלאַוערס” וכדומה ביז צו די אומווירדיקע בריאַזגערייען אויף די קעמפוסעס — זיינען איין לאַנגע קייט פון משונה׳דיקער און שטייגנדיקער טראָציקייט און רעוואָלט קעגן אַלע גדרים פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ס׳איז דער העכסטער אויסדרוק פון חוצפה: אַלע אָנגענומענע ווערטן פון חשיבות, העכערקייט און אויטאָריטעט — פון עלטערן, פון לערער און פירער — אויף אַלץ קוקט די יוגנט מיט ביליקער צינישקייט, וואולגאַרקייט און — חוצפה הערשט אָן שום גרענעץ. אַנדערע אַנטלויפן און צערייסן אין רעוואָלט די אייגענע הויזן־קאַלאָשעס; און אַנדערע דריקן עס אויס אַגרעסיווער. אויב אַלע צאַמען האַלטן שוין ניט אָפ דעם יוגנט־ברויז, קריכט אַרויס דער חי׳שער דראַנג צו ברעכן די ווענט פון אוניווערזיטעט, צו „אָנרייבן אַ פרצוף” דעם פּראָפעסאָר.

און אָט־די מרידה פון דער יוגנט, איר ברעכן און רייסן די מויערן פון מאָראַלישע און לאָגישע גדרים — איז באמת אַ בולטע אָפשפיגלונג פון דעם אַלגעמיינעם מצב אין וועלט. ס׳איז נאָר ווייל דער יוגנטלעכער איז קאָכיקער און היציקער, דעמאָנסטרירט ער דאָס שאַרפער און אָן מאַסקעס. נאָר איין בליק, ווי אַ דוגמא, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פאָליטישער אַרענע און ס׳ווערט קלאָר ווי די וועלט איז — „משוגע”, מטושטש און פול מיט חוצפה׳דיקער מרידה קעגן אַלע יסודות פון מאָראַל, אמת און יושר.

אויב, למשל, אויף די העכסטע שטולן פון דער אַל־וועלט־אינסטיטוציע פאַר שלום און צדק, זיצן פאָרשטייער פון העכסטן שקר, צביעות און פאַרשקלאַפונג; אויב פשוטע מאַסן־מערדער פירן אַ „גרענדע” און לערנען דער וועלט דעם וועג פון „לעבן” און „פרייהייט”; גראָבסטע אַפיקורסות, גרויזאַמע רדיפה פון רעליגיע און פאַרשוועכונג פון יעדן מאָראַל ווערט פאָרגעשטעלט ווי גאולה און אויסלייז פון וועלט; אויב אַזאַ גרויליקע חוצפה ווערט גלאָריפיצירט דורך אַלץ גרעסערע מאַסן מענטשן ווי דער וועג פון דער צוקונפט — אַזאַ מאיום׳דיקער אויסדרוק פון העכסטער חוצפה מוז אָנשטעקן און פאַרסמען. און וויבאַלד די פרייע וועלט פאַרמאָגט ניט די געהעריקע קעגן־מיטלען צום קאָמוניסטישן סם־המות און זי פלאָנטערט זיך אַליין אַ הילפּסלאָזע; אויב אויך די אַלע אַנדערע סאָציאַלע און מאָראַלע שיטות הינקען אַזוי שטאַרק אין דער ווירקלעכקייט — ווערט אַ שבירה, אַ בראָך אין דעם גאַנצן באַגריף פון מאָראַל און מענטשלעכער ציוויליזאַציע; און דער יוגנטלעכער אין זיין ברויז וואַרפט זיך צווישן קאָמוניסטישן גיפט און דעם „על־עס־די”־סם, און ביגי־לביגי שטורעמט ער מיט חוצפה. דער אַלגעמיינער שטריך, וואָס שניידט דורך די אַלע רעוואָלטן און קאַמפן פון נעכטיקע שקלאַפן, היינטיקע סטודענטן און פון סתם צערודערטן יוגנט — איז אומבאַנעמלעכע חוצפה!

ב.

לוינט ניט צו מאריך זיין אין דעם, ס׳איז אַלץ באַקאַנט און אויסגעדראָשן אויף אַלע זייטן. פון צופיל פאַרקען זיך אין די וואָרצלען פון דער צעפוילטער וועלט, ווערט נאָר „אָנגעזאַלצן” אויפן האַרץ. אָבער ניט דאָס בין איך דאָ אויסן. פאַרקערט: ווי פרומע

אידן זוכן מיר און מיר געפינען דאָס וואָס
עס דאַרף מוטיקן און שטאַרקן די אידישע
נשמה. און דעריבער מוז מען זיך דערמאָ־
נען, אַז אייגנטלעך האָבן דאָך אונזערע חכ־
מים ז״ל מיט זייער ג־טלעכן בליק געגוי־
געגוי פאָראויסגעצייכנט אָט־די היינטצייטיקע
דערשיינונגען — און דאָס פילט אָן ס׳געמיט
מיט חיזוק און ביטחון.

מיט איבער אָנדערהאַלבן טויזנט יאָר צו־
ריק האָבן אונזערע חכמים פאַרצייכנט די
שטריכן פון אונזער עפאָכע — קורץ און
שאַרף: „בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי״ —
אין דער ערב־משיח־צייט וועט זיך חוצפה
פאַרמערט ווערן, פאַרגרעסערט ווערן. און זיי
גיבן־צו: „נערים פני זקנים ילבינו״ —
„נערים״, פוסטע צעווילדעוועטע אינגלעך
וועלן דאָס פנים פון זקנים, פון געלערנטע
און חכמים, ווייס מאַכן פון בושה. אַנו, נעמט
אויף טשיקאַווע ס׳בילד פון די „אָפּגעשמי־
סענע״ פראָפעסאָרן ביי דעם ׳רעוואָלט אין
קאָלאָמביאַ, אָדער סאָרבאָנע אָדער מי יודע
וואו — וועט ניט „נערים פני זקנים ילבינו״
זיין דער פינקטלעכסטער אונטערשריפט צום
בילד?

און די חכמים דייטן־אָן אויך די סיבה
דערפון: „בעקבתא דמשיחא״. דאָס וועט גע־
שען ווען דער גאַנצער גאַנג פון דער פינס־
טערער וועלט וועט זיך דערנעענטערן צום
סוף. די מענטשהייט וועט שוין האָבן אי־
בערגעגאַנגען אַלע סאָרטן גייסטיקע ענדע־
רונגען און אומוואַנדלונגען. די כחות פון
רע און „קליפה״ וועלן שוין דאַן האָבן
אַרויסגעפּאַקט אַלע זייערע אוצרות — אָנ־
הויבנדיק פון די פאַרשידענע עבודה־זרה׳ס
ביז צו די אַלערליי פאַרפירערישע אידייעס
און אידעאָלאָגיעס — און אָט־באַלד וועט
די וועלט דאַרפן ווערן אַ כלי צו „ומלאה
הארץ דעה את ה׳״, אַז די וועלט וועט
דאַרפן אויפנעמען דעם איינציקן אמת׳ן אי־
דעאַל פון ג־טלעכן וויסן. און וויבאַלד אַזוי
איז נאַטירלעך, אַז אַלע וועלט־שיטות און
פאַרשידענע „איזמען״ זאָלן נעמען פלאַצן
אין אָט־דער פאַר־משיח־תקופה. און אַז די
וועלטישע אידייע־זיילן הויבן זיך אָן טרייס־
לען און שפּאַלטן — נעמען פאַלן די גדרים
און צוימען, די יונגוואַרג פאַרדאַמט די לע־
רער און פירער־פאַרפירער און דער רע־
זולטאַט איז — גרויליקע חוצפה.

אָבער נאָך אַ דערמאָנטן קען־צייכן האָבן
די זוו״ל פאָראויסגעזאָגט: „והמלכות תיהפך
למינות״ — ס׳גאַנצע קעניגרייך וועט פאַר־
וואַנדלט ווערן אין אַ רעזשים פון אַטעאיזם
און אַפּיקורסות. איז עס ניט אַ געגויע אָנ־
ציגונג אויף די קאָמוניסטישע מדינות, וואָס
האָבן זייער גאַנצע מאַכט געבויט אויף כפי־
רה? און דאָס איז דאָס ערגסטע מעכטיקסטע
וואָפן פון דער קליפה און סטרא־אחרא.
דאָס איז דאָך דער פאַרמעסט אויסצוואָרצ־
לען דעם סאַמע ג־טלעכן יסוד פון וועלט
און מענטש! איז ווידער דאָס זעלבע: ווען
די כוחות פון טומאה דערפילן, אַז אָט־אָט
און זייער גאַנצער שקר־געביי וועט צעפאַלן,
צעגיין ווי זייפן־בלאָז, מאָביליזירן זיי די
לעצטע און מעכטיקסטע כוחות זייערע; וואָס
צוליב די פינסטערסטע, פאַנאַטישסטע און
הפקר׳דיקסטע מענטש־כוחות, וואָס די קאָ־
מוניסטישע שיטה האָט בכוח צו דערוועקן,
קען זי זיך איינקלאַמערן אין עולם השקר
און אויסהאַלטן אַפילו דאַן, ווען די אַנדערע
אידייען נעמען פאַנאַנדערפאַלן.

(און דאָס גיט אויך צו פאַרשטיין די
מאוימ׳דיקע, עקשנות׳דיקע רדיפות און רצי־
חות מצד דער קאָמוניסטישער באַוועגונג
קעגן אידן בכלל און בעיקר קעגן יהדות.
קיין שום לאָגישער מאָטיוו קען ניט אויפ־
קלערן זייער אומבאַגרענעצטע שנאה צום
אידישן דת. וואָס פאַראַ באַטרעף האָט דאָס
הייפעלע אידן מאמינים קעגן, להבדיל, די
גרויסע מאַסן פון ניט־אידן? ראַציאָנעל מוז
טאַקע אַזאַ מינדערהייט אין כמות ניט האָבן
קיין שום געוויכט, און דאָך — דאָס מעכ־
טיקע סאָוועטן־מאַכט איז גרייט (זאָל זיין
בלויז צו פאַרבלענדן די אויגן) צו טאָלע־
רירן אַלע רעליגיעס. אָבער ווען ס׳קומט,
להבדיל, צו דער אידישער אמונה וועט זי
ניט נאָכגעבן אַפילו אויף אַ האָר. דער ענט־
פער איז: די אידישע אמונה, תורה און
יהדות איז עס דער סאַמע קדושה־אמת פאַר
וועלכן דער קאָמוניסטישער שקר וועט סוף־
כל־סוף מוזן פאַלן, ווערן פאַרשוואונדן און
פאַרלוירן).

האָבן מיר שוין, הייסט עס, אַלע ביטערע
צייכנס, די פריער דערמאָנטע און אויך אַלע
אַנדערע, וואָס אונזערע חכמים האָבן מיט
זייער רוח הקודש פאָראויסגעזען; און מיר
וואַרטן בכן אויפן ווייטערדיקן צוזאָג, אויף
דעם אָנקום פון גרויסן ג־טלעכן ליכט נאָך
דער פינסטערניש — „ואף על פי שיתמהמה
עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא״.

א נאַכט אין סטאַלינגראַד

● חנן הלוי, פּאַריז

נאַכט. אַ געדיכטע פינסטערניש אַרום און אַרום. אַ דראָבנער רעגן אַ קאַלטער, אַ האַרבסטיקער, גיסט און גיסט אָן אויפהער, עקשנות׳דיק, מאָנאָטאָן.

איך שטיי אויפן פּאָסטן. מיטן „אויטאָמאַט״ אין האַנט האַלט איך וואַך אַרום אונזערע „זעניטקעס״ (אַנטי־עראָפּלאַן קאַנאָנען). קאַלטע רעגן־טראָפּנס ריזלען אַריין דורכן קאָלנער פונעם שינעל און נעצן דורך די ביינער מיט קאַלטן שוידער. אַזאַ געדיכטע פינסטערניש — מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

זעקס הונדערט מעטער פאָראויס פון אונז, ליגן די דייטשע חיילות איינגעגראָבן אין זייערע טראַנשייעס; אַ פּאָר הונדערט מעטער הינטער אונז, כוואַליעט די וואָלגע.

פון צייט צו צייט צעהעלט זיך אין דער לופטן אַ ליכטיקער ראַקעט און באַלייכט אונזער פּאָזיציע. עס ווערט ליכטיק אויף אַ האַלבער מינוט. איך זע ווי די פיר האַרמאַטן פון אונזער באַטאַרייע שטייען שטרענג אין אַ האַלב־קרייז — מיט לאַנגע, אויסגעשטרעקטע און דראָענדיקע העלזער, געווענדעט „אַהין״; און קרומלעכע שנירלעך רעגן ווי זילבערנע נאָדלען פאַלן אויפן נאַסן גלאַנציקן מעטאַל און רינען אַרונטער אויף דער ווייכער, צעקנאָטענער ערד.

און אַז דער בלענדעדיקער „הענגלאָמפּ״ לעשט זיך אויס, ווערט די פינסטערניש נאָך געדיכטער און מאַסיווער ווי פריער.

אויך ביי „זיי״ לייכטן אויף אַזוינע „פּאַנאַרן״ (לאַמטערנעס). דאָס באַלייכט יעדער צד זיינע אייגענע פּאָזיציעס אין דער „בלינדער נאַכט״, עס זאָל ניט צוקריכן עמעצער פונעם צד שכנגד און אָנטאָן „שאָדן״.

שוין אַ סך טעג און וואָכן אַז עס גייען דאָ אָן בלוטיקע שלאַכטן. ווער קען עס גאָר איבערציילן די צאָל געפאַלענע זעלנער!! וויפל מענטשלעכעליידן, שוידערלעכע יסורים און גרויליקע אַנגסטן?! עס זיינען געווען טעג ווען די וואָלגע איז געווען רויט פון בלוט. אונזער אַרמיי האָט זיך פאַרפעסטיקט דאָ אויפן רעכטן ברעג וואָלגע, ביי דער חרוב־געוואָרענער שטאָט סטאַלינגראַד. די דייטשן ווילן אונז אַריינוואַרפן אין די וואַסערן פון וואָלגע און פאָרסירן דעם טייך. טעג נאָך טעג האָט דאָ געברענט די ערד אַרום, ווי דער גאַנצער גיהנום, ר״ל, וואָלט זיך דאָ אַריבערגעקליבן.

ערשט מיט פיר וואָכן צוריק איז נאָך סטאַלינגראַד געווען אַ שטאָט — מיט הייזער, גאַסן, הויפן, פּלעצער, און מיט אַ מענטשלעך לעבן. איצט איז זי אַ מדבר, אַ חורבה פון צעברעקלטע שטיינער, צעריסענע לעבנס. אַ שטאָט אויפן רעכטן זייט פון דער וואָלגע איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד.

„אונזערע״ האָבן זיך דאָ איינגעקלאַמערט אין דער לעצטער פּאָזיציע ביים סאַמע ברעג טייך. ניטאָ קיין אויסוועג; ניטאָ קיין צוריקטריט. גיין צוריק, מיינט — זינקען אין די רוישיקע וואַסערן. איז מען געשטאַנען פאַרדריקט צווישן פייער און וואַסער מיט אַ שטאַרקן באַשלוס: האַלטן דעם פּונקט פאַר יעדן פּרייז!

און אין אַזוינע פינסטערע נעכט, וואַרפט

מען אונז שטענדיק אונטער דורך דער וואָלגע — פרישע „סאָלדאַטן”, בכדי צו פאַרבייטן די געפאַלענע; פרישע „שטאָף” פאַר דער ברענענדיקער מלחמה־מאַשין.

די לעצטע פאָר טעג איז עפּעס שטיל: די דייטשע כלבים האָבן פיינט אַזעלכע, קאַלטע־און־נאַסע, רוסישע וועטערן. ליגן זיי איינגעגראָבן אין זייערע טראַנשייעס, וואַרעמען זיך ביי די אויוועלעך און צייכענען מסתם ווידער זייערע פינסטערע פלענער: אפשר מאָרגן, אפשר איבערמאָרגן...

* * *

עס איז האַלבע נאַכט. דער רעגן ווערט עטוואָס שוואַכער, אָבער לאָזט ניט אָפּ. אַ קאַלט ווינטל שמייסט דעם רעגן אין פּנים אַריין. ערשט אין דריי שעה אַרום וועט מען קומען מיך אומבייטן. אָבער מיר אַרט דאָס ניט. פאַרקערט. דאָ איז מיר איצט בעסער צו שטיין. עס ווילט זיך זיין מיט זיך אַליין. די געדאַנקען, ווי די רעגן־טראָפּנס, יאָגן זיך און שניידן זיך אַריין איינער אין אַנדערן:

איז פאַראַן נאָך ערגעץ אויף דער וועלט אַן אָרט וואו מען שיסט ניט? ווי זעט דאָס אויס?... וועט נאָך אַמאָל זיין אַ וועלט אָן מלחמה? און וואָס פאַראַ געפיל איז עס, ניט צו שפּירן דעם טויט־טעם טאָג און נאַכט? ווען עס לויערט ניט די קויל פון אַלע זייטן?... און אָט קומט מיר אויפן געדאַנק די פאַמיליע מיינע, מיינע נאָענטע וואָס זיינען אַזוי ווייט פון מיר. די מחשבות ווערן ברויזיקער, האַסטיקער. כסדר, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, דערמאָן איך זיך יענע געשעעניש — מיין לעצטן קאָנטאַקט מיט דער משפּחה.

דאָס איז געווען אין די ערשטע דריי חדשים, ווען די מלחמה האָט שוין ביי אונז געבושעוועט אויף אַלע וועגן. אונזער מיליטערישע אָפּטיילונג איז געשטאַנען אין אַ וועלדל, אין כאַרקאָווער געגנט.

יענע טעג האָב איך געוואַרט אויף גוטע נייעס אין מיין פאַמיליע. אָבער מ׳האָט מיך ניט געלאָזט באַזוכן מיין משפּחה, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין כאַרקאָוו.

אין איינעם אַ טאָג קומט אָן אַ „פּריקאַז” (באַפעל) אַז מען זאָל אונז איבערוואַרפן נעבטער צום פראָנט. און אין זעלבן טאָג באַקום איך אַ טעלעפאָנישע ידיעה (פון מיינער אַ קרובה): אַ בשורה טובה, אַז מיין פרוי האָט געבוירן אַ מיידעלע. זי דערציילט מיר אויך ביי וועלכע אומשטענדן דאָס איז געשען. ווען מ׳האָט זי געבראַכט אין שפּיטאָל אין געבוירן־אָפּטייל, האָבן פונקט דעמאָלט די דייטשע גרויזאַמע מאָרד־„פייגל” אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דעם דאָזיקן שפּיטאָל. האָט מען די שוואַנגערע פרויען אַראָפּגעפירט אונטן אין קעלער — און טאַקע אין יענעם מאָמענט האָט מיין פרוי, אין קעלער, געבוירן אַ שוואַרצינקע טעכטערל...

די פרוי מיינע האָט געבעטן: אפשר? — טאָמער קען איך פאָרט זיך אָפּבעטן, זיך אַרויסרייסן אויף אַ ווילע, כאָטש אויף אַ מינוט קומען אַ קוק טאָן, זיך באַקענען מיט אונזער קינד?

טרערן האָבן מיך גענומען שטיקן. ווי שטאַרק כ׳האָב געגאַרט עפּעס זאָגן, עפּעס אַרויסברומען פון אָנגעלאָדענעם האַרץ — אָבער כ׳האָב קיין וואָרט ניט געקענט אַריינזאָגן אין טעלעפאָן־טרייבל. דוכט זיך, אַפילו קיין מזל־טוב ניט איבערגעגעבן. און איידער כ׳האָב מיך צעטשוכעט, האָט אַ שטרענגע שטימע מיך אַוועקגעריסן פון טעלעפאָן. דער צימער איז שוין געווען אויסגעליידיקט און אין גאַס זיינען געשטאַנען אָנגעפּאַקטע אויטאָס פון סאָלדאַטן מיט זייערע כלי־זין. איך האָב קוים באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אין דער הויך אויף אַן אויטאָ און מ׳האָט זיך געלאָזט אין „פּאָכאָד” צום פראָנט.

צוויי יאָר זיינען פון דעמאָלט אַדורך. איצט דאַרף שוין מיין טעכטערל אַלט זיין צוויי יאָר (ביז הונדערט און צוואַנציק). איז וואָס מאַכן זיי דאָרטן? וואו זיינען זיי איצט? מיין טאָכטערקע, מיין פרוי? און ווי זעט אויס די קלייניקע? פרעגט זי אַמאָל: וואו איז איר טאַטע? און וואָס ענטפערט מען איר?...

שוין באַלד צוויי און אַ האַלבע יאָר מלחמה! אַזאַ שטיק צייט פון לעבן — פאַר וועמען איז דאָס אַוועק? ווען וועט זיך דאָס אַלץ ענדיקן? ווי אַזוי?

אַרום און אַרום איז חושך, אַן אימה פון פינסטערניש ביז העט ווייט־ווייט, וואָס ווערט דורכגעריסן מיט שוידערלעכע פייערהאָגלען; נעכט פון טויט־שאָטנס און טעג אַזעלכע רויטע, אָנגעזאַפּטע מיט בלוט אָן אַ שיעור...

אויך דער חשבון פון פאַרגאַנגענע טעג, חדשים, האָט פאַרלאָרן זיין המשך, זיין באַדייט. נאָר דער מאָרגן עגבערט יאָ אַמאָל. ניט ווילנדיק לויפט דורך אין מוח: ווער ווייסט, וואָס וועט מיר געשען? וואו וועל איך מאָרגן אַהינקומען? אָבער אַפילו אין גאָר הייסע מאָמענטן גיב איך זיך ניט אונטער. איך באַקעמף אַזעלכע מחשבות. אַ דאַנק דיר רבונו של עולם! אַרום און אַרום שאָטנט טאַקע מיט אימת מות — אָבער אין האַרצן ליכטיקט מיין גלויבן און האָפן צו דיר!

דער גאַנצער חלל איז אָנגעזאַפּט מיט יאוש, פאַרצווייפלונג — אָבער מיך מוטיקט דער בטחון צו דיר, מיין פאָטער אין הימל! נאָר דאָך בעט איך שטענדיק דעם אויבערשטן: אויב שוין יאָ אַ סאָלדאַט, אויב

שוין יאָ דינען — איז שוין בעסער דינען דיך! זיין דיינער אַ סאָלדאַט! און העלף מיר צו זיין דיינער אַ געטרייער סאָלדאַט!

און נאָך עפּעס איז דאָ אַ סוד — אַ געהיימעניש צווישן דעם אויבערשטן און מיר. קיינער־קיינער טאָר חלילה ניט וויסן: אין קעשענע האָב איך צוויי קליינינקע, אָבער גאָר שטאַרקע באַשיצונגס־פאַנצערלעך — אַ קליינע פּאָר תפילין און אַ פּיצינקן תהלימל, חלילה וחס ווען עמעצער אין דער רויטער אַרמיי דערוויסט זיך דערפון! און געלויבט דער אויבערשטער, וואָס איך האָב נאָך דערווייל קיין איין טאָג ניט דורכגעלאָזן אָן תפילין: אַמאָל געלייגט זיי אין פעלד, אַמאָל אין אַ וועלדל, אַמאָל אין אַ ליידיקן וואַגאָן, אָדער אויפן בוידעם פון אַ פאַרלאָזטן הייזל. היינטיקן ווינטער, ווען אַלץ איז געווען איינגעהילט אין פראָסט און אין שניי און ס'איז געווען שווער צו געפינען אַ ליידיקן ווינקל — פלעג איך זיך אַרויפכאַפּן אין איינעם פון די הויכע הילצערנע פּישער־שטיבלעך, ביי דער פאַרפרוירענער וואָלגע, וועלכע שטייען פאַרלאָזטע און אונטערגעשפּאַרטע מיט הויכע קלעצער, פאַרשאָטענע מיט שניי — דאָרט פלעג איך זיך אַריינגראָבן אינעווייניק אינעם שניי, אַרויסבאַקומען מיין לינקע האַנט פונעם גאַנצן געפּאַק קליידער און לייגן די תפילין... און ווען איך בין שוין פאַרטיק געוואָרן און גענומען קריכן צוריק, איז ביי מיר שטענדיק גרייט געווען אַ תירוץ — טאָמער באַגעגנט מיך עמעצער ביים אַרויסקריכן. אַ תירוץ האָט מען געמוזט האָבן שטענדיק אַ פאַרטיקן. אַז ניט, איז ביטער... דערפאַר אָבער ווען איך פלעג זיך שוין אָפּפאַרטיקן מיט לייגן די תפילין, האָב איך זיך געפילט אַזוי דערהויבן, אַזוי דערוואַרעמט, כאָטש די פינגער האָבן געשטאָכן פון פאַרפרירונג. און גוט איז מיר דעמאָלט געווען אויפן האַרצן! געפילט האָב איך, אַז איך בין ניט גלייך צו אַלעמען דאָ... געפילט האָב איך, אַז מיט מיר פירט מען עפּעס אַן אַנדער חשבון, אַנדערע באַשיץ־מיטלען זיינען מיר געגעבן געוואָרן...

איצט שטייענדיק דאָ ביינאַכט, האָב איך אינגאַנצן ניט מרגיש געווען ווי די מינוטן לויפן פאַרביי. איך וואָלט געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל זיך אַזוי ציען לאַנג, לאַנג. נאָר מיין בליק פאַלט אויף דער לינקער זייט וואָלגע. דאָרטן, ווייט אויפן האָריזאָנט, הויבט־אָן עטוואָס העלער ווערן דער הימל. די לייכטנדיקע „פאָנאַרן" האָבן זיך שוין אויפגעהערט צו צינדן אין דער לופטן.

ס'איז נאָך פינסטער דאָ אויף דער ערד. נאָר ווען מען שטרענגט אָן דעם בליק זעט מען שוין בולט אַרום און אַרום די גאַנצע פאָזיציע אונזערע: די נאַסע האַרמאַטן, די הילצערנע קעסטלעך סנאַריאַדן, די איינזאַמע צעפליקטע ביימער מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ...

אַ דייטשער קוילן־וואַרפער, האָט פלוצלונג געעפנט אַ פייער, אויסגעשטעפּט אַ גאַנצע סעריע קוילן און ווידער פאַרשטומט געוואָרן. עס זעט אויס, ווי אַ שלעפעריקער מענטש וואָלט זיך פלוצלונג הויך צעגענעצט און ווידער פאַרמאַכט דאָס מויל. איך הער ווי אין זעמליאַנקע טוט עמעצער אָן די שטיוול, שטופּט אַריין אַ פוס, קלאַפּט־צו מיטן שטיוול אין דער ערד — די פוס זאָל אַריינקריכן. אינסטינקטיוו גיט מיין האַנט אַ ריר־אָן אין דער הויזן־קעשענע די תפילין. איך קוק אויפן האָריזאָנט און עס זאָגט זיך אַרויס פון מיין מויל: „הגיע זמן קריאת שמע של שחרית".

באַלד וועט מען מיך אומבייטן. אַלע שקצים שלאָפן נאָך. וועל איך אַריינגיין אין זעמליאַנקע, אויסצווישן מיין נאַסן אויטאָמאַט, אָנטאַפּן אַ ליידיקן פּלאַץ, וואו אַלע ליגן נאָך צעלייגט אין זייער שלאָף. כ'וועל זיך אַוועקלייגן, זיך איבערדעקן מיטן נאַסן, דורכגעווייקטן שינעל, און דאַן — וועל איך קענען אומגעשטערט לייגן מיינע תפילין.

געלויבט איז דער אויבערשטער, וואָס טוט מיט מיר חסד...

תורה, נבואה און מצוות / פאָרזעצונג פון זייט י'

קראַפט פון שכל. דאָס איז זיין כלי־זיין, זיין אַטאָמישע קראַפט. אין זיין אַנטוויקלטן שכל ליגט זיין גבורה. און אויך תורה שבעל פה באַהערשט מיטן כוח פון שכל, וואָס ליגט אין איר באַהאַלטן. „שכל" טראָגט אין זיך די זוימען פון חיות, די קערנער פון מקור'דיק לעבן און דעריבער אידענטיפיצירט זיך דער איד מיט תורה שבעל פה. ביידע, תורה שבעל פה ווי דער איד, טראָגן איין קרוין.

דער שורש פון איד ליגט אין שכל און אויך תורה שבעל פה איז די פאַרקערפּערונג פון געריניקטן שכל. באַהעפט זיך דער איד מיט דער גמרא, ווייל זי איז אים אַזוי שכל'דיק נאָענט און ביידע ציען צוזאַמען זייער יניקה פון איין צינור, פונעם שכל העליון.

איז דעריבער תורה העכער פון אַלע הויכקייטן.

די אידישע היים

קאונסיל נשי ובנות חב״ד
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ. י.
תשרי, ה׳תשכ״ט באַנד 10 נומער 2 (37)

פון אונזער חסידישן קוואל

דער אר״י הקדוש (רבנו יצחק לוריא ז״ל) האָט דאָך אַ גאַנץ יאָר געדאַוונט מיט די העכסטע און הייליקסטע כוונות. קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, מיט וועלכע כוונות קדושות ער האָט געדאַוונט אין די ימים־נוראים. אָבער אין אָט־די פאָרכטיקע טעג האָט מען אים פון „אויבן״ צו וויסן געגעבן, אַז ס׳איז דאָ איינער אַ איד אין אַ געוויסער שטאָט, און דעם אידנס דאַוונען איז געווען נאָך געהויבענער ווי די תפילה פון אר״י ז״ל. האָט זיך דער אר״י ז״ל אויפגעהויבן און איז צוגעפאָרן אין יענער שטאָט. ער האָט גערופן יענעם אידן און אים געפרעגט: „ביזטו אַ בן־תורה?״ „ניין״, האָט יענער געענטפערט.

„נו, און דאַוונען קענסטו?״ האָט אים דער אר״י ז״ל ווידער געפרעגט. „ניין״, האָט ווידער זיך אָפגערופן דער איד.

„און וואָס האָסטו געטאָן אין די ימים־נוראים?״ פרעגט אים ווידער דער אר״י הקדוש.

„רבי״ — ענטפערט דער איד — „אַפילו דעם גאַנצן אַלף־בית ווייס איך ניט ווי געהעריק. כ׳קען נאָר זאָגן די אותיות פון אל״ף ביז יו״ד, און ווען איך בין געקומען אין שול און געזען, אַז דער גאַנצער עולם דאַוונט אַזוי הויך און מיט אַזאַ כוונה, און איך קען גאָרניט מיטדאַוונען מיט זיי, איז דאָס האַרץ אין מיר שטאַרק צעבראָכן געוואָרן. האָב איך גענומען זאָגן וואָס איך קען: א, ב, ג, ד, ה, ו, ז, ח, ט, י, און דו, רבונו־של־עולם, וועסט שוין פון זיי מאַכן ווערטער און זאַצן וועלכע דו ווילסט און וועלכע וועלן זיין אָנגענומען פאַר דיר! אַזוי האָב איך געזאָגט, מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט אַלע מיינע כחות, און אַזוי האָב איך ווידערהאָלט נאָכאַנאַנד די אותיות לויט מיין געבעט״...

און אָט־דער „דאַוונען״ פונעם פשוטן אידן האָבן אין הימל געווירקט נאָכמער ווי די תפילה פונעם אר״י הקדוש!

(לויט „סיפורי חסידים״, פון הרה״ג והרה״ח רש״י זעווין שליט״א)

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

תשרי, ה׳תשכ״ט — באַנד 10, נומער 2 (37)

אינהאַלט

תשובה — א. יהודי . . . . א

אַ חלום אין כפר חב״ד — נ. בן־יוחנן . . ד

ימים נוראים און ימים טובים —
הרב דוב ז. וויינבערגער . . . . ו

צו אַ למד־וואָו (ליד) — צ. מ. שטיינמעץ . ח

אַ געשעעניש צום געדענקען —
ד״ר הלל זיידמאַן . . . . ט

איך הייס צפני׳ (דערציילונג) — דוד זאַריצקי יא

ר׳ משה קאַראַלעוויצער ע״ה —
אַ קאַראַלעוויצער . . . . יד

בר־מצוה — יחיאל גראַנאַטשטיין . . . . . יח

פונעם טאָגבוך פון אַ שליח —
משה טובי׳ הכהן פישער . . . . כא

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב״ד.

תשובה

• א. יהודי

אין גמרא (ירושלמי, מכות) שטייט געשריבן: מען האט געפרעגט ביי „חכמה" — וואס דארף זיין דער עונש פון א זינדיקן? האט חכמה געענטפערט: „חטאים תרדוף רעה", ד. ה. אז שלעכטס דארף נאכפאלגן דעם זינדיקן. ווען מ'האט די זעלבע פראגע געפרעגט דעם אויבערשטן ב"ה, האט ער געענטפערט: „יעשה תשובה", זאל דער זינדיקער תשובה־טאן און עס וועט, הייסט עס, אראפגיין די זינד פון אים.

ווען די חכמים ז"ל זאגן, אז מ'האט זיך געווענדעט צו „חכמה" מיט א שאלה בנוגע די עבירות וואס א מענטש באגייט קעגן דעם אויבערשטן, מיינט עס דאך זיכער ניט אזא חכמה און פארשטאנד וואס איז וואקלדיק און וואס פארמאגט די אלע שוואכקייטן פון מענטשלעכער לאגיק. אין מענטשלעכן שכל קענען געמאלט זיין אלערליי נייגונגען און אויס־רעכענונגען, וואס קענען ארויסברענגען אן אורטייל צום גוטן און פונקט אזוי קען דער זעלבער שכל'דיקער חשבון ארויסדרינגען א הארבן אורטייל ווען זעלבן ענין. ביי אזא סארט חכמה איז ניט שייך צו פרעגן אזא שאלה און באזונדערס ווען צוזאמען מיט „חכמה" איז צווישן די „אויסגעפרעגטע" אויך געווען — כביכול דער בורא ב"ה אליין.

הייסט עס, אז געוויס זיינען די חז"ל אויסן די ריינע, די סאמע עסענציעלע און עצמ'דיקע חכמה, דער פארשטאנד וואס איז אבסאלוט אמת'דיק און ווארצלט אין די הויכקייטן פון קדושה און במילא איז עס א חכמה וואס אין איר איז ניטא קיין שום צומיש פון ניט־גוט. טא ווי קומט עס וואס חכמה גיט ארויס אזא שטרענגען פסק דעם זינדיקן? פארוואס זאל אויך חכמה ניט געפינען פארן דורכגעפאלענעם מענטש־שוואכלינג אט דעם אויסוועג פון תשובה? קען דער ריינער שכל ניט מסכים זיין צום פרינציפ פון פאררעכטן א זאך וואס מ'האט קאליע געמאכט? פארוואס אזא שטרענגקייט וואס זאגט, אז דער רעזולטאט פון זינד מוז זיין, ווי אויטאמאטיש, א שלעכטע באשטראפונג?

כ"ק אדמו"ר שליט"א מליובאוויטש האט אין זיינע לעצטע שיחות־קודש א סך גערעדט וועגן תשובה (און וואס איז אצינד מער לעבנסנויטיק ווי תשובה!). צווישן דעם רייכן שלל פון ענינים, האט ער אויך גערעדט וועגן דער אויסגעוויינלעכער אייגנשאפט, כוח און מעלה פון תשובה. ווילט זיך דא אפשטעלן אויף א נקודה פון זיינע הייליקע רייד.

תשובה איז א טייל פון תורה ומצוות וועלט — און דאך איז זי אויסגעטיילט און איז אפילו אין פארגלייך צו זיי גופא ווי „איבערוועלטיק". תשובה איז אזא ג־טלעכע מתנה, וואס ברעכט די שטארקסטע מויערן, וואס רייסט אדורך די שטרענגסטע צאמען און קערט איבער וועלטן — אפילו אין די העכסטע הויכקייטן פון קדושה גופא.

פארוואס אבער מוז מען אנקומען דערצו אז נאר השי"ת אליין זאל געבן ארט אויף תשובה? אין וואס באשטייט די אייגנארטיקע קראפט פון תשובה? מיט וואס איז זי אזוי איבערמאכטיק אפילו אויפן שטח פון תורה און קדושה גופא? פשוט גענומען, קען דער ענטפער זיין: וויבאלד תשובה האט ביכולת צו מתקן זיין, צו דערגאנצן א ריס — איז דאס

גופא אַ באַוויז אויף גוואַלדיקער קראַפט, בפרט אויפן רוחניות׳דיקן געביט. און אויב תשובה קען פאַרריכטן אַ קלקול אין קיום פון תורה און מצוות, איז אַ סימן אַז די וואָרצלען פון תשובה זיינען טיפער פון תורה און מצוות. דער פּראַקטישער חוש וועט באַשטעטיקן, אַז ווען עס קומט פאַר אַ ריס צווישן מענטש און מענטש אפילו, מוז מען שוין אָנווענדן אַ סך גרעסערע אָנשטרענגונגען, פון קאָפּ און מידות, כדי צו גוט־מאַכן אָט־דעם ריס און באַנייען די גוטע באַציאונגען.

דאָס שעפּט אָבער ניט אויס די באַזונדערע אייגנשאַפט פון תשובה. עס גייט פיל טיפער דערפון. ווייל די ביטערקייט פון באַגיין אַ חטא קעגן דעם אויבערשטן דריקט זיך אויס אין פאַרנעם פון איר ווירקונג: וואוהין די זינד דערלאַנגט, און וואו זי ווערט באַגאַנגען.

דער אויבערשטער האָט אַזוי באַשאַפן די גאַנצע וועלט און וועלטן, אַז זיי אַלע זיינען אָפּהענגיק פון דעם איד׳ס פירונג. דורך זיינע מצוות און גוטע מעשים ווערן וועלטן באַשאַפן און באַלויכטן מיטן ג־טלעכן ליכט; און, חס־ושלום, דורך עבירות און שלעכטע טואונגען ווערן וועלטן חרוב און פינסטער. און מיר געפינען אין חסידות אַ משל, ווי אַזוי אַ קליינער באַוועג דאָ „אונטן", באַדייט פאַקטיש אַ ריזיקער מאַרשרוט אין די הויכקייטן — אַז דער שאָטן פון אַ זאַך קעגן דער זון אויף דער ערד גייט זיך אַ רוק אַ פּאָר אינטשעס, הייסט עס דאָך באמת אַז די זון אַליין איז אָפּגעפלויגן טויזנטער מיילן. ווען אַ איד „פאַרשאַטנט" ר"ל מיט זיין אויפפירונג אַ פיצל שטח אין עולם־הזה — ווערט די ג־טלעכע „זון"־ליכט אינדערהויך אָפּגעטראָגן פון וועלטן גאַנצענע. און דער אומגליק און ווייי איז גרויס!

אָבער אַן עבירה ר"ל רירט אָן נאָך העכער פון די עולמות עליונים. דאָס רירט אָן דעם איד גופא — און דאָס מיינט נאָך אַ פיל טיפערער פּגם. די נשמה פון אַ איד איז ממש אַ טייל פון ג־טלעכקייט, די נשמה שטאַמט פון ג־טלעכער חכמה — און ווען דער איד, ביים טאָן אַן עבירה, זינקט אין „אונטערוועלט" פון קליפות און סטרא־אחרא, שלעפּט ער מיט זיך אויך אָט־דעם אור פון ג־טלעכער חכמה. און אַז מ׳וויל באַנעמען אַזאַ אומגליקלעכן גייסטיקן פּראָצעס אין מענטשלעכע באַגריפן, זאָגט דער אַלטער רבי דעם טוטווייאיקן משל: ס׳איז גלייך ווי מ׳וואָלט גענומען דעם קאָפּ פון אַ מלך און אים אַרונטערגעשלעפּט אונטן און אים איינגעגראָבן אין סאַמע נידעריקסטן אָפּפאַל! דאָס מוז דאָך אויפציטערן, ווען מ׳דערהערט דעם פשוטן מיין פון די ווערטער.

אַזוי שרעקלעך זיינען די רעזולטאַטן פון אַן עבירה — און טראָץ דעם העלפט דערויף די תשובה פון אַ אידן. וואָרום תשובה, דערקלערט חסידות, באַדייט טאַקע אָט־דעם אומקער פון ג־טלעכן ליכט צוריק צום מקור; און אין וואָרט „תשובה" גופא איז עס אָנגעדייטעט: תשובה — תשוב ה׳ — דעם אות „הא", דער טייל פון ג־טס נאָמען, וואָס איז דורך דער עבירה כביכול אַראָפּגעקומען אין רשות פון די אומווירדיקע און ניט גוטע, ווערט דורך תשובה צוריקגעקערט אין די פריערדיקע קדושה־הויכקייטן.

אָבער דאָ שטעלט זיך אַ פראַגע מצד דער אָביעקטיווער לאָגיק און ריינעם פאַרשטאַנד: דער אויבערשטער האָט די גאַנצע וועלט אַריינגעשטעלט אין די ראַמען פון זמן און מקום. ס׳גילט דאָ די דיסציפּלין און סדר פון צייט: וואָס ס׳איז געווען איז שוין פאַרביי און ניטאָ; אַ זאַך וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין צייטלעכן גאַנג, פריער, איז שוין אַרויס פון יעדן רשות צו הערשן דערויף אין אַ שפּעטערדיקן מאָמענט. ווי קען מען היינט — אין אונזער וועלט — באַלעבאַטעווען אויפן נעכטן, בעת די אָפּגעטאָנענע זאַך איז דאָ און דער נעכטן איז שוין אַוועק און ניטאָ? ווי קריגט מען זיך אַריין צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט און פון דאָרט אַרויסרייסן אַ חטא ועוון?

וואָרום אַפילו תורה און מצוות, וואָס שטאַמען פון איבער־וועלט און איבער־צייט, זיינען דאָ איינגעפּאַסט אין די גרענעצן פון זמן און מקום. יעדן טאָג דאַרף אַ איד לייגן תפילין, אויסער שבת און יום־טוב. און לייגנדיק די תפילין היינט, איז די מצוה גילטיק נאָר פאַרן היינט, ניט פאַרן נעכטן אָדער מאָרגן. די קריאת־שמע פון אינדערפרי קען ניט באַציען זיך צום אויפדערנאַכט, — פּונקט ווי דאָס בלאָזן שופר, בענטשן אתרוג אד"ג, אַ שעה נאָך זייער צייט, קענען זיך ניט אַ רוק טאָן צוריק און באַקומען די ווערט פון מצוות.

אַזוי אַרום וואָלט דער שכל מחייב געווען, אַז ווען אַ איד דערוועקט זיך מיט אַ געפיל פון טיפער חרטה אויף די באַגאַנגענע עבירות און באַשליסט צו גוט־מאַכן זיין צוקונפט, זאָל דאָס בלויז העלפן צו ענדערן זיין סטאַטוס פון דעם מאָמענט ווען ער טוט תשובה, אַז פון דער תשובה אָן איז ער שוין ניט מער אין דער קאַטעגאָריע פון אַ בעל־עבירה. דער אמת איז דאָך אָבער, אַז די תשובה רייסט אַרויס, פאַרניכטעט די באַגאַנגענע עבירה — און ווי ווירקט עס אָט־די תשובה אויף צוריק, אַריבער דעם ניט־אַדורכגאַנגבאַרן תהום וואָס הייסט — פאַרגאַנגענהייט?

איז בעת עס רעדט זיך וועגן דעם עונש פון דער פאַרגאַנגענער זינד — האָט טאַקע חכמה קיין שום אויסוועג ניט, אויסער דעם נאַטירלעכן אויסגאַנג פון דעם חטא: די עבירה האָט זיך שוין אָפּגעטאָן, מוז שוין ממילא נאָכקומען דער שלעכטער עונש, ר״ל. אַזוי איז דער סדר אין באַשאַף וואו אַלץ פאַרמאָגט גרענעצן — און אַזוי פאַרשטייט חכמה, ווייל אויך די העכסטע חכמה איז איינגעראַמט אין געוויסע גרענעצן.

דער סוד פון אָט דעם כוח פון תשובה קומט צום אויסדרוק טאַקע אין איר אָנגע־געבענעם „אַדרעס״: „שאלו להקב״ה״ — נאָר דער אויבערשטער אַליין איז דער וואָס באַהויכט דעם ענין פון תשובה מיט אומבאַגרענעצטקייט. ווארום דער אויבערשטער איז דאָך העכער פון יעדן מינדסטן גדר, פון יעדן סאָרט באַגרענעצונג פון אָרט און צייט, און דאָס דאָזיקע העכער פון צייט שטראַלט אויך אַרויס פון תשובה. דאָס הייסט, אַז תשובה נעמט אַרויס דעם אידן פון די צייט־מויערן און הויבט אים אויף אַהינצו וואו ס׳איז ניטאָ דער עלעמענט וואָס צעטיילט צווישן פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. אַזוי אַרום פאַר־שווינדט אי דער פאַקטאָר וואָס דערלאָזט ניט צוקומען צו דער עבירה וואָס אין דער פאַר־גאַנגענהייט, און אי די עבירה גופא ווערט אָפּגעווישט פון איר צייט און אָרט.

תשובה איז, הייסט עס, יענער ג־טלעכער שיק וואָס ציט זיך פון „כסא הכבוד״ דירעקט אין אונזער אונטערשטער וועלט. דאָס איז דער אויסדרוק פון העכסטן ג־טלעכן רחמנות פון איבער־וועלט דווקא פאַר די שוואַכקייטן און פעלערן פון אַ מענטשן אין די ראַמען פון זמן און מקום. דעריבער זיינען די טויערן פון תשובה קיינמאָל ניט געשלאָסן. און וויבאַלד תשובה איז אַזוי אומענדלעך אין איר וועזן, איז דעריבער ניט שייך קיין שום אָפּהאַלט פאַר קיין שום אידן פון צו ראַטעווען זיך דורך תשובה. ניטאָ קיין עבירה, צו וועלכער עס העלפט ניט די רפואה פון תשובה. ווי אונזערע חז״ל זאָגן: „אין לך דבר העומד בפני התשובה״.

נאָר, די חז״ל זאָגן אונז אויך אָן: „שוב יום אחד לפני מיתתך״ — ווייל דווקא דאָ, אין דער פלייש׳יקער וועלט־באַקליידונג, איז געגעבן געוואָרן אָט־די געלעגנהייט פון תשובה. און אויך נאָר דאָ טוט זיך אויף די וואונדערלעכע אויפווירקונג: דורך איין קער און ווענד פון קליינעם מיזערנעם בן־אדם צום אויבערשטן, טוט זיך אויף דער ריזיקער צוריקקער פון דעם אויבערשטן צו אים, דער „שובה עלינו בהמון רחמיך״.

תשובה העלפט טאַקע אומעטום און אַלעמאָל, אָבער ווייל אין תשובה פליסט די ג־טלעכע מידה פון רחמים, האָבן מיר דעריבער אַזעלכע זמנים ווען אַ איד קען לייכטער צוקומען צו תשובה, ווייל דאָס זיינען זמנים פון רחמים.

דער רמב״ם זאָגט, אַז די מצוה פון תקיעת שופר טראָגט אין זיך אַ רוף און אַ דערוועקונג צו אויפכאַפּן זיך פון וועלטישן שלאָף און דורכפאָרשן די אייגענע מעשים און תשובה טאָן אויף דאָס ניט גוטע. און די חכמים ז״ל האָבן אונז אַנטפּלעקט, אַז דער חודש אלול איז אַ חודש ווען עס לייכטן די דרייצן מידות פון אויבערשטנס רחמים. אלול איז, ווי באַוואוסט, אַ ראשי־תיבות אני לדודי ודודי לי — אין דעם חודש, ווען עס לייכט מידת הרחמים, קומט צום אָפּענעם אויסדרוק די צוזאַמענקייט און איינִיקייט און ליבשאַפט צווישן אידן מיטן אויבערשטן. דערפאַר בלאָזט מען שופר אין דעם חודש; דערפאַר זיינען אָט־די טעג די פאַסיקע צייט צו תשובה און די זיינען די געהעריקע צוגרייטונג צו די הייליקע טעג פון ראש השנה און יום כיפור, ווען השי״ת איז מוחל די עבירות פון זיין פאָלק און גיט זיי אַ כתיבה וחתימה טובה בגו״ר.

אַ חלום אין כפר חב״ד

● נ. בן־יוחנן

...**איר** ווייסט אַז ס׳איז אַ חלום, אַן אילוזיע, און דאָך ציט עס אייך ווי מיט אַ מאַגנעט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל צום שמאָלן שאָסיי וואָס קירעוועט זיך רעכטס פאָרנדיק פון ירושלים קיין תל־אביב, צו גיין אַ פאַרטראַכטער איינער אַליין, אַרום און אַרום די נייע הייזער און די הויכע געביידעס, צו באַקוקן די פעלדער מיט די הויכע זאַנגען און די בוימער מיט די דיקע צווייגן — צו זיין נאָכאַמאָל אין דעם אַלטן ווייס רוסישן שטעטעלע וועלכע איז טויזנטער און טויזנטער מיילן ווייט פון דאַנען, און דאָך איז עס אַזוי נאָענט דאָ, ווי מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

די אידן וואָס איר טרעפט דאָ, קוקן אייך אויס אַזוי באַקאַנט, אָט פונקט ווי איר וואָלט זיי געזען אינדערפרי ביים דאַוונען אין איינער פון די פיר חסידישע שולן וואָס זיינען אין שטעטל געשטאַנען אויפן שול־הויף איינע נאָך דער צווייטער.

די אינגעלעך זיינען ווי איין טראָפּן וואַסער מיט די חברים׳לעך פון אפרים דעם מלמד׳ס חדר, וועלכע זיינען אַ גאַנצן טאָג געזעסן פאַרשפּאַרט אין דער ענגער כאַטקע און צווישן איין זאָג און אַ צווייטן, פון סידור צי פון חומש, געכאַפּט אַ קוק אויף דעם בילד פון קבר רחל וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט אַנטקעגן.

און ניט נאָר די חדר־אינגעלעך זיינען דאָ, נאָר ר׳ אפרים אַליין איז אויך דאָ. די באָרד זיינע איז ווייס ווי אַמאָל און די קאַפּאָטע אַזוי לאַנג ווי אַמאָל, מער ניט וואָס זיין רוקן איז ניט אַזוי איינגעבויגן און דער פּנים ניט אַזוי פאַרכמורעט.

ווען עס קומט מנחה־צייט גייען אידן אין שול, פונקט ווי אין דעם שטעטעלע אַמאָל, בנערינו ובזקנינו, און עס זיינען דאָ פאַראַן די זעלבע אידן, וואָס נאָך אַ קדושה און נאָך אַן אמן יהא שמי׳ רבה איז ביי זיי אַן אוצר אַ גאַנצער און זיי גייען פון איין מנין צום צווייטן צו געפינען נאָך אַן אוצר.

יאָ, אויך דער שול־הויף איז דאָ אַ גאַנצער מיט אידן וואָס זאַמלען זיך אין קופּקעס און פרעגן זיך אויס די לעצטע נייעס פון דער גרויסער וועלט, און פּרובירן טרעפן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען.

בין מנחה למעריב זעצן זיך צענדליקער אידן אויס, פונקט ווי אין דעם אַלטן שטעטעלע, אַרום לאַנגע טישן און הערן אַ פּרק משניות פון אַ רבי׳ן וואָס וואַרפט אַריין אינמיטן לערנען אַ גוט וואָרט פון דעם משפיע אין דער אַמאָליקער ליובאַוויטש. ביי אַ צווייטן טיש לערנט אַ יונגערמאַן פאַר אַ שיעור אין הלכות שבת פון אַלטן רבי׳נס שולחן ערוך, און ביי אַ דריטן טיש זיצט אַ יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד און גיט איבער אַ גרוס וואָס ער האָט ערשט געהערט פון רבי׳ן.

אַמאָל אין שטעטעלע איז דער גרוס געווען פון רבי׳ן אין לענינגראַד און וואַרשע, און איצט איז דער גרוס פון רבי׳ן אין ברוקלין.

ס׳איז דאַכט זיך דאָס זעלבע קליינע חסידישע שטעטעלע פונוואַנען איר זייט אַוועק מיט פיר און דרייסיק יאָר צוריק, אָבער זע נאָר ווי גרויס שטאָטיש און ווי אַנדערש עס איז געוואָרן. אידן פאָרן ברוך השם אַרום אין אייגענע אויטאָמאָבילן און יעדע פאָר שעה שטעלט זיך אָפּ אַן אויטאָבוס פון דער גרויסער שטאָט און אידן פאָרן און קומען.

היינט די געביידעס וואָס זיינען דאָ אויסגעוואַקסן ווי אויף הייוון קיין עין הרע, צווישן זיי אַ בית שז״ר מיט אַ בית מדרש, וואָס אַפילו אין גרויסע שטעט זעט מען עס ניט און מיט אַ חדר האוכל וואו עס קענען זיך געראַם אויסזעצן אַ שיינע פאָר הונדערט מענטשן; אַ בית מנחם וואָס איז אַ היים פאַר בחורים׳לעך וואָס לערנען תורה און חסידות; בתי לעזר־רב פאַר בחורים וואָס לערנען זיך אַ פאַך און ווי צו זיין נהנים מיגיע כפיהם; חדרים און ישיבות פאַר אינגלעך און בית רבקה׳ס און סעמינאַרן פאַר מיידלעך; און עטלעכע געביידעס וואָס האַלטן נאָך אינמיטן דער אַרבעט און וועלן אינגיכן ווערן פאַרטיק לשם ולתפארת.

עס פאָרט פאַרביי אַ איד אויף אַ בייסיקל.

— שלום עליכם, אַ איד פון ניו יאָרק — שטעלט ער אָפּ דעם בייסיקל און גיט אייך אַ ברייטן שלום עליכם. דעם לעצטן מאָל האָב איך אים געזען אין אַ לאָקאָמאָטיוו פון דער באַן וואָס פאָרט צווישן ירושלים און תל־אביב, אָנגעטאָן אין די אַרבעטסקליידער פון אַ באַן־אינזשעניר.

— איר האָט געהערט וואָס פאַראַ גרוס דער גענעראַל האָט אָפּגעגעבן פון ברוקלין?... ער האָט געזאָגט, אַז וויפל מיר

האַלטן פון רבי'ן איז ער נאָך אַלץ אַ גרעסערער...

אַמאָל אין שטעטעלע, וואָלט אַזאַ איד ווי דער וואָס איז געפאָרן אויפן בייסיקל, געדאַרפט אויסטאָן די היטל און זיך בויגן אינדרייען איידער ער וואָלט אַריינגעקומען צום בירגערמייסטער אין מאַגיסטראַט.

דאָ אין דעם נייעם שטעטעלע איז דער דאָזיקער איד אַליין דער בירגערמייסטער, און די אַרומיקע בויגן זיך ניט און בוקן זיך ניט פאַר אים, נאָר רופן אים גוטברודעריש: ר׳ שלמה.

עס גייען פאַרביי עטלעכע חסידישע אידן מיט פריילעכע פנימ׳ער.

אַי, ווען איר וואָלט דאָ געווען נעכטן — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון זיי — וואָלט איר עפּעס געזען, עפּעס אַזוינס וואָס עין לא ראתה... אַ „ופרצת"־נשף פאַר סטודענטן פון לאַנד און פון חוץ לארץ... אַ שאָד וואָס איר האָט עס פאַרפעלט...

די אידן פון דעם נייעם שטעטעלע לעבן ניט פאַר זיך אַליין. זיי זיינען געקומען אַהער ווי אודים מוצלים מאש, געלייטערט אין פייער פון נסיונות און מסירת נפש, און זיי אָטעמען היינט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת מיט דער שליחות וואָס דער רבי האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט.

זיי וואַרטן ניט ביז אידן וועלן קומען צו זיי, נאָר זיי גייען צום פאָלק און דערנענטערן אים צו תורה. פון אָנטאָן אַ אידן תפילין ביים כותל מערבי ביז דורכפירן אַ נשף אין אַ לינקן קיבוץ, איז עס אַלץ איין באַגער און איין מאָטיוו: צו מקרב זיין אידישע הערצער צו זייער פאָטער אין הימל.

יאָרן און יאָרן האָבן זיי געהאַט מסירת נפש אויף צו מקיים זיין אַ מצוה באַהאַלטענערהייט, אונטער די שווערסטע מסוכנדיקסטע אומשטענדן.

היינט האָט זיי דער רבונו של עולם באַלוינט מיטן גרויסן אומענדלעכן שכר, צו קענען העלפן אַנדערע אידן מקיים צו זיין אַ מצוה בפרהסיא, אונטער אומשטענדן פון כאדם העושה בתוך שלו.

זי איז טאַקע אַנדערש, און מער גרויס שטאָטיש ווי דאָס אַמאָליקע שטעטעלע, אָבער די נשמה אירע איז די זעלבע און די אידן אירע זיינען די זעלבע. מער ניט, זיי זיינען ברוך השם גליקלעכערע אידן, מער צופרידענע אידן.

איז עס אפשר טאַקע גאָרנישט קיין חלום?... אפשר האָבן זיך טאַקע אַלע חרוב׳ע חב"ד׳ער שטעטעלעך פון דער חרוב׳ער וועלט זיך דערקייקלט צו די פאַרברוינטע זאַמדן לעבן דעם כביש ירושלים־תל־אביב און ווידער אויפגעלעבט אין כפר חב"ד?!...

מיניסטער משה דיין ביי דער בר־מצוה פייערונג, צוגעגרייט דורך כפר־חב"ד מיטגלידער, פאַר די זין פון די געפאַלענע פאָטערס אין דער 6 טאָגיקער מלחמה.

ימים נוראים און ימים טובים

• הרב דוב ז. וויינבערגער

תשרי איז ביי אונז אידן דער סאַמע וויכטיקסטער חודש, ווייל ער אַנטהאַלט אין זיך די ימים נוראים ווי אויך דעם יום טוב סוכות. ער איז דער אָנהויב פון אַ ניי יאָר און ער גיט אונז אַ באַזונדערע געלעגנהייט זיך ריינצואוואַשן פון אונזער ניט גוטער פאַרגאַנגענהייט, דורך תשובה, און אויפסניי זיך דערנעענטערן צום באַשעפער. אָבער תשרי האָט אין זיך אויך אַ ספּעציפישן שטריך וואָס אָפּטמאָל פאַרזעען מיר אים. אויפן פסוק „תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגינו" דרשנן די חז"ל (ביצה טז.) „איזהו חג שהחדש מתכסה בו הוי אומר זה ראש השנה" (וועלכער יום טוב איז דער וואָס די לבנה פאַרדעקט זיך אין אים — דאָס איז ראש השנה) — אונזערע חכמים האָבן דאָ אונטערגעשטראָכן, אַז ראש השנה איז דער איינציקער יו"ט וואָס פאַלט אויס אין דעם ערשטן טאָג פון חודש, בעת די לבנה איז נאָך פאַרבאָרגן (ווי רש"י לערנט). און מיר זעען אויך, אַז תשרי איז דער איינציקער חודש אין יאָר וועלכער ווערט ניט „איינגעלייטעט" דורך אונזער ראש חודש־בענטשן דעם שבת פריער. פאָדערט זיך אַביסל פאַרטיפונג אין דעם באַגריף פון אַ „חודש" וואָס איז „פאַרבאָרגן", וואָס באַהאַלט זיך, אַזוי צו זאָגן. און אויב ער באַהאַלט זיך — דאַרפן מיר מסתמא זוכן צו אַנטפּלעקן דאָס וואָס ער וויל פון אונז באַהאַלטן.

די ימים נוראים זיינען אין אַלגעמיין פאַררעכנט צווישן אונזערע ימים טובים. לויט דער הלכה (לגבי אבילות ר"ל) האָבן ראש השנה און יום כפור דעם „סטאַטוס" פון יום טוב־טעג. אויך דער נוסח פון קידוש פון ראש השנה איז ענלעך אין זיין יום־טוב'דיקער פייערלעכקייט צום קידוש פון אַלע ימים טובים. איז דאָס באמת ניט פאַרשטענדלעך: ראש השנה ווערט דאָך באַצייכנט ווי „יום הדין" — דער טאָג פון משפט, ווען די גאַנצע וועלט ווערט געשטעלט פאַרן אַלמעכטיקן „הימלשן געריכט" און דאָך זיינען מיר אידן אַזאַ פאָלק וואָס נעמט אויף דעם יום הדין ומשפט ווי אַ יום טוב. פון איין זייט טראָגן מיר דאַן „בגדי לבן" וואָס דערמאָנען אונז דעם ענד־שלוס פון מענטשלעכן לעבן, ווייל ס'איז די צייט ווען דאָס סאַמע לעבן ליגט אויף דער וואָגשאָל; פון דער צווייטער זייט זיינען מיר גאָר דעמאָלט אין אַ שטימונג פון יום־טוב'דיקייט.

די חז"ל גופא האָבן טאַקע אָנגעצייגט אויף אָט־דעם אויבנאויפיקן פּאַראַדאָקס בשייכות צום דאָזיקן טאָג. די גמרא זאָגט: „אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה מפני מה אין בני ישראל אומרים לפניך שירה בר"ה"? (די מלאכים האָבן געזאָגט פאַר דעם אויבערשטן: פאַרוואָס זאָגן די אידן פאַר דיר ניט קיין שירה (הלל) אין ראש השנה?) האָט זיי דער רבש"ע געענטפערט: ספרי חיים וספרי מתים פתוחין ואתם מבקשים לומר שירה" — די ספרים פון „חיים" און „מתים" ליגן אָפן און איר זוכט צו זאָגן שירה?! אויך די מלאכים האָבן געוואוסט, אַז ראש השנה איז אַ יום הדין, ווען „ספרי חיים ומתים" זיינען אָפן און פונדעסטוועגן האָבן זיי געפאָדערט אַז אידן זאָלן זאָגן הלל. וואָרום אויב ראש השנה איז טאַקע אַ יום טוב וואָלט מען באמת געדאַרפט דעמאָלט זאָגן הלל, ווי ביי אַלע ימים טובים. נאָר קענטיק אַז דאָ ליגט דאָס שליסל צו פאַרשטיין דעם אידישן באַגריף פון תשרי, פון ראש השנה; עס איז טאַקע יום טוב, ווייל מיר ווייסן קלאָר אַז דער רבש"ע וועט משפט'ן דאָס אידישע פאָלק צום גוטן, נאָר דאָס מוז זיין „בכסה" ס'איז פאַרבאָרגן, באַהאַלטן, ד. ה. אינערלעך איז דאָס יום טוב, אָבער

וויבאַלד אויסערלעך זיינען דאָך דאַן „ספרי חיים ומתים פתוחין" — איז ווי קען מען זיך דעמאָלט דערלויבן צו זאָגן הלל? בפרהסיא זיינען די הייליקע טעג ימי הדין ומשפט; בצנעה זיינען זיי ימי הרחמים והרצון.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט וואָס אין אָט־די הייליקע טעג פון ראש השנה זיינען מיר אַזוי באַשעפטיקט צו פאַרטרייבן דעם שטן: דער שליח צבור מוז זאָגן אַ ספּעציעלע תפלה און בעטן ביים רבש"ע, אַז היינט ראש השנה זאָלסטו אָנשרייען אויפן שטן און אים ניט דערלויבן צו מקטרג זיין אויף אונז („ותגער בשטן"); מיר בלאָזן שופר, ווי די חז"ל זאָגן, בכדי צו פאַרטומלען דעם שטן, (בכדי לערבב את השטן); און די ראשי תיבות פון די פסוקים, וואָס מיר זאָגן פאַר תקיעות שטעלן מיט זיך פאָר די אותיות, „קרע שטן" — פסוקים וואָס אַנטהאַלטן די סגולה צו „צערייסן" דעם שטן. קומט אויס, אַז אין אָט־די טעג מער ווי אַלעמאָל, דריקן מיר אויס אַ באַזונדערע מורא, אַז דער שטן זאָל ח"ו ניט מקטרג זיין אויף אידן. נאָר דער אמת איז, אַז אונזער פחד איז טאַקע באַרעכטיקט דערמיט וואָס דער שטן שטייט גרייט מיט דער טענה, אַז אידן זיינען פריילעך און פייערן גאָר אַ יום טוב אין דעם טאָג פון משפט. מוזן מיר זיך היטן פאַרן שטן, מיר מוזן צוימען אונזער יום טובדיקן גייסט און אים האַלטן באַשיידן און באַהאַלטן — „בכסה ליום חגינו": דער „חג", די פייערלעכע יום טוב׳דיקייט, מוז אין אים בלייבן „בכסה".

נאָר אידן האָבן אַ „טאָפּלטן" אַ צוויי־פאַכיקן קאַלענדאַר. מיר האָבן „צוויי" ראש השנה׳ס: עס איז דאָ אַ יאָר־קאַלענדאַר וואָס זיין ראש און אָנהויב איז תשרי, און פאַראַן אַ יאָר־קאַלענדאַר וואָס הויבט זיך אָן מיט ניסן, וואָס שוין אין דער תורה ווערט אָט־דער חודש באַצייכנט ווי „ראשון הוא לכם לחדשי השנה". און ס׳איז דאָ אַ פּאַראַלעל צווישן אָט־די בידע צייט־אָנהויבן, צווישן דעם „ראש" פון תשרי און דעם „ראש" פון ניסן.

אין ניסן זיינען אידן אַרויס פון גלות מצרים, און אויסגעלייזט געוואָרן אין אַן אופן פון „גוי מקרב גוי" בכדי זיי זאָלן דערנאָך צוקומען צום ענד־ציל: נאָך וואַרטן און ציילן זיבן וואָכן זיינען זיי געקומען צום באַרג סיני און האָבן דאָרט מקבל געווען די לוחות ראשונות. צו קבלת התורה האָבן אידן זוכה געווען נאָך דעם „משכני אחריך נרוצה" צוליב לכתך אחרי במדבר — דער אויבערשטער האָט אונז דאַן צוגעצויגן צו זיך, זיינען מיר אים נאָכגעגאַנגען אין מדבר. ס׳איז געווען די מעכטיקע התעוררות פון הימל ביי יציאת מצרים וואָס האָט דערהויבן די אידן, זיי געגעבן דעם זכות צו מקבל זיין די תורה. אַנדערש איז אָבער דער פּאַראַלעלער גאַנג און צוגאַנג וואָס האָט געפירט צו די לוחות שניות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן חודש תשרי: אין די טעג פון ראש השנה און יום כפור ווערן אידן געמשפּט צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט; דעמאָלט דאַרפן זיך אידן אַרויסהויבן פון דער געמשפּט׳ער וועלט, דורך תשובה און מעשים טובים, און דער אויבערשטער איז דאַן בוחר זיין געליבט פאָלק און זיי געווינען דעם משפּט. עס איז טאַקע די צייט פון „וכל באי עולם יעברון לפניך", אויך אידן, אָבער מיר ווייזן פאָראויס אַז אונז, דעם פאָלק ישראל, וועט דער רבש"ע ווידער אויסוויילן, ווי דעם עם הנבחר, דאָס אויסגעוויילטע פאָלק. און אַזוי יעדעס יאָר און יאָר. און דעריבער איז עס פאַר אונז אַ זמן פון יום טוב. אָבער מיר געפינען זיך דאָך צווישן די אומות העולם, מוזן מיר דעריבער איינהילן אָט די יום־טוב׳דיקייט אין די שלייערן פון ימים־נוראים, בכדי זיך אויסצוהיטן פון קטרוגים.

נאָר דאָס מאָל קומט דער „לכתך אחרי" צום טיפן אויסדרוק ניט אין די זיבן וואָכן, נאָר אין די זיבן טעג פון סוכות בשעת מיר זיינען „תחת צלא דמיהמונתא — אונטערן שוץ פון ליכטיקער אמונת השם — און ווייזן אונזער טאָטאַלע אונטערוואָרפנקייט צו דעם רבש"ע אַליין. אין די זיבן טעג פון סוכות, ווען מיר זיינען מקריב די ע׳ פרים קעגן די זיבעציק אומות, דערשיינען מיר ווי דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון השי"ת, ווי דאָס ווערט באַוויזן דורך די ד׳ מינים, אַז מיר האָבן מנצח געווען, לויט דעם אויסדרוק פון חז"ל; אַ פאָלק וואָס גרייט זיך דורך „הביאני המלך חדריו" צו זוכה זיין אין שמיני עצרת צום „נגילה ונשמחה בך" — וואָס „בך" זיינען די כ"ב אותיות פון תורה — דורך וועלכע מיר קענען מקיים זיין דעם „ודבקת בו" און וואָס דערגרייכט דעם פייערלעכן הויכפּונקט אין שמיני עצרת און שמחת תורה. אין די צוויי און צוואַנציק טעג פון ראש השנה ביז צום שמיני עצרת זעען מיר נאָך אויס כלפי חוץ ווי אַ חלק פון דער גאַנצער וועלט און דאָס הייליקע אייגנאַרטיקייט פון דעם איד איז „בכסה". נאָר ווען מיר דערגרייכן צו „והיית אך שמח", זיינען מיר דורך דער תורה אין דער פולער אָפנקייט פאַראייניקט מיט דעם רבש"ע אַליין. אין שמיני עצרת זאָגט דער אויבערשטער צו אידן: „עשו לי סעודה קטנה ואני ואתם וכו׳" — נאָר צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן אַליין. און דערגרייכט האָבן מיר דעם ציל דורך „סוכה", ווען דער איד איז אָפּגעזונדערט פון וועלט און איז „עם לבדד ישכון". אין זיין „לך לך מארצך" — זיין אַוועקגיין פון אייגענעם הויז און זיך באַזעצן אין סוכה — קומט צום אויסדרוק דער

צוא לעד־וואוו

● צ. מ. שטיינמעץ

דיין באַהאַלטנקייט
שרייט אַראָפּ
פון אַלע ווענט.
דער מאָרגנשטראַל
זוכט דיין געשטאַלט.
דיר זינגט אַ ליד
דער אַוונט־ווינט.

אויף דיין טריט
וואָרט דער וועג —
ביימער בויגן זיך
איבער דיין שטעג.
די פּרוכט ציטערט
צו דיין באַריר.
יעדע בלום איז
פון דיין לעבן
באַטוי'ט.

וואָס איז שיינקייט
אָן דיין אויג?
וואָס איז טרויער
אָן דיין טרער?
וואָס איז פרייד
אָן דיין געזאַנג?
וואָס וועט
די וועלט זיין
אָן דיר?

„לכתך אחרי במדבר", און דווקא דעמאָלט קען ער ברענגען אַ כּפרה אויף פאַר די אומות העולם.

חודש ניסן שטעלט מיט זיך פאַר יענעם אייגנאַרטיקן גאַנג פון אידישער געשיכטע ווען די גאולה פון כלל ישראל איז קלאָר און דייטלעך, אַזוי אַז „שמעו עמים ירגזון וגו'". דאַן זעט די גאַנצע וועלט די באַזונדערע השגחה און הנהגה פון השי"ת אין באַצוג צום עם סגולה, דעם כלל ישראל. דאָס איז אפשר דער באַדייט פון „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל". דאַן זיינען מיר זוכה צו די לוחות ראשונות, וואָס זיינען געגעבן מיט קולות וברקים ביום מעמד הר סיני. אָבער בשעת מיר זיינען נאָך ניט זוכה צו דער גאולה העתידה פון „יכירו וידעו כל יושבי תבל", לעבן מיר מיט דעם קאַלענדאַר פון די לוחות האחרונות וואָס זיינען געגעבן בצינעה. אונזער תשרי־וועג איז „בכסה"; עס איז אפשר באַהאַלטן פאַר אַנדערע דאָס קלאָרע בוחר זיין אין עם ישראל, אָבער פאַר אונז זיינען אויך די ימי הדין — ימים טובים. מיר פייערן די ימים טובים וויסנדיק אַז דורך דער תורה זיינען מיר זוכה צו אונזער ציל פון גילה ושמחה בך אין שמיני עצרת — דער קולמינאַציע־פּונקט פון חודש תשרי.

א געשעעניש צום געדענקען, לערנען און ציען מסקנות

• ד״ר הלל זיידמאַן

דאָס געשעעניש איז דער אורטייל פונעם העכסטן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן (סופרים־קאָורט) פונעם 18־טן יוני, 1968, לויט וועלכן דאָס צוטיילן מצד דער רעגירונג פון לערנביכער פון וועלטלעכע לימודים פאַר תלמידים פון רעליגיעזע שולעס איז אין הסכם מיט דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע. ממילא איז אויך ענלעכע אַנדערע רעגירונגס־הילף פאַר ישיבות און אַנדערע רעליגיעזע שולעס נישט קעגן דער קאָנסטיטוציע.

דאַרף מען ג ע ד ע נ ק ע ן נישט בלויז דעם היסטאָרישן אורטייל, נאָר אויך דאָס וואָס האָט געפירט דערצו. און מ׳טאָר בפירוש נישט פאַרגעסן, אָדער מאַכן פאַרגעסן, בשכחה מדעת ובכוונה, ו ו ע ר ס׳האָט דערפירט דערצו; ווער ס׳איז געווען דער סאַמע ערשטער, און דער שטענדיקער און קאָנסעקווענטסטער קעמפער פאַר רעגירונגס־הילף פאַר ישיבות, ביז היינטיקן טאָג.

דער חוב דאָס צו געדענקען איז נישט בלויז מחמת הכרת טובה, אָדער פאַרקערט, חלילה, כפיית טובה. וואָרום ווי קען דאָס זיין שייך ביי כ״ק האדמו״ר מליובאַוויטש, שליט״א, וואָס ווידמעט זיין לעבן פאַר חינוך; און ממילא קען איין פּרט, ווי וויכטיק ער זאָל נישט זיין, נישט זיין קיין גורם צו דאַנקבאַרקייט.

דער מוסר השכל וואָס איז מחייב צו מעשים

דאָס געדענקען איז אָבער נויטיק, כדי צו לערנען פון אָט דעם נחשון־שפּרונג, און פון די וויטערדיקע השתלשלות׳ן, וועלכע אַנטהאַלטן אַ מוסר השכל למעשה און פון וועלכע מ׳דאַרף ציען מסקנות.

לאָמיר־זשע דערמאָנען די פאַקטן.

נאָך אין תשי״ד האָט כ״ק האדמו״ר מליובאַוויטש, שליט״א, פאַרלאַנגט פון פאַרשיידענע עסקנים און מחנכים צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען צו באַקומען פעדעראַלע און סטעיט־הילף פאַר וועלטלעכע לימודים אין ישיבות. ביי יעדן צונויפטרעף מיט רעגירונגס־פירער, — בפרט מיט קאַנדידאַטן פאַר וואַלן, — האָט דער רבי אַרויסגעבראַכט אָט די פאָדערונג. און אַזוי בנוגע אידישע עסקנים.

דערין איז געווען אַ חידוש און אַ געוואַגטקייט. וואָרום ס׳האָט געהערשט, אַפילו צווישן רעליגיעזע אידן, אַ טעות׳דיקע מיינונג, אַז נישט בלויז מ׳טאָר זיך נישט באַמיען וועגן אָט דעם סאָרט שטיצע, נאָר מ׳טאָר זי אויך נישט אָננעמען, אַפילו ווען די רעגירונג זאָל זי פאָרלייגן.

דער הויפּט־אַרגומענט פון די קעגנער איז געווען, אַז אַזאַ הילף איז קעגן דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, ווייל ס׳ברעכט דורך די וואַנט פון „סעפּאַראַציע צווישן שטאַט און קירכע״. אויך פיל אָרטאָדאָקסישע עסקנים זיינען געווען קעגן, מיט אָט־דער טענה.

אַנדערע רעליגיעזע עסקנים האָבן דערצו בייגעטראָגן אַ חשש, אַז די רעגירונג וועט זיך אויך אַריינמישן אין די לימודי קודש, וואָס ווי מיר ווייסן, קומט עס לגמרי נישט אין באַטראַכט.

בעת די שונאים פון ישיבות פון תמיד אָן זיינען אַרויס מיט אַן אָפּענסיווע קעגן אָט דער הילף, מיטן אויסרייד, אַז זיי „שעצן די קאָנסטיטוציע״, זיינען אויך רעליגיעזע עסקנים און אָרגאַניזאַציעס מיטגעשוואומען מיטן שטראָם, כדי צו באַווייזן זייער „עכטן אַמעריקאַניזם״ אין קעגנזאַץ צו די „בייער־אַריבערגעקומענע...״ זיי זיינען געווען אָדער קעגן אָדער פּאַסיוו.

דעם רבי׳נס, שליט״א, דערקלערונג באַשטעטיקט פון סופרים קאָורט

כדי צו באַזייטיקן די צעמישעניש און פאַלשע טענות איז דער ליובאַוויטשער רבי

אַרויסגעקומען מיט אַן אייגנאַרטיקן בירור, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט קלאָרקייט אין דעם ענין, און — צעשמעטערט מיט אײַזערנער לאָגיק פון דעת תורה אַלע קעגנערישע טענות, סיי די בשוגג און סיי די בזדון.

נאָך אין תשי"ח האָט דער רבי פאַרעפנטלעכט אויף ענגליש אַ „דערקלערונג וועגן פעדעראַלער הילף פאַר רעליגיעזע שולעס", אין וועלכער ער האָט אָפּגעשלאָגן אויך די טענות פון „ברעכן די קאָנסטיטוציע".

מיר דערמאָנען דווקא די דערקלערונג ווייל, ערשטנס, דאָס ווייזט, אַז נאָך מיט צען יאָר צוריק האָט דער רבי געלאָזט הערן אַ געוואָגטע דעמאָלט דעה, וואָס היינט זיינען אַלע רעליגיעזע אידן מודה אין איר; צווייטנס, ווען איר פאַרגלייכט די מאָטיוון פונעם אורטייל פון העכסטן געריכט (פון 19־טן יוני) מיטן רבי'נס דערקלערונג, זעט מען אַן אויפפאַלנדיקע ענלעכקייט צווישן זיי ביידע.

שבת, מברכים החודש תמוז, תשכ"א, האָט דער רבי ברייטער אַרומגערעדט דעם ענין ביים פאַרברענגען, און גאַר שאַרף געטאַדלט די קעגנער, אַנרופנדיק זיי „מהרסים ומחריבים", וואָס גייען „מבטל זיין תלמוד תורה פון תינוקות של בית רבן, ח"ו".

לאָגיק פון דעת־תורה צעשמעטערט קעגן־טענות

אין דאָזיקן שמועס האָט דער רבי געזאָגט צווישן אַנדערן:

„מ'זאָגט, אַז די רעגירונגס־הילף איז קעגן דער קאָנסטיטוציע. דאָס איז זייער משונה'דיק, ווייל אַפילו די וואָס האַלטן, אַז די קאָנסטיטוציע איז דוחה ר"ל תלמוד תורה פון תינוקות של בית רבן, און מ'דאַרף זיך נישט באַמיען אַריינצוברענגען אַן אַמענדמענט, וועלן דאָך זיכער מודה זיין, אַז אויב די רעגירונג איז מסכים צו דער דאָזיקער שטיצע קען זי דאָך די קאָנסטיטוציע און זעט נישט קיין סתירה צו איר. דאַרפן מיר לערנען דעם סופרים קאָורט הלכות קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן?"

דער שרייבער פון די שורות האָט איבערגע'חזר'ט דעם רבי'נס ווערטער פאַר דעם געוועזענעם סעקרעטערי פון געזונטהייט, דערציאונג און וואוילזיין, דזשאָן וו. גאַרדנער, בעת ער איז נאָך געווען אויף זיין אַמט. און מר. גאַרדנערס ענטפער איז געווען: „בעת די רעגירונג האָט צוגעגרייט דעם 'אַקט פון עלעמענטאַרע און מיטלשול הילף 1965', האָבן מיר זיך באַראַטן מיט נישט ווייניקער לאָיערס ווי דערציער".

נאָך דעם ווי דער רבי באַווייזט אין דער דערמאָנטער שיחה די אומלאָגישקייט און אומערלעכקייט פון די קעגנער, און די ריכטיקייט פון די אַנהענגער פון פעדעראַלער, סטייט און שטאַט הילף פאַר ישיבות, פירט אויס דער רבי:

אַן הצלה־ענין

„יעדער וואָס ווירקט קעגן דער דאָזיקער שטיצע, טוט, מיט אָדער אָן כוונה, צו פאַרמיידן תורת ה' פון פיל אידישע קינדער, און פאַר די דאָזיקע קינדער איז דאָך נישט קיין נפקא־מינה וואָס די כוונה פונעם קעגנער, וד"ל.

„ס'איז אַ פליכט, — און מ'דאַרף אויפברענגען אַלע השתדלות'ן, — כדי צו שטאַרקן די ישיבות און תלמוד תורה'ס און מציל זיין פיל אידישע נפשות. והמקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא".

דער ענין פון פעדעראַלע הילף פאַר ישיבות איז, ווי מ'זעט, פאַרן רבי'ן אַן הצלה ענין. דעריבער האָט דער רבי אַנפאַרטרויט דאָס טאָן וועגן דעם צו איינעם, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מסירת נפש פאַר הצלה, בפרט פון אידישע קינדער, אין דער אומקום־תקופה אין אייראָפּע.

ניט וועגן אַלע השתדלות'ן, ביי רעגירונגשטעלן צי ביי אידישע פירער און אָרגאַניזאַציעס, קען מען דאָ דערציילן. אָבער איין פאַקט, איינער פון אַ סך, מעג דאָ דערמאָנט ווערן אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער ענין.

פיל ריידערס און איין שווייגער...

אין תשי"ט האָט דער שרייבער פון די שורות זיך באַטייליקט אין אַ דעבאַטע איינגעאָרדנט דורך דער „יוניאָן אָוו אָרטאָדאָקס קאָנגרעגעישאָנס" פאַר פיל אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועגן פעדעראַלער הילף פאַר ישיבות. צווישן אַלע רעדנער, פאַר און קעגן, איז געווען איינער אַ — שווייגער. אָבער דער „שווייגער" האָט פריער, און דערנאָך, חדשים־לאַנג געאַרבעט, שטיל, אין הצנע לכת, מיט פאַרשידענע פירער, אידן און נישט־אידן, לטובת דעם ענין. ער האָט עס געטאָן מיטן ברען וואָס ער האָט געהאַט פריער אַרויסגעוויזן ביי הצלה פון אידישע קינדער אין אייראָפּע.

זיין נאָמען: ר' יעקב גריפעל, ז"ל. ער איז געווען דער שטילער, טרייער, שליח פונעם ליובאַוויטשער רבי'ן, שליט"א.

ער איז געווען נישט דער איינציקער שליח פונעם רבי'ן, און נישט דער איינציקער הצנע־לכת'דיקער, וואָס האָט זיך אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויפן ענין און אויסגעמיטן פובליסיטי, — קיין וואָרט איז נישט געווען אין קיין צייטונג, — ביז היינטיקן טאָג! (שאין הקול יפה — לענין...), ווייל גערויש שעדיקט צום ענין, כידוע.

(פאָרזעצונג אויף זייט יז)



● דוד זאַריצקי

אין דעם מאָמענט האָט ער ניט געוואוסט צי דער מויער האָט אַ שמייכל געטאָן אָדער געגעבן אַ פריילעכן געשריי. ביז דעם מאָמענט האָט ער נאָך דעם מויער ניט געזען, אפשר אַמאָל דורך אַ לאָך אין דער גרויסער וואַנט פון צעמענט, וואָס די אידן האָבן אויפגעשטעלט כדי צו פאַרשטעלן דורכגייער פון אַראַבישע קוילן. מיט איין אויג האָט ער געקענט אַ בליק טאָן. טאָ וואָס האָט מען שוין געקענט זען? — שטיינערנע זיגזאַגן, אויסגעטריקנטע, בענקענדיקע. עטליכע הונדערט מעטער הינטער זיי האָט געשטעקט אין הימל אַריין דער כותל המערבי. ער איז נאָך געווען צו־יונג כדי אים צו זען. נאָר אויף בילדער, פון דערציילונגען פון ירושלימער אידן, פון בענקענדיקע בליקן, פון אַ טרויעריקער טרער האָט ער אים אַרויסגעלערנט.

און איצט איז ער געלאָפן פאָראויס און דער מויער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין פנים אַריין, ווי עפּעס ריזיקס, שרייענדיקס. אויפצאַפּלענדיקע געשרייען האָבן אים געיאָגט. דאָ האָט קיינער ניט געקרעכצט — עס איז ניט געווען קיין צייט צו קרעכצן. עס האָט אים געדוכט, נאָר זייער אַ קורצע ווײַלע, אַז דער מויער זאָפט איין מיטאַמאָל אַלדאָס געקרעכץ, אַלדאָס געשריי. נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַן אימהדיק געשריי צווישן דעם געקלאַפּ פון מאַשין־געווערן, שנעלע „עוזי׳ס" און פייפנדיקע שראַפּנעלן. דאָס איז געווען אַן איין־און־איינציק געשריי, דאָס ערשטע און דאָס לעצטע. אָבער דער מויער האָט אַריינגעזויגן אין זיך אַלעמען; זיי זיינען געפלויגן צו אים ניט נאָר לויט דער קאָמאַנדע: „קדימה, אחרי" (פאָראויס, נאָך מיר)! נאָר עמעצער, אַן אומבאַקאַנטער ריזן־כוח האָט זיי געשלעפּט פאָראויס, אָפן פאַר די קוילן, מיט צעבראַשטשעטע העמדער, די רויטע בערעטן גלאַנצן אין דער זון, און דער פייער איז געפלויגן אַרום זיי. האָט עמעצן אַ ברי געטאָן — און יענער האָט געגעבן אַ געשריי. מען האָט אים אויפגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגן. אָבער אַלע זיינען ווייטער געלאָפן, פאַלנדיק, שיסנדיק, דאַוונענדיק אָדער פאַרגעסנדיק אַז זיי לעבן נאָך, אַז די זיינען נאָך אַזוי יונג, אַז דאָרט אין אַ קעלער זיצט אַ מאַמע און זאָגט תהלים און דער טאַטע וויינט אַרויס זיינע לעצטע יאָרן, זיין ליבנדיקע בענקשאַפט.

און ער איז אויך געלאָפן.

און דאָס איז געשען נאָר אין איין מינוט. אפשר דאָס אויך ניט. אין דעם מאָמענט, וואָס ער האָט דערזען די וואַנט וואָס וויקלט

ארום ירושלים, האָט ער דערפילט אַז ער איז ניט עלנט און אַז הינטער דער וואַנט שפּרייטן זיך צו אים אויס מיליאָנען הענט, פאַרברענטע, אויסגעצויגענע פון דער תליה אַראָפּ, אָפּגעהאַקטע, פון וועלכע עס טריפט נאָך פרישע בלוט — און דאָס בלוט פון די שרייענדיקע בחורים וואָס גוסס'ן ביי זייער פיס מישט זיך צוזאַמען מיט יענע, צוויי־טויזנט־יעריקע קאַלוזשקעלעך און זיי פליסן אַרונטער צום כותל.

— צום כ־ו־ת־ל! — האָט געשריען אַ רייסנדיקע שטימע פון מיליאָנען. די גרויסע שטיינער פון דער וואַנט וועלכע האָט גע־שפּיגט מיט פייער. אָבער דער כותל איז אַזוי ווייט און דער פייער איז אַזוי גרויס — און ער לויפט נאָך אַלץ. אפשר צוויי טויזנט יאָר אַז ער לויפט דעם־אָ וועג און אפשר נאָר אַ קליינע מינוט, ווייל דאָ קען מען לויפן נאָר אַ מינוט און דאַן פאַלן אָדער זיך אָנשלאָגן אָן די שטיינער פון וואַנט און וויינען.

פאַרוואָס האָט ער זיך דערמאָנט גראָד אין דער קליינער מינוט אַז מען רופט אים צפני', דאָס ווייסן מיר ניט, ניט איצט און ניט שפּעטער ווען ער איז געלעגן פאַר אונז. אָבער ער האָט געחזרט פאַר זיך: „איך הייס צפני', אַ נאָמען פון אַ נביא. אויך ער איז דאָ אפשר געלאָפן אָדער געשטאַנען און גערעדט צו מיליאָנען וועלטן, און קיין וועלט האָט אים ניט פאַרשטאַנען נאָר די אידישע, די וואַנטיקע וועלט. נאָר די שטיינער האָבן געשמייכלט אָדער געשריגן, אָבער קיינמאָל ניט געשוויגן. — אוי, מאַמעלע — שרייט איינער אין דער לעצטער מינוט אידער די זון גייט פאַר אים אונטער. ער האָט שוין דעם אויסדרוק פאַרגעסן, ער געדענקט איר ניט. וואו האָט מען אים געפונען? ווייס ער ניט — מסתמא אין אַ קלויסטער אָדער אין גאַס אונטערגעוואָרפן — און ער איז דאָ אין לאַנד פון זינט ער געדענקט. ער איז איצט אַלט צוויי און צוואַנציק יאָר און ער הייסט צפני'. מער ווייס ער ניט אין דעם קליינעם מאָמענט. דאָס פאַרנעמט זיין גאַנצן „איך". ער לויפט צווישן די הונדערטער־טויזנטער קוילן וואָס יאָגן אים נאָך; ער לויפט צו דער וואַנט, ווייל זי איז זיין איינציקער קרוב, זי געדענקט אים נאָך פון צפני'ס צייטן. ער האָט נאָך צו לויפן אפשר צען טריט ביז ער וועט דערגרייכן דעם שכמ'ער טויער און דאַן וועלן זיי פאַרפלייצן די שמאָלע געסלעך און צוקומען צום כותל.

און דאַן —

די וואַנט האָט אַ גוואַלדיקן געשריי געטאָן. ער האָט נאָר געהערט דעם אָנהויב, אַ מין געוואוי, אַ בליצעניש האָט אים פאַרדעקט. דו הייסט צפני' — האָט אים אַ שטים אַריינ־געהיצט אין צעברעקלטן געזיכט — פאַרגעס ניט וואו דו גייסט! זאָלסטו זאָגן, אַז דו הייסט צפני'. ניט באַגוסלאַוו און ניט יעזשי, נאָר צפני'. אַזוי האָט מען דיר אַ נאָמען געגעבן שוין נאָכדעם ווי דו ביזט געווען פינף יאָר. אַ נאָמען באַדייט: אַ מענטש! אַ נאָמען טייטשט אויס אַ מענטש. די וואַנט האָט איצט אים אַרומגעוויקלט, געדריקט אים צו דער ערד. ער האָט נאָך געפילט ווי מען הייבט אים אויף. די וואַנט האָט אים גאָרניט געלאָזט קוקן. ער האָט געפּרוּווט מיט די הענט אָנכאַפּן זיין געזיכט, אָבער זיי האָבן זיך ניט געהויבן. אים האָט געשווינדלט. ער האָט געוואָלט דערציילן, אַז ער האָט גאָרניט, האָט קיינמאָל גאָרניט געהאַט, נאָר דעם נייעם נאָמען וואָס עמעצער האָט אים געגעבן. ווער? דאָס קען שוין דער צעבלוטיקטער מוח ניט געדענקען, אַ שטיק מוח איז איצט געווען אָפּגעריסן. און נאָר געקוקט האָט ער מיט די צעפּיצלטע אויגן אויף דער וואַנט, וואָס האָט אַלץ מער און מער איינגעשלונגען אידישע בחורים, יונגע, וואָס טראָגן אין זייערע צוואַנציק יאָר דאָס געדעכעניש פון טויזנטער יאָרן, וואָס שטאַרבן דאָ אַזוי שנעל, ווי שנעל זיי האָבן געלעבט, און שלעפּן מיט זיך אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן דאָס צעבליטע בענקעניש פון אַ פאָלק.

מען האָט אים געטראָגן שנעל צום אַמבו־לאַנס. די שיסעריי, דאָס קנאַלן פון די האַר־מאַטן, דאָס אויפרייסן פון די באָמבעס אַרום, האָט ניט געלאָזט הערן זיי שושקעריי. ער האָט איצט געהאַט אַזויפיל צו דערציילן אַלעמען וועגן זיך, וואָס ער האָט ניט געהאַט פאַר זיינע גאַנצע צוויי און צוואַנציק יאָר. גראָד איצט האָט ער אָנגעהויבן פילן אַז ער איז ניט עלנט, אַז מען טראָגט אים, אַז די וואַנט האָט אים גערופן און געשמייכלט מאַמיש.

אָבער זיין מוח איז צעלעכערט, צעדריבלט, דער מאַרך גליווערט אין שאַרבן. רחמנות'־דיקע הענט האָבן געהאַלטן דעם צעפּלאַצטן קאָפּ, ניט געלאָזט דאָס לעבן אַרויסרינען. אָבער דאָס לעבן גייט אַריין דורך פאַרהוילענע וועגן און גייט אַרויס דורך פאַרהוילענע וועגן. מיר זעען זיך ניט אויפלעבנדיק און זעען זיך ניט שטאַרבנדיק.

אַזוי איז ער געלעגן און געשוויגן אין אַמבולאַנס. און ווען די פאַרבלוטיקטע ליפּן האָבן זיך געעפנט עפּעס צו שושקען, האָבן די סאַניטאַרן ניט געהערט — זויט־מיד. פאַרבלוטיקט, פאַרוואונדעט, פול מיט טויט אין יעדן אבר, זיינען זיי געווען צופיל באַטויבט כדי צו הערן וואָס דער יונגער סאָלדאַט דערציילט.

אָבער ער האָט ניט געקענט אַ סך דערציילן, נאָר דאָס איינציקע אַז מען רופט אים צפני'. אפשר האָבן מאַנכע אים גערופן ווי אין

פאַספאָרט איז פאַרשריבן: יוזשעק, אָבער דאָס איז ניט ריכטיק, ער הייסט צפני׳.

אפשר האָבן זיך די ליפּן מער באַוועגט, אפשר האָט נאָך דער מוח געקענט עפּעס אַרויסריידן, מער דערציילן אין די לעצטע מינוטן; אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַ פאַרגעסענעם שמיכל, אַ קנייטש פון אַ גלעט וואָס איז געבליבן פאַרבאָרגן אונטער אַלע מענטשלעכע הויטן; אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אַ נאָמען, אַ געזיכט, אַ הויז, אַ בליץ פון אידישן פענסטער; אפשר האָט ער געהערט אַ שאָס, ניט אַן איצטיקן, נאָר אַן אַמאָליקן, און נאָכן שאָס איז געוואָרן שטיל אַרום אים. אָבער דאָס האָט קיינער איצט ניט געהערט. ניט דער סאַניטאַר און ניט זיינע צוויי חברים וואָס זיינען מאָמענטאַל איינגעדרימלט געוואָרן ווען זייער קערפּער האָט דערפילט אונטער זיך אַן עפּעס־וואָס.

דער אַמבולאַנס איז געלאָפן אויף די ליידיקע גאַסן פון דער באַשאָסענער ירושלים, געלאָפן צווישן מלאך־המוות׳דיקע פינגער, אויסגעמיטן שטיקער אָפּגעפאַלענע הייזער. אַלץ איז געווען אַזוי ירושלים׳דיק שטיל צווישן איין באָמבע און דער צווייטער. דורך די פאַרהאַקטע פענסטער, דורך לעכער און שפּאַלטן צווישן זאַמד־זעק האָבן אויסגעווייניטע אויגן געקוקט אויפן לויפנדיקן אַמבולאַנס:

— נאָך איינער, נאָך איינער, רבונו של עולם, נאָך איינער!

דאַרף מען מערער זאָגן תהלים, אויסגעפינען אַ טיפערע טרער.

אינעם גרויסן צימער פון שפּיטאָל האָט מען אים רואיק אַרויסגענומען, רואיק אַריבערגעטראָגן אויף אַ בעט, מידע הענט האָבן אים געפּרואווט אַ גלעט טאָן. אָבער ער האָט ניט געפילט קיין גלעט און קיין ווייטיק, ער איז געלעגן מיט אַ צעשפּליטערטן געזיכט. דער מוח האָט נאָך אַלץ געשפּריצט מיט ווייס־בלוטיקן מוח, ער איז נאָך געווען אַזוי יונג און דער לעבן האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַוועקגיין.

די שוועסטער האָט געזוכט ביי אים אין די קליידער. זי האָט אים אָפּגעוואַשן דעם פּנים און דערזען אַ בלאָנדן צוויי טאָגיקן אָנגעוויקס. די אויגן האָט זי שוין ניט געזען, צווישן די אויגן און די ליפּן איז כמעט גאָר קיין מענטשלעכס ניט געבליבן. אָבער די ליפּן אַליין, שמאָלע ליפּן, האָבן נאָך אַלץ געשעפּטשעט. די שוועסטער האָט זיך אַרונטערגעבויגן, אָבער זי האָט גאָרניט געהערט. דער צימער איז שטענדיק פול געווען מיט שעפּטשעריי, מענטשן האָבן דאָ צוריק אויפגעלעבט, אָדער געענדיקט זייער לעבן. אַלץ איז דאָ געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז ניט די לעבן־געבליבענע און ניט די שטאַרבנדיקע האָבן עס געפילט. מען איז צעשוואומען אין נאַרקאָזע, מען האָט פלוצלונג דערפילט אַז מען איז דאָ, אַז עס טוט ווי, אָדער מען האָט אויפגעהערט צו פילן און אויסגעשטרעקט אָפּגעהאַקטע הענט צו דער ליידיקייט און פאַרזונקען אין איר. ווי האָט די שוועסטער געקענט הערן וואָס עס שושקעט איינער אַ שווער־פאַרוואונדעטער, אַ גוסס׳ער, אַז אַרום האָט מען געגוסס׳ט, געשושקעט, געשלוכצט, געבעטן — נאָר ניט געוויינט. ניין, די אידישע בחורים האָבן ניט געוויינט, ניט געשריען, ניט געשאָלטן, נאָר מאַנכע האָבן עפּעס דערציילט — דער מאַמען, דער שוועסטער, דער פרוי אָדער דער כלה. מאַנכע האָבן שוין ניט געקענט דערציילן, זיינען זיי געלעגן מיט אָפענע ליפּן און דער הויך פון די רייד האָט געפלאָסן, אָבער קיינער האָט עס ניט געהערט.

ווי ביי צפני׳.

אָבער די שוועסטער האָט ווייזט אויס אַ טעות געהאַט. זי האָט אונז צוגערופן, אונז, סתם אידן, וואָס זיינען געקומען העלפן. — דאָ, זאָגט זי — שטייט דאָ, עס איז ניטאָ וואָס צו העלפן אים. אַ שפּריץ האָב איך שוין געמאַכט, באַלד וועט קומען איינער פון די דאָקטוירים וועט ער פעסטשטעלן... זי האָט ניט געזאָגט וואָס, אָבער מיר האָבן געוואוסט וואָס זי מיינט. ניין, די שוועסטער האָט ניט געהאַט קיין שום אויסדרוק אין פּנים, זי האָט פּשוט גערעדט זאַכלעך, אויטאָמאַטיש. זי איז שוין מסתמא 36 אָדער 48 שעה אויף די פיס און זי קען שוין ניט וויינען און ניט לאַכן. זי קען נאָר אונז זאָגן דאָס וואָס זי האָט געזאָגט.

ערשט דאַן האָב איך באַמערקט אַז דער גוסס׳ער שעפּטשעט עפּעס, די ליפּן זיינען איצט געווען גאַנץ ריין, נאָר אַ ריטשעקלע בלוט האָט זיך געצויגן פונעם ווינקל ביז אונטן אין האַלדז אַריין. איך האָב אים אָפּגעווווישט דאָס בלוט, און ער האָט ניט אויפגעהערט צו באַוועגן די ליפּן.

איך האָב צוגעלייגט די אויערן איינמאָל, נאָכאַמאָל, ביז איך האָב דערהערט:

— ניק, נ־יי־ט, נ־יי־ט י־ו־ז־ש־ע־ק, איך, א־יי־ך ה־יי־ס צפ־צפ־צ־פ־נ־י׳ ניט אַ־נ־ד־ע־ר־ש, נ־יי־ט...

* * *

אין זיינע פּאַפּירן איז ער געווען פאַרשריבן יעזשי סטרומסקי. געבוירן אין פוילן. יאָר פון געבורט (וואַרשיינלעך — 1944).

אָבער אויף זיין קבר האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ קליינעם ווייסן שטיין מיט נאָר עטלעכע ווערטער:

פּ. נ. החייל היהודי צפני׳. געבוירן (וואַרשיינלעך) 1944, געפאַלן ביים מויער פון ירושלים כ״ח אייר תשכ״ז.

און מער גאָרניט.

ר׳ משה קאַראַלעוויצער ע״ה

● אַ. קאַראַלעוויצער

ר׳ משה „קאַראַלעוויצער״ ע״ה איז געווען איינער פון די ליכטיקע און גרויסע אידן, וועמעס גאַנץ לעבן איז געווען איינגאַנצן איינגעוויקלט אין מסירת נפש פאַר תורה, אידישקייט און חסידות — אָן קיין שום מליצה און גוזמא. אין דער תקופה פון זיין קורץ לעבן אויף דער וועלט איז ער געווען כולו פאַרבונדן מיט דער געהיימער ישיבה אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אינגלווייז איז ער געווען פון די בעסטע, איידלסטע ישיבה־בחורים אין דער ישיבה, ווען ער האָט צווישן די וואַנדערונגען זיך אָנגעזאַפּט אַ פולן מוח מיט גמרא און פוסקים, און אַ פול האַרץ מיט חסידישע געפילן און חב״ד־שטאָלץ; שפּעטער, בחורווייז, איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די געציילטע „עמודי התווך״, פון די אומבויגזאַמע „שטאָלענע״ זיילן, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן און אויסגעטראָגן די ישיבה דורך די גרויזאַמסטע שווידערלעכע שטורעם־יאָרן, ווען די ישיבה האָט, ווי אַ קליין שיפעלע, זיך איינינקע אַליין געראַנגלט מיט פאַרניכטנדיקע ריזיקע כוואַליעס פון אומפאַרשטענדלעכער רציחה; ווען די ישיבה־מענטשן זיינען געווען נאָכגעיאָגט פון ריזיקע צאָלן אָפענע פאַרפאָלגער און גאַנצע חיילות פון פאַרמאַסקירטע רויט־בלוטיקע נאָכשפּירער. ער איז געווען פון די „קאַפּיטאַנען״ פון אָט־דעם שיפל — און ווי אַ געטרייער קאַפּיטאַן האָט ער ניט אָפּגעלאָזן דעם רודער פון האַנט, און ער האָט מיט זיין לייב־און־לעבן געשיצט די תלמידימלעך זיינע, ווען די געפערלעכע כוואַליעס האָבן צעכרושטשעט דאָס שיפל און די רויטע „שאַקאַלן״ האָבן שוין געהאַלטן די יונגינקע קרבנות צווישן זייערע ציין. און אויך שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, יונגערמאַנווייז, נאָך זיין ניצול ווערן ברחמי השי״ת פון זיין אַרעסט, איז ער ווידער אַריין אין דער ישיבה און ווידער האָט ער זיין איידעלן מוח, זיין געשמאַק האַרץ און זיין לעצט־פאַרבליבענעם ביסל פיזישן כוח אַוועקגעגעבן פאַר זיין טיף־דורכגעליבטער, טיף־דורכגעלעבטער ישיבה.

וואָלט געוויס געווען אַ חוב קדוש אָנצושרייבן לכל־הפחות אַ קורצע מאָנאָגראַפיע וועגן אָט־דעם זעלטענעם מסירת־נפש׳דיקן ר׳ משה. צום גרויסן כלל־ישראל ווייטיק געהערן אָבער נאָך אַלץ ר׳ משה וחבריו צו יענעם שרעקלעך־מאַרטירערישן קאַפּיטל, וואָס איז געבליבן פאַרהוילן אין די פאַרשלייערטע אוצרות פון דער מסירת־נפש׳דיקסטער עפּאָכע. אַזאַ רייכער און רומפולער קאַפּיטל! אַזויפיל שפּאַנענדיקע, גייסטיק־העלדישע גבורות — און אַ וועלט אַ ריזיקע האָט אַפילו ניט קיין אַנונג דערפון! דאָס מויל איז פאַרשטומט! און אפשר פעלט אונז שוין אויך דאָס געהעריקע אויסדרוק־קראַפט צו שילדערן אַפילו עטוואָס פון יענער תקופה?

נאָר ווי איינער פון ר׳ משה׳ס תלמידים (און זיינס אַ בן־עיר) וויל איך בלויז אָנוואַרפן אַ פּאָר זכרונות, שטריכן פון זיין לויטערער געשטאַלט, וואָס האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין געדעכעניש. דער אמת איז, אַז די צערודערנדיקע איבערלעבענישן האָבן צעריסן און צעפליקט אין זכרון דעם סדר און איינהייטלעכן פאַרלויף פון די אומגעוויינטלעכע געשעענישן אין יענעם לאַנד; און אַ סך איינצלהייטן זיינען געוואָרן פאַרשוווּנקט אין צעברויזטן גאַנג. און דאָך — ס׳איז שווער בייצוקומען דעם שטאַרקן דראַנג אַרויסצודערציילן, לכל־הפחות עטוואָס, וועגן יענער ליכטיקער פערזענלעכקייט, וואָס האָט אונז תלמידים געלערנט, געוואַרעמט און געמוטיקט אין יענער פינסטערער צייט.

ב.

ר׳ משה׳ס משפּחה־שטאַם איז געווען איינע פון די פּאָר געציילטע פרומע פאַמיליעס אין מיין געבוירן־שטעטל. אַלע פרומע אידן האָבן דאָרט געציטערט פאַר אַ זייטיק אויג, אָבער ר׳ משה׳ס פאָטער האָט זיך פשוט געוויקט אין אַ ים פון שרעק און מורא. און דאָך איז דאָס הויז פון ר׳ משה׳ס עלטערן געווען דער געהיימער פרומקייטס־צענטער, וואו דאָס ביסל שומרי שבת האָבן שבת און יום־טוב געשאַפן אַ מנין; דאָרט האָבן אַ שטיק צייט געפונען באַהעלטעניש אַ פּאָר אַנטלאָפענע ישיבה־בחורים; זייער שטוב איז געווען די סטאַנציע, וואו עס פלעגן אין שאָטן פון די נעכט פאַרפאָרן אידן מיט בערד, וואָס האָבן געמוזט מאַכן „ויברח״ פון זייערע וואוין־שטעט און געלאָפן זוכן נייע ווייטע מקומות; אין זייער הויף, אין אַ פאַרמאַסקירט ווינקל, האָבן די

פרומסטע שטעטל־תושבים אויפגעגראָבן און אויפגעבויט אַ... מקוה!

כ׳גערענק ניט ווען ר׳ משה איז אַוועק אין דער ישיבה, כ׳געדענק אָבער יאָ יענעם זומער ווען ר׳ משה איז געקומען אַהיים אויף אַ יום־טוב, אַרום די מיטן־דרייסיקער יאָרן. אַז משה׳לע דער ישיבה־בחור איז געקומען אַהיים, האָט אים זיין פאָטער כמעט ווי פאַרבאַהאַלטן אין שטוב — הינטער פאַרהאָנגענע פענסטער. ביי יעדן קלאַפּ אין טיר האָט דער אורח זיך געמוזט פאַרשטעקן אין זייטיקן שלאָפצימער. ווי אַ קליין אינגל, וואָס האָט געוואָלט וואָס שנעלער דערוואַקסן און פאָרן אין דער ישיבה, האָב איך זייער טיף איבערגעלעבט, ווען ס׳איז צו מיר דערגאַנגען די שטילע נייעס, אַז אין שטעטל געפינט זיך אַן אמת׳ער ישיבה־בחור. וועגן אַזעלכע זאַכן ווי „חדר" און ישיבה, האָב איך דאָך בלויז געהאַט אַ ווייטע פאַרנעפלטע פאָרשטעלונג; אַ וואונדערלעכע האַרץ־צאַפּלדיקע פאָרשטעלונג — אָבער אַזוי אומבאַקאַנט, געהיימניספול, ערגעץ אויף דער גרענעץ פון צויבער און פאַנטאַזיע. האָב איך געפיבערט צו גיין זען משה׳ן דעם ישיבה־בחור.

כ׳האָב אים געזען ערשט אויפן דריטן טאָג, שבת צו שלש־סעודות. און פון דאַן אָן איז אָט־דער משה געבליבן ביי מיר איינגעקאַרבט ווי אַ מוסטער־געשטאַלט פון אַ ישיבה־בחור. ר׳ משה׳ס פנים איז געווען קיילעכדיק, ברייטלעך, באַדעקט מיט אַ זיידיקער אידלקייט, צאַרטער בלייכקייט, לויטערקייט און שטילן חן. גרויסע טונקעלע אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט זייער סאַמעטענער גלעטנדיקייט און צוגעצויגן מיט זייער אָפּגלאַנץ. אַ ווייסער שטערן, מיט אויסגעלערנטע טיפע שלייפן און אַ זאַפּטיק אויסגעאיידלט מויל. די צעקרייזלטע פאות האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן מיטן רונדיקן טונקעלן בערדל, און זיי האָבן נאָך מער פאַרבלייכט דאָס אַרומגעראַמטע געזיכט.

אַ מנין פון די חסידישע בעלי־בתים זיינען געזעסן אַרום שלוש־סעודות טיש. מיין גאַנצע זיבן־אַכט־יאָריקע נייגעריקייט האָט נאָר זיך געדרייט אַרום דעם אורח. כ׳האָב נאָר געקוקט און געהיט זיין יעדן באַוועג — די הנהגה פון אַ ישיבה־בחור. אַפילו דער אויסערגעוויינלעכער טעם פון די קלייבינקע טונקעלע חלה׳לעך האָט מיך ניט געקענט אָפּציען פונעם גאַסט.

די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט אַלץ מער פאַרנעפלט די פנימער פון די אידן ביים טיש. אָט — און מ׳קען שוין קוים אונטערשיידן צווישן פנים און פנים — און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ר׳ משה׳ס פנים איז עפּעס פאָרט ליכטיקער פון אַלע, ווי דער אַנקומענדיקער חושך וואָלט קיין שליטה ניט געהאַט אויף זיין אויסגעאיידלטער ווייסקייט. ער האָט ביים טיש קיין וואָרט ניט געזאָגט, בעת אַלע מסובים האָבן זיך דורכגערעדט. אָבער שפּעטער זיינען אַלע געוואָרן שאַ־שטיל און ר׳ משה האָט אָנגעהויבן זאָגן אַ מאמר חסידות, די אויגן פאַרמאַכט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און זיך פּאַמעלעך געשאָקלט. וואָס ער האָט געזאָגט, האָב איך כלל ניט באַנומען, אָבער זיין קול איז געווען אַזוי דין און זאַפּטיק און האַרציק; די אַרויסגעזאָגטע ווערטער אַזוינע געשמאַקע — האָט עס אַזוי ווי הימלדיק און נאָגנדיק אָפּגעקלונגען אין דער טיפקייט פון שבת׳דיקן בין השמשות, ווי כ׳וואָלט ערגעץ הויך צווישן וואָלקנס געוואָרן פאַרטראָגן.

און מסתמא בין איך אַזוי איינגעוויגט געוואָרן אין אַ מין דרימל, ווייל פּלוצלונג האָבן ר׳ משה׳ס ווערטער מיך באַגאָסן מיט אַזאַ מין אָנגענעמקייט, אַזאַ ניט־באַגרייפלעכע זיסקייט אין אַלע אינעווייניקסטע קעמערלעך, וואָס קען קומען בלויז ווען מ׳דערשפּירט דעם אָטעם און דורכלעב פון אַ וואונדערלעך פאַנטאַסטישן חלום.

ג.

ר׳ משה איז קורץ דערנאָך צוריק אַוועק אין דער ישיבה. און ווידער שווימט פאַר מיר אויף אַ גרויסע איבערלעבונג, אַ האַלבוואַכע נאַכט מיט... ביטערע דמיונות. מיין טאַטע ז״ל האָט געבראַכט די טרויעריקע ידיעה (דוכט זיך, אַז ס׳איז געווען אַ יום־כיפּור נאַכט) אַז מ׳האָט ר׳ משה׳ן אַרעסטירט. ר׳ משה׳ן צוזאַמען מיט זיינע תלמידים.

ס׳איז דאַן געווען איינע פון די קריטישסטע צייטן פאַר דער ישיבה. די שפּיץ־פירערשאַפט אירע האָט די רויטע מאַכט פאַרשיקט; אַ צאָל טוער און עלטערע בחורים — פאַרזעצט; און אירע צעוואָרפענע געהיימע שטיבער — צעיאָגט און צעוואָגלט איבער דער פאַרשטיקט־ענגער ברייטקייט פון רוסלאַנד. צווישן די געציילטע עלטערע בחורים, וואָס האָבן מיט איבערנאַטירלעכע כוחות גענומען צוריק בויען ישיבה־ווינקלעך, אויף די מורא׳דיקע חורבות, איז געווען ר׳ משה. אַרום אים האָבן זיך אַרומגעזאַמלט אַ צוועלף פרומע אינגלעך פון פאַרשידענע שטעט, און זיי האָבן פאַרלייגט זייער תורה־נעסט אין דער אַמאָל־אידישער שטאָט ב. ער, ר׳ משה, איז דאָרט געווען זייער רבי, זייער חסידישער מנהל, זייער פאַרזאָרגער און זייער — טאַטע. ער האָט איבער זיי געוואַכט, געצאַפּלט מיט זיין גוטסקייט ווי אַ ציטערדיקע מאַמע. ער האָט זיי געזוכט צו באַשיצן פון אַ בייז אויג — אָבער דער נאָכשפּירנדיקער נ.ק.וו.ד.־אַפּאַראַט, מיט די טויזנטער מלאך־המות אויגן,

האָט זיי אויסגעגישטערט אין דער אַלטער שול פון שטאָט און ווידער האָט זיך איבער־געהאַקט איינע פון די רינגלעך אין דער לאַנגער קייט פון מסירת־נפש אין רוס־לאַנד.

ר' משה האָט אויך אין די אויספאָרשונג־קאַמערן פון נ.ק.וו.ד. געזוכט נאָר צו באַ־שיצן און ראַטעווען דעם צווייטן — ניט טראַכטנדיק וועגן זיך אַליין. ער האָט אָט־די גרויסע „שולד", פון אָרגאַניזירן אַזאַ „קאָנט־רעוואָלוציאָנערע" שולע, גענומען אײנגאַנצן אויף זיך: ער האָט די קינדער צונויפגע־זאַמלט אָן די דערלויבעניש פון זייערע טאַ־טעס (און דערמיט אַרויסגענומען די על־טערן פון מיטשולד אין דער קאָנספּיראַ־ציע); ער אַליין האָט זיי באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן צום לעבן (ווייל די אויס־פאָרשער האָבן נאָר ביי אים געוואָלט אַרויס־קריגן די נעמען פון די וואָס האָבן געשטיצט די ישיבה'לע); און ער אַליין האָט מיט די תלמידים געלערנט תורה.

די פּרשה פון יענעם אַרעסט איז גענוג שפּאַנענדיק, רייך אָנגעלאָדן מיט וואונדער־לעכע פּרטים, וואָס קענען אָנפילן אַ בוך אַ גאַנצן. און דערווייל טוט מען דאָס ניט. דעריבער ווילט זיך ניט אַפילו אַרויסדער־ציילן די הויכפּונקטן פון יענעם אַרעסט — ווייל דאָס וועט נאָר פאַרביליקן און אפשר אויך פעלשן דאָס דאָזיקע הערלעכע עפּאָ־פּייע פון מסירת־נפש און קדושה. אָבער וואָס עס האָט אַמשטאַרקסטן פאַרכאַפּט מיין אינגלשן געמיט, וואָס ס'האָט מיך צום טיפסטן גערעגט אין ר' משה'ס אַרעסט, איז געווען דער פאַקט, אַז דעם ערשטן פּסח אין טורמע האָט ר' משה אַריבערגעלעבט מיט בלויז אַנדערהאַלבן צענדליק שטיקע־לעך צוקער...

בדרך־וואונדער איז ר' משה'ס אַרעסט גע־ווען אויף אַ קורצן זמן — אַ פּאָר יאָר — אָבער פיזיש האָבן „זיי" אים דאָרט שטאַרק צעבראָכן. פאַרוואָס מ'האָט אַזאַ גרויסן „פאַרברעכער" אַזוי שנעל באַפרייט? אַפילו אויף אַזעלכע „פאַרוואָסן", צווישן טויזנטער אַנדערע, איז ניט שייך צו געפינען אַ לאָ־גישן ענטפער מצד יענער אוממענטשלעכער ממשלה.

(ווען מ'האָט ר' משה'ן, נאָכן אַרעסט, אַריבערגעפירט אין אַ גרעסערער שטאָט און געבראַכט פאַר אַ העכערן אויספאָרשער, האָט דער לעצטער באַטראַכט דעם נייעם „געפערלעכן" אַרעסטאַנט און זיך גע'חי־דוש'ט: ר' משה האָט געטראָגן אַ מאַנטל וואָס איז געווען היפש אַלט און צעדריבלט. אין יענע אומשטענדן איז ניט געווען שייך צו טראַכטן וועגן קויפן עפּעס אַ מענטש־לעכערן בגד. האָט ר' משה, דער אַקוראַ־טיסט, אין די שפּעטע נאַכט־שטונדן אַליין פאַרריכט דעם מאַנטל, פאַרצערעוועט און פאַרדעקט די לעכער מיט לאַטעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט מערקן. און ווען דער אויס־פאָרשער האָט דערזען אָט־דעם געלאַטעטן מלבוש, האָט ער אויסגערופן מיט איראָניע: מאָדנע, אַזאַ גרויסער „פאַרברעכער", וואָס פירט אָן אַזאַ גרויסע קאָנטרעוואָלוציאָנערע באַוועגונג — און גייט גאָר אָנגעטאָן ווי סתם אַ שלעפּער, אַ שלומפּער!... קען מען פאַרשטיין די לאָגיק פון יענע סדום־לייט? — אין דער צייט ווען זיי פלעגן כאַפּן אָן אַלטן האַלב־בלינדן מלמד, וואָס האָט געצי־טערט פאַרן שאָטן פון אַ מיליציאָנער — און אים באַשולדיקן אין וועלן אומוואַרפן דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן רעזשים מיטן „סטאַלינעם" בראש!).

ד.

און סוף־כל־סוף האָב איך אויך דער־לעבט דעם זכות צו זיין איינער פון זיינע תלמידים — שוין אין דעם וויטן אוזבעקן־לאַנד.

געווען איז עס אין די אָנהויב פערציקער אין מיטן פון דעם שוידערלעכסטן חורבן פון אַלע חורבנות. עס האָבן זיך דאַן צוזאַ־מענגעקליבן די שערבלעך פון די פיל מאָל צעבראָכענע שערבלעך; דאָס ביסל אַנטרונ־נענע פון דער „רויטער" שווערד, פון דעם דייטשן בלוט־מבול דערנאָך, וואָס האָבן „פאַרביסן" אין די נייע פּליטה־ערטער מיט גרויליקע יסורים פון הונגער און מגיפות. און דאַן — ווי נאָר דאָס הייפעלע פרומע אידן האָט דערפילט אַ פּויזע, אַן איבעררייס אין דעם האָגל פון טויט און פּיין, האָבן זיך אויסגעהונגערטע אינגלעך זיך ווידער גע־נומען טוליען צו די אַלטע, איינצלנע אָפּ־געראַטעוועטע חומשים, גמרות און תניא'ס. און ווידער איז ר' משה געזעסן מיט אַ כיתה תלמידימלעך און זיי געגלעט מיט זיינע וואַרעמע אויגן.

ר' משה'ס שטיבל האָט זיך געפונען אַראָפּ פון אַלט־שטאָט. די „כאַטקע" איז געווען עלטער, גרויער און נידעריקער ווי אַנדערע אַזעלכע ליימענע שטובן. נאָר ר' משה'ס לויטער פּנים האָט אין פינסטערן חדר'ל נאָך מער אַרויסגעהעלט. מיר, תלמידים, האָבן ניט געקוקט אַפילו אויף די ערדישע ווענט, ווייל ער האָט אונז צוגעצויגן. יאָ, ער האָט אונז צוגעצויגן. ניט בלויז מיט זיין לערנען, מיט זיין אויפקלערן אַ שטיקל גמרא — און געלערנט האָט ער אַזוי גע־שמאַק און זאַפטיק, גלייך ווי די שווערע סוגיא וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן דורך זיין מויל אין אַ געטראַנק מיט אַלערליי טעמים.

ער האָט אונז צוגעצויגן מיט זיין ליב־שאַפט וואָס האָט געשטראַמט פון זיינע וואַ־רעמע בליקן; מיט זיין צוגעלאָזנקייט, וואו

ס׳האָט זיך געשפּירט אַ פּאַטערלעכקייט —
און ווי שטאַרק דאָס האָט זיך דאַן גענוי־
טיקט ביי פיל פון זיינע תלמידים! ער איז
געווען קורצזיכטיק, ער פלעגט האַלטן זיינע
אויגן ווי אַריינגעקלעפּט אין דער גמרא —
און דאָך האָבן מיר געפילט זיין בליק אַזוי
טיף אין זיך. ער האָט צוגעצויגן מיט זיין
חסידישער האַרציקייט, מיט זיין איבערלעבן
פון די ניט־גוטע מידות ביי אַ תלמיד. ער
האָט ניט פאַרגלעט די חסרונות פון אַ
תלמיד מיט סתם אַ ווייכהאַרציקן פאַרקוקן
און מאַכן עס צו „קליין־געלט״; ער האָט
עס אַליין איבערגעלעבט. ר׳ משה האָט מיטן
אינגל גערעדט אָט פּונקט ווי ער האָט גע־
קוקט: וואַרעם־האַרציק, צוקלעפּנדיק, און
האָט דעם אינגל צערירט ביז טרערן.

האָבן מיר זייער ליב געהאַט ר׳ משה׳ן,
אים געשעצט הויך־הויך. און נאָך העכער
איז דער קורצינקער ר׳ משה געוואָקסן, ווען
ער פלעגט מפסיק .זיין דאָס לערנען
תורה מיט אונז און געלערנט די תלמידים
די מידה פון הכנסת־אורחים: אַלע טאָג
פלעגט קומען צו ר׳ משה׳ן עסן מיטאָג אַן
אַלטיטשקער אויסגעדייוועַרטער איד, מיט
קראַנקע אויגן, פאַרלאָשענעם געזיכט — אַ
שטיק פאַרשטויסענע עלנטקייט און דער־
שלאָגנקייט. ר׳ משה׳ס משפחה האָט דאַן
אַליין היפּש ניט דערעסן צו דער זאָט, און
דאָך — מיט וואָס פאַר אַ שמחה, מיט וואָס
פאַראַ רירעוודיקער פריינטלעכקייט איז עס
ר׳ משה אַנטקעגנגעלאָפן דעם אורח! אין
יענע מאָמענטן איז דאָס בידעריקע פּינס־
טערע שטיבל עפּעס ווי העכער און ליכטי־
קער געוואָרן; עפּעס אַ ישועה׳דיקער שיין
האָט זיך ווי אויסגעשפּרייט און געמאַכט
גערוימער דעם ענגן חלל; אַפילו די יאוש׳־
דיקע צעבראָכנקייט אויפן געזיכט פון אורח
האָט זיך צעלייטערט — אַזוי האָט מיר
אויסגעזען און אַזוי האָב איך געשפּירט. און
ר׳ משה — ער האָט זיך אַלץ טיפער איינ־
געבאַקט אין האַרצן.

אַ סך תלמידים האָט ר׳ משה געהאַט,
און גאָר אַ סך אויפגעטאָן אין זיינע גאָר
קורצע יאָרן. אַוודאי זיינען עס ביי אים
געווען לאַנגע, רייכע און טייערע יאָרן,
גייסטרייכע, מסירת־נפש׳פולע יאָרן. אָבער
דאָס זיינען הימל־חשבונות. פאַר אונז, זיינע
געוועזענע תלמידים, איז זיין אַזוי־פּריציי־
טיקער אַוועקגיין געבליבן אַ טיפער ווייַ
אויף לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

זאָל זיין זכות אויף אונז מגין זיין.

א געשעעניש / פאָרזעצונג פון זייט י׳

אָבער היינט, ווען דאָס העכסטע געריכט
פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט באַשטע־
טיקט דעם רבי׳נס „קאָנסטיטוציאָנעלע״
טעזע, וועלכע איז, פאַרשטייט זיך, געקומען
פון דער „קאָנסטיטוציע״ וואָס איז פאַר אידן
— תורה, איז מצוה לפרסם. ווייל —

דער לימוד און די מסקנות

א. מ׳דאַרף ל ע ר נ ע ן פון דעם.

נעמלעך, נישט אָנצונעמען „אָנגענומענע
כללים״ אין וואָס „אַלע זיינען מודה״, נאָר
מעסטן זיי מיט אידישער, תורה׳דיקער מאָס,
— אַפילו ווען זי איז אין ווידערשפּרוך צו
אָט די „כללים״, ווי למשל, „סעפּעראַציע
פון שטאַט און טשוירטש״ אין אָנווענדונג
אויף חינוך.

דאָס איז דער לימוד פונעם רבי׳נס פּיאָ־
נערישער שטעלונג פון דעת תורה, וואָס
היינט איז עס די שטעלונג אויך פונעם
סופרים קאָורט און פון אידישע ערלעכע
פירער.

ב. דער לימוד איז מחייב מ ס ק נ ו ת.

נעמלעך, אַז אידישע עסקנים און אָרגאַ־
ניזאַציעס, — אויסער די ראַמען פון חב״ד,
— דאַרפן זיך גוט איינהאָרכן אין מיינונגען
פונעם ליובאַוויטשער רבי׳ן, — ווי טייל
טוען עס, — אַפילו ווען אָט די מיינונגען
זענען ביי זיי אויס אין פלוג „נישט־אָנגע־
נומענע״. ס׳גייט טאַקע אין נישט אָננעמען
דאָס „אָנגענומענע״ מחמת פרעמדע השפעות
און נישט־אידישן געדאַנקען־גאַנג.

ס׳איז כדאי ברייטער און אויספירלעכער
צו איבערגעבן דעם רבי׳נס מיינונגען, און
פעולות, וועגן דעם דערמאָנטן ענין; אָבער
דערווייל איז גענוג צו זאָגן צו צווייפלער
און מפקפקים:

דער ענין פון פעדעראַלע שטיצע פאַר
ישיבות — יוכיח.

בר־מצווה

• יחיאל גראַנאַטשטיין
תל־אביב

אין דער דאָזיקער דערציילונג שטעלט פאָר דער מחבר אַ טיפּ פון אַ אידישן אינגל, אַ קינד פון אַ געוועזענעם חבר פון אַ פרייען קיבוץ, אין וועמענס אידיש נשמה׳לע עס האָט זיך דערוועקט דער אור־אַלטער הייליקער ניצוץ און ס׳האָט אים גענומען ציען צוריק צום שורש — צו דער וועלט פון תורה און אידישקייט — אַ דערשיינונג וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר צאָלרייכע אידישע קינדער פון הייַנטיקן דור.
רעד.

איך האָב היינט אָפּגעטאָן אַ זאַך וועגן וועלכער איך האָב, פאָרלויפיק, נישט דערציילט מיין פאָטער: אומקערנדיק זיך פון דער שולע, מיט דער פולער טעקע מיט ביכער, האָב איך זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין דער שול וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון אונזער הויז. איך האָב דאָרט פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שטאַרקע איבערלעבונג. צום ערשטן מאָל האָט מיין פוס איבערגעטראָטן די שוועל פון אַ שול. איך ווייס נישט, צי מיין פאָטער אַפילו איז דאָרט ווען עס איז געווען. איך האָב גרויס צער פון דעם וואָס ער איז אַזוי נישט־רעליגיעז. אין שטוב ביי אונז איז נישט פאַראַן קיין שום סימן פון רעליגיעזע מנהגים, ממש גאָרנישט. און איך... איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער איך בין אַנדערש. מיך ציט עפּעס אין שול אַריין. איך האָב זייער ליב זיך איינצוהערן אין די תפילות פון שבת און יום־טוב, וואָס קומען אַרויס פון שול אין גאַס אַריין, וואו מיר, קינדער פון שכנותדיקע הייזער, שפּילן אונזערע שפּילערייען. עס גלוסט זיך מיר אויך צו דאַווענען, צו בעטן, מיטצוזינגען די געזאַנגען פון „אינעווייניק״, פון דער שול, כאָטש איך ווייס נישט דעם באַדייט פון דעם.

גאָר בקרוב ווער איך בר־מצוה. איך הער אין שטוב ריידן וועגן מיין געבורטסטאָג וואָס רוקט זיך אָן, וועגן געסט וואָס מ׳וועט איינלאַדן, און נאָך אַזעלכע זאַכן. מען בייט מיר אַ נייעם אַנצוג ביי אַן ערשטקלאַסיקן שניידער. איך וועל, דאַכט זיך, אויסזען אין אים זייער משונה׳דיק. מיר ווילט זיך אָבער עפּעס אַנדערש: אַ פּאָר תפילין ווילט זיך מיר, אַזעלכע ווי ס׳האָט יוסי, מיין חבר פון דער זעלבער גאַס. ער האָט זיי מיר געוויזן, געזאָגט מיר וואָס עס ליגט דאָרט אין די שוואַרצע „קעסטעלעך״, און אַפילו זיי אָנגעמאָסטן מיר אויפן קאָפּ און אויף דער

האַנט. נו, ווילט זיך מיר אויך האָבן אַ פּאָר אייגענע תפילין, איינע אויפן קאָפּ און איינע אויף דער האַנט.

אָ, איך האָב געכאַפּט אַ שמועס מיט מיין פאָטער וועגן מיין בר־מצווה, וועגן דעם, אַז עס ווילט זיך מיר שטאַרק האָבן אַ... נאָר ער האָט גאָר נישט באַנומען וואָס איך רייד צו אים, וואָס איך פאַרלאַנג פון אים. קען זיין, אַז איך בין שולדיק, אַז איך האָב נישט גענוג אַרויסגעבראַכט מיין בקשה צו אים; קען זיין, אַז איך האָב געדאַרפט ריידן מיט אים קלאָר, פשוט; אים געבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין אַזאַ קינד וואָס וויל האָבן ג־ט אין האַרצן, פונקט ווי איך האָב אין האַרצן טאַטע־מאַמע און כ׳פאָלג זיי אין אַלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען פון מיר.

פונדעסטוועגן מיין איך, אַז איך וועל מיינס דערגרייכן: איך וועל האָבן אַ פּאָר אייגענע תפילין. יעדן פאַרטאָג וועל איך אויפשטיין און אַראָפּלויפן אין שול אַריין און דאַווענען דאָרט מיט אַלע, מיט אַלע...

יאָ. אָפטמאָל גיי איך צו צום בילדער־אַלבום וואָס ליגט טיף פאַרשטעקט אין שופלאָד פון טאַטנס שרייב־טיש און כ׳נעם אַרויס דאָס אַלטע בילד פון זיידן. וואָס פאַראַ הערלעך געזיכט! ווי שיין עס איז זיין לאַנגע, אויסגעקעמטע באָרד! היינט די אויגן, די גוטע, מילדע אויגן זיינע! פאַרוואָס פאַרשטעקט אַזוי דער פאָטער מיינער דאָס בילד פון זיין טאַטן? פאַרוואָס הענגט נישט דאָס בילד אין סאַלאָן, אָדער כאָטש ביי מיר אין צימער? ווען איך קוק אויפן בילד, דאַכט זיך מיר אויס, אַז די אויגן קוקן אַראָפּ אויף מיר, אַז די ליפּן שעפּטשען שטיל צו מיר. אָפטמאָל קומט מיר אויס ווי דער זיידע וואָלט מיר געזאָגט, אָדער זיך געבעטן ביי מיר, עפּעס צו טאָן פאַר זיינטוועגן, עפּעס...

איך וויל דערציילן דעם אמת: איך האָב זיך אַריינגעגנב׳עט אין שול, ווייל פאַרבייגייענדיק, האָב איך געהערט אַ קלאַנג פון אַ ניגון — און וואָס מער איך האָב זיך דערווייטערט פון אים, און געקומען נענטער צו מיין שטוב, אַלץ מער, אַלץ שטאַרקער האָב איך אים געהערט אַרום מיר, אין מיר. ווען איך בין שוין געשטאַנען פאַר דער טיר פון אונזער וואוינונג, האָב איך זיך אומגעקערט, בין אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך אַוועקגעלאָזט אין שול אַריין. איך האָב דאָרט געטראָפן אַן עלטערן מענטש וואָס איז געזעסן מיט אַ אינגל און האָט מיט אים איינגעזונגען ווערטער מיט אַזאַ מין ניגון וואָס האָט מיך אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן. יוסי, מיין חבר, האָט מיר שוין געהאַט דערציילט, אַז אַזוי גרייט מען צו אַ בר־מצווה־אינגל אויפגערופן צו ווערן צו דער תורה. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, איינגעהערט זיך און פאַרגעסן אין אַלץ, אַלץ. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך געפין זיך אין אַ הויז וואָס איז פול מיט בלויז געזאַנג; אַז אַלע פייגל פון אַלע ביימער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט דאָ אין שול און צוויטשערן און זינגען. מיינע פאַנטאַזיעס! איך האָב זיך שוין געזען אַרויפגיין אויף דער בימה, אַרומגעהילט אין טלית, און אַליין הייב איך אָן לייענען אין דער תורה, טאַקע מיטן זעלבן ניגון וואָס קלינגט דאָ אָפּ אַזוי שיין אין חלל פון דער שול...

איך דערמאָן זיך: פלוצלונג, האָב איך באַמערקט, אַז איך בין איינער אַליין אין שול. ס׳איז אַוועק דאָס אינגל מיט דער ווייסער יאַרמלקע אויפן קאָפּ; און ס׳איז אַוועק דער לערער זיינער. אויך די זון, וואָס איז זַ גאַנצע צייט געשטאַנען איבערן גלעזערנעם דאַך און אַריינגעלויכטן, איז פאַרשוואונדן. ניין, כ׳האָב נישט מורא געהאַט פאַר דער אַליינקייט. ס׳איז מיר דווקא גוט געווען אַזוי. ג־ט איז פאַראַן אין שול — האָט עפּעס אין מיר געפּליסטערט; די תורה איז אויך דאָ פאַראַן, דאָרט, אין דער הויך, פאַרשלאָסן אין דער שאַנק — און איך בין אויך דאָ אין שול, מיט זיי. אַליין — מיט זיי! עפּעס איז מיר אַזוי גוט געווען אויפן האַרצן, אַזוי לייכט, ווי אין אַ זיסן חלום.

זיצנדיק אַזוי, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז שטענדיק, ווי נאָר אַ יום טוב, פאַרלאָזן מיר אונזער שטוב און פאָרן אַוועק אין קיבוץ פון איינעם פון מיינע פעטערס, אָדער אין קיבוץ וואו מיין פאָטער אַליין איז אָפּגעווען אַ שפּאָר ביסל יאָרן. דעם לעצטן יום־כיפּור, האָבן מיר טאַקע פאַרבראַכט אין טאַטנס קיבוץ. אַן עלטער אינגל האָט מיך מיטגענומען מיט אַ גרופּע קינדער אויפן בית־הקברות פון קיבוץ. מיר האָבן דאָרט אָפּגעווישט דעם שטויב פון די שטיינער און אָפּגערייניקט די אַלייעס וואָס פירן צו די קברים. מיט אַ יאָר צוריק האָב איך נאָך געמיינט, אַז מיר טוען אַ גוטע זאַך אין דעם טאָג, אָבער היינט ווייס איך שוין מער, יוסי לערנט דאָך מיך שטילערהייט...

איך האָב זיך אויפגעשטעלט אויף אַ באַנק און אַראָפּגענומען פון אַ שענקל אַ גרויס ספר. איך האָב אָבער כמעט ווי נישט געקענט איבערלייענען די ווערטער. איך האָב גענומען אַ סידור אין האַנט, געמישט די בלעטער און צוריקגעלייגט. דערנאָך האָב איך געפונען אַ ספר „שופטים” און אויפגעמישט די פּסוקים וואָס מיר האָבן אָקאָרשט

געהאַט געלערנט אין שולע און איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט דעם.

און צום סוף... איך וויל גאָרנישט פאַרהוילן: פּאַמעלעכקע, טריט נאָך טריט, האָב איך זיך צוגעשאַרט צו דער גרויסער שאַנק פון די ספרים וועגן וועלכע יוסי, מיין חבר, האָט מיר דערציילט. אַ צאַפּלענדיקער האָב איך אַוועקגערוקט דאָס סאַמעטענע טוך און אַן עפן געטאָן די טירלעך. איך האָב זיך גלייך צוריקגעצויגן. זיך נאָכאַמאָל דערנענטערט און ווידער זיך צוריקגעצויגן. איך האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ, ווי עס וואָלט עמעצער געזעצט מיט אַ האַמער. פאַרוואָס טאַקע האָט דאָס האַרץ מיינס אַזוי געקלאַפּט? פאַרוואָס איז מיך באַפאַלן אַזאַ פּחד?

איך האָב גאָרנישט געפילט, אַז מיינע באַקן פייכטן זיך, אַז טרערן רינען פון מיינע אויגן, אַז איך שטיי אַזוי אָנגעשפּאַרט אָן שאַנק, פאַרלייגט דעם קאָפּ אויף דעם סאַמעטענעם טוך און איך וויין, און איך וויין...

איך האָב גענומען צו הילף איינעם פון מיינע פעטערס. איך האָב אים געבעטן צו ריידן מיטן טאַטן. מיט דער מאַמען האָב איך אַליין גערעדט. איך האָב זיך געבעטן ביי איר צו ווירקן אויפן טאַטן וועגן מיין בר־מצוה. איך האָב אויף אַן אמת געוויינט פאַר דער מאַמען, געוויינט מיט טרערן. זי האָט מיר נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. זי איז געווען איינגאַנצן פאַרווירט, אין אַ פאַרלעגנהייט. זי האָט געוואָלט, אַז דער טאַטע אַליין זאָל באַשליסן.

נו, און דער גוטער טאַטע מיינער האָט טאַקע באַשלאָסן... איינעם אַ טאָג, האָט ער מיר אַ זאָג געגעבן: „קום, מיר וועלן ערגעץ צופאָרן". מיר זיינען אַריין אין דער מאַשין און צוגעפאָרן צו אַ ספרים־געשעפט. אַ פאָר מינוט האָט געדויערט דאָס קויפן די תפילין מיינע. דער טאַטע האָט זיך נישט געדונגען מיטן פאַרקויפער, האָט זיך שנעל אַרויסגעשאַרט און איז אַוועק צו זיינע געשעפטן. און איך... איך האָב געטראָגן אונטערן אָרעם אַ זעקעלע מיט תפילין, מיינע, אייגענע תפילין...

אין טאָג פון דער בר־מצוה האָבן טאַטע־מאַמע איינגעאָרדנט אַ גרויסע אויפנאַמע. עס זיינען געקומען משפחה־מענטשן פון אומעטום און אַ סך איינגעלאַדענע געסט פון די קיבוצים. איך האָב נישט געהאַט צוגעגרייט קיין „רעדע". קיין לערער האָט מיך נישט געלערנט. דער טאַטע האָט נישט געוואָלט קיין שום „צערעמאָניעס". נאָר אַז די געסט האָבן, אינמיטן דער סעודה, געהייסן מיך עפּעס זאָגן, האָב איך, אויף דער שנעל, אַ טראַכט געטאָן, און ווי נאָר עס איז מיר געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט עפּעס וועגן דעם גרויסן זכות, וואָס ס'האָט אַ אידיש אינגל ווען ער ווערט אַלט דרייצן יאָר, צו קענען טאָן מצוות פאַר ג־ט וועגן.

איך האָב נישט געוואוסט צי האָב איך מיין געדאַנק גוט אַרויסגעבראַכט, צי נישט, ווייל עפּעס האָבן מענטשן זיך גענומען שושקען. דער טאַטע, האָב איך באַמערקט, איז געוואָרן אויפגערעגט, נישט געקענט איינזיצן אויפן בענקל; און דער מאַמעס פּנים האָט זיך עפּעס אַזוי צעפלאַמט, ווי זי וואָלט געזעסן אַ פאַרשעמטע... נאָר איך וויל אויך נישט לייקענען; עפּעס האָב איך נאָך די פאָר אַרויסגעזאָגטע ווערטער זיך געשפּירט ווי באַפרייט פון קייטן וואָס האָבן מיך געפּענטעט, באַפרייט פון איבערגעלעבטע קאָשמאַרן...

גלייך צומאָרגנס, בין איך גאָר פרי אַוועק מיט די תפילין אין שול אַריין. יוסי האָט שוין דאָרט געוואַרט אויף מיר. ס'איז געווען אין אַ דאָנערשטיק. מ'האָט געלייענט די תורה, און מ'האָט מיך גערופן צו איר אויפן באַלעמער אַרויף...

עס זיינען שוין פאַרביי טעג און וואָכן.

מיר דאַכט זיך, אַז במשך דער אָפּגעלאָפענער צייט בין איך אַ סך רייפער געוואָרן. מיר איז היינט נאָך מער קלאָרער דער וועג, וועלכן איך האָב מיר אויסגעקליבן צו גיין. אין רייד נאָך נישט וועגן דעם אין שטוב. איך גלויב אָבער, אַז טאַטע־מאַמע וועלן מיך היינט גיכער פאַרשטיין. זיי האָבן דאָך מיך ליב, זייער איינציקן זון, און אויך איך האָב זיי ליב. איך קען מיין פאָטער: ער איז אַ וואוילער מענטש, און די מאַמע — אַ גוטע, ווי אַ מאַמע. איך גלויב, אַז כ'וועל זיי איבערצייגן און זיי וועלן מיך לאָזן גיין אויף דעם וועג, צו וועלכן עס ציט מיך אַזוי מיט אַלע מיינע חושים.

ניין, איך טרייב נישט איבער: איך פיל ווי עס שפּילט זיך אין מיר אויס דער ניגון פון תורה לערנען, דער ניגון פון די תפילות וואָס איך זאַפּ איין אין מיר, געפינענדיק זיך אין שול.

איך פיל דאָס גליק וואָס נידערט אַראָפּ צו מיר, און מיר איז אַזוי גוט, אַזוי גוט...

פונעם טאָג־בוך פון אַ שליח

• משה טובי׳ הכהן פישער
ירושלים

דער דראַנג צו דערפילן אַ נויטיקע יהדות־שליחות דערוועקט זיך אָפט ביים אידישן מענטשן דווקא אין יענע מאָמענטן, ווען ס׳דוכט זיך אַז אַלע זיינע גייסטיקע השפעה־קוואַלן זיינען אויסגעטריקנט אין אים. און פלוצלונג, ווי אויף אָדלער־פליגל, שיינט אַריין אין דער נשמה אַ ליכט־שטראַל פון „אויבן” און די נשמה דערוועקט זיך, זי דערשפירט אין זיך אַ שטראָם פון כוחות, אַז זי קען גיין און טאָן, אויפטאָן און דורכברעכן, און טאַקע סוף־סוף איינעמען די פעסטונג — די נשמה פון אַ צווייטן אידן, וואָס בלאָנדזשעט און זוכט דעם וועג צו איר באַשעפער, צו זיין תורה און צו זיין פאָלק. און צייטנווייז איז עס אַזאַ פאַרשטויסענע נשמה, וואָס האָט שוין אפילו אויפגעהערט צו זוכן אַ וועלכן ס׳איז וועג און שטעג — זייענדיק טיף פאַרזונקען אין די טיפע זומפן פונעם פינסטערן און ביטערן גלות.

עס האָט מיר „צוגעשפילט דער מזל” און כ׳האָב זוכה געווען צו האָבן אַ מעכטיקן דערוועקער, וועלכער האָט אין מיר אויפגעבלאָזן אַ פלאַמיקן ווילן עפּעס אויפטאָן — און דאָס איז כ״ק אדמו״ר שליט״א מליובאַוויטש. ער האָט מיך געלערנט אָפּצושאַצן ווי געהעריק די ווערט פון אַ שליחות, צו פאַרשטיין דעם מהות און די אחריות פון אַזאַ שליחות, וואָס צילט צו ראַטעווען אַ אידישן נפש און צו דערנענטערן זי צו איר הויךג־טלעכן שטאַם. און אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב אָנגענומען אַ פּאָזיציע באַשלוס וועגן מיין שליחות־אויפגאַבע, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער וועג איז פאַר מיר אַן אויסגעטראָטענער. נאָך מער: כ׳בין געוואָרן דורכגענומען מיטן געפיל, אַז די ברכה פון אָט־דעם צדיק וועט מיך באַגלייטן מיינע טריט, און אַז זיין וועג־ווייזונג וועט מיך פירן דורך טעג און דורך נעכט — וואָס וועלן געוויס ניט זיין קיין לייכטע.

די שליחות מיינע האָט זיך געצויגן דריי יאָר — יאָרן פון טיפע איבערלעבונגען און געראַנגלען, אינערלעכע ראַנגלענישן און שטרייטן מיטן דרויסנדיקן אַרום. איז דעריבער שווערלעך צו מאַכן אַן אויסוואַל פון די פאַרצייכענונגען אין טאָגבוך — וועלכע זאַכן זאָל איך אויסקלייבן און דערציילן? און באַשלאָסן האָב איך, אַז כ׳וועל דערציילן אַביסל פון מיינע איבערלעבונגען אויף איין געביט — וועגן דער שארית הפליטה פון האָלענדישן אידנטום; און דאָס פונעם באַזונדערן קוק־ווינקל: דער גרויסער אידישער בראָך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה און זיינע טיפע וואונדן — נאָך 20 יאָר.

דער וואָס קומט אויף אַ באַזוך אין האָלאַנד ווערט באַאיינדרוקט פון איר פראַכטפולער לאַנדשאַפט, פון דער טאָפּאָגראַפישער שיינקייט, וואָס איז זייער פּאָטאָגעניש: שיינע סאַזשלקעס, טורעמס, ווינט־מילן און בלומענבייטן. אָבער ניט דערויף איז געווענדעט דער בליק פון אַ אידן, וואָס קומט אינעם לאַנד מיטן אויסשליסלעכן באַגער פון „את אחי אנכי מבקש” (בראשית לז, ט״ז) — איך זוך מיינע ברידער!

פון אונטער דער דרויסנדיקער שיינקייט, אין אַלגעמיינעם זינען, וועט דאָרט דער איד געפינען צעבראָכנקייט, חורבן, יאוש, און צוזאַמען דערמיט — שרעק; קאָשמאַר־שאָטנס פון אַמאָליקע פאַרשניטענע נפשות. דאָ אין האָלאַנד גייען אַרום די „מצבות” אויף זייערע פיס, נאָכגעיאָגטע אין שרעק פון דעם גרויסן אידישן חורבן אין דער ניט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט. די אַלע וואָס זיינען איבערגעבליבן פון נאַצישן גיהנום־טאָל, קענען זיך מער ניט באַפרייען פון דעם גרויל. דער גרויסער אומגליק האָט טיף־טיף אין זייער האַרץ איבערגעלאָזט צעשטערערישע נאָכווייענישן. צום גרויסן באַדויערן, איז דער הויפּט־קרבן — די אידישע יוגנט, די קינדער

וואָס האָבן זיך אין יענע בלוטיקע טעג אויסבאַהאַלטן אין די הייזער פון גוטע האָלענדישע פויערים. און ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זיי זיך אומגעקערט „אַהיים"... אַ היים אָן טאַטע־מאַמע. אַ סך פון אָט־די אויסבאַהאַלטענע קינדער האָבן זיך איבערהויפּט ניט אומגעקערט אַהיים. זיי האָבן זיך איינגעגלידערט אין די היימען פון די גוטע מענטשן, וואָס האָבן זיי געגעבן שוץ אין די גרויזאַמע טעג.

און וואָס איז מיט די עלטערן, וואָס האָבן זוכה געווען איבערצולעבן דעם שוידערלעכן פּעריאָד? — איניקע שילדערונגען וועלן ריידן פאַר זיך אַליין.

דאָס איז אַ טלית, ניט אַזוי?

איינער פון די האַרבסטיקע פרימאָרגנס, אין יאָר 1961. כ'גיי צוריק פון שול, מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם. אַ פאַרטראַכטער בין איך געגאַנגען. איבערגעקלערט וועגן דעם וואָס איך דאַרף טאָן אין פאַרלויף פון טאָג. און דאָ איז אויף מיין וועג אָנגעקומען אַ מאַן, אינעם עלטער פון פופציק אָדער מער. ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן, אָנגעשטעלט אויף מיר אויפגעריסענע אויגן און מיט דער האַנט גענומען גלעטן מיין טלית־זעקל. אַ ווילע איז ער געשטאַנען אַזוי און דערנאָך מיר געפרעגט: „מיין הער, איז דאָס אַ טלית, ניט אַזוי?"

„יאָ", האָב איך אים געענטפערט און זיך שטאַרק געוואונדערט אויף דער מאָדנער שאלה. „אויך איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שיינעם טלית", האָט דער מאַן פאָרגעזעצט מיט אַ מורמל, גלעטנדיק אַלץ דעם טלית־זעקל. לכתחילה האָב איך ניט געוואַגט צו שטערן דעם אידן אין זיין שטימונג. אָבער מיין נייגער האָט זיך געשטאַרקט און כ'האָב אים געפרעגט זיין נאָמען. אויף אַזאַ וועג האָב איך געהאָפט צו פאַרקניפּן אַ שמועס מיט אים, דערטאַפן זיין מהות און העלפן אים אויב נויטיק מיט וואָס איך קען. אָבער אַנשטאָט צו ענטפערן, איז דער דאָזיקער מאַן שנעל אַנטרונען. ער האָט ניט־ווילנדיק אַרויסגעגעבן אידענטיפיקאַציע — און דערפאַר דאַרף ער שנעל אַנטלויפן פון די ... „נאַציס" וואָס האַלטן אין איין יאָגן זיך נאָך אים. זיינע ברידער האָט מען פאַרשיקט דאָרט ערגעץ, זיין ווייב און קינדער — ווער ווייס וואו זיי זיינען... ער טאָר ניט אַנטפּלעקן זיין אידישקייט, מ'דאַרף וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן, פאַרשווינדן — און דאָס איז האַרבסט פון 1961, אין דער רואיקער און שיינער אַמסטערדאַם!

דער שמש (שול־אויפזעער) פון דער קהילה!

... מאָרגן דאַרף איך צופאָרן אין דער שטאָט וו. ס'איז ניט קיין גרויסע שטאָט, נאָר אַ גאַנץ שיינע, וואָס געפינט זיך ביי דער דייטשער גרענעץ, אַרום פיר שעה רייזע פון אַמסטערדאַם. איך האָב געדונגען אַן אויטאָ און צוזאַמען מיט אַ דאָרטיקן פריינט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַ שטילע רואיקייט איז אויסגעגאָסן אויף אַלץ און אַלעם. די שטעטלדיקע איינוואוינער זיצן אַרום די הייזער און האָבן הנאה פון די וואַרעמע זון־שטראַלן.

אָבער מיין האַרץ איז צעררודערט. דאָ באַלד־באַלד דאַרף דאָך פאָרקומען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אידישע קינדער, וואָס זיינען צעזייט אין די שטעטלעך פונעם לאַנד. וועלן זיי קומען צו דער באַשטימטער באַגעגעניש? און אויב יאָ, וועלן זיי אויך זיין גרייט צו אויסהערן מיינע רייד? און וועלן מיינע אָרעמע ווערטער געפינען אַ געהעריקן אָפּקלאַנג אינעם ים פון אַסימילאַציע און אָפּגעלאָזנקייט?

אין שטעטל וו. קלייבן זיך צוזאַמען יעדן זונטיק אַרום 15 קינדער פון דער אַרומיקער געגנט, בכדי אויסצוהערן די רייד פון אַ לערער אָדער מדריך. דאָס קומט פאָר, פאַרשטייט זיך, דאַן ווען ס'איז ניטאָ יענעם טאָג קיין מער־„אינטערעסאַנטע" באַשעפטיקונג. דער באַשטימטער אָרט פאַר אַזעלכע צוזאַמענקומען איז אין דער שול פון שטאָט.

נאָך דער נסיעה פון עטלעכע שעה זיינען מיר אָנגעקומען אין דער שטאָט וו. און זיך זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שול. מיר זיינען אָבער געבליבן שטיין אַרום שול ביי פאַרשלאָסענע טירן. האָבן מיר זיך גענומען נאָכפרעגן אויפן אַדרעס פון דער שמש פון שול, און מ'האָט אונז אָנגעוויזן אויף איינער אַ שטוב אין אַ געווויסער גאַס.

ס'מוז דאָ זיין אַ טעות אין אַדרעס — איז דורכגעלאָפן אין געדאַנק, ווייל די טיר פון דער הויז האָט ניט געהאַט אויף זיך קיין מזוזה. אַ שמש'ס הויז אָן אַ מזוזה?! דאָך האָב איך באַשלאָסן אָנצוקלינגען אין טירגלעקל. אויף מיין קלונג האָט זיך געעפנט די טיר און אויף דער שוועל איז געשטאַנען... יאָ, דער שמש פון דער שול — מיט אַ גלאַט־געגאָלטן פנים און הוילן קאָפּ. מיר האָבן אים אויפגעקלערט וואָס מיר ווילן, באַקומען פון אים די שליסלען און מיר האָבן זיך אומגעקערט צו דער שול.

ווי אַ איד פון ארץ ישראל האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דער אויסזען פון אַ שמש אינגאַנצן אַנדערש... אָט ווי דאָרט, אין די ירושלים'ער געסלעך, וואו דער שמש רופט מיט אַ געהילך: מנחה, מנחה!" און אויף זיין רוף נעמען שטראָמען אידן פון אַלע געסל־ווינקלעך...

און די מזוזה? פאַרוואָס איז ניטאָ קיין מזוזה אויף דער הויז־טיר? יאָ, ס'איז טרויעריק־קלאָר: אידן, היט זיך אַז די

פאַרשאָלטענע דייטשן זאָלן איך ניט דערשנאַפּן; נעמט אַראָפּ די מזוזות, ווישט אַראָפּ יעדן איד־צייכן פון אייער געשטאַלט... אָנהויב זומער 1960, אין אַ שטיל, שלווה׳דיק שטעטל פון אַ זונטיקדיקן בייטאָג.

„בבית אלקינו נהלך ברגש" — (מיט ציטער־געפיל טוען מיר גיין אין אונזער ג־ט׳ס הויז)

מיט די שליסלען וואָס כ׳האָב באַקומען פון דעם שמש, האָב איך אויפגעשלאָסן די טירן פון שול. הילצערנע טירן, אויסגעשניצטע. גלייך אין קאָרידאָר, אין פאָרהויז, זיינען מיר שטיל אַנטקעגן געקומען פיר התדערט און פופציק אידן, די גאַנצע קהילה פון שטעטל וו. — אידן שיינע און געטרייע, אידן תמימים, אידן טייערע, נאָר געשאָכטענע, דערשטיקטע און פאַרברענטע: אַ גרויסער ספר אין פראַכטיקן איינבונד און מיט בלעטער פון גלאַטן פאַרמעט, און דאָרט זיינען מיט אַ סופר־שריפט פאַרצייכנט די נעמען פון די פיר הונדערט און פופציק אידן, אַ גרויסער ציבור פון האַרציק־זיסע אידן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, וואָס האָבן אָט־די שול פאַרפולט מיט זייער תפילה צום אדון עולם. קוקן זיי איצט אויף דיר מיט די פאַרהוילענע אויגן, דורך הימלדיקן רויך און וואָלקן, און אַ גרויסע פאַרשטומטע פראַגע שוועבט אויף זייערע אומגעזעענע ליפּן...

כ׳בין אַריין אינווייניק אין שול. אַלץ איז דאָרט זויבער און ציכטיק. גלייך ווי אַלץ וואָלט געווען גרייט צום דאַווענען. ביי די טרעפּ וואָס האָבן געפירט צום ארון־קודש זיינען געווען אויסגעלייגט די הייליקע כלים — אַ בעכער פאַר קידוש והבדלה, אַ חנוכה־מנורה, אַ שופר א״א — אַלץ „לעבעדיק" און גרייט. אָבער איר, אידן, וואו זייט איר? נו, אַז דער ציבור איז „נאָך" ניט געקומען, וועל איך דאַווענען מנחה אַליין פאַר זיך. און אַז כ׳בין צוגעקומען צום סוף פון דער ברכה „מחי׳ המתים", האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן פון האַרצן אַ טיפער זיפץ, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין חלל פון שול — און ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז פון ערגעץ האָט עמעצער מיר אָפּגעענטפערט: „אמן"...

אַזוי האָב איך זיך געפירט אין די אַלע שולן, וואו זייער קהל האָט זיך „נאָך" ניט איינגעזאַמלט און וועט זיך ניט איינזאַמלען. איך האָב אין זיי געדאַוונט און געפּרוּווט די אַביסל „אויפלעבן" פון זייער פאַרוויסטעניש. עס וועלן דאָך קומען די ליכטיקע טעג, ווען די שולן פון גלות וועלן איינגעשטעלט ווערן אין ארץ ישראל, און ביז דאַן, זאָלן די הייליקע ווענט הערן איניקע ווערטער פון קדושה.

סוף כל־סוף זיינען זיך די קינדער צונויפגעקומען. אָבער אָנשטאָט פופצן זיינען גע־קומען... דריי (און ס׳איז נאָך גוט געווען, וואָס כ׳האָב פון פריער געוואוסט אַז אַזוינס קען געשען. און כ׳בין דעריבער ניט געוואָרן שאָקירט און אַראָפּגעפאַלן). איך האָב זיי דערציילט וואָס כ׳האָב זיי דערציילט, און זיי געזאָגט וואָס עס איז געווען אויפן האַרצן. זיי די קינדערלעך, האָבן צוו. אַנד. דערציילט מיט תמימות, אַז די לעצטע תפילה איז דאָ פאָרגעקומען לעצטן יום־כיפור. „און וויפיל דאַוונערס זיינען געווען?" האָב איך געפרעגט. „נייען דערוואַקסענע", איז געווען דער ענטפער. קיין מנין איז ניט געווען. אַך, אַ שאָד וואָס כ׳האָב דאָ פאַרשפּעטיקט.

אָט־די וואָך האָב איך איינע פון יענע מיידלעך פונעם דאָזיקן שטעטל באַגעגנט ביים כותל־מערבי. כ׳האָב זיך איינגעקוקט אין דעם גרויסן המון פון אידן וואָס האָבן געשטראָמט צום כותל און זיך דערמאָנט אירע ווערטער דעמאָלט, אַז קיין מנין איז ניט געווען, נאָר בלויז נייען... אָבער זעט אויס, אַז כ׳האָב דאַן פאָרט ניט אַלץ פאַרשפּעטיקט.

„גוטע סחורה לכבוד שבת"

ס׳איז דאָנערשטיק — דאַרף מען זיך שוין גרייטן צו שבת. עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז כ׳האָב געדאַרפט מיטגיין מיט מיין פרוי אין מאַרק און איר העלפן איינקויפן דאָס נויטיקע אויף שבת. דאָרט אין מאַרק האָט איין פאַרקויף־געשטעל באַזונדערס געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. אָבער ניט די אויסגעליגטע סחורה צום פאַרקויפן האָט מיך פאַרכאַפּט, נאָר דווקא דער פאַרקויפער גופא, וואָס האָט מיט קולי־קולות אויסגערימט זיין סחורה — פאַרשידענע גרינסן — ווי דער שטייגער פון די מאַרק־הענדלער. געווען איז דאָס אַ יונגערמאַן מיט אַ טונקל אויסזען און מיט שיינע שוואַרצע אויגן. כ׳האָב אים געבעטן צו פאַרקויפן מיר אַביסל גרינסן, און זיין ענטפער איז געווען: „דיר, מיין הער, וועל איך געבן ספּעציעלע גוטע סחורה, לכבוד שבת". די לעצטע צוויי ווערטער האָט ער טאַקע געזאָגט אין לשון קודש. האָב איך שוין אַ דערמוטיקטער אים געפרעגט מיט שטאָלץ: „ביזט אַ איד?". נאָר קיין ענטפער דערויף האָב איך שוין ניט באַקומען. ער האָט פאָרגעזעצט צו אויסשרייען און אויסרופן זיין סחורה אויף זיין לאַנד־שפּראַך. און מיך האָט ער פשוט איגנאָרירט, זיך געמאַכט אינגאַנצן ניט וויסנדיק פון מיין פאַראַנענקייט — ס׳איז בעסער מ׳זאָל ניט וויסן פון זיין אידישקייט, דאָס קען אָנטאָן שאָדן, צרות — אָבער ווען? פאַרוואָס? 20 יאָר נאָכן פאָלקס־אומגליק, אויף אַן אַמסטערדאַמער מאַרק, ערב שבת?!

און אַז ס׳קומט מיר היינט אויס אַרומצודרייען זיך אַמאָל איבער דער „מחנה יהודה" מאַרק — אין מיין שטאָט ירושלים, און

כ׳הער ווי די פאַרקויפער „רעקלאַמירן" אויפן הויכן קול זייערע סחורות: „טאָמיטאָס", „אוגערקעס", „אַזוי ביליק היינט" — אַזוי טו איך באַלד צוליגן אויך די ווערטער פון דעם שוואַרץ־אויגיקן חנעוודיקן יונגערמאַן אין האָלאַנד: „לכבוד שבת", „לכבוד שבת".

אַז די פאַרשאָלטענע נאַציס זיינען באַפאַלן די אידישע קהילות, האָבן זיי צום אַלעם ערשטן זיך אַריינגעריסן אין די קהילה־געבײדעס, דאָרט האָבן זיי אויפגעזוכט אין די פנקסים און רשימות די נעמען און אַדרעסן פון די קהילה־מיטגלידער און לויט זיי זיינען די מחבלים געגאַנגען פון הויז צו הויז און פאַרנומען די אידישע איינוואוינער. אָט־די אָנגעהעריקייט אין דער אידישער געזעלשאַפט האָט, הייסט עס, אַרויסגעגעבן זייער אידישע אידענטיטעט — און פון דעמאָלט אָן געפינען זיך אַ היפשער טייל פון די שארית הפליטה אונטער אַ שטענדיקן פחד צו אַנטפלעקן זייער צוגעהעריקייט צום אידישן פאָלק. טויזנטער האָבן זיך ניט געוואָלט אָנשליסן אין די נעבעכדיקע ניי־אויפגעקומענע קהילות, וויל טאָמער? ווער ווייסט? בעסער זאָל מען ניט וויסן אַז כ׳בין אַ איד. גאָר דערזעענדיק פאַר זיך אַן אָפן־אידישע געשטאַלט, און אפשר אין זכות פון ארץ ישראל, דערוועקט זיך ביי זיי דער אידישער פונק, די נשמה גיט זיך אַ צאַפּל און וויל זיך פאַראייניקן מיטן כלל ישראל — צי דאָס דריקט זיך אויס דורך אַ „טלית" צי דורך גרינסן „לכבוד שבת".

י״ט כסלו אין אַמסטערדאַם

„הער מיך אויס, מיין פריינט, האָלאַנד און חסידות זיינען תרתי דסתרי" (צוויי קעגנזאַצן) — אַזוי האָט מיר אין ארץ ישראל געזאָגט אַ האָלענדישער איד, אַ לערער און אַ מ׳זנך, ווען איך האָב פאַר אים אויסגעדריקט מיך ווילן צו פאָרן אויף שליחות קיין האָלאַנד. און אָט איצט זיצן דאָ ביים י״ט כסלו טיש אַרום פופציק האַרציקע אידן פון האָלאַנד און צווישן זיי אויך יענער אידישער לערער צוזאַמען מיט זיין זון. ביים אויבנאָן פון טיש זיצט הרב חן פון פאַריז און דערציילט וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון דעם טאָג און וועגן דעם הייליקן בעל־הנס, דעם אַלטן רבי׳ן. די אַטמאָספער ווערט אַלץ מער דערוואַרעמט, צעפלאַקערט און אַ גייסטיקע דערהויבונג דרינגט אַריין אַלץ טיפער אינעם געמיט פון די באַטייליקטע. און די פייערלעכע שטימונג ציט אַריין די צענדליקער און צענדליקער יוגנטלעכע פון די ווייטע פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין האָלאַנד. דער אידישער מהות ווערט דאָ אַלץ מער אַנטהילט און ס׳שטייגט די אידישע וואַרעמקייט.

און וואָס דערשפירן מיר דאָ פלוצים אַזוי קלאָר? אַז אַלץ איז געבונדן און פאַרפלאָכטן אין דעם ליכטיקן פונקט וואָס צייגט, אַז אידן זיינען אַן אומטיילבאַרער חלק פון דעם אויבערשטן; אַז די אידישע נשמה, אפילו ווען פאַרזונקען אין טיפן וועלט־זומפּ, וועקט זיך אין אירע געהיימע קעמערלעך דער דראַנג זיך אומצוקערן צום הייליקן מקור. און וואָס מ׳דאַרף, איז בלויז: אַרבעטן און טאָן, שטיין אויף די אידישע שיידונגס־וועגן און שרייען „מקלט, מקלט!" ד. ה. ווייזן די ריכטונג וואו אַ אידישער נפש קען גיין און געראַטעוועט ווערן — און די נשמות קומען שוין אַליין און פאַראייניקן זיך מיטן אידישן כלל.

דער טאָגבוך איז אָפן — און גאָר אַ סך האָט ער צו דערציילן. כ׳דענק, אַז אויף דעם מאָל וועלן מיר זיך באַגעגענען מיט די געגעבענע פאַרצייכענונגען, וואָס זיינען איינצעלנע טראָפּנס פון איבערלעבונגען פון אַ ארץ ישראל׳דיקן שליח. און אפשר, מיט ג־ט׳ס הילף, וועלן מיר ביי אַ געלעגנהייט ווייטער פאָרזעצן.

ב"ה

די אידישע היים

קאונסיל נשי ובנות חב"ד
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

פון אונזער חסידישן קוואל

ב״ה

אין איינער פון די לעצט־געלייענטע סדרה׳ס דערציילט זיך וועגן דער באַגעגעניש פון יעקב אבינו מיט זיין זון יוסף — נאָך אַזויפיל יאָרן פון צעשיידונג און נאָך אַזויפיל יסורים פון באַקלאָגען און באַוויינען אים. קען מען דאָך מיינען, אַז ס׳איז דאָ פאָרגעקומען סתם אַ האַרציקע, דראַמאַטישע ווידער־באַגעגעניש פון טאַטע מיטן באַליבסטסטן זון? אָבער תורה איז ניט קיין ספר פון מעשיות! יעדע וואָרט איז תורה, איז אַ לערע פאַר אידן; און יעדע פיצל שילדערונג פון אונזערע אבות איז אַ סימן ווי די בנים זאָלן זיך פירן.

ווען יוסף הצדיק האָט זיך באַגעגנט מיט זיין פאָטער יעקב זאָגט די תורה: „ויפול על צואריו וגו׳״ — יוסף איז געפאַלן זיין טאַטן אויפן האַלז, און האָט שטאַרק געוויינט. זאָגט רש״י, אַז יעקב איז ניט געפאַלן זיין זון יוסף אויפן האַלז און אים ניט געקושט — פאַרוואָס? זאָגן די רז״ל, אַז יעקב האָט דאַן געלייענט קריאת־שמע.

אָבער מ׳קען דאָך פרעגן: פאַרוואָס עפּעס לייענען קריאת־שמע פונקט אין אָט־דעם לאַנג־געגאַרטן מאָמענט פון באַגעגענען זיך מיטן זון?

דער מהר״ל מפּראָג גיט עס צו פאַרשטיין: דאָס איז דער וועג פון צדיקים, אַז ווען ס׳מאַכט זיך אַ געשעעניש וואו ס׳קומט צום אויסדריק דאָס געפיל פון ליבשאַפט — פאַרוואַנדלען זיי באַלד אָט־דעם געפיל פון ליבשאַפט אין אהבת־השם־יתברך. אַז יעקב אבינו דערזעט יוסף׳ן אין אין זיין האַרץ צעפלאַקערט זיך די אהבה צו זיין זון, נאָך אַזויפיל יאָרן ניט־זען — שטאַרקט ער זיך איבער זיינע פּערזענלעכע געפילן און ווענדעט זיין אהבה צום אויבערשטן; אין יענעם מאָמענט נעמט ער לייענען קריאת־שמע און פאַרטיפט זיך אין „ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך...״

נו, און יוסף הצדיק, פאַרוואָס לייענט ער ניט קיין קריאת־שמע דאַן? זאָגט מען אין נאָמען פון „איד הקדוש״: וואָרום יוסף׳ס אויסדרוק פון אהבה צום טאַטן איז ניט געווען קיין פּשוטע גשמיות׳דיקע ליבשאַפט; נאָר ס׳איז געווען אַן אהבה וואָס זי גופא איז געווען אַ מצוה — די מצוה פון כיבוד־אב. דעריבער האָט יוסף ניט געדאַרפט אָט־די אהבה אַריבערפלעכטן אין אהבת השם — ווייל אַזאַ מצוה׳דיקע אהבה איז אין עצם טאַקע ניט קיין אַנדער זאַך ווי אהבת־השם. און דער וואָס איז פאַרנומען מיט איין מצוה איז פּטור פון אַ צווייטער מצוה.

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גוראַרי — רעדאַקטאָר

כסלו־טבת, ה׳תשכ״ט

באַנד 10, נומער 3 (38)

א י נ ה אַ ל ט

פון אונזער חסידישן קוואַל . . . . שער־בלאַט

פותחין בברכה . . . . א

אגרת התשובה — הרב י. וויינבערג . . . . . ב

העלדן — ד״ר וו. גרין . . . . ד

אַ צפת׳ער איד — דוד זאַריצקי . . . . . . ח

די וואַרעמקייט פון דיינע פינגער (ליד) . . . — צבי יאיר י

אַ גרוס פון אַ מאָסקווער אידן — אַ. צרפתי יא

למודים פון דער אידישער פרוי . . . . . — ד״ר הלל זיידמאַן יד

מסירת נפש — יחיאל גראַנאַטשטיין . . . טז

די מאָדערנע וועלט — ב־ן אליעזר . . . . . יט

דער לעבעדיקער ר׳ יצחק ז״ל — ה. לאַזאַרסאָן כב

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב״ד.

פותחין בברכה

דעם פערצנטן טאָג אין כסלו פון היינטיקן יאָר איז געוואָרן פערציק יאָר פון זינט דעם חתונה טאָג פון כ״ק אדמו״ר שליט״א מיט זוגתו הרבנית שתליט״א.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער יום החתונה פון ראש ומנהיג ישראל שטעלט מיט זיך פאָר אַ דערהויבענע דאַטע אין די ליכטיקע דברי הימים פון נשיאי חב״ד, ועמענס אָפּשייַן עס האָט אַזאַ ווייכטיקע השפעה אין אַל־חסידישן לעבן — בפרט נאָכן אָפּשלוס פון „ארבעין שנין״ און דער ספּעציעלער באַדייטונג פון אָט־דער יאָרן־צאָל אין די לומדישע און חסידישע טערמינען — האָבן חסידים אויסגענוצט די פּאַסיקע געלעגנהייט אויף אויסצודריקן זייערע טיפע ברכות צום רבי׳ן וזוגתו הרבנית שליט״א, באַגלייטנדיק זייערע וואונטשן מיט מעשים וואָס זאָלן פאַרשאַפן אַ נחת־רוח צום בית הרב.

צאַלרייכע חסידים האָבן צו אָט־דער יובל געלעגנהייט גענומען אויף זיך צו לערנען אַ ספּעציעלן צוגאָב־ענין אין תורה; אויך האָבן חסידים צוגעשיקט צום רבי׳ן שליט״א געלט־סכומים אויף צדקה (מערסטנס אין דער סומע פון „פערציק״). אָט דער „חוט המשולש״, דער דרייפאַכער אויסדרוק — דורך תורה, גמילות חסדים (צדקה), און דורך באַטייליקן זיך מיט אַ ציבור אין אָט־דער געמיינזאַמער ברכה — האָט דעם רבי׳ן שליט״א פאַרשאַפט אַ נחת־רוח.

שבת פ׳ וישלח (דער שבת וואָס פאַר דעם חג הגאולה פון י״ט כסלו) האָט דער רבי שליט״א אין אַ ספּעציעלן פאַרברענגען אויסגעדריקט דאַנקבאַרשאַפט צו אַלע באַטייליקטע און האָט זיי געבענטשט מיט ברכות מעלות ומרובות. לויט זיין שטייגער האָט ער מיט טיפער דערקלערונג אַרויסגעבראַכט, אַז דאָס אָפּענטפערן מיט אַ ברכה ברבים (אַנשטאָט געבן די ברכה צו יעדן באַזונדער ביחידות) פאַרמאָגט אין זיך אַ פיל העכערע מעלה און ברענגט אַ גרעסערע שפע פון בענטשונג צו די אַלע געבענטשטע.

גלייכצייטיק האָט כ״ק אדמו״ר שליט״א געזאָגט אַז ווי גוט ס׳וואָלט געווען ווען יעדער באַזונדער זאָל האָבן די פולע שותפות פון תורה מיט צדקה — און די יעניקע וואָס האָבן בלויז געטאָן די גוטע פעולה פון צדקה־געבן, זאָלן זיי אויף זיך אויך נעמען אַ צוגאָב אין לימוד התורה; און אַזוי אויך פאַרקערט, אַז צום לימוד התורה זאָל ניט פעלן אויך די נתינה אויף צדקה.

* * *

מיט דער פולסטער האַרציקייט איז די רעדאַקציע פון דער „אידישע היים״ זיך מצרף צום גרויסן ציבור פון מברכים (און געוויס וועט זיך דערין אָנשליסן מיט גרויס פאַרגעניגן און צופרידנקייט די לייענערשאַפט פונעם זשורנאַל) און ווינטשן דעם רבי׳ן שליט״א והרבנית שתליט״א אריכות ימים ושנים טובות ומאושרות, מיט גוטן און פולן געזונט, און ג־טלעכער הצלחה אין אַלע עניני הכלל והפרט עד ביאת גואל בב״א.

אגרת התשובה

● הרב י. ווייגבערג

איינ־יקע טעג פאַר ראש השנה פון היינטיקן יאָר, האָט דער רבי שליט״א פאַראָרדענט מ׳זאָל אָפּדרוקן דעם „אגרת התשובה״ (דריטער חלק פון ספר התניא) אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע (און אויך אין אַ פאַרקלענערטן פאָרמאַט), און אים פאַנאַנדערשיקן אומעטום, צוזאַמען מיט דברי התעוררות צו לערנען דעם אגרת התשובה ברבים און ביחידות.

אין די עשרת ימי התשובה האָט דער רבי שליט״א ביי די התוועדות׳ן אָנגעהויבן זאָגן ביאורים אין אגרת התשובה. די דאָזיקע טיפע ביאורים איז דער רבי שליט״א ממשיך ביי די „פאַרברענגענס״ וואָס פאָלגן נאָך ביז איצט; און ער האָט אָפּט באַטאָנט, אַז אויך איצט, נאָך די ספּעציעלע זמנים פון תשובה, איז וויכטיק צו באַשטימען צייטן אויף צו לערנען דעם אגרת התשובה.

אין רעזולטאַט פון דעם זיינען אין אַ סך ערטער איבער גאָר דער וועלט איינגעשטעלט געוואָרן שיעורים ברבים אין אגרת התשובה.

ווען אַ מנהיג ישראל איז מעורר און פאָדערט אויף מ׳זאָל אין אַ געוויסן זמן אויף זיך אָננעמען אַ געוויסן צוגאָב אין לימוד התורה אָדער אַ חיזוק אין אַ באַשטימטער מצוה — מיינט עס דאָך פאַקטיש, אַז אויסער דער אַלצייטיקער אַלגעמיינער וויכטיקייט וואָס איז דאָ אין דעם אויפגעפאָדערטן ענין, ווי לימוד התורה און קיום המצוות בכלל — איז אויך פאַראַן אַ ספּעציעלע נויטווענדיקייט, אַז דער באַטרעפנדיקער ענין זאָל זיך דורכפירן אין אָט־דער געגעבענער צייט; ד. ה. אַז אָט דער פּרט פון תורה אָדער מצוה איז באַזונדערס מסוגל צו ברענגען די געוואונטשענע רעזולטאַטן וועלכע זיינען נויטווענדיק אין דעם זמן.

אַ מוחש׳דיקן ביישפּיל אויף דעם האָבן מיר דערפון וואָס די גמרא דערציילט (ב״ב י, ע״א), אַז רבן יוחנן בן זכאי האָט אין אַ געוויסן יאָר געהייסן זיינע שוועסטער־קינדער געבן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט אויף צדקה, נישט אָנגעבנדיק דערביי קיין טעם פאַרוואָס ער הייסט זיי דאָס טאָן פּונקט דעמאָלט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט עס אָנגעזאָגט בכדי צו פאַרהיטן זיי פון אַ גרויסן היזק, וואָס האָט זיי דאַן געדראָט.

הגם אַז געבן גרעסערע סכומים געלט אויף צדקה איז צו יעדער צייט אַ גוטע זאַך, איז אָבער אין דער ספּעציעלער אויפפאָדערונג פון רבן יוחנן געווען מער ווי סתם אַ התעוררות צו טאָן מעשים טובים: עס איז דערין אויך געווען אַ באַזונדערע באַהאַלטענע כוונה בשייכות צו יענעם מאָמענט, וואָס איז ערשט שפּעטער (דורך אַ סיבה) אַנטפּלעקט געוואָרן, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרהיטן.

ר׳ יוחנן בן זכאי האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט וואָס ער האָט מזכה געווען אידן מיט פאַרשידענע תקנות. מיר געפינען אָפט דעם אויסדרוק: „התקין רבן יוחנן בן זכאי״ — רבן יוחנן האָט אין דעם כלל ישראל איינגעפירט און מתקן געווען דעם און יענעם ענין אין תורה ומצוות. און אַזוי אויך דאַן, ווען ר׳ יוחנן האָט אָנגעזאָגט אַ געוויסע „הוראה״ צו אַ יחיד אָדער צו אַ צאָל יחידים, איז אויך אין דעם געלעגן דער „התקין״ ר׳ יוחנן: ער האָט מיט דעם געבראַכט אַ „תיקון״ פאַר דעם אָנגעזאָגטן יחיד, און ווער רעדט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן ענין וואָס האָט צו יענעם מאָמענט געדאַרפט ברענגען אַ תיקון פאַר אַ כלל.

דער רבי שליט״א איז דער „בן זכאי״ וואָס איז אונז אידן מזכה מיט פאַרשידענע תקנות. ער איז דער נשיא ישראל וואָס טראָגט אַריין תיקון אין לעבן פון אידן: צו מזכה זיין וואָס מער אידן מיט מצה שמורה; און מזכה זיין וואָס מער אידישע קינדער מקיים זיין די מצוות פון משלוח מנות און מתנות לאביונים, און אַז אויך קינדער און יוגנטלעכע זאָלן אַליין מקיים זיין די מצוות; מזכה זיין וואָס גרעסערע המוני בני ישראל מיט דער מצוה פון הנחת תפילין, אד״ג — דאָס זיינען די תקנות וואָס דער „בן זכאי״ פון אונזער דור איז מתקן בכל עת ובכל זמן. איז קלאָר, אַז אויך ווען עס קומט פון רבי׳ן שליט״א אַזאַ הוראה וואָס זעט אויס ווי אַן איינמאָליקער ענין פאַר אַ באַשטימ־

טער צייט, איז באמת אויך אין דעם פאַראַן דער תיקון וואָס פאָדערט זיך אין דעם גע־געבענעם מאָמענט.

וועט מען נאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער לויט ווי מיר קענען פאַרשטיין פון דער התעוררות פון דעם רבי'ן שליט"א צו לערנען היינטיקס יאָר דעם אגרת התשובה, און אויך שטיצנ־דיק זיך אויף די ווערטער וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו הערן בנוגע צו דעם.

דער דין איז דאָך אַז „כל העוסק בתורת עולה כאלו הקריב עולה" — ווער עס לערנט די דינים פון אַ קרבן עולה, איז גלייך ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ קרבן עולה (שו"ע אדמוה"ז ס"א סי"א במהדו"ב שם בסוף הסימן). און לויט דער דעה אין גמרא (מנחות ק"י, א) איז עס ניט נאָר „כאלו" (מיט אַ כ' הדמיון) — ווי מ'וואָלט מקריב געווען, נאָר אַז דער וואָס לערנט אין תורה די דינים פון אַן עולה למשל, דאַרף ער נישט קיין קרבן עולה, דאָס לערנען האָט שוין עס אויפגעטאָן. און אין אַ געוויסן ענלעכן אופן איז דאָס אויך ביים לערנען דעם „אגרת התשובה", וואו עס ווערן אַרומגע־רעדט די הלכות פון תשובה לויט די אויפ־קלערונגען פון תורת החסידות מיט די פאַר־שידענע „מדריגות" פון תשובה.

תשובה אין פשוט'ן זין פון דעם באַגריף — מוז דאָך זיין. עס זיינען אָבער פאַראַן געוויסע „מדריגות" אין תשובה צו וועלכע עס איז ניט אַזוי לייכט צוצוקומען. ניט יעדער איינער קען האַלטן ביי די געהויבענע „מדריגות" פון תשובה. נאָך עפּעס: עס איז אויבנדערמאָנטער אומבייט: דאָס לערנען וועגן די „מדריגות" פון תשובה אין „אגרת התשובה" איז „כאלו" (אָדער נאָכמער פון „כאלו"), ווי מ'וואָלט געהאַלטן ביי די „מדריגות" פון תשובה. נאָך עפּעס: עס איז דאָך אויך אַן אָפּגע'פסק'נטער דין אין תורה „תלמוד שמביא לידי מעשה" (קדושין מ, ב. הלכות ת"ת לאדמוה"ז פ"ד ה"ב) — לערנען תורה ברענגט צום פּראַקטישן מקיים זיין דאָס וואָס ס'שטייט אין תורה. אַזוי אויך דאָס לערנען אין „אגרת התשובה" וועט דערברענגען צום ווירקלעכן דערהויבן זיך צו די אַלע „מדריגות" פון תשובה — אויך צו די הויכקייטן, וואָס איז גאָרניט לייכט זיי צו דערגרייכן.

אייניקע שטחיות'דיקע באַמערקונגען בשייכות מיט „אגרת התשובה":

דער ספר „התניא", פון וועלכן דער „אגרת התשובה" איז אַ חלק, איז דער גרונט־ספר פון תורת חסידות חב"ד. תורת חב"ד לערנט אונז, ווי אַזוי מ'זאָל באַנעמען און פאַרשטיין אַן ענין רוחני מיט אַ קלאָרן און גרונטיקן פאַרשטאַנד. תורת חב"ד גיט צו פאַרשטיין דעם גאַנצן טיף־קאָמפּליצירטן וועזן פון די גייסטיקע כחות הנפש פון אַ אידן, — די אייגנשאַפטן און ווירקונגען פון שכל, מדות, זייערע אַפּצווייגונגען און לבו־שים. אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן יענע כחות און אויסדרוקן פון נפש — וועלכע זיינען וועזנטלעך העכער פון פאַר־שטאַנד און וואָס מוזן סוף־כל־סוף איבער־געלאָזט ווערן צו די יעניקע אויפנעם־כלים און געפילן פון אידן וועלכע זיינען אויך העכער פון שכל — אַפילו בנוגע זיי לערנט תורת חב"ד, אַז דער צוגאַנג צו דערוועקן און אַנטפּלעקן יענע נפש־כחות פירט דורך דעם וועג פון שכל. חב"ד הויבט אויף דעם פאַרשטאַנד צו יענע אויסגעאיידלטע הויכ־קייטן וואָס בינדט צוזאַמען פאַרשטאַנד מיט די הנחות און געפילן פון איבער־פאַרשטאַנד.

דער כוח פון „מסירת נפש" וואָרצלט אין די טיפקייטן פון נפש — אַ כוח וואָס איז בעצם אַ סך העכער פונעם כוח השכל. ווייזט חב"ד דעם וועג ווי אַזוי אויך אָט־דעם כוח צו דערוועקן און אַרויסרופן דורך פאַרשטאַנד. און דאַן ווען דער כוח המסירת נפש ווערט דערוועקט דורך שכל און פאַרשטאַנד, בלייבט ער נישט אָפּגעזונדערט און אָפּגעטראָגן פון אַנדערע כחות, נאָר פאַרקערט: ער ווערט אַראָפּגעטראָגן און נעמט דורך די אַנדערע כחות פון נפש, אַז אויך זיי זאָלן ווירקן מיט דער אומגעהויערער קראַפט וואָס דער כוח פון מסירת נפש פאַרמאָגט אין זיך.

און ווי דער געדאַנק ווערט אַזוי שאַרף־וואונדערלעך אויסגעדריקט אין דער קורצער חסידישער פראַזע: „גישט שטאַרבן מיט מסי־רת נפש נאָר לעבן מיט מסירת נפש". דער מיין פון דעם איז אַז מסירת נפש זאָל ניט אויסווירקן אַז די כחות פון אידן זאָלן שטיין אין אַ תנועה פון אויסגיין און ווערן אויס — ווי דאָס פאָדערט זיך אין בלויז באַשטימ־טע פאַלן ווען מ'דאַרף זיך מוסר נפש זיין — נאָר דער כוח פון מסירת־נפש דאַרף ווירקן אַן אויפלעב פון די אַלע כחות, זיי זאָלן זיין באַזעלט און באַלעבט מיט'ן עצם־כח פון מסירת־נפש.

און אַזוי אויך בנוגע דעם ענין פון תשובה, וואָס איז אויך בעצם אַ תנועה פון נפש וואָס איז העכער פון פאַרשטאַנד. חסידות חב"ד מאַנט, אַז אויך די תנועה פון „עצם הנפש" זאָל קומען דורך התבוננות און פאַר־שטאַנד, וואָס דאַן איז די תשובה נישט בלויז אַן ענין וואָס שליסט אָפּ אַ פאַרגאַנגענעם וועג, נאָר זי איז אויך אַ מיטל וואָס ברענגט צו מעשים טובים און באַלעבט זיי; ווי דער אויסדרוק פון חז"ל: „תשובה ומעשים טו־בים" — טייטשט חסידות אַז דורך תשובה זיינען די ווייטערדיקע מעשים — „טובים" (פון לשון „וירא אלקים את האור כי טוב").

און דערפאַר ווען דער אַלטער רבי קומט

(סוף אויף זייט ד')

העלדן

ד״ר וו. גרין •

אמעריקע איז אַ לאַנד פון „העלדן". יעדער וואָס באַזוכט די הויפּט־שטאָט וואַשינגטאָן, ווערט גאָר גיך באַאײַנדרוקט פון די הונדערטער סטאַטועס פון „העלדן" וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויף די עפנטלעכע פלעצער און סקווערן. מאָנומענטן פון דעם אָדער יענעם העלדישן גענעראַל. צייטנווייז איז פשוט שווער צו באַנעמען, ווי אַזוי האָט עס אַזאַ יונג לאַנד (וואָס האָט הינטער זיך בלויז אַ פּאָר הונדערט יאָר געשיכטע) געקענט אַרויסגעבן אַזויפיל העלדן. דערפאַר אַפּנים, ווייל מיר האָבן אַ מאַנגל אין הי־געבוירענע העלדן, האָבן מיר די פּראָבלעם געלייזט דורך דעם, וואָס דעם סאַמע אָנגעזעענסטן פּאַרק פון דער הויפּטשטאָט, וועלכער געפינט זיך קעגנאיבער דעם „ווייסן הויז", האָט מען געווידמעט צו אויסלענדישע גענעראַלן — דאָ קען מען אָנטרעפן אַ פּוילישן גענעראַל, צוויי פראַנצויזישע, און אַ דייטשישן...

אָבער העלדנטום שטייט ניט איין בלויז ביי גענעראַלן. כאָטש יעדע וואָך קומט פאָר אַ צערעמאָניאַל צו באַערן אַלץ נייע העלדן. איינער, למשל, האָט מיט גרויס געשיקטקייט אומגעבראַכט אַזש 12 מענטשן; און דער צווייטער האָט פאַרניכטעט אַ פולן סקלאַד מיט שפּייז; דער דריטער איז אַ ריכטיקער העלד — ער האָט מיט איין באָמבע אָפּגעווישט אַ גאַנץ שטעטל...

אין דער ווירקלעכקייט, אָבער, באַערן מיר ניט בלויז מלחמה־העלדן. אַמעריקע פאַרהערלעכט אויך, אויף אַ משונה׳דיקן איבערגעטריבענעם אופן, די פרידלעכע „העלדישקייט": דעם בייסבאָל שפּילער וואָס פאַרשליידערט דעם באַל איבערן פּאַרקאַן גאַנצע פופציק מאָל אין סעזאָן; דעם פוטבאָליסט וואָס קען איינהאַנטיק לייכט אַראָפּקנאַקן דריי אַנדערע שפּילער; דעם קולאַקן־שלעגער וואָס קען זיין אָפּאָנענט אַוועקלייגן אַ באַוואוסטלאָזן, אד״גל. זיי זיינען אונזערע פאָלקס־העלדן, וואָס קריגן אַריין די זעלביקע געלט־באַלוינונגען ווי די סאַמע שפּיצן פון די גרויסע אינדוסטריעס...

וואָס אַן אמת, די אַקאַדעמישע וועלט איז שוין מער באַרעכנט אין דעם. אוודאי פּאַסט ניט פאַר אַן אוניווערסיטעט, למשל, צו גלאָריפיצירן רויע פיזישע קראַפט און בלוט־פאַרגיסונג. אין די אוניווערסיטעט־קרייזן ווערט אַרויסגערוקט אַ „נייער" מין „העלד": דער „פלאַמיקער" אָראַטאָר, וואָס קען אויפרייצן די אומרייפע און צעמישטע צו רויבן, ברענען און פּלינדערן — ער ווערט איינגעלאַדן אויף לעקציעס און סעמינאַרן. דער סטודענטן־פירער, וואָס שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר פון ביבליאָטעק און לאָזט ניט לערנען די אַנדערע סטודענטן — ער ווערט פאָרגעשטעלט ווי דער סימבאָל פון אַקטיווקייט און פון אויפטוערישקייט.

און דער פּראָפעסאָר, וואָס „אַנטדעקט" אין אַ „ניי ליכט" די אוממאָראַלישקייט און פאַרדאָרבנקייט פון אַלטן רוים און בבל, און שטעלט עס פאָר ווי אַ „נייעם אויסדרוק פון מאָראַל" — ער ווערט באַצייכנט אין אַלע צייטשריפטן ווי דער „אַקאַדעמישער העלד", וואָס וואַגט דורכצוברעכן די געשיכטלעכע מויערן פון פאַרגאַנגענהייט.

אַמעריקע איז אַ לאַנד פון העלדן: מיליטערישע העלדן, ספּאָרטס־העלדן, קולטור־העלדן. זייערע מעשים ווערן ברייט פּובליצירט און זייערע מיינונגען ווערט צוגעטיילט גרויס ערנסטקייט און חשיבות. און אפילו פּאָליטישע פּאַרטייען יאָגן זיך נאָך אָט־די העלדן, בכדי צו באַשטימען זיי ווי קאַנדידאַטן פאַר הויכע פּאָליטישע פּאָזיציעס. נאָך אַלעמען, ווער וועט עס שטימען ביי די וואַלן קעגן אָנערקענטע פאָלקס־העלדן? זיכער ניט אָט־די געזעלשאַפט וואָס וואַרעמט זיך און „לעקט די פינגער" פון אָט־דעם העראָאיזם.

און אַוודאי ניט אַזאַ געזעלשאַפט וואָס

טיילט־צו די גלאָררייכע נצחון־קרוין דעם פלינקסטן אויטאָמאָביל טרייבער, דעם פעיקסטן גאָלף־שפילער און דעם פאָפולערסטן אַקטיאָר.

צייטנוויז דוכט זיך, אַז אויך דער אידישער ציבור איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט־דעם משוגענעם געיעג צו שאַפן פאָלקס־העלדן. נאָר ניט געקוקט ווי ווייט געוויסע אידישע קרייזן זיינען פאַרזונקען אין אַסימילאַציע — האָבן זיי דאָך אַן אַנדער סאָרט נויגונג און מיינונג ביים צוקלייבן זיך אַ העראָאישע געשטאַלט. מיר אידן האָבן זיך נאָך ניט דערקייקלט אַזוי ווייט ביז צו גלאָריפיצירן מיליטערישע אָדער ספאָרטמענישע „העלדן" (הגם ס'איז אויך אַביסל ריזיקאַליש אויסצורעכענען די אידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס פאַרנעמען זיך שוין אין אָט־דער ריכטונג). אונזערע „העלדן" זיינען נאָך אַלץ געבונדן מיט אַ געוויסער מאָס גייסטיקייט. אונזערע באַנקעטן און „טעסטימאָניאַלן" און באַערונגען זיינען נאָך אַלץ הויפטזעכלעך רעזערווירט פאַר גרויסע מנדבים (רוף זיי ניט אָן „גיבורים", נאָר „גבירים"). אונזערע פאָלקס־העלדן זיינען די אידן וועלכע גייען אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון „זבולון".

ווי די חז"ל דערציילן, איז דעם שבט זבולון צוגעטיילט געוואָרן גרויס אָנערקענונג און פאַרדינסטפולע גייסטיקע זכותים — טראָץ דעם וואָס זיין עיקר באַשעפטיקונג איז געווען ניט אין תורה — ווייל זייענדיק זייער רייך האָט ער באַזאָרגט די באַדערפענישן פון זיין ברודער — שבט יששכר, וואָס איז געזעסן על התורה ועל העבודה. איז געוויס דער „זבולון"־איד אויך איצט ווערט באַערט צו ווערן פאַר זיין אונטערשטיצן גוטוויליק די מוסדות התורה און די אַנדערע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס. אַזאַ באַציאונג צו „זבולון" האָט די תורה פולקאָם באַרעכטיקט. און דאָך איז אויך אָט־די געוואוינהייט אונזערע ניט פריי פון אומגעזונטע דערשיינונגען. ערשטנס, האָבן מיר אַנטוויקלט אַ טענדענץ צו באַצייכענען יעדער נדבן מיטן טיטול זבולון. איטלעכער וואָס קויפט אַ שווים־באַסיין פאַר אַ קהילה־צענטער, אָדער אַ שטיק באָדן פאַר אַ מושב־זקנים, און יעדער וואָס שיינקט אַ קלאַס אין אַ שולע — ווערט פאַררעכנט ווי אַ „זבולון". מיר פאַרגעסן, זעט אויס, אינגאַנצן דעם פאַקט, אַז זבולון האָט זיין שכר באַקומען דערפאַר וואָס ער האָט געשטיצט דאָס לערנען פון תורה. נאָכמער, אין אונזער פלייסיקער באַמיאונג צו באַערן „זבולונען", האָבן מיר פולשטענדיק איגנאָרירט... יששכר'ן גופא. אונזער גאַנצער סדר פון ווערטן האָט זיך איבערגעדרייט: זבולון איז געוואָרן דער „העלד" פון פאָלק, און יששכר, דער וואָס לערנט אליין תורה, ווערט פאַרוויגט ווי אַ בטלן. אונזערע קינדער זעען דאָך ווער עס באַקומט דעם חשוב'ן אויבנאָן. וועלן זיי דעריבער גיכער וועלן זיין „זבולונס" אידער „יששכרס"; אַזוי אַרום וועלן זיי דאָך זיך איינשאַפן מער באַנקעטן!

(אָט־די פעלשונג פון ווערטן דערפירט שוין אַזוי ווייט, ביז צו אַן אומגליקלעך שטייגנדיקער סיטואַציע, ווען מיר טראָגן אונטער דעם טיטול „זבולון" צו פילאַנטראָפן וואָס גיבן זייער שטיצע צו ניט־אידישע מוסדות. עס זיינען דאָ גאָר גרויסע געבערס, וואָס גיבן ריזיקע סומעס דווקא צו וועלטלעכע לערן־אינסטיטוציעס, אוניווערסיטעטן, און אפילו קאַטוילישע האָספיטעלער. אָרדענען מיר איין אויך פאַר זיי גרויסאַרטיקע באַנקעטן; און מיר האָפן צו קריגן פון זיין אַביסל „שיריים", ברעקעלעך פון זייער טיש).

צום גרויס באַדויערן האָבן מיר, אין דעם געיעג צו שאַפן נייע פאָלקס־„העלדן", פאַרנאַכלעסיקט צוויי עיקר'דיקע עלעמענטן, וועלכע זיינען היסטאָריש געבונדן מיט אידישן העראָאיזם: די עלעמענטן פון גייסטיקייט און זעלבסט־אָפפערונג.

צווישן אונזערע גרויסע פערזענלעכקייטן זיינען אויך געווען אַזעלכע וואָס זיינען געווען געבענטשט מיט מאַטעריעלע פאַרמעגנס. אָבער ניט צוליב דעם זיינען זיי געווען די „העלדן" פון פאָלק. אברהם אבינו איז געווען געבענטשט מיט גשמיות'דיקן רייכטום. זיין ראָלע, אָבער, אין די אידישע פאָלקס־אַנאַלן ווערט פאַרהערלעכט צוליב זיין דערהויבענער מידה פון חסד און זיין שטרעבן אַריינצוברענגען קדושה אין דער וועלט. משה רבינו האָט אויך געפירט דעם עם ישראל אין זיגערישע מלחמות — אָבער ער איז געבליבן איינגעקריצט אויף אייביק אין האַרץ פון כלל ישראל ווי דער גרעסטער נביא, אונזער ערשטער און העכסטער לערער, „רבינו", און גרעסטער עניו. אונזערע גדולים זיינען די גרויסע תלמידי־חכמים און צדיקים, די וואָס לערנען דעם פאָלק, די וואָס מוטיקן און היילן זיין גייסט. אונזערע העלדן קענען אַמאָל זיין קראַנקע און שוואַכע קערפערלעך, און פונקט אַזוי קענען זיי זיין פיזישע גבורים — אָבער אַלעמאָל אָנגעלאָדן מיט אינערלעכער גבורה און אַלעמאָל פול מיט דערהויבענער גייסטיקייט.

און ס'איז וויכטיק צו געדענקען: אָט־די גדולים אונזערע האָבן ניט אַלעמאָל דורכגעפירט זייערע העראָאישע טאַטן אונטערן קלאַנג פון טרומפייטן און שרייענדיקע, ליכט־פלייצנדיקע נייעס־קעפלעך. עס האָט אפילו געטראָפן אַז אַזאַ איינער זאָל גאָר ניט אָנערקענט ווערן ביי זיין לעבן. צוזאַמען

מיט די גרויסע תלמידי־חכמים וועלכע האָבן מיט זייער תורה באַליכטן דורות גאַנצע, און צוזאַמען מיט די צדיקים וועלכע האָבן אָפּן געשיינט מיט צדקות, האָט אונזער פאָלק זייער פאַרהעלדישט די איינצלנע אידעלע נשמות וועלכע זיינען שטענדיק גרייט געווען צו העלפן אַ צווייטן אידן — צו יעדער צייט און מיט יעדער מעגלעכקייט.

אין דער גאַלעריע פון אונזערע גייסטיקע העלדן איז דאָ אַ גאַר חשוב׳ער פּלאַץ פאַרן באַהאַלטענעם „צדיק״, דער וואָס גיט אַוועק דעם צווייטן — און טוט עס פּשוט, און שטיל און באַשיידן — און ער גיט ניט בלויז דאָס וואָס ער קען פון זיך אָפּשפּאָרן. דער פריערדיקער רבי נ״ע האָט אונטערשטראָכן, אַז „מסירת נפש״ מיינט ניט „שפּרינגען פון דאַך״, און תשובה באַדייט ניט דאָס „רייסן די האָר פון קאָפּ״. אָפּטמאָל דריקט זיך אויס אַ העראָאישער אַקט דווקא אין אַ פּשוטן טאַט; אַזאַ וואָס „פאַרדינט״ ניט קיין דאַנק, און אָפּגערעדט פון אַ באַנקעט. ס׳איז אַלעמען באַקאַנט די מעשה וואָס דער בעל־שם־טוב האָט דערציילט וועגן איינעם אַן אָרעמען האָלץ־העקער, וואָס איז געווען גרייט אַוועק־צוגעבן זיין גאַנץ עולם־הבא בכדי דורכדעם צו ראַטעווען אַ אידישע קהילה פון אַ שלעכ־טער גזירה. אַזאַ איינעם פעלט גאָרניט אין אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיין אייגענער העל־דישקייט: אַ איד איז הונגעריק מוז איך אים באַשפּייזן; אַ אידישער ציבור נויטיקט זיך אין עפּעס וואָס איך פאַרמאָג — מוז איך עס אַוועקגעבן; וואָס דאָס זאָל ניט זיין — אָן חשבונות און אייגננוצלעכע אויסזיכטן.

איז דעריבער אַזוי דערמוטיקנדיק ווען מען איבערצייגט זיך, אַז אַט־דער טיף פון אידישן העראָאיזם איז נאָך ב״ה ניט פאַר־שוואונדן. אמת, מ׳פאַרזעט זיי אָפּט, אָבער עס עקזיסטירן דאָך אַזעלכע קלאַסישע גע־שטאַלטן פון אידישן העראָאיזם — די יע־ניקע וואָס זיינען אָפּטמאָל ניט באַוואוסטזי־ניק פון זייער אייגענער גייסטיקער גבורה־העלדישקייט. זייער העראָאישער טאַט איז שטיל, באַשיידן, אַן אויפּרייסנדיקע איינ־דרוקן, אָבער עס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם טאַט די טיפע שיין פון מסירת־נפש און די ליכט פון קדושה, אין וועלכע אונזער פינס־טערע וועלט נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק.

אין משך פון מיין אַרומפאָרן איבערן לאַנד, לעצטן יאָר, בין איך פערזענלעך געווען אַן עדות צו אַט־אַזעלכע העראָאישע מעשים פון די דאָזיקע אידישע העלדן.

כ׳האָב געטראָפן אַ חסידיש פאָרפאָלק, וואָס האָבן פאַרלאָזן אַ באַקוועמע היים מיט אַ פיינעם געהאַלט און האָבן דאָס פאַרביטן אויף אַ וויניק־באַצאָלטער פּאָזיציע אין אַ פרעמדלעך־אומהיימישער און פאַרוואָרפענער קהילה אין די וויטענישן פון לאַנד. ער איז דער איינציקער איד מיט אַ באָרד צווישן די הונדערטער טויזנטער מענער אין שטאָט; און זי איז דאָרט די איינציקע פרוי וואָס באַנוצט אַ מקוה. זייער עלנטקייט און איזאָ־לירטקייט איז אומבאַשרייבלעך. זייער לעבן נאָך אַביסל היימישער פריינטלעכער וואָ־רעמקייט איז געוואַלדיק. און דאָך איז דאָס יונגע פאָרפאָלק דאָס איינציקע רינגעלע וואָס שליסט צונויף דאָס ביסל אידן אין שטאָט מיט דער הייליקער תורה. די יונגע פרוי איז די איינציקע וואָס לערנט די אידישע פרויען וואָס דער איבערשטער וויל פון אַ אידישער טאָכטער. אַט־די ניט־אָנערקענטע אידישע העלדן ברענגען אַריין יהדות און קדושה אין אַ קיבוץ פון אידן, וואָס וויסן אַפילו ניט אַז זיי נויטיקן זיך דערין און אַז זייערע נשמות לעכצן דערצו.

כ׳האָב באַגעגנט אַ יונגן חסידישן יונגער־מאַן, וואָס איז געפאָרן הונדערט מייל בכדי צו לייגן תפילין מיט אַ אידן, וואָס איז שוין געלעגן אויפן טויטן־בעט. כ׳האָב גע־זען ווי דעם קראַנקנס פרוי האָט פאַרהאַקט די טיר פאַרן יונגערמאַן און די תפילין זיינען געבליבן ניט געלייגטע. ער האָט זיך אָבער ניט אָנטוישט און ניט נאָכגעלאָזט. ס׳איז אים געלונגען צו באַאיינפלוסן דעם קראַנקנס אַן אייניקל — און דער חסיד האָט דעם יונגן אייניקל אויסגעלערנט ווי אַנצו־טאָן די תפילין און מאַכן די ברכה, בכדי דער אייניקל זאָל אין אַ פּאַסיקן מאָמענט זיך אַריינכאַפּן צום זיידן און מיט אים מקיים זיין די מצוה — די לעצטע מצוה אין זיין לעבן.

און איך האָב באַגעגנט אַ פאָרפאָלק וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַ שטאָט אין דעם דרום־מערב׳דיקן מדבר, בכדי צו עפענען דאָרט אַ תורה־טרייע טאָג־שולע. ניטאָ דאָרט קיין אָרטאָדאָקסישע קהילה, ניטאָ קיין מנין, ניטאָ קיין כשר׳ע יאַטקע. האָט דער יונגער־מאַן געשאַפן אַ מנין פון צען בחורים, ווע־מען ער האָט אויסגעלערנט דאַוונען, זיין פרוי באַקומט אַ שטיקל כשר פלייש פון טויזנט מייל אַוועק, זייער עלטערער זון פאָרט לערנען אין אַ ישיבה, וואָס איז ניין הונדערט מייל ווייט. און בכדי צו דערגרייכן די נאָענטסטע מקוה, שניידן זיי דורך הונ־דערט און צוואַנציק מייל פון מדבר׳דיקער וויסטעניש. ווער „דאַרף״ דאָרטן האָבן „זייער״ טאָג־שולע? און קיינער וויל זי ניט שטיצן מיט געלט. אָבער דער יונגער־מאַן האַלט זיך פעלזן־שטאַרק אויף זיין אָרט, ער שאַפט די נויטיקע פאָנדן און גייט פון טיר צו טיר אויפצוקלייבן אידישע קינדער־לעך. זיין היים איז דער דערקוויקנדיקער אָאַזיס פאַר יעדן פאַרבייפאָרער, וואָס דאַרף אַ כשר׳ן מאָלצייט אָדער האַלטן שבת, אינעם גרויסן פיזיש־גייסטיקן מדבר.

איך האָב אָנגעטראָפן נאָך אַ יונגערמאַן, וואָס האָט, ממש פון גאָרניט, געשאַפן אַ תורה־צענטער, וואו יונגע מענטשן אָן אַ תורה׳דיקן הינטערגרונט קענען זיך אָנשעפן און אויסלעבן אין אַ גייסטיקער תורה־אַטמאָספערע, און פאַרזוכן דעם אמת׳ן באַדייט און געשמאַק פון אַ שבת, אַ וואָרט תורה, אַ מצוה. און ווען וואַנדאַלן האָבן פאַרברענט און חרוב געמאַכט דעם צענטער האָב איך געזען, ווי ער האָט אויף די חורבות פונעם „צענטער" צונויפגעזאַמלט איניקע צענדליק אינגלעך, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייערע פרייע זונטיקס, בכדי צו אויפזוכן די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון די הייליקע ספרים און זיי מקבר זיין. אינגלעך וואָס האָבן קיינמאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאַט צו וויסן עפּעס פון און וועגן תורה, זיינען אַ דאַנק אָט דעם יונגערמאַן אַליין געוואָרן אידישע העלדן, פול מיט דרך־ארץ צו זייער תורה — ווייל מסירת־נפש מיינט ניט שפּרינגען פון דאַך. פאַר אָט־די אַמעריקאַנער אינגלעך האָט דאָס געמיינט: צו אַוועקגעבן זייער צייט (ווען אַלע זייערע חברים זיינען געוועזן צוגעקאָכט צו אַ פוטבאָל־פאַרמעסט און טי. ווי.) בכדי צו מקבר זיין פאַרברענטע „הייליקייטן" אויפן בית־עולם. זייערע טרערן האָבן זיך באַהעפט מיט די טרערן פון די הונדערטער אידישע קהילות — אין אונזערע צייטן און דורך אונזער לאַנגער פאַרטרויערטער געשיכטע — און זיינען אויף דעם אופן געוואָרן אַ טייל פונעם כלל ישראל.

און נאָך און נאָך אַזעלכע העלדישע אַמעריקאַנער אידן האָב איך געזען. יאָ, מ׳האָט פאַר זיי קיין „טעסטימאָניאַל־דינערס" און קיין באַנקעטן ניט געמאַכט, אָבער מעגלעך אַז מיין „טעסטימאָניאַל" איז ווירקלעך דער איינציקער וואָס קען גענומען ווערן אין חשבון: איך וויל, און איך ווינטש מיך, אַז מיינע קינדער זאָלן זוכה זיין אויסצוואַקסן אַזעלכע אמת׳ע אידישע העלדן ווי די וואָס איך האָב דאָ אָקאָרשט דערמאָנט.

אגרת התשובה / סוף פון זייט ג׳

אין אגרת התשובה צו דער דערקלערונג פון „דרך האמת והישר לבחי׳ תשובה" — פון דעם אמת׳ן און ריכטיקן וועג צו תשובה, זאָגט ער אויף דעם אַז דער שלימות׳דיקער אופן איז דורך שכל און פאַרשטאַנד, און דאָס איז דורך צוויי אופנים: איין אופן: „כאשר יתבונן המשכיל" — ווען דער משכיל (דער מענטש פון פאַרשטאַנד) וועט זיך טיף אַריינטראַכטן אין דער גרויסקייט פון דעם אויבערשטן קעגן וועמען ער האָט געזינדיקט; אָדער (ביים צווייטן אופן) „להיות ממארי דחושבנא בעומק הדעת" — צו זיין פון די וואָס מאַכן אַ חשבון מיט דעת־טיפעניש, „להעמיק דעתו ובינתו" — צו פאַרטיפן זיין דעת און פאַרשטאַנד, אין דעם וואָס ער האָט געווירקט דורך זיינע חטאים — סיי די ווירקונג פון „גלות השכינה" למעלה, און סיי דאָס וואָס זיין נפש האלקית דאָ למטה ווערט אָפּגעריסן פון זיין שורש אין „חיי החיים", אין דער ג־ט׳לעכקייט וואָס באַלעבט דעם לעבן זעלבסט.

אָבער אידער דער אַלטער רבי הויבט אָן דערקלערן דעם „דרך האמת והישר" צו תשובה, גיט ער פריער אַן „אַריינפיר" וואו עס ווערט ערשטנס באַוואָרנט, אַז ס׳איז ניט ריכטיק ווי דער „המון" (מאַסן) האָט על־פי טעות אָנגענומען די זאַך פון פאַסטן ווי אַ וועזנטלעכער טייל פון תשובה; און אויך ווערט דאָרט אַרומגערעדט אויספירלעך — וואָס אַ נשמה פון אַ איד שטעלט מיט זיך פאָר, איר שטאַרקע פאַרבינדונג מיט איר ג־ט׳לעכן שורש און ווי אַזוי אַ חטא מאַכט קאַליע אָט־דעם קשר מיטן אויבערשטן.

און דאַן ווייזט דער אַלטער רבי דעם „דרך האמת והישר", ווי אַזוי עס דאַרף זיין דער ערשטער טראָט צו דער הויפּט זאַך פון תשובה; און מיט וואָס אָפּצואווישן דעם פגם אין נפש; גאַנץ מאַכן דעם באַשעדיקטן אָדער אָפּגעריסענעם פאַרבונד מיטן ג־ט׳לעכן שורש למעלה און שליסלעך וועלכע ענינים עס דאַרפן געטאָן ווערן בכדי צו שאַפן יענעם נחת־רוח פאַרן אויבערשטן, וואָס דורך דעם זאָל דער בעל־תשובה ווערן באַליבט ביים אויבערשטן ווי פאַרן זינדיקן — ביז צו די העכסטע מדריגות פון תשובה, ווי „תשובה עילאה" וכו׳.

אָבער אויספירלעכער וועגן די דערמאָנטע ענינים — אי״ה אין אַ קומענדיקן אַרטיקל.

אַ צפת׳ער איד

דוד זאַריצקי •

אַ צפת׳ער איד הייסט ניט נאָר דער וואָס וואוינט אין צפת, קוקט יעדן טאָג אויף די האָרבאַטע בערג, פאַר׳חלומ׳ט זיך אין ווייט־קייטן מיט די אַלטע מצבות, קריכט אַרויף און אַראָפּ אין די געדרייטע געסלעך און טובל׳ט זיך אין דער אייז־קאַלטער מקוה פון אר״י הקדוש.

אַ צפת׳ער איד איז אַ באַגריף. דאָס איז אַ באַזונדער מהות, וועמענס אָרעמקייט איז אַ חלק פון זיין גוף; וועמענס אויגן קוקן נאָר אין זיך און אַרום זיך ד׳ אמות׳דיק. אַ צפת׳ער איד האָט זיין אויסשפּראַך; אַ צפת׳ער בערדל איז מער פאַר׳חלומ׳ט ווי, צום ביישפּיל, אַ ירושלימ׳ער אָדער אַ טבריי׳ער. צפת קוקט אַליין אַרונטער אויף צענדליקער קילאָמעטער אַרום זיך, און אי־רע איינוואוינער אויך. זיי דערגרייכן מיט זייער בליק ביז מירון, אַמאָל — ביז ראש פּינה; קוקן אַרונטער צום כנרת און גלאָצן אויפן שמאָלן ירדן.

אַ צפת׳ער איד איז קיינמאָל ניט אָרעם, די אָרעמקייט איז אַרום אים: אינעם עסן, אין די קליי־ער, אין די מעבל, אין די נאַס־לעכע ווענט פון זיין איינגעבויגענער דירה. אָבער ער אַליין האָט אַ צפת׳ער, אַלטמאָ־דישן, אָבער עכט־אידישן, שמייכל. ער גלאָצט פון אונטער די ברילן אַפּער, צופּט פאַרטראַכט זיין באָרד און פילט שטענדיק אַז ער געפינט זיך ניט ווייט פון „שולחן ערוך״, פון אר״י, פון ר׳ משה קורדובירו און פון ר׳ משה אלשיך. ער ווייס זיין יחוס, האַלט אים אונטער דער פּאָלע, אָבער אויף דרויסן זעט מען גאָרניט.

און ר׳ שמואל איז געווען אַ צפת׳ער איד.

ווען מען זאָגט היינט: „אָרעם״, הייסט עס אַפילו היינט אין צפת, אַז ער האָט ניט יעדן טאָג קיין שטיקל פליש, אַז ער האָט ניט קיין מאָדערנע וואוינונג, אַז ער קען ניט פאָרן יעדן ווינטער אין טבריי־ה.

אָבער אין ר׳ שמואל׳ס צייטן ווען מען האָט געזאָגט: „אָרעם״, האָט עס געהייסן: אַ טרוקן שטיקל ברויט אויף פרישטיק, מיט אַ ציבעלע אין אָוונט, מיט אַ קרופּניק ביי־טאָג. אויף שבת האָט מען געקויפט פיסלעך פון אַן עוף. דאָס האָט געגעבן פּעטשאַ און אַ זופּ דערצו. אַ שטייגער ווי דאָס אינגל האָט אים געפרעגט:

— טאַטע, דאָס הינדל באַשטייט נאָר פון פיסלעך?

און ר׳ שמואל איז געווען אַן אָרעמאַן.

אַ צפת׳ער אָרעמאַן איז עכטער: ס׳איז ניט בלויז ניטאָ עפּעס וואָס אויפן ברויט אַרויפ־

צולייגן, דאָס איז אָרעמקייט אויך אין פּאַרנעם. וויפל מען דאַרף — דאַרף מען ווייניקער, און וויפל מען גיט אויס — גיט מען אויס ווייניקער.

אין ירושלים, צום ביישפּיל, איז אויך פאַראַן אַ כולל־אָרעמקייט. דאָרט עסט מען ברויט מיט „שירעס״, ס׳הייסט ברויט מיט אַביסל בוימל אַרויפגעגאָסן און באַשאָטן מיט זאַלץ. אַמאָל כאַפּט מען אַ פּאָר איילבירטן. דאָס איז שוין אַביסל אַ תאוה׳דיק עסן. און אַז מען דאַרף צינדן ליכט, איז די רייכערע זיינען מהדר צו צינדן מיט בוימל שבת׳דיקע ליכט און די אָרעמערע צינדן אַ פּאָר קליינע חלב־ליכטלעך. אין צפת אין יענע יאָרן איז מען נאָך אָרעמער געווען. קיין קעראָסין איז ניט געווען. דאָס האָט מען דאָך געדאַרפט אַרויפשלעפּן מיט אייזעלעך אַ מהלך פון עטלעכע טעג פאָרן פון חיפה. אָבער בוימל האָט מען געקויפט ביי די אַרומיקע אָדער שטאָטישע אַראַבער. איז געווען אַ פּראַגע וואָס איז וויכטיקער, צי שמירן אַביסל בוימל אויפן ברויט פאַר די קינדער, אָדער אָנצינדן ביינאַכט אַ ליכטל פון בוימל צום לערנען, אָדער צום תקון חצות.

וועלכער איד, פרעג איך אייך, שטייט עס ניט אויף צו תקון חצות, און נאָך אין צפת, וואו דער אר״י הקדוש מיט זיין חבריא קדישא ליגט דערביי, ממש מיט די אויגן אַרונטערצוקוקן?

און ווי זעצט מען זיך ניט לערנען נאָך תיקון חצות כאָטש אויף אַ שעה־צוויי? ס׳איז דאָך פּשוט מחי׳ נפשות. ווען די נאַכט קייקלט זיך פון די בערג אַרונטער, דראַפּעט זיך אויף די שטיינערנע שמאָלע טרעפּלעך צווישן די צפת׳ער געשטאַלטן; ווען זי שלאָפט אַריין ביז אין פאַרטאָג ביי די טירן פון די הייליקע שולן, הינטער די אַלטע מצבות, שאָקלט זיך מיט די תקון־חצות־אידן און לערנט מיט זיי פרשת השבוע מיטן אלשיך הקדוש — ווי קען מען דען ניט לערנען?

איז וואָס זשע מאַכט מען מיטן בוימל? געבן דאָס קינד אָדער פאַרנוצן עס צום לערנען?

דאָס קינד בעט ניט שטאַרק. עס שטעקט נאָר אויס די אויגן, אָנשטאָט די קליינע, דאַרע הענטלעך. קיין ווערטער האָט עס ניט, דאָס קינד, מחמת עס האָט געלערנט צוזאַמען מיטן מילך פון דער מוטער, אַז לערנען איז פריער פאַר אַלץ; פריער פאַרן עסן, פריער פאַר דער מאַמען און פאַרן טאַטן, פריער אַפילו פון דאָס שטיקל ברויט.

שטייט דאָס קינד און קוקט.

אַביסל בוימל איז נאָך דאָ, אין אַ קליינינקן, ליימענעם קריגעלע וואָס דער טאַטע האָט אַמאָל געקויפט אין חברון ביי אַן אַראַבער. ער האַלט אַ פערטל קוואַרט און איז כמעט קיינמאָל ניט פול. דאָס איז ריינער שמן־זית, און ער שמעקט אַביסל ביטערלעך. אָבער ווען מען גיסט עס אַרויף אויף פרישן ברויט און מען באַשיט מיט זאַלץ, איז עס מחי׳ נפשות.

מילא, די מאַמע קען ווי עס איז אַדורכקומען. דער טאַטע — אוודאי. ער לערנט דאָך און ער ווייס אַז מען קען ניט האָבן ביידע וועלטן: אָדער מען עסט ברויט מיט בוימל — איז ניטאָ צום לערנען, אָדער מען לערנט פאַרן ליכט — איז ניטאָ צום עסן.

אָבער דאָס קינד —

דאָס קינד האָט גרויסע אויגן, וואָלט עס כאָטש געוויינט, איז עס אַ גוט קינד און וויינט ניט. נאָר עס שטייט נעבן קריגעלע מיט בוימל און קוק עס אָן, האַלט דאָס שטיקל ברויט אין הענטל און קוקט שווייגנדיק אויפן בוימלדיקן אויסזען פונעם בוימל.

הויבט אויף ר׳ שמואל די אויגן פון ספר, קוקט אָן דאָס קינד, זעט זיינע בעטנדיקע אויגן, זיינע הונגעריקע, בעטנדיקע הענטלעך און פרעגט רחמנות׳דיק:

— ווילסט אַביסל בוימל אויפן ברויט, מיין זיס קינד?

— י־י־י־אַ — שטאַמלט דאָס קינד אַביסל פון פחד און אַביסל פון וואָרטעניש, טאָמער קריגט ער יאָ דאָס ביסל בוימל.

— וועסטו בעסער לערנען? — פרעגט ר׳ שמואל זיין קינד.

— י־י־י־אַ — שטאַמלט דאָס קינד.

— ניין — מישט זיך אַריין די מאַמע — דו וועסט אַ גאַנצע נאַכט און אפשר עטלעכע נעכט בטל׳ען צוליבן ביסעלע בוימל, ער וועט שוין פעטער ניט ווערן. איך וועל אים אָנרייבן אַביסל קנאָבל, וועט עס אויך גוט שמעקן.

זי זאָגט און אַ טרער שטעלט זיך אין עפּענונג פון אויג; אַ מאַמע!

— אוי ווי — גיט זיך אַ כאַפּ ר׳ שמואל — איך האָב דאָך אויף ביינאַכט גענוג ליכט, פאַרוואָס זאָל איך דאָס קינד ניט מהנה זיין מיט אַביסעלע בוימל? קום, מיין זיס קינד, קום!

און ער האָט אים אָנגעשמירט צוויי שטיקלעך ברויט מיט בוימל, אָנגעשאָטן זאַלץ און דאָס קינד איז אַרויסגעלאָפן זיך באַרימען פאַר זיינע חברים, אַז ער האָט צוויי שטיקער ברויט מיט פרישן שמן־זית.

— איז ווי וועסטו לערנען? — וואונדערט זיך די פרוי.

— דו וועסט שוין זען, דו שלאָף נאָר רואיק, איך וועל שוין לערנען די נאַכט ווי אַלע נעכט.

אָבער ביינאַכט האָט די פרוי ניט געקענט שלאָפן. זי האָט געהערט איר מאַנס שטים פון צווייטן צימער, זי האָט געוואוסט, אַז

די וואַרעמקייט פון דיינע פינגער

צבי יאיר (שטיינמעץ)

„כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך" (תהלים ח, ד)

איך האָב דיך
נישט געזען,
אָבער איבעראַל
געפונען דיין שפור.
וואָס איך האָב באַטראַכט
האָט זיך מיר געדאַכט
אַז נאָר אַט וואָס
האָסטו דיין
אַרבעט אָפּגעטאָן —
און די וואַרעמקייט
פון דיינע פינגער
האָט זיך נאָכגעטוליעט
צו דיין באַשאַף.

אין יעדן ווינקל,
וואָס איך האָב באַטראַכטן,
האָט ערשט
פאַרביי גערוישט
דיין שאָטן.
אויף די גאַסן שטיינער
האָט זיך נאָכגעשלעפּט
די פּאָלע
פון דיין געוואַנט —
די ביימער האָבן
זיך נאָך באַוועגט
פון באַריר
פון דיין האַנט.

קיין שמן־זית צום באַלויכטן האָט ער ניט — טאָ ווי לערנט ער? אַמאָל קען מען לערנען ביי דער לבנה. צפת האָט אַ ליכטיקערע לבנה ווי אַנדערע שטעט אין דער גאַנצער וועלט, ווי איר ווייסט שוין. אָבער עס איז סוף חודש און אויפן גאַס איז פינסטער, וימש חושך. ווי לערנט ער?

גייט זי אַרונטער פון געלעגער, טוט ניט אָן די לאַפּטשעס, כדי מען זאָל ניט הערן קיין שאָרך, גייט צו צום טיר און עפנט שטיל־שטיל, אַז די טיר אַליין זאָל ניט הערן ווי זי עפנט זיך. ערשט זי זעט אַז אויפן טיש גלאַנצט עפּעס אַ מין פייערל וואָס צאַפּלט זיך, וואַרפט זיך, קוים־קוים וואָס מען באַמערקט עפּעס. אָבער דאָך לייגט זיך אַ קליין ביסל שטראַלכלעך אויפן טיש, אויף דעם גרויסן ספר און איר מאַן שטעקט אַריין זיין קאָפּ ממש אין ספר און לערנט.

איז זי דאָך נייגעריק און קען זיך ניט איינהאַלטן — שלייכט זי אַריין און איר מאַן הערט איר ניט, וואָרום ער איז אַריינגעטאָן אין לערנען. שטייט זי אַזוי הינטער אים און קוקט אויפן טיש.

אַ גרויסע טעלער שטייט אויפן טיש און אין טעלער וואַרפן זיך לויכט־ווערעמלעך, אַזוינע וואָס מען קען געפינען אין די טויזנטער אין די צפת'ער בערג. זיי וואַרפן זיך און יעדער איינער לויכט אַביסל. צוזאַמען מאַכן זיי אַ קליינעם פּאַקל. פּאָר אַ צפת'ער אידן ווי ר' שמואל איז עס גענוג צו זען תיקון חצות און נאָכדעם לערנען ביז אינדערפרי.

ר' שמואל האָט איר ניט דערציילט און זי האָט אים מער ניט געפרעגט. וואָרום זי איז דאָך אויך אַ צפת'ערין. אָבער זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אין שפּעטערדיקע יאָרן עס דערציילט אירע קינדער און אירע קינדער — זייערע קינדער, אַזוי איז עס אָנגעקומען די מעשה ביז אַהער.



א גרוס פון א מאסקווער אידן

געהערט פון אַ. צרפתי

ס׳איז געווען אַ טאָג אין חודש אלול תשכ״ז, אַ חודש אַן ערנסטער, אַ חודש פון תשובה. אָבער די אַטמאָספערע פון פּאַריזער לופט־פעלד „בורזשע״ איז געווען, ווי שטענדיק, ווייט פון ערנסטקייט און... פון תשובה. איך און אַ פריינט זיינען אַהין געקומען באַגלייטן אַ פּאָר אַפּפאָרער פון אונזער פיצינקער פרומער קהילה׳לע אין פּאַריז. ביים באַגלייטן האָט גענאַגט אַ מין קנאה־געפיל, ווייל די נוסעים האָבן דווקא אויסגעניצט אָט־די דערהויבענע טעג און זיינען געפאָרן דערקוויקן און דערוואַרעמען זיך העט־העט איבער די ימים, דאָרט וואו די ימים טובים ווערן געפייערט מיט אַ סך אידן און מיט אַ סך פייער.

מיט אַביסל אַ פאַרקלעמטן געמיט, פון די אָפּפאָרנדיקע נאָענטע פריינט און פון די אַנקומענדיקע פאַרכטיקע טעג, האָבן מיר זיך געקליבן פאַרלאָזן דאָס לופט־פעלד. אָבער דערווייל האָט דער הילכער אויסגערופן, אַז אין אַ קורצער ווײַלע וועט דאָ אַנקומען אַן עראָפּלאַן פון מאָסקווע. עס האָט פּלוצים ווידער אַ ווייע געטאָן מיט אומהיימלעכער ווייטקייט — און גלייכצייטיק מיט אַ נאָגעניש פון פאַרבאָרגענע ברויזן און אַלט־איינגעבאַקענע געדענקענישן.

„מיר וועלן שוין דאָ איבערוואַרטן דעם אַנקום פון דעם עראָפּלאַן... עס קומען דאָך פּאַסאַזשירן גלייך פון דאָרטן... און אפשר צווישן זיי אויך אידן״... (דער אמת איז, אַז מיר האָט באַזונדערס פאַראינטריגירט אַ געוויסע באַקאַנטע פּערזאָן, וואָס האָט אַן אַנגעשטרענגט־נערוועזער אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק — און געוויס אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַנקומענדיקן רוסישן עראָפּלאַן. ער איז מיר עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען, און זיך געמאַכט כלא־ידע. ער האָט מיר לחלוטין „ניט באַמערקט״).

די גרויסע רוסישע לופט־מאַשין האָט זיך אַרונטערגעלאָזן מיט רעש. דער עראָפּלאַן האָט אויסגעזען ככל העראָפּלאַנען — מעכטיק, גלאַנציק און רוישיק. אָבער די רוסישע פּאַסאַזשירן האָבן פאַרמאָגט דעם באַקאַנטן, און דאָך שוין אומבאַקאַנטן, חושכ׳דיק־גרויען אויסזען פון די בירגער הינטערן אייזערנעם פאָרהאַנג. איבערהויפּט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער „היימישער״ באַגאַזש זייערער: אומגעלומפּערטע קאַרטאָן־קעסטלעך „פאַרגאַרטלט״ מיט די טיפּישע רוסיש־האַריקע שטריק; לאַכמאַטשעטע קלומיקלעך איינגעוויקלטע אין גראָע קאָלדרעס און סתם פאַרעלטערטע גרויע רוסישע טשעמאָדאַנטשיקלעך. און די טרעגער זייערע האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט אַזעלכע מאָדנע פרעמדלעך אויפגעריסענע און צעשראָקענע אויגן. נו, קלאָר: אַלץ כמעט אַזוי ווי אַמאָל!

זיינען מיר געווען אַזוי „פאַרטיפט״ אין דעם נייעם בילד, פון דער „דאָרטיקער״ קעגנוואָרט, וואָס האָט אונז דערמאָנט דאָס טרויעריקע אַלט־באַקאַנטע פון דער פאַרגאַנגענהייט — און דאָ האָט זיך פון דער סצענע אַרויסגעשיילט אַ געשטאַלט, וואָס האָט דווקא אויסגעזען ניט ווי איינער פון „יענע בירגער״: אָנגעטאָן אין עלעגאַנטע

מלבושים און מיט אַ פּנים פון אחינו בני ישראל און, דאַכט זיך, אַפילו פרומע שטריכן. אויך ער האָט גלייך באַמערקט די צוויי בערדיקע אידן. געמיינט, אַז דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ פרישן אורח פון מאָסקווע — און דער שטאַרקער דראַנג נאָך אַ גרוס פון אידן אין יענעם לאַנד האָט אונז אויף גיך צוזאַמענגעפירט:

„איר קומט איצט פון מאָסקווע?" — האָבן מיר אים ווי אין גאַייל געפרעגט אַזוי קורץ און פשוט.

דער איד האָט געענטפערט: „יאָ, איך קום טאַקע פון דאָרט. אמת, ניט מיטן דאַזיקן עראָפּלאַן, ווייל אַנגעקומען פון מאָסקווע בין איך מיט צוויי טעג צוריק. און איצט קלייב איך זיך שוין פאָרן אַהיים (און דערמאָנט איינע פון די אייראָפּעאישע הויפּטשטעט). איר ווילט הערן אַ גרוס פון אידן אין..." — האָט דער אורח פון רוסלאַנד פאַרגעזעצט מיט אַן עטוואָס אויפרעגנדיקער ערנסטקייט — „יאָ, כ'האָב טאַקע אייך וואָס צו דערציילן". און ער האָט דערציילט:

...געפאָרן אין מאָסקווע בין איך אין שייכות מיט אַ צוזאַמענפאָר פון כעמיע־וויסנשאַפטלער, וואָס איז דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן. מיין באַשעפטיקונג איז ענג פאַרבונדן מיט אָט דעם געביט. כ'בין איינגעשטאַנען אין איינעם פון די שענערע האָטעלן אין דער רויטער הויפּטשטאָט. דער נאָמען פון האָטעל... נו, ס'איז ניט נויטיק צו דערמאָנען. ס'איז געווען אַ האָטעל אויף אַ צענטראַל רוישיקער גאַס. ניט ווייט פון האָטעל איז געווען אַ קלייטל פאַר קליידער־רייניקונג. בין איך אַ געוויסן טאָג אַריין דאָרט אויסרייניקן מיינס אַן אַנצוג. דער מאַן, וואָס נעמט צו די קליידער, האָט פריער גוט באַטראַכט די דערלאַנגטע מלבושים און דערנאָך אָפּגעמאָסטן מיך אַליין מיט זיין בליק. אַ היפּשע ווײַלע האָט ער מיך באַקוקט, באַטאַפּט מיט זיינע אויגן. נו, אין יענעם לאַנד, ווי באַקאַנט, קוקט מען דאָך תמיד אויף אַן אויסלענדער מיט אַזעלכע מאָדנע ספּעציעלע בליקן. אָבער גערעדט האָט ער געציילטע ווערטער, צום פונקט. און ווידער אַ קוק אויף מיר, אַ קוק אויפן אַנצוג. מסתמא איז ביי אים אַן אויסלענדיש בגד ניט קיין אָפּטער „גאַסט". ענדלעך האָט ער מיט באַזונדערער פאַרזיכטיקייט צוזאַמענגעלייגט דעם אַנצוג און מיר געזאָגט ווען עס וועט ווערן פאַרטיק.

איך בין געקומען אָפּנעמען מיינע קליידער — און ווידער די זעלבע מעשה: אַ לאַנגע קוקעניש, שטומע בליקן, וואָס ריידן עפּעס אַזוינס וואָס מ'קען בלויז לייענען אויף וואונק־לשון. אָבער ס'איז פאַרט געווען קענטיק, אַז עפּעס וויל דער מאַן מיר זאָגן, און האַלט זיך אָפּ. האָב איך אויך גענומען זיך איינקוקן אינעם מאַן, ספּעקולירן אין געדאַנק: ווער ווייס, אפשר איז עס אַ איד? און מסתמא דערקענט ער, אַז אויך איך בין אַ איד? אָבער אויך דאָס מאָל האָט דער מאַן גאָר ווייניק גערעדט. נאָר צום סוף האָט ער מיר געפרעגט: אפשר האָט איר נאָך קליידער צום רייניקן? מסתמא, אַוודאי, דאַרפט איר אויסרייניקן נאָך אַן אַנצוג, העמדער אד"ג?

איך האָב עפּעס ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער מאַן וויל כ'זאָל אים ברענגען נאָך קליידער צום רייניקן — צוליב די פּאָר רובל פאַרן רייניקן? ניין, עפּעס ניט דאָס. אפשר איז עס גאָר אַ מין וואונק, אַז ער וואָלט געווען אַ בעלן כ'זאָל אים עפּעס אַוועקשענקען פון די אויסלענדישע זאַכן? ווער ווייסט?

כ'האָב אָבער געטאָן ווי דער מאַן האָט געוואָלט. איך האָב באַלד צונויפגעלייגט נאָך אַ פּעקל — אַן אַנדער אַנצוג און איניקע אויבערהעמדער — און געבראַכט אינעם רייניקונגס־קלייט. דער מאַן האָט מיך אויפגענומען פיל היימישער און זיך באַלד צוגעכאַפּט צום פּעקל בגדים. גיך־גיך האָט ער צענומען דעם אַנצוג, און ווי פריער באַקוקט אים פון אַלע זייטן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן עפּעס וואַרעמער. און פּלוצלונג גיט ער זיך אַ ווענד צו מיר און זאָגט אין אידיש: „כ'בעט אייך, גיט מיר דעם אַדרעס פון אייער האָטעל — איך וועל אייך אַליין אַרויפטראָגן די גערייניקטע קליידער. כ'בעט אייך!" יאָ, אַ איד! פאַרשטייט זיך אַז אין קלייטל איז דאַן קיינער ניט געווען... אָבער סיי־ווי האָט דער איד עפּעס ניט געוואָלט פאַנאַנדעררײדן זיך.

אַוודאי האָב איך אים געגעבן דעם אַדרעס פון מיין האָטעל־צימער. אָבער דער איד האָט מיך שוין היפּש פאַראינטריגירט, אַפילו אַביסל צערודערט. פון אַלע השערות און געדאַנקען האָט זיך ביי מיר אָפּגעלייגט, אַז גיכער פון אַלץ מיינט דער איד פשוט אַביסל גוטע אויסלענדישע בגדים פאַר זיך. טאַקע אַן אַנגעשטעלטער אין אַ מאָסקווער געשעפט — אָבער, ווייזט אויס, אַ גרויסער נצרך. האָב איך אין מיין צימער אַ נישטער געטאָן צווישן מיינע טשעמאָדאַנעס, אָפּגעקליבן אַ פּאַסיקן פּעקל פון בעסערע קליידער און עס צוגעגרייט פאַרן אידן. און אפשר טאַקע אים אַוועקגעבן אויך דאָס פּעקל וואָס ער וועט אַריינברענגען? אַז מ'קען העלפן אַ אידן פון יענעם אומגליקלעכן לאַנד — איז דאָך מה טוב!

דער איד פון קלייטל איז אַריין מיט מיינע

געריינִיקטע קליידער, אַוועקגעלייגט זיי אויף אַ שטול און כ'האָב אים באַצאָלט. אָבער ער איז געבליבן שטיין, אָנגעהויבן עפּעס זאָגן, געמורמלט אַביסל און אַנטשוויגן געוואָרן. האָב איך געכאַפּט דעם צוגעגרייטן פּעקל בגדים, אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אים גענומען איינריידן ער זאָל זיי נעמען: ביי מיר איז עס איבעריק, און איך וועט עס צונוץ קומען. דער איד האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ: חלילה! ער דאַרף עס ניט. ניט דאָס האָט ער געמיינט. זיין פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַ רויטלעכן קאָליר: כ'האָב אייך עפּעס געוואָלט זאָגן, עפּעס בעטן, אפשר... האָט דער איד זיך ווידער געקווענקלט און פאַרהאַקט אין שוויגעניש. און מיך האָט אָנגעכאַפּט אַן אומגעדולד, אַ מין נערוועזקייט אַפילו — געוואַלד, וואָס דריקט אַזוי דעם מאָסקווער איד? וואָס וויל ער פון מיר? קען איך אים טאַקע העלפן? איך האָב אים אָנגענומען ביי די אָרעמס און זיך פּשוט געבעטן: זאָגט וואָס איר ווילט! האָט קיין מורא ניט! זאָגט, רעדט קלאָרע רייד! אויב נאָר כ'קען אייך העלפן — וועל איך אַלץ טאָן!

דער מאָסקווער איד האָט אַ טיפן אָטעם געטאָן, ווי ער וואָלט אַריינגעצויגן מוט, און גענומען ריידן מיט עטוואָס פאַרשעמטע אויגן: ווען ער האָט דעם ערשטן מאָל צענומען מיין אָנצוג האָט ער אויף אים באַמערקט דעם צייכן פון „שעטנז־לאַבאָראַטאָריע" (ס'ערשטע מאָל אין לעבן אַז איך זע עס, איר פאַרשטייט). איז אַ סימן, אַז דער וואָס טראָגט דעם אָנצוג איז אַ פרומער איד. דער איד איז אָבער פון איין מלבוש ניט געווען זיכער. אפשר האָב איך אים געקויפט צופעליק ביי אַ פרומען פאַרקויפער. האָט ער דעריבער געוואָלט זען נאָך אַנדערע אָנצוגן; און אפשר וועל איך ברענגען אים אַ טלית־קטן? ווען דער איד האָט געפונען דעם צייכן פון „שעטנז־רייך" אויך אויפן צווייטן אָנצוג, איז ער שוין געווען איבערצייגט, אַז כ'בין טאַקע אַ פרומער איד. האָט ער דערפאַר זיך געבעטן אַריינקומען צו מיר אין האָטעל־צימער.

דער איד האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט, געוואָרן דרייסטער און איך — אומגעדולדיקער פון מינוט צו מינוט. און צום סוף פון זיינע רייד האָט ער שוין צוריק אַביסל פאַרלוירן זיין דרייסטקייט. אין זיין קול האָט זיך געהערט אַ מין תחנונים'דיקייט: „האָב איך געטראַכט — האָט דער איד אויסגעפירט — אַז אפשר האָט איר אַן איבעריקן טלית־קטן, אַן ארבע־כנפות מיט כשר'ע ציצית. אָ, וויפל יאָרן כ'האָב עס ניט געטראָגן, אַפילו פאַר די אויגן ניט געזען. איר ווייסט דאָך, דאָ איז עס ניט צו קריגן, אוממעגלעך, ניט און שוין! איז אויב איר האָט און ווילט טאָן אַ טובה אַ אידן, וועל איך, וועל איך..."

עפּעס אַ שאלה! פון דעם אידנס רייד האָט אין מיר אַזש אַ היץ גענומען יאָגן. כ'האָב זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. און מיט טרייסלענדיקע הענט גענומען שלעפּן מיין צווייטן טלית־קטן פון צווישן די וועש. אָבער פּלוצלונג האָט מיר אַ געדאַנק אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח און ניט איבערטראַכטנדיק אַ סעקונדע האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם אידן: „זאָגט זשע מיר, וואָס איז מיט תפילין? און תפילין האָט איר?" אַזוי האַסטיק ווי איך האָב געפרעגט, אַזוי האַסטיק האָב איך אָפּגעהאַקט, ווייל דער מאָסקווער איד האָט אָנגעהויבן שעפּטשען מיט צוקנדיקע ליפּן: „תפילין, תפילין". דער איד האָט זיך קיין סך ניט געקענט באַהערשן. אין אַ ווײלע אַרום איז דער איד פאַרגאַנגען אין געוויין, אויך איך האָב זיך ניט געקענט און אפשר ניט געוואָלט זיך איינהאַלטן. אַנטקעגן אים בין איך געשטאַנען און געוויינט, צוויי אידן באַגאָסענע מיט טרערן... בקיצור, כ'האָב דעם מאָסקווער אידן אַוועקגעגעבן אויך מיינע תפילין. כ'האָב דעם נעקסטן טאָג געהאַט היפּש שוועריקייטן, ביז כ'האָב געפונען אַ כשר'ע פּאָר תפילין צום לייגן — דאַכט זיך ביי אַ בעלגישן אידן, וואָס איך האָב אויסגעזוכט אין אַן אויסלענדישער אַמבאַסאַדע. פאַרשטייט זיך, אַז באַלד נאָך מיין אָפּפאָר פון רוסלאַנד האָב איך שוין געקראָגן אַן אַנדער פּאָר תפילין.

אָט־דאָס איז דער גרוס וואָס כ'האָב געוואָלט איבערגעבן פון אַ מאָסקווער אידן, און אויסטייטשונגען זיינען, גלויב איך, גאַנץ איבעריק.

* * *

דער פרומער כעמיקער האָט געענדיקט דערציילן — און פון ערגעץ האָט פּלוצים אָנגעיאָגט אַ פייכטע, קאַלטע כוואַליע און אויפגעדראָזשעט אין די טיפעניש פון די הערער.

למודים פון דער אידישער פרוי

דר׳ ה. זיידמאן

אין דער סעריע, וואָס מיר פּלאַנירן, — „אידישע פרויען אין תנ״ך", אַלס מוסטער און לערע, — פאַרנעמט, פאַרשטייט זיך, שרה, דאָס ערשטע אָרט.

זי איז די ערשטע אַלס פּראָטאָ־טיפּ. אַ סך שטריכן אירע דערשיינען שפּעטער אויך ביי אַנדערע.

אַנדערע פעלקער האָבן פאַרגעטערט זייערע פאָלקס־מוטערס, אידן אָבער זעען זיי אַנדערש. נישט אין קיין שלייער פון מיסטעריע זיינען זיי איינגעהילט. זייער לעבן איז אַן אָפן ספר. ווי די תורה. נישט קיין „קולט" פון אמהות, נאָר ביישפּיל. זיי זיינען נאָענט, היימיש. ליב אין יעדן אידישן הויז און האַרץ.

אַ צווייטער געמיינזאַמער שטריך: פיל פון זיי עקרות, האָבן נישט אין אָנפאַנג קיין קינדער. אַזוי שרה, רבקה, רחל, אַזוי שפּעטער די נביאישע מוטער פון שמואל הנביא — חנה.

דער טראַגישער שטריך לערנט פיר למודים:

איינס, נישט לייכט ווערט געבוירן אַ אידיש קינד. און אַוודאי נישט אַ „פאָטער פון אידן", צי אַ נביא.

צוויי, שוין דאָס געבוירן גופא איז נישט גלאַט אַ זאַך פון דער טבע. מ׳דאַרף אַ נס.

דריי, דער אונטערגרונט איז תפילה. חנה׳ס איז די רירנדיקסטע פון זיי. עלץ לבי בה׳.

פיר, ס׳ווערט בולט די ספּעציעלע ברכה פון ג־ט, — הגם י ע ד ע ס קינד איז אַ ברכה.

שרה איז אַ ליידנדיקע פיגור. זי באַווייזט זיך אויף דער אַרענע אַלס וואַנדערין. דער „לך לך" איז דאָך פאַר ביידע. אָבער דאָס וואַגלען פון אַ פרוי איז שווערער, ווי די גמרא זאָגט (טלטולי דאיתתא וכו׳). אַ פרוי דאַרף נאָך מער אַ היים. זי מאַכט אַ היים, און איר אָרט איז אין דער היים. זי א י ז היים. ווי די גמרא זאָגט: ביתו זו אשתו.

אויפן וואַנדער־וועג איז שרה אויסגעשטעלט אויף סכנות. אָבער זי פאַרלירט נישט איר מוט. און אויך נישט איר שיינקייט. וואָגלעניש פאַרבלאַסט שיינקייט. אָבער ביי שרה׳ן הערן מיר פון אברהמ׳ן נאָך אַ לאַנגער רייזע: (ויהי כאשר הקריב לבוא מצרימה, ויאמר אל שרי אשתו) הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את (בראשית יב, יא). דווקא דעמאָלט.

זי איז אַ ליידנדיקע פיגור ווי אַן עקרה, און זי בלייבט עס אויך דערנאָך אַלס מוטער. צוזאַמענשטויס פון ישמעאל׳ן מיט יצחק׳ן אין — „שפּילערייען", און דער קאָנפליקט מיט הגר׳ן. דאָס פּראָבלעם פון חנוך. און דאַן די עקדה, וואָס לויט דעם מדרש, איז עס פאַר איר דער לעצטער קלאַפּ.

אָבער דערביי איז זי שטענדיק, אין לייד און פרייד, די פרינצעסין; ווי ס׳באַדייט איר נאָמען „שרי", שפּעטער „שרה". דערביי פאַרגייט נישט דער שמייכל פון איר פּנים. זי טראָגט איר גורל מיט ווירדע, אין גוטן מוט, בשמחה.

מערקווירדיק, די אידישע מוטערשאַפט — איר אַנהויב איז פול מיט טראַגישע שטריכן און מיט — געלעכטער.ביידע צוזאַמען.

ווען ס׳ווערט אָנגעזאָגט די בשורה פונעם זון איז: ותצחק שרה בקרבה (יח, יב). ווען דאָס קינד ווערט געבוירן: ותאמר שרה, צחוק עשה לי אלקים, כל השומע יצחק לי (כא, ו). אַזוי ווייט, אַז דאָס נייגעבוירענע קינד ווערט אַ נאָמען געגעבן „יצחק". געלעכטער, פרייד.

אָבער נישט תמיד איז געלעכטער, פרייד. ס׳פאַרשאַפט אויך זאָרג, פחד: ותרא שרה את בן המצרית אשר ילדה לאברהם מ צ ח ק (כא, ט). דערפון דער סכסוך, דאָס אַוועק־

שיקן דעם פרא אָדם, דעם „דזשואוועניל דעלינקווענט״, אין דער מדבר אַריין.

ס׳קומט אויף דאָס פּראָבלעם פון חנוך. פון ערשטן אידישן קינד דורך די ערשטע אידישע עלטערן. וואָס איז די ראָלע פון שרה׳ן דאָ? געוויינלעך איז דער מאַן הארט און פעסט און די פרוי ווייך און צערטלעך. אָבער דאָ זעען מיר אַ גאָר פאַרקערטע דערשיינונג: — דווקא די גוט־האַרציקע שרה איז שטרענג: אַוועקשיקן ישמעאל׳ן פון יצחק׳ן. ווי קען זיין אַ בשותפות׳דיקע דערציאונג פאַר דעם פרא אדם מיט דעם קינד וואָס איז באַשטימט אויסצושטרעקן דעם האַלז אויף דער עקדה?

אַוודאי ליגט אויפן פאָטער דער חוב צו לערנען מיט די זין, ושננתם לבניך, אָבער דערציען איז מער דער פרויס אויפגאַבע, לערנט שרה.

שרה׳ס שיטה אין חנוך, אָפּוואַרפן אַסימילאַציע, ציען אַ שייד־ליניע אין דערציאונג, ווי שרה האָט עס געטאָן, האָט געוואונען דעם סטעמפּל פון ג־טלעכן געבאָט און פון שפּעטערדיקער באַשטעטיקונג. ג־טלעכער געבאָט: כל אשר תאמר לך שרה שמע בקולה, אויף וואָס דער ילקוט זאָגט: לקול רוח הקודש שבה (לך, ע״ט).

שפּעטער איז עס געווען דער אָנגענומענער גאַנג פון די געשטאַלטער פון אידישן וועזן. לאָמיר אָנווייזן בלויז אויף איין דערשיינונג, ווייל זי איז פאַרבונדן מיט אונזער טעמע, מיט שרה׳ס ראָלע אַלס דערציערין, ווי זי ווערט אָפּגעשאַצט אין יהדות.

דעם ערשטן טאָג ראש השנה לייענען מיר די פרשה וועגן דעם אַוועקשיקן ישמעאל׳ן פון יצחק׳ן אין דער מדבר אַריין. איז אומפאַרשטענדלעך. אין יום הדין ווילן מיר דאָך דערוועקן רחמים, — פאַרוואָס־זשע דערמאָנען מיר אַ דערשיינונג פון האַרטקייט, אַן אַקט פון שטרענגקייט, ווי די האַנדלונג לגבי ישמעאל׳ן?

לויטן אויבנגעזאָגטן איז עס רעכט. מיר דערמאָנען דעם זכות פון דעם אָפּזונדערן יצחק, דעם זכות פון אייגנאַרטיקן אידישן חנוך, וואָס דאָס איז הויפּטזעכלעך שרה׳ס זכות.

ווען מיר אָבער פרעגן: צו וואָס פאַרענדיקן מיר די קריאה אין צווייטן טאָג ראש השנה, וואָס איר קלימאַקס איז די עקדה — מיט דעם „הנה ילדה מלכה גם היא לנחור״ (כב, כא)? קלינגט עס נישט ווי עפּעס אַן אַנטי־קלימאַקס?

נאָר דאָ ווערט אונטערגעשטראָכן די אויסנעמלעכקייט פון שרה׳ן, און פון דער אידישער פרוי בכלל. נאָך דעם ווי מיר האָבן בייגעוואוינט די פּאַסירונגען מיט שרה׳ן, מיט יצחק׳ן, און דעם הויכפּונקט — די עקדה, קומט דער זאָגער (ויוגד לאברהם) און זאָגט: זע, אויך מלכה, די פרוי פון אברהמ׳ס ברודער, נחור, האָט געבוירן נישט איין זון, נאָר אַכט, און ס׳איז איר נישט געשען קיין נס, און קיין מלאכים זיינען נישט געקומען איר אָנזאָגן די בשורה, און זי האָט נישט געהאַט קיין פּראָבלעמען מיט חנוך, און מ׳האָט פון איר נישט פאַרלאַנגט קיין עקדה... אַזוי ווערן געבוירן און אויפגעהאָדעוועט קינדער ביי אַנדערע, אָן געפאַרן און ליידן.

אָבער אַנדערש איז ביי דער מוטער פון אידן, ביי שרה׳ן. ווייל דאָס איז די ג־טלעכע באַשטימונג פאַר אַן עם סגולה. דאָס די שליחות פון אמונה אין איין ג־ט, פון חסד אין אַ סדום־וועלט, פון — זיין די ערשטע פון די אמהות, פון זיין שרה.

אברהם היה מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים. (מדרש רבה, בראשית, לח, כא)

הלכנו בארם נהרים ובארם נחור ולא מצאנו אשה נאה כמותך. (שם, לט, כא)

בשעה שנפקדה אמנו שרה הרבה עקרות נפקדו עמה, הרבה חרשים נתפקחו, הרבה סומים נתפתחו, הרבה שוטים נשתפו. הוסיפה על המאורות. (נג, יב)

מהיכן בא? מהר המוריה בא, ומתה שרה מאותו צער (של עקדה), לפיכך נסמכה עקדה לויהיו חיי שרה. (שם מח, יז)

כל ימים שהיתה שרה קיימת היה נר דלוק מליל שבת ועד ליל שבת, וכיון שמתה פסק אותו הנר, וכיון שבאת רבקה חזר. (שם ס, טז)

אברהם טפל היה לשרה בנביאות (שמות, מדרש רבה א, א)

כיוון שמתה שרה קפצה זקנה על אברהם; לא נתברך אברהם אלא מחמת שרה. (תנחומא, חיי שרה, ד)

היה אברהם מגייר אנשים ושרה מגיירת נשים (פסיקתא רבתי, מד).

אברהם ושרה היו שקולין כאחד בצדקה ובגמילות חסדים, והיו סימן טוב לעולם. (שוחר טוב, משלי, לא)

ושלל לא יחסר, (משלי) זו שרה אמנו שהעשיר אברהם בשבילה. (שם)

קודם שלא ישקיע הקב״ה שמשה של שרה הזריח שמשה של רבקה. (שם ח)

ושמע אברהם לקול שרי, — לקול רוח הקודש שבה. (ילקוט לך, עט)

מסירת נפש

• יחיאל גראַנאַטשטיין

אַ שטאַרקער ווינט האָט געפּאַטשט מיט די פענסטער־לאָדנס פון דער שול, אַ שטייגער ער וואָלט זיי געוואָלט אַראָפּפליקן און שליידערן צו דער ערד. אָט האָבן זיי ציגע־שלאָסן די הויכע פענסטער, פון וואַנען ׀ אָס גאַנצע געהילץ איז געווען אַרויסגענומען; און אָט האָבן זיי זיך צעעפנט און אָפּגעדעקט שוואַרצע לעכער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גרויסע, אויסגעהוילטע און פינסטערע אויגן־גריבער.

אינצווישן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן. ער האָט געוואַשן די דרויסנדיקע שול־ווענט און אויך אַריינגערונען דורך די לעכער אינעווייניק. דאָס האָבן גוים פון דער אומגעגנט געריסן שטיקער פון די ווענט, שלעפּנדיק פון זיי ציגל פאַר אייגענעם געברויך.

הורבעס ספרים זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע אין שול. טמא׳דיקע, גוישע הענט האָבן זיי שוין פיל מאָל דורכגענישטערט, געזוכט צווישן די בלעטער יידישע באַהאַלטענע אוצרות. אַצינד וויקן זיי אויס די דיקע רעגן־טראָפּנס. זיי פאַלן אויף צעעפנטע גמרא׳ס, רמב״מ׳ס, שולחן־ערוך׳ס, און אַנדערע הייליקע ספרים. עס זעט אויס ווי די שול־ווענט אַליין וויינען אויפן חורבן, באַגיסן זיך אין טרערן וואָס רינען פון די פענסטער־עפענונגען.

אידן פון דער אַרומגעצוימטער געטאָ שטייען אָפטמאָל גאַנצע שעה׳ן ביי די דראָטן־ווענט און זיינען מתפלל, לערנען פון אויסנווייניק, פאַרגיסן ימען טרערן, ווי דער רעגן וואָס וויינט אַצינד אַריין אין די בלעטער.

אידן אין געטאָ... געפּייניקטע, דערניי־דעריקטע, דערמאָנען זיי, אין בענקשאַפט, ערשט־נעכטיקע טעג, ווען אַזויפיל ליכט און פרייד האָבן געהויערט אין שול. זייער ווייטיק און בענקשאַפט איז אומגעהויער, אָט ווי די בענקשאַפט פון קינדער ביי וועלכע מען האָט פּלוצלונג צוגענומען זייער מאַמע.

און די שול — פאַר׳חושכ׳ט און פאַר׳־יתומ׳ט שטייט זי אויסער דער געטאָ. פאַר־לאָזט. אַ טיפער אומעט שפּאַרט פון אינע־ווייניק, ווי עס וואָלט אַלץ דאָרט אויסגע־ווייטיקט אין צער די בענקשאַפט צום גע־זאַנג פון תפילות וואָס זיינען איבערגעהאַקט געוואָרן; צום ניגון פון לערנען וואָס איז פאַרשטומט געוואָרן. ווי די בענקשאַפט פון אַ מאַמען, וועמען מען האָט אין אַ מיטן העלן טאָג אַוועקגעריסן פון אירע קינדער.

אַביסל שפּעטער, פאַרנאַכט־צו, האָט גאָר אָנגעהויבן פאַלן אַ דראָבנער שניי, וועלכער האָט זיך אַזוי מאַיעסטעטיש אויסגעלייגט אויף טראָטואַרן, אויף דעכער פון הייזקעס און אויף ביימער־צווייגן.

און אַזוי איז אַוועק דער טאָג, באַגלייט אין ווייסן, ווי אין תכריכים, שוין מער נישט אויפצושטיין.

די ערשטע חנוכה־נאַכט אין געטאָ...

קיין ברעקל ליכט שפּאַרט פון דאָרט נישט אַרויס. אַלץ איז פאַרשפּאַרט אינעווייניק, הינטער פאַרשלאָסענע טירן, פאַרלאָדנטע פענסטער. אין דרויסן רייסט אַ ווינט, קלאָגט אויס אַלע קלאָגן פון די געפּייניקטע, קלאַפּט אין טיר און פענסטער, אַ שטייגער ער וואָלט חלילה געמיינט אָנצוזאָגן:

„נישטאָ פאַר אייך קיין ליכט, נישטאָ נאָך דער נס. גרויליקע טעג, מאוימדיקע נעכט".

און אין שול איז ליידיק, פוסט און חושכ׳דיק, ממש אָנצוטאַפּן די פינסטערניש.

נאָר ניין, ניין. זי איז היינט נישט ליידיק, די שול. יאָסעלע דער שמש, דער אַלטער יאָסעלע, איז דאָ פאַראַן. ער ליגט פאַרגראָבן צווישן די ספרים, פאַרדעקט מיט אויסגעריסענע „שמות"־בלעטער. קיינער ווייסט נישט פון דעם. קיינעם האָט ער נישט דערציילט. זיך איינגעשטעלט. גייענדיק מיט זיין גרופּע צוריק פון דער אַרבעט, שוין טיף פאַרנאַכטלעך געווען, האָט ער, פאַרבייגייענדיק די שול, זיך אָפּגעריסן פון דער ריי און זיך אַריינגע׳גנב׳עט אַהין.

ווען ס׳איז שוין גוט פינסטער געוואָרן, האָט יאָסעלע זיך אויפגעשטעלט, זיך צוגעשאַרט צום ארון־הקודש און דאָס גאַנצע ביטערניש וואָס אויפן האַרץ אויסגעגאָסן אין די געשענדטע פאַרמעט־שטיקער פון דער הייליקער תורה. ס׳האָט קיין סוף נישט געוומען צו די טרערן. די אויגן האָבן גאָרנישט געקענט טרוקן ווערן. דאָס האָט דער אַלטער יאָסעלע זיך אַזוי אויסגעוויינט פאַר אַלע אידן — פאַר זייער פיין, פאַר זייער פאַרשעמונג.

און עס האָט דער ווינט אויף זיינע אומזעבאַרע פליגל אַרויסגעטראָגן יאָסעלעס שטיל געוויין, זיין ביטער געקלאָג איבערן חורבן פון אַלץ און פון זיין שול, וועלכע ער האָט דרייסיק יאָר באַדינט, גערייניקט, געפוצט, געצונדן די ליכט, געזאָרגט פאַר איר.

און די שול גופא האָט מיטגעוויינט מיט אים, מיטגעקלאָגט זיין קלאָג, ביז ער איז מיד געוואָרן, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די הענט פאַרלייגט, און דורך דער פינסטערניש, אַריינגעקוקט אין פאַרגאַנגענע טעג.

אוי, ווי גוט ס׳איז דעמאָלט געווען, ווי גוט! צוזאַמען מיט זיין גאָלדע האָט ער געטאָן זיין אַרבעט פאַר דער שול, געזאָרגט, אַז עס זאָל ווינטער זיין גענוג קוילן און האָלץ, טישטעכער און האַנטעכער. פלעגט אַן אָרעמאַן, צי אַ גייער איבער שטאָט און שטעטל, וועלן איבערנעכטיקן אין שול, פלעגט ער אַריינשטופּן אין אויוון נאָך אַביסל קוילן, עס זאָל זיי זיין וואַרעם, און דערצו נאָך אָפּבראָטן אַביסל קאַרטאָפל אָדער אויפקאָכן אַביסל וואַרעמע גרייפּלעך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ.

אוי, וואָס פאַראַ ליכטיקע טעג דאָס זיינען געווען!

היינט די חנוכה־נעכט אין שול! דאָס ביסל קליינוואַרג וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום אים פאַרן חנוכה־ליכט צינדן. „נו, ר׳ יאָסעלע, נו, צינדט שוין, שנעלער!" „ער גייט, ער גייט". אַך, וויפל זיי האָבן עס אים דאָקוטשעט ביז ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל. נאָר גאָרנישט. ער האָט זיי דאָך אַזוי ליב געהאַט, די קינדער, און זייער פריילעכקייט, און זייערע לאַכנדיקע קולעכלעך — ווי הערט מען אַצינד זייער געזאַנג, אָ, ווי הערט מען...

„נו, און אין גאַנצן פאַרגעסן צוליב וואָס זיך אַריינגע׳גנב׳עט אַהער! האַ?" ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז צוגעקומען צו דער מנורה וואָס ביים עמוד. ווי מאָדנע: די ליכט וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט יענעם פרייטיק אין דער פרי, נאָכן דאַווענען, איידער מ׳האָט אַלעמען פּלוצלונג אַריינגעטריבן אין דער פאַרשלאָסענער געטאָ, די־אָ ליכט שטייען נאָך אַזוי, נישט גערירט. קיין טמא־האַנט האָט זיי אַוודאי נישט אָנגערירט, ווי האָס קריגעלע בוימל אין בית־המקדש.

אָ, ווער קען זיך עס פאָרשטעלן אין געטאָ, אַז ער, יאָסעלע, געפינט זיך אַצינד דאָ איינער אַליין און גייט צינדן חנוכה־ליכט? אַ רחמנות בלויז אויף זיין גאָלדע וועלכע באַוויינט אים אַוודאי, נישט זעענדיק אים צוריק, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע וואָס האָבן זיך שוין לאַנג אומגעקערט אַהיים. אָבער, צי האָט ער דען געקענט אַנדערש טאָן? דערציילן וועמען? אויסגעבן זיך?

נאָר ניין, עס וועט נישט לאַנג געדויערן. אַ פּאָר מינוט בלויז. ער וועט אָנצינדן די ליכט און גלייך אַרויס פון שול. דערנאָך וועט ער זיך אַריינ׳גנב׳ענען צוריק אין געטאָ. קיינער וועט נישט באַמערקן, קיינער! בלויז ג־ט אין הימל וועט אַריינקוקן אין פייער פון די אָנגעצונדענע ליכט און זען די אידן זיינע אין זייער חשכות׳דיקייט, אין זייער פּיין.

יאָסעלע האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אַרויסצונעמען דאָס שאַכטעלע שוועבעלעך וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט. אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַגאָסן, ווי ער וואָלט געשטאַנען אונטער אַן אָפענעם קראַן. ער האָט גענישערט אין אַלע טאַשן און די שוועבעלעך נישט געפונען. געזוכט, געזוכט און נישט געפונען. דער אָטעם האָט זיך ביי אים פאַרהאַלטן. די פיס הינטער אים האָבן זיך געבראָכן, זיך קוים געהאַלטן אויף זיי. זיינע בליקן זיינען צוגעפאַלן צו די ליכטלעך און געדוכט האָט זיך אים, אַז זיי

בויגן זיך צו אים צו. די קנייטלעך האָבן אין זײַנע אויגן זיך געשטײַפּט, אָנגעצויגן זיך ווי אויסגעשטרעקטע העלזער און ווי געבעטן זיך ביי אים: צינד אונז, צינד, בענטש איבער אונז...

און ווינטן האָבן געריסן די לאָדנס פון די ליידיקע פענסטער־לעכער פון שול, אַריינגעשמיסן גאַנצע בינטן שניי און זיי צעוואָרפן איבער די צעעפנטע ספרים.

ניין, ניין, ער וועט נישט אַרויס פון דאַנען אַזוי לאַנג ווי די ליכטלעך וועלן נישט ברענען. און ער האָט ווידער גענומען זוכן אין די טאַשן דאָס שאַכטעלע שוועבעלעך — און נישט געפונען.

נאָר די פיס האָבן מער נישט געקענט דערטראָגן דעם גוף וואָס איז פלוצלונג אַזוי שווער געוואָרן. יאָסעלע איז אומגעפאַלן, זיך אויסגעצויגן איבער די אָנגעוואָרפענע ספרים און די הענט זיינע, ווי אונטערגעהאַקטע פליגלען, האָבן זיך געשפּרייט איבער די הייליקע בלעטער וואָס האָבן געהעלט אין דער פינסטערניש. ער האָט אָבער דעם באַוואוסטזיין נישט פאַרלוירן, און ליגנדיק אַזוי, האָבן די ליפן זיינע שטיל געשעפּטשעט: ג־ט, גיב כוח דעם שול־שמש וואָס האָט מער פון אַ העלפט פון זיין לעבן באַדינט דאָס הייליקע אָרט. גיב מיר כוח צו שטעלן זיך אויף די פיס, און זאָל איך אָפּגעפינען אַ שוועבעלע; זאָל אַ שטערן אַראָפּ פון הימל, אָדער אַ פייער, וואָס זאָל אָנצינדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל, און איך וועל בענטשן איבער זיי.

און אַזוי איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה. אין דער געדיכטער פינסטערניש האָט יאָסעלע געגראַבלט מיט די פינגער איבער דער פאָדלאָגע צווישן די ספרים, געזוכט אַ שוועבעלע, אוי, אַ שוועבעלע — און נישט געפונען. און ער האָט מער גאָרנישט געזען אַרום זיך, ווי נאָר די העלע חלב׳נע ליכטלעך, וועלכע האָבן אים אויסגעזוכט, אויסגעפונען, וואוהין נאָר ער האָט זיין פנים געקערט.

מיטאַמאָל האָט ער צונויפגעזאַמלט אַלע זיינע כוחות און זיך אויפגעשטעלט, זיך צוגערוקט צום עמוד, אויסגעגלייכט די ליכטלעך, אָפּגערייניקט די קנייטלעך און ווי גערעדט צו עמעצן וואָס איז מיט אים צוזאַמען אין שול: „רבונו של עולם, מיט מיין גאַנץ האַרץ האָב איך געוואָלט צינדן חנוכה־ליכטלעך אין דיין פאַרוואָרלאָזט הויז, ווי אַמאָל, בדחילו ורחימו. נעם אָן מיין ווילן, און מיין איינשטעלעניש, ווי איך וואָלט מקיים געווען די מצוה מיט אַלע כוונות...״

און ווידער האָט דאָס פנים זיך גע׳טובל׳ט אין קאַלטן שווייס וואָס ער האָט געווישט מיטן אַרבל פון זיין אויבער־מלבוש און די נאַסע טראָפּנס זיינען גערונען און גערונען — נישט אויסצואווישן.

עס איז געוואָרן זייער שפּעט. יאָסעלע האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער מוז פאַרלאָזן די שול, ווייל באַלד וועט אָנהייבן טאָגן. ער האָט זיך דערנענטערט צום ארון־הקודש, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך געזעגנט מיט די הייליקע פאַרמעט־שטיקער. און דערנאָך זיך צוגעשאַרט צו די האַלב־ליידיקע ספרים־שרענק, אויך מיט זיי זיך געזעגנט — ווי איינער וואָס פאַרלאָזט זיין שטענדיקע היים און ווייסט נישט צי ער וועט זי נאָך אַמאָל זען.

און ווען ער איז שוין געווען ביים לאָך, דורך וועלכן ער האָט זיך געדאַרפט אַרויסבאַקומען פון שול, האָט ער נאָכאַמאָל אַ ווענד געטאָן זיין בליק צום ארון־הקודש און שטיל געזאָגט: „קוק אַראָפּ, רבונו של עולם, פון דער הויך, און זע וואָס עס איז געוואָרן פון דיין הויז, זאָל נעמען אַן עק צו אונזערע צרות, זאָל נעמען אַן עק!״

...און ער האָט שיער נישט אַוועקגע׳חלש׳ט פאַר פרייד: די שוועבעלעך וועלכע ער האָט אַזוי געזוכט, מיטן שאַכטעלע, זיינען געלעגן אין לאָך דורך וועלכן ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשאַרן. ווי אַ דין שניי־עלע געטריבן אין צעהודזשעטן חלל, אַזוי לייכט און פלינק איז יאָסעלע געקומען צום עמוד, געצונדן חנוכה־ליכט, און איז גלייך פאַרשוואונדן פון שול.

אין מינוטן אַרום, ווען ער איז שוין געווען הינטער די דראָטן, אין געטאָ, האָט ער אומגעקערט דעם קאָפּ און געזען ווי פון דער שול־טונקלעניש גייט אויף, שלאָגט זיך דורך אַ קליין פייערל וואָס שפּאַלט די לעצטע חושכ׳ן פון דער נאַכט און אויך דעם טרויער וואָס ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געטראָגן מיט זיך אין שול.



די מאָדערנע וועלט

● ב־ן אליעזרי

ווילט איר וויסן, וואָס איז דער מער מיט דער וועלטישער וועלט? איז אני הקטן זאָג עס פשוט און קלאָר: זי האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ. די קלוגע מענער פון אַמאָל האָבן געזאָגט, אַז די וועלט, מעג איך דאַכטן, איז ווי אַ גרויסער „מענטש”: זי האָט אַ קאָפּ, אַ האַרץ, אַ מאָגן אאַ"וו. אַ מענטש אויף דער זקנה ווערט אָפט עובר־ובטל'דיק, פאַרלירט דעם זכרון, דעם מוח. מעגט איר וויסן, אַז אויך אונזער וועלטל איז שוין ב"ה אין טיפן עלטער, און צרות האָט די וועלט נאַזשיוועט אַ היפּש ביסל. בורטשעט זי, די זקנה, אַזוינע אומקלאָרע דיבורים בייזע, און דער קאָפּ טרייסלט איר, און די הענט שאָקלען זיך. אַ שטעכעניש אין די זייטן, אַ קראַמפּעניש אין בויך און דרייעניש אין שאַרבן.

לאָמיר אָנהויבן פון אירע הענט. כידוע קענען הענט טאָן אַ סך זאַכן: זיי קענען קראַצן די פּאַטיליצע, צעברעכן אַ שויב, אַריינפּאַרן עמעצן אין באַק, טאַפּן אַ דופק — און נאָך אָן אַ שיעור ענינים. אָבער, לאָמיר זיך ניט נאַרן: ניט דורך אַלע טועכצן פון די ידים דערקענט מען דעם כאַראַקטער, אָדער וואו עס האַלט מיט דעם וואָס ראַבאָטעוועט מיט די הענט. זעט איר, די שרייבעכצן פון די הענט זיינען שוין יאָ אַ וואַזשנע אָפּשפּיגלונג פון דעם סאַמע אינעווייניק אַרויס. ווען, למשל, אַן „אַראָפּגעפּאַרענער” תושב פון מושב זקנים נעמט די פען אין דער ציטערדיקער האַנט און הויבט אָן סקריפּען אויפן פּאַפּיר און פּאַרפּאַרט אויף דער טישטוך — מעגט איר שוין זיין זיכער, אַז די אותיות היגקען און לאָמען מיט צעקאַליעטשעטע פּנימער; און אַ וואָרט מיט אַ וואָרט קלעפּט זיך ניט. דאָ פעלט אַ וואָרט, אַ זאַץ; און אַמאָל שפּרינגט אַריין אַ ווערטעלע, וואָס דער אַלטינקער גופא ווייס ניט וועלכער שוואַרץ־יאָר האָט עס אַהער אָנגעטראָגן.

הערט איר, אויך די גלייכגעוויכט פון דער מענטשהייט, פון וועלטל'ס גייסט שפּאַרט אַרויס פון דער שרייבעכץ. די לידער, למשל — דאַכט זיך נאָר אַ געזעמל פון ווערטלעך, — אָבער אין זיי האָט איר די טיפע געדאַנקען פון דער צייט, די שיינקייט און די מוזיק פון יעדן דור.

איז גיט־זשע אַ ניכטערן קוק אויף די היינטיקע לידער, למשל. נאָר כ'בעט אייך, איר זאָלט זיך ניט לאָזן איינריידן אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. די היינטיקע פּאָעטן וועלן אייך געוויס וועלן איינריידן, אַז איר זייט ניט קיין מבין אויף דיכטעריי, איר זייט טעמפּ, איר יכול'ט ניט אַ בליק טאָן אין דער טיף און ווייס איך וואָס אַנדערש! דער עיקר וועלן זיי אייך אַטאַקירן מיט אַזאַ פאַר'שיכור'נדיקן וואָרט: מאָדערן! (און אָט־דאָס ווערטעלע איז טאַקע דער ביטערער דיאַגנאָז פון דער צערו־

דערטער קאָפּ־לאָזער וועלט). אין כלל זאָלט איר האָבן: אויף אַ גוטער זאַך זיינט איר אַ מבין!

ווען איר „צעקייט" (אויב איר פאַרמאָגט נאָך אַזעלכע אַמאָליקע ציין, וואָס קענען זיך ספּראַווען אויך מיט שערבלעך און שפּענדלעך) אַ מאָדערנדיק ליד, הויבט זיך אָן אַ שלשלת פון מאָדנע רעאַקציעס: ראשית, גיט עפּעס אַ שווינדל אין מוח, אָן איבלעניש אונטער'ן לעפּעלע, אַ בייסעניש אין פלייצע וכדומה. די זאַך איז געגליכן, ווי איר וואָלט אומגעריכט אַריינגעכליאָפּעט אַ זודיק־הייסן, ביטער־געזאַלצן שטיק געקעכטס און די נודנע ביטערקייט שלאָגט אַרויף און אַראָפּ — אין נאָז, אין די אויגן ביז צום מאַרך פון מוח. אַז די ערשטע רעאַקציע פאַרגייט, הויבט איר אָן ווישן די אויגן מיטן ארבל: אפשר האָט איר פאַרזען ווערטער, שורות פון ליד; אפשר האָט דער „זעצער" דאָ אָנגעבולבעט? ווייטער גיט איר זיך אַ טאַפּ דעם שטערן: אולי איז דער קאָפּ פאַרדעמפּט פון פיבער? אַז איר באַרויקט איך, נעמט איר זוכן אַנדערע מיטלען. איר טענה'ט מיט שכל: עפּעס אַ מיינעניש, אַ תוכעניש מוז שטעקן אינעם ליד! פאַלט איר אויף אַזאַ המצאה: איר פּרוּווט לייענען ס'ליד פון אונטן־אַרויף; פון לינקס צו רעכטס; אויפן שטייגער פון „א"ת ב"ש". טרעפט טאַקע אָפט, אַז ביים לייענען פון אונטן אַרויף דערטאַפּט איר אַ בעסערן געדאַנק, אָבער סיִיווי איז עס ניט דאָס...

שוין, אָט־דאָס מיינט מאָדערן: וואָס מער דאָס ליד איז אומפאַרשטענדלעך, אַלץ מאָדערנער איז עס. „וואו שטייט דאָס געשריבן, אַז אַ ליד מוז מען פאַרשטיין" — האָט געיאַכמערט אַ ריזיקער פּאָעט אַ הייניקער. האָבן אַנומלט צוויי פּאָעטן זיך געריסן איינער ס'אַנדערע די לאַנגע צעשויבערטע האָר אין אַ קריגעריי: וועמעס ליד איז מער אומפאַרשטענדלעך, מער מאָדערן. ביז איינער פון זיי האָט זיך גענומען זעצן מיט אַ פאַרטינטלטן פויסט אין איינגעפּאַלענעם ברוסט־קאַסטן און געשוואָרן מיט אַלע הייליקע פלאַמען פון דער מוזע, אַז בעת ער האָט געשריבן זיין קרויצווערק־ליד האָט ער אַליין קיין איין שורה, קיין איין וואָרט ניט באַנומען! טאָ וואָס קען שוין זיין מער מאָדערן?

אַפילו די אויסערלעכע פאָרמע פונעם ליד איז מאָדערן; ס'הייסט אָן מאָס, אָן וואָג: איין שורה איז אויסגעצויגן ווי אַן אַרויסגעשטעקטע צונג, און די צווייטע איז פּיצלדיק־קורץ, ווי אַ „נופל", רחמנא ליצלן. קענען עובר־ובטלדיקע חכמים איינטייטשן אין דעם ניין־גאָרנדיקע פּשטלעך

— אָבער דער פּראָסטער פּשט איז, אַז דאָ שמעקט מיט אומבאַלאַנסירטקייט, מיט צעשרויפטע מוח־שרייפלעך און צעקאַליעטשעטע נערוון.

איז עס ניט מאָדנע? דווקא אָט־די סימנים פון אָפּגעלעבטקייט און צעפוילטקייט באַקרוינט מען מיט אַ וואָרט פון נייקייט — מאָדערנע! וואָס שפּיגלט אָפּ אַן ערך אַ מאָדערן בילד? אָט הענגט אַ גרויסע מאָלעריי פון... וואָס? אויב מ'זאָל יאַקאָש באַשליסן, אַז דאָס איז אַ מענטשגעשטאַלט (אפשר אַ געפּליקטער ענדיק?) — איז סיִיווי: „אַ שענערן לייגט מען אין דר'ערד אַריין". אָבער גיי זיי אַ נביא און טרעף וואָס דאָס בילד מיינט! אייגנטלעך ווענדט זיך לויטן מצב פון דער קוקער: לויט זיין נערוון־צושטאַנד, לויט זיינע נאַכט־חלומות און האַלוצינאַציעס, לויט דער רעאַקציע פון זיין מאָגן און אויך לויט דער אינטעלעקטועלער פאַנטאַזיע. אויך פּשוטע סיבות: די זע־קראַפט, די ווייטקייט פון בילד, און ווי עס הענגט. אַמאָל קען דאָס בילד אָנמאַכן אַן איינדרוקעניש, אַז דאָ איז אָפּגעמאָלט ווי „למך פּאַטשט מיט די הענט" אָדער ווי „המנ'ס טאָכטער באַכליאַפּעט המנ'קען מיט אַ פּאָמויניצע" — היסטאָריש גענומען; אויך קען עס הייסן, אַז דאָ איז אַ הונגעריקער הונט וואָס בילט אויף אַ לאַכיקער לבנה, אָדער ווי אַ פלעדערמויז ווערט געטראָפן פון אַ דונער — עמאָציאָנעל גערעדט. אָבער דער מאָלער אַליין, ווען איר פרעגט אים, גיט אַ גלאַנץ מיט די אויגן, פאַרטראַכט זיך און זאָגט בזה הלשון: „דאָס איז, מיינע פריינט, אַ מאָדערנע וויזיע פון באחרית הימים; דאָ ווערט פּרעזענטירט די אויסגעבענקטע וועלט, אַ וועלט פון יונגשאַפט, צויבער און גוטסקייט!" אַבי כ'האָב געמיינט, אַז דאָס פּרעזענטירט גאָר די איצטיקע וועלט פון פאַרווירטקייט, אַלטקייט און מיש־מאַש...

נאָר וואָס דאַרף מען סימנים דורך דער היינטיקער קונסט? פאַראַן „שענערע" באַווייזן און טאַקע בפירוש פון דער וועלטס „קאָפּ", פון דער שטודירנדיקער מענטשהייט. קינד און קייט ווייסן היינט, אַז די סטודענטן האָבן זיך עפּעס צעבריקעט, צעהוליעט. זיי רעוואָלטירן! קעגן וועמען? קעגן וואָס? גרויסע געלערנטע קנייטשן די שטערנס וועגן דעם — אָבער וואָס טויג מיר חקירות, אַז דער פּשוטער אמת שטעכט די אויגן. די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט איז אַראָפּ פון אירע רעלסן; זי האָט אָפּענערהייט זיך אַרויסגעשטעלט אַ צונג פון צעמישעניש; ווי אַ הויפן שטרוי האָבן אָפּגעברענט אויף אַש אַלע סאָרטן געטשקעס, אַלע אידייעס, אַלע גליק־חלומות און

געבליבן איז אַן אויסגעשעפּטע און אָפּגעכוימלטע וועלט.

און אַז דער וועלט־קערפּער איז צעדראַכלעט פון זקנה, טשעפּען זיך צו אים צו פאַרשידענע קרענק. אָט, למשל, האָבן דער וועלט, אין אירע עטלעכע טויזענט יאָר, באַפאַלן אַלערליי אומגליקן, מגיפות. אָבער נאָך קיינמאָל איז זי ניט געוואָרען דורכגעפּרעסן מיט אַזאַ מערדערלעכער מחלה, ווי דער היינטיקער קאָמוניזם! נאָר ווען מ׳פאַרלירט דאָס לעצטע ביסל נאָרמאַלן שכל קענען אַזוי פיל מענטשן פאַרגיפטעט ווערן מיט אָט־דעם שרעקלעכן קאָמוניזם־יאַד, נאָכדעם ווי מ׳האָט שוין באַשיינפּערלעך געזען אַזוינע גרויליקע רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן אומלאָגישן שוידער־שלעכטס.

און „אויף דער עלטער חזר׳ט זיך איבער די קינדהייט״. דאָס ביסל פאַרשטאַנד און געפיל ווערט פּרימיטיוו און פאַרדעמפּט; דאָס אַלגעמיינע געשמאַק ווערט רוי און אפילו דער מוזיקאַלישער חוש וועפּט זיך אויס און אין דער געזאַנג הויבן אָן שפּילן טענער פון אור־וואַלד. אפילו די מידע פיס קענען שוין ניט באַוועגן זיך מיט טאַקט, נאָר מ׳וואַרפט זיי איבער דער פּאָדלאָגע ווי אין קאָנוואולסיעס, אָדער מ׳שליידערט זיי סתם ווי שייטלעך האָלץ.

אָבער מער פון אַלץ איז עס קענטיק אינעם לשון. דער דור־הפלגה פון דער וועלטס „קינדער־יאָרן״ חזר׳ט זיך איבער. אַ וועלט באַלעבעטשעט היינט אויף רעכטס און אויף לינקס. אַ מבול מיט ווערטער פאַרטרינקט איצט דער מענטשהייט: צייטונגען, ביכער, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, לעקציעס, סימפּאָזיומס אא״וו — און צווישן איינס און אַנדערע איז ווידער געקנאַקט מיט גערייד. אלא וואָס דען — ס׳איז גערעדט „על העצים ועל האבנים״. ווי ביים דור־הפלגה, זאָגט איינער בוידעם און דער צווייטער ענטפערט אים — קלאָץ. מ׳רעדט זיך בשום אופן ניט צונויף, עלעהיי זיי וואָלטן אַלע פאַרלוירן אויך דעם חוש השמיעה.

מחמת אַזוי, ניט־מיר, ניט־דיר, איז פאַרשוואונדן דער סאַמע באַשטימטער טייטש פון ווערטער; זייער טערמינאָלאָגיע האָט זיך גענומען וואַקלען אויף לינקס און רעכטס, ווי אַ שיכור אין בלאָטע. אַזעלכע פּשוטע ווערטער, למשל, ווי ברידערלעכקייט, פרייהייט, וואָס מיינען זיי אין דער אַלט־קראַנקער וועלט? גלייכהייט הייסט ווען אַלע ליגן אין אָרצה; באַפרייען די וועלט מיינט צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ גרויסער טורמע: פריי פון מוח־באַוועג, פון לופט־אָטעם, פון אַ גאַנץ פּאָר הויזן און פונעם גאַנצן ביסל בורזשואַזם וואָס רופט זיך לעבן. אַנטיסעמיטיזם באַדייט איצט ניט, ווי אַמאָל, דאָס רודף זיין אידן; דאָס איז גאָר פּראָגרעסיווער קאַמף קעגן ראַסיזם! און אַז מ׳הויבט אַ האַנט, אַ מעסער אויף יענעם לענדל הייסט מען אַ רשע? אַן אַגרעסאָר? טשעפּוכא! פע! קלעריקאַלע אַלטמאָדישע טעאָריעס! זעט איר, אויב יענער נידערטרעכטיקער באַפאַלענער פאַרפאַנצערט זיין האַלז קעגן מעסער באַגייט ער אַ בלוטדורשטיקן אימפּעריאַליסטישן אַקט. און אימפּעריאַליזם גופא פאַרמאָגט אַזויפיל וואַריאַנטן, אָט וויפל עס זיינען דאָ רעזשימען אין דער וועלט. און אפשר טאַקע נאָך מער, ווייל אפילו אַ וואָוילטעטיקע אָרגאַניזאַציע קען זיין אימפּעריאַליסטיש: דער „דזשאָינט״, למשל, איז בפירוש אָנערקענט ווי אַן אימפּעריאַליסטיש געצייג, ווייל ער באַזוצט הונגעריקע מאָגנס מיט ניסן־פּעטס, האָבער־פלאָקן און רעאַקציאָנערן אַמעריקאַנער שאָקאָלאַד; און באַדעקט פּראָלעטאַרישע ברוסטקאַסטנס מיט ברייטע קאַפּיטאַליסטישע שניפּסן.

אָבער „עפּעס״ האָט די אַלטינקע וועלט־מענטשהייט אונזערע יע אויפגעטאָן — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציע וואָס רופט זיך אויף מאָדערנעם לשון „יונייטעד ניישאָנס״. אויף פּשוטער באָבע־שפּראַך וואָלט מען עס גערופן: „מושב זקנים״. ערשטנס, ווײלע דאָרט האָבן זיך באַזעצט אַ כאָפּטע ליידיק־גייער און מען שמועסט פּאָליטיק, אַזוי ווי אין די אַמאָליקע פּאָלישן און קלייזלעך. אָט פונקט ווי אין מושב זקנים, בורטשעט מען און מ׳זידלט זיך און מען רעדט אויף טויבע אויערן, און מ׳ווינטשט איינער דעם צווייטן אַ וואָס גיכערן ליכטיקן „גן־עדן״ אָדער סתם אַ שוואַרץ יאָר. אַז איינער זאָגט טאָג, זאָגט דער צווייטער נאַכט. מ׳האַקט סתם אין טשייניק און מען מ׳קלאַפּט מיט די שיך אין טיש. אָבער הייסן הייסט עס „פאַראייניקטע פעלקער״ און פאַקטיש טרעפט יאָ אַמאָל, אַז מ׳איז פאַראייניקט, ווי למשל, ווען עס קומט צו „בעי זשידאָוו״. דאַן זיינען די „מערסטע״ „זקנים״־מיטגלידער אין איין ליניע; אָדער, צום־ביישפּיל, ווען סתם אַ לענדל אָדער אַ פעלקעלע ווערט באַפאַלן פון אַ גרויס באַנדיטן־לאַנד און די מענטשן פון קליינעם לענדל פאַלן ווי פליגן פון הונגער און שווערד. דעמאָלט הערשט אַ העכסטע סאָלידאַרנע שטומעניש. ס׳דערוועקט זיך פאָרט דאָס פיצל געוויסן, וואָס דיקטירט, אַז אין אינערלעכע ענינים פון אַ לאַנד איז ניט שייך צו מישן זיך. אַזוי, זאָגן זיי, האָט געלערנט די מאָדערנע געשיכטע: ווען אַ מעכטיק־רוצחיש לאַנד האָט ניט לאַנג

(סוף אויף זייט כד)

דער לעבעדיקער ר׳ יצחק זכרונו לברכה

• ה. לאַזאַרסאָן

געווען אין פאַרגאַנגענעם דור אַ פּרעכטיקע גאַלעריע פון אמת׳ע חסידישע לעבעדיקע אידן. אידן וואָס האָבן געשפּרודלט מיט לעבנס־פרייד, מיט אינערלעכן חיות. זייער אַנוועזנהייט האָט דערמוטיקט, אין כמורנע מאָמענטן האָט מען זיך געטוליעט אַרום זיי — און זיי האָבן פאַרמאָגט אַ מין לעבנס־קראַפט, אוצרות גאַנצע מיט חסידישע וואַרעמע ווערטער, סיפורים, גלייכווערטלעך; און זיי זיינען געווען געבענטשט מיטן געשמאַקן חוש צו דערציילן, צו פאַרכאַפּן און באַווירקן דעם הערער. דאָס זיינען געווען זאַפטיקע, קערנדיקע מענטשן, אינדיווידועלע פערזענלעכקייטן — ניט קיין פּוסטע רעדנער, צערעמאָניאַלע אויפטרעטער און סתם־נאָכלויפער און מאַסאָווע נאָכשרייער פון היינטצייטיקן סאָרט. ס׳ווערט אומעטיקער אָן זיי. די וועלט ווערט טומלדיקער, אָבער אַלץ קעלטער און עלנטער.

איינער פון יענע אידן איז געווען ר׳ יצחק גאָלדין. אַ שטיק קוועקזילבערדיקע רירעוודיקייט איז עס געווען און אַ וועזן אָנגעלאָדן מיט חסידישער לעבעדיקייט. ער האָט געלעבט מיט לעבעדיקייט און, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן, האָט ער מיט לעבעדיקייט זיך צעשיידט מיטן פיזישן לעבן.

מיט די ווייטערדיקע שורות ווערט בפירוש ניט געמיינט אַריינצולאָזן זיך אין אויסגעדראָשענע מליצות און אין פּראַזעאָלאָגיע. בפרט, אַז ר׳ יצחק ז״ל (אוי, ווי ס׳איז שווער צוצושטעלן אַזאַ צעשייד־וואָרט צו אַזאַ איד!) האָט געוויכט פון סתם פּראַזעס און געפּוצטע רייד. נאָר אַביסל לעבעדיקע שטריכן זיינע איז אַ חוב צו פאַרצייכענען.

א.

אַ קורצינקער אידעלע, מיט אַ שניי־ווייס בערדעלע און יוגנטלעך־פינקלדיקע טונקעלע אויגן. ווייס איז ר׳ יצחק געוואָרן נאָך העט אין זיינע יוגערמאַנישע יאָרן. און אויב יסורים און צרות מאַכן אַ מענטש פריצייטיק סיוו — האָבן ר׳ יצחק׳ס איבערלעבענישן געקענט פרי ווייס מאַכן ניט איינע און ניט צען קוילן־שוואַרצע בערד. און דאָך האָט אַפילו דאָס ציכטיק־ווייסע בערדל ר׳ יצחק׳ס צוגעגעבן גאָר אַ יוגנטלעכע שטיפערישקייט צום חיות׳דיקן געזיכט. האָט מען טאַקע זיין נאָמען פאַרצויגן מיט היימישער ידידות: ר׳ איצעלע, ר׳ איטשקע... אָדער גאָר פשוט: „איטשקע גאָלדין״, ביזן לעצטן טאָג זיינעם.

און אָט־דאָס ליכטיקע געזיכט האָט זיך גאָר אָפּט צוליב די פיזישע יסורים געמוזט אַ קרים טאָן פון ווייטיק — איז פון דער קרימעניש תיכף געוואָרן אַ לעבעדיקער וואונק, אַ צעצויגענער שמייכל. ער האָט זיך נאָכאַנאַנד פאַרהוסט, פאַרקייכט, פאַרקלעמט דעם אָטעם — אָבער ווי נאָר ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געקומען עטוואָס צו זיך, האָט ער מיט אַ חסידיש ווערטל, מיט אַ מאַך מיט דער האַנט מבטל געווען זיין גאַנצע ליידעניש. נאָכמער: ער האָט מיט איין האַנט געקענט זיך כאַפּן ביים האַרץ פון שטעכעניש און שטיקעניש — און גלייכצייטיק מיט דער צווייטער האַנט אַ „קיצל טאָן״ דעם מיטליידנדיקן פריינט: „קכע, קכע, וואָס ס׳טו אָנגעסטראָיעט אַזאַ פינסטערן פנים?! איך שטאַרב נאָך ניט! און אויב יאָ — איז מה רעש?״ זיין גאַנצער קערפּער איז געווען צעבראָכן, אָבער דער אויסדרוק פון די אויגן, זיין יעדער ריר האָט געשטראָמט מיט לעבעדיקן אָטעם — אָט דאָס הייסט חסידישע לעבעדיקייט!

און ער האָט דען געהאַט אַ פּריוואַטן לעבן? אָט־דער „ר׳ איטשע״ האָט זיין גאַנץ לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין עסקנות, אין כלל־אַרבעט. ס׳איז גאָר ניט שייך פאָרצושטעלן זיך מיט וויפל באַנקעטן, צעטרומייטערטע פּאַראַדנע יובילעאומס, שרייענדיקע לויב־געזאַנגען מ׳וואָלט באַגלייט אַזאַ כלל־טוער אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט! ער האָט אָבער זיך גע׳עסק׳ט מיט האַרץ, מיט נפש׳דיקער עכטקייט — און זיי ווירקן אָן אויסערלעכן רעש. און ווידער זיין כאַראַקטער־שטריך: זיין טועריי האָט געאָטעמט מיט אמת׳ער לעבעדיקייט און אַן אמת לעבן דריקט זיך ניט אויס אין אויפגעבלאָזענער טומלעריי און צערעמאָניעס — איז ער טאַקע געבליבן ביים טיטל: „ר׳ איטשקע״, אי אין קרייז פון זיינע גרויסע פאַרערער און פריינט און טאַקע אויך צווישן זיינע מיטאַרבעטער. דאָס הייסט אַן איבערגעגעבענער חסידישער עסקן!

און וואו זעט מען איצט אַזאַ חסידישע באַשיידנקייט? אַזאַ פשוטע, ניט געקינצלטע עניוות? וואָרום וועמען אויב ניט ר׳ יצחק׳ן האָט געקומט אַן אָרט אויבן־אָן, אין מזרח! און געזעסן איז ר׳ יצחק פאַרשטעקט אין אַ זייטיק ווינקל — סיי ביים דאַווענען אין שול, און סיי ביים חסידישן פאַרברענגען. און טאָמער אַ נאַאיווער כבוד־פאַרטיילער האָט געוואָלט אַרויפשלעפּן ר׳ יצחק׳ן אין מזרח, האָט ער שוין באַלד „פאַרזאָגט אַ צענטן״. ר׳ יצחק האָט דערלאַנגט אַ בליק

מיט פאַרזשמורעטע בליקן־פייערלעך אונטער פאַרצויגענע ברעמען, אַ בלאָז געטאָן „פפו־פפו־פפו” און איז אַרויס מיט מענה־לשון: „טצאַ־טצאַ, טאַקע גלייך אין מזרח, האַ? ניט אַנדערש? כ׳פעל שוין דאָרט אויס, וואָס? אַזאַ פּנים האָב איך שוין — זיך באַוועצן אין מזרח און גלעטן ס׳בערדל? נו, גיי שלאָף זיך בעסער אויס!”... ער האָט זיך אַוועקגעמאַכט פון כבוד, אָבער דערביי ניט געפּראַוועט די „גאָרמאַלע” עניוות: „כ׳ווייס, זייער פיין, אַ דאַנק — מניע, פאַרוואָס קומט עס מיר? כ׳בין דאָך, איר ווייסט...” און בשעת מעשה זיך נאָכשלעפּן נאָכן כיבוד מיט זשעדנע בליקן. ר׳ יצחק האָט מיט פולן מויל און האַרץ זיך אָפּגעטרייסלט דערפון.

וואָרום הינטער דער מאַסקע פון שטיפערישער גוטמוטיקייט האָט זיך געפונען אַ האַרץ פול מיט טיפער יראת־שמים, מסירת־נפש׳דיקע איבערגעגעבנקייט צו תורה און חסידות און טיפער זעלבסט־ביטול פאַר אַלדאָס הייליקע. האָט ער זיך ניט געשטופּט צו דערציילן וועגן זיין אומגעהויערער איבערגעגעבענער טעטיקייט פאַר בית־חיינו, וועגן זיינע לאַנגע מסירת־נפש יאָרן פון אַרבעט פאַר תורה און חסד, נאָר זיך געדרייט אין די ווינקלען. און וואָס איז זיין שולד אויב אויך דאָרט האָבן זיך געזאַמלט קרייזלעך אַרום אים? און וואָס איז ער שולדיק, אַז לויט זיין נאַטור האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן פאַראומערטע פּנימער — און דווקא דערפאַר האָבן זיך יענע געשאַרט אַרום אים?

(און נאָכאַמאָל ווילט זיך באַוואָרענען: ס׳איז דאָ חלילה ניט געמיינט קיין הספּד־גערייד. וואָרום ס׳דוכט זיך, אַז פאַר אַזאַ „צערעמאָניע” איז ר׳ יצחק עלול אויפצושפּרינגען... אַפילו פון זיין אָרט אין ליכטיקן גן־עדן... און טאָמער קלינגען די ווערטער מיינע מיט אַזאַ טאָן — וועט דער גוטער ר׳ יצחק מיר דאָך מוחל זיין).

ב.

וואָס פאַראַ גרויס און אינטערעסאַנט ספר החיים עס וואָלט געווען ווען מ׳פאַרשרייבט ר׳ יצחק׳ס לעבנס־געשיכטע: זיינע ריזיקע מסירת־נפש׳דיקע טואונגען פאַרן כלל; זיינע מאוימ׳דיקע און גלייכצייטיק הערלעך־לעגענדאַרישע איבערלעבונגען בעת זיין פאַרשיקונג; און ועל כולם די קאָלירפולע, לעבעדיקע געשטאַלט פון ר׳ יצחק׳ן גופא. אָבער ליידער איז ניט דאָ (אין די פּאָר אָרעמע בלעטלעך) דאָס אָרט און ניט איצט די צייט — ווייל ניט אַלץ פון ר׳ יצחק׳ס מעשים קען די היינטיקע עפנטלעכקייט „פאַרדייען”.

אָבער איין עפּיזאָדל מעג מען דערציילן, ווייל דערין שפּיגלט זיך אָפּ אַ בולטער שטריך זיינער. געווען איז עס די ערשטע תקופה פון רדיפות אויף די רבנישע און חסידישע אידן און כלל־טוער אין „רויטן”־לאַנד. איז אַוודאי ר׳ יצחק געווען איינער פון די הויפּט־אַרעסטירטע. ווי אַנדערש? איז ער דאָך געווען „דאָרט” אַ לעבעדיקער שליסל־נערוו. מען האָט אים פאַראורטיילט און פאַרשיקט אַזש קיין סאָלאָווקי (אַ „באַרימטער” אַדרעס אין יענע יאָרן!). נאַטירלעך האָבן זיך אין יענער פינסטערער פאַרוואָרפעניש געפונען אַ היפּשע צאָל אַרעסטירטע אידן. נו, האָט ר׳ יצחק אויך אין דער געפענגעניש געפונען אַ סך אַרבעט.

ווען ס׳האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון יום־טוב פּסח, איז פון ר׳ יצחק׳ן אָנגעקומען אַ בריוו נאָך אַ בריוו, מ׳זאָל חלילה ניט פאַרזאַמען צו שיקן שמורה צו אים אין לאַגער. ווען מ׳האָט באַצייטנס אים אָפּגעשיקט פון דער היים אַ פּעקל מיט מצה־שמורה — איז ערשט באַלד נאָכדעם אָנגעקומען אַ „רוגזה׳דיקער” בריוו אין נוסח פון ר׳ יצחק׳ס גוטמוטיקן געבייזער: היתכן? וואָס, ער איז דען דאָרט אַ בן־יחיד? פאַראַן נאָך אַרום סאָלאָווקי נאָך אידן! דאַרפן זיי האָבן מצה־שמורה אויף פּסח, און געוואַלד, וואָס שנעלער, די צייט איז קורץ.

הכלל, אנשי־שלומנו האָבן זיך אָנגעשטרענגט, מ׳האָט איינגעקערט וועלטן און אָפּגעשיקט קיין סאָלאָווקי נאָך פּעקלעך מצה־שמורה, געפּאַקט אין אייזערנע קעסטלעך, כהלכה. אָבער דאָ האָט זיך ר׳ יצחק׳ס חסידיש האַרץ ערשט פאַנאַנדערגעברויזט: אַז השי״ת האָט געהאָלפן מיט מצה־שמורה פאַר אַזאַ צאָל אידן, טאָר מען ניט בלייבן שטיין דערביי און מ׳דאַרף גיין אַ טראָט ווייטער. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ איינצואָרדענען דעם פּסח־סדר צוזאַמען מיט די אַלע אידן וואָס האָבן געקראָגן מצה.

נו, קען מען זיך פאָרשטעלן אַ „קאָלעקטיוון” סדר אין רוסישער פאַרשיקעניש! אָבער ר׳ יצחק האָט שוין ניט גערוט בייטאָג און ניט געשלאָפן ביינאַכט, און סוף־כל־סוף אויסגעוועבט אַ פּלאַן: אין אַרעסטאַנטן־שטעטל איז אפשר ניט געווען בנמצא דאָס מינימאַלע ביסל פרייע לופט צום אָטעמען, קיין פּיצל ברויט אין מויל און קיין פּלאַץ פאַר דעם געשוואָלענעם קערפּער — אָבער אַ טעאַטער־זאַל איז דאָרט יאָ געווען. האָט דער ענערגישער לוסטיקער ר׳ יצחק געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם סאַמע הויפּט פון אָט־דעם טעאַטערל — מיט דעם דירעקטאָר בכבודו ובעצמו. און אַזאַ כוח האָט ר׳ יצחק געהאַט אַז פון סתם אַ באַקאַנטשאַפט איז געוואָרן היימישע פריינטשאַפט. און אַזוי האָט זיך פאַרפלאָכטן אַ טיפע ידידות צווישן אַזעלכע צווי טאָג־און־נאַכט מענטשן — צווישן אַ פייערדיקן חסיד אַ פאַרשיקטן און אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער.

מסתמא האָט דער בנין פון טעאַטער ניט

אויסגעזען אַזוי פויגלדיק — און דאָס האָט ר׳ יצחק גענומען אין אַכט. ער האָט מיטן דירעקטאָר איינגעקנעלט, אַז דאָס טעאַטער־געביידע פּאָדערט אַ היפּשן רעמאָנט. נו, וועט דער דירעקטאָר אים מוזן פֿאַרמאַכן אויף עטלעכע טעג, טאַקע די טעג אין וועלכע ס׳פֿאַלן אויס די ערשטע טעג פּסח. „פון מיינעטוועגן", האָט ר׳ יצחק געזאָגט צום דירעקטאָר, „מוזטו ניט פֿאַרריכטן, מעגסט אים שפּעטער איינוואַרפן אינגאַנצן אָדער טאָן וואָס דו ווילסט. נאָר וואָס דען, די צווײ פּסח־אָוונטן זאָל דער זאַל זיין אין מיין רשות, פֿאַר מיר און נאָך אַביסל אידן".
אוודאי האָט דער פּריינט דער דירעקטאָר זיך היפּש געקווענקלט, אָבער ענדלעך מסכים געווען. ער האָט אָפּיציעל פֿאַרמאַכט דעם טעאַטער אויף רעמאָנט און ר׳ יצחק האָט דאָרט געפּראַוועט די סדרים.

מ׳קען זיך שוין פֿאָרשטעלן ווי אַזוי די פֿאַרוואָגלטע צעבראָכענע אידן האָבן דאָרט אַלע אינאיינעם „אָפּגעשפּילט" די האַרציק־נשמה׳דיקע, אינטים־רירעוודיקע, דערהויבן־הייליקע סדר־מאָמענטן פון אָט־די גאולה׳דיקע נעכט: אי טרערן פון טיפֿער לייטערונג, אי אויסברוכן פון תשובה־שטראָמען, אי פֿריידיקע דערוואַכונג פון בטחון און האָפֿענונג. אָט־דאָס איז געווען דער כוח פונעם קליינינקן „איצקע גאָלדין".

ג.

אַזאַ פול־לעבעדיק לעבן — ווי אַזוי „פּאַסט" צו זיין זיין ענדשלוס אויף אונזער וועלט? ווייסן מיר, ווי ר׳ יצחק אַליין האָט זיך עס געוואונטשן. אין זיינע לעצטע טעג, ווען זיין געזונט־מצב איז געווען צעשערבלט פון אַלע זייטן, האָט מען אים געפּרוווט אַמאָל אָפּהאַלטן פון צופיל אָנשטרענגען זיך. אין אַ מאָמענט ווען האַרץ און אָטעם האָבן אים פֿאַרקלעמט האָט אים זיין פרוי, תבלח״ט, געזוכט צו אָפּהאַלטן פון גיין דאַווענען און לערנען אין שול אַריין. נו, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף זיין כאַראַקטעריסטישן שטייגער: „וואָס הייסט, האָסט מורא טאָמער כאַפּ איך אַ שטאַרב? נו, אויב שוין יאָ, איז דאַרף מען דען אַ בעסערן אָרט ווי אין שול אַרום רבי׳ן שליט״א!"...

און פון הימל האָט מען משמעות אים צוליב געטאָן. און אַוועק איז ר׳ יצחק אי אין לעבעדיק־הערלעכסטן פּלאַץ און אי אין דערהויבן־פֿריידיקסטן מאָמענט. שמיני־עצרת ביינאַכט איז נאָך ר׳ יצחק געגאַנגען אין שולן פּראַווען הקפות און משמח זיין אידן. פון דאָרט איז ער אַוועק אין שול פון כ״ק אדמו״ר שליט״א. דאָרט האָט די פּייערלעכקייט געהערשט מיט שמחה צווישן דעם ריזיק צעברויזטן עולם. מ׳האָט ר׳ יצחק׳ן מכבד געווען מיט אַ „פּסוק" פון „אתה הראת" און ער האָט דאָן צום לעצטן מאָל אויסגעהילכט די ווערטער: „קומה ה׳ למנוחתך..."

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ר׳ יצחק זיך געכאַפּט פֿאַרן האַרצן. אָבער דאָס מאָל האָבן ר׳ יצחק׳ס ליכטיק־לעבעדיקע אויגן זיך פֿאַרמאַכט און מער ניט אויפגעלויכטן צוריק.
זאָל ער זיין אַ מליץ יושר פֿאַר אונז און בלייבן אַ לעבן־מוסטער אין אונזער זכרון.

די מאָדערנע וועלט / סוף פון זייט כ״א

געבערענט מיליאָנען קינדערלעך, האָבן די גרויסע פעלקער אויסגעהאַלטן זייער טאַקט און ניט געשטערט אַזאַ פּריוואַטן ענין.

וואָלט מען געקענט אָנזאַמלען נאָך גאַנצע בערג מיט פּערלדיקע מוסטערן, ווי אַזוי די וועלט איז פּשוט אַרונטער פון זינען, אויב ניט נאָך ערגער... אָבער אַן עבירה דאָס ריינע ביסל פּאַפּיר. אלא, צו וואָס בכלל קראַצן דעם וואַנזיניקן קאָפּ פון דער וועלט? נאָר, ווי זאָגט אַ רוסיש גלייכווערטל: „ווען דאָס וואָלט ניט געווען מיין דוראַק..." דער אומגליק איז, וואָס אָט־דער פּראָצעס פון מאָדערן־וואַנזין, לינקיסטישער טעמפּקייט און קאָפּ־לאָזיקייט האָט גענומען פֿאַרשלינגען אַלץ מער אידישע קינדער.

איז ראשית אַ מצוה וואָס מער און אָפּטער אָנצייגן אויפן אמתן געשטאַלט פון דער היינטי׳ער אומגליקלעכער מאָדערנער וועלטהייט און מענטשהייט.

צווייטנס, און בעיקר, איז אַ לעבנס־געבאָט צו שרייען אין די אידישע גאַסן — צאו וראו, גייט אַרויס פון קאָפּ־פֿאַרדרייערישן קרייז און זעט אַזאַ בולטן פאַקט און מאַכט דעם אָפּענעם פֿאַרגלייך: אַ גרויסע וועלט מיט רייכע קולטורן, ליטעראַטורן און ציוויליזאַציעס — ווי אָפּט זי איז באַנייט געוואָרן מיט אוצרות פון אידייען, מיט אַלץ נייע געדאַנקען פון יושר און גלייכהייט, מיט אַלץ שענערע לעבנס אידעאַלן, ביז צום קלימאַקס אין דער מאָדערנער צייט; און דער סך־הכל? דווקא היינט איז עס אַלץ שנעל צעפֿאַלן געוואָרן אין איין ריזיקער פינסטערער אוניווערסאַלער חורבה. און ס׳פּיצעלע צעמאַרדעטע פֿאָלק פֿאַר טויזנטער יאָרן — וואָס האָט זי געווירן? אַן אור־אַלטינקע תורה, אַמאָל־אַמאָליקע דינים און געבאָטן, פֿאַרשאָטן נאָכאַנאַנד מיט הרודעס אַש, פֿאַרגאָסן מיט טייכן בלוט און געיאָגט פון המונים רוצחישע פעלקער און בייזע הונדערטער יאָרן — איז ווי קוקט עס אויס היינט? די אַלטינקע הייליקע תורה, די אור־גרייזע אַמתע יהדות איז היינט פריש, געזונט — אַן אייביקע אייביקייט!

ב״ה

די אידישע היים

צייכענונג פון זיגמונד פארסט

...תשכ״ט, באנד ... נומער 4 (39)
...נשי ובנות חב״ד
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין נ.י.

דער ליובאַוויטשער רבי רופט צו העלפן די גייסטיק־אָרעמע אידן

„געבן גייסטיקע הילף דעם וואָס נויטיקט זיך דערין, איז פונקט אַזוי פאַרפליכטנדיק ווי דאָס געבן צדקה דעם נויטבאַדערפטיקן אין געוויינלעכן זינען" — האָט געזאָגט דער רבי שליט"א, ביי אַ צוזאַמענקום אין ליובאַוויטשער צענטער, 770 איסטערן פּאַרקווי.

„עס איז געווען אַ צייט, ווען אידישע גייסטיקע פירער זיינען בלויז זעלטן געפאָרן אין די ווייטע אידישע קהילות, בכדי צו העלפן דאָרט די יעניקע וואָס נויטיקן זיך אין זייער עצה און וועגווייזונג. ווען איינער האָט געזוכט אַזאַ הילפס־ראָט צו זיין גייסטיקן מצב, האָט ער געוויינלעך געמוזט דורכמאַכן אַ לאַנגע, און אָפטמאָל אַ גאַנץ שווערע, רייזע ביז צו געפינען די געהעריקע עצה און אָנווייזונג פון אַ רבי'ן אָדער אַ תורה־מנהיג.

„אָבער היינט־צו־טאָג" — האָט דער רבי שליט"א געזאָגט — „זיינען פאַראַן אַזויפיל אידן וואָס נויטיקן זיך אין דער געהעריקער ריכטונג פון זייער לעבנס־גאַנג, און נאָכמער זיינען דאָ אַזעלכע וואָס ווייסן אַפילו ניט אַז זיי פעלט ניט מער ווי בלויז אַ וועגווייזונג — און ניט וויסנדיק וואוהין צו ווענדן זיך נאָך פּאַסיקער הילף, בלייבן זיי צעטומלט און פאַרוויקלט אין זייער הילפסלאָזיקייט.

„עס דאַרף אונטערשטראָכן ווערן, אַז דאָס איז געווען די סיבה וואָס „דער רבי דער שווער" (דער פריערדיקער ליובאַוויטשער רבי נשמתו עדן), האָט איינגעפירט צו פאַנאַנדערשיקן ספּעציעלע שלוחים און עלטערע ישיבה תלמידים איבער פאַרשידענע ווייטע קהילות, בכדי צו ברענגען דאָרט צו יענע אידן דעם הייליקן געדאַנק און וואָרט פון דער תורה הקדושה; צו מאַכן זיי באַוואוסטזיניק פון זייער אידישקייט און צו לערנען זיי. אַזאַ מין הילפס־טעטיקייט אויפן גייסטיקן געביט איז פּאַקטיש געוואָרן אַ קען־צייכן פון דער חב"ד ליובאַוויטש באַוועגונג.

„אַ איד טאָר ניט בלייבן רואיק אין זיין ווינקל" — האָט דער רבי שליט"א פאָרגעזעצט — „ביים וויסן אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק, וואָס ווייסן ניט ווי אַזוי צו אויסלעבן זיך ווי אידן. די אַלע וואָס זיינען באַשאָנקען מיטן אוצר פון גייסטיקן פאַרמעגן דאַרפן דעריבער אַרויסלאָזן זיך צווישן די גייסטיק־אָרעמע ברידער און זיי בייהילפיק זיין מיט אַלץ וואָס מעגלעך.

„יעדער אומוויליקייט אָנצונעמען אָט־דעם צוגאַנג, קען לייכט באַזייטיקט ווערן דורך דעם וואָס ער וועט זיך פאָרשטעלן ווי ער אַליין איז דער וואָס געפינט זיך אין אָט־דער טרויעריקער לאַגע, פון יענעם וואָס דאַרף נעבעך אָנקומען צו זיין שטיצע: וואָלט ער ניט געלעכצט נאָך יענעם טאָג ווען עמעצער זאָל קומען און פאַרלייגן הילף אין זיין שווערן גייסטיקן נויט? צו געבן אים אַן עצה און געפינען אַן אויסוועג? צו לערנען אים ווי צו לעבן ווי אַ איד אין זיין טאָג־טעגלעכקייט?"

די אידישע היים

פערטל יאָר שריפט

טעמא גורארי — רעדאַקטאָר

באַנד 10 נומ. 4 (39) — ניסן ה'תשכ"ט

א י נ ה אַ ל ט

דער רבי רופט צו העלפן גייסטיק־אָרעמע אידן הילע

פסח — אַנטפלעקונג און געראַנגל
— צ. מ. שטיינמעץ . . . . א

באַזוך אין געבורטס־שטאָט פון רמב"ן
— הרב ח. ד. שעוועל . . . . ג

אין רויט־רוסישן קאַלטן פרימאָרגן
(דערציילונג) — ד. ראַווסקי . . . . . ו

אידן און גויים — א. ז. פאַרסט . . . . . . י

מרים לערנט חינוך־פליכטן פון פרויען
— ד"ר ה. זיידמאַן . . . . יג

אַת פתח לו — יהודא פלדי . . . . טו

די נשמה פון אַ ניגון (דערציילונג)
— י. גראַנאַטשטיין . . . . יח

אַ מאָדערנער „מה נשתנה" פאַר פורים
— י. ליפמאַנזאָן . . . . כא

הילע צייכענונג — א. ז. פאַרסט

אילוסטראַציעס — ז. קליימאַן)

אונזער צייטשריפט שטרעבט אריינצוברענגען און פארשטארקען אין יעדער אידישער היים דעם גייסט פון תורה ומצוות ווי זיי זיינען באלויכטען דורך חסידות חב"ד.

פסח — אנטפלעקונג און געראַנגל

• צ. מ. שטיינמעץ

דאָס אָרט איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון הויכע, טונקעלע וואַלד־בערג. איבער דעם פייכטן, ענגן טאָל האָבן אַ גאַנץ יאָר געהויערט פינסטערע כמאַרעס, וואָס האָבן נישט צוגעלאָזט אַ שטראַל פון דער זון. די איינוואוינער זיינען געבוירן געוואָרן, געלעבט און געשטאָרבן אין „טאָל פון טרויער" — ווי מען האָט דאָס אָרט גערופן — נישט אַנענדיק, אַז ס׳זיינען פאַראַן פריילעכע, זוניקע פלעצער אויף דער ערד.

אָבער אין אַ געוויסן פרילינגס־טאָג האָט אַ וואונדערלעכער וואַנדערער זיך דערשלאָגן צום חושכ׳דיקן טאָל. זעענדיק זייער פאַרגליווערט, טרויעריק לעבן, האָט ער זיי דערציילט פון זיין היימלאַנד — אַן אָרט פון ליכט און לופט, פון פרייד און געזאַנג. די טאָל־איינוואוינער האָבן אים נישט געגלויבט.

אָבער איינמאָל האָט ער זיי אַרויסגעפירט צום ראַנד פון טאָל און ווען דער מאָרגן־ווינט האָט אויף אַן אויגנבליק פאַרטריבן די שטענדיקע, געדיכטע כמאַרעס פון האָריזאָנט, האָט זיך פאַר זייערע אויגן — ווי אין שיין פון אַ בליץ — באַוויזן אַ בליענדיקער שטח פון אַ שפיץ באַרג, פאַרפלייצט פון ליכט פון דער אויפגייענדיקער זון.

„דאָס איז דער אָרט, וואוהין איך וויל אייך פירן" — האָט דער וואונדערלעכער מאַן אויסגערופן.

דערנאָך זיינען געקומען טעג און וואָכן פון וואַנדערונג. דער וועג פון פינסטערן טאָל ביז צום ליכטיקן באַרג איז געווען לאַנג און שווער: שרעקעדיקע וויסטעניש, זאַמדיקע מדבריות, שפיציקע פעלזן, קרומע שטעגן. אַ וואָך און נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך — און דער זוניקער באַרג איז נאָך אַלץ נישטאָ.

אָבער אַלעמאָל, ווען די וואַנדערער פלעגן אַריינפאַלן אין פאַרצווייפלונג און אַפילו אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון „ליכטיקן באַרג", האָט זייער פירער אויפגעפרישט זייער זכרון פון יענעם פרימאָרגן, און פאַר זייערע אויגן האָט ווידער אויפגעלעבט דאָס בילד פון שפיץ באַרג, באַגאָסן מיט זון. און זיי האָבן געשעפט כוח און גלויבן ביז צו יענעם טאָג, ווען זיי זיינען ענדלעך אָנגעקומען צום געבענטשטן אָרט.

אָבער אָן דער וויזיע פון הבטחה און דערפילונג, וואָס האָט זיך צו זיי באַוויזן ביים אָנהויב פון זייער וואַנדערונג, אָן די זכרונות פון דעם זוניקן בליץ־בילד, וועלכע האָט זיי באַגלייט אויף דעם לאַנגן, שווערן וועג — וואָלטן זיי דעם ציל קיינמאָל נישט דערגרייכט.

* * *

אָט דאָס איז דאָס בילד פון אונזער ערדיש לעבן.

פון איין זייט: דער איינזאַמער געראַנגל, דאָס שטענדיקע שווערע קלעטערן אויף דער הויכער לייטער פון שלימות — אַ לייטער, וואָס אירע פיס שטייען אין פינסטערן טאָל פון „הסתר פנים" און איר וויטער שפיץ דערלאַנגט ביז צום קוואַל פון ליכט; און פון דער צווייטער זייט: זעלטענע מאָמענטן פון „עת רצון", פון בליציקער אַנטפלעקונג און דערמוטיקונג, זוניקע שמייכלען פון ג־טלעכן „הארת פנים".

דער עיקר, דער תכלית הבריאה, איז דער ערשטער דרך, דער טאָג־טעגלעכער קאַמף

מיט די כחות הטבע אין אונז און אַרום אונז. אָבער אָן דער „הילף פון אויבן", אָן די שטראַלן פון דערמוטיקונג און ליבשאַפט, וואָס באַלייכטן פון צייט צו צייט אונזער פינס־טערניש, וואָלטן מיר דעם ציל קיינמאָל נישט דערגרייכט. נאָר די דעראינערונג פון די מאָמענטן פון התגלות אין דער פאַרגאַנגענהייט, גיט אונז דעם כוח און אויסדויער צו שטרעבן און האָפן אויף דער דערפילונג פון דער צוקונפט.

* * *

„זכור ושמור בדבור אחד נאמרו". זכור את יום השבת — פון די עשרת הדברות אין ספר שמות, און שמור את יום השבת, פון די עשרת הדברות אין משנה תורה — זיינען איינס און דאָס זעלבע. „זכור" — געדענקען דעם עבר, „שמור" — אָפּהיטן די דעראינערונג און וואַרטן אויף דעם עתיד. „זכור" — געדענק דעם פאַרגאַנגענעם שבת, „שמור" — וואַרט אויף דעם קומענדיקן שבת. נאָר דער זכרון פון פאַרגאַנגענעם שבת גיט אונז די קראַפט צו וואַרטן און האָפן אויף דעם קומענדיקן שבת.

* * *

פסח איז דער ערשטער און עלטסטער פון אַלע ימים טובים. פסח — פילט מען דעם הייסן אָטעם פון דער איבערנאַטירלעכער געשיכטע פון אייביקן אידישן פאָלק. אַלע מצוות פון פסח זיינען עדות — היסטאָרישע עדות'שאַפטן.

אָבער פסח סימבאָליזירט אויך אַמקלאָרסטן די אויבנדערמאָנטע צוויי יסודות פון אידישן יחיד און אידישן כלל: דעם יסוד פון גרעאַנגל און דעם יסוד פון התגלות.

ספירת העומר, וואָס מיר ציילן פון צווייטן טאָג פסח, איז דער שווערער, שטופנווייזער אויפשטייג פון אידישן מענטש און אידישן פאָלק — מיט אייגענע כחות — פון די טיפעניש פון „מצרים" ביז צו די הויכקייטן פון „הר סיני". זיבן וואָכן פון רייניקונג, פון אויס־אידלונג און ברור, פון שפּאַנען נעענטער און נעענטער צו קבלת התורה.

אָבער אידער מיר לאָזן זיך אַרויס אויף דעם שווערן וועג פון ספירת העומר — קומט דער ערשטער טאָג פסח, אַ טאָג פון אַנטפּלעקונג, פון פּלוצימדיקער, נישט־פאָרדינטער און מתנה'דיקער התגלות פון דער העכסטער מדריגה; אַ טאָג פון „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה" — די אַנטפּלעקונג פון אַלמעכטיקן פאָטער אין הימל.

און אַזוי פאַרמאָגט אין זיך פסח אָט־דיביידע עיקר'דיקע עלעמענטן פון אידישן לעבנס־וועג: דער יסוד פון התגלות און דעם יסוד פון גרעאַנגל, וואָס איינער אָן דעם אַנדערן וואָלט נישט דורכגעפירט די כוונה פון דער בריאה.

* * *

פסח האָט אויך זיין „זכור" און „שמור". „זכור את היום הזה... היום אתם יוצאים בחדש האביב" אין ספר שמות, און „שמור את חדש האביב" אין משנה תורה.

געדענקט דעם פרילינג פון יציאת מצרים; געדענקט דעם נייגעבורט פון דעם „עם נברא", פון דעם ניי־געשאַפענעם אידישן פאָלק; געדענקט דעם פרילינג, די יוגנט פון זיין וואונדערלעכער געשיכטע.

געדענקט דעם „חוזק יד", די האַנט פון ליבשאַפט און די האַנט פון קראַפט, די האַנט פון חסד און גבורה, וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט, פּלוצים, אומבאַגרייפלעך און אומפאַר־דינט, און האָט אייך אַרויסגעריסן מיט איבערנאַטירלעכער מעכטיקייט פון די טיפסטע פינס־טערנישן פון טומאת מצרים און אויפגעהויבן „אויף די פליגלען פון אָדלערס" צו די העכסטע, ליכטיקסטע הויכן. „זכור את היום הזה"... ווייל נאָר מיט דעם כוח פון דעם זכור — וועט קענען זיין „שמור את חדש האביב", וועט איר זיך צוריקוואַרטן און דערהאָפן צום קומענדיקן פרילינג פון באַפרייאונג, התחדשות און גאולה, צום פסח לעתיד.

דערפאַר איז „זכרון יציאת מצרים" אַזאַ צענטראַלער עיקר אין דער אמונה פון אידישן פאָלק. ווייל די אייביק פרישע זכרונות פון די מאָמענטן פון התגלות פון כלל ישראל און די מאָמענטן פון „גילוי אור" פון יעדן יחיד, באַגלייטן דעם אידישן כלל און אידישן פרט אויף דעם לאַנגען, איינזאַמען וועג, וועלכער פיהרט פון דעם ערשטען „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה" ביז צום „ונגלה כבוד ד'" פון אחרית הימים.

מײַן באַזוך אין דער געבורטסשטאָט פון רמב״ן

• הרב חיים דוב שעוועל

ווי דערמאָנט אין „קאָפּ", וועל איך דאָ איבערגעבן אייניקע איינדרוקן פון דעם באַזוך אין גירונדא, די געבורטסשטאָט פון רמב״ן. אָבער פריער וואָלט געווען געוויס כדאי צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם רמב״ן ז״ל אַליין. „אַ פּאָר ווערטער" — ווייל אין די ראַמען פון אַ קורצן מאמר איז ניט שייך צו געבן אפילו אַ באַשרענקטע שילדערונג און אָפּשאַץ פון דער הערלעכער ריזן געשטאַלט און דער אומבאַגרענעצטער גייסטרייכקייט פון זיינע גראַנדיעזע שאַפונגען.

אין גאַנג פון מיין אַרבעט אויף דעם רייכן אוצר פון די ספרים פון רמב״ן — וואָס אייניקע פון זיי האָב איך געהאַט דעם זכות אַרויסצוגעבן אין אַ פאַרשענערטער און פאַרפולקאָמטער אויסגאַבע — בין איך פשוט פאַרכאַפּט און באַצויבערט געוואָרן פון דער געוואַלדיקער איבערמענטשלעכער גדלות און אַלזייטיקער שפע פון גאונות, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף יעדן בלעטל פון זיינע שאַפונגען און אויף יעדן „בלאַט" פון זיין אומגעווינטלעכן ספר החיים, פון זיין לעבן און ווירקן ווי דער גייסטיקער פירער פון זיין דור.

דעם רמב״נ׳ס שאַפונגען שפרייטן זיך אויס אויף אַלע ברייטסטע געביטן פון דער תורה־וועלט. „דער ריז צווישן ריזן", דער גיגאַנטישער הימלדיקער ליכט־טורעם, האָט דורכגעלויכטן אַלע טיפענישן פון דער הייליקער חכמת התורה — פון תורה שבכתב ביז תורה שבעל פה, פון דעם ים התלמוד ביז דעם געביט פון הלכה, פון די פאַרטיפטע דרושים און אגדות ביז די פאַרהוילענישן פון קבלה. אומעטום האָט ער מיט זיין זעלטן גאונישן מוח דורכגעדרונגען און דורכגעשיינט; און אַלץ האָט ער אויסגעטייטשט מיט זיין אייגנאַרטיקער פעלזיקער גרונטיקייט און גלאַטקייט.

דער רמב״ן האָט געלעבט און געווירקט אין דעם איבערגאַנג פון יאָרטויזנטער — זיין צייט־אָפּשניט האָט פאַרבונדן דעם פינפטן און זעקסטן יאָרטויזנט — און דאָס איז טאַקע געווען אַ באַשטימנדיקע איבערגאַנגס־תקופה אין אידישן גייסטיקן לעבן. ס׳איז געווען די צייט ווען די מקור׳דיקע תורה־קוואַלן פון די ישיבות אין בבל האָבן נאָך זייער אָפּשלוס זיך גענומען אויסשפרייטן אין פאַרשידנאַרטיקע און פאַרשידנפאַרביקע תורה־שטראַלן. דער רמב״ן האָט אויפגעשיינט נאָך דער תקופה, ווען אין דער אידישער גייסט־וועלט האָבן זיך אויסגעפורעמט צוויי הויפּט־שטראָמען. זיי האָבן טאַקע ביידע געשעפּט פון איין קוואַל — פון די גאוני און ראשי־ישיבות אין בבל — אָבער זיי האָבן אונטערן איינפלוס פון די ערשטע ראשונים און חכמים, זיך אויסגעטיילט ווי צוויי באַזונדערע טייך־שטראָמען, פון איין אָנהויבס־קוואַל, וואָס פאַרנעמען זיך אין צוויי ריכטונגען.

איין הויפּט־שטראָם איז געפלאָסן פון די תורה־צענטערן אין צפון־אַפריקע און שפּאַניע; און דער צווייטער האָט זיך געצויגן פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד. אונטער דער השפעה פון די תורה־ריזן אין די ביידע צענטערן, דורך זייערע ווערק און גרויסע ישיבות, האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט צוויי פאַרשידנאַרטיקע וועגן און פאָרמען, צוויי שיטות און צוגאַנגען, ווי אַזוי צו לערנען און אויסטייטשן און פאַרברענגען די תורה צום אידישן פאָלק.

אין קורצע שטריכן קען מען זאָגן: דער וועג פון די תורה־באַלויכטער אין צפון־אַפריקע און ספרד — וואָס זיינען הויפּטזעכלעך געקומען צום אויסדרוק דורך די ספרים פון זייערע גרעסטע לערער, ווי דער אלפס און רמב״ם — איז געווען דער עיקר אַרויסצוברענגען אין אַן אַרומנעמענדיקן, אַנאַליטישן און פולקאָמען אופן יענעם גאַנצן שטח פון תורה וואָס האָט צו טאָן מיט דער פּראַקטישער אויפפירונג פון אידן; ד. ה. די קאָנקרעטע און פּאַרטיקע לערעס פון תורה ווי אַזוי אַ איד דאַרף דענקען און פילן, טראַכטן און רידן און טאָן. דאָס זיינען געווען ווערק פון הלכה און „גרייטע" אויפפּאַסונגען פון תורה־באַנעם. דאַקעגן איז אין פראַנקרייך־דייטשן תורה־צענטער — וואָס איז באַשיינט געוואָרן פון דעם בית־מדרש פון רש״י און זיינע אייניקלעך, די בעלי התוספות מיט זייערע ווערק — איז דער דגש געלייגט געוואָרן אויף דעם לערנען און פאַרטיפן זיך אין די אָריגינעלע רייד און קשיות און תירוצים און פלפולים פון דער גמרא. דער לערנער באַנוגנט זיך ניט מיט די פאַרטיקע אויספירן און אַלגעמיינע שלוסן, נאָר לערנען פאַרשטיין

די גמרא לויטן אומפאַרגלייכלעכן וואונדערלעכן פירוש פון רש״י, און דורכלייטערן און דורכדרינגען יעדע סוגיא לויט דער שנײדיקער שאַרפקייט פון די בעלי תוספות.

ג־ט׳לעך אמת און גייסטיק לעבנס־וויכטיק זיינען בײדע וועגן פאַר אידן. ס׳איז אָבער אַ פאַקט, אַז אין פאַרלויף פון פיל דורות האָבן די בײדע קוואַליקע שטראָמען ניט באַרירט איינס דאָס אַנדערע, זיי האָבן זיך ניט צונויפגעגאָסן אין איין אויסגוס פון קעגנזייטיקער גאַנצקייט און רעגנבויגנדיקער אַלפאַרביקייט. איז געקומען דער רמב״ן און האָט געשאַפן דעם וואונדערלעכן צונויפפאַר פון די בײדע שטרעמונגען פון חכמת התורה. זיינע ווערק, קען מען זאָגן, צייכענען זיך אויס סיי מיט אַראָפּלאָזן זיך אין די טיפסטע טיפענישן פון ים התלמוד, וואָס איז אײגענשאַפטלעך פאַר די בעלי התוספות; און סיי מיטן אַנאַליטישן צוגאַנג און קאָנקרעטע אויספירן אין הלכות.

דער רמב״ן האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין זיינע ווערק מיט דעם אופן ווי ער האָט געזוכט צו פאַרפעסטיקן און פאַרענטפערן די אויטאָריטעט פון די גדולי הדורות און זייערע אָפּגעפּסק׳נטע הלכות. ער האָט זיי „פאַרטיידיקט״ פון די אַנדערע גאוני עולם וואָס האָבן געפּרוּווט אָפּווענדן און אָפּשלאָגן אָט־די הלכה־ספרים. אויך דערין זעען מיר: ווידער דערשיינט דער רמב״ן ווי דער וואָס דערגאַנצט די שטחים פון תורה, ווי די „בריק״ וואָס ציט זיך איבער שטורמדיקע תורה־ימען און פירט צו פולקאָמקייט און גאַנצקייט.

דער רמב״ן איז אויך געווען אַ גרויסער משורר, אַ פייטן; און ער איז אויך געווען אַלזייטיק געניאַל אויף אַלע געביטן פון די אַלגעמיינע חכמות. דערצו איז ער געווען אַ אידישער פירער פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס זיין השפעה האָט דערגרייכט סיי די ווייטסטע אידישע ווינקלען און סיי, להבדיל, די קריסטלעכע „העכערע״ ספערעס, ביז צום קעניגלעכן הויף. אין ביישפּיל פון זיין א. ג. „עסקנות״: מיט זעלטענער גייסטיגער גבורה און אידישן שטאָלץ האָט זיך דער רמב״ן געשטעלט פאַרן געצוואונגענעם וויכוח (אין רעליגיעזע ענינים) מיט די פאָרשטייער פון דער קאַטוילישער היעראַרכיע צוזאַמען מיטן אַראַגאָנישן קעניג אַליין און ער האָט אויפן פּראַקטיקסטן אופן געזיגט.

— ב —

ווי געזאָגט, בלויז אייניקע אַלגעמיינע שטריכן. כ׳וויל נאָר צופירן, אַז באַקענענדיק זיך אַלץ „נענטער״ מיט אָט־דער וואונדערוועלט פון דעם רמב״ן און זיינע ווערק, האָט זיך אין מיר אַנטוויקלט אַ מין דורשט צו באַקענען אַלץ מער אייגנצלהייטן, אָנדייטונגען און שפּורן פון דער הימלדיקער געשטאַלט, וואָס איז געבוירן געוואָרן און געלעבט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין דער שטאָט גירונדא — מיט אַרום זיבן הונדערט יאָר צוריק.

אַ באַזונדער אינטערעס האָט ביי מיר אַרויסגערופן די דאָזיקע שטאָט, ווען איך האָב אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אַרבעט געפונען אין אַ געוויסן זשורנאַל דאָס בילד פון אַ הויז אין גירונדא, וואָס לויט פאַרלעסלעכע באַווייזן איז עס דאָס הויז וואו דער רמב״ן האָט געוואוינט (זע בילד). האָב איך געטראַכט: ווי־באַלד די אַלע צייט־איבערקערענישן האָבן נאָך לאַנגע שטורמישע יאָרהונדערטער ניט באַוויזן צו חרוב־מאַכן די שטוב פון רמב״ן, איז בפירוש כדאי די אָנשטרענגונג צו פאָרן און אַ בליק טאָן פון דער נאָענט אויף די ווענט און שטיינער, וואָס האָבן אַמאָל־אַמאָל אין זיך איינגעזאַפּט אַזויפיל זוניקע שטראַלן פון דעם באַוואוינער.

די חז״ל זאָגן דאָך, אַז אַ זאַך וואָס איז געווען באַזעלט מיט קדושה, איז שוין ניט שייך אַרויסצורייסן אינגאַנצן אָט־די הייליקייט פון דער זאַך. היינט מיט וויפל קדושה איז עס אַמאָל אָנגעלאָדן געוואָרן דאָס הויז וואו דער רמב״ן האָט געפירט זיין הייליק לעבן? האָט מיך השי״ת מזכה געווען און דערמעגלעכט צו פאַרווירקלעכן דעם וואונטש: אין מרחשון פון יאָר תשכ״ז האָב איך (צוזאַמען מיט מיין פרוי) באַזוכט די שטאָט גירונדא — די שטאָט וואו ס׳האָט אַמאָל געברויזט אַ גייסטרייך אידיש לעבן פון איינער פון די חשוב׳סטע קהילות פון אידישן ספרד.

היינט איז אין דער שטאָט גירונדא ניט פאַרבליבן קיין שום לעבעדיקער שפּור פון אידן; און אפילו ניט קיין צייכן פון יענעם אידישן זכרון וואָס בלייבט נאָכן עולם־הזה־לעבן. קיינער קען היינט ניט אָנווייזן אפילו וואו ס׳האָט זיך געפונען דער אידישער בית־הקברות. די שונאי ישראל האָבן לײדער פאַרטיליקט יעדן רעאַלן זכר פון אידישן ווערט. און דאָך איז דער אידישער שטאָט־פערטל, די אידישע „געטאָ״ געבליבן אינעם זעלביקן אויסערלעכן אויסזען, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

דער וועג צו גירונדא פון באַרצעלאָנאַ ציט זיך אין אָנהויב לענגאויס דעם ים־ברעג, צום צפון־זייט. דערנאָך גייט זיך דער וועג אַ קער צו מערב און שלענגלט זיך דורך קליינע בערגלעך, ביז צו דער שטאָט גירונדא. אָט־דער וועג איז זייער אַלט און ס׳איז כמעט ווי זיכער, אַז אויך אין דער צייט פון די אַמאָליקע ספרד׳ישע גדולים האָט ער געדינט ווי דער דורכגאַנגס־וועג צווישן די בײדע אידישע צענטערן: גירונדא און באַרצעלאָנאַ. די שטאָט אַליין מיט די אַלטע שמאָלע געסלעך און קרומלעכע שטיינערנע הייזער וואָס זיינען ווי געזונקען אין אַ פאַרצייטישער גרויקייט און פאַרגליווערטקייט. — איז אַרומגערינגלט פון

בײַדע זײַטן דורך דער טײַך אוניאַר. אַריבערגייענדיק די בריק איבערן טײַך, קומט מען אַרײַן אין דער גאַס פּאַרזאַ, וואָס פירט צו דער אידישער שכונה פון שטאָט.

ווי געזאָגט, איז קענטיק, אַז דער אידישער שטאָט־פּערטל האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט אין משך פון די פיל יאָרן פון זינט דעם רמב״נ׳ס צײַטן. די אידישע „געטאָ״, אויפן העכערן שטאָט־זײַט, שפּרייט זיך אויף אַ צאָל גאַסן (ניט מער ווי אַ פינף קוואַרטאַלן), וואָס טיילן זי אָפּ פון די איבעריקע שטאָט־טיילן.

די מערסטע „אידישע״ שטיבער באַשטייען פון מערער־שטאָקיקע געבײַדעס, וואָס זײַנען געדיכט צוזאַמענגעקלעפּט איינס צום אַנדערן. די אַלע הײַזער זײַנען הײַנט באַוואוינט מיט שפּאַניער, אָבער זייער אַלטערטום־שטעמפּל איז בולט פון יעדן ווינקל. אויך דער אויפזעער פון די שטאָטישע אַלטערטימלעכקייטן האָט באַשטעטיגט, אַז קיין פונדאַמענטאַלע ענדערונגען זײַנען ניט פאָרגעקומען אין די דאָזיקע הײַזער. ס׳איז ניט מער, וואָס אין פאַרלויף פון די יאָרהונדערטער האָט מען אויף די אַלטע פונדאַמענטן און ווענט צוגעבויט און צוגעלייגט אַלערליי צוגאָב־טיילן, אַ שטייגער ווי „לאַטעס״ אויף „לאַטעס״. (אויף מײַן באַזוך האָבן מיך באַגלייט אַ פּראָפעסאָר פון דער אַלט־שפּאַנישער געשיכטע און דער אויפזעער פון שטאָטישן אַרכיוו).

די גאַסן — ריכטיקער געזאָגט די געסלעך — פון אידישן קוואַרטאַל זײַנען זייער שמאָלע. געוויסע געסלעך זײַנען אַזוי ענג, אַז צוויי מענטשן קענען דאָרט קוים דורכגיין זײַט בײַ זײַט. די זון־ליכט דערגייט קיינמאָל נישט צו די אונטערשטע שמאָלע געסלעך־„שפּאַלטן״ און צו די אונטערשטע גאָרנס. בלויז די שפּיצן־געבײַדעס זײַנען באַגאָסן מיט די שטראַלן פון דער הייסער „שפּאַנישער״ זון. גייענדיק צווישן דעם געדיכטן געפלעכט פון געבײַדעס דוכט זיך אויס, אַז מ׳געפינט זיך צווישן די ווענט פון אַן אור־אַלטער טונקעלער פעסטונג.

דער אמת איז, אַז דער אָריגינעלער „בית הרב״, די שטוב פון רמב״ן, עקזיסטירט ניט מער. ס׳איז נאָר פאַרבליבן איין וואַנט פון דעם רמב״נ׳ס שטוב מיט די קענטיקע צייכנס פון אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין הויז אַרײַן. צו אָט־דער וואַנט איז הײַנט צוגעבויט אַ שטוב וואָס דינט איצט ווי אַ שולע פאַר קינדער. דאָס דאָזיקע הויז שטייט בײַם ברעג פון דעם אידישן פערטל, אויף דער גאַס וואָס איז געווען די גרענעץ פון די אידישע און להבדיל קריסטלעכע קוואַרטאַלן. באַטראַכטנדיק דאָס אָרט וואו דעם רמב״נ׳ס הויז געפינט זיך, איז מיר קלאָר געוואָרן פאַרוואָס די משפּחה

פון רמב״ן ווערט גערופן אין ניט־אידישע קוואַלן מיטן נאָמען „די פאַרטא״ (אַ טויער, אַן אַרײַנגאַנג אין שפּאַניש) ווײַל זײַן וואוינונג איז טאַקע געשטאַנען בײַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין דער אידישער געטאָ.

דער אויפזעער האָט מיר אויך אָנגעוויזן אויף אַן אָרט אין דער אידישער גאַס, וואו לויט געוויסע באַווײַזן איז דאָרט געשטאַנען די שול, כ׳האָב אָבער דאָרט ניט באַמערקט קיין שום צייכנס דערויף.

אייניקע גאַסן אַוועק פון דעם אידישן קוואַרטאַל, געפינט זיך אַ חרוב׳ער רעשטל פון אַ טבילה־שטוב, וואָס לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָט עס געדינט ווי אַ „בית־טבילה״ פאַר די אידן פאַרן גירוש־שפּאַניע.

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם מלוכה־אַרכיוו פון באַרצעלאָנא. זייער ווייניק דאָקומענטן האָבן זיך דאָרט אויפגעהיט פון דער תקופה פון רמב״ן. נאָר צווישן אָט־די פּאַפּירן האָבן מיר געפונען אַ שטר־מכירה, וואָס איז געשריבן אין לשון־קודש און גע׳חתמ׳עט אין דער שטאָט גירונדא, וואָס איז דאַטירט מיטן יאָר : פינף טויזנט און צוועלף — דאָס הייסט, אין דער צײַט ווען דער רמב״ן האָט נאָך געלעבט בעלמא דין.

אָט דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון דעם אַמאָל בליענדיקן אידישן לעבן אין גירונדא. די דורות׳דיקע גרויזאַמקייט פון בלוטיקע פײַנטלעכע הענט האָבן אָפּגעווישט די פיזישע סימנים פון דעם אַמאָליקן רומפולן לעבן. און פונדעסטוועגן פאַרלאָזט די שטאָט מיט אָנגענעמע געפילן אין האַרצן, אַז מיר האָבן פאָרט אַן אייביקן איבערבלײַב פון דער קהילה אין גירונדא — די ליכט פון תורה, וואָס איז פון איר אַרויס, איז אייביק און אומבאַרירבאַר פון פײַנטלעכע הענט ; און די הייליקע תורה־ווערטער וואָס זײַנען אַרויס פון גירונדא קלינגען אויך הײַנט אין די ישיבות און בתי־מדרשים איבער דער גאָרער אידישער וועלט.



אין א רויט-רוסישן קאלטן פרימארגן

• דוב ראַוווסקי

מ׳האָט געוואוסט, אַז פון דער שטעטלשער באַן־סטאַנציע ביז צו דער הויז פון ר׳ מענדעלע איז אַ מהלך. פון איין עק שטעטל ביז צום צווייטן. דער ישיבה־בחור איז אַראָפּ פון דער באַן פינף אַזייגער פאַרטאָג. איין־איינציקער „אורח״ אין שטעטל. דער שניי האָט געבלאַנקט אונטערן צודעק פון נאַכט־פינסטערניש. איין איינציקער בעל־עגלה איז געזעסן אין זיין שליטן איינגענורעט אין דעם גראָבן שטיק געוואַנט. אויך דאָס פערדל איז געווען באַדעקט מיט אַן אַלטער קאָלדרע. בלויז דער לאַנגער בייטש האָט געשטעקט הויך פון געשפּאַן: ס׳איז געווען דער צייכן צו פּאַסאַזשירן, אַז דער בעל־עגלה איז פריי צו פאָרן.

דער ישיבה־בחור איז דורכגעגאַנגען די גליטשיקע פוסטע פּלאַטפאָרמע. זיין קאָפּ מיטן שיטערן בערדל זיינען געווען פאַרגראָבן אין דעם קאָלנערל פון דעם אַלטן מאַנטל. אַזוי, אַן איינגעהויקערטער, האָט ער זיך אַדורכגעכאַפּט דורכן סטאַנציע־זאַל. אויך דאָרט איז פוסט, קאַלט און שטיל. דאָס קאַסע־פענסטערל איז פאַרהאַקט. די זייטיקע טיר מיטן אויפשריפט „אייזנבאַן־מיליציע״ איז אומבאַוועגלעך, רואיק. לעבן דעם איינציקן אייזערנעם אויוועלע זיצט אַן איינגעקאָרטשעטע פיגור אויף אַ זעקל קוילן. די קאָפּ איינגעוויקלט אין אַ גרויסער פויערישער פאַטשיילע. צוויי העל־וואַסערדיקע אויגן, אַנגעשטעלט צום ווייטסטן ווינקל פון זאַל, האָבן אין ערגעץ ניט געקוקט. אומבאַוועגלעכע, ווי די אויגן פון אַ נאַכט־פויגל. די אויגן האָבן זיך כמעט ניט אַ קער געטאָן צום ישיבה־בחור; און דער ישיבה־בחור מיט זיינע פלינקע בליקן האָט ניט געקענט באַמערקן די שטריכן פון דעם איינציקן געזיכט אין זאַל. און אַביסל מאָדנע: ער האָט אַפילו ניט געוואוסט אויף זיכער — ס׳איז אַ פויער אָדער אַ פויערטע?

אַן עלעקטריש־לעמפּל, איבער דער טיר, האָט באַלויכטן דעם פראָנט־פּלאַץ אַרום דער סטאַנציע. און ווייטער — אַ טיפע שטילקייט, איינגעוויקלט אין חושך, און אויסגעשפּרייט אויף ווייך־בלאַסן שנייאיקן אונטערבעט. דער ישיבה־בחור איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויף דער באַלויכטענער גליטשיקייט, וואו די איינגעטראָטענע שמוץ איז שוין געווען איינגעפרוירן און אויסגעגלעט. דער ביטערער פראָסט האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט די דינינקע שטעך־נאָדעלעך, אָבער אין האַרץ האָט אַ פריידיק געפיל געוואָרעמט. פון דער שטילער הוילעניש אַרום איז אים געוואָרן אַ לעבעדיקער גערויש אין מוח. „אַ דאַנק דעם אויבערשטן! מיין ערשטער אָנקום איז פון קיינעם ניט באַמערקט געוואָרן! און וואָס נאָך קען איך זיך ווינטשן אַצינד?״

דער ישיבה־בחור האָט אַוועקגעשטעלט דעם טשעמאָדאַנטשיק און גוט אויסגעריבן

די פרירנדיקע הענט. דער טשעמאָדאַנטשיק איז געווען זייער לייכט. נאָר די תפילין און אייניקע פאַר וועש און העמדלעך האָט ער אוספּעיעט מיטצונעמען אין שרעקלעכן גע־אייל. אַז די תפילין זאָלן זיך ניט אַרומ־וואַרפן אין טשעמאָדאַן, האָט ער דאָרט אַריינגעוואָרפן סתם שמאַטעס און אויפגע־קאַמקעטע פּאַפּיר. דאָס האָט ער געכאַפּט וואָס ס'איז אים צוערשט געקומען צו דער האַנט. און געלט האָט ער ביי דער לעצטער מינוט געקראַגן פּונקט גענוג אויפן בילעט ביז אַט־דעם שטעטל, מיט אַ רעשט פון בלויז אַנדערהאַלבן רובל. ער האָט אין קע־שענע אַ קלונג געטאָן מיט די עטלעכע מטבעות. און אין האַרצן זיך געזאָגט: „איצט מוז דער אויבערשטער מיר העלפן אָנקו־מען צו ר' מענדעלען בשלום. אויף ווייטער פאָרן האָב איך קיין געלט ניט. סיידן אויף די וואַגאָן־דעכער? אויף די הרודעס קוילן הינטער פּאַראַוואָז? או־ה־ה־ה!" ס'האָט אַ ציטער נאָך אַ ציטער זיך געיאָגט נאָך פון דעם געדאַנק אַליין.

ער האָט גענומען דעם טשעמאָדאַנטשיק און געוואָלט אַריין אין דער אומבאַקאַנטער פינסטערניש פון שטעטל. ר' מענדעלעס אַדרעס איז געווען איינגעחתמעט אין קאָפּ — וועט ער שוין ווי עס איז געפינען זיין שטוב.

פון ערגעץ האָט דער ישיבה־בחור פּלו־צים דערהערט אַ רוסיש קול: „העי, פּאַ־סאַזשיר!" אַ פּאַרטיפּטער אין דער צופרי־דענער אַליינקייט, מיט די אייגענע מחשבות וואָס ווערן דאַן אַזוי קלאָר און ממשות'־דיקער ווי דער גאַנצער אַרום — האָט די פּלוצימדיקע שטימע אים אַ הויב געטאָן פון אָרט; אַ שליידער געטאָן אויף צוריק. „העי, פּאַסאַזשיר! וואוהין גייט איר? קומט אַהער. כ'וועל אייך אָפּפירן וואו איר דאַרפט!" און איידער דער ישיבה־בחור האָט זיך אויס־געטשוכעט, איז דער בעל־עגלה געשטאַנען לעבן אים. אַ פּאָרע האָט געשלאָגן פון דעם בעל־עגלה'ס אויסגעוואָרעמטן פּעלץ, און אויף זיינע געדיכטע ברעמען האָבן גע־פינקלט ברעקלעך פון אייז. זיינע קליינינקע ביטרע אויגעלעך האָבן טיף אַריינגעקוקט דעם אורח אין פּנים. האָט ער באַלד גענומען ריידן אידיש: „האַ! אַ אידישער בחור! ווי כ'בין אַ איד. אַ נייאינקער גאַסט ביי אונז? כ'זע אייך צום ערשטן מאָל! איז וואָס קוקט איר ווי אַ נעכטיקער... אַריין אין מיין פאַיטאָן און לאָמיר זיך דוויגען! כ'וועל אייך ניט באַרייסן. כ'קען אויך האַלטן אַ מויל אַז מ'דאַרף"...

דער ישיבה־בחור האָט ניט געוואָלט אים געבן ר' מענדעלעס אַדרעס. מער פעלט ניט! אַט־דער חברה־מאַן זאָל וויסן, אַז צו ר' מענדעלען איז אָנגעקומען פאַרטאָג אַ פרעמ־דער בחור מיט אַ בערדל. דערצו האָט ער ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דער שליטן־רייזע. דער מוח האָט זיך צעפיבערט, גע־אַרבעט פלינק און געוואָרפן מיט סברות, ווי אין די טיפעניש פון אַ פאַרפּלאָנטערטער גמרא־סוגיא. ער קען זיך ניט סתם אָוועק־דרייען פון דעם פּיפיקן בעל־עגלה. עס וועט סיי־ווי דערוועקן אַ פאַרדאַכט. אין אַ שטעטל קענען אַלע איינע די צווייטע. דער ישיבה־בחור האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט מיט אַ וואָוויליונגערישן וואונק און שקאַציש פון צווישן די ציין אַרויסגעסווישטשעט אַ ווייטן שפּיי. ער האָט אַריינגעשעפּטשעט דעם בעל־עגלה אין אוי־ער:

„כ'וועל אייך זאָגן, פעטערקע! איר פאַר־שטייט, זע איך אַן עסק! ניט איך האָב געלט אין קעשענע און ניט איך האָב וואו צו פאַרפאָרן. כ'וויס דאָ קיינעם ניט. כ'האָב דאָ געמוזט אַראָפּגיין ווייל דער בילעט איז ביז אַהער. כ'בין אַליין אַן אַדעסער. האָב איך אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט און די מיליציע האָט מיך צו אַלדי רוחות גע־פּאַקט. אַביסל אָפּגעמוטשעט זיך אין חד־גדיא און צוזאַמען מיט אַ גוטן ברודער גע־מאַכט די פּליטה. כ'האָב זיך אויפגעהערט שערן די באָרד מ'זאָל מיך ניט דערקענען. אָבער געמוזט סיווי אַנטלויפן. און געלט האָבן מיר פאַצאַפּעט גענוג ביז אייער פאַר־שטעקטן שטעטל... נו, אפשר, פעטערקע, האָט איר פאַר מיר אַן עצה? אין איד מוז דאָך העלפן אַ צווייטן!..."

„אַ בראַנד דיר אין דיינע קישקעס" — האָט דער בעל־עגלה געענטפערט און אים דאָך געצויגן צום שליטן: „קום, מירן זיך דערוואַרעמען דערווייל אין מיין שליטן. נו, אַבי כ'האָב געמיינט אַז דו ביזט פון גאָר אַן אַנדער קאָמפּאַניע. דו האָסט אַ צורה, ווייך און איידל ווי די אַמאָליקע חלה'לעך וואָס די מאַמע האָט געבאַקט אויף שאַבעס. און אַ בערדעלע, ווי ביי אַן אַמאָליקן וואויל־לערנער אויף קעסט. כע, כע! און דו ביזט גאָר אַ יאַט, אַ בלאַט! טפו, זאָלסטו ווערן! כ'זאָל זיך אַזוי נאַרן אין מענטשן!"

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שליטן. זיך גוט איינגעדעקט. ערגעץ האָט אַ קריי פון אַ האָן געלעכערט די שטילקייט. פון אַ געסל דערביי האָט אָפּגעענטפערט אַ היר־זשעניש פון אַ פערד. דער שליטן האָט אַ סקריפּע געטאָן אין דעם שניי ווי מיט אַ שטילן קרעכץ, און דער פערד האָט אַ הויב געטאָן דעם פאַרשלאָפענעם קאָפּ.

„נו, לאָמיר דערווייל פאָרן" — האָט דער בעל־עגלה געזאָגט מיט חשיבות פון איינעם

וואָס דאַרף באַשליסן אַ וויכטיקע זאַך. „הער מיך צו, ווי דו הייסט דאָרט — דו וועסט דאָך מיר דיין נאָמען סיידווי ניט זאָגן. פע, דו האָסט זיך גענומען צו אַ פּאַסקודנער מלאכה. איך האָב אַליין אַמאָל געפּרוּווט מיין מזל — אָבער ניט ווי די בלאַטיקע יאַטלעך וואָס שניידן נאַכאַלנע די קעשענעס. איך בין ניט אַזאַ יאָלד! זעסטו, ביי פּערד־יאַרידן האָט מען געקענט אָפּפּיצקען אַ פּאַרתמטן פּאַרקויפער. און ס'האָט זיך געלוינט. אָבער זעסט, כ'האָב דאָס גלייך געוואָרפן. כ'פּאַרדין ערלעך מיינע פּאָר רובל. די מיליציע, דער גאָרסאָוועט — אַלע גרעסטע שישקעס קענען מיר און גלויבן מיר. אַמאָל מוז מען אָפּטאָן אַ זייטיק שטיקל אַרבעט — האָב איך באַקאַנטשאַפט מיט די אַלע קנעפּלעך. ס'איז נאָר אַן אומגליק וואָס זיי בייטן זיך ווי די הינט. אָט זיצט דער נאַטשאַלניק אין זאָטל. דוכט זיך גוט, האַ? איבער נאַכט ווערט ער ראַפּטום פּאַרשוואונדן, שדים ווייסן וואו — און גיי הויב אָן דיין באַקאַנטשאַפט מיט אַ נייעם כאַמולע!"

דער בעל־עגלה האָט גערעדט און ביסלעכוויז האָט גענומען אויפגיין אַ בלייכקייט איבערן פּראָסטיקן טיף־בלויען הימל. אַ פּאַרשלעפּערישע קעלט האָט געקלעפּט די אויגן פון דעם ישיבה־בחור. אַ הונגער האָט אינעווייניק גענומען ציען און ציען. כמעט אָנדערהאַלבן מעת־לעת ניט געגעסן. ווען די מיליציע איז ביינאַכט געקומען אַרעסטירן אים און די אַנדערע ישיבה־בחורים, האָט ער זיך פּאַרשטעקט אויפן סאַראַי־בוידעם אין די הויפנס שטרוי. אָפּגעלעגן דאָרט אַ גאַנצן טאָג. דאָרט געדאַוונט. און גלאַט געגריזשעט די שטרויעלעך. פאַרנאַכט האָט ער ריזיקירט. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין חדר, אָפּגעלייגט שנעל די תפילין, אַ כאַפּ געטאָן דעם טשעמאָדאַנטשיק און דורך זייטיקע געסלעך געלאָפן צו דער וויטערער באַן־סטאַנציע.

„דו האָסט ביי זיך געלט?" — האָט דער בעל־עגלה זיך פּלוצים אַ קער געטאָן צום ישיבה־בחור — „אַהאַ, דוס'ט געזאָגט אַז דו האָסט ניט. פאַרגעסן, שאַ, ווער גלויבט דיר? אַ זשוליק רעדט, ווי אַ הונט האַווקעט. נו, היינט לייגן אַלע, אַלע! אויסער מענדל זאַכאַראָוויטש... אָבער אָן געלט וואוהין שלעפּ איך דיר? אָט אַ באָלוואַנישע קאָפּ! אַזוי פּוסט געוועזן און אומעטיק אויף דער סטאַנציע, אַז כ'האָב זיך דערפריט צו זען אַ מענטשישן פּרצוף — האָב איך אַריינגעכאַפּט דעם ריכטיקן פּאַסאַזשיר. אַ כאָליערע אין אַלע אָדעסער גנבישע מאָרדעס! כ'וועל גאָר דיך נעמען און אָפּפירן אין מיליציע... און זאָלן זיי שינדן דיין שקורע. אַ גאָלדענער פּלאַן, אַזאַ יאָר אויף מיין פערדל! כע, כע!" דער בעל־עגלה האָט ווידער אומגעדרייט דעם קאָפּ צום ישיבה־בחור. געוואָלט זען, ווי אַן אָדעסער גנבל וועט אויפשפּרינגען פון אַזעלכע ווערטער. אָבער דער ישיבה־בחור איז געזעסן מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. ווי אַ האַלב־פאַרחלשטער. די שטייגנדיקע פרימאָרגן־ליכט, צוזאַמען מיטן שניי האָבן געבלענדט אין די אויגן. די קליינע שטיבלעך האָבן זיך אַלץ קלאָרער גענומען אַרויסשיילן פון דער ווייסקייט. פון די קוימענס האָבן זיך גענומען קנוילן געדיכטע רויך־כמאַרעס, ברעקלעך סאַזשע און דער שאַרפער טאָרף־גערויך האָבן געקיצלט די נאָזלעכער. מען האָט שוין געהערט ווי די שטאָט וועקט זיך פון שלאָף — דורך סקריפּעדיקע טויערן, בילעניש פון הינט. אַ פויערישער שליטן האָט שטיל געכרושטשעט דעם שניי. אויך דער ישיבה־בחור האָט זיך פּלוצים ווי איבערגעוועקט פון שלאָף. ער האָט גוטברודעריש אַ זאָג געטאָן:

„נו, איר זייט אַ וואוילער זשיד — איר וועט מיר ניט מסרן צו דער מיליציע. איך האָב אַ רובל — וועל איך אָפּצאָלן. שפּעטער וועל איך אייך געבן נאָך. און איצט לאָזט מיר דאָ אַראָפּ. סיידווי קומט אייך אַ שיינער דאַנק!"

„אָהאָ, דו רעדסט ווי אַ גאַנצער טעלעגענט! ניט ווי אַ בלאַטנער. דו האָסט זיך פאָרט דערשראָקן פאַר מיין סטראַשונאָק, הע? נו, ס'איז סתם געלעפּעט מיט דער צונג! אַ איד ביזטו? שוין. און כ'וועל דיין לעצטן רובל ניט נעמען. אויב ס'איז אמת. ס'איז דאָ אַנדערע חזירים פון וועמען צו רייסן די הויט. אָבער אַזאַ מכה דעם פּאָפּ צווישן די אויגן, ווי כ'ווייס ניט וואָס צו טאָן מיט דיר". דער בעל־עגלה האָט זיך פאַרטראַכט. זיי זיינען שוין געווען פאַרפאָרן צום צווייטן עק שטעטל. און דער בעל־עגלה האָט אומגעדרייט דעם שליטן און געפאָרן אויף צוריק.

„זאָג מיר נאָר, דו כאָליאַווע, האָט עמעצער געזען אויף דער סטאַנציע ווי דו ביזט געקומען אַהער צו גאַסט?"

„ניין, קיינער ניט" — האָט דער ישיבה־בחור געענטפערט.

„גאָר קיינער ניט? האָסט קיין לעבעדיקן מענטש ניט געזען?" — פרעגט ווידער דער בעל־עגלה.

„קיינער ניט. יאָ, עפּעס אַ מענטש איז געזעסן אין זאַל פון סטאַנציע ביי דער הרובע. געטראָגן אַ גרויסע פּאַטשיילע אַרום קאָפּ... אָבער ער'ט מיך ניט באַמערקט".

„כאַ, כאַ, אָט־דער הינטישער זון האָט דיר ניט באַמערקט?! ביזטו שוין איינמאָל אַ גולם. דאָס איז דאָך פאַרכענקאָ דער מנוול. ער זעט אַלץ און הערט אַלץ, אַז די אויגן זאָלן אים צערינען אין די לעכער. ער האָט שוין געוויס דערציילט וועגן דיר וועמען מ'דאַרף. אוי, ס'איז ביטער! כ'קען דיר מער ניט אַרומשלעפן".

„טאָ, לאָזט מיר אַראָפ. כ'וועל שוין געפינען עפעס אַ וועג" — האָט זיך דער ישיבה־בחור גענומען אַרויסרוקן פון וואַרעמען צודעק. געטראַכט האָט ער: „פאַרפאַלן ער וועט זיך מוזן אומבאַמערקטערהייט אַריינכאַפן צו ר' מענדעלען. ר' מענדעלע וועט אים געוויס פאַרשטעקן אין אַ באַהעלטעניש אויף אַ טאָג־צוויי און דערנאָך וועט דער איבערשטער העלפן". פונקט ווי דער בעל־עגלה וואָלט פון זיינע געדאַנקען אויפגעכאַפט דעם נאָמען „ר' מענדעלע", האָט ער אַ מרוקע געטאָן: „וואַרט אַ ווײַלע, לאָמיך נאָך אַ טראַכט טאָן". און גענומען ריידן מיט אַ טאָן ווי צו זיך אַליין:

„אַי, ווען מענדל זאַכאַראָוויטש וואָלט געווען איצט אין שטוב! ער וואָלט שוין מיר געגעבן אַן עצה. אָ, ער'ט מיך פיל מאָל געהאָלפן, אַרויסגעשלעפט פון פאַסקודנע בלאָטעס. ניטאָ אַזאַ קלוגער מענטש. אַזאַ גוטער, אַזאַ ערלעכער! אַן אמת'ער רב געווען, אַ צדיק פון חומש! אַזוי גרויס ווי אברהם אבינו, רש"י, ווי דוד המלך! ער האָט געהאַט אַ גרויסע שיינקייט פון אַ באָרד, אַ הייליקע באָרד — ניט אַ גנבישע בערדל ווי ביי דיר. וואָס ער האָט צעטאָן אין שטעטל, קיין רב אויף דער וועלט האָט ניט געטאָן אַזויפיל! געמאַכט אַ מנין... נו, טפו צו מיין נאַרישער צונג. געפונען פאַר וועמען צו ריידן..."

דעם ישיבה־בחור'ס פנים האָט פלוצלונג גענומען בייטן די קאָלירן. בלייך, דערנאָך רויט און ווידער בלאַס ווי קאַלך. ער האָט פאַרגעסן די קעלט אינאיינעם מיט זיין געשפילטער ראָלע:

„זאָגט מיר, איר רעדט וועגן ר' מענדעלען פון אייער שטעטל? וואָס האָט פאַסירט צו אים? זאָגט שנעל. אַרעסטירט?"

„יאָ, יאָ, אַרעסטירט" — האָט דער בעל־עגלה געמורמלט ווי איבערגעוואַלד. פלוצלונג האָט דער בעל־עגלה גענומען פאַמעלעך אויסדרייען דעם קאָפ צום ישיבה־בחור, ווי איינער וואָס ווייס פון פאָרויס, אַז ער וועט באַלד עפעס דערזען — און דאָך ווילט זיך אויסציען דעם מאָמענט. דער גאַנצער אָנגעזאַמלטער פחד און צער פון די אַלע ישיבה־טעג איז געלעגן אָפן אויסגעגאָסן אויף דעם ישיבה־בחור'ס געזיכט. די אויגן, אויסגעאיידלטע, אויסגעלייטערטע, האָבן ניט מער געקענט נאַרן און די צאַרטע זאַפטיקע ליפן האָבן געשעפטשעט: „אַך רבונו־של־עולם, רבונו־של־עולם!"

דער בעל־עגלה האָט אויף אים געקוקט און געקוקט און דערנאָך אַראָפגעלאָזט דעם קאָפ. ער האָט גערעדט כמעט ווי מיט אַ שעפטש: „אויף מיין וואָרט, אַז טיף אין האַרצן האָב איך אייער גאַנצע מעשה ניט געגלויבט. עפעס איז אייער פנים ניט פון אַ קעשענע־שניידער. ווער זאָל וויסן, אַז ס'איז נאָך היינט דאָ אַזעלכע בחורים ווי איר, ווי ר' מענדעלע איז געווען?..." ער האָט אַ כאַפ געטאָן דעם בייטש און גענומען פאָכען און פאָכען אין דער הויך. מיט מאָדנער פייערלעכקייט, מיט פיל אינערלעכער אָנשטרענגונג האָט ער געשניטן די לופט אַרום זיך. גלייך ווי ער וואָלט זיך אַוועקגעלאָזט אין הייליקן קאַמף מיטן שטעטל, מיט אַלע שטעטלעך, מיטן גאַנצן אומגליקלעכן רויטלאַנד. אָדער אפשר איז עס געווען אַ מין בונד־פאַרשניידונג, אַזאַ מין בעל־עגלה'שע שבועה? ווייל ער האָט זיך אויפגעשטעלט, און געזאָגט דורך צוזאַמענגעקריצטע ציין: „כ'האָב געפרואווט דורך מיינע באַקאַנטע ראַטעווען ר' מענדעלען. כ'האָב נעכט ניט געשלאָפן, געקערט די וועלט. ניין, פון זייערע לאַפעס קען מען שוין ניט אַרויסרייסן. פאַרפאַלן. אָבער אייך, איר הערט, אייך וועל איך ניט לאָזן אַריינפאַלן צו זיי! דער ג־ט אין הימל וועט מיר שוין איצט געבן שכל. כ'וועל אייך ראַטעווען, ווי כ'בין אַ איד!"

* * *

מיט מאָדנער שנעלקייט האָט זיך דער שליטן געגליטשט איבער געסלעך, גאַסן, וועגן, און רחבות'דיקע שניי־לאַנקעס. טיף איינגעגראָבן אין שליטן איז דער ישיבה־בחור געלעגן. כמעט דאָס גאַנצע פנים פון דעם ישיבה־בחור איז געווען טיף פאַרטוליעט, פאַרדעקט. בלויז דאָס מויל האָט געשעפט די פרישע קאַלטע לופט, און די אויגן האָבן אין דער פרימאָרגנדיקער קרישטאַלענער לויטערקייט געזען אויפגיין אַ נייע צעשטראַלטע זון.

אידן און גויים

● ז. פארסט

זינט דעם טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פון אידישן פאָלק, האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבן צו שוועבן צווישן הימל און ערד. פון איין זייט איז נאָך פאַרן פאָלק ניט געקומען דער מאָמענט צו דערגרייכן פולשטענדיק דעם ציל פון ווערן אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש", כדי „לתקן עולם במלכות ש־די"; און פון דער אַנדערער זייט האָט עס נאָכמער ניט „באַוויזן" צו זיין אַן „ערדיש" פאָלק, אַ „נאָרמאַל" פאָלק, מיט פעלקער גלייך. ס'איז קיין וואונדער ניט וואָס מיר אידן זיינען דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט פאַר וועמען זיין אייגענע עקזיסטענץ איז פאַרבונדן מיטן שטענדיקן פרעגן זיך אַליין: „ווייס איך גענוי וואָס איך בין?" פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם ענטפער אויף דער פראַגע איז אָפּהענגיק, אויטאָמאַטיש, די שטעלונג צום גוי.

ווען מ'פּרובירט מיט איין בליק אַרומנעמען די ספרי קודש פון „תנ"ך", פונעם אַספּעקט פון פאַרהעלטעניש צווישן אידן און, להבדיל, גויים פון דער אַרומיקער וועלט, דערזעט מען אַ מערקווידדיקע אַנטוויקלונג: עס קומט פאָר אַן אומבייט פון סצענעס אויפן „הינטערגרונט" וואו עס האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט אָט־די פאַרהעלטענישן צווישן אידן און גויים, להבדיל. ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן צו אידן, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ מדבר. אין יענעם מאָמענט האָט ניט עקזיסטירט קיין פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער קאָנטאַקט פון אידן מיט דער אַרומיקער מענטשהייט אין פיזישן אָדער אפילו געאָגראַפישן זינען. אַ פאָלק שטייט אין מיטן פון ברייטער און ליידיקער מדבר־פוסטקייט און קיין פרעמד אויג זעט עס אפילו ניט, אַזוי ווי די וועלט אַרום וואָלט ניט עקזיסטירט אין דעם מאָמענט. מיטן אַריינגאַנג אין ארץ ישראל ווערן „אַקטיוו" די דינים פון דער תורה וועלכע האָבן צו טאָן דירעקט מיט די גוי'אישע איינוואוינער פון לאַנד. און אויב דער רצון פון דער תורה וואָלט דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אידעאַלן און פולקאָמען אופן, וואָלט אויך אין דעם צווייטן פּעריאָד — ווען מ'איז שוין אַרויס פון מדבר און אַריין אין אַ לאַנד — געהערשט די געהעריקע הויכקייט־דיסטאַנץ אין דער באַציאונג צו די אַלע פעלקערשאַפטן וואָס האָבן זיך געפונען אויף יענעם שטח.

אַ נייע פאַזע הויבט זיך אָן מיט די ספרי נביאים, וועלכע זיינען לכאורה ניט מער באַזירט אויף דער געאָגראַפישער איזאָלאַציע פון אַ לאַנד, נאָר זיי עפענען ווייטע האָריזאָנטן פון וועלט און מענטשהייט. „השמים כסאי והארץ הדום רגלי" איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די נביאים. די סצענע, אין וועלכער די אידישע געשיכטע וויקלט זיך פונאַנדער, איז ניט מער אַ מדבר, ניט מער אַ באַשטימט לאַנד; עס איז די גאַנצע גלאָבאַלע וועלט מיט אירע אַלע הימלען.

אין גלות האָט אָט דער צוגאַנג אָנגענומען אַנדערע פאָרמען פון אויסדרוק. ווען מ'טראַכט זיך אַריין אין דעם ענין פון גלות, באַנעמט מען אַז ס'איז ניט גענוג צו באַטראַכטן דעם מאָטיוו פון גלות נאָר פון איין זייט, בלויז ווי אַ באַגריף פון עונש. אין גלות זיינען פאַרוויקלט צוויי צדדים און מיטן מאָטיוו פון עונש דערקלערט זיך נאָר דער אידישער צד, אַזוי צו זאָגן, ס'הייסט דאָס וואָס די אידן ליידן פונעם גלות ביי גויים. דער גלות אָבער האָט דאָך אויך אַ צווייטע זייט — דער גוי'אישער צד. ווי אַ רעזולטאַט פונעם גלות פון אידן צווישן ניט־אידן קומט דאָך פאָר אַ געוויסע ענדערונג אינעם מהות פון די גויים. שטעלט זיך בכן די פראַגע: וואָס איז די כוונה פונעם אידישן גלות בנוגע דער ווירקונג אויפן שיקזאַל פון די גויים? אויך דער דאָזיקער פונקט דאַרף דאָך אַריינגענומען ווערן אין חשבון, אויב מ'וויל באַנעמען דעם פולן זין פון גלות. קומט אויס, אַז מ'מוז באַטראַכטן דעם אידישן גלות פון אַ וועלט־היסטאָרישער פּערספּעקטיוו; ניט בלויז פון איד׳יש־סוביעקטיוון שטאַנדפונקט, נאָר אויך ווי אַן אָביעקטיווער פאַקטאָר פון אַזעלכע דימענסיעס וואָס נעמען אַריין די אַרומיקע וועלט. און גייענדיק אַ שריט ווייטער, ווי אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ, מוז צוליב דעם אויך דער תיקון פון גלות אַרומנעמען די גאַנצע וועלט.

דער באַגריף „גלות" שפּילט ביי אידן אַ פיל טיפערע ראָלע ווי בלויז פּאָליטישע אָדער געאָגראַפישע אומוואַנדלונג; ניט בלויז אַ דערשיינונג וואָס אַקצענטירט די אומנאָרמאַלקייט פון אַ פאָלקס־לעבן. שוין אונזערע אבות זיינען געגאַנגען אין גלות. דער גלות

מצרים איז ניט געווען סתם אַן עפּיזאָד אין אונזער געשיכטע — ס'איז אַ צענטראַלער עלעמענט; אַזוי ווייט, אַז אפילו דער ענין פון שבת, וואָס וואָרצלט אין דער סאַמע אַנהויב פון וועלט־באַשאַפונג, איז געבונדן מיט דעם אויסלייז פון מצרים — שבת ווערט באַצייכנט ווי „זכר ליציאת מצרים". דער געדאַנק פון גלות, מוז מען זאָגן, גייט ווייט אַריבער די אויבנאויפיקע ראַמען און ער האָט אַ פאַר־בינדונג מיטן שיקזאַל פון מענטש און וועלט. איז דעריבער פאַרשטענדליך, אַז אַט־דער שיקזאַל שפיגלט זיך אָפּ אין דעם אידישן גלות.

אין דעם גאַנג פון דער אידישער געשיכטע זעט מען אַן אויסגעהאַלטענעם סיסטעם פון נאָכאַנאַנדיקער און אַלץ־וואַקסנדיקער באַרי־רונג מיט וועלט און קאָנפראָנטאַציע מיט אירע פראָבלעמען, פון וועלכע מיר זיינען געוואָרן אַ טייל; פראָבלעמען וועלכע ניט מיר האָבן געשאַפן און אין וועלכע מיר פילן זיך אומ־שולדיק. אָבער דאָ שטעלט זיך די פראַגע: צי זיינען מיר טאַקע אומשולדיק אין די פראָבלעמען פון דער וועלט?

ס'איז אַ וועלט וואָס ראַנגלט זיך אין גרויסע פחדים — כמעט אין יעדן ווינקל ברויזן וואולקאַנען, וואָס קענען אַרויסשיסן יעדן טאָג און יעדע מינוט. גרויסע מאַסן פון דער מענטשהייט באַוועגן זיך מיט אומרו, מיט בייזקייט פון צעשטערונג; מאַשינען גייען אַרויס פון קאָנטראָל און זייער משונה'דיקע קראַפט וואַרפט אַריין דעם מענטשן אין אַ תהום פון פאַרלוירנקייט, פון פיזישער און גייסטיקער אומזיכערקייט. די סאָציאַלע און מאָראַלישע כחות געפינען זיך אויפן ראַנד פון פונאַנדער־פאַל. ס'וואָלט געווען אוממענטשלעך ניט צו דערוועקט ווערן מיט רחמנות אויף אַ מענטש־הייט, וואָס שטייט אין געפאַר. ס'וואָלט געווען אומזיניק צו זאָגן: דאָס אַלץ גייט אונז ניט אָן. איד און וועלט — ביידע געפינען זיך אין אַ מצב פון ראַדיקאַלער פאַרענדערונג, וואָס האָט געפונען איר קלאָרן אויסדרוק אין אונזער דור.

די געוואַלטיקע ענדערונגען אין דער וועלט זיינען יעדן איינעם באַקאַנט, דאַקעגן איז די פאַרענדערונג אין דער אידישער פאַרהעל־טעניש צו אַט־דער וועלט — אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעוועבט און וואָס צווינגט אונז צו טראָגן ניט נאָר דעם עול פון אַ איד, נאָר אויך דעם דריקנדיקן יאָך פון אַ וועלט פון וועלכער מ'קאָן ניט אַנטלויפן — איז גאָר אַ נייע, קאָמפּליצירטע דערשיינונג וואָס פאַר־לאַנגט אַ באַשייד.

וואָס מער די צייט שפּאַנט פאָרויס, אַלץ מער ווערן אידן אַרויפגעשטויסן אויף דער אַרענע פון וועלט־געשעענישן. ס'מוז דאָך ליגן אַ באַהאַלטענע כוונה אין דעם בלויזן פאַקט, וואָס מיר קענען ניט אַנטלויפן פון דער מענטשלעכער זאָרג, וועלכע איז מיטאַמאָל געוואָרן אויך אונזער זאָרג — ווייל מיר „זיצן דאָך אַלע אין איין שיפל". ס'איז דאָ אויף דעם אַ מערקווירדיקער פּאַראַלעל אין איינעם פון אונזערע הייליקע ספרי התנ"ך — אַ ספר וואָס מיר לייענען דווקא יום כפור צו מנחה — דער ספר יונה.

ג־ט שיקט אַ אידישן נביא כדי ער זאָל מוסרן די גוים און פאַרוואָרענען זיי פון אומ־גליק — און דאָס דערמאָנען מיר דווקא אין דעם טאָג וואָס מיר אַליין בעטן פאַר אונזער מחילה! אפשר זיינען מיר ניט געווען באַ־וואוסטזיניק פון אונזער אחריות פאַר דער וועלט? און אפשר זיינען מיר גאָר אין אַ געוויסער מאָס שולדיק אין איר אומגליק, ווייל מיט אונזער זיין ביי זיי אין גלות האָבן מיר אויף זיי געדאַרפט פועל'ן עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן ניט גע'פועל'ט? און אפשר דערפאַר טאַקע האָבן אונז די גוים געשלאָגן, ווייל אומ־באַוואוסטזיניק האָבן זיי עטוואָס דערוואַרט פון אונז — און מיר האָבן עס זיי ניט באַוויזן צו געבן. און דעריבער ווערן מיר אַלץ מער אַריינגעצויגן אין אַ וועלט וואָס וואַרט — אפשר וואַרט זי אויף אונזער תפילה?

היינטיקע צייטן רעדט מען היפּש וועגן „אינוואָלוומענט" (פאַרוויקלונג) — אַ באַגריף וואָס ווערט באַנוצט פון געוויסע אידן, בכדי זיך אָפּצושאַקלען פון אידישקייט, פאַרפלאָנ־טערן זיך אין גויאישע עסקים און פאַרוויקלען זיך אין נעענטערער שותפותדיקייט מיט זיי. אָבער דאָ ווערט געמיינט גאָר אַן אַנדער סאָרט „אינוואָלוומענט"; ס'איז פון דעם סאָרט געמיינשאַפטלעכקייט מיט וועלט, וואָס מיר געפינען ביי אברהם אבינו — ווען ער האָט זיך „געדונגען" מיט דעם אויבערשטן וועגן דאָס לעבן פון די אנשי סדום; מענטשן אויף וועלכע די תורה זאָגט עדות אַז זיי זיינען געווען „רעים וחטאים". וואָס קענען מיר טאָן? די השפעה פון אידן אויף וועלט קען זיך דאָך בלויז אויסדריקן אין אונזער ראָלע ווי „כהני עולם", אַז אונזער בלויזע עקזיסטענץ זאָל דינען ווי אַ מוסטער, וואָס מ'זאָל באַוואונדערן און זאָגן: „מה נאה אומה זו, אהי' אנכי כמותה" (ווי פראַכטיק ס'איז די דאָזיקע אומה! וויל איך אויך זיין פונקט ווי זי). און וויבאַלד מיר האָבן ניט באַוויזן צו פועל זיין אויף די מענטשן אַרום, איז עס דאָך אַ באַוויז, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג אין אונזער עקזיסטענץ ווי אידן.

פון איין זייט באַנוצן מיר זיך מיט אַלע לעבנס־באַדינגונגען און באַקוועמלעכקייטן וואָס די מאָדערנע וועלט האָט געשאַפן, און מיר

שטייען מיט בידע פיס אויף איר באָדן; און פון דער צווייטער זייט פאַראַכטן מיר די זעלבע וועלט און מיר זיינען זי מבטל, גלייך ווי מיר וואָלטן מיט איר קיין שייכות ניט געהאַט. דאָס וואָס ס׳איז ערשט נעכטן געשען, פאַלט אַרויס פון אונזער געדענקעניש; און וואָס ס׳וועט מאָרגן געשען איז ניט אונזער דאגה. ס׳שטייט אין דער תורה: „ואהבת את ה׳ אלקיך״, דרשנען חז״ל: „שיהא שם שמים מתאהב על ידך״ (אַז דעם אויבערשטנס נאָמען זאָל דורך דיר באַליבט ווערן). אָבער ווי איז שייך עפּעס צו באַליבט מאַכן ביי עמעצן וועמען מ׳נעמט ניט ערנסט? ווי קען מען אויף יענעם ווירקן פּאָזיטיוו בעת מ׳איז איבערהויפּט מבטל יע־נעמס וועזן?

אין אונזער עקזיסטענץ ווי אידן קען די גויאישע וועלט ניט איגנאָרירט ווערן. דאָס איז באַוויזן געוואָרן — אַ חוץ כמה וכמה אַנדערע ראיות — אויך פון דער משונה׳דיקער אַנטוויקלונג וואָס אונזער גלות האָט אָנגע־נומען. דער טראַגישער רעזולטאַט פון די אַלע צרות וואָס אידן האָבן געליטן איז, אַז זיי האָבן זיך צוגעוואוינט צו באַטראַכטן די איי־גענע חסרונות ווי אַן אָנשיקעניש וואָס קומט מצד די גויים. עס קומט ניט אויף אונזער געדאַנק, אַז אפשר איז גאָר דער „שלעכטער גוי״ אַ רעזולטאַט פון אונזער חסרון.

אמת, אונזערע חז״ל זאָגן אונז אַ באַקאַנטן כלל: „בידוע שעשו שונא ליעקב״ (ס׳איז אַ באַוואוסטע זאַך אַז עשו האָט פיינט יעקב׳ן), און אַט־די שנאה פון די אומות העולם ווערט געבראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַגריף „סיני״ — אַז נאָך פון דעם באַרג סיני אָן האָט זיך אָנגעהויבן די גויאישע שנאה צו אידן. אָבער דאָס באַציט זיך אויף טיפע נשמה׳דיקע וואָרצלען, און עס שליסט ניט אויס דעם פאַקט, אַז אידן האָבן אַן אויפגאַבע לגבי די גויים. זאָגן דאָך די חז״ל, אַז אפילו יעקב אבינו איז נענש געוואָרן ווייל ער האָט פאַרפעלט צו טאָן אַ זאַך וואָס וואָלט אפשר דערפירט צו דעם אַז עשיו זאָל זיך אומקערן אויפן גוטן וועג (רש״י, בראשית ל״ב, כ״ג).

די גאַנצע אַזוי גערופענע מערב־קולטור איז אַנטשטאַנען דווקא אין פאַרלויף פון די 2000 יאָר וואָס אידן זיינען אין גלות; און פון די אָפּפאַל־עלעמענטן פון אידישקייט האָט זיך אויסגעפורעמט אַט די גאַנצע מערב־קולטור. אידן האָבן געמאַכט אַ טויש־געשעפט — און זיי האָבן ניט מרוויח געווען. זיי האָבן דערביי געגעבן אָן אַן ערך בעסערע סחורה ווי זיי האָבן גענומען. יעדנפאַלס איז דאָ געווען אַ וועזנטלעכע השפעה פון אידן. און אָננעמענדיק אפילו אַז דער אידישער איינפלוס איז דאָ נאָר ווי אַ קליינער טראָפּן — איז עס אָבער געווען אַ מועט מיט אַזעלכע כוחות, וואָס האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקע ווירקונג. איבערהויפּט זעט מען עס אַזוי בולט אין די אַלערליי אידעאָלאָגישע באַוועגונגען און ברוי־זענדיקע קאָכענישן וואָס קומען פאָר אין אונזער צייט. טוב און רע ראַנגלען זיך אין דער וועלט — און דער טראָפּן טוב נעמט זיך פונעם אידישן מקור. וואָס קענען מיר טאָן צו פאַרשטאַרקן דעם טוב? מיר דאַרפן וויסן אַז אויב עס פעלט טוב אין דער וועלט איז דאָס אַ סימן אַז פעלט טוב אויך ביי אונז — און מיר דאַרפן פאַרשטאַרקן דעם אייגענעם טוב.

די אַלע רייד וואָס מ׳רעדט דאָ איז אוודאי שווער אויפצונעמען אין דעם איצטיקן מאָ־מענט, אין וועלכן אידן זיינען פאַרנומען מיט אייגענע דאגות און עס דוכט זיך, אַז אידישע עקזיסטענץ שטייט „על חודה של מחט״ (און ווען האָט עס אַנדערש אויסגעזען?). היינט ווי איז שייך צו זאָגן, אַז אין אַזאַ צייט זאָל מען זיך זאָרגן דווקא וועגן גויים? ס׳זעט דאָך אויס ווי אַן אבסורד! אָבער דער אמת איז, אַז אַט־די חשבונות זיינען ניט באַשרענקט צו אַ טאָג אָדער אַ יאָר. די לאַגע אין וועלכער מיר געפינען זיך אין אַ געוויסן פעריאָד איז ניט קיין פּראָדוקט פון אַט־דעם דאָזיקן מאָ־מענט — זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ חשבון וועלכער ציט זיך פון אַ לאַנגער צייט. און אַמאָל זיינען די וועגן וועלכע פירן צום אָנהויב פונעם חשבון, גאָר פאַרבאָרגענע און דער „נחפשה דרכינו ונחקורה״ ווייזט, אַז מ׳דאַרף היפש חוקר ודורש זיין צו געפינען די ריכטי־קע וועגן. ווייזט אויס, אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי פשוט ווי ס׳דאַכט זיך.

וואַרשיינלעך זיינען דאָס געדאַנקען וואָס זיינען היינט גאָר ניט פּאָפּולער — און מסתמא קאָן מען זיך דינגען אין זיי. ווער ווייס? אָבער אפילו ווען מ׳דינגט זיך, אויב זיי זיינען נאָר אימשטאַנד צו מאַכן אומרואיק — איז אויך כדאי.

מרים לערנט חינוך־פליכט פון פרויען

● ד״ר הלל זיידמאַן

זיין מעסעדזש צו דער הײ־יאָריקער נשי־חב״ד קאָנווענשאָן אין דעטראָיט האָט כ״ק האדמו״ר רבי מנחם מענדל שניאורסאָן מליובאַוויטש, שליט״א, אָנגעווייזנדיק אויף דער חינוך־אויפגאַבע פון דער אידישער פרוי, אָנגעבונדן צו די צוויי שירה׳ס פון צוויי פרויען, פון מרים און פון דבורה הנביאה, אין דער סדרה און הפטרה פון בשלח.

אין זין פון דעם מאמר פון כ״ק האדמו״ר יוסף יצחק שניאורסאָן, זצ״ל אין קובץ „היום יום״ פון כ״ב טבת תש״ט, לויט וועלכן מ׳דאַרף יעדן טאָג אַריינטראַכטן אַ האַלבע שעה אין חינוך, לאָמיר זיך לאָמיר ווייטער פאַרטראַכטן אין דער דערמאָנטער שייכות פון די שירה׳ס פון מרים און דבורה מיט חינוך.

וואָרום ס׳פרעגן זיך דאָ עטלעכע פראַגעס.

ערשטנס, וואָס האָט דען מרים אויפגעטאָן מיט „איר״ שירה? איז עס דען אירע? זי חזר׳ט דאָך בלויז איבער איין פסוק פון משה׳ס שירה, „שירו לה׳ כי גאה גאה״ וגו׳?

צווייטנס, וואָס שטייט „ותען״ מרים? וועמען און אויף וואָס האָט זי געענטפערט? מיר ווייסן דאָך נישט פון קיין שום פראַגע אָדער ווענדונג צו איר?

דריטנס, פאַרוואָס האָט מרים, איבער׳חזר׳נדיק משה׳ס שירה, געענדערט פון „אשירה״ לה׳ אויף „שירו״ לה׳?

בטחון־שמחה־רוף

איז דער ענטפער, אַז מרים׳ס אויפטו באַשטייט אין דריי פאָלגנדיקע ענינים:

איינס, דער קאָנטראַסט פון איר שטאַרקן בטחון קעגן אַרומיקן יאוש.

צוויי, ביי איר איז די שירה מיט שמחה, בתופים ובמחולות.

דריי, זי רופט צו זינגען, שירו לה׳.

און אין מאָטיוו פאַרבינדט די אַלע דריי ענינים: חינוך.

לאָמיר גיין כסדר. פונקס איינס, — אין דער צייט ווען אַלע אַנדערע אַרום איר, זיינען, נאָך פרעה׳ס גזירה „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו״, אַריינגעפאַלן אין ערגסטן יאוש; ווען איר אייגענער פאָטער האָט פאַרצווייפלט געטראַכט אַז דאָס איז דער סוף, — צו וואָס געבוירן קינדער, כדי זיי זאָלן דערטרונקען ווערן? — האָט זי געגלויבט, אַז „עתידה אמי שתלד בן שיושיע את ישראל״ (מגילה י״ד, א׳).

דאַן, ווען נאָך דעם ווי „נתמלא הבית אורה״ מיט משה׳ס געבוירן ווערן, האָט עס געהאַלטן, אַז דאָס זאָל זיין נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע מעטעאָר־שייך, וואָס ווערט באַלד אויסגעלאָשן: משה, וואָס דאַרף העלפן אידן, שווימט אין טייך צום אונטערגאַנג; און דער יאוש׳דיקער פאָטער זעט ווי געדעכט ס׳איז געווען זיין צו־גאַנג און ווי אַנטוישנדיק ס׳זיינען מרים׳ס בטחון־ווערטער („עמד וטפח על פניה: בתי, היכן נבואתך?״ — ער האָט איר פאַרגע־וואָרפן: „טאָכטער, וואו איז דיין נבואה?״) — וואָס זעען מיר?

„און ס׳האָט זיך געשטעלט זיין שוועסטער פונדערווייטנס צו וויסן וואָס ס׳וועט מיט אים (משה׳ן) געשען״ (שמות ב׳ ד׳). — זאָגט דערויף די גמרא: „לדעת״, צו וויסן

וואָס וועט זיין דער סוף פון איר נבואה (סוטה י"ג, א'). און מיר ווייסן דאָך וואָס ס'איז געשען ווייטער.

בטחונ'ס לוין: טרוימף פינאַל פון דער שירה

אָבער אידן ליידן שווער אין גלות. זיפצן פון פּיין, קרעכצן פון צרות, שרייען פון ווייטיק. און וואָס טוט מרים דעמאָלט? וואו איז איר נבואה וועגן „העלפער פון אידן"?

זי, די אייביקע אָפּטימיסטין, דורכגענומען מיט בטחון, — גרייט דעמאָלט פויקן צו די טענץ פון גאולה!... אַזוי זאָגט די מכילתא, פרעגנדיק וואו האָט פלוצים מרים גענומען פויקן אין דער מדבר? — „ותיקח מרים... את התוף בידה..." אַזוי שטאַרק איז געווען איר אמונה!

דעריבער — ווען אַלע האָבן שוין אָפּגעזונגען, זאָגט די תורה, אַז דער לעצטער אַקאָרד פונעם טריאומף־געזאַנג, דער פינאַל־קלאַנג פון נצחון, דער סוף פון דער שירה, קומט דער, וועלכע האָט אין די ביי־טערסטע ליידן, אין די שווערסטע צייטן נישט געצווייפלט אין סוף פון איר נבואה, אין מקויים ווערן פון בסוף נבואתה, — מרים'ען!

און ווען זי זינגט, לייענען מיר: ותען להם מרים... „האָט זי געענטפערט מרים"... ווי קומט עפּעס דאָ אַן „ענטפער", בעת מיר הערן נישט קיין שום פראַגע? נאָר מרים האָט געענטפערט צו די אַלע פריערע צווייפלער און פאַרצווייפלטע: שירו! זינגט!

„לויט דעם צער — אַזוי די פרייד"

איצט צום פונקט צוויי, צו איר געזאַנג בתופים ובמחולות. דער אַלטער רבי, דער בעל התניא, זצ"ל, פרעגט: פאַרוואָס איז די הפטרה אין בשלח פון אַ פרוי דווקא, פון דבורה הנביאה, און נישט פון דוד המלך, ווי אין שביעי של פסח? איז דאָך אין דער סדרה פאַראַן די גאַנצע שירה פון מענער, און מרים גיט גאָרנישט צו, נאָר חוזר'ט איבער בלויז איין פסוק?

ענטפערט דער בעל התניא: אמת, אַז די פרויען האָבן בלויז נאָכגעזונגען משה'ן און נישט מער ווי איין פסוק, אָבער זיי האָבן עס געטאָן מיט שמחה, בתופים ובמחו־לות; דעריבער קומט זיי די הפטרה, ותשר דבורה.

האָט געפרעגט כ"ק האדמו"ר שליט"א, פאַרוואָס איז טאַקע די שמחה געווען ביי פרויען, מער ווי ביי מענער? און ער האָט געענטפערט, אַז די פרויען, די מוטערס האָבן מער געליטן פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו", דעריבער איז זייער שמחה געווען גרעסער. „לפום צערא אגרא" — לויטן צער, אַזוי די באַלוינונג.

זאָלן אַלע נאָכגיין מרים'ען

און דער רבי האָט צוגעגעבן: ס'שטייט: „ותצאן כ ל הנשים אחריה בתופים ובמחו־לות", אַ ל ע אידישע פרויען, אין אַלע צייטן און דורות, גייען נאָך מרים'ען, און זאָגן: „שירו לה' כי גאה גאה, סוס ורוכבו רמה בים". ג־טלעכקייט און הייליקייט איז „גאה גאה", הויך וואָס העכער קען נישט זיין; און פאַרקערט דערפון איז — „רמה בים", נישט סתם נידעריק, נאָר נידעריק וואָס נידעריקער קען נישט זיין.

די גזירה „כל הבן הילוד היאורה תש־ליכוהו" איז אין סימבאָלישן זין פאַראַן אין יעדן דור און אין יעדן לאַנד, אויך אין אונזער דור און מדינה.

מ'וואַרפט אַריין דאָס אידישע קינד אין שטראָם פון פרעמדקייט, און מ'לאָזט עס שווימען צו סוקסעס, צו ביזנעס (איז דאָך די גאַנצע עקאָנאָמיע פון מצרים געווען אָפּ־הענגיק פונעם יאור, פון נילוס!), צו „תכלית", וואָס איז אָפט דער היפוך פון תכלית היהדות. דאַרף מען ראַטעווען דאָס אידישע קינד פון דערטרונקען ווערן, ח"ו, און אָפּטריניגקייט. ווער איז עס מער מחוייב?

היות דער מאַן איז פאַרטכל'עוועט אין פרנסה, ליגט מער די אויפגאַבע אויף דער פרוי צו זאָרגן פאַר חינוך. פסח, דער יום־טוב פון גאולה, איז אויך דער יום־טוב פון חינוך, והגדת לבנך, און די ראָלע פון דער פרוי קומט אַרויס אין מרים'ס שירה (גע־הערט ביי אַ פסח פאַרברענגען).

שירו לה' איז רוף צו חינוך

און פונקט ווי מרים ביי קריעת ים סוף, — און דאָ האַלטן מיר שוין ביי פונקט דריי, ביי דער אַנדערשקייט פון משה'ס „אשירה" צו מרים'ס „ש י ר ו", — איז עס דער חוב פון דער פרוי (אין זין פון ערשט־געבראַכטן וואָרט פונעם רבי'ן אויף ותצאן כ ל הנשים אחריה), צו רופן, און נישט בלויז צו פרויען, נאָר אויך צו מע־נער, — ווי ס'שטייט: „ותען ל ה ם (נישט „להן") מרים", — דעם רוף פון דעמאָלט ביז היינט:

שירו לה', אַז דאָס גאַנצע לעבן זאָל זיין אַ געזאַנג צו השי"ת, וואָס דאָס מיינט ח י נ ו ך.

א דעתל

יהודא פלדי •

ווען מיר קומען־צו אין דער סדר־נאַכט צום פערטן און לעצטן פון די פיר בנים, צום „שאינו יודע לשאול" — „איבעראַשט" אונז דער בעל־הגדה מיט אַן ענדערונג אין אויס־דרוק: אַנשטאָט דעם אויסשפּראַך פון „ואמור לו" אָדער „ואמרת אליו", וואָס ער נוצט ביי די פריערדיקע בנים, גיט ער גאָר דאָ, ביים „שאינו יודע לשאול", אַ הוראה, אַן אָנווייז: „את פתח לו" און פירט באַלד אויס: שנאמר „והגדת לבנך וגו'", ווידער דער לשון פון זאָגן און ריידן. איז דאָך קענטיק פון געבראַכטן לשון — „והגדת לבנך" — אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער פליכט וואָס ליגט אויפן פאָטער — צו אים ווענדט זיך דאָך די תורה, ער זאָל זאָגן און אויפקלערן זיין זון.

שטעלן זיך דאָ דעריבער צוויי שאלות: ערשטנס, וויבאַלד דאָ האַנדלט זיך וועגן אַזאַ „בן" וועלכן עס פעלט דער געהעריקער פאַר־שטאַנד און זיין שכל איז אַזוי צוריקגעשטאַנען ביז ער ווערט באַצייכנט ווי „שאינו יודע לשאול", — טאָ צו וועמען און צו וואָס די רייד פון פאָטער ? זיינע ווערטער וועלן דאָך סיי־ווי ניט באַנומען ווערן ? צווייטנס, אויב אָט־די אויפגאַבע ליגט אויסשליסלעך אויפן פאָטער, פאַרוואָס באַנוצט דאָ דער בעל־הגדה דעם לשון את פתח לו" („את" איז אַ לשון פון ווענדונג צו אַ פרוי) און ניט דאָס וואָרט אתה ?

אין תנ"ך געפינען מיר אין דריי ערטער, ווען עס שטייט דאָס וואָרט „את" אַנשטאָט דעם וואָרט „אתה", וואָס פּאַסט דאָרט לכאורה. די מערסטע מפרשים טייטשן דאָס אויס אויפן דרך פון דרוש. דער „אבן עזרא" זאָגט אָבער אויף איינעם פון אָט־די דריי פסוקים (במדבר יא, טו), אַז „את" איז אי אַ לשון זכר און אי אַ לשון נקבה. יעדנפאַלס, איז גאַרניט אָפּ־געפרעגט צו זאָגן, אַז מיטן אויסדרוק פון „את פתח לו" איז דער בעל־הגדה אויסן צו אָנדייטן אַן אָנזאָג ניט בלויז צום פאָטער, נאָר אויך און אפשר טאַקע איבערהויפּט צו דער מוטער. „את", דו מוטער, דאַרפסט „עפענען די ליכט־אויגן" פון דעם „שאינו יודע לשאול"; דו, מוטער דאַרפסט אים ווייזן דעם וועג פון יהדות.

אָבער לכאורה קומט דאָ אויף אַ פרישע שוועריקייט: לויטן דין איז ניט די מוטער פאַרפליכטעט צו לערנען און דערציען דאָס קינד צו תורה און מצוות, נאָר דאָס איז די פליכט פון פאָטער. אַזוי איז קענטיק פון שולחן ערוך (אורח חיים סימן שמ"ג און נאָך); און דער „באר היטב" זאָגט אויסדריק־לעך (דאָרט ס"ק ב'), אַז מחויב איז דער פאָטער, אָבער ניט די מוטער. מיר געפינען אָבער אין ספר „מחצית השקל", וואו דער דאָזיקער ענין ווערט אַרומגערעדט אויספיר־לעכער און ברייטער — און דאָרט פירט ער אויס, אין נאָמען פון „אורח מישור", אַז טראָץ דעם וואָס אויף דער מוטער ליגט ניט קיין חיוב און געבאָט צו מחנך זיין איר קינד, איז זי אָבער דאָך מקיים אַ מצווה ווען זי טוט עס יאָ.

נאָכמער: ביים אַריינטראַכטן זיך גרונט־לעכער אין אָט־דער חינוך־הלכה און אין די רייד פון די מפרשים זעט מען, אַז די חינוך־

יאָרן פון דעם בן זיינען איינגעטיילט אין צוויי פעריאָדן: ווען דאָס קינד איז „הגיע לחינוך", ד. ה. ווען ער דערגרייכט דעם עלטער ווען ער איז רייף צו אַריינגיין אין פולן שפאַן פון חינוך; און די פריערדיקע שטופע פון „לא הגיע לחינוך" — ווען דאָס אינגל איז נאָך ניט דערוואַקסן צום פולן יאָך פון חינוך, אָבער ווי קליין ער זאָל ניט זיין דאַרף ער דאָך האָבן אַ אידישקייט־ און תורה־דערציאונג. ווי אַ אידיש קינד מוז ער פון זיין פריסטער קינדהיט צוגעגרייט ווערן צום חינוך פון תורה ומצוות.

איז דאָ אַן אָרט צו זאָגן, אַז ווען דאָס קינד איז שוין דערוואַקסן צום עלטער פון „פולן חינוך", דאַן ליגט די מצוה דווקא אויפן פאָטער; דעמאָלט האָט די תורה אים אָנגעזאָגט: „והגדת לבנך". אָבער אין דעם קינדס יאָרן פון ערב־חינוך, און דער גאָר פריערסטער פעריאָדע, ווען ער איז נאָך אין דער קאַטעגאָריע פון „שאינו יודע לשאול", דאַן דאַרף בעיקר די מוטער אים דערציען און לערנען אידישקייט.

דערמיט וועט אפשר פאַרשטענדלעך ווערן דעם לשון „את פתח לו" — אַן אָנזאָג צו דער מוטער: אין דער ערשטער פאַזע פון קינד'ס חינוך דאַרף די מוטער אים געבן די געהעריקע הכנה, דעם אַריינפיר צו דער צווייטער און העכערער שטופע פון חינוך, וואָס ער דאַרף שוין נעמען פון זיין פאָטער. אָן דעם „את פתח לו" פון דער מוטער, וועט דעם פאָטער זיין שווער צו דערפילן זיין חוב פון „והגדת לבנך", ווייל זיינע רייד קענען זיך אָנשטויסן אויף אַ „פאַרשטאָפטן אויער".

נאָר דער הויפּט־ציל פון מיינע ווערטער איז אויפצוקלערן יעדער אידישער טאָכטער, וואָס נויטיקט זיך אין אַזאַ אויפקלערונג — ווי טייער ס'איז אָט־די מצווה וואָס איז איר צוגעטיילט געוואָרן און וועלכע דריקט זיך אויס אין די געציילטע דריי ווערטער „את פתח לו"; ווי גרויס עס איז איר ווערט אין דעם לעבנס־גאַנג פון אידישקייט; און ווי הויך זי קען דערפירן און דערהויבן אויף דער חינוך־לייטער, וואָס „שטייט אויף דער ערד און דער שפּיץ גרייכט צום הימל".

לאָמיר זען, אין ליכט פון דער אידישער ווירקלעכקייט און באַזונדערס אין ליכט פון חסידות חב"ד: אין וואָס אייגנטלעך עס דריקט זיך אויס אָט־די געהויבענע מצווה, וואָס דער בעל־הגדה איז דערמיט מזכה דער אידישער פרוי?

צום אַלעם ערשטן נעמט די אידישע מוטער און לייגט אַריין אין איר קינד'ס מיילכל די ערשטע ווערטער פון קדושה און צובונד צום אויבערשטן — נאָך אידער ער איז פעאיק צו ריידן ווי געהעריק, לערנט אים די מוטער צו זאָגן יעדן פרימאָרגן: „מודה אני לפניך" וכו'. דאָס קינד באַנעמט נאָך ניט אינגאַנצן דעם טייטש פון אָט־די ווערטער, אָבער אַ דאַנק דעם „את פתח לו" פון דער מוטער ווערן אָט־די ווערטער איינגעקריצט אין זיין וועזן און איינגע'חזר'ט אין זיין מויל. ביים פיצל קינד ווערט דער „מודה אני" איינגעבאַקט, אַזוי אַז יעדן פרימאָרגן דאַרפן עס זיינע ליפעלעך אַרויסשעפטשען, פונקט מיט דער זעלביקער נאַטירלעכקייט ווי ער דאַרף יעדן טאָג באַקומען זיין פרישטיק. אין דער אמת'ן, איז ניט בלויז וואָס דאָס קינד פאַרשטייט ניט וואָס ער זאָגט, נאָר דוכט זיך, אַז אויך אַ גרויסער טייל פון די מוטערס, וואָס לערנען איין מיטן קינד דעם „מודה אני", באַגרייפן ניט דערביי דעם אומגעהויערן אויפטו זייערן.

קומט און זעט, וואָס דער רבי שליט"א זאָגט אין זיינע שיחות פון י"ט כסלו תשכ"ו, וואָס אַ גרויסער חלק פון זיי זיינען געווידמעט צום ענין פון „מודה אני" סיי אויפן וועג פון נגלה און סיי פון נסתר. ער הויבט דאָרטן אָן דערמיט, אַז די צייט פון זאָגן „מודה אני" איז לויטן דין לכשיעור משנתו (ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף); דערנאָך איז דאָך כידוע דער סיפור, אַז דאָס פינטעלע פון „רבה אמונתך" דאַרף מען אים פאַנאַנדערטיילן און פאַראַנדערשפרייטן „על כל היום כולו" (אויפן גאַנצן טאָג). דאָס מיינט, אַז די ווירקונג פון פרימאָרגנדיקן „מודה אני", פון דעם פינטעלע אמונה און הודאה צום אויבערשטן, דאַרף זיך ניט בלויז אויסשפרייטן אויף דער לענג פון אַ טאָג אין געוויינלעכן זינען — פון פרימאָרגן ביזן נאַכט־שלאָף — נאָר אויך אָנהויבנדיק פון דעם סאַמע „פרימאָרגן" אין מענטשלעכן לעבן. ד"ה אין פריסטן פעריאָד פון „אינו יודע לשאול", ווען זיין גייסטיקער וועזן הויבט ערשט אָן דערוואַכן און אַנטוויקלען זיך, דאַרף ער שוין זיך איינגעוואוינען צו דאַנקען כסדר דעם אויבערשטן און זיך איבערגעבן צו אים מיטן לייב און לעבן — און אָט־די אמונה און איבערגעגעבנקייט קריצן זיך דאַן איין אין זיין נפש אַזוי טיף־טיף און אַזוי דויערנדיק שטאַרק, אַז זייער ליכט צעשפרייט זיך און באַשיינט זיין גאַנצן לעבן. און בעת אַ איד שטייגט גייסטיק און גייט אַלץ העכער און העכער, איז ער אייגנטלעך אין אַ שטענדיקן צושטאַנד פון שלאָף־דערוואַכונג: זיין פריערדיקער נידעריקערער מצב איז געגליכן צו אַ שלאָף־צושטאַנד, פון וועלכן ער דערוועקט זיך ממש אין דעם שפּעטערדיקן מאָמענט פון נייער ליכטיקייט. אַזוי ווערט אויך זיין אמונה באַנייט יעדעס מאָל ווען ער דערוואַכט זיך פון שלאָף.

און אָט־די פאַרפעסטיקונג און פאַרטיפונג

פון די גייסטיקע אידישקייט־פונדאַמענטן אין דעם קינד, אויף וועלכע עס בויט זיך דערנאָך זיין לעבנס־בנין, דאָס איז געפאַלן אויפן גורל פון דער מוטער און אין דעם באַשטייט די גוואַלדיקע וויכטיקייט און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פון „את פתח לו״.

עס זיינען באמת פאַראַן נאָך ווערטפולע יסודות פון אידישקייט, וואָס דאַרפן איינגע־וואָרצלט ווערן ביים „שאינו יודע לשאול״ — און אויך זיי געהערן צום „את פתח לו״ פון דער מוטער: יעדן פרימאָרגן וואַשט די מוטער זיינע קליינע הענטעלעך, ביז אַט־די געוואוינ־הייט ווערט ביי אים אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז יעדן מאָל ביים דערוואַכן פון שלאָף נאָכן צוריקקום פון דער הייליקער נשמה, זאָל ער תיכף־ומיד אָפּגיסן נעגל־וואַסער און באַזייטיקן יעדן ביסל אומריינקייט וואָס בלייבט אין די הענט; ער זאָל אַריינטרעטן אינעם טאָג־לעבן אַ גייסטיק זויבערער, אַ כולו טהור.

און נאָך אידער דאָס קינד איז מסוגל צו באַגרייפן וואָס עס מיינט, „קבלת עול מלכות שמים״ — דער אינהאַלטלעכער באַדייט פון „קריאת שמע״ — לערנט אים שוין די מוטער און געוואוינט אים איין, אַז יעדן פרימאָרגן און ביינאַכט זאָל ער זאָגן „שמע ישראל״. זאָגט דאָך דער „אַלטער רבי״ אין זיין „שולחן ערוך״, אַז באַלד נאָכן ברית פונם קינד ווערט ער שוין באַצייכנט מיטן וואָרט „קדוש״. ער איז שוין אַ הייליקער אידעלע. איז דאָ גענוג גרונט אָנצונעמען, אַז די „שמע ישראל״ ווערטער פון דעם קינד, אפילו ניט פאַרשטיי־ענדיק זייער מיין, זיינען זיי אָנגעלאָדן מיט קדושה. און אונזערע רביים זאָגן, אַז קיין שום טומאות אין דער וועלט קענען ניט אָנ־רירן דעם „מודה אני״ פון אַ אידן. און דאָס אַלץ איז דער אויפטו פון „את פתח לו״.

און ווער קען אויסמעסטן די וויטגייענדיקע און דערהויבענע ווירקונג פון יענע מאָמענטן, ווען די מוטער הויבט אויף איר קינד ביי דער שוועל פון טיר בכדי ער זאָל אַ קוש טאָן די מזוזה? אין „לקוטי דיבורים״ (ליקוט ל״ה, עמ׳ תקצ״ה) איז פאַראַן אַ סיפור, וואָס דער „אַלטער רבי״ האָט דערציילט זיין איניקל דעם „צמח צדק״ אין נאָמען פון דעם מעזריטשער מגיד. דאָרט ווערט דערציילט וועגן אַ איד וואָס איז שוין געווען דרייסיק יאָר זייער דערוויטערט פון אידישן וועג — און דאָך, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך אַ מזוזה האָט זיך זיין הארץ „דערוואָרעמט״ און ער האָט אויסגערופן מיט גערירטקייט: איך געדענק אַז ווען כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר דריי, איז צוויי מאָל אַ טאָג — אינדערפרי נאָכן אויפשטיין פון שלאָף און ביינאַכט פאַרן שלאָפן־גיין — פלעגט מיין מוטער די צדיקת מיך אויפהויבן אַ קוש צו טאָן די מזוזה ביי דער טיר, און טרערן זיינען גערונען אויף איר געזיכט — און דאָס איז די מעכטיקע קראַפט פון „את פתח לו״.

מ׳קען דערביי צוגעבן נאָך עפּעס: ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַלע אַנדערע קאָנקרעטע מצוות, האָט די הלכה באַשטימט אַ געוויסע צייט. למשל, ווען ווערט אַ איד מחויב אין מצוות — ווען ער ווערט אַלט פונקט דרייצן יאָר (י״ג שנים ויום אחד) אא״וו. דאַקעגן איז ביי דער מצווה פון חינוך ניט פאַראַן אַזאַ געוויסע גרענעץ. עס ווענדט זיך אַ סך לויט דער אַנטוויקלונג פון קינד׳ס פאַרשטאַנד. אין דעם אַלטן רבינ׳ס „שולחן ערוך״ ווערט טאַקע בפירוש געגעבן דער כלל, אַז דאָס הענגט אָפּ „לויט זיין שאַרפקייט (פון שכל) און זיין וויסן אין יעדער זאַך לויט די ענינים״ אא״וו.

קען מען אָננעמען, אַז דער באַגריף פון „הגיע לחינוך״, די רייפקייט צו חינוך, איז ניט אָפּהענגיק אין דער צאָל פון די יאָרן; און ס׳איז געמאָלט, אַז אויך אַ דרייסיק־יאָריקער זאָל נאָך הייסן אַ „שאינו יודע לשאול״ און אפילו אַן עלטערער מענטש דאַרף אָפּט אָנקומען צום חינוך פון „את פתח לו״ — ניט ווייניקער ווי אַ קליין קינד, וואָס רעדט קוים אַ וואָרט. און אַזוי געפינען מיר אין די רייד פון אדמו״ר שליט״א: ... „מודה אני איז דאָס ניט די רגע, וואָס ער כאַפּט זיך אויף פון דעם שלאָף, ווען דער גאַנצער גוף שלאָפט, נאָר אפילו ווען ער כאַפּט זיך אויף פון דעם שלאָף, וואָס אַ טייל פון זיין נשמה שלאָפט; על דרך זה איז דער „מודה אני״ ניט נאָר בנוגע צו אַ קינד, נאָר אויך בנוגע צו אַ דערוואַקסענעם, וואָס אין דעם ענין איז ער נאָך אַ „קינד״ וכו׳ וכו׳.

קען מען זאָגן אָן ספק, אַז אַמווייניקסטן אַ היפּשער טייל פון די אויפטואונגען מצד „נשי ובנות חב״ד״, אין אַלע זייערע פאַרשידענע געביטן און טעטיקייטן, קענען פאַררעכנט ווערן אין דער לעבנס־וויכטיקער קאַטעגאָריע פון „את פתח לו״; וואָרום מערסטנס האָט זייער אַרבעט צו טאָן מיט אַזעלכע אידישע עלעמענטן וואָס זיינען נעבעך אין דעם סוג פון „שאינו יודע לשאול״.

דעריבער, זאָלט איר אידישע טעכטער, ניט האָבן קיין „פאַראיבל״ אויפן בעל־הגדה, וואָס ער האָט פאַר איך איבערגעלאָזן צו פאַרנעמען זיך אַזש מיטן פערטן און לעצטן פון די פיר בנים, דעם „שאינו יודע לשאול״. און מעגלעך אַז מיינע ווערטער וועלן העלפן איבערצייגן, ווי גרויס און וויכטיק עס איז אַט די אויפגאַבע אייערע; און אַז עס וועט קומען די סדר־נאַכט וועט איר אַלע באַנעמען דעם געוואַלדיקן באַ־דייט פון „את פתח לו״.

פינצטערער ניגון

יחיאל גראַנאַטשטיין

די גאַס אויף וועלכער איך בין געגאַנגען איז געווען איינגאַנצן אויסגעליידיקט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ טונקעלע, פּוסטע הייל. מיינע טריט זענען געווען געלאַסענע, און דער ניגון וועלכן איך האָב נאָר־וואָס געהאַט געהערט אין אַ חסידים־שטיבל, האָט מיך נאָכבאַגלייט. איך האָב אפילו נישט געשפּירט ווי ער ברומט זיך אויס אָן אויפהער אויף מיינע ליפּן.

דערנאָך בין איך אַרויס פון דער לאַנגער, ברייטער גאַס, און איך האָב אָנגעהויבן גיין דורך שמאָלע און אויסגעקרומטע געסלעך, מיט טרעפּלעך אַרויף און טרעפּלעך אַראָפּ — על פי רוב צעגומענע, צעבראָכענע, ווי צעקאַ־ליעטשעטע מויל־ציינער. דאָ האָבן דאָס רוב הייזקעס אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים איינפאַלן. ביי אַ טייל פון זיי, זיינען די דעכער געלעגן אָנגעלענט איינער אין אַנ־דערן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט בשותפות אויפהאַלטן זייער קיום.

נאָר עפּעס האָט צו מיין גיין נישט גענומען קיין סוף. קיין ברעקל ליכט האָט נישט אַרויסגעשיינט פון די הייזקעס. צי דערפאַר, וויל עס האַלט זיך אין זיי נישט אויף קיין לעבעדיק נפש, און די שטיבער שטייען פאַר־לאָזט און הפקר, אָדער וויל די באַוואוינער פון די דאָזיקע אָרעמע שטיבער, מידע און פאַרמאַטערטע פונעם טאָג, פאַלן פרי אויף די געלעגערס און זינקען גלייך אין טיפן שלאָף.

נאָר, אַזוי צי אַזוי, בין איך מיר געגאַנגען מיין וועג, און דער ניגון — מיט מיר. נאָך מער, ער איז מיר אָפּט פאַרלאָפן דעם וועג, די טריט, און איך אַליין האָב זיך געפּלאָנטערט אין זיי. צוליב דער געדיכטער טונקלקייט, איז מיין גיין געווען באַשווערט. דיקע, חושכ־דיקע ווענט זיינען ווי אויסגעוואָקסן פאַר מיינע אויגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט שלאָג איך זיך אָן אין זיי. פאַרזיכטיק, האָב איך כסדר זיך איינגעבויגן און אויסגעגלייכט. איך האָב נישט געהאַט אין האַנט קיין שטעקן, וואָס זאָל מיר געבן זיכערקייט אין די טריט, וואָס זאָל מיך אויסהיטן פון שטרויכלונגען. איך האָב מורא געהאַט, זיך געהיט נישט אומ־צופאַלן און בלייבן, חלילה, ליגן אין שפּעטער נאַכט־שעה אַ צע־מזיק'טער אין אַ פינצטער, פּוסט געסל, איינער אַליין און אָן וועלכער עס איז הילף. די געוואָרנטקייט האָט מיך טאַקע געשטאַרקט און איך בין כסדר גע־גאַנגען פאַראויס, זוכנדיק אָן אָנגעצונדענעם גאַס־לאַמטערן, אַ ברעקל ליכט וואָס זאָל מיר העלפן אַרויסצובאַקומען זיך פון די צעקרומטע, אין פינסטערניש־איינגעטונקטע, געסלעך — און איך האָב נישט געפונען. אַלץ וואָס אַרום מיר האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי טויט־פאַרגליווערט. אפילו די פינסטערניש אַליין האָט אויסגעזען אַזאַ שטייענדיקע, אַ נישט דורכדרינגלעכע.

איך האָב געוואוסט וואוהין איך וויל אָנ־קומען. נאָר דאָס אָרט איז נאָך געווען וויט פון מיר. האָבן די פיס מיך געפירט פאַרויס,

און דער ניגון האָט מיך באַגלייט. און ווער ווייס? אפשר גאָר פאַרקערט? אפשר האָט דער ניגון זיך געטראָגן פאָרויס, און מיינע טריט זיינען אים נאָכגעגאַנגען ווי מען ציט זיך בלינד נאָך אַן אויסגעבענקטער זאַך?

אין דער געדיכטער פינצטערניש, מיט וועלכער עס זענען געווען אָנגעפילט די שמאָלע, קרומע געסלעך, האָט בלויז דער ניגון געלעבט, וויברירט. ער איז אין מיר אויפגעגאַנגען פון אונטער דער ערד, האָט זיך צו מיר אַראָפּגעקייקלט פון די נידעריקע דעכערשפיצן — ענלעכע צו מיילער וואָס זענען גרייט אַלץ איינצושלינגען — און האָט מיך אַזוי אַרומגענומען, אַרומגערייפט, באַצוואונגען.

* * *

איך האָב זיך כלל נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, אַז איך שלעפּ זיך שוין אַזוי שיינע שעה'ן איבער די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט און איך דערגיי אַלץ נישט צום אָרט וואוהין איך וויל אָנקומען. איך האָב אָנגעהויבן זיך חושד זיין, אַז איך פּלאָנטער בכוונה מיינע אייגענע טריט, גיי אַרויס פון איין געסל און גיי אַריין אין צווייטן, און דאָס אַלץ — כדי צו זיין וואָס לענגער מיטן ניגון וואָס די פינצטערע נאַכט טראָגט מיר נאָך אין אירע אויסגעשפּרייטע פּאָלעס.

און צי איז עס דען געווען אַ ליגן?

ווי אַ קערער וואָס שלעפּט זיך פאַרטאָג איבער די גאַסן און קערט צוזאַמען אַלץ וואָס מענטשן וואַרפן אַוועק אויף די טראָטואַרן, אַזוי האָב איך, גייענדיק, אויפגעקליבן קלאַנג נאָך קלאַנג, מאָטיוו נאָך מאָטיוו פונעם ניגון וואָס איז מיר אויסגעקומען עפּעס אַזוי באַקאַנט, אַזוי היימיש, אַזוי נאָענט. יאָ, עס איז מיר גלייך געוואָרן קלאָר: דאָס איז דאָך דער ניגון וועלכן איך האָב געהערט, זייענדיק נאָך אַ קינד, ביי טאַטע־מאַמע אין שטוב, ביי שבת־יום־טוב'דיקע־טישן, און אין חסידים־שטיבל וואו ג־ט'ס־פּאָרכטיקע אידן, אַלטע חסידים, פּלעגן, זיצנדיק אַרום טיש, דערציילן מעשיות פון בעל־שם, פון אַנדערע גוטע־אידן, און ער, דער זעלבער ניגון, פּלעגט, ווי אַ לייטער, זיי פירן העכער און העכער, אויסטאָן זיי אין גאַנצן פון גשמיות.

— ביסטו זיכער, אַז דאָס איז דער זעלבער ניגון? דער ניגון פון יענע ווייטע, פאַרגאַנגענע טעג? טאַקע יענע געזאַנג?

דאָס האָב איך, אָפּשטעלנדיק זיך אַ רגע, זיך אַליין אַ פרעג געטאָן, און ווי איך וואָלט עמעצן געוואָלט ענטפערן, געברענגט ווערטער אויף די ליפּן:

— אוודאי געדענק איך אים, אָה, נאָך ווי אַזוי! נישט איין מאָל קומען מיר אויפן זכרון יענע פאַרנאַכטן, מינוטן פון בין השמשות אין חסידים־שטיבל. עס זיצן אידן צוזאַמענגעקנוילט, איינעמס האַנט אויפן צווייטנס אַקסל, ווי צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע, אין איין

האַרץ; פּנימער — צעשטראַלטע, פלאַמענדיקע, אַ העליש פייער; די אויגן — צוגעשלאָסן — וואָס מיר וועלט, ווער מיר וועלט, אַז דעם רבינ'ס ניגון טראָגט זיך אין חלל פון שטיבל, ווערט אויסגעזונגען אין אַזאַ דביקות, אין אַזאַ דערהויבנקייט, ממש — כלות הנפש.

* * *

אַ קעלט איז מיר פּלוצלונג אַדורך איבערן לייב. איך האָב געשפּירט, אַז די הויט ווערט ביי מיר געדרונצלט. פון וואַנען האָט יענער ווייטער ניגון אַצינד זיך דערשלאָגן צו מיר? וואָס וויל ער מיר זאָגן? און פאַרוואָס עפּעס גראָד אַצינד, ווען איך פּלאָנטער זיך אין די קרומע געסלעך, אין דער פינצטערניש, און איך קען נישט אַרויס, כ'געפין נישט דעם וועג וואָס פירט דאָרט אַהין וואו איך וויל אָנקומען?

איך בין געוואָרן ווי צעמישט, כ'האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס עס פּאַסירט מיט מיר.

— איז דאָך דער ניגון, וואָס קלינגט אין מיינע אויערן, וואָס פליסט פון מיינע ליפּן, פאַרברענט געוואָרן אין די פייער־אויוונס! — האָבן מחשבות מיך גענומען פייניקן — האָט ער דאָך אַראָפּגענידערט צוזאַמען מיט די קדושים אין די גריבער אַריין און איז דאָרט מיט זיי אינאיינעם פאַרשאָטן געוואָרן בעת זייער לעצטן „שמע־ישראל״ אויסגעשריי! טאָ פון וואַנען זשע דערנעמט ער זיך אַצינד אַהער? פון וואַנען?

אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט. איך האָב געווישט מיט אַ טיכל דאָס באַנעצטע פּנים, דעם פייכטן שטערן, און דאָך נישט אַראָפּגעווישט פון די ליפּן די קלאַנגען פונעם ניגון.

איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ שבת אינדערפרי ביי די דייטשן. מיר זענען געווען אַ מנין אידן, באַהאַלטענע אין בונקער. מיר האָבן געדאַוונט שחרית בציבור. אָה, וואָסער דאַווענען דאָס איז געווען! פלאַטערנדיקע התלהבות, אַזאַ מין תפילה־אויסגוס צום באַשעפער. דער בעל־תפילה, אַרומגעהילט אין טלית, איינגאַנצן פאַרדעקט, האָט שטיל געזונגען „א־ל אדון על כל המעשים״. שוין איין מאָל געווען אַ זינגען! אַזוי זיס־נעימות'דיק, אַזוי דערקוויקנדיק, און צוזאַמען דערמיט אַזוי פול מיט בענקשאַפט און האַרץ־קלעמעניש. עס האָט געפייניקט ס'געדאַנק, וואָס מען דאַרף דעם לויב פאַר ג־ט אויסזינגען אין אַ בונקער, פאַרגראָבן. ימ'ען טרערן זיינען אויסגערונען ביי יעדן איינעם פון אונדז, און מ'האָט עס נישט געשפּירט. און כאָטש דער בונקער איז נישט געווען גרויס, און מיר זענען דאָך געשטאַנען נאָענט איינער צום אַנדערן, איז דעם רבינ'ס ניגון, אויסגעזונגען דורכן בעל־תפילה, אונדז דאָך אויסגעקומען עפּעס אַזוי ווייט, ווי עס וואָלט צו אונדז דערגאַנגען בלויז זיינס אַן עכאָ, אַ ווייטער עכאָ.

און פלוצלונג... פלוצלונג האָט מען גענומען שטורמען דעם בונקער. דייטשע רוצחים, ווי צעיושעטע חיות, האָבן זיך אַריינגעריסן אינעווייניק און געשלאָגן יעדן איינעם פון אונז מכות־רצח, ביז בלוט. מיר האָבן געוואוסט, אַז מער פון אַלץ האָט זיי געאַרט וואָס זיי האָבן אונדז געטראָפן דאַווענען און זינגען צו אונדזער ג־ט. זיי האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן וויינען און ביטערן אויפן אייגענעם גורל, אַז מיר זאָלן האָבן טענות צו אים; און צום סוף האָבן זיי אונדז גאָר געטראָפן זינגען, דאַווענען און זינגען...

האָבן מיך דעמאָלט נישט אַזוי געאַרט די קלעפּ און דאָס בלוט וואָס איז גערונען פון מיין לייב, פון פּנים — נאָר בעיקר: פאַרוואָס איז דעם רביג׳ס ניגון אַזוי אכזריות׳דיק איבערגעריסן געוואָרן דווקא דעמאָלט, ווען מיר האָבן געוואָלט זיין אַזוי נאָענט צו אים, ווען מיר האָבן מיט ניגון אויף די ליפּן געפּליסטערט: „פּאר וכבוד נותנים לשמו, צהלה ורנה לזכר מלכותו”...

* * *

— — — און אַצינד...

אָט איז ער ווידער דאָ, דער ניגון. אָט הער איך אים אַרום מיר, אין מיר. איך גיי איבער די גאַסן און געסלעך פון דער גרויסער ירושלים, ג־ט׳ס שטאָט, און דער ניגון באַגלייט מיך; איך קען זיך גאָרנישט באַפרייען פון אים...

* * *

ווער ווייס ווי שפּעט עס איז שוין געווען ווען איך בין אַרויסגעקומען מחוץ דער שטאָט; וואָרעם ערגעץ־וואו, אויף מזרח, האָט פינצטערניש זיך אָנגעהויבן שפּאַלטן און העלע שפּאַרעס, ווי גרויסע און צעעפנטע אויגן־ווייסלען, האָבן זיך אויפגעמאָלן אויפן טונקעלן הימל. ברייטע בערג־אַקסלען, ווי דיקע ווענט, האָבן זיך געהילט אין פאַרטאָגיקער שווייגעניש, און פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די ערשטע ליכט־שפּראָצן אַראָפּצונידערן אין די טיפע טאָלן.

שטיל אַרום און אַרום. עלעהיי אַלץ וואָלט זיך אויסגעהוילט, ווי יעדעס קול וואָלט געוואָרן פאַרשטומט, כדי צו לאָזן דעם אַלטן ניגון זיך אויסזינגען אַליין, איינגאַנצן אַליין.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פעלזיקן שטיין, און, ווי אַ הימלאָז באַשעפעניש וואָס האָט נאָך לאַנגן וואַנדער סוף־סוף אָפּגעפונען פאַר זיך אַ שטיקל מקום מנוחה, עטוואָס לייכטער אָפּגעאָטעמט. איבער מיר האָט הימל אָנגעהויבן צו העלן, געגרייט זיך אויפצונעמען די שירה פון אַן אויפגייענדיקן טאָג, די שירה פון אַלע יצורים אויף דער וועלט. אין דער זעלבער צייט האָט ביי מיין צופוסנס זיך געשפּרייט אַ טיפער, פינצטערער תהום. אַ שטייגער אַלע בונקערס פון אַלע געטאָס, פון אַלע וועלדער און פעלדער — וואו נאָר אידן האָבן געזוכט אַ מקלט, אַ רעטונג — וואָלטן זיך אַהער איבערגעטראָגן, כדי צו ברענגען זייער אייגענעם טרויעריקן עבר צו קבר־ישראל.

און דער ניגון וואָס האָט זיך אויסגעברומט אויף מיינע ליפּן האָט זיך אַזוי צוגעשאַרט צום טיפן טאָל צו, און אַהין אַראָפּגענידערט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגיין אין ריזיקן קבר, ווי אַמאָל, ווי דאָרט...

און איך האָב מיר געזאָגט: ניין, ניין, דאָס איז נישט דער ניגון אַליין. דער גוף פון ניגון איז טאַקע פאַרברענט געוואָרן, ליגט פאַר׳קבר׳ט אויף פרעמדער ערד; און וואָס איך הער אַצינד, איז בלויז די נשמה פונעם ניגון. יאָ, די נשמה פונעם ניגון וואָס שוועבט אַרום אין דער לופטן, ווי די אותיות וואָס רבי חנינא בן תרדיון, פון די עשרה הרוגי מלכות, האָט געזען אַרויספליען פונעם פאַרמעט ווען מען האָט אים געוויקלט אין אַ ספר־תורה, און אַזוי אים פאַרברענט אין פייער.

האָב איך, זיצנדיק אויפן פעלזיקן שטיין, אַזוי געטראַכט:

אַ ריינע, געלייטערטע נשמה — די נשמה פונעם ניגון. זי האָט אוודאי נישט קיין מנוחה אין גן־עדן, אין היכל פאַר די אומגעבראַכטע על קידוש השם; און עס מוז שטאַרק זיין איר רצון צוריק זיך צו באַהעפטן מיט גוף. הויט און אָדערן וויל זי אַרויפציען אויף זיך, כדי צו ווערן ממשות׳דיק, ווי דעמאָלט, ווי ביי די טישן פון טאַטע־מאַמע, ווי אין שבת׳דיקע פאַרנאַכטן אין שטיבל, אין מינוטן פון „דבי׳ רעוא ולית זעפין”.

* * *

...וואַנדערט זי אַזוי, די נשמה פון אויסגע׳הרג׳עטן ניגון, טראָגט זיך פון אָרט צו אָרט, קלאַפּט אָן אין טירן פון בתי־תפילה, דאָרט וואו אידישע קינדער זיצן און לערנען תורה, וואו אידישע מענטשן זענען צונויפגעזאַמלט און דערמאָנען, מיט ווייטיק און ליבשאַפט, אַמאָליקע היים, פריערדיקע דורות, פאַרגאַנגענע טעג, מינוטן פון אידישער דערהייבונג אין די חסידים־שטיבלעך, מינוטן פון אויסגעטועוונקייט פון הוויות העולם, פון גשמיות, און זי בעט זיך, ווי אַ ריינע, געלייטערטע נשמה קאָן נאָר בעטן: זינגט מיך אידן... איך בין דאָך אייער אַלטער, אַלטער ניגון. פילט מיך אָן מיט חיות, מיט צאַפּלענדיק לעבן, פאַר אייערטוועגן, פאַר אייער אייגענעם דויער, פאַר אייער קאָנען זיך דערהאַלטן אין אַזעלכע שווערע צייטן...

אָה! זינגט, אידן, דעם אַלטן ניגון!...

דער מצב פון אידן אויף דער וועלט איז גאָרניט פויגלדיק. אָבער אין ליכט פון אַלטן אידישן בטחון, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַזאַ טאָג ווי פורים, מעגן זיך אידן דאַן דערלויבן צו באַטראַכטן זייער מצב דורכן קאָמישן זייט פון וועלט־שפּיגל.

● י. ליפּמאַנזאָן

מעשה „בארבעה בנים" — און פּאַסירט האָט אַזוי, אַז די „גרויסע פיר" מלוכות (לויט אַן אַנדער נוסח ווערן זיי באַצייכנט ניט ווי בנים, נאָר ווי אָבות, ווי מיר געפינען בפירוש דעם לשון „ארבעה אָבות נזיקין" און דאָס מיינט טאַקע די פיר גרויסע מלוכות) און צוזאַמען מיט זיי אַלע קליינוואַרג־מדינות, האָבן זיך פאַרזאַמלט און זיי האָבן אַלע אויף די לעפצן געהאַט איין שאלה: „מה נשתנה?" וואָס איז אַנדערש, פאַרוואָס און מיט וואָס איז דאָס אידישע פאָלק אַזוי אַנדערש פון אַלע פעלקער?

זיי ברעכן די קעפּ, זיי קנייטשן די שטערנס: וואָס שטעקט אין דאָזיקן פעלקל?! דאָס גאַנצע אומה׳לע צוזאַמען איז פּיצלדיק, ווי אַ „טל־ומטר" אין אַ קליין סידורל; דערצו איז עס צעשפּרייט, וואו די וועלט האָט אַן עק. און ווי דאָס איז פּיצלדיק — אַזוי קערט זיך מיט דעם די וועלט?!

און אַז אַ הייפעלע אידעלעך האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ מיקראָסקאָפּישן פּינטעלע אויף דער וועלט־מאַפּע, שטורעמען זיי אויף ריזיקע מדינות! דאָס דאָזיקע לענדעלע איז דוכט זיך אָרעם, אָרעם אין אוצרות, אין וואַסער, אין נאַטור־רייכטום — און מי יודע וויפל צערייצטע אַפּעטיטן עס לעכצן אים איינצושלינגען. און טאָמער פאַרמאָגט עס אַ טייכעלע, וואָס אַ געזונטער אַמאָליקער שור־הבר וואָלט אים מיט איין שלוק טרוקן געמאַכט — פאַראורזאַכט דאָס טייכעלע גאַנצע פּאָליטישע וועלט־שטורעמס.

מה נשתנה? פאַראַן אַזויפיל אומות: טערקן, באַשקירן, קאַלמיקן, מעקסיקאַנער, בורמעזער, האַוואַיער — און מי יודע וויפל נאָך! זיינען זיי אַלע כמעשה. אָבער ס׳אידישע אומה? — זיי פאַרביטערן די יאָרן פון דער מענטשהייט, פון פעלקער — „שמע ישראל" צו שרייען!

וואָס דאַרפט איר מער? נעמט אַזאַ לאַנד ווי פוילן. ס׳איז באַוואוסט, אַז מדינת פוילן האָט אַ רייכע טראַדיציע פון אַלערליי פּאָליטישע מכות, שלעק און צרות נאָך פון שנים קדמוניות. אַזאַ מזל האָט שוין דער פוילישער „אָדלער", אַז ווי נאָר עפּעס אַ רייסעניש צווישן מדינות, אַזוי האָט מען באַלד אים געפּליקט, געריסן, געביסן פון אַלע זייטן. אָבער גרויס איז דער פוילישער האָנאָר: ער האָט זיך תמיד מיט גאווה אַרויסגערוקט פון אונטער די חורבות, אָפּגעטרייסלט די לאַנגע וואָנצעס פון דעם מיסט, וואָס די געשיכטע האָט אויף אים אַזוי אָפּט אָנגעוואָרפן — און פאַרטיק! ער בלאָזט שוין מיט שטאָלץ און... גבורה, וואָס ער באַווייזט אַזוי העלדיש קעגן אידי־

שע צעשויבערטע קאַפּאָטעס און געהויקער־
טע אַקסלען.

אָבער ביים היינטיקן טאָג איז דאָך לכ־
אורה דער מצב פון פּוילן גאָר אַנדערש.
היינט „רויט" דאָך די מדינת פּוילן אונטער
די שוץ־פליגל פון דעם מעכטיקן רויטן
באַשיצער — ממש מיט אַזאַ זיכערקייט און
אומבאַרירלעכקייט, ווי עס „רוען" די ביינער
אונטער גרויסע, פּעלזיקע מצבות. ווער וועט
היינט וואַגן אַ טשעפּע טאָן ס׳פּוילישע מלו־
כה? דאַרף זי דאָך רואיק ליגן אין די
געהאַקטע רויטע וואונדן און חלומען וועגן
דעם „גן־עדן" וואָס זיי האָבן געקראָגן ביים
לעבן. די אידישע פּיאות׳לעך, קאַפּאָטקעלעך
זעט מען שוין ניט דאָרט אַפילו אויף אַ
רפואה; פון דעם ברעקל שארית הפליטה
פונעם פּוילישן אידנטום זיינען געבליבן נאָר
געציילטע סימנים — איז זי דאָך הייסט עס
געשיצט פון דרויסן און פון אינעווייניק, איז
קלאָר, אַז פּוילן דאַרף זיך שוין ניט שרעקן
פאַר קיינעם און פאַר גאָרניט.

טאָ הערט אַ מעשה: פּלוצלונג האָט זיך
אויף פּוילן אויסגעגאָסן אַזאַ ציטער, אַזאַ
טרייסלעניש, כאָטש שריי „חי וקים!" אַ
געפּערלעכע געפאַר רוקט זיך אויף פּוילן,
אַ מורא׳דיקער שטורעם גייט ווידער בּע־
טרייסלען די סאַמע יסודות פון לאַנד —
און גאַנץ פּוילן האָט גענומען געוואַלדעווען:
„קאַראַאול!" ניט פאַר די צעפּוילטע קאַפּי־
טאַליסטישע מלוכות איז דער פּחד: ניטאָ
קיין מאַכט אין דער וועלט וואָס זאָל וואַגן
אַזאַ זאַך! אלאָ ווער דען? וואָס הייסט
ווער? די יאַנקעלעך, די יאָסעלעך — אָט
ווער!

צי ווייסט איר זייער כוח? אוי, געוואַלד!
זיי, זיי דרייען דאָך מיט דער וועלט — אָט
ווי אַ פרומער איד דרייט דעם האָן צו
כפּרות און... וואַרפט אים דערנאָך אַ גע־
בענדיקטן אונטערן טיש! וואו זיינען די איד־
לעך ניט פול? דעם „ווייסן הויז", מיינט
איר, פירט דער פּרעזידענט? אַ נעכטיקער
טאָג! ער איז נאָר אַ טשוטשעלע, אַן אויפ־
געבלאָזענע פיגור, ווי להבדיל די מומיע
פון לענין. היינטערן פּרעזידענט שטייט אַ
פּוילישער זשידעק — און ער מאַכט די
פּאָליטיק. דער סענאַט איז אָריגינעל אַ אי־
דישער לוקסוריעזער מושב־זקנים, וואו
מ׳האָט אַריינגעלאָזט אַביסל יענקיס פאַר אַ
פאָר טולער!

און ענגלאַנד איז בעסער, מיינט איר?
פון פאַרלעסלעכע שפּיאָנאַזש־קוואַלן האָט
מען מודיע געווען דעם „קרעמל", אַז דער
גאַנצער בריטישער קעניגלעכער הויף איז
שטילערהייט באַקערט געוואָרן צום אידישן
רעליגיאָן. און אָט־דעם אַקט האָבן נאָך
דורכגעפירט דיזראַעלי און מאָנטעפיאָרע,
וואָס זיינען געווען אַגענטן פון דעם אַל־
מעכטיקן „דזשאָינט". די קעניגלעכע זיין
זיינען זיך אַפילו מל דורך אַן אָרטאָדאָק־
סישן גסות־שוחט. זיי, די אידישע וועלט־
פירער, האָבן פאַרשקלאַפט די ענגלישע
מלוכה צו אַמעריקע; זיי האָבן פון ענגלאַנד
געמאַכט אַמאָל פאַסקודנע וועלט־אימפּע־
ריאַליסטן; און זיי האָבן היינט אויסגעזויגט
איר עקאָנאָמישן מאַרך און געלייגט דעם
פונט אין דרערד.

אַפילו ביי אונז, אין ריין־מאַרקסיסטישן
פּוילן, האָבן די אידן פאַרכאַפּט די סאַמע
שפּיצן. אַזאַ קראַפט שטעקט אין זיי! די
אַלע אומשעצבאַרע לעניניסטיש־סטאַליניס־
טישע ווערטן האָבן זיי פאַרכאַפּט אין זייערע
זשעדנע הענט און זיי האַנדלען דערמיט ווי
אַמאָל מיט „האַרטע־ווייכע" אויפן „פּלעצל",
ניט היינט געדאַכט! און עס מאַכט ניט
אויס וואָס זיי זיינען קעגן די ריין־אומשול־
דיקע פּאָליאַקן, ווי אַ טראָפּן אין ים. און
זיי זיינען גאָרניט ווייניק. זיי זיינען אַ סך
און מורא׳דיק שטאַרק. זיי האָבן מערב־
דייטשלאַנד אין וועסטל־קעשענע; יאַפּאַן
ווילן זיי פאַרוואַנדלען אין גרים, ווי די
אַמאָליקע כוזרים; די אַראַבישע מלוכות
ווילן זיי צעמאָלן אויף אַש; פון טשעכאָ־
סלאָוואַקיע האָבן זיי געמאַכט די ריכטיקע
קאַשע — אוי, וויי, געוואַלד!! עס ציטערן
הענט און פיס... ראַטעוועט!!

לאָמיר נעמען אַזאַ לאַנד ווי פראַנקרייך.
אין איר רומפּולן אויבנאָן שטייט אַ מאַן פון
אַ ריזן־פאַרנעם, מיט אַזעלכע גוואַלדאָוונע
חלומות, וואָס די אַמאָליקע חלומות פון די
וועלט־הערשערישע פּרעה׳ס און נבוכדנא־
צר׳ס זיינען קעגן זיי ווערט אַ שמעק טאַ־
באַק. ער פאַרהויבט די גרויסע גענעראַלסקע
נאָז איבער ווייטע קאָנטינענטן און שפּירט
דעם ריח פון זיין גרויסקייט, וואָס שפּרייט
זיך איבעראַל. די גרויסע, רייכע אַמעריקע?
ער וועט זי נאָך אָנדרייען אַן אויער, אַז זי
וועט שוין וויסן ווער עלטער איז! דער
בריטישער לייב? אים האָט ער שוין טאַקע
באַוויזן אָפּצושמייסן און פאַרשטעקן ווי אַ
חדר־אינגל אין ווינקל. דער פעטער יעקע־
שווייץ? פאַרלאָזט זיך אויף דע־גאָלן. ער
וועט אים באַהאַנדלען.

אָבער ווידער די זעלבע צרה: מעכטיקע
מלוכות זיינען ביי אים שטויב אויף זיין
וועג צו גלאָריע, נאָר אויב עמעצער שטייט
יאָ אין וועג, איז עס ווידער דער הערשע־
רישער חיים־יאַנקל. ער איז עס מקצר־ימים
דעם אַלטן גענעראַל. נאָך אַזויפיל פּראַכט־
פולע יאָרן פון גענייאַלן הערשן, אין וועלכע
דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט צו אים אַרויפ־
געקוקט מיט פאַרהערלעכטע אויגן, כמעט
אַזוי ווי צום באַליבטן אייפעל־טורעם, איז
עפּעס אַרויסגעשפּרונגען אַ „באַנדיט" אַ יונג
אידל, און נאָך אַ כהן דערצו, און אָנגעמאַכט
אַזאַ מהפכה, אַז עס האָט געהאַלטן אָט־
אָט... ניט אויף דער צונג צו דערמאָנען.

נאָר, מילא, ניט אַזוי לייכט פאַלט אַזאַ שטערן ווי דע־גאָל!

דער גרויסער דע־גאָל, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ וועלט־פירער, האָט „באַוויליקט" צו מאַכן אַ טאָלק אויך אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן „מאַרק", וואו ס׳הערשט אומאָרדענונג. עפּעס איז צו זיין הויכן טראָן דערגאַנגען אַ שמועה, וועגן אַ מינדערוויכטיקן סכסוך אויפן מיטל־מזרח. נו, האָט ער געלאָזט הערן זיין שטרענגע מלכות׳דיקע שטימע: „ווער ס׳וועט געבן דעם ערשטן שאָס — איז ער ניט זיכער מיט זיין, דע־גאָלס, פריינטשאַפט!" אַזוי רעדט אַ גרויסער פירער! טאָ ווער זאָל עס פאַרקלערן, אַז דווקא ס׳ביסל אָנגעלאָפענע אידלעך וועלן אים אַזוי מיאוס ווידערשפּעניקן! זיי האָבן דערלאַנגט זייערע שונאים אַזאַ בוכצע, אַז זיי האָבן פאַרלוירן די שיך אינעם מעכטיקן „ויברח" — און דער גרויסער דע־גאָל האָט פאַרלוירן זיין רו און געדולד: אַזאַ „פּאַטש אין פּנים" קען געבן נאָר אַ גרויסהאַלטעריש און הערשעריש פאָלק!

דער מאָדערנער „נאַפּאָלעאָן" האָט זיך צע׳כעס׳ט אויף אַן אמת; ער האָט געדראָט מיט רוגזה און אַפילו באַשטראָפט די אידן מיט זיין מעכטיקער קראַפט — אָבער די אידלעך הערן אים „אין טראָק", פּונקט ווי ער וואָלט געווען עפּעס סתם אַ הערשערל. געוואַלד! האָט דער גרעסטער פראַנצויז זיך געקאָרטשעט פון פאַרדראָס: אַזאַ שטאָלץ, אַזאַ מיליטערישע שלאָגפערטיקייט, וואָלט דאָך געפּאַסט, נו, טאַקע פאַרן היסטאָרישן גרויסן פראַנצויזישן פאָלק! ווי קומט אַזאַ העלדישקייט ביים אַלט־אָרעמען, צעשטויסענעם פאָלק? מיט עפּעס אַן אומבאַגריפענעם כוח האָבן די אידלעך אָנגערייצט אויף אים די פּרעסע, מיליטער־לייט. אַזאַ חוצפּה! די פראַנצויזישע צייטונגען דערלאַנגען אַ „מאָרדע" אים אַליין? דעם גרויסן שטאַטסמאַן! אַ היסטערישער ציטער איז אים באַפאַלן, און ער האָט פאַרקנייטשט די האָרבאַטע נאָז מיט שטוינונג: מה נשתנה? וואָס פאַראַ אומנאַטירלעכע כוחות עס לויערן אין יעדן ווינקל פון דעם דאָזיקן פעלקעלע. ווער ווייסט, וואו זיי קענען נאָך אַרויסשפּרינגען און צעטרייבערן זיין היסטאָרישן רום? די אידישע געשטאַלטן טויכן אויף נאָכאַנאַנד און מאַכן אים נערוועז. אין שלאָף קומען קאָשמאַרן וועגן אידישן שטאָלץ און הערשונג; עפּעס אַ מורא, טיפער אומרו נאָגט כסדר: ווער ווייסט ווי ער וועט נאָך סוף־כל־סוף אָפּשניידן צוליב די דאָזיקע אידעלעך?...

און וואָס זאָגט איר עפּעס צום גיגאַנטישן ראַטן־מאַכט אַליין? אויך זיי, די מעכטיקע פאָלקס־פירער, שלוקערצט עס נאָכאַנאַנד מיט אידישער גוואַלדאָווער ריזן־קראַפט, מיט אידישער אַגרעסיע — גליך ווי אָט־אָט וועלן זיי מאַכן פון רוסלאַנד אַ סדום־איבערקערעניש. די נאַאיווע וועלט רופט עס אַנטיסעמיטיזם. זיי, לענינס יורשים, זיינען גרייט צו שווערן ביי דער באָרד פון קאַרל מאַרקס, אַז ניט קיין שנאת־ישראל איז עס, נאָר פּשוטער... פּחד. (שוין בלויז דאָס דערמאָנען דעם נאָמען מאַרקס וואַרפט אָן אַ ציטער: ער איז ניט פאַר קיין קאָמוניסט געדאַכט געווען אַ „יעווריי"!).

מ׳דאַרף פאַרשטיין, נאָך אַזויפיל יאָרן, וואָס זיי, די געטרייסטע קרעמעל־פירער, האָבן אַזוי טיכטיק געטאָן אַלץ צו דערשטיקן אָט דעם אידישן גייסט, און אַפילו זייער פיזישע פיזיאָנאָמיעס; און היטלער, זייער שענסטער שותף, האָט אַזוי שטאַרק צוגעהאָלפן — און אַ נעכטיקער טאָג! זיי, די רוסן, זיינען מענטשן מיט פּשוטן פאַרשטאַנד, אָבער זיי פילן אַז די „זשידאָווסקע" סמעקאַלקע הויערט איבער יעדן געביט און כיטרעוועט זיי איבער. שאַ, צווישן זיך גערעדט, אַפילו די גאַנצע קאָמוניסטישע אידייע וואָלט געווען גלאַטיק און דערפאָלגרייך, ווען ניט... ווען ניט אין דער גאַנצער אידייע וואָלט געשטעקט אַ אידישע מאַכערייקע. ווי אַזוי? אָט־דאָ שטעקט דאָך די גאַנצע אידישע מיסטעריע. אַמאָל האָבן זיי פאַרכאַפּט דעם גאַנצן קרעמלין פאַר זיך; געוואָלט מאַכן דאָרט אַ ישיבה, אַן אָפּטיילונג פון „דזשאָינט"; לייבעלע טראָצקי האָט אַפילו געהאַט אַ פּלאַן צו מאַכן פון קרעמלין־וואַנט אַ מאָדערנעם „כותל" און פאַרשיקן אַלע רוסן קיין סיביר.

האָבן מיר זיי פון דאָרט פאַריאָגט, אָבער זייער „דוך" בושעוועט נאָך פון געהיימע ווינקלען. איר מיינט, אַז אַ אידישער קאָמוניסט, איז אַזוי ווי אַ רוסישער קאָמוניסט? ווייס איך וואָס! ער פייערט מיט קאָמוניזם, דער איד, און איר שפּירט אַז ער גופא קען איינס־און־צוויי מאַכן פּיפּקע פון דער גאַנצער באָלשעוויסטישער אידייע. עפּעס שטעקט אין דעם אידישן באָלשעוויק אַן אומבאַקאַנט פייערל, און עס זעט אויס ווי זיין גאַנצער סאָציאַליזם און קאָמוניזם קען סוף־כל־סוף חרוב־מאַכן די גרויסע קאָמונע און ברענגען צוריק די אַלטע אָרטאָדאָקסיע.

אָט, זעט: אַן אוקראַאינישער פּאָפּ, למשל, מיט אים קען מען מאַכן יד־אחת. אָנשטאָט דעם „יויזל" וועט ער אויפהענגען אַ „קאַרל מאַרקס" — און איר זעט דעם בראָך דערין? זיי ביידע זיינען דאָך אייגנטלעך געווען זשידעס — שילט ער מסתמא שטילערהייט זיי ביידן! אַנו, פּרוּווט אַ פרומען ישיבה־בחורל אַריינציען אין דער אַרבעט! ער גיט אַ מעסט אָפּ מיט אַזאַ בליק, וואָס זאָגט קלאָר: ער האָט דאָס אַלץ אין דר׳ערד, און שוין. דאָס באַליידיקט, צעטומלט.

די געוואַלדיקע רוסישע טעכנאָלאָגיע איז דאָס שיינדל פון רוסישן סאָציאַליזם, אָבער

די אידישע קאָנספּיראַציע האָט דאָרט אַזאַ האַנט, אַז די גאַנצע שמחה ווערט פאַר־שטערט. ווי פון אונטער דער ערד שפּרינגען זיי אַרויס אויף אַלע שפּיצן פון וויסנשאַפט, וויפל מ׳זאָל זיי ניט צוימען און טרייבן. אין אַטאָם, אַ אידל; אין ראַקעטן־בוי, אידישע קעפּ; סופּערסאָניקע דזשעטס — ווידער אַ אידישער געניוס. אין עקאָנאָמיע — זשי־דאָווסקע פּלענער, וואָס פאַרדרייען מיט זיי־ער קאָמפּליצירטקייט דעם רוסישן באַנעם. אַ שרעק נעמט אָן פון אַט־דעם קאָפּ־שווינד־לערישן אידישן אומקרייז. עפּעס זאָגט אונ־טער דאָס ברייטע רוסישע האַרץ, אַז ס׳וועט ראַפּטום אַרויסשפּרינגען אַן אַנדער אייג־שטיין און וועט מיט דער וויסנשאַפט צע־קלאַפּן דעם פונדאַמענט פון סאָציאַליזם, פון אַטעאיזם; אַז ס׳איז דאָ אַ גייסטיקע קראַפט וואָס פירט די וועלט — און גיי טרובע אַ טערק! האָט מען ניט געזען, ווי געטרייע קאָמסאָמאָלצעס און וויסנשאַפט־סטודענטן האָבן אין אַ אידישן יום־טוב זיך צעפלאַ־קערט מיט טענץ אַרום דער תורה אין מאָסקווער שול?!...

נו, ווען ס׳האַנדלט זיך אין לאַנד אינע־ווייניק — שטיקט מען זיך מיטן ביסל אידן און מ׳שטיקט זיי וויפל ס׳לאָזט זיך. אָבער גיי ווייס, אַז אויף דער אויסלענדישער סצע־נע זיינען די אַבראַמטשיקעס קאַפּאַבל צו מאַכן כוטשקע פון דעם לויטערן סאָוויעטישן פאַטערלאַנד! אין פּאַלעסטינע האָבן זיי „ראַז־דוואַ״ אַנגעסטראַיעט, מיט דער נאָ־טירלעכער אידישער שנעלקייט, אַזאַ כוח, וואָס די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע מיט אירע דערגרייכונגען זיינען רעלאַטיוו אַ — „נופל״. און טאָמער האָבן די שלום־ליבנ־דיקע פירער אַרויסגעשטעקט אַן עכטע הילפס־האַנט צו די באַדראָטע פרידלעכע אַראַבער־שעפעלעך — און זיי צוגעשיקט פון שענסטן און בעסטן כלי־זיין צו פאַר־טיידיקן זיך — האָבן אָפּגעריסענע אידלאַ־קעס מיט עפּעס אַן איבערמענטשלעכן כוח זיי צעמאָלן, אָט פונקט ווי זיי צערייבן די ניסלעך צום בורזשויסקן „חרוסת״. (און אפשר האָט דער אידישער דערפינדער פון די „מיגס״ אַריינגעגעבן אין די מאַשינעס עפּעס אַזאַ זשידאָווסקע קונץ, וואָס האָט זיי אויפגעריסן, באַלד ווי די געפערלעכע „נאָ־טוראַ־קאַראַטאַ״ האָבן געגעבן אַ קוועטש אַ קנעפּל אין ירושלים? ווער ווייסט?). אַזאַ שאַנדע! אַזאַ שרעק! און ערשט דערנאָך האָט אַ אידישער דיפּלאָמאַט (מסתמא אַ רוסישער), מיט אַ צונג — אַז נאָר סטאַ־לינס רוח זאָל דערפון באַשירעמען יעדן עכטן קאָמוניסט! — אַזוי „אָפּגעזייפט״ דעם גאַנצן סאָוועטן־מאַכט, בפני כל עם ועדה! אַזאַ צער — אי געמוזט אים אויסהערן און אי ניט געקענט פאַרשיקן אים לכל־הפּחות אויף קאַטאָרגע.

און זיי פאַרשאַפן געוואַלדיקע שאָדנס דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם. אַזאַ שטיקל פּאַסקודנע אַרבעט ווי אין טשעכאָסלאָוואַ־קיע — זעט מען דען ניט באַשיינפּערלעך, אַז הינטער דעם שטעקט אַ זשידאָווסקע אינטריגע? די טשעכישע באַלוואַנעס האָבן דאָך אָט ערשט אַליין געמאַכט מוסטער־האַפטע פּראָצעסן קעגן די איזראַאילסקע שפּיאָנען! זיינען די אידן זיך איצט נוקם אין זיי און ווילן פאַרוואַנדלען די טשעכן אין אַ דייטשער קאָלאָניע.

אין כינע האָט זיך פאַרקאָכט אַזאַ מין סאָרט קאַשע, אַן אידיאָטישע סומאַטאָכע, אַז קיין שום שכל קען ניט באַנעמען וואָס דאָרט קומט פאָר. מ׳פּליקט זיך, מ׳רייסט זיך. מיליאָנען מענטשן פּלאָנטערן זיך און ראַיען ווי מוראַשקעס. ס׳הייסט: קולטור־רעוואָלו־ציע. נו, האָט מען אַמאָל געהערט פון אַ קולטור־קאַשע און דערביי זאָל עס ניט ווערן געמישט דורך אַ אידיש קאָך־לעפל. הע, הע, אַ רעוואָלוציע אָן אַ מאַשקע אין מיטן? און ווער האָט עס אַנגעדרודלט דעם קרום־אויי־גיקן מאַניאַק מאַאָ קעגן דעם ריינעם רו־סישן מאַרקסיזם? די אידישע אַגענטור! נאָך ווען בן־גוריון איז געפאָרן צו דער בודע אין בורמאַ, האָט ער דאָרט געפּאַקט מאַאָ־טסע־טונגן און אים „געוואַשן דעם כי־נעזישן מוח״ — און ער טוט אַלץ וואָס דער ראַבינאַט פון תל־אביב הייסט אים. טאָ ווי זאָל מען ניט מורא האָבן פאַר אַזאַ אַל־קאָסמישער אַנשיקעניש? און מער פון אַלץ שרעקט דער קוואַל פון זייער קראַפט, דער אור־אַלטער „תלמוד״ — אַלץ שעפּן זיי פון דעם „תלמוד״, וואָס מאַכט פון דער גאַנ־צער וועלט איין גרויס חוזק. און אויך זיי פרעגן מיט אַ טיפער מיסטעריעזער שרעק: „מה נשתנה״ אָט־דער „נאַראָד״ פון די רוסן, קאַלמיקן, קירגיזן, טאַדזשיקן, אַרמענער, און נאָך און נאָך?

* * *

און ניט בלויז די דערמאָנטע פרעגן די שאלה. ס׳פרעגן נאָך מדינות און פעלקער; און ס׳האָבן דאָס געפרעגט די אומות פון לאַנגע דורות — און מיר קענען נאָר זאָגן, אַז דעם קלאָרן און איבערציינגנדיקן ענטפער וועט געבן דער, וואָס מיר וואַרטן אויף אים אַזוי שטאַרק און וואָס וועט אויסגלעטן אַלע קשיות, פראַבלעמען און שאלות. זאָל ער נאָר קומען!